Digitized by the Internet Archive
in 2007 with funding from
Microsoft Corporation

http://www.archive.org/details/englishyiddishen01abeluoft

ENGLISH-YIDDISH

ENCYCLOPEDIC DICTIONARY

ENGLISH-YIDDISH

ENCYCLOPEDIC DICTIONARY

A COMPLETE LEXICON AND WORK OF REFERENCE IN ALL DEPARTMENTS OF KNOWLEDGE.

PREPARED UNDER THE EDITORSHIP OF

PAUL ABELSON, PH. D.

PUBLISHED BY

THE JEWISH PRESS PUBLISHING COMPANY

NEW YORK

1915.

ענגליש-אידישעס

ענציקלאָפּעדישעס ווערטערבוך

א פאָלשטענדיגע און גענויע איבערזעצונג פון אַלע געברויכליכע ענגלישע ווערטער און פראַזען און אַן ענציקלאָפּעדיע פון וויסענשאַפטליכע און טעכנישע אויסדריקע

PJ
5117
A2
v.1

רעדאגירט פון

דר. פּאַול אייבעלסאָן

LIBRARY
APR 28 1970
UNIVERSITY OF TORONTO

ארויסגעגעבען פון

טהי דזשואיש פּרעס פּאָבלישינג קאָ.

ניו יאָרק

1915

COPYRIGHT, 1915,
By THE JEWISH PRESS PUBLISHING CO.
ALL RIGHTS RESERVED.

LIST OF COLLABORATORS

EDITOR-IN-CHIEF

Paul Abelson, Ph. D.

ASSOCIATE EDITORS:

Benzion Hoffman

Louis Landau   Morris Terman

CONTRIBUTORS AND TRANSLATORS:

Conrad Bercovici
Abraham J. Feldman
David Hammond
Isaac Hillman
Ephraim Ish-Kishur
Benedict Meltzer
Meyer Wolodarsky
Abraham S. Sachs
Kalman Tepper
Bertha Wiernik

די רעדאַקציאָן:

הויפּט רעדאקטאָר

דר. פּאול אייבעלסאָן

מיט־רעדאקטערע:

בן־ציון האָפמאן (צביון)

מאָרים טערמאן   לואים לאנדוי (א. וואָהלינער)

מיטארבייטער און איבערזעצער:

אפרים איש־כישור
קאָנראד בערקאָוויםי
יצחק הילמאן
דוד העמאָנד
מאיר וואָלאָדארסקי
בערטהא וויערניק
אברהם פעלדמאן
אברהם ש. זאקס
קלמן טעפּער
ברוך מעלצער

DEDICATED

TO THE MEMORY OF

JACOB SAPHIRSTEIN

גewidmet

דעם אנדענקען פון

יעקב סאַפירשטיין ז״ל

PUBLISHERS' NOTE

With the publication of this English-Yiddish Encyclopedic Dictionary, the Jewish Press Publishing Company is continuing the policy inaugurated by its founder, the late Mr. Jacob Saphirstein, who, in a spirit of patriotic service to the country of his adoption and as a contribution to the welfare of the Jewish population of America, conceived a well-matured plan to meet their intellectual needs.

Mr. Saphirstein realized the importance of acquainting the adult Jewish immigrant with American life, American customs and American thought. It was his conviction that the essentials of the American character—a spirit of tolerance, initiative, energy, optimism and love of freedom—were the very ideals animating the Jewish people. He felt, therefore, that the so-called Jewish problem in America was a comparatively simple one. He reasoned that if the adult immigrant Jew were only given the means to know and understand his new environment, the gain to America and to himself would be inestimable.

It was with these ideas in mind that Mr. Saphirstein founded the Jewish Press Publishing Company some twenty-five years ago when the stream of Jewish immigration to America began. His various efforts—"The Hebrew American," a Jewish weekly published in English with a Yiddish vocabulary, the text books for the study of English in the Yiddish language, a small English-Yiddish and Yiddish-English Dictionary, a "History of the United States" with a parallel Yiddish translation, a "History of the Jews in America" in English and Yiddish editions, "The Jewish Morning Journal," "Der Amerikaner"—all these testify to the constancy and the success of his policy.

In planning the English-Yiddish Encyclopedic Dictionary, Mr. Saphirstein had in mind the creation of an epoch-making work in the history of Jewish culture and in the history of the Jew in America. His aim was more than the mere publication of the largest compilation and translation of English words in any foreign language. Such an effort in itself would be a creditable achievement. But his spirit of enterprise soared much higher. He dreamed of a treasure-house of world culture. For the first time, an Encyclopedic Dictionary would put the Yiddish-speaking people into possession of the results of the world's modern scholarship, science and culture.

To the realization of this dream Mr. Saphirstein gave the last four years of his life. Those competent to judge will fully appreciate the great difficulties involved in the carrying out of this project. Organizing and literary skill, scholarship and erudition were, of course, essential to the success of this enterprise. But these qualities alone would not suffice. The peculiar problem of the Yiddish-speaking American required that in conception and structure the work should meet the needs of the least educated no less than those of the best. In short, the situation called for a staff of editors and collaborators who, in addition to the essential qualities of scholarship, had to have a sympathetic understanding of not only American ideas and ideals, but also the ideals and needs of the Jews in general and of the Jews in America in particular.

The result speaks for itself. The English-Yiddish Encyclopedic Dictionary, in its full vocabulary drawn from all departments of knowledge and labor, scientific, mechanical, industrial, artistic, professional and practical, surpasses any other similar work. In all other respects we believe that it compares favorably with the best English and American works of this character. We are confident of a favorable verdict from those who know, and of the fullest support from the public which, in the last analysis, constitute the court of last judgment.

THE JEWISH PRESS PUBLISHING CO.

פאָרוואָרט פון די אַרויסגעבער

מיט דער אויסגאבע פון דעם "ענגליש-אידישען ענציקלאָפּעדישען ווערטערבוך" מאכט די "דזשואיש פרעס פּאָבלישינג קאָ." א נייעם שריט אין דער ריכטונג, וועלכע עס האָט איהר געגעבען איהר גרינדער, יעקב סאפירשטיין ז"ל.

אלס ארויסגעבער, האָט זיך יעקב סאפירשטיין געשטעלט א דאָפּעלטע אויפגאבע: ערשטענס, צו בעקענען דעם אידישען אימיגראנט מיט זיין נייער היים, מיט איהר שפּראך, מיט איהר גייסט, מיט איהר געשיכטע און מיט איהרע פּאָליטישע אינסטיטוציאָנען; צווייטענס, העלפען דעם אידען אין זיין שטרעבונג צו וויסען און אויפקלעהרונג.

אָט דיעזע אויפגאבען זיינען אויעקגעלעגט געוואָרען אלס פונדאמענט פאר דער טהעטיגקייט פון דער "דזשואיש פרעס פּאָבלישינג קאָ." און זיי זיינען געבליבען דער פונדאמענט פון איהר טהעטיגקייט אין פערלויף פון 25 יאָהר ביז היינטיגען טאָג. א פיערטעל יאָהרהונדערט האָט יעקב סאפירשטיין, אן דער שפּיצע פון דער "דזשואיש פרעס פּאָבלישינג קאָ.", אונערמיעדליך פערפאָלגט דיעזע אויפגאבען. אלע זיינע פערשיעדענע אויסגאבען זיינען געווען בעלעבט פון דעמזעלבען גייסט און האָבען געהאט דעמזעלבען צוועק.

"דהי היברו אמעריקען", אן ענגלישע וועכענטליכע אויסגאבע מיט אידישע פערטייטשונגען; פערשיעדענע ענגלישע לעהר-ביכער; א קליינעם ענגליש-אידישעם און אידיש-ענגלישעם ווערטערבוך; "א געשיכטע פון די פעראייניגטע שטאאטען" אין ענגליש מיט א אידישער איבערזעצונג; "די געשיכטע פון די אידען אין אמעריקא" אין ענגליש און אידיש; "דער מאָרגען זשורנאל" און "דער אמעריקאנער" —אלע דיעזע פערשיעדענע גרעסערע און קלענערע אויסגאבען פון דער "דזשואיש פרעס פּאָבלישינג קאָ." זיינען פּראָדוקטען פון איין און דעמזעלבען גייסט און פערקערפּערען איין און דעמזעלבען אידעאל: בעקענען די אידען מיט אמעריקא און זיי מאכען פאר געבילדעטע מענשען.

יעקב סאפירשטיין'ס לעצטע אונטערנעהמונג אין דיעזער ריכטונג איז "דאָס אידיש-ענגלישע ענציקלאָפּעדישע ווערטערבוך". דיעזער אונטערנעהמונג האָט ער געווידמעט די לעצטע פיער יאָהר פון זיין לעבען. לויט זיין פּלאן, האָט דאָס בעדארפט זיין אן עפּאָכע-מאכענדעס ווערק אין דער געשיכטע פון דער אידישער קולטור און אין דער געשיכטע פון די אידען אין אמעריקא. עס האָט בעדארפט זיין א ווערק, וואָס זאָל ארומנעהמען אלע געביעטען פון וויסענשאפט, טעכניק, קונסט און ליטעראטור, זאָל אין זיך פערקערפּערען דאָס לעצטע וואָרט פון וויסענשאפט און זאָל ענטהאלטען אלע געברויכליכע ווערטער פון דער ענגלישער שפּראך פערטייטשט אויף'ן גענויעסטען און פּינקטליכסטען אופן.

עס איז געווען א ריעזיגע, שווערע אונטערנעהמונג. און שווער איז עס געווען ניט נור דערפאר, ווייל עס האָט זיך געפאָדערט אָרגאניזאציאָנס-פעהיגקייט, פיעל ליטעראַרישער טאלאנט און א מאסע וויסען און געלעהרזאמקייט. די הויפּט-שוועריגקייט איז געווען צוצופּאסען דאָס ווערק צו די אידישע בעדערפניסע און איבערשאפען די קולטור-אוצרות אויף א אידישען שטייגער אזוי אז עס זאָל קענען צופריעדענשטעלען דעם העכסט-געבילדעטען און זיין אויף'ן העכסטען אופן ניצליך פאר דעם וועניגגעבילדעטען. עס איז דעריבער נויטיג געווען א ספּעציעלער אויסוואהל פון מענשען פאר דיעזער ארביים מיט ספּעציעלע פעהיגקייטען.

דאָס ריעזיגע ווערק איז ענדליך געשאפען און יעדער קען זיך אליין איבערצייגען, ווי ווייט עס זיינען דורכגעפיהרט געוואָרען די אויפגאבען, וועלכע די ארויסגעבער האָבען זיך געשטעלט.

אין דער גרויסער צאָהל ווערטער, אין די גענויעסטע און פּינקליכסטע פערטייטשונגען פון די ענגלישע ווערטער און אין די ענציקלאָפּעדישע ערקלערונגען שטייגט "דאָס ענגליש-אידישע ענציקלאָפּעדישע ווערטערבוך" אריבער אלע אנדערע אויסגאבען פון דעם מין אין אנדערע, ניט-ענגלישע שפּראכען. אין אלע אנדערע הינזיכטען, גלויבען מיר, קען עס זיך מעהר אָדער ווייניגער פערגלייכען מיט אלע גרויסע עהנליכע ווערק אין ענגליש.

מיר זיינען זיכער, אז דאָס פּובליקום וועט פערשטעהן דעם גרויסען ווערטה פון אונזער ריעזיגער אויסגאבע און וועט וויסען ווי זי אָבצושעצען.

דזשואיש פרעס פּאָבלישינג קאָ.

PREFACE

The publishers in their note to the public have indicated the general plan of the English-Yiddish Encyclopedic Dictionary. The work aims "to put the Yiddish-speaking people into possession of the results of the world's modern science, scholarship and culture." It is for others to judge how far these aims have been realized. For his part, the editor deems it necessary to explain briefly how he met and solved some of the specific problems involved, such as the selection of words, spelling, pronunciation, transliteration, definitions of words, terms, phrases and idiomatic expressions and the use of illustrations and examples.

VOCABULARY

In the selection of words, one result was aimed at, namely, the widest inclusion in strict alphabetical order of words, terms, phrases and idiomatic expressions which are used in all countries where English is spoken. Obsolete, archaic and provincial terms were excluded. Care was taken to make the number of American colloquial and slang expressions as complete as possible.

SPELLING

The problems of spelling which had to be faced were unique and distinctive. The difficulties of English spelling are well known to all. Lexicons of standing in the academic world differ widely on the spelling of many words. For our purpose authoritative choice in the matter of disputed spelling was essential. The staff was therefore obliged to make an exhaustive study of each disputed spelling and to decide in favor of one or the other.

In general, it may be stated that American usage and simplicity of form were the guiding criteria. The scope of the work did not permit any leaning toward spelling reform. In some cases it was absolutely impossible to reject one form of spelling in favor of another. But even in these cases the editor indicated his choice. The word in the less favored form was included, but its definition and use referred by a cross-reference to the spelling chosen by the editor.

PRONUNCIATION

In the matter of pronunciation two problems had to be solved, first, the usual difficulties of accepted variations of pronunciation, and second, the problem of transliterating the pronunciation.

פאָררעדע·

די ארויסגעבער פון דעם "ענגליש-אידישען ענציקלאָפּעדישען ווערטערבוך" האָבען שוין אין זייער פאָררעדע אָנגעצייגט דעם פּלאַן און די אויפגאַבע פון דיעזען ווערק. דער צוועק איז געווען צו שאַפען פאַר אידען א קולטור-ווערק און אן אוצר פון וויסענשאַפט, וואָס זאָל אין דערזעלבער צייט זיין א פאָלשטענדיגע זאמלונג פון אלע געברויכליכע ענגלישע ווערטער מיט די גענויעסטע און פּינקליכסטע פערטייטשונגען. עס בלייבט, נאַטירליך, פאַר אנדערע צו אורטיילען, ווי ווייט דיעזע אויפגאַבע איז דורכגעפיהרט געוואָרען. די רעדאַקציאָן, פון איהר זייט, רעכענט בלויז פאַר נויטיג דאָ צו געבען איינינגע ערקלערונגען וועגען א פּאָר איינצעלהייטען פון דער ארבייט און ווי זי האָט געלעזט די פראַגען, וואָס זיינען מיט דער ארבייט געווען פערבונדען, ווי למשל: דער אויסוואהל פון ווערטער און אילוסטראַציאָנען, די אויסלעגונג, די אויסשפּראַך, די איבערזעצונגען און ערקלערונגען, די איינפיהרונג פון ענגלישע פראַזען צו ערקלערען די פערשיעדענע בעדייטונגען פון די ענגלישע ווערטער א. ז. וו.

דער אויסוואהל פון ווערטער.

אונזער שטרעבונג איז געווען צו געבען אין דעם ענציקלאָפּעדישען ווערטערבוך אלע געברויכליכע ווערטער פון דער ענגלישער שפּראַך, אלע ווערטער, וואָס ווערען געברויכט אין דער ליטעראַטור און אין לעבען. אויסגעשלאָסען געוואָרען זיינען בלויז פערעלטערטע ווערטער, וועלכע ווערען מעהר ניט געברויכט, און פּראָווינציאַליזמען, דאָס הייסט, ווערטער און אויסדריקע, וועלכע ווערען געברויכט בלויז פון א קליינעם טייל פון דער בעפעלקערונג אין געוויסע געגענדען. דערפאַר זיינען אָבער אין דעם ווערטערבוך אריין די מייסטע אמעריקאַנישע פאָלקס-אויסדריקע און ווערטער פון דעם אמעריקאַנישען ענגלישען פאָלקס-זשאַרגאָן.

אויסלעגונג.

די פראַגע פון אויסלעגען די ענגלישע ווערטער איז אָפט געווען א גאַנץ שווערע. ווי עס איז בעקאַנט, ווערען פיעלע ענגלישע ווערטער פערשיעדענארטיג אויסגעלעגט. עס איז דעריבער נויטיג געווען, אז מיר אליין זאָלען פעסטשטעלען די פּאַסיגע אויסלעגונג נאָך אן אויספיהרליכען שטודיום.

אין אלגעמיין האָבען מיר זיך דאָ געהאלטען אָן דער אויסלעגונג, וואָס איז אָנגענומען אין אמעריקא און אָן די איינפאַכערע פאָרמען, אויסמיידענדיג די גאָר נייעסטע רעפאָרמען. אין איינינגע פעלע וואו עס איז געווען אונפּראַקטיש אויסצולאָזען געוויסע פאָרמען פון אויסלעגען א וואָרט, האָבען מיר געגעבען אלע פערשיעדענע פאָרמען. אָבער אויך אין דיעזע פעלע האָבען מיר געמאַכט אונזער אייגענעם אויסוואהל דערמיט וואָס מיר האָבען איבערגעזעצט דאָס וואָרט אין דער פאָרם, וואָס איז, נאָך אונזער מיינונג, די ריכטיגסטע און צו דיעזען וואָרט האָבען מיר אָבגעשיקט די אנדערע ווערטער.

די אויסשפּראַך.

אין דער פראַגע פון דער אויסשפּראַך האָבען מיר געהאַט פאַר זיך צוויי פּראָבלעמען: ערשטענס, די פערשיעדענארטיגע אויסשפּראַך פון געוויסע ענגלישע ווערטער; צווייטענס, די פּראָבלעם, ווי איבערצוגעבען די אויסשפּראַך פון די ענגלישע ווערטער אין אידיש.

דיא ערשטע פּראָבלעם איז געלעזט געוואָרען אויף דעמזעלבען שטייגער ווי די פראַגע פון אויסלעגען, דאָס הייסט, נאָך א גענויער אויספאָרשונג, האָבען מיר פעסטגעשטעלט די אויסשפּראַך, וועלכע איז, נאָך אונזער מיינונג, די פּאַסיגסטע. וואָס אָנבעלאַנגט דער צווייטער פּראָבלעם, איז ניט מען האָט געקענט און ניט עס איז געווען ווינשענסווערטה איינצופיהרען ספּעציעלע צייכענס פאַר דער אָדער יענער אויסשפּראַך פון אן ענגלישען קלאַנג, ווייל עס איז מעגליך געווען כמעט גענוי איבערצוגעבען די ענגלישע אויסשפּראַך דורך אידישע בוכשטאַבען.

וואָס פאַר צייכענס מען זאָל ניט איינפיהרען, וועט מען דאָך ניט קענען אין גאַנצען ערקלערען, ווי מאַנכע ענגלישע קלאַנגען און מיטעל-קלאַנגען ווערען ארויסגערעדט, ווי למשל, די קלאַנגען a, o אין u פאַר א z. דער אויסלענדער קען זיך בלויז דעמאָלט אויסלערנען די אויסשפּראַך פון דיעזע קלאַנגען, ווען ער הערט, ווי זיי ווערען ארויסגערעדט. אזוי ווי דער אויסלענדער איז גענייגט ארויסצוריידען th ווי א "ד", האָבען מיר גערעכענט פאַר נויטיג איבערצוגעבען דיעזע קלאַנגען דורך "טה". דער

As in spelling, the necessities of the situation called for a definite choice by the editor after thorough investigation. As to the second, keys for pronunciation and symbols were neither feasible nor desirable. The use of the available Yiddish consonants and vowels and a few special combinations of these was found to be a satisfactory way of transliterating. In almost all cases the sounds and the middle sounds were thus given. In a very few instances it was not possible to do this, such as for example, the proper sound to the letters "o," "a" and "u" before "r." The sound "th" presented special difficulties. This sound, as has been well said, is unteachable though learnable. Since the foreigner is more likely to err by pronouncing the "th" like a "d," we leaned in our transliteration towards "t". The complete scheme of transliteration is explained in the Yiddish preface. The words as transliterated are not syllabified but only separated for the purposes of pronunciation and accent.

DEFINITION

The Yiddish-speaking population of America consists chiefly of adult immigrants and presents the widest variety of intellectual training and capacity, from the university-trained student to the workman whose opportunities for mental development have opened up only with his arrival here. All groups however find the acquisition of English and acquaintance with American life and thought absolute necessities.

It is obvious that the English-Yiddish Encyclopedic Dictionary will be of great value to the educated immigrant. He will find clear, accurate and comprehensive definitions of those words, terms and phrases that are current among educated classes in the English-speaking world. On the other hand, no less care was given to meet the needs of the untaught. In defining even the most elementary words or terms, it was assumed that the person consulting the dictionary had nothing to unlearn and everything to acquire about the meaning and use in question. By explanation, by illustration, by examples in English or in Yiddish, by cross-reference to synonymous or analogous words, the meaning given in the simplest Yiddish is made clear even to one who possesses only the bare rudiments of an education.

Definition was confined exclusively to the *present* meaning and use of words. The most common meaning and widest use of the words were given first, then shades of meaning. In most instances words which have a special meaning when used in connection with other words were given with these others as phrases. Where necessary for the sake of clearness of defini-

גאנצער פלאַן, וואָס מיר האָבען אָנגענומען, צו בעצייכנען די ענגלישע קלאַנגען דורך ענטשפּרעכענדע אידישע, ווערט ווייטער איבערגעגעבען אין א בעזונדערער ערקלערונג.

פערטייטשונגען און ערקלערונגען.

אונזער "ענגליש-אידישעס ענציקלאָפּעדישעס ווערטערבוך" איז בעשטימט פאר אלע אידען, אָהן אויסנאהמע, פון דעם העכסט-געבילדעטען ביז דעם אם ווענינסטען געבילדעטען, פאר דעם אידען, וואָס הויבט זיך ערשט אָן צו לערנען ענגליש און פאר דעם אידען, וואָס קען שוין ענגליש. די פערטייטשונגען און ערקלערונגען האָבען דעריבער געמוזט זיין אזעלכע, וואָס זאָלען קענען צופריעדענשטעלען אלע קלאַסען אידען. די פערטייטשונגען זיינען קלאָר, פּשוט, פּינקטליך און אויספיהרליך. עס ווערען געגעבען אלע בעדייטונגען פון די ענגלישע ווערטער און אלע שאַטירונגען פון דיעזע בעדייטונגען. דער וואָס קען שוין ענגליש וועט לערנען נאָך מעהר און ווער עס קען נאָך ניט די ענגלישע שפּראַך וועט פון דעם ווערטערבוך קענען אָנהויבען צו לערנען.

אין דער פערטייטשונג פון די ענגלישע ווערטער האָבען מיר געשטרעבט צו געבען די בעדייטונגען, וועלכע די ווערטער האָבען איצטער. די פערעלטערטע און פאַרצייטיגע בעדייטונגען זיינען מייסטענס אויסגעלאָזען געוואָרען. אין דער איינאָרדנונג פון די פערשיעדענע בעדייטונגען פון איין און דעמזעלבען וואָרט האָבען מיר זיך געהאַלטען אָן דעם כלל, אז די מעהר געברויכליכע און געוועהנליכע קומען צום ערשטען. ווען געוויסע ענגלישע ווערטער האָבען א ספּעציעלע בעדייטונג אין פערבינדונג מיט אנדערע ווערטער, ווערט געגעבען די גאנצע פראַזע און דערצו אין דערזעלבער אלפאבעטישער אָרדנונג ווי איינצעלנע ווערטער. אום קלאָרער צו מאכען די פערשיעדענע בעדייטונגען פון איין און דעמזעלבען וואָרט, ווערען אָפט די בעדייטונגען נומערירט און עס ווערען אונטען געגעבען ענגלישע פראַזען אונטער ענטשפּרעכענדע נומערען, צו צייגען, ווי דאָס וואָרט ווערט געברויכט.

אין דעם אויסוואהל פון ענגלישע פראַזען צו אילוסטרירען די פערשיעדענע בעדייטונגען פון די ענגלישע ווערטער האָבען מיר זיך געמוזט צופּאַסען צו די ספּעציעלע פאָדערונגען, וועלכע מען קען שטעלען צו אזא ווערטערבוך ווי אונזערער, און אנשטאַט צו געבען אויסציגע פון בעקאַנטע ליטעראַרישע ווערק, ווי עס איז אָנגענומען אין די גרויסע ענגלישע ענציקלאָפּעדישע ווערטערביכער, האָבען מיר געגעבען פּשוט'ע, אלטעגליכע פראַזען.

די אידיאָמען, דאָס הייסט, די אייגענאַרטיגע שפּראַך-אויסדריקע, וועלכע לאָזען זיך ניט איבערזעצען בוכשטעבליך אין אן אנדער שפּראַך, זיינען ביי אונז איבערגעזעצט פריי, מייסטענס דורך ענטשפּרעכענדע אידישע אידיאָמען.

אילוסטראַציאָנען.

מיט דעם אויסוואהל פון אילוסטראַציאָנען האָבען מיר אויך בעצוועקט די ספּעציעלע צופּאַסונג צו די אידישע פאָדערונגען. די אידישע שפּראַך איז זעהר אָרים אין ווערטער אויף'ן געביעט פון נאַטור-געשיכטע, נאַוויגאַציאָן, ערד-ארבייט א. ז. וו. דעם אידען פעהלט די בעקאַנטשאַפט מיט פיעלע פאַכען, פּראָפעסיאָנען און מלאכות. עס איז דעריבער ניט נור נויטיג געווען צו שאַפען מאסען נייע ווערטער, נאָר עס איז אויך נויטיג געווען צו געבען ביי די ווערטער אילוסטראַציאָנען און בילדער, אום קלאָר צו מאכען זייער בעדייטונג. מיר האָבען, אלזאָ, אריינגעבראַכט ספּעציעלע אילוסטראַציאָנען, אויסער די יעניגע וואָס ווערען געוועהנליך געגעבען אין אלע ווערק פון דעם מין.

דער ענציקלאָפּעדישער טייל.

אין דער צוזאמענשטעלונג פון דעם ענציקלאָפּעדישען טייל פון ווערטערבוך האָט די רעדאַקציאָן זיך גערעכענט מיט אלע מעגליכע קלאַסען פון אידישען פאָלק: מיט דעם געבילדעטען אויסלענדער, מיט דעם פּראָפעסיאָנעלען מענשען, מיט דעם סטודענט, מיט דער הויז-ווירטהין, מיט דעם פערמער, מיט דעם בעל-מלאכה און מיט דעם הענדלער. דאָס ווערק איז פול מיט קליינע ארטיקלען און אָבהאנדלונגען איבער די פערשיעדענסטע געגענשטענדע. עס זיינען פאַראַן פיעלע טויזענדע ערקלערונגען פון טערמינען אויף'ן געביעט פון נאַטור-וויסענשאַפט, פיזיאָלאָגיע, פּסיכאָלאָגיע, קונסט, פילאָזאָפיע, רעליגיאָן, מאַטעמאַטיק, געשיכטע, פּאָליטיק, פּאָליטישער עקאָנאָמיע, סאָציאָלאָגיע, האנדעל, אינדוסטריע א. ז. וו.

די ערקלערונגען זיינען שטרענג וויסענשאַפטליך, זיינען פאָרזיכטיג אויסגעארבייט און זיינען בע-

tion, the different meanings of a word were grouped numerically and appropriate illustrative examples in English added.

The conventional method of using phrases and quotations from literary masterpieces to illustrate the meaning and use of words was obviously unsuitable for our purpose, since such phrases and quotations can have significance only to those who are well acquainted with English literature. Accordingly, phrases and quotations of ordinary conversational usage were given as a more serviceable aid to definition. Idioms were likewise treated in an original manner. Every idiomatic expression was translated freely by the equivalent Yiddish idiom.

ILLUSTRATIONS

The selection of illustrations requires some explanation. In the field of natural history, seafaring, handicraft and in many other domains there is a paucity of words in the Yiddish language. In parts this deficiency was supplied by suitably coined words, and in such instances the use of illustrations was indispensable. We have also included an abundance of illustrations of the simplest tools, machinery, agricultural implements and utensils in daily use. The Yiddish population of America was largely reared in rural and small suburban communities in Europe. Illustrations of the character mentioned will help these people adapt themselves to the enlarged material surroundings of American city and country life.

ENCYCLOPEDIC MATTER

In the selection of encyclopedic matter, the needs of all groups were considered, those of the educated foreigner, the professional man, the student, the business man, the mother and housewife, the farmer, the artisan and the tradesman. The work abounds in carefully prepared authoritative and up-to-date articles on the most important terms in the field of physical, natural and mental science, of technology and handicraft, of philosophy and art, of religion and theology, of mathematics, of general and American history, of politics, economics and sociology, of commerce, trade and industry, of American customs, manners and life.

The treatment of expressions for ideas which of necessity are matters of controversy was studiously unbiased. The aim throughout has been to define a term exactly in the way in which the group to whom the term belongs would define it.

גרינדעט אויף די נייעסטע וויסענשאפטליכע פארשונגען. די טערמינען, וואס האבען צו טהאן מיט אידעאלען, געזעלשאפטליכע ריכטונגען און סאציאל־פאליטישע לעהרען, זיינען אין אונזער ווערטערבוך ערקלערט געווארען מיט שטרענגער אונפארטייאישקייט. אונזער שטרעבונג איז דערביי געווען צו ערקלערען דיעזע טערמינען אזוי ווי זיי ווערען געוועהנליך פערשטאנען פון די אנהענגער פון די דאזיגע לעהרען, ריכטונגען אדער אידעאלען.

די אידישע שפראך.

איבער הונדערט און צוואנציג טויזענד ענגלישע ווערטער געפינען זיך אין אונזער "ענגליש־אידישען ענציקלאפעדישען ווערטערבוך". ענגליש איז די רייכסטע שפראך וואס אנבעלאנגט איהר ווערטער־שאץ. די ענגלישע שפראך פערמאגט מעהר ווערטער ווי וועלכע ניט איז אנדערע שפראך. פאר יעדען בעגריף האט זי פיעלע פערשיעדענע ווערטער און יעדעס ווארט האט פיעלע בעדייטונגען.

אין פערגלייך מיט דער ענגלישער שפראך איז אונזער אידיש, אלס א יונגע שפראך, אלס א פאלקס־שפראך, אלס א שפראך מיט זעהר א יונגער און בעשרענקטער ליטעראטור, זעהר און זעהר ארים.

דיא אידישע שפראך געפינט זיך איצטער אין פראצעס פון ענטוויקלונג און פארמירונג. יעדעס נייע ערנסטע ווערק פון פעראנטווארטליכע אידישע שרייבער העלפט מיט דיעזער ענטוויקלונג און פאר־מירונג. מיר גלויבען אבער, אז עס וועט ניט זיין איבערטריבען, ווען מיר וועלען דא מאכען די בע־הויפטונג, אז קיין ווערק האט נאך ניט בייגעטראגען אזוי פיעל צו דער בערייכערונג און פארמירונג פון דער אידישער שפראך, ווי אונזער "ענגליש־אידישעס ענציקלאפעדישעס ווערטערבוך".

צו דער איבערזעצונג פון די פיעלע, פיעלע צעהנדליגע טויזענדע ווערטער פון דער אונגעהייער־רייכער ענגלישער שפראך זיינען מיר צוגעטראטען מיט דיא געצעהלטע פאר טויזענד אידישע ווער־טער. עס האבען אונז געפעהלט ווערטער פאר פיעלע אבסטראקטע בעגריפען. מיר האבען ניט געהאט קיין נעמען פאר הונדערטע פלאנצען, חיות, פיש, אינזעקטען און אזוי ווייטער, וועגען וועלכע דער איד האט לחלוטין קיין בעגריף ניט און פאר וועלכע ער האט ניט קיין נעמען אין זיין שפראך. עס האבען אונז געפעהלט דיא איינפאכסטע ווערטער צו בעצייכנען אינסטרומענטען. עס האבען זאגאר געפעהלט אידישע ווערטער וואס ווערען געברויכט ביי שניידעריי, שוסטעריי, סטאלעריי און אזוי ווייטער, ווייל די מייסטע ווערטער פון דיעזען סארט זיינען ענטנומען אין רוסלאנד — פון דער רוסישער שפראך, אין גאליציען און רומעניען — פון דער דייטשער און אין אמעריקא — פון דער ענגלישער.

און דעריבער איז עס אויסגעקומען, אז די מייסטע ענגלישע ווערטער האט מען אין אונזער ענ־ציקלאפעדישען ווערטערבוך ניט נור בעדארפט איבערזעצען, נאר מען האט אויך בעדארפט שאפען די נויטיגע ווערטער פאר דער איבערזעצונג אדער זייערע פארמען אדערביידע צוזאמען.

דערצו איז געווען נאך איין שוועריגקייט. מען האט ביי דער איבערזעצונג געמוזט אין זינען האַ־בען, אז מיט אונזער ענציקלאפעדישען ווערטערבוך וועלען זיך בענוצען אידען פון פערשיעדענע לענ־דער. מען האט בעדארפט נעהמען אין אנבעטראכט, אז פערשיעדענע זאכען האבען פערשיעדענע נעמען אין גאליציען, רומעניען, רוסלאנד און אמעריקא.

עס קומט אויף אזא אופן אויס, אז מען האט זיך ניט אימער געקענט פריי בענוצען אפילו מיט יענע ווערטער, וועלכע זיינען שוין אין געברויך ביי געוויסע טיילען פון אידישען פאלק, אויס מורא, אז זיי וועלען קלינגען טערקיש פאר אנדערע אידען.

און נייע ווערטער, א גרויסער שטראם נייע ווערטער האט זיך אונבעדינגט געפאדערט, ערשטענס, אום צו קענען איבערזעצען די אונגעהייער־גרויסע צאהל ענגלישע ווערטער און, צווייטענס, אום צו לעגען דעם פונדאמענט פאר א אידישער שפראך, וועלכע זאל קענען געברויכט ווערען אויף אלע גע־ביעטען פון מענשליכען דענקען. די ארבייט איז געווען א ריעזיגע, אבער זי איז ווערטה געווען די מיה.

צום אלעם ערשטען האבען מיר אריינגעבראכט אין אונזער ענציקלאפעדישען ווערטערבוך אלע יענע וויסענשאפטליכע טערמינען, ווערטער און אויסדריקע, וועלכע האבען בעקומען בירגער־רעכטע אין אלע שפראכען פון די ציוויליזירטע פעלקער, וועלכע מען געברויכט שוין טיילוויז ביי אונז און וועלכע מען וועט נאך מעהר מוזען געברויכען אין דער ווייטערער ענטוויקלונג פון אונזער שפראך. אום אבער דיעזע שווערע ווערטער זאלען ניט בלייבען קיין פוסטע קלאנגען פאר די געברויכער פון אונזער ווערטערבוך און אום זיי זאלען קענען אריינגעהן אין געברויך, איז ביי אונז איינגעפיהרט גע־ווארען, אז יעדעס ווארט אזעלכעס זאל גענוי ערקלערט ווערען אין פשוט'ע ווערטער.

פאר נעמען פון חיות, פלאנצען, פיש און אזוי ווייטער, פאר וועלכע מען האט ניט געפונען קיין

INFLUENCE ON THE YIDDISH LANGUAGE

An important result of the publication of the English-Yiddish Encyclopedic Dictionary will be its influence on the development of the Yiddish language. As indicated above, Yiddish is a language of few words when compared with English. It was therefore necessary to adopt and incorporate thousands of words that form a part of the world's languages into the former tongue. In the accomplishment of this task, the standards of orthography and word-formation which were adopted, will undoubtedly have an important influence on the future growth of Yiddish. Students of this phase of language development will be interested in the editor's special note on this subject in the Yiddish preface.

ACKNOWLEDGMENTS

The editor desires to express his thanks to all his colleagues and collaborators, whose cooperation made the success of this vast and unusual undertaking possible.

He is particularly indebted to Mr. Benzion Hoffman, Mr. Louis Landau and Mr. Morris Terman, the associate editors. Their devotion, self-sacrifice, genuine and constant interest in the work, their unfailing industry must forever stand out as a manifestation of the true spirit of scholarship.

To Mr. S. Vaisberg the success of the mechanical details of the work is mainly due. Only those familiar with the printer's art can fully appreciate the technical difficulties involved in the publication of a bilingual dictionary in the Semitic and Aryan languages. Mr. Vaisberg was ably assisted by Mr. M. Milch, Mr. T. Glass and Mr. M. Davidow.

But above all, the editor owes a debt of gratitude to the late lamented Mr. Jacob Saphirstein, the founder and manager of the Jewish Press Publishing Company. His vision it was which conceived the value and significance of the work. The full measure of confidence, sympathy and support which he gave to the editor has made its realization possible.

PAUL ABELSON.

New York, December 21, 1914.

ווערטער אין דער אידישער שפראך, האָט מען זיך געמוזט ווענדען צו צוויי שפראכען, פון וועלכע אידיש האָט געשעפּט ווערטער־שטאָף מיט דער פולער האנד — צו דייטש און צו רוסיש. הויפּטזעכליך אָבער האָט מען זיך אין אונזער ווערטערבוך בענוצט מיט דייטשע ווערטער שוין פשוט דערפאר, ווייל דייטש איז אם נעהנטסטען צו אידיש און דייטשע ווערטער פּאסען זיך אם בעסטען אריין אין דער אידישער שפראך און ווערען לייכטער פערדייהט אין אונזער מאמע־לשון. רוסישע ווערטער זיינען געברויכט געוואָרען מייסטענס אזעלכע, וועלכע האָבען זיך שוין מעהר אָדער וועניגער צוזאמענגעלעבט מיט אידיש. ניט זעלטען זיינען געברויכט געוואָרען אי דאָס דייטשע אי דאָס רוסישע וואָרט.

אויך די געוועהנליכע אידישע ווערטער איז מען אָפט געווען געצוואונגען צו געבען עטליכע מיט אמאָל. דאָס האָט מען זיך אזוי נוהג געווען אין דעם פאל, ווען די ווערטער זיינען געווען פּראָווינציאליזמען. דערמיט איז דערגרייכט געוואָרען א דאָפּעלטער ציעל: ערשטענס, האָט מען דאָס ענגלישע וואָרט געמאכט פערשטענדליך פאר אלע אידען און צווייטענס, האָט מען אריינגעבראכט אין דער אידישער שפראך וועניג־בעקאנטע ווערטער, וועלכע וועלען וואהרשיינליך שפּעטער אלגעמיין אָנגענומען ווערען אין דער אידישער ליטעראטור.

דערפון זאָל אָבער ניט געצויגען ווערען דער פאלשער שלוס, אז מיר האָבען גענומען אלע ווערטער, וועלכע עס זיינען אונז נור געקומען צו דער האנד. אין דער צייט, ווען מיר האָבען זיך געגעבען די גרעסטע מיה צו קריגען די נויטיגע ווערטער וואו מיר האָבען זיי נור געקענט געפינען, האָבען מיר זיך אָבער געגעבען נאָך מעהר מיה אויסצוקלייבען די פּאסיגסטע, דאָס הייסט, אזעלכע, וואָס זיינען אם מעהרסטען פערשפּרייט, אָדער זיינען אין זייער פאָרמע נעהנטער צו דער אידישער ליטעראַרישער שפּראך, צו איהרע גראמאטיקאלישע פאָרמען און צו איהר גייסט. וואו עס האָט זיך נור געלאָזט, האָבען די דייטשע ווערטער בעקומען א אידישע פאָרמע.

אריינבריינגענדיג נייע ווערטער און נייע פאָרמען פון ווערטער, האָבען מיר אויך אין זינען געהאט אויסצוארבייטען מעהר אָדער וועניגער פעסטע גראמאטיקאלישע כללים און אן אויסגעהאלטענע אויסלעגונג פון ווערטער.

מיר זיינען זיכער, אז אין דער ווייטערער ענטוויקלונג פון אידיש וועט אונזער גרויסעס ווערק דיענען אלס וויכטיגער פאקטאָר און יעדער אידישער שרייבער און יעדער פאָרשער פון אידיש וועט אונזער ווערטערבוך קענען און מוזען געברויכען אלס רעפערענץ־בוך.

דאנקזאגונגען.

צום שלוס וויל דאָ דער רעדאקטאָר אויסדריקען זיין הערצליכען דאנק צו אלע זיינע קאָלעגען און מיטארבייטער, וועלכע האָבען דורך זייער ארבייט געמאכט מעגליך דעם ערפאָלג פון דיעזער ריעזיגער, אונגעוועהנליכער אונטערנעהמונג.

ער פיהלט זיך ספּעציעל פערפּליכטעט צו די העררן בן־ציון האָפמאן (צביון), לואיס לאנדוי (א. וואָהלינער) און מאָררים טערמאן, זיינע מיט־רעדאקטערע. בלויז מענשען מיט אמת׳ער ליעבע צו דער וויסענשאפט האָבען געקענט, ווי זיי, ארויסצייגען אזא טיעפען אינטערעס, אזא איבערגעבענהייט און אזא גרינדליכקייט אין דער פערפאָלקאָמונג פון דיעזען ווערק.

הערר סעמיועל וויסבערג האָבען מיר צו פערדאנקען דעם ערפאָלג פון דער טעכנישער זייט פון דעם ווערטערבוך. נור די יעניגע, וואָס זיינען בעקאנט מיט׳ן דרוק־פאך, וועלען קענען אָבשאצען די גרויסע טעכנישע שוועריגקייטען אין אזא אויסגאבע ווי אונזערע. הערר וויסבערג׳ס פעהיגע מיטהעלפער אין דער טעכנישער אָבטיילונג זיינען געווען הערר מ. מילך, הערר ט. גלאס און הערר מ. דייווידאָוו.

אָבער די טיעפסטע דאנקבארקייט און אָנערקענונג פיהלט זיך דער רעדאקטאָר פערפּליכטעט אויסצודריקען דעם זעליגען יעקב סאפּירשטיין, דעם גרינדער און פערוואלטער פון דער "דזשואיש פּרעס פּאָבלישינג קאָ." ער האָט געשאפען דעם געדאנק וועגען דיעזער אונטערנעהמונג און ער האָט מעגליך געמאכט די פערווירקליכונג פון דיעזען געדאנק דורך זיין צוטרויען צו דער רעדאקציאָן, זיין מיטווירקונג און סימפּאטיע.

פ א ו ל א י י ב ע ל ס אָ ן.

ניו יאָרק, 21טען דעצעמבער, 1914.

ערקלערונג וועגען דער אויסשפּראַך

1. די אויסשפּראַך פון די ענגלישע ווערטער אין אידיש ווערט אין דיעזען ווערטערבוך פאַנאַנדערגעטיילט אין בעזונדערע זילבען דורך שטריכעלעך (–).

2. די ווערטער ווערען פאַנאַנדערגעטיילט אין זילבען ניט לויט די גראַמאַטיקאַלישע כללים, נאָר, צוליעב בעקוועמ־ליכקייט, לויט זייער אויסשפּראַך.

3. דער אַקצענט פון אַ וואָרט ווערט אַנגעדייטעט אין ענגליש און אין אידיש דורך דעם צייכען (′).

4. מאַנכע ענגלישע קלאַנגען קענען ניט גענוי איבערגעגעבען ווערען דורך ענטשפּרעכענדע אידישע קלאַנגען, ווי עס איז שוין אַנגעצייגט אין דער פאָררעדע צו דיעזען ווערק. אין אַזעלכע פעלע זיינען אין דעם ווערטערבוך אין דער אידישער אויסשפּראַך געברויכט יענע אידישע קלאַנגען, וואָס זיינען אַם נאָהענטסטען צו די ענט־שפּרעכענדע ענגלישע. פאָלגענדע אידישע קלאַנגען האָבען פאָלגענדע בעדייטונג אין דער אויסשפּראַך פון די ענגלישע ווערטער:

   א) אַה בעצייכענט אַ לאַנגען קלאַנג אַ.
   ב) אָה בעצייכענט אַ ברייטען קלאַנג אָ.
   ג) אָו בעצייכענט אַ לאַנגען קלאַנג אָ.
   ד) עה בעצייכענט אַ לאַנגען קלאַנג ע.
   ה) וה בעצייכענט אַ לאַנגען קלאַנג ו.
   ו) יע בעצייכענט: ערשטענס, אַ לאַנגען קלאַנג י, ווי אין וואָרט "ליעבע" אָדער דעם ווייכען קלאַנג ע, ווי אין וואָרט "יענער".
   ז) יע׳ בעצייכענט דעמזעלבען קלאַנג יע ווי אין וואָרט "יענער" מיט אַ צוגאַב פון אַ י צו ענדע.
   ח) יי בעצייכנען: ערשטענס, אַ צירה (..) אָדער דעמזעלבען קלאַנג ווי אין "ריידען"; צווייטענס, דעמזעלבען קלאַנג ווי ײַ.
   ט) אַי בעצייכענט דעמזעלבען קלאַנג ווי עס האָבען יי אין וואָרט "זיין".
   י) י׳, יה׳ און יה בעצייכנען די צוזאַמענגיסונג פון צוויי קלאַנגען י אָדער אַן אויסגעצויגענעם קלאַנג י.

5. אין דער אידישער אויסשפּראַך פון די קלאַנגען w, gu און qu ווערט אין דיעזען ווערטערבוך צוגעגעבען אַ ה, אום צו בעצייכנען די אייגענאַרטיגקייט, מיט וועלכער דיעזע קלאַנגען ווערען אַרויסגערעדט אין ענגליש.

פערקירצונגען און ראשי תבות:

אין אידיש.

- א. ד. ג. .... און דאַסגלייכען.
- א. ז. וו. .... און זאָ ווייטער.
- איל. .... אילוסטראַציאָן.
- ד. ה. .... דאָס הייסט.
- ז. .... זעה.

אין ענגליש.

- *a.* .... adjective
- *adv.* .... adverb
- *c.* .... conjunction
- *int.* .... interjection
- *n.* .... noun
- *pr.* .... pronoun
- *prep.* .... preposition
- *v.* .... verb

LIST OF COLORED PLATES

Pages

BIRDS OF THE UNITED STATES.......................... (between) 126—127
DIAGRAM ILLUSTRATING THE PRIMARY COLORS AND
THEIR COMBINATIONS OR TINTS...................... (facing) 250
NORTH AMERICAN FOOD AND GAME FISHES............. (facing) 504
NATIONAL FLAGS... (between) 506—507
CULTIVATED FRUITS.. (between) 538—539
NORTH AMERICAN GAME BIRDS.......................... (between) 548—549
GEMS .... (between) 556—557
GRASSES AND THEIR ALLIES............................ (between) 586—587
BLOODVESSELS OF THE HUMAN BODY................. (between) 656—657
BUTTERFLIES AND MOTHS................................ (facing) 904
SPECIMENS OF ORNAMENTAL ENAMELING.............. (facing) 972

A

A, a (איי) דער ערשטער בוכשטאב פון דער *a-b-c*

a *a. and prep.* (ע) א, איין; צו, אין; אויף.

A 1 (איי הוואן) ערשטע זארט; ערשטע קלאסע.

It was a first-class entertainment, it was A1.

aal *n.* (אהל) א מין ווארצעל צו פארבען רויט.

aam *n.* (אהם) אן אייל; אזא מאס אין האלאנד צו מעסטען אויל און וויין [אלס וויין מאס האלט זיא 41 ענגלישע גאלאן און אלס אויל־מאס—37].

aard'vark *n.* (ארד'-ווארק) דער ערד־שוויין [אין זיד־אפריקא].

Aardvark

aard'wolf *n.* (ארד'-הוואולף) דער ערד־וואלף [אזא זיד־אפריקאנישע חיה וועלכע איז עהנליך צו א היענע און שפייזט זיך מיט אינזעקטען].

Aardwolf

Aaron'ic *a.* (ע-ראנ'-איק) וואס איז שייך צו אהרן הכהן.

Aaron'ical *a.* (ע-ראנ'-אי-קעל) וואס איז שייך צו די כהנים [וועלכע קומען ארוים פון אהרן הכהן].

Aar'on's-rod *n.* (ער'-אנז-ראד) אהרן'ס שטעקען [אזא ארנאמענט וואס בעשטעהט פון א שטעקען פון וועלכען עס שפראצען בלעטער פוןביידע ענדען, אדער א שטעקען ארום וועלכען עס איז ארומגעדרעהט א שלאנג].

Ab *n.* (עב) דער חודש אב.

A. B. (איי בי) די ראשי תבות פון די ווערטער *Artium Baccalaureus* א בילדונגס טיטול פאר סטודענטען וואס ענדיגען אן אוניווערזיטעט. ז. *bachelor of arts*

ab'aca *n.* (עב'-ע-קא) א מין פלאקס [וואס וואקסט אין אזיען].

ab'acist *n.* (עב'-ע-סיסט) א בעל־חשבון, א רעכנער.

aback' *adv.* (ע-בעק') 1. צוריק; ריק־ווערטס; צוריקגעטראטען; פון הינטען; פון ווייטען; 2. מיט דעם ווינד אנטקעגען [וועגען א שיף]; מיט די זעגעל אין דער ריכטונג פון ווינד; 3. מבולבל.

1. Eight days aback. 2. They lay the sails aback. 3. He was taken aback when he heard the remark.

abac'tio *n.* (ע-בעק'-שי-או) א מפיל דורך קינסטליכע מיטעל.

abac'tion *n.* (עב-עק'-שאן) דאס אוועק־גנב'ענען פיעל בהמות מיט א מאל און זיי אוועקפיהרען.

In the cattle raising districts of the West, abaction is a crime severely punished.

abac'tor *n.* (עב-עק'-טאר) א פיה־גנב.

ab'acus *n.* (עב'-ע-קאס) 1. א רעכען־ברעט; א שפיעל־ברעט; 2. דער אויבערשטער טייל פון א זייל.

1. Abacus



2. Abacus

Abad'don *n.* (עב-עד'-אן) דער טייוועל; די העל [גיהנם].

abaft' *adv.* (ע-בעפט') אין דעם הינטער־טהייל פון א שיף; פון הינטען.

aba'lienate *v.* (עב-איי'-ליען-אייט) ענטפרעמדען; אבטרעטען, איבערטראגען דאס רעכט פון אייגענטהום פון איינעם צו אן אנדערן.

aba'lienated *a.* (עב-איי'-ליען-איי-טער) ענטפרעמדעט, איבערגעטראגען צו אן אנדערען [וועגען אייגענטום]; צופוילט אדער אזוי שטארק בעשעדיגט, אז מען דארף עס אוועקשניידען [אין דער מעדיצין]; צומישט, געשטערט [אין שכל]; פערפוילט.

abaliena'tion *n.* (עב-איי-ליען-איי'-שאן) די איבערטראגונג; די אבטרעטונג; די ענטפרעמדונג; די איבערגעבונג פון אייגענטומסרעכט פון איינעם צום אנדערען.

abalo'ne *n.* (ע-בא-לאו'-ני) א מין פיש מיט א הארטער שאלעכץ; מויער קאפ.



Abalone

abamu'rus *n.* (עב-ע-מיו'-ראס) א פער־פעסטיגונג, א צווייטע וואנד צו פערפעסטיגען.

aban'don *v.* (ע-בענ'-דאן) 1. פערלאזען; אוועקווארפען; 2. נאכגעבען; אויפגעבען; לאזען אין שטיך; לאזען גהן, לאזען געהן ווי עס געהט.

1. The sailors may abandon a sinking ship.

abandon' *n.* (ע-באנ-דאן') דאס פערלאזען; דאס אין שטיך לאזען; אויסגעלאסענהיים; דאס האלטען זיך פריי.

aban'doned *a.* (ע-בענ'-דאנד) 1. פערלאזען; אויפגעגעבען; אוועקגעווארפען; 2. אויסגעלאסען; איבערגעבען צו זינד; זינדיג.

1. The general abandoned his position.

aban'doner *n.* (ע-בענ'-דאנ-ער) אן אוועקווארפער; א פערלאזער.

aban'doning *n. and a.* (ע-בענ'-דאנ-אינג) 1. דאס פערלאזען; אוועקווארפונג; 2. פערלאזענדיג.

1. The abandoning of the friends of youth is contemptible.
2. Abandoning all its supplies, the army retreated.

aban'donment *n.* (ע-בענ'-דאנ-מענט) דאס פערלאזען, דאס אויפגעבען, דאס אבטרעטען; דאס פיהרען אן אויסגעלאסענעם לעבען.

abarticula'tion *n.* (עב-אר-טיק-יו-ליי'-שאן) לייכט בעוועגליכע גליעדער־געלענקען.

abase' *v.* (ע-ביים') 1. ערנידעריגען; אראבזעצען; אראבשלאגען פון מוטה; 2. ארונטערקוקען אויף איינעם מיט פעראכטענדע בליקען.

1. Her look abases me. 2. Will she abase me?

abased' *a.* (ע-בייסט') ערנידערט, אראב־געשלאגען פון מוטה.

abase'ment *n.* (ע-ביים'-מענט) דעמו־טיגונג; ערנידעריגונג; נידערשלאגענהייט.

abash' *v.* (ע-בעש') פערשעמען; אין פערלעגענהייט ברייגנען.

abashed' *a.* (ע-בעשט') פערשעהמט; איינגעשראקען, אין פערלעגענהייט.

abash'ing *a.* (ע-בעש'-אינג) פערשעמענ־דיג; שטעלענדיג אין פערלעגענהייט.

abash'ment *n.* (ע-בעש'-מענט) פערלע־גענהיים; בעשטירצונג; פערשעמונג.

aba'table *a.* (ע-ביי'-טעבל) וואס מען קען ארונטערררייסען, אונגילטיג מאכען, צושטערען; אראבזעצען, אומשטויסען.

abate' *v.* (ע-בייט') 1. פערמינדערן; 2. שטילען; ערנידעריגען; אראבשלאגען פון מוטה; 3. ארונטערלאזען [פון פרייז]; אונגילטיג מאכען; מיט אונרעכט אוועק־נעהמען.

1. The evils of bad government can be abated.
3. He will abate from his original demand.

aba'ted *a.* (ע-ביי'-טעד) אבגעהאקט [ווערט מייסטענס געברויכט אין שטיין־הויערייי].

abate'ment *n.* (ע-בייט'-מענט) פערמינ־דערונג; ראבאט; אראבלאזען פון פרייז; רעפיציט; שטערענדער אומשטאנד; גרינג־שעצונג; די בעזיצנעהמונג פון א זאך, אויף וועלכע מען האט קיין רעכט נים; דיא אונגילטיגמאכונג; קאסירונג פון א מישפט, דיא בעזייטיגונג פון אן איבעל.

aba'ter *n.* (ע-ביי'-טער) א פערמינדע־רער; א פערמינערונגס מיטעל; א מיל־דערונגס מיטעל.

ab'atis *n.* (עב'-ע-טים) א באריקאדע פון בוימער מיט די שפיצען נעגען פיינד; א באריקאדע פון שטעכעדיגע דראט.

aba'tor *n.* (ע-ביי'-טאר) א מענש וואס נעהמט עפעס צו מיט אונרעכט, אדער וואס ירש'ענט מיט אונרעכט.

ab'attis *n.* (עב'-ע-טיס) באריקאדע פון בוימער מיט דיא שפיצען נעגען פיינד, א באריקאדע פון שטעכעדיגע דראט.

abattoir' *n.* (ע-בע-טו-אר') א שלאכטהויז.

abb *n.* (עב) [גארען] אזא זארט פאדים ביים וועבען; אזא זארט וואלענשטאף.

ab'ba *n.* (עב'-ע) א פאטער.

ab'bacy *n.* (עב'-ע-סי) די אמט פון אן אויפזעהער איבער א קלויסטער אדער מאנאסטיר.

abba'tial *a.* (עב-איי'-שעל) וואס איז שייך צו אן אויפזעהער פון א קלויסטער אדער מאנאסטיר.

ab'bé *n.* (עב'-איי) אן אויפזעהער, אדער א הויפט פון א קלויסטער אדער מאנאסטיר.

ab'bess *n.* (עב'-עס) אן אויפזעהערין איבער א קלויסטער פון מאנאשקעס.

ab'bey *n.* (עב'-ע) א קלויסטער, א מאנאסטיר.

ab'bey-lout *n.* (עב'-ע-לאוט) א דומער יונג.

ab'bey-lub'ber *n.* (עב'-ע-לאב'-ער) א דיקער, פוילער מאנאך.

ab'bot *n.* (עב'-אט) א קלויסטער-אויפזעהער [א גייסטליכער וואס האט צו זאגען איבער א מאנאסטיר].

ab'bot-gen'eral *n.* (עב'-אט-דזשענ'-ע-רעל) דער הויפט-אויפזעהער פון די קלויסטערס אדער מאנאסטירען פון א מאנאכען ארדען.

ab'bot in commen'dam (עב'-אט אין קא-מענ'-דעם) א פריוואט פערזאן, וואס האט דעם טיטול פון א קלויסטער אויפזעהער.

ab'botship *n.* (עב'-אט-שיפ) דער אמט פון א קלויסטער אויפזעהער.

abbre'viate *v.* (ע-ברי'-ווי-אייט) אבקירצען; מאכען קירצער, שרייבען מיט ראשי תבות.

abbre'viated *a.* (ע-ברי'-ווי-איי-טעד) אבגעקירצט, געשריבען מיט ראשי תבות.

abbre'viately *adv.* (ע-ברי'-ווי-אייט-לי) אין קורצען.

abbre'viation *n.* (ע-ברי'-ווי-איי-שאן) אבקירצונג; ראשי תבות.

N. Y. is an **abbreviation** of New York.

abbre'viator *n.* (ע-ברי'-ווי-איי-טאר) אן אבקירצער [איינער וואס פערקירצט וואס אנדערע האבען געשריבען]; א שרייבער אין דעם פאפסט'ס קאנצעליאריע.

abbre'viatory *a.* (ע-ברי'-ווי-איי-טא-רי) אבקירצענדיג.

abbre'viature *n.* (ע-ברי'-ווי-איי-טשור) אבקירצונג, אבקירצונגס-צייכען.

abb'-wool *n.* (עב'-הוואול) אזא זארט דינער וואלען-שטאף.

a-b-c *n.* (איי-בי-סי) דאס א-בע-צע, אז-בוקע.

ab'dicable *a.* (עב'-די-קעבל) וואס קען אבגעזאגט ווערען, וואס דארף אבדאנקען; וואס קען אראבגעזעצט ווערען.

ab'dicant *n.* (עב'-די-קענט) איינער וואס זאגט זיך אב פון אן אמט; א קעניג וואס זאגט זיך אב פון טראהן; איינער וואס פערשטויסט זיינע קינדער.

ab'dicate *v.* (עב'-די-קייט) אבזאגען; אבדאנקען; אויסשליסען [פון פאמיליע]; זיך צוריקציהען; רעזיגנירען.

Abdul-Hamid **abdicated** the throne of Turkey to his brother.

ab'dicated *a.* (עב'-די-קיי-טעד) אבגעדאנקט, אבגעזאגט זיך פון טראהן.

abdica'tion *n.* (עב-די-קיי'-שאן) ענטזאגונג; דאס אבזאגען זיך פון אן אמט, דאס אבזאגען זיך פון טראהן.

The **abdication** of the king of Servia pleased his subjects.

ab'dicative *a.* (עב'-די-קיי-טיוו) וואס פעראורזאכט דאס אבזאגען זיך אדער אבדאנקען פון אן אמט.

ab'dicator *n.* (עב'-די-קיי-טאר) איינער וואס זאגט זיך אב; איינער וואס דאנקט אב פון אן אמט.

abdo'men *n.* (עב-דאו'-מען) דאס אונטערלייב, בויך.

abdom'inal *a.* (עב-דאמ'-אי-נעל) וואס נעהערט צום אונטערלייב; וואס נעהערט צום בויך.

abdom'inal aor'ta (עב-דאמ'-אי-נעל איי-אר'-טא) דער גרויסער פולסאדער וואס געהט דורך'ן בויך און פערצווייגט זיך אין צוויי קלענערע פולסאדערען, וועלכע געהען אריין אין די פיס.

ז. איל. *"Bloodvessels of the Human Body"*

Abdomina'les *n.* (עב-דאמ-אי-ניי'-ליז) פיש מיט פלוספעדערען אויפ'ן בויך.

abdom'inally *adv.* (עב-דאמ'-אי-נעל-אי) אויף אדער ארום דעם בויך.

abdom'inal re'gions (עב-דאמ'-אי-נעל רי'-דזשאנז) די בויך-געגענדען [די פערשיעדענע טיילען פון בויך ווי זיי ווערען איינגעטיילט אין דער אנאטאמיע].



Abdominal Regions

abdom'inal respira'tion (עב-דאמ'-אי-נעל רעס-פי-ריי'-שאן) א טיעפעס אטהעמען, ביי וועלכען עס בעמערקט זיך א בעוועגונג פון בויך.

abdom'inal ring (עב-דאמ'-אי-נעל רינג) אן אינערליכע עפענונג אין דער בויך וואנד נעבען דיך [ירך], וואו דיא געשלעכטליכע טיילען געהען דורך.

abdom'inous *a.* (עב-דאמ'-אי-נאס) וואס אז שייך צום אונטערלייב, צום בויך; א דיק-בייכיגער.

abdu'cent *a.* (עב-דיו'-סענט) אבציהענדיג [א מעדיצינישער אויסדרוק].

Abducent muscles.

abduct' *v.* (עב-דאקט') אבציהען, אבווענדען; אוועקפיהרען א מענשען מיט געוואלד; אוועקרויבען א מענשען.

abduc'tion *n.* (עב-דאק'-שאן) דאס אוועקרויבען א מענשען; א ביין-ברוך אין געלענק, די טהעטינקייט פון די אבציהענדע מוסקלען; די פאדערונג פון אן אנדער בעוויז.

abduc'tor *n.* (עב-דאק'-טאר) דער אבציה-מוסקעל; דער אוועקפיהרער, דער אוועקרויבער.

abeam' *adv.* (ע-ביעם') קווער, פאפעריק [ביי שיפען].

abear' *v.* (ע-בעהר') אריבערטראגען; דולדען.

abeceda'rian *n.* (איי-בי-סי-דיי'-רי-ען) אן אלף-בית מלמד, א מקרי דרדקי; אן אלף-בית אינגעל; אן אלף-בית, אן א-בע-צע.

abed' *adv.* (ע-בעד') אין בעט, צו בעט.

To be **abed** early, makes one rise betimes.

abele' *n.* (ע-ביל') דער ווייספאפעל [אזא בוים וואס האט ווייסע בלעטער און צווייגען].

a'belmosk *n.* (איי'-בעל-מאסק) ביזעם-קערנער, ביזעמבוים [א קליין בוימעל מים בעשטענדיג גרינע בלעטער. אויף איהם וואקסען אזעלכע שמעקעדיגע קערנער, וואס ווערען געברויכט אין פארפיום].

a'bel-tree *n.* (איי'-ביל-טרי) ווייספאפעל [אזא בוים, וואס האט ווייסע בלעטער און צווייגען].

aber'devine *n.* (ע-בויר'-דע-וואין) דער טשיזשיק [אזא קליין פויגעלע].

Aberdevine

aberr' *v.* (עב-אויר') ארומוואנדערען, בלאנדזשען.

aber'rance *n.* (עב-ער'-ענס) אן אירטום, א טעות; דאס בלאנדזשען, דאס אראבגעהן פון דרך הישר.

aber'rancy *n.* (עב-ער'-ענ-סי) אן אירטום, א טעות; דאס אראבגעהן פון דרך הישר; דאס בלאנדזשען.

aber'rant *a.* (עב-ער'-ענט) אבווייכענדיג, בלאנדזשענדיג; וואס בלאנדזשעט, וואס געהט אראב פון דרך הישר, נישט נארמאל.

aber'rate *v.* (עב-ער'-אייט) וואנדערען, בלאנדזשען; אראבגעהן פון גלייכען וועג.

aberra'tion *n.* (עב-ער-איי'-שאן) 1. דאס בלאנדזשען, דאס אראבגעהן פון דרך הישר; די אבווייכונג פון אמת אדער פון דער נאטירליכקייט; 2. די שיינבארע בעוועגונג פון די אונבעוועגליכע הימעלסקערפער; 3. די צושפרייטונג פון די ליכטשטראהלען אין א שפאקטיוו.

1. He suffered from an **aberration** of the mind.

aberra'tional *a.* (עב-ע-ריי'-שאנ-על) וואס בלאנדזשעט, וואס אירט זיך.

aberra'tion of in'tellect (עב-ער-איי'-שאן אוו אינ'-טע-לעקט) אירזין, משוגעת.

aberun'cator *n.* (עב-אויר-אנ'-קיי-טאר) אזא גראב-אייזען צום אויסראטען גראז פון אן ארט; אזא גארטען-שער אבצושערען צווייגען פון בוימער.

abet' *v.* (ע-בעט') אנהעצען; אנרייצען, ערמוטיגען צו טהאן עפעס שלעכטס.

He was aided and **abetted** in the crime.

abet'ment *n.* (ע-בעט'-מענט) דאס צוהעלפען; די אנצייגונג; דאס העצען; ערמוטיגונג, אונטערשטיצונג; לייסטונג.

abet'ting *n.* and *a.* (ע-בעט'-אינג) 1. דאס צוהעלפען, די אנרייצונג, דאס העצען; 2. צוהעלפענדיג, אנרייצענדיג, אנהעצענדיג.

1. Aiding and **abetting** criminals is punished as a crime. 2. Corrupt officials are often **abetting** criminals.

abet'tor *n.* (ע-בעט'-אר) אנרייצער;

מיט־שולדינגער [אין ראטה, ניט אין טהאט]; אונטערשטיצער; איינער וואס ערמוטיגט צו בעגעהן א פערברעכען.

abevacua'tion *n.* (עב-ע-ווע-קיו-איי'-שאן) טיילווייזע אויסלעדיגונג [מעדיצינישער אויסדרוק].

ab ex'tra (עב עקס'-טרא) פון אויסווענינ.

abey'ance *n.* (ע-ביי'-ענס) 1. די געריכטליכע אבהאלטונג פון א ירושה ביז מען געפינט דעם ריכטיגען יורש; אבווארטונג; 2. אונגעוויסהייט, צווייפעל, דאס צווייפלען פון א ריכטער ווי ארויסצוגעבען זיין אורטייל.
2. The decision of the judge is still in **abeyance**.

abhor' *v.* (עב-האר') פעראבשייען, האסען; מיט פעראכטונג ענטזאגען.
The modern age **abhors** war.

abhor'rence *n.* (עב-האר'-ענס) פעראבשייאונג, האס; פעראכטונג.
We look with **abhorrence** at a murderer.

abhor'rency *n.* (עב-האר'-ענ-סי) פעראבשייאונג, פעראכטונג.

abhor'rent *a.* (עב-האר'-ענט) פעראבשייענד, האסענד.

abhor'rently *adv.* (עב-האר'-ענט-לי) אבשייליך, עקעלדיג.

abhor'rer *n.* (עב-האר'-ער) א פעראבשייער, א פעראכטער.

abhor'rible *a.* (עב-האר'-איבל) פעראכטונגסווערטה.

abhor'ring *n. and a.* (עב-האר'-אינג) די פעראכטונג, די פעראבשייאונג; פעראכטענדיג.

abide' *v.* (ע-באיד') 1. ווארטען; אבשטעלען [אבלעגען אויף שפעטער]; פערבלייבען [אויף א פלאץ]; וואהנען; אויסווארטען; 2. האלטען א פערשפרעכען.
1. Let the lady **abide** with us a few days. 2. I shall **abide** by my promise.

abi'der *n.* (ע-באי'-דער) דער בלייבענדער, דער אויסווארטענדער.

abi'ding *a.* (ע-באי'-דינג) 1. וואהנענד, פערבלייבענד; 2. פארטזעצענד.
1. I am **abiding** in this place. 2. My interest in studies is **abiding**.

abi'dingly *adv.* (ע-באי'-דינג-לי) בלייבענדיג, דויערענדיג, וואהנענדיג.

abi'ding-place *n.* (ע-באי'-דינג-פלייס) וואהנונגס־ארט; אויפהאלטונגס־פלאץ.

abiet'ic *a.* (עב-אי-עט'-איק) וואס איז שייך צו א טאנענבוים.

abiet'ic ac'id (עב-אי-עט'-איק עס'-איד) א זויערע געמאכט פון דעם פעך, וואס רינט פון טאנענבוימער.

ab'igail *n.* (עב'-אי-גייל) אן אויפווערטערין; א קאמער־מערכען.

abil'ity *n.* (ע-ביל'-אי-טי) 1. מיטעל; מעגליכקייט; פעהיגקייט; אייגענשאפט; 2. טאלאנט; דאס אימשטאנד זיין אויסצופיהרען א גרויסע אונטערנעהמונג.
1. His financial **ability** is good. 2. He is a man of **ability**.

ab init'io (עב אי-ניש'-אי-או) פון אנהויב.

abintes'tate *a.* (עב-אינ-טעס'-טייט) שטארבענדיג אהן א צוואה.

ab in'tra (עב אינ'-טרא) פון אינוועניג.

abiogen'esis *n.* (עב-אי-או-דושענ'-ע-סיס) דאס ענטשטעהן, בעשאפען ווערען פון זיך אליין [דאס ענטשטעהן פון לעבען פון ניט לעבעדיגע שטאף].

abiolog'ical *a.* (עב-אי-א-לאדוש'-איק-על) וואס איז שייך צו שטאף, וואס קומט ניט פון לעבעדיגע בעשעפענישען.

ab'ject *a.* (עב'-דושעקט) געמיין, נידריג, אונטערטעניג, פערעכטליך, נידערטרעכטיג, פערווארפען, אונטערווארפען
Benedict Arnold ended his days in **abject** poverty.

abject'edness *n.* (עב-דושעקט'-עד-נעס) געמיינהייט, נידערטרעכטיגקייט; ערנידערונג, אונטערטעניגקייט.

abjec'tion *n.* (עב-דושעק'-שאן) געמיינהייט, נידערטרעכטיגקייט, ערנידערונג, אונטערטעניגקייט.

ab'jectly *adv.* (עב'-דושעקט-לי) נידערטרעכטיג, פערעכטליך, געמיין, פערווארפען.

ab'jectness *n.* (עב'-דושעקט-נעס) געמיינהייט, נידערטרעכטיגקייט, ערנידערונג, אונטערטעניגקייט.

abju'dicate *v.* (עב-דושו'-די-קייט) געריכטליך ענטשיידען געגען—, געריכטליך אבנעהמען דאס אייגענטום.
alu'mina *n.* (ע-ליו'-מי-נע) אלומיניום אקסיד [א כעמישע פערבינדונג פון אלומיניום מיט זויערשטאף, געפינט זיך אין ליים ערד].

alu'minate *n. and v.* (ע-ליו'-מי-נייט) דאס אלומינאט [א כעמישע פערבינדונג מיט אלומיניום]; ווייקען אין אלומיניום; בעהאנדלען מיט אלומיניום.

alumin'ic *a.* (על-יו-מינ'-איק) וואס ענטהאלט אדער וואס איז שייך צו אלומיניום.

aluminif'erous *a.* (ע-ליו-מי-ניפ'-ע-ראס) וואס ענטהאלט אדער וואס גיט ארויס אלומיניום.

alumin'iform *a.* (על-יו-מינ'-אי-פארם) וואס איז עהנליך צו אלומיניום; וואס איז עהנליך צו אלוין.

alu'minite *n.* (ע-ליו'-מי-נאיט) אלומיניט [ריינער ליים].

alumin'ium *n.* (על-יו-מינ'-אי-אם) אלומיניום [א ווייסער לייכטער מעטאל, וועלכער געפינט זיך אין ליים־ערד].

alumin'ium bronze (על-יו-מינ'-אי-אם בראנז) א מעטאל־לעגירונג וואס בעשטעהט פון 9 טיילען קופער און 1 טייל אלומיניום.

alumin'ium sil'ver (על-יו-מינ'-אי-אם סיל'-ווער) אלומיניום־זילבער [אלומיניום מיט א צומישונג פון א גאנץ קליינעם טייל זילבער, אן ערך 3 פראצענט. דאס אלומיניום בעקומט דאן דעם קאליר און דעם גלאנץ פון עכטען זילבער].

alu'minous *a.* (ע-ליו'-מי-נאס) וואס ענטהאלט אין זיך אלוין.

alu'minum *n.* (ע-ליו'-מי-נאם) ז. *aluminium*

al'umish *a.* (על'-אם-איש) אלוין־ארטיג.

alum'na *n.* (ע-לאמ'-נע) א געוועזענע שילערין; א פרוי וואס האט געענדיגט א בילדונגס־אנשטאלט.

alum'nal *a.* (ע-לאמ'-נעל) וואס איז שייך צו א געוועזענעם שילער פון א שוהל, צו אזעלכען וואס האט שוין געענדיגט.

alum'ni *n.* (ע-לאמ'-ני) שילער פון א שוהל, בעזאנדערס וועלכע האבען שוין געענדיגט.

alum'niate *n.* (ע-לאמ'-ני-אייט) די צייט וואס מען האלט זיך נאך אין לערנען [ווי א מלאכה אדער פראפעסיאן], די לעהר־צייט.

alum'nus *n.* (ע-לאמ'-נאס) א געוועזענער שילער, סטודענט; א געענדיגטער פון א בילדונגס־אנשטאלט.

al'um-rock *n.* (על'-אם-ראק) אזא מינעראל פון א גרויען אדער העל־געלבען קאליר.

al'um-stone *n.* (על'-אם-סטאון) ז. *alum-rock*

alu'ta *n.* (ע-ליו'-טא) אזא זארט ווייכער לעדער.

aluta'ceous *a.* (על-יו-טיי'-שיאס) לעדער־פארביג, ברוין־געלב.

al'veary *n.* (על'-ווי-ע-רי) ביענשטאק; דער חלל פון אויער.

al'veated *a.* (על'-ווי-איי-טעד) וואס האט די פארם פון א ביענשטאק.

alve'olar *a.* (על-ווי'-א-לאר) וואס אנבעלאנגט צו די גריבעלעך אדער פערטיעפונגען אין קערפער; וואס אנבעלאנגט צו די גריבעלעך אין באק־ביין, וואו די צייהנער זיצען.

alveolar'iform *a.* (על-ווי-א-לער'-אי-פארם) וואס האט די פארם פון די צעלען אין האניג־שטיקער ווי זיי זיינען אין ביענשטאק.

alve'olary *a.* (על-ווי'-א-לע-רי) ז. *alveolar*

alve'olate *a.* (על-ווי'-א-לייט) ווי ביענען־צעלען; צעלענפערמיג [די פארם פון קליינע קעמערלעך].

alve'olated *a.* (על-ווי'-א-ליי-טעד) ז. *alveolate*

alveola'tion *n.* (על-ווי-א-ליי'-שאן) דאס זיין געבויט אין צעלען עהנליך צו די וואקס אין א ביענשטאק; דאס האבען צעלען אדער גריבעלעך.

alveol'iform *a.* (על-ווי-אל'-אי-פארם) האבענדיג די פארם פון צעלען אדער גריבעלעך.

alveoloden'tal *a.* (על-ווי-א-לאו-דענ'-טעל) וואס איז שייך צו די צייהנער און צו די גריבעלעך אין וועלכע זיי זיצען.

alve'olus *n.* (על-ווי'-א-לאס) א ביענענצעלע, א קליין קעמערעל, א גריבעלע; די גריבעלעך אין באק־ביין, וואו די צייהנער זיצען.

al'veus *n.* (על'-ווי-אס) א קאנאל אדער רעהרעל דורך וועלכען עס פליסט א פליסיגקייט [א מעדיצינישער אויסדרוק].

al'vine *a.* (על'-ווין) וואס אנבעלאנגט צום אונטערלייב [צום בויך אדער געדערים].

al'way *adv.* (אהל'-הוויי) אימער, שטענדיג, אלע מאל.

al'ways *adv.* (אהל'-הוויין) אימער, שטענדיג; כסדר; אלע מאל.

al'ysm *n.* (על'-איזם) די אונרוהיגקייט ביי א קראנקען.

Alys'sum *n.* (ע-ליס'-אם) א מין פלאנצען, וועלכע געהערען צו דער פאמיליע פון זענעפט־פלאנצען, האבען ווייסע אדער געלבליכע בליהונג.

A. M. ראשי תבות פון די ווערטער: *ante meridiem* פאר מיטאג־צייט. ווערט בענוצט אלס א בעצייכנונג פאר דער צייט פון 12 ביינאכט ביז 12 מיטאג־צייט. צ. ב. *10 A. M.* [צעהן אין דער פריה].

am (עם) ביז. ז. *be*
I am your friend

am'adou *n.* (עמ'-ע-דו) דער צונדער־שוואם [אזא שוואם וואס ווערט געברויכט צו מאכען פייער].

amain' *adv.* (ע-מיין') העפטיג, שטארק; מיט דער גאנצער קראפט; מיט געוואלט; פלוצליך, שנעל.

amal'gam *n.* (ע-מעל'-געם) אמאלגאם [א צוזאמענשמעלצונג פון קוועק־זילבער מיט אן אנדער מעטאל]; מישונג, צונויפמישונג.

amal'gamable *a.* (ע-מעל'-גע-מעבל) וואס קען אמאלגאמירט ווערען; וואס קען צונויפגעמישט ווערען.

amal'gamate *v.* (ע-מעל'-גע-מיים) אמאלגאמירען [צונויפמישען קוועקזילבער מיט אן אנדער מעטאל]; מישען, צונויפמישען, פערבינדען, פעראייניגען.

amalgama'tion *n.* (ע-מעל-גע-מיי'-שאן) די אמאלגאמירונג; צונויפמישונג פון קוועקזילבער מיט אן אנדער מעטאל; די פערמישונג פון ראסען; די פערבינדונג.

amal'gamative *a.* (ע-מעל'-גע-מיי-טיוו) וואס האט די נייגונג אדער פעהיגקייט זיך צו פערמישען; פערמישונגס־פעהיג.

amal'gamator *n.* (ע-מעל'-גע-מיי-טאר) איינער וואס נעהמט אנטייל אין א פערשמעלצונג אדער פעראייניגונג פון געשעפטליכע אונטערנעהמונגען; א מאשין וואס אמאלגאמירט מעטאלען מיט קוועקזילבער.

amanuen'sis *n.* (ע-מענ-יו-ענ'-סיס) איינער וועלכער שרייבט וואס דער אנדערער דיקטירט; אן איבערשרייבער; א סעקרעטער ביי א געלעהרטען.

am'aranth *n.* (עמ'-ע-רענטה) די סאמעט־בלום; א פורפור־רויטליכע פארב; א פלאנץ וואס פערוויאנעט קיינמאל נים.

amaran'thine *a.* (עמ-ע-רענ'-טהין) פורפור־רויטליך; אונשטערבליך; וואס אנבעלאנגט צו דער אמאראנט סאמעט־בלום. ז. *amaranth*

amar'ulence *n.* (ע-מער'-יו-לענס) די ביטערקייט.

amaryl'lis *n.* (עם-ע-ריל'-איס) די נארציס־ליליע [אזא בלום].



Amaryllis

amass' *v.* (ע-מעס') אנקלייבען, צונויפזאמלען.
The merchant amassed a fortune.

amas'sable *a.* (ע-מעס'-עבל) וואס מען קען צונויפזאמלען אדער אנקלייבען.

amas'ser *n.* (ע-מעס'-ער) איינער וואס זאמעלט אן.

amas'sment *n.* (ע-מעס'-מענט) הויפען, קופע; אנקלייבונג, אנזאמלונג.

amate' *v.* (ע-מיים') זיך חבר'ען, קאמפאנירען; דערשרעקען; אבשרעקען.

am'ateur *n.* (עמ'-ע-טיור) א דילע־

טאַנט, ניט קיין פאכמאַן, ניט קיין פּראָפע־
סיאָנעלער; אַ קונסטליעבהאָבער, וואָס די
קונסט איז ניט זיין פּראָפעסיע.

amateur'ish *a.* (עמ'-ע-טיור'-איש) די־
לעטאַנטיש, ניט פּראָפעסיאָנעל, ניט פאכ־
מעסיג.

am'ateurism *n.* (עמ'-ע-טיור-איזם)
דילעטאַנטיזם, ניט פאכמעסיגקייט, קונסט־
ליעבעריי.

am'ateurship *n.* (עמ'-ע-טיור-שיפּ)
דילעטאַנטיזם. ז. *amateur*

am'ative *a.* (עמ'-ע-טיוו) ליעבענד [גע־
שלעכטליך].

am'ativeness *n.* (עמ'-ע-טיוו-נעס) די
נייגונג צו געשלעכטליכע ליעבע, ליידענ־
שאַפט.

amato'rial *a.* (עמ-ע-טאָו'-רי-על) וואָס
בעלאַנגט צו געשלעכטליכע ליעבע, ליידענ־
שאַפטליך.

amato'rian *a.* (עמ-ע-טאָו'-רי-ען)
ז. *amatorial*

amato'rious *a.* (עמ-ע-טאָו'-רי-אָס)
ז. *amatorial*

am'atory *a.* (עמ'-ע-טאָ-רי) וואָס ער־
וועקט געשלעכטליכע ליעבע אָדער ליי־
דענשאַפט; געניינט צו ליעבע.

am'atory po'tion (עמ'-ע-טאָו-רי
פּאָו'-שאָן) אַ ליעבעס־טרונק.

amauro'sis *n.* (עמ-אָ-ראָו'-סיס) די ליכ־
טיגע שטאַר [בלינדקייט, וואָס איז ניט
צום בעמערקען אויף די אויגען].

amaurot'ic *a.* (עמ-אָ-ראָט'-איק) וואָס
האָט די ליכטיגע שטאַר; וואָס אַנבעלאַנגט
צו די ליכטיגע שטאַר

amaze' *n. and v.* (ע-מייז') דערשרעקען;
איבעררעשען, ערשטוינען, בעטויבען, צו־
טומלען; דערשרעקונג, ערשטוינונג, אי־
בעררעשונג, פערוואונדערונג.

amazed' *a.* (ע-מייזד') ערשטוינט, אי־
בעררעשט, בעטויבט, צוטומעלט.

amazed' at (ע-מייזד' עט) ערשטוינט
איבער עפּעס.

ama'zedly *adv.* (ע-מיי'-זעד-לי) מיט
ערשטוינען; צוטומעלטערהייט.

ama'zedness *n.* (ע-מיי'-זעד-נעס) דאָס
דערשרעקען, דאָס ערשטוינען; פערוואונ־
דערונג; איבעררעשונג, צוטומלונג.

amaze'ment *n.* (ע-מייז'-מענט) דאָס
דערשרעקען, דאָס ערשטוינען, איבעררא־
שונג, פערוואונדערונג, צוטומלונג.

He listened with **amazement** at the accusation.

ama'zing *a.* (ע-מיי'-זינג) ערשטויני־
ליך, דערשרעקענד, איבעררעשענד, וואונ־
דערבאַר.

The stories of Chinese cruelty are **amazing**.

ama'zingly *adv.* (ע-מיי'-זינג-לי) אויף
אַן איבעררעשענדען, ערשטוינענדען אָדער
וואונדערבאַרען אופן.

Am'azon *n.* (עמ'-ע-זאָן) די אַמאַזאָנע
[אַ קריעגעריין אָדער יענעריין אין גריכי־
שער מיטאָלאָגיע]; אַ כוואַטסקע נקבה;
דער אַמאַזאָנען־טייך.

Amazo'nian *a.* (עמ-ע-זאָו'-ני-ען)
וואָס אַנבעלאַנגט צו דעם אַמאַזאָנען־טייך;
אַמאַזאָנען־האַפט, קריעגעריש.

Amazo'nian chin (עמ-ע-זאָו'-ני-ען
טשין) אַ מאָרדע אָהן אַ באָרד.

am'bage *n.* (עמ'-ביידזש) אַן אומוועג,
אַ ניט גלייכער וועג; דאָס דרעהען זיך,
דאָס זיין ניט קלאָר [אין ריידען].

ambas'sador *n.* (עם-בעס'-ע-דאָר) גע־
זאַנדטער [געשיקטער פון אַ רעגיערונג
זי צו פערטרעטען ביי אַן אַנדער רע־
גיערונג].

ambassado'rial *a.* (עם-בעס-ע-דאָו'-
רי-על) געזאַנדשאַפטליך, וואָס איז שייך
צו אַ געזאַנדטען. ז. *ambassador*

ambas'sadress *n.* (עם-בעס'-ע-דרעס)
אַ געזאַנדטערין; די פרוי פון אַ געזאַנד־
טען. ז. *ambassador*

am'ber *n. and a.* (עָמ'-בער) בערנשטיין
[בורשטין]; בערנשטיינאַרטיג; בערנ־
שטיין קאָליר, גאָלד־געלב; געמאַכט פון
בערנשטיין.

am'ber-beads *n.* (עמ'-בער-ביעדז)
בורשטינענע קאָרעלען.

am'ber-col'ored *a.* (עמ'-בער־קאָל'-
אָרד) בורשטין־קאָליר; העל־בלאַנד, גאָלד־
געלב.

am'bergris *n.* (עמ'-בער-גרים) דער
אַמבער [אַזאַ שמעקעדיגער וואַקס וואָס
געפינט זיך אין די געדערעם פון אַ גע־וווי־
סען וואַלפיש אין דעם אינדישען אָקעאַן.
דיעזער וואַקס ווערט בענוצט צו מאַכען
פּאַרפיום].

am'ber-seed *n.* (עמ'-בער-סיעד) ביזאַם־
קערנער [אַזאַ שמעקעדיגער קערענדעל].

am'ber-tree *n.* (עמ'-בער־טריע) אַמבראַ־
בוימעל [אַזאַ קליין בוימעל וואָס וואַקסט
אין דרום אַפריקאַ וועלכער האָט אימער
גרינע בלעטער און אַ שטאַרק שמעקעדיגען
ריח].

am'ber-var'nish *n.* (עמ'-בער־וואַר'-
ניש) בורשטין־לאַק [אַזאַ לאַק געמאַכט
פון אַ געוויסען בוימער פעך].

ambidex'ter *n.* (עמ-בי-דעקס'-טער)
איינער וואָס קען אַרבייטען מיט דער לינ־
קער האַנד אַזוי גוט ווי מיט דער רעכ־
טער; צוויי־פּנים'דיגער; איינער וואָס
דרעהט זיך אויף אַלע זייטען; אַ געריכטס־
געשוואָרענער וואָס נעהמט געלד פון ביידע
צדדים.

ambidexter'ity *n.* (עמ-בי-דעקס-
טער'-אי-טי) דאָס קענען בענוצען די
רעכטע און די לינקע האַנד מיט דערזעל־
בער געשיקטקייט; צוויי־פּנים'דיגקייט; דאָס
נעהמען געלד פון ביידע צדדים [ווענען אַ
געריכטס־געשוואָרענעם].

ambidex'trous *a.* (עמ-בי-דעקס'-טראָס)
וואָס קען אַרבייטען מיט דער לינקער האַנד
אַזוי גוט ווי מיט דער רעכטער; צוויי־
פּנים'דיג; נעהמענדיג געלד פון ביידע
צדדים [ווענען אַ געריכטס־געשוואָרענעם].

ambidex'trously *adv.* (עמ-בי-דעקס'-
טראָס-לי) מיט ביידע הענד, מיט דער לינ־
קער האַנד גלייך ווי מיט דער רעכטער;
צוויי־פּנים'דיג; דיענענדיג ביידע צדדים,
נעהמענדיג געלד ביי ביידע צדדים [ווע־
גען אַ געריכטס־געשוואָרענעם].

ambidex'trousness *n.* (עמ-בי-דעקס'-
טראָס-נעס) ז. *ambidexterity*

am'bient *n. and a.* (עמ'-בי-ענט) דרע־
הען זיך אין דער רונד; אַרומרינגלענדיג
פון אַלע זייטען; עטוואָס וואָס דרעהט זיך,
וואָס רינגעלט אַרום.

ambigu'ity *n.* (עמ-בי-גיו'-אי-טי) דאָ־
פּעלזין; צווייטייטיגקייט, צווייפעלהאַפ־
טיגקייט; אונגעוויסהייט; אונבעשטימט־
הייט; ספק.

ambig'uous *a.* (עמ-ביג'-יו-אָס) צוויי־
דייטיג, דאָפּעלזיניג; צווייפעלהאַפט; אונ־
זיכער, אונבעשטימט.

ambig'uously *adv.* (עמ-ביג'-יו-אָס-לי)
אויף אַ צווייטייטיגען, אונבעשטימטען
אופן.

ambig'uousness *n.* (עמ-ביג'-יו-אָס-
נעס) ז. *ambiguity*

am'bit *n.* (עמ'-ביט) גרענעץ; אומפאַנג,
אומקרייז.

ambi'tion *n.* (עם-ביש'-אָן) אַמביציאָן;
דאָס שטרעבען; דאָס יאָגען זיך נאָך עפּעס.

The **ambition** to get an education can easily be realized in America.

ambi'tionless *a.* (עם-ביש'-אָן-לעס)
אָהן אַמביציאָן. ז. *ambition*

ambi'tious *a.* (עם-ביש'-אָס) שטרעבזאַם
צו דערהויבען זיך אויף אַ הויכע שטופע;
בעגיריג; אַמביציעז.

ambi'tiousness *n.* (עם-ביש'-אָס-נעס)
דאָס בעזיצען אַמביציאָן. ז. *ambition*

ambi'tious of (עם-ביש'-אָס אָוו)
שטרעבען נאָך...

am'bitus *n.* (עמ'-בי-טאָס) די אומגע־
רעכטע בעוועהרבונג פון אַן אַמט אין אַל־
טען רוים; אומפאַנג, אומקרייז, ראַנד.

am'ble *n. and v.* (עמ'בל) אַ גלאַטעס
לאַנגזאַמעס לויפען פון אַ פערד, אַ זאַנפ־
טער גאַנג, ניט שפּרינגענדיג; זאַנפט, ניט
שפּרינגענדיג לויפען.

am'ble one (עמבל הוואָן) אימעצענס
גאַנג נאָכמאַכען.

am'bler *n.* (עמ'-בלער) אַ פערד, וואָס
לויפט גלאַט, זאַנפט, ניט שפּרינגענדיג;
איינער, וואָס האָט אַ גלאַטען גאַנג.

am'bling *a.* (עמ'-בלינג) גלאַט לויפענדיג,
זאַנפט לויפענדיג אָהן צו שפּרינגען.

am'blingly *adv.* (עמ'-בלינג-לי) מיט אַ
לייכטען זאַנפטען גאַנג.

am'bling nag (עמ'-בלינג נעג) אַ פערד,
וואָס לויפט גלאַט, וואָס לויפט זאַנפט, ניט
שפּרינגענדיג.

am'blygon *n. and a.* (עמ'-בלי-גאָן) אַ
שטומפּפווינקעלדיגער דרייעק [אַ געאָמעט־
רישע דרייעקיגע פיגור, ביי וועלכער איי־
נער פון די דריי ווינקעל איז גרעסער פון
90 גראַד]; שטומפּפווינקעלדיג.

amblyg'onal *a.* (עם-בליג'-אָ-נעל)
שטומפּפווינקעלדיג. ז. *amblygon*

amblyo'pia *n.* (עם-בלי-אָו'-פּי-אַ)
אַ שוואַכע ראיה; האַלבע בלינדקייט [אָהן
מערקבאַרע ענדערונגען אין דעם געבוי פון
די אויגען].

amblyop'ic *a.* (עם-בלי-אָפּ'-איק) וואָס
אַנבעלאַנגט צו אַ שוואַכע ראיה; האַלב
בלינד.

am'blyopy *n.* (עמ'-בלי-אָ-פּי)
ז. *amblyopia*

am'bo *n.* (עמ'-באָ) אַן עמוד, וועלכער
פלעגט געברויכט ווערען אין פּאַרצייטיגע
קירכען, ביי וועלכען דער גלח פלעגט האַל־
טען זיינע דרשות.

am'bon *n.* (עמ'-באָן) ז. *ambo*

ambro'sia *n.* (עמ-בראָו'-זשיאַ) אַמ־
בראָזיע; געטער־שפּייז [אין דער גריכי־
שער מיטאָלאָגיע], געשמאַקע שפּייז,
עפּעס געשמאַקעס.

ambro'sial *a.* (עמ-בראָו'-זשיעל) שמע־
קענד, אַמבראָזיש; זעהר געשמאַק.

ambro'sian *a.* (עמ-בראָו'-זשיען)
ז. *ambrosial*

am'bry *n.* (עמ'-ברי) אַ שפּייז־אַלמער,
אַ שפּייז־קאַמער, אַן אַבלעג־קאַמער; אַן
אָרימען־הויז, הקדש.

am'bulance *n.* (עמ'-ביו-לענס) אַמבו־
לאַנץ; אַ האָספּיטאַל־וואַגען; אַ קראַנקען־
וואַגען.

am'bulant *a.* (עמ'-ביו-לענט) אַרומשפּאַ־
ציערענדיג, אַרומגעהענדיג פון אָרט צו
אָרט.

am'bulate *v.* (עמ'-ביו-לייט) אַרומשפּאַ־
ציערען, אַרומגעהן פון אָרט צו אָרט.

ambula'tion *n.* (עמ-ביו-ליי'-שאָן) דאָס

ארומגעהן פון איין ארט צום אנדערען, דאס ארומשפאציערען.

am'bulator *n.* (עמ'-ביו-ליי-טאר) א שפאציערגעהער, אן ארומגעהער

am'bulatory *a.* (עמ'-ביו-ליי-טא-רי) ארומשפאציערענדיג, ארומגעהענדיג, ארומוואנדלענדיג, האבענדיג די טבע ארומצוואנדלען.

ambur'bial *a.* (עמ-בויר'-בי-על) ארומגעהענדיג ארום א שטאדט; ארומקרייזענדיג א שטאדט.

am'bury *n.* (עמ'-בע-רי) אזעלכע בראדאווקעס ביי בהמות; א געוויסע קראנקהייט ביי פלאנצען, וועלכע פערדארבט זייערעווארצלען.

ambuscade' *n. and v.* (עמ-באס-קייד') א בעהעלטעניש [הינטער א קוסטארניק]; זיך בעהאלטען, אום צו קענען אנפאלען אויף אימעצען; בעפאלען אימעצען פון א בעהעלטעניש.

am'bush *n. and v.* (עמ'-באש) א לויערונגס-ארט; דאס ליגען אין א לויערונגס-ארט; דער אנפאל אויף אימעצען פון א לויערונגס-ארט; אן אבטיילונג סאלדאטען, וואס ליגענט אין א לויערונגס-ארט; אנפאלען אויף אימעצען פון א לויערונגס-ארט; זיך בעהאלטען אין אן ארט צום לויערען.

They lay in ambush for the enemy.

am'bushed *a.* (עמ'-באשט) פערשטעקט אין א בעהאלטענעם ארט, אין א לויערונגס-ארט.

ame'ba *n.* (ע-מי'-בע) אמעבא. ז. *amœba*

ame'boid *n. and a.* (ע-מי'-באיד) אן אמעבא; וואס איז ענליך צו אן אמעבא. ז. *amœba*

ameer' *n.* (ע-מיער') עמיר [א מאחמאדאנישער הערשער אדער פרינץ]; דער הערשער פון אפגאניסטאן.

am'el-corn *n.* (עמ'-על-קארן) אזא מין זומער ווייץ.

ame'liorable *a.* (ע-מי'-ליא-רייבל) וואס קען פערבעסערט ווערען.

ame'liorate *v.* (ע-מי'-ליא-רייט) פערבעסערען; אויסבעסערען; ווערען בעסער.

The problem of our times is to ameliorate the condition of the poor.

ameliora'tion *n.* (ע-מי-ליא-ריי'-שאן) פערבעסערונג, אויסבעסערונג.

ame'liorative *a.* (ע-מי'-ליא-ריי-טיוו) וואס פערבעסערט, וואס פעראורזאכט א פערבעסערונג.

An ameliorative medicine.

ame'liorator *n.* (ע-מי'-ליא-ריי-טאר) א פערבעסערער.

a'men *n., adv., int. and v.* (איי'-מען) ריכטיג, וואהר, אמן; דער וואהרער מאן; דאס לעצטע ווארט, דער סוף; ערקלערען פאר ריכטיג; געבען דאס לעצטע ווארט, ענדיגען.

amenabil'ity *n.* (ע-מי-נע-ביל'-אי-טי) פעראנטווארטליכקייט, אונטערווארפענהייט, אבהענגיגקייט; צוגענגליכקייט.

ame'nable *a.* (ע-מי'-נעבל) פעראנטווארטליך, אונטערווארפען, אבהענגיג; צוגענגליך.

ame'nableness *n.* (ע-מי'-נעבל-נעס) ז. *amenability*

ame'nable to a charge (ע-מי'-נעבל טו ע טשארדזש) שטעהן אונטער א קלאגע; טראגען די פעראנטווארטליכקייט פאר א בעשולדיגונג.

amend' *v.* (ע-מענד') אויסבעסערען; פערבעסערען; בעסער ווערען.

amend'able *a.* (ע-מענד'-עבל) פערבעסערליך; וואס קען פערבעסערט ווערען.

amend'ableness *n.* (ע-מענד'-עבל-נעס) דאס האבען די מעגליכקייט פערבעסערט צו ווערען.

amende' *n.* (ע-מענד') א פערגיטיגונג; א געלדשטראף.

amende' hon'orable (ע-מענד' אנ'-א-רעבל) אן עפענטליכע איבערבעטונג.

amen'der *n.* (ע-מענ'-דער) פערבעסערער.

amend'ment *n.* (ע-מענד'-מענט) פערבעסערונג; ענדערונג.

An amendment to the Constitution of the United States will soon be adopted.

amends' *n.* (ע-מענדז') פערגיטיגונג פאר שאדען.

a'men I say (איי'-מען אי סיי) איך בין מסכים, איך בין צופריעדען; איך זאג אמן.

amen'ity *n.* (ע-מענ'-אי-טי) אנגענעהמינקייט, ליעבליכקייט.

am'ent *n.* (עמ'-ענט) קאצענבלום [אזא מין בלום].



Aments

amenta'ceous *a.* (עמ-ענ-טיי'-שיאס) וואס זעהט אויס ווי א קאצענבלום; וואס לאזט וואקסען קאצענבלומען.

amen'tia *n.* (ע-מענ'-שיא) גייסטעסשוואכקייט; אידיאטסטווע

amen'tum *n.* (ע-מענ'-טאם) די קאצענבלום; א שליידער רימען פון א שטיינווארפער.

amerce' *v.* (ע-מורס') בעשטראפען מיט געלד, קנס'ענען.

amer'ceable *a.* (ע-מויר'-סעבל) וואס דארף גע'קנס'ענט ווערען, שטראפבאר.

amerce'ment *n.* (ע-מורס'-מענט) געלד-שטראף, קנס.

amer'cer *n.* (ע-מויר'-סער) א בעשטראפער, איינער וואס קנס'עט.

Amer'ican *n. and a.* (ע-מער'-אי-קען) א בירגער פון די פעראייניגטע שטאאטען; אן אמעריקאנער; אמעריקאניש; וואס איז שייך צו אמעריקא.

Amer'ican gol'den plov'er (ע-מער'-אי-קען גאול'דן פלאוו'-ער) אזא אמעריקאנער וואלד-פויגעל [האט לאנגע פליגלען, א קורצען עק, גאלד-פארביגע פעדערען און לענגליכע פיס]. ז. איל. *"Game Birds"*

Amer'icanism *n.* (ע-מער'-אי-קען-איזם) אמעריקאניזם [א ווארט, פראזע, אדער מנהג, וואס איז כאראקטעריסטיש אמעריקאניש]; אמעריקאנער פאטריאטיזם אדער בירגערשאפט.

Americaniza'tion *n.* (ע-מער-אי-קען-אי-זיי'-שאן) אמעריקאניזירונג.

Amer'icanize *v.* (ע-מער'-אי-קען-איז) אמעריקאניזירען.

Ametab'ola *n.* (עם-ע-טעב'-א-לע) די אינזעקטען, וואס ענדערען ניט זייער געשטאלט, וואס געהען ניט דורך די געוועהנליכע ענטוויקלונגס-שטופען פון אינזעקטען.

ametabo'lian *n. and a.* (ע-מעט-ע-באו'-לי-ען) אן אינזעקט, וואס ענדערט ניט זיין געשטאלט; וואס איז שייך צו אזעלכע אינזעקטען.

am'ethyst *n.* (עמ'-אי-טחיסט) אזא קווארץ-שטיין פון וויאלעט-בלויען פארב [ז. איל. *"Gems"*]; א מין פלאנצע, וועלכע פערטרייבט שכרות.

amethys'tine *a.* (עם-אי-טחיס'-טין) וואס קוקט אויס אזוי ווי דער אמעטהיסט שטיין; וואס האט א העלען וויאלעט קאליר.

amiabil'ity *n.* (איי-מי-ע-ביל'-אי-טי) ליעבענסווירדיגקייט, פריינדליכקייט, גוטמוטיגקייט.

a'miable *a.* (איי'-מי-עבל) ליעבענסווירדיג, פריינדליך, גוטמוטיג.

Sensible people settle their differences in an amiable spirit.

a'miableness *n.* (איי'-מי-עבל-נעס) ליעבענסווירדיגקייט, גוטמוטיגקייט.

a'miably *adv.* (איי'-מי-עב-לי) אויף א ליעבענסווירדיגען אדער גוטמוטיגען אופן.

am'ianth *n.* (עמ'-אי-ענטה) אסבעסט [א מין שטיין, וואס שפאלט זיך אין פעדים, ווערט בענוצט צו מאכען אזא געוואנד, וואס ברענט נים]; געוואנד געמאכט פון אסבעסט.

amian'thiform *a.* (עם-אי-ענ'-טהי-פארם) אסבעסטארטיג, וואס האט די פארם פון אסבעסט. ז. *amianth*

amian'thoid *a.* (עם-אי-ענ'-טהאיד) אסבעסטארטיג; הארפערמיג.

am'ianthus *n.* (עמ'-אי-ענ-טהאס) ז. *amianth*

amian'tiform *a.* (עם-אי-ענ'-טי-פארם) ז. *amianthiform*

amian'toid *a.* (עם-אי-ענ'-טאיד) ז. *amianthoid*

am'iantus *n.* (עמ'-אי-ענ-טאס) ז. *amianth*

amicabil'ity *n.* (עם-אי-קע-ביל'-אי-טי) פריינדליכקייט.

am'icable *a.* (עמ'-איק-עבל) פריינדליך, גוט.

am'icableness *n.* (עמ'-איק-עבל-נעס) ז. *amicability*

am'icably *adv.* (עמ'-אי-קעב-לי) אויף א פריינדליכען אופן.

The dispute was amicably adjusted.

am'ical *a.* (עמ'-אי-קעל) פריינדשאפטליך.

am'ice *n.* (עמ'-אים) אזא ווייסער שפיצען-קאלנער, וואס עס טראגט א קאטוילישער גלח; אזא הויב, וואס קאטוילישע מאנאכען טראגען.

amicro'bic *a.* (עם-אי-קראו'-ביק) וואס איז ניט פעראורזאכט פון מיקראבען [וועגען א קראנקהייט, וואס איז ניט פעראורזאכט פון מיקראבען].

amid' *prep.* (ע-מיד') אין מיטען, צווישען, אונטער.

amid'ships *adv.* (ע-מיד'-שיפס) אין דעם מיטעלפונקט פון א שיף.

amidst' *prep.* (ע-מידסט') ז. *amid*

amir' *n.* (ע-מיר') דער עמיר. ז. *ameer*

amiss' *n., adv. and a.* (ע-מיס') ניט אזוי; ניט צו דער זאך; אונרעכט, פעהלערהאפט, פערקעהרט, שלעכט; אן אונרעכט, אן איבעל; פאלש, ניט אין דער ארדנונג.

amis'sing *a.* (ע-מיס'-אינג) נים זייענדיג אנוועזענד, פעהלענדיג.

am'ity *n.* (עמ'-אי-טי) פריינדשאפט, גוטע בעציהונגען.

am'ma *n.* (עמ'-ע) אן אויפזעהערין פון

א מאנאשקעס קלויסטער [אין גריכישע און סירישע קירכען]; א ברוכגארטעל.

am'man *n.* (עמ'-ען) דער אמאן [א קאנטאן=ריכטער אין דער שווייץ].

am'meter *n.* (עמ'-ע-טער) אן אמפערמעטער [אן אינסטרומענט צו מעסטען די שטארקייט פון אן עלעקטרישען שטראם].

am'mite *n.* (עמ'-איט) דער קארנשטיין [אזא רונדער שטיין].

Am'mon *n.* (עמ'-אן) דער עגיפטישער גאט אמון.

ammo'nia *n.* (ע-מאו'-ני-ע) אמאניאק [אזא גאז], נאשאטיר; שטינק=ספיריטוס [יום=כפור טראפענס].

ammo'niac *n. and a.* (ע-מאו'-ני-עק) וואס אנבעלאנגט צו אמאניאק; אמאניאק=גומי [אזא זאפט פון א בוים, וואס וואקסט אין פערסיען און וועסט אינדיען].

ammoni'acal *a.* (ע-מא-נאי'-ע-קעל) וואס ענטהאלט אדער איז עהנליך צו אמאניאק. ז. *ammonia*

ammo'nia-me'ter *n.* (ע-מאו'-ני-ע-מי'-טער) אן אפאראט צום מעסטען דעם אמאניאק=אינהאלט אין א כעמישע לעזונג.

ammo'niate *n.* (ע-מאו'-ני-אייט) אמאניאק פערבונדען מיט מעטאל=אקסיד; אן ארגאנישער שטאף וואס איז רייך אין שטיק=שטאף און וועלכער קען בענוצט ווערען צום פאבריצירען אמאניאק.

ammo'niated *a.* (ע-מאו'-ני-איי-טעד) פערבונדען מיט אמאניאק.

ammon'ic *a.* (ע-מאנ'-איק) וואס איז שייך אדער וואס קומט פון אמאניאק.

ammonifica'tion *n.* (ע-מאנ-אי-פי-קיי'-שאן) דאס אנזעטיגען אדער דורכווייקען מיט אמאניאק.

am'monite *n.* (עמ'-אנ-איט) דער אמאנסהארן [א מין געשלענגעלטע, נעדרעהטע מושעל].

Ammonites

ammo'nium *n.* (ע-מאו'-ני-אם) אמאניום [אזא כעמישער שטאף].

ammuni'tion *n.* (עמ-יו-ניש'-אן) אמוניציאן; קריעגס פאררעטה, קריעגס=מאטעריאל [ווי געוועהר א. ז. וו.]

amnemon'ic *a.* (עמ-ני-מאנ'-איק) וואס קומט דורך פערלירען דעם זכרון.

amne'sia *n.* (עמ-ני'-סי-ע) פערלוסט פון דעם זכרון.

amne'sic *a.* (עמ-ני'-סיק) וואס איז שייך צום פערלירען דעם זכרון

amnes'tic *a.* (עמ-נעס'-טיק) וואס פעראורזאכט דאס פערלירען דעם זכרון.

am'nesty *n.* (עמ'-נעס-טי) אמנעסטיע; בעגנאדיגונג, שענקונג.

am'nion *n.* (עמ'-ני-אן) דאס שאפהייטעל, שליה, וואסערבלאז [דאס הייטעל פון דער עמבריא, קיים, זרע]; דאס הייטעל וואס בעדעקט דאס הינדעלע אין דעם איי.

amnion'ic *a.* (עמ-ני-אנ'-איק) וואס איז שייך צו דעם שאפהייטעל.

am'nios *n.* (עמ'-ני-אס) ז. *amnion*

amniot'ic *a.* (עמ-ני-אט'-איק) וואס בעלאנגט צו דעם שאפהייטעל. ז. *amnion*

amniot'ic flu'id (עמ-נו-אט'-איק פלו'-איד) דאס שאפוואסער [די פליסיגקייט וואס געפינט זיך אין דעם שאפהייטעל]. ז. *amnion*

amœ'ba *n.* (ע-מי'-בא) אמעבא [אזא מיקראסקאפישע בעשעפעניש, וואס האט אן איינפאכען פראטאפלאזמישען קערפער]; אן איינצעלנע צעלע פון קערפער.



Amœbæ

amœ'ba-move'ment *n.* (ע-מי'-בע-מוהוו'-מענט) די בעוועגונג פון דער פראטאפלאזמא [ווען מען בעטראכט א שטיקעל נאקעטע פראטאפלאזמא, זעהט מען אז זי האלט זיך אין איין צונויפציהען און פונאנדערציהען].

amœbe'an *a.* (ע-מי-בי'-ען) אבוועקסעלענדיג, בייטענדיג; וואס בעלאנגט צו דער אמעבא. ז. *amœba*

amœbe'an song (ע-מי-בי'-ען סאנג) דער וועקסעלגעזאנג [אזא ליעד וואס ווערט געזונגען פון צוויי אדער מעהרערע פערזאנען אין דער פארם פון פראגע און אנטווארט, א פערז איבער א פערז (א פסוק איבער א פסוק)].

Amo'mum *n.* (ע-מאו'-מאם) די אינגבער=פלאנצען [א מין שמעקעדיגע פלאנצען].

Amomum

among' *adv. and prep.* (ע-מאנג') צווישען, אונטער.

among' oth'er things (ע-מאנג' אטה'-ער טהינגז) אונטער אנדערעס.

Among other things he told me this also.

amongst' *prep.* (ע-מאנגסט') ז. *among*

among' the rest (ע-מאנג' טהי רעסט) אונטער אנדערען, צווישען די איבריגע.

amontilla'do *n.* (ע-מאנ-טיל-יע'-דאו) אזא מין העלער, זיסער אבגעלאנערטער וויין.

A'mor *n.* (איי'-מאר) אמאר, דער גאט פון ליעבע [אין מיטאלאגיע].

amore'an *n.* (עמ-א-רי'-ען) אן אמורא [איינער פון די בעלי התלמוד וואס קומען נאך די תנאים].

amoret'to *n.* (עמ-א-רעט'-טא) א פערליעבטער; א קליינער אמור [דער גאט פון ליעבע].

amori'no *n.* (עמ-א-רי'-נא) א קליינער אמור [דער גאט פון ליעבע].

am'orist *n.* (עמ'-א-ריסט) א דאמען=ליעבער, א דאמען=פריינד.

amoro'sa *n.* (עמ-א-ראו'-סא) אן אויסגעלאסענע פרוי, א זונה.

amoro'so *n. and a.* (עמ-א-ראו'-סא) צערטליך, ליעבליך [אין דער מוזיק]; א דאמען=פריינד.

am'orous *a.* (עמ'-אר-אס) צערטליך; פערליעבט.

am'orously *adv.* (עמ'-אר-אס-לי) מיט צערטליכקייט, מיט ליעבע; אויף א צערטליכען אופן.

am'orousness *n.* (עמ'-אר-אס-נעס) צערטליכקייט; פערליעבטהיים.

amor'phic *a.* (ע-מאר'-פיק) פארמלאז; נים קריסטאליש; אהן ארדנונג.

amor'phism *n.* (ע-מאר'-פיזם) פארמלאזיגקייט [אהן א פארמע]; שטאפען, וואס האבען נים קיין קריסטאל פארם.

amor'phous *a.* (ע-מאר'-פאס) פארמלאז; נים קריסטאליש; אהן ארדנונג.

amor'phously *adv.* (ע-מאר'-פאס-לי) אהן א פארמע; נים קריסטאליש; אהן ארדנונג.

amor'phousness *n.* (ע-מאר'-פאס-נעס) ז. *amorphism*

amort' *a.* (ע-מארט') לעבענסלאז, בעוואוסטלאז; נידערגעשלאגען.

amortiza'tion *n.* (ע-מאר-טי-זיי'-שאן) דאס איבערגעבען גרונדאייגענטום צו די וועלכע קענען דאס קיינמאל נים פערקויפען [ווי צו א קירכע]; די פערטילגונג פון א שולד [ספעציעל ביי אבצאהלען איהם ביסלעכווייז פון א געוויסען פאנד]; די אבנוצונג פון מאשינען אדער געביידען ביז עס דארף אויף זייער ארט געשטעלט ווערען נייע.

amor'tize *v.* (ע-מאר'-טאיז) פערקויפען אדער איבערטראגען לאנד אדער אנדערע אונבעוועגליכע גיטער צו א קערפערשאפט, וועלכע קען עס מעהר נים פערקויפען אדער איבערגעבען צו אן אנדערען; אבצאהלען א חוב אין ראטען.

amor'tizement *n.* (ע-מאר'-טיז-מענט) אזא בעפוצונג פון די אויבערשטע טיילען פון א געביידע. ז. *amortization*

amount' *n. and v.* (ע-מאונט') סומע, סך=הכל, בעטרעף; בעטרעפען; אויסמאכען; דערגרייכען, דערהויבען זיך.

amount' of bal'ance (ע-מאונט' אוו בעל'-ענס) פערבליבענער בעטראג.

amour' *n.* (ע-מוהר') א ליעבע; א ליעבעס=אינטריגע.

am'pac *n.* (עמ'-פעק) אזא בוים אין אסט=אינדיען וועלכער גיט ארוים א זאפט פון זעהר א גוטען ריח.

ampelog'raphy *n.* (עמ-פע-לאג'-רע-פי) די וויסענשאפטליכע בעשרייבונג פון וויין.

ampelop'sis *n.* (עמ-פע-לאפ'-סיס) אזא קלעטער=פלאנצע.

amper'age *n.* (עמ-פעהר'-איידזש) די שטארקייט פון אן עלעקטרישען שטראם געמאסטען אין אמפער=איינהייטען.

ampere' *n.* (עמ-פעהר') אמפער [אן איינהייט מיט וועלכע עס ווערט געמאסטען די שטארקייט פון עלעקטרישען שטראם. א בעצייכנונג אנגענומען צום אנדענקען פון דעם בעריהמטען פיזיקער אמפער].

ampere'-hour *n.* (עמ-פעהר'-אור) אן אמפער=שטונדע [אן עלעקטרישע איינהייט דורך וועלכער עס ווערט געמאסטען וויפיעל עלעקטריציטעט א שטראם פון דער שטארקייט פון איין אמפער האט געליפערט אין דער צייט פון א שטונדע].

ampere'-me'ter *n.* (עמ-פעהר'-מי'-טער) אן אמפערמעטער [אן אינסטרומענט צו מעסטען די שטארקייט פון אן עלעקטרישען שטראם].

Ampe'rian *a.* וואס איז (עמ-פי'-רי-ען) שייך צו דעם פיזיקער אמפער אדער צו זיינע טהעאריעס.

amperom'eter *n.* (עמ-פע-ראמ'-ע-טער) ז. *ampere-meter*

am'persand *n.* (עמ'-פער-סענד) דאס צייכען & [ווערט בענוצט אנשטאט „און"].

ampere'-turns *n.* (עמ-פעהר'-טוירנז) די מאס פון דער מאגנעטישער קראפט פון אן עלעקטרישען שטראם וואס פליסט אין א דראט-שפולע. די קראפט איז גלייך צו דער צאהל דראט-וויקלונגען פון דער שפולע געראפעלט מיט דער שטארקייט פון שטראם, וועלכער ווערט געמאסטען אין אמפער.

amphib'ia *n.* (עמ-פיב'-אי-ע) אמפיביען, חיות וואס לעבען אי אויף דער יבשה, אי אין וואסער [ווי א פראש, א טשערעפאכע, קראקאדיל א. ז. וו.].

amphib'ial *a.* (עמ-פיב'-אי-על) וואס איז שייך צו אמפיביען.

amphib'ian *n. nd a.* (עמ-פיב'-אי-ען) א חיה וואס לעבט אין וואסער און אויף דער יבשה; וואס איז שייך צו א חיה, וואס לעבט אויף דער יבשה און אין וואסער.

amphibiolog'ical *a.* (עמ-פיב-אי-א-לאדזש'-אי-קעל) וואס איז שייך צו דער לעהרע וועגען די בעשעפענישען וואס לעבען אי אין וואסער אי אויף דער יבשה.

amphibiol'ogy *n.* (עמ-פיב-אי-אל'-א-דזשי) די לעהרע וועגען די בעשעפענישען וואס לעבען אי אין וואסער אי אויף דער יבשה.

amphib'ious *a.* וואס (עמ-פיב'-אי-אס) לעבט אויף דער יבשה און אין וואסער.

amphib'iously *adv.* (עמ-פיב'-אי-אס-לי) אזוי ווי א חיה וואס לעבט אין וואסער און אויף דער יבשה.

amphib'iousness *n.* (עמ-פיב'-אי-אס-נעס) דאס לעבען אין וואסער און אויף דער יבשה.

am'phibole *n.* אמפיבאל (עמ'-פי-באול) [אזא פיעל פארביגער מינעראל, וואס איז צונויפגעזעצט פון קאלציום, מאגנעזיום און סיליציום].

amphibol'ic *a.* (עמ-פי-באל'-איק) צווייזייטיג, צווייפעלהאפט; וואס איז שייך צו דעם מינעראל אמפיבאל.

amphibol'ical *a.* (עמ-פי-באל'-איק-על) ז. *amphibolic*

amphibolog'ical *a.* (עמ-פיב-א-לאדזש'-אי-קעל) צווייזייטיג, דאפעלמיינינג.

amphibolog'ically *adv.* (עמ-פיב-א-לאדזש'-אי-קעל-אי) מיט א צווייפעלהאפטער בעדייטונג.

amphibol'ogy *n.* (עמ-פיב-אל'-א-דזשי) דאפעלמיין; דאס געברויכען ווערטער, וואס האבען א צווייזייטיגען מיין.

amphib'oly *n.* דאס (עמ-פיב'-א-לי) געברויכען ווערטער וואס האבען א צווייזייטיגען מיין.

amphicar'pic *a.* (עמ-פי-קאר'-פיק) ז. *amphicarpous*

amphicar'pous *a.* (עמ-פי-קאר'-פאס) וואס ניט ארוים [ווי א בוים] צוויי זארטען פרוכט.

amphicar'pous tree (עמ-פי-קאר'-פאס טריע) א בוים אויף וועלכען עס וואקסען צוויי זארטען פרוכט.

amphichi'ral *a.* (עמ פי קאי'-רעל) אהן אן אונטערשיעד צווישען רעכטס און לינקס; וואס קען געברויכט ווערען רעכטס און לינקס.

amphic'tyon *n.* אין (עמ-פיק'-טי-אן) אלטען גריכענלאנד, א דעלעגאט צו אן אלגעמיינע גריכישע פערזאמלונג; א בעראטונגס-פערזאמלונג אין אלטען גריכענלאנד.

amphictyon'ic *a.* (עמ-פיק-טי-אנ'-איק) וואס איז שייך צו אן אלט-גריכישער אלגעמיינער פערזאמלונג.

amphic'tyony *n.* (עמ-פיק'-טי-א-ני) א פעראיין אדער ליעג פון די אלטע גריכען פון פערשיעדענע שטעדט מיט דער פערפליכטונג אויסצומיידען מלחמה מיט איינאנדער.

amphicyr'tous *a.* (עמ-פי-סויר'-טאס) אויסגעקרימט פון ביידע זייטען.

amphidro'mia *n.* (עמ-פי-דראו'-מי-א) א קינדס געבורטס-פעסט אין אלטען אטהען [אין גריכענלאנד].

amphige'an *a.* וואס (עמ-פי-דזשי'-ען) געפינט זיך ארום דעם ערד קוגעל אין דערזעלבער ווייטקייט פון עקוואטאר.

amphigor'ic *a.* (עמ-פי-גאר'-איק) אונזיניג; וואס איז אן אבסורד.

am'phigory *n.* אן (עמ'-פי-גא-רי) אונזין, אן אבסורד.

am'phipod *n.* אן אמ (עמ'-פי-פאד) פיפאד. ז. *Amphipoda*

Amphip'oda *n.* אמ (עמ-פיפ'-א-דע) פיפארען [א מין חיה'לעך פון דער קרעבס פאמיליע, וואס זיינען בעדעקט מיט א הארטען שאלאכץ און האבען פיס וואס א טייל פון זיי זיינען געריכטעט פארווערטס און א טייל ריקווערטס].

Amphipoda

amphip'odal *a.* (עמ-פיפ'-א-דעל) ז. *amphipodous*

amphip'odan *n.* (עמ-פיפ'-א-דען) ז. *Amphipoda*

amphip'odous *a.* (עמ-פיפ'-א-דאס) וואס האט פיס אין ביידע ריכטונגען [פארווערטס און ריקווערטס]; וואס איז שייך צו די אמפיפארען. ז. *Amphipoda*

amphipro'style *a.* (עמ-פי-פראו'-סטאיל) וואס האט זיילען פון פארענט און פון הינטען [וועגען געביידען].

amphisbæ'na *n.* די (עמ-פיס-בי'-נא) רינגעלשלאנג; אין פאבעל געשיכטען, א שלאנג מיט א קאפ אויף ביידע עקען פון קערפער.

amphisbæ'nic *a.* (עמ-פיס-בי'-ניק) וואס קען זיך בעוועגען פארווערטס און ריקווערטס מיט דער זעלבער לייכטיגקייט; עהנליך צו דער פאבעלהאפטער שלאנג מיט די צוויי קעפ פון ביידע ענדען.

amphisbæ'nous *a.* (עמ-פיס-בי'-נאס) ז. *amphisbænic*

amphis'cian *n.* איי (עמ-פיש'-אי-ען) נער פון די איינוואהנער פון די געגענדען ארום עקוואטאר.

amphis'cii *n.* (עמ-פיש'-אי-אי) ז. *amphiscian*

amphithe'atral *a.* (עמ פי-טהי' ע טרעל) ווי אן אמפיטעאטער.

amphithe'atre *n.* (עמ-פי-טהי'-ע-טער) דאס אמפיטעאטער [די פאלקס-געביידע אין אלטען רוים, רונד געבוים, וואו עס פלעגען געגעבען ווערען פארשטעלונגען פון קעמפפע צווישען מענשען מיט ווילדע חיות, ווי אויך אנדערע פאלקס-אונטערהאלטונגען]; א געביידע וואס איז געבוים אין דער פארם פון רוימישען אמפיטעאטער; די אויבערשטע גאלעריע אין א טעאטער.



Amphitheatre

amphitheat'ric *a.* (עמ-פי-טהי-עט'-ריק) וואס איז שייך אדער וואס איז עהנליך צו אן אמפיטעאטער.

amphitheat'rical *a.* (עמ-פי-טהי-עט'-ריק-על) וואס אנבעלאנגט צו אן אמפיטעאטער.

amphitheat'rically *adv.* (עמ-פי-טהי-עט'-רי-קעל-אי) נאך דער פארם פון אן אמפיטעאטער.

Amphit'ryon *n.* אמ (עמ-פיט'-רי-אן) פיטריאן, דער שטיף-פאטער פון הערקולעס [אין דער גריכישער מיטאלאגיע].

amphit'ryon *n.* (עמ-פיט'-רי-אן) א גאסטווירטה.

amphiv'orous *a.* (עמ-פיוו'-א-ראס) וואס עסט אי פלאנצען אי פלייש.

am'phora *n.* אמפארא (עמ'-פא-רע) [אזא אלטער רוימישער אדער גריכישער ווינקרוג מיט צוויי אויערען און א שפיציגען דעק].

Amphoræ

am'phoral *a.* וואס קוקט (עמ'-פא-רעל) אויס ווי אן אמפארא. ז. *amphora*

amphor'ic *a.* וואס האט (עמ-פאר'-איק) דעם קלאנג, ווי מען בלאזט אין א קריגעל אדער פלעשעל; וואס איז עהנליך צו אן אמפארא. ז. *amphora*

amphoric'ity *n.* (עמ-פא-ריס'-אי-טי) דאס זיין עהנליך צו דעם קלאנג, וואס הערט זיך ווען מען בלאזט אין א קריגעל אדער פלעשעל.

amphoter'ic *a.* (עמ-פא-טער'-איק) טיילווייז אהין און טיילווייז אהער; נייטראל.

amphris'us but'terfly (עמ-פריס'-אס באט'-ער-פלאי) אזא גרויסער שמעטערלינג פון ברוינליכער פארב. ז. איל. *"Butterflies"*

am'ple *a.* (עמפל) גרויס, אונבעגרענצט, בשפע'דיג, פול, ברייט, גערוימיג, רייכליך.

amplec'tant *a.* וואס (עמ-פלעק'-טענט) נעהמט ארום; וואס אומפאסט [ווי בלעטער פון א פלאנץ אומפאסען דאס שטענגעל].

am'pleness *n.* (עמפל'-נעס) גרויסקייט, פיעלקייט, ברייטקייט, נים איינגעשריינטקייט; אויספיהרליכקייט, ווייטלויפיגקייט.

amplex'icaul *a.* (עם-פלעק'-סי-קאהל) וואס נעהמט ארום, וואס אומפאסט [ווי בלעטער אומפאסען דאס שטענגעל].

am'pliate *v. and a.* (עמ'-פלי-אייט) פערגרעסערען; אויסציהען; ברייטער מאכען; פערגרעסערט; אויסגעצווינגען.

amplia'tion *n.* (עם-פלי-איי'-שאן) פערגרעסערונג, פערברייטערונג; ווייטלויפיגקייט; דאס אבלעגען א געריכטס=אורטייל אויף שפעטער, צו קריגען מעהר בעווייזע.

am'pliative *a.* (עמ'-פלי-ע-טיוו) וואס גיט צו, וואס פערגרעסערט, פערברייטערט.

amplifica'tion *n.* (עם-פלי-פי-קיי'-שאן) פערגרעסערונג; אן אויספיהרליכע שילדערונג אדער בעשרייבונג.

am'plificative *a.* (עמ'-פלי-פי-קיי-טיוו) ז. *ampliative*

am'plificator *n.* (עמ'-פלי-פי-קיי-טאר) איינער וואס ברייטערט אוים אדער פערגרעסערט.

am'plificatory *a.* (עמ'-פלי-פי-קיי-טא-רי) ז. *ampliative*

am'plifier *n.* (עמ'-פלי-פאי-ער) פערגרעסערער; אויסברייטערער.

am'plify *v.* (עמ'-פלי-פאי) פערגרעסערען; פערברייטערען.

am'plitude *n.* (עמ'-פלי-טיוד) גרויסקייט; אומפאנג; ווייטקייט; ברייטקייט; גלאנץ, רייכקייט; אמפליטודע [א מאטעמאטישער אויסדרוק פאר א געוויסע גרעסע; אן אסטראנאמישער אויסדרוק פאר דעם קרייז=בויגען וואס א שטערען מאכט פון זיין אויפגאנג ביז זיין אונטערגאנג; די גרוים פון קרייז=בויגען וואס א פערפענדיקעל פון א זייגער מאכט ביי זיין בעוועגונג].

am'ply *adv.* (עמ'-פלי) פאלקאמען, גרינדליך, אויספיהרליך. ז. *ample*
This subject has been amply treated by many writers.

ampul'la *n.* (עמ-פאל'-ע) אן אלטרוימישע רונדע קוגעל=פערמיגע פלאש מים א שמאלען האלז; א כלי אין וועלכער מען האלט דאס זאלב=אויל צום קרוינען א מאנארך; אזא גלעזערנע כלי וואו מען האלט דעם וויין און וואסער פאר'ן אלטאר אין די קאטוילישע קירכען.

ampulla'ceous *a.* (עמ-פא-ליי'-שיאס) פלאשענפערמיג, וואס איז עהנליך צו א רונדער קוגעלפערמיגער פלאש מיט א שמאלען האלז.

am'pullary *a.* (עמ'-פאל-איי-רי) וואס איז שייך צו א רונדער קוגעל=פערמיגער פלאש מיט א שמאלען האלז.

ampul'late *a.* (עמ-פאל'-אייט) ז. *ampullary*

ampul'liform *a.* (עמ-פאל'-אי-פארם) וואס האט די פארם פון א רונדער קוגעלפערמיגער פלאש מיט א שמאלען האלז.

ampullos'ity *n.* (עמ-פא-לאס'-אי-טי) א באמבאסטישע, אן אויפגעבלאזענע שפראך.

am'putate *v.* (עמ'-פיו-טייט) אמפוטירען; אראבנעהמען א גליעד פון קערפער; אבשניידען די צווייגען פון ביימער.
His left hand was amputated in the hospital.

amputa'tion *n.* (עם-פיו-טיי'-שאן) אמפוטאציאן; דאס אראבנעהמען א גליעד פון קערפער.

amputa'tional *a.* (עם-פיו-טיי'-שאנ-על) וואס איז שייך צו אן אמפוטאציאן.

amputa'tor *n.* (עם-פיו-טיי'-טאר) איינער וואס אמפוטירט [שניידט אראב א גליעד פון קערפער].

am'pyx *n.* (עמ'-פיקס) א האר=שפאנגע [אזא מעטאל=באנד וואס פלעגט אמאל פון פרויען געטראגען ווערען ארום קאפ]; א קאפ=באנד פון א פערד.

amuck' *a. and adv.* (ע-מאק') מערדעריש=ווילד, צוקאכט.

am'ulet *n.* (עמ'-יו-לעט) א צויבער=מיטעל; א קמיע.

amulet'ic *a.* (עמ-יו-לעט'-איק) וואס איז שייך צו א קמיע.

amu'sable *a.* (ע-מיו'-זעבל) וואס קען אמוזירען.

amuse' *v.* (ע-מיוז') אמוזירען, אונטערהאלטען; לוסטיג מאכען; פערשאפען פערגעניגען; די צייט פערטרייבען.

amuse'ment *n.* (ע-מיוז'-מענט) פערגעניגען; לוסטיגקייט; אונטערהאלטונג; צייטפערטרייב.

amu'ser *n.* (ע-מיו'-זער) איינער וואס אמוזירט.

amusette' *n.* (עמ-יו-זעט') אזא לייבטער פעלד=הארמאט.

amu'sing *a.* (ע-מיו'-זינג) אמוזאנט, אונטערהאלטענד; פערגעניגענד; צייטפערטרייבענד; לוסטיג מאכענדיג.

amu'singly *adv.* (ע-מיו'-זינג-לי) אויף אן אמוזאנטען אופן.

amu'sive *a.* (ע-מיו'-זיוו) וואס אמוזירט, וואס מאכט פערגניגען.

amu'sively *adv.* (ע-מיו'-זיוו-לי) אויף אן אופן וואס קען אמוזירען.

amu'siveness *n.* (ע-מיו'-זיוו-נעס) דאס זיין אמוזאנט, דאס קענען אמוזירען.

amyg'dala *n.* (ע-מיג'-דע-לע) א מאנדעל; עפעס וואס איז מאנדעלפערמיג [ווי די מאנדלען אין האלז, אין מארך, א. ז. וו.].

amyg'dalate *n. and a.* (ע-מיג'-דע-לייט) וואס אנבעלאנגט צו מאנדלען; מאנדעלפערמיג; מאנדעלמילך.

amygdal'ic *a.* (עם-איג-דעל'-איק) וואס איז געמאכט פן מאנדלען.

amyg'daline *n. and a.* (ע-מיג'-דע-לין) מאנדעלארטיג; אמיגדאלין [א כעמישער שטאף, איינער פון די בעשטאנדטיילען פון ביטערע מאנדלען].

amygdali'tis *n.* (ע-מיג-דע-לאי'-טיס) אן ענטצינדונג פון די מאנדלען [אין האלז].

amyg'daloid *n. and a.* (ע-מיג'-דע-לאיד) מאנדעלפערמיג; דער מאנדעלשטיין [אזא הארטער שטיין].

amygdalot'omy *n.* (ע-מיג-דע-לאט'-א-מי) דאס אויסשניידען די מאנדלען אין האלז.

am'yl *n.* (עמ'-איל) אמיל [א געוויסע כעמישע פערבינדונג].

amyla'ceous *a.* (ע-מי-ליי'-שיאס) אזוי ווי קראכמאל; קראכמאליג.

am'yl al'cohol (עמ'-איל על'-קאו-האל) אמיל=אלקאהאל [אזא אוילינער פארבלאזער ספיריט].

am'ylene *n.* (עמ'-אי-לין) אמילען [א כעמישע פליסיגקייט, וועלכע מען האט אמאל פרובירט בענוצען אלס שלאפטרונק].

amyl'ic *a.* (ע-מיל'-איק) וואס אנבעלאנגט צו אמיל; וואס פראדוצירט אמיל=אלקאהאל.

amylif'erous *a.* (עמ-אי-ליפ'-ע-ראס) וואס גיט ארוים קראכמאל.

am'ylin *n.* (עמ'-אי-לין) דער טייל פון קראכמאל וואס צוגעהט ניט אין וואסער.

am'yline *n.* (עמ'-אי-לין) ז. *amylin*

am'yl nit'rite (עמ'-איל נאיט'-ראיט) אמיל=ניטריט [אזא געלבליכע שמעקעדיגע פליסיגקייט, בענוצט אין מעדיצין].

amyl'ogen *n.* (ע-מיל'-א-דושען) דער טייל פון קראכמאל וואס צוגעהט אין וואסער.

an'a *adv.* (ענ'-ע) פון יעדען גלייך [בענוצט אלס צייכען אין שרייבען רעצעפטען]; א בוך מיט אנעקדאטען; אנעקדאטען.

anab'amous *a.* (ענ-עב'-ע-מאס) וואס איז שייך צו אזא זארט פיש, אויף וועלכע עס ווערט געזאגט, אז זיי קענען קלעטערען א קורצע שטרעקע אויף א בוים.

Anabap'tism *n.* (ענ-ע-בעפ'-טיזם) אנאבאפטיזם, די לעהרע פון די ווידערטויפער. ז. *Anabaptist*

Anabap'tist *n.* (ענ-ע-בעפ'-טיסט) אנאבאפטיסט, ווידערטויפער [א מיטגליעד פון א קריסטליכע סעקטע, וואס גלויבט, אז דאס טויפען אין דער קינדהייט איז ניט גענוג און אז ביים אויסוואקסען דארף מען א צווייטען מאל טויפען. אזא סעקטע האט זיך געגרינדעט אין דייטשלאנד אין יאהר 1521, זי איז געווען אויך האלב קאמוניסטיש].

anabaptist'ic *a.* (ענ-ע-בעפ-טיסט'-איק) אנאבאפטיסטיש. ז. *Anabaptist*

anabaptist'ical *a.* (ענ-ע-בעפ-טיסט'-איק-על) ז. *anabaptistic*

anabap'tistry *n.* (ענ-ע-בעפ'-טיסט-רי) די לעהרע פון די אנאבאפטיסטען; די סעקטע פון די אנאבאפטיסטען. ז. *Anabaptist*

anabaptize' *v.* (ענ-ע-בעפ-טאיז') איבערטויפען נאך אמאל.

anab'asis *n.* (ע-נעב'-ע-סיס) א מיליטערישער צוג; א מיליטערישע עקספעדיציע; א געוויסע מיליטערישע עקספעדיציע אין דער גריכישער געשיכטע.
The anabasis of Napoleon on Russia was a failure.

anab'ole *n.* (ענ-עב'-א-לי) דאס אויסברעכען, דאס שפייען; דאס ארויסברייננען ליחה מיט'ן מויל.

anabol'ic *a.* (ענ-ע-באל'-איק) וואס איז שייך צו אנאבאליזם. ז. *anabolism*

anab'olism *n.* (ע-נעב'-א-ליזם) אנאבאליזם, די רייהע ענדערונגען, וועלכע קומען פאר אין די פערצעהרטע שפייזען ביז זיי פערוואנדלען זיך אין א צעלע פון קערפער. ז. *metabolism*

anacamp'tic *a.* (ע-נע-קעמפ'-טיק) וואס האט די אייגענשאפט צוריקצוווארפען ליכטשטראהלען אדער א קלאנג.

anacamp'tical *a.* (ע-נע-קעמפ'-טיק-על) ז. *anacamptic*

anacamp'tics *n.* (ע-נע-קעמפ'-טיקס) די לעהרע פון דער צוריקווארפונג פון ליכטשטראהלען אדער א קלאנג.

anacathar'tic *a.* (ענ-ע-קע-טהאר'-טיק) ארויסברייננענדיג ליחה פון נאז אדער מיט'ן מויל.

anachron'ic *a.* (ענ-ע-קראנ'-איק) אנאכראניש, ניט אין דער צייט, וואס שטימט ניט מיט דער צייט אדער דאטום [ווענען פאסירונגען וועלכע ווערען איבערגעגעבען מיט א פאלשען דאטום אדער ניט אין איינקלאנג מיט דער צייט].

anachron'ical *a.* (ען ע קראנ'-אי-קעל) ז. *anachronic*

anachron'ically *adv.* (ען ע קראנ'-אי-קעל-אי) אויף אן אנאכראנישען אופן.

anach'ronism *n.* (ען עק' ראנ איזם) אנאכראניזם, א פערבינדונג פון פאסירונגען, וועלכע געהערען צו פערשיעדענע צייטען; אן אונצייטמעסיגע פאסירונג אדער ערשיינונג.

anach'ronist *n.* (ען-עק'-ראנ-איסט) איינער וואס מאכט א כראנאלאגישען פעהלער, איינער וואס מאכט א טעות אין א דאטום אדער פערבינדט פאסירונגען פון פערשיעדענע צייטען אונטער איין דאטום.

anachronis'tic *a.* (ען-עק-רא-נים'-טיק) אנאכראניש, מיט א פעהלער אין צייט־רעכנונג.

anachronis'tical *a.* (ען-עק-רא-נים'-טי-קעל) ז. *anachronistic*

anach'ronize *v.* (ען-עק'-ראנ-איז) מאכען א כראנאלאגישען פעהלער.

anach'ronous *a.* (ען-עק'-ראנ-אס) ז. *anachronistic*

anach'ronously *adv.* (ען-עק'-ראנ-אס-לי) אויף אן אנאכראנישען אופן.

anaclast'ic *a.* (ען-ע-קלעסט'-איק) וואס איז שייך צו דער ברעכונג פון ליכט שטראהלען; וואס איז שייך צו דער צו־ריקווארפונג פון די לופטוועלען, וואס ווע־רען געבילדעט פון א קלאנג; צוריקווארפענדיג; שטראהלענברעכענד.

anaclast'ic glas'ses (ען-ע-קלעסט'-איק גלעס'-עז) גלעזער וועלכע האבען די איינענשאפט צו ברעכען ליכט־שטראהלען.

anaclast'ics *n.* (ען-ע-קלעסט'-איקס) די לעהרע וועגען דער ברעכונג פון ליכט־שטראהלען.

anacolu'thia *n.* (ען-ע-קא-ליו'-טהי-א) דאס פעהלען פון דער גראמאטיקאלי־שער אויסגעהאלטענקייט.

anacolu'thic *a.* (ען-ע-קא-ליו'-טהיק) וואס איז נים גראמאטיקאליש אויסגעהאל־טען.

anacolu'thically *adv.* (ען-ע-קא-ליו'-טהי-קעל-אי) אויף א נים אויסגעהאלטע־נעם גראמאטיקאלישען אופן.

anacolu'thon *n.* (ען-ע-קא-ליו'-טהאן) א זאץ וואס איז גראמאטיקאליש פאלש, א נים אויסגעהאלטענער זאץ; א זאץ אין וועלכען עס זיינען אויסגעלאזען ווערטער.

anacon'da *n.* (ען-ע-קאנ'-דע) ריעזענ־שלאנג; זיד־אמעריקאנישער באא.

Anacreon'tic *a.* (ען-עק-רי-אנ'-טיק) וואס איז שייך צו די לירישע ליעבעס־גע־דיכטע פון דעם גריכישען פאעט אנאקרעאן.

anacreon'tic *n.* (ען-עק-רי-אנ'-טיק) א פאעמא וועגען ליעבע.

anadiplo'sis *n.* (ען-ע-די-פלאו'-סיס) דאס ווידערהאלען א ווארט, כדי איהם צו מאכען איינדרוקספאלער.

Ours is a good land, a land of milk and honey.

an'adrom *n.* (ענ'-ע-דראם) א פיש וואס שווימט ארויס פון ים אין די טייכען.

anad'romous *a.* (ע-נעד'-רא-מאס) וואס נעהם פון ים ארויף; וואס שווימט פון ים אין טייך אריין [ביי פיש].

ana'ea phan'tes (ע-ניי'-אי פענ'-טעס) אזא שמעטערלינג פון דונקעל ווייס־לעטען פארב. ז. איך. *"Butterflies"*

anæ'mia (ע-ני'-מי-ע) ז. *anemia*

anæsthe'sia *n.* (ען-עס-טהי'-סי-ע) אנאסטעזיע [בעוואוסטלאזינקייט דורך קראנקהייט אדער דורך א שלאף־טרונק].

anæsthe'sis *n.* (ען עס טהי'-סיס) ז. *anesthesia*

an'aglyph *n.* (ענ'-ע-גליף) א האלב בילד, רעליעפע בעפוצונג [ווי אויף א געביידע], א פלאכער רעליעף.

anaglyph'ic *a.* (ען-ע-גליפ'-איק) וואס אנבעלאנגט צו א פלאכען רעליעף.

anaglyph'ical *a.* (ען-ע-גליפ'-איק-על) ז. *anaglyphic*

anaglyptog'raphy *n.* (ען-ע-גליפ-טאג'-רע-פי) די קונסט פון מאכען מערא־ליאן בילדער; די קונסט פון גראווירען בילד'ער, רעליעפע בילדער.

anago'ge *n.* (ען-ע-גאו'-דזשי) אלעגאריע; א מיסטישע בעדייטונג; דאס פלי־גען [ליתה, בלוס א. ד. ג.] דורך'ן מויל.

anagog'ic *a.* (ען-ע-גאדזש'-איק) מיס־טיש; אלעגאריש, בדרך משל.

anagog'ical *a.* (ען-ע-גאדזש'-אי-קעל) ז. *anagogic*

anagog'ically *adv.* (ען-ע-גאדזש'-אי-קעל-אי) אויף א מיסטישען אדער אלעגא־רישען אופן.

anagog'ics *n.* (ען-ע-גאדזש'-איקס) די מיסטישע אדער אלעגארישע [בדרך משל] פערטייטשונג פון דער ביבעל.

an'agogy *n.* (ענ'-ע-גא-דזשי) ז. *anagoge*

an'agram *n.* (ענ'-ע-גרעם) אנאגראם [די פערבייטונג פון די אותיות אין א ווארט כדי צו מאכען א נייעם ווארט].

Evil is an anagram of live.

anagrammat'ic *a.* (ען-ע-גרעם-עט'-איק) אנאגראמאטיש; בילדענדיג אן אנא־גראם. ז. *anagram*

anagrammat'ically *adv.* (ען-ע-גרעם-עט'-אי-קעל-אי) אויף דעם אופן פון אן אנאגראם.

anagram'matism *n.* (ען-ע-גרעמ'-ע-טיזם) דאס מאכען אנאגראמען.

ז. *anagram*

anagram'matist *n.* (ען-ע-גרעמ'-עט-איסט) אן אנאגראמען־מאכער.

ז. *anagram*

anagram'matize *v.* (ען-ע-גרעמ'-עט-איז) מאכען אנאגראמען. ז. *anagram*

an'agraph *n.* (ענ'-ע-גרעף) רעגיסטער, פערצייכניס.

anakolou'thon *n.* (ען-ע-קא-ליו'-טהאן) ז. *anacoluthon*

a'nal *a.* (איי'-נעל) וואס אנבעלאנגט צום אחור; וואס איז אין דעם הינטערשטען טייל פון קערפער פון א חיה אדער פיש.

anal'cime *n.* (ע-נעל'-סים) אנאלצים [אזא מינעראל].

an'alect *n.* (ענ'-ע-לעקט) אן אויסצוג פון א ליטעראַרישער שריפט.

analec'ta *n.* (ען-ע-לעק'-טא) אן אויס־צוג אדער אויסצינע פון די שריפטען פון א פערפאסער אדער פערפאסערס; א זאמ־לונג פון געוועהלטע אויסצינע.

analec'tic *a.* (ען-ע-לעק'-טיק) צוזאַ־מענגעשטעלט פון געוועהלטע שטיקער פון ליטעראַרישע ווערק.

An analectic magazine.

an'alects *n.* (ענ'-ע-לעקטס) אנאלעקטען [אויסגעוועהלטע שטיקער פון ליטעראַרי־שע ווערק].

analem'ma *n.* (ען-ע-לעמ'-ע) רער זון־נעגוייגער, אזא ציפערבלאט פון וועלכען מען קען זעהן דעם צושטאנד פון דער זון.

analep'sis *n.* (ען-ע-לעפ'-סיס) דאס צוריקקעהרען פון די קרעפטען, די ערהאָ־לונג נאך א קראנקהייט.

an'alepsy *n.* (ענ'-ע לעפ סי) ז. *analepsis*

analep'tic *n. and a.* (ען ע לעפ' טיק) צוריקבריינגענדיג די קרעפטען; נאך א קראנקהייט; קרעפטיגענד; א קרעפטיגונגס־מיטעל.

An analeptic medicine.

analep'tics *n.* (ען-ע-לעפ'-טיקס) א מעדיצינישע קרעפטיגונגס־מיטעל

anal'ogal *a.* (ען-על'-א-געל) עהנליך, גלייך, אנאלאגיש.

analog'ical *a.* (ען-ע-לאדזש'-איק-על) אנאלאגיש; עהנליך, גלייך.

analog'ically *adv.* (ען-ע-לאדזש'-איק-על-אי) דורך אנאלאגיע אדער עהנליכקייט.

analog'icalness *n.* (ען-ע-לאדזש'-איק-על-נעס) דאס זיין אנאלאגיש, עהנליך, גלייך.

anal'ogise *v.* (ען-על'-א-דזשאיז) ערי־קלערען דורך אנאלאגיע, דורך א משל; מאכען א פערגלייך דורך א משל.

anal'ogism *n.* (ען-על'-א-דזשיזם) אנאַ־לאגיזם, דאס אורטיילען דורך פערגלייכו־נגען און עהנליכקייטען; א שלוספאלגערונג דורך אנאלאגיע.

anal'ogist *n.* (ען-על'-א-דזשיסט) איי־נער וואס מאכט שלוספאלגערונגען דורך אנאלאגיע.

analogis'tic *a.* (ען-על-א-דזשיס'-טיק) וואס איז שייך צו אן אנאלאגיע.

ז. *analogism*

anal'ogize *v.* (ען-על'-א-דזשאיז) ז. *analogise*

anal'ogous *a.* (ען-על'-א-גאס) אנאַ־לאגיש, עהנליך, גלייך.

anal'ogously *adv.* (ען-על'-א-גאס-לי) אויף אן אנאלאגישען אדער עהנליכען אופן.

anal'ogy *n.* (ען-על'-א-דזשי) אנאלאגיע, עהנליכקייט, גלייכפארמיגקייט.

an'alysable *a.* (ענ'-ע-לאי-זעבל) וואס קען אנאליזירט, צוגליעדערט ווערען.

an'alysableness *n.* (ענ'-ע-לאי-זעבל-נעס) דאס קענען אנאליזירט אדער צוגליע־דערט ווערען.

analysa'tion *n.* (ען-ע-לי-זיי'-שאן) דאס אנאליזירען; דאס פונאנדערנעהמען אדער צוגליעדערונג.

an'alyse *v.* (ענ'-ע-לאיז) אנאליזירען, צוגליעדערען, גרינדליך פונאנדערקלייבען זיך.

an'alyser *n.* (ענ'-ע-לאי-זער) איינער וואס אנאליזירט, צוגליעדערט, קלייבט זיך גרינדליך פונאנדער; א צושטרייאונגס־פריזמא [אזא געשליפען גלאז פאר פיזי־קאלישע צוועקען].

anal'ysis *n.* (ע-נעל'-אי-סיס) אנאליזע; צוגליעדערונג; די צוגליעדערונג פון שטאָ־פען אין זייערע כעמישע עלעמענטען; פונ־אנדערנעהמונג און צוגליעדערונג פון א געדאנק אדער שריפט לויט די הויפט־פונקטען.

an'alyst *n.* (ענ'-ע-ליסט) איינער וואס אנאליזירט. ז. *analysis*

analyt'ic *a.* (ען-ע-ליט'-איק) אנאלי־טיש, צוגליעדערט.

analyt'ical *a.* (ען-ע-ליט'-אי-קעל) ז. *analytic*

analyt'ical chem'istry (ען-ע-ליט'-אי-קעל קעמ'-איס-טרי) אנאליטישע כעמי [דער טייל פון כעמי וואס בעשעפטיגט זיך מיט פונאנדערגליעדערען די שטאפען אויף זייערע גרונד־עלעמענטען].

analyt'ical geom'etry (ען-ע-ליט'-אי-קעל דזשי-אמ'-ע-טרי) אנאליטישע געאמעטריע [געאמעטרישע אויפגאבען

וועלכע ווערען געלעזט מיט דער הילף פון אלגעברא און העכערע מאטעמאטיק דורך א קאארדינאטען⸗סיסטעם].

analyt'ically *adv.* (ענ-ע-ליט'-איק-על-אי) דורך אנאליזע, דורך פונאנדערנעהמען אדער צוגליעדערען.

analyt'ic meth'od (ענ-ע-ליט'-איק מעטה'-אד) די אנאליטישע מעטאדע [די מעטאדע אין דענקען דורך וועלכע עס ווערט פעסטגעשטעלט אן אלגעמיינער כלל אדער פרינציפ פון בעקאנטע פרטים; אין געגענזאץ צו דער סינטעטישער מעטאדע, וואס געהט ארויס פון אן אלגעמיינעם פרינציפ אום פעסטצושטעלען די פרטים].

analyt'ics *n.* (ענ-ע-ליט'-איקס) די אנאליטישע מעטהאדע אין דער וויסענשאפט. ז. *analysis*.

an'alyzable *a.* (ענ'-ע-לאי-זעבל) ז. *analysable*.

an'alyzableness *n.* (ענ'-ע-לאי-זעבל-נעס) ז. *analysableness*.

analyza'tion *n.* (ענ-ע-לי-זיי'-שאן) ז. *analysation*.

an'alyze *v.* (ענ'-ע-לאיז) אנאליזירען, צוגליעדערען, גרינדליך פונאנדערקלייבען זיך.

an'alyzer *n.* (ענ'-ע-לאי-זער) איינער וואס אנאליזירט. ז. *analyser*.

anamor'phose *v.* (ענ-ע-מאהר'-פאוס) פארשטעלען א בילד ניט אין זיין ריכטיגער געשטאלט דורך געוויסע אפטישע מיטעל. ז. *anamorphosis*.

anamor'phosis *n.* (ענ-ע-מאהר'-פא-סיס) א צודרעהט אדער צוקרימט בילד [א בילד וואס ווערט אויף א קינסטליכען אופן צוקרימט דורך א קרומען שפיעגעל אדער אויף אן אנדערן אפטישען אופן]; דאס אויסזעהן פון א בילד ניט אין זיין ריכטיגער געשטאלט, נאר אין א פראיעקציאן; די פערוואנדלונג פון דער געשטאלט [ביי פלאנצען].

Anamorphosis

anamor'phosy *n.* (ענ-ע-מאהר'-פא-סי) ז. *anamorphosis*.

anamor'phous *a.* (ענ-ע-מאהר'-פאס) ארוים פון דער פארם, ארוים פון דער ריכטיגער געשטאלט.

ana'nas *n.* (ע-ניי'-נעס) אנאנאס [אזא פרוכט].

anan'drous *a.* (ענ-ענ'-דראס) וואס האט ניט קיין זאמען⸗שטויב⸗פעדעם [ביי געוויסע פלאנצען].

anan'thous *a.* (ענ-ענ'-טהאס) בלומענלאז; וואס האט ניט קיין בלומען [ביי געוויסע פלאנצען].

an'anym *n.* (ענ'-ע-נים) א נאמען געשריבען אזוי, אז די אותיות קומען אין א פערקעהרטער ארדנונג.

an'apæst *n.* (ענ'-ע-פעסט) דער אנאפעסט [א געוויסע טאקטפארם אין פאעזי, צוויי קורצע זילבען און איין לאנגע].

anapæs'tic *a.* (ענ-ע-פעס'-טיק) וואס איז שייך צום אנאפעסט. ז. *anapæst*.

anapæs'tically *adv.* (ענ-ע-פעס'-טי-קעל-אי) אויף דעם אופן פון א אנאפעסט. ז. *anapæst*.

an'apest *n.* (ענ'-ע-פעסט) ז. *anapæst*.

anapes'tic *a.* (ענ-ע-פעס'-טיק) ז. *anapæstic*.

anapes'tical *a.* (ענ-ע-פעס'-טיק-על) ז. *anapæstic*.

anapes'tically *adv.* (ענ-ע-פעס'-טי-קעל-אי) ז. *anapæstically*.

anaph'ora *n.* (ענ-עפ'-א-רע) די אנאפער [די ווידערהאלונג פון דעמזעלביגען ווארט אין אנפאנג פון מעהרערע זעצע].

an'arch *n.* (ענ'-ארק) אן אנארכיסט; אן אנהענגער פון דער אנארכיסטישער לעהרע. ז. *anarchism*.

anar'chic *a.* (ען-אר'-קיק) אנארכיסטיש; אהן ארדנונג.

anar'chical *a.* (ען-אר'-קי-קעל) ז. *anarchic*.

an'archism *n.* (ענ'-ארק-איזם) אנארכיזם, די לעהרע וועלכע איז נעגען יעדער מלוכה⸗ארדנונג און פרעדיגט די איינפיהרונג פון אזא געזעלשאפטס⸗לעבען, וואו עס זאל ניט עקזיסטירען קיין צוואנג און קיין שום אונטערדריקונג פון דעם יחיד דורך דעם כלל; אונארדנונג.

an'archist *n.* (ענ'-ארק-איסט) אן אנארכיסט.

anarchis'tic *a.* (ען-ארק-יס'-טיק) וואס איז שייך צום אנארכיזם; וואס פרעדיגט אנארכיזם. ז. *anarchism*.

an'archy *n.* (ענ'-אר-קי) אנארכיע, אנארכיזם. ז. *anarchism*.

anar'thropod *n.* (ען-אר'-טהרא-פאד) אנארטראפאד [א מין בעשעפעניש, וואס האט ניט קיין געלענקען⸗גליעדער].

Anarthrop'oda *n.* (ען-אר-טהראפ'-א-דע) די אנארטראפאדען [בעשעפענישען, וואס האבען ניט קיין געלענקען⸗גליעדער, ווי ווערם א. ז. וו.]

anarthrop'odous *a.* (ען-אר-טהראפ'-א-דאס) וואס איז שייך צו אן אנארטראפאד. ז. *Anarthropoda*.

anar'throus *a.* (ען-אר'-טהראס) אהן דעם ארטיקעל [אין גראמאטיק]; וואס האט נור א שפור פון גליעדער אדער האט גאר קיין גליעדער ניט [ווענען געוויסע בעשעפענישען].

anasar'ca *n.* (ענ-ע-סאר'-קע) הויט⸗וואסערזוכט [אזא הויט⸗קראנקהייט].

anasar'cous *a.* (ענ-ע-סאר'-קאס) וואס איז שייך צו אדער וואס האט הויט⸗וואסערזוכט.

an'astate *n.* (ענ'-ע-סטייט) דער שטאף וואס ווערט געשאפען דורך דעם אנאבאלישען פראצעס [ז. *anabolism*]; א שטאף וואס ענטוויקעלט זיך פון אן איינפאכערען וויא ער איז דורך דער פערצעהרונג פון ענערגיע.

anastat'ic *a.* (ענ-ע-סטעט'-איק) בולט, וואס ענטהאלט בולט'ע בוכשטאבען.

anastat'ic engra'ving (ענ-ע-סטעט'-איק ענ-גריי'-ווינג) דאס אראבנעהמען א פינקטליכע קאפיע פון א שריפט אדער דרוקזאך אויף א צינק⸗פלאטע דורך געוויסע כעמישע מיטעל אויף אזא אופן, אז אויף דער פלאטע זאלען די בוכשטאבען זיין בולט און מען זאל מיט איהר קענען דרוקען.

anastat'ic prin'ting (ענ-ע-סטעט'-איק פרינ'-טינג) ז. *anastatic engraving*.

anas'tomose *v.* (ע-נעס'-טא-מאוז) צוזאמענבינדען, בעהעפטען [אן איבערנעריסענעם אדער, ארטעריע א. ז. וו.].

anastomo'sis *n.* (ע-נעס-טא-מאו'-סיס) דאס צוזאמענבינדען, בעהעפטען [אן איבערנעריסענעם אדער, ארטעריע א. ד. ג.].

anastomot'ic *a.* (ע-נעס-טא-מאט'-איק) וואס איז שייך צו א פעראייניגונג אדער בעהעפטונג פון אדערען אדער ארטעריען.

anas'trophe *n.* (ע-נעס'-טרא-פי) די איבערשטעלונג פון ווערטער אין א זאץ.
Echoed the hills; The hills echoed.

attrib'utive *n. and a.* (ע-טריב'-יו-טיוו) אטריבוטיוו [אין גראמאטיק — א ווארט, וואס בעצייכענט אן איינענשאפט]: איינענשאפטליך; צושרייבענד, צורעכנענדיג [עפּעס צו אימעצען].

attrib'utively *adv.* (ע-טריב'-יו-טיוו-לי) אין צושרייבען די גרונד־איינענשאפטען אדער אומשטענדען צו עפּעס; אלס אן אטריבום [אלס א ווארט וואס בעצייכענט אן איינענשאפט — אין גראמאטיק].

attrite' *a.* (ע-טראיט') אבגעריבען; אבגעניצט; וואס טהוט תשובה אויף זינד מחמת מורא [ניט קיין פאלקאמענע תשובה]: האבענדיג הארץ שרעקעניש פאר בעגאנגענע זינד.

attrite'ness *n.* (ע-טראיט'-נעס) אבגעריבענקייט, אבגעניצטקייט; הארץ־שרעקעניש פאר בעגאנגענע זינד; תשובה מחמת מורא.

attri'tion *n.* (ע-טריש'-אן) ז. *attriteness*.

attune' *v. and n.* (ע-טיון') איינשטעלען דעם טאן; איינארדנען [א מוזיקאלישען אינסטרומענט]: ברייננען אין אנקלאנג: מאכען עס זאל קלינגען הארמאניש; די הארמאניע.

at war (עט הוואהר) אין קריעג.

atwirl' *a.* (ע-טהווארל') זיך דרעהענדיג.

atwist' *a.* (ע-טהוויסט') פערפלאנטערט.

at wit's end (עט הוויטס ענד) ניט ווי־סען זיך קיין עצה צו געבען.

at work (עט הווארק) ביי דער ארבייט.

at your command' (עט יור קא-מענד') אויף אייער בעפעהל.

at your pleas'ure (עט יור פּלעזש'-אור) וויא איהר ווילט.

at your ser'vice (עט יור סויר'-וויס) גרייט צו אייער דיענסט; גרייט צו טהאן אייער בעפעהל.

atyp'ic *a.* (ע-טיפּ'-איק) אונרעגעלמעסיג, ניט טיפּיש, וואס האט ניט דעם כאראקטעריסטישען טיפּ.

atyp'ical *a.* (ע-טיפּ'-אי-קעל) ז. *atypic*.

atyp'ically *adv.* (ע-טיפּ'-אי-קעל-אי) אויף אן אונרעגעלמעסיגען אופן; אויף א ניט טיפּישען אופן.

au'burn *a. and n.* (אָה'-בורן) [illegible]

auc'tion *n. and v.* (אָק'-שאן) [illegible] פֿאַרקויפֿן.

auc'tionary *a.* [illegible] צו אן אויקציאן, צו א ליציטאציע.

auctioneer' *n.* (אָק-שאָן-איער') [illegible]

auda'cious *a.* (אָה-דיי'-שאס) דרייסט; [illegible]; פריי, פֿעך.

auda'ciously *adv.* (אָה-דיי'-שאס-לי) אויף א פרעכען אדער אונפערשעמטען אופן; מיט דרייסטקייט.

auda'ciousness *n.* (אָה-דיי'-שאס-נעס) דרייסטיגקייט; פרעכקייט, אונפערשעמט־הייט.

audac'ity *n.* (אָה-דעס'-אי-טי) ז. *audaciousness*.

audibil'ity *n.* (אָה-די-ביל'-אי-טי) הערבארקייט; די מעגליכקייט געהערט צו ווערען.

au'dible *a.* (אָה'-דיבל) הערבאר, וואס [illegible]; [illegible] [הויך].

au'dibleness *n.* (אָה'-דיבל-נעס) הער־בארקייט; דאס קענען געהערט ווערען.

au'dibly *adv.* (אָה'-די-בלי) אויף א הערבארען אופן.

au'dience *n.* (אָה'-די-ענס) אוידיענץ; [illegible]: א פערזאמלונג פון צוהערער; דאס פובליקום: צולאז צו אן אויסהער; אוידיענץ [פון הויכגעשטעלטע פערזאנען].

au'dience-cham'ber *n.* (אָה'-די-ענס-טשיימ'-בער) אוידיענץ־זאל [דער זאל וואו מען ווערט אויפגענומען צו אן אוידיענץ].

au'dience-court *n.* (אָה'-די-ענס-קאורט) [illegible] איבערגעריכט [פון ערץ־בישאף].

au'dience-room *n.* (אָה'-די-ענס-רוהם) ז. *audience-chamber*.

au'dient *a. and n.* (אָה'-די-ענט) [illegible] אויפמערקזאם; א צוהערער: איינער וואס איז אויף פרובע פאר'ן שמד.

audiom'eter *n.* (אָה-די-אָמ'-ע-טער) אן אינסטרומענט צו מעסטען דעם כח השמיעה פון א מענשען.

audiomet'ric *a.* (אָה-די-א-מעט'-ריק) וואס מעסט דעם חוש השמיעה.

audiom'etry *n.* (אָה-די-אָמ'-ע-טרי) די מעסטונג פון חוש השמיעה.

au'diphone *n.* (אָה'-די-פאון) א[illegible] אינסטרומענט וואס גיט א טויבען די מעגליכקייט צו הערען.

au'dit *n. and v.* (אָה'-דיט) פערהער; [illegible]: [illegible] פון רעכנונגען; [illegible] רעכנונגען; פערהערען, [illegible].

au'dit-day *n.* (אָה'-דיט-דיי) דער טאג פון [illegible]; דער צאהל־טאג.

au'dit-house *n.* (אָה'-דיט-האוס) [illegible] ביי גרויסע קירכען.

audi'tion *n.* (אָה-דיש'-אן) דאס הערען.

au'ditive *a.* (אָה'-די-טיוו) וואס בעלאנגט צום חוש השמיעה.

au'dit-of'fice *n.* (אָה'-דיט-אָפ'-יס) די [illegible] [פון א גע־[illegible], אדער פון דער רעגירונג].

au'ditor *n.* (אָה'-די-טאר) א צוהערער; א רעכנונגס־רעוויזאר [רואה חשבון].

audito'rium *n.* (אָה-די-טאו'-רי-אם)

אוידיטאריום [צוהערער־זאל]; פערזאמלונגס זאל; עמפפאנגס־צימער.

au'ditorship *n.* (אה'-די-טאר-שיפ) דער אמט פון א רעכנונגס־רעוויזאר [רואה חשבון].

au'ditory *n. and a.* (אה'-די-טא-רי) הערענדיג; וואס בעטרעפט דעם געהער [חוש השמיעה]; אוידיטאריום, א צוהערער־זאל; א פערזאמלונגס־זאל; וואס איז שייך צו אן אוידיטאריום.

au'ditory nerve (אה'-די-טא-רי נוירוו) געהער־נערוו.

au'ditress *n.* (אה'-די-טרעס) א צוהערעריז.

au'dit-room *n.* (אה'-דיט־רוהם) ז. *audit-house*.

Auge'an *a.* (אה-דזשי'-ען) וואס איז שייך צו דעם גריכישען קעניג אויגיאס אין אלטען גריכענלאנד אדער צו זיינע שטאלען אין וועלכע עס זיינען, לויט דער גריכישער לעגענדע, געשטאנען 3 טויזענד אקסען און מען האט זיי 30 יאהר ניט גערייניגט; זעהר פערנאכלעסיגט; שמוציג.

au'ger *n.* (אה'-גער) א גרויסער עגבער, א דריל.

au'ger-shell *n.* (אה'-גער-שעל) שרויבענשנעקע [א ווייך שליימיג חיה'לע וואס דרעהט זיך איין אין א מושעל אזוי ווי א שרויף].

aught *n. and pr.* (אהט) עפעס, וואס־עס־איז.

au'gite *n.* (אה'-דזשאיט) דער אוגיט [אזא שטיין].

augit'ic *a.* (אה-דזשיט'-איק) וואס ענטהאלט אוגיט.

augment' *v.* (אהג-מענט') פערמעהרען, פערגרעסערען; פערשטארקערען; אין גראמאטיק — צוגעבען אן אויגמענט [א צוזאץ־זילבע אין אנפאנג פון א צייט־ווארט, ווי "גע" אין "געלעזען"].

By judicious investment he augmented his fortune.

aug'ment *n.* (אהג'-מענט) אין גראמאטיק — אן אויגמענט [א צוזאץ־זילבע אין אנפאנג פון א צייטווארט, ווי "גע" אין "געלעזען"].

augmen'table *a.* (אהג-מענ'-טעבל) פערמעהרבאר; וואס קען פערגרעסערט ווערען.

augmenta'tion *n.* (אהג-מענ-טיי'-שאן) פערגרעסערונג; פערמעהרונג; צונאהמע; צוזאץ; שטייגערונג; דאס שטייגען [פון פרייז]; אויגמענטאציאן [די שטייגערונג פון טאן אין א וואקאלישען אקארד].

augmen'tative *a. and n.* (אהג-מענ'-טע-טיוו) פערמעהרענדיג; פערגרעסערענדיג; פערשטארקענדיג; שטייגערענדיג; שטייגערענדיג די קראפט פון אן אויסדרוק [אין גראמאטיק]; א ווארט וואס פערשטארקט דעם אויסדרוק פון אן אידעע.

augmen'tatively *adv.* (אהג-מענ'-טע-טיוו-לי) אויף דעם אופן פון שטייגערען; פערגרעסערענדיג; פערשטארקענדיג.

augmen'ter *n.* (אהג-מענ'-טער) דער פערגרעסערער, פערמעהרער.

augmen'tive *a.* (אהג-מענ'-טיוו) ז. *augmentative*.

Augs'burg Confes'sion (אהגס'-בוירג קאנ-פעש'-אן) די פראטעסטאנטישע עקרים פון קריסטליכען גלויבען, אנגענומען אין אויגסבורג פון די פראטעסטאנטען אין יאהר 1530.

au'gur *n. and v.* (אה'-גויר) אין אלטען רוים — אן אוגור, א וואהרזאגער, טרעפער, נביא; פארויסזאגען, טרעפען, נביאות זאגען; דיענען אלס צייכען אדער פארויסזאגונג.

au'gural *a.* (אה'-גיו-רעל) טרעפענדיג אין פארויס; נביאות זאגענדיג; וואס בעלאנגט צו וואהרזאגונג.

au'gurate *v. and n.* (אה'-גיו-רייט) וואהרזאגען; טרעפען; נביאות זאגען [פון פערשיעדענע צייכען]; דאס אמט פון אן אוגור. ז. *augur*

au'gurial *a.* (אה'-גיו-רי-על) ז. *augural*.

au'gury *n.* (אה'-גיו-רי) וואהרזאגונג, טרעפונג; נביאות זאגעריי [לויט פערשיעדענע צייכען]; א צייכען; דאס, לויט וואס מען זאגט פארויס.

Au'gust *n.* (אה'-גאסט) דער מאנאט אויגוסט.

august' *a.* (אה-גאסט') הויך, ערהאבען, הערליך.

Au'gustin *a.* (אה'-גאס-טין) אויגוסטינער [א מאנאך פון א געוויסען ארדען, געגרינדעט פון דעם הייליגען אויגוסטין].

Au'gustine *n.* (אה'-גאס-טין) ז. *Augustin*.

Augustin'ian *a. and n.* (אה-גאס-טינ'-אי-ען) אן אויגוסטינער; וואס איז שייך צו די אויגוסטינער. ז. *Augustin*

august'ly *adv.* (אה-גאסט'-לי) ערהאבען, הערליך; מאיעסטעטיש.

august'ness *n.* (אה-גאסט'-נעס) הויכקייט, ערהאבענהייט, הערליכקייט.

auk *n.* (אהק) דער פאפוגאי־טויכער [אזא ים פויגעל אין די ווארימע לענדער

Auk

au'la *n.* (אה'-לא) הויף; זאל; פעסטזאל [אין אן אוניווערזיטעט].

aula'rian *a. and n.* (אה-ליי'-רי-ען) וואס איז שייך צו א פעסט־זאל אין אן אוניווערזיטעט; א מיטגליעד פון א פראפעסארען־קאלעגיום אין אן ענגלישען אוניווערזיטעט.

aulet'ic *a.* (אה-לעט'-איק) וואס איז שייך צו דעם שפיעלען פון א פלייט אדער א פייפעל.

au'lic *a.* (אה'-ליק) וואס געהערט צום קעניגליכען הויף.

Au'lic Coun'cil (אה'-ליק קאונ'-סיל) דער קייזערליכער הויפראט אמאל אין דייטשלאנד; דער עסטרייכישער שטאאטענראט.

aum *n.* (אהם) ז. *aam*.

au'mil *n.* (אה'-מיל) אן אינדישער שטייער־בעאמטער.

aune *n.* (און) אייל, על [אלטע פראנצויזישע לענגען־מאס]; ארשין [רוסישע לענגען־מאס].

aunt *n.* (אנט) מומע, טאנטע; עלטערע פרוי; אלטע נעגעריז; שדכנ'טע; א שפיעל אין ווארפען שטעקלעך.

aun'tie *n.* (אנ'-טיע) ז. *aunt*.

aun'ty *n.* (אנ'-טיע) ז. *aunt*.

au'ra *n.* (אה'-רא) הויך, דופט [פון קערפער]; אטמאספערע, לופט; דאס מאגנעטישע מעדיום וואס רינגעלט ארום, ווי די היפנאטיסטען בעהויפטען, יעדען מענשליכען קערפער.

au'ral *a.* (אה'-רעל) וואס בעלאנגט צו די אויערען אדער צום געהער [חוש השמיעה].

au'ral nerve (אה'-רעל נוירוו) דער אויערען נערוו.

au'ral sur'geon (אה'-רעל סויר'-דזשאן) אן אויערען כירורג.

au'rate *a. and n.* (אה'-רייט) וואס האט אויערען; וואס איז עהנליך צו אן אויער; גאלדען, גענילט; א מין בארנע.

au'reate *a.* (אה'-רי-אייט) אבגעגילט; ווי גאלד, גאלדען.

aure'lia *n.* (אה-רי'-לי-ע) די פופע [דער רוהע־צושטאנד פון אן אינזעקט, וועלכער שפינט זיך ארום מיט געוועב און ליעגט ווי טוידט א געוויסע צייט, מייסטענס איבער ווינטער]; אזא מין דורכזיכטיגער פיש, וואס זיין קערפער איז ווי פון פוטשא [סטודען].

aure'lian *a.* (אה-רי'-לי-ען) וואס געהערט צו א פופע. ז. *aurelia*

au'reole *n. and v.* (אה'-רי-אול) דער שטראהלען־קרוין ארום דער זון; אן עיגול פון שטראהלען ארום א זאך [ווי דער שטראהלען קרוין ארום דעם קאפ פון א הייליגען, לויט ווי עס ווערט געמאהלען אויף בילדער]; ארומרינגלען מיט א שטראהלען־קרוין.

au'reous *a.* (אה'-רי-אס) פון גאלדענעם קאליר; א גאלדענער.

au revoir' (או רע-וואר') צום ווידערזעהן.

au'ric *a.* (אה'-ריק) וואס בעלאנגט צו גאלד אדער וואס האט אין זיך גאלד; וואס איז שייך צום דופט פון קערפער. ז. *aura*

au'ric ac'id (אה'-ריק עס'-איד) גאלד־זויערע [א כעמישער שטאף].

au'ricle *n.* (אה'-ריקל) דער אויסערער טייל פון אויער; עטוואס וואס איז עהנליך צו אן אויער; אן אויער־רעהר [פאר טויבע]; דער אויבערשטער דינערער טייל פון הארץ וואס האט די פארם פון אן אויער [אזעלכע טיילען זיינען פאראן 2, א רעכטער און א לינקער].

ז. איל. *"Bloodvessels of the Human Body"*

au'ricled *a.* (אה'-ריקלד) ז. *auriculate*.

auric'ula *n.* (אה-ריק'-יו-לע) דאס בערען־אויערעל [א מין פלאנצע], א נארטען ראזע; די אויערעל־שנעקע [אזא חיה'לע].

auric'ular *a.* (אה-ריק'-יו-לער) וואס געהערט צום אויער; וואס איז עהנליך צו אן אויער; הערבאר; געהיים.

auric'ular append'age (אה-ריק'-יו-לער ע-פענד'-איידזש) אן ארויסשטארצונג פון דעם אויבערשטען טייל פון הארץ, וואס האט די פארם פון אן אויערעל.

ז. איל. *"Bloodvessels of the Human Body"*

auric'ular confes'sion (אה-ריק'-יו-לער קאנ-פעש'-אן) די געהיימע ודוי פאר'ן גלח [ביי די קאטוילִיקען].

auric'ular tradi'tion (אה-ריק'-יו-לער טרע-דיש'-אן) תורה שבעל פה; א זאגע וואס ועהט איבער בקבלה.

auric'ular tube (אָה-ריק'-יו-לער טיוב) דאָס הערד-ראָהר [אין אויער].
auric'ulate *a.* (אָה-ריק'-יו-לייט) וואָס הענגט אראָב ווי אויערען; עהנליך צו אַן אויער.
auric'ulated *a.* (אָה-ריק'-יו-ליי-טעד) ז. *auriculate*.
aurif'erous *a.* (אָה-ריפ'-ער-אָס) וואָס איז רייך אין גאָלד; וואָס גיט ארויס גאָלד.
au'riflamme *n.* (אָה'-רי-פלעם) די אַמאָליגע קעניגליכע פאָהן אין פראַנקרייך.
au'riform *a.* (אָה'-רי-פאָרם) עהנליך צו אַן אויער.
Auri'ga *n.* (אָה ראי' גע) דער פיהרמאַן [א נאָמען פון א געוויסע צוזאַמענשטעלונג פון שטערען].
auri'gal *a.* (אָה-ראי'-געל) וואָס געהערט צו א וואַגען.
auriga'tion *n.* (אָה-רי-גיי'-שאָן) דאָס טרייבען א וואַגען.
aurig'erous *a.* (אָה רידזש'-ע ראָס) וואָס גיט אַרויס גאָלד.
aurig'raphy *n.* (אָה-ריג'-רע-פי) די קונסט צו שרייבען מיט גאָלדענע אותיות.
auripigmen'tum *n.* (אָה-רי פיג-מען'-טאָם) אָפּערמענט [אַזאַ מינעראַל, וואָס ענטהאַלט ארזעניק].
au'ris *n.* (אָה'-ריס) אַן אויער.
au'riscalp *n.* (אָה'-רי-סקעלפּ) אויער-לעפּ-פעלע [צום רייניגען די אויערען]; א כירורגישער אויער-אינסטרומענט.
au'riscope *n.* (אָה'-רי-סקאָופּ) אוירים-קאָפּ [אַן אינסטרומענט געברויכט אין דער מעדיצין צום עקזאַמענירען דעם אויער].
auris'copy *n.* (אָה-ריס'-קאָ-פּי) די אונ-טערזוכונג פון דעם אויער מיט אַן אוירים-קאָפּ.
au'rist *n.* (אָה'-ריסט) אַן אויערען דאָק-טאָר.
au'rited *a.* (אָה'-רי-טעד) וואָס האָט דאָס אויסזעהען פון אַן אויער.
au'rochs *n.* (אָה'-ראָקס) אַן אויער-אָקס.



Aurochs

Auro'ra *n.* (אָה-ראָו'-רע) אווראָרא [די נעמען פון דער מאָרגען-רויט ביי די אַלטע רוימער].
auro'ra *n.* (אָה-ראָו'-רע) מאָרגענשטערן, מאָרגענרויט.
auro'ra austra'lis (אָה-ראָו'-רע אָס-טריי'-ליס) דאָס זיד-ליכט. ז. *aurora borealis*.
auro'ra borea'lis (אָה-ראָו'-רע באָ-רע-איי'-ליס) דאָס נאָרד-ליכט [א געווי-סע וואונדערשעהנע נאַטור ערשיינונג פון קאָלירטע ליכט-שטראַהלען אין די געגענ-דען פון נאָרד-פּאָל].
auro'ral *a.* (אָה-ראָו'-רעל) וואָס אַנבע-לאַנגט אָדער איז עהנליך צו דער מאָרגענ-רויט.
au'rum *n.* (אָה'-ראָם) גאָלד [דאָס ריינע גאָלד אַלס כעמישער עלעמענט].
aus'cultate *v.* (אָהס'-קאַל-טייט) עקזאַ-מינירען א קראַנקען דורך אויסהערען איהם מיט'ן אויער.
auscultation *n.* (אָהס-קאַל-טיי'-שאָן) דאָס אויסהערען זיך.
aus'picate *v.* (אָהס'-פּי-קייט) פאָר-אויסזאָגען גליק; אונטערנעהמען עטוואָס אונטער גינסטיגע פאָראויסזאָגונגען; אָנ-פאַנגען.
aus'pices *n.* (אָהס'-פּי-סעז) 1. נביאות; זאָגערייאי פון דעם פליהען פון דעם פויגעל, אָדער פון אַנדערע נאַטור ערשיינונגען; פאָרבעדייטונג; שוץ, אויפזיכט; 2. אויס-זיכט.

2. The publication of this dictionary was begun under favorable auspices.

auspi'cial *a.* (אָהס-פּיש'-על) פאָרבעדייטענד, וואָס זאָגט פאָרויס גליק.
auspi'cious *a.* (אָהס-פּיש'-אָס) גליקליך, גינסטיג; וואָס זאָגט פאָרויס גליק.
auspi'ciously *adv.* (אָהס-פּיש'-אָס-לי) אויף א גליקליכען אָדער גינסטיגען אופן.
auspi'ciousness *n.* (אָהס-פּיש'-אָס-נעס) גליק; גינסטיגע אויסזיכטען אויף גליק.
aus'ter *n.* (אָהס'-טער) דרום-ווינד.
austere' *a.* (אָהס-טיער') הארב, שאַרף [אין געשמאַק]; שטרענג, הארט, גרוזאַם; ערנסט; אומפריינדליך; מעסיג; איינ-פאַך; ניט בעפּוצט.
austere'ly *adv.* (אָהס-טיער'-לי) אויף א שטרענגען אופן; מיט שאַרפקייט, מיט האַרטקייט.
austere'ness *n.* (אָהס-טיער'-נעס) שאַרפקייט; הארבקייט, שטרענגקייט, האַרטקייט, גרוזאַמקייט; אומפריינדליכ-קייט.
auster'ity *n.* (אָהס-טער'-איט-אי) ז. *austereness*.
aus'tral *a.* (אָהס'-טרעל) זידליך [אין דרום זייט].
Australa'sia *n.* (אָה-סטרע-ליי'-שאַ) אויסטראַלעזיע [אויסטראַליע און די ארומ-ליגענדע אינזלען].
Australa'sian *a. and n.* (אָהס-טרע-ליי'-שען) וואָס אנבעלאַנגט צו אויסטראַ-לעזיע [אויסטראַליע און די ארומיגע אינזלען]; אַן אויסטראַלעזיער.
Austra'lia *n.* (אָהס-טריי'-לי-אַ) אויס-טראַליען.
Austra'lian *a. and n.* (אָהס-טריי'-ליען) אויסטראַליש; אַן אויסטראַליער.
Aus'tria *n.* (אָהס'-טרי-אַ) עסטרייך.
Aus'trian *a. and n.* (אָהס'-טרי-ען) עסטרייכיש; אַן עסטרייכער.
au'tarchy *n.* (אָה' טאַר-קי) איינבע-הערשטע מאַכט; זעלבסט-רעגירונג.
authen'tic *a.* (אָה-טהען'-טיק) גלויב-ווירדיג; עכט, ריכטיג, בעשטעטיגט.

We received authentic information about the impending war.

authen'tical *a.* (אָה-טהען'-טי-קעל) ז. *authentic*.
authen'tically *adv.* (אָה-טהען'-טי-קעל-אי) גלויבווירדיג, צום גלויבען.
authen'ticalness *n.* (אָה-טהען'-טי-קעל-נעס) גלויבווירדיגקייט; עכטהייט; ריכטיגקייט; דאָס זיין בעשטעטיגט.
authen'ticate *v.* (אָה-טהען'-טי-קייט) בעגלויביגען; בעשטעטיגען, ערקלערען פאַר ריכטיג, פאַר עכט.
authentica'tion *n.* (אָה-טהען-טי-קיי'-שאָן) בעשטעטיגונג; בעגלויביגונג.
authentic'ity *n.* (אָה טהען-טיס'-אי-טי) ז. *authenticalness*.
authen'ticly *adv.* (אָה-טהען'-טיק-לי) ז. *authentically*.
authen'ticness *n.* (אָה-טהען'-טיק-נעס) ז. *authenticalness*.
au'thor *n.* (אָה'-טהאָר) פערפאַסער; שאַפער; שרייבער; [illegible], מחבר, אורזאַך; שריפטשטעלער.
au'thoress *n.* (אָה'-טהאָר-עס) שאַפערין, שרייבערין; פערפאַסערין; שריפט-שטעלערין.
autho'rial *a.* (אָה-טהאָו'-רי-על) וואָס איז שייך צו א פערפאַסער.
au'thorisable *a.* (אָה'-טהאָר-אַי-זעבל) וואָס קען בערעכטיגט אָדער בעשטעטיגט ווערען; וואָס קען האָבען די אויטאָריטעט אָדער די געזעצליכע מאַכט.
authorisa'tion *n.* (אָה-טהאָר-אַי-זיי'-שאָן) דאָס בעפאָלמעכטיגען; בעשטעטיגונג; בערעכטיגונג; דאָס גילטיג מאַכען; דאָס געבען די אויטאָריטעט; דאָס געבען די געזעצליכע מאַכט.
authorita'rian *a. and n.* (אָה-טהאָר-אי-טיי'-רי-ען) וואָס איז פאַר א הערש-רישער מאַכט און געגען פערזענליכער פרייהייט; איינער וואָס האַלט פאַר א הערשערישער מאַכט.
author'itative *a.* (אָה-טהאָר'-אי-טיי-טיוו) בעפאָלמעכטיגט; מאַכט האָבענד, וואָס האָט מאַכט אָדער א רעכט בעפעה-לען.

An authoritative statement was issued by an official of the White House.

author'itatively *adv.* (אָה-טהאָר'-אי-טיי-טיוו-לי) אויף א בעפעהלענדען אופן; מיט [illegible] בעפאָלמעכטיגונג אָדער רעכט.
author'itativeness *n.* (אָה-טהאָר'-אי-טיי-טיוו-נעס) דאָס זיין בעפאָלמעכטיגט, בערעכטיגט; גדלות, תקיפות.
author'ity *n.* (אָה-טהאָר'-אי-טי) אויטאָריטעט; געזעצליכע מאַכט אין גע-וועלט; דאָס אנזעהן; די מאָראַלישע מאַכט; איינפלוס; [illegible]; [illegible]; [illegible]; פאָל-מאַכט; [illegible]; [illegible]; [illegible].
au'thorizable *a.* (אָה'-טהאָר-אַי-זעבל) וואָס קען בערעכטיגט אָדער בעשטעטיגט ווערען; וואָס קען האָבען די אויטאָריטעט אָדער די געזעצליכע מאַכט.
authoriza'tion *n.* (אָה-טהאָר-אַי-זיי'-שאָן) דאָס בעפאָלמעכטיגען, בעשטעטיגונג; בערעכטיגונג; דאָס גילטיג מאַכען; דאָס געבען דיא אויטאָריטעט; דאָס געבען די געזעצליכע מאַכט.

The lawyer received an authorization from his client to adjust the claim.

au'thorize *v.* (אָה'-טהאָר-אַיז) בעפאָל-מעכטיגען; בערעכטיגען; בעשטעטיגען; גע-בען די אויטאָריטעט; געבען די געזעצלי-כע מאַכט.
Au'thorized Ver'sion (אָה'-טהאָר-אַיזד ווער'-שאָן) די בעשטעטיגטע ענג-לישע איבערזעצונג פון דעם תנ"ך [די אי-בערזעצונג, וועלכע איז אין יאָהר 1611 [illegible] בעשטע-טיגט [illegible] געוואָרען צו בענוצען אין די קירכען].
au'thorless *a.* (אָה'-טהאָר-לעס) אָהן א פערפאַסער; אַנאָנים; אָהן א בעשאַפער; פון קיינעם ניט געשאַפען.
au'thorly *a.* (אָה'-טהאָר-לי) וואָס איז שייך צו א שריפטשטעלער.
au'thorship *n.* (אָה'-טהאָר-שיפּ) פער-פאַסערשאַפט; שריפטשטעלעריי.
autobiog'rapher (אָה-טאָ-באַי-אָג'-רע-פער) אויטאָביאָגראַף [איינער וואָס בעשרייבט זיין אייגענע לעבענסגעשיכטע].

autobiograph'ic *a.* (אה-טא-באי-א-גרעפ'-איק) אויטאביאגראפיש [די אייגענע לעבענסגעשיכטע בעשרייבענדיג].

autobiograph'ical *a.* (אה-טא-באי-א-גרעפ'-איק-על) ז. *autobiographic*

autobiograph'ically *adv.* (אה-טא-באי-א-גרעפ'-אי-קעל-אי) אויף אן אויטאביאגראפישען אופן.

autobiog'raphist *n.* (אה-טא-באי-אג'-רע-פיסט) ז. *autobiographer*

autobiog'raphy *n.* (אה-טא-באי-אג'-רע-פי) אויטאביאגראפיע [די זעלבסט=פערפאסטע לעבענסגעשיכטע].

au'toboat *n.* (אה'-טא-באוט) א זעלבסט=בעוועגליך שיפעל [א שיפעל וואס ווערט געטריבען דורך א מאטאר].

au'tobus *n.* (אה'-טא-באס) א זעלבסט=בעוועגליכער וואגען [א וואגען וואס ווערט געטריבען פון א מאטאר].

autoch'thon *n.* (אה-טאק'-טהאן) איינער וואס איז ארויסגעוואקסען פון דער ערד גופא [א מין אדם הראשון]; אור=איינוואהנער [פון א לאנד].

autoch'thonal *a.* (אה-טאק'-טהאנ-על) ז. *autochthonic*

autochthon'ic *a.* (אה-טאק-טהאנ'-איק) וואס איז שייך צו די אור=איינוואהנער פון לאנד.

autoch'thonous *a.* (אה-טאק'-טהאנ-אס) ז. *autochthonic*

au'toclave *n.* (אה'-טא-קלייוו) א וואל=קאניזאטאר, אן אפאראט צו קאכען אין זעהר א הויכער טעמפעראטור [דער אפאראט בעשטעהט פון א קעסעל צו וועלכען דאס דעקעל איז שטייף צוגעשרויפט. אונטער'ן קעסעל איז א הייצער, וועלכער וואַרעמט דאס קעסעל אזוי דאס די טעמפעראטור פון דעם וואסער, וואס געפינט זיך אין איהם, שטייגט זעהר הויך].



Autoclave

autoc'racy *n.* (אה-טאק'-רע-סי) די אויטאקראטיע, די זעלבסט=הערשאפט.

au'tocrat *n.* (אה'-טא-קרעט) אויטאקראט; זעלבסט=הערשער, אליין=הערשער.

autocrat'ic *a.* (אה-טא-קרעט'-איק) אויטאקראטיש; אליין=הערשענד; ניט בעגרענצט אין מאכט.

autocrat'ical *a.* (אה-טא-קרעט'-איק-על) ז. *autocratic*

autocrat'ically *adv.* (אה-טא-קרעט'-איק-על-אי) אויף אן אויטאקראטישען אופן; אליין=הערשענדיג.

autoc'ratrix *n.* (אה-טאק'-רע-טריקס) די זעלבסט=הערשערין.

autocy'cle *n.* (אה-טא-סאי'קל) א וועלאסיפעד, וואס ווערט געטריבען פון א מאטאר.

au'to da fe (או'-טאו דא פיי) אויטאדאפע [די פערברענונג פון אפקורסים אין שפאניען און פארטוגאל]; די בעראטונג, אדער דאס אורטייל פון דער אינקוויזיציאן; א מצוה.

au'to de fe (או'-טאו דיי פיי) ז. *auto da fe'*

autodynam'ic *a.* (אה-טא-די-נעמ'-איק) וואס האט די בעוועגונגס=קראפט אין זיך זעלבסט.

autog'amous *a.* (אה-טאג'-ע-מאס) וואס בעפרוכטען זיך זעלבסט [וועגען פלאנצען וועלכע בעפרוכטען זיך מיט זייער אייגענעם בליהונגס=שטויב, אין געגענזאץ צו די פלאנצען וואס ווערען בעפרוכטעט מיט דעם בליהונגס=שטויב פון אנדערע פלאנצען, וועלכער ווערט צו זיי געבראכט דורך'ן ווינד אדער דורך אינזעקטען].

autog'amy *n.* (אה-טאג'-ע-מי) זעלבסט=בעפרוכטונג [ביי פלאנצען].

autoge'neous *a.* (אה-טא-דזשי'-ני-אס) וואס ווערט פון זיך אליין בעשאפען; וואס ווערט פון זיך אליין געבארען.

autogen'esis *n* (אה-טא-דזשענ'-ע-סיס) זעלבסט=פראדוקציאן; דאס ווערען בעשאפען אונאבהענגיג, פון זיך אליין.

autogen'ic *a.* (אה-טא-דזשענ'-איק) וואס קומט ארויס פון זיך אליין, וואס ווערט פון זיך אליין בעשאפען; וואס קען פון זיך אליין צונויפגעלייט ווערען [וועגען צוויי מעטאל=שטיקער וועלכע ווערען צונויפגעלייט דורך שמעלצען די ענדען פון די שטיקער וואס דארפען צונויפגעלייט ווערען].

autog'enous *a.* (אה-טאדזש'-ע-נאס) וואס ווערט פון זיך אליין בעשאפען; וואס קומט ארויס פון זיך אליין, וואס קען פון זיך אליין צונויפגעלייט ווערען [וועגען צוויי מעטאל=שטיקער, וואס ווערען צונויפגעלייט דורך שמעלצען די ענדען פון די שטיקער וואס דארפען צונויפגעלייט ווערען].

autog'enously *adv.* (אה-טאדזש'-ע-נאס-לי) דורך בעשאפען ווערען פון זיך אליין; דורך דעם פראצעס פון זעלבסט=צונויפלייטונג [וועגען צונויפלייטען מעטאל=שטיקער דורך שמעלצען זייערע ענדען].

autog'enous sol'dering (אה-טאדזש'-ע-נאס סאל'-דער-אינג) דאס צונויפלייטען מעטאל=שטיקער דורך שמעלצען זייערע ענדען, ניט געברויכענדיג דערביי קיין ספעציעלען לייט=מעטאל.

autog'eny *n.* (אה-טאדזש'-ע-ני) ז. *autogenesis*

autog'ony *n.* (אה-טאג'-א-ני) דאס ענטשטעהן פון איינפאכע ארגאניזמען פון א לעבענסלאזער פליסיגקייט.

au'tograph *a., n. and v.* (אה'-טא-גרעף) אויטאגראף, כתב יד; מיט דער אייגענער האנד געשריבען; אויטאגראפיש; די אייגענע אונטערשריפט; אריגינעלער מאנוסקריפט; אן אויטאגראף=דרוק=מאשין [א מאשין צו דרוקען כתב יד'ען]; שרייבען מיט דער אייגענער האנד; דרוקען מיט אן אויטאגראף=דרוק=מאשין.

autograph'ic *a.* (אה-טא-גרעפ'-איק) אליין=געשריבען; אייגענהענדיג געשריבען; וואס איז שייך צו א טעלעגראף=אפאראט וואס גיט איבער די האנדשריפט און בילדער; געדרוקט מיט אן אויטאגראף=דרוק=מאשין. ז. *autograph*

autograph'ic tel'egraph (אה-טא-גרעפ'-איק טעל'-ע-גרעף) א טעלעגראף וואס גיט איבער די האנדשריפט און בילדער.

autograph'ical *a.* (אה-טא-גרעפ'-איק-על) ז. *autographic*

autograph'ically *adv.* (אה-טא-גרעפ'-אי-קעל-אי) אויף אן אויטאגראפישען אופן; דורך אן אייגענהענדיגען שרייבען. ז. *autograph*

autog'raphy *n.* (אה-טאג'-רע-פי) אויטאגראפיע, דאס שרייבען מיט דער אייגענער האנד; דאס דרוקען מיט אן אויטאגראף=דרוק=מאשין; דאס לעזען אלטע, פערשטעלטע דיפלאמאטישע שריפטען.

au'to-inoculabil'ity *n.* (אה'-טאו-אינ-אק-יו-לע-ביל'-אי-טי) די מעגליכקייט פאר זעלבסט=אנשטעקונג. ז. *auto-inoculation*

au'to-inoc'ulable *a.* (אה'-טאו-אינ-אק'-יו-לעבל) וואס בעזיצט די מעגליכקייט פון זעלבסט=אנשטעקונג; וואס קען זיך ווייטער פערשפרייטען דורך זעלבסט=אנשטעקונג [וועגען א קראנקהייט]. ז. *auto-inoculation*

au'to-inocula'tion *n.* (אה'-טאו-אינ-אק-יו-ליי'-שאן) זעלבסט=אנשטעקונג, דאס אנשטעקען א געזונטען גליעד פון קערפער מיט דעם קראנקהייטס=גיפט פון א קראנקען גליעד פון קערפער פון דערזעלביגער פערזאן [א געוויסע מעטאדע אין דער מעדיציו].

au'tomath *n.* (אה'-טא-מעטה) אויטאדאקט, איינער וואס האט זיך געלערענט אהן דער הילפע פון א לעהרער, א זעלבסט=געלעהרטער.

automat'ic *a.* (אה-טא-מעט'-איק) אויטאמאטיש [זיך זעלבסט בעוועגענדיג]; זיך בעוועגענדיג מעכאניש, אהן בעוואוסטזיין.

automat'ical *a.* (אה-טא-מעט'-איק-על) ז. *automatic*

automat'ically *adv.* (אה-טא-מעט'-אי-קעל-אי) אויף אן אויטאמאטישען אופן; אויטאמאטיש, מעכאניש, אהן בעוואוסטזיין.

automatic'ity *n.* (אה-טא-מע-טיס'-אי-טי) דאס זיין אויטאמאטיש; אן אויטאמאטישע בעוועגונג.

autom'atism *n.* (אה-טאמ'-ע-טיזם) דאס זיין אויטאמאטיש; דאס בעוועגען זיך מעכאניש, אהן בעוואוסטזיין; די טעאריע, אז חיות בעוועגען זיך בלויז מעכאניש ווי אויטאמאטען, ד. ה. דורך געוויסע פיזישע געזעצען, אבער ניט דורך וועלכען עס איז בעוואוסטזיין.

autom'atist *n.* (אה-טאמ'-ע-טיסט) איינער וואס מאכט אויטאמאטען [זיך זעלבסט=בעוועגענדע מאשינען]; איינער וואס בעהויפטעט אז חיות בעוועגען זיך בלויז מעכאניש ווי אויטאמאטען, ד. ה. דורך געוויסע פיזישע געזעצען, אבער ניט דורך וועלכען עס איז בעוואוסטזיין.

autom'atize *v.* (אה-טאמ'-ע-טאיז) מאכען אן אויטאמאט [א זיך זעלבסט=בעוועגענדע מאשין].

autom'aton *n.* (אה-טאמ'-ע-טאן) אויטאמאט; א זיך זעלבסטבעוועגענדע קונסט=ווערק; מאשין=מענש.

autom'atous *a.* (אָה-טאָמ'-ע-טאַס) *automatic* .ז

automo'bile *a.* (אָה-טאָ-מאָו'-ביל) זיך זעלבסט-בעוועגענדיג.

automobile' *n. and v.* (אָה-טאָ-מאָ-ביל') אַן אויטאָמאָביל [אַ וואָגען געטריבען פון אַ מאָטאָר]; פאָהרען אין אַן אויטאָמאָביל.

Automobile

automobil'ist *n.* (אָה-טאָ-מאָ-ביל'-איסט) אויטאָמאָביליסט [איינער וואָס בעזיצט אָדער טרייבט אַן אויטאָמאָביל].

automor'phic *a.* (אָה-טאָ-מאָהר'-פיק) אורטיילענדיג אַנדערע נאָך זיך.

automor'phism *n.* (אָה-טאָ-מאָהר'-פיזם) דאָס אורטיילען אַנדערע נאָך זיך.

auton'omous *a.* (אָה-טאָנ'-אָ-מאָס) אויטאָנאָם, זיך אַליין רעגיערענדיג; האָבענדיג דאָס רעכט זיך צו רעגירען נאָך אייגענע געזעצען.

auton'omy *n.* (אָה-טאָנ'-אָ-מי) אויטאָנאָמיע, זעלבסט-רעגירונג.

au'tonym *n.* (אָה'-טאָ-נים) אַ ווערק וואָס טראָגט דעם מחבר'ס נאָמען; אַ נאָמען וואָס בעציהט זיך אויף מעהרערע זאַכען.

au'topsy *n.* (אָה'-טאָפּ-סי) דאָס צושניידען דעם קערפּער נאָכ'ן טוידט [פאַר אונטערזוכונג]; אַן אייגענע, אַ פּערזענליכע אונטערזוכונג.

The autopsy showed that the man died from natural causes.

autop'tic *a.* (אָה-טאָפּ'-טיק) וואָס מען זעהט אַליין מיט די אויגען.

autop'tical *a.* (אָה-טאָפּ'-טיק-על) *autoptic* .ז

autotox'ic *a.* (אָה-טאָ-טאָק'-סיק) זיך זעלבסט פערגיפטענדיג. *autotoxin* .ז

autotox'in *n.* (אָה-טאָ-טאָק'-סין) אַ גיפט וואָס אַרבייט זיך אויס אין קערפּער און שעדיגט איהם אַליין.

au'totruck *n.* (אָה'-טאָ-טראָק) אַן אויטאָמאַטישער פראַכט-וואַגען, אַ פראַכט-אויטאָמאָביל.

au'totype *n. and v.* (אָה'-טאָ-טאַיפּ) אַ מעטאָדע צו מאַכען פאָטאָגראַפיעס אין פאַרבען; פאַקסימיל [אַ גענויע קאָפּירטע קאָפּיע פון אַ האַנד-שריפט]; אַזוי פאָטאָגראַפירען אָדער קאָפּירען.

autotyp'ic *a.* (אָה-טאָ-טיפּ'-איק) וואָס איז נוגע צום פאָטאָגראַפירען מיט פאַרבען; וואָס איז שייך צו אַ פאַקסימיל. *autotype* .ז

autot'ypy *n.* (אָה-טאָט'-אי-פּי) דאָס דרוקען אָדער פאָטאָגראַפירען אין פאַרבען.

au'tumn *n.* (אָה'-טאָם) הערבסט, אָסיען.

autum'nal *a.* (אָה-טאָמ'-נעל) וואָס געהערט צום הערבסט אָדער אָסיען.

autum'nal e'quinox (אָה-טאָמ'-נעל אי'-קוואי-נאָקס) די צייט אין הערבסט ווען די נאַכט איז גלייך מיט דעם טאָג [די צייט ווען די זון קרייצט דעם עקוואַטאָר געהענדיג צו דרום, אונגעפעהר דעם 22טען סעפּטעמבער].

auxe'sis *n.* (אָהק-סי'-סיס) די איבערטרייבונג אין רעדע, דאָס גרעסער מאַכען אַ זאַך, ווי זי איז אין דער ווירקליכקייט; דאָס מגזם זיין; די פערגרעסערונג פון אַ ציפער איהר גלייכצומאַכען צו אַן אַנדער ציפער.

auxet'ic *a.* (אָהק-סעט'-איק) פערגרעסערנד, העכערענדיג. *auxesis* .ז

auxil'iar *n. and a.* (אָהג-זיל'-יער) בעהילפליך; הילף.

auxil'iaries *n.* (אָהג-זיל'-יע-ריז) אויסלענדישע הילף, געדונגענע הילף.

auxil'iarly *adv.* (אָהג-זיל'-יער-לי) דורך הילף.

auxil'iary *n. and a.* (אָהג-זיל'-יע-רי) בעהילפליך; העלפער; הילף; אַ הילפס-צייטוואָרט [ווי "בין" אין "איך בין געוועזען"].

auxom'eter *n.* (אָהק-סאָמ'-ע-טער) אַן אינסטרומענט צו מעסטען די פערגרעסערונגס-קראַפט [אויף וויפיעל מאָל עס פערגרעסערט] פון געוויסע אָפּטישע אינסטרומענטען.

avail' *n. and v.* (ע-וועיל') זיך נוציג מאַכען; זיין פון נוצען, ציהען נוצען, זיך בענוצען; ווערטה, נוצען.

The doctor tried to save the patient, but his efforts did not avail.

availabil'ity *n.* (ע-ווי-לע-ביל'-אי-טי) נוצבאַרקייט; גילטיגקייט; פּערווענדבאַרקייט [פאַר אַ געוויסען צוועק אָדער אַרבייט]; גילטיגקייט.

avai'lable *a.* (ע-וועי'-לעבל) גילטיג; פערווענדבאַר [צו אַ געוויסען צוועק]; ברויכבאַר.

avai'lableness *n.* (ע-וועי'-לעבל-נעס) *availability* .ז

avai'lably *adv.* (ע-וועי'-לע-בלי) אויף אַ גילטיגען אָדער ברויכבאַרען אופן.

avai'ling *a.* (ע-וועי'-לינג) וואָס איז נוצבאַר, וואָס העלפט; וואָס איז פערווענדבאַר.

avai'lingly *adv.* (ע-וועי'-לינג-לי) אויף אַ גילטיגען אָדער ערפאָלגרייכען אופן.

avail'ment *n.* (ע-וועיל'-מענט) נוץ; פּראָפיט; פאָרטייל; ערפאָלג.

avails' *n.* (ע-וועילז') הכנסה, איינ-נאַהמע.

av'alanche *n.* (עוו'-ע-לענטש) אַ מאַסע שנעע און אייז, וואָס פאַלט פלעצליך אַראָב פון אַ בארג אין טהאַל; צרות וועלכע קומען אַ מענשען פלעצליך, אונגעריכטערהייד.

av'alange *n.* (עוו'-ע-לענדזש) *avalanche* .ז

avant'-cou'rier *n.* (ע-וואַנט'-קו'-רי-ער) דער פאָרלויפער; אַנזאָגער [מבשר].

avant'-garde *n.* (ע-וואַנט'-גאַרד) אַוואַנגאַרד [די פאָדערסטע סאָלדאַטען-אַבטיילונג פון אַן אַרמעע]; די פאָדערסטע וואַך.

avan'turine *n.* (ע-ווען'-טיו-רין) אַוואַנטורין [אַ מינעראַל, וואָס גלאַנצט ווי גאָלד].

av'arice *n.* (עוו'-ע-ריס) קאַרגהייט, געלד-גייץ; זשעדנעקייט.

avaric'ious *a.* (עוו-ע-ריש'-אַס) קאַרג, גייציג; זשעדנע.

avaric'iously *adv.* (עוו-ע-ריש'-אַס-לי) אויף אַ גייציגען אופן; מיט זשעדנעקייט.

avaric'iousness *n.* (עוו-ע-ריש'-אַס-נעס) *avarice* .ז

avast' *int.* (ע-וואַסט') הער-אויף! האַלט!

avatar' *n.* (עוו-ע-טאַר') די פערקערפּערונג פון געטהייט [דאָס אַראָבקומען פון אַ געטהייט אין אַ מענשליכער געשטאַלט אין דער אינדישער מיטאָלאָגיע]; דאָס אַרונטערקומען פון אַ גייסט אויף דער ערד; אַ [illegible] [illegible] אָדער [illegible]; אַ [illegible] פערקערפּערונג אָדער דאַרשטעלונג פון אַן אַבסטראַקטער אידעע אין אַ מענשליכער געשטאַלט.

avaunt' *int.* (ע-וואָנט') אַוועק! אַרויס פון דאַנען! פּאַק זיך פון די ביינער!

a've *int.* (איי'-ווי) עס לעבע! זיי געגריסט! לעב וואָהל!

A've Mari'a (איי'-ווי מע-ראַי'-ע) אַווע מאַריאַ [אַ קאַטוילישע תפילה].

Ave'na *n.* (ע-ווי'-נע) אַזאַ מין גראָז; האָבער.

avena'ceous *a.* (עוו-ע-ניי'-שאַס) וואָס [illegible] איז ענליך צו האָבער.

avenge' *v.* (ע-ווענדזש') זיך נוקם זיין; נקמה נעהמען, בעשטראָפען; זיך אָבריכטען.

He will avenge the blood of his servants.

avenge'ful *a.* (ע-ווענדזש'-פול) נקמה'דיג; נקמה נעהמענדיג.

aven'ger *n.* (ע-ווענ'-דזשער) דער נוקם; נקמה-נעהמער.

The Lord is the avenger of all.

aven'ger of blood (ע-ווענ'-דזשער אָוו בלאַד) גואל הדם [דער נעהנסטער קרוב פון אַן ערמאָרדעטען, וואָס דאַרף נקמה נעהמען פאַר זיין בלוט; אַ מנהג ביי די אַראַבישע אידען און ביי אייניגע פעלקער אין אַזיען נאָך היינט].

aven'gingly *adv.* (ע-ווענ'-דזשינג-לי) נעהמענדיג נקמה.

av'ens *n.* (עוו'-ענז) בענעדיקטען-קרויט [אַזאַ פלאַנץ].

av'entaile *n.* (עוו'-ען-טייל) דאָס ליפּס-לאָך פאַר'ן נאָז און מויל אין דעם פּאַנצער וואָס בעדעקט דעם קאָפּ, וואָס פּלעגט געטראָגען ווערען אין די אַלטע צייטען; דער פאָדערשטער טייל פון אַ קאָפּ פּאַנצער וואָס בעדעקט די באָרד און קען אַראָבגעלאָזען ווערען נאָך אונטען.

Aventaile

aven'turine *n.* (ע-ווענ'-טיו-רין) *avanturine* .ז

av'enue *n.* (עוו'-ע-ניו) צוגאַנג; אַ דורכגאַנג; אַ ברייטע גאַס; אַלעע.

aver' *v.* (ע-וועיר') בעהויפּטען, ערקלערען פאַר ריכטיג; בעריכטיגען; די ריכטיגקייט בעווייזען.

av'erage *n., v. and a.* (עוו'-ע-ריידזש) מיטעלע ווערטה; דורכשניט; דאָס מיטעלע [illegible]; [illegible]; [illegible] אַ דורכשניטליכע [illegible]; בריינגען צו אַ דורכשניטס פונקט; דאָס [illegible]; דער טייל וואָס יעדער [illegible] דאַרף בייטראָגען פאַר דעם שאַדען, וועלכען אַ שיף ליידעט פון אַ שטורעם אויף'ן ים; אַן עקסטרא סומע וואָס אַ [illegible] צאָהלט צום אייגענטהימער פון אַ שיף; צוואַנג-רייזעס. [illegible]; דורכשניטליך.

av'erage amount' (עוו'-ע-ריידזש ע-מאַונט') דער דורכשניטליכער סך הכל.

av'eragely *adv.* (עוו'-ע-ריידזש-לי) אין דורכשניט; מיטעלמעסיג.

aver'ment *n.* (ע-וואיר'-מענט) פערזיכערונג; בעקרעפטיגונג, בעשטעטיגונג, בעווייז; בעהויפטונג; די פאדערונג [אין געריכט] פון איין צד, אז דער אנדערער צד זאל זיינע בעהויפטונגען בעווייזען.

aver'rable *a.* (ע-וואיר'-עבל) וואס מען קען בעהויפטען אדער בעווייזען.

Averrho'ism *n.* (עוו-ע-ראו'-איזם) די פילאזאפיע פון דעם אראבישען פילאזאף אווערהאעס [געבארען אין יאהר 1126 אין קארדאווא און געשטארבען אין יאהר 1198. אווערהאעס איז געווען אן ערקלערער און קאמענטיערער פון אריסטאטעלס פילאזאפיע און א פערטרעטער פון דעם פרינציפ, אז די פילאזאפיע דארף אבגעטיילט ווערען פון רעליגיאן].

Averrho'ist *n.* (עוו-ע-ראו'-איסט) אן אנהענגער פון דעם אראבישען פילאזאף אווערהאעס. ז. *Averrhoism*

Averro'ism *n.* (עוו-ע-ראו'-איזם) ז. *Averrhoism*

Averrois'tic *a.* (עוו-ע-רא-איס'-טיק) וואס איז שייך צו דעם פילאזאף אווערהאעס אדער צו זיין פילאזאפיע. ז. *Averrhoism*

av'erruncator *n.* (עוו'-ע-ראנ-קיי-טאר) א בוים-שער; א גערטנער-שער.

averse' *a.* (ע-וואירס') אבגענייגט; אבגעקעהרט; אונפריינדליך; ווידערוויליג.

He is not averse to receiving help.

averse'ly *adv.* (ע-וואירס'-לי) זייענדיג אבגענייגט; אין דער געגענגעזעצטער ריכטונג; מיט ווידערווילען; זייענדיג אבגעקעהרט.

averse'ness *n.* (ע-וואירס'-נעס) ווידערווילען; דאס זיין אבגענייגט; דאס זיין דאגעגען; דאס אבקעהרען זיך; דאס זיין אונפריינדליך.

aver'sion *n.* (ע-וואיר'-שאן) ווידערווילען, אבנייגונג; דאס וואס רופט ארויס ווידערווילען.

Unlike the English and the Americans, the Europeans have an aversion to sport.

avert' *v.* (ע-וואירטה') אבווענדען, אבקעהרען, אבווענדיג מאכען; זיך אבווענדען; אויסמיידען.

aver'ted *a.* (ע-וואיר'-טעד) אבגעווענדעט: אבגעקעהרט, אבגעקעהרט אן א זייט.

aver'tedly *adv.* (ע-וואיר'-טעד-לי) אבווענדענדיג; אבקעהרענדיג; אויסמיידענדיג.

aver'ter *n.* (ע-וואיר'-טער) איינער אדער עטוואס וואס ווענדעט אב אדער מיידעט אויס.

aver'tible *a.* (ע-וואיר'-טיבל) וואס קען אויסגעמידען אדער געשטערט ווערען.

A'ves *n.* (איי'-וויז) געפליגעל, פויגלען.

a'vian *a. and n.* (איי'-ווי-ען) וואס אנבעלאנגט צו פויגלען; א פויגעל.

a'viarist *n.* (איי'-ווי-ע-ריסט) איינער וואס האלט א פויגעל-הויז.

a'viary *n.* (איי'-ווי-ע-רי) א פויגעל-הויז.

avia'tion *n.* (ע-ווי-איי'-שאן) די קונסט פון פליהען אין דער לופטען.

a'viator *n.* (איי'-ווי-איי-טאר) א לופט-שווימער; איינער וואס פליהט מיט א פליה-מאשין.

avic'ular *a.* (ע-וויק'-יו-לער) וואס איז שייך צו פויגלען.

a'viculture *n.* (איי'-ווי-קאל-טשור) פויגעלצוכט [דאס האדעווען פויגלען].

av'id *a.* (עוו'-איד) זשערנע, גיעריג.

avid'ity *n.* (ע-וויד'-אי-טי) זשערנעקייט; שטארקער חשק; שטארקער אפעטיט; בעגיערדע.

avocat' *n.* (עוו-א-קא') אן אדוואקאט.

avoca'tion *n.* (עוו-א-קיי'-שאן) דאס איבערטראגען א פראצעס פון א נידריגערען געריכט צו א העכערען; א נעבען-בעשעפטיגונג; עטוואס וואס ציהט אב אימעצען פון זיין געוועהנליכער בעשעפטיגונג: א זייטיגע אינטערעסע; אימעצענס רענעלמעסיגע בעשעפטיגונג.

avoc'atory *a. and n.* (ע-וואק'-ע-טא-רי) צוריקרופענדיג; אברופענדיג; די צוריקציהונג פון א בעפעהל.

av'ocet *n.* (עוו'-א-סעט) אזא פויגעל מיט לאנגע פים און מיט א לאנגען שנאבעל, וואס איז אויסגעקרימט ארויף-צו.

Avocet

avoid' *v.* (ע-וואיד') פערמיידען; פערהינדערען; אוועקשאפען; ווייכען, זיך דערווייטערען; מאכען אונגילטיג.

avoi'dable *a.* (ע-וואי'-דעבל) פערמיידליך; וואס קען ווערען געמאכט אונגילטיג.

avoi'dably *adv.* (ע-וואי'-דע-בלי) פערמיידענדיג; מאכענדיג אונגילטיג.

avoi'dance *n.* (ע-וואי'-דענס) פערמיידונג; דערווייטערונג, דאס ליידיג ווערען פון א בעשעפטיגונג; דאס אונגילטיג מאכען.

avoi'der *n.* (ע-וואי'-דער) איינער וואס פערמיידעט; איינער וואס מאכט אונגילטיג.

avoid'less *a.* (ע-וואיד'-לעס) אונפערמיידליך.

avoid' no'tice (ע-וואיד' נאו'-טיס) ניט בעמערקט ווערען.

avoirdupois' *n.* (עוו-אר-דיו-פאיז') די איינפאכע ענגלישע געוויכט סיסטעם, לויט וועלכער א פונט איז געטיילט אין 16 אונצעס.

avola'tion *n.* (עוו-א-ליי'-שאן) דאס אוועקפליהען; אויסדונסטונג, אויסדאמפונג.

av'oset *n.* (עוו'-א-סעט) ז. *avocet*

avouch' *v.* (ע-וואוטש') בעהויפטען, בעקרעפטיגען, בעשטעטיגען; פערזיכערען; גאראנטירען; רעכטפערטיגען; גוטהייסען.

avouch'er *n.* (ע-וואוטש'-ער) א בעהויפטער, א פערזיכערער; א גוטהייסער; אן עדות.

avouch'ment *n.* (ע-וואוטש'-מענט) בעשטעטיגונג; פערזיכערונג; בעקרעפטיגונג; רעכטפערטיגונג; גוטהייסונג.

avow' *v.* (ע-וואו') ערקלערען, בעקענען, בעהויפטען, מודה זיין [מיט דעם צוועק צו רעכטפערטיגען].

avow'able *a.* (ע-וואו'-עבל) וואס מען קען אפען ערקלערען, וואס מען קען אפען מודה זיין; אנערקענבאר; וואס מען קען רעכטפערטיגען.

avow'ableness *n.* (ע- -עבל-נעס) די מעגליכקייט אפען צו ערקלערען אדער מודה זיין [און רעכטפערטיגען].

avow'ably *adv.* (ע-וואו'-ע-בלי) דורך אן אפענע ערקלערונג; אויף דעם אופן פון אן אפענער ערקלערונג אדער אפענעם מודה זיין זיך [און זיך רעכטפערטיגען].

avow'al *n.* (ע-וואו'-על) בעקענטניס, בעהויפטונג, דאס מודה זיין; עפענטליכע ערקלערונג.

avowed' *a.* (ע-וואוד') עפענטליך ערקלערט; עפענטליך מודה געווען.

He avowed his love to her.

avow'edly *adv.* (ע-וואו'-עד-לי) מיט פרייער עפענטליכער בעקענונג.

avow'edness *n.* (ע-וואו'-עד-נעס) ז. *avowal*

avow'er *n.* (ע-וואו'-ער) א בעהויפטער, איינער וואס איז זיך מודה.

avow'ry *n.* (ע-וואו'-רי) דאס מודה זיין; די אנערקענונג; די געזעצליכע רעכטפערטיגונג אדער צושטימונג וועגען אבגענומענעם אייגענטום.

avul'sion *n.* (ע-וואל'-שאן) דאס אברייסען; א זאך וואס איז מיט געוואלט אבגעריסען; דאס אברייסען און פערטראגען דעם ערד-באדען דורך א פערפלייצונג.

avun'cular *a.* (ע-וואנ'-קיו-לאר) וואס אנבעלאנגט צו אן אנקעל.

await' *v.* (ע-הווייט') ווארטען, ערווארטען.

awake' *v. and adv.* (ע-הווייק') אויפוועקען; אויפוואכען; וואך; וואכענדיג; מונטער.

awa'ken *v.* (ע-הוויי'קן) אויפוועקען; ערוואכען.

awake'ner *n.* (ע-הווייק'-נער) וועקער.

awake'ning *n. and a.* (ע-הווייק'-נינג) דאס ערוואכען; דאס ערוואכען פון שלאף; דאס אויפלעבען פון דער רעליגיאן; וועקענדיג, וואס וועקט.

awake'ningly *adv.* (ע-הווייק'-נינג-לי) אויף א וועקענדען אופן; אויף אן ערוואכענדען אופן.

awa'kenment *n.* (ע-הוויי'קן-מענט) וואכזאמקייט; ערוואכונג.

awan'ting (ע-הוואהנ'-טינג) פעהלט.

award' *v. and n.* (ע-הוואהרד') אורטייל; עטוואס וואס ווערט צוגע'פסקנ'ט; אן אורטייל ארויסגעבען; צוערקענען; צו'פסק'ען; בעשטימען.

award'able *a.* (ע-הוואהרד'-עבל) וואס מען קען צופסק'ען.

awar'der *n.* (ע-הוואהר'-דער) שיעדעס-ריכטער, פשרה-מאכער, מכריע; איינער וואס פסקנ'ט צו.

aware' *a.* (ע-הוועהר') אויפמערקזאם, וואכזאם, וויסענד; אינפארמירט; נעהמענדיג זיך אין אכט.

I was aware of your plans.

aware'ness *n.* (ע-הוועהר'-נעס) דאס זיין אינפארמירט [דאס האבען ידיעות]; דאס וויסען.

awash' *a. and adv.* (ע-הוואש') גלייך מיט דעם וואסערשפיעגעל, אויף דער זעלבער הויך ווי די וואסער אויבערפלעכע; ארויסקומענדיג פון וואסער; געשווינקט, געשליידערט פון דעם וואסער; גענעצט, נאס.

away' *adv.* (ע-הוויי') 1. אוועק; פארט; 2. ניט אנוועזענד; ניט זייענדיג דערביי.

2. Think of me when I will be away.

away' with him! (ע-הוויי' הוויטה הים!) אוועק מיט איהם! זאל ער אוועק!

awe *n. and v.* (אה) יראת [יראת הכבוד]; פורכט; אין מורא האלטען; עהרפורכט איינפליסען.

awea'ry *a.* (ע-הוויע'-רי) מיעד; פער־מאטערט; איבערדריסיג; צוגעגעסען.

aweath'er *a. and adv.* (ע-הוועטה'-ער) צו דער זייט, וואו דער ווינד בלאזט.

awe-comman'ding *a.* (אה-קא-מענ'-דינג) וואס פליסט איין עהרפורכט.

aweigh' *a. and adv.* (ע-הוויי') ארויפ־געצייגען אדער ארויפציהענדיג דעם אנ־קער פון שיף אין דער הויך.

awe in'to obe'dience (אה אינ'-טו א-בי'-די-ענס) דורך מורא ברענגען צו געהארכזאמקייט.

awe'less *a.* (אה'-לעס) אהן מורא; אהן עהרפורכט; וואס האט נים די מאכט צו ערוועקען עהרפורכט.

awe'some *a.* (אה'-סאם) וואס ערוועקט עהרפורכט; מורא'דינ.

awe'-strick'en *a.* (אה'-סטריקן) דורכגעדרונגען מיט עהרפורכט.

awe'-struck *a.* (אה'-סטראק) ז. *awe-stricken*

aw'ful *a.* (אה'-פול) וואס ערוועקט גרויס עהרפורכט; מאיעסטעטיש; עהרווירדיג; פירכטזאם; שרעקליך; אונגעהייער.

aw'fully *adv.* (אה'-פול-אי) מיט גרויס עהרפורכט; אויף א מאיעסטעטישען אופן; מיט עהרווירדינקייט; פורכטזאם, שרעק־ליך; אונגעהייער.

aw'fulness *n.* (אה'-פול-נעס) דאס זיין פול מיט עהרפורכט; עהרווירדיגקייט; פורכטזאמקייט.

awhile' *adv.* (ע-הוואיל') א ווייל'ע, פאר א קורצער צייט.

a while ago' (ע הוואיל ע-גאו') א קורצע צייט צוריק.

awhirl' *a. and adv.* (ע-הווירל') אין א שטורם; שטורמדיג.

awk *a. and n.* (אהק) אונגעשיקט, אונגע־לומפערט; דער פאפוגאי־טויכער. ז. *auk*

awk'ward *adv. and a.* (אהק'-הווארד) אונגעשיקט, אונגעלומפערט; אונרוהיג, אין פערלעגענהייט; וואס איז שווער אומ־צוגעהן דערמיט, וואס פאדערט פארזיכטיג־קייט, וואס פעריטאפט צרות.

A country lad feels awkward in the city.

awk'ward affair' (אהק'-הווארד ע-פעהר') א נארישע, מיאוס'ע געשיכטע.

awk'wardly *adv.* (אהק'-הווארד-לי) אויף אן אונגעשיקטען, אונגעלומפערטען אופן; אונאנגענעהם, אונבעקוועם.

awk'wardness *n.* (אהק'-הווארד-נעס) אונגעשיקטקייט, אונגעלומפערטקייט; אונ־אנגענעהמליכקייט, אונבעקוועמליכקייט, פערלעגענהייט.

awl *n.* (אהל) אן אהל, א שוסטער אהל.

aw'less *a.* (אה'-לעס) ז. *aweless*

awl'-shaped *a.* (אהל'-שייפט) וואס האט די פארם פון אן אהל.

awn *n.* (אהן) [די] דער זאנגען־בארד לאנגע פעדים וואס וואקסען ביי מאנכע זאנגען ווי א בארד].

aw'ning *n.* (אה'-נינג) דאכונג, אדער איבערדעק איבער א שיף; א פארהאנג צום שיצען פון רעגען; א לייווענט־דאך.

aw'ny *a.* (אה'-ני) מיט א בארד [ביי זאנגען].

awoke' (ע-הוואוק) אויפגעוואכט, זיך אויפגעכאפט פון שלאף. ז. *awake*

awor'king *adv.* (ע-הוואיר'-קינג) ביי דער ארבייט.

awry' *adv. and a.* (ע-ראי') קרום; פערקעהרט; קאסאק; פון דער זייט.

He looks awry.

ax *n. and v.* (עקס) א האק; האקען מיט א האק; ארומהאקען.

ax'al *a.* (עקס'-על) וואס בעלאנגט צו אן אקס.

axe *n. and v.* (עקס) ז. *ax*

ax'-head *n.* (עקס'-העד) דער קאפ פון א האק [דער אייזערנער טייל].

ax'-helve *n.* (עקס'-העלוו) דאס הענטעל פון א האק.

ax'ial *a.* (עקס'-אי-על) וואס איז שייך צו אן אקס אדער צענטער־ליניע; וואס גע־פינט זיך אין דער אקס־ליניע; וואס זיצט אויף אן אקס; וואס בילדעט די צענטער־ליניע.

ax'ial line (עקס'-אי-על לאין) אקס־ליניע [די צענטראלע, מיטעלסטע ליניע]; די מיטעל־ליניע פון א מאגנעט.

ax'ially *adv.* (עקס'-אי-על-אי) אין דער ריכטונג פון אקס.

ax'ial rota'tion (עקס'-אי-על רא-טיי'-שאן) א דרעה־בעוועגונג ארום אן אקס.

axif'erous *a.* (עקס-איפ'-ע-ראס) וואס האט נור א שטענגעל אהן צווייגען און אהן בלעטער [וועגען געוויסע פלאנצען].

ax'iform *a.* (עקס'-אי-פארם) וואס האט די פארם פון אן אקס.

ax'il *n.* (עקס'-איל) די פאכווע; אקסעל; ווינקעל, צווייגווינקעל [דער ווינקעל, וואס עס בילדעט א צווייג מיט'ן שטאם פון בוים].

ax'ile *a.* (עקס'-איל) וואס אנבעלאנגט צו דער צענטער־ליניע אדער אקס־ליניע.

axil'la *n.* (עקס-איל'-א) די פאכווע.

ax'illar *a.* (עקס'-אי-לאר) וואס בעלאנגט אדער איז עהנליך צו אן אקסעל אדער א פאכווע; בעהעפט, צוגעוואקסען [ביי לע־בעדיגע בעשעפענישען].

ax'illary *a.* (עקס'-אי-לע-רי) ז. *axillar*

ax'illary ar'tery (עק'-סי-לע-רי אר'-טע-רי) די אקסעל ארטעריע.

ז. איל. *"Bloodvessels of the Human Body"*

ax'inite *n.* (עקס'-אי-נאיט) דער אקסי־ניט [א זא שטיין].

ax'iom *n.* (עקס' אי אם) אקסיאמע [א זעלבסטפערשטענדליכער אמת, וואס דארף קיין בעווייז נים].

axiomat'ic *a.* (עקס אי א-מעט'-איק) וואס איז ווי אן אקסיאמע. ז. *axiom*

axiomat'ical *a.* (עקס אי א מעט' איק-על) ז. *axiomatic*

axiomat'ically *adv.* (עקס-אי-א-מעט'-איק-על-אי) דורך בענוצען אן אקסיאמע; ווי אן אקסיאמע.

ax'is *n.* (עק'-סיס) אן אקס; די געאמעט־רישע אקס [אן אקס וועלכע מען שטעלט זיך פאר אין געדאנקען און וועלכע עקזיס־טירט אין דער ווירקליכקייט נים, צ. ב. די אקס פון ערד־קוגעל].

axle *n.* (עקסל) אן אקס [פון א וואגען].

ax'le-pin *n.* (עקסל'-פין) א סווארען; אן אקס־פלעקעל.

ax'letree *n.* (עק'סל-טריע) די אקסען פון א וואגען.

ax'man *n.* (עקס'-מען) א האלץ־העקער.

ax'olotl *n.* (עקס'-א-לאטל) א מין סאלא־מאנדרע [א זא וואסער חיה].

Axolotl

axom'eter *n.* (עק-סאם'-ע-מער) אן [illegible] אינסטרומענט [illegible] שטעלען דעם [illegible] פון ברילען, אז דער צענטער פון די גלעזלעך זאל אויסקומען ריכטיג מיט דעם צענטער פון די אויגען.

ax'-shaped *a.* (עקס'-שייפט) וואס האט די פארם פון א האק [וועגען בלעטער פון [illegible]].

ax'-stone *n.* (עקס' סטאון) דער האק־שטיין.

ax'unge *n.* (עקס'-אנדזש) [illegible]; גענזען־שמאלץ; שמאלץ־שמירעכץ.

ay *adv. and int.* (איי) אימער, אייביג, בעשטענדיג; אח! [א פערוואונ־דערונגס־אויסרוף].

Aye-aye

aye *adv. and int.* (אי) יא! ריכטיג; [illegible]; אימער, אייביג, בעשטענ־דיג; פאר [ביים אבשטימען].

aye'-aye *n.* (אי'-אי) א מין אפע וואס איז עהנ־ליך צו א וועווער־קע [געפינט זיך אין מאדאגאסקאר, אפריקא].

ayes and noes (איז ענד נאוז) די שטי־מען פאר און קעגען [ביים אבשטימען אויף א פארשלאג].

ayes have it (איז העוו איט) די מעהר־היים פון די שטימען זיינען פאר.

Aza'lea *n.* (ע-זיי'-לי-א) די אזאליע [א מין בלום].



Azalea

az'imuth *n.* (עז'-אי-מאטה) א האריזאנטאלער קרייזבויגען וואס איז איינגע־שלאסען צווישען דעם מערידיאן פון וועל־כען עס איז פלאץ און צווישען א ווערטי־קאלען קרייז, וועלכער געהט דורך דעם צענטער פון א שטערן [בענוצט אין אסטראנאמיע פאר דעם צוועק צו בעשטי־מען דעם ריכטונג ארט פון א שטערן אין הימעל].

az'imuth cir'cle (עז'-אי-מאטה סיר'קל) א געוויסער מעסטאפאראט [אפאראט] פאר אסטראנאמישע צוועקען.

az'imuth com'pass (עז'-אי-מאטה קאמ'-פעס) דער אזימוט קאמפאס [א זא אסטראנאמישער אפאראט מיט א מאגנעט־

נאדעל און ציפער-בלאט וואס ווערט בענוצט אויף שיפען צו בעשטימען דעם ריכטינגען פלאץ פון די שטערען אין הימעל, כדי צו וויסען פון זיי די ריכטונג פון דער שיף].

az'imuth di'al (עז'-אי-מאטה דאי'-על) אזא זון-זייגער פאר אסטראנאמישע צוועקען.

azo'ic *a.* (ע-זאו'-איק) לעבענסלאז, אהן לעבען.

azon'ic *a.* (ע-זאנ'-איק) וואס בעלאנגט ניט צו קיין ספעציעלען געגענד.

az'ote *n.* (עז'-אוט) אזאט, שטיק-שטאף [א כעמישער עלעמענט].

az'ote ac'id (עז'-אוט עס'-איד) סאלפעטער-זויערע [אזא כעמישער שטאף].

azot'ic *a.* (ע-זאט'-איק) וואס ענטהאלט אדער איז עהנליך צו שטיק-שטאף.

az'otite *n.* (עז'-א-טאיט) סאלפעטער-זויערער זאלץ.

az'otize *v.* (עז'-א-טאיז) זעטיגען אדער פערבינדען מיט שטיקשטאף.

azo'tous *a.* (ע-זאו'-טאס) סאלפעטריג.

azo'tous ac'id (ע-זאו'-טאס עס'-איד) סאלפעטריגע זויערע.

azotu'ria *n.* (עז-א-טיו'-רי-א) א קראנקהייט, ביי וועלכער עס ווערט ארויסגעבראכט צופיעל אורין [השתנה].

az'ure *n, a. and v.* (עזש'-אור) הימעל-בלוי; הימעל-בלויער קאליר; פארבען מיט א הימעל-בלויען קאליר.
ז. איל. *"Colors"*

az'ure-spar *n.* (עזש'-אור-ספאר) בלוי-שפאט [אזא מינעראל].

az'urite *n.* (עזש'-יו-ראיט) לאזור-שטיין.

az'ure-stone *n.* (עזש'-אור-סטאון)
ז. *azurite*

az'ygous *a.* (עז'-אי-גאס) וואס האט ניט קיין זיווג; וואס האט ניט קיין פאר.

az'ym *n.* (עז'-אים) מצה, אונגעזייערטעס ברויט.

az'yme *n.* (עז'-אים) ז. *azym*

azym'ic *a.* (ע-זימ'-איק) וואס איז עהנליך צו מצה; אונגעזייערט.

az'ymous *a.* (עז'-אי-מאס)
ז. *azymic*

B

B, b (בי) דער צווייטער בוכשטאב פון דער *a-b-c*

B. A. *Bachelor of Arts* אבקירצונג פון

baa *n. and v.* (בא) מעקען [ווי א שעפס]; מעקעריי.

Ba'al *n.* (ביי'-על) דער אבגאט בעל ביי די כנענים און סיריער.

Ba'alism *n.* (ביי'-על-איזם) דאס דיענען דעם גאט בעל [דער גאט פון די אלטע פעניציער אדער כנענים].

Ba'alist *n.* (ביי'-על-איסט) איינער וואס דיענט דעם גאט בעל [דער גאט פון די אלטע פעניציער, כנענים].

bab *n.* (בעב) זוינגלינג, קליין קינד.

bab'-bal'lads *n.* (בעב'-בעל'-עדז) קינדערשע ליעדער.

bab'blative *a.* (בעב'-לע-טיוו) פלאפלענדיג, פלוידערענדיג.

bab'ble *n. and v.* (בעבל) פלאפלען; פלוידערען; מורמלען; פלוידעריי, פלאפלעריי, מורמעל.

bab'blement *n.* (בעבל'-מענט) פלאפלעריי; פלוידעריי; מורמעל.

bab'bler *n.* (בעב'-לער) פלאפלער; פלוידערזאק.

bab'bling *n. and a.* (בעב'-לינג) פלוידעריי, פלאפלעריי; פלוידערענדיג, פלאפלענדיג, מורמלענדיג.

bab'blingly *adv.* (בעב'-לינג-לי) פלאפלענדיג; מורמלענדיג; דורך פלוידעריי.

bab'bly *a.* (בעב'-לי) פלוידערענד.

bab'by *n.* (בעב'-אי) א זוינגלינג, קליין קינד.

babe *n.* (בייב) זוינגלינג, קליין קינד.

babe'hood *n.* (בייב'-הוד)
ז. *babyhood*

Ba'bel *n.* (ביי'-בעל) דער טהורם פון בבל; א צומישענעס, א געטומעל; דיא מדינה אדער שטאדט בבל.

ba'bel *n.* (ביי'-בעל) א צומישענעס, א געטומעל.

ba'boo *n.* (בא'-בוה) א טיטעל פון העפליכקייט געברויכט ביי די איינגעבארענע אין אסט אינדיען, עהנליך צו "הערר" אדער "מיסטער".

babirous'sa *n.* (בעב-אי-רוה'-סא)
ז. *babirussa*

babirus'sa *n.* (בעב-אי-רוה'-סא) דער ווילדער הארנדיגער אסט-אינדישער חזיר.

baboon' *n.* (בע-בוהן') פאוויאן [אזא אבעזיאנע].

Baboon

babu' *n.* (בא-בוה') ז. *baboo*

ba'by *n., a. and v.* (ביי'-בי) זוינגלינג, קליין קינד; קינדיש; בעהאנדלען ווי א קינד.

ba'by-farm *n.* (ביי'-בי-פארם) אן ארט וואו מען נעהמט אויף קינדער צו האדעווען.

ba'by-far'mer *n.* (ביי'-בי-פאר'-מער) איינער, וועלכער נעהמט אויף קינדער צו האדעווען.

ba'by-far'ming *n.* (ביי'-בי-פאר'-מינג) דאס אננעהמען קליינע קינדער צום האדעווען; דאס אננעהמען קליינע קינדער אין אן אנשטאלט, וואו מען פטר'ט זיי.

ba'byhood *n.* (ביי'-בי-הוד) קינדהייט; קינדער-יאהרען.

ba'by-house *n.* (ביי'בי-האוס) א שטיבעלע פאר ליאלקעס.

ba'by in arms (ביי'-בי אין ארמז) א קינד, וועלכע מען מוז נאך טראגען אויף דיא הענד.

ba'by in the eye (ביי'-בי אין טהי אי) דאס קליין מענשעלע, וואס מען זעהט אין שווארץ-אפעל פון אויג.

ba'byish *a.* (ביי'-בי-איש) קינדיש.

ba'byism *n.* (ביי'-בי-איזם) דער צושטאנד און די נאטור פון קליינע קינדער.

ba'by-jum'per *n* ביי'-בי-דזשאמ'-פער) אזא קינדער שטולכעל אויפגעהאנגען אויף גומענע שניר צום וויגען.

ba'by-lin'en *n.* (ביי'-בי-לינ'-ען) קינדער-וועש.

Bab'ylon *n.* (בעב'-אי-לאן) בבל, די הויפטשטאדט פון דעם קעניגרייך בבל.

Babylo'nian *a.* (בעב-אי-לאו'-ני-ען) פון בבל.

Babylo'nian hour (בעב-אי-לאו'-ני-ען אור) דער צוועלפטער טייל פון טאג; די שטונדען פון זונען-אויפגאנג [אלס אנפאנג פון טאג].

Babylon'ic *a.* (בעב-אי-לאנ'-איק) וואס איז שייך צו בבל.

Babylo'nish *a.* (בעב-אי-לאו'-ניש)
ז. *Babylonian*

ba'by rib'bon (ביי'-בי ריב'-אן) א שמאל אטלאס בענדעל.

ba'by things (ביי'-בי טהינגז) קינדער-שפיעל-זאכען.

bac'ca *n.* (בעק'-ע) יאגדע.

baccalau'reate *n. and a.* (בעק-ע-לאה'-רי-אייט) דער טיטעל פון א באקאלאורעס [אן אקאדעמישע מדרגה פון בילדונג אין ענגלאנד און אמעריקא, פאר אזעלכע וואס ענדיגען א העכערע בילדונגס-אנשטאלט]; וואס איז שייך צו א באקאלאורעס.

baccalau'reate ser'mon (בעק-ע-לאה'-רי-אייט סויר'-מאן) אן אבשיעדס-רעדע צו שטודענטען, וועלכע האבען געענדיגט זייער שטודיום אין דער הויכשוהל.

baccara' *n.* (בעק-ע-רא') א מין קארטען-שפיעל.

baccarat' *n.* (בעק-ע-רא')
ז. *baccara*

bac'cate *a.* (בעק'-אייט) ווי א יאגדע; וואס גיט ארויס יאגדעס.

bac'cated *a.* (בעק-איי'-טעד) פול מיט יאגדעס; בעזעצט מיט פערל.

bacchana'lia *n.* (בעק-ע-ניי'-לי-ע) באקכוס-פעסט [א טרינק-יום-טוב אין אלטען גריכענלאנד לכבוד באקכוס דעם גאט פון וויין]; וואקכאנאליע, שכרות, הולטאי-סטווע.

bacchana'lian *n. and a.* (בעק-ע-ניי'-לי-ען) א באקכאנט, שיכור; לעבע-יונג; הולטאי; וואס איז שייך צו א באקכאנט.

bac'chant *n. and a.* (בעק'-ענט)

מעשה שכור; לעבעיונג; הולטאי, באַכאַנט.

bac'chante *n.* (בעק'-ענט) אַ פּריסטערין אָדער פרוי וואָס דיענט צום גריכישען ווייןגאָט באַקכוס; אַן אונכאַראַקטערישע פרוי.

bacchan'tic *a.* (בעק-ען'-טיק) באַכאַנטיש. ז. *bacchant*

Bac'chus *n.* (בעק'-אַס) באַקכוס [דער גאָט פון וויין ביי די אַלטע גריכען].

baccif'erous *a.* (בעק-סיפ'-ער-אַס) וואָס טראָגט יאַגדעס.

bac'ciform *a.* (בעק'-סי-פאָרם) וואָס האָט די פאָרמע פון אַ יאַגדע.

bacciv'orous *a.* (בעק-סיוו'-אָ-ראַס) וואָס עסט יאַגדעס.

bach'elor *n.* (בעטש'-על-אָר) אַ בחור, אונפערהייראַטער; דער ערשטער אַקאַדעמישער טיטעל אין די ענגלישע און אַמעריקאַנישע העכערע לעהר-אַנשטאַלטען.

bach'elordom *n.* (בעטש'-ע-לאָר-דאַם) בחורשאַפט; דאָס לעבען אונפערהייראַט.

bach'elorhood *n.* (בעטש'-ע-לאָר-הוד) בחורשאַפט; דאָס לעבען אונפערהייראַט; דער ערשטער אַקאַדעמישער טיטול [אין ענגלאַנד און אַמעריקאַ].

bach'elorism *n.* (בעטש'-ע-לאָר-איזם) בחור'שאַפט; דאָס לעבען אונפערהייראַט.

Bach'elor of Arts (בעטש'-ע-לאָר אָוו אַרטס) אַקאַדעמישער טיטול אין די ענגלישע און אַמעריקאַנישע אוניווערזיטעטען.

Bach'elor of Sci'ence (בעטש'-ע-לאָר אָוו סאַי'-ענס) באַקאַלאַרעאוס פון וויסענשאַפט [אַן אַקאַדעמישער טיטעל].

bach'elor's-but'ton *n.* (בעטש'-ע-לאָרז באַטן) אַזאַ פלאַנצע וואָס האָט קנאָפּפערמיגע בלומען.

bach'elor's hall (בעטש'-ע-לאָרז האָהל) אַ בחור'ס היים, אָדער אַ הויז פון וועלכען די פרוי איז אַוועק.

bach'elorship *n.* (בעטש'-ע-לאָר-שיפּ) ז. *bachelorhood*

Bacilla'ria *n.* (בע-סי-ליי'-רי-ע) די באַצילאַריען [אַ סאָרט זעהר קליינע וואַסער-פלאַנצען וואָס מען קען זעהן נאָר דורך אַ מיקראָסקאָפּ].

bac'illary *a.* (בעס'-אי-לע-רי) עהנליך צו אַ שטעקעל; וואָס אַנבעלאַנגט צו באַצילען.

bacil'li *n.* (בע-סיל'-אַי) באַצילען.



Bacilli

bacil'liculture *n.* (בע-סיל'-אי-קאַל-טשור) דאָס האָדעווען באַצילען [מיקראָסקאָפּישע בעשעפעניסען] מיט דעם ציעל צו שטודירען זייער אַרט לעבען און ווירקען.

bacil'liform *a.* (בע-סיל'-אי-פאָרם) וואָס האָט די פאָרם פון אַ שטעקעל.

bacil'lus *n.* (בע-סיל'-אַס) אַ באַציל.

car'polite *n.* (קאר'-פא-לאיט) פערשטיינערטע פרוכט [פרוכט, וועלכע איז פערוואנדעלט געווארען אין שטיין].

carpol'ogy *n.* (קאר-פאל'-א-דזשי) די לעהרע וועגען פרוכט.

car'pus *n.* (קאר'-פאס) האנד־געלענק; האנד־ווארצעל, האנד־ווארצעל־ביין [דער ביין וואו די האנד־פלעכע פאנגט זיך אן].

car'rack *n.* (קער'-עק) ז. *carack*.

carrageen' *n.* (קער-ע-גיען') ז. *carageen*.

carragheen' *n.* (קער-ע-גיען') ז. *carageen*.

car'rat *n.* (קער'-עט) ז. *carat*.

car'raway *n.* (קער'-ע-הוויי) ז. *caraway*.

car'riable *a.* (קער'-אי-עבל) וואס קען געטראגען ווערען.

car'riage *n.* (קער'-אירדזש) א קארעטע: דאס טראגען; דאס פיהרען, דאס פיהרען סחירה אדער פערזאנען; טראנספארט־געשעפט; די אויסגאבען אויף פוהר אדער טראנספארט; אויפפיהרונג.

car'riageable *a.* (קער'-אירדזש-עבל) וואס קען טראנספארטירט אדער געפיהרט ווערען מיט א קארעטע.

car'riage-beam *n.* (קער'-אירדזש-ביעם) דער דייקסעל [דאס קווער־שטענגעל פון א וואגען, צו וועלכען די פערד ווערען געשפאנט].

car'riage-com'pany *n.* (קער'-אירדזש קאמ'-פע-ני) רייכע לייט וואס פאהרען אין אייגענע קארעטען.

car'riage-drive *n.* (קער'-אירדזש-דראיוו) דער צופאהר צו א הויז פאר קארעטען.

car'riage-free *a.* (קער'-אירדזש-פריע) פריי פון צאהלען טראנספארט־געלד.

car'riage-lif'ter *n.* (קער'-אירדזש-ליפ'-טער) א מאשין צום הויבען שווערע מישא.

car'riage-paid *a.* (קער'-אירדזש־פייד) פאסט־פריי, פראנקא, פאר טראנספארט בעצאהלט.

car'riageway *n.* (קער'-אירדזש-הוויי) א וועג פאר פוהרען אדער קארעטען [ווי אויף א בריק, אין א גאס א. ד. ג.]; א פאהר־וועג.

car'rick *n.* (קער'-איק) ז. *carack*.

car'rick-bend *n.* (קער'-איק-בענד) אזא שלייף אדער קנופ וואס מאטראזען מאכען צו בעהעפטען צוויי שטריק.

Carrick-bend

car'ried *a.* (קער'-איד) ניט אין גאנצען ביים פערשטאנד; ניט בכח צו בעגרייפען פּשוט'ע זאכען.

car'rier *n.* (קער'-אי-ער) א טרעגער.

car'rier-pige'on *n.* (קער'-אי-ער-פידזש'-אן) א פאסט־טויב [א געלערענטע טויב מיט וועלכע מען שיקט בריעף].

Carrier-pigeon

car'rion *n.* (קער'-אי-אן) א נבלה, א פגר; א ווערטהלאזער מענש אדער זאך.

car'rion-bee'tle *n.* (קער'-אי-אן-ביעטל) אזא זשוק [קעפער] וואס שפייזט זיך מיט נבלה־פלייש.

car'rion-crow *n.* (קער'-אי-אן-קראו) א קראהע, א וואראנע.

car'rion-fee'der *n.* (קער'-אי-אן פיע'-דער) א חיה וואס עסט נבלות.

car'rion-flow'er *n.* (קער'-אי-אן-פלאו'-ער) אזא פלאנצע וואס האט דעם ריח פון א נבלה.

car'rion-hawk *n.* (קער'-אי-אן-האהק) א רויב־פויגעל וואס עסט נבלות.

car'rion-vul'ture *n.* (קער'-אי-אן-ואל'-טשור) דער נייער אדער שווארצער אדלער [רויב־פויגלען וואס עסען נבלות].

car'rom *n.* (קער'-אם) ז. *carom*.

carronade' *n.* (קער-א-נייד') אזא קליי־נער, לייכטער הארמאט.

car'rot *n.* (קער'-אט) א מער, א מער־ריב; ציגיי־פארבטע טאבאק; רויטע האר, א רויטער קאפ.

car'rotiness *n.* (קער'-אט-אי-נעס) רויטקייט פון די האר; רויט־געלבע פארב.

car'roty *a.* (קער'-אט-אי) וואס האט רויטע האר; ענליך אין פארב צו מערען.

car'rousel *n.* (קער'-או-זעל) ז. *carousel*.

car'ry *v.* and *n.* (קער'-אי) טראגען; ברייינגען; פיהרען; אנפיהרען; איבערפיהרען; אריינפיהרען; אוועקפיהרען; מיטפיהרען; מיטנעהמען; אוועקטראגען, אוועקרייסען; זיך האלטען, האלטען דעם קאפ; האבען אדער האלטען אין א געוויסער ריכטונג; לאנד וואס איז אבגעטיילט פון א וואסער וואס ווערט אריבערגעפאהרען מיט א שיפעל.

car'ry a brave form (קער'-אי ע בריוו פארם) אויסזעהן שעהן.

car'ry a jest (קער'-אי ע דזשעסט) טרייבען שפאס.

car'ryall *n.* (קער'-אי-אהל) אזא גע־דעקטער פיער־רעדערדיגער לייכטער, קליי־נער וואגען געשפאנט צו איין פערד, א פאמיליע־וואגען.

car'ry a mo'tion (קער'-אי ע מאו'-שאן) דורכפיהרען א פארשלאג [אויף א פערזאמלונג].

car'ry a price (קער'-אי ע פראיס) קאסטען.

car'ry a ques'tion (קער'-אי ע קהוועס'-טשאן) ז. *carry a motion*.

car'ry arms (קער'-אי ארמז) טראגען וואפען; זיין א סאלדאט אין דער ארמעע; האלטען דעם ביקס גלייך אנטקעגען דער פלייצע.

car'ry a town (קער'-אי ע טאון) 1. איינגעהמען א שטאדט. 2. געווינען די וואהלען אין א שטאדט.

1. The rebels in china carried many towns. 2. The governor carried our town by a large majority.

car'ry away' (קער'-אי ע-הוויי') הינ־רייסען [פון די געפיהלען]; אוועקנעה־מען: אוועקרייסען.

car'ry coals to New'castle (קער'-אי קאולז טו ניו'-קעסל) גיסען וואסער אין ים; ארויסווארפען ארבייט אויף נאר־ניט [פיהרען קויהלען אין ניו־קעסטעל, וואס איז דער ארט פון קויהלען].

car'ry eve'rything (קער'-אי עווי'-רי-טהינג) אלעס אוועקרייסען, יעדען ווי־דערשטאנד בעזיעגען.

car'ry false (קער'-אי פאהלס) אבווייכען פון דער געראדער ריכטונג; אראבגעהן פון גלייכען וועג.

car'ry forth (קער'-אי פאורטה) ארויס־טראגען פארויס; ארויסשטעלען פאר די אויגען; בעהויפטען עמוואס.

car'ry for'ward (קער'-אי פאר'-הווארד) אריבערטראגען [א חשבון אויף א צווייטען בלאט פון בוך].

car'rying *n.* and *a.* (קער'-אי-אינג) דאס טראגען, דאס פיהרען; א טראנס־פארט געשעפט: טראגענדיג, פיהרענדיג: וואס פארערט זיך ניט צו בעצאהלען האס־פען־געלד.

car'rying-on *n.* (קער'-אי-אינג-אן) ווילדע שטיפעריי, סקאנדאלעזע אויפפיה־רונג.

car'rying-trade *n.* (קער'-אי-אינג-טרייד) טראנספארט־האנדעל.

car'rying-traf'fic *n.* (קער'-אי-אינג-טרעפ'-איק) ז. *carrying-trade*.

car'ry in'to effect' (קער'-אי אינ'-טו ע-פעקט') פערווירקליכען, אויספיהרען.

car'ry in'to execu'tion (קער'-אי אינ'-טו עק-סי-קיו'-שאַן) ז. *carry into effect*.

car'ry in'to the book (קער'-אי אינ'-טו טהי בוק) אריינטראַגען אין בוך [פערשרייבען].

car'ry it (קער'-אי איט) איינגנעהמען, די איבערהאַנד בעקומען.

car'ry low (קער'-אי לאו) האַלטען דעם קאָפּ אַראָבגעלאָזען [ווענען אַ פערד].

car'ry off (קער'-אי אָף) 1. אַוועקטראָ-גען; אַוועקפיהרען; 2. טויטען.
2. My friend was carried off by pneumonia.

car'ry off a prize (קער'-אי אָף ע פּראַיז) געווינען אַ פּריז, ערהאַלטען אַ פּרעמיע.

car'ry on (קער'-אי אָן) 1. אָנפיהרען, פאָרטזעצען; 2. שטיפען, קעהרען מעשים.
1. Turkey is carrying on a war with Italy.
2. In the absence of the teacher the boys carried on in the room.

car'ry on a busi'ness (קער'-אי אָן ע ביז'-נעס) פיהרען אַ געשעפט.

car'ry on a cause (קער'-אי אָן ע קאָהז) פיהרען אַ פּראָצעס, אַ משפט.

car'ry on a design' (קער'-אי אָן ע די-זאַין') זיך פיהרען נאָך אַ געוויסען פּלאַן.

car'ry on a law'suit (קער'-אי אָן ע לאָה'-סוט) פיהרען אַ פּראָצעס, אַ משפט.

car'ry on a siege (קער'-אי אָן ע סיעדזש) בעלאַגערען.

car'ry one's self (קער'-אי וואַנז סעלף) זיך אויפפיהרען, זיך בענעהמען.

car'ry one's self high (קער'-אי וואַנז סעלף האַי) פיהרען זיך שטאָלץ, איבערמוטיג.
He is too proud. He is carrying himself high.

car'ry out (קער'-אי אַוט) 1. אַרויס-טראָגען, אַרויספיהרען; 2. דערפיהרען ביז צום ענד, אויספיהרען, דערענדיגען.
2. I want to carry out my purpose.

car'ry o'ver (קער'-אי או'-ווער) אַרי-בערטראָגען, אַריבערפיהרען; אַריבער-טראָגען [אַ חשבון אויף אַ צווייטען בלאַט].

car'ry the bell (קער'-אי טהי בעל) זיעגען, געווינען.

car'ry the day (קער'-אי טהי דיי) זיעגען, געווינען.
The Italians carried the day against the Turks.

car'ry the house (קער'-אי טהי האַוס) קריגען גרויסע אַפּלאָדיסמענטען [אין טעאַטער].

car'ry the point (קער'-אי טהי פּאָינט) דערגרייכען דעם ציעל.

car'ry the world before' one (קער'-אי טהי וואָירלד בי-פאָור' וואַן) האָבען גרויס ערפאָלג, זיין איבעראַל זיעג-רייך.
It happens, that even ambitious men fail to carry the world before them.

car'ry through (קער'-אי טהרוּ) דורכפיהרען, אויספיהרען.

car'ry to account' (קער'-אי טו ע-קאַונט') אַריינטראָגען אין חשבון.

car'ry too far (קער'-אי טו פאַר) איבערטרייבען; אַריבערכאַפּען די מאָס.

car'ry up (קער'-אי אַפּ) אַרויפפיהרען; אַרויפטראָגען; אַרויפבריינגען.

car'ry well (קער'-אי וועל) האַלטען הויך דעם קאָפּ [ווענען פערד]; זיך גוט האַלטען, זיך גוט בענעהמען.

car'ry with a high hand (קער'-אי הוויטה ע האַי הענד) זיך פיהרען מיט איבערמוט [ביד רמה].

car'-seal *n.* (קאַר'-סיעל) אַ וואַגאָן-פּלאָמבע [ביי אָן אָנגעלאָדענעם פּראַכט-וואַגאָן ווערט דורכגעצויגען אַ דראָט דורכ'ן שלאָס און אויף די ענדען פון דראָט ווערט דורך אַזאַ געצייג אַרויפגע-פּרעסט אַ געוויסע פּלאָמבע פון בליי אָדער אַנדער ווייכען מאַטעריאַל; אום צו עפענען דעם וואַגאָן מוז מען דורכשניידען דעם דראָט אָדער אַראָברייסען די פּלאָמ-בע].

car'-spring *n.* (קאַר'-ספּרינג) אַ וואַ-גאָן-פּרוזשינע [אַ פּרוזשינע וועלכע האָט דעם צוועק צו פערקלענערען דאָס טרייס-לען פון וואַגאָנעס ביים פאָהרען].

car'-star'ter *n.* (קאַר'-סטאַר'-טער) אַזאַ פּרוזשינע ביי אַ טראַמוואַי-וואַגאָן וואָס האָט דעם צוועק צו פערלייכטערען איהם זיך צו ריהרען פון אָרט, ווען ער האָט זיך אָבגעשטעלט; דער וואָס גיט דעם סיגנאַל אויף אָן אייזענבאַהן אָבצו-פאָהרען פון דער סטאַנציע.

cart *n. and v.* (קאַרט) אַ צוויי-רעדער-דיגער לייכטער וועגעל צו פיהרען משא; פיהרען סחורה אין אַ צוויי-רעדערדיגען לייכטען וועגעל.

car'tage *n.* (קאַר'-טיידזש) פוהר-לוין; דאָס פיהרען אין אַ צוויי-רעדערדיגען וועגעל.

car'taret *n.* (קאַר'-טע-רעט) אַ נאַרע צום שלאָפען.

cart'-bote *n.* (קאַרט'-באָוט) דאָס האָלץ וועלכעס אַן אַרענדאַר איז געווען בע-רעכטיגט צו נעהמען צו מאַכען געצייג צו בעאַרבייטען לאַנד [אין די אַלטע ענגלי-שע געזעצען].

carte *n.* (קאַרט) אַ קליינע פאָטאָגראַפישע קאַרטע [וויזיט פאָטאָגראַפיע]; אַ שפּיי-זע-קאַרטע [אין אַ רעסטאָראַן]; אַ גע-וויסע בעוועגונג מיט דער האַנד אין פעכ-טען מיט אַ שווערד.

carte blanche (קאַרט בלאַנש) אַן אונ-בעשרענקטע בעפאָלמעכטיגונג; אַן ער-לויבניש אַהן וועלכע עס איז בעשרענקונ-גען און בעדינגונגען.

carte'-de-visite' *n.* (קאַרט'-דע-ווי-זיט') אַ קליינע פאָטאָגראַפישע קאַרטע [אונ-געפעהר די גרויס פון אַ וויזיט-קאַרטע].

car'tel *n.* (קאַר'-טעל) אַן אויסליפערונגס אָבמאַך [אַן אָבמאַך צווישען קריעג-פיה-רענדע לענדער זיך צו בייטען מיט די קריעגס-געפאַנגענע]; אַ שריפטליכע אַרויספאָדערונג צום קאַמפּף אָדער דועל; אַ שיף וואָס פיהרט קריעגס-געפאַנגענע צום אָבבייטען; אַ קאַרטע.

car'tel-ship *n.* (קאַר'-טעל-שיפּ) אַ שיף וואָס פיהרט קריעגס-געפאַנגענע צום אָב-בייטען [לויט דעם אָבמאַך וואָס ווערט אָפּט געמאַכט צווישען צוויי קריעג-פיה-רענדע לענדער].

car'ter *n.* (קאַר'-טער) אַ פוהרמאַן; איינער וואָס פיהרט אַ צוויי-רעדערדיגען וועגעל מיט משא אָדער סחורה.

Carte'sian *a. and n.* (קאַר-טי'-זשיען) וואָס איז שייך צום פראַנצויזישען פילאָ-זאָף און מאַטעמאַטיקער דעקאַרט און זיין פילאָזאָפישע סיסטעם [געלעבט אין 17טען יאָהר-הונדערט]; איינער וואָס איז אַן אַנהענגער פון דעקאַרט.

Carte'sian coor'dinates (קאַר-טי'-זשיען קאָ-אָר'-די-נייטס) די קאָאָרדינאַ-טען סיסטעם אין דער מאַטעמאַטיק וועל-כע דער פראַנצויזישער פילאָזאָף און מאַ-טעמאַטיקער דעקאַרט האָט ערפונדען אין יאָהר 1637 [די קאָאָרדינאַטען סיסטעם גיט די מעגליכקייט צו בעשטימען די לאַ-גע פון וועלכען עס איז פּונקט אין אַ פלע-כע אָדער רוים]; די ליניע y—o ווערט גערופען אָרדינאַטע, די ליניע x—o — אָבסציסע.



Cartesian Coordinates

Carte'sian dev'il (קאַר-טי'-זשיען דעוול) דער קאַרטעזיאַנישער טייוועלע [אַזאַ שפּיעל-צייג וועלכער בערוהט אויף די געזעצען פון דער פיזיק וועגען דער שווערקייט פון שטאָפען. עס בעשטעהט פון אַ פיגור וואָס ווערט מייסטענס געמאַכט אין דער פאָרם פון אַ טייוועל. אינוועניג איז די פיגור פוסט. דער איבערשטער טייל איה-רער איז אָנגעפילט מיט לופט, דער אונטערשטער טייל—מיט וואַסער. דאָס טיי-וועלע ווערט אַריינגעשטעלט אין אַ פלאַש וואָס איז כמעט פול מיט וואַסער און פעסט פערמאַכט מיט אַ גומינע פּראָבקע. ווען מען גיט די פּראָבקע אַ דריק מיט'ן פינ-גער ווערט די לופט אין פלאַש צונויפגעפרעסט. די צונויפגע-פּרעסטע לופט דריקט דאָס וואַסער אין פלאַש און עס דרינגט אַריין מעהר וואַסער אין דער פיגור פון טייוועלע און עס לאָזט זיך אַראָב נידריגער צום דעק פון פלאַש. הערט מען אויף די פּראָבקע צו דריקען, דאַן הויבט זיך דאָס טייוועלע ווידער אויף העכער. דריקענדיג אַזוי די פּראָבקע און אויפהערענדיג, מאַכט מען, אַז דאָס טייוועלע זאָל טאַנצען אין פלאַש אַרויף און אַראָב].

Cartesian Devil

Carte'sian di'ver (קאַר-טי'-זשיען דאַי'-ווער) ז. *Cartesian devil*.

Carte'sian geom'etry (קאַר-טי'-זשיען דזשי-אָמ'-עט-רי) אַנאַליטישע גע-אָמעטריע [בעגרינדעט פון דעקאַרט, דיענט צו בעשטימען די לאַגע פון פּונק-טען אין אַ פלעכע אָדער רוים דורך קאָ-אָרדינאַטען].

ז. *Cartesian coordinates*.

Carte'sianism *n.* (קאַר-טי'-זשיענ-איזם) די פילאָזאָפיע פון דעם פראַנצוי-זישען פילאָזאָף דעקאַרט.

Carte'sian meas'ure of force (קאַר-טי'-זשיען מעזש'-אור אָוו פאָורס) דאָס מעסטען קראַפט אין פערהעלטניס מיט דער געשווינדיגקייט אויף דעם גרונד פון דער בעאָבאַכטונג, אַז עס איז נויטיג דיזעלבע קראַפט צו הויבען איין פונט משא צוויי פוס הויך ווי די וואָס איז נויטיג צו הויבען צוויי פונט משא איין פוס הויך.

cart'ful *n.* (קארט׳-פול) אזוי פיעל ווי א וואגען קען אריינגעהמען.

Carthagin'ian *a.* and *n.* (קאר-טהע-רזשינ׳-אי-ען) וואס איז שייך צו קארטהאגא [אן אמאליגע בעריהמטע שטאדט אין נארד־אפריקא, וואו עס געפינט זיך איצט טוניס, געגרינדעט פון די פעניציאנער אין דעם טטען יאהרהונדערט בעפאר קריסטוס געבורט]; אן איינוואהנער פון קארטהאגא.

cartham'ic *a.* (קאר-טהעמ׳-איק) וואס איז שייך צו דעם רויטען פארבשטאף, וועלכער ווערט געמאכט פון דער זאפלאר־פלאנצע [אזא זאפראן־ארטיגע פלאנצע].

car'thamin *n.* (קאר׳-טהע-מין) א רויטער פארבשטאף וואס ווערט געמאכט פון דער זאפלאר־פלאנצע [אזא זאפראן־ארטיגע פלאנצע].

car'thamine *n.* (קאר׳ טהע מין) ז. *carthamin*

car'thamus *n.* (קאר׳-טהע-מאס) די זאפלאר־פלאנצע [אזא זאפראן־ארטיגע פלאנצע פון וועלכע עס ווערט געמאכט רויטע פארב].

cart'-horse *n.* (קארט׳-הארס) א פערד וואס שלעפט א צוויי־רעדערדיגען וועגעל מיט משא אדער סחורה.

Carthu'sian *n.* and *a.* (קאר-טהיו׳-זשיען) א מאנאך אדער א מאנאשקע פון דעם קארטהויזער ארדען [א קריסטליכער ארדען געגרינדעט אין יאהר 1086 אין פראנקרייך]; א שילער פון א געוויסער שוהל אין לאנדאן וועלכע האט עקזיסטירט ביז דעם יאהר 1872; וואס איז שייך צו א קארטהויזער מאנאך.

car'tilage *n.* (קאר׳-טי-לעדזש) כראמשקע, כראשטש, קנארפעל [אזא ווייסער הארטליכער שטאף אין פלייש].

car'tilage-bone *n.* (קאר׳-טי-לעדזש-באון) כראמשקע־ביין.

cartilag'inous *a.* (קאר-טי-לעדזש׳-אי-נאס) כראמשקעדיג, קנארפעלדיג; ענליך צו כראמשקע. ז. *cartilage*

Car'tist *n.* (קאר׳-טיסט) אן אונטערשטיצער אדער אנהענגער פון דער שפאנישער און פארטוגעזישער קאנסטיטוציאן.

cart'-jade *n.* (קארט׳-דזשייד) א פערד א פגירה; א לאסט־פערד.

cart'-load *n.* (קארט׳-לאוד) די לאדונג פון א וואגען; א סך, א גרויסע מאסע.

cart'man *n.* (קארט׳-מען) איינער וואס שטופט א צוויי־רעדערדיגען וועגעל מיט משא אדער סחורה.

cartog'rapher *n.* (קאר-טאג׳-רע-פער) א קארטאגראף, לאנד־קארטען־צייכנער, א צייכנער פון געאגראפישע קארטען.

cartograph'ic *a.* (קאר-טא-גרעפ׳-איק) וואס איז שייך צו קארטאגראפיע. ז. *cartographer*

cartograph'ical *a.* (קאר-טא-גרעפ׳-איק-על) ז. *cartographic*

cartograph'ically *adv.* (קאר-טא-גרעפ׳-איק על אי) דורך קארטאגראפיע.

cartog'raphy *n.* (קאר-טאג׳-רע-פי) קארטאגראפיע, די קונסט פון צוזאמענשטעלען לאנדקארטען; די צוזאמענשטעלונג פון געאגראפישע קארטען; די צייכנונג פון לאנד־קארטען.

car'tomancy *n.* (קאר׳ טא מענ סי) נביאות דורך קארטען; דאס ווארפען קארטען.

car'ton *n.* (קאר׳-טאן) קארטאן, טאקטור, פאפ [אזא דיקער פאפיער פון וועלכען מען מאכט קעסטלעך]; א קארטאן־קעסטעל, א פאפקע.

car'tonnage *n.* (קאר׳-טאנ-איידזש) קארטאן, טאקטור, פאפ, טאייער פאפיער.

carton'-pierre' *n.* (קאר-טאן׳-פיער׳) אזא זארט קארטאן וועלכער ווערט געברויכט אין דער ארכיטעקטור צו מאכען ארנאמענטען פאר געביידען.

cartoon' *n.* and *v.* (קאר-טוהן׳) א צייכנונג וואס ווערט געמאכט אויף א שטארקען פאפיער צו בענוצען אלס מוסטער פאר דעקאראציאנס צוועקען; א צייכנונג; א קאריקאטור־צייכנונג [פון א פערזאן אדער וואס שטעלט פאר א פאסירונג]; צייכענען א קאריקאטור.

cartoon'ist *n.* (קאר-טוהנ׳-איסט) א צייכנער פון קאריקאטורען. ז. *cartoon*

cartouche' *n.* (קאר-טוש׳) א פאטראנען־קעסטעל [א קעסטעל צום האלטען שיס־פאטראנען]; אזא פאנטאסטיש אויסגעמאלטער אדער אויסגעשניצטער קליינער שילד פאר אן אויפשריפט.

car'tridge *n.* (קאר׳-טרידזש) דער הילז פון א פאטראנע [פון א ביקס].

car'tridge-bag *n.* (קאר׳-טרידזש־בעג) אזא זעקעל אין וועלכען מען האלט א קארטעטש [צום שיסען].

car'tridge-belt *n.* (קאר׳-טרידזש-בעלט) א פאטראנען־גארטעל [אזא גארטעל וואס איז געמאכט, אז מען זאל קענען טראגען אין איהם שיס־פאטראנען].

car'tridge-box *n.* (קאר׳-טרידזש-באקס) א פאטראנען־קעסטעל.

car'tridge-case *n.* (קאר׳-טרידזש-קיים) א פאטראנען־קעסטעל; א פאטראנען הילז.

car'tridge-gage *n.* (קאר׳-טרידזש-גיידזש) אזא זארט שטאל־בלעך וואס ווערט בענוצט אין דער פאבריקאציאן פון שיס־געוועהר.

car'tridge-loa'der *n.* (קאר׳-טרידזש-לאו׳-דער) אזא אפאראט צום אנלאדען קארטעטשען.

car'tridge-pa'per *n.* (קאר׳-טרידזש-פיי׳-פער) אזא זארט שטארקער שארסטינער פאפיער, וועלכער ווערט בענוצט צום צייכנען.

car'tridge-pouch *n.* (קאר׳-טרידזש-פאוטש) אזא פאטראנען־קעסטעל אויסגעפוטערט מיט שעפסענע פעל.

car'tridge-wire *n.* (קאר׳-טרידזש-הוואיר) צינדר־דראט [אויפצורייסען א מינע].

car'-truck *n.* (קאר׳-טראק) דער רעדער־געשטעל פון א וואגאן.

car'tulary *n.* (קאר׳-טיו-לע-רי) א זאמלונג פון דאקומענטען, פראטאקאלען א. ד. ג. [ווי פון א מאנאסטיר]; א צימער וואו אזעלכע דאקומענטען ווערען געהאלטען; א בעאמטער וואס האט די אויפזיכט אויף אזעלכע פאפיערען.

cart'way *n.* (קארט׳-הוויי) א וועג צום פאהרען.

cart'wright *n.* (קארט׳-ראיט) א וואגען־מאכער.

car'ucage *n.* (קער׳-או-קיידזש) דאס אקערען לאנד; אן אמאליגער שטייער אויף לאנד וואס איז געווען פעסט געשטעלט אויף יעדע הונדערט אקער.

car'ucate *n.* (קער׳-או-קייט) א שטיק לאנד וואס קען אויפגעאקערט ווערען פון איין אקער־אייזען [א פארצייטיגע מאס פון לאנד, אן ערך 100 אקער].

car'uncle *n.* (קער׳-אנקל) א פלייש־געוויקס אויפ׳ן קערפער; דער קאם פון א האהן.

carun'cula *n.* (קע-ראנ׳-קיו-לא) ז. *caruncle*

carun'cular *a.* (קע-ראנ׳-קיו-לער) וואס האט א פלייש־געוויקס; וואס האט א קאם [ביי עופות].

carun'culous *a.* (קע-ראנ׳ קיו לאס) ז. *caruncular*

ca'rus *n.* (קיי׳-ראס) פאלשטענדיגע בעוואוסטלאזיגקייט, די לעצטע נסיסה.

caru'to *n.* (קע-רו׳-טאו) אזא פרעכטיגע בלוי־שווארצליכע פארב, וואס ווערט ערהאלטען פון א געוויסע פרוכט.

car'vacrol *n.* (קאר׳-ווע-קראל) אזא קלעפיגער אוילינער שטאף מיט א זעהר אונאנגענעהמען ריח און א שארפען געשמאק וואס ווערט געמאכט פון קימעל־אויל. פלעגט בענוצט ווערען אלס מיטעל צו צאהן־וועהטאג.

car'val *n.* (קאר׳-וועל) אזא ליעד, א באלאדע.

carve *v.* (קארוו) 1. צושניידען; צושניידען אין שטיקלעך; 2. שניצען; אויסשניצען; זיך בעשעפטיגען מיט שניצעריי; 3. זויער ווערען.

1. Carve meat and bread for the guests.

carve for one's self (קארוו פאר הוואנז סעלף) אליין פאר זיך זארגען; האנדלען ווי איינעם געפעלט; זיך פיהרען אונאבהענגיג.

car'vel *n.* (קאר׳-וועל) אזא אלטע שפאנישע אדער פארטוגעזישע שיף; א קארב; א ליעד, א באלאדע.

car'vel-built *a.* (קאר׳-וועל-בילט) געבוים אזוי, אז די ברעטער קומען ניט ארויף איינס איבער דאס צווייטע, נאר ווערען הארט צונעפאסט איינס צום אנדערען [ביי דעם בוי פון שיפען].

car'vel-work *n.* (קאר׳-וועל-הווארק) דאס צונויפשטעלען און צונויפפאסען די ברעטער אדער די פלאטען פון א שיף הארט איינס צו דעם אנדערען.

car'ven *a.* (קאר׳וון) אויסגעקריצט, אויסגראווירט, אויסגעשניצט.

carve one's way (קארוו הוואנז הויי) דורכשלאגען זיך א וועג.

carve out (קארוו אוט) 1. אויסשניידען, אויסשניצען; 2. זיך דערשלאגען [צו עפעס].

2. He carved out a career for himself.

car'ver *n.* (קאר׳-ווער) איינער וואס שניידט פלייש אדער ברויט; א שניצער, סקולפטאר; א גרויסער טיש־מעסער.

car'ving *n.* (קאר׳-ווינג) דאס שניידען, דאס שניצען, שניצעריי, סקולפטור.

car'ving-fork *n.* (קאר׳-ווינג-פארק) א גרויסער גאפעל צו האלטען דאס פלייש ווען מען צושניידט עס.

car'ving-knife *n.* (קאר׳-ווינג-נאיף) א גרויס מעסער צום שניידען פלייש.

car'ving-tools *n.* (קאר׳-ווינג-טוהלז) שניצער־געצייג.

car'-wheel *n.* (קאר׳-הוויעל) א ראד פון א וואגאן.

caryat'ic *a.* (קע-רי-עט׳-איק) וואס איז שייך צו זיילען וועלכע זיינען געמאכט אין דער פארם פון פרויען־פיגורען [אין געביידען].

caryat'id *n.* and *a.* (קע-רי-עט׳-איד) א זייל פון א געביידע געמאכט אין דעם געשטאלט פון א פרויען־פיגור; וואס איז שייך צו אזא זייל.

caryatide'an *a.* (קע-רי-עט-אי-די׳-ען) אונטערשטיצט פון זיילען וואס האבען דעם געשטאלט פון פרויען־פיגורען [ביי געביידען].

caryat'ides *n.* (קע-רי-עט'-איד-איז) זיילען פון א געביידע געמאכט אין דעם גע־שטאלט פון פרויען־פיגורען.

Caryatides

Cary'ocar *n.* (קע-ראי'-א-קער) אזא מין בוימער אין די ווארעמע געגענדען פון אמעריקא [עס וואקסט אויף זיי א מין זעהר גרויסע ניס פון וועלכע עס ווערט געמאכט אויל. אנדערע בוימער דערוואק־סען ביז 100 פוס הויך].

caryophyl'lous *a.* (קער-אי-א-פיל'- אס) עהנליך צו נעלקען־בלומען.

casa've *n.* (קע-סא'-ווע) אזא פלאנצע אין אפריקא און אין די ווארעמע געגענ־דען פון אמעריקא, וועלכע ווערט בענוצט אלס שפייז; מעהל געמאכט פון די ווארצ־לען פון דיזער פלאנצע.

cas'cabel *n.* (קעס'-קע-בעל) אזא קנאפ אין דעם הינטערען טייל פון א הארמאט.

cascade' *n. and v.* (קעס-קייד') א קליי־נער וואסערפאל; קאסקאדען־שאלטונג, סע־ריען־שאלטונג פון עלעקטרישע באטערייען [א פערבינדונג פון א רייה עלעקטרישע באטערייען אויף דעם אופן, אז דער נע־גאטיווער פאל פון איין באטעריי ווערט פערבונדען מיט דעם פאזיטיווען פאל פון דער אנדערער א. ז. וו.]; מאכען א וואס־סער־פאל; מאכען א קאסקאדען־שאלטונג ביי עלעקטרישע באטערייען.

cascaril'la *n.* (קעס-קע-ריל'-ע) די שמעקעדיגע קארע פון קאסקארילא־בוים [אזא קליין בוימעל וואס וואקסט אין וועסט־אינדיען].

case *n. and v.* (קייס) 1. א שיידעל; א שייד פון א בוך; א שאכטעל; א פאו־דעל; א קאפסעל; א קעסטעל; אן אל־מער; א שריפט־קאסטען [אין א דרוקע־ריי]; דער האלץ־ראהם פון א טיהר; דער קערפער פון א געביידע; אן איבער־צוג, א דעקע, א הילע; א פעל; 2. די קא־זוס [א בעצייכנונג אין גראמאטיק פאר די ענדערונגען פון דער פארם פון הויפט־ווערטער ווען זיי קומען אין פערבינדונג מיט די ווערטער: פון, דעם, צום א. ז. וו. צ. ב. דער מענש, דעם מענשענס, צום מענ־שען]; 3. דער פאל, אומשטאנד, אופן, זאך; 4. קראנקהייטס־געשיכטע, קראנק־הייטס־פאל; 5. געריכטס פאל, געריכטס־פראצעס, משפט; 6. ד'ער כאראקטער, א פערזאן וואס צייכענט זיך אויס מיט זיין כאראקטער [צום גוטען אדער שלעכטען]; 7. ארײַנלעגען אין א שייד; איינפאסען אין א קאפסעל; איבערציהען, בעדעקען.

3. The **case** in point is no criterion to judge by. 4. The patient explained the **case** to the doctor. 5. The **case** was tried by lawyers at the last term. 6. I can tell you what a terribly hard **case** he has been.

ca'seate *v.* (קיי'-סי-אייט) ווערען עהנ־ליך צו קעז.

casea'tion *n.* (קיי-סי-איי'-שאן) די פערדיכטונג פון מילך צו קעז; דאס פער־וואנדלען זיך אין א קעז־פערמיגע מאסע.

case'-bear'er *n.* (קייס'-בעהר'-ער) א ווערעמעל וואס שפינט זיך ארום אין א הילע [די ווערים פון וועלכע עס ענטוויק־לען זיך שמעטערלינגע און אנדערע זו־מער־פויגעלעך].

case'-bear'ing *a.* (קייס'-בעהר'-אינג) וואס איז בעדעקט מיט א הילע [ביי גע־וויסע ווערים].

case'-bot'tle *n.* (קייס'-באטל) א פלאש [מייסטענס א פיערקאנטיגע] וועלכע ווערט געהאלטען אין א קעסטעל.

case'-har'den *v.* (קייס'-הארדן) האר־טעווען, הארט מאכען די איבערפלעכע [ווי פערוואנדלען די איבערפלעכע פון אן איי־זערנעם געגענשטאנד אין שטאל]; פער־הארטעווען.

case'-har'dened *a.* (קייס'-האר'דנד) וואס איז פערהארטעוועט פון אויסען [ווי אייזערנע געצייג ווי'רען פערהארטעוועט]; אונפערשעמט, וואס האט קיין עהרע־געפיהל.

case'-harde'ning *n.* (קייס'-הארד'- נינג) דאס פערהארטעווען די איבערפלע־כע פון אייזען פערוואנדלענדיג עס אין שטאל.

ca'seic *a.* (קיי'-סי-איק) וואס איז שייך צו קעז, וואס קומט פון קעז.

ca'sein *n.* (קיי'-סי-אין) [דער קעזשטאף] קעז־שטאף אין מילך און אין פערשיעדע־נע אנדערע שפייז־פראדוקטען]; אזא מין קליי [צום קלעפען].

ca'seine *n.* (קיי'-סי-אין) ז. ***casein***

case'-knife *n.* (קייס'-נאיף) א מעסער וואס ווערט געהאלטען אין א שייד.

case'-lock *n.* (קייס'-לאק) א קאסטען־שלאס וואס ווערט בעפעסטיגט צו א טהיר.

case'-ma'ker *n.* (קייס'-מיי'-קער) א שאכטעל־מאכער, א פאודעל־מאכער; א שיידעל־מאכער [פאר ביכער].

case'mate *n.* (קייס'-מייט) א קאזעמאט, א שטיינערנער געוועלב־קאמער אין דער וואנד פון א פעסטונג; א קעלער־געוועלב אין א פעסטונג פאר ארעסטאנטען; א טורמע־קאמער.

case'mate-car'riage *n.* (קייס'-מייט- קער'-עדזש) אזא וואגען צום אויפשטע־לען קאזעמאט־הארמאטען.

case'mated *a.* (קייס'-מיי-טעד) וואס האט קאזעמאטען.

case'mate-gun *n.* (קייס'-מייט-גאן) קאזעמאטען־הארמאט.

case'mate-truck *n.* (קייס'-מייט- טראק) אזא וואגען אויף דריי רעדער צום פיהרען הארמאטען.

case'ment *n.* (קייס'-מענט) א פענסטער־ראהם וואס איז געמאכט געווארען צו עפענען אויף זאוויעסעס ווי א טהיר.

case'mented *a.* (קייס'-מענ-טעד) וואס האט פלינגעל־פענסטער.

case'ment-win'dow *n.* (קייס'-מענט- הווינ'-דאו) א פלינגעל־פענסטער [אזעלכע פענסטער וואס עפענען זיך אויף זאוויע־סעס ווי א טהיר].

case of con'science (קייס אוו קאנ'- שענס) א זאך וואס בעלאנגט צום געווי־סען.

case of emer'gency (קייס אוו אי- מויר'-דזשענ-סי) א דרינגענדער נויט־פאל.

ca'seous *a.* (קיי'-סי-אס) אזוי ווי קעז; וואס איז שייך צו קעז.

casern' *n.* (קע-זורן') א קאזארמע.

case'-shot *n.* (קייס'-שאט) א שראפנעל, א קארטעטש [צום שיסען].

ca'seum *n.* (קיי'-סי-אם) ז. ***casein***

case'-work *n.* (קייס'-הוואירק) שריפט־זעצעריי; דאס מאכען טאוולען צום איינ־בינדען ביכער, דאס מאכען שיידלעך צו ביכער.

case'-worm *n.* (קייס'-הווארם) דאס ווערעמעל פון וועלכען עס קומט ארויס די וואסער־מאטען פליעג.

cash *n. and v.* (קעש) מזומן, באאר געלד; אויסבייטען א געלד־אנווייזונג אויף מזומן.

cash'-account' *n.* (קעש'-ע-קאונט') דער חשבון פון געלד וואס קומט אריין אדער ווערט אויסגעצאהלט פון דער קא־סע; דער קרעדיט פון א געוויסע סומע וואס עס ווערט נעגעבען פון א באנק צו א פערזאן אדער א פירמע [דער יעניגער וואס האט אזא קרעדיט אין א באנק קען צו יעדער צייט נעהמען געלד ביז דער סומע וואס איז פעסטגעשטעלט פאר איהם].

cash'-book *n.* (קעש'-בוק) דאס קאסע־בוך [א בוך אין וועלכען מען שרייבט אריין טעגליך די איינגאמע און אויסגאבע פון מזומן געלד].

cash'-box *n.* (קעש'-באקס) א געלד־קעסטעל.

cash'-boy *n.* (קעש'-באי) א אינגעל אין א געשעפט וואס טראגט דאס געלד פון די קונים צום קאסיר.

cash'-car'rier *n.* (קעש'-קער'-אי-ער) אזא מעכאנישע איינריכטונג אין א געשעפט אבצושיקען צום קאסיר דאס געלד וואס דער פערקויפער נעהמט ביי די קונים.

cash'-cred'it *n.* (קעש'-קרעד'-איט) באנק־קרעדיט. ז. ***cash-account***

cash'-day *n.* (קעש'-דיי) צאהל־טאג.

cash'er-box *n.* (קעש'-ער-באקס) אזא טיש וואס ווערט בענוצט אין גלאז־פאברי־קען ביים בלאזען גלאז.

cashew' *n.* (קע-שוה') דער אקאיאו־בוים [אזא מין נוס־בוים וואס וואקסט אין די ווארימע געגענדען פון אמע־ריקא]; די ניס פון אקאיאו־בוים.

cashew'-nut *n.* (קע - שוה' - נאט) אזא זארט גרויסע ניס וועלכע וואק־סען אויף דעם אקאיאו־בוים פון וועלכע עס ווערט געמאכט א געווי־סער זארט אויל וואס האט א זיס־ליכען געשמאק.

Cashew-nuts

cashew'-tree *n.* (קע-שוה'-טריע) דער אקאיאו־בוים. ז. ***cashew***

cash'-girl *n.* (קעש'-גירל) א מיידעל אין א געשעפט וואס נעהמט דאס געלד פון די קונים און טראגט אב צום קאסיר.

cashier' *n. and v.* (קעש-איר') 1. א קאסיר; 2. ענטזאגען פון א שטעלע, ארויס־ווארפען, ארויסטרייבען פון א שטעלע אדער אמט.

2. The deserter was **cashiered** from the army.

cashier'er *n.* (קעש-איר'-ער) אן ענט־זאגער, אן אבשאפער.

cash'-kee'per *n.* (קעש'-קיפ'-פער) א קאסיר.

cash'mere *n. and a.* (קעש'-מיער) קאשמיר [דינער וואלען-שטאף]; געמאכט פון קאשמיר.

cash'mere goat (קעש'-מיער גאוט) די קאשמיר-ציעג.

Cashmere Goat

cash'mere shawl (קעש'-מיער שאהל) א קאשמיר-שאל [שאלען וועלכע מען פלעגט א מאל מאכען אין דער שטאדט קאשמיר, אינדיען].

cashmerette' *n.* (קעש-מי-רעט') אזא דינער וואלען-שטאף ענליך צו קאשמיר.

Cashme'rian *a.* (קעש-מי'-רי-ען) וואס איז שייך צום לאנד אדער שטאדט קאשמיר אין אינדיען.

cash'-note *n.* (קעש'-נאוט) א געלד-אנווייזונג.

cashoo' *n.* (קע-שוה') אן אראמאטישע פעך-זאפט פון אקאציען-בוימער.

cash'-pur'chase *n.* (קעש'-פויר'-טשעז) דאס קויפען פאר מזומן.

cash up (קעש אפ) איינקאסירען.

ca'sing *n.* (קיי'-סינג) א שייד; אן איבערצוג; א ראהם; אן איינפאסונג.

ca'sing-pa'per *n.* (קיי'-סינג-פיי'-פער) פאק-פאפיער.

casi'no *n.* (קע-סי'-נאו) א קלוב, א געזעלשאפטס-הויז, א הויז פאר פערזאמלונגען; א דארפישע הייזעל; אזא שפיעל אין קארטען.

cask *n. and v.* (קעסק) א פעסעל; אנגיסען אין א פעסעל.

cas'ket *n. and v.* (קעס'-קעט) א קעסטעל צו האלטען ציערונג; אריינלייגען אין א קעסטעל.

casque *n.* (קעסק) א פאנצער-היטעל, א העלם.

cas'sate *v.* (קעס'-אייט) אויסקאסירען, פערניכטען, ארויסנעהמען פון געברויך.

cassa'tion *n.* (קע-סיי'-שאן) דאס אויסקאסירען, דאס פערניכטען, דאס אויסמעקען.

cassa'va *n.* (קע-סא'-ווע) אזא שפייז-פלאנצע אין די ווארימע געגענדען פון אמעריקא; מעהל וואס ווערט געמאכט פון די ווארצלען פון דיעזער פלאנצע



Cassava Branch

casse'-pa'per *n.* (קעס'-פיי'-פער) אבפאל פון פאפיער ביי פאפיער-פאבריקאציאן.

cas'serole *n.* (קעס'-ע-ראול) א קאסטרול, א בראט-פאן; א קאסטרולכעל, געבראטענס. א געריכט געמאכט אין א ראסטרול.



Casserole

Cas'sia *n.* (קעש'-יע) די קאסיא-פלאנצען פון וועמענס קארע עס ווערט גענומען קאסיא-ציםרינג.

cas'sia *n.* (קעש' יע) קאסיא-צימרינג [אזא זארט צימרינג אדער קאנייל].

cas'sia-bark *n.* (קעש'-יע-בארק) קאסיא-צימרינג.

cas'sia-buds *n.* (קעש'-יע-באדז) די פרוכט פון דער קאסיא-פלאנצע.

cas'sia-oil *n.* (קעש'-יע-איל) צימרינג-אויל, וואס ווערט געמאכט פון דער קאסיא-פלאנצע.

cas'sia-pulp *n.* (קעש'-יע-פאלפ) דאס פלייש פון דער קאסיא-פלאנצע [ווערט געברויכט אלס אבפיהרונגס-מיטעל].

cassid'eous *a.* (קע-סיד'-אי-אס) וואס איז ענליך צו א פאנצער-היטעל [אזעלכע פלאנצען-בלעטער].

cas'simere *n.* (קעס'-אי-מיר) קאזימיר [אזא וואלען-שטאף פאר מענער-קליידער].

cassine' *n.* (קע-סין') א קליינע דארפישע הייזעל; א הייזעל וועלכע שטעהט אליין אויפ'ן פעלד.

Cassin'ian *a. and n.* (קע-סינ'-אי-ען) וואס איז שייך צו איינעם וואס שטאמט פון דער איטאליענער-פראנצויזישער פאמיליע קאסיני [האט ארויסגעגעבען פיער דורות בעקאנטע אסטראנאמען]; א קאסיני.

cassi'no *n.* (קע-סי'-נא) אזא קארטען-שפיעל.

Cassiope'ia *n.* (קעס-אי-א-פי'-יא) מזל בתולה [אין דער אלטער אסטראנאמיע].

cas'sock *n.* (קעס'-אק) א מאנטעל פון א גייסטליכען; א ברייטער מיליטער-מאנטעל.

cas'socked *a.* (קעס'-אקט) אנגעטהאן אין א מאנטעל פון א גייסטליכען אדער אין א מיליטער-מאנטעל.

cas'solette *n.* (קעס'-א-לעט) א קעסטעל צו האלטען פארפיומען.

cas'sowary *n.* (קעס'-א-הווע-רי) אזא מין גרויסער שטרויס פויגעל אין אויסטראליען [ער צייכענט זיך אויס מיט זיין בעזאנדערס שנעלען לויפען].

Cassowary

cast *v., a. and n.* (קעסט) 1. ווארפען; אוועקווארפען; פערווארפען; 2. ווענדען, ריכטען [א בליק]; 3. גיסען [אין א פארם]; שמעלצען; 4. צוטיילען די ראלען פון א פיעסע צווישען די אקטיארען; 5. מפיל זיין; 6. אויסרעכענען; פראיעקטירען; 7. נאכדענקען; ניינען, איינבויגען [א שיף]; 8. זוכען די שפור פון חיות ביי יאגד; 9. אוועקווארפען [אלס אן אונניצליכע זאך]; פערדאמט; 10. דאס ווארפען; א ווארף; 11. א בליק, א ווארף מיט'ן אויג; 12. א לייכטער אנווארף פון פארב, א לייכטע שאטירונג פון פארב; 13. אן אויסגעגאסענער פורם, אן אבדרוק פון א פורם; א שטעמפעל; א פורם צום אבגיסען מעטאל-זאכען; 14. א כאראקטער אדער כאראקטעריסטיק; 15. א פארציאן [פוטער פאר בהמות]; א פאר, עטליכע; א געוויסע פארציאן וואסער ביי ביער-ברויען; 16. א מינע, מאניער, מארע.

1. The boys cast stones at the birds. 2. Cast your eyes to heaven and pray. 3. The workmen cast iron into the mould. 4. The manager cast the parts of the "Merchant of Venice." 6. Let us cast how to accomplish it. 11. She has a cast in her eye which disfigures her appearance. 12. The painting has a cast of blue. 15. Carry a cast of hay to the horses.

cast a bal'lot (קעסט ע בעל'-אט) ווארפען א גאלקע אין שטים-קאסטען; אבגעבען א שטימע.

cast about' (קעסט ע-באוט') נאכטראכטען, איבערלעגען זיך, זוכען אן עצה.

He will have to cast about for a way out of his troubles.

cast a brand upon' (קעסט ע ברענד א-פאן') בראנדמארקען; שטעלען צום שאנד-קלאץ.

cast a damp (קעסט ע דעמפ) אבשלאגען די פלינקען.

cast an'chor (קעסט ענ'-קאר) ווארפען דעם אנקער [פון א שיף].

cas'tanet *n.* (קעס'-טע-נעט) א קאסטאניעט [אזא מין שפאנישער מוזיק-אינסטרומענט וואס בעשטעהט פון צוויי קליינע פלאטען פון האלץ אדער ביין].

Castanet

cast a shad'ow (קעסט ע שעד'-או) ווארפען א שאטען.

cast aside' (קעסט ע סאיד') אוועקווארפען אלס אן אונניצינע זאך.

cast away' (קעסט ע-הוויי') אבווארפען, פערווארפען; אוועקווארפען; מאכען צו נארנישט, אונניצליך מאכען; שטראנדען, אונטערגעהן [ווענען א שיף].

castaway' *n. and a.* (קעסט-ע-הוויי') א ווערטהלאזער אדער פערווארפענער מענש; אן אויסוואורף; אן אוועקגעווארפענער; אן אוועקגעווארפענע זאך; אוועקגעווארפען, רואינירט, צובראכען.

cast back (קעסט בעק) זיך דערמאנען דאס פערגאנגענע, זיך ווענדען צו אלטע זכרונות; ארויסווייזען אן ענליכקייט צו איר-עלטערן.

cast behind' (קעסט בי-האינד') אונבעאכטעט לאזען, אוועקווארפען.

The garbage was cast behind the fence.

cast beyond' the moon (קעסט בי-יאנד טהי מוהן) זיך ארייןלאזען אין ווילדע השערות.

cast by (קעסט באי) פערווארפען, אבווארפען.

cast down (קעסט דאון) נידערווארפען; ערנידעריגען, דעמיטיגען.

caste *n.* (קעסט) א קאסטע, א שטאנד אדער קלאס מענשען וועלכע האלטען זיך אבגעזונדערט פון די אנדערע; א שטאנד אדער קלאס מענשען, וועלכע זיינען אויסגעטיילט פון די אנדערע מיט זייער רייכקייט, טיטול, פראפעסיאן אדער פריווילעגיעס.

cas'tellan *n.* (קעס'-טע-לען) א קאמאנדיר אדער אויפזעהער פון א שלאס.

cas'tellany *n.* (קעס'-טע-לע-ני) דאס לאנד פון א שלאס; דאס אמט פון א שלאס=אויפזעהער אדער א קאמאנדיר.

cas'tellar *a.* (קעס'-טע-לער) וואס איז שייך אדער בעלאנגט צו א שלאס.

cas'tellate *n.* (קעס'-טע-לייט) דאס לאנד און די רעכטען פון א שלאס.

cas'tellated *a.* (קעס'-טע-ליי-טעד) ארומגעבויט מיט שוץ=וועגד ווי א שלאס; וואס איז געבויט ווי א שלאס.

castella'tion *n.* (קעס-טע-ליי'-שאן) דאס בעפעסטיגען א הויז ווי א שלאס אדער מאכען עס זאל אויסזעהן ווי א שלאס.

cas'telry *n.* (קעס'-טעל-רי) די רעכטען פון א שלאס=בעזיצער; דאס לאנד וואס געהערט צו א שלאס.

cas'ter *n.* (קעס'-טער) א ווארפער; א רעכנער; איינער וואס טיילט איין די ראלען פון א פיעסע צווישען אקטיארען; א רעדעל פון מעבעל=פיסלעך; א פלעשעל וואס האט א דעקעל מיט לעכלעך [בענוצט פאר זאלץ, פעפער אדער אנדערע געווירצען וועלכע ווערען געגעבען צום טיש].

cast forth (קעסט פארטה) ארויסווארפען; ארויסלאזען [ווי א פלאנצע לאזט ארויס ווארצלען].

cast'-gate *n.* (קעסט'-גייט) דער קאנאל דורך וועלכען דאס געשמאלצענע מעטאל ווערט אריינגעגאסען אין פורם.

cast'-horse *n.* (קעסט'-הארס) אן אבגענוצטער און אויסגעארבייטער פערד.

cas'tigate *v.* (קעס'-טי-גייט) בעשטראפען; אבשמייסען; אוים'מוסר'ען.

castiga'tion *n.* (קעס-טי-גיי'-שאן) דאס בעשטראפען; דאס אבשמייסען; דאס אוים'מוסר'ען.

cas'tigator *n.* (קעס'-טי-גיי-טאר) א בעשטראפער, אן אויסבעסערער, אן אוים'מוסר'ער.

cas'tigatory *a.* (קעס'-טי-גיי-טא-רי) וואס איז שייך צום בעשטראפען אדער אויסצו'מוסר'ען.

Cas'tile soap (קעס'-טיל סאופ) קאסטיליאנישע זייף.

Castil'ian *a. and n.* (קעס-טיל'-יען) וואס איז שייך צו קאסטיליען [דאס אמאליגע קעניגרייך אין שפאניען, וועלכע איז איצט געטיילט אין אלט און ניי קאסטיליען]; א קאסטיליאנער.

cas'ting *n.* (קעס'-טינג) דאס גיסען [פון מעטאלען]; דאס גוס=שטיק; א פלאן, א פראיעקט; דאס ווארפען.

cas'ting-box *n.* (קעס'-טינג-באקס) אין גיסערייען — די כלי וואו מען האלט דאס געשמאלצענע מעטאל.

cas'ting-la'dle *n.* (קעס'-טינג-ליידל) אזא גרויסע אייזערנע לעפעל וואס ווערט געברויכט ביים גיסען מעטאל.

cas'ting-net *n.* (קעס'-טינג-נעט) א ווארף=נעץ [אזא נעץ צום פאנגען פיש, וועלכער ווערט לאנג ניט געהאלטען אין וואסער, נאר ער ווערט ארויסגעצויגען גלייך ווי ער איז געווארפען געווארען].

cas'ting-pit *n.* (קעס'-טינג-פיט) דער פלאץ אין אן אייזען=גיסעריי וואו די פארעמס צום גיסען געפינען זיך.

cas'ting-pot *n.* (קעס'-טינג-פאט) א טיגעל, א שמעלץ=טאפ [פאר מעטאלען].

cas'ting-press *n.* (קעס'-טינג-פרעס) אזא פרעס אין א גיסעריי פאר מעטאלען וועלכע ווערען געשמאלצען אונטער א געוויסען דרוק.

cas'tings *n.* (קעס'-טינגז) גוס=שטיקער [זאכען וואס זיינען געמאכט פון גוס=אייזען].

cas'ting-slab *n.* (קעס'-טינג-סלעב) די פלאטע פון א טיש וואס ווערט געברויכט אין גלאז=פאבריקען צום גיסען גלאז=פלאטען.

cas'ting-ta'ble *n.* (קעס'-טינג-טייבל) אזא טיש אין גלאז=פאבריקען אויף וועלכען עס ווערען געגאסען גלאז=פלאטען.

cas'ting-vote *n.* (קעס'-טינג-וואוט) די ענטשיידענדע שטימע [די שטימע פון דעם פארזיצענדען וועלכער ענטשיידעט אויף א פערזאמלונג אדער אין א געזעצגעבענדע קערפערשאפט, ווען די שטימען פאר און געגען זיינען צוטיילט גלייך אויף גלייך].

cas'ting-weight *n.* (קעס'-טינג-הווייט) דאס געוויכט וואס ציהט אראב די וואגשאל, א הכרעה.

cast in one's lot with (קעסט אין הוואנז לאט הוויטה) טיילען דעם גורל [שיקזאל].

cast in the teeth of (קעסט אין טהי טיעטה אוו) דערלאנגען א גאב [טאדלען, אויסזידלען].

cast'-i'ron *n. and a.* (קעסט'-אי'-ערן) טשוגון, גוס=אייזען; געמאכט פון גוס=אייזען.

cast'-i'ron facts (קעסט'-אי'-ערן פעקטס) אייזערנע פאקטען [פאקטען וועלכע מען קען ניט אבלייקענען].

cast'-knit'ting *n.* (קעסט'-ניט'-אינג) אזא מין שטריקעריי אדער העקעל=ארבייט וואו די אויגלעך ווערען אנגעהויבען פון דער לינקער זייט.

cas'tle *n. and v.* (קעסל) א שלאס, א פעסטונגס=פאלאץ; דער טורעם אדער ראך אין שאך=שפיעל; ראכירען [אומשטעלען דעם קעניג מיט'ן טורעם אין שאך=שפיעל].



Castle

cas'tle-buil'der *n.* (קעסל'-ביל'-דער) איינער וואס בויט לופט=שלעסער, א פאנטאזיאר, א טרוימער.

cas'tle-buil'ding *n.* (קעסל'-ביל'-דינג) דאס בויען לופט=שלעסער, דאס פאנטאזירען, טרוימען.

cas'tled *a.* (קעסלד) וואס האט א שלאס [וועגען א פלאץ].

cas'tle-ditch *n.* (קעסל'-דיטש) א גראבען ארום א שלאס.

cas'tle-guard *n.* (קעסל'-גארד) די שלאס=וואך [די היטער]; שטייער צו ערהאלטען די שלאס=וואך.

cas'tle in the air (קעסל אין טהי עהר) א לופט=שלאס.

cas'tlery *n.* (קעסל'-רי) ז. *castelry*.

cas'tle-stead *n.* (קעסל'-סטעד) א שלאס און די ארומיגע געביידען וועלכע געהערען צו איהם.

cas'tlet *n.* (קעס'-לעט) א קליינער שלאס.

cas'tle-ward *n.* (קעסל'-הוואהרד) ז. *castle-guard*.

cas'tlewick *n.* (קעסל'-הוויק) דאס לאנד וואס געהערט צו א שלאס.

cast light (קעסט לאיט) בעלייכטען, ווארפען א ליכט, קלאר מאכען.
I want to cast light on the subject.

cast lots (קעסט לאטס) ווארפען גורל.

cast of char'acters (קעסט אוו קער'-עק-טערז) די פערטיילונג פון די ראלען אין א פיעסע.

cast of dra'pery (קעסט אוו דריי'-פע-רי) די פארם פון פאלטען אין געוואנד.

cast'-off *a.* (קעסט'-אף) אבגעווארפען, אבגעלעגט אן א זייט; בעשטימונג פון דעם פלאץ פון דרוק=זאץ; אן אבגענוצטע זאך.

cast off (קעסט אף) אוועקווארפען; אבבינדען א שיף פון איהר פלאץ און זי לאזען געהן; פערענדיגען און פערפעסטיגען די לעצטע אויגלעך אין שטריקען; אין דרוקעריי — בעשטימען דעם פלאץ וואס א שטיק זאץ דארף פערנעהמען, כדי עס זאל זיך קענען אריינשטעלען וואו עס איז נויטיג.

cast off cop'y (קעסט אף קאפ'-אי) אויסרעכענען די צאהל ווערטער אין א מאנוסקריפט, כדי צו וויסען וואס פאר א פלאץ עס וועט פארנעהמען אין דרוק.

cast of green (קעסט אוו גריען) א שאטירונג פון גרין [א פארב וואס פאלט אריין אין גרין].

cast of pe'riods (קעסט אוו פי'-רי-אדז) דער בוי פון די פעריאדען אין אן אויפזאץ [לויט די גראמאטיקאלישע כללים].

cast of the eye (קעסט אוו טהי אי) א ווארף מיט'ן אויג; א לייכטער קרומער קוק.

cast of verse (קעסט אוו ווארס) דער פערזען=בוי [אין דיכטונג].

cast on (קעסט אן) צוריקווייזען, ענטזאגען; אנפאנגען מאכען אויגלעך אין שטריקעריי.

cas'tor *n.* (קעס'-טאר) א ביבער; א ביבער=היטעל; א זייד=הוט; קאסטאר=טוך [א דיקער וואלען=שטאף פאר מאנטלען] געמאכט פון ביבער=פעל; אזא רויט=ברוינליכער שמעקענדיגער שטאף וועלכען מען בעקומט פון א געוויסען טייל פון דער ביבער=הויט [ווערט בענוצט אין פארפיום]; אזא מינעראל.

Cas'tor and Pol'lux (קעס'-טאר ענד פאל'-אקס) דער צווילינג קאסטאר און פאלוקס, די צוויי זיהן פון דעם גאט יופיטער וועלכע לעדא האט איהם געבארען [אין דער גריכישער מיטאלאגיע]; מזל תאומים [אין אסטראנאמיע]; בוזעם=פריינד.

cas'tor-beans *n.* (קעס'-טאר-ביענז) די ריצינוס־בעבלעך [פון וועלכע עס ווערט געמאכט ריצען־אויל].

casto'reum *n.* (קעס-טאו'-רי-אם) אזא רייט־ברוינליכער, שמעהעדיגער שטאף, וועלכען מען בעקומט פון א געוויסען טייל פון דער ביבער־הויט וואס ווערט געטריקענט און בענוצט אין פארפיום.

cas'tor-hat *n.* (קעס'-טאר-העט) א ביבער־הוט.

castor'ic *a.* (קעס-טאר'-איק) וואס איז שייך צו דעם רויט־ברוינליכען שטאף וואס ווערט גענומען פון א געוויסען טייל פון דער ביבער־הויט פאר פארפיום.

Castori'na *n.* (קעס-טא-ראי'-נע) די . חיות וועלכע געהערען צו דעם ביבער־מין.

cas'torine *n.* (קעס'-טא-רין) אזא זארט סאמעט.

cas'torite *n.* (קעס'-טא-ראיט) אזא מינעראל וואס ענטהאלט אין זיך אלומיניום און ליטיום.

cas'tor-oil *n.* (קעס'-טאר-איל) ריצען־אויל.

cas'tor-oil plant (קעס'-טאר-איל פלענט) די ריצען־אויל־פלאנצע.

Castor-oil Plant

cast out (קעסט אוט) צוריקווייזען, פערווארפען; ארויסטרעטען מיט'ן לשון; דערלאנגען א נאב.

castrameta'tion *n.* (קעס-טרע-מי-טיי'-שאן) דאס אויפשטעלען א לאגער פאר מיליטער; דער פלאן פון א לאגער.

cas'trate *v., a. and n.* (קעס'-טרייט) קאסטרירען, מסרס זיין, מאכען פאר א סרים; פערקריפלען, צוקאליעטשען, אבטויטען; קאסטרירט [געמאכט פאר א סרים]; א סרים, יעוונוך.

cas'trater *n.* (קעס'-טריי-טער) איינער וואס איז מסרס.

castra'tion *n.* (קעס-טריי'-שאן) דאס מסרס זיין.

castra'to *n.* (קעס-טרא'-טאו) א קאסטראט [א מאנספערזאן וועלכען מען האט מסרס געוועזן אין דער פריהער יונגענד כדי זיין שטימע (סאפראנא) זאל זיך ניט ענדערען].

cast'-shad'ow *n.* (קעסט'-שעד'-או) די שאטען־שאטירונגען פון א בילד כדי דעם געמאהלענעם געגענשטאנד בולט'ער צו מאכען.

cast'-steel *n.* (קעסט'-סטיעל) גוס־שטאהל.

cast the bal'ance (קעסט טהי בעל'-ענס) אראבציהען די וואגשאל.

cast the coat (קעסט טהי קאוט) זיך ענדערען.

cast the dra'peries (קעסט טהי דריי'-פער-איז) צייכענען די פאלטען פון די קליידער פון א פיגור; אנווארפען די הויפט־ליניען פון א בילד.

cast up (קעסט אפ) בערעכענען, אויסרעכענען; אויסברעכען; טאדלען, פארווירפע מאכען; דערהייבען, אויפשטייגען.

cast upon' (קעסט א-פאן') זיך בעציהען, נעהמען אין בעצוג.

cas'ual *a. and n.* (קעזש'-יו-על) 1. צופעליג, געלעגענטליך; 2. א פערזאן וואס בעקומט שוץ פאר א נאכט אין אן ארבייטס־הויז אדער פאליצײ־הויז; איינער וואס בעקומט הילף אין א האספיטאל אין אן אונגליקס־פאל; אן ארבייטער וואס ווערט ניט רעגעלמעסיג בעשעפטיגט.

1. He made a casual remark.

casual'ity *n.* (קעזש-יו-על'-אי-טי) דאס זיין צופעליג.

cas'ually *adv.* (קעזש'-יו-על-אי) דורך א צופאל, צופעלינערווייזע.

I became acquainted with him casually.

cas'ualness *n.* (קעזש'-יו-על-נעס) די צופעלינקייט; דער צופאל. ז. *casuality*

cas'ualty *n.* (קעזש'-יו-על-טי) אן אונגליקס־פאל [וואס איז פערבונדען מיט פערוואונדונג אדער טויט].

There were many casualties in that battle.

cas'ualty insur'ance (קעזש'-יו-על-טי אינ-שור'-ענס) אונפאל־פערזיכערונג [די פערזיכערונג פון אונגליקספעלע ווי פערוואונדונג אדער טויט].

cas'ual wards (קעזש'-יו-על הוואהרדז) א נאכט־אזיל, אן אויפהאלטונגס־ארט פאר מענשען אהן א היים.

cas'uist *n.* (קעזש'-יו-איסט) א קאזואיסט, א בעל מפלפל, א סאפיסט; איינער וואס ענטשיידעט פראגען וועגען מאראל אדער גוטער אויפפיהרונג.

casuis'tic *a.* (קעזש-יו-איס'-טיק) קאזואיסטיש, פלפול'דיג, סאפיסטיש; וואס איז שייך צו געוויסענס־פראגען.

casuis'tical *a.* (קעזש-יו-איס'-טיק-על) ז. *casuistic*

casuis'tics *n.* (קעזש-יו-איס'-טיקס) קאזואיסטיק, פלפול, סאפיזם; די ענטשיידונג פון געוויסענס־פראגען אדער פראגען פון מאראל בנוגע צו די פרינציפען פון גוט און שלעכט.

cas'uistry *n.* (קעזש'-יו איסט רי) ז. *casuistics*

cas'ula *n.* (קעס'-או-לא) אזא גלח'שער מאנטעל.

ca'sus bel'li (קיי'-סאס בעל'-אי) די אורזאכע פון א מלחמה.

cat *n. and v.* (קעט) א קאץ; א פרוי א רכילות'ניצע; דער קאץ־פיש; דער אויבערשטער האקען פון א שיף־אנקער; קאצען־הונד שפיעל; אזא שמאלע און טיעפע שיף; ווארפען דעם אנקער פון א שיף ביז צו זיין אויבערשטען האקען; פאנגען קאץ־פיש.

catabap'tist *n.* (קעט-ע-בעפ'-טיסט) א געגנער פון באפטיזם [א געוויסע רעפארמריכטונג אין קריסטענטום].

catab'asis *n.* (קעט-עב'-ע-סיס) דאס געהן אראב, דאס זינקען.

catabat'ic *a.* (קעט-ע-בעט'-איק) ביסלעכווייז אראנטערגעהענדיג.

catabol'ic *a.* (קעט-ע-באל'-איק) וואס איז עהנליך אדער נוגע צו קאטאבאליזם. ז. *catabolism*

catab'olism *n.* (קע-טעב'-א-ליזם) קאטאבאליזם, די רייהע ענדערונגען, וועלכע קומען פאר אין א צעלע אדער ארגאניזם, ביי וועלכע דער לעבענס־שטאף אדער די פראטאפלאזמע זינקט אראב אויף דער שטופע פון אבפאל־שטאפען. ז. *metabolism*

catacaus'tic *n. and a.* (קעט-ע-קאהס'-טיק) אזא קרומע ליניע וואס בילדעט זיך ביי דער רעפלעקציאן [צוריקווארפונג] פון ליכט־שטראהלען; וואס איז שייך צו דער ליניע וועלכע ווערט געבילדעט דורך דער רעפלעקציאן פון ליכט־שטראהלען.

catachre'sis *n.* (קעט-ע-קרי'-סיס) א פאלשער מליצה'דיגער אויסדרוק, אדער א פאלשע פערבינדונג פון ווערטער [צ. ב. טרינקען פון אן עלעפאנט־ביין הארן, וועלכע גערען מיט א גלעזערנעם וואלגער־האלץ א. ז. ח.]; דאס בענוצען א ווארט פאלש מאכענדיג א טעות אין דער ריכטיגער אבשטאמונג פון דיזען ווארט.

catachres'tic *a.* (קעט-ע-קרעס'-טיק) וואס ענטהאלט פאלשע אדער ווייטלויפיגע אויסדריקע. ז. *catachresis*

catachres'tical *a.* (קעט-ע-קרעס'-טי-קעל) ז. *catachrestic*

catachres'tically *adv.* (קעט-ע-קרעס'-טי-קעל-אי) ז. *catachrestic*

catachthon'ic *a.* (קעט-עק-טהאנ'-איק) וואס געפינט זיך אונטער דער אויבערפלעכע פון דער ערד; אונטער־אירדיש.

cat'aclysm *n.* (קעט'-ע-קליזם) א ערד־קאטאסטראפע דורך וועלכע מען ערקלערט די געוויסע געאלאגישע ענדערונגען אויף דעם ערד־קוגעל; א פלעצליכע קאטאסטראפע, וואס מאכט א חורבן.

cataclys'mal *a.* (קעט-ע-קליז'-מעל) וואס איז נוגע צו דער טעאריע פון קאטאסטראפען אין געאלאגיע.

cataclysmat'ic *a.* (קעט-ע-קליז-מעט'-איק) ז. *cataclysmal*

cataclys'mic *a.* (קעט-ע-קליז'-מיק) ז. *cataclysmal*

cataclys'mist *n.* (קעט-ע-קליז'-מיסט) איינער וואס האלט פון דער טהעאריע אז די ענדערונגען אויף דעם ערד־קוגעל זיינען געקומען פון קאטאסטראפען.

cat'acomb *n.* (קעט'-ע-קאום) א קאטאקאמבע, א הייל פון קברים.

catacous'tics *n.* (קעט-ע-קוס'-טיקס) דער טייל פון אקוסטיק אין פיזיק וואס בעשעפטיגט זיך מיט דער רעפלעקציאן [אבקלאנג, ווידערהאל, עכא] פון קלאנגען.

catadiop'tric *a.* (קעט-ע-דאי-אפ'-טריק) וואס איז שייך צו דער רעפלעקטירונג [צוריקווארפונג] און ברעכונג פון ליכט־שטראהלען.

catadiop'trical *a.* (קעט-ע-דאי-אפ'-טרי-קעל) ז. *catadioptric*

catadiop'trics *n.* (קעט-ע-דאי-אפ'-טריקס) דער טייל פון אפטיק, וועלכער בעשעפטיגט זיך מיט דער רעפלעקטירונג [צוריקווארפונג] און ברעכונג פון ליכט־שטראהלען.

cat'adrome *n.* (קעט'-ע-דראום) א הויב־מאשין וועלכע ווערט גענוצט ביים בויען הייזער; א פיש וואס שווימט אראב אין ים ארויסצולאזען פון זיך די רייגען [איקרא].

catad'romous *a.* (קע-טעד'-רא-מאס) וואס שווימט אראב [וועגען געוויסע פיש וועלכע שווימען ארויס פון די טייכען אין ים ארויסצולאזען פון זיך די רייגען [איקרא].

cat'afalque *n.* (קעט'-ע-פעלק) א קאטאפאלק, די מטה אויף וועלכער א טויטער ווערט געלעגט, א טויטען־וואגען.

catagmat'ic *a. and n.* (קעט-עג-מעט'-איק) וואס האט די אייגנשאפט צו פער־היילען צובראכענע ביינער פון קערפער; א מיטעל וואס קען פערהיילען צובראכענע ביינער [אין דער מעדיצין].

catagmat'ical *a.* (קעט-עג-מעט'-אי-קעל) וואס קען פערהיילען צובראכענע ביינער.

Cat'alan *n. and a.* (קעט'-ע-לען) א געבארענער פון קאטאלאניען [א געוויסע פראווינץ אין שפאניען]; די קאטא־לאנישע שפראך; וואס איז שייך צו קא־טאלאניען.

catalec'tic *a.* (קעט-ע-לעק'-טיק) פעה־לענדיג [א זילבע אדער צוויי אויסצופי־לען די מאס פון א פערז]; אזא פערז.

catalep'sis *n.* (קעט-ע-לעפ'-סיס) אזא היסטערישע קראנקהייט, וואס איז פער־בונדען מיט קרעמפפען [קאנוואולסיעס].

cat'alepsy *n.* (קעט'-ע-לעפ-סי) קאטא־לעפסיע [אזא היסטערישע קראנקהייט וואס איז פערבונדען מיט קרעמפפען אדער קאנ־וואולסיעס].

catalep'tic *a.* (קעט-ע-לעפ'-טיק) וואס איז שייך אדער איז עהנליך צו דער קראנקהייט קאטאלעפסיע. ז. *catalepsy*.

catalex'is *n.* (קעט-ע-לעק'-סיס) די אונפאלשטענדיגקייט פון דער מאס אין דער ענד פון א פערז; די אונפאלשטענ־דיגקייט פון דער מאס אין א פערז [אין דיכטונג].

cat'alogue *n. and v.* (קעט'-ע-לאג) א קאטאלאג; פערצייכנים; מאכען א קאטא־לאג, אריינטראגען אין א קאטאלאג.

cat'aloguer *n.* (קעט'-ע-לאג-ער) איי־נער וואס שטעלט צונויף קאטאלאגען.

Catal'pa *n.* (קע-טעל'-פא) א מין קליינע אמעריקאנער בוימער וועלכע האבען גרוי־סע בלעטער און גרויסע בליהונג.

catal'ysis *n.* (קע-טעל'-אי-סיס) א כעי־מישע ענדערונג, וואס ווערט פעראורזאכט דורך אן עלעמענט, וועלכער בלייבט אליין אונפערענדערט; די כעמישע ווירקונג דורך בעריהרונג.

catalyt'ic *a.* (קעט-ע-ליט'-איק) וואס פעראורזאכט א כעמישע ענדערונג בליי־בענדיג אליין אונפערענדערט [ווענען געוויסע כעמישע עלעמענטען]. ז. *catalysis*

catalyt'ical *a.* (קעט-ע-ליט'-אי-קעל) ז. *catalytic*

catamaran' *n.* (קעט-ע-מע-רען') א טראפט; א שפאציער־שיפעל; א פליט [פון באלקענס].

catame'nia *n.* (קעט-ע-מי'-ני-ע) די מאנאטליכע רענעל פון פרויען [נידה].

catame'nial *a.* (קעט-ע-מי'-ני-על) וואס איז שייך צו דער מאנאטליכער רענעל פון פרויען.

cat'amite *n.* (קעט'-ע-מאיט) א איינגעל וואס ווערט געהאלטען פאר משכב זכור, פעדעראסטיע [אוננאטירליכער געשלעכטס־פערקעהר].

cat'amount *n.* (קעט'-ע-מאונט) א בערג־קאץ, א ווילדע קאץ; א לעמפערט.

catamoun'tain *n.* (קעט-ע-מאונ'-טען) ז. *catamount*

catanad'romous *a.* (קעט-ע-נער'-רא-מאס) וואס נעהען רעגעלמעסיג איבער פון ים־וואסער צו טייך־וואסער און אומגע־קעהרט [ווענען געוויסע זארטען פיש].

cat'-and-dog' *a. and n.* (קעט'-ענד-דאג') 1. וואס רייסען זיך ווי א קאץ מיט א הונד; 2. קאצען־הונד [אזא שפיעל].
1. Some couples lead a cat-and-dog life.

catan'dromous *a.* (קע-טענ'-דרא-מאס) ז. *catanadromous*

cat'apasm *n.* (קעט'-ע-פעזם) שטרוי־פולווער [אזא טרוקענער פולווער וואס מען פלעגט א מאל בענוצען פאר מעדיצי־נישע צוועקען].

catapha'sia *n.* (קעט-ע-פיי'-זשיא) אזא קראנקהייט וועלכע דריקט זיך אויס אין שטערונגען אין דער שפראך דורך דעם וואס דער קראנקער ווידערהאלט איין ווארט עטליכע מאל.

cataphon'ic *a.* (קעט-ע-פאנ'-איק) וואס קומט פון אן אבקלאנג, ווידערהאל, עכא; וואס איז שייך צו אן אבקלאנג.

cataphon'ics *n.* (קעט-ע-פאנ'-איקס) ז. *catacoustics*

cataph'ora *n.* (קע-טעפ'-א-רא) אזא מין לעטארגישער שלאף [הינהער־פלעגט].

cataphor'ic *a.* (קעט-ע-פאר'-איק) וואס האט די קראפט צו בעוועגען [ווענען אן עלעקטרישען שטראם].

cat'aphract *n. and a.* (קעט'-ע-פרעקט) אזא פערצייטיגער שופען־פאנצער; דער פאנצער פון געוויסע פיש אדער חיות, ווי פון א טשערעפאכע א. ד. ג.; ארומגע־צאמט, בעשיצט.

Cataphrac'ta *n.* (קעט-ע-פרעק'-טא) דער מין פאנצער־טהיערע [די יעניגע חיות און פיש וואס האבען אויף זיך אזא פאנצער־ארטיגען צודעק].

cat'aphracted *a.* (קעט'-ע-פרעק-טעד) וואס איז בעדעקט מיט א פאנצער [ביי חיות].

cataphrac'ti *n.* (קעט-ע-פרעק'-טאי) פאנצער־טרעגער [די יעניגע סאלדאטען אין אלטען רוים, וואס פלעגען טראגען פאנצערס].

Cataphrac'ti *n.* (קעט-ע-פרעק'-טאי) די מינים פיש וואס האבען א פאנצער־ארטיגע בעדעקונג.

cataphrac'tic *a.* (קעט-ע-פרעק'-טיק) ווי מיט א פאנצער; עהנליך צו א פאנצער.

cataphys'ic *a.* (קעט-ע-פיז'-איק) וואס איז נעגען דער נאטור.

cataphys'ical *a.* (קעט-ע-פיז'-אי-קעל) ז. *cataphysic*

cat'aplasm *n.* (קעט'-ע-פלעזם) א וויי־כער פלאסטער, א ווייכער אומשלאג.

cat'aplexy *n.* (קעט'-ע-פלעק-סי) א פלעצליכער נערווען־שלאג וואס פאראלי־זירט.

cat'apult *n.* (קעט'-ע-פאלט) א פאר־צייטיגע ווארף־מאשינע פאר שטיינער, שפיזען א. ד. ג., בענוצט פאר די צוועקען פון מלחמה.



Catapult

catapul'tic *a.* (קעט-ע-פאל'-טיק) וואס איז שייך צו א ווארף־מאשין.

catapultier' *n.* (קעט-ע-פאל-טיער') איינער וואס ווארפט שטיינער אדער שפי־זען מיט א ווארף־מאשין.

cat'aract *n.* (קעט'-ע-רעקט) וואסער־פאל; די גרויע שטאר [אזא מין אויגען־קראנקהייט].

catarac'tous *a.* (קעט-ע-רעק'-טאס) וואס איז שייך צו דער גרויער שטאר [אזא אויגען־קראנקהייט].

catarrh' *n.* (קע-טאר') קאטער; האלז אדער נאז־קאטער.

catarrh'al *a.* (קע-טאר'-על) וואס איז שייך צו קאטער.

catarrh'eous *a.* (קע-טאר'-אי-אס) ז. *catarrhal*

Catarrhi'na *n.* (קעט-ע-ראי'-נא) דער מין חיות צו וועלכע עס נעהערען א געוויסע זארט אפען [מאלפעס] ווי די גארילא, שימפאנזע, אוראנג א. ד. ג.

Catarrhi'ni *n.* (קעט-ע-ראי'-נאי) ז. *Catarrhina*

catarrh'ish *a.* (קע-טאר'-איש) ז. *catarrhal*

catarrh'ous *a.* (קע-טאר'-אס) ז. *catarrhal*

catastal'tic *a.* (קעט-ע-סטעל'-טיק) וואס האלט אב, וואס ציהט צונויף, וואס שטילט דאס לויפען פון בלוט [אין דער מעדי־צין].

catas'tasis *n.* (קע-טעס'-טע-סיס) דער טייל פון א רעדע וואו דער רעדנער גיט איבער פאקטען אין אזא בעלייכטונג וואס זאל געווינען די מיינונג פון די הערער פאר דער זאך וואס ער פערטיידיגט; די פערוויקלונג פון דער נעשיכטע [אין די אלטע גריכישע דראמען]; די בעשאפענ־הייט אדער צושטאנד פון קערפער.

catas'terism *n.* (קע-טעס'-טע-ריזם) א קאטאלאג [א פערצייכנים] פון די הימעל־שטערען.

catas'trophe *n.* (קע-טעס'-טרא-פי) 1. א קאטאסטראפע, א חורבן, אן איבער־קעהרעניש; אן אונגליק; 2. די פונאנדער־וויקלונג און צוזאמענשטויס פון די פאסי־רונגען אין דעם שלוס פון א דראמא.
1. Here was a mighty revolution; the most horrible catastrophe that nature ever yet saw. 2. The catastrophe of the last act in the play is very stirring.

catastroph'ic *a.* (קעט-עס-טראפ'-איק) וואס איז שייך אדער עהנליך צו א קא־טאסטראפע.

catas'trophism *n.* (קע-טעס'-טרא-פיזם) די טעאריע, וועלכע בעהויפטעט, אז די געאלאגישע ענדערונגען פון דעם ערד־קוגעל זיינען געקומען דורך קאטאסטראפען.

catas'trophist *n.* (קע-טעס'-טרא-פיסט) איינער וואס האלט פון דער טעאריע פון געאלאגישע קאטאסטראפען. ז. *catastrophism*

Cataw'ba *n.* (קע-טאה'-בע) אזא מין אמעריקאנער־רויטליכע ווייטרויבען; דער וויין וואס איז געמאכט פון דיזע וויינ־טרויבען.

cat'-bird *n.* (קעט'-בוירד) דער קאץ־פויגעל [אזא קאלירטער אמעריקאנער פויגעל, דאס קעפעל און דער עק שווארץ און דער הינטערשטער טייל פון בייכעל רויטליך. זיין שרייען איז עהנליך צו דעם מיאוקען פון א קאץ].
Chartreuse' *n.* (שאר-טרעהז') דער מא־נאסטיר פון די קארטוזיאנע מאנאכען [אין פראנקרייך].

chartreuse' *n.* (שאר-טרעהז') שארטרעז [א בעוואוסטער ליקער].

char'tulary *n.* (קאר'-טיו-ליי-רי) אן אנגעשטעלטער אין די אלטע קירכען, וועל־כער פלעגט דארפען אכטונג געבען אויף די דאקומענטען און פערשיעדענע געשריבענע פאפיערען, וואס האבען זיך געפונען אין קלויסטער; דאקומענטען פון א קלויסטער; דאס צימער וואו די דאקומענטען געפינען זיך.

char'woman *n.* (טשאר'-הוואומ-ען) א טאג־ארבייטערין.

char'y *a.* (טשעהר'-אי) פארזיכטיג, בע־היטזאם; קארג, שפארזאם.

cha'sable *a.* (טשיי'-סעבל) וואס מען קען יאגען אדער נאך וואס מען קען זיך נאכ־יאגען.

chase' *n. and v.* (טשייס') יאגען, אוועק־טרייבען; איינפאסען; זיך נאכיאגען נאך עפעס; די יאגד; איינפאסונג; א ראהם פון א דרוקער, אין וועלכען עס ווערט איינגעשלאסען די אויפגעזעצטע שריפט.

cha'ser *n.* (טשיי'-סער) א יעגער; א נאכיאגער; א שיף וואס יאגט נאך אן אנ־דער שיף; א יאגד־הארמאט [אויף געווי־סע שיפען]; א קורצער רימען מיט וועל־כען מען שפילעט צו די אויפגעדרעהטע פארהאנגען אין א קארעט; א גראווירער; א ראד וואס צוקוועטשט אדער צוברעקעלט אויף שטיקלעך.

chasm *n.* (קעזם) א שפאלט, עפנונג; א תהום.

chasmed *a.* (קעזמד) מיט שפאלטען, מיט עפנונגען.

chas'my *a.* (קעז'-מי) שפאלטיג, פול מיט שפאלטען.

chasse *n.* (שעס) דער יאגד; דער ארון, דער קאסטען, אין וועלכען עס ליגען די ביינער פון א היילינגען; א קליין גלעזעל שנאפס אדער ליקער נאך'ן עסען אדער נאך קאפע.

chassé' *n. and v.* (שא-סיי') די שאסיי [אן ארט בעוועגונג אין טאנצען]; טאנ־צען א שאסיי.

chasse'pot *n.* (שעס'-פאו) א געוויסער סארט ביקסען אין דער פראנצויזישער ארמעע.

chasseur' *n.* (שע-סויר') א יעגער; א סאלדאט פון דער לייכטער פעכאטע אדער קאוואלעריע.

chaste *a.* (טשייסט) 1. צנועה'דיג, פרום, ריין פון זינד; 2. בעשיידען, איינפאך.

1. Girls should be trained to be chaste. 2. The style of this building is chaste.

chaste'ly *adv.* (טשייסט'-לי) איינפאך, בעשיידען; מיט צניעות.

cha'sten *v.* (טשייסן) 1. אויסבעסערען; 2. שטראפען, מוסר'ען; בעשטראפען.

1. Defeat chastens the proud.

chaste'ness *n.* (טשייסט'-נעס) אונשולד־דיגקייט; ריינקייט; צניעות.

chaste'ning *n. and a.* (טשיים'-נינג) דאס שטראפען, דאס מוסר'ען; בעשטראפונג; וואס בעסערט אויס דורך בעשטראפען אדער דיסציפלין.

chastise' *v.* (טשעס-טאיז') שטראפען מיט ריטער; דיסציפלינירען.

chas'tisement *n.* (טשעס'-טיז-מענט) שטראף, מוסר; בעשטראפונג.

chasti'ser *n.* (טשעס-טאי'-זער) דער שטראפער, בעשטראפער.

chas'tity *n.* (טשעס'-טי-טי) צניעות, אונשולדיגקייט.

chas'uble *n.* (טשעס'-יובל) א מין גלח'ישער בגד אהן ארבעל [א מאנטעל וואס ווערט געטראגען פון גלח אין קירך ביי געוויסע רעליגיעזע צערעמאניעס].

chat *n. and v.* (טשעט) 1. שמועסען, א שמועס; 2. די קאמענקע, א קליין זינגפויגעלע; 3. א קאץ; 4. דאס קעצכען [א מין בלום]; 5. א צווייג; אן אבשפראצונג; 6. א קינד.

1. We had a chat on our veranda.

château' *n.* (שע-טאו') א שלאס, א פאלאץ; א לאנדהויז.

chat'elain *n.* (שעט'-ע-ליין) א פערוואלטער פון א שלאס; א פריץ וואס האט געהאט רעכט צו האבען אן אייגענעם שלאס [אין די אמאליגע צייטען אין פראנקרייך].

chat'elaine *n.* (שעט'-ע-ליין) די פערוואלטערין אדער בעזיצערין פון א שלאס; א קייטעל אדער קייטלעך אויף וועלכע עס ווערען געהאלטען די שליסלען פון א שלאס.

chat'ellany *n.* (שעט'-ע-ליי-ני) ז. *castellany*

chatoy'ant *n. and a.* (שע-טאי'-ענט) מיט שפיעלענדע קאלירען; דאס קאצענאויג [א מין מינעראל, ביי וועלכען עס גיסען זיך איבער די קאלירען, ווען ער איז געפאלירט].

chatoy'ment *n.* (שע-טאי'-מענט) דער שפיעל פון קאלירען.

chat'tel *n.* (טשעט'-על) בעוועגליכעס איינענטום, מטלטלין.

chat'telism *n.* (טשעט'-על-איזם) דאס זיין א בעוועגליך איינענטום; דאס בעזיצען אזא איינענטום.

chat'telize *v.* (טשעט'-על-איז) אריינרעכענען אין בעוועגליכע גיטער; ברייננגען צו דער מדרגה פון מטלטלין.

chat'tel mort'gage (טשעט'-על מאהר'-גיידזש) מטלטלין אלס משכון.

chat'ter *n. and v.* (טשעט'-ער) קווייטשען, צוויטשערען [ווי א פויגעל], קריצען [מיט די צייהן]; פלוידערען; פלאפלען; קוויטשעריי; א פלוידעריי, פלאפלעריי.

chat'terbox *n.* (טשעט'-ער-באקס) א פלוידערזאק.

chat'terer *n.* (טשעט'-ער-ער) א פלוידערער; א מין פויגעל.

chat'ty *n. and a.* (טשעט'-אי) אזא לייםענער וואסער-קרוג [אין אסט-אינדיען]; וואס פלאפעלט; וואס רעדט דברים בטלים.

chat'-wood *n.* (טשעט'-הוואוד) אבגעבראכענע צווייגלעך; שפענער אויף אונטערהייצען.

chaud'-med'ley *n.* (שאוד'-מעד'-לי) דער מארד וואס איז בעגאנגען געווארען ביי אן אויפרעגונג, אין א געשלעג א. ד. ג. [אין יוריספרודענץ].

chauf'fer *n.* (שאה'-פער) א קליין אויוועלע פאר כעמישע צוועקען.

chauffeur' *n.* (שאו-פער') דער שאפער [אן אויטאמאביל טרייבער]; א קליין אויוועלע פון אייזען-בלעך פאר כעמישע צוועקען.

Chautau'qua Lit'erary and Scientif'ic Cir'cle (טשאה-טאה'-קווא ליט'-ע-רע-רי ענד סאי-ען-טיפ'-איק סוירקל) א פעראיין אין אמעריקא וואס האט די אויפגאבע צו ערמוטיגען זעלבסטבילדונג און היים-שטודיום אין פערבינדונג מיט דער זומער-שוהל וואס איז אויסגעבויט אין טשאטאקווא אין שטאאט ניו יארק.

chau'vinism *n.* (שאו'-ווי-ניזם) שאוויניזם [איבערטריבענער אדער פאנאטישער פאטריאטיזם].

chau'vinist *n.* (שאו'-ווי-ניסט) א שאוויניסט [א היציגער פאטריאט].

chauvinis'tic *a.* (שאו-ווי-ניס'-טיק) שאוויניסטיש.

chaw *v.* (טשאה) קייען.

chay *n.* (שיי) א וועגעל אויף צוויי רעדער; א בריטשקע.

cheap *a.* (טשיעפ) בילינ, וואלוועל; געמיין.

chea'pen *v.* (טשיפן) ארונטערלאזען פון פרייז; בילינ מאכען, ערנידעריגען.

cheape'ner *n.* (טשיעפ'-נער) וואס לאזט ארונטער דעם פרייז; וואס מאכט וואלוועל.

cheap Jack (טשיעפ דזשעק) א מציאותזוכער, א קליינער הענדלער אויף א יריד.

cheap'ly *adv.* (טשיעפ'-לי) וואלוועל; אויף א בילינען אופן.

cheap'ness *n.* (טשיעפ'-נעס) בילינקייט, וואלוועלקייט.

cheat *n. and v.* (טשיעט) 1. א שווינדעל; א שטוקע; א בעטרוג; א בעטריגער; בעטריגען, בעשווינדלען; 2. אויסדרעהען זיך פון עפעס.

1. He cheats at cards. 2. The grave was cheated out of its victim.

chea'table *a.* (טשיע'-טעבל) וואס קען לייכט אבגענארט אדער פערפיהרט ווערען.

chea'ter *n.* (טשיע'-טער) א בעטריגער, א שווינדלער.

chea'tery *n.* (טשיע'-טער-אי) שווינדעל, בעטרוג.

chea'ting *a.* (טשיע'-טינג) בעטריגעריש; שווינדלעריש; אונעהרליך; פאלש, ניט עכט.

chea'tingly *adv.* (טשיע'-טינג-לי) אויף א שווינדלערישען אדער בעטריגערישען אופן.

cheat the gal'lows (טשיעט טהי געל'-אז) ארויסדרעהען זיך פון דער תליה.

cheat the worms (טשיעט טהי הווארמז) ארויס מיט'ן לעבען [פון א קראנקהייט].

check *n. and v.* (טשעק) א טשעק, א געלד-אנווייזונג [איבערהויפט אויף א באנק]; א בילעט; א צייכען וואס ווערט בעפעסטיגט צו באגאזש, פון וועלכען מען גיט א קאפיע צום רייזענדען; א טרוקענער מאהלצייט; אבהאלטונג, שטערונג; דאס אנזאגען שאך [אין שאך-שפיעל, ווען דער קעניג איז אין געפאהר]; שטערען [איז. עטוואס], אבהאלטען, פערהאלטען; צייכענען, מאכען סמנים; אנזאגען שאך.

check'-account' *n.* (טשעק'-ע-קאונט') טשעק-קאנטא [די קאנטא אין א באנק אויף וועלכער מען קען געבען טשעקס].

check an account' (טשעק ען ע-קאונט') אבשטימען א רעכנונג [צו זעהן אויב ער איז ריכטיג].

check'-book *n.* (טשעק'-בוק) דאס טשעק-בוך.

checked' *a.* (טשעקט) אין קעסטעלעך. [קארירט].

check'er *n.* (טשעק'-ער) א קאנטראלער; איינער וואס שפיעלט אין דאמקעס; א דאמקע-קעסטעלע; א פעשקע.

check'erberry *n.* (טשעק'-ער-בער-אי) דאס ווינטער-גרין [אזא פלאנצע וואס בלייבט אויך גרין אין ווינטער]; די יאגדעס פון דיזער פלאנצע.

check'er-board *n.* (טשעק'-ער-באורד) א שאך-ברעט.

check'ered *a.* (טשעק'-ערד) פערשיעדענפארביג; געקעסטעלט. געשטרייפט, קארירט.

check'ers *n.* (טשעק'-ערז) דאס שפיעל אין דאמקעס.

check'erwork *n.* (טשעק'-ער-הווארק) א קארירטער מוסטער, א מוסטער אין קעסטעלעך.

check'-exper'iment *n.* (טשעק'-עקס-פער'-אי-מענט) אן עקספערימענט וואס ווערט געמאכט צו קאנטראלירען אן אנדער עקספערימענט אויב ער איז ריכטיג.

check'-hook *n.* (טשעק'-הוק) א פארריכטונג אבצוהאלטען וועלכע עס איז צו שנעלע בעוועגונג; א האקען אויף א זאטעל צו האלטען דעם ענד פון די לייצעס.

check'less *a.* (טשעק'-לעס) וואס קען ניט אבגעהאלטען ווערען; אונגעשטערט.

check'-list *n.* (טשעק'-ליסט) א ליסטע אין וועלכער פערזאנען אדער זאכען זייגען פערשריבען נאך דעם אלף בית; אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא — א ליסטע פון אלע שטים-בערעכטיגטע פון שטאדט אדער בעצירק, כדי אויסצומייידען שווינדעל ביי די וואהלען.

check'mate *n. and v.* (טשעק'-מייט) 1. שאך און מאט [דער לעצטער גאנג אין שאך-שפיעל מיט וועלכען מען מאכט מאט]; 2. איבערוואַרפען; צושטערען; געווינען, זיעגען.

2. Our plans were checkmated by our opponents.

check'-rein *n.* (טשעק'-ריין) די לייצע וואס ציהט זיך פון צוים צום זאטעל און צווינגט דאס פערד צו האלטען דעם קאפ אויפגעהויבען.

checks of con'science (טשעקס אוו קאנ'-שענס) געוויסענסביסע.

check someone's talk (טשעק סאם-הוואנז טאהק) איינעם פערמאכען דאס מויל, מאכען איהם שווייגען.

check'-sys'tem *n.* (טשעק'-סיס'-טעם) א סיסטעם אין פאבריקען צו קאנטראלירען די צייט ווען די ארבייטער קומען און געהען אוועק פון דער ארבייט.

check'-ta'ker *n.* (טשעק'-טיי'-קער) דער וואס נעהמט צו די בילעטען אין טהעאטער.

check'y *a.* (טשעק'-אי) געקעסטעלט; אין דער פארמע פון א שאך-ברעטעל [ביי שילדען און הערבען].

cheek *n. and v.* (טשיעק) 1. א באק; 2. א קופערנער שטערן, אונפערשעמטהייט; ארויסטרעטען מיט חוצפה נעגען איינעם.

2. It was cheek to ask me to do this for him.

cheek'-band *n.* (טשיעק'-בענד) דאס בענדעל פון א טשיפיק, דער אונטערשטער רימען פון צוים ביי א פערד.

cheek'-bone *n.* (טשיעק'-באון) דער באקען-ביין.

cheek by jowl (טשיעק באי דזשאול)

אינטער פיער אייגען: אין גוט ברודערשאפט.

checked *a.* (טשיעקט) מיט [גראבע] באקען.

cheek'iness *n.* (טשיעק'-אי-נעס) דרייסטיגקייט, אונפערשעמטהייט.

chee'ky *a.* (טשיע'-קי) מיט דרייסטקייט, פרעך, אהן בושה.

cheep *v. and n.* (טשיעפ) קוויטשען, פישטשען [ווי א יונג פויגעלע]; א שוואכער קוויטש.

cheer *n. and v.* (טשיער) לעבעדינקייט, פרעהליכקייט; כיבוד; א סעודה; בעגריסען; אויפנעהמען; אויפמונטערן; מאכען אוואציעס, אפלאדירען; אנרייצען.

cheer'er *n.* (טשיער'-ער) דער אויפמונטערער; דער הורא־שרייער.

cheer'ful *a.* (טשיער'-פול) פרעהליך, לעבעדיג, מונטער.

The patient showed much improvement. He was cheerful all morning.

cheer'fully *adv.* (טשיער'-פול-אי) פרעהליך, מונטער; לעבעדיג; גוטמוטהיג.

cheer'fulness *n.* (טשיער'-פול-נעס) פרעהליכקייט, לעבעדינקייט, מונטערקייט.

cheer'iness *n.* (טשיער'-אי-נעס) פרעהליכקייט; לעבעדינקייט; גוטמוטינקייט.

cheer'ing *a.* (טשיער'-אינג) בעלעבענד, ערמוטיגענד.

cheer'less *a.* (טשיער'-לעס) אהן פריידען, אבהענטיג, מוטלאז.

cheer'lessly *adv.* (טשיער'-לעס-לי) אויף אן אבהענטיגען אדער מוטלאזען אופן; אהן פריידען.

cheer'lessness *n.* (טשיער'-לעס-נעס) אבהענגטינקייט, מוטלאזינקייט.

cheer'ly *adv.* (טשיער'-לי) לעבעדיג, פרעהליך.

cheer on (טשיער אן) צונעבען מוטה אדער קוראזש דורך שרייען הורא; מאכען אוואציעס.

cheers *n.* (טשיערז) הורא־געשרייען.

cheer up (טשיער אפ) לוסטיג! לעבעדיג! אויפמונטערן, פרעהליך מאכען.

cheer'y *a.* (טשיער'-אי) פרעהליך, לעבעדיג, מונטער.

cheese *n.* (טשיעז) קעז.

cheese-cake *n.* (טשיעז'-קייק) א קעז־קוכען [א פלאדען מיט קעז].

cheese'-cement' *n.* (טשיעז'-סי-מענט') א מין קיט [צו צונויפקלעפען פארצעלאן].

cheese'-cloth *n.* (טשיעז'-קלאטה) שיטערע לייוואנד [לייוואנד פון וועלכע מען מאכט קעז־זעקלעך].

cheese'-fly *n.* (טשיעז'-פלאי) די קעז־פליג [א מין שווארצע פליגעלע וואס האלט זיך אויף אין קעז].

cheese'-hop'per *n.* (טשיעז'-האפ'-ער) דער קעז־ווערימעל [פון וועלכען עס ענטוויקעלט זיך די קעז־פליג].

cheese'-ma'ker *n.* (טשיעז'-מיי'-קער) א מין פלאנצע אין אפגאניסטאן און צפון אינדיען [די פרוכטען פון דיזער פלאנצע האבען דעם טעם פון אבגעזעצטע זויערמילך].

cheese'-mite *n.* (טשיעז'-מאיט) דער קעז־מילב.

cheese'monger *n.* (טשיעז'-מאנ-גער) א קעז־הענדלער.

cheese'-par'ing *n. and a.* (טשיעז'-פעהר'-אינג) 1. די פערטריקענטע קארקע [אויבערשטע הייטעל] פון קעז; 2. קארגשאפט; קמצנות; קארג; קמצנות'דיג.

2. Congress did some cheese-paring with the appropriation bills.

cheese'-press *n.* (טשיעז' פרעס) א קעז־פרעס.

cheese'-ren'net *n.* (טשיעז' רענ' עט) די לאב־קרויט [א מין גראז מיט א מילך־זאפט].

cheese'-toas'ter *n.* (טשיעז'-טאוס'-טער) אזא גאפעל צו באקען קעז אויף'ן פייער; א שווערד.

chees'y *a.* (טשיעז'-אי) קעזיג, אזוי ווי קעז.

cheet *v.* (טשיעט) פיפטשען [ווי א פויגעלע].

chee'tah *n.* (טשיע'-טא) ז. *chetah*.

chef *n.* (שעף) דער שעף, דער עלטסטער; דער אויבער־קוכער.

chef-d'œu'vre *n.* (שע-דע'וור) א מייסטערווערק; אן אויסגעצייכנטע, פראכטפאלע זאך.

cheg'oe *n.* (טשעג'-או) אזא פליי. ז. *chigoe*.

che'la *n.* (קיע'-לא) שערען, קלעשנעס [ווי ביי א ראק].

che'late *a.* (קיע'-לייט) וואס האט שערען אדער קלעשנעס [ווי א ראק].

chelif'erous *a.* (קיע-ליפ'-ע-ראס) וואס האט שערען אדער קלעשנעס [ווי א ראק].

chelo'nian *n. and a.* (קע-לאו'-ני-ען) וואס איז שייך אדער איז ענליך צו א טשערעפאכע; א טשערעפאכע־ענליכע בעשעפעניש.

chem'ic *n. and a.* (קעמ'-איק) וואס איז שייך צו כעמיע; כעמיש; כלאריד פון וואפנע [אזא פליסיגקייט וואס ווערט בענוצט ביי פארבען קליידער].

chem'ical *a.* (קעמ'-אי-קעל) כעמיש, וואס געהערט צו כעמיע.

chem'ical ac'tion (קעמ'-אי-קעל עק'-שאן) כעמישע ווירקונג [די ווירקונג אין א מאלעקול אדער צווישען די מאלעקולען פון שטאף, דורך וועלכער די אטאמען ענדערען זייער לאגע, טיילען זיך אדער בעהעפטען זיך א. ז. וו.].

chem'ical affin'ity (קעמ'-אי-קעל ע-פינ'-אי-טי) די כעמישע פערוואנדשאפט [אין דער כעמיע זיינען פאראנען שטאפען וועלכע פעראייניגען זיך זעהר לייכט מיט איינאנדער, ווען זיי קומען נאר אין בעריהרונג. אזעלכע שטאפען זיינען כעמיש פערוואנדט, קרובים].

chem'ical anal'ysis (קעמ'-אי-קעל ע-נעל'-אי-סיס) א כעמישע אנאליזע, די פאנאנדערשיידונג פון צונויפגעזעצטע קערפער אין זייערע כעמישע גרונד־עלעמענטען, ווי למשל, די פונאנדערשיידונג פון וואסער אין זויער־שטאף און וואסער־שטאף א. ד. ג.

chem'ical change (קעמ'-אי-קעל טשיינדזש) א כעמישע ענדערונג, אן ענדערונג דורך וועלכער דער בעטרעפענדער שטאף בעקומט אנדערע איינענשאפטען, אין נעגענזאץ צו א פיזיקאלישע ענדערונג וואו דער שטאף ענדערט נור זיין געשטאלט אבער נים זיינע איינענשאפטען. צ. ב. ווען א שטיק קופער ווערט געשמאלצען, געצויגען אין דינע דראטען אדער צופיילט אין דינעם שטויב איז די ענדערונג נור א פיזיקאלישע, ווייל דא האט זיך געענדערט נור די געשטאלט פון דעם שטיק קופער אבער נים די איינענשאפטען. ווען מען לעגט אבער אריין קופער אין זאלפעטערזויערע וועט די ענדערונג וואס קומט דאן פאר אין דעם קופער שוין זיין א כעמישע, ווייל קופער אין זאלפעטערזויערע פערוואנדעלט זיך אין קופער־ניט־ראט, א כעמישער שטאף וואס האט גאנץ אנדערע איינענשאפטען ווי קופער.

chem'ical combina'tion (קעמ'-אי-קעל קאמ-בי-ניי'-שאן) א כעמישע פערבינדונג, א פערבינדונג פון צוויי אדער מעהרערע עלעמענטען, וועלכע בילדען א נייעם שטאף מיט נייע איינענשאפטען, וועלכע נעפינען זיך נים אין די איינצעלנע עלעמענטען, ווען זיי זיינען בעזונדער.

chem'ical decomposi'tion (קעמ'-אי-קעל די-קאמ-פא-זיש'-אן) די טיילונג אדער פאנאנדערשיידונג פון שטאפען אויף זייערע גרונד־עלעמענטען דורך כעמישע מיטעל.

chem'ical equa'tion (קעמ'-אי-קעל אי-קהוויי'-שאן) א כעמישע גלייכונג, א סימבאלישער אויסדרוק אין בוכשטאבען אין דער פארם פון אן אלגעבראאישער גלייכונג, וועלכער ווערט בענוצט פארצושטעלען א כעמישע רעאקציאן [ריקווירקונג] פון צוויי שטאפען, ווען זיי ווערען פעראייניגט.

chem'ical equiv'alent (קעמ'-אי-קעל ע-קהוויוו'-ע-לענט) דער כעמישער עקוויוואלענט. ז. *equivalent*.

chem'ical fire'-en'gine (קעמ'-אי-קעל פאיר'-ענ'-דזשין) ז. *fire-extinguisher*.

chem'ical force (קעמ'-אי-קעל פארס) די כעמישע קראפט, די קראפט וועלכע פערבינדעט די אטאמען אין א מאלעקול און וועלכע פערארזאכט די כעמישע ענדערונגען ווען פערשיעדענע אדער אונגלייכע מאלעקולען ווערען געבראכט אונטער געוויסע בעדינגונגען אין בעריהרונג.

chem'ical for'mula (קעמ'-אי-קעל פאר'-מיו-לא) א כעמישע פארמול, א סימבאלישער אויסדרוק, וואס ווערט בענוצט פארצושטעלען די כעמישע צונויפשטעלונג פון שטאפען. צ. ב. די כעמישע פארמול פון וואסער איז H_2O, דאס מיינט, אז וואסער בעשטעהט פון 2 אטאמען וואסערשטאף [H_2] און 1 אטאם זויער־שטאף [O].

chem'ically *adv.* (קעמ'-אי-קעל-אי) כעמיש, אויף א כעמישען אופן.

chem'ical nota'tion (קעמ'-אי-קעל נא-טיי'-שאן) די סיסטעם פון כעמישע בעצייכנונגען אדער בענענונגען [די אבגעקירצטע נעמען אדער סימבאלען מיט וועלכע די כעמישע עלעמענטען ווערען בעצייכענט און ווי זיי ווערען געשריבען אין די כעמישע פארמולעס].

chemise' *n.* (שע-מיעז') א פרויען־העמד; די שטיינער מיט וועלכע מען לעגט ארום אן אנגעשאטענעם וואל [ביים בויען פעסטונגען].

chemisette' *n.* (שעמ-אי-זעט') א שעמיזעטקע [אזא מין פרויען אונטער־יאקעל].

chem'ism *n.* (קעמ'-איזם) כעמישע פערוואנדשאפט; כעמישע קראפט אדער ווירקונג. ז. *chemical affinity*.

chem'ist *n.* (קעמ'-איסט) א כעמיקער, א קענער פון כעמיע.

chem'istry *n.* (קעמ'-איס-טרי) כעמיע [די וויסענשאפט וועגען די עלעמענטען פון שטאף, זייערע איינענשאפטען און פערבינדונגען].

Chen *n.* (קען) דער מין שנעע־גענז.

chenille' *n.* (שע-ניעל') אזא וויכער זיידענער אדער וואלענער שנירעל, וואס דיענט צו אויסנעהען און האפטען.

cheque *n.* (טשעק) א טשעק, באנק-אנ-ווייזונג.

cheq'uer *n.* (טשעק'-ער) ז. *checker*.

chequ'ey *a.* (טשעק'-א) ז. *checky*.

cher'if *n.* (שער'-איף) ז. *sherif*.

cher'ish *v.* (טשער'-איש) ליעבען, לאש-טשען; שיצען.

Every man cherishes the memory of his childhood.

cher'isher *n.* (טשער'-איש-ער) דער וואס ליעבט, אדער שעצט עפעס; בעשי-צער; פפלעגער; אויפזיהער; אויפהאל-טער.

cher'ishment *n.* (טשער'-איש-מענט) דאס פיהלען א ליידענשאפט צו עפעס; די שעצונג.

cheroot' *n.* (שע-רוהט') א סארט בילינע סיגארען, וועלכע זיינען לאנג און דין.

cher'ry *n., a. and v.* (טשער'-אי) קארש; רויטליך; מיט רויטע באקען; מאכען רויט.

cher'ry-bird *n.* (טשער'-אי-בוירד) דער צעדער-פויגעל; די איוואלגא [אזא איירא-פעאיש זינג-פויגעלע].

cher'ry-bounce' *n.* (טשער'-אי-באונס') קארשען-שנאפס, ווישניאק, וויינשעל.

cher'ry-bran'dy *n.* (טשער'-אי-ברענ'-די) קארשען-בראנפען, ווישניאק, וויינשעל.

cher'ry-cheeked *a.* (טשער'-אי-טשיעקט) מיט רויטע באקען.

cher'ry-col'ored *a.* (טשער'-אי-קאל'-ארד) וואס האט א קארשען-קאליר.

cher'ry-pit *n.* (טשער'-אי-פיט) דאס קארשען-ביינדעל; דאס קינדער-שפיעל אין קארשען-ביינדלעך.

cher'sonese *n.* (קויר'-סא-ניס) א האלב-אינזעל.

chert *n.* (טשוירט) דער הארן-שטיין [א מין מינעראל].

cher'ub *n.* (טשער'-אב) דער כרוב; א מלאך; א שעהנעס קינד.

cheru'bic *a.* (טשע-רו'-ביק) ווי א מלאך; וואס איז עהנליך צו א כרוב; שעהן ווי א כרוב.

cheru'bical *a.* (טשע-רו'-בי-קעל) ז. *cherubic*.

cheru'bim *n.* (טשע-רו'-בים) כרובים.

cherubim'ic *a.* (טשער-או-בים'-איק) ווי די כרובים.

cher'up *n. and v.* (טשער'-אפ) פיפטשען, צווירטשערען ווי א פויגעל; א צוויטשעריי.

cher'vil *n.* (טשויר'-וויל) אזא גראז.

chess *n.* (טשעס) שאך; שאך-שפיעל.

chess'-board *n.* (טשעס'-באורד) דאס שאך-ברעטעל.



Chess-board

ches'sel *n.* (טשעס'-על) א פורם אויס-צופרעסען קעז, א קעז-זעקעל.

chess'man *n.* (טשעס'-מען) איינע פון די פיגורען אין שאך-שפיעל.

chess'-pla'yer *n.* (טשעס'-פליי'-ער) א שאך-שפיעלער.

chest *n.* (טשעסט) א קאסטען; ברוסט-קאסטען; די ברוסט.

ches'ted *a.* (טשעס'-טעד) ברוסטיג.

Ches'terfieldian *a.* (טשעס'-טער-פיעל-די-ען) ווי פון גראף טשעסטער-פיעלד [א בעקאנטער ענגלישער פאליטי-קער, געבארען 1694, געשטארבען 1773, וועלכער האט זיך אויסגעצייכענט מיט זיי-נע עלעגאנטע מאניערען און זיין נאמען איז געבליבען אלס כאראקטעריסטיק פאר עלעגאנטקייט].

chest'-foun'der *n.* (טשעסט'-פאונ'-דער) ענגברוסטיגקייט, דער קורצער אטהעם [פון א פערד].

chest'-foun'dering *n.* (טשעסט'-פאונ'-דער-אינג) דאס סאפען פון א פערד.

chest'-meas'ure *n.* (טשעסט'-מעזש'-אור) די מאס אדער דער אומפאנג פון דער ברוסט.

chest'nut *n. and a.* (טשעס'-נאט) קאש-טאניע, העל-ברוין, קאשטאניען-קאליר.



Chestnut

chest'nut-coal *n.* (טשעס'-נאט-קאול) א געוויסער זארט קליינע אנטראציט קויה-לען.

chest'nut horse (טשעס'-נאט הארס) א ברוינער פערד.

chest'nut-si'ded warb'ler (טשעס'-נאט-סאי'-דעד הווארב'-לער) אן אמעריקא-נער מאלינאוועקע [קליין זינג פויגעל]. *"Birds of the U. S."* ז. איל.

chest'nut-tree *n.* (טשעס'-נאט-טריע) דער קאשטאניען-בוים.

chest of draw'ers (טשעסט אוו דראה'-ערז) א קאמאד.

che'tah *n.* (טשיע'-טא) דער יאגד-לעמ-פערט [א מין לעמפערט, וועלכען מען ברויכט אין אינדיען אין יאגד נאך אנטי-לאפען און ווילדע ציגען].

Chetah

chevale'ment *n.* (שע-וועל'-מאן) אן אונטערשפארע [א קלאץ וואס האלט אונ-טער די געביידע אין דער צייט ווען מען בויט איבער דעם אונטערשטען טייל].

chev'alet *n.* (שעוו'-ע-ליי) דער בריקעל, די ברעטעלע וואס האלט אונטער די כמרו-נעס אין א פידעל און אנדערע מוזיקאלישע אינסטרומענטען מיט סטרונעס.

cheval'-glass *n.* (שע-וועל'-גלעס) א טרימא, א גרויסער טואלעט-שפיגעל.

chevalier' *n.* (שעוו-ע-ליער') א רייטער; א רימער; א קאוואליער.

cheval'-screen *n.* (שע-וועל'-סקריען) א שירמע איז א ראהם וואס האלט זיך אויף א פוס.

chevaux'-de-frise *n.* (שע-וואו'-דע-פריעז) א קלאץ אנגעשלאגען מיט אייזער-נע שפיציגע שטעקלעך [דיענט אלס א וועהר-מיטעל אין מלחמה צו פערצאמען דעם וועג פאר דעם שונא'ס קאוואלעריע].

Chev'iot *n.* (טשעוו'-אי-אט) א שעפס פון דעם מין "שעוויאט" [נאך דעם נאמען פון אזא ארט אין ענגלאנד, וואו דיזער מין געפינט זיך].

chev'iot *n.* (טשעוו'-אי-אט) שעוויאט [א מין צייג].

chev'ron *n.* (שעוו'-ראן) דער שעווראן [צוויי פאסען ארויפגענעהט אויף'ן ארבעל, וואו זייערע שפיצען זיינען פעראייניגט און בילדען אויס א ווינקעל, א צייכען אויף די מונדירען פון נידעריגערע גראד אפיציע-רען]; אין ארכיטעקטור — א געוויסע ציק-צאק [זיג-זאג] פערציערונג.

Chevron

chev'y *n.* (טשעוו'-אי) א געיעג; אזא קינ-דער שפיעל; אן אויסגעשריי [פון יעגער].

chew *n. and v.* (טשוה) קייען; איבער-לעגען; ווידערקייען, מעלה גרה זיין; זיך גוט איבערלעגען; א קיי.

chew'ing-gum *n.* (טשוה'-אינג-גאם) קייי-גומי [אזא זארט קאנפעקטען וואס ווערען געמאכט פון א גומי-זאפט].

chewink' *n.* (טשיע-הווינק') א מין פוי-געל.

chew the cud (טשוה טהי קאד) מעלה גרה זיין; זיך איבערלעגען, מישב זיין.

Chi'an *n. and a.* (קאי'-ען) וואס איז שייך צו כיאס [אן אינזעל כעבען גריכענ-לאנד]; א כיאנער, אן איינוואהנער פון כיאס.

chiaroscu'ro *n.* (קיא-ראס-קוה'-ראו) ליכט און שאטען; די מעטאדע פון מאכען בילדער אויף'ן גרונד פון נעגענזאץ צווישען ליכט און שאטען.

Chias'modon *n.* (קאי-עס'-מא-דאן) א מין פיש וועלכע האבען אן אונגעהייער-גרויסען מאגען און קענען איינשלינגען פיש, וועלכע זיינען פיעל גרעסער פון זיי.

Chiasmodon

chias'tolite *n.* (קאי-עס'-טא-לאיט) דער כיאסטאליט [א מין מינעראל וואס ציי-כענט זיך אויס מיט זיינע סימעטרישע פיגורען ווען ער ווערט געשניטען קווער].

Chiastolite

chibouk' *n.* (טשי-בוהק') א טערקישע לולקע [פיפקע] וואס האט א גראדען לאנ-גען ציבוק.

chibouque' *n.* (טשי-בוהק') ז. *chibouk*.

chic *n. and a.* (שיעק) מאדיש; לויס'ן

ריעצטען פאסאן; געשייטהייט; קענסטלאפט: שיק, עלעגאנץ.

chicane' *n. and v.* (שי-קיין') נארעריי, פעדרעהעריי, שטיפעס, אינטריגעס; א מין שפיעל אין פילקעס, מיאטשיקעס; פערדרעהען, אבנארען, בעשווינדלען.

chica'ner *n.* (שי-קיי'-נער) א פערדרע־הער, פערנארער [דער וואס פערדרעהט א זאך מיט פשט'לעך און תירוצים]; א שווינדלער.

chica'nery *n.* (שי-קיי'-נער-אי) פער־דרעהעריי, שווינדלעריי.

chic'cory *n.* (טשיק'-א-רי) ציקאריע.

chi'cha *n.* (טשיע'-טשא) טשיטשא [אזא מין בוים אין די ווארימע לענדער. ער גיט ארויס א מין קלעפיגען שטאף, פון זיינע זאמען מאכט מען אויל און די קארע ווערט געברויכט פאר שטריק, פאפיער און פערשיעדענע פלעכט־ארבייט]; א מין אראנזש־רויטע פארב. ז. *chico*

Chicha

chick *n. and v.* (טשיק) א הינדעלע; א שפאלט; א דינער פארהאנג איבער'ן פענ־סטער אדער טהיר [אין אסט־אינדיען]; ארויסשפראצען.

chick'abiddy *n.* (טשיק'-ע-ביד-אי) א הינדעלע [אין קינדער־שפראך].

chick'adee *n.* (טשיק'-ע-דיע) א קליינער אמעריקאנישער שווארץ־קעפיגער פויגעל. ז. איל. *"Birds of the U. S."*

chick'aree *n.* (טשיק'-ע-ריע) די אמערי־קאנער רויטע וועווערקע.

chick'en *n.* (טשיק'-ען) א הוהן; א קליין הינדעלע.

chick'en-breas'ted *a.* (טשיק'-ען-ברעס'-טער) מיט אן ענגער הויכער ברוסט.

chick'en-gum'bo *n.* (טשיק'-ען-גאמ'-באו) א היהנער־זופ געקאכט מיט אקרע [א מין גראז וואס גיט צו א געשמאקען ריח].

chick'en-hear'ted *a.* (טשיק'-ען-האר'-טעד) שרעקעדיג.

chick'en-pox *n.* (טשיק'-ען-פאקס) ווינד־פאקען [א מין קראנקהייט].

chick'ling *n.* (טשיק'-לינג) א קליין יונג הינדעלע; א מין ארבעס.

chick'ling-vetch *n.* (טשיק'-לינג-וועטש) א מין ארבעס.

chick'-pea *n.* (טשיק'-פיע) אזא ארבעס.

chick'weed *n.* (טשיק'-הוויעד) די שטערן־מיערע [א מין פלאנצע].

chi'co *n.* (טשיע'-קאו) א מין אראנזש־רויטע פארב, וועלכע מען מאכט אין אמעריקא פון די בלעטער פון א געוויסען בוים.

chid'den (טשידן) געלאי־רעמט. ז. *chide*

chide *v.* (טשאיד) זיך בייזערען, אנ־שרייען.

To chide a child is not always good.

chi'der *n.* (טשאי'-דער) א קריגער; א לארם־מאכער.

chi'ding *n.* (טשאי'-דינג) דאס אוים'-מוסר'ען; דאס אנבייזערען זיך; א לארם אדער געפילדער.

chi'dingly *adv.* (טשאי'-דינג-לי) אויף א קריגערישען אדער צאנקערישען אופן.

chief *n. and a.* (טשיעף) דער הויפט, העכסטער; א נאטשאלניק, הויפטמאן, עלט־סטער; דער אויבערשטער טייל פון א שילד; הויפט, העכסט.

chief jus'tice (טשיעף דושאס'-טיס) פארזיצענדער אין א געריכט; אב בית דין.

chief'less *a.* (טשיעף'-לעס) א זהן הויפטמאן, אהן אן אנפיהרער.

chief'ly *adv. and a.* (טשיעף'-לי) הויפטזעכליך; בעזאנדערס; וואס איז שייך צו א הויפט.

chief'ship *n.* (טשיעף'-שיפ) די שטעלע פון אן אנפיהרער.

chief'tain *n.* (טשיעפ'-טיין) א הויפט־מאן, א פיהרער.

chief'taincy *n.* (טשיעפ'-טיינ-סי) די קאפיטאנשאפט, אדער די געגענד וואס שטעהט אונטער זיין הערשאפט.

chief'tainship *n.* (טשיעפ'-טיינ-שיפ) דאס אמט פון א הויפטמאן אדער פיהרער.

chiff'-chaff *n.* (טשיף'-טשעף) אן איי־ראפייאיש זינג־פויגעלע.

Chiff-chaff

chif'fon *n.* (שיפ'-אן) זעהר דינע טול אדער גאז [דורכזיכטיגער צייג].

chiffonnier' *n.* (שיפ-א-ניער') א הוי־כער קאמאד, א שיפאניער.

chig'gre *n.* (טשיג'-ער) ז. *chigoe*

chig'non *n.* (שיע'-ניאן) א שיניאן [א געוויסע פארם פון מאכען די האר אין א הויכע פריזור פון הינטען].

chig'oe *n.* (טשיג'-או) א מין וועסט־אינדישע פליי.

chil'blain *n. and v.* (טשיל'-בליין) א פערקיהלונגס־געשוויר; אן עריטעמא [א מין ענטצינדונג פון הויט]; ווירקען עס זאלען זיך ענטוויקלען פערקיהלונגס־גע־שווירען.

child *n.* (טשאילד) א קינד; א קליין קינד.

child'-bear'ing *n. and a.* (טשאילד'-בעהר'-אינג) דאס געבערען קינדער; דאס קינדלען; געבערענדיג קינדער.

child'bed *n.* (טשאילד'-בעד) קינדבעט, קינפעט.

child'birth *n.* (טשאילד'-בוירטה) קינד־געבורט, דאס געבערען א קינד.

Chil'dermas *n.* (טשיל'-דער-מעס) דער יום טוב פון די אונשולדיגע קינדער [ווערט געפייערט דעם אכטען דעצעמבער אין דער קאטוילישער און אנגליקאנישער קירך].

Chil'dermas day (טשיל'-דער-מעס דיי) ז. *Childermas*

child'hood *n.* (טשאילד'-הוד) די קינד־הייט.

chil'ding *n. and a.* (טשאיל'-דינג) ז. *child-bearing*

chil'dish *a.* (טשאיל'-דיש) קינדיש, נא־ריש; קליין.

chil'dishly *adv.* (טשאיל'-דיש-לי) מעשה קינד; קינדיש.

chil'dish-min'ded *a.* (טשאיל'-דיש-מאינ'-דער) איינפאך, אהן קונסט, קינדיש.

chil'dish-min'dedness *n.* (טשאיל'-דיש מאינ'-דער-נעס) איינפאכקייט; דאס זיין קינדיש, איינפאך.

chil'dishness *n.* (טשאיל'-דיש-נעס) קינדישקייט, נארישקייט, קליינינקייט.

child'-kill'er *n.* (טשאילד'-קיל'-ער) א קינדער־מערדער.

child'-kill'ing *n.* (טשאילד'-קיל'-אינג) קינדער־מערדעריי.

child'less *a.* (טשאילד'-לעס) אהן קינ־דער; קינדערלאז.

child'lessness *n.* (טשאילד'-לעס-נעס) קינדערלאזיגקיים, דאס נים האבען קיין קינדער.

child'like *a.* (טשאילד'-לאיק) ווי א קינד; קינדיש; געהארכזאם.

child'likeness *n.* (טשאילד'-לאיק-נעס) דאס זיין ענליך צו א קינד; דאס זיין איינפאך ווי א קינד.

child'ren *n.* (טשילד'-רען) קינדער.

child'-wife *n.* (טשאילד'-הוואיף) א זעהר יונגע פרוי.

chil'iad *n.* (קיל'-אי-עד) א פעריאדע פון טויזענד יאהר; א טויזענד.

chil'iarch *n.* (קיל'-אי-ארק) א קאמאנ־דיר פון טויזענד סאלדאטען; א פאל־קאווניק.

chil'iasm *n.* (קיל'-אי-עזם) דער כילי־אזם [די לעהרע פון דער אלטער קריסט־ליכער קירכע, אז קריסטוס וועט ווידער ערשיינען, וועט בעזיעגען נעראז'ען און וועט הערשען טויזענד יאהר און ערשט נאך דיזער צייט וועט זיין א צווייטע און ווירקליכע תחית המתים].

chil'iast *n.* (קיל'-אי-עסט) דער כי־ליאסט, דער אנהענגער פון דער כיליאס־טישער לעהרע. ז. *chiliasm*

chilias'tic *a.* (קיל'-אי-עס-טיק) כי־ליאסטיש, וואס איז שייך צו דער כיליאס־טישער לעהרע. ז. *chiliasm*

chill *a., n. and v.* (טשיל) קיהל, קאלט, פראסטיג: קעלט; א פראסט; קאלט מא־כען; ציטערען, שוידערען.

chilled *a.* (טשילד) פערפרארען, פער־גליווערט פון קעלט.

He was chilled to the bone from exposure.

chill'iness *n.* (טשיל'-אי-נעס) קיהל־קיים, קאלטקייט; א שוידער, א טרייסעל.

chill'y *a. and adv.* (טשיל'-אי) קאלט־ליך; שוידערענד.

Chilog'natha *n.* (קאי-לאג'-נע-טהא) א מין ווערים וואס האבען פיעל פיס.

Chilop'oda *n.* (קאי-לאפ'-א-דא) די הונדערט־פיסיגע [א מין ווערים].

chil'ver *n.* (טשיל'-ווער) א יונג שעפעלע.

chim'bley *n.* (טשימ'-בלי) א קוימען.

chime *n. and v.* (טשאים) 1. דער האר־מאנישער איינקלאנג פון פערשיעדענע אינסטרומענטען; דער גלאקען־קלאנג;

הארמאניש קלינגען; האלטען זיך אין איינקלאנג; זיין צוגעפאסט; 2. דער ראנד פון א פאס, וואס שטארצט ארויס איבער'ן דעק; 3. די רינג אויף'ן דעק פון א שיף.
1. The chimes of this church are famous for their music.

chime'-clock *n.* (טשאים'-קלאק) דער שפּיעל-זייגער [א זייגער אין וועלכען עס שפּיעלט זיך ביים שלאגען די שטונדען].

chime in with (טשאים אין הוויטה) זיין איינשטימיג מיט...; זיין פון גלייכע מיינונגען.
A weak character is ready to chime in with the opinions of others.

chime'ra *n.* (קי-מי'-רא) א לעגענדא-רישע משונה'דיגע חיה מיט דריי קעפ, פון א לייב, פון א באק און פון א דראקאן [אין דער גריכישער מיטאלאגיע]; א פוסטע פאנטאזיע; א פאלשע איינבילדונג.

chimere' *n.* (שי-מיער') דער אויבער-מאנטעל אהן ארבעל, וועלכען עס טראגט א בישאף.

chimer'ical *a.* (קי-מער'-אי-קעל) כי-מעריש; וואס קען ניט פערווירקליכט ווערען.

chimer'ically *adv.* (קי-מער'-אי-קעל-אי) אויף א כימערישען, פאנטאסטישען אופן.

chim'ney *n.* (טשים'-ני) א קוימען; א קאמין.

chim'ney-board *n.* (טשים'-ני-באורד) א קוימען-ברעטעל, א זאסלאנקע.

chim'ney-cap *n.* (טשים'-ני-קעפּ) א קארניז פון א קוימען; אזא דעכעל וואס דרעהט זיך איבער א קוימען [צו פער-היטען, אז דער ווינד זאל ניט טרייבען דעם רויך צוריק אין קוימען אריין].

chim'ney-cor'ner *n.* (טשים'-ני-קאהר'-נער) א ווינקעל ביים אויווען.

chim'ney-flue *n.* (טשים'-ני-פלוה) א קוימען-רעהר.

chim'ney-hook *n.* (טשים'-ני-הוק) דער קרוק אין אויווען אויף וועלכען מען הענגט אויף א קעסעל.

chim'ney-jack *n.* (טשים'-ני-דזשעק) אזא דעכעל וואס דרעהט זיך איבער א קוימען. ז. *chimney-cap*

chim'ney-mon'ey *n.* (טשים'-ני-מאנ'-אי) דער קוימען-שטייער [א שטייער וואס מען פלעגט צאהלען אין מיטעל-אלטער פאר יעדען קוימען פון הויז].

chim'neypiece *n.* (טשים'-ני-פּיעס) דער קאמין-געזימס.

chim'ney-pot *n.* (טשים'-ני-פּאט) אזא קאלפאק איבער א קוימען צו פערשטאר-קען דעם לופט-צוג פאר'ן רויך.

chim'ney-shaft *n.* (טשים'-ני-שעפט) דער אויבערשטער טייל פון קוימען וואס שטארצט ארויס איבער'ן דאך.

chim'ney-stack *n.* (טשים'-ני-סטעק) א גרופע פון קוימענס אויף'ן דאך.

chim'ney-stalk *n.* (טשים'-ני-סטאהק) א גרויסער קוימען [ווי פון א פאבריק].

Chimney-swallow

chim'ney-swal'low *n.* (טשים'-ני-סוואל'-או) די שוואלב, וועלכע בויט געוועהנליך איהר נעסט אויף אדער ארום א קוי-מען.

chim'ney-sweep *n.* (טשים'-ני-סוויעפּ) א קוימען-קעהרער.

chim'ney-swee'per *n.* (טשים'-ני-סוויע'-פּער) ז. *chimney-sweep*

chim'ney-swift *n.* (טשים'-ני-סהוויפט) אזא שוואלב וועלכע בויט געוועהנליך איהר נעסט אויף א דאך ארום א קוימען. ז. איל. *"Birds of the U. S."*

chim'ney-top *n.* (טשים'-ני-טאפּ) דער אויבערשטער טייל פון א קוימען.

chim'ney-valve *n.* (טשים'-ני-וועלוו) א קוימען-דעקעל [צום עפענען און פער-מאכען דעם קוימען].

chimpan'zee *n.* (טשים-פּענ'-זיע) די שימפּאנזע [א מין אפריקאנישע אפע, וועלכע האט גרויס עהנליכקייט צו א מענ-שען].

Chimpanzee

chin *n. and v.* (טשין) א מארדע, א קין; ריידען מיט זיכערהייט אדער חוצפה; שמועסען.

Chi'na *n.* (טשאי'-נע) כינא, קיטאי.

chi'na *n.* (טשאי'-נע) פארצעלאן, פארצע-ליי; פארפאר.

Chi'na as'ter (טשאי'-נע עס'-טער) די כינעזישע גארטען-אסטער [אזא בלום].

chi'na-clay *n.* (טשאי'-נע-קליי) פאר-צעלאן-לעהם.

chi'na-grass *n.* (טשאי'-נע-גרעס) א מין קראפּיווע.

Chi'naman *n.* (טשאי'-נע-מען) א כינע-זער, א קיטאיעץ.

Chi'na-or'ange *n.* (טשאי'-נע-אר'-ענדזש) א מאנדארינקע [א רויטער אפּעל-סין].

chi'na-shop *n.* (טשאי'-נע-שאפּ) א פּארצעלאן-געשעפט, א קראם פון פארצע-לייענע כלים.

Chi'natown *n.* (טשאי'-נע-טאון) א כינעזישער קווארטאל אין א שטאדט פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא.

chi'naware *n.* (טשאי'-נע-הוועהר) פּארצעלייענע כלים.

chin'-band *n.* (טשין'-בענד) א בענ-דעל פון א הוט, וואס ווערט פערבונדען אונטער דער מארדע.

chin'capin *n.* (טשינ'-קע-פּין) אזא קליין קאשטאניען-ביימעל.

chinch *n.* (טשינטש) א וואנץ; א גע-טריידע-וואנץ. ז. *chinch-bug*

chinch'-bug *n.* (טשינטש'-באג) דער געטריידע-וואנץ [אזא וואנץ-עהנליכער אינזעקט וועלכער איז זעהר שעדליך פאר ווייץ, מאאיס און אנדערע זארטען תבואות].

chinchil'la *n.* (טשין-טשיל'-א) די שינ-שילע [א מין אמע-ריקאנישע וועווער-קע]; די רויכווארג פון א שינשילע; א מין דיקער שווע-רער געוואנד פאר ווינטערדיגע פרוי-ען-קליידער.

Chinchilla

chin'-cough *n.* (טשינ'-קאהף) קאקליוש, קייך-הוסט.

chine *n. and v.* (טשאין) א שטיק רוקען-ביין מיט'ן פלייש ארום איהם [צום קאכען]; דער רוקען; רוקען-ביין; א בארג-רוקען; שטיקער ערד וואס שטארצען ארויס פון וואסער; ברעכען דעם רוקען.

chined *a.* (טשאינד) וואס האט א פּעס-טען רוקען.
They are steel-chined rascals.

Chinee' *n.* (טשאי-ניע') א כינעזער, א קיטאיעץ.

chine'-hoop *n.* (טשאינ'-הופּ) דער לעצטער רייף פון א פאס.

Chinese' *a. and n.* (טשאי-ניס') וואס אנבעלאנגט צו כינא; א כינעזער; די כינעזישע שפּראך.

Chinese' ink (טשאי-ניס' אינק) שוואר-צער טוש [אזא טינט].

Chinese' junk (טשאי-ניס' דזשאנק) א כינעזישע זעגעל-שיף.

Chinese Junk

chin'gle *n.* (טשינגל) זאמד וואס איז ריין פון שמוץ.

chin'-jerk *n.* (טשין'-דזשורק) די קראמפּפהאפטע צוגויפציהונג פון די קינ-באקען מוסקולען ביי א פלעצליכען קלאפּ אין מארדע.

chink *n. and v.* (טשינק) א ריז, א שפּאלט; קליינגעלד; זיך שפּאלטען; ארויס-געבען א קלאנג; מאכען קלינגען.

chin'kapin *n.* (טשינ'-קע-פּין) אזא קליין קאשטאניען ביימעל.

chink'-bug *n.* (טשינק'-באג) ז. *chinch-bug*

chin'ky *a.* (טשינ'-קי) מיט ריצען אדער מיט שפּאלטען.

chinned *a.* (טשינד) מיט א מארדע.

chin'-piece *n.* (טשין'-פּיעס) ז. *chin-band*

chin'-scab *n.* (טשין'-סקעב) אזא קראנקהייט ביי שעפסען.

chinse *v.* (טשינס) פערשטאפּען א שפּאלט פון א שיף מיט פּאקעלע [אב-פאל פון פלאקס].

chin'sing-i'ron *n.* (טשינ'-סינג-אי'-ערן) אזא שפּיציגער אייזען מיט וועל-

כען מען פערשטאפט שפאלטען פון א שיף מיט פאקעלע [אבפאל פון פלאקס].

chin'-strap *n.* (טשין'-סטרעפ) דער רימען וואס פערבינדט דעם האלז-רימען און דעם נאז-באנד אין די שפאן-געציינג פון א פערד.

chints *n.* (טשינטס) ציץ, פערקאל, קארטון.

chintz *n.* (טשינטס) ז. *chints*.

chip *n.* *and* *v.* (טשיפ) א שפאן; א ברעקעל; זעגעל-שפענער; צושניידען אויף שטיקלעך; שפאלטען; שניצען; הובלען; פאנאנדערברעכען זיך; פאנאנדערשפאלטען זיך.

chip'-ax *n.* (טשיפ'-עקס) א שאב-אייזען, א סקראב-אייזען; א הובעל.

chip'-bird *n.* (טשיפ'-בוירד) אזא אמעריקאנער פייגעל [האט א רויטען טשוביקעל אויפ'ן קעפעל און א גרוי בייכעל, בויט א האר-נעץ-פערמיגען נעסט און לעגט גרינע אייעלעך מיט דונקעלע פלעקען].

chip'-brea'ker *n.* (טשיפ'-בריי'-קער) אזא מעטאלענע פלאטע וואס ווערט בעפעסטיגט פון פארענט צו א הובעל-באנק.

chip in (טשיפ אין) ביישטייערען.

Boys, let us chip in and buy grapes!

chip'-knife *n.* (טשיפ'-נאיף) א האק-מעסער.

chip'muck *n.* (טשיפ'-מאק) ז. *chipmunk*.

chip'munk *n.* (טשיפ'-מאנק) א חיה'לע עהנליך צו א וועווערקע.

chip off (טשיפ אף) אבשפאלטען, אבהאקען.

chip of the old block (טשיפ אוו טהי אולד בלאק) אין טאטען געראטען.

chip'per *n.*, *v.* *and* *a.* (טשיפ'-ער) דער שניצער; שניצען, סקראבען; פייטשען, טשיריקען [ביי פויגלען]; מונטער, לעבעדיג.

chip'ping *n.* (טשיפ'-אינג) דאס צוהאקען, צוברעכען אויף פיצלעך; א שטיקעלע; א שפאן.

chip'ping-bird *n.* (טשיפ'-אינג-בוירד) ז. *chip-bird*.

chip'ping-chis'el *n.* (טשיפ'-אינג-טשיז'-על) אזא דלאט מיט וועלכען מען האקט ארום די פסולת פון גוס-אייזען-שטיקער ווען מען נעהמט זיי ארויס פון פורם.

chip'ping-machine' *n.* (טשיפ'-אינג-מע-שין') אזא מאשין צום האקען פארב-האלץ.

chip'ping-piece *n.* (טשיפ'-אינג-פיעס) דאס איבריגע מאטעריאל וואס ווערט צוגעגעבען צו גוס-אייזען-שטיק פאר דער בעארבייטונג.

chip'ping-spar'row *n.* (טשיפ'-אינג-ספער'-או) ז. *chipping-bird*.

chip'ping-squir'rel *n.* (טשיפ'-אינג-סקהוואר'-על) ז. *chipmunk*.

chip'ping-up *n.* (טשיפ'-אינג-אפ) די אויבערפלעכליכע אבשטימונג פון א פיאנא.

chip'py *a.* *and* *n.* (טשיפ'-אי) מיט א סך שפענער; אזא פויגעל. ז. *chip-bird*.

chi'ragon *n.* (קאי'-רע-גאן) א שרייב-מאשין פאר בלינדע.

chirag'ra *n.* (קאי-רעג'-רא) ניכט [פאדאגרע] אין א האנד.

chirag'ric *a.* (קאי-רעג'-ריק) וואס האט ניכט [פאדאגרע] אין א האנד.

chirag'rical *a.* (קאי-רעג'-רי-קעל) ז. *chiragric*.

chirk *v.* *and* *a.* (טשורק) טשירקען, צווימשערען ווי א פויגעל; זיין מונטער און לעבעדיג; גוט געשטימט, מונטער, פרעהליך.

chirm *n.* *and* *v.* (טשורם) טשירקען, צווימשערען ווי א פויגעל; דאס טרויעריגע צווימשערען פון פויגעל פאר א שטורם.

chirognom'ic *a.* (קאי-ראג-נאמ'-איק) וואס איז שייך צו דער לעהרע וועגען דערקענען דעם כאראקטער פון א מענשען דורך די ליניען פון זיינע הענד.

chirog'nomy *n.* (קאי-ראג'-נא-מי) די לעהרע ווי צו דערקענען דעם כאראקטער פון א מענשען דורך די ליניען פון זיינע הענד.

chi'rograph *n.* (קאי'-רא-גרעף) א דאקומענט [ווי א קאנטראקט, א צואה א. ד. ג.] געשריבען מיט דער האנד; א האנד-געשריבענער דופליקאט [א דאקומענט אין צוויי קאפיעס פארביידע צדדים, געשריבען אויף פאפיער. אין דער ליידיגער צייל צווישען ביידע קאפיעס ווערט על פי רוב אנגעשריבען מיט גרויסע בוכשטאבען דאסווארט *chirograph* און דאס פאפיער ווערט איבערגעשניטען דורך דיזע בוכשטאבען אין צווייען].

chirog'raphary *a.* (קאי-ראג'-רע-פע-רי) וואס איז געשריבען מיט דער אייגענער האנדשריפט.

chirog'rapher *n.* (קאי-ראג'-רע-פער) א שרייבער; אן איבערשרייבער; א האנד-וואהרזאגער.

chirograph'ic *a.* (קאי-רא-גרעפ'-איק) האנדשריפטליך; וואס איז שייך צו האנד-וואהרזאגעריי.

chirograph'ical *a.* (קאי-רא-גרעפ'-איק-על) ז. *chirographic*.

chirog'raphist *n.* (קאי-ראג'-רע-פיסט) א האנד-וואהרזאגער.

chirog'raphy *n.* (קאי-ראג'-רע-פי) האנדשריפט; האנד-וואהרזאגעריי.

chirolog'ical *a.* (קאי-רא-לאדזש'-אי-קעל) וואס איז שייך צו פינגער-שפראך.

chirol'ogist *n.* (קאי-ראל'-א-דזשיסט) איינער וואס רעדט אויף פינגער-שפראך.

chirol'ogy *n.* (קאי-ראל'-א-דזשי) כיראלאגיע, פינגער-שפראך, האנד-שפראך [אזוי ווי די שפראך פון שטומע].

chi'romancer *n.* (קאי'-רא-מענ-סער) א האנד-וואהרזאגער [איינער וואס זאגט נביאות וועגען דער צוקונפט פון פערזאנען נאך די שטריכען פון זייערע הענד].

chi'romancy *n.* (קאי'-רא-מענ-סי) האנד-וואהרזאגעריי, די נביאות-זאגונג פון די שטריכען פון האנד [חכמת היד].

chi'romant *n.* (קאי'-רא-מענט) ז. *chiromancer*.

chiroman'tic *a.* (קאי-רא-מענ'-טיק) וואס איז שייך צו האנד-וואהרזאגעריי.

chiroman'tical *a.* (קאי-רא-מענ'-טי-קעל) ז. *chiromantic*.

chi'romantist *n.* (קאי'-רא-מענ-טיסט) ז. *chiromancer*.

chiron'omer *n.* (קאי-ראנ'-א-מער) א לעהרער פון זשעסטיקולאציאן [איינער וואס לערענט ווי צו בעוועגען די הענד ביים רעדען אדער דיריזשירען א כאר].

chironom'ic *a.* (קאי-רא-נאמ'-איק) וואס איז שייך צו דער לעהרע אדער קונסט פון זשעסטיקולאציאן [בעוועגונגען פון די הענד ביים רעדען אדער ביים דיריזשירען א כאר].

chiron'omy *n.* (קאי-ראנ'-א-מי) די לעהרע ווי אזוי צו זשעסטיקולירען, בעוועגען מיט די הענד ביים האלטען א רעדע אדער דיריזשירען א כאר.

chi'roplast *n.* (קאי'-רא-פלעסט) דער האנד-פיהרער [אן אינסטרומענט צום רעגולירען די האנד ביי אנפענגער אין פיאנא-שפיעלען].

chi'ropod *n.* (קאי'-רא-פאד) די פיער-הענדיגע חיה [די אפע].

chirop'odist *n.* (קאי-ראפ'-א-דיסט) א רופא, וואס שניידט אויס היהנער-אויגען אדער מאזאליעס.

chirop'odous *a.* (קאי-ראפ'-א-דאס) וואס איז שייך צו פיער-הענדיגע חיות [אפען].

chirop'ody *n.* (קאי-ראפ'-א-די) די קונסט פון אויסשניידען היהנער-אויגען אדער מאזאליעס.

chiropom'pholyx *n.* (קאי-רא-פאמ'-פא-ליקס) אזא הויט-קראנקהייט פון די הענד.

chirop'ter *n.* (קאי-ראפ'-טער) א פלעדערמויז.

chirop'teran *n.* (קאי-ראפ'-טע-רען) ז. *chiropter*.

chirop'terous *a.* (קאי-ראפ'-טע-ראס) וואס האט א פליה-הויט צווישען די פוס-פינגער ווי א פלעדערמויז.

chirosoph'ical *a.* (קאי-רא-סאפ'-אי-קעל) וואס איז שייך צו האנד-וואהרזאגעריי.

chiros'ophist *n.* (קאי-ראס'-א-פיסט) ז. *chiromancer*.

chiros'ophy *n.* (קאי-ראס'-א-פי) ז. *chiromancy*.

chirp *n.* *and* *v.* (טשורפ) צווימשערען, טשירפען [פיפצען ווי א פויגעלע], גרילצען; פרעהליך מאכען; א פיפץ, א צווימשער.

chir'per *n.* (טשויר'-פער) א פויגעל אדער אינזעקט וואס טשירפעט, פיפצעט אדער גרילצט.

chir'ping *a.* (טשויר'-פינג) לוסטיג, פרעהליך; פיפצענדיג, צווימשערענדיג, גרילצענדיג.

chir'pingly *adv.* (טשויר'-פינג-לי) ז. *chirping*.

chir'py *a.* (טשויר'-פי) וואס פיפצעט, וואס צווימשערט; מונטער, פרעהליך, לעבעדיג.

chirr *v.* (טשויר) ווארקען ווי א טויב; צירפען, צווימשערען.

chirr'up *v.* *and* *n.* (טשיר'-אפ) לעבעדיג מאכען, פרעהליך מאכען; צירפען, צווימשערען, פיפצען, גרילצען; א פיפצעריי, א צווימשעריי.

chirr'upy *a.* (טשיר'-אפ-אי) לעבעדיג, מונטער.

chirur'geon *n.* (קאי-רויר'-דזשאן) א כירורג [א דאקטאר וואס מאכט אפעראציאנען].

chirur'gery *n.* (קאי-רויר'-דזשע-רי) כירורגיע, דאס אפערירען א קראנקען טייל פון קערפער.

chirur'gic *a.* (קאי-רויר'-דזשיק) כירורגיש, וואס געהערט צו די היילונג פון וואונדען אדער צו אפעראציאנען.

chirur'gical *a.* (קאי-רויר'-דזשי-קעל) ז. *chirurgic*.

chi'sel *n.* *and* *v.* (טשיז'-על) א דלאט, א מייסעל; שניצען אדער אויסהאקען אין שטיין אדער מעטאל; אויסהאקען, ארומהאקען.

chis'eled *a.* (טשיז'-עלד) ארומגעהאקט

מיט א דלאט אדער מייסעל; ריין ארומ־געהאקט.

chis'elled *a.* (טשיז׳־עלד) ז. *chiseled*

chis'el-point *n.* (טשיז׳־על־פאינט) א שפיץ וואס האט די פארם פון א דלאט.

chis'el-shaped *a.* (טשיז׳־על־שייפט) וואס האט די פארם פון א דלאט אדער מייסעל.

chis'ley *a.* (טשיז׳־לי) שטייניג, לייטיג [וועגען ערד].

chit *n.* and *v.* (טשיט) דער ערשטער שפראצלינג, דאס שפראץ־קערנדעל; דער עמבריאן; א קליין קינד; ארויסשפראצען.

chit'al *n.* (טשיט׳־על) אזא וואסער־שלאנג אין דעם אסט־אינדישען ים.

chit'arah *n.* (טשיט׳־ע־רא) אזא זייד־דען און בוימוואל צייג וואס ווערט גע־וועבט אין טערקיי.

chit'-chat *n.* (טשיט׳־טשעט) געפלוי־דער, פלוידעריי.

chi'ton *n.* (קאי׳־טאן) [א דער כיטאן מין העמד וועלכעס עס פלעגען טראגען די אלטע גריכען].

Chi'ton *n.* (קאי׳־טאן) אזא מין מאלוס־קען [קליינע, ווייכע, שליימיגע ים־חיה־לעך].

chit'ter *v.* (טשיט׳־ער) צירפען, צוויי־טשערען, פיפצען.

chit'ty *a.* (טשיט׳־אי) קליין, אונבע־דייטענד, קינדיש; בעדעקט מיט זומער־שפרענקלעך אדער בראהאווקעס.

chit'ty-face *n.* (טשיט׳־אי־פייס) א קינדישע געזיכט; א געזיכט בעדעקט מיט זומער־שפרענקלעך.

chivalresque' *a.* (שיוו־על־רעסק׳) רי־טערליך, קאוואליער־ארטיג; וואס איז שייך צו ריטערשאפט.

chiv'alric *a.* (שיוו׳־על־ריק) ריטערליך; וואס אנבעלאנגט צו ריטערשאפט.

chiv'alrous *a.* (שיוו׳־על־ראס) ריטער־ליך, קריגעריש, העלדיש; מוטהיג, דרייסט.

chiv'alrously *adv.* (שיוו׳־על־ראס־לי) מעשה העלד; ווי א ריטער.

chiv'alrousness *n.* (שיוו׳־על־ראס־נעס) ריטערליכקייט, העלדישקייט.

chiv'alry *n.* (שיוו׳־על־רי) העלדישקייט; ריטערשאפט.

chives *n.* (טשאיווז) בלומען־פעדימלעך.

chiv'y *n.* (טשיוו׳־אי) ז. *chevy*

chla'mys *n.* (קליי׳־מיס) א כלאמידע [אלט־גריכישער אויבערמאנטעל]; א פור־פורנע היטעלע וועלכע עס טראגען די אויבערגייסטליכע [ווי א בישאף, א קאר־דינאל א. ד. ג.].

chloracet'ic *a.* (קלאו־רע־סעט׳־איק) וואס איז געמאכט פון כלאר און עסיג־עסענץ.

chlo'ral *n.* (קלאו׳־רעל) כלאראל [א צו־זאמענגעזעצטער ניפטינער שטאף פון כלאר מיט ספיריט].

chlo'ralism *n.* (קלאו׳־רעל־איזם) א קראנקהייט וואס קומט פון געברויכען כלאראל.

chlo'ralist *n.* (קלאו׳־רעל־איסט) איי־נער וואס איז צוגעוועהנט צו דעם גע־ברויך פון כלאראל.

chlo'ralize *v.* (קלאו׳־רעל־איז) ברייג־גען אונטער דער ווירקונג פון כלאראל.

chlo'rate *n.* (קלאו׳־רייט) כלאר־זויער־זאלץ.

chlore *v.* (קלאור) שטעלען אונטער דער ווירקונג פון כלאר [ביי דער פארבונג פון שטאפען].

chlo'ric *a.* (קלאו׳־ריק) וואס איז שייך צו כלאר; וואס ענטהאלט כלאר.

chlo'ric ac'id (קלאו׳־ריק עס׳־איד) כלאר־זויערע [אזא פליסיגקייט].

chlo'rid *n.* (קלאו׳־ריד) כלאריד [א כעמישע פערייניגונג פון כלאר מיט אן אנדער עלעמענט].

chlo'ridate *v.* (קלאו׳־רי־דייט) בעדע־קען מיט כלאר־זילבער [ווי עס ווערט גע־טהאן מיט פאטאגראפישע פלאטען].

chlorid'ic *a.* (קלא־ריד׳־איק) כלארי־דיש; וואס ענטהאלט אין זיך כלאר.

chlo'ridize *v.* (קלאו׳־רי־דאיז) פערבינ־דען מיט כלאר [ווי דאס ווערט געטהאן מיט זילבער־ערץ אום צו בעקומען ריינע זילבער]; בעדעקען מיט כלאר־זילבער [ווי דאס ווערט געטהאן ביי פאטאגרא־פישע פלאטען].

chlo'rin *n.* (קלאו׳־רין) כלאר [א כע־מישער גרונד עלעמענט, וואס האט א גרין־געלבען קאליר און איז גיפטיג].

chlo'rinated *a.* (קלאו׳־רי־ניי־טעד) וואס ענטהאלט כלאר.

chlorina'tion *n.* (קלאו־רי־ניי׳־שאן) דאס אונטערוואקפען אונטער דער וויר־קונג פון כלאר.

chlo'rine *n.* (קלאו׳־רין) ז. *chlorin*

chlo'rinize *v.* (קלאו׳־רי־נאיז) פערבינ־דען מיט כלאר.

chloriod'ic *a.* (קלאור־אי־אד׳־איק) וואס איז א פערבינדונג פון כלאר און יאד.

chlori'odine *n.* (קלאור־אי׳־א־דין) א פערבינדונג פון כלאר און יאד.

chlo'rite *n.* (קלאו׳־ראיט) דער כלאריט; גרינער טאלק [אזא מינעראל וואס האט א גראז־גרינליכען קאליר].

chlorit'ic *a.* (קלא־ריט׳־איק) וואס ענט־האלט כלאריט. ז. *chlorite*

chlo'ritoid *n.* (קלאו׳־רי־טאיד) א מי־נעראל וואס געהערט צו דער כלאריט־גרופע.

chlo'rize *v.* (קלאו׳־ראיז) ז. *chlorinize*

chlorocal'cite *n.* (קלאו־רא־קעל׳־סאיט) קאלציום־כלאריד [אזא מינעראל וואס ווערט מייסטענס געפונען אין דער לאווא וואס ווערט ארויסגעווארפען פון דעם פייער־שפייענדיגען בארג וועזוף].

chlorocarbo'nic *a.* (קלאו־רא־קאר־באנ׳־איק) וואס בעשטעהט פון דער כע־מישער פערבינדונג פון כלאר מיט קויה־לען־זויערע.

chlorocar'bonous *a.* (קלאו־רא־קאר׳־בא־נאס) ז. *chlorocarbonic*

chlo'rochrous *a.* (קלאו׳־רא־קראס) וואס האט א גרינליכען קאליר.

chlo'rodyne *n.* (קלאו׳־רא־דאין) א בע־טויבענד און שמערץ־איינשטילענד מיטעל.

chlo'roform *n.* and *v.* (קלאו׳־רא־פארם) כלאראפארם [א צוזאמענגעזעצ־טער שטאף פון כלאר־גאז און ספירים]; א שלאפטרונק; כלאראפארמירען, איינ־שלעפערען, בעטויבען.

chlorofor'mic *a.* (קלאו־רא־פאר׳־מיק) וואס איז שייך צו כלאראפארם.

chloroformiza'tion *n.* (קלאו־רא־פאר־מי־זיי׳־שאן) דאס כלאראפארמירען.

chlo'roid *a.* (קלאו׳־ראיד) וואס איז שייך צו דער ווירקונג פון כלאר.

chlorom'eter *n.* (קלא־ראמ׳־ע־טער) א כלאראמעטער, אן אינסטרומענט אויס־צומעסטען די בלייכונגס־קראפט פון כלאר־האלטיגע שטאפען [כלאר־האלטיגע שטא־פען האבען די אייגענשאפט אבצובלייכען פארבען].

chloromet'ric *a.* (קלאו־רא־מעט׳־ריק) וואס איז שייך צו כלאראמעטריע. ז. *chlorometry*

chlorom'etry *n.* (קלא־ראמ׳־ע־טרי) דאס מעסטען די פארבען־בלייכונגס־קראפט פון כלאר־האלטיגע שטאפען.

chlo'rophyl *n.* (קלאו׳־רא־פיל) כלארא־פיל [דער גרינער שטאף אין די בלעטער פון א פלאנצע, וועלכער אסימילירט די נאהרונגס־מאטעריאלען].

chlo'rophyll *n.* (קלאו׳־רא־פיל) ז. *chlorophyl*

chlorophylla'ceous *a.* (קלאו־רא־פי־ליי׳־שיאס) וואס ענטהאלט כלאראפיל. ז. *chlorophyl*

chlorophyl'lian *n.* (קלאו־רא־פיל׳־אי־ען) וואס איז שייך צו כלאראפיל. ז. *chlorophyl*

chloroplatin'ic *a.* (קלאו־רא־פלע־טינ׳־איק) וואס בעשטעהט פון א כעמי־שער פערבינדונג פון כלאר און פלאטין.

chloro'sis *n.* (קלא־ראו׳־סיס) בלייכ־זוכט וואס קומט פון בלוט־ארימקייט.

chlorot'ic *a.* (קלא־ראט׳־איק) בלייכ־זיכטיג, בלוט־ארים.

chlo'rous *a.* (קלאו׳־ראס) וואס איז שייך צו כלאר אדער צו פערבינדונגען מיט כלאר.

chlo'rous ac'id (קלאו׳־ראס עס׳־איד) כלאר־זויערע.

choa'ty *a.* (טשאו׳־טי) דיק, פעט.

chock *n.* and *v.* (טשאק) א פערשטא־פונגס־פלעקעל, א פערשפארונגס־פלעקעל; א קלין; א שטויס, אן אנגריף; פערשטא־פען, פערשפארען; אנגרייפען.

chock'-a-block *a.* and *adv.* (טשאק׳־ע־בלאק) פול מיט א ווערך, מיט א קיים; אנגעפאקט.

chock'-and-block *a.* and *adv.* (טשאק׳־ענד־בלאק) ז. *chock-a-block*

chock'-block *n.* (טשאק׳־בלאק) אזא ברעמזע־פארריכטונג אבצושטעלען אדער איינצוהאלטען די רעדער פון א וואגען.

chock'-full *a.* (טשאק׳־פול) פול ווי אן איי.

choc'olate *n.* and *a.* (טשאק׳־א־לייט) שאקאלאד; געמאכט פון אדער פערמישט מיט שאקאלאד; מיט א שאקאלאד־קאליר.

choc'olate-drops *n.* (טשאק׳־א־לייט־דראפס) שאקאלאד־באנבאנס [צוקער־קעס].

choc'olate-house *n.* (טשאק׳־א־לייט־האוס) א קאנפעקטען־געשעפט, א שאקא־לאד־געשעפט; א קאפע־הויז.

choc'olate-mill *n.* (טשאק׳־א־לייט־מיל) א שאקאלאד־פאבריק.

choc'olate-nut *n.* (טשאק׳־א־לייט־נאט) די בעבלעך פון דעם קאקאא־בוים [פון וועלכע עס ווערט געמאכט שאקא־לאד].

choc'olate-tree *n.* (טשאק׳־א־לייט־טריע) דער קאקאא־בוים.

choice *n.* and *a.* (טשאיס) 1. וואהל; ברירה; דאס אויסקלייבען; דער אויס־געקליבענער; 2. גוט, פארטרעפליך.

1. The election did not result in a choice.
2. The dress was made of choice material.

choice'less *a.* (טשאיס׳־לעס) אהן ברירה, געצוואונגען.

choice'ly *adv.* (טשאיס׳־לי) אויסגעצייי־כענט, אויסערוועהלט, פארטרעפליך.

choice'ness *n.* (טשאיס׳־נעס) דאס זיין

אויסגעצייכענט, פארטרעפליך; דאס זיין אבגעקליבען.

choir *n. and v.* (קהוואיר) א כאר [פון זינגער]; דער קאר אין א קירך [דער פלאץ וואו די זינגער שטעהען אדער די גלחים זיצען]; זינגען אין כאר.

choir'-boy *n.* (קהוואיר'-באי) א אינגעל וואס זינגט אין א כאר.

choir'-lea'der *n.* (קהוואיר'-ליע'-דער) ז. ***choirmaster***.

choir'man *n.* (קהוואיר'-מען) א זינגער פון א כאר.

choir'master *n.* (קהוואיר'-מעס-טער) א כאר-דירינענט.

choir'-or'gan *n.* (קהוואיר'-אר'-גען) אן ארגעל.

choir'-screen *n.* (קהוואיר'-סקריען) אזא אבצאמונג וואס ווערט געמאכט אין א קירך פאר'ן כאר.

choir'-ser'vice *n.* (קהוואיר'-סויר'-ווים) די תפילות אין קירך וואס ווערען געזונגען פון כאר.

choke *v. and n.* (טשאוק) 1. דערשטיקען, דערווערגען, פערשטיקען; שטיקען זיך; 2. א פעראיינגטע [ביים ענדע] לאך פון א הארמאט; 3. דער עק פון א ראקעט; 4. דער אפענער פלאץ אין מיטען שטאדט וואו עס געפינט זיך דער מארק [אין אינדיען].

1. He choked with laughter.

choke'berry *n.* (טשאוק'-בער-אי) אזא אמעריקאנער קוסטען-בוימעל; די יאגדעס פון דיזען קוסטען-בוימעל.

choke'-bore *n. and v.* (טשאוק'-באור) א פערקלענערטע [ביים ענדע] לאך פון א ביקס; א ביקס מיט אזא לאך; מאכען אזא לאך.

choke'-cher'ry *n.* (טשאוק'-טשער'-אי) א מין ביטערער ווילדער קארש.

choke'-damp *n.* (טשאוק'-דעמפ) שטיקענדער, קויהלען-זויערער גאז [אין א קויהלען-שאכטע].

chokedar' *n.* (טשאו-קע-דאר') א וועכטער, א פאליציייסקער [אין אינדיען].

choke'-full *a.* (טשאוק'-פול) אנגעפאקט; פול ווי אן אויג.

The room was choke-full of people.

choke'-pear *n.* (טשאוק'-פעהר) אזא בארנע וואס האט א שטארקען זויערען טעם.

cho'ker *n.* (טשאו'-קער) דער אדער דאס וואס שטיקט, דערווערגט; דאס וואס מאכט שווייגען, אן ארגומענט, אויף וועלכען מען קען ניט ענטפערען; א הויכער קראגען.

cho'king *a.* (טשאו'-קינג) שטיקענד, ווערגענד.

cho'ky *a.* (טשאו'-קי) שטיקענד; ווערגענד.

To stay in a choky room is unhealthy.

chol'agogue *n.* (קאל'-ע-גאג) א מעדיצינישער מיטעל צו פערמעהרען די בילדונג פון גאל אין קערפער.

cholangioi'tis *n.* (קא-לענ-דזשי-א-אי'-טיס) אן ענטצינדונג פון די גאל-קאנאלען.

cholecysti'tis *n.* (קאל-אי-סיס-טאי'-טיס) ענטצינדונג פון דער גאל.

choledog'raphy *n.* (קאל-אי-דאג'-רע-פי) די בעשרייבונג פון דער גאל.

chol'eic *a.* (קאל'-אי-איק) וואס איז שייך צו דער גאל.

chol'er *n.* (קאל'-ער) גאל; ביטערניש, צארן.

chol'era *n.* (קאל'-ע-רא) כאלעריע.

cholera'ic *a.* (קאל-ע-ריי'-איק) וואס איז שייך צו כאלעריע.

chol'era infan'tum (קאל'-ע רא אינ-פענ'-טאם) כאלערינקע, בויך-קרעמפען [ביי קליינע קינדער].

chol'era mor'bus (קאל'-ע-רא מאר'-באס) בויך-קרעמפען, א שטארקער בויך-ווערטאג [ביי דערוואקסענע].

chol'eric *a.* (קאל'-ע-ריק) גאליק; וואס ווערט שנעל אין כעס; וואס ערגערט זיך, וואס רעגט זיך אויף.

chol'eriform *a.* (קאל'-ע-רי-פארם) וואס איז עהנליך צו כאלעריע.

chol'erine *n.* (קאל'-ע-רין) דיא ערשטע שטופע פון כאלעריע; כאלערינקע [א לייכטע פארם פון כאלעריע].

chol'eroid *a.* (קאל'-ע-ראיד) וואס איז שייך צו כאלעריע.

cholester'ic *a.* (קאל-עס-טער'-איק) וואס איז שייך צו קאלעסטערין. ז. ***cholesterin***.

choles'terin *n.* (קא-לעס'-טע-רין) קאלעסטערין [א ווייסער, פעטליכער שטאף, וואס געפינט זיך אין פערשיעדענע טיילען פון קערפער, בעזונדערס אין גאל און אין די נערווען].

choles'terine *n.* (קא-לעס'-טע-רין) ז. ***cholesterin***.

cho'liamb *n.* (קאו'-לי-עמב) דער קאליאמבוס, דער הינקענדער יאמבוס [א געוויסע פארם פון שרייבען ליעדער, וואו דער פערז בעשטעהט פון א יאמבישען טרימעטער מיט א טראכעאוס אויף'ן לעצטען פוס].

choliam'bic *a. and n.* (קאו-לי-עמ'-ביק) וואס איז שייך צו דעם קאליאמבוס; דער קאליאמבוס. ז. ***choliamb***.

chol'ic *a.* (קאל'-איק) וואס איז שייך צו דער גאל.

chomp *v.* (טשאמפ) קייען, בייסען, צוגריזשען.

chon'dral *a.* (קאנ'-דרעל) וואס איז שייך צו כראמישקע [קנארפעל, כראשין].

chon'drin *n.* (קאנ'-דרין) דער תמצית פון כראמישקע [וואס בעקומט זיך ווען מען קאכט עס אויס אין וואסער. ווען דאס קיהלט זיך אב, ווערט דאס פערגליווערט ווי סמודען].

chon'drine *n.* (קאנ'-דרין) ז. ***chondrin***.

chondri'tis *n.* (קאנ-דראי'-טיס) די ענטצינדונג פון דער כראמישקע (קנארפעל, כראשטש].

chon'drodite *n.* (קאנ'-דרא-דאיט) אזא העל-געלבער ברעקעלדיגער מינעראל.

chondrog'raphy *n.* (קאנ-דראג'-רע-פי) א וויסענשאפטליכע בעשרייבונג וועגען קנארפעל-פלייש [כראמישקע].

chon'droid *a.* (קאנ'-דראיד) וואס איז עהנליך צו כראמישקע, וואס איז שייך צו דער כראמישקע.

chondrol'ogy *n.* (קאנ-דראל'-א-דזשי) די לעהרע וועגען קנארפעל-פלייש [כראמישקע].

chondrom'eter *n.* (קאנ-דראמ'-ע-טער) א וואג-שאל צו וועגען תבואה.

chondropteryg'ian *n.* (קאנ-דראפ-טע-רידזש'-אי-ען) דער קנארפעל-פיש [א פיש, וועלכער האט א כראמישקע-סקעלעט].

Chondros'tei *n.* (קאנ-דראס'-טי-אי) די קנארפעל-פיש [דער מין פיש וואס זייער סקעלעט בעשטעהט הויפטזעכליך פון כראמישקע].

chon'drotome *n.* (קאנ'-דרא-טאום) אזא מעסער צום שניידען כראמישקע [קנארפעל].

chondrot'omy *n.* (קאנ-דראט'-א-מי) דאס שניידען כראמישקע [קנארפעל]; די צוגלידערונג פון כראמישקע.

choo'sable *a.* (טשו'-זעבל) וואס קען אויסגעוועהלט ווערען; ווינשענסווערטה.

choose' *v.* (טשוהז) וועהלען, אויסקלייבען; פערלאנגען; אבשטעלען זיך אויף איינס פון די ביידע.

Choose the right and shun evil.

choo'ser *n.* (טשוה'-זער) א וועהלער, אן אויסקלייבער.

choo'sing *a.* (טשוה'-זינג) אויסקלייבענדיג, אויסוועהלענדיג.

choo'singly *adv.* (טשוה'-זינג-לי) דורך אויסוואהל.

chop *v. and n.* (טשאפ) 1. האקען, צושניידען; שפאלטען; זיך כאפען, זיך צוכאפען; טוישען, בייטען; 2. א שטיק; א פלייש-ריפעלע צום בראטען; שפאלט, שנים, ריץ.

1. The boy came to chop the firewood. 2. He ordered a chop for his breakfast.

chop about' *v.* (טשאפ ע-באוט') זיך פלוצלונג ענדערען.

chop'-cher'ry *n.* (טשאפ'-טשער'-אי) אזא שפיעל, וואו מען הענגט אויף א קארש אויף א פאדים און מען דארף איהם אנכאפען מיט די צייהנער.

chop'fallen *a.* (טשאפ'-פאהלן) ארונטערגעפאלען ביי זיך, זעהר שטארק אויסגעמאטערט.

chop'-house *n.* (טשאפ'-האוס) א גארקיך [ספעציעל פון ביפשטעקס און בראטענס].

chop in (טשאפ אין) אונטערברעכען; אינגעריכט קומען, פלוצלונג אריינפאהרען.

chopine' *n.* (טשא-פין') זעהר א הויכער קאריק פון א פרויען-שוך; א שאפען [א פראנצויזישע מאס פאר פליסיגקייטען].

chop'-logic *n.* (טשאפ'-לארזש-איק) א דיספוטאנט; א בעל פלפול; א האר-שפאלטער; פערדרעהטע לאגיק.

chop'ness *n.* (טשאפ'-נעס) אזא מין לאפעטע.

chop off (טשאפ אף) אבהאקען.

chop out with (טשאפ אוט הוויטה) ארויספלאצען, ארויסטרעטען פלוצים מיט לשון.

chopped *a.* (טשאפט) צוהאקט.

chop'per *n.* (טשאפ'-ער) א פלייש-האקער ביי א קצב; א גארטען-לאפעטע.

chop'ping *a.* (טשאפ'-אינג) וואס שטראמט אין קליינע, געבראכענע וועלען [כוואליעס].

chop'ping-block *n.* (טשאפ'-אינג-בלאק) א האק-קלאץ [ווי ביי א קצב].

chop'ping-board *n.* (טשאפ'-אינג-באורד) א האק-ברעט [ווי אין קיך].

chop'ping-knife *n.* (טשאפ'-אינג-נאיף) א האק-מעסער.

chop'ping-mill *n.* (טשאפ'-אינג-מיל) א מיהל וואו עס ווערט גראב געמאהלען תבואה אלס פוטער פאר בהמות.

chop'ping sea (טשאפ'-אינג סיע) א שטורעמדיגער ים [וואו די כוואליעס ברעכען זיך און ווערען צוהאקט].

chop'ping-tray *n.* (טשאפ'-אינג-טריי) אזא הילצערנע מולטער צו האקען פלייש.

chop'py *a.* (טשאפ'-אי) פול מיט שפאלטען; צוטרעשטשעט; בעדעקט מיט קליינע, קורצע, געבראכענע וועלען [כוואליעס].

chops *n.* (טשאפס) דאס מויל; די באק; די קינבאק.

chops and chan'ges (טשאפס ענד טשיינ'-דזשעז) וועקסעל־פעלע, ענדערונ־גען, א מאל ארויף א מאל אראב.

chop'-sticks *n.* (טשאפ'-סטיקס) קליינע שטעקעלעך, וועלכע די כינעזער און יאפאנע־זער בענוצען צום עסען אנשטאט מעסער און גאפעל.

Chop-sticks

chop-su'ey *n.* (טשאפ-סו'-אי) אזא מין כינע־זישער געריכט פון גע־קאכטע הוהן אדער חזיר מיט גרינסען געקאכט אין זייער אייגענעם סאוס.

chop up (טשאפ אפ) צוהאקען אין שטיקלעך; אוועקכאפען.

chorag'ic *a.* (קא-רעדזש'-איק) וואס איז שייך צום כאראגוס [כאר־דיריגענט אין אלט־גריכישען טעאטער].

chora'gus *n.* (קא-ריי'-גאס) דער כארא־גוס [כאר־דיריגענט אין טעאטער ביי די אלטע גריכען].

cho'ral *a. and n.* (קאו'-רעל) 1. וואס געהערט צו א כאר; 2. דער כאראל [א מוזיקאלישע קאמפאזיציאן וואס דארף גע־זונגען ווערען פון כאר].

1. He organized a choral society.

cho'ral-book *n.* (קאו'-רעל-בוק) א זאמלונג פון מוזיקאלישע קאמפאזיציאנען פאר א כאר; א זאמלונג פון כאר־ליעדער.

cho'rale *n.* (קאו'-רעל) א מוזיקאלישע קאמפאזיציאן פאר א כאר.

chora'leon *n.* (קא-ריי'-לי-אן) אזא קירכען־ארגעל.

cho'ralist *n.* (קאו'-רעל-איסט) א כאר־זינגער; א פערפאסער פון כאר מוזיק.

cho'rally *adv.* (קאו'-רעל-אי) אויף דעם אופן פון א כאר; אין כאר.

cho'ral ser'vice (קאו'-רעל סויר'-ווים) א גאטעס־דיענסט מיט מוזיק.

chorau'la *n.* (קא-ראה'-לא) דאס צי־מער אין א קירך וואו דער כאר מאכט פראבע.

chord *n. and v.* (קאהרד) א סטרונע; א שטריקעל; אן אקארד [א הארמאנישע צוזאמענגיסונג פון מוזיקאלישע טענער]; א כארדע [א בעצייכענונג אין געאמעטריע פאר א גראדע ליניע וואס שניידט דורך א קרייז ניט אין צענטער]; קלינגען הארמאניש.

chor'dal *a.* (קאהר'-דעל) וואס איז שייך צו א סטרונע אדער אן אקארד.

chordom'eter *n.* (קאהר-דאמ'-ע-טער) אזא אינסטרומענט צו מעסטען די דיק פון סטרונעס אדער שטריק.

chore *n.* (טשאור) די גע־הויז־ארבייט; וועהנליכע, שטענדיגע ארבייט אין א הויז, אויף א פערמע א. ד. ג.

chore'a *n.* (קא-ריי'-ע) וויטעס־טאנץ [א מין קאנוואולסיווע נערווען־קראנק־הייט].

chore'al *a.* (קא-ריי'-על) וואס איז שייך צו וויטעס־טאנץ; וואס ליידעט פון וויטעס־טאנץ. ז. *chorea*

chore'-boy *n.* (טשאור'-באי) א יונג וואס טהוט די שטענדיגע ארבייט אין א הויז, אויף א פערמע א. ד. ג.

choreg'raphy *n.* (קא-רעג'-רעפ-אי) כארעאגראפיע [דאס פערפאסען באלע־טען].

chore'ic *a.* (קא-רי'-איק) ז. *choreal*

chore'iform *a.* (קא-רי'-אי-פארם) וואס איז שייך אדער איז עהנליך צו דער קראנק־הייט וויטעס־טאנץ.

chore'oid *a.* (קא-רי'-איד) ז. *choreiform*

chorepis'copus *n.* (קאו-ריע-פיס'-קא-פאס) דער כארעאפיסקאפ [א הויכער גייסטליכער אין ראנג צווישען א בישאף און פרעסביטער].

chore'us *n.* (קא-רי'-אס) דער כארעאוס [א פארם פון שרייבען געדיכטע, וואו די טאקטען, אויף וועלכע יעדע שורה איז איינגעטיילט, בעשטעהען פון צוויי זילבען און דער אקצענט איז אויף דער ערשטער:
א',-וואס‖קלינגט'-איהר‖קיר'-כען‖גלא'-קען‖
הערט'-שוין‖אויף'-גע‖נוג'-נע‖שרא'-קען].

cho'riamb *n.* (קאו'-רי-עמב) דער כארי־אמבוס [א פארם פון שרייבען געדיכטע, וואו די טאקטען, אויף וועלכע יעדע שורה איז איינגעטיילט, בעשטעהען פון פיער זילבען: די ערשטע און די פיער־טע לאנגע און די צוויי מיטעלע — קורצע, ווי | — ◡ ◡ — | — ◡ ◡ — | ·].

choriam'bus *n.* (קאו-רי-עמ'-באס) ז. *choriamb*

cho'ric *a.* (קאו'-ריק) וואס איז שייך צו א כאר.

cho'rion *n.* (קאו'-רי-אן) די אויסערע הייטעל, אין וועלכער עס האלט זיך דער עמבריא [די זאמען־פרוכט אין דער גע־בעהר־מוטער, פון וועלכע דאס קינד ענט־וויקעלט זיך].

cho'rist *n.* (קאו'-ריסט) א כאריסט, כאר־זינגער, משורר.

chor'ister *n.* (קאר'-איס-טער) א זינ־גער; א זינגער אין א קירכען־כאר; דער פיהרער פון א כאר.

cho'rograph *n.* (קאו'-רא-גרעף) אזא אינסטרומענט וואס ווערט בענוצט ביים אויפנעהמען א פלאן פון א לאנדשאפט.

chorog'rapher *n.* (קא-ראג'-רע-פער) א כאראגראף, א לאנד־בעשרייבער [בע־זאנדערס איינער וואס אונטערזוכט די ערטער וועלכע ווערען דערמאנט אין היס־טאריע און בעשטימט זייער ריכטיגען פלאץ].

chorograph'ic *a.* (קאו-רא-גרעפ'-איק) כאראגראפיש, לאנד־בעשרייבענד.

chorograph'ical *a.* (קאו-רא-גרעפ'-אי-קעל) ז. *chorographic*

chorograph'ically *adv.* (קאו-רא-גרעפ'-אי-קעל-אי) אויף א כאראגראפישען שטייגער. ז. *chorography*

chorog'raphy *n.* (קא-ראג'-רע-פי) כא־ראגראפיע [די בעשרייבונג פון א לאנד; איבערהויפט די בעצייכנונגען פון פלע־צער וועלכע זיינען דערמאהנט אין אלטע שריפטען].

cho'roid *a.* (קאו'-ראיד) ווי די אויסערע הייטעל פון א זאמען־אייעלע. ז. *chorion*

cho'roid coat (קאו'-ראיד קאוט) דאס מיטעלע הייטעל פון אויג־אפעל.

chorolog'ical *a.* (קאו-רא-לאדזש'-אי-קעל) וואס איז שייך צו לאנד־בעשרייבונג; וואס איז שייך צו דער געאגראפישער פערטיילונג פון חיות און פלאנצען.

chorol'ogist *n.* (קא-ראל'-א-דזשיסט) א קענער פון לאנד־בעשרייבונג, איינער וואס שטודירט די געאגראפישע פערטיי־לונג פון חיות און פלאנצען.

chorol'ogy *n.* (קא-ראל'-א-דזשי) די וויסענשאפט פון לאנד־בעשרייבונג; די וויסענשאפט פון דער געאגראפישער פער־טיילונג פון חיות און פלאנצען [ד. ה. וועלכע חיות און פלאנצען אין יעדען לאנד געפינען זיך].

choroma'nia *n.* (קאו-רא-מיי'-ני-א) כאראמאניע [אן אוננארמאלער חשק צום טאנצען].

chorom'etry *n.* (קא-ראמ'-ע-טרי) די קונסט פון לאנד־מעסטונג.

cho'rus *n. and v.* (קאו'-ראס) א כאר, א קאמפאניע זינגער; א מוזיק־שטיק וואס ווערט געזונגען אין כאר; זינגען אין כאר, מיט'ן גאנצען עולם.

chose *n.* (שאוז) א רעכטס־אביעקט [א זאך, א געגענשטאנד, וועלכע קען זיין אי־מעצענס אייגענטום].

chose (טשאוז) אויסגעקליבען, אויסגע־וועהלט. ז. *choose*

cho'sen *a.* (טשאוזן) אויסגעוועהלט, אויסגעקליבען.

chough *n.* (טשאף) א מין קראהע [א שווארצער פויגעל].

chouse *v. and n.* (טשאוס) בעטריגען; אבטהאן א שטוקע, בּעשווינדלען; א שווינדלער, בעטריגער; א טערקישער אי־בערזעצער.

chow'-chow *a. and n.* (טשאו'-טשאו) געמישט; פערשידענעס; א געמישעכץ; א געריכט פון געמישטע איינגעזייערטע ארטיקלען.

chow'der *n. and v.* (טשאו'-דער) פיש אדער אוסטריצעס געקאכט מיט געמיזע; קאכען פיש אדער אוסטריצעס מיט געמיזע.

chow'ry *n.* (טשאו'-רי) א סארט בעזימעל אדער פעכער צו פערטרייבען פליעגען [דיענט אין איינינע ערטער פון אזיען אלס א סימבאל פון קעניגליכער מאכט].

chrematis'tics *n.* (קריע-מע-טיס'-טיקס) די לעהרע וועגען בעזיץ אדער רייכטום: פאליטישע עקאנאמיע.

chrestomath'ic *a.* (קרעס-טא-מעטה'-איק) וואס איז שייך צו א כרעסטאמאטיע. ז. *chrestomathy*

chrestomath'ical *a.* (קרעס-טא-מעטה'-אי-קעל) ז. *chrestomathic*

chrestom'athy *n.* (קרעס-טאמ'-ע-טהי) כרעסטאמאטיע, א מוסטער־זאמלונג [א לעזע־בוך פאר שילער, וואס איז צוזאמענ־געשטעלט פון שטיקלעך ליטעראטור פון פערשיעדענע שרייבער].

chrism *n. and v.* (קריזם) זאלבונגס־אויל [א זאלב, וואס ווערט געברויכט אין די קירכען ביי פערשיעדענע רעליגיעזע צע־רעמאניעס]; זאלבען מיט'ן הייליגען זאלב.

chris'mal *a. and n.* (קריז'-מעל) וואס געהערט צו דער זאלבונג אדער צום זאל־בונגס אויל; דער אויל־קריגעל [אין קיר־כע]. ז. *chrism*

chrisma'tion *n.* (קריז-מיי'-שאן) די בעשמירונג מיט זאלבונגס־אויל [א רע־ליגיעזע צערעמאניע אין די קאטוילישע און אנדערע קירכען].

chris'matory *n.* (קריז'-מע-טא-רי) דער אויל־קריגעל [א קריגעל אין וועלכען מען האלט זאלבונגס־אויל פאר געוויסע רע־ליגיעזע צערעמאניעס אין די קאטוילישע און אנדערע קירכען].

chris'om *n.* (קריז'-אם) דאס קינד, וועל־כעס שטארבט אין ערשטען מאנאט נאך'ן געבורט.

chris'om-child *n.* (קריז'-אם-טשאילד) אן אונשולדיגעס קינד.

chris'om-cloth *n.* (קריז'-אם-קלאטה) דאס טויף־קלייד [א שטיק געאוילטע ליי־

ווענד, אין וועלכען מען פלעגט אמאל איינוויקלען דאס קינד באלד נאך'ן טויפען].

Christ *n.* (קראיסט) יעזוס קריסטוס.

Christ'-child *n.* (קראיסט'-טשאילד) דאס בילד פון קריסטוס אלס קינד.

christ'-cross *n.* (קריס'-קראס) א קרייץ־צייכען אלס אן אונטערשריפט; דער אנהויב און דער סוף.

christ'cross-row *n.* (קריס'-קראס ראו) אן א-בע-צע [*a-b-c*].

chris'ten *v.* (קריסן) טויפען; געבען א נאמען [ביי קריסטען].

Chris'tendom *n.* (קריס'ן-דאם) קריסטענטום, די קריסטליכע וועלט; אלע די, וואס האלטען זיך צו קריסטליכען גלויבען.

chris'tening *n.* (קריס'ן-אינג) דאס טויפען; דאס געבען א נאמען [ביי קריסטען].

Christ'hood *n.* (קראיסט'-הוד) קריסטענטום.

chris'tian *n.* (קריס'-טשען) א דענישע גאלדענע מטבע וואס האט דעם ווערטה פון אן ערך 4 אמעריקאנער דאלאר.

Chris'tian *n. and a.* (קריס'-טשען) א קריסט; דער וואס פיהרט זיך אויף לויט די פרינציפען פון די קריסטליכע לעהרען; קריסטליך; וואס האלט זיך צו דעם קריסטליכען גלויבען; וואס פיהרט זיך אויף לויט די פרינציפען פון קריסטענטום.

Christian'ity *n.* (קריס-טשי-ענ'-אי-טי) קריסטענטום; די קריסטליכע רעליגיאן.

Christianiza'tion *n.* (קריס-טשענ-אי-זיי'-שאן) דאס בעקעהרען צום קריסטענטום.

Chris'tianize *v.* (קריס'-טשענ-איז) קריסטליך מאכען; בעקעהרען צום קריסטליכען גלויבען.

Chris'tianizer *n.* (קריס'-טשענ-אי-זער) דער וואס בעקעהרט צום קריסטענטום.

Chris'tian name (קריס'-טשען ניים) דער טויף־נאמען, דער ערשטער נאמען.

Chris'tian Sci'ence (קריס'-טשען סאי'-ענס) אזא סיסטעם צו היילען קערפערליכע און גייסטיגע קראנקהייטען געבויט אויף'ן גלויבען, אז אלץ אין דער וועלט איז געטליך און גייסטיג, און דעריבער אויב דעם מענשען טהוט עפעס וועה, איז דיזער וועהטאג ניט מעהר ווי זיין איינבילדונג, וועלכע איז צו איהם געקומען דורך זיין ניט רעליגיעזער, ניט קריסטליכער אויפפיהרונג. און דעריבער אויב דער מענש איז מיט אן אמת פרום און קריסטליך, קען צו איהם אזא איינבילדונג ניט קומען און דערפון איז ער ממילא געזונד [דיעזע סיסטעם איז געגרינדעט אין אמעריקא פון פרוי עדדי אין יאהר 1866].

Chris'tian so'cialism (קריס'-טשען סאו'-שעל-איזם) דער קריסטליכער סאציאליזם [די סאציאליסטישע ריכטונג אין אמעריקא, וועלכע בעהויפטעט, אז דער מאדערנער סאציאליזם קען פערווירקליכט ווערען דורך א פאלשטענדיגע דורכפיהרונג פון די פרינציפען און לעהרען פון קריסטענטום]; א געוויסע בעוועגונג אין ענגלאנד אין יאהר 1850 וואס איז בעשטאנען פון א געמיש פון סאציאליסטישע און קריסטליכע פרינציפען.

Christ'less *a.* (קראיסט'-לעס) ניט קריסטליך; וואס פיהרט זיך אויף ניט לויט די קריסטליכע לעהרען; וואס גלויבט ניט אין קריסטוס.

Christ'like *a.* (קראיסט'-לאיק) קריסטליך.

Christ'liness *n.* (קראיסט'-לי-נעס) דאס זיין קריסטליך.

Christ'ly *a.* (קראיסט'-לי) קריסטליך.

Christ'mas *n.* (קריס'-מעס) וויינאכטען [דער יום־טוב לכבוד קריסטוס'ס געבורטסטאג].

Christ'mas box (קריס'-מעס באקס) א וויינאכטס־מתנה.

Christ'mas cake (קריס'-מעס קייק) דער וויינאכטען־קוכען.

Christ'mas car'ol (קריס'-מעס קער'-אל) דאס וויינאכטס־ליעד [א ליעד וואס ווערט געזונגען אין וויינאכטען לכבוד קריסטוס'ס געבורט].

Christ'mas eve (קריס'-מעס איעוו) וויינאכטס־אבענד.

Christ'mas pie (קריס'-מעס פאי) וויינאכטס־פאשטעט־קוכען.

Christ'mas pud'ding (קריס'-מעס פוד'-אינג) וויינאכטס־פודינג.

Christ'mas rose (קריס'-מעס ראוז) קריסט־ווארצעל [א מין פלאנצע אויף וועלכער עס וואקסען ראזען־עהנליכע בלומען און וועלכע בליהט אין ווינטער].

Christ'mas tale (קריס'-מעס טייל) די מעשה פון וויינאכטען.

Christ'mas-tide *n.* (קריס'-מעס-טאיד) די וויינאכטס־צייט, דער סעזאן פון וויינאכטען [פון 25טען דעצעמבער ביז דעם 6טען יאנואר].

Christ'mas tree (קריס'-מעס טריע) דער וויינאכטס־בוים [א יאלקע].

Christocen'tric *a.* (קריס-טא-סענ'-טריק) וואס איז שייך צו דער טענדענץ פון שטעלען קריסטוס'ען אין דעם צענטער פון דער וועלט־געשיכטע.

Christolog'ical *a.* (קריס-טא-לאדזש'-אי-קעל) וואס איז שייך צו דער לעהרע וועגען קריסטוס.

Christol'ogy *n.* (קריס-טאל'-א-דזשי) די לעהרע וועגען קריסטוס.

Christoph'any *n.* (קריס-טאפ'-ע-ני) די פארשטעלונג פון קריסטוס ערשיינונג נאך זיין טויט.

Christ's'-thorn *n.* (קראיסטס'-טהארן) אזא דארן־בוימעל, וועגען וועלכען די קריסטליכע לעגענדע דערצעהלט, אז מען האט פון איהם געמאכט דעם דארן־קראנץ אויף קריסטוס'עס קאפ.

chro'ma *n.* (קראו'-מא) אן ארט גאמא פון מוזיקאלישע טענער; אן ערעלע פארם פון ריידען ניט צו בעליידיגען די צוהערער; די שאטירונגען פון קאלירען אין זייער פערשטארקונג שטופענווייז [ווי למשל פון גרוי ביז ווייס].

Chro'ma *n.* (קראו'-מא) א מין אינזעקטען מיט שופען־פליגעלעך [די פליגעלעך האבען דעם אויסזעהן ווי שופען פון א פיש].

chromam'eter *n.* (קרא-מעמ'-ע-טער) א כראמאמעטער [אן אינסטרומענט וואס ווערט געברויכט צום אנשטעלען דעם טאן פון פיאנאס].

chro'mascope *n.* (קראו'-מע-סקאופ) אן אפטישער אפאראט צו ווייזען געוויסע עפעקטען פון קאלירען.

chro'mate *n.* (קראו'-מיים) א זאלץ פון כראם־זויערע [א כעמישער פראדוקט].

chromat'ic *a.* (קרא-מעט'-איק) פארבינג; וואס איז שייך צו פארבען; וואס ווערט געשפיעלט אין פרעמדע טענער, ניט לויט דעם געוועהנליכען טאן־לייטער.

chromat'ic attach'ment (קרא-מעט' איק ע טעטש' מענט) אן אפאראט וואס ווערט צוגעשטעלט צו א דרוק־מאשין צום דרוקען אין מעהרערע פארבען.

chromat'ic inten'sity (קרא-מעט'-איק אינ-טענ'-סי-טי) די שטארקייט פון א פארבען־שאטירונג וועלכע נעהמט שטופענווייז פון בלאסערע קאלירען צו העלערע.

chromat'ic prin'ting (קרא-מעט'-איק פרינ'-טינג) פארבען־דרוקעריי [א דרוקזאך אין פערשיעדענע פארבען און שאטירונגען עהנליך צום רעגען־בויגען].

chromat'ic prin'ting-press (קרא-מעט'-איק פרינ'-טינג-פרעס) א דרוק־מאשין צום דרוקען מיט מעהרערע פארבען אויף א מאל.

chromat'ics *n.* (קרא-מעט'-איקס) די פארבען־לעהרע; די לעהרע אדער וויסענשאפט וועגען קאלירען.

chromat'ic type (קרא-מעט'-איק טאיפ) אזעלכע בוכשטאבען וועלכע ווערען בענוצט צום דרוקען אין פארבען [ד. ה. אז יעדער בוכשטאב זאל זיין געדרוקט אין מעהרערע פארבען].

chro'matize *v.* (קראו'-מע-טאיז) דורכווייקען מיט כראם.

chromatog'enous *a.* (קראו-מע-טאדזש'-ע-נאס) וואס בילדעט פארבען.

chro'matograph *n.* (קראו'-מע-טא-גרעף) אן אפאראט צו בילדען פערשיעדענע שאטירונגען פון קאלירען.

chromatog'raphy *n.* (קראו-מע-טאג'-רע-פי) די בעשרייבונג פון קאלירען.

chromatol'ogy *n.* (קראו-מע-טאל'-א-דזשי) די קאלירען־לעהרע; די וויסענשאפט וועגען קאלירען.

chromatom'eter *n.* (קראו-מע-טאמ'-ע-טער) אן אינסטרומענט צו מעסטען אדער אונטערשיידען קאלירען.

chromatop'sia *n.* (קראו-מע-טאפ'-סי-א) אן אוננארמאלער צושטאנד, ווען פאר די אויגען שוועבען קאלירען, וועלכע זיינען אין דער ווירקליכקייט ניטא אדער ווען מען זעהט זאכען ניט אין זייער ווירקליכען קאליר.

chro'matopsy *n.* (קראו'-מע-טאפ-סי) ז. *chromatopsia*.

chro'matoscope *n.* (קראו'-מע-טא-סקאופ) דער כראמאטאסקאפ [אן אינסטרומענט צו פעראייניגען פערשיעדענע קאלירען וואס שיינען אב פון בעזונדערע אויבערפלעכען].

chro'matrope *n.* (קראו'-מע-טראופ) דער כראמאטראפ [אזא מין שפיעל־צייג וואס בעשטעהט פון א רעדעל וועלכער איז געצייכענט מיט פערשיעדענע קאלירען אין אזא ארדנונג, דאס ווען מען דרעהט איהם דוכט זיך, אז שטראמען קאלירען פליהען פון צענטער ארער צו איהם].

chrome *n. and v.* (קראום) כראם [א מעטאל, איינער פון די כעמישע גרונד עלעמענטען]; כראמירען [אן ארט וואשען ביי קליידער־פארבער].

chrome'-black *n.* (קראום'-בלעק) כראם־שווארץ [אזא פארב אין קליידער־פארבעריי].

chrome'-col'or *n.* (קראום'-קאל'-אר) כראם־פארב [א פארב וואס איז געמאכט פון א געוויסע כראם־זאלץ].

chrome'-green *n.* (קראום'-גריען) כראם־גרין [א פארב געמישט פון כראם־געלב מיט פרייסישע בלוי].

chrome'-or'ange *n.* (קראום'-אר'-ענדזש) אזא העל־געלבע פארב.

chrome'-red *n.* (קראום'-רעד) כראם־רויט [א העל־רויטע פארב].
chrome'-yel'low *n.* (קראום'-יעל'-או) כראם־געלב [א העל־געלבע פארב].
chro'mic *a.* (קראו'-מיק) וואס איז שייך צו אדער בעשטעהט פון כראם.
chro'mic ac'id (קראו'-מיק עס'-איד) כראם־זויער [א כעמישער פּראדוקט].
chromiom'eter *n.* (קראו-מי-אמ'-ע-טער) אן אפּאראט צו פּרובירען וואסער אויף וויפיעל עס איז ריין פון פארב־שטאפע.
chro'mite *n.* (קראו'-מאיט) דער כרא־מיט, א מין מינעראל, וואס ענטהאלט כראם; די ערץ פון כראם־אייזען.
chro'mium *n.* (קראו'-מי-אם) כראם [א מעטאל, איינער פון די כעמישע גרונד־עלעמענטען. אין ריינעם צושטאנד האט ער דעם אויסזעהן פון א העל־גרויעם פולווער פון קליינע קריסטאלכעלעך].
chro'mo *n.* (קראו'-מאו) פערקירצונג פון *chromolithograph*
chro'mogen *n.* (קראו'-מא-דזשען) די פארב־שטאף פון פלאנצען.
chro'mograph *n.* (קראו'-מא-גרעף) א העקטאגראף. ז. *hectograph*
chromolith'ograph *n. and v.* (קראו-מא-ליטה'-א-גרעף) א בילד געדרוקט אין פארבען; דרוקען בילדער אין פארבען.
chromolithog'rapher *n.* (קראו-מא-לי-טהאג'-רע-פער) דער וואס דרוקט ביל־דער אין פארבען.
chromolithograph'ic *a.* (קראו-מא-ליטה-א-גרעפ'-איק) וואס איז געדרוקט אין פארבען; וואס איז שייך צו כראמא־ליטאגראפיע.
chromolithog'raphy *n.* (קראו-מא-לי-טהאג'-רע-פי) כראמאליטאגראפיע [דאס דרוקען בילדער אין פערשיעדענע פארבען].
chromoph'orous *a.* (קרא-מאפ'-א-ראס) וואס גיט ארויס קאלירען.
chromophotog'raphy *n.* (קראו-מאו-פא-טאג'-רע-פי) דאס פאטאגראפירען אין פערשיעדענע קאלירען.
chro'mosphere *n.* (קראו'-מא-ספיער) דער שיכט פון גליהענדען רויטען גאז, וואס רינגעלט ארום די זון.
chromospher'ic *a.* (קראו-מא-ספער'-איק) וואס איז שייך צו דעם גליהענדען רויטען שיכט, וואס רינגעלט ארום די זון.
chro'motype *n.* (קראו'-מא-טאיפ) א פאטאגראפישער פראצעס, וואו עס ווערט בענוצט א געוויסער כראם־זאלץ אלס דער הויפט ליכט־עמפפינדליכער פאקטאר [אזא ארט פאטאגראפיע ווערט געברויכט ספע־ציעל צו פאטאגראפירען פלאנצען מיט זייערע קאלירען]; א פאטאגראפישעס בילד אין קאלירען; א כראמאליטאגראף.
chromotyp'ic *a.* (קראו-מא-טיפ'-איק) וואס איז שייך צו פארבען־דרוקעריי. ז. *chromotype*
chromotypog'raphy *n.* (קראו-מאו-טאי-פאג'-רע-פי) פארבען־דרוקעריי.
chro'mous *a.* (קראו'-מאס) וואס איז שייך צו אדער וואס בעשטעהט פון כראם־מעטאל.
chron'ic *a.* (קראנ'-איק) כראניש; לאנג־שטעהענד, דויערענד.
He is suffering with chronic indigestion.
chron'ically *adv.* (קראנ'-אי-קעל-אי) אויף א כראנישען אדער דויערענדען אופן.
chronic'ity *n.* (קרא-ניס'-אי-טי) דאס זיין כראניש; דאס לאנג דויערען.
chron'icle *n. and v.* (קראנ'-איקל) א פנקס; א כראניק; א צייט־געשיכטע [א פערצייכנונג פון פאקטען און פאסירונגען לויט די דאטען, אין וועלכע זיי זיינען געשעהן, און ניט לויט זייער אינערליכער פערבינדונג]; פערשרייבען אין כראניקעס.
The history of the Jews of Russia can be written on the basis of numerous chronicles.
chron'icler *n.* (קראנ'-אי-קלער) א כרא־ניקעס שרייבער; א פערצייכנער פון פאסי־רונגען.
chron'ogram *n.* (קראנ'-א-גרעם) דאס כראנאגראם [דאס יאהר פון א געוויסער געשעהעניס, וועלכע ווערט אנגעצייגט דורך בוכשטאבען אין א זאץ. למשל, דער וויל־נער גאון איז געשטארבען אין יאהר תקנ"ח. ווען מען בעצייכענט דאס יאהר תקנ"ח מיט די בוכשטאבען פון זאץ: "ויעל אליהו בסערה השמים" — איז דאס א כראנאגראם].
chronogrammat'ic *a.* (קראנ-א-גרע-מעט'-איק) כראנאגראמאטיש; וואס איז שייך צו א כראנאגראם. ז. *chronogram*
chronogrammat'ical *a.* (קראנ-א-גרע-מעט'-אי-קעל) ז. *chronogrammatic*
chronogrammat'ically *adv.* (קראנ-א-גרע-מעט'-אי-קעל-אי) אויף א כראנא־גראמאטישען אופן. ז. *chronogram*
chronogram'matist *n.* (קראנ-א-גרעמ'-ע-טיסט) א שרייבער פון כראנא־גראמען. ז. *chronogram*
chron'ograph *n.* (קראנ'-א-גרעף) א כראנאגראם ז. *chronogram*; אן אינ־סטרומענט, וועלכער בעצייכענט גענוי די צייט פון א פאסירונג [ווי אן ערד־ציטער־ניש, די ערשיינונג פון קאמעט א. ד. ג.]; אן אינסטרומענט צו מעסטען קליינע אינ־טערוואלען פון צייט [ווי האלבע סעקונ־דען, פיערטעל סעקונדען א. ז. וו.].
chronog'rapher *n.* (קרא-נאג'-רע-פער) א כראניקעס שרייבער.
chronol'oger *n.* (קרא-נאל'-א-דזשער) א כראנאלאגיסט [איינער וואס פערשרייבט פאקטען און געשעהעניסען לויט די דאטען, אין וועלכע זיי האבען פאסירט איינע נאך די אנדערע, און ניט לויט זייער אינערלי־כער פערבינדונג].
chronolog'ical *a.* (קראנ-א-לאדזש'-אי-קעל) וואס געהערט צו כראנאלאגיע. ז. *chronology*
It is interesting to know the different events in the history of America in their chronological order.
chronolog'ically *adv.* (קראנ-א-לאדזש'-אי-קעל-אי) אויף א כראנאלאגי־שען אופן; לויט דעם סדר פון דיא פאסי־רונגען.
chronol'ogist *n.* (קרא-נאל'-א-דזשיסט) ז. *chronologer*
chronol'ogize *v.* (קרא-נאל'-א-דזשאיז) ארדענען לויט א כראנאלאגישען סדר; צונויפשטעלען פאסירונגען נאך דעם סדר פון זייערע דאטען.
chronol'ogy *n.* (קרא-נאל'-א-דזשי) די כראנאלאגיע [א פערצייכניס פון היסטא־רישע פאקטען לויט די דאטען אין וועלכע זיי האבען פאסירט איינע נאך די אנדערע און ניט לויט זייער אינערליכער פערבינ־דונג].
A knowledge of chronology is essential to historians.
chronom'eter *n.* (קרא-נאמ'-ע-טער) דער כראנאמעטער [אן אינסטרומענט צו מעסטען די צייט, ווי א זייגער אדער אנ־דערע אזעלכע אינסטרומענטען]; א מעט־ראנאם, א טאקט־מעסטער [אין מוזיק].
chronomet'ric *a.* (קראנ-א-מעט'-ריק) וואס געהערט צו צייט־מעסטונג; וואס איז שייך צו א כראנאמעטער; געמאסטען מיט א כראנאמעטער.
chronomet'rical *a.* (קראנ-א-מעט'-רי-קעל) ז. *chronometric*
chronom'etry *n.* (קרא-נאמ'-ע-טרי) די קונסט צו רעכענען די צייט; דאס רע־כענען די צייט, צוטיילענדיג איהר אויף בעזונדערע חלקים.
chron'oscope *n.* (קראנ'-א-סקאופ) דער כראנאסקאפ [אן אינסטרומענט וואס בע־וויזט זעהר קליינע אינטערוואלען פון צייט, ווי א צעהנטעל אדער א הונדערטעל פון א סעקונדע].
chronos'copy *n.* (קרא-נאס'-קא-פי) די קונסט צו מעסטען גאנץ קליינע צייט־אינ־טערוואלען.
chrys'alid *n. and a.* (קריס'-ע-ליד) די אינזעקטען־פופע; וואס איז שייך צו אן אינזעקטען־פופע. ז. *chrysalis*
chrys'alis *n.* (קריס'-ע-ליס) די אינ־זעקטען־פופע, די קאקאלקע [א געוויסע פארם אין דער ענטוויקלונג פון אן אינ־זעקט: פון ווערימעל, וואס געהט ארויס פון אייעלע, ענטוויקעלט זיך די אינזעק־טען־פופע און פון דיעזער פופע — דער אינזעקט אליין].
chrysan'themum *n.* (קרי-סענ'-טהי-מאם) די גאלד־בלום.
chryselephan'tine *a.* (קרים-על-ע-פענ'-טין) געמאכט פון גאלד און עלע־פאנט־ביין.
chrys'oberyl *n.* (קריס'-א-בער-איל) אזא גרין־געלבליכער עדעלשטיין.
chrys'ograph *n.* (קריס'-א-גרעף) א מאנוסקריפט וואס איז געשריבען מיט גאלדענע אותיות.
chrysog'raphy *n.* (קרי-סאג'-רע-פי) קריזאגראפיע [די קונסט צו שרייבען מיט גאלדענע בוכשטאבען]; דאס האפטען מיט גאלד.
chrys'oid *n.* (קריס'-איד) אזא לעגירונג פון מעטאל וואס איז ענהליך צו גאלד [בע־שטעהט פון קופער, אלומיניום און זיל־בער].
chrys'olite *n.* (קריס'-א-לאיט) דער קרי־זאליט [א טייערער גרינער שטיין, גע־פינט זיך אין עגיפטען און בראזיליען].
chrys'oprase *n.* (קריס'-א-פרייז) דער קריזאפראז, דער גרינער כאלצעדאן [א מין עדעלשטיין]. ז. איל. *"Gems"*
chub *n.* (טשאב) [אזא פיש] דער דיק־קאפ; איינער וואס איז קורץ און דיק.
chub'biness *n.* (טשאב'-אי-נעס) דאס זיין דיק און פעט.
chub'by *a.* (טשאב'-אי) קורץ און דיק; רונד; פריש און שעהן.
The child has a chubby face.
chub'-cheeked *a.* (טשאב'-טשיעקט) וואס האט פולע, דיקע באקען.
chub'-faced *a.* (טשאב'-פייסט) האבענ־דיג א דיק, רונד געזיכט.
chuck *v. and n.* (טשאק) קוואקטשען, שרייען ווי א הוהן; געבען א לייכטען שטויס; א קניפ טהאן אין בעקעל; א ווארף טהאן; דאס קוואקטשען [פון א הוהן]; טייבעלע! [א צערטליכער צורוף]; א קניפ; א לייכטער שטויס; א ים־מושעל; א זייט רינד־פלייש [דער פאדער־פיער־טעל]; א קליין שטיינדעל; אזא קלעצעל צו א טאק־מאשין; א סורקע [א מין חיה'לע].
chuck'-far'thing *n.* (טשאק'-פאר'-טהינג) א מין קינדערשע שפיעל, ביי וועל־

כער מען שנעלט אריין א קופערנע מטבע אין א גריבעלע.

chuck'-full *a.* (טשאק'-פול) ז. *choke-full*

chuck'ie *n.* (טשאק'-אי) א הינדעלע.

chuck'-lathe *n.* (טשאק'-לייטה) אזא טאק־מאשין.

chuck'le *v. and n.* (טשאקל) 1. כיכען, לאכען איינגעהאלטענערהייד אין זיך; קוואקטשען ווי א הוהן; גלעטען אונטער דער מארדע; 2. דאס כיכיקען; אן איינגעהאלטענער געלעכטער.

1. We chuckled at his remarks.

chuck'le-head *n.* (טשאקל'-הער) א גראבער קאפ, א פויערשער קאפ.

chuck'le-head'ed *a.* (טשאקל'-העד'-ער) וואס האט א גראבען קאפ; דום, נאריש.

chuff *n. and a.* (טשאף) א פראסטער יונג; דארפיש, גראב, אהן ערציהונג.

chuf'fily *adv.* (טשאפ'-אי-לי) אויף א גראבען אופן; דום, נאריש.

chuf'finess *n.* (טשאפ'-אי-נעס) גראבקייט; דיקקייט.

chuf'fy *a.* (טשאפ'-אי) גראב אין כאראקטער; מיט גראבע באקען.

chug *v.* (טשאג) פאנגען פיש דורך אויסגעהאקטע לעכער אין אייז.

chug'ger *n.* (טשאג'-ער) איינער וואס כאפט פיש דורך אויסגעהאקטע לעכער אין אייז.

chug'ging *n.* (טשאג'-אינג) דאס פאנגען פיש דורך אויסגעהאקטע לעכער אין אייז.

chum *n. and v.* (טשאם) 1. א לייב־חבר; איינער פון צוויי פריינד, וועלכע וואהנען אין איין צימער [ווי סטודענטען]; 2. שטיקלעך געאוילטע פיש, וואס מען טשעפעט אן אויף א ווענטקע צו כאפען פיש; 3. דער בלאק אין וועלכען עס שטעלט זיך אריין א כלי אום זי צו דרעהען [אין טעפעריי]; 4. א ביידעל; א הייזקע; 5. פערנעהמען א צימער נאך מיט איינעם, מיט א לייב־חבר; אננעהמען אלס חבר פון צימער; 6. כאפען פיש מיט בעאוילטע שטיקלעך פיש, וואס מען טשעפעט אן אויף דער ווענטקע.

1. We have been chums from childhood. 5. They chummed through their student days at the university.

chum'mage *n.* (טשאמ'-ערדזש) שכנות אין איין צימער, קאמעראדשאפט; דער טייל פון הוצאות וואס פאלט אויף יעדען איינעם פאר געמיינשאפטליכעם וואהנען אין איין צימער.

chum'my *a.* (טשאמ'-אי) וואס ווערט לייכט א לייב־חבר; אינטים בעפריינדעט.

chump *n.* (טשאמפ) א קלאץ; א גראבעס און קורצעס קלעצעל; א דומער יונג, א "פלאקען".

chump'-end *n.* (טשאמפ'-ענד) דער דיקער ענד פון א פאלקע; א דיקער ענד.

chunk *n.* (טשאנק) 1. א גראבע און קורצע זאך; 2. א גראבער און קורצער מענש; 3. א מין אינדישע שפיעל.

1. The child is holding a chunk of ice in his hand.

chunk'head *n.* (טשאנק'-העד) דער קופער־קאפ שלאנג.

chun'ky *a.* (טשאנ'-קי) גראב און קורץ.

church *n. and a.* (טשוירטש) א קירך, א קלויסטער; וואס איז שייך צו א קירך.

church'-bell *n.* (טשוירטש'-בעל) דער קירכען־גלאק.

church'-bred *a.* (טשוירטש'-ברעד) ערצויגען צו דיענען דער קירך; רעליגיעז ערצויגען.

church'-due *n.* (טשוירטש'-דיו) די אבצאהלונג וואס מיטגליעדער פון א קירך צאהלען אויף איהר אויסהאלטונג.

church'-go'er *n.* (טשוירטש'-גאו'-ער) א קירכען־בעזוכער, איינער וואס געהט אין קירך.

church'-go'ing *a.* (טשוירטש'-גאו'-אינג) וואס געהט אין קירך.

A church-going man.

church his'tory (טשוירטש היס'-טא-רי) קירכען־געשיכטע.

church'ism *n.* (טשוירטש' איזם) דאס האלטען זיך שטרענג אן די דינים און מנהגים פון קירך.

church'-land *n.* (טשוירטש'-לענד) קירכען־לאנד [לאנד וואס בעלאנגט צו א קירך].

church'-law *n.* (טשוירטש'-לאה) קירכען־רעכט.

church'less *a.* (טשוירטש'-לעס) אהן א קירך, נים בעלאנגענדיג צו קיין קירך.

church'-like *a.* (טשוירטש'-לאיק) ווי א קירך; פרום, רעליגיעז.

church'liness *n.* (טשוירטש'-לי-נעס) קירכליכקיים.

church'ly *a.* (טשוירטש'-לי) קירכליך; וואס בעלאנגט צו דער קירך.

church'man *n.* (טשוירטש'-מען) א גייסטליכער; אן אנהענגער פון דער קירך.

church'manlike *a.* (טשוירטש'-מענ-לאיק) ווי א גייסטליכער; וואס איז שייך צו א גייסטליכען.

church'manship *n.* (טשוירטש'-מענ-שיפ) דאס זיין א גייסטליכער אדער א מיטגליעד פון א קירך.

church'-mem'ber *n.* (טשוירטש'-מעמ'-בער) א מיטגליעד פון א קירך.

church'-mem'bership *n.* (טשוירטש'-מעמ'-בער-שיפ) די מיטגליעדערשאפט פון א קירך.

church'-mouse *n.* (טשוירטש'-מאוס) א קירכען־מויז [אלס א ביישפיעל פאר גרויס ארימקייט, ווייל אין א קירך קען א מויז גאר נישט בעקומען צום עסען].

Poor as a church-mouse.

church'-mu'sic *n.* (טשוירטש'-מיו'-זיק) קירכען־מוזיק.

Church of Rome (טשוירטש אוו ראום) די קאטוילישע קירך.

church'-pow'er *n.* (טשוירטש'-פאו'-ער) די קירכען־געוואלט, די מאכט פון דער קירך.

church'-rate *n.* (טשוירטש'-רייט) קירכען־שטייער.

church ser'vice (טשוירטש סויר'-ווים) די גאטעס־דיענסט אין קירך; דער סידור־תפילות אין קירך.

church'ship *n.* (טשוירטש'-שיפ) קירכענשאפט; דאס זיין ארגאניזירט אין א קירך; דאס האבען איינענע געבעט־הייזער.

church text (טשוירטש טעקסט) אין דרוקעריי — אזא לענגליכע שמאלע שריפט [ווערט אזוי גערופען, ווייל אין דיעזער שריפט דרוקט מען אפט רעליגיעזע ביכער].

This is Church Text.

church'-town *n.* (טשוירטש'-טאון) א שטעדטעל אדער דארף וואס איז נים וויים פון א קירך.

church'warden *n.* (טשוירטש'-הווארדן) דער פארשטעהער און אויפזעהער פון דער קירך [אין ענגלאנד]; דער באקלאן [א מין פויגעל].

church'wardenship *n.* (טשוירטש'-הווארדנ-שיפ) דאס אמט פון א קירכען־פארשטעהער.

church'way *n.* (טשוירטש'-הוויי) דער וועג וואס פיהרט צו א קירך; א שטעגעלע אין א קירכען־בית־עלמין.

church'woman *n.* (טשוירטש'-הוואומ-ען) א פרוי וואס בעלאנגט אלס מיטגליעד אין א קירך, בעזאנדערס אין דער אנגליקאנישער קירך.

church'-work *n.* (טשוירטש'-הוואירק) קירכען־ארבייט.

church'-writ *n.* (טשוירטש'-ריט) א שריפט פון א קירכליכען געריכט.

chur'chy *a.* (טשויר'-טשי) קירכליך.

church'yard *n.* (טשוירטש'-יארד) א קריסטליכער בית־עולם.

church'yard cough (טשוירטש'-יארד קאהף) א שווינדזיכטיגער הוסט.

churl *n. and a.* (טשוירל) א גראבער יונג, א פראסטאק; א קמצן; נאריש, גראב.

chur'lish *a.* (טשויר'-ליש) פויעריש, אונגעבילדעט, גראב, איינגעננוציג, איינגעעקשנ'ט.

chur'lishly *adv.* (טשויר'-ליש-לי) אויף א גראבען אופן.

chur'lishness *n.* (טשויר'-ליש-נעס) גראבקייט; קארגשאפט.

churn *n. and v.* (טשוירן) א קאלאטויקע [א כלי אין וועלכער מען שלאגט אויס פוטער]; שלאגען פוטער.

chur'ning *n.* (טשויר'-נינג) 1. דאס אויסשלאגען פוטער; 2. דאס קוואנטום [מאס] פוטער, וואס ווערט אויסגעשלאגען פאר איין מאל.

1. Churning butter is tiresome work. 2. We make 10 pounds of butter at one churning.

churn'-jum'per *n.* (טשוירן'-דזשאמ'-פער) א בראך־אייזען [אזא לאנגער אייזען מיט א שטאלענעם שפיץ, וואס ווערט געברויכט ביים ברעכען שטיינער].

churn'-milk *n.* (טשוירן'-מילק) מאסליאנקע [מילך וואס בלייבט נאך פון אויסגעשלאגענע פוטער].

churn'-owl *n.* (טשוירן'-אול) דער ציגען־מעלקער [א מין נאכט־פויגעל].

churn'-staff *n.* (טשוירן'-סטעף) א שטעקעל מיט א ברעטעל ביים ענד מיט וועלכען מען שלאגט פוטער.

churr'-worm *n.* (טשויר'-הוואירם) א מין גריל.

chute *n.* (שוט) 1. אזא איינגעבויגענע רינע, דורך וועלכער זאכען ווערען אראבגעגליטשט פון אויבען אראב; 2. א שטרודעל, א שטארקער שטראם דורך וועלכען מען טרייבט געהילץ; 3. אן אפענער פלאץ אין א דאמבע דורך וועלכער מען לאזט דורך פליטען.

1. The bag was thrown into the cellar through a chute.

chyla'ceous *a.* (קאי-ליי'-שיאס) וואס איז שייך צו אדער בעשטעהט פון מילך־זאפט.

chyle *n.* (קאיל) קילוס [דער נאהרונגס־זאפט פון שפייזען וואס ווערט איבערגעקאכט אין די נעדערים נאכדעם ווי ער קומט פון מאגען].

chylifac'tion *n.* (קאי-לי-פעק'-שאן) די פערוואנדלונג פון שפייזען אין נאהרונגס־זאפט.

chylifac'tive *a.* (קאי-לי-פעק'-טיוו) וואס בילדעט אויס דעם נאהרונגס־זאפט פון שפייזען. ז. *chyle*

chylif'erous *a.* (קאי-ליפ'-ע-ראס) וואס

ענטהאלט דעם נאהרונגס־זאפט פון שפייזען.

chylif'ic *a.* (קאי-ליפ'-איק) וואס פערוואנדעלט די שפייזען אין נאהרונגס־זאפט.

chylifica'tion *n.* (קאי-לי-פי-קיי'-שאן) די פערוואנדלונג פון שפייזען אין נאהרונגס־זאפט. ז. *chyle*

chylif'icatory *a.* (קאי-ליפ'-אי-קיי-טא-רי) וואס שאפט דעם נאהרונגס־זאפט פון שפייזען.

chy'lify *v.* (קאי'-לי-פאי) פערוואנדלען אין נאהרונגס־זאפט. ז. *chyle*

chy'lous *a.* (קאי'-לאס) וואס בעשטעהט פון דעם נאהרונגס־זאפט פון שפייזען.

chyme *n.* (קאים) קימוס [שפייז וואס איז איבערגעקאכט אין מאגען און איז אריין אין די קישקעס].

chymif'erous *a.* (קאי-מיפ'-ע-ראס) וואס ענטהאלט איבערגעקאכטע שפייז פון מאגען.

chymifica'tion *n.* (קאי-מי-פי-קיי'-שאן) דאס פערוואנדלען שפייז אין קימוס. ז. *chyme*

chy'mify *v.* (קאי'-מי-פאי) פערוואנדלען די שפייז אין קימוס. ז. *chyme*

chy'mous *a.* (קאי'-מאס) וואס איז שייך צו די איבערגעקאכטע שפייז וואס געהט ארוים פון מאגען אין די קישקעס.

ciba'rian *a.* (סי-ביי'-רי-ען) וואס איז שייך צו דער סטרוקטור אדער געבוי פון די מויל־ארגאנען.

ciba'rious *a.* (סי-ביי'-רי-אס) וואס איז שייך צו עסענווארג; עסבאר, וואס מען קען עסען.

cib'ol *n.* (סיב'-אל) שארלאט [א מין קליינע ציבעלע].

cibo'rium *n.* (סי-באו'-רי-אם) דער באלדאכין, די חופה איבער'ן אלטאר [אין א קירך]; די כלי, אין וועלכער מען האלט דאס הייליגע ברויט אין קירך.

cica'da *n.* (סי-קיי'-דע) דער בוים־גריל [א מין אינזעקט].

cic'atrice *n.* (סיק'-ע-טרים) א שראם, א נארב [דאס צייכען וואס בלייבט פון א פערהיילטער וואונד].

cicatri'cial *a.* (סיק-ע-טריש'-על) וואס איז שייך צו א שראם אדער נארב.

cic'atricle *n.* (סיק'-ע-טריקל) די נארבע [אין באטאניק — דער פלאץ, וואו דער ווייבליכער ארגאן פון דער פלאנצע עמפפאנגט די מענליכע פלאנצליכע זריעה]; דער בלוטס־טראפען אויף א יעלכעל פון אן איי.

cic'atrisive *a* (סיק'-ע-טראי-סיוו) וואס ווירקט עס זאל זיך אויסבילדען א שראם אדער נארב [עס זאל זיך פערהיילען די וואונד].

cica'trix *n.* (סי-קיי'-טריקס) ז. *cicatrice*

cic'atrizant *n. and a.* (סיק'-ע-טראי-זענט) א מיטעל וואס ציהט צונויף א וואונד און עס בלייבט נור א שראם אדער נארב; וואס בילדעט אוים א שראם [נאך דער אויסהיילונג פון וואונד].

cicatriza'tion *n.* (סיק-ע-טרי-זיי'-שאן) די היילונג פון א וואונד.

cic'atrize *v.* (סיק'-ע-טראיז) היילען א וואונד; איבערנעצוינען ווערען מיט א הויט.

cic'ely *n.* (סיס'-ע-לי) די שירם־פלאנצע [פון דעם מין פלאנצען וואס וואקסען אין דער פארם פון א זונען־שירם].

Ci'cer *n.* (סאי'-סער) אזא מין שייטען־פלאנצען, וועלכע וואקסען אין אזיען און ביי די ברעגען פון מיטעל־לענדישען ים.

cicero'ne *n.* (סיס-ע-ראו'-ני) א פרעמדען־פיהרער [איינער וואס פיהרט ארום א פרעמדען און ווייזט איהם אלע מערקווירדיגקייטען פון א פלאץ].

Cicero'nian *a.* (סיס-ע-ראו'-ני-ען) וואס איז שייך צו ציצעראן [א בעריהמטער רוימישער קאנסול און רעדנער].

cichoria'ceous *a.* (סי-קאו-רי-איי'-שיאס) וואס בעלאנגט צו אדער איז עהנליך צו ציקאריע.

Cicho'rium *n.* (סי-קאו'-רי-אם) די פלאנצען פון דעם ציקאריע מין.

cicis'beism *n.* (סי-סיס'-בי-איזם) קאמפלימענטען־מאכעריי צו א פרוי; דאס זיין א גאלאנטער קאוואליער.

cicis'beo *n.* (סי-סיס'-בי-או) א הויז־פריינד און פערעהרער פון א פערהייראטער פרוי; א נאכלויפער נאך פרויען.

ci'der *n.* (סאי'-דער) עפעל־קוואס, עפעל־וויין.

ci'der-mill *n.* (סאי'-דער-מיל) די פאבריק וואו עס ווערט געמאכט עפעל־קוואס.

ci'der-press *n.* (סאי'-דער-פרעס) דער פרעס מיט וועלכען מען מאכט עפעל־קוואס.

ci-devant' *a.* (סי-דע-וואן') וואס איז געוועזען; פון א מאל, פון פריהער.

cierge *n.* (סירדזש) א וועקסענע ליכט, וואס ברענט נעבען אלטאר [אין קירך].

C. I. F. ראשי תבות פון *carriage, insurance, freight* [די אלגעמיינע פראכט־קאסטען].

cigar' *n.* (סי-גאר') א ציגאר.

cigar'-bun'dler *n.* (סי-גאר'-באנ'-דלער) אזא מאשין וואס פאקט ציגארען אין פעקלעך.

cigarette' *n.* (סיג-ע-רעט') א ציגארעט, א פאפיראס.

cigarette'-pa'per *n.* (סיג-ע-רעט'-פיי'-פער) פאפיראס־פאפיער.

cigar'-fish *n.* (סי-גאר'-פיש) דער ציגאר־פיש [אזא פיש וואס האט די פארם פון א ציגאר].



Cigar-fish

cigar'-hol'der *n.* (סי-גאר'-האול'-דער) א ציגארען־שפיץ.

cigar'-press *n.* (סי-גאר'-פרעס) א פרעס וואס ווערט בענוצט צונויפצופרעסען ציגארען וועלכע דארפען פערפאקט ווערען אין קעסטעלעך.

cil'ia *n.* (סיל'-אי-ע) די האר פון די אויגען־ברעמען [ווימפערען]. ז. *cilium*

cil'iary *a.* (סיל'-אי-איי-רי) וואס געהערט צו די אויגען־ברעמען [ווימפערען]; וואס איז אין אדער ארום דעם אויג.

cil'iate *a.* (סיל'-אי-אייט) וואס האט קליינע הערעלעך. ז. *cilium*

cil'iated *a.* (סיל'-אי-איי-טעד) ז. *ciliate*

cil'ium *n.* (סיל'-אי-אם) די האר פון די אויגען־ברעמען [ווימפערען]; א געוויקס, אן ארויסשטארצונג אין דער פארם פון א קליין הערעלע ביי א צעלע אדער מיקראסקאפישע חיה'לע, וועלכע דיענט איהר אלס דער ארגאן פון פערנעהמען נאהרונג; איינע פון די קלייניקע הערעלעך ביי די ראנדען פון א בלום אדער פון א בלאט.

ci'meter *n.* (סי'-מי-טער) א פאלאש, א טערקישער שווערד.

Ci'mex *n.* (סאי'-מעקס) דער מין וואנצען־אינזעקטען.

ci'mex *n.* (סאי'-מעקס) א וואנץ.

cimi'ceous *a.* (סי-מיש'-אס) פול מיט וואנצען.

cim'icine *n.* (סימ'-אי-סין) דער שטינקעדיגער שטאף וואס א וואנץ לאזט ארוים פון זיך.

cim'olite *n.* (סימ'-א-לאיט) דער צימאליט [א מין ווייסע ליים. אין אלטערטום פלעגט מען דאס ברויכען אלס א רפואה צו א רויז־ענטצינדונג].

cinch *n. and v.* (סינטש) 1. א ברייטער זאטעל־גארטעל פון פערדען־האר, לייווענד אדער לעדער; 2. א לייכטע שטעלע; 3. אן ארבייט, וועלכע איז לייכטער וויא מען מיינט; 4. ארומבינדען א זאטעל־גארטעל; בריינגען לייכט צו א שלום; 5. צווינגען.

2. His job is a cinch. 3. It is a cinch to solve this problem. 4. His influence cinched the matter.

Cincho'na *n.* (סינ-קאו'-נא) דער מין בוימער צו וועלכען עס געהער דער כינין־קארע בוים [וואקסט אין פערו, זיד־אמעריקא].

Cinchona

cincho'na *n.* (סינ-קאו'-נא) כינין־קארע [וואס ווערט געברויכט אלס מעדיצין].

cincho'na-tree *n.* (סינ-קאו'-נא-טריע) דער כינין־בוים.

cinchon'ic *a.* (סינ-קאנ'-איק) וואס איז שייך צו כינין־קארע.

cin'chonine *n.* (סינ'-קא-נין) צינקאנין [א כעמישער פראדוקט פון די קארע פון כינין־בוימער].

cinc'ture *n.* (סינק'-טשור) א גארטעל, בעזאנדערס דער זיידענער גארטעל פון א גלח; דאס וואס איז עהנליך צו א גארטעל; יעדע זאך וואס רינגעלט ארום און שליסט איין אין זיך, וויא א צאם, א צירקוס א. ד. ג.; דער נעזימס, קארניז ארום א זייל.

cinc'tured *a.* (סינק'-טשורד) ארומגערינגעלט; ארומגעזוימט.

cin'der *n.* (סינ'-דער) 1. אויסגעברענטע קויהלען, אש; 2. שלאק, דיא אבגעפאלענע שטיקלעך פון איבערגעברענטע אייזען בעת'ן שמיעדען.

1. The house burned down to cinders.

cin'der-cone *n.* (סינ'-דער-קאון) אן ערד־שיכט וואס האט זיך געבילדעט פון די איבערגעברענטע מאטעריאלען וועלכע א פייערשפייענדער בארג האט פון זיך ארויסגעווארפען.

cin'der-frame *n.* (סינ'-דער-פריים) פונקען־זיפ [א מין זיפ אויף א קוימען פון א לאקאמאטיוו צו פערהאלטען די פונקען].

cin'der-path *n.* (סינ'-דער-פעטה) א

ווענ וואס איז אויסגעשאטען מיט אויסגעברענטע קויהלען אדער אבפאל פון געברענטען אייזען.

cin'der-sif'ter *n.* (סינ'-דער-סיפ'-טער) אזא שויפעל אדער זיפ ארויסצונעהמען די אויסגעברענטע קויהלען פון אש.

cin'der-tub *n.* (סינ'-דער-טאב) אזא אייזערנער קאסטען וואס ווערט געשטעלט צו א שמעלץ-אויווען אריינצונעהמען די אבפאל [שלאק] פון די געשמאלצענע מעטאלען.

cin'der-wench *n.* (סינ'-דער-הווענטש) ז. *cinder-woman*.

cin'der-wom'an *n.* (סינ'-דער-הוואומ'-ען) אן ארעמע פרוי וואס גראבט זיך אין אש צו זוכען דארטען קויהלען.

cin'der-wool *n.* (סינ'-דער-הוואול) מינעראל-וואל [אזא פעדימדיגע וואלינע מאסע וואס ווערט ערהאלטען ווען מען לאזט א שטראם לופט אדער דאמפף אויף געשמאלצענע מעטאל-שלאקען וואס גיסט זיך פון א שמעלץ-אויווען].

cin'dery *a.* (סינ'-דער-אי) ווי אויסגעברענטע קויהלען; וואס איז ענליך צו אויסגעברענטע קויהלען אדער שלאק [פון אייזען].

cinera'ceous *a.* (סינ-ע-ריי'-שיאס) אזוי ווי אש, פון אש-קאליר.

Cinera'ria *n.* (סינ-ע-ריי'-רי-א) אזא מין קליינע בוימלעך מיט קליינע געלבע בליהונג [וואקסט מייסטענס אין זיד-אפריקא].

cin'erary *a.* (סינ'-ע-ריי-רי) וואס אנבעלאנגט צו אש אדער ענטהאלט אין זיך אש.

cin'erary urn (סינ'-ע-ריי-רי אוירן) א טאפ אדער א וואזע, וואו מען האלט דאס אש פון א פערברענטען קערפער.

cinera'tion *n.* (סינ-ע-ריי'-שאן) דאס פערברענען עפעס צו אש.

cine'reous *a.* (סי-ני'-רי-אס) ז. *cineraceous*.

cineres'cent *a.* (סינ-ע-רעס'-ענט) וואס האט אן אש-קאליר; וואס איז געווארען גרוי.

cineri'tious *a.* (סינ-ע-ריש'-אס) אשגרוי; וואס האט אן אש-קאליר.

cin'nabar *n.* (סינ'-ע-באר) דער צינאבער [א צוזאמענגעזעצטער מינעראל פון קוועקזילבער און שוועבעל]; א מין רויטע פארב [פון אן אסט-אינדישען בוים].

cin'nabar-green *n.* (סינ'-ע-באר-גריען) כראם-גרין [אזא פארב].

cinnabar'ic *a.* (סינ-ע-בער'-איק) וואס איז שייך צו צינאבער, וואס ענטהאלט צינאבער. ז. *cinnabar*.

cin'nabarine *a.* (סינ'-ע-באר-אין) ז. *cinnabaric*.

cin'namic *a.* (סינ'-ע-מיק) וואס אנבעלאנגט צו אדער שטאמט פון צימרינג.

cin'namon *n.* (סינ'-ע-מאן) צימרינג, קאנייל; דער צימרינג בוים.

cin'namon bear (סינ'-ע-מאן בעהר) דער אמעריקאנער שווארצער בער.

cin'namon-brown *n.* (סינ'-ע-מאן-בראון) א שווארץ-ברוינער קאליר.

cin'namon-oil *n.* (סינ'-ע-מאן-איל) צימרינג-אויל.

cin'namon-stone *n.* (סינ'-ע-מאן-סטאון) צימשטיין [אזא עדעלשטיין פון א געלב-ברוינעם קאליר].

cin'namon-su'et *n.* (סינ'-ע-מאן-סיו'-עט) אזא פעטליכער שטאף וואס מען בעקומט פון די רייפע פרוכט פון צימרינג-ביים.

cin'namon-tree *n.* (סינ'-ע-מאן-טריע) דער צימרינג-בוים.

Cinnamon-tree

cin'namon-wa'ter *n.* (סינ'-ע-מאן-הוואה'-טער) אזא מעדיצין געמאכט פון צימרינג-אויל און וואסער.

Cinoster'num *n.* (סינ-א-סטער'-נאם) א מין קליינע שילדקרעטען [טשערעפאכעס], וואס האלטען זיך אויף אין טייכען.

cinque *n.* (סינק) א פינפטעל [אין קארטען אדער ווירפלעך].

cinque-cen'tist *n.* (טשינ-קהווע-טשענ'-טיסט) א שרייבער אדער קינסטלער פון דעם 16טען יאהרהונדערט.

cinque-cen'to *n. and a.* (טשינ-קהווע-טשענ'-טא) דער 16טער יאהרהונדערט [אין בעצוג צו איטאליען און בעזאנדערס צו דער קונסט פון יענער פעריאדע]: וואס האט געלעבט אין 16טען יאהרהונדערט; וואס איז געשאפען געווארען אין 16טען יאהרהונדערט [אין בעצוג צו די קונסטווערק פון יענער צייט].

cinque'foil *n.* (סינק'-פאיל) די פינגערקרוים [א מין פלאנצע מיט פינף-עקיגע בלעטער], א מין פינף-עקיגער פענסטער אדער ארנאמענט פון א געביידע [גאטישער סטיל].

cinque'-pace *n.* (סינק'-פייס) דער פינף-שריט-טאנץ [אן אלטער פראנצויזישער טאנץ, וואס פלעגט אויסגעפיהרט ווערען מיט בעוועגונגען פון פינף שריט].

ci'pher *n. and v.* (סאי'-פער) א נול; א גארנישט, א מענש אדער זאך וואס האט נים קיין ווערטה; א שיפער, א מעטאדע צו שרייבען, אז א זייטינער מענש זאל עס ניט קענען איבערלייענען; דער שליסעל פון א שיפער; א מאנאגראם [בוכשטאבען אדער איניציאלען פון א נאמען וואס זיינען איינגעפלאכטען איינע אין די אנדערע]: שרייבען ציפערען; רעכענען מיט ציפערען, שרייבען מיט א שיפער-כתב.

ci'pherer *n.* (סאי'-פער-ער) א רעכענער: איינער וואס איז געאיבט אין שרייבען מיט שיפער אדער מיט געהיימע צייכענס.

ci'phering *n.* (סאי'-פער-אינג) דאס רעכענען; דאס לערנען אריטמעטיק.

ci'phering-book *n.* (סאי'-פער-אינג-בוק) אן אריטמעטיק-העפט, א העפט צו פערשרייבען אריטמעטישע אויפגאבען.

ci'phering-slate *n.* (סאי'-פער-אינג-סלייט) א רעכען-טאוועל.

ci'pher-key *n.* (סאי'-פער-קיע) א שליסעל אויפצולעזען א שיפרירטען [פערשטעלטען] שריפט.

cip'olin *n.* (סיפ'-א-לין) א גרינליכער מארמאר-שטיין.

Circe'an *a.* (סויר-סיע'-ען) וואס געהערט צו סירסע [א שעהנע יונגע מכשפה אין דער גריכישער מיטאלאגיע].

circen'sial *a.* (סויר-סענ'-שיעל) וואס איז שייך צום רוימישען צירקוס.

circen'sian *a.* (סויר-סענ'-שיען) וואס אנבעלאנגט צום אדער וואס האט פאסירט אין רוימישען צירקוס.

cirsen'sian games (סויר-סענ'-שיען גיימז) צירקוס-שפיעל.

cir'cinal *a.* (סויר'-סי-נעל) צונויפגעראלט ווי א ספיראלע פון אויבען אראב [ביי בלעטער פון געוויסע פלאנצען]; איינגעראלט ווי א ספיראל [ווי דער שטעכערעל, דאס נעזעל פון א באבעלקע].

cir'cinate *a.* (סויר'-סי-נייט) וואס דרעהט זיך ווי א רינג, וואס וואקסט אין דער פארם פון רינגלעך [ביי די צווייגען און בלעטער פון געוויסע פלאנצען].

cir'cinately *adv.* (סויר'-סי-נייט-לי) אין דער פארם פון א רינג אדער ספיראלע.

circina'tion *n.* (סויר-סי-ניי'-שאן) דאס זיין רינג-פערמיג, דאס וואקסען אין דער פארם פון א רינג.

cir'cle *n. and v.* (סוירקל) א קרייז; א רינג; א קיילעכדיגע זאך; א גרופע מענשען [א קלאס, געזעלשאפט]; א קרייז פון אידעען אדער וויסענשאפטען; א לאגישער קרייז [א מין פלפול, וואו די ערשטע זאך איז געדרונגען פון דער צווייטער און די צווייטע איז צוריק געדרונגען פון דער ערשטער]; א בעצירק; אן אינסטרומענט וואו דער הויפט-טייל בעשטעהט פון א קרייז וואס איז צוטיילט אויף גלייכע גראדען; ארומקרייזען; ארומרינגלען; ארומדרעהען.

cir'cle-cut'ter *n.* (סויר'קל-קאט'-ער) אן אינסטרומענט וואס ווערט געברויכט פון אפטיקער אויסצוהאקען א קרייז אין דינעם גלאז.

cir'cled *a.* (סוירקלד) רונד, אין דער פארם פון א קרייז.

cir'cle in (סוירקל אין) איינשליסען אין עפעס, ארומרינגלען מיט עפעס; איינקרייזען.

cir'cle-i'ron *n.* (סויר'קל-אי'-ערן) א רונדער אייזען-ראהר צום אויסהאקען רונדע פלאטען.

cir'cler *n.* (סויר'-קלער) איינער וואס קרייזט אדער דרעהט זיך ארום עטוואס.

cir'cle-squar'er *n.* (סויר'קל-סקהווערר'-ער) איינער וואס נעהמט זיך צו מאכען א קוואדראט פון א קרייז; איינער וואס נעהמט זיך אן צו טהאן אן אונמעגליכע זאך.

cir'clet *n.* (סויר'-קלעט) א קליינער קרייז; א ציערונג אויף'ן קאפ אדער אויף די קליידער אין דער פארם פון א רינג; א קיילעכדיגע זאך.

cir'cuit *n.* (סויר'-קיט) א קרייז-בעוועגונג; די ארומרינגלונג; דער פלאץ וואס איז איינגעשלאסען אין א קרייז; דאס ארומפאהרען פון א ריכטער אדער פון אן אנדער בעאמטען איבער די ערטער וואו ער דארף זיין לוים זיין אמט; דער בעצירק אין וועלכען דער ריכטער דארף ארומפאהרען; דער וועג, איבער וועלכען עס לויפט דורך אן עלעקטרישער שטראם פון איין פאלוס ביז'ן צווייטען.

cir'cuit-brea'ker *n.* (סויר'-קיט-בריי'-קער) א מעכאניזם, וועלכער פערבינדעט אדער ברעכט אונטער אויטאמאטיש אן

עלעקטרישען שטראם אין געוויסע אינטערוואלען פון צייט.

cir'cuit-clo'ser *n.* (סויר'-קיט-קלאו'-זער) א שטראם־שליסער [א פארריכטונג צו שליסען או עלעקטרישען שטראם].

circu'itous *a.* (סויר-קיו'-אי-טאס) ארומיג; וואס געהט מיט ארומיגע וועגען [ניט דירעקט].
They ascended the mountain by a circuitous road.

circu'itously *adv.* (סויר-קיו'-אי-טאס-לי) מיט אן ארומיגען וועג [ניט דירעקט].

circu'itousness *n.* (סויר-קיו'-אי-טאס-נעס) די ארומיגקייט; דאס זיין ניט דירעקט.

circu'ity *n.* (סויר-קיו'-אי-טי) דאס בעוועגען זיך אין א קרייז; דאס געהן ארום ניט מיט'ן גלייכען וועג; דאס זיין קרייז־פערמיג.

cir'culable *a.* (סויר'-קיו-לעבל) וואס קען זיך בעוועגען אדער דרעהען אין א קרייז.

cir'cular *n.* and *a.* (סויר'-קיו-לער) רונד, קיילעכדיג; קרייז־פערמיג; א צירקולאר, א געדרוקטע שריפט וואס ווערט פאנאנדערגעשיקט צו פערשיעדענע פערזאנען און אנשטאלטען.

cir'cular arc (סויר'-קיו-לער ארק) א צירקעל־בויגען [אין מאטעמאטיק].

cir'cular con'stant (סויר'-קיו-לער קאנ'-סטענט) דאס פערהעלטניס פון דעם קרייז־אומפאנג צו זיין דיאמעטער [אין מאטעמאטיק].

circular'ity *n.* (סויר-קיו-לער'-אי-טי) דאס זיין קרייז־פערמיג; רונדקייט, קיילעכדיגקייט; א רונדע, קיילעכדיגע זאך.

cir'cularize *v.* (סויר'-קיו-לער-איז) מאכען א קרייז; פערטיילען אדער פאנאנדערשיקען צירקולארען.

cir'cular let'ter (סויר'-קיו-לער לעט'-ער) א צירקולאר־בריעף [א געדרוקטער בריעף, וואס ווערט פאנאנדערגעשיקט צו פערשיעדענע מענשען און אנשטאלטען].

cir'cular let'ter of cred'it (סויר'-קיו-לער לעט'-ער אוו קרעד'-איט) קרעדיט־בריעף [א בריעף וואס איינער קריעגט פון א באנק צו ווייזען אז מען קען איהם געטרויען].

cir'cular lines (סויר'-קיו-לער לאינז) טריגאנאמעטרישע ליניען [אזעלכע ליניען אין דער מאטעמאטיק וועלכע שטעהען אין א געוויסען צוזאמענהאנג].

cir'cularly *adv.* (סויר'-קיו-לער-לי) אין א קרייז; אין דער פארם פון א קרייז.

cir'cular mo'tion (סויר'-קיו-לער מאו'-שאן) א קרייז־בעוועגונג.

cir'cular saw (סויר'-קיו-לער סאה) א רונדע זעג.

cir'cular stair'case (סויר'-קיו-לער סטעהר'-קייס) א שווינדעל־טרעפ [א טרעפ וואס דרעהט זיך ווי א ספיראלע].

cir'cular style (סויר'-קיו-לער סטאיל) דער בויגען־סטיל אין ארכיטעקטור [די פארמע פון בנינים, וואו די פענסטער, די טהירען און אנדערע טיילען ווערען געבויט רונדליך, ווי א האלבער בויגען].

cir'culate *v.* (סויר'-קיו-לייט) קייקלען; פערברייטען; צירקולירען; פערשפרייטען.
A rumor of the President's death was circulated.

cir'culating dec'imal (סויר'-קיו-ליי-טינג דעס'-אי-מעל) א פעריאדישע דעצימאל־ברוכצאהל [אזא דעצימאל ברוכצאהל, וואס בעשטעהט פון געוויסע צאהלען, וועלכע חזר'ן זיך אומענדליך איבער. צ. ב.: 0.354354354...].

cir'culat'ing li'brary (סויר'-קיו-ליי-טינג לאי'-ברע-רי) א ביבליאטעק, פון וועלכער מען גיט ארויס ביכער אהיים.

cir'culating me'dium (סויר'-קיו-ליי-טינג מי'-די-אם) א גאנגבארע מטבע, צירקולירענדעס געלד.
Paper money, as well as gold and silver, is our circulating medium.

circula'tion *n.* (סויר-קיו-ליי'-שאן) צירקולאציאן, די פערברייטונג, פערשפרייטונג.
The paper has a large circulation.

circula'tion of bills (סיור-קיו-ליי'-שאן אוו בילז) די צירקולאציאן פון פאפיער־געלד.

circula'tion of the blood (סויר-קיו-ליי'-שאן אוו טהי בלאד) די בלוט־צירקולאציאן.

cir'culatory *a.* (סויר'-קיו-לע-טא-רי) וואס צירקולירט; וואס בעוועגט זיך אין א קרייז.

cir'culatory let'ter (סויר'-קיו-לע-טא-רי לעט'-ער) א צירקולאר־בריעף; א צירקולאר.

cir'culus *n.* (סויר'-קיו-לאס) א קרייז.

circumam'biency *n.* (סויר-קאמ-עמ'-בי-ענ-סי) דאס ארומרינגלען; דאס זיין ארומגערינגעלט.

circumam'bient *a.* (סויר-קאמ-עמ'-בי-ענט) ארומרינגלענדיג; וואס רינגעלט ארום.

circumam'bulate *v.* (סויר-קאמ-עמ'-ביו-לייט) ארומגעהן, געהן ארום און ארום.

circumambula'tion *n.* (סויר-קאמ-עמ-ביו-ליי'-שאן) דאס געהן ארום און ארום.

circumam'bulator *n.* (סויר-קאמ-עמ'-ביו-ליי-טאר) איינער וואס געהט ארום און ארום.

circumam'bulatory *a.* (סויר-קאמ-עמ'-ביו-ליי-טא-רי) וואס געהט ארום און ארום.

cir'cumcenter *n.* (סויר'-קאמ-סענ-טער) דער צענטער פון א קרייז וועלכער ווערט געמאכט ארום א דריי־עק אדער אנדערע געאמעטרישע פיגורען.

cir'cumcircle *n.* (סויר'-קאמ-סוירקל) א קרייז וואס ווערט געמאכט ארום וועלכע עס איז געאמעטרישע פיגור [ווי א דריי־עק, פינף־עק א. ד. ג.]

cir'cumcise *v.* (סויר'-קאמ-סאיז) בעשניידען, מל זיין.

cir'cumcised *a.* (סויר'-קאמ-סאיזד) בעשניטען, גע'מל'ט.

cir'cumciser *n.* (סויר'-קאמ-סאי-זער) א בעשניידער, א מוהל.

circumci'sion *n.* (סויר-קאמ-סיזש'-אן) די בעשניידונג, מלה.

circumduct' *v.* (סויר-קאמ-דאקט') פיהרען ארום און ארום; פיהרען אדער בעוועגען אין א קרייז.

circum'ference *n.* (סויר-קאמ'-פע-רענס) די קרייז־ליניע; דער אומקרייז.
The circumference of a circle is three and one-seventh times the diameter.

circum'ferent *a.* (סויר-קאמ'-פע-רענט) וואס רינגעלט ארום; וואס מאכט א קרייז־ליניע.

circumferen'tial *a.* (סויר-קאמ-פע-רענ'-שעל) וואס איז שייך צו א קרייז־ליניע; וואס רינגעלט ארום; מיט אן ארום־וועג, ניט דירעקט.

circumferen'tially *adv.* (סויר-קאמ-פע-רענ'-שעל-אי) אויף דעם אופן פון א קרייז־ליניע; אין בעצוג צו א קרייז־ליניע.

circumferen'tor *n.* (סויר-קאמ-פע-רענ'-טאר) אזא אינסטרומענט צו מעסטען ווינקלען; א קליין רעדעל מיט גראדען, מיט וועלכע מען מעסט די לענג פון א שינע ארום א ראד.

circumflect' *v.* (סויר-קאמ-פלעקט') אויסבויגען רונד; שטעלען א סירקומפלעקס אויף א בוכשטאב. ז. *circumflex*

circumflec'tion *n.* (סויר-קאמ-פלעק'-שאן) די אויסבויגונג; דאס אויסבויגען רונד; דאס ארויפשטעלען א סירקומפלעקס אויף א בוכשטאב. ז. *circumflex*

cir'cumflex *n.*, *a.* and *v.* (סויר'-קאמ-פלעקס) א סירקומפלעקס [א צייכען אין דער פארם פון א דעכעלע (^) איבער געוויסע בוכשטאבען (בעזאנדערס אין דער פראנצויזישער שפראך)]; בעצייכענט מיט א סירקומפלעקס; אויסגעבויגען ווי א סירקומפלעקס [אין אנאטאמיע פון געוויסע גליעדער פון קערפער]; בעצייכנען אדער אויסשפרעכען א בוכשטאב מיט א סירקומפלעקס.

circumflex'ion *n.* (סויר-קאמ-פלעק'-שאן) ז. *circumflection*

circum'fluence *n.* (סויר-קאמ'-פלו-ענס) די ארומפליסונג ארום און ארום מיט וואסער; די ארומרינגלונג מיט וואסער.

circum'fluent *a.* (סויר-קאמ'-פלו-ענט) ארומרינגלענדיג מיט וואסער [ווי וואסער וואס רינגעלט ארום אן אינזעל].

circum'fluous *a.* (סויר-קאמ'-פלו-אס) ז. *circumfluent*

circumfora'neous *a.* (סויר-קאמ-פא-ריי'-ני-אס) וואס וואנדערט ארום; וואס געהט איבער די הייזער; וואס איז נע ונד.

circumful'gent *a.* (סויר-קאמ-פאל'-דזשענט) וואס שיינט ארום און ארום; וואס שיינט אויף א ברייטער שטרעקע.

circumfuse' *v.* (סויר-קאמ-פיוז') גיסען ארום עפעס, ארומגיסען; בעגיסען.

circumfu'sion *n.* (סויר-קאמ-פיו'-זשאן) די ארומגיסונג; בעגיסונג; פערברייטונג.

שניידער פון לעדער אין א שוך=פאבריק;
דער מעטראנפאזש אין א דרוקעריי [דער
וואס שטעלט צונויף דעם זאץ אין זייטען
און פערפערטיגט עס צום דרוקען]; דאס
אייזערנע צינגעל, וואס פאלט אריין צווי=
שען די שפיצען פון א צייהן=רעדעל און
פערהאלט דעם גאנג פון א מאשין.

click'et *n.* (קליק'-עט) דער רינג אדער
די קליאמקע, מיט וועלכער מען קלאפט אן
אין טהיר.

click'-pul'ley *n.* (קליק'-פול'-אי) א
צייהן=רעדעל מיט אן אייזערנעם צינגעל,
וועלכער האלט איהם אב אין זיין דרעהען
זיך.

Clidas'tes *n.* (קלאי-דעס'-טיעז) א מין
רעפטיל=בעשעפעניסען פון די פארהיסטא=
רישע צייטען.

cli'ency *n.* (קלאי'-ענ-סי) דאס זיין א
קליענט.

cli'ent *n.* (קלאי'-ענט) 1. א קליענט [איי=
נער וואס שטעלט אן אן אדוואקאט צו
פערטיידיגען זיינע אינטערעסען]; 2. א
פלעבייער, וועלכער שטעהט אונטער'ן שוץ
פון א פאטריציער און האט בנוגע צו איהם
געוויסע פפליכטען [אין אלטען רוים];
איינער וואס געפינט זיך אונטער'ן שוץ
און אבהענגיגקייט פון אן אנדערען.

1. The lawyer has many clients.

cli'entage *n.* (קלאי'-ענ-טערדזש) דער
צושטאנד פון זיין א קליענט; קליענטען.

cli'ental *a.* (קלאי'-ענ-טעל) וואס איז
שייך צו א קליענט אדער א קערפערשאפט
פון קליענטען.

clien'telage *n.* (קלאי-ענ'-טע-לעדזש)
קליענטשאפט; א גרופע מענשען וואס זיי=
נען אימעצענס קליענטען; מענשען וואס
געפינען זיך אונטער איינעמס שוץ.

clien'telary *a.* (קלאי-ענ'-טע-לע-רי)
וואס איז שייך צו קליענטשאפט.

clientele' *n.* (קלאי-ענ-טיעל') א קער=
פערשאפט פון קליענטען, פון אנהענגער
אדער אבהענגיגע.

cli'entship *n.* (קלאי'-ענט-שיפ) די לא=
גע פון זיין א קליענט.

cliff *n.* (קליף) א הויכער, משופע'דיגער
פעלזען=שטיין; א טיעפער שפאלט צווישען
בערג.

cliff'-swal'low *n.* (קליפ'-סהוואל'-או)
די פעלזען=שוואלב [א שוואלב, וועלכע
בויט איהר נעסט צווישען די שפאלטען
פון א פעלז].

cliff'y *a.* (קליפ'-אי) מיט צושפאלטען;
שפאלטען [ביי פעלזען].

cli'ma *n.* (קלאי'-מא) א געוויסע מאס
פון לאנד ביי די אלטע רוימער [א קווא=
דראט פון 60 פוס אין דער לענג און אין
דער ברייט].

climacter'ic *n. and a.* (קלאי-מעק-
טער'-איק) די קריזים אדער ענדערונגס=
פעריאדע אין מענשליכען לעבען, די יאה=
רען=שטופען, אין וועלכע דער מענש ענ=
דערט זיך; וואס איז שייך צו א קריטי=
שער פעריאדע אדער צו אן ענדערונגס=
צייט.

climacter'ical *a. and n.* (קלאי-מעק-
טער'-אי-קעל) ז. *climacteric*

climacter'ic teeth'ing (קלאי-מעק-
טער'-איק טיעטה'-אינג) דאס וואקסען
פון צייהנער אין זעהר א שפעטיגע פע=
ריאדע פון לעבען [אין דעם עלטער צווי=
שען 63 און 81 יאהר].

cli'mate *n.* (קלאי'-מעט) דער קלימאט
[די בעדינגונגען פון א לאנד לויט איהר
ווארעמקייט, קאלטקייט, טרוקענקייט אדער
פייכטקייט].

climat'ic *a.* (קלאי-מעט'-איק) וואס איז
שייך צום קלימאט.

climat'ically *adv.* (קלאי-מעט'-אי-
קעל-אי) לויט'ן קלימאט; בנוגע צום קלי=
מאט.

climatic'ity *n.* (קלאי-מע-טיס'-אי-טי)
די פעהיגקייט צו אקלימאטיזירען זיך, צו=
צופאסען זיך צו די ארומיגע אומשטענ=
דען.

cli'matize *v.* (קלאי'-מע-טאיז) אקלי=
מאטיזירען זיך, צוגעוואהנען זיך צו נייע
בעדינגונגען פון א לאנד.

climatograph'ical *a.* (קלאי-מע-טא-
גרעפ'-אי-קעל) וואס איז שייך צו קלימא=
טאגראפיע. ז. *climatography*

climatog'raphy *n.* (קלאי-מע-טאג'-
רע-פי) קלימאטאגראפיע [די בעשריי=
בונג פון קלימאטען].

climatolog'ical *a.* (קלאי'-מע-טא-
לאדזש'-אי-קעל) וואס איז שייך צו קלי=
מאטאלאגיע. ז. *climatology*

climatolog'ically *adv.* (קלאי-מע-טא-
לאדזש'-אי-קעל-אי) קלימאטאלאגיש, אויף
דעם ארט פון דער לעהרע וועגען קלימא=
טען.

climatol'ogist *n.* (קלאי-מע-טאל'-א-
דזשיסט) איינער וואס שטודירט די קלי=
מאטען פון פערשיעדענע לענדער.

climatol'ogy *n.* (קלאי-מע-טאל'-א-
דזשי) קלימאטאלאגיע [די לעהרע וועגען קלימאטען].

climatom'eter *n.* (קלאי-מע-טאמ'-ע-
טער) אן אינסטרומענט, וועלכער פערצייכ=
נעט די ענדערונגען פון די בעדינגונגען,
צוליעב וועלכע עס הויבט זיך אדער עס
ווערט נידריגער די טעמפעראטור פון א
געוויסען געגענד.

cli'max *n.* (קלאי'-מעקס) דער קלימאקס,
די שטייגערונג אין רעדען אדער שריי=
בען [אן אויסדרוק פון עטליכע פראזען,
וואו דאס לעצטע וויכטיגע ווארט פון
איין פראזע דיענט אלס דאס ערשטע וויכ=
טיגע ווארט אין דער צווייטער, ווי למשל:
"קומער בעשאפט געדולד; פון געדולד
קומט ארויס ערפאהרונג; ערפאהרונג
פיהרט מיט זיך האפנונג, און האפנונג
האלט אונטער אונזער לעבען"]; דער
העכסטער פונקט.

climb *n. and v.* (קלאים) קלעטערען;
ארויפקריכען; אויפהויבען זיך; דאס
קלעטערען ארויף; דאס אויפהויבען זיך.

climb'able *a.* (קלאים'-עבל) וואס מען
קען דארויף ארויפקלעטערען.

climb'er *n.* (קלאים'-ער) איינער וואס
קלעטערט; א פלאנצע וואס דרעהט זיך
ארום אן אנדערע אין וואקסען; א מין
פויגעל וואס קלעטערט אויף בוימער; א
לאקאמאטיוו, וואס געהט איבער א צייהני=
גער רעלסע צו קלעטערען ארויף א בארג.

climb'ing-boy *n.* (קלאים'-אינג-באי)
א יונגער אינגעל א קוימען=קעהרער, וועל=
כער קלעטערט אינעווייניג אין קוימען.

climb'ing-fern *n.* (קלאים'-אינג-
פוירן) דאס קלעטערענדע פארן=קרויט [א
מין פלאנצע אין די טראפישע לענדער].

climb'ing-fish *n.* (קלאים'-אינג-פיש)
אזא פיש וואס קלעטערט אויף בוימער.

climb'ing-i'rons *n.* (קלאים'-אינג-
אי'-ערנז) שפיציגע אייזענס בעפעסטיגט
צו די פיס כדי צו קלעטערען אויף בוי=
מער, סלופעס א. ז. וו.

climb'ing-perch *n.* (קלאים'-אינג-
פוירטש) ז. *climbing-fish*

clime *n.* (קלאים) א געגענד.

clinan'thium *n.* (קלי-נענ'-טהי-אם)
דער ווייבליכער ארגאן ביי די קאמפא=
זיט=פלאנצען.

clinch *v. and n.* (קלינטש) איינקלעמען,
בעפעסטיגען, צונויפדריקען; פערפעסטי=
גען א טשוואק פון דער אנדערער זייט, פער=
ניטעווען; צונויפדריקען דעם פויסט; צו=
נויפבייסען די צייהנער; פעסטשטעלען
דורך אן אונבעשטרייטבארען ארגומענט;
זיך ארומכאפען; א קלאמער.

clin'cher *n.* (קלינ'-טשער) ז. *clencher*

clin'cher-built *a.* (קלינ'-טשער-בילט)
געשיליוועט, בעשלאגען מיט ברעטלעך
אזוי, אז דער ברעג פון איין ברעטעל
געהט ארויף אויף דעם צווייטען.

clin'cher-work *n.* (קלינ'-טשער-
הוואירק) קלינקער=ארבייט; דאס שילע=
ווען, דאס בעשלאגען מיט ברעטלעך ברעג
אויף ברעג.

cling *v.* (קלינג) זיך אנהאלטען פעסט;
צוקלעפען זיך, ווי א נאס קלייד צום
קערפער.

The immigrant does not cling to his foreign habits.

cling'stone *n. and a.* (קלינג'-סטאון) וואס האט דאס פלייש צוגעקלעפט צום ביינדעל [ווענן פרוכטען]: א פרוכט פון דעם מין.

clin'ic *n. and a.* (קלינ'-איק) א קליניש לעקציע [א מעדיצינישע לעקציע פון א פראפעסאר, וועלכער ערקלערט פאר די סטודענטען א געוויסע קראנקהייט ביי דעם בעט פון חולה]: וואס איז שייך צו א קליניק.

clin'ical *a.* (קלינ'-אי-קעל) קליניש, וואס איז שייך צו א קליניק.

clin'ical lec'ture (קלינ'-אי-קעל לעק'-טשור) א מעדיצינישע לעקציע, וועלכע א פראפעסאר האלט ביים בעט פון א קראנקען.

clin'ically *adv.* (קלינ'-אי-קעל-אי) אויף א קלינישען אופן; ביים בעט פון חולה.

clini'cian *n.* (קלי-ניש'-ען) א קליניקער, א דאקטאר וואס פראקטיצירט מעדיצין; דער וואס האלט קלינישע לעקציעס.

clin'icist *n.* (קלינ'-אי-סיסט) ז. *clinician*

clinique' *n.* (קלי-ניק') ז. *clinic*

clink *v. and n.* (קלינק) קלינגען; ארויסלאזען א קלונג; א קלינגעריי; א קלונג.

The clink of coin is pleasant to the miser.

clink'er *n.* (קלינק'-ער) דאס וואס לאזט ארויס א קלונג; די פסולת וואס שטעלט זיך אב פון מינעראלען נאך דעם שמעלצען; איבערגעברענטע ציגעל; שטיקער לאווא פון א פייערשפייענדיגען בארג.

clink'er-built *a.* (קלינק'-ער-בילט) געבויט מיט ברעטלעך בעשלאגען א ברעג אויף א ברעג; ז. *clincher-built*

clink'er-pla'ting *n.* (קלינק'-ער-פליי'-טינג) ז. *clincher-built*

clink'stone *n.* (קלינק'-סטאון) דער קלינג-שטיין, פאנאליט [א מינעראל].

clin'kum-clan'kum *n. and a.* (קלינ'-קאם-קלענ'-קאם) א וויעדערהאלענדע קלינגעריי; וואס קלינגט אהן אויפהער.

cli'noid *a.* (קלאי'-נאיד) וואס האט די פארם פון א בעט [ווערט געברויכט אין דער מינעראלאגיע צו בעצייכנען געוויסע מינעראלען].

clinom'eter *n.* (קלאי-נאמ'-ע-טער) א בערג-וואג [אן אינסטרומענט צו מעסטען די שטייגונג (משופע'דינקייט) פון א בארג]; א וואסער-וואג [וואס טישלער און בוימייסטערס געברויכען].

clinomet'ric *a.* (קלאי-נא-מעט'-ריק) וואס אנבעלאנגט צו א וואסער-וואג אדער בערג-וואג. ז. *clinometer*

clinom'etry *n.* (קלאי-נאמ'-ע-טרי) די מעטאדע צו מעסטען די שטייגונג [משופע'דינקייט] פון בערג.

clin'quant *n.* (קלינ'-קענט) פלימער גאלד [געלבע קופער].

clip *v. and n.* (קליפ) אבשניידען, אבשערען: ארומשניידען [צו מאכען קלענער]: אבקירצען [אווארט]: קירצער מאכען: צונויפקלעמען, צונויפפרעסען, צונויפשליסען: לויפען: א קלאמער [עטוואס איינצוקלעמען]: די אבגעשארענע וואל פון שעפסען: א פאטש, א קלאפ מיט דער האנד.



Clips

clipped mon'ey (קליפט מאנ'-אי) ארומגעשניטענע מטבעות [וואס האבען אין זיך ווייניגער וואג ווי עס דארף זיין].

clip'per *n.* (קליפ'-ער) א שערער; א מין שנעלע שיפעל; א שנעלער לויפער: א זעהר קליגע פערזאן: עטוואס וואס איז פון דער ערשטער סארטע.

clip'per of reputa'tion (קליפ'-ער אוו רעפ-יו-טיי'-שאן) א פערלוימדער, א רכילות'ניק.

clip'pers *n.* (קליפ'-ערז) א שער-מאשינקע.

clipp'fish *n.* (קליפ'-פיש) געטריקענטע געזאלצענע פיש.

clip'ping *n. and a.* (קליפ'-אינג) דאס אבשניידען, דאס אבשערען: עפעס וואס איז אבגעשניטען אדער אבגעשארען געווארען: אן אויסשניט פון א צייטונג: פלינק: קלוג: פון ערשטע פראבע.

clip'ping-machine' *n.* (קליפ'-אינג-מע-שין') א שער-מאשין [פאר שעפסען און פערד].

clip'ping-time *n.* (קליפ'-אינג-טאים) די צייט ווען מען שערט שעפסען: פינקטליכע צייט, רעכטע צייט, פאסענדסטע צייט.

clip the king's Eng'lish (קליפ טהי קינגז אינ'-גליש) קאליעטשען, צוקריפלען די שפראך.

clip'-winged *a.* (קליפ'-הווינגד) מיט ארומגעשניטענע פליגלען.

Since his defeat he acts as if he were clip-winged.

clique *n.* (קליעק) א קליקע, א קאמפאניע, א באנדע.

cli'quish *a.* (קליע'-קיש) וואס בעלאנגט צו א קליקע אדער באנדע; וואס ארבייט אין גייסט פון א קליקע.

cli'quishness *n.* (קליע'-קיש-נעס) דאס בעלאנגען צו א קליקע; די ארבייט אין גייסט פון א קליקע.

cli'quism *n.* (קליע'-קיזם) דער גייסט אדער די טענדענץ פון א קליקע.

clish'-clash *adv.* (קליש'-קלעש) דורך א צוזאמענשטויס; מיט אן אבקלאפ.

cli'toris *n.* (קלאי'-טא-ריס) די קליטארים [דער ערדענער אין דעם געשלעכטליכען פרויען-ארגאן].

clitori'tis *n.* (קלאי-טא-ראי'-טיס) די ענטצינדונג פון דער קליטארים. ז. *clitoris*

clit'ter-clat'ter *n.* (קליט'-ער-קלעט'-ער) פלוידעריי, פלאפלעריי.

clives *n.* (קלאיווז) א העקעל מיט א ספרוזשינקע, וועלכע דערלאזט ניט איהם אויפמאכען זיך.

cloa'ca *n.* (קלא-איי'-קא) אן אבצוגס-קאנאל [פאר אונריינינקייטען]; אן אבגוס; אן אבגוס-גרוב [די גרוב אין א הויף וואו עס ווערט אויסגעגאסען אונריינינקייטען]; דער אבפיהרונגס-קאנאל ביי פיש, רעפטיליען, אינזעקטען א. ד. ג.

cloak *n. and v.* (קלאוק) א מאנטעל; א צודעק; בעדעקען מיט א מאנטעל; פערשטעלען; אינטריגירען; פלאנעווען אין געהיים.

cloak'-bag *n.* (קלאוק'-בעג) א טשעמאדאן, א מאנטעל-זאק.

cloa'king *n.* (קלאו'-קינג) דאס בעדעקען מיט א מאנטעל; צייג אויף א מאנטעל.

cloak'-pin *n.* (קלאוק'-פין) א קליידער הענגעל, קליידער-שפיקע.

cloak'-room *n.* (קלאוק'-רוהם) א קליידער-צימער, א גארדעראבען-צימער [א זיימען-צימער אין א טעאטער אדער זאל וואו מען לעגט איינע מאנטלען, היט א. ד. ג.].

cloak'-strap *n.* (קלאוק'-סטרעפ) א טראג-רימען [אין וועלכען מען בינדט איין א מאנטעל].

clock *n.* (קלאק) א זייגער; אן אויסגענעהטע פיגור אויף א זאק; א מין זשוק.

clock'-case *n.* (קלאק'-קיים) דער קאסטעל פון א זייגער [די רעקלעך].

clocked *a.* (קלאקט) בעפוצט מיט אויסגענעהטע פיגורען.

clock'-face *n.* (קלאק'-פיים) דאס ציפערבלאט פון א זייגער.

clock'-ma'ker *n.* (קלאק'-מיי'-קער) א זייגער-מייכטער, אן אוהר-מאכער.

clock'-set'ter *n.* (קלאק'-סעט'-ער) איינער וואס רעגולירט זייגערס.

clock'-star *n.* (קלאק'-סטאר) א ציים-שטערן; דאס רעגולירען א זייגער לויט דער לאגע פון א געוויסען שטערן [ביי אסטראנאמען].

clock'-stock'ing *n.* (קלאק'-סטאק'-אינג) א זאק מיט אויסגענעהטע פיגורען.

clock'-tow'er *n.* (קלאק'-טאו'-ער) א שטאדט-זייגער, א טהורעם-זייגער.

clock'-tur'ret *n.* (קלאק'-טאר'-עט) א קליינער טהורעם-זייגער.

clockwise *adv.* (קלאק'-הוואיז) אין דער ריכטונג ווי עס געהען די ציינער פון א זייגער; פינקטליך ווי אן אוהר.

clock'work *n. and a.* (קלאק'-הוואירק) דער מעכאניזם פון א זייגער; א רעגעלמעסיגע ארבייט [ווי די ארבייט פון א מאשין]: רעגולאר.

He is as punctual as clockwork.

clod *n. and v.* (קלאד) א קאם, א קלומפ ערד אדער ליים; דער גוף פון מענשען [דער חומר]: א ליימענער גולם, א בולוואן; אויסלעגען מיט קלומפעס ערד אדער שטיינער.

clod'-crush'er *n.* (קלאד'-קראש'-ער) אזא לאנגע ראלע אנגעזעצט ארום און ארום מיט שפיצען וואס ווערט בענוצט ביי לאנד-ארבייט צו צוברעכען די קלומפעס ערד פון א פריש אויסגעאקערט פעלד.

clod'dish *a.* (קלאד'-איש) קלומפיג, ווי א קאם ערד; גראב, אומגעלומפערט.

clod'dishness *n.* (קלאד'-איש-נעס) אומגעלומפערטקייט; גראבקייט.

clod'dy *a.* (קלאד'-אי) קלומפיג, קאמעוואטע; גראב, אומגעלומפערט.

clod'hopper *n.* (קלאד'-האפ-ער) א ליימענער גולם, א בולוואן; אן אומגעלומפערטער מענש.

clod'hopping *a.* (קלאד'-האפ-אינג) אומגעלומפערט; ווי א ליימענער גולם.

clod'pate *n.* (קלאד'-פיים) א ליימענער גולם, א דומער יונג.

clod'pated *a.* (קלאד'-פיי-טעד) נאריש, אומגעלומפערט.

clod'pole *n.* (קלאד'-פאול) א נאר, א שוטה; א דומער יונג, א פויערשער קאפ; א פרא אדם.

clod'poll *n.* (קלאד'-פאל) ז. *clodpole*

clo'es *n.* (קלאוז) אבקירצונג פון *clothes*

cloff *n.* (קלאף) א צולאגע [הכרעה] צו געוויכט אויף איינפאל [ביי פערשיעדענע סחורות וועלכע ווערען פערקויפט אויף געוויכט].

clog *v. and n.* (קלאג) 1. בעלאדען, איבערלאדען; הינדערען, איינהאלטען [די בעוועגונג פון א ראד]; פערשפארען דעם וועג; 2. א לאסט; א הינדער-

נים; 3. א קלאץ; 4. א שוך מיט א די־קער הילצערנער פאדעשוועּ [זויל] און הויכען קנאפעל, א טאנץ־שוך צום אויסקלאפען דעם טאקט.

1. Reaction often clogs the wheels of progress.

clog'-dance *n.* (קלאג'-דענס) א טאנץ אין שיך וואס האבען הילצערנע פאדעשוועס [זוילען] און קנאפעל צום אויסקלאפען דעם טאקט.

clog'-dan'cer *n.* (קלאג'-דענ'-סער) א האלץ־שיך־טענצער.

clog'-dan'cing *n.* (קלאג'-דענ'-סינג) דאס טאנצען אין האלץ־שיך.

clogged with busi'ness (קלאגד הוויטה ביז'-נעס) איבערלאדען מיט ארבייט.

The office is clogged with an accumulation of business.

clog'giness *n.* (קלאג'-אי-נעס) הינדערניש, שטערעניש; פערהאלטונג, אבשפארונג.

clog'ging *n.* (קלאג'-אינג) א הינדערניש; א זאך וואס הינדערט אדער פערשפארט.

clog'gy *a.* (קלאג'-אי) וואס הינדערט, וואס שטערט, וואס פערהאלט.

clog one's stom'ach (קלאג הוואנז סטאמ'-עק) איבערעסען זיך, צופיעל אנפאקען דעם מאגען.

clog upon' an estate' (קלאג א-פאן' ען עס-טייט') שולדען אויף א גוט־בעזיץ.

cloisonné' *n. and a.* (קלאי-סא-ניי') וואס איז געמאכט אין אבטיילונגען [ביי געוויסע עמאל־ארבייט]; אזא עמאל־ארבייט וואס דאס מעטאל איז אויסגעמאכט אין צעלען און אנגעפילט מיט עמאל.

clois'ter *n. and v.* (קלאיס'-טער) א קלויסטער, א מאנאסטיר; איינשליסען אין א קלויסטער; אבזונדערען פון דער וועלט.

clois'tered *a.* (קלאיס'-טערד) ארומגערינגעלט מיט זיילען ווי אין א קלויסטער; אבגעשלאסען אין א קלויסטער; אבגעזונדערט פון דער וועלט.

clois'terer *n.* (קלאיס'-טער-ער) אן איינוואהנער פון א מאנאסטיר אדער קלויסטער, א מאנאך.

clois'tral *a.* (קלאיס'-טרעל) וואס איז שייך צו א מאנאסטיר אדער קלויסטער; אבגעזונדערט פון דער וועלט.

clois'tress *n.* (קלאיס'-טרעס) א מאנאשקע.

clon'ic *a.* (קלאנ'-איק) קראמפפהאפט, טרייסלענד, ווארפענד, צוקענד [פון ספאזמעס].

clonic'ity *n.* (קלא-ניס'-אי-טי) דאס קרעמפפען, דאס צוקען אדער טרייסלען [פון ספאזמעס].

clon'ic spasm (קלאנ'-איק ספעזם) קאנוואולסיווער קראמפף [אזא ספאזמעס־קראנקהייט].

cloof *n.* (קלוהף) א קאפיטע, א קלויע.

cloot *n.* (קלוהט) א געשפאלטענע קאפיטע [קלויע].

Cloo'tie *n.* (קלוה'-טי) דער שטן, דער טייוועל; דער טייוועל מיט די צושפאלטענע קאפיטעס.

close *a. and adv.* (קלאוס) פערמאכט; פערשטאפט; צוגעשלאסען, צוגעמאכט; אבגעשלאסען אין א געפענגניס; ענג; שטיקענד; געדיכט, שטייף; שטארק; איינזאם; קארג, קנאפ, בצמצום, שפארזאם; בעהאלטען; אין געהיים, בסוד; נאהענט [אין צייט אדער רוים]; נאהענט איינער צום אנדערען; שטרענג לאגיש.

close *v. and n.* (קלאוז) צושליסען; צומאכען; פערשליסען; פערמאכען; איינשליסען; צונויפשליסען; פעסט צונויפפאסען; פעראייניגען; שליסען, ענדיגען; פארטיג מאכען; זיך שליסען, זיך ענדיגען; א שלוס, אן ענד; אן איינגעשלאסענער רוים אדער פלאץ; אן ארומגעצאמטע שטיק לאנד; אן ארומצאמונג.

close a cir'cuit (קלאוז ע סויר'-קיט) שליסען אן עלעקטרישען קרייז [אז דער עלעקטרישער שטראם זאל פליסען].

close atten'tion (קלאוס ע-טענ'-שאן) שטארקע אויפמערקזאמקייט.

close'-ban'ded *a.* (קלאוס'-בענ'-דעד) פעסט פערבונדען; אין געדיכטע מאסען.

close'-barred *a.* (קלאוס'-בארד) פעסט פערשלאסען.

close'-bod'ied *a.* (קלאוס'-באד'-איד) וואס פאסט ריכטיג צום קערפער.

close by (קלאוס באי) נאהענט; גאנץ נאהענט צום; הארט דערביי.

Their house stood close by the brook.

close by the wind (קלאוס באי טהי ווינד) גאנץ נאהענט צום ווינד [ביי א שיף].

close corpora'tion (קלאוס קאר-פא-ריי'-שאן) א געשלאסענער פעראיין [א פעראיין וואס נעהמט אויף א בעשרענקטע צאהל מיטגליעדער און די פעראנטווארטליכע בעאמטע וועהלען מייסטענס אליין זייערע נאכפאלגער].

close correspon'dence (קלאוס קאר-ע-ספאנ'-דענס) א פערטרויטער אדער נעהנטער בריעף־וועקסעל.

close'-couched *a.* (קלאוס'-קאוטשט) פערבארגען, בעהאלטען.

close'-cur'tained *a.* (קלאוס'-קויר'-טיינד) ארומגעדעקט מיט פארהאנגען.

closed curve (קלאוזד קוירוו) א געשלאסענע ליניע [ווי א קרייז, למשל].

close elec'tion (קלאוס אי-לעק'-שאן) א וואהל וואו די קעמפפענדע פארטייען האבען בעקומען כמעט א גלייכע שטימען־צאהל.

close fight (קלאוס פאיט) א געשלעג אין וועלכען עס איז שווער צו ענטשיידען ווער עס האט געוואונען.

close'-fis'ted *a.* (קלאוס'-פיס'-טעד) קארג.

close'-fis'tedness *n.* (קלאוס'-פיס'-טעד-נעס) קארגקייט.

close'-grained *a.* (קלאוס'-גריינד) שטייף, צוזאמענגעפרעסט, פעסט.

close'-han'ded *a.* (קלאוס'-הענ'-דעד) ז. ***close-fisted***

close'-han'dedness *n.* (קלאוס'-הענ'-דעד-נעס) ז. ***close-fistedness***

close'-hauled *a.* (קלאוס'-האהלד) וואס זעגעלט גאנץ נאהענט צום ווינד [ביי א שיף].

close inqui'ry (קלאוס אינ-קהוואי'-רי) גענויע נאכפארשונג.

close'ly *adv.* (קלאוס'-לי) איינגעשלאסען; געהיים; געדיכט; אויפמערקזאם.

close'ly connec'ted (קלאוס'-לי קא-נעק'-טעד) ענג פערבונדען.

They are closely connected in business.

close'ly rela'ted (קלאוס'-לי רי-ליי'-טעד) אין נאהענטע קרובה'שאפט, דורך נאהענטע פערוואנדשאפט.

close'ly writ'ten (קלאוס'-לי ריטען) געדיכט געשריבען.

close mat'ter (קלאוס מעט'-ער) עטוואס געדרוקטעס אדער געשריבענעס מיט ווייניג אבשטעלען [פאראגראפען].

close'ness *n.* (קלאוס'-נעס) געדיכטקייט, שטייפקייט; ענגקייט; נאהענטקייט; אבגעשלאסענהייט.

close of naviga'tion (קלאוז אוו נעוו-אי-גיי'-שאן) ענדע פון נאוויגאציאן [ווען דאס וואסער ווערט פערפרארען און די שיפען קענען ניט געהען].

close of night (קלאוז אוו נאיט) פארטאג.

close out (קלאוז אוט) אויספערקויפען.

close'-pent *a.* (קלאוס'-פענט) ענג פערשלאסען.

close'-quar'ters *n.* (קלאוס'-קהווארי'-טערז) א בעפעסטיגטער ארט אויף א שיף, וואו די מאטראזען קענען זיך פערטיידיגען אין צייט פון אנפאל; א נאהענטער צוזאמענשטויס מיט'ן פיינד.

clo'ser *n.* (קלאו'-זער) איינער וואס בעשליסט אדער בעענדיגט.

clo'ser of debates' (קלאו'-זער אוו די-בייטס') דער לעצטער רעדנער אין א דעבאטע; דער וואס ענטשיידעט ווער עס האט מנצח געווען אין א דעבאטע.

close'-sea'son *n.* (קלאוס'-סיזן) דער טייל פון יאהר ווען עס איז פערבאטען צו פאנגען געוויסע פיש און שיסען חיות.

close shave (קלאוס שייוו) א גלאטע, ריינע אבראזירונג; א קוים־קוימעדיגע רעטונג פון א געפאהר.

close'-shaved *a.* (קלאוס'-שייווד) ריין געגאלט [ראזירט].

close'-sha'ver *n.* (קלאוס'-שיי'-ווער) א קמצן, א קארגער.

close'-shut *a.* (קלאוס'-שאט) פערקארקעוועט, פערשטאפט.

close'-stool *n.* (קלאוס'-סטוהל) א צוגעדעקטע קעסטעלע וואס ענטהאלט א נאכט־כלי [א נאכט־שטול].

clos'et *n., v. and a.* (קלאז'-עט) א צימער; אן אלמער איינגעבויט אין וואנד; אן אבטריט, איינשליסען, אבשליסען זיך פאר א בעראטונג אין א פריוואטען צימער; געהיים.

clos'eted *a.* (קלאז'-עט-עד) פערמאכט; פערבארגען; אבגעשלאסען אין א פריוואט־צימער.

They were closeted in the manager's office for one hour.

close the door (קלאוז טהי דאור) פערשליסען די טהיר.

close'-time *n.* (קלאוס'-טאים) ז. ***close-season***

clos'eting *n.* (קלאז'-עט-אינג) דאס אבהאלטען א געהיימע בעראטונג.

close to (קלאוס טו) נאהענט צו, הארט דערביי.

close'-tongued *a.* (קלאוס'-טאנגד) געהיים, שווייגענדיג.

close to the ground (קלאוס טו טהי גראונד) הארט צו דער ערד.

close transla'tion (קלאוס טרענס-ליי'-שאן) א גענויע איבערזעצונג.

clos'et sin (קלאז'-עט סין) א פערבארגענע זינד.

close type (קלאוס טאיפ) א געדיכטע שריפט.

close up (קלאוז אפ) פערשליסען, צושליסען.

close upon' (קלאוז א-פאן') איינינ ווערען.

close with (קלאוז הוויטה) איינינ ווע־ רען, מישוה ווערען.

close with an of'fer (קלאוז הוויטה ען אפ'-ער) אננעהמען א פארשלאג.

close with the en'emy (קלאוז הוויטה טהי ענ'-ע-מי) פעכטען מיט דעם פיינד.

close with the land (קלאוז הוויטה טהי לענד) קומען נאהענט צו לאנד [ביי א שיף].

close writs (קלאוס ריטס) פערזיגעל־ טע געהיימע דאקומענטען.

closh *n.* (קלאש) אזא פיס־קראנקהייט ביי בהמות.

clo'sing *a.* and *n.* (קלאו'-זינג) פער־ מאכענד, פערשליסענד; ענדיגענד; אן ענדע; דאס ענדיגען.

clo'sing-machine' *n.* (קלאו'-זינג-מע-שין') א נעה־מאשין פאר לעדער־ארער דיקע געוואנד; א מאשין צו דרעהן שטריק.

clo'sing-price *n.* (קלאו'-זינג-פראיס) דער לעצטער מקח.

clo'sure *n.* and *v.* (קלאו'-זשור) איינ־ שליסונג; שלוס, ענד; שלוס פון דעבאטען כדי איבערצוגעהן צום שטימען: ענדיגען דורך שלוס פון דעבאטען און איבערגעהן צום שטימען.

clot *n.* and *v.* (קלאט) א שטיק פער־ גליווערטע מאסע: ווערען פערגליווערט; פערגליווערען: בערעקען מיט קלומפעס אדער פערהארטעוועטע שטיקער.

cloth *n.* and *a.* (קלאטה) 1. צייג, טוך, געוואנט; א טישטוך; לייווענט; קליי־ דונג; 2. געמאכט פון צייג.

2. The overcoat has a cloth lining.

cloth'-bag *n.* (קלאטה'-בעג) א רייזע־ זאק.

cloth'-beam *n.* (קלאטה'-ביעם) דער וועבער־שטאק.

cloth'-boot *n.* (קלאטה'-בוהט) שיך פון צייג [פון טוך].

clothe *v.* (קלאוטה) אנקליידען; בערע־ קען, איינוויקלען, איינהילען: בעזארגען מיט קליידונג.

clothed *a.* (קלאוטהד) אנגעקליידעט; בערעקט [מיט עהרע].

clothed with ab'solute pow'er (קלאוטהד הוויטה עב'-סא-ליוט פאו'-ער) פערטרויט מיט אונבעשרענקטער מאכט.

clothes *n.* (קלאוטהז) קליידער; וועש; בעט־וועש.

clothes'-bas'ket *n.* (קלאוטהז'-בעס'-קעט) א קארב וואו מען האלט וועש.

clothes'-brush *n.* (קלאוטהז'-בראש) א קליידער־בערשטעל.

clothes'-dry'er *n.* (קלאוטהז'-דראי'-ער) א פארריכטונג צום טריקענען וועש.

clothes'-horse *n.* (קלאוטהז'-הארס) אזא ראהם צום טריקענען וועש.

clothes'-line *n.* (קלאוטהז'-לאין) א שטריק צום הענגען וועש צו טריקענען.

clothes'-moth *n.* (קלאוטהז'-מאהטה) מאטען [מאיל].

clothes'-pin *n.* (קלאוטהז'-פין) דער וועש־קלאמער [אזא האלץ־נאפעלע וואס ווערט בענוצט צום איינקלעמען די וועש צום שטריק אויף וועלכען עס ווערט אויפ־ געהאנגען צום טריקענען].

clothes'-press *n.* (קלאוטהז'-פרעס) א קליידער־שראנק; א פרעס צום פרעסען וועש.

clothes'-sprin'kler *n.* (קלאוטהז'-ספרינ'-קלער) אזא כלי צו בעשפריצען קליידער אדער וועש וועלכע מען דארף אויספרעסען.

clothes'-wring'er *n.* (קלאוטהז'-רינג'-ער) א פארריכטונג צום אויסדריקען דאס וואסער פון נאסע וועש.

cloth'-hall *n.* (קלאטה' האהל) א מארק צום פערקויפען וואלען־שטאף.

cloth'ier *n.* (קלאוטה'-יער) א הענדלער מיט פארטיגע קליידער; א קליידער־מא־ כער; א טוך־הענדלער; א טוך־מאכער.

clo'thing *n.* (קלאו'-טהינג) קליידונג, קליידער־וואארען.

cloth'-lap'per *n.* (קלאטה'-לעפ'-ער) איינער וואס לעגט צונויף אדער ראלט צו־ זאמען טוך.

cloth'-manufac'tory *n.* (קלאטה'-מען-יו-פעק'-טא-רי) טוך־פאבריק.

cloth'-manufac'ture *n.* (קלאטה'-מען-יו-פעק'-טשור) טוך־פאבריקאציאן.

cloth'-mar'ket *n.* (קלאטה'-מאר'-קעט) א טוך־קראם.

cloth'-mer'chant *n.* (קלאטה'-מויר'-טשענט) א טוך־הענדלער.

cloth'-pa'per *n.* (קלאטה'-פיי'-פער) אזא זארט דיקעס גלאטעס פאפיער וואס ווערט בענוצט ביים פרעסען וואלען־שטאף.

cloth'-plate *n.* (קלאטה'-פלייט) די קליינע מעטאלענע פלאטע אין א נעה־מא־ שין אויף וועלכע עס ווערט געלעגט דאס צייג צום נעהען און דורך וועלכער די נא־ דעל געהט דורך.

cloth'-press *n.* (קלאטה'-פרעס) אזא פרעס פאר וואלען־שטאף.

cloth'-shear'er *n.* (קלאטה'-שיער'-ער) א טוך־שערער [דער וואס שערט אב די איבריגע הערעלעך וואס קומען ארויס אויפ'ן טוך ביים וועבען].

cloth'-stretch'er *n.* (קלאטה'-סטרעטש'-ער) א פערזאן אדער א מאשין וואס ציהט אויס טוך.

cloth'-tes'ter *n.* (קלאטה'-טעס'-טער) א מאשין וואס פראבירט די שטארקייט פון צייג.

cloth'-trade *n.* (קלאטה'-טרייד) ליי־ ווענד־האנדעל; טוך־האנדעל.

cloth'-wea'ver *n.* (קלאטה'-וויע'-ווער) לייווענד־וועבער, טוך־וועבער.

cloth'-wheel *n.* (קלאטה'-הוויעל) א רע־ דעל בערעקט מיט טוך פאר דעם צוועק צו פאלירען געוויסע מאטעריאלען: דאס רעדעל אין א נעה־מאשין וואס בעטרייבט די פלאטע וועלכע טרייבט דאס צייג וואס ווערט גענעהט.

cloth'-wor'ker *n.* (קלאטה'-הוואיר'-קער) א טוך־ארבייטער.

cloth'-yard *n.* (קלאטה'-יארד) אן אלטע מאס פון 27 צאל צו מעסטען געוואנד.

cloth'-yard shaft (קלאטה'-יארד שעפט) א מין פארצייטיגע ענגלישע פייל [פון א פיילענבויגען], וואס האט געהאט די לענג פון א יארד.

clot'ted *a.* (קלאט'-ער) פול מיט קלומפען, מיט הארטע שטיקלעך אדער מיט צונויפ־ געגליווערטע מאסען.

clot'ty *a.* (קלאט'-אי) פול מיט קלומפען, מיט הארטע שטיקלעך אדער צונויפגעגלי־ ווערטע מאסען.

clô'ture *n.* (קלאו'-טוהר) שלוס פון דעבאטען כדי איבערצוגעהן צום שטימען.

cloud *n.* and *v.* (קלאוד) 1. א וואלקען; דונקעלהייט; בעדעקען מיט א וואלקען; פערוואלקענען; 2. פערדאכט, צווייפעלהאפ־ טיגקייט; 3. אזא מין לייכטער דורכזיכ־ טיגער וואלען־צייג, וואס פרויען בענוצען אלס קאפ־בערעקונג.

2. His reputation is under a cloud.

cloud'berry *n.* (קלאוד'-בער-אי) א מין מאלענע [יאגרע].

cloud'-built *a.* (קלאוד'-בילט) געבוים פון וואלקענס; פאנטאסטיש, כימעריש.

And so vanished in smoke my cloud-built palace.

cloud'-burst *n.* (קלאוד'-בוירסט) א וואלקען־בריך, א גרויסער גוס־רעגען.

cloud'-capped *a.* (קלאוד'-קעפט) מיט וואלקענס בעקרוינט, וואס גרייכט ביז די וואלקענס.

The Alps have many cloud-capped mountains.

cloud'-compel'ler *n.* (קלאוד'-קאם-פעל'-ער) דער וואס זאמעלט און טרייבט צונויף די וואלקענס [א בעצייכנונג פאר דעם גאט צעאוס אדער יופיטער אין דער רוימיש־גריכישער מיטאלאגיע].

cloud'-compel'ling *a.* (קלאוד'-קאם-פעל'-אינג) צונויפטרייבענדיג די וואלקענס [וועגען דעם גאט יופיטער אדער צעאוס אין דער רוימיש־גריכישער מיטאלאגיע].

cloud'-drift *n.* (קלאוד'-דריפט) אבגע־ טיילטע וואלקען־שטיקער.

cloud'-eclipsed' *a.* (קלאוד'-אי-קליפסט') פערדונקעלט פון וואלקען.

clou'dily *adv.* (קלאו'-די-לי) מיט וואל־ קענס; דונקעל; פערוואלקענט.

clou'diness *n.* (קלאו'-די-נעס) דאס זיין פערוואלקענט; דונקעלהייט.

clou'ding *n.* (קלאו'-דינג) דאס אויס־ זעהן ווי פערוואלקענט; די אונרעגעלמע־ סיגע פערטיילונג פון ליכט און שאטען; די אונרעגעלמעסיגע פערטיילונג פון א קא־ ליר.

cloud'-kiss'ing *a.* (קלאוד'-קיס'-אינג) קושענדיג די וואלקענס, שטרעבענדיג אין דער הויך.

cloud'-land *n.* (קלאוד'-לענד) די וועלט פון פאנטאזיעס אדער כימערעס.

Your plans belong to cloud-land; they are not based on anything.

cloud'less *a.* (קלאוד'-לעס) נים וואל־ קענדיג, ריין, קלאר.

cloud'lessly *adv.* (קלאוד'-לעס-לי) אהן וואלקען, נים פערוואלקענט.

cloud'let *n.* (קלאוד'-לעט) א וואלקענ־ דעל.

cloud'-rack *n.* (קלאוד'-רעק) ז. *cloud-drift*

cloud'-ring *n.* (קלאוד'-רינג) א רינג פון וואלקענס.

cloud'-top'ped *a.* (קלאוד'-טאפט) וואס דער שפיץ איז בערעקט מיט וואל־ קענס.

clou'dy *a.* (קלאו'-די) דונ־ וואלקענדיג; קעל.

clou'dy pil'lar (קלאו'-די פיל'-ער) דער וואלקען־זייל [עמוד הענן].

clough *n.* (קלאף) א שמאלער טהאל.

clour *n.* and *v.* (קלור) א פעלד; א קלאפ, א פאטש; געבען א קלאפ אדער א פאטש.

clout *n.* and *v.* (קלאוט) אן אנימשע, א לופעטע, א שמאטע, א לאפען, א ווישטוך; א ווינדעל; א לאטע; א קלאפ; א שוך־נאגעל; דער מיטעל־פונקט פון א שיס־ברעט; אן אייזען־פלאטע אויף א וואגען־אקס; פערלאטען; בעדעקען; אבווישען; אברייבען מיט א לאפען; צוקלא־ פען, בעפעסטיגען מיט נעגעל, קלאפען, שלאגען.

clou'ted *a.* (קלאו'-טעד) פערלאטעט,

צונויפגעשטוקעוועט פון שטיקלעך; צוגעשלאגען, בעפעסטיגט מיט נעגעל.

clou'ting *n.* (קלאו'-טינג) דאס שלאגען, דאס קלאפען.

clout'-nail *n.* (קלאוט'-נייל) א שוך־נאגעל.

clove *n.* (קלאווו) נעלקען־געווירץ [נעגעלע].

clove (קלאווו) געשפאלטען, געטיילט. ז. *cleave*.

clove'-bark *n.* (קלאווו'-בארק) נעלקען־צימרינג.

clove'-cin'namon *n.* (קלאווו'-סינ'-ע-מאן) ז. *clove-bark*.

clove'-gil'lyflower *n.* (קלאווו'-דזשיל'-אי-פלאו-ער) נעלקען־געווירץ־בלום [נעגעלעך־בלום].

clo'ven (קלאו'וון) געשפאלטען, געטיילט. ז. *cleave*.

clo'ven-foot'ed *a.* (קלאו'וון-פוט'-עד) מיט געשפאלטענע קלויען [מפרים פרסה].

clo'ven hoof (קלאו'וון הוף) צושפאלטענע קאפיטע; א טייוועלשער כאראקטער.
He shows his **cloven hoofs.** He only means to make trouble.

clo'ven-hoofed *a.* (קלאו'וון-הופט) וואס האט צושפאלטענע קאפיטעס [מפרים פרסה].

clove'-pink *n.* (קלאווו'-פינק) די נארטען־נעלקע.

clo'ver *n.* (קלאו'-ווער) קלעע [אזא זארט ניצליכער גראז אין לאנד־ווירטשאפט].

clo'vered *a.* (קלאו'-ווערד) בעוואקסען מיט קלעע [אזא גראז].

clo'ver-grass *n.* (קלאו'-ווער-גרעס) ז. *clover*.

clo'ver-hull'er *n.* (קלאו'-ווער-האל'-ער) א מאשין אויסצודרעשען די זוימען פון דעם קלעע־גראז.

clo'ver-sick *a.* (קלאו'-ווער-סיק) אויסגעמאגערט פון א צו לאנגען בענוצען פאר וואקסען קלעע־גראז [ווענען לאנד].

clo'very *a.* (קלאו'-ווער-אי) פול מיט קלעע־גראז.

clown *n. and v.* (קלאון) א גראביאן; אן אונגעלומפערטער מענש; א נאר; א פויער; א קלאון, א פאיאץ; זיך אויפפיהרען ווי א קלאון אדער פאיאץ; שפיעלען דעם פאיאץ.

clow'nery *n.* (קלאו'-נער-אי) גראבקייט, אונערצויגענהיים, אונגעלומפערטקייט; דאס זיין א פאיאץ.

clow'nish *a.* (קלאו'-ניש) אונערצויגען, גראב, דום, אונגעלומפערט.

clow'nishly *adv.* (קלאו'-ניש-לי) ז. *clownish*.

clow'nishness *a.* (קלאו'-ניש-נעס) גראבקייט; אונגעלומפערטקייט; אונערצויגענקייט.

clow'nist *n.* (קלאו'-ניסט) א קלאון, א פאיאץ.

cloy *v.* (קלאי) פערנאגלען, ארייננשלאגען א נאגעל; איבערפילען; אנשטאפען; זעטיגען.

cloy'less *a.* (קלאי'-לעס) וואס קען נים געזעטיגט ווערען.

C. L. S. C. ראשי תבות פון די ווערטער *Chautauqua Literary and Scientific Circle*

club *n. and v.* (קלאב) א געזעלשאפט, א פעראיין, א קלוב, א חברה; א קנויל; א קניפעל [אזא קורצער שטאק מיט א דיקען ענד וואס ווערט בענוצט אלס א וואפען]; זיך פעראייניגען אום עטוואס צו גרינדען; אויפזאמלען א פאנד פאר וועלכען עס איז צוועק; פערדרעהען די האר אין א קנויל.

clubabil'ity *n.* (קלאב-ע-ביל'-אי-טי) דאס זיין קלוב־פעהיג [דאס זיין פאסענד אויפגענומען צו ווערען אין א קלוב אדער געזעלשאפט].

club'able *a.* (קלאב'-עבל) קלוב־פעהיג [פאסענד אויפגענומען צו ווערען אין א קלוב אדער געזעלשאפט].

club a mus'ket (קלאב ע מאס'-קעט) נעהמען א ביקס פערקעהרט אום צו שלאגען מיט'ן הילצערנעם קאלבען.

clubbed *a.* (קלאבד) וואס האט די פארם פון א קניפעל [א קורצער שטאק מיט א דיקען ענד]; געשלאגען מיט א קניפעל.

club'ber *n.* (קלאב'-ער) איינער וואס שלאגט מיט א קניפעל [א קורצער שטאק מיט א דיקען ענד]; איינער וואס בעלאנגט צו א קלוב.

club'bing *n.* (קלאב'-אינג) דאס שלאגען מיט א קניפעל [א קורצער שטאק מיט א דיקען ענד]; דאס בעקומען די פארם פון א קניפעל.

club'bish *a.* (קלאב'-איש) גראב, פויעריש; וואס קען פעראייניגט ווערען אין א געזעלשאפט; וואס איז קלוב־פעהיג.

club'by *a.* (קלאב'-אי) קלוב־פעהיג.

club'-fist *n.* (קלאב'-פיסט) א גראבער פויסט, א ברוטאלער קערל.

club'-fis'ted *a.* (קלאב'-פיס'-טעד) וואס האט א גראבען פויסט.

club'foot *n.* (קלאב'-פוט) א קלומפ־פוס [א קרומער אדער אויסגעדרעהטער פוס פון געבורט].

club'-foot'ed *a.* (קלאב'-פוט'-עד) קלומפ־פיסיג, וואס האט א קרומען אדער אויסגעדרעהטען פוס פון געבורט.

club'-foot'edness *n.* (קלאב'-פוט'-עד-נעס) דאס האבען א קרומען אדער אויסגעדרעהטען פוס פון געבורט.

club'-head'ed *a.* (קלאב'-העד'-עד) גראב־קעפיג.

club'-house *n.* (קלאב'-האוס) א קלוב.

club'-law *n.* (קלאב'-לאה) דאס פויסט־רעכט; דאס רעכט פון ברוטאלער געוואלט.

club'man *n.* (קלאב'-מען) איינער וואס טראגט אדער שלאגט מיט א קניפעל [שטאק, דובינקע].

club'-man *n.* (קלאב'-מען) א קלוב־מענש, א מיטגליעד פון א קלוב.

club'-mas'ter *n.* (קלאב'-מעס'-טער) א פערוואלטער פון א קלוב.

club'-moss *n.* (קלאב'-מאהס) א מין נידריגע מאך־פלאנצע [וואקסט אין די פייכטע טארף־געגענדען].

club'-room *n.* (קלאב'-רוהם) א קלוב־לאקאל; א צימער, וואו א פעראיין האלט אב זיינע פערזאמלונגען און וואו די מיטגליעדער קומען זיך אונטערהאלטען.

club'root *n.* (קלאב'-רוהט) אזא קראנקהייט ביי קרויט וואס האט די פארם פון גרויסע אויפגעשוואלענע בלאטערען.

club'-rush *n.* (קלאב'-ראש) אזא פלאנצע וואס וואקסט ביי טייכען.

club'-shaped *a.* (קלאב'-שייפט) וואס האט די פארם פון א קניפעל [אזא קורצער שטאק מיט א דיקען ענד].

club'ster *n.* (קלאב'-סטער) א פרעהליכער קאמפאניאן; א קלוב־בעזוכער.

cluck *v. and n.* (קלאק) קוואקטשען; א קוואקטשעריי [ווי פון א הוהן].

cluck'ing *n.* (קלאק'-אינג) דאס קוואקטשען [פון א הוהן].

cluck'ing-hen *n.* (קלאק'-אינג-הען) א קוואקטשעדיגע הוהן; א הוהן וואס זיצט אויף אייער.

clue *n. and v.* (קלו) 1. א קנויל; 2. א שפור; 3. פיהרען אויף א שטריקעל.
2. The detectives found a **clue** about the mysterious murder.

clum *v.* (קלאם) גראב אנכאפען.

clum'ber *n.* (קלאמ'-בער) אזא קליינער קורץ־פיסיגער הונד.

clump *n. and v.* (קלאמפ) א קאם, א קלומפ; א קלאץ; א צוזאמענגעקלעפטע שטיק; א בינטעל, א גרופע; א דיקע פאדעשווע [זויל] וואס איז בעפעסטיגט צו א פראסטען שוך; א קליינער געקרויזטער האר־לאק; געהן שווער און אונגעלומפערט.

clump'-boot *n.* (קלאמפ'-בוהט) א שווערער גראבער שוך.

clum'per *n.* (קלאמ'-פער) א גרויסע שטיק; א גרויסע שטיק אבגעפאלענע פעלזען.

clum'pers *n.* (קלאמ'-פערז) שווערע גראבע שיך.

clum'ping *n.* (קלאמ'-פינג) דאס קרויזען די האר מיט פריזיר צווענגלעך.

clumps *n.* (קלאמפס) אזא שפיעל אין פראגע און אנטווארט.

clum'py *a.* (קלאמ'-פי) קלומפיג, קאמאוואטע, מאסיוו.

clumse *v. and n.* (קלאמס) ווערען שטייף, פערגליווערט ווערען פון קעלט אדער פון שרעק; א שוטה, א ליימענער גולם, אן אונגעלומפערטער יונג.

clum'sily *adv.* (קלאמ'-זי-לי) אויף אן אונגעלומפערטען אופן.

clum'siness *n.* (קלאמ'-זי-נעס) אונגעשיקטקייט, אונגעלומפערטקייט.

clum'sy *a.* (קלאמ'-זי) אונגעשיקט, אונגעלומפערט.
She is **clumsy** in appearance because she is so fat.

clum'sy-boots *n.* (קלאמ'-זי-בוהטס) גרויסע, שווערע שיך.

clunch *n. and a.* (קלאנטש) פערהארטעטע ליים; פעסט, מאסיוו.

clun'chy *a.* (קלאנ'-טשי) וואס ענטהאלט פערהארטעטע ליים.

clung (קלאנג) אנגעקלאמערט. ז. *cling*.
The child **clung** to the breast of the mother and would not let go.

clung *a.* (קלאנג) איינגעשרומפען; פערהארט.

clu'peoid *a.* (קלו'-פי-איד) וואס אנבעלאנגט צו אדער האט די פארם פון הערינג.

clus'ter *n. and v.* (קלאס'-טער) 1. א גרופע [פון פערזאנען אדער זאכען]; א בינטעל, א פעקעל, א טשוב, א קופע, א זאמלונג; 2. מאכען אין בינטלעך, אין טשובעס אדער אין קופעס; וואקסען אין בינטלעך.
1. He is holding in his hands a **cluster** of grapes.

clus'teringly *adv.* (קלאס'-טער-אינג-לי) אין בינטלעך.

clus'tery *a.* (קלאס'-טער-אי) בינטעלארטיג.

clutch *v. and n.* (קלאטש) גרייפען, פאקען; איינקלעמען; א גריף; א קלויע, א קאפיטע; א פויסט; א מאשינען טייל וואס האט דעם צוועק צו אונטערברעכען די פערבינדונג פון די בעוועגליכע טיילען פון א מעכאניזם; די צאהל אייער וואס א הוהן בריהט אוים פאר איין מאל.

clutch'-drill *n.* (קלאטש'-דריל) אזא בויערער [דריל] וואס ווערט געדרעהט דורך א הענטעל און בויערט נור ווען ער ווערט געדרעהט אין איין ריכטונג.

clutch'-fist *n.* (קלאטש'-פיסט) א פערמאכטע האנד [א קמצן].

clut'ter *n. and v.* (קלאט'-ער) זאכען צונויפגעווארפען אהן א ארדנונג; א מישעניגע; אן אונארדנונג; מאכען אן אונארדנונג, א מישעניגע; א לארם, א טומעל; לארמען, טומלען.

clut'terment *n.* (קלאט'-ער-מענט) א טומעל, א לארם.

cly *n.* (קלאי) א קעשענע [אויף גנבים שפראך].

cly'faking *n.* (קלאי'-פיי-קינג) דאס גנב'ענען פון די קעשענעס [אויף גנבים שפראך].

clyp'eate *a.* (קליפ'-אי-אייט) שילדארטיג.

clyp'eiform *a.* (קליפ'-אי-אי-פארם) ז. *clypeate*

clyp'eus *n.* (קליפ'-אי-אס) א פארצייטיגער גרויסער רונדער שילד [פאר קריגס צוועקען].

clys'ter *n.* (קליס'-טער) קליסטיר, קאנע.

clys'terize *v.* (קליס'-טער-איז) מאכען א קליסטיר.

clys'ter-pipe *n.* (קליס'-טער-פאיפ) די גומענע קישקע פון א קליסטיר.

cne'mis *n.* (ני'-מיס) דער שיןביין [דער פוסביין צווישען קניע און קנעכעל].

Co. אן אבקירצונג פון די ווערטער: 1. "*County*" 2. "*Company*"; 1. Jewish Press Publishing Co. 2. Cold Spring. Putnam Co., N. Y.

c. o. ראשי תבות פון די ווערטער: "*care of*"; ווערט געשריבען אויף אן אדרעס פון א בריעף, ווען איינער קריגט זיינע בריעף אויף דער אדרעסע פון אן אנדערען; מאנכעס מאל ווערט עס געשריבען: % Mr. M. Smith, c|o Mr. J. Jones.

coacer'vate *v. and a.* (קאו-ע-סויר'-ווייט) צונויפזאמלען, אנהויפען; צונויפגעהויפט, צונויפגעזאמעלט.

coacerva'tion *n.* (קא-עס-אויר-וויי'-שאן) די אנהויפונג, די אנזאמלונג.

coach *n. and v.* (קאוטש) 1. א קארעטע; א פאסאזשיר וואגאן פון א באהן; 2. א פערזאן, וואס איז בעשעפטיגט צו איינלערנען אטלעטען צום וועט־קאמפף; א פריוואטער לעהרער; 3. איינאיבען, איינלערנען; פארבערייטען צום עקזאמען.
2. The baseball team has an able coach; he trains the fellows well. 3. He is employed to coach the students for the college examinations.

coach and four (קאוטש ענד פאור) א געשפאן מיט פיער פערד.

coach'-bit *n.* (קאוטש'-ביט) דאס אייזענדעל פון א פערד'ס צוים צו וועלכען עס ווערען בעפעסטיגט די לייצעס.

coach'-box *n.* (קאוטש'-באקס) די קאזלעס [דער זיץ פאר דעם קוטשער].

coach'-dog *n.* (קאוטש'-דאג) אזא קליינער הינטעל ווייס און שווארץ געפלעקט.

coached *a.* (קאוטשט) אין קארעטע; איינשטודירט, איינגעאיבט.

coached up (קאוטשט אפ) צונויפגעקוועטשט, צונויפגעדריקט, צונויפגעפאקט.

coa'chee *n.* (קאו'-טשיע) א קוטשער.

coach'-fare *n.* (קאוטש'-פעהר) פוהרגעלט.

coach'-fel'low *n.* (קאוטש'-פעל'-או) א פערד, וואס איז איינגעשפאנט אין א קארעטע צוזאמען מיט אן אנדער פערד; א נאהענטער קאמעראד.

coach'ful *n.* (קאוטש'-פול) אזוי פיעל וויפיעל א קארעטע קען ארייננעהמען.

coach'-hire *n.* (קאוטש'-האיר) גייצגעלד פאר א קארעטע.

coach'-horse *n.* (קאוטש'-הארס) א שפאןפערד, א פאהרפערד.

coa'ching *n.* (קאו'-טשינג) דאס פאהרען שפאצירען אין קארעטען: דאס איינשטודירען, דאס איינאיבען.

coach'maker *n.* (קאוטש'-מיי-קער) א קארעטען־מאכער.

coach'man *n.* (קאוטש'-מען) א קוטשער.

coach'manship *n.* (קאוטש'-מען-שיפ) די קענטשאפט פון א קוטשער [צו פאהרען מיט א קארעטע].

coach'-mas'ter *n.* (קאוטש'-מעס'-טער) איינער וואס פערדינגט קארעטען.

coach'-of'fice *n.* (קאוטש'-אפ'-איס) א קאנטאר צו פערדינגען קארעטען.

coach'-stand *n.* (קאוטש'-סטענד) דער ארט וואו עס שטעהען קארעטען אדער דראזשקעס צום פערדינגען.

coach'-step *n.* (קאוטש'-סטעפ) דאס טרעפעל אויף וועלכען מען שטייגט איין אין א קארעטע.

coach'-trim'mer *n.* (קאוטש'-טרים'-ער) אן ארבייטער וואס איז בעשעפטיגט ביים ארויסענדיגען און מאכען די בעפוצונג פון קארעטען.

coach'-whip *n.* (קאוטש'-הוויפ) אזא שמאלע פלאג אויף א קריגסשיף.

coact' *v.* (קא-עקט') צווינגען, נויטען.

co-act' *v.* (קאו-עקט') ווירקען צוזאמען.

coac'tion *n.* (קא-עק'-שאן) דאס צווינגען, דאס נויטען, צוואנג.

coac'tive *a.* (קא-עק'-טיוו) צווינגענדיג, נויטענדיג.

co-ac'tive *a.* (קאו-עק'-טיוו) ווירקענדיג צוזאמען.

coac'tively *adv.* (קא-עק'-טיוו-לי) דורך צוואנג; אויף א צווינגענדען אופן.

co-activ'ity *n.* (קאו-עק-טיוו'-אי-טי) די צוזאמענווירקונג; דאס ווירקען צוזאמען.

co-ac'tor *n.* (קאו-עק'-טאר) איינער וואס ווירקט צוזאמען מיט אנדערע.

coadapta'tion *n.* (קאו-עד-עפ-טיי'-שאן) די געגענזייטיגע צופאסונג.

coadap'ted *a.* (קאו-ע-דעפ'-טעד) געגענזייטיג צוגעפאסט.

coadja'cence *n.* (קאו-ע-דזשיי'-סענס) די געגענזייטיגע נאהנטקייט; די נאהנטקייט פון איין זאך צו דער אנדערער; דאס נאהנט זיין איינער צום אנדערען.

coadja'cent *a.* (קאו-ע-דזשיי'-סענט) נאהנט איינער צום אנדערען.

coad'jument *n.* (קא-עדזש'-או-מענט) געגענזייטיגע הילף.

coadjust' *v.* (קאו-ע-דזשאסט') צופאסען איינס צו דאס אנדערע.

coadjust'ment *n.* (קאו-ע-דזשאסט'-מענט) די געגענזייטיגע צופאסונג.

coad'jutant *a. and n.* (קא-עדזש'-או-טענט) העלפענדיג איינער דעם אנדערען, שטיצענדיג זיך געגענזייטיג: מיטווירקענדיג; א מיטווירקער, א קאלעגע.

coadjute' *v.* (קאו-ע-דזשוט') געמיינשאפטליך ווירקען; געגענזייטיג זיך העלפען.

coadju'tive *a.* (קאו-ע-דזשו'-טיוו) שטיצענדיג אדער העלפענדיג זיך געגענזייטיג; ווירקענדיג געמיינשאפטליך.

coadju'tor *n.* (קאו-ע-דזשו'-טאר) א מיטווירקער, העלפער, געהילף; א קאלעגע; א געהילף פון א בישאף.

coadju'torship *n.* (קאו-ע-דזשו'-טאר-שיפ) מיטהילף, מיטווירקונג.

coadju'tress *n.* (קאו-ע-דזשו'-טרעס) א מיטווירקערין, א העלפערין, אן אסיסטענטין.

coadju'trix *n.* (קאו ע דזשו'-טריקס) ז. *coadjutress*

coad'juvant *a. and n.* (קא-עדזש'-או-ווענט) העלפענדיג, מיטווירקענדיג; אן אסיסטענט, א העלפער.

coad'unate *a.* (קא-עד'-יו-נייט) פעראייניגט.

coad'unated *a.* (קא-עד'-יו-ניי-טעד) ז. *coadunate*

coaduni'tion *n.* (קא-עד-יו-ניש'-אן) פעראייניגונג.

coadven'ture *v. and n.* (קאו-עד-ווענ'-טשור) נעהמען אנטייל מיט אנדערע אין א געוואגטע אונטערנעהמונג אדער ספעקולאציאן; א געוואגטע אונטערנעהמונג אדער ספעקולאציאן אין וועלכע מעהרערע זיינען בעטייליגט.

coadven'turer *n.* (קאו-עד-ווענ'-טשור-ער) איינער וואס נעהמט אנטייל מיט אנדערע אין א געוואגטע אונטערנעהמונג אדער ספעקולאציאן.

coae'val *n.* (קאו-אי'-וועל) איינער וואס איז אין איין עלטער מיט אן אנדערען; איינער וואס לעבט אין דער זעלבער צייט מיט אן אנדערען.

coa'gency *n.* (קאו-איי'-דזשענ-סי) געמיינשאפטליכע מיטארבייטערשאפט; געמיינשאפטליכע קרעפטען.

coa'gent *n.* (קאו-איי'-דזשענט) מיטארבייטער; מיטהעלפער; מיטשולדיגער.

coagulabil'ity *n.* (קא-עג-יו-לע-ביל'-אי-טי) די טבע פון געוויסע פליסיגקייטען [ווי מילך אדער בלוט] פערגליווערט צו ווערען.

coag'ulable *a.* (קא-עג'-יו-לעבל) וואס קען פערגליווערט ווערען.

coag'ulant *n.* (קא-עג'-יו-לענט) א שטאף וואס מאכט פערגליווערען פליסיגקייטען.

coag'ulate *v.* (קא-עג'-יו-לייט) פערגליווערען; פערגליווערט ווערען.

coagula'tion *n.* (קא-עג-יו-ליי'-שאן) דאס פערגליווערען, דאס ווערען פערגליווערט; א פערגליווערטע מאסע.

coag'ulative *a.* (קא-עג'-יו-ליי-טיוו) וואס האט א נייגונג צו פערגליווערען; וואס מאכט פערגליווערען.

coag'ulator *n.* (קאו-עג'-יו-ליי-טאר) א געגענשטאנד וואס פערגליווערט אנדערע זאכען.

coag'ulatory *a.* (קא-עג'-יו-ליי-טא-רי) וואס האט די נייגונג צו פערגליווערען.

coag'ulum *n.* (קא-עג'-יו-לאם) א פערגליווערטע מאסע; א פערגליווערטעס שטיק בלוט.

co'-aid *n.* (קאו'-אייד) א מיטהעלפער. א געהילף.

coak *n. and v.* (קאוק) קאקאס־קויהלען; א האלץ־צאפפען [דער ענד פון א שטיק האלץ וואס איז געמאכט ער זאל זיך ארייגפאסען אין א לאך פון אן אנדער שטיק האלץ]: פעראייניגען צוויי שטיקער האלץ דורך א צאפפען.

coal *n. and v.* (קאול) א קויהל; מאכען צו קויהל; בעזארגען מיט קויהלען; ברענען

קויהלען; צייכנען מיט קויהל; ווערען צו קויהל.

coal'-barge *n.* (קאול'-בארדזש) א פלאכע שיף צום טראנספארטירען קויהלען.

coal'-ba'sin *n.* (קאול'-בייסין) קויהלען-באסיין [דער שטח ערד, וואו עס געפינען זיך שטיין-קויהלען].

coal'-bas'ket *n.* (קאול'-בעס'-קעט) א קויהלען-קארב.

coal'-bed *n.* (קאול'-בעד) אן אדער פון שטיין-קויהלען אונטער דער ערד.

coal'-bin *n.* (קאול'-בין) אן אבטיילונג אין א קעלער צו האלטען קויהלען.

coal'-black *a. and n.* (קאול'-בלעק) שווארץ ווי קויהל; א טיעף-שווארצע פארב.

coal'-box *n.* (קאול'-באקס) א קויהלען-קאסטען.

coal'-brea'ker *n.* (קאול'-בריי'-קער) א פערזאן אדער מאשין וואס צוהאקט שטיין-קויהלען פון גרויסע שטיקער אין קלענערע.

coal'-bun'ker *n.* (קאול'-באנ'-קער) א קויהלען-קאמער [בעזאנדערס אויף א דאמפף-שיף].

coal'-car *n.* (קאול'-קאר) א קויהלען-וואגאן.

coal'-cart *n.* (קאול'-קארט) א קויהלען-וואגען.

coal'-dust *n.* (קאול'-דאסט) קויהלען-שטויב.

coalesce' *v.* (קאו-ע-לעס') זיך פעראייניגען; צונויפוואקסען; זיך פעראייניגען אין איין פארטיי.

Two political parties sometimes coalesce and the new organization is unlike either of the original ones.

coales'cence *n.* (קאו-ע-לעס'-ענס) פעראייניגונג; צונויפוואקסונג, צונויפשמעלצונג.

coales'cency *n.* (קאו-ע-לעס'-ען-סי) די נייגונג זיך צו פעראייניגען, צונויפוואקסען אדער זיך צונויפצושמעלצען.

coales'cent *a.* (קאו-ע-לעס'-ענט) צונויפוואקסענדיג; פעראייניגענדיג זיך; צונויפשמעלצענדיג זיך.

coal'-exchange' *n.* (קאול'-עקס-טשיינדזש') א קויהלען-בערזע [א פלאץ וואו עס ווערט פערקויפט קויהלען אין גרויסע מאסען].

coal'-field *n.* (קאול'-פיעלד) א שטיין-קויהלען-פעלד [א באדען, אונטער וועלכען עס געפינען זיך שטיין-קויהלען].

coal'-fire *n.* (קאול'-פאיר) א פייער פון שטיין-קויהלען.

coal'fish *n.* (קאול'-פיש) דער שווארצער מערלאן [אזא שווארצער פיש].

coal'-forma'tion *n.* (קאול'-פאר-מיי'-שאן) שטיין-קויהלען פארמאציאן [דער משך ווען עס האבען זיך אבגעלעגט שיכטען פון שטיין-קויהלען אין דער אינערע פון דער ערד].

coal'-gas *n.* (קאול'-געס) קויהלען-גאז [דער גאז וואס ענטשטעהט פון ברענען קויהלען]; לייכט-גאז.

coal'-hea'ver *n.* (קאול'-היע'-ווער) א קויהלען-טרעגער.

coal'-hod *n.* (קאול'-האד) א שויפעל צו שיטען קויהלען אין אויווען.

coal'-hole *n.* (קאול'-האול) דאס לאך אין טראטואר ביי א הויז דורך וועלכען עס ווערט אריינגעשאטען קויהלען אין קעלער.

coal'-hulk *n.* (קאול'-האלק) א שיף וואס שטעלט צו קויהלען פאר דאמפף-שיפען, וועלכע געפינען זיך אין אויסלענדישע האפענס.

co'alite *v. and a.* (קאו'-ע-לאיט) פעראייניגען; צוזאמענגעוואקסען, פעראייניגט.

coali'tion *n.* (קאו-ע-ליש'-אן) א קאאליציאן, א פערבאנד, פעראייניגונג.

For the time being all opposed to the President were in a coalition.

coali'tionist *n.* (קאו-ע-ליש'-אנ-איסט) דער אנהענגער פון א קאאליציאן; א מיטגליעד פון א פעראייניגונג.

co-ally' *n.* (קאו-ע-לאי') דער מיט-חבר אין א קאאליציאן אדער פערבינדונג.

coal'-man *n.* (קאול'-מען) א קויהלען-הענדלער; איינער וואס טראגט פאנאנדער קויהלען אין די הייזער.

coal'-meas'ures *n.* (קאול'-מעזש'-אורז) די ערד-שיכטען, אין וועלכע עס געפינען זיך אדערען פון שטיין-קויהלען.

coal'-mer'chant *n.* (קאול'-מויר'-טשענט) א קויהלען-הענדלער.

coal'-me'ter *n.* (קאול'-מי'-טער) א קויהלען-מעסטער.

coal'-mine *n.* (קאול'-מאין) קויהלען-גרוב, קויהלען-מינע.

coal'-mi'ner *n.* (קאול'-מאי'-נער) דער שטיין-קויהלען-גרעבער.

coal'-mi'ning *a.* (קאול'-מאי'-נינג) וואס איז שייך צום גראבען שטיין-קויהלען.

coal'-mouse *n.* (קאול'-מאוס) די קויהל-מויז [אזא מויז מיט א שווארץ קעפעל און העלזעל].

coal'-oil *n.* (קאול'-איל) פעטראלעאום, ערד-אויל.

coal'-pit *n.* (קאול'-פיט) א קויהלען-גרוב.

coal'-pock'et *n.* (קאול'-פאק'-עט) א געביידע צו האלטען קויהלען.

coal'-scut'tle *n.* (קאול'-סקאטל) אן אייזערנער עמער צו האלטען קויהלען.

coal'-ship *n.* (קאול'-שיפ) א שיף צו טראנספארטירען קויהלען.

coal'-slack *n.* (קאול'-סלעק) דער שטויב פון שטיין-קויהלען.

coal'-slate *n.* (קאול'-סלייט) שווארצע גריפעל-שטיין.

coal'-stove *n.* (קאול'-סטאוו) אן אויוון וועלכער ווערט געהייצט מיט שטיין-קויהלען; אן אויווען אין וועלכען עס ווערען געברענט אנטראציט-קויהלען.

coal'-tar *n.* (קאול'-טאר) קויהלען-סמאלע; קויהלען-פעך, קויהלען-טער.

coal'-tit *n.* (קאול'-טיט) ז. *coal-mouse*.

coal tongs (קאול טאנגז) א פייער-צוואנג [אזא צוואנג אנצונעהמען הייסע קויהלען].

Coal Tongs

coal'-wharf *n.* (קאול'-הווארף) דער פלאץ וואו מען לאדעט אויס קויהלען פון די שיפען.

coal'-works *n.* (קאול'-הוואירקס) דער פלאץ וואו מען גראבט שטיין-קויהלען.

coa'ly *a.* (קאו'-לי) וואס ענטהאלט קויהלען; פול מיט קויהלען.

coal'-yard *n.* (קאול'-יארד) דער קויהלען-לאגער [דער הויף וואו עס ליגען שטיין-קויהלען].

coa'ming *n.* (קאו'-מינג) א שורה פון אויפגעשטעלטע שטיינער ארום א ברונען אדער גרוב.

coap'tate *v.* (קא-עפ'-טייט) צוזאמענפאסען, ווי צ. ב. די טיילען פון א צובראכענעם ביין א. ד. ג.

coapta'tion *n.* (קאו-עפ-טיי'-שאן) דאס צופאסען, בעהעפטען צוויי פונאנדערגעטיילטע זאכען.

co'aptator *n.* (קאו'-עפ-טיי-טאר) א כירורגישער אפאראט צום צוזאמענפאסען די טיילען פון א צובראכענעם ביין און זיי צוזאמענהאלטען ביז זייער צוזאמענוואקסען.

coarcta'tion *n.* (קאו-ארק-טיי'-שאן) דאס צוזאמענציהען, צונויפפרעסען.

coarse *a.* (קאורס) 1. גראב; ניט עדעל, ניט ארטיג; וואולגאר; 2. אונאנגענעהם.

2. Peasants eat coarse food, while those of higher station eat fine things.

coarse'-grained *a.* (קאורס'-גריינד) ניט גלאט געהובעלט; ניט עדעל, וואולגאר.

coarse'ly *adv.* (קאורס'-לי) גראב, נעמייז, נידריג.

coarse'ness *n.* (קאורס'-נעס) גראבקייט.

coarticula'tion *n.* (קאו-אר-טיק-יו-ליי'-שאן) די פערבינדונג פון די געלענקען.

coasses'sor *n.* (קאו-ע-סעס'-אר) דער מיט-בעזיצער, דער שותף אין אייגענטום; א מיט-אבשאצער.

coast *n. and v.* (קאוסט) דער ברעג פון ערד ביים ים; דער גרענעץ פון א לאנד; די געגענדען הינטער'ן גרענעץ; דאס אראבגליטשען זיך אויף א שליטעלע אראב א בארג; פאהרען אויף א שיף אדער רייזען ארום ברעג; האלטען זיך מיט דער שיף נאהענט פון ברעג; גליטשען זיך [ווי אויף א שליטעלע בארג-אראב]; דאס לאזען לויפען א באהן אדער טראמוואי בארג-אראב אהן דאמפף אדער עלעקטרישער קראפט.

coas'ter *n.* (קאוס'-טער) דער וואס פאהרט אויף א שיף נאהענט פון ברעג; די שיף וואס האלט זיך נאהענט פון ברעג.

coast'-guard *n.* (קאוסט'-גארד) פאליציי פון ים-ברעג; די מענשען פון לעבענס-רעטונג סטאנציאן; א מיטגליעד פון וואסער-ברעג פאליציי אדער פון לעבענס-רעטונג סטאנציאן.

coas'ting *n.* (קאוס'-טינג) 1. דאס פאהרען אויף א שיף ארום דעם ברעג, פון פארט צו פארט; 2. דאס גליטשען זיך אויף א שליטעלע בארג-אראב.

2. In winter boys enjoy coasting down the hills on their sleds.

coas'ting-naviga'tion *n.* (קאוס'-טינג-נעוו-אי-גיי'-שאן) ברעג-נאוויגאציאן [דאס פאהרען פון שיפען ארום די ברעגען פון לאנד].

coas'ting-trade *n.* (קאוס'-טינג-טרייד) דער האנדעל וואס ווערט אנגעפיהרט צווישען פערשיעדענע פארטען אין לאנד, דורך שיפען, וועלכע געהען נאהענט ארום ברעג.

coas'ting-ves'sel *n.* (קאוס'-טינג-וועס'-על) א ברעג-שיף [א קלענערע שיף וואס געהט ניט ארויס אין אפענעם ים, נאר האלט זיך ניט ווייט פון ברעג].

coast'ward *adv.* (קאוסט'-הווארד) צום ברעג צו.

coast'wards *adv.* (קאוסט'-הווארדז) ז. *coastward*.

coast'wise *adv. and a.* (קאוסט'-הוואיז) איבער דער לענג פון ברעג; וואס געהט ביים ברעג.

coat *n. and v.* (קאוט) א אויבער-מאנטעל, א ראק; אמטס-קליידונג; א פרויען-ראק; די נאטירליכע קליידונג פון א חיה, ווי די הויט, האר, וואל א. ד. ג.; בעקליידען, בעדעקען.

coat'-ar'mor *n.* (קאוט'-אר'-מאר) א וואפען-ראק [א געפלאכטענער אייזערנער

פאנצער, וועלכען עס פלעגט טראגען א ריטער].

coatee' *n* (קאו-טי') א רעקעל, א זשאַ־קעט, א קורצער סאלדאטסקער מונדיר.

co'ati *n.* (קאו'-ע-טי) די נאז־טהיער [צוא חיה מיט זעהר א לאנגען נאז, לעבט אין די ווארעמע געגענדען פון אמע־ריקא].



Coati

coa'ting *n.* (קאו'-טינג) בעקליידונג; בעדעקונג; צייג פאר רעק אדער מאנטלען.
Pills with sugar coating are easier to swallow than those without.

coat of arms (קאוט אוו ארמז) אן אויבער־מאנטעל, וועלכען מען פלעגט אין מיטעלאלטער טראגען איבער'ן פאנצער און אויף וועלכען עס פלעגט זיין אויסגע־נעהט דער הערב פון בארא; [יעדער בא־ראן האט געהאט זיין הערב]; א וואפען־שילד.

coat of fence (קאוט אוו פענס) א פאנ־צער.

coat of mail (קאוט אוו מייל) א פאנ־צער־העמד [א געפלאכטענער אייזערנער פאנצער פון די פארצייטיגע ריטער].

coats of an on'ion (קאוטס אוו ען אנ'־יאן) ציבעלע־שאלעכץ.

coats of the eye (קאוטס אוו טהי אי) די אויגען־הייטלעך, אויגען־לעדלעך.

coat'-tail *n.* (קאוט'-טייל) די פאלע פון א ראק.

coax *v.* (קאוקס) ווירקען אויף איינעם מיט זיסע רייד אדער מיט חניפה; אנ־פיהרען איינעם מיט טאקט און איידעל־קייט; לאשטשען, חנפ'ענען.
We had to coax the child to take the medicine.

coax'er *n.* (קאוק'-סער) א חונף, א שמייכלער, אן אונטערלעקער.

coax'ing *n.* (קאוק'-סינג) חניפה, שמייכ־לעריי, דאס חנפ'נען.

coax'ingly *adv.* (קאוק'-סינג-לי) מיט חניפה; דורך שמייכלעריי.

cob *n.* (קאב) א קיילעכדיגער שטיק, ווי א נום; דאס ביינדעל פון א פרוכט; א לאבען ברויט א. ד. ג.; דאס דיקע קעפעל פון א מאאיס־פלאנצע; א שטארקער פערד מיט קורצע פיס; א שוואן [א זכר]; א שפין; א געמיש פון ליים מיט שטרוי, פון וואס מען מויערט ליים־הייזער; א שפאנישער דאלאר.

co'balt *n.* (קאו'-באלט) דער קאבאלט [א מעטאל מיט א שטאהל־גרויען קאליר עהנליך צו ניקעל].

co'balt blue (קאו'-באלט בלו) דאס קאבאלט־בלוי [א בלויע פארב וואס ווערט געמאכט פון קאבאלט].

co'balt-glance *n.* (קאו'-באלט-גלענס) דער קאבאלט־גלאנץ [א זילבער־ווייסער מעטאל מיט א רויטליכען אבגלאנץ].

cobal'tic *a.* (קאו-באל'-טיק) וואס ענט־האלט אין זיך קאבאלט; וואס איז עהנ־ליך צו קאבאלט.

co'baltin *n.* (קאו'-באל-טין) ז. *cobalt-glance*.

cob'ble *n. and v.* (קאבל) א גלאטער, קיילעכדיגער שטיין, וועלכען מען בענוצט צו ברוקירען גאסען; א רונד בערגעל; א ביינדעל פון א פרוכט; פערלאטען [צוריסענע שיך]; מאכען פארטאטשנע ארביים.

cob'bler *n.* (קאב'-לער) א שוסטער; א פארטאטש, א לאטוטניק; א זיסער און קאלטער זומער־געטראנק, וועלכען מען טרינקט דורך א שטרויעלע; א טארט גע־באקען מיט פרוכט.

cob'bler-fish *n.* (קאב'-לער-פיש) א מין פיש וואס געפינט זיך אין די ווארעמע וואסערן פון נארד אמעריקא.

cob'blery *n.* (קאב'-לער-אי) שוסטעריי.

cob'blestone *n.* (קאבל'-סטאון) א גלאַ־טער ברוק־שטיין.

cob'bling *a.* (קאב'-לינג) שוסטעריש; פארטאטשנע.

cob'cab *n.* (קאב'-קעב) פרויען שטעק־שיך [אין אסט־אינדיען].

cob'coals *n.* (קאב'-קאולז) גרויסע שטי־קער שטיין־קויהלען.

cob'-horse *n* (קאב'-האהרס) א שטארקער פערד מיט קורצע פיס.

co'bia *n.* (קאו'-בי-א) א מין פיש מיט א שפינדעל־פערמיגען אויסזעהן און מיט א ברייטליכען פלאטשיגען קאפ.

Cobia

cob'-i'ron *n.* (קאב'-אי'-ערן) דער פייער־באק [אן אייזערנער געשטעל, אויף וועל־כען מען ברענט האלץ אין א קאמין].

co-bish'op *n.* (קאו-ביש'-אפ) א מיט־בי־שאף [ווען צוויי בישאפען זיינען איבער איין געמיינדע].

Coniros'tres *n.* (קאו-ני-ראס'-טריז) דער מין פויגלען וועלכע האבען קאנוס⸗פערמיגע שנאבלען.

conjec'turable *a.* (קאנ-דזשעק'-טשו-רעבל) וואס מען קען זיך משער זיין.

conjec'tural *a.* (קאנ-דזשעק'-טשו-רעל) וואס איז געבויט אויף א השערה.

conjec'turalist *n.* (קאנ-דזשעק'-טשו-רעל-איסט) איינער וואס בויט אויף השערות.

conjectural'ity *n.* (קאנ-דזשעק-טשו-רעל'-אי-טי) דאס מאכען השערות; דאס זיין געבויט אויף א השערה.

conjec'turally *adv.* (קאנ-דזשעק'-טשו-רעל-אי) דורך א השערה.

conjec'ture *n. and v.* (קאנ-דזשעק'-טשור) א השערה; משער זיין.
We can only conjecture on the age of the earth.

conjec'turer *n.* (קאנ-דזשעק'-טשור-ער) איינער וואס איז משער; א טרעפער.

conjoin' *v.* (קאנ-דזשאין') צוזאמענבינדען, פעראייניגען; זיך פערבינדען אין א פעראיין; זיך פעראייניגען.

conjoined' *a.* (קאנ-דזשאינד') פעראייניגט; פערבונדען.

conjoi'nedly *adv.* (קאנ-דזשאי'-נעד-לי) דורך פערבינדונג, דורך פעראייניגונג; צוזאמען; פעראייניגט.

conjoint' *a.* (קאנ-דזשאינט') פעראייניגט, פערבונדען.

conjoint'ly *adv.* (קאנ-דזשאינט'-לי) צוזאמען, פעראייניגט; דורך פעראייניגונג, דורך פערבינדונג.
Let us act conjointly.

con'jugacy *n.* (קאנ'-דזשו-גיי-סי) די בעציהונג פון זאכען וועלכע זיינען צונויפגעפארט.

con'jugal *a.* (קאנ'-דזשו-געל) וואס אנבעלאנגט צו הייראט; וואס אנבעלאנגט צו די בעציהונגען צווישען מאן און פרוי.

conjugal'ity *n.* (קאנ-דזשו-געל'-אי-טי) דאס פערהייראטע לעבען.

con'jugally *adv.* (קאנ'-דזשו-געל-אי) דורך הייראט; אויף א פערהייראטען אופן.

con'jugate *n., a. and v.* (קאנ'-דזשו-גייט) קאניוגירען, בויגען [אנגעבען אלע גראמאטישע פארמען פון א צייט⸗ווארט (פעל)]; פעראייניגען צוויי פערשיעדענע צעלען פון פלאנצען כדי ארויסצוברענגען א נייעם מין; פעראייניגט פארווייז; וואס שטעהען אין א וועקסעלזייטיגער אדער געגענזייטיגער בעציהונג [ווענן געוויסע צאהלען אין דער מאטעמאטיק, ווי צ. ב. $\frac{7}{3}$ און $\frac{3}{7}$ א. ד. ג.]; א ווארט וואס שטעהט אין ענגער בעציהונג מיט אן אנדערען.

con'jugated *a.* (קאנ'-דזשו-גיי-טעד) פעראייניגט פארווייז; וואס שטעהען אין א וועקסעלזייטיגער אדער געגענזייטיגער בעציהונג [ווענן געוויסע צאהלען אין מאטעמאטיק]; קאניוגירט, געבויגען [ווענן די גראמאטיקאלישע פארמען פון א צייטווארט].

conjuga'tion *n.* (קאנ-דזשו-גיי'-שאן) קאניוגאציאן, נטית הפעלים, בייגונג [דאס אנגעבען אלע פארמען פון א צייט⸗ווארט (פעל), ווי צ. ב. פקד, פקדתי, פקדת א. ז. וו.]; א פעראייניגונג פון צוויי פערשיעדענע צעלען פון פלאנצען ארויסצו⸗

בריינגען א נייעם סין; א צונויפוואקסונג פון פלאנצען־צעלען.

conjuga'tional *a.* (קאנ-דזשו-גיי'-שאנ-על) וואס איז שייך צו דער בייגונג פון צייט־ווערטער; וואס איז שייך צו דער פעראייניגונג פון פלאנצען־צעלען. ז. *conjugation*.

conjuga'tionally *adv.* (קאנ-דזשו-גיי'-שאנ-על-אי) דורך קאניוגאציאן. ז. *conjugation*.

conjuga'tion-bod'y *n.* (קאנ-דזשו-גיי'-שאן-באד'-אי) אין ביאלאגיע — א שטיקעל פראטאפלאזמע וואס איז פעראייניגט מיט אן אנדערער צום בילדען די פרוכט.

conjuga'tion-cell *n.* (קאנ-דזשו-גיי'-שאן-סעל) א צעלע וואס איז פעראייניגט מיט אן אנדערער צו בילדען די פרוכט.

con'jugative *a.* (קאנ'-דזשו-גיי-טיוו) וואס איז שייך צו דער פעראייניגונג פון צוויי פערשיעדענע פלאנצען־צעלען.

conju'gial *a.* (קאנ-דזשו'-דזשי-על) ז. *conjugal*.

conjunct' *a.* (קאנ-דזשאנקט') פערבונדען, פעראייניגט.

conjunc'tion *n.* (קאנ-דזשאנק'-שאן) 1. פערבינדונג; פעראייניגונג; צוזאמענטרעפונג; די צוזאמענטרעפונג פון פלאנעטען אדער שטערען אין דעם זעלבען מערידיאן; 2. א בינד־ווארט [אין גראמאטיק].

2. The word "and" is a conjunction.

conjunc'tional *a.* (קאנ-דזשאנק'-שאנ-על) וואס איז שייך צו א בינד־ווארט [אין גראמאטיק]; וואס איז שייך צו א פערבינדונג.

conjunc'tionally *adv.* (קאנ-דזשאנק'-שאנ-על-אי) אויף דעם אופן פון א פערבינדונג.

conjuncti'va *n.* (קאנ-דזשאנק-טאי'-וואַ) דאס אינערע הייטעל פון אויגען־לעדעל וואס בעדעקט דעם אויגען־אפעל.

conjuncti'val *a.* (קאנ-דזשאנק-טאי'-וועל) וואס איז שייך צו דעם אינערען הייטעל פון אויגען־לעדעל.

conjunc'tive *a.* (קאנ-דזשאנק'-טיוו) פערבונדען, פערבינדענד; די בעדינגטע פארם פון צייט־ווערטער [די גראמאטיקאלישע פארם וואס דריקט אוים א תנאי אדער בעדינגונג];

conjunc'tively *adv.* (קאנ-דזשאנק'-טיוו-לי) צוזאמען; אין פערבינדונג.

conjunc'tiveness *n.* (קאנ-דזשאנק'-טיוו-נעס) דאס האבען די אייגענשאפט צו פערבינדען; דאס קענען פערבונדען ווערען.

conjunctivi'tis *n.* (קאנ-דזשאנק-טי-וואי'-טיס) די ענטצינדונג פון דעם אינערען הייטעל פון אויגען־לעדעל.

conjunct'ly *adv.* (קאנ-דזשאנקט'-לי) אין פערבינדונג; צוזאמען; צוזאמען מיט...

conjunct' rights (קאנ-דזשאנקט' ראיטס) געמיינשאפטליכע רעכטען [רעכטען וועלכע געהערען צו עטליכע פערזאנען צוזאמען].

conjunc'ture *n.* (קאנ-דזשאנק'-טשור) א קריטישער צושטאנד; דאס צונויפטרעפען זיך פון אומשטענדען.

conjura'tion *n.* (קאנ-דזשו-ריי'-שאן) די בעשווערונג מיט א היילינען נאמען; דאס מאכען כשוף.

con'jure *v.* (קאנ'-דזשוויר) מאכען כשוף; בעשווערען די גייסטער.

conjure' *v.* (קאנ-דזשור') בעשווערען מיט א היילינען נאמען; בעשווערען; דרינגענד בעטען; בעשווערען אין דעם נאמען פון גאט; זיך בינדען דורך א שבועה צוזאמען מיט אנדערע.

con'jure down (קאנ'-דזשויר דאון) בעשווערען די גייסטער, אז זיי זאלען פערשווינדען.

conjure'ment *n.* (קאנ-דזשור'-מענט) בעשווערונג; שטארקע ביטע.

con'jurer *n.* (קאנ'-דזשויר-ער) א גייסטער־בעשווערער, א מכשף, א צויבערער; א קונצען־מאכער.

con'jure up (קאנ'-דזשויר אפ) בעשווערען די גייסטער, אז זיי זאלען ארויפקומען.

con'juror *n.* (קאנ'-דזשויר-אר) ז. *conjurer*.

con'juring trick (קאנ'-דזשויר-אינג טריק) א קונץ, א פאקוס.

conk *n.* (קאנק) די נאז; א פערטרויליכער אדער געהיימער שמועס.

conn *n.* *and v.* (קאן) ז. *con*.

connas'cence *n.* (קא-נעס'-ענס) געבורט פון צוויי אדער מעהר אין דער זעלבער צייט.

connas'cency *n.* (קא- נעס'-ענ-סי) ז. *connascence*.

connas'cent *a.* (קא-נעס'-ענט) אין דערזעלבער צייט געבארען.

con'nate *a.* (קאנ'-אייט) מיטגעבארען; פון דער זעלבער אבשטאמונג; פון דעם זעלבען כאראקטער; צונויפגעוואקסען [וועגען פלאנצען].

con'nate leaves (קאנ'-אייט ליעווז) צונויפגעוואקסענע בלעטער.

conna'tion *n.* (קא-ניי'-שאן) דאס זיין צוזאמענגעוואקסען פון געבורט; דאס זיין מיטגעבארען; דאס זיין פון דער זעלבער אבשטאמונג.

conna'tional *a.* (קא-ניי'-שאנ-על) פון דער זעלבער אבשטאמונג; צונויפגעוואקסען פון געבורט.

connat'ural *a.* (קא-נעטש'-או-רעל) פון דער זעלבער נאטור; עהנליך אין כאראקטער; נאהענט פערוואנדט; מיטגעבארען.

connatural'ity *n.* (קא-נעטש-או-רעל'-אי-טי) די מיטגעבארענשאפט; דאס זיין פון דער זעלבער נאטור.

connat'urally *adv.* (קא-נעטש'-או-רעל-אי) פון דער זעלבער נאטור, פון דער זעלבער אבשטאמונג; דורך מיטגעבארענשאפט.

connat'uralness *n.* (קא-נעטש'-או-רעל-נעס) ז. *connaturality*.

conna'ture *n.* (קא-ניי'-טשור) די עהנליכקייט אין דער נאטור; די גלייכקייט אין כאראקטער.

connect' *v.* (קא-נעקט') פערבינדען, צוזאמענבינדען, פעראייניגען.

The Panama Canal connects the Atlantic with the Pacific Ocean.

connec'tedly *adv.* (קא-נעק'-טעד-לי) דורך פערבינדונג; דורך צוזאמענהאנג.

connec'ting-link *n.* (קא-נעק'-טינג-לינק) א פערבינדונגס־גליעד [עטוואס וואס פערבינדט טיילען אין א סעריע].

The ape is considered the connecting-link between man and the lower animals.

connec'ting-rod *n.* (קא-נעק'-טינג-ראד) א פערבינדונגס־שטאנג [אן אייזערנער שטאנג, וועלכער פערבינדט צוויי בעוועגליכע טיילען פון א מאשין].

connec'tion *n.* (קא-נעק'-שאן) פערבינדונג; פערוואנדשאפט; בעקאנטשאפט; צוזאמענהאנג; שייכות.

I do not see the connection between your arguments and the question at issue.

connec'tional *a.* (קא-נעק'-שאנ-על) פערבינדענד; וואס איז שייך צו א פערבינדונג; וואס איז שייך צו א סעקטע.

connec'tive *a. and n.* (קא-נעק'-טיוו) פערבינדענד; וואס האט די אייגענשאפט צו פערבינדען; א בינד־ווארט.

connec'tively *adv.* (קא-נעק'-טיוו-לי) אין פערבינדונג; געמיינשאפטליך, צוזאמען.

connec'tor *n.* (קא-נעק'-טאר) איינער אדער עפעס וואס פערבינדט.

con'ner *n.* (קאנ'-ער) אן אויפזעהער, אן אינספעקטאר; א פרובירער; א פאכמאן, א ספעציאליסט; איינער וועלכער גיט בעפעהלע צום שטייערמאן ווי צו פיהרען די שיף; אזא פיש.

con'nex *n.* (קאנ'-עקס) א קאמבינאציאן פון פונקטען און ליניען, וועלכע שטעלען פאר א געאמעטרישע פיגור.

connex'ion *n.* (קא-נעק'-שאן) ז. *connection*.

connex'ional *a.* (קא-נעק'-שאנ-על) ז. *connectional*.

connex'ity *n.* (קא-נעק'-סי-טי) דאס זיין פערבונדען.

con'ning *n.* (קאנ'-אינג) דאס איינחזר'ען א לעקציאן; דאס געבען בעפעהלען צום שטייערמאן ווי צו פיהרען די שיף

connip'tion *n.* (קא-ניפ'-שאן) ספאזמעם; א היסטערישער אנפאל.

conni'vance *n.* (קא-נאי'-וועגס) דאס מאכען זיך ניט זעהענדיג אדער ניט וויסענדיג; דאס לאזען געהן ווי עס געהט; דאס קוקען דורך די פינגער.

connive' *v.* (קא-נאיוו') זיך מאכען ניט זעהענדיג אדער ניט וויסענדיג; לאזען געהן ווי עס געהט; קוקען דורך די פינגער.

In some countries the officers of the law often connive at the violation of the law.

conni'vent *a.* (קא-נאי'-וועגט) וואס לויפט זיך צוזאמען אין איין פונקט; וואס קומט אין בעריהרונג.

conni'ver *n.* (קא-נאי'-ווער) איינער וואס מאכט זיך ניט זעהענדיג אדער ניט וויסענדיג [איינער וואס קוקט דורך די פינגער].

conni'ving *a.* (קא-נאי'-ווינג) וואס מאכט זיך ניט זעהענדיג און ניט וויסענדיג [קוקענדיג דורך די פינגער].

connoisseur' *n.* (קאנ-אי-סויר') א קענער, א מבין [הויפטזעכליך אין קונסט].

connoisseur'ship *n.* (קאנ-אי-סויר'-שיפ) קענערשאפט, מבינות [הויפטזעכליך אין קונסט].

con'notate *v.* (קאנ'-א-טייט) צוגעבען א צווייטע בעדייטונג; צוגעבען א זאך נאך א בעדייטונג אויסער איהר אייגענע.

connota'tion *n.* (קאנ-א-טיי'-שאן) דאס צוגעבען נאך א בעדייטונג; א נעבען־בעדייטונג; דאס וואס א ווארט דריקט אוים; דאס וואס א ווארט ענטהאלט אין זיך.

conno'tative *a.* (קא-נאו'-טע-טיוו) האבענדיג נאך א בעדייטונג אויסער דער אייגענער בעדייטונג; וואס דריקט אוים א נעבען־בעדייטונג.

connote' *v.* (קא-נאוט') ז. *connotate*.

conno'tive *a.* (קא-נאו'-טיוו) ז. *connotative*.

connu'bial *a.* (קא-ניו'-בי-על) וואס אנבעלאנגט צו הייראט.

connubial'ity *n.* (קא-ניו-בי-על'-אי-טי) דאס זיין פערהייראט.

connu'bially *adv.* (קא-ניו'-בי-על-אי) אויף א פערהייראטעטען אופן; ווי מאן און ווייב.

connu'merate *v.* (קא-ניו'-מע-רייט) צוזאמענצעהלען.

connumera'tion *n.* (קא-ניו-מע-ריי'-שאן) די צוזאמענצעהלונג.

connutri'tious *a.* (קאן-יו-טריש'-אס) אריינגעוואוינט מיט דער נאהרונג; וואס קומט פון דער נאהרונג [ווענען קראנקהייטען וואס שטעהען אין פערבינדונג מיט'ן זויגען].

co'noid *a. and n.* (קאו'-נאיד) וואס איז ענליך צו א קאנוס אדער צו א היטעל צוקער; א קאנאיד [א געוויסע געאמעטרישע פיגור].

conoi'dal *a.* (קא-נאי'-דעל) וואס נעהערט אדער וואס איז ענליך צו א קאנוס. ז. *cone*.

conoi'dally *adv.* (קא-נאי'-דעל-אי) אין א קאנוס-פארם.

conoi'dic *a.* (קא-נאי'-דיק) ז. *conoidal*.

conoi'dical *a.* (קא-נאי'-די-קעל) ז. *conoidal*.

conominee' *n.* (קאו-נאם-אי-ני') איינער, וואס ווערט פארגעשלאגען אויף א שטעלע צוזאמען מיט אן אנדערען אדער מיט אנדערע.

conoscen'te *n.* (קאו-נאו-שען'-טע) ז. *cognoscente*.

con o'ver (קאן או'-ווער) איינ'חזר'ען, אויסלערנען אויף אויסווענינ.

con'quer *v.* (קאן'-קער) בייקומען, איינגעהמען, מנצח זיין; געווינען עפּיס דורך א זיעג.

The general **conquered** the city.

con'querable *a.* (קאן'-קער-עבל) וואס קען בעזיעגט אדער איינגענומען ווערען.

con'querableness *n.* (קאן'-קער-עבל-נעס) בעזיעגבארקייט.

con'queress *n.* (קאן'-קער-עס) א זיעגערין.

con'queror *n.* (קאן'-קער-אר) א בעזיעגער, אן איינגעהמער.

con'quest *n.* (קאן'-קהוועסט) א זיעג, א נצחון; די בעזיעגונג אדער איינגענומענע זאך; דאס געווינען [אימיצענס צוניינונג].

consan'guine *a. and n.* (קאן-סען'-גהווין) פון דעמזעלבען בלוט, בלוט-פערוואנדט; א בלוט-פערוואנדטער.

consanguin'eal *a.* (קאן-סען-גהווינ'-אי-על) בלוט-פערוואנדט, פון דעם זעלבען בלוט.

consanguin'ean *a.* (קאן-סען-גהווינ'-אי-ען) ז. *consanguineous*.

consanguin'eous *a.* (קאן-סען-גהווינ'-אי-אס) פון דעם זעלבען בלוט, בלוט-פערוואנדט; פון דערזעלבער אבשטאמונג [הויפטזעכליך פון איין פאטער און ניט פון איין מוטער].

consanguin'ity *n.* (קאן-סען-גהווינ'-אי-טי) בלוט-פערוואנדשאפט, אבשטאמונג פון דיעזעלבע עלטערען.

con'science *n.* (קאן'-שענס) געוויסען; דאס בעוואוסטזיין; געוויסענהאפטיגקייט, עהרליכקייט; יושר.

con'scienceless *a.* (קאן'-שענס-לעס) געוויסענלאז; אהן יושר.

con'science mon'ey (קאן'-שענס מאנ'-אי) געוויסענס-געלד [געלד וואס איינער בעצאהלט צו בערוהיגען זיין געוויסען, ווי פאר א פערגעסענעם חוב, פאר געגנב'עטע שטייער א. ד. ג.].

con'scienceless *a.* (קאן'-שענס-לעס) געוויסענלאז, אהן געוויסען, אהן יושר.

con'science-smit'ten *a.* (קאן'-שענס-סמיטן) געפּייניגט פון געוויסענסביסע.

con'science-strick'en *a.* (קאן'-שענס-סטריקן) ז. *conscience-smitten*.

conscien'tious *a.* (קאן-שי-ען'-שאס) געוויסענהאפט.

He is a **conscientious** worker.

conscien'tiously *adv.* (קאן-שי-ען'-שאס-לי) אויף א געוויסענהאפטען אופן.

conscien'tiousness *n.* (קאן-שי-ען'-שאס-נעס) געוויסענהאפטיגקייט.

con'scionable *a.* (קאן'-שאנ-עבל) געוויסענהאפט; יושר'דיג.

con'scionableness *n.* (קאן'-שאנ-עבל-נעס) געוויסענהאפטיגקייט.

con'scious *a.* (קאן'-שאס) זעלבסט-בעוואוסט, בעוואוסטזיניג, פיהלענד.

con'scious lov'ers (קאן'-שאס לאוו'-ערז) געליעבטע וואס האבען זיך ערקלערט אין ליעבע.

con'sciously *adv.* (קאן'-שאס-לי) מיט בעוואוסטזיין.

con'sciousness *n.* (קאן'-שאס-נעס) דאס בעוואוסטזיין.

conscript' *v.* (קאן-סקריפּט') נעהמען רעקרוטען.

con'script *n. and a.* (קאן'-סקריפּט) א רעקרוט; איינגעשריבען, רעגיסטרירט.

con'script fa'thers (קאן'-סקריפּט פא'-טהערז) די אלט-רוימישע סענאטארען.

conscrip'tion *n.* (קאן-סקריפּ'-שאן) דאס נעהמען רעקרוטען.

conscrip'tional *a.* (קאן-סקריפּ'-שאנ-על) וואס איז שייך צום נעהמען רעקרוטען.

con'secrate *v.* (קאנ'-סי-קרייט) הייליגען צו עפּעס, מקדיש זיין; איינווייהען, מחנך זיין.

The first Jewish temple was **consecrated** by King Solomon.

con'secrated *a.* (קאנ'-סי-קריי-טעד) געהייליגט, מחנך געווען, איינגעווייהט.

con'secratedness *n.* (קאנ'-סי-קריי-טעד-נעס) דאס זיין הייליג, דאס זיין איינגעווייהט.

consecra'tion *n.* (קאן-סי-קריי'-שאן) הייליגונג צו עפּעס; איינווייהונג.

I was present at the **consecration** ceremony of the synagogue.

con'secrator *n.* (קאנ'-סי-קריי-טאר) איינער וואס הייליגט עפּעס, איינער וואס איז מחנך אדער ווייהט איין.

con'secratory *a.* (קאנ'-סי-קריי-טא-רי) הייליגענד, הייליג מאכענד, איינווייהענד.

con'secratory pray'er (קאנ'-סי-קריי-טא-רי פּרעהר) אן איינווייהונגס-געבעט [א געבעט וועו עס ווערט עטוואס איינגעהייליגט אדער ערעפענט].

consecta'neous *a.* (קאן-סעק-טיי'-ני-אס) וואס פאלגט אלס א נאטירליכע קאנזעקווענץ.

consecu'tion *n.* (קאן-סי-קיו'-שאן) די בעציהונג צווישען אורזאכע און פאלגע; קאנזעקווענץ, שלוספאלגערונג.

consec'utive *a.* (קאן-סעק'-יו-טיוו) פאלגענדיג איינס נאך דעם אנדערען כסדר.

Hamlet's ghost appeared on two **consecutive** nights.

consec'utive chords (קאן-סעק'-יו-טיוו קארדס) אקארדען [אין מוזיק] וואס קומען כסדר איינע נאך די אנדערע.

consec'utively *adv.* (קאן-סעק'-יו-טיוו-לי) אין דער רייהע איינס נאכ'ן אנדערען; כסדר.

consen'sion *n.* (קאן-סען'-שאן) איינשטימונג אין געדאנקען אדער געפיהלען.

consen'sual *a.* (קאן-סען'-שו-על) וואס עקזיסטירט דורך די פרייווילינע איינשטימונג פון די צדדים; וואס ווערט ארויסגערופען פון דער מיט-עמפּפינדליכקייט צווישען פערשיעדענע טיילען פון קערפער.

consen'sus *n.* (קאן-סען'-סאס) אלגעמיינע איינשטימיגקייט; איינשטימיגקייט, איינינקייט; אלגעמיינע מיינונג.

consen'sus of opin'ion (קאן-סענ'-סאס אוו א-פּינ'-יאן) די אלגעמיינע מיינונג.

The **consensus of opinion** of the meeting was in favor of the candidate.

consent' *v. and n.* (קאן-סענט') 1. איינווילינגען, צושטימען, מסכים זיין; 2. איינווילינגונג, צושטימונג; הסכמה.

1. Will he **consent**? 2. He gave his **consent** to their marriage.

consentane'ity *n.* (קאן-סען-טע-ני'-אי-טי) איבעראיינשטימונג.

consenta'neous *a.* (קאן-סען-טיי'-ני-אס) איבעראיינשטימענד, צושטימענד, פּאסענד, צונעפּאסט.

consenta'neously *adv.* (קאן-סען-טיי'-ני-אס-לי) דורך צופּאסונג; דורך איינשטימונג; דורך נאכגעבען.

consenta'neousness *n.* (קאן-סען-טיי'-ני-אס-נעס) דאס צושטימען, דאס איבעראיינשטימען; דאס זיין פּאסיג; דאס נאכגעבען.

consen'ter *n.* (קאן-סענ'-טער) דער וואס ווילינגט איין, וואס שטימט צו.

consen'tient *a.* (קאן-סען'-שיענט) איינשטימיג, גלייכפערמיג.

con'sequence *n.* (קאן'-סי-קהווענס) 1. פאלגע, קאנזעקווענץ, שלוס, שלוס-פאלגערונג; דאס וואס קומט ארויס פון א טהאט; דאס וואס עס ווערט ארויסגעדרונגען פון עטוואס; 2. בעדייטונג, וויכטיגקייט.

1. The **consequence** of all this was, that we were all satisfied. 2. He is a man of no **consequence**.

con'sequences *n.* (קאן'-סי-קהווענס-עז) רעזולטאטען, פאלגען; א שפּיעל, אין וועלכער איינער פון די שפּיעלער שרייבט אן א נאמען, דער צווייטער א בייווארט, דער דריטער א צייטווארט [א פּעל], יעדער שרייבט פאר זיך אזוי אז די אנדערע זאלען ניט וויסען, וואס ער שרייבט, און צו ענדע לייענט מען איבער דיא פּראזע, וואס ווערט צונויפגעשטעלט פון אלעמענס ווערטער.

con'sequent *a. and n.* (קאן'-סי-קהווענט) קאנזעקווענט, אויסגעהאלטען; פאלגענד; וואס איז געדרונגען פון עטוואס; ציהענדיג שליסע אדער דרינגענדיג פון איין זאך אויף א צווייטער, אן ארויסגעדרונגענער שלוס.

consequen'tial *a.* (קאן-סי-קהווענ'-שעל) וואס פאלגט פון א טהאט; וואס מוז געדרונגען ווערען פון א בעהויפּטונג; בעדייטענד, וויכטיג; וואס מאכט אן אנשטעל; איינגעבילדעט ביי זיך.

consequential'ity *n.* (קאן-סי-קהווענ-שעל'-אי-טי) גדלות, גאוה; וויכטיגקייט; שלוס-פאלגערונג.

consequen'tial los'ses (קאן-סי-קהווענ'-שעל לאס'-עז) א שאדען, וואס קומט ניט דירעקט פון דער זאך, פאר-

וועלכער מען קלאגט איינעם אין געריכט, נאר אלס רעזולטאט פון דעם קלאגען.

consequen'tially *adv.* (קאנ-סי-קהווענ'-שעל-אי) אלס פאלגע; פאלגענדיג אין געהעריגער ארדנונג; שפעטער; נאכדעם; אויף אן אונאונטערבראכענעם אופן; מיט איינבילדונג; מיט אן אנשטעל; מיט וויכטיגקייט.

consequen'tialness *n.* (קאנ-סי-קהווענ-שעל-נעס) גאוה; דאס מאכען אן אנשטעל; גדלות.

con'sequently *adv.* (קאנ'-סי-קהווענט-לי) פאלגליך, ממילא, דעריבער.

con'sequentness *n.* (קאנ'-סי-קהווענט-נעס) א לאגישער צוזאמענהאנג.

conser'tion *n.* (קאנ-סויר'-שאן) דאס צופאסען, דאס צוזאמענפאסען.

conser'vable *a.* (קאנ-סויר'-וועבל) וואס קען אבגעהיט ווערען פון קאליע ווערען אדער פון בעשעדיגט ווערען.

conser'vancy *n.* (קאנ-סויר'-וועננ-סי) די אויפהאלטונג, די אבהיטונג, די בעשיצונג.

conser'vant *a.* (קאנ-סויר'-וועננט) אויפהאלטענדיג; אבהיטענדיג; בעשיצענדיג.

conserva'tion *n.* (קאנ-סויר-וויי'-שאן) דאס אויפהאלטען; דאס אבהיטען; דאס בעשיצען.

Forest planting is only one of the methods of conservation of our natural resources.

Conserva'tion Move'ment (קאנ-סויר-וויי'-שאן מוהוו'-מענט) די בעוועגונג אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא אבצוהיטען פון פערניכטונג די נאטירליכע רייכטימער פון לאנד ווי וועלדער, וואסערקראפט א. ד. ג.

conserva'tion of en'ergy (קאנ-סויר-וויי'-שאן אוו ענ'-ער-דזשי) די אויפהאלטונג פון ענערגיע [דאס געזעץ פון דער נאטור, אז קיין ענערגיע געהט ניט פערלארען, אז די סומע ענערגיע וואס אויף דער וועלט איז פאראן איז אימער דיזעלבע, נאר זי בייט איהרע פארמען].

conser'vatism *n.* (קאנ-סויר'-ווע-טיזם) קאנזערוואטיזם, די נייגונג אנצוהאלטען אלטע איינריכטונגען; די נעגנערשאפט צו נייע איינפיהרונגען און ענדערונגען; די פרינציפען פון א קאנזערוואטיווער פארטיי.

conser'vative *a.* and *n.* (קאנ-סויר'-ווע-טיוו) אבהיטענדיג, בעשיצענדיג פון קאליע ווערען אדער פון בעשעדיגט ווערען; וואס איז געגען נייע איינריכטונגען [געזעלשאפטליכע, פאליטישע און רעליגיעזע]; שטאנדהאפט; א קאנזערוואטיווער מענש.

Conser'vative *n.* and *a.* (קאנ-סויר'-ווע-טיוו) א מיטגליעד פון דער קאנזערוואטיווער פארטיי [בעזאנדערס אין ענגלאנד]; וואס איז שייך צו דער קאנזערוואטיווער פארטיי אדער איהרע מיטגליעדער.

conser'vatively *adv.* (קאנ-סויר'-ווע-טיוו-לי) אויף א קאנזערוואטיווען אופן.

conser'vativeness *n.* (קאנ-סויר'-ווע-טיוו-נעס) קאנזערוואטיזם; די בעשטרעבונג אויפצוהאלטען און אבצוהיטען.

con'servator *n.* (קאנ'-סויר-וויי-טאר) א פערהיטער, א בעשיצער; אן אויפזעהער.

He is a conservator of the peace.

conser'vatory *a.* and *n.* (קאנ-סויר'-ווע-טא-רי) וואס קען פערהיטען עפיס פון קאליע ווערען אדער פון בעשעדיגט ווערען; א פלאץ, וואו מען קען האלטען זאכען אזוי, אז זיי זאלען ניט קאליע ווערען און ניט בעשעדיגט ווערען [מעהרסטענטייל א פלאץ פאר פלאנצען, אן אראנזשעריי]; א קאנזערוואטאריע [א מוזיק־שוהל]; א שוהל.

conserve' *v.* (קאנ-סירוו') קאנזערווירען, איינמאכען פרוכטען, מאכען איינגעמאכץ; בעשיצען; אויפהאלטען, אבהיטען.

con'serve *n.* (קאנ'-סירוו) איינגעמאכטע פרוכט [איינגעצוקערטע פרוכט אז עס זאל קענען לאנג שטעהן].

conser'ver *n.* (קאנ-סויר'-ווער) ערהאלטער, היטער, שיצער; דער וואס מאכט איין פרוכטען.

consid'er *v.* (קאנ-סיד'-ער) בעטראכטען; נאכדענקען; אונטערזוכען; אכטען; נעהמען אין אנבעטראכט; בעלוינען פאר געוויסע דיענסטע; בעטראכטען אלס...

We must consider the possible obstacles, as well as the expected advantages of the plan.

consid'erable *a.* (קאנ-סיד'-ער-עבל) בעדייטענד, וויכטיג; בעמערקענסווערטה; בעדייטענד אין צאהל אדער מאס.

A considerable crowd was assembled in front of the hall.

consid'erableness *n.* (קאנ-סיד'-ער-עבל-נעס) וויכטינקייט.

consid'erably *adv.* (קאנ-סיד'-ער-ע-בלי) אויף א בעמערקענסווערטהען אופן; אין א בעדייטענדען גראד.

consid'er apart' (קאנ-סיד'-ער ע-פארט') בעטראכטען בעזונדער, אויסערהאלב עטוואס.

consid'erate *a.* (קאנ-סיד'-ער-אייט) אכטענדיג א צווייטענ'ס געפיהלען; אויפמערקזאם, ערנסט, ניט שטרענג, פריינדליך, גוטמוטיג.

He is considerate in his dealings with his clerks.

consid'erately *adv.* (קאנ-סיד'-ער-אייט-לי) 1. מיט איבערלעגונג; נעהמענדיג אין בעטראכט; 2. מיט העפליכקייט אדער פריינדליכקייט.

2. He very considerately offered me his umbrella.

consid'erateness *n.* (קאנ-סיד'-ער-אייט-נעס) איבערלעגונג; פארזיכטיגקייט; דאס אכטען יענעמ'ס געפיהלען; דאס נעהמען אין בעטראכט יענעמ'ס אומשטענדען.

considera'tion *n.* (קאנ-סיד-ע-ריי'-שאן) בעטראכטונג, איבערלעגונג; אכטונג, אנבעטראכט; בעלוינונג; בעדייטונג, וויכטינקייט; אנזעהן; איינפלוס; ריקזיכט; די סומע אדער זאך וואס ווערט אין א קאנטראקט פעסטגעשטעלט אלס א בעלוינונג פאר עטוואס.

consid'erative *a.* (קאנ-סיד'-ער-אי-טיוו) איבערלעגט, פארזיכטיג, בעטראכט.

consid'ering *a.* (קאנ-סיד'-ער-אינג) בעטראכטענד; נעהמענדיג אין אנבעטראכט.

consid'ering cir'cumstances (קאנ-סיד'-ער-אינג סויר'-קאמ-סטענס-עז) לויט די אומשטענדען.

He did well, considering the circumstances.

consid'eringly *adv.* (קאנ-סיד'-ער-אינג-לי) מיט איבערלעגונג.

consid'er yourself' at home (קאנ-סיד'-ער יור-סעלף' עט האום) מאך זיך ווי ביי זיך אין דער היים; פיהל זיך היימיש.

consign' *v.* (קאנ-סאין') איבערטראגען צו אימעצען; צושיקען; אנפערטרויען; איינוויליגען, ווידמען, בעשטימען.

consig'natary *n.* (קאנ-סיג'-נע-טיי-רי) א פערזאן, צו וועלכער עפיס ווערט איבערגעטראגען אדער איבערגעגעבען; אן אגענט.

consigna'tion *n.* (קאנ-סיג-ניי'-שאן) איבערטראגונג, איבערגעבונג; אונטערצייכנונג; דאס איינלעגען ביי א דריטער פערזאן געלד, איבער וועלכען צוויי מענשען קריגען זיך.

consig'natory *n.* (קאנ-סיג'-נע-טא-רי) איינער, וואס שרייבט זיך אונטער אויף א דאקומענט צוזאמען מיט אנדערע.

consig'nature *n.* (קאנ-סיג'-נע-טשור) די פולע אונטערשריפט; איינעמ'ס אונטערשריפט, וואס קומט צוזאמען מיט אנדערע אונטערשריפטען.

con'signe *n.* (קאנ'-סאין) בעפעהלע; ספעציעלע בעפעהלע וואס ווערען געגעבען צום סאלדאט אויף דער וואך, א צייכען וואס ווערט געגעבען דער מיליטערישער וואך.

consigné' *n.* (קאנ-סי-ניעי') אן אפיציער פון דער ארמעע אדער פלאטע, וואס ווערט בעשטראפט דערמיט, וואס ער טאר ניט פערלאזען זיין וואהנונג [הויז ארעסט].

consigned' goods (קאנ-סאינד' גודז) סחורה געגעבען צו פערקויפען אויף קאמיסיאן.

consigned' mon'ey (קאנ-סאינד' מאנ'-אי) איינגעלעגטעס געלט.

consignee' *n.* (קאנ-סאי-ני') די פערזאן צו וועלכער עפעס ווערט איבערגעטראגען אדער איבערגעגעבען; א געשעפטס־אגענט.

consig'ner *n.* (קאנ-סאי'-נער) איינער וואס שיקט אדער טרויט אן סחורה צו א צווייטען.

consignif'icant *a.* (קאנ-סיג-ניפ'-אי-קענט) גלייכבעדייטענד.

consignifica'tion *n.* (קאנ-סיג-ני-פי-קיי'-שאן) גלייכע בעדייטונג.

consignif'icative *a.* and *n.* (קאנ-סיג-ניפ'-אי-קיי-טיוו) גלייכבעדייטענד; עטוואס וואס האט א גלייכע בעדייטונג.

consign'ment *n.* (קאנ-סאינ'-מענט) סחורה וואס ווערט אנפערטרויט אן אגענט צום פערקויפען; א פראכט בריעף אדער דאקומענט, דורך וועלכען מען גיט איבער אדער מען פערטרויט א געשעפטס־אגענט סחורה.

consign'ment account' (קאנ-סאינ'-מענט ע-קאונט') פאקטורען־רעכנונג; א רעכנונג וועגען טראנספארט סחורה וועלכע ווערט געשיקט צו א געשעפטס־אגענט.

consign'ment in spe'cie (קאנ-סאינ'-מענט אין ספי'-שיע) דאס איבערשיקען מזומן געלט.

consign'ment of goods (קאנ-סאינ'-מענט אוו גודז) דאס אריבערשיקען סחורה; א טראנספארט סחורה.

consig'nor *n.* (קאנ-סאי'-נאר) איינער וואס שיקט אדער טרויט אן סחורה צו אן אנדערען.

consign' to si'lence (קאנ-סאין' טו סאי'-לענס) בעגראבען אויף אייביג.

consign' to wri'ting (קאנ-סאין' טו ראי'-טינג) אויפשרייבען, פערצייכנען.

consil'iary *a.* (קאנ-סיל'-אי-איי-רי) בעראטהענד; וואס איז שייך צו א בעראטהונג.

consil'ience *n.* (קאנ-סיל'-אי-ענס) צוזאמענקונפט; צוזאמענטרעפונג.

consil'ient *a.* (קאנ-סיל'-אי-ענט) וואס שטימט איין; פאסענד; וואס טרעפט זיך צונויף.

consim'ilar *a.* (קאנ-סימ'-אי-לער) עהנליך.

consimil'itude *n.* (קאנ-סי-מיל'-אי-טיוד) געמיינזאמע עהנליכקייט.

consist' *v.* (קאנ-סיסט') צובעשטעהן; בעשטעהן

זאמענהאלטען; זיין; הארמאנירען; זיין אין איינשטימונג; זיין צוזאמענגעשטעלט פון טיילען.

consis'tence *n.* (קאנ-סיס׳-טענס) איינשטימונג; פעסטקייט; געדיכטקייט; צוזאמענהאלטונג; צוזאמענזעצונג; דויער; שטאנדהאפטיגקייט; בעשטאנד; הארמאניע; די הארמאנירענדע פערבינדונג פון די טיילען אין דעם גאנצען; די נאטור, דער כאראקטער, דער צושטאנד פון עטוואס; איינהייטליכקייט, גלייכמעסיגקייט; קאנזעקווענץ.

consis'tency *n.* (קאנ-סיס׳-טענ-סי) ז. *consistence*.

consis'tent *a.* (קאנ-סיס׳-טענט) קאנזעקווענט; פעסט; וואס איז אין איינקלאנג; טריי צו זיך זעלבסט; אויסגעהאלטען; שטאנדהאפט.

His opposition to the plan was consistent throughout.

consis'tently *adv.* (קאנ-סיס׳-טענט-לי) אויף א קאנזעקווענטען שטייגער; מיט שטאנדהאפטיגקייט; אין איינקלאנג.

To command confidence, a man must act consistently.

consisto'rial *a.* (קאנ-סיס-טאו׳-רי-על) וואס איז שייך צו דער אספה פון גייסטליכע וואס פערוואלטען די קירך.

consisto'rian *a.* (קאנ-סיס-טאו׳-רי-ען) ז. *consistorial*.

consis'tory *n. and a.* (קאנ-סיס׳-טא-רי) א קירכען-פערוואלטונג; אן אספה פון גייסטליכע; א קירכליכער געריכט; וואס אנבעלאנגט צו א קירכען-פערוואלטונג אדער א קירכען-געריכט.

conso'ciate *v.* (קאנ-סאו׳-שי-אייט) צוזאמענברייינגען א בעראטונג פון קירכען-פערטרעטער; פעראייניגען; פערזאמלען.

consocia'tion *n.* (קאנ-סאו-שי-איי׳-שאן) א קערפערשאפט פון קירכען-פערטרעטער; א סינאד.

consocia'tional *a.* (קאנ-סאו-שי-איי׳-שאנ-על) וואס אנבעלאנגט א קערפערשאפט פון קירכען-פערטרעטער.

conso'lable *a.* (קאנ-סאו׳-לעבל) טרייסטבאר.

consola'tion *n.* (קאנ-סא-ליי׳-שאן) טרייסט, נחמה.

The memory of a heroic death is sometimes the best consolation for the living.

consola'tion match (קאנ-סא-ליי׳-שאן מעטש) א וועט-קאמפף, אין וועלכען עס נעהמען אנטייל פערזאנען, וואס האבען פערלארען אין א פריהערינען וועט-קאמפף און וואס ווערט פעראנשטאלט צו ערמוטיגען די אנטייל-נעהמער.

consola'tion race (קאנ-סא-ליי׳-שאן רייס) ז. *consolation match*.

consol'atories *n.* (קאנ-סאל׳-א-טא-ריז) א טרייסט-בריעף, א טרייסט-רעדע.

consol'atory *a.* (קאנ-סאל׳-א-טא-רי) טרייסטענד.

con'sole *n.* (קאנ׳-סאול) א קאנזאל, אזא פערציערטע אונטערשפארע, וואס האלט אונטער א באלקאן אדער געזימס; א לייסט וואס האלט אונטער א משין.

Console

console' *v.* (קאנ-סאול׳) טרייסטען.

conso'ler *n.* (קאנ-סאו׳-לער) א טרייסטער.

con'sole-ta'ble *n.* (קאנ׳-סאול-טייבל) א טיש, וואס די פיס זיינען אויסגעשניצט ווי קאנזאלען [שפיגעל-טיש].

consol'idant *a. and n.* (קאנ-סאל׳-אי-דענט) בעפעסטיגענד; וואס פערהיילט וואונדען; א מיטעל צו פערהיילען וואונדען.

consol'idate *v.* (קאנ-סאל׳-אי-דייט) בעפעסטיגען, מאכען פעסט; פעראייניגען, צונויפפרעסען; מאכען געדיכט; פעראייניגט ווערען; זיין צוזאמענגעדריקט.

consol'idated *a.* (קאנ-סאל׳-אי-דיי-טעד) פעראייניגט; פעסט צונויפגעצויגען, צוזאמענגעפרעסט.

consol'idated bonds (קאנ-סאל׳-אי-דיי-טעד באנדז) קאנזאלדירטע אקציעס [אקציעס אדער ווערטה-פאפיערען, בעזאנדערס פון אייזענבאהנען, וועלכע זיינען געזיכערט דורך אן ערבות פון דער גאנצער באהן-ליניע מיט אלע איהרע צווייגען].

consolida'tion *n.* (קאנ-סאל-אי-דיי׳-שאן) פעסט-מאכונג; פעראייניגונג; דאס צונויפציהען זיך אין א קאמפאקטע מאסע; דאס ווערען פעראייניגט.

All the gas companies in the city entered into the consolidation.

consolida'tion locomo'tive (קאנ-סאל-אי-דיי׳-שאן לאו-קא-מאו׳-טיוו) א לאקאמאטיוו צו פיהרען שווערע פראכט-צוגען.

consolida'tion of ac'tions (קאנ-סאל-אי-דיי׳-שאן אוו עק׳-שאנז) דאס פעראייניגען צוויי אדער עטליכע געריכטס פראצעסען אין איינעם [אין פאל ווען איינער און דערזעלבער אנקלאגער איז איינער און דערזעלבער צייט האט אריינגעטראגען עטליכע אנקלאגען אויף איינעם און דעמזעלבען מענשען].

consol'idative *a.* (קאנ-סאל׳-אי-דיי-טיוו) וואס קען פעסט מאכען אדער פעראייניגען; וואס קען פערהיילען א וואונד.

con'sols *n.* (קאנ׳-סאלז) די ענגלישע דריי-פראצענטיגע שטאאטס-ווערטה פאפירען, וועלכע זיינען צום ערשטען מאל ארויסגעגעבען געווארען דורך׳ן אקט פון פארלאמענט אין יאהר 1751 צו דעקען די חובות פון דער מלוכה.

consommé' *n.* (קאנ-סא-מיי׳) א בוליאן, א ריינע שטארקע יויך פון פלייש-זאפט.

con'sonance *n.* (קאנ׳-סא-נענס) א צוזאמענקלאנג, אן איינקלאנג פון טענער; אן אקארד; איינשטימיגקייט, הארמאניע, אחדות.

con'sonancy *n.* (קאנ׳-סא-נענ-סי) ז. *consonance*.

con'sonant *n. and a.* (קאנ׳-סא-נענט) הארמאנירענד; איינשטימענד; וואס איז שייך צו א קאנסאנאנט; א קאנסאנאנט [אן אות וואס קען ניט אויסגעשפראכען ווערען אהן א וואקאל, ווי: ב, ג, ד].

B, C, D are consonants.

con'sonantal *a.* (קאנ׳-סא-נענ-טעל) וואס געהערט צו א קאנסאנאנט. ז. *consonant*.

con'sonantly *adv.* (קאנ׳-סא-נענט-לי) הארמאניש; איינשטימענד; אין איינקלאנג.

con'sonantness *n.* (קאנ׳-סא-נענט-נעס) די איבעראיינשטימונג; דאס זיין אין איינקלאנג.

con'sort *n.* (קאנ׳-סארט) א חבר; א שותף; א מיט-ברודער; דער מאן אדער דאס ווייב; א פעראייניגונג; א שיף וואס בעגלייט א צווייטע שיף.

consort' *v.* (קאנ-סארט׳) פעראייניגען זיך; בעהעפטען זיך; זיין בחברותא.

A young man should not consort with idlers.

con'sortship *n.* (קאנ׳-סארט-שיפ) גענאסענשאפט, חברותא.

con'sound *n.* (קאנ׳-סאונד) די ביינוואורץ [א מין פלאנצע].

conspec'tus *n.* (קאנ-ספעק׳-טאס) אלגעמיינער איבערבליק [איבער דעם גאנצען געגענשטאנד]; א קאנספעקט, א קיצור [פון א ווערק אדער ווערקע].

conspic'uous *a.* (קאנ-ספיק׳-יו-אס) אנזיכטיג; אנגעזעהען; דייטליך; וואס ווארפט זיך אין די אויגען.

He occupies a conspicuous position in the business world.

conspic'uously *adv.* (קאנ-ספיק׳-יו-אס-לי) קלאר, דייטליך; אויף א ווייכטיגען אדער אנגעזעהענעם אופן.

conspic'uousness *n.* (קאנ-ספיק׳-יו-אס-נעס) אנזיכטיגקייט; קלארקייט, דייטליכקייט; אנגעזעהענקייט.

conspir'acy *n.* (קאנ-ספיר׳-א-סי) א קאנספיראציע, א געהיימער בונד פון צוויי אדער עטליכע פערזאנען צו בעגעהן א אונגעזעצליכע זאך; א פערשווערונג; א צוזאמענטרעפונג פון פאקטען אדער צושטענדע; א פעראייניגונג צוליעב א געוויסען ציעל.

conspir'ant *a.* (קאנ-ספאיר׳-ענט) אינטריגירענד; וואס זוכט צו מאכען א פערשווערונג געגען אימעצען.

conspir'ator *n.* (קאנ-ספיר׳-א-טאר) א קאנספיראטאר, א פערשווערער, איינער וואס געהערט צו א געהיימען בונד מיט׳ן ציעל צו בעגעהן א פערברעכען; א מיאטיזשניק, א בונטאוושטשיק.

conspir'atress *n.* (קאנ-ספיר׳-א-טרעס) א קאנספיראטארין, א פרויענצימער וואס בעלאנגט צו א געהיימען בונד צו בעגעהן אן אונגעזעצליכע אדער אונערלויבטע זאך.

conspire' *v.* (קאנ-ספאיר׳) מאכען א פערשווערונג; זיך פעראייניגען געגען אימעצען אין געהיים; איבעראיינשטימען, מיטהעלפען איינער דעם אנדערען אין שטרעבען צו איין ציעל [אין א פערשווערונג].

conspir'er *n.* (קאנ-ספאיר׳-ער) א קאנספיראטאר, איינער וואס איז פעראייניגט מיט אנדערע אין א פערשווערונג געגען אימעצען; א בונטאוושטשיק.

conspir'ingly *adv.* (קאנ-ספאיר׳-אינג-לי) דורך פערשווערונג; אויף א קאנספיראטיווען אופן.

conspir'ing pow'ers (קאנ-ספאיר׳-אינג פאו׳-ערז) צוזאמענוויירקענדע קרעפטע.

con'stable *n.* (קאנ׳-סטעבל) א פאליצייסקער, א פאליציי-בעאמטער.

con'stableship *n.* (קאנ׳-סטעבל-שיפ) דער אמט פון א פאליציסט.

constab'ulary *n. and a.* (קאנ-סטעב׳-יו-לע-רי) וואס געהערט צו אדער וואס בעשטעהט פון פאליציסטען; די פאליציי.

con'stancy *n.* (קאנ׳-סטענ-סי) די דויערהאפטיגקייט; די שטאנדהאפטיגקייט; די בעשטענדיגקייט; טריישאפט, טרייהייט.

con'stant *a. and n.* (קאנ׳-סטענט) שטאנדהאפטיג; קאנסטאנט; אונפעראנדערליך; טריי; דויערהאפט; בעשטענדיג; עטוואס וואס איז אונפעראנדערליך [א קאנסטאנטע].

He was her constant attendant at the ball.

Constantinopol'itan *n. and n.* (קאנ-סטענ-טי-נא-פאל׳-אי-טען) וואס איז שייך צו דער שטאדט קאנסטאנטינאפאל

[די הויפט־שטאדט פון טירקיי]; וואס איז שייך צו די איינוואהנער פון קאנסטאנטינאפאל; אן איינוואהנער פון קאנסטאנטינאפאל.

con'stantly *adv.* (קאנ'-סטענט-לי) אונפערענדערליך; בעשטענדיג; מיט שטאנדהאפטיגקייט; מיט אונפערענדערליכקייט; דויערהאפט.

con'stantness *n.* (קאנ'-סטענט-נעס) ז. *constancy*.

con'stat *n.* (קאנ'-סטעט) א געריכטליכע צייגנים [אין ענגלאנד]; אן אפיציעלע אבשריפט פון א פאטענט אדער פון אן אנדער דאקומענט.

constate' *v.* (קאנ-סטייט') קאנסטאטירען, בעשטעטיגען; איבערצייגען; פעסטשטעלען.

con'stellate *v.* (קאנ'-סטע-לייט) אויספוצען מיט שטערען־בילדער; אויסשטערנען, אויסזעצען מיט שטערען.

constella'tion *n.* (קאנ-סטע-ליי'-שאן) א צוזאמענשטעלונג פון שטערען; א זאמלונג פון שעהנהייטען אדער בעריהמטהייטען [זאכען אדער מענשען].

constel'latory *a.* (קאנ-סטעל'-ע-טא-רי) וואס איז שייך צו א צוזאמענשטעלונג פון שטערען; וואס איז שייך צו א זאמלונג פון שעהנהייטען אדער בעריהמטהייטען.

consterna'tion *n.* (קאנ-סטויר-ניי'-שאן) נידערגעשלאגענהייט; א גרויסע שרעק־איבערראשונג.

The announcement of the declaration of war was received with consternation.

con'stipate *v.* (קאנ'-סטי-פייט) פערשטאפען; פערשטאפען דעם מאגען.

con'stipated *a.* (קאנ'-סטי-פיי-טעד) פערשטאפט; הארטלייביג.

constipa'tion *n.* (קאנ-סטי-פיי'-שאן) פערשטאפונג; מאגען־פערשטאפונג, עצירות.

constit'uency *n.* (קאנ-סטיטש'-יו-ען-סי) די וועהלערשאפט, די וואהל־מענער [די פערזאנען, וועלכע וועהלען א פערטרעטער]; א קערפערשאפט וועלכע האט אן אלגעמיינעם פערטרעטער און צו וועמען ער איז פעראנטווארטליך.

A Congressman is responsible to his constituency.

constit'uent *a. and n.* (קאנ-סטיטש'-יו-ענט) 1. וואס איז א בעשטאנדטייל; 2. וואס האט די מאכט צו וועהלען א פערטרעטער; 3. איינער וואס וועהלט אדער העלפט וועהלען א פאלקס־פערטרעטער; איינער וואס שטעלט אן א פערטרעטער.

1. Oxygen and hydrogen are the constituent parts of water. 2. He looked up to his constituents for re-election.

Constit'uent Assem'bly (קאנ-סטיטש'-יו-ענט ע-סעמ'-בלי) די קאנסטיטואירענדע פערזאמלונג [א פערזאמלונג אויסצוארבייטען א קאנסטיטוציע פאר א לאנד, הויפטזעכליך וועגען דער פראנצויזישער קאנסטיטואירענדער פערזאמלונג פון יאהר 1789 וועהרענד דער ערשטער פראנצויזישער רעוואלוציאן].

constit'uent bod'y (קאנ-סטיטש'-יו-ענט באד'-אי) א וואהל־קערפערשאפט [וועהלער].

con'stitute *v.* (קאנ'-סטי-טיוט) פעסטזעצען; גרינדען, איינארדנען; בילדען, אויסמאכען; ווערען א בעשטאנדטייל.

con'stituted *a.* (קאנ'-סטי-טיו-טעד) געגרינדעט; פעסטגעזעצט; איינגעארדנעט; אויסגעמאכט; בעשטימט; געוועהלט.

con'stituted author'ities (קאנ'-סטי-טיו-טעד אח-טהאר'-אי-טיז) די בעהערדען [די בעאמטע, נאטשאלסטווא].

The Mayor is the head of the constituted authorities in the city.

con'stituter *n.* (קאנ'-סטי-טיו-טער) איינער וואס בעשטימט; א גרינדער.

constitu'tion *n.* (קאנ-סטי-טיו'-שאן) 1. א קאנסטיטוציאן [געשריבענע גרונדגעזעצען פון א לאנד אדער פון א פעראיין]; אן איינריכטונג; אן איינארדנונג; 2. דער געבוי פון קערפער; 3. דער בעשטאנד; די צוזאמענזעצונג.

1. The constitution of the United States of America was established in 1789. 2. The physical constitution of his body is all that can be desired.

constitu'tional *a. and n.* (קאנ-סטי-טיו'-שאן-על) קאנסטיטוציאנעל, וואס שטימט מיט די געשריבענע גרונד־געזעצען; וואס איז שייך צום קערפער־געבוי; וואס הענגט אב פון קערפער־געבוי אדער טעמפעראמענט; א שפאציערגאנג פאר'ן געזונד; א שנאפס פאר'ן געזונד.

He takes his constitutional daily.

constitu'tionalism *n.* (קאנ-סטי-טיו'-שאן-על-איזם) קאנסטיטוציאנעלע פרינציפען; די פרינציפען פון א קאנסטיטוציאן אדער פון א קאנסטיטוציאנעלער רעגיערונג.

constitu'tionalist *n.* (קאנ-סטי-טיו'-שאן-על-איסט) אן אנהענגער פון א קאנסטיטוציאנעלער פארם פון רעגיערונג; אן אנהענגער פון דער עקזיסטירענדער קאנסטיטוציאן פון א לאנד.

constitutional'ity *n.* (קאנ-סטי-טיו-שאן-על'-אי-טי) דאס זיין קאנסטיטוציאנעל.

constitu'tionalize *v.* (קאנ-סטי-טיו'-שאן-על-איז) געהן שפאציערען צוליעב דעם געזונד.

constitu'tionally *adv.* (קאנ-סטי-טיו'-שאן-על-אי) 1. בטבע; נאך דער נייגונג; נאטירליך; לויט דעם קערפערבוי אדער לויט טעמפעראמענט; 2. קאנסטיטוציאנעל; אין בעצוג צו דער קאנסטיטוציאן.

1. Constitutionally, he is a good boy. 2. Religious freedom is constitutionally guaranteed to the inhabitants of the United States.

constitu'tional mon'archy (קאנ-סטי-טיו'-שאן-על מאנ'-אר-קי) א קאנסטיטוציאנעלע מאנארכיע [א לאנד וואס ווערט רעגיערט דורך א קאנסטיטוציאן אבער האט אויך א קעניג אדער א קייזער].

constitu'tionist *n.* (קאנ-סטי-טיו'-שאן-איסט) א קאנסטיטוציאנאליסט, איינער וואס האלט זיך פאר דער קאנסטיטוציאן פון לאנד.

con'stitutive *a.* (קאנ'-סטי-טיו-טיוו) וואס שטעלט פעסט; וואס בילדעט; גרונדזעצליך, וועזענטליך; וואס איז א בעשטאנדטייל; געזעצגעבענד.

con'stitutively *adv.* (קאנ'-סטי-טיו-טיוו-לי) אויף א וועזענטליכען אדער גרונדזעצליכען אופן.

con'stitutive parts (קאנ'-סטי-טיו-טיוו פארטס) בעשטאנדטיילען [די טיילען וואס שטעלען צוזאמען א גאנצע זאך].

con'stitutive pow'er (קאנ'-סטי-טיו-טיוו פאו'-ער) געזעצגעבענדע מאכט.

con'stitutor *n.* (קאנ'-סטי-טיו-טאר) איינער וואס בילדעט אויס, איינער וואס מאכט; איינער וואס פערשפרעכט צו צאהלען די חובות פון אן אנדערען.

constrain' *v.* (קאנ-סטריין') צווינגען, נויטען; אבהאלטען מיט געוואלט; הינדערען; דריקען, בינדען.

constrai'nable *a.* (קאנ-סטריי'-נעבל) וואס קען געצוואונגען ווערען; וואס קען פערהינדערט ווערען אדער צוריקגעהאלטען ווערען.

constrained' *a.* (קאנ-סטריינד') געצוואונגען; צוריקגעהאלטען.

constrainedly *adv.* (קאנ-סטריי'-נעד-לי) מיט צוריקהאלטונג; געצוואונגענהייט.

constrai'ner *n.* (קאנ-סטריי'-נער) איינער וואס צווינגט; איינער וואס האלט צוריק.

constraint' *n.* (קאנ-סטריינט') צוריקהאלטונג; צוואנג; הינדערונג; שוועריגקייט.

constrict' *v. and a.* (קאנ-סטריקט') צוזאמענדריקען, צוזאמענציהען; בינדען; צוזאמענפרעסען; צוזאמענגעצוינגען, צוזאמענגעדריקט, צוזאמענגעפרעסט.

constric'ted *a.* (קאנ-סטריק'-טעד) צוזאמענגעצויגען, צוזאמענגעדריקט, צוזאמענגעפרעסט.

constric'tion *n.* (קאנ-סטריק'-שאן) דאס צוזאמענציהען, דאס צוזאמענדריקען אדער צוזאמענפרעסען; דאס זיין צוזאמענגעדריקט אדער צוזאמענגעפרעסט.

constric'tive *a.* (קאנ-סטריק'-טיוו) וואס האט א נייגונג צוזאמענצוציהען אדער צוזאמענצודריקען.

constric'tor *n.* (קאנ-סטריק'-טאר) א צוזאמענציהער; א צוזאמענדריקער; א מין גרויסע שווארצע שלאנג פון דרום אמעריקא: דער ריזען־שלאנג [וועלכער וויקעלט זיך ארום זיין רויב און צודריקט עס].

constric'tor mus'cle (קאנ-סטריק'-טאר מאסל) דער צוזאמענציהונגס־מוסקעל.

constringe' *v.* (קאנ-סטרינדזש') צוזאמענציהען; צוזאמענדריקען.

constrin'gent *a.* (קאנ-סטרינ'-דזשענט) צוזאמענציהענד; צוזאמענדריקענד

construct' *v.* (קאנ-סטראקט') צוזאמענשטעלען פערשיעדענע טיילען אויף זייער פלאץ; בויען; צייכענען געאמעטרישע פיגורען אדער פלענער, קאנסטרואירען; צונויפשטעלען א זאץ אדער א געשיכטע.

construc'ter *n.* (קאנ-סטראק'-טער) איינער וואס בויט, א בוי־מייסטער; איינער וואס שטעלט צונויף.

construc'tion *n.* (קאנ-סטראק'-שאן) קאנסטרוקציאן, געבוי; דאס בויען; געביידע; א געאמעטרישע פיגור וועלכע איז געצייכענט לויט געגעבענע בעדינגונגען; דאס צייכענען געאמעטרישע פיגורען מיט א צירקעל און אנדערע צייכען־אינסטרומענטען; דאס צונויפשטעלען זעצע לויט די גראמאטיקאלישע כללים; א צוזאמענזעצונג; די אויסטייטשונג, די ערקלערונג.

construc'tional *a.* (קאנ-סטראק'-שאן-על) וואס איז שייך צו א קאנסטרוקציאן. ז. *construction*.

construc'tionally *adv.* (קאנ-סטראק'-שאן-על-אי) אויף א קאנסטרוקטיווען אופן, דורך קאנסטרוקציאן.

construc'tionist *n.* (קאנ-סטראק'-שאן-איסט) איינער וואס טייטשט אויס א געזעץ אדער אבמאך.

construc'tion of equa'tions (קאנ-סטראק'-שאן אוו אי-קוויי'-שאנז) די אויפשטעלונג פון מאטעמאטישע גלייכונגען [דאס אויסשטעלען מאטעמאטישע

אויפגאבען אין דער פארם אז זיי זאלען קענען געלעזט ווערען].

construc'tion-way *n.* (קאנ-סטראק'-שאנ-הוויי) א צייטווייליגער וועג וואס ווערט געמאכט צו פיהרען מאטעריאלען ביים בויען אן אייזענבאהן.

construc'tive *a.* (קאנ-סטראק'-טיוו) וואס קען בענוצט ווערען צום בויען אדער צום צוזאמענשטעלען; וואס איז שייך צו א קאנסטרוקציאן; וואס איז אויסגעטייטשט געווארען.

construc'tively *adv.* (קאנ-סטראק'-טיוו-לי) אויף א קאנסטרוקטיווען אופן; דורך אויסטייטשען; דורך א לאגישען ארויסדרינגען; פאר דעם צוועק פון בויען.

construc'tiveness *n.* (קאנ-סטראק'-טיוו-נעס) די נייגונג צו קאנסטרואירען, די נייגונג עפעס אויסצובויען אדער צוזאמענצושטעלען.

construc'tive works (קאנ-סטראק'-טיוו הוואירקס) קונסט-געביידען; אייזענבאהנען אדער בריקען-בוי.

construc'tor *n.* (קאנ-סטראק'-טאר) ז. *constructer*.

construc'ture *n.* (קאנ-סטראק'-טשור) דאס רעכט, לויט'ן ענגלישען געזעץ, פון אן אייגענטימער פון א הויז, וועלכער האט פערבויט אין איהר מאטעריאלען, וואס בעלאנגען צו אן אנדערען, צו האלטען דיזע מאטעריאלען פאר זיינע אייגענע נאכדעם ווי ער האט בעצאהלט פאר זיי זייער פריהערען אייגענטימער.

con'strue *v.* (קאנ'-סטרוה) איבערזעצען, אויסטייטשען, ערקלערען; צונויפשטעלען א זאץ לויט די כללים פון גראמאטיק.

Judges of the Supreme Court of the United States are called upon to **construe** the constitution.

consubstan'tial *a.* (קאנ-סאב-סטענ'-שעל) וואס האט דיזעלבינע נאטור; וואס בעשטעהט פון איין עצם [וועזען].

consubstan'tialism *n.* (קאנ-סאב-סטענ'-שעל-איזם) דאס קריסטליכע גלויבען, אז יעזוס קריסטוס און גאט איז איין און דערזעלבינער עצם [וועזען]; דאס קריסטליכע גלויבען וועגען דער פעראייניגונג פון דעם הייליגען ברויט און וויין פון הייליגען אבענדמאהל מיט דעם בלוט און פלייש פון קריסטוס. ז. *consubstantiation*.

consubstan'tialist *n.* (קאנ-סאב-סטענ'-שעל-איסט) איינער וואס גלויבט אין די קריסטליכע דריי אייניגקייט [פון פאטער, זוהן און הייליגער גייסט].

consubstantial'ity *n.* (קאנ-סאב-סטענ-שי-על'-אי-טי) דאס זיין פון איין עצם [וועזען]; דאס זיין פון איין נאטור.

consubstan'tially *adv.* (קאנ-סאב-סטענ'-שעל-אי) זייענדיג פון איין עצם [וועזען] אדער פון איין נאטור.

consubstan'tiate *a.* (קאנ-סאב-סטענ'-שי-אייט) ז. *consubstantial*.

consubstantia'tion *n.* (קאנ-סאב-סטענ-שי-איי'-שאן) דאס גלויבען פון געוויסע קריסטליכע סעקטען, אז דאס הייליגע ברויט און וויין פון הייליגען אבענדמאהל און דאס פלייש און בלוט פון קריסטוס האבען נור אינערליכע פערבינדונגען מיטאיינאנדער, אבער דאס ברויט און וויין ווערט ניט פערוואנדעלט אין בלוט און פלייש פון קריסטוס, אין געגענזאץ צו דעם גלויבען פון די קאטויליקען, וואס בעהויפטען, אז דאס הייליגע ברויט און וויין ווערט פערוואנדעלט אין בלוט און פלייש פון קריסטוס.

con'suetude *n.* (קאנ'-סהווי-טיוד) זיטע, מנהג; דאס צו וואס איינער איז צוגעוועהנט; א שטענדיגע חבר'שאפט.

consuetu'dinal *a.* (קאנ-סהווי-טיו'-די-נעל) געוועהנליך, לויט'ן מנהג.

consuetu'dinary *a.* (קאנ-סהווי-טיו'-די-נע-רי) געוועהנליך, לויט'ן מנהג.

con'sul *n.* (קאנ'-סאל) א קאנסול, אן אגענט פון א מלוכה אין אן אויסלענדישער שטאדט צו בעשיצען די בירגער פון זיין מלוכה און פערטיידיגען זייערע אינטערעסען; איינער פון די צוויי הויפט-בעאמטע אין דער אלטער רוימישער רעפובליק; איינער פון די דריי הויפט-בעאמטע אין דער פראנצויזישער רעפובליק פון יאהר 1799 ביז 1805.

con'sular *n. and a.* (קאנ'-סיו-לער) וואס געהערט צו א קאנסול; א געוועזענער קאנסול, אדער דער טיטול קאנסול אהן אן אמט אין אלטען רוים; א גובערנאטאר פון א פראווינץ פון דער אלט-רוימישער מלוכה.

con'sulate *n.* (קאנ'-סיו-לייט) א קאנסולאט, דאס אמט פון א קאנסול; די גיטער וואס בעלאנגען צום קאנסול; א מלוכה וואס ווערט רעגירט דורך קאנסולען.

con'sul-gen'eral *n.* (קאנ'-סאל-דזשענ'-ע-רעל) גענעראל-קאנסול [א בעאמטער פון מיניסטעריום פון אויסערען, וועלכער האט די אויפזיכט איבער אלע קאנסולאטען אין א פרעמדער מדינה].

con'sulship *n.* (קאנ'-סאל-שיפ) דאס אמט און ווירדע פון א קאנסול.

consult' *v.* (קאנ-סאלט') זיך בעראטען, זיך מישב זיין; בעטראכטען; פרעגען אן עצה.

I shall **consult** my advisers before giving my decision.

consul'table *a.* (קאנ-סאל'-טעבל) מיט וועלכען מען קען זיך אן עצה האלטען.

consul'tant *n.* (קאנ-סאל'-טענט) א קאנסולטאנט, א דאקטאר וואס ווערט איינגעלאדען צו א צווייטען דאקטאר מיישב צו זיין זיך מיט איהם וועגען א קראנקען.

consul'tary *a.* (קאנ-סאל'-טע-רי) וואס איז שייך צו א בעראטונג.

consulta'tion *n.* (קאנ-סאל-טיי'-שאן) א ישוב הדעת; נאכדענקונג; א בעראטונג.

consul'tative *a.* (קאנ-סאל'-טע-טיוו) וואס איז שייך צו א בעראטונג; וואס קען געבען אן עצה.

consul'tatory *a.* (קאנ-סאל'-טע-טא-רי) בעראטענד.

consul'ter *n.* (קאנ-סאל'-טער) איינער וואס פרעגט אן עצה אדער אויסקינפטע וועגען א זאך.

consul'ting room (קאנ-סאל'-טינג רוהם) אונטערזוכונגס-צימער [פון א דאקטאר].

consul'tive *a.* (קאנ-סאל'-טיוו) וואס איז שייך צו א בעראטונג; וואס איז בעשלאסען געווארען נאך א ישוב הדעת; וואס איז גוט בעטראכט געווארען.

consult' one's pil'low (קאנסאלט' הוואנז פיל'-או) זיך בעראטען מיט דער קישען [דורכשלאפען זיך און אויפשטעהן מיט א קלארען קאפ צו בעטראכטען א זאך].

consul'tor *n.* (קאנ-סאל'-טאר) ז. *consulter*.

consu'mable *a.* (קאנ-סיו'-מעבל) וואס קען פערצעהרט ווערען.

consu'mable by fire (קאנ-סיו'-מעבל באי פאיר) וואס קען פערברענט ווערען.

consume' *v.* (קאנ-סיום') פערצעהרען; פערברויכען; אויסברייננען; אויסנוצען; פערניכטען; פערצעהרט ווערען, פערניכטעט ווערען.

We **consume** more wheat than any other country in the world.

consu'medly *adv.* (קאנ-סיו'-מעד-לי) געוואלטיג, מעכטיג.

consu'mer *n.* (קאנ-סיו'-מער) א פערצעהרער, א פערברויכער.

consu'mingly *adv.* (קאנ-סיו'-מינג-לי) דורך פערצעהרונג.

consum'mate *a.* (קאנ-סאמ'-עט) פאלקאמען; געבראכט צום העכסטען פונקט; צוגעפיהרט צום ענד-ציעל.

The negotiations were conducted with **consummate** skill.

con'summate *v.* (קאנ'-סאמ-אייט) פאלקאמען מאכען; ברייננען צום העכסטען פונקט; צופיהרען צום ענד-ציעל.

The negotiations for the treaty were at last **consummated**.

consum'mate fool (קאנ-סאמ'-עט פוהל) א שוטה מופלג, א גרויסער טיפוש.

consum'mately *adv.* (קאנ-סאמ'-עט-לי) אויף א פאלשטענדיגען אופן.

consumma'tion *n.* (קאנ-סא-מיי'-שאן) פערפאלקאמענונג; ענדע; שלום פון א זאך.

consum'mative *a.* (קאנ-סאמ'-ע-טיוו) וואס איז פערפאלקאמט; וואס איז פערענדיגט.

con'summator *n.* (קאנ'-סאמ-איי-טאר) איינער וואס פערפאלקאמט; איינער וואס פערענדיגט.

consump'tion *n.* (קאנ-סאמפ'-שאן) שווינדזוכט, אויסצעהרונג; דאס פערברויכען; פערצעהרונג; פערניכטונג.

consump'tive *n. and a.* (קאנ-סאמפ'-טיוו) שווינדזיכטיג; פערצעהרענדיג, פערניכטענדיג; איינער וואס איז קראנק אויף שווינדזוכט [סוכאטא].

consump'tively *adv.* (קאנ-סאמפ'-טיוו-לי) אויף א פערצעהרענדען אדער פערניכטענדען אופן; דורך שווינדזוכט.

consump'tiveness *n.* (קאנ-סאמפ'-טיוו-נעס) די נייגונג צו ווערען שווינדזיכטיג; שווינדזיכטיגקייט.

con'tact *n.* (קאנ'-טעקט) בעריהרונג, צוזאמענטרעפונג.

I came in **contact** with them on my journey to Europe.

con'tact ac'tion (קאנ'-טעקט עק'-שאן) די כעמישעווירקונג וואס א שטאף מאכט אויף דעם צווייטען דורך בעריהרונג.

con'tact-brea'ker *n.* (קאנ'-טעקט-בריי'-קער) א שטראם-אונטערברעכער [אזא אפאראט צום אונטערברעכען און צו שליסען אן עלעקטרישען שטראם].

con'tact-lev'el *n.* (קאנ'-טעקט-לעוו'-על) אן אינסטרומענט, וואס ווערט געברויכט צו בעשטימען קליינע אונטערשיעדע ביים אויסמעסטען די לענג פון א זאך.

contac'tual *a.* (קאנ-טעק'-טשו-על) בנוגע צום צוזאמענטרעפען אדער צום קומען אין בעריהרונג; וואס ווערט ארויסגערופען דורך בעריהרונג.

conta'gion *n.* (קאנ-טיי'-דזשאן) אנשטעקונג; אנשטעקענדע קראנקהייט; פערפעסטעטע לופט.

conta'gioned *a.* (קאנ-טיי'-דזשאנד) אנגעשטעקט.

conta'gionist *n.* (קאַנ-טיי'-רזשאַנ-איסט) איינער וואס גלויבט אין דעם אַנשטעקענדען כאראקטער פון געוויסע קראנקהייטען.

conta'gious *a.* (קאַנ-טיי'-דזשאַס) אַנשטעקענד; וואס שטעקט אַן מיט קראנקהייטען, שעדליך, אונגעזונד.
Panic is more contagious than enthusiasm.

conta'giously *adv.* (קאַנ-טיי'-רזשאַס-לי) דורך אנשטעקונג.

conta'giousness *n.* (קאַנ-טיי'-רזשאַס-נעס) דאַס זיין אנשטעקענד.

conta'gium *n.* (קאַנ-טיי'-רזשי-אַם) אנשטעקונג; דער שטאָף, דורך וועלכען מען שטעקט זיך אַן פון אַ קראַנקען.

contain' *v.* (קאַנ-טיין') ענטהאַלטען; צוריקהאַלטען, זיך צוריקהאַלטען.
This barrel contains old wine.

contain'able *a.* (קאַנ-טיינ'-עבל) וואַס קען ענטהאַלטען אַדער צוריקגעהאַלטען ווערען.

contain'er *n.* (קאַנ-טיינ'-ער) דער אַדער דאַס וואַס ענטהאַלט.

contam'inable *a.* (קאַנ-טעמ'-אי-נעבל) וואַס קען בעפלעקט, בעשמוצט אַדער פערדאַרבען ווערען; וואַס קען פערראונרייניגט ווערען אַדער פערראונרייניגען.
The water supply of this city passes through a contaminable district.

contam'inate *v.* (קאַנ-טעמ'-אי-נייט) בעפלעקען, פערשמוצען; מאַכען אונריין, פערראונרייניגען; פערדאַרבען.

contam'inated *a.* (קאַנ-טעמ'-אי-ניי-טעד) בעשמוצט, בעפלעקט; פעראונרייניגט; פערדאַרבען.

contamina'tion *n.* (קאַנ-טעמ-אי-ניי'-שאַן) בעפלעקונג, בעשמוצונג; פעראונרייניגונג; פערדאַרבונג.
Unclean streets easily lead to a contamination of the whole city with disease.

contam'inative *a.* (קאַנ-טעמ'-אי-ניי-טיוו) בעפלעקענד, בעשמוצענד; פעראונרייניגענד; פערדאַרבענד.

contan'go *n.* (קאַנ-טענ'-גאָו) די סומע געלד וואַס אַ קויפער פון ווערטה-פאַפּיערען אויף דער לאָנדאָנער בערזע דאַרף בעצאַהלען, ווען ער בעצאַהלט ניט אין אַ בעשטימטען טאָג פאַר די געקויפטע ווערטה-פאַפּיערען.

contan'go day (קאַנ-טענ'-גאָו דיי) אַ בעשטימטער טאָג אויף דער לאָנדאָנער בערזע, ווען די קויפער פון ווערטה-פאַפּיערען, וואַס צאַהלען ניט אָב פאַר די געקויפטע ווערטה-פאַפּיערען, דאַרפען בעצאַהלען דערפאַר וואַס זיי מאַכען ניט די איינצאַהלונג.

contemn' *v.* (קאַנ-טעמ') פעראַכטען, גרינגשעצען.

contem'nedly *adv.* (קאַנ-טעמ'-נעד-לי) מיט פעראַכטונג; מיט גרינגשעצונג.

contem'ner *n.* (קאַנ-טעמ'-נער) דער וואַס פערהאַלט זיך מיט פעראַכטונג אַדער גרינגשעצונג.

contem'ningly *adv.* (קאַנ-טעמ'-נינג-לי) ז. *contemnedly*.

contem'plable *a.* (קאַנ-טעמ'-פּלעבל) וואַס ווערט בעטראַכט, אַדער בעאָבאַכטעט; וואַס ווערט בעאַבזיכטיגט; וועגען וואַס מען דענקט נאָך.

contem'plate *v.* (קאַנ-טעמ'-פּלייט) 1. נאָכדענקען, בעטראַכטען; בעאָבאַכטען; 2. בעאַבזיכטיגען.
1. I shall contemplate over it and let you know. 2. I contemplate going to Palestine.

contempla'tion *n.* (קאַנ-טעמ-פּליי'-שאַן) 1. נאָכדענקונג; 2. בעאַבזיכטיגונג; 3. בעטראַכטונג, בעאָבאַכטונג.
1. I was absorbed in contemplation when she came in.

contem'plative *n. and a.* (קאַנ-טעמ'-פּלע-טיוו) נאָכדענקענדיג, פאַרשענדיג; פערזונקען אין געדאַנקען; איינער וואַס פערנעהמט זיך מיט נאָכדענקען וועגען עפּעס, איבערהויפּט וועגען רעליגיעזע זאַכען; אַ מאָנאַך, אַ נזיר; אַ מאָנאַך פון דעם מאַריאַ מאָנדאַלענאַ אָרדען.

contem'plative fac'ulty (קאַנ-טעמ'-פּלע-טיוו פעק'-אַל-טי) די דענקונגס-קראַפט.

contem'platively *adv.* (קאַנ-טעמ'-פּלע-טיוו-לי) מיט אַ געניגיעם בעטראַכטען; דורכדרינגענד מיט'ן געדאַנק.

contem'plativeness *n.* (קאַנ-טעמ'-פּלע-טיוו-נעס) דאַס נאָכדענקען, דאַס טראַכטען.

con'templator *n.* (קאַנ'-טעמ-פּליי-טאַר) איינער וואַס דענקט נאָך.

contemporane'ity *n.* (קאַנ-טעמ-פּאָ-רע-ני'-אי-טי) גלייכצייטיגקייט, דאַס זיין אין דער זעלבער צייט מיט אַן אַנדערען.

contempora'neous *a.* (קאַנ-טעמ-פּאָ-ריי'-ני-אַס) גלייכצייטיג, וואַס לעבט אַדער פּאַסירט אין דער זעלבער צייט מיט אַן אַנדער פּערזאָן אַדער זאַך.

contempora'neously *adv.* (קאַנ-טעמ-פּאָ-ריי'-ני-אַס-לי) גלייכצייטיג, אין דער זעלבער צייט מיט אַן אַנדער פּערזאָן אַדער זאַך.

contempora'neousness *n.* (קאַנ-טעמ-פּאָ-ריי'-ני-אַס-נעס) גלייכצייטיגקייט, דאַס זיין אין דער זעלבער צייט מיט אַן אַנדער פּערזאָן אַדער זאַך.

contem'porary *a. and n.* (קאַנ-טעמ'-פּאָ-רע-רי) גלייכצייטיג; גלייכצייטיג עקזיסטירענד אין דעמזעלבען אָרט [ווי אַ צייטונג, אַ זשורנאַל א. ד. ג.]; איינער וואַס לעבט אין איין צייט מיט אַן אַנדערען.
Washington and Lafayette were contemporaries.

contempt' *n.* (קאַנ-טעמפּט') פעראַכטונג; דאַס פעראַכטען; דאַס מבזה זיין; דאַס זיין פעראַכטעט אַדער פערשעמט; דאַס בעליידיגען די עפענטליכע מאַכט [די געזעצגעבענדע איינריכטונג, דאַס געריכט-הויז, דעם ריכטער א. ד. ג.].

contemptibil'ity *n.* (קאַנ-טעמפּ-טי-ביל'-אי-טי) דאַס זיין פעראַכטליך אַדער פעראַכטונגס-ווערטה; אונווירדיגקייט.

contemp'tible *a.* (קאַנ-טעמפּ'-טיבל) פעראַכטונגס-ווערטה; פעראַכטליך; אונווירדיג; נידעריג, געמיין; פעראַכטעט; ערנידעריגט, בעליידיגט.

contemp'tibleness *n.* (קאַנ-טעמפּ'-טיבל-נעס) פעראַכטליכקייט, אונווירדיגקייט.

contemp'tibly *adv.* (קאַנ-טעמפּ'-טי-בלי) אויף אַ פעראַכטליכען אַדער אונווירדיגען אופן.

contempt' of court (קאַנ-טעמפּט' אָוו קאָורט) דאַס ניט פאָלגען דעם געריכט, דאַס בעליידיגען אַ ריכטער אין געריכט.

contemp'tuous *a.* (קאַנ-טעמפּ'-טשו-אַס) פול מיט פעראַכטונג; פרעך; מיט גאוה; מיט בייזקייט, מיט נאַל.

contemp'tuously *adv.* (קאַנ-טעמפּ'-טשו-אַס-לי) אויף אַ פרעכען אַדער פעראַכטונגספאָלען אופן; מיט גאוה, מיט בייזקייט, מיט נאַל.

contemp'tuousness *n.* (קאַנ-טעמפּ'-טשו-אַס-נעס) פעראַכטונג צו אַנדערע; פרעכהייט.

contend' *v.* (קאַנ-טענד') בעקעמפּפען עפּעס אין אַ דעבאַטע אַדער וכוח; שטרייטען; קעמפּפען פאַר עפּעס; סטאַרען זיך עפּעס צו דערגרייכען אַדער פערטיידיגען; פיהרען אַ וכוח, דעבאַטירען.

conten'dent *n.* (קאַנ-טענ'-דענט) דער וואַס שטרייט געגען אַן אַנדערען; דער אַנטאַגאָניסט, דער צד-שכנגד.

conten'der *n.* (קאַנ-טענ'-דער) אַ שטרייטער; אַ דעבאַטאַנט.

conten'ding *a.* (קאַנ-טענ'-דינג) זיך שטרייטענדיג, דעבאַטירענדיג.

conten'ement *n.* (קאַנ-טענ'-אי-מענט) אין געזעצגעבונג — דאַס, וואַס בעלאַנגט צו אַ הויז, ווי אַ שטיקעל לאַנד, וועלכעס דאַס הויז מוז האָבען אַרום זיך א. ד. ג.

content' *a., n. and v.* (קאַנ-טענט') צופרידען; צופרידענהייט; בעפרידיגען, צופרידען שטעלען; צופרידען זיין; בעגנוגענען זיך.

conten'ted *a.* (קאַנ-טענ'-טעד) 1. צופרידען; 2. אהן זאָרג; רוהיג; 3. נאָכגיעביג, וויליג.
1. Men are contented to be laughed at for their wit, but not for their folly.

conten'tedly *adv.* (קאַנ-טענ'-טעד-לי) מיט צופרידענהייט; רוהיג; אהן זאָרג; מיט נאָכגיעביגקייט; וויליג.

conten'tedness *n.* (קאַנ-טענ'-טעד-נעס) צופריעדענהייט.

conten'tion *n.* (קאַנ-טענ'-שאַן) מחלוקת, אַ קריעג, אַ שטרייט, אַ קאָנפליקט, אַ דיספּוט; די זאַך, איבער וועלכער דער שטרייט געהט אַן; אַן אַרגומענט, אַ ראיה אין אַ וכוח.

conten'tious *a.* (קאַנ-טענ'-שאַס) שטרייטיג, קריגעריש; איינרייסענדיג.

conten'tious ar'gument (קאַנ-טענ'-שאַס אַר'-גיו-מענט) אַן אַרגומענט אין אַ דעבאַטע, וועלכער ווערט אַרויסגעשטעלט נור מיט דעם ציעל צו האַמפּערען זיך און צו פערטומלען דעם געגנער.

conten'tiously *adv.* (קאַנ-טענ'-שאַס-לי) מיט צאַנקעריי, דורך האַמפּערען זיך; אויף אַ קריעגערישען אַדער שטרייטיגען אופן.

conten'tiousness *v.* (קאַנ-טענ'-שאַס-נעס) די נייגונג צו שטרייטען אַדער צו קריגען זיך.

content'less *a.* (קאַנ-טענט'-לעס) אהן בעפרידיגונג, אונצופרידען.

content'ment *n.* (קאַנ-טענט'-מענט) דאַס זיין בעפרידיגט; צופרידענהייט.

contents' *n.* (קאַנ-טענטס') אַלץ וואַס ענטהאַלט זיך אין אַ געוויסער זאַך אַדער אין געוויסע גרענעצען; אינהאַלט; אינהאַלטס-פערצייכניס.

conter'minal *a.* (קאַנ-טויר'-מי-נעל) וואַס גרענעצט זיך מיט עפּעס.

conter'minous *a.* (קאַנ-טויר'-מי-נאַס) זיך גרענעצענד, נאָהענט; וואַס גרענעצט זיך מיט אַן אַנדער זאַך; וואַס האָט דעם זעלבינען שטח; פון דעם זעלבינען קלאַס [אין זאַלאָגיע].

con'test *n.* (קאַנ'-טעסט) אַ קאַמפּף, אַ שטרייט, אַ געשלעג; אַ דיספּוט, אַ וכוח.
The race was a contest of endurance, not of skill.

contest' *v.* (קאַנ-טעסט') שטרייטען איבער אַ זאַך; דיספּוטירען; קעמפּפען פאַר עפּעס; שלאָגען זיך, מלחמה האַלטען.
The soldiers contested every inch of ground in the battle.

contes'tant *n.* (קאָנ-טעס'-טענט) איינער וואָס נעהמט אנטייל אין אַ געפעכט, אין אַ קריעג אָדער אין אַ דיספוט.
con'text *n.* (קאָנ'-טעקסט) צוזאַמענהאַנג פון איין טייל פון אַ רעדע, בוך א. ד. ג. מיט דעם אַנדערען.
contex'tual *a.* (קאָנ-טעקס'-טשו-על) וואָס איז שייך צו אַ שטעלע אָדער אויסצוג [פון אַ בוך]; שטימענד מיט'ן טעקסט.
contex'tually *adv.* (קאָנ-טעקס'-טשו-על-אי) איינשטימענדיג מיט'ן טעקסט; דורך'ן איבערגעבען וואָרט ביי וואָרט.
contex'tural *a.* (קאָנ-טעקס'-טשו-רעל) וואָס געהערט צו דער צוזאַמענזעצונג, צום געבוי אָדער צו דער סיסטעם פון צוזאַמענשטעלונג פון אַ קערפער.
contex'ture *n.* (קאָנ-טעקס'-טשור) די צוזאַמענזעצונג, צוזאַמענשטעלונג; דער געבוי פון עפּעס; דער אַרט אָדער די סיסטעם ווי אַזוי אַ קערפער אָדער אַ זאַך איז צוזאַמענגעשטעלט.
con thanks (קאָן טהענקס) דאַנקען.
contigu'ity *n.* (קאָנ-טי-גיו'-אי-טי) אַ נאָהענטע בעריהרונג, נאָהענטקייט; אַ רייהע זאַכען, וואָס פאַלגען אונאויפהערליך איינע נאָך דער צווייטער; אידעען-פערבינדונגען [אַ פּסיכאָלאָגישער געזעץ, דאָס ווען צוויי אָדער מעהרערע פאַרשטעלונגען זיינען ענג פערבונדען צווישען זיך און איין פאַרשטעלונג ווערט אַרויסגערופען, פאַלגען אויך די איבריגע].
contig'uous *a.* (קאָנ-טינ'-יו-אַס) וואָס איז נאָהענט, וואָס קומט אין בעריהרונג, וואָס גרענעצט זיך.
contig'uous an'gles (קאָנ-טינ'-יו-אַס ענגלז) נעבען-ליעגענדע ווינקלען [אין געאָמעטריע].
contig'uously *adv.* (קאָנ-טינ'-יו-אַס-לי) דורך בעריהרונג.
con'tinence *n.* (קאָנ'-טי-נענס) מעסיגקייט; ענטהאַלטזאַמקייט; נזירות; זעלבסט-בעהערשונג [אין בעצוג צו ליידענשאַפטען]; אַן אונאונטערבראָכענע רייהע.
con'tinency *n.* (קאָנ'-טי-נענ-סי) ז. *continence*.
con'tinent *a. and n.* (קאָנ'-טי-נענט) איינגעהאַלטען [אין די תאוות]; אַ זעהר גרויסע שטיק יבשה, אַ וועלט-טהייל, אַ קאָנטינענט.
Con'tinent *n.* (קאָנ'-טי-נענט) איירא-פּאַ אויסער די בריטאַנישע אינזלען [אין דעם זין געברויכען דאָס וואָרט די ענגלענדער, אום אונטערצושיידען די איבריגע טיילען פון איירא-פּאַ פון די ענגלישע בעזיצונגען אין איירא-פּאַ. אַזוי פלעגט מען אויך רופען ענגלאַנד אין אַמעריקא, בעת די פעראייניגטע שטאַאַטען האָבען בעלאַנגט צו ענגלאַנד און בעת דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציאָן].
continen'tal *a. and n.* (קאָנ-טי-נענ'-טעל) וואָס איז שייך אָדער בעלאַנגט צו אַ קאָנטינענט, צו אַ גרויסער שטיק יבשה [אין געגענזאַץ צו אַלעס וואָס בעלאַנגט אָדער האָט אַ שייכות צו אינזלען]; אַן איינוואוינער פון אַ קאָנטינענט [הויפּטזעכליך פון דעם איירא-פּאַאישען קאָנטינענט, ווי עס ווערט אָנגענומען אין ענגלאַנד]; אַן ענגלישער סאָלדאַט אין אַמעריקא בעת דער רעוואָלוציאָן אין די פעראייניגטע שטאַאַטען.
Continen'tal Con'gress (קאָנ-טי-נענ'-טעל קאָנ'-גרעס) דער קאָנטינענטאַלער קאָנגרעס [אין דער צייט פון דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציאָן — אַ קערפּערשאַפט פון פערטרעטער פון די דרייצעהן ענגליש-אַמעריקאַנישע קאָלאָניעס, וועלכע האָבען שפּעטער זיך פעראייניגט אין די איצטיגע פעראייניגטע שטאַאַטען פון אַמעריקא].
continen'talist *n.* (קאָנ-טי-נענ'-טעל-איסט) אַן איינוואוינער פון אַ קאָנטינענט [אין געגענזאַץ צו אַן איינוואוינער פון אַן אינזעל].
continen'tal sys'tem (קאָנ-טי-נענ'-טעל סיס'-טעם) דער פּלאַן פון נאַפּאָלעאָן דעם ערשטען אָבצושפּערען דעם ענגלישען האַנדעל מיט גאַנץ איירא-פּאַ [לויט אַ בעפעהל פון נאַפּאָלעאָן'ען איז ענגלאַנד אין יאָהר 1806 ערקלעהרט געוואָרען אונטער אַ בלאָקאַדע און אַלע ענגלענדער, וואָס מען האָט געכאַפּט אין פראַנקרייך און אין די לענדער, וואָס זיינען געווען פערבונדען מיט פראַנקרייך, זיינען ערקלעהרט געוואָרען פאַר קריעגס-געפאַנגענע].
con'tinently *adv.* (קאָנ'-טי-נענט-לי) אין אַ צוריקגעהאַלטענער פאָרם; דורך זעלבסט-בעהערשונג [פון תאוות].
contin'gence *n.* (קאָנ-טינ'-דזשענס) צופעליגקייט; צופאַל.
contin'gency *n.* (קאָנ-טינ'-דזשען-סי) ז. *contingence*.
contin'gent *a. and n.* (קאָנ-טינ'-דזשענט) צופעליג; מעגליך בלויז אונטער געוויסע אומשטענדען אָדער בעדינגונגען; וואָס איז אָבהענגיג פון..., וואָס ווענדט זיך אַן...; ניט זיכער; ניט פעסט בעשטימט; צופעליגקייט; צופאַל; קאָנטינגענט [אַ געוויסע צאָהל, בעזונדערס אַ געוויסע צאָהל סאָלדאַטען]; אַ צאָהל סאָלדאַטען, וואָס יעדע פון די פעראייניגטע מלוכות שטעלען צו אָדער דאַרפען צושטעלען בעת אַ מלחמה.
contin'gently *adv.* (קאָנ-טינ'-דזשענט-לי) אונטער געוויסע אומשטענדען; בתנאי; צופעליגערווייזע; אונגעפעהר.
contin'ual (קאָנ-טינ'-יו-על) וואָס ווערט ניט אונטערבראָכען; אונאויפהערענד; וואָס ווידערהאָלט זיך זעהר אָפט.
contin'ually *adv.* (קאָנ-טינ'-יו-על-אי) אָהן אויפהער; ניט אונטערבראָכען; שטענדיג.
contin'ualness *n.* (קאָנ-טינ'-יו-על-נעס) דאָס דויערען אָהן אַן אויפהער; דאָס זיין אונאויפהערענד; שטענדיגקייט.
contin'uance *n.* (קאָנ-טינ'-יו-ענס) שטענדיגקייט; אויפהאַלטונג; אונאויפהערונג; דאָס דויערען; דאָס אָבלעגען אַ געריכטס-פּראָצעס פון איין בעשטימטער צייט אויף אַ צווייטער.
continua'tion *n.* (קאָנ-טינ-יו-איי'-שאָן) פאָרטזעצונג.
contin'uative *a. and n.* (קאָנ-טינ'-יו-ע-טיוו) וואָס דריקט אויס בעשטענדיגקייט; אַן אויסדרוק פון בעשטענדיגקייט; אַ פערבינדונגס-וואָרט.
contin'uatively *adv.* (קאָנ-טינ'-יו-ע-טיוו-לי) אין פאָרטזעצונג; אויף אַ דויערענדען שטייגער.
contin'uator *n.* (קאָנ-טינ'-יו-איי-טאָר) דער פאָרטזעצער.
contin'ue *v.* (קאָנ-טינ'-יו) פאָרטזעצען; פאָרטציהען; אָנהאַלטען; נעדויערען.
I shall **continue** my friendly relations with you.
contin'ued *a.* (קאָנ-טינ'-יוד) פאָרטגעזעצט; פאָרטגעצויגען; דויערענד.
contin'ued frac'tion (קאָנ-טינ'-יוד פרעק'-שאָן) אַ ברוך-צאָהל, פון וועלכער דער צעהלער [די צאָהל איבער'ן שטריך] איז אַן איינס און דער נענער [די צאָהל אונטער'ן שטריך] בעשטעהט פון אַ גאַנצער צאָהל צוזאַמען מיט אַ ברוך-צאָהל, פון וועלכער דער צעהלער איז ווידער אַן איינס און דער נענער איז ווידער אַ גאַנצע צאָהל צוזאַמען מיט אַ ברוך-צאָהל, פון וועלכער דער צעהלער איז ווידער אַן איינס א. ז. וו., ווי למשל:

$$2+\cfrac{1}{2+\cfrac{1}{3+\cfrac{1}{4+\cfrac{1}{5+\cfrac{1}{6+}}}}}$$ א. ז. וו.

contin'uer *n.* (קאָנ-טינ'-יו-ער) ז. *continuator*.
contin'uing *a.* (קאָנ-טינ'-יו-אינג) דויערענד, אויפהאַלטענד, פאָרטציהענד, פאָרטזעצענד.
contin'uingly *adv.* (קאָנ-טינ'-יו-אינג-לי) אָהן אַ הפסקה; דויערענד כסדר.
The attorney questioned him **continuingly**.
continu'ity *n.* (קאָנ-טי-ניו'-אי-טי) דאָס זיין אונאויפהערענד; אונאונטערבראָכענקייט; צוזאַמענהאַנג.
contin'uous *a.* (קאָנ-טינ'-יו-אַס) צוזאַמענהענגענד; כסדר דויערענד; אונאונטערבראָכען.
contin'uously *adv.* (קאָנ-טינ'-יו-אַס-לי) אויף אַ כסדר דויערענדען, אונאויפהערענדען אופן.
contin'uousness *n.* (קאָנ-טינ'-יו-אַס-נעס) אונאונטערבראָכענקייט; דויער.
contor'niate *n. and a.* (קאָנטאָהר'-ני-אייט) וואָס האָט אַ נעקאַרבטען ראַנד; אַ מטבע אָדער מעדאַל מיט אַ נעקאַרבטען ראַנד.
contort' *v.* (קאָן-טאָהרט') אויסדרעהען, אויסבויגען, פלעכטען.
contor'ted *a.* (קאָן-טאָהר'-טעד) אויסגעדרעהט, פערקרימט, צובויגען.
contor'tion *n.* (קאָן-טאָהר'-שאָן) דאָס דרעהען זיך אָדער פלעכטען; דאָס זיין פערדרעהט; דאָס פערקרימען אַ גליעד פון קערפּער; דאָס אַנווערען דעם נאַטירליכען צושטאַנד.
contor'tionist *n.* (קאָן-טאָהר'-שאָן-איסט) אַ קונצענמאַכער וואָס ברעכט זיך.
contor'tive *a.* (קאָן-טאָהר'-טיוו) וואָס איז שייך אָדער האָט אַ נייגונג צו דרעהען אָדער ברעכען זיך; וואָס איז פערקרימט, צובויגען.
con'tour *n.* (קאָנ'-טוהר) די קאָנטור, די אויסערע שטריכען פון אַ פיגור.
contour' *v.* (קאָנ-טוהר') לעגען די קאָנטור, מאַכען אויסערע שטריכען פון אַ פיגור.
contour'ing *n.* (קאָנ-טוהר'-אינג) דאָס בעצייכנען די שטריכען פון אַ פיגור.
contour'-line *n.* (קאָנ-טוהר'-לאַין) די ליניע וועלכע בעצייכענט אויף וויפיעל אַ שטיק לאַנד איז העכער איבער די אויבערפלעכע פון וואַסער.
con'tra *adv. and prep.* (קאָנ'-טראַ) אַנטקעגען; געגען.
con'traband *n. and a.* (קאָנ'-טרע-בענד) קאָנטראַבאַנד, פערבאָטענע סחורה; פערבאָטען [אריינצופיהרען אין אַ לאַנד אָדער אַרויסצופיהרען].
con'trabandism *n.* (קאָנ'-טרע-בענ-דיזם) דאָס דורכ'גנב'ענען דורך'ן גרענעץ.
con'trabandist *n.* (קאָנ'-טרע-בענ-דיסט) אַ קאָנטראַבאַנדיסט, דער וואָס גנב'עט דורך סחורה דורך'ן גרענעץ.

con'trabass *n.* (קאנ׳-טרא-ביים) א קאנטראבאס [א מוזיקאלישער אינסטרומענט].

con'trabassist *n.* (קאנ׳-טרא-בעס-איסט) דער וואס שפּיעלט אויף׳ן קאנטראבאס.

contrabas'so *n.* (קאנ-טרא-בעס׳-סא) ז. *contrabass*

con'tra bo'nos mo'res (קאנ׳-טרא באו׳-נאוס מאו׳-ריעז) אונזיטליך, אונמאראליש; ניט לויט די אנגענומענע מאראל אדער זיטען.

con'tract *n.* (קאנ׳-טרעקט) א קאנטראקט, אבמאך; פערלאבונג [תנאים].

contract' *v.* (קאנ-טרעקט׳) צוזאמענציהען; פערקלענערען; פערקירצען; צונויפנעצויגען ווערען; קלענער ווערען, קירצער ווערען; פערלאבען; מאכען א קאנטראקט; ערווערבען.

contract' a hab'it (קאנ-טרעקט׳ ע העב׳-איט) זיך איינגעוועהנען אין עפּעס.

contrac'tant *n.* (קאנ-טרעק׳-טענט) איינער פון די צדדים ביים שליסען א קאנטראקט.

contract' debts (קאנ-טרעקט׳ דעטס) מאכען חובות.

contrac'ted *a.* (קאנ-טרעק׳-טעד) צוזאמענגעצויגען; איינגעננוצינג; שמאל־קעפּיג; בעשרענקט, בעגרענצט [אין מיטעל צום לעבען אדער אין געלעגענהייטען]; וואס איז בעשטימט געווארען דורך אן אבמאך; פערלאבט.

contrac'tedly *adv.* (קאנ-טרעק׳-טעד-לי) אויף א צונויפגעצויגענעם אדער פערקירצטען אופן; אויף א בעשרענקטען אופן; דורך איינגעננוצינקייט.

contrac'tedness *n.* (קאנ-טרעק׳-טעד-נעס) צונויפגעצויגענקייט, קורצקייט; געמיינהייט, איינגעננוציגקייט; דאס זיין קורץ געפּאסט.

contract' friend'ship (קאנ-טרעקט׳ פרענד׳-שיפּ) שליסען פריינדשאפט.

contractibil'ity *n.* (קאנ-טרעק-טי-ביל׳-אי-טי) די איינגענשאפט צו קענען צוזאמענגעצויגען אדער איינגעשרומפּען ווערען.

contrac'tible *a.* (קאנ-טרעק׳-טיבל) וואס קען צוזאמענגעצויגען אדער איינגעשרומפּען ווערען.

contrac'tibleness *n.* (קאנ-טרעק׳-טיבל-נעס) ז. *contractibility*

contrac'tile *a.* (קאנ-טרעק׳-טיל) וואס קען זיך צוזאמענציהען; וואס קען איינשרומפּען; וואס קען זיך צונויפלענען [ווי געוויסע גליעדער פון אינזעקטען, צ. ב. די פּיסלעך וואס קענען זיך צונויפלעגען הארט לעבען קערפּער, אזוי אז עס איז זיי קוים צו בעמערקען].

contractil'ity *n.* (קאנ-טרעק-טיל׳-אי-טי) די פעהינקייט זיך צוזאמענצוציהען, איינלויפען אדער איינשרומפּען.

contrac'ting *a.* (קאנ-טרעק׳-טינג) מאכענדיג א קאנטראקט.

contrac'tion *n.* (קאנ-טרעק׳-שאן) 1. דאס איינלויפען, איינשרומפּען אדער צוזאמענציהען זיך; 2. אבקירצונג [פון אווארט אדער ארטיקעל]; 3. די צוזאמענציהונג אדער קרימונג פון די געלענקען, קראמפּף פון גליעדער, לעהמונג פון גליעדער; 4. אן אבנעקירצטע מעטאדע צו מאכען געוויסע רעכנונגען; 5. דאס ערווערבען.

1. Cold causes a contraction of the blood.
2. "Can't" is a contraction of "can not."
5. The contraction of debts is a bad habit.

contrac'tional *a.* (קאנ-טרעק׳-שאנ-על) וואס איז איינגעשרומפּען, צונויפגעצויגען אדער איינגעלאפען; פעראורזאכט דורך איינשרימפּען אדער איינלויפען.

contrac'tionist *n.* (קאנ-טרעק׳-שאנ-איסט) איינער וואס איז דערפאר, אז עס זאל איינגעשרענקט ווערען די צירקולאציאן פון פּאפּיער־געלד אין לאנד.

contrac'tion-rule *n.* (קאנ-טרעק׳-שאן-רוחל) דער כלל פון א מאדעל־מאכער פאר מעטאל־גיסערייען צו מאכען דעם מאדעל עטוואס גרעסער אויף דעם סמך וואס דאס מעטאל וואס קיהלט זיך אב נאך׳ן אבגיסען לויפט איין [פאר גוס־אייזען צ. ב. ווערט אויף צוויי פוס לענג גערעכענט ¼ צאל אויף איינלויפען].

contrac'tive *a.* (קאנ-טרעק׳-טיוו) וואס האט א נייגונג זיך צונויפצוציהען, איינשרומפּען אדער איינלויפען; וואס לויפט איין אדער ציהט זיך צוזאמען.

contrac'tor *n.* (קאנ-טרעק׳-טאר) איינער וואס שליסט א קאנטראקט; איינער פון די צדדים וואס שליסען א קאנטראקט; א פּאדריאטשיק, א ליפעראנט; א בוי־אונטערנעהמער; א צונויפציהונגס־מוסקעל.

contrac'tual *a.* (קאנ-טרעק׳-טשו-על) וואס קומט פון א קאנטראקט אדער אבמאך; וואס האט דעם כאראקטער פון א קאנטראקט.

contrac'ture *n.* (קאנ-טרעק׳-טשור) די צונויפציהונג פון א מוסקעל; דאס איינציהען זיך אדער קורצער ווערען פון א מוסקעל.

contrac'tured *a.* (קאנ-טרעק׳-טשורד) וואס ליידט פון א צונויפגעצויגענעם מוסקעל; צונויפגעצויגען [ווענען א מוסקעל].

con'tra-dance *n.* (קאנ׳-טרא-דענס) א געגענטאנץ [א טאנץ פון פּיער פּארלעך איינע נעגען די אנדערע].

contradict' *v.* (קאנ-טרע-דיקט׳) ווידערשפּרעכען; אבלייקענען.

I must contradict your statement.

contradic'table *a.* (קאנ-טרע-דיק׳-טעבל) וואס קען ווידערשפּראכען ווערען; וואס קען אבגעלייקענט ווערען; וואס קען בעשטריטען ווערען.

contradic'ter *n.* (קאנ-טרע-דיק׳-טער) איינער וואס ווידערשפּרעכט; איינער וואס לייקענט אב.

contradic'tió in adjec'to (קאנ-טרע-דיק׳-שי-או אין ע-דזשעק׳-טאו) א ווידערשפּרוך אין דעם עצם פון דער זאך [ווי צ. ב. טרוקענע וואסער, הייסע אייז א. ד. ג.].

contradic'tion *n.* (קאנ-טרע-דיק׳-שאן) ווידערשפּרעכונג; אבלייקענונג; געגענזעצליכקייט.

The Abolitionists pointed out the contradiction between slavery and the Constitution.

contradic'tion in terms (קאנ-טרע-דיק׳-שאן אין טוירמז) א פראזע וואס ענטהאלט א ווידערשפּרוך אין זיך [ווי צ. ב. א רונדער קוואדראט].

contradic'tious *a.* (קאנ-טרע-דיק׳-שאס) וואס איז גענייגט שטענדיג צו ווידערשפּרעכען, אבצולייקענען, קריטיקירען אדער קריגען זיך.

contradic'tiously *adv.* (קאנ-טרע-דיק׳-שאס-לי) אויף א ווידערשפּרעכענדען אופן.

contradic'tive *a.* (קאנ-טרע-דיק׳-טיוו) וואס ענטהאלט א ווידערשפּרוך; וואס איז געגענזעצליך.

contradic'tively *adv.* (קאנ-טרע-דיק׳-טיוו-לי) דורך א ווידערשפּרוך.

contradic'tor *n.* (קאנ-טרע-דיק׳-טאר) ז. *contradicter*

conradic'torily *adv.* (קאנ-טרע-דיק׳-טא-רי-לי) אויף א ווידערשפּרעכענדען אופן.

contradic'toriness *n.* (קאנ-טרע-דיק׳ טא-רי-נעס) א ווידערשפּרוך; געגענזעצליכקייט.

contradic'tory *n. and a.* (קאנ-טרע-דיק׳-טא-רי) וואס איז פּונקט דער געגענזאץ; ווידערשפּרעכענד; א געדאנק וואס איז פּונקט דער געגענזאץ פון אן אנדערען.

contradistinct' *a.* (קאנ-טרע-דיס-טינקט׳) וואס אונטערשיידעט זיך דייטליך פון אן אנדער זאך.

contradistinc'tion *n.* (קאנ-טרע-דיס-טינק׳-שאן) דאס אונטערשיידען דורך א געגענזאץ.

contradistinc'tive *a.* (קאנ-טרע-דיס-טינק׳-טיוו) וואס אונטערשיידעט זיך דורך א געגענזאץ.

contradistin'guish *v.* (קאנ-טרע-דיס-טינ׳-גהוויש) אונטערשיידען צווישען צוויי אדער עטליכע זאכען אויף וויפיעל זיי זיינען געגענזעצליך איינע צו די אנדערע.

contrageomet'ric *a.* (קאנ-טרע-דזשי-א-מעט׳-ריק) וואס בעצייכענט א בעציהונג צווישען דריי צאהלען אין דער מאטעמאטישער פארמעל: a(a—b)=b(b—c)

contraharmon'ical *a.* (קאנ-טרע-האר-מאנ׳-אי-קעל) וואס איז אין געגענזאץ צו הארמאניע.

contrain'dicant *n.* (קאנ-טרע-אינ׳-די-קענט) דאס וואס ווייזט אן דעם היפּוך.

contrain'dicate *v.* (קאנ-טרע-אינ׳-די-קייט) אנווייזען א הייל־מעטאדע וועלכע איז נעגען די געוועהנליכע אנגענומענע.

contraindica'tion *n.* (קאנ-טרע-אינ-די-קיי׳-שאן) א סימפּטאם אדער קראנקהייטס־צייכען, וועלכער בעווייזט דאס מען טאר ניט אנווענדען די געוועהנליכע מעטאדען פון קורירען, וואס די קראנקהייט וואלט זאנסט געפאדערט.

contral'to *n. and a.* (קאנ-טרעל׳-טאו) קאנטר־אלטא [אין מוזיק, די שטימע צווישען סאפּראנא און טענאר]; א זינגער מיט א קאנטר־אלטא שטימע; וואס אנבעלאנגט צו קאנטר־אלטא.

con'tra-oc'tave *n.* (קאנ׳-טרע-אק׳-טייוו) די קאנטר־אקטאווע [די צווייטע אקטאווע אין דער מוזיק, וועלכע ווערט בעצייכענט מיט דאפּעלטע בוכשטאבען, ווי *CC, DD*. א. ד. ג.].

con'traplex *a.* (קאנ׳-טרע-פלעקס) וואס איז שייך צום טעלעגראפירען אויף איין דראט איןביידע געגענגעזעצטע ריכטונגען.

contrapose' *v.* (קאנ-טרע-פּאוס׳) איבערשטעלען די טיילען פון א זאץ אויף דעם אופן, אז ער זאל געבען א גאנץ אומגעקעהרטע בעדייטונג.

ז. *contraposition*

contraposi'tion *n.* (קאנ-טרע-פּא-זיש׳-אן) דאס איבערשטעלען די טיילען פון א זאץ אויף אזא אופן, אז עס קומט ארויס א גאנץ אומגעקעהרטער געדאנק [צ. ב. דעם זאץ: "אויב די טינט וועט מאכען א שווארצען פלעק, וועסטו זי ניט

פערגיסען" איבערשטעלען אין אזא פארם:
"אויב דו וועסט זי פערגיסען, וועט די
טינט ניט מאכען קיין שווארצען פלעק"];
ענטגעגענשטעלונג.

contrap'tion *n.* (קאנ-טרעפ'-שאן) א
פלאן; אן איינפאל.

contrapun'tal *a.* (קאנ-טרע-פאנ'-טעל)
אין מוזיק — וואס געהערט צום קאנטרא⸗
פונקט אדער צו דער קונסט פון פערבינדען
מעלאדישע טיילען אין איין הארמאנישע
גאנצע. ז. *counterpoint*

contrapun'tally *adv.* -קאנ-טרע-פאנ')
טעל-אי) אויף דעם אופן פון פעראייניגען
מעלאדישע טיילען אין איין הארמאנישע
גאנצע.

contrapun't'st *n.* -קאנ-טרע-פאנ')
טיסט) דער וואס איז פראקטיצירט אין
קאנטראפונקטען, אין דער קונסט פון פער⸗
אייניגען מעלאדישע טיילען אין איין
הארמאנישע גאנצע.

contr'ar'co *n.* (קאנ-טראר'-קא) ניט
קיין ריכטיגע בעוועגונג פון סמיק איבער'ן
פידעל.

contrari'ety *n.* (קאנ-טרע-ראי'-ע-טי)
דער ווידערשפרוך; דער היפוך; דער גע⸗
גענזאץ; די געגענזעצליכקייט.

contrari'ety of posi'tion -קאנ-טרע)
ראי'-ע-טי אוו פא-זיש'-אן) די געגענ⸗
זעצליכקייט פון דער לאגע, ווען איין זאך
געפינט זיך פונקט אויף א געגענזעצלי⸗
כער פאזיציאן ווי די אנדערע, ווי למשל,
די צוויי פאלען פון דער ערד.

contrari'ety of qual'ity -קאנ-טרע)
ראי'-ע-טי אוו קהוואל'-אי-טי) די בעצי⸗
הונגען פון אייגענשאפטען, וועלכע זיינען
געגענזעצליך איינע צו די אנדערע, ווי
למשל, קאלט און ווארעם, ליכט און פינ⸗
סטער א. ז. וו.

con'trarily *adv.* (קאנ'-טרע-רי-לי)
להיפוך, פונקט פערקעהרט.

con'trariness *n.* (קאנ'-טרע-רי-נעס)
געגנערשאפט, אפאזיציאן; אומגעקעהרט⸗
קייט; איינגעשפארטקייט, הארטנעקיגקייט.

con'trariwise *adv.* -קאנ'-טרע-רי)
הוואיז) פונקט פערקעהרט; אומגעקעהרט;
להיפוך.

His habit is to act **contrariwise.**

con'trary *a., adv. and n.* -קאנ'-טרע)
רי) פערקעהרט, געגען; וואס געפינט זיך
אין געגענזאץ; וואס האט די נייגונג
שטענדיג צו זיין צואווידער; להיפוך,
אומגעקעהרט; א זאך וואס געפינט זיך
אין געגענזאץ צו דער צווייטער.

con'trary-min'ded *a.* -קאנ'-טרע-רי)
מאינ'-דעד) וואס דענקט פערקעהרט; מיט
א געגענזעצליכער מיינונג.

contrast' *v.* (קאנ-טרעסט') שטעלען
אין געגענזאץ; פערגלייכען פערשיעדענע
זאכען, כדי צו בעווייזען זייער קאנ⸗
טראסט; שטעהן אין געגענזאץ צו עפעס.

con'trast *n.* (קאנ'-טרעסט) א קאנ⸗
טראסט, א היפוך; א דירעקטער געגענ⸗
זאץ; דאס פערגלייכען צוויי אדער מעהר
פערשיעדענע זאכען, כדי צו זעהן דעם גע⸗
גענזאץ צווישען זיי.

con'tra-stim'ulant *n. and a.* -קאנ')
טרע-סטימ'-יו-לענט) וואס ווירקט געגען
אן אויפרעגונג; א רפואה אדער א מיטעל
אבצושוואכען די ווירקונג פון אן אויפרע⸗
גונג.

contras'tive *a.* (קאנ-טרעס'-טיוו) וואס
פאלגט פון א קאנטראסט; וואס איז צו⸗
ליעב דעם געגענזאץ.

con'trate *a.* (קאנ'-טרייט) וואס האט
נעגעל אדער צייהנער, וועלכע זיינען איינ⸗
געארדענט פונקט פערקעהרט ווי געוועהנ⸗
ליכע [ווערט געברויכט געוועהנליך ביי
צייהן⸗רעדלעך פון א זייגער].

con'tra-ten'or *n.* -קאנ'-טרע-טענ')
אר) קאנטרא⸗טענאר [א מיטעלע שטימע
צווישען דיסקאנט און טענאר].

contravalla'tion *n.* -קאנ-טרע-ווע)
ליי'-שאן) א רייה אנגעשאטענע בערג⸗
לעך ערד וואס דיענט אן ארמעע, ווען
זיי בעלאגערען א שטאדט, אלס שוץ גע⸗
גען די פלוצליכע אטאקעס פון פיינד.

contravene' *v.* (קאנ-טרע-וויען') קו⸗
מען אין קאנפליקט מיט עפעס; האנדלען
געגען אימעצען; איבערטרעטען.

We can not **contravene** the laws of nature and remain in good health.

contrave'ner *n.* (קאנ-טרע-וויע'-נער)
דער וואס האנדעלט געגען אימעצען; דער
וואס טרעט איבער [דעם געזעץ]; דער
וואס שטעלט זיך געגען.

contraven'tion *n.* -קאנ-טרע-וועג')
שאן) דאס שטעלען זיך געגען; דאס אי⸗
בערטרעטען אדער עובר זיין עפים.

contrayer'va *n.* (קאנ-טרע-יויר'-ווע)
א מין שמעקענדער ווארצעל פון צענ⸗
טראל⸗אמעריקא, ווערט בענוצט אין מעדי⸗
צין אלס א מיטעל פון אויפרעגונג און
שטארקונג.

Contrayerva

contre'-dance *n.* (קאנטר'-דענס) א מין
פראנצויזישער טאנץ; די מוזיק צו די⸗
זען טאנץ.

contre'temps *n.* (קאנטר'-טאן) אן אונ⸗
ערווארטעטע און אונאנגענעהמע פאסי⸗
רונג; א בייטונג אין טאקט [אין מוזיק].

contrib'ual *a.* (קאנ-טריב'-יו-על) וואס
בעלאנגט צום זעלבען שבט.

contrib'ute *v.* (קאנ-טריב'-יוט) ביי⸗
שטייערען; מנדב זיין; מיטווירקען.

I shall **contribute** to the funds of my party.

contribu'tion *n.* (קאנ-טרי-ביו'-שאן)
1. ביישטייערונג; נדבה; 2. מיטווירקונג;
בייטראג; 3. שטייער; קאנטריבוציע, מס.

1. He sent his **contribution** to the hospital. 2. His book is a **contribution** to science. 3. The conqueror levied a **contribution.**

contribu'tional *a.* -קאנ-טרי-ביו')
שאנ-על) וואס איז שייך צו ביישטייערונג.

contrib'utive *a.* (קאנ-טריב'-יו-טיוו)
ביישטייערענד; וואס נעהמט אנטייל;
וואס ווירקט מיט.

contrib'utor *n.* (קאנ-טריב'-יו-טאר)
א ביישטייערער; א מיטארבייטער אין
א צייטונג אדער זשורנאל; דער וואס
ווירקט מיט.

contrib'utory *a. and n.* -קאנ-טריב')
יו-טא-רי) וואס נעהמט אנטייל אין עפעס;
וואס ווירקט מיט; א מיטווירקער, אן
אנטייל⸗נעהמער; א מיטגליעד פון אן אק⸗
ציען⸗געזעלשאפט, וועלכער — לויט דעם
ענגלישען געזעץ — איז פערפליכטעט ביי⸗
צושטייערען אין צאהלונג, אויב די געזעל⸗
שאפט באנקראטירט.

con'trite *n. and a.* (קאנ'-טראיט) ניי⸗
דערגעשלאגען דורך געוויסענסביסע; א
נידערגעשלאגענער דורך געוויסענסביסע;
א בעל⸗תשובה.

con'tritely *adv.* (קאנ'-טראיט-לי) מיט
נידערגעשלאגענקייט; מיט יסורים פון גע⸗
וויסענסביסע.

con'triteness *n.* (קאנ'-טראיט-נעס)
ז. *contrition*

contri'tion *n.* (קאנ-טריש'-אן) נידער⸗
געשלאגענקייט דורך געוויסענסביסע; חרטה
אויף זינד.

contrit'urate *v.* -קאנ-טריטש'-יו)
רייט) צוזאמענרייבען; איינרייבען אין
איינעם.

contri'vable *a.* (קאנ-טראי'-וועבל)
וואס קען געפלאנט ווערען; וואס קען ער⸗
פונדען ווערען דורך אן איינפאל.

contri'vance *n.* (קאנ-טראי'-וועגס)
דאס מאכען א פראיעקט אדער א פלאן;
דאס פאלען אויף אן המצאה ווי צו דער⸗
גרייכען א געוויסען ציעל; א פלאן, א
סכעמע, אן ערפינדונג; אן איינפאל.

This clothes drier is a wonderful **contrivance.**

contrive' *v.* (קאנ-טראיוו') פראיעקטי⸗
רען, פלאנעווען; ערפינדען; ערגרייכען
דורך קונץ⸗שטיק.

He **contrived** a way to cross the border.

contri'ver *n.* (קאנ-טראי'-ווער) אן ער⸗
פינדער; איינער וואס קלערט אויס פרא⸗
יעקטען אדער פלאנען; איינער וואס האט
איינפעלע אין ערפינדונגען.

control' *n. and v.* (קאנ-טראול') קאנ⸗
טראלע; אויפזיכט; דאס אכטונג געבען,
דאס רעגולירען; קאנטראלירען; אויפ⸗
זעהען; אויפהאלטען.

control'-exper'iment *n.* -קאנ)
טראול'-עקס-פער'-אי-מענט) א קאנטרא⸗
לירענדער עקספערימענט, אן עקספערימענט
וואס מען מאכט פעסטצושטעלען די בעדינ⸗
גונגען, לויט וועלכע עס דארף געמאכט ווע⸗
רען אן אנדער עקספערימענט.

controllabil'ity *n.* -קאנ-טראו-לע)
ביל'-אי-טי) דאס קענען קאנטראלירט ווע⸗
רען.

control'lable *a.* (קאנ-טראו'-לעבל)
וואס קען זיין אונטער א קאנטראלע אדער
אויפזיכט.

control'ler *n.* (קאנ-טראו'-לער) קאנ⸗
טראלער [א בעאמטער וואס קאנטראלירט
די פינאנסען פון א רעגיערונג אדער קאר⸗
פאראציאן]; הערשער; איינער וואס האט
די מאכט צו קאנטראלירען אדער רעגו⸗
לירען.

control'ler-gen'eral *n.* -קאנ-טראו')
לער-דזשענ'-ע-רעל) דער גענעראל קאנ⸗
טראלער [א העכערער בעאמטער, וועל⸗
כער האט אויפזיכט איבער געוויסע דע⸗
פארטאמענטען פון דער רעגיערונג.

control'lership *n.* -קאנ-טראו'-לער)
שיפ) דאס אמט פון א קאנטראלער.
ז. *controller*

control'ment *n.* (קאנ-טראול'-מענט)
דאס קאנטראלירען; די מאכט צו קאנ⸗
טראלירען; דאס איינהאלטען.

controver'sial *a.* -קאנ-טרא-וואיר')
שעל) וואס געהערט צו שטרייטיגקייטען
אדער ויכוחים; פאלעמיש.

If we wish to live in peace we must eliminate all **controversial** questions from our conversations.

controver'sialist *n.* -קאנ-טרא-וואיר')
שעל-איסט) איינער וואס פיהרט ויכוחים;
א פאלעמיקער.

controver'sially *adv.* -קאנ-טרא)

וואיר׳ שעל אי) אויף א פאלעמישען שמייגער.

con'troversy *n.* (קאנ׳-טרא-וואיר-סי) א דיספוט, א שטרייט, א ויכוח; דער קאמפף צווישען ביידע געגנערישע צדדים אין געריכט; די זאך, איבער וועלכער דער שטרייט קומט פאר; די פראגע, איבער וועלכער עס דארף ענטשיידען ווערען.

controvert' *v.* (קאנ-טרא-וואירט׳) דיספוטירען, ארויסטרעטען נעגען מיט ארגומענטען; בעשטרייטען עפעס דורך דיסקוסיאן.

controver'ter *n.* (קאנ-טרא וואיר׳-טער) איינער וואס שטרייט נעגען אימעצען אדער פיהרט אן א ויכוח; א פאלעמיקער.

controver'tible *a.* (קאנ-טרא-וואיר׳-טיבל) וואס קען בעשטריטען ווערען דורך דיסקוסיאן.

controver'tibly *adv.* (קאנ-טרא-וואיר׳-טי-בלי) דורך א שטרייט אדער דורך א ויכוח.

controver'tist *n.* (קאנ-טרא-וואיר׳-טיסט) א שטרייטער, א דיספוטאנט, א פאלעמיקער.

contuma'cious *a.* (קאנ-טיו-מיי׳-שאס) איינגעשפארט, עקשנ׳דיג; וואס וויל זיך ניט אונטערווארפען דעם געזעץ אדער קאנטראלע; אונגעהארכזאם.

contuma'ciously *adv.* (קאנ-טיו-מיי׳-שאס-לי) איינגעשפארט; איינגע׳עקשנ׳ט; אונגעהארכזאם.

contuma'ciousness *n.* (קאנ-טיו-מיי׳-שאס-נעס) ז. *contumacy*

contumac'ity *n.* (קאנ-טיו-מעס׳-אי-טי) ז. *contumacy*

con'tumacy *n.* (קאנ׳-טיו-מע-סי) איינגעשפארטקייט, עקשנות; אונגעהארכזאמקייט צו דעם געזעץ אדער בעפעהל פון ריכטער צו ערשיינען אין געריכט.

contume'lious *a.* (קאנ-טיו-מי׳-לי-אס) שימפפליך; גראב; אונפערשעהמט; פערעכטליך.

contume'liously *adv.* (קאנ-טיו-מי׳-לי-אס-לי) מיט פעראכטונג; מיט חוצפה; אונפערשעמט, גראב.

contume'liousness *n.* (קאנ-טיו-מי׳-לי-אס-נעס) גראבקייט; חוצפה; זידלעריי.

con'tumely *n.* (קאנ׳-טיו-מי-לי) גראבע רייד; זידלעריי; שימפף-ווערטער.

contuse' *v.* (קאנ-טיוז׳) צוקוועטשען, מאכען א בייל.

contu'sion *n.* (קאנ-טיו׳-זשאן) א צוקוועטשונג; א בייל וואס קומט פון א קלאפ אדער קוועטשונג, וואו די הויט בלייבט גאנץ; דאס צושטויסען אויף פולווער.

contu'sive *a.* (קאנ-טיו׳-סיוו) מאכענדיג א בייל; צוקוועטשענדיג.

conun'drum *n.* (קא-נאנ׳-דראם) א רעטעניש; א קלאץ-קשיה; א ווארטשפיעל.

co'nus *n.* (קאו׳-נאס) ז. *cone*

convalesce' *v.* (קאנ-ווע-לעס׳) גענעזען ווערען [נאך א קראנקהייט]; קומען צו זיך.

convales'cence *n.* (קאנ-ווע-לעס׳-ענס) דאס לאנגזאמע צוריקגעווינען די קרעפטען נאך א שוואכקייט אדער קראנקהייט.

convales'cency *n.* (קאנ-ווע-לעס׳-ענ-סי) ז. *convalescence*

convales'cent *a. and n.* (קאנ-ווע-לעס׳-ענט) וואס אנבעלאנגט צו דעם לאנגזאמען צוריקגעווינען די קרעפטען נאך א קראנקהייט; א פאציענט וואס האלט זיך אין ערהאלען נאך א קראנקהייט.

convales'cently *adv.* (קאנ-ווע-לעס׳-ענט-לי) צוריקגעווינענדיג די קרעפטען נאך א קראנקהייט.

convec'tion *n.* (קאנ-וועק׳-שאן) די שטרעמונג פון ווארעמקייט אין פליסיגקייטען אדער גאזען צוליעב דער בעוועגונג פון די טיילען, וועלכע זיינען ניט גלייכמעסיג דערווארעמט [ווען וואסער צ. ב. ווערט געווארעמט, ווערט בעשאפען דורך דעם א בעוועגונג אדער שטרעמונג פון די לופט אדער וואסער-טיילען. די טיילען, וועלכע זיינען אנגעווארעמט, שפרייטען זיך אויס, זיי ווערען שיטערער און דעריבער לייכטער, זיי שטרעמען אלזא ארויף-צו. די קעלטערע טיילען, וועלכע זיינען שווערער, שטרעמען אראב-צו, אום צו פערנעהמען דעם ארט פון די אנגעווארעמטע טיילען, וועלכע האבען זיך אויפגעהויבען אין דער הויך. עס קומט אלזא פאר א שטראם-בעוועגונג פון די אנגעווארעמטע און פון די קעלטערע טיילען]; די איבערטראגונג, די שטרעמונג פון איין ארט צום צווייטען.

convec'tive *a.* (קאנ-וועק׳-טיוו) פערורזאכט דורך דער שטרעמונג פון ווארעמקייט אין פליסיגקייטען אדער גאזען וואס קומט פון דער בעוועגונג פון די טיילען, וועלכע זיינען ניט גלייכמעסיג דערווארעמט. ז. *convection*

convec'tively *adv.* (קאנ-וועק׳-טיוו-לי) דורך די שטרעמונג פון ווארעמקייט אין פליסיגקייטען אדער גאזען וואס קומט פון דער בעוועגונג פון די טיילען וועלכע זיינען ניט גלייכמעסיג דערווארעמט.

conve'nable *a.* (קאנ-ווי׳-נעבל) וואס קען צונויפגערופען אדער פערזאמעלט ווערען.

The meeting adjourned convenable at the call of the chairman.

convene' *v.* (קאנ-וויען׳) צוזאמענרופען; ארויסרופען; זיך פערזאמלען.

conve'ner *n.* (קאנ-ווי׳-נער) איינער וואס רופט צוזאמען א פערזאמלונג.

conve'nience *n.* (קאנ-ווי׳-ניענס) 1. בעקוועמליכקייט; 2. פאסיגקייט; שיקליכקייט.

1. The house has many conveniences. 2. I am ready to call at your convenience.

conve'niency *n.* (קאנ-ווי׳-ניענ-סי) ז. *convenience*

conve'nient *a.* (קאנ-ווי׳-ניענט) בעקוועם; פאסיג; וואס איז צו דער האנד.

conve'niently *adv.* (קאנ-ווי׳-ניענט-לי) פאסיג; בעקוועם; אהן שוועריגקייט, מיט לייכטקייט.

conve'nient speed (קאנ-ווי׳-ניענט ספיעד) די מעגליכסטע שנעלקייט.

con'vent *n.* (קאנ׳-וועגט) א מאנאסטיר; א קערפערשאפט פון מאנאכען און מאנאשקעס.

conven'tical *a.* (קאנ-ווענ׳-טי-קעל) וואס איז שייך צו א מאנאסטיר אדער צו א קערפערשאפט פון מאנאכען און מאנאשקעס.

conven'ticle *n.* (קאנ-ווענ׳-טיקל) א פערזאמלונג [הייפטזעכליך א געהיימע פערבאטענע צוזאמענקונפט פאר רעליגיעזע צוועקען]; אין דער ענגלישער געשיכטע — א רעליגיעזע פערזאמלונג פון די וואס האבען ניט איינגעשטימט מיט דער ענגלישער אפיציעלער קירך; א געביידע פאר רעליגיעזע פערזאמלונגען.

conven'ticler *n.* (קאנ-ווענ׳-טי-קלער) איינער וואס נעהמט אנטייל אדער שטיצט א געהיימע רעליגיעזע פערזאמלונג; א מיטגליעד פון א געוויסער שאטלענדישער רעליגיעזער סעקטע.

conven'tion *n.* (קאנ-ווענ׳-שאן) קאנווענציאן; דאס צוזאמענקומען; א צוזאמענקונפט; איינגליייך; אבמאך; פעראייניגונג; איבעראיינשטימונג [אלס א גרונד פאר א מנהג, אינסטיטוציאן א. ד. ג.]; א קאנווענציאן.

conven'tional *a.* (קאנ-ווענ׳-שאנ-על) וואס איז שייך צו א קאנווענציאן אדער אבמאך; וואס איז קאנווענציאנעל, אלגעמיין אנגענומען; וואס איז געניינט זיך צו האלטען אן אלגעמיין אנגענומענע מנהגים.

What is conventional is not necessarily good.

conven'tionalise *v.* (קאנ-ווענ׳-שאנ-על-איז). ז. *conventionalize*

conven'tionalism *n.* (קאנ-ווענ׳-שאנ-על-איזם) קאנווענציאנאליזם, די אנהענגליכקייט צו אלעם וואס איז אלגעמיין אנגענומען; פארמאליזם; אלגעמיין אנגענומענע מנהגים.

conven'tionalist *n.* (קאנ-ווענ׳-שאנ-על-איסט) א קאנווענציאנאליסט, איינער וואס איז אן אנהענגער פון דעם אלגעמיין אנגענומענעם; א פארמאליסט; איינער וואס שליסט אן אבמאך.

conventional'ity *n.* (קאנ-ווענ-שאנ-על׳-אי-טי) קאנווענציאנאליטעט; אנגענומענע מנהגים פון דער געזעלשאפט; קינסטליכקייט [וואס איז ניט נאטירליך].

conventionaliza'tion *n.* (קאנ-ווענ-שאנ-על-אי-זיי׳-שאן) דאס וואס שטאמט פון דער נייגונג צו זיין קאנווענציאנעל, זיך צו האלטען אן דעם אלגעמיין-אנגענומענעם.

conven'tionalize *v.* (קאנ-ווענ׳-שאנ-על-איז). מאכען עטוואס קאנווענציאנעל; ברייננען אונטער דעם איינפלוס פון דאס קאנווענציאנעלע; טהון עטוואס אויף׳ן אלגעמיין-אנגענומענעם שטייגער.

conven'tionally *adv.* (קאנ-ווענ׳-שאנ-על-אי) לויט קאנווענציאנאליטעט; לויט מנהג, ווי אלגעמיין-אנגענומען.

conven'tionary *a.* (קאנ-ווענ׳-שאנ-ע-רי) האנדלענד אונטער אן אבמאך; וואס איז אבגעשלאסען געווארען דורך אן אבמאך.

conven'tioner *n.* (קאנ-ווענ׳-שאנ-ער) א מיטגליעד פון א קאנווענציאן.

conven'tions of soci'ety (קאנ-ווענ׳-שאנז אוו סא-סאי׳-ע-טי) אנגענומענע מנהגים פון דער געזעלשאפט.

A cultured man must not act contrary to the conventions of society.

conven'tion trea'ty (קאנ-ווענ׳-שאן טרי׳-טי) אן אבמאך צווישען שטאאטען.

conven'tual *n. and a.* (קאנ-ווענ׳-טשו-על) וואס געהערט צו א מאנאסטיר; א מאנאך; א מאנאשקע.

converge' *v.* (קאנ-וואירדזש׳) האבען א נייגונג זיך צוזאמענצולויפען אין איין פונקט; ברייננען נאהענט, צונויפברייננען שטופענווייז אין איין פונקט; פיהרען צו אן אלגעמיינעם רעזולטאט, צו אן אלגעמיינעם שלום.

All the avenues converge toward the City Hall.

conver'gence *n.* (קאנ-וואיר׳-דזשענס) די שטופענווייזע דערנעהנטערונג צו איין

פונקט; דאס בעגעגענען זיך אין איין פונקט.

conver'gency *n.* (קאנ-וואיר'-דזשענסי) ז. *convergence*

conver'gent *n. and a.* (קאנ-וואיר'-דזשענט) וואס האט א נייגונג זיך צוזאמענצוקומען אדער וואס קומט זיך צוזאמען אין איין פונקט; פיהרענדיג צו אן אלגעמיינעם רעזולטאט אדער שלום; אן אונענדליכע דעצימאל ברוך=צאהל [ווי 1:3=.3333...].

conver'ging *a.* (קאנ-וואיר'-דזשינג) וואס דערנעהנטערט זיך שטופענווייז; וואס האט די נייגונג זיך צוזאמענצוקומען אויף איין פונקט.

conver'sable *a.* (קאנ-וואיר'-סעבל) וואס איז גענייגט, וואס קען פיהרען א געשפרעך; בערעדזאם, בערעדעוודיג, געזעליג.

conver'sableness *n.* (קאנ-וואיר'-סעבל-נעס) בערעדזאמקייט, בערעדעוודיגקייט, געזעלינקייט.

conver'sably *adv.* (קאנ-וואיר'-סעבלי) אויף א בערעדעוודיגען אדער פאמיליארען שטייגער; מיט געזעלינקייט.

con'versant *a.* (קאנ'-וואיר-סענט) וואס איז בעקאנט מיט...; וואס פערקעהרט מיט...; וואס איז נאהענט מיט...; ערפאהרען; וואס האט א שייכות צו...; וואס בעשעפטיגט זיך אדער אינטערעסירט זיך מיט...; פערטרויט.

con'versantly *adv.* (קאנ'-וואיר-סענטלי) אויף א פערטרויטען, פאמיליארען שטייגער.

conversa'tion *n.* (קאנ-וואיר-סיי'-שאן) א געשפרעך; א פערטרויליכע אונטערהאלטונג; פערקעהר; געשלעכטליכער פערקעהר; א געזעלשאפטליכע צוזאמענקונפט [הויפטזעכליך מיט דעם צוועק צו בעשפרעכען ליטעראטור און קונסט=פראגען].

conversa'tional *a.* (קאנ-וואיר-סיי'-שאנ-על) וואס געהערט צו א געשפרעך; אונטערהאלטענד, געזעליג.

conversa'tional gram'mar (קאנ-וואיר-סיי'-שאנ-על גרעמ'-ער) א גראמאטיק צום לערנען ריידען.

conversa'tionalist *n.* (קאנ-וואיר-סיי'-שאנ-על-איסט) איינער וואס האט טאלענט צו פיהרען אן אונטערהאלטונגס=געשפרעך.

conversa'tionally *adv.* (קאנ-וואיר-סיי'-שאנ-על-אי) דורך שמועסען; אויף אן אונטערהאלטענדען אופן; מיט געזעלינקייט.

conversa'tional tal'ents (קאנ-וואיר-סיי'-שאנ-על טעל'-ענטס) אונטערהאלטונגס=טאלאנט [די פעהיגקייט צו אונטערהאלטען מיט אינטערעסאנטע געשפרעכען].

conversa'tionism *n.* (קאנ-וואיר-סיי'-שאנ-איזם) א ווארט אדער א פראזע, וואס ווערט געוועהנליך געברויכט אין א פערטרויליכען געשפרעך.

conversa'tionist *n.* (קאנ-וואיר-סיי'-שאנ-איסט) ז. *conversationalist*

conversa'tion-tube *n.* (קאנ-וואיר-סיי'-שאן-טיוב) א שפרעך=רעהר, וואס ווערט געברויכט ווען מען רעדט מיט טויבע.

conversazio'ne *n.* (קאנ-ווער-סעט-סי-או'-נע) א געזעלשאפטליכע צוזאמענקונפט [הויפטזעכליך צו בעשפרעכען ליטעראטור און קונסט=פראגען].

con'verse *n. and a.* (קאנ'-וואירס) א געשפרעך; אונטעררעדונג; אומגאנג; פערקעהר; געשלעכטליכער פערקעהר; דאס גענענטייל; אן אומגעקעהרטער זאץ [למשל יעדע פון די זעצע: „נעגערס זיינען שווארץ" און „שווארצע מענשען זיינען נעגערס" זיינען אומגעקעהרט אין בעצוג פון איינעם צום צווייטען]; אומגעקעהרט; אומגעענדערט; געגענזייטיג.

converse' *v.* (קאנ-וואירס') פיהרען א געשפרעך; האבען אן אונטעררעדונג; האבען אומגאנג, פערקעהרען.

con'versely *adv.* (קאנ'-וואירס-לי) אויף א פערקעהרטען אופן.

conver'ser *n.* (קאנ-וואיר'-סער) איינער וואס נעהמט אנטייל אין א געשפרעך.

conver'sible *a.* (קאנ-וואיר'-סיבל) וואס קען אומגעענדערט ווערען, וואס קען פערוואנדעלט ווערען אין דעם געגענזאץ.

conver'sing *n.* (קאנ-וואיר'-סינג) א געשפרעך; פערקעהר.

conver'sion *n.* (קאנ-וואיר'-שאן) אומענדערונג; אומוואנדלונג; דער איבערגאנג פון איין רעליגיאן אדער פארטיי צו א צווייטער; דאס תשובה=טהאן; אין לאגיק — די אומקעהרונג פון א זאץ [ווי למשל: פערוואנדלען דעם זאץ "נעגערס זיינען שווארץ" אין — "שווארצע מענשען זיינען נעגערס"]; אין מיליטער — אומקעהרען דעם פראנט; דאס פערכאפען פרעמד איינענטום.

convert' *v.* (קאנ-וואירט') אומקעהרען, אומענדערען, אומוואנדלען; בעקעהרען צו אן אנדער גלויבען; פערווענדען [פאר א נייעם געברויך]; אונגעזעצליך פערכאפען פרעמד איינענטום; אומקעהרען א זאץ [אין לאגיק]; ברייגנען דערצו, אז איינער זאל אנהויבען תשובה צו טהאן.

con'vert *n.* (קאנ'-וואירט) איינער וואס בייט זיין רעליגיאן אדער זיינע פרינציפען; א בעל=תשובה.

conver'ter *n.* (קאנ-וואיר'-טער) איינער וואס בעקעהרט אימעצען צו זיין גלויבען; א מאשין, דורך וועלכער מען ענדערט די פארמע פון מעטאלען.

convertibil'ity *n.* (קאנ-וואיר-טי-ביל'-אי-טי) די פעהיגקייט צו ווערען אומגעענדערט, אומגעוואנדעלט, אומגעביטען.

conver'tible *a.* (קאנ-וואיר'-טיבל) וואס קען אומגעוואנדעלט, אומגעביטען, איבערגעענדערט ווערען; וואס קען אנגעווענדעט ווערען פאר א נייעם געברויך; וואס קען בעקעהרט ווערען.

conver'tible bonds (קאנ-וואיר'-טיבל באנדז) א שולד=צעטעל וואס אן אקציען=קאמפאניע גיט ארויס אויף א חוב, מיט דער בעדינגונג, אז ווען דער אייגענטימער פון דיעזען צעטעל וויל, קען ער בעקומען אקציעס פון דער קאמפאניע פאר דער סומע געלד וואס איהם קומט.

conver'tibleness *n.* (קאנ-וואיר'-טיבל-נעס) ז. *convertibility*

conver'tible sys'tem (קאנ-וואיר'-טיבל סיס'-טעם) די וועקסעל=סיסטעם [אין לאנד=ווירטהשאפט].

conver'tible terms (קאנ-וואיר'-טיבל טוירמז) פאלשטענדיג עהנליכע אין בעדייטונג אויסדריקע; סינאנימען.

conver'tibly *adv.* (קאנ-וואיר'-טי-בלי) אויף א געגענזייטיגען אופן; דורך אומענדערונג, אומוואנדלונג, אומבייטונג.

conver'tor *n.* (קאנ-וואיר'-טאר) אן עלעקטרישער אפאראט וואס פערוואנדעלט עלעקטריציטעט פון הויכע שפאנונג [וואלט] צו נידריגע.

con'vex *n. and a.* (קאנ'-וועקס) קאנוועקס, רונד אויסגעבויגען נאך אויסען; א פלעכע וואס איז רונד אויסגעבויגען נאך אויסען.

con'vexed *a.* (קאנ'-וועקסט) וואס איז געמאכט קאנוועקס [רונד אויסגעבויגען נאך אויסען].

convex'edly *adv.* (קאנ-וועקס'-עד-לי) אויף א קאנוועקסען אופן.

convex'edness *n.* (קאנ-וועקס'-עד-נעס) דאס זיין קאנוועקס.

convex'ity *n.* (קאנ-וועקס'-אי-טי) דאס זיין קאנוועקס [רונד אויסגעבויגען פון אויסענווייניג].

con'vexly *adv.* (קאנ'-וועקס-לי) אין א קאנוועקסער פארם [רונד אויסגעבויגען פון אויסענווייניג].

con'vexness *n.* (קאנ'-וועקס-נעס) ז. *convexity*

convex'o-con'cave *a.* (קאנ-וועקס'-או-קאנ'-קייוו) פון איין זייט קאנוועקס און פון דער אנדערער זייט קאנקאוו [פון איין זייט רונד אויסגעבויגען פון אויסווייניג און פון דער אנדערער זייט רונד אויסגעבויגען פון אינווייניג].

convex'o-con'vex *a.* (קאנ-וועקס'-או-קאנ'-וועקס) פון ביידע זייטען קאנוועקס.

convex'o-plane *a.* (קאנ-וועקס'-או-פליין) פון איין זייט קאנוועקס [רונד אויסגעבויגען נאך אויסווייניג] און פון דער אנדערער זייט פלאך.

convey' *v.* (קאנ-וויי') 1. טראגען; איבערטראגען, איבערגעבען; 2. ארויסזאגען, אויסדריקען.

1. The steamer **conveyed** the dead body of the admiral. 2. Please **convey** my best wishes to your wife.

convey'able *a.* (קאנ-וויי'-עבל) וואס קען איבערגעטראגען אדער איבערגעגעבען ווערען.

convey' a mea'ning (קאנ-וויי' ע מיע'-נינג) אויסדריקען, בעדייטען.

The sentence as written **conveys** a different meaning than the author intended.

convey'ance *n.* (קאנ-וויי'-ענס) דאס איבערטראגען, דאס טראנספארטירען אדער איבערפיהרען פון איין ארט אויף דעם אנדערען; דאס איבערטראגען דאס רעכט אויף איינענטום פון איין פערזאן צום אנדערען; טראנספארטאציאנס=מיטעל [וועגען אדער באהנען וואס טראנספארטירען מענשען אדער סחורה].

convey'ancer *n.* (קאנ-וויי'-ענ-סער) איינער וואס טראגט איבער דאס רעכט אויף איינענטום פון איין פערזאן צו אן אנדערען.

convey'ancing *n.* (קאנ-וויי'-ענ-סינג) דאס אויסשטעלען געזעצליכע פאפיערען וועגען איבערטראגען דאס רעכט אויף איינענטום פון איין פערזאן צום אנדערען; געזעצען בנוגע דאס רעכט אויף איינענטום.

convey'er *n.* (קאנ-וויי'-ער) א טראנספארטירער [איינער וואס שיקט איבער סחורות אדער זאכען פון ארט צו ארט]; א געצייג אדער אנדערער מיטעל צו איבעטראגען זאכען פון ארט צו ארט.

convey' one's self (קאנ-וויי' הוואנז סעלף) זיך בעגעבען [געהן ערגעץ וואו].

convey'or *n.* (קאנ-וויי'-אר) ז. *conveyer*

convict' *v.* (קאנ-וויקט') געזעצליך ערקלערען אלס שולדיג אין א פערברעכען; איבערצייגען די שולד אדער די זינד פון אימעצען.

con'vict *n.* (קאנ'-וויקט) איינער וואס איז פון געזעץ געפונען געווארען שולדיג אין א פערברעכען; א פעראורטיילטער.

con'vict col'onies (קאנ' וויקט קאל'-א-ניעז) קאלאניעז וואוהין מען שיקט פעראורטיילטע פערברעכער.

convic'tion *n.* (קאנ-וויק'-שאן) 1. איבערצייגונג; דאס זיין איבערצייגט; דאס גלויבען אין א זאך אויף'ן גרונד פון איבערצייגענדע ראיות; 2. פעראורטיילונג; דאס ערקלערען געזעצליך שולדיג אין א פערברעכען; דאס זיין ערקלערט שולדיג.
1. A man of convictions will never recede from his opinion. 2. After his conviction he was sent to prison.

convince' *v.* (קאנ-ווינס') איבערצייגען.

convince'ment *n.* (קאנ-ווינס'-מענט) איבערצייגונג.

convin'cer *n.* (קאנ-ווינ'-סער) דאס וואס איז איבערצייגענד; איינער וואס קען איבערצייגען.

convin'cible *a.* (קאנ-ווינ'-סיבל) וואס קען איבערצייגט ווערען.

convin'cingly *adv.* (קאנ-ווינ'-סינג-לי) איבערצייגענד.

convin'cingness *n.* (קאנ-ווינ'-סינג-נעס) די איבערצייגונגס־קראפט.

con'vive *n.* (קאנ'-וואיוו) א גוט־ברודער; א גאסט צו א סעודה, אן אורח ביים טיש.

conviv'ial *a.* (קאנ-וויוו'-אי-על) וואס געהערט צו א שמחה; יום־טוב'דיג, פרעהליך, מונטער.

conviv'ialist *n.* (קאנ-וויוו'-אי-על-איסט) איינער וואס איז פרעהליך און אונטערהאלטענד אויף א שמחה.

convivial'ity *n.* (קאנ-וויוו-אי-על'-אי-טי) פרעהליכקייט אין אונטערהאלטונג; גוט־ברודערשאפט.

conviv'ially *adv.* (קאנ-וויוו'-אי-על-אי) פרעהליך, מונטער, יום־טוב'דיג.

convoca'tion *n.* (קאנ-ווא-קיי'-שאן) פערזאמלונג; דאס צוזאמענקומען אויף אדער צונויפרופען א פערזאמלונג; די פערזאמלונג פון גייסטליכע פון דער אנגליקאנישער קירך וועגען קירכליכע ענינים.

convoke' *v.* (קאנ-וואוק') צוזאמענרופען אויף א פערזאמלונג; אריינקריגען אין די איינגענע הענד; אריינבעקומען אונטער דער איינגענער מאכט.

con'volute *n.* and *a.* (קאנ'-ווא-ליוט) צוזאמענגעראלט אדער צונויפגעוויקעלט; עפיס וואס איז צונויפגעוויקעלט.

con'voluted *a.* (קאנ'-ווא-ליו-טעד) צוזאמענגעראלט, צונויפגעוויקעלט.

convolu'tion *n.* (קאנ-ווא-ליו'-שאן) דאס זיין צונויפגעוויקעלט אדער צונויפגעראלט; דאס צונויפראלען אדער צונויפוויקלען; דאס דרעהען זיך ארום און ארום, ווי א ספיראל.

con'volutive *a.* (קאנ'-ווא-ליו-טיוו) ז. *convoluted*.

convolve' *v.* (קאנ-וואלוו') צוזאמענראלען; צונויפוויקלען.

convol'vulus *n.* (קאנ-וואל'-וויו-לאס) די ווינדע אדער די וויונע [א מין פלאנצע].

convoy' *v.* (קאנ-וואי') קאנוואירען, בעגלייטען אויף'ן וועג כדי צו בעשיצען [ווי קריעגס־שיפען קאנוואירען א טראנספארט־שיף, אדער סאלדאטען קאנוואירען פראכט־צוגען]; בעגלייטען אלס א וועג־ווייזער אדער שיצער.

con'voy *n.* (קאנ'-וואי) א קאנוואי, א שוץ־בעגלייטער; עפעס וואס ווערט געפיהרט אונטער שוץ־בעגלייטונג; דאס קאנוואירען; דאס זיין בעגלייטעט פון א שיצענדע קראפט.

convulse' *v.* (קאנ-וואלס') טרייסלען; ערשיטערען; קרעמפען; אריינבריינגען אין קאנוואולסיען.

convul'sion *n.* (קאנ-וואל'-שאן) ערשיטערונג; קראמפף; קאנוואולסיע; אין געאלאגיע — א קאטאקליזם אדער קאטאסטראפע, א פלוצליכע ענדערונג אין דער פארמע פון דער ערד.

convul'sionary *a.* (קאנ-וואל'-שאנ-ע-רי) קראמפפהאפט; וואס פעראורזאכט קראמפף; איינער וואס ליידט פון קאנוואולסיאנס־קראנקהייטען.

convul'sion fit (קאנ-וואל'-שאן פיט) דאס קרעמפפען, אנפאל פון קראמפף.

convul'sions of laugh'ter (קאנ-וואל'-שאנז אוו לאפ'-טער) דאס קייקלען זיך פון געלעכטער, דאס פלאצען פון געלעכטער.

convul'sive *a.* (קאנ-וואל'-סיוו) קרעמפפיג, קראמפפהאפט.

convul'sively *adv.* (קאנ-וואל'-סיוו-לי) מיט קאנוואולסיען, קראמפפהאפטיג.

convul'siveness *n.* (קאנ-וואל'-סיוו-נעס) קראמפפהאפטיגקייט.

co'ny *n.* (קאו'-ני) א קראליק; די פעל פון א קראליק.

co'ny-bur'row *n.* (קאו'-ני-באר'-או) די נארע אדער דאס לאך פון א קראליק.

coo *v.* and *n.* (קוה) ארויסגעבען א קול ווי א טויב; רעדען צערטליך, ווייך און ליעבליך; דאס ווארקען פון א טויב.

cooc'cupant *a.* (קאו-אק'-יו-פענט) וואס פערנעהמען אדער בעזיצען צוזאמען.

coo'er *n.* (קוה'-ער) א טויב; איינער וואס רעדט צערטליך און ליעבליך; איינער וואס צערטעלט מיט ליעבעס־ווערטער.

coo'ing *n.* (קוה'-אינג) דאס ווארקען פון א טויב.

coo'ingly *adv.* (קוה'-אינג-לי) ווארקענדיג ווי א טויב.

cook *n.* and *v.* (קוק) א קוכער, א קעכין; קאכען; נארען, פעלשען, שווינדלען.

cook'-book *n.* (קוק'-בוק) א קאך־בוך.

cook'er *n.* (קוק'-ער) אן אויוועלע צוזאמען מיט א קעסעל צום קאכען.

cook'ery *n.* (קוק'-ע-רי) די קאך־קונסט; א קיך.

cook'ie *n.* (קוק'-אי) קליינע קוכענס.

cook'ing-stove *n.* (קוק'-אינג-סטאוו) א קאך־אויווען.

cook'ing-range *n.* (קוק'-אינג-ריינדזש) ז. *cooking-stove*.

cook'ish *a.* (קוק'-איש) ווי א קוכער.

cook'-maid *n.* (קוק'-מייד) א קעכין.

cook'-room *n.* (קוק'-רוהם) א קיך.

cook'-shop *n.* (קוק'-שאפ) א קיך; א שיפס־קיך.

cook's mate (קוקס מייט) א געהילף ביי א קוכער.

cook some one's goose (קוק סאם הוואנז גוהס) אנמאכען איינעם געברענטע צרות.

cook'y *n.* (קוק'-אי) ז. *cookie*.

cool *a.*, *n.* and *v.* (קוהל) קיהל; קאלטבלוטיג; אונפריינדליך, קאלט; קיהלקייט; קיהלען; ערפרישען; זיך אבקיהלען.

cool as a cu'cumber (קוהל עז ע קיו'-קאמ-בער) קיהל, קאלטבלוטיג; וואס קען זיך בעהערשען.

cool'-cup *n.* (קוהל'-קאפ) א קאלטער געטראנק.

coo'ler *n.* (קוה'-לער) א קיהלונגס־מיטעל; א קיהלונגס־אפאראט; א תפיסה [אין דער גנבים־שפראך].

cool fish (קוהל פיש) א קאלטער לונג און לעבער.

cool'-head'ed *a.* (קוהל'-העד'-עד) קאלטבלוטיג, איבערלעגט.

coo'lie *n.* and *a.* (קוה'-לי) א קולי [אן אזיאטישער פראסטער ארבייטער; אין אמעריקא — א כינעזישער ארבייטער, איבערהויפט א קאנטראקט־ארבייטער]; וואס אנבעלאנגט צו א קולי.

coo'ling card (קוה'-לינג קארד) א שלעכטע קארט.

coo'ling-ov'en *n.* (קוה'-לינג-אוון) א קיהל־אויווען.

coo'ling-vat *n.* (קוה'-לינג-וועט) א קיהל־פאס.

cool'ish *a.* (קוהל'-איש) עטוואס קיהל.

cool'ly *adv.* (קוהל'-אי) אויף א קיהלענדען אופן; מיט איבערלעגונג; אויף א קאלטבלוטיגען שטייגער; מיט גלייכגילטיגקייט; אויף אן אונפריינדליכען, קאלטען שטייגער.

cool'ness *n.* (קוהל'-נעס) קיהלקייט; קאלטבלוטיגקייט; אבגעפרעמדקייט.
People noticed that a coolness had existed between us for some time.

cool one's heels (קוהל הוואנז היעלז) לאזען ווארטען.

coo'ly *n.* (קוה'-לי) ז. *coolie*.

coom *n.* (קוהם) סאזשע; די אויסגענוצטע וואגען־שמירעכץ, וואס דרעהט זיך ארוים פון דער לאך פון א ראד; אפילקעס, זעגעל שפענער; זעגעשטויב; אן אלטע ענגלישע מאס פון פיער בושעל.

coon *n.* and *v.* (קוהן) דער וואש־בער, שופ, יענאט [אזא חיה'לע]; א כיטרער מענש; קריכען ווי א וואש־בער אויף א בוים; א נעגער.

coon'-bear *n.* (קוהן'-בעהר) אזא בערענליכע חיה אין די בערג פון טיבעט.

coon's age (קוהנז איידזש) א לאנגע צייט; אן אייבינקייט.

coop *n.* and *v.* (קוהפ) א שטייג פאר געפליגעל; אן ענגער פלאץ; א געוויסע האלענדישע מעסטעל; א פעסעל; איינשפארען אין א שטייג אדער בכלל אין אן ענגען פלאץ.

coopee' *n.* (קוה-פי') א מין בעוועגונג אין טאנצען.

coo'per *n.* and *v.* (קוה'-פער) א באנדער [איינער וואס מאכט פעסער]; אזא ענגלישער ביער; מאכען אדער פעררעכטען פעסלעך; פערדארבען, פעלשען.

coo'perage *n.* (קוה'-פער-עדזש) די ווערקשטאט פון א באנדער; דער פרייז פאר באנדער־ארבייט; באנדער־ארבייט.

coop'erant *n.* and *a.* (קא-אפ'-ע-רענט) מיטווירקענד; איינער אדער עפעס וואס ווירקט צוזאמען מיט אנדערע.

coop'erate *v.* (קא-אפ'-ע-רייט) מיטווירקען.

coopera'tion *n.* (קא-אפ-ע-ריי'-שאן) מיטווירקונג; א קאאפעראציאן, א גענאסענשאפט.

coopera'tionist *n.* (קא-אפ-ע-ריי'-שאנ-איסט) א מיטגליעד פון א קאאפעראטיווער געזעלשאפט אדער גענאסענשאפט.

coop'erative *a.* (קא-אפ'-ע-ריי-טיוו) מיטווירקענד, ארבייטענדיג צוזאמען פאר א געמיינשאפטליכען צוועק.

coop'erative soci'ety (קא-אפ'-ע-ריי-טיוו סא-סאי'-ע-טי) א קאאפעראטיווע געזעלשאפט [א געזעלשאפט פאר

בשותפות'ע פראדוקציאן אדער פאר בשותפות'ען פערקויף].

coop'erator *n.* (קא-אפ'-ע-ריי-טאר) א מיטווירקער; א מיטארבייטער; א מיטגליעד פון א קאאפעראטיווער געזעלשאפט.

coo'pering *n.* (קוה'-פער-אינג) באנדעריי.

coo'pery *n.* (קוה'-פער-אי) באנדעריי; כלים וואס ווערען געמאכט פון א באנדער.

coopt' *v.* (קא-אפט') קאאפטירען; אויפנעהמען אלס מיטגליעד דורך וואהל, וועהלען, אויסוועהלען, הויפטזעכליך צואוועהלען נייע מיטגליעדער צו א קאמיטעט, געזעלשאפט א. ד. ג. דורך די מיטגליעדער גופא.

coop'tate *v.* (קא-אפ'-טייט) ז. *coopt*.

coopta'tion *n.* (קאו-אפ-טיי'-שאן) אן אויסוואהל; וואהל, געמיינזאמער אויסוואהל, הויפטזעכליך א צואוואהל פון נייע מיטגליעדער פון א געזעלשאפט, קאמיטעט א. ד. ג. דורך די מיטגליעדער גופא.

coo'rash *n.* (קוה'-ראש) א מין שמארצונג וואס קומט פון אונריינקייט [די קראנקהייט איז פערשפרייט צווישען די נידריגע קלאסען אין אפריקא].

coordain' *v.* (קאו-אר-דיין') קאארדינירען, בעשטימען פאר עפעס צוזאמען מיט אנדערע.

coor'dinal *a.* (קא-אר'-די-נעל) וואס זיינען פון דערזעלבער קלאסען־אבטיילונג [וועגען חיות אדער פלאנצען].

coor'dinate *n., a. and v.* (קא-אר'-די-נייט) גלייכשטעלען מיט אנדערע אין אמט, ראנג א. ד. ג.; ברייגנען אין ריכטיגער ארדנונג; הארמאניש פעראייניגען; וואס איז גלייך אין ווערטה, בעדייטונג, ראנג א. ד. ג.; עטוואס וואס איז פון דעמזעלבען קלאס, פון דערזעלבער וויכטיגקייט, פון דעמזעלבען ראנג מיט אנדערע.

coor'dinately *adv.* (קא-אר'-די-נייט-לי) אין דעמזעלבען ראנג; אין א גלייכער מאס; פון דערזעלבער בעדייטונג און וויכטיגקייט.

coor'dinateness *n.* (קא-אר'-די-נייט-נעס) דאס זיין גלייכגעשטעלט אין אמט, ראנג, בעדייטונג א. ד. ג.

coordina'tion *n.* (קא-אר-די-ניי'-שאן) די גלייכשטעלונג אין אמט, ראנג, בעדייטונג א. ד. ג.

coor'dinative *a.* (קא-אר'-די-ניי-טיוו) וואס דריקט אוים גלייכקייט אין ראנג, אמט א. ד. ג.

coordina'tory *a.* (קא-אר'-די-ניי-טא-רי) וואס איז שייך אדער וואס העלפט צו דער גלייכשטעלונג אין אמט, ראנג, בעדייטונג א. ד. ג.

coot *n.* (קוהט) [א מין וואסער־הוהן די וואסער־פויגעל]; א גולם, א נאר.

Coot

coo'ter *n.* (קוה'-טער) א מין טורטעל־טויב.

cop *n. and v.* (קאפ) דער שפיץ אדער קאפ פון עפעס; א טשוב אויף א פויגעלס קאפ; אזא שפולע אויף וועלכע מען וויקעלט אן זייד; א קנויל פאדים אין דער פארם פון א קאנוס, וועלכער ווערט אנגעוויקעלט פון א שפינעריי־מאשין; א פאליציסט; ארעסטירען.

copai'ba *n.* (קא-פיי'-בא) קאפייוואבאלזאם [אזא באלזאם־זאפט וואס ווערט גענומען פון געוויסע פלאנצען (ער האט א שטארקען איינענארטיגען אראמאט און א שארף ביטערליכען געשמאק. ווערט בענוצט אין דער מעדיצין)].

copai'va *n.* (קא-פיי'-ווא) ז. *copaiba*.

copai'vic *a.* (קא-פיי'-וויק) וואס איז שייך צו קאפייווא־באלזאם. ז. *copaiba*.

co'pal *n.* (קאו'-פעל) דער קאפאל [א מין הארטער פעך וואס ווערט ארויסגעגעבען פון פערשיעדענע טראפישע בוימער. ווערט בענוצט אין דער פאבריקאציאן פון לאק].

co'pal-tree *n.* (קאו'-פעל-טריע) דער קאפאל־בוים [דער בוים פון וועלכען עס ווערט גענומען דער קאפאל־פעך].

copar'cenary *n.* (קא-פאר'-סע-נע-רי) די מיט־ערבשאפט [דאס זיין א מיט־יורש].

copar'cener *n.* (קא-פאר'-סע-נער) א מיט־יורש.

copar'ceny *n.* (קא-פאר'-סע-ני) א גלייכער חלק אין א ירושה.

copart'ner *n.* (קא-פארט'-נער) א טייל־האבער; א שותף.

copart'nership *n.* (קא-פארט'-נער-שיפ) שותפות.

copart'nery *n.* (קא-פארט'-נער-אי) א קאנטראקט וועגען שותפות.

copay'va *n.* (קא-פיי'-ווא) ז. *copaiba*.

cope *n. and v.* (קאופ) 1. א פריסטער־מאנטעל; 2. א קאפ־בעדעקונג; עפעס וואס איז אויסגעשפרייט איבער'ן קאפ [ווי א דאך, א געוועלב, דער הימעל א. ז. וו.]; 3. אנטהאן א פריסטער־מאנטעל; 4. אויסשפרייטען א געוועלב, בעדעקען מיט א געוועלב; 5. בייקומען.

5. I can not cope with this difficulty.

Cope

co'peck *n.* (קאו'-פעק) א קאפיקע [א קליינע רוסישע קופערנע מטבע, וואס איז א הונדערט חלק פון א רובעל און האט דעם ווערטה פון אונגעפעהר א האלבען אמעריקאנער סענט].

Coper'nican *n. and a.* (קא-פער'-ני-קען) וואס איז שייך צו דער לעהרע פון דעם בעריהמטען אסטראנאם קאפערניקוס אדער צו זיין לעהרע, לויט וועלכער די ערד דרעהט זיך ארום דער זון [האט געלעבט פון יאהר 1473 ביז 1543]; אן אנהענגער פון קאפערניקוס לעהרע.

cope'stone *n.* (קאופ'-סטאון) א געזימס־שטיין.

copho'sis *n.* (קא-פאו'-סים) טויבקיים.

cop'ier *n.* (קאפ'-אי-ער) אן איבערשרייבער; א קאפירער; א נאכטהוער.

co'ping *n.* (קאו'-פינג) א געזימס פון א וואנד, אן אבדאך פון א וואנד.

co'pious *a.* (קאו'-פי-אס) פול; צאהלרייך, א סך; איבערגענוג; מיט א גרויסער שפע.

The students took copious notes of the lecture.

co'piously *adv.* (קאו'-פי-אס-לי) בשפע; איבערגענוג; מיט א פולער אדער צאהלרייכער מאס.

crim'inal ca'ses (קרים'-אי-נעל קיי'-סעז) קרימינעלע פראצעסען, די געריכטס-פראצעסען וועגען אזעלכע פערברעכענס, אין וועלכע די רעגיערונג אליין [דער פראקוראר] טרעט ארויס אלס אנקלאגער [אין נעגענזאץ צו ציוויל-פראצעסען].

crim'inal code (קרים'-אי-נעל קאוד) דאס געזעץ-בוך וועגען קרימינעלע פערברעכען.

crim'inal contempt' (קרים'-אי-נעל קאנ-טעמפט') דאס בעליידיגען דעם געריכט דורך אן אבזיכטליכען ניט פאלגען זיין אורטייל.

crim'inal conversa'tion (קרים'-אי-נעל קאנ-וואיר-סיי'-שאן) ניאוף, זנות, דאס לעבען מיט אן אשת-איש; די אנקלאגע וואס ווערט אריינגעטראגען פון א מאן אויף איינעם, וועלכער לעבט מיט זיין [דעם מאן'ס] פרוי.

criminal'ity *n.* (קרים-אי-נעל'-אי-טי) די נאטור אדער די נייגונג צו טהאן א פערברעכען; דאס זיין א פערברעכער; א פערברעכערישע טהאט; דאס זיין שולדיג אין א פערברעכען; קרימינאליטעט.

crim'inal law (קרים'-אי-נעל לאה) די קרימינעלע געזעצגעבונג [די געזעצגעבונג בנוגע צו אזעלכע פערברעכענס, אין וועלכע דער אנקלאגער איז די רעגיערונג אליין, דער פראקוראר].

crim'inally *adv.* (קרים'-אי-נעל-אי) אויף א פערברעכערישען שטייגער; קרימינעל.

crim'inalness *n.* (קרים'-אי-נעל-נעס) ז. *criminality*

crim'inal prosecu'tion (קרים'-אי-נעל פראס-אי-קיו'-שאן) דאס ברייננען א מענשען צום געריכט ביים בעשולדיגען איהם אין א קרימינעלען פערברעכען.

crim'inate *v.* (קרים'-אי-נייט) בעשולדיגען אין א פערברעכען.

crimina'tion *n.* (קרים-אי-ניי'-שאן) בעשולדיגונג [אין א פערברעכען].

crim'inative *a.* (קרים'-אי-ניי-טיוו) וואס בעשולדיגט; וואס איז שייך צו א בעשולדיגונג.

crim'inator *n.* (קרים'-אי-ניי-טאר) א בעשולדיגער; איינער וואס בעשולדיגט דעם צווייטען אין א פערברעכען.

crim'inatory *a.* (קרים'-אי-ניי-טא-רי) בעשולדיגענד.

criminol'ogy *n.* (קרים-אי-נאל'-א-דזשי) די לעהרע וועגען פערברעכענס און פערברעכער.

crimp *n. and v.* (קרימפ) צונויפבויגען, צוזאמענקנייטשען, צונויפקארטשען; אנקארבען; גרייזלען; איינשניידען דאס פלייש [ווי ביי א פיש איידער מען קאכט עס]; אריינגנארען איינעם [ווי צוציהען מיט הבטחות צו מאטראזען-דיענסט אדער צו מיליטער-דיענסט]; דאס וואס איז איינגעקנייטשט אדער צונויפגעקארטשעט; א לאק געגרייזעלטע האר; דער קנייטשער; איינער וואס נארט אריין מענשען אין א פלאץ, וואו מען בעראבעוועט זיי; א געלד-צאפער [ביי מאטראזען].

crim'page *n.* (קרים'-פעדזש) דאס קרייזלען, דאס איינקנייטשען.

crim'ping *n.* (קרים'-פינג) ז. *crimpage*

crim'ping-i'ron *n.* (קרים'-פינג-אי'-ערן) א ברענאייזען צו קרייזלען אדער קנייטשען.

crim'ping-machine' *n.* (קרים'-פינג-מע-שין') א מאשין צו קנייטשען.

crim'py *a.* (קרים'-פי) געקרייזעלט, פריזירט.

crim'son *n., a. and v.* (קרים'זן) קארמעזין [א שטארק רויטע פארב]; שטארק רויט; פון קארמעזין-פארב; פארבען מיט א שטארק רויטע פארב; רויט ווערען; זיך פערשעמען. ז. איל. *"Colors"*

cri'nal *a.* (קראי'-נעל) וואס איז שייך צו האר.

cri'nated *a.* (קראי'-ניי-טעד) האריג; וואס האט האר.

crin'atory *a.* (קרינ'-ע-טא-רי) וואס איז שייך צו האר; וואס בעשטעהט פון האר.

cri'net *n.* (קראי'-נעט) דער טייל פון א פערדען-פאנצער, וועלכער בעדעקט דעם אויבערשטען טייל פון האלז; א האר-עהנליך פעדערעל.

cringe *n. and v.* (קרינדזש) א טיעפע פערבויגונג; קריכעריי; זיך בויגען, שמייכלען איינעם, אונטערלעקען זיך.

crin'ger *n.* (קרינ'-דזשער) א קריכער; א שמייכלער, א חונף.

crin'ging *a.* (קרינ'-דזשינג) חניפה'דיג.

crin'gingly *adv.* (קרינ'-דזשינג-לי) מעשה קריכער; דורך אונטערלעקען זיך.

crin'gle *n.* (קרינגל) א שלייף, א שנור-לאך, א פעטליע פון א שטריק.

cri'nite *a.* (קראי'-נאיט) האריג, וואס האט לאנגע האר [וועגען געוויסע פלאנצען און אינזעקטען].

crin'kle *v. and n.* (קרינקל) זיך דרעהען, זיך שלענגלען, קרייזלען, קנייטשען זיך; א קנייטש; א זאך וואס איז אויסגעבויגען היין און צוריק, א זיג-זאג.

crin'kly *a.* (קרינ'-קלי) צוזאמענגעקנייטשט, געקרייזעלט.

crin'kum-cran'kum *n.* (קרינ'-קאם-קרענ'-קאם) זיג-זאג, קרום און לאם, קאמשערעס מיט לאפעטעס [וועגען שרייבען מיט א שלעכטע האנדשריפט].

cri'no *n.* (קראי'-נאו) א מין הויט-קראנקהייט ביי קינדער.

cri'noid *a.* (קראי'-נאיד) וואס אנבעלאנגט צו די קרינאאידען; ווי א קרינאאיד. ז. *Crinoidea*

crinoi'dal *a.* (קרי-נאי'-דעל) ז. *crinoid*

Crinoi'dea *n.* (קרי-נאי'-די-א) די קרינאאידען [א געוויסער מין שטאכעל-חיה'לעך, ביי וועלכע דער קערפער שטעלט פאר א שטאם פון צוזאמענגעשטעלטע געלענקען מיט צווייגלעך פון אלע זייטען].

crinoi'dean *n.* (קרי-נאי'-די-ען) א קרינאאיד. ז. *Crinoidea*

crin'oline *n.* (קרינ'-א-לין) שטאף פון פערד-האר; א קרינאלינע [א פרויען-ראק פון פערד-האר שטאף אדער פון אנדערע שטייפע צייג]; א פרויען-קלייד וואס איז אנגעצויגען אויף דראט.

crip'ple *n. and v.* (קריפל) א קאליקע; א קריפעל; מאכען פאר א קאליקע, אבשוואכען, פאראליזירען.

crip'pling *n.* (קריפ'-לינג) איינע פון די קלעצער, וואס האלטען אונטער א וואנד פון א געביידע.

cris *n.* (קריס) ז. *creese*

cri'sis *n.* (קראי'-סיס) 1. א קריזיס, א ווענדונגס-פונקט; 2. א קריזיס אין א קראנקהייט, נאך וועלכען דער חולה ווערט בעסער אדער ער שטארבט.

2. The crisis in his illness has passed and he is recovering.

crisp *v. and a.* (קריספ) קרייזלען; ברעקעלדיג מאכען; צונויפקנייטשען, צונויפקארטשען; געקרייזעלט; ניט גלאט [וועגען אן אויבערפלאך פון א זאך]; אויסגעדרעהט, אויסגעבויגען; וואס ברעקעלט זיך; וואס כראמשקעט אונטער די צייהנער; פריש, לעבעדיג, מונטער; וואס האט א שארפען און געשמאקען טעם.

cris'pate *a.* (קריס'-פייט) געקרייזעלט.

cris'pated *a.* (קריס'-פיי-טעד) ז. *crispate*

crispa'tion *n.* (קריס-פיי'-שאן) די צונויפציהונג פון א וואונד; דאס רונצלען פון וואסער אין א כלי, ווען מען ברייננט עס אין א שוואכע בעוועגונג.

cris'pature *n.* (קריס'-פע-טשור) דאס קרייזלען, דאס זיין געקרייזעלט.

cris'per *n.* (קריס'-פער) דער אדער דאס וואס קרייזעלט אדער פריזירט; אן אינסטרומענט צום קרייזלען.

Cris'pin *n.* (קריס'-פין) א שוסטער; א מיטגליעד פון שוסטער-יוניאן אין אמעריקא [נאך דעם נאמען פון הייליגען קריספין].

cris'ping-i'ron *n.* (קריס'-פינג-אי'-ערן) אן אייזען, וועלכעס מען ברענט און צו קרייזלען האר א. ד. ג.

cris'ping-pin *n.* (קריס'-פינג-פין) א דראט צו קרייזלען.

cris'ping-pin'cers *n.* (קריס'-פינג-פינ'-סערז) א צוואנג צום קרייזלען האר.

crisp'ness *n.* (קריספ'-נעס) דאס זיין געקרייזעלט; ברעקעלדיגקייט.

This brand of biscuits is noted for its crispness.

cris'py *a.* (קריס'-פי) ברעקעלדיג; געקרייזעלט; מונטער.

criss'cross *n., a. and adv.* (קריס'-

קראהס) וואס האקען איבער איינע די אנדערע אין א קרייץ־פארם [ווי ליניעס]; א בינטעל ליניעס, וואס שניידען דורך איינע די אנדערע; א קרייץ פון איינעם וואס קען ניט אונטערשרייבען זיין נאמען; א זארט קינדערשפיעל מיט קעסטעלעך; אין פערשיעדענע דורכשניידענדע ריכטונגען, געקרייצט.

criss'cross-row *n.* (קריס'-קראהס-ראו) אן אלף־בית, אן אלף־בית־ביכעל.

cris'ta *n.* (קריס'-טע) א קאם ביי א האהן, א טשוב; א גריווע ביי א פערד; עטוואס וואס איז עהנליך צו א טשוב אדער גריווע.

cris'tate *a.* (קריס'-טייט) וואס האט אויף זיך א צוואוואקס אין דער פארם פון א קאם [פון א האהן].

cris'tiform *a.* (קריס'-טי-פארם) וואס האט די פארם פון א קאם [פון א האהן].

crite'rion *n.* (קראי-טיע'-רי-אן) קריטעריום, פרואוו־שטיין; די מאס, דורך וועלכער מען שאצט אב א זאך.

The exceptional popularity of the President is no criterion of his statesmanship.

crite'rion of truth (קראי-טיע'-רי-אן אוו טרוהטה) דער קריטעריום אדער די מאס, דורך וועלכער מען קען אונטערשיידען דאס וואס איז אמת פון דעם וואס איז פאלש.

crith'omancy *n.* (קריטה'-א-מענ-סי) א געוויסע פארם פון נביאות אדער וואהרזאגען ביי די אלטע גריכען און רוימער דורך אפפער־טייג אדער דורך מעהל, וואס מען פלעגט אויסשיטען אויף'ן קרבן.

crit'ic *n. and a.* (קריט'-איק) א קריטיק; א קריטיקער; א רעצענזענט; איינער וואס געפינט אין אלעם פעהלערען; וואס איז שייך צו קריטיק.

crit'ical *a.* (קריט'-אי-קעל) קריטיש; וואס איז שייך צו קריטיק; וואס איז שייך צו א קריזיס [א ווענדע־פונקט אין א קראנקהייט]; וואס געפינט אין אלעם פעהלערען; ענטשיידענד; געפעהרליך; ריזיקאליש.

crit'ically *adv.* (קריט'-אי-קעל-אי) דורך קריטיק; אויף א גענויען, פינקטליכען שטייגער; פונקט אין צייט; אין א קריטישער, געפעהרליכער לאגע.

crit'icalness *n.* (קריט'-אי-קעל-נעס) גענויאיגקייט, פינקטליכקייט; דאס זיין אין א קריטישער, געפעהרליכער לאגע.

crit'ical philos'ophy (קרים'-אי-קעל פי-לאס'-א-פי) קריטיציזם, די קריטיק פון ריינער פערנונפט, די פילאזאפישע סיסטעם פון עמאנועל קאנט - [געבארען אין יאהר 1724, געשטארבען אין יאהר 1804], וואס שטרעבט צו בעשטימען דעם אינהאלט און דעם ווערטה פון מענשליכען וויסען און קענטניס אויף'ן גרונד פון א קריטישער נאכפארשונג וועגען דער מענשליכער פערנונפט און ערקענטניס־פעהיגקייט. קאנט'ס הויפט־לעהרע בעשטעהט אין דעם, אז די פארמען, אין וועלכע מיר בעגרייפען אלע זאכען [ווי צייט, ארט, קוואנטיטעט, קוואליטעט א. ד. ג.] בעלאנגען ניט אדער זיינען ניט אייגענטימליך צו די זאכען גופא, נאר זיי זיינען איינפאכע פארמען פון אונזער אייגענער פערנונפט אדער ערקענטניס־פעהיגקייט. און דעריבער קענען מיר ניט וויסען וועגען קיין זאך, ווען זי איז אן־ און פיר־זיך, ד. ה. ווען זי קומט ניט אין בעריהרונג מיט אונזערע חושים און מיט אונזער ערקענטניס־פעהיגקייט בכלל.

crit'ical review' (קריט'-אי-קעל רי-וויו') א קריטישער ארטיקעל, א רעצענזיע, א קריטישע איבערזיכט.

crit'icaster *n.* (קריט'-אי-קעס-טער) א שלעכטער קריטיקער; אן אונבעדייטענדער רעצענזענט.

crit'icisable *a.* (קריט'-אי-סאי-זעבל) וואס קען קריטיקירט ווערען.

crit'icise *v.* (קריט'-אי-סאיז) קריטיקירען; טאדלען, זוכען פעהלערען.

crit'icism *n.* (קריט'-אי-סיזם) קריטיק; דאס קריטיקירען; א נאכפארשונג וועגען אלטע ליטעראַרישע דאקומענטען; קריטיציזם [קאנט'ס פילאזאפישע סיסטעם]. ז. *critical philosophy*.

crit'icizable *a.* (קריט'-אי-סאי-זעבל) וואס קען קריטיקירט ווערען.

crit'icize *v.* (קריט'-אי-סאיז) קריטיקירען; טאדלען, זוכען פעהלערען.

critique' *n.* (קרי-טיעק') א קריטיק; דאס קריטיקירען.

criz'zle *n. and v.* (קריזל) שארסטיגקייט, ניט־גלאטקייט [ווי די שארסטיגקייט אויף דער הויט פון א האנד וואס קומט פון קעלט, אדער ווי די שארסטיגקייט וואס ווערט געמאכט אויף גלאז, אום עס צו מאכען וועניגער דורכזיכטיג]; מאכען שארסטיג, ניט גלאט.

criz'zling *n.* (קריז'-לינג) שארסטיגקייט, ניט־גלאטקייט [ווי די שארסטיגקייט פון דער הויט אויף דער האנד וואס קומט פון קעלט, אדער ווי די שארסטיגקייט וואס ווערט געמאכט אויף גלאז, אום עס צו מאכען וועניגער דורכזיכטיג].

croak *v. and n.* (קראוק) קראקען [ווי א ראב]; קוואקען [ווי א פראש]; פאראויסזאגען שלעכטס; רעדען הייזעריג; בורטשען; שטארבען; דאס קראקען; דאס קוואקען.

croa'ker *n.* (קראו'-קער) א פויגעל וואס קראקעט, א בעשעפעניש וואס קוואקעט; איינער וואס רעדט הייזעריג; א בורטשון, א קלאג־מוטער; א טויטער קערפער.

croa'king *a.* (קראו'-קינג) קראקענדיג; קוואקענדיג; פאראויסזאגענדיג שלעכטס; בורטשענדיג.

croa'ky *a.* (קראו'-קי) וואס גיט ארויס קלאנגען עהנליך צו דעם קוואקען פון א פראש אדער צו דעם קראקען פון א ראב; הייזעריג.

Cro'at *n.* (קראו'-עט) א קראאט [אן איינוואהנער פון קראאטיען, עסטרייך].

Croa'tian *n. and a.* (קראו-איי'-שיען) וואס איז שייך צו קראאטיען [א טייל פון עסטרייך] אדער איהרע איינוואהנער; א קראאט; די קראאטישע שפראך.

cro'ceous *a.* (קראו'-שיאס) ווי זאפראן; רויטליך־געלב.

crochet' *n. and v.* (קראו-שיי') העקעל־ארבייט [אזא מין שטיקעריי]; העקלען.

crochet'-hook *n.* (קראו-שיי'-הוק) ז. *crochet-needle*.

crochet'-nee'dle *n.* (קראו-שיי'-ניעדל) א טאמבור־נאדעל, א העקעל־נאדעל [א לאנגע נאדעל מיט א האקען. ווערט געברויכט ביים העקלען].

crochet'-work *n.* (קראו-שיי'-הוואירק) העקעל־ארבייט, העקעל־שטיקעריי.

crock *n. and v.* (קראק) א ליימענע כלי; א טאפ, א קרוגעל [מייסטענס פון ליים]; א שערבעל; סאזשע; א האר־לאק; אן אלטע שעפס; אויסשמירען [הויפטזעכליך מיט סאזשע]; אבבלאקירען, פערלירען די פארב.

crock'ery *n.* (קראק'-ע-רי) ליימענע אדער פארצעלייענע כלים.

crock'ery ware (קראק'-ע-רי הוועהר) פאיאנס, ליימענע אדער פארצעלייענע כלים.

crock'et *n.* (קראק'-עט) איינע פון די שפיצען פון די הערנער פון א הירש; אין מיטעלאלטערליכער ארכיטעקטור — אן ארנאמענט אדער פערציערונג אין דער פארם פון א האלב־אויסגעבויגענעם בלאט אדער פון א חיה, וואס שטארצט ארויס פון וואנד, פון די ווינקלען פון דאך, פון די זיילען א. ד. ג.

crock'-saw *n.* (קראק'-סאה) א לאנגער אייזען מיט צייהנער [אין דער פארם פון א זעג], וואס ווערט בענוצט אין אן אויווען אדער קאמין צו שטעלען אויף איהם טעפ.

crock'y *a.* (קראק'-אי) בעדעקט מיט סאזשע אדער רוס.

croc'odile *n.* (קראק'-א-דאיל) א קראקאדיל.

Crocodile

croc'odile-jaw *n.* (קראק'-א-דאיל-דזשאה) א קראקאדילען־מויל [א גרויס מויל ווי ביי א קראקאדיל].

croc'odile tears (קראק'-א-דאיל טיערז) קראקאדילען־טרעהרען [פאלשע טרעהרען].

crocodil'ian *a.* (קראק-א-דיל'-אי-ען) קראקאדיליש, היפאקריטיש, פאלש.

Cro'cus *n.* (קראו'-קאס) דער מין זאפרען־פלאנצען.

cro'cus *n.* (קראו'-קאס) זאפרען; א גע־ווייסער פאליר־פולווער.

croft *n. and v.* (קראהפט) א קליינע שטח אבגעצאמטע ערד, צום אקערן אדער פיטערען; א קליינע פערמע; בלייבען ליווענד [פאנאנדערשפרייטענדיג פאר דער זון].

crof'ter *n.* (קראהפ'-טער) איינער וואס בעארבייט א קליינע פערמע.

crom'lech *n.* (קראמ'-לעק) דער קראמלעך [א גרויסער פלאכער שטיין, וואס ליעגט האריזאנטאל אויף דריי אדער מעהר שטעהענדיגע שטיינער; זעהר פערשפרייט אין געוויסע געגענדען פון ענגלאנד און אנדערע געגענדען פון אייראפא. מען רעכענט, אז דאס זיינען אמאליגע מצבות].

crone *n.* (קראון) אן אלטע פרוי; אן אלטע שעפס [אלס שפאט־נאמען פון אן אלטער פערזאן].

cro'nel *n.* (קראו'-נעל) א קרוין פון אדעלינע.

cro'net *n.* (קראו'-נעט) דאס בינטעל האר וואס וואקסט אויף די פיס פון א פערד; א קרוין פון אדעלינע.

cro'ny *n.* (קראו'-ני) אן אלטער גוטער ברודער, אן אלטער גוטער בעקאנטער.

crook *n. and v.* (קרוק) אן אויסבויגונג; אן אויסגעבויגענע זאך; די אויסבויגונג פון דער קניע; אן אייזערנער אדער הילצערנער קרוק; א שפיצעל; א שווינדלער, א פערדרעהער, א שמד־שטיק; איינבויגען, פערדרעהען, זיין געבויגען.

crook'back *n.* (קרוק'-בעק) א הויקער;

א הארבאטער; איינער מיט אן אויסגעבויגענעם רוקען.

crook'-backed *a.* (קרוק'-בעקט) הויקערדיג, מיט אן אויסגעבויגענעם רוקען.

crook'ed *a.* (קרוק'-עד) איינגעבויגען, קרום; פערדארבען, אונעהרליך; געמאכט אדער פערקויפט גע'גנב'עטערהייט [ווי דאס פערקויפען בראנפען אהן פאטענט].

crook'ed for'tune (קרוק'-עד פאהר'-טשון) א בייזער מזל, שלים-מזל.

crook'edly *adv.* (קרוק'-עד-לי) אויף אן אויסגעבויגענעם שטייגער; מעשה שווינדלער.

crook'edness *n.* (קרוק'-עד-נעס) איינגעבויגענקייט, קרומקייט; פערדארבענקייט, הויקערדינקייט, אונעהרליכקייט, א מום.

crook'ed pate (קרוק'-עד פייט) א קרומער קאפ.

crook'ed rip (קרוק'-עד ריפ) א מרשעת, אן ארורה, א ווייב א שלאק.

crook'ed ways (קרוק'-עד הווייז) הינטערוועגען; גנב'ישע שטיק.

crook'neck *n. and a.* (קרוק'-נעק) אזא קירבעס; וואס האט א געבויגענעם האלז [ווענען א געוויסען זארט קירבעס].

crook the el'bow (קרוק טהי על'-באו) אריינגיסען, שיכור ווערען.

croon *v.* (קרוהן) זינגען שטיל; אונטערברומען א ליעדעל.

crop *n. and v.* (קראפ) ניט-געשניטענע תבואה; געשניטענע תבואה; ערנטע; יעהרליכע הכנסה; דער קראפ [וואליע] פון א פויגעל; קורץ-געשארענע האר; דאס אבשניידען אדער אבשערען; א קליימא [א צייכען] אויף'ן אויער ביי בהמות; א געוויסע וואג פון צוקער, טאבאק א. ד. ג.; א מין בייטש ביי יעגער; אבשניידען; ארויסשפראצען, ארויסווייזען זיך.

crop'-ear *n.* (קראפ'-איער) א פערד אדער א מענש מיט אונטערגעשניטענע אויערען.

crop'-eared *a.* (קראפ'-איערד) וואס האט אונטערגעשניטענע אויערען.

crop'ful *a.* (קראפ'-פול) מיט אן אנגעפילטען קראפ [וואליע]; זאט.

crop'per *n.* (קראפ'-ער) א מין טויב מיט א גרויסען קראפ [וואליע]; א מאשין וואס שערט אב די הערעלעך פון צייג און מאכט זי גלאט; אן אינסטרומענט אבצוהאקען די קעפלעך פון באלצען אדער שרויפען; איינער וועלכער בעארבייט א פרעמדעס שטיק לאנד און נעהמט דערפאר א טייל פון דער תבואה; דאס אראבפאלען פון א פערד; א דורכפאל, א מפלה.

crop'ping *n.* (קראפ'-אינג) דאס אבשניידען, דאס ערנטען; דאס אריינגעהמען תבואה אדער פרוכט פון פעלד.

crop'py *n.* (קראפ'-אי) א מענש מיט אבגעשניטענע אויערען [מיט וואס מען פלעגט אמאל בעשטראפען אין ענגלאנד פאר פערראטה]; א קורץ-געשארענער [ווי עס פלעגען געהען די אירלענדישע רעוואלוציאנערען צום ענדע פון 18טען יאהרהונדערט].

croquet' *n.* (קרא-קיי') קראקעט [א מין שפיעל מיט באלען, וועלכע ווערען אויף א געוויסען אופן דורכגעטריבען מיט הילצערנע האמערס דורך דראטענע טויערלעך וועלכע זיינען אריינגעשטעקט אין דער ערד].

croquette' *n.* (קרא-קעט') א קניידעל פון געהאקטען פלייש, רייז א. ד. ג., וועלכע איז ברוין צוגעבראטען.

cro'sier *n.* (קראו'-זשער) ז. *crozier*.

cros'let *n.* (קראהס'-לעט) א צלם'על [א קליינער קרייץ].

cross *n., v. and a.* (קראהס) א צלם; פיין; יסורים; א מניעה, א צרה, א נסיון; די רעכטע זייט פון אמאליגע מטבעות; די קרייצונג, מישונג [פון פערשיעדענע מינים חיות אדער פלאנצען]; א קרייצונג פון צוויי עלעקטרישע שטראמען; איבערקרייצען, לעגען קווער בנוגע איינס צום אנדערען; מאכען א קרייץ איבער א זאך, אויסמעקען; בעצייכנען עפעס מיט א קרייץ; דורכקרייצען, דורכשניידען עפעס, ווי דורכגעהן א גאס פון איין זייט צו דער אנדערער; אימעצען שטערען; מאכען א מניעה; איבערקרייצען [אויסמישען בעזונדערע מינים פון חיות און פלאנצען אין געשלעכטליכע פערהעלטניסע]; ליעגען קווער; אנטרעפען אדער בעגעגענען אימעצען; קווער; אונגינסטיג, בייז, אנגעכמורעט, איינגעשפארט, ווידערשפעניג, שלים-מזל'דיג.

cross'-ac'tion *n.* (קראהס'-עק'-שאן) א געגען-קלאגע געגען דעם קלעגער.

cross'-aisle *n.* (קראהס'-איל) דער זייטענפליגעל פון א געביידע.

cross'-armed *a.* (קראהס'-ארמד) מיט פערלעגטע הענד; מיט הענד פערלעגט ווי א קרייץ.

cross as two sticks (קראהס עז טוה סטיקס) שטארק אין כעס.

cross'-bar *n.* (קראהס'-באר) א קווער-שטאנג; א קווער-באלקען.

cross'-barred *a.* (קראהס'-בארד) בעפעסטיגט מיט קווערשטאנגען אדער מיט קווערבאלקענס; וואס זעהט אויס ווי אויסגעלעגט מיט קווערשטאנגען.

cross'bar-shot *n.* (קראהס'-באר-שאט) א קאנאנען-קויל וואס בעקומט די פארם פון א קרייץ, ווען זי פליהט ארויס פון דער קאנאנע [איז אמאל געברויכט געווארען אויף קריעגס-שיפען].

cross bay'onets (קראהס ביי'-א-נעטס) זיך שלאגען מיט באיאנעטען; זיך שלאגען; קעמפפען.

cross'beak *n.* (קראהס'-ביעק) ז. *crossbill*.

cross'-beam *n.* (קראהס'-ביעם) א קווער-באלקען.

cross'-bear'er *n.* (קראהס'-בעהר'-ער) איינער וואס טראגט א צלם בעת א קריסטליכער רעליגיעזער צערעמאניע.

cross'-belt *n.* (קראהס'-בעלט) די רימענס פון דער שווערד און פון פאטראנען-טאש, וואס קרייצען זיך איבער אויף דער ברוסט.

cross'bill *n.* (קראהס'-ביל) א מין פויגעל, ביי וועלכע די שפיצען פון דעם שנאבעל פאלען ניט צוזאמען, נאר קרייצען זיך איבער.



Cross-bill

cross'-billed *a.* (קראהס'-בילד) וואס האט א שנאבעל וואס זיינע שפיצען קרייצען זיך [ווענען געוויסע פויגעל].

cross'-birth *n.* (קראהס'-בוירטה) א געבורט, ווען דאס קינד ליעגט קווער אין דער מוטער'ס בויך.

cross'-bones *n.* (קראהס'-באונז) צוויי ביינער וואס קרייצען זיך איבער [אלס סימבאל פון טוידט].

cross'bow *n.* (קראהס'-באו) אן ארמברוסט [אזא שיס-געוועהר אין מיטעלאלטער]; א שיסער פון אן ארמברוסט.

Crossbow

cross'bower *n.* (קראהס'-באו-ער) א שיסער פון אן ארמברוסט. ז. *crossbow*.

cross'bowman *n.* (קראהס'-באו-מען) ז. *crossbower*.

cross'-bred *a.* (קראהס'-ברעד) וואס שטאמט פון א צוזאמענפארונג פון צוויי פערשיעדענע מינים [ווענען חיות אדער פלאנצען].

cross'-breed *n.* (קראהס'-בריעד) א חיה אדער פלאנצע וואס שטאמט פון א צוזאמענפארונג פון פערשיעדענע מינים.

cross'-breed'ing *n.* (קראהס'-בריעד'-אינג) דאס פארען חיות אדער פלאנצען פון פערשיעדענע מינים.

cross'-bun *n.* (קראהס'-באן) א געבעקס מיט א צלם וואס ווערט געבאקען פאר קארפרייטאג [דער פרייטאג פאר דעם קריסטליכען פסח].

cross'-but'tock *n.* (קראהס'-באט'-אק) א געוויסער אופן אומצואווארפען א געגנער אין ראנגלען זיך; א פלוצליכער צוריקשטויס.

cross'-chap *n.* (קראהס'-טשעפ) א גנב.

cross'-coun'try *a.* (קראהס'-קאנ'-טרי) וואס געהט דורך פעלדער און גערטנער [ניט מיט דעם געוועהנליכען וועג].

cross cud'gels (קראהס קאד'-זשעלז) זיך אונטערגעבען.

cross'-cur'rent *n.* (קראהס'-קאר'-ענט) א געגען-שטראם.

cross'cut *v.* (קראהס'-קאט) קווער דורכשניידען; דורכקרייצען.

cross'-cut *n. and a.* (קראהס'-קאט) א דורכשניט; דער קירצעסטער וועג צווישען צוויי פונקטען; וואס האט די איינגעשאפט צו שניידען אין דער ברייט; געשניטען קווער; וואס איז געשניטען געגען דעם שטריך [פון האלץ].

cross'-days *n.* (קראהס'-דייז) די דריי טעג, וועלכע זיינען פאריבער, לויט דעם קריסטליכען גלויבען, פון יעזוס'עס הינריכטונג ביז זיין ארויפשטייגען פון קבר.

cross'-demand' *n.* (קראהס'-די-מענד') א געגען-פאדערונג.

crossed *a.* (קראהסט) וואס איז געמאכט ווי א קרייץ; וואס טראגט א צלם; אויסגעשטריכען מיט א קרייץ; אויסגעמעקט; וואס איז דאגעגען; ענטגעגענגעזעצט.

cros'set *n.* (קראס'-עט) אן ארויסשטארצונג אין א וואנד איבער א טהיר, פענסטער א. ד. ג.; א קליין צלם'על.

cros'sette *n.* (קראס'-עט) ז. *crosset*.

cross'-examina'tion *n.* (קראהס'-עג-זעמ-אי-ניי'-שאן) א קרייץ-פערהער [א פערהער פון אן עדות אין געריכט דורך דעם געגנערישען צד].

cross'-exam'ine *v.* (קראהס'-עג-זעמ'-אין) נעהמען אויף'ן קרייץ-פערהער, אויספרעגען אין געריכט אן עדות דורך דעם געגנערישען צד [ווען למשל דער אנגע-

קלאגטער פרעגט אויס אן עדות פון אנקלאגער].
He was not given the chance of cross-examining the witnesses.

cross'-exam'iner *n.* (קראָהס'-עג-זעמ'-אינ-ער) דער וואס פיהרט אן דעם קרייץ-פערהער [דער פארשטעהער פון איין צד אין גריכט, וועלכער פרעגט אויס אן עדות פון גענגערישען צד].

cross'-eye *n.* (קראָהס'-אי) קאסאקע אויגען; קרום-אויגיגקייט.

cross'-eyed *a.* (קראָהס'-איד) קאסאקע, קרום-אויגיג.

cross'-fertiliza'tion *n.* (קראָהס'-פויר-טי-לי-זיי'-שאן) די בעפרוכטונג פון א פלאנצע דורך דער געשלעכטליכער פעראייניגונג פון די געשלעכטליכע ארגאנען פון איין בלום מיט דעם בליטהען-שטויב פון אן אנדערער אויף דערזעלבער פלאנצע אדער אויף אן אנדער פלאנצע פון דעמזעלבען מין.

cross'-fer'tilize *v.* (קראָהס'-פויר'-טי-לאיז) בעפרוכטען א פלאנצע דורך דער געשלעכטליכער פעראייניגונג פון די געשלעכטס-ארגאנען פון איין בלום מיט דעם בליטהען-שטויב פון אן אנדערער אויף דערזעלבער פלאנצע אדער אויף אן אנדער פלאנצע פון דעמזעלבען מין.

cross'-fire *n.* (קראָהס'-פאיר) קרייץ-פייער [אין קריעג — ווען עס ווערט געשאסען אויף אן ארמעע פון צוויי אדער מעהרערע זייטען].

cross'-fox *n.* (קראָהס'-פאקס) דער קרייץ-פוקס [אזא פוקס וואס דער קאליר פון זיין פעל איז א ביסעל אנדערש ווי פון דעם געוועהנליכען פוקס].

cross'-fur'row *n.* (קראָהס'-פאר'-או) א קאנאווע אין א פעלד וואס קרייצט איבער אנדערע קאנאוועס, כדי ארויסצוציהען דאס וואסער פון פעלד.

cross'-gar'net *n.* (קראָהס'-גאר'-נעט) א טהיר-זאוויעסע, וואס זעהט אויס ווי א T.

cross'-grained *a.* (קראָהס'-גריינד) וואס האט פיברען אדער אדערען, וועלכע ציהען זיך אין דער ברייט [ביי בוימער]; איינגעשפארט, פער'עקשנ'ט.

cross'-head *n.* (קראָהס'-העד) דער קרייץ-קאפ [דער טייל פון א דאמפף-מאשין אדער גאז-מאשין, וואס פערבינדט דעם קאלבען-שטאנג מיט דעם קורבעל-שטאנג].

cross'ing *n.* (קראָהס'-אינג) דאס קרייצען [פון וועגען], דער שייד-וועג; דער דורכגאנג; א מניעה, א שטערניש; דאס שטעלען זיך ענטגעגען, דאס ערווידערען; דאס איבערקרייצען אדער אויסמישען בעזונדערע מינים פון חיות און פלאנצען אין זייערע געשלעכטליכע פערהעלטניסע.

cross'-interrog'atory *n.* (קראָהס'-אינ-טע-ראג'-ע-טא-רי) א קרייץ-פערהער [אין געריכט].

cross'-jack *n.* (קראָהס'-דזשעק) א קוואדראט-זעגעל אויף דעם אונטער-שטאנג פון דער הינטערשטער מאסט פון א שיף.

cross'-jack yard (קראָהס'-דזשעק יאהרד) דער אונטער-שטאנג פון דער הינטערשטער מאסט אויף א שיף.

cross'-leg'ged *a.* (קראָהס'-לעגד) מיט פערלעגטע פיס.

cross lots (קראָהס לאטס) דורך פעלדער און גערטנער [ניט מיט'ן געוועהנליכען וועג].

cross'ly *adv.* (קראָהס'-לי) אין דער קרום; געגנעריש, פערדריסליך.

cross'-man *n.* (קראָהס'-מען) א גנב.

cross'-mar'riages *n.* (קראָהס'-מער'-אידזש-עז) אזעלכע הייראטען, ביי וועלכע א ברודער מיט א שוועסטער האבען געהייראט א ברודער מיט א שוועסטער.

cross'ness *n.* (קראָהס'-נעס) שלעכטקייט, אנגעכמורעטקייט; איינגעשפארטקייט, הארטנעקיגקייט.

cross one's hand (קראָהס הוואנז הענד) אריינרוקען א מטבע אין האנד.

cross one's mind (קראָהס הוואנז מאינד) איינפאלען עטוואס אין געדאנק.
The matter never crossed his mind.

cross one's path (קראָהס הוואנז פעטה)
1. זיך בעגעגענען, זיך צוזאמענטרעפען;
2. זיין אין וועג, שטערען, זיין געגען.
1. I never met the man. Our paths never crossed.

cross or pile (קראָהס אר פאיל) קאפ צי רעשט [א קינדער-שפיעל מיט מטבעות].

cross out (קראָהס אוט) אויסמעקען, אויסשטרייכען.

cross o'ver (קראָהס או'-ווער) אריבער-געהן פון יענער זייט.

cross'over *n.* (קראָהס'-או-ווער) די נעקעסטעלטע שטרייפען, וועלכע ווערען אבגעדרוקט אויף ציץ [קארטון].

cross'patch *n.* (קראָהס'-פעטש) א טירוף; א פערדרעהטער קאפ; א פערקלאגטע נשמה.

cross'piece *n.* (קראָהס'-פיעס) א קווער-ברעט; א קלאץ וואס ליעגט איבער דער ברייט פון א שיף; דער ווייסער קווערלינענדער נאט פון מארך; א קרייץ-פערמיג הענטעל פון א שווערד.

cross'-piled *a.* (קראָהס'-פאילד) מיט באלקענס אדער שטאנגען וואס ליעגען קווער איינע צו די אנדערע.

cross'-pollina'tion *n.* (קראָהס'-פאל-אי-ניי'-שאן) ז. *cross-fertilization*.

cross'-pur'pose *n.* (קראָהס'-פויר'-פאס) א פלאן צו דערגרייכען א געוויסען ציעל, וועלכער שטעהט אין געגענזאץ צו אן אנדער פלאן וועגען דערגרייכען דעמזעלבען ציעל.
Though professing the same objects the two societies worked at cross-purposes.

cross'-quar'ters *n.* (קראָהס'-קהוואר'-טערז) אין ארכיטעקטור — א בעפוצונג פון א געביידע אין דער פארם פון פיער איבערגעקרייצטע בלעטער.

cross'-ques'tion *v.* (קראָהס'-קהוועס'-טשאן) ז. *cross-examine*.

cross'-ref'erence *n.* (קראָהס'-רעפ'-ער-ענס) דאס אנצייגען אין א בוך אויף אן אנדער שטעל אדער פראזע אין דעמזעלביגען בוך.

cross'-road *n.* (קראָהס'-ראוד) א שייד-וועג; א וועג וואס שניידט זיך דורך פון איין וועג צו א צווייטען; א זייט-וועג.

cross'-roads *n.* (קראָהס'-ראודז) דער ארט וואו צוויי וועגען קרייצען זיך.

cross'-row *n.* (קראָהס'-ראו) דער אלף-בית.

cross'-sea *n.* (קראָהס'-סיע) אן אונרוהיגער, שטורמישער ים.

cross'-sec'tion *n.* (קראָהס'-סעק'-שאן) א קווער-שניט [דאס פארשטעלען אויף א פלאן א געוויסע זאך, ווי למשל א מאשין, אלס דורכגעשניטען אין מיטען, כדי צו זעהן וואס דארט איז אינעווייניג].

cross'-set *a.* (קראָהס'-סעט) וואס ליופט פאר קווער; וואס איז געריכטעט פאר קווער.

cross'-spi'der *n.* (קראָהס'-ספאי'-דער) דער קרייץ-שפין [אזא גארטען-שפין מיט א קרייץ אויף'ן רוקען].

cross'-spring'er *n.* (קראָהס'-ספרינג'-ער) א קווער-ריפ [אין ארכיטעקטור].

cross'-stitch *n.* (קראָהס'-סטיטש) א קרייץ-שטאך [א שטאך אין נעהען וואו די פעדים לעגען זיך איינע איבער די אנדערע אזוי ווי א קרייץ].

cross'-stone *n.* (קראָהס'-סטאון) דער כיאסטאליט [א מין מינעראל, ביי וועלכען די קריסטאלען זיינען בעהעפט אין קרייץ-פארמען].

cross'-sum'mer *n.* (קראָהס'-סאמ'-ער) א קווער-באלקען.

cross swords (קראָהס סאורדז) זיך פעכטען מיט שווערדען; זיך שלאגען, קעמפפען.

cross the breed (קראָהס טהי בריעד) צונויפפארען חיות פון פערשיעדענע מינים.

cross'-tie *n.* (קראָהס'-טאי) די קווער-שפאלע וואס ווערט געלעגט אונטער רעלסען [שינעס].

cross'-ti'ning *n.* (קראָהס'-טאי'-נינג) דאס באראנעווען א פעלד אין דער לענג און אין דער ברייט.

cross'tree *n.* (קראָהס'-טריע) א שטאנג צוגעפעסטיגט אין דער ברייט צום אויבערשטען טייל פון א מאסט-בוים.

cross'-vaul'ting *n.* (קראָהס'-וואהל'-טינג) אין ארכיטעקטור — געוועלב-ארבייט אין דער פארם פון א קרייץ.

cross'-way *n.* (קראָהס'-הוויי) ז. *cross-road*.

cross'-wind *n.* (קראָהס'-הווינד) א זייט-ווינד; אן אונגינסטיגער ווינד, וואס בלאזט אין אן ענטגעגענגעזעצטער ריכטונג.

cross'-wire *n.* (קראָהס'-הוואיר) א דראט וואס ליעגט קווער צו אן אנדער דראט.

cross'wise *adv.* (קראָהס'-הוואיז) קווער, קרייצווייז, אין דער ברייט.

cross'wort *n.* (קראָהס'-הוואירט) קרייץ-קרויט [א געוויסע פלאנצע].

crotch *n.* (קראטש) א גאפעל מיט צוויי שפיצען אדער דאס וואס איז אין דער פארם פון אזא גאפעל; דער פונקט, וואו א שטאם פון א בוים צוטיילט זיך אין צוויי צווייגען; די ווינקעלזייט פון א ביליארד-טיש.

crotched *a.* (קראטשט) וואס האט די פארם פון א גאפעל; וואס עס געהט זיך פאנאנדער אין צוויי שפיצען.

crotch'et *n.* (קראטש'-עט) א מאדנער איינפאל, א קאפריז, א משוגעת; א העקעל, א האקען, א האטשיק; איינע פון די עקיגע קלאמערען [ ], וואס ווערען געברויכט אין שרייבען און דרוקען; א כירורגישער אינסטרומענט מיט א שארפען האקען, וואס ווערט בענוצט פון דאקטוירים ארויסצונעהמען א קינד פון מוטער'ס בויך; א פערטעל טאן [אין מוזיק]; א קלאץ אין דער פארם פון א גאפעל אונטערצוהאלטען א געביידע; א שערעננע סאלדאטען וואס איז אויסגעשטעלט פערפענדיקולאר צו דער ליניע פון שלאכט.

crotch'eted *a.* (קראטש'-עט-עד) וואס ווערט בעצייכענט אדער געמאסטען מיט פיערטעל-טענער [אין מוזיק].

crotch'etiness *n.* (קראטש'-עט-אי-נעס) קאפריזנעקייט; דאס האבען משוגעת'ען אין קאפ.

crotch'ety *a.* (קראטש'-עט-אי) קאפריזנע; עקסצענטריש, משוגע'וואטע.

Cro'ton *n.* (קראָ׳-טאָן) דער מין קראָטאָ־נע־פּלאַנצען [אַ מין פּלאַנצע, פון וועלכע מען בעקומט קראָטאָנע־אויל, וואַקסט אין די הייסע לענדער].

Croton

cro'ton-bug *n.* (קראָ׳-טאָן-באַג) אַזאַ פּריים.

cro'ton-oil *n.* (קראָ׳-טאָן-אויל) קראָטאָן־אויל [אַ ברוינליך־געלב, קלעפּעריג, ביטער אויל וואָס בעקומט זיך פון די קראָטאָנע־פּלאַנצען. זעהר אַ שטאַרקער אַב־פיהר־מיטעל].

crouch *v.* (קראַוטש) זיך איינבויגען; צוזאַמענקאַרטשען זיך, קריכען, קנעכטיש בויגען זיך.

crouch'back *n.* (קראַוטש׳-בעק) איינער וואָס האָט אַ רונדען אויסגעבויגענעם רוקען; אַ הויקער.

crouch'-ware *n.* (קראַוטש׳-הוועהר) אַ זאָרט פּיינע טעפּער־געשיר.

croup *n.* (קרוהפּ) קרופּ [אַ האַלז־קראַנק־הייט הויפּטזעכליך ביי קינדער, וואָס בע־שטעהט מייסטענס אין דער ענטציגדונג פון גאָרגעל און פון די לופט־רעהרען]; דאָס קרייץ פון אַ פערד [דער טייל פון רוקען וואָס איז הינטער׳ן זאָטעל].

croupade' *n.* (קרוה-פּייד׳) דער הויך־שפּרונג פון אַ פערד [אַן אַרט שפּרינגען פון אַ פערד, ווען ער הויבט אויף אין דער הויך די הינטערשטע פיס].

crou'pal *a.* (קרוה׳-פּעל) וואָס איז שייך צו קרופּ, וואָס האָט דעם כאַראַקטער פון קרופּ.

crou'pier *n.* (קרוה׳-פּי-ער) איינער וואָס קאַסירט איין די פערלוסטען און צאָהלט אויס די געווינסען ביי אַ שפּיעל אין קאָר־טען א. ד. ג. אין די שפּיעל־הייזער; איי־נער וואָס זיצט ביי אַ באַנקעט אויף׳ן צווייטען עק פון טיש אַלס געהילף פון פאָר־זיצענדען.

crou'piness *n.* (קרוה׳-פּי-נעס) דאָס האָבען אַ נייגונג צו בעקומען די קרופּ.

crou'pous *a.* (קרוה׳-פּאָס) וואָס איז שייך צו דער קרופּ־קראַנקהייט. ז. *croup*

crou'py *a.* (קרוה׳-פּי) וואָס איז שייך צו דער קרופּ־קראַנקהייט; וואָס איז עהנ־ליך צו קרופּ; וואָס איז קראַנק געוואָרען מיט קרופּ.

The child had a croupy cough.

crow *n. and v.* (קראָו) אַ קראָהע, אַ וואָ־ראָנע; אַ ברעכשטאַנג, אַ הויבשטאַנג; דאָס קרעהען פון אַ האָהן; איינער פון צוויי גנבים, וועלכער שטעהט אויף דער וואַך בעת דער צווייטער גנב׳עט; אַן אינסטרומענט צו האַלטען שטייף אַ טרויב בעת מען מאַכט אין איהר אַ לאָך און מען לייטעט צו אַן אַנדער טרויב; קרעהען [ווי אַ האָהן]; שרייען אויף אַ קול [מייסטענס פון פרייד]: בעריהמען זיך, טריאומפירען.

Crow

crow'bar *n.* (קראָו׳-באַר) אַ ברעכשטאַנג, אַ הויבשטאַנג.

crow'berry *n.* (קראָו׳-בער-אי) אַזאַ מין שוואַרצע יאַגדע, וועלכע וואַקסט אויף אַזעלכע אימער־גרינע בוימלעך [געפינט זיך אין די נאָרד־טיילען און אין די קאַל־טע געגענדען פון די פעראייניגטע שטאַ־טען פון אַמעריקאַ].

Crowberry

crow'-black'bird *n.* (קראָו׳-בלעק׳-בוירד) אַ מין אַמעריקאַנער פויגעל, וואָס איז עהנליך צו אַ קראָהע.

crowd *n. and v.* (קראַוד) 1. אַ מענגע; אַ געדרענג; אַן עולם; 2. דרענגען, ענג מאַכען; אָנפּאַקען; שטופּען, שטויסען פאַרוועדטס; דערעסען, בעלעסטיגען.

1. The crowd at the ball game was very large. 2. The people crowded the streets on New Year's Eve.

crow'dedly *adv.* (קראָו׳-דעד-לי) גע־דרענגט, צונויפגעשפּאַרטערהייט.

crow'ded to suffoca'tion (קראָו׳-דעד טו סאַפּ-אָ-קיי׳-שאָן) אָנגעפּאַקט אַזש דערשטיקט צו ווערען.

The hall was crowded to suffocation.

crowd on one's brain (קראַוד אָן הוואָנז בריין) אָנפילען דעם קאָפּ [מיט מחשבות].

Strange thoughts crowded on his brain.

crowd out (קראַוד אַוט) אַרויספּרעסען, אַרויסדריקען.

In New York City one nationality often crowds out another from the same neighborhood.

crow'-flow'er *n.* (קראָו׳-פלאַו׳-ער) אַ געוויסער מין נעגעלעך [אַזאַ פּלאַנצע].

crow'foot *n.* (קראָו׳-פוט) אַ מין גראָז־אַרטיגע פּלאַנצע מיט העל־געלבע בליטהען; איינינע שטריק וואָס זיינען דורכגעצויגען דורך אַ הילצערנעם בלאָק און האַלטען אויף דעם לייוועגדענעם דאַך אויבער דער שיף, אַז ער זאָל זיך ניט אַראָבזעצען.

crown *n., a. and v.* (קראַון) אַ קרוין; די קרוין, דער טהראָן [די מאָנאַרכיע, דער מאָנאַרך]; אַ בעלוינונג; אַ כבוד, אַ יחוס; די העכסטע שטופע, די פּאָלקאָמענ־סטע שטופע; אַ שפּיץ [באַרג]; אַ קאָפּ [פון אַ הוט]; דאָס שיידעל פון קאָפּ; אַ קראָנע [אַ מטבע]; דער אויסגעגאָלטער קרייז אויף׳ן שפּיץ פון קאָפּ ביי אַ קאַטוי־לישען גלח; דאָס קרוינדעל פון צאָהן [דער טייל פון צאָהן וואָס שטאַרצט אַרויס פון יאַסלע]; אַ געוויסע פאָרם פון שרייב אָדער דרוק־פּאַפּיער; אַ מין קנופּ פון קאַנאַטען [אויף אַ שיף]; וואָס איז שייך צו אַ קרוין אָדער צום מאָנאַרך; בעקרוי־נען; בעעהרען איינעם מיט אַ כיבוד אָדער טיטול; אויסבילדען דעם שפּיץ פון עפּעס; אין שאַך־שפּיעל — מאַכען אַ קעניגין אָדער אַן אַנדער פיגור דורך אַריינפיהרען אַ סאָלדאַטעל אין דער לעצטער רייה פון די קעסטעלעך אויף׳ן שאַך־ברעט; מאַכען אַ מין קנופּ פון קאַנאַטען [אויף אַ שיף].

crown a man (קראַון ע מען) מאַכען אַ קעניגין אָדער אַן אַנדער פיגור פון אַ סאָלדאַטעל [אין שאַך־שפּיעל].

crowned cup (קראַונד קאַפּ) אַ בעכער אָדער גלאָז, וואָס איז פול איבער די ברע־גען.

crowned mal'ice (קראַונד מעל׳-איס) אַ געמיינהייט וואָס האָט קיין גלייכען ניט צו זיך.

crow'ner *n.* (קראָו׳-נער) איינער אָדער עפּעס וואָס קרוינט אָדער פאַלענדעט.

crown'-glass *n.* (קראַון׳-גלעס) קרויך־גלאָז [פיינע פענסטער־גלאָז].

crown'-impe'rial *n.* (קראַון׳-אים-פּיע׳-רי-על) די קייזער־קרוין [אַזאַ לי־ליען־עהנליכע גאָרטען־בלום וואָס צייכענט זיך אויס מיט איהרע בעזאָנדערס שעהנע בלומען].

Crown-imperial

crow'ning *n. and a.* (קראָו׳-נינג) קאָ־ראָנאַציע, קרוינונג; דאָס וואָס ליעגט ווי אַ קרוין אויף עפּעס; פאַרענדיגט, פאַלענ־דעט.

crown'land *n.* (קראַונ׳-לענד) איינע פון די 19 פּראָווינצען אין וועלכע עסט־רייך־אונגאַרן איז איינגעטיילט.

crown lands (קראַון לענדז) גרונט איינענטום וואָס געהערט צו דער קעניג־ליכער פאַמיליע.

crown law (קראון לאה) די קרימינאל־ געזעצגעבונג אין ענגלאנד.

crown law'yer (קראון לאה'־יער) א רע־ גיערונגס־אדוואקאט אין ענגלאנד וואס טרעט ארויס אין נאמען פון דער רעגיע־ רונג ביי קרימינעלע פראצעסען.

crown'less *a.* (קראונ'־לעס) קרוינלאז, וואס האט ניט קיין קרוין; וואס האט ניט קיין קעניג.

crown'let *n.* (קראונ'־לעט) א קליינע קרוין.

crown of aberra'tion (קראון אוו עב־ע־ריי'־שאן) די שטראהלען־קרוין ארום דער זון.

crown of'fice (קראון אפ'־איס) קרוין־ געריכט אין ענגלאנד [אן אבטיילונג פון'ם העכערען געריכט פאר קרימינעלע פראצעסען].

crown of lau'rels (קראון אוו לאה'־ רעלז) א לארבער־קראנץ, א לארבער־קרוין.

crown'-pa'per *n.* (קראונ'־פיי'־פער) קרוין־פאפיער [אן אמעריקאנער זארט פא־ פיער 19 צאל די לענג און 15 צאל די ברייט].

crown'-post *n.* (קראון־פאוסט) א שטיץ־ באלקען פון א דאך.

crown'-prince *n.* (קראונ'־פרינס) א קרוין־פרינץ, א יורש־עצר.

crown'-saw *n.* (קראונ'־סאה) א צילינ־ דער־זעג, א רונדע זעג.

crown'-scab *n.* (קראונ'־סקעב) א גע־ שווילעכטס אויף א פוס פון א פערד ארום דער קאפיטע.

crown'-shaped *a.* (קראונ'־שייפט) וואס האט די פארם פון א קרוין.

crown'-solic'itor *n.* (קראונ'־סא־ליס'־ אי־טאר) א קרוין־אדוואקאט אין ענגלאנד, וואס גרייט צו אלעס פאר דער פראקורא־ טור איז'ם פאל פון א קרימינאל־פערברע־ כען.

crown'-this'tle *n.* (קראונ'־טהיסל) ז. *crown-imperial.*

crown'-wheel *n.* (קראונ'־הוויעל) א קרוין־ראד [א ראד ביי וועלכען די צייה־ נער זיינען פון איין זייט געשניטען אונ־ טער א רעכטען ווינ־ קעל, ווי דאס צאהן־ ראד מיט וועלכען מען ציהט אן א זייגער].



Crown-wheel

crown'-work *n.* (קראונ'־הווארק) בע־ פעסטיגונגען וואס ווערען געמאכט אין דער פארם פון פאדערשטע ווענד פון באסטי־ אנען.

crow'-quill *n.* (קראו'־קהוויל) א פעדער פון א וואראנע [קראהע] פון וועלכער עס ווערט געמאכט א פען צום שרייבען; א זעהר דינע שרייב־פעדער.

crow's'-bill *n.* (קראוז'־ביל) א מין צווייגנעל וואס ווערט בענוצט פון כירור־ גען ארויסצונעהמען א קויל אדער אנדערע זייטיגע זאכען פון א וואונד.

crow's'-feet *n.* (קראוז'־פיעט) קנייטשען וואס ווערען ארום די אויגען ביי אן על־ טערען מענשען.

crow's'-foot *n.* (קראוז'־פוט) א קנייטש ארום אויסערליכען ווינקעל פון אויג; א שטיק אייזען מיט עטליכע שפיצען [בע־ נוצט צום אנווארפען אויף א וועג אום צו שטערען דעם גאנג פון אן ארמעע]; א דריי־עקיגער שטאף [אין נעהען אדער שטיקען].

crow'-silk *n.* (קראו'־סילק) א פארים־ ארטיגע וואסער־פלאנצע.

crow's'-nest *n.* (קראוז'־נעסט) א קעס־ טעל אדער ביידעל פאר'ן וואך־מאן אויבען אויף'ן מאסט פון א שיף צו פאנגען וואל־ פיש.

crow'stone *n.* (קראו'־סטאון) דער העכסטער שטיין פון'ם שפיץ דאך אין א געביידע.

crow'-toe *n.* (קראו'־טאו) אזא פלאנ־ צע מיט שמעקעדיגע בלומען פון פערשיע־ דענע פארבען.

croyl'stone *n.* (קראיל'־סטאון) דער שפאט־קריסטאל [א מין שטיין].

croze *n. and v.* (קראוז) דער איינשניט וואס ווערט געמאכט אין די ברעטלעך פון א פאס אריינצושטעלען דעם דעק; א באנ־ דערס הובעל צו מאכען דיעזען איינשניט; אויסשניידען א גראבענדעל אין די ברעט־ לעך פון א פאס וואו מען דארף אריינשטע־ לען דעם דעק.

Cro'zier *n.* (קראו'־זשער) אין אסטרא־ נאמיע — א געוויסע צוזאמענזעצונג פון שטערען.

cro'zier *n.* (קראו'־זשער) א שטאק מיט א צלם אויף'ן שפיץ [ווערט געטראגען פון אן ערץ־בישאף ביי געוויסע צערעמא־ ניעס]; איינער וועלכער טראגט דיעזען שטאק; א צלם־טרעגער.

cru'cial *a.* (קרו'־שיעל) קרייצפערמיג; ענטשיידענד, וואס שטעלט זיך ענדליך אב אויף איינע פון צוויי ענטגעגענגעזעצטע מיינונגען; וואס איז שייך צו א שמעלץ־ טיגעל.

cru'cian *n.* (קרו'־שיען) [א מין קארפ א קורצער, דיקער און ברייטער פיש, וואס האלט זיך אויף אין די וואסערען פון צפון אייראפא און אזיען].

cru'ciate *a.* (קרו'־שי־אייט) וואס האט די פארם פון א צלם.

crucia'tion *n.* (קרו־שי־איי'־שאן) דאס זיין קרייצפערמיג.

cru'cible *n.* (קרו'־סיבל) 1. א שמעלץ־ טיגעל [א כלי אדער א טעפעל פון ליים אדער מעטאל, אין וועלכען מען שמעלצט מעטאלען]; די פייער־פראבע; 2. דער שמארקער נסיון.

2. His probity was tried in the crucible of temptation.

cru'cifer *n.* (קרו'־סי־פער) דער צלם־ טרעגער; א פלאנצע, ביי וועלכער די בלי־ טהען זעהען אויס ווי א צלם.

crucif'erous *a.* (קרו־סיפ'־ע־ראס) קרייצפערמיג [וועגען פלאנצען, ביי וועל־ כע די בלומען־בלעטעלעך וואקסען אין דער פארם פון א צלם].

cru'cifier *n.* (קרו'־סי־פאי־ער) איינער וואס קרייציגט.

cru'cifix *n.* (קרו'־סי־פיקס) א קרוציפיקס [א צלם מיט'ן בילד פון'ם געקרייציגטען יעזוס אויף איהם].

crucifix'ion *n.* (קרו־סי־פיק'־שאן) קריי־ ציגונג [א שענדליכע טויט־שטראף אין די אלטע צייטען, מעהרסטענטייל אין אזיען]; יעזוס'עס קרייציגונג; שרעקלי־ כער פיין; גייסטיגע ליידען.

cru'ciform *a.* (קרו'־סי־פארם) קרייצ־ פערמיג.

cru'cify *v.* (קרו'־סי־פאי) קרייציגען; טויטען [דעם זינדיגען גוף]; פייניגען.

crucig'erous *a.* (קרו־סידזש'־ע־ראס) וואס האט אויף זיך א צלם.

crude *a.* (קרוד) רוי; גראב; ניט אויס־ געארבייט; ניט פערענדיגט, ניט פער־ פאלקאמט, ניט פערטיג צום געברויך; ניט רייף; וואס ציינט ניט גענוג וויסען, פע־ היגקייט אדער ערפאהרונג; וואס איז ניט פעהיג ארויסצובריינגען א פאלשטענדיג פערענדיגטע, פאלקאמענע זאך.

crude hu'mors (קרוד היו'־מארז) ניט פערדייטע זאפטען [אין מעדיצין].

crude'ly *adv.* (קרוד'־לי) אויף א רויען, גראבען אדער אונהעפליכען אופן; אויף א פארמלאזען, אונפערענדיגטען, ניט פאל־ קאמענעם שטייגער; אהן ארדנונג; אהן דער נויטיגער פעהיגקייט אדער קענטניסע.

crude'ness *n.* (קרוד'־נעס) דאס זיין רוי; אונצייטיגקייט; אויבערפלעכליכ־ קייט; דאס זיין ניט פאלקאם, ניט פאל־ שטענדיג; דאס זיין געמאכט אהן די נויי־ טיגע קענטניסע אדער פעהיגקייטען; דאס זיין אונפערדייבאר.

crude oil (קרוד איל) ניט ראפינירטער, ניט געריינירטער אויל.

cru'dity *n.* (קרו'־די־טי) רויהייט; ניט־ צייטיגקייט; דאס זיין ניט פערענדיגט, ניט פערפאלקאמט; אונפערדייבארקייט.

cru'el *a.* (קרו'־על) אונמענשליך, גרוי־ זאם.

War is always a cruel method of settling disputes.

cru'elly *adv.* (קרו'־על־אי) אויף אן אונמענשליכען, גרויזאמען אופן; פעראור־ זאכענדיג פיין און מאטערנישען.

cru'elness *n.* (קרו'־על־נעס) אונמענש־ ליכקייט, גרויזאמקייט; אכזריות.

cru'elty *n.* (קרו'־על־טי) אונמענשליכ־ קייט, גרויזאמקייט; א גרויזאמע טהאט, אכזריות.

cru'et *n.* (קרו'־עט) א פלעשעל [וואו מען האלט וויין, עסיג א. ד. ג.]; א פלע־ שעל, וואו מען האלט דעם הייליגען וויין אדער וואסער אין א קירך.

cruise *v. and n.* (קרוז) קרייסירען [ווע־ גען א שיף — ארומפאהרען הין און צו־ ריק אויף א שפאציער, הויפטזעכליך אבער מיט דעם צוועק צו בעשיצען דעם האנדעל, צו לויערען אויף א שונא אדער צוליעב ים־רויב]; דאס קרייסירען [פון א שיף].

crui'ser *n.* (קרו'־זער) א קרייסירענדע שיף; א שיף וואס האט די אויפגאבע צו בעשיצען דעם האנדעל פון דעם אייגענעם לאנד און שטערען דעם האנדעל פון א פיינדליכען לאנד; א קרייצער; א קריגס־ שיף וואס האט די אויפגאבע צו פערפאל־ גען פיינדליכע קריגס־שיפען.

crul'ler *n.* (קראל'־ער) אזא בייגעל געפרעגעלט אין שמאלץ.

crumb *n. and v.* (קראם) א שטיקעל, א ברעקעל [פון ברויט, קוכען א. ד. ג.]; דער אינוועניגסטער ווייכער טייל פון ברויט און קוכען; צוברעקלען; בערעקען מיט ברעקלעך ברויט [געפרעגעלט פלייש א. ד. ג.].

crumb-and-crust man (קראם־ענד־ קראסט מען) א בעקער.

crumb'-brush *n.* (קראמ'־בראש) א בארשט, מיט וועלכער מען שארט אראב ברויט־ברעקלעך פון טיש.

crumb'-cloth *n.* (קראמ'־קלאטה) א שטיק שטאף וואס ווערט געלעגט אונטער'ן טיש צו פערהיטען דעם דיל אדער דעם טעפיך פון ברויט־ברעקלעך.

crumb'-knife *n.* (קראמ'־נאיף) א מע־ סער וואס מען ניצט אראבצושארען ברויט־ ברעקלעך פון טיש.

crum'ble *n. and v.* (קראמבל) א ברע־ קעל; צוברעקלען; זיך ברעקלען; צופאלען אויף שטיקלעך; פערשווינדען שטיקלעכ־ ווייז; פערשווינדען אונבעמערקט.

crum'bly *a.* (קראמ'-בלי) ברעקעלדיג.

crum'mable *a.* (קראמ'-עבל) ברעקעלדיג; וואס האט א טבע זיך צו ברעקלען.

crum'my *a.* (קראמ'-אי) קרוכקע; ברעקעלדיג; ווייך.

crump *n., v. and a.* (קראמפ) טרעשטשען [ווי ווען מען עסט פערדארטע אדער קרוכקע ברויט אדער ווי דאס טרעשטשען פון פערפרארענעם שניי]; קראמפף; זיין צודרעהט, קאפריזנע; פערדארט, קרוכקע, ברעקעלדיג.

crum'pet *n.* (קראמ'-פעט) אזא טהעע-קיכעל.

crum'ple *n. and v.* (קראמפל) איינשרומפען; צוקנייטשען; איינגלייפען; צוקנייטשט ווערען; עטוואס וואס איז צוקנייטשט אדער איינגעשרומפען; א קנייטש, א פאלד.

crum'pler *n.* (קראמ'-פלער) א האלזטוך.

crum'pling *n.* (קראמ'-פלינג) אן איינגעשרומפענער עפעל.

crum'py *a.* (קראמ'-פי) קרוכקע; ברעקעלדיג.

crunch *n. and v.* (קראנטש) צוברעכען מיט די צייהנער; קייען מיט א גערויש, כראמשקען; צורייבען, צומאלען, צושטויסען מיט א גערויש; טהאן עפעס מיט א גערויש ווי מען כראמשקעט; מאכען א גערויש ווי פון כראמשקען; דאס כראמשקען; דאס דורכברעכען זיך אדער דאס אנשטויסען זיך אן עפעס מיט א גערויש ווי פון כראמשקען.

cru'or *n.* (קרו'-אר) פערגליווערט אדער פערהארטעוועט בלוט.

crup *n.* (קראפ) דאס קרייץ פון א פערד [דער טייל פון א פערד'ס רוקען וואס איז הינטער דעם זאטעל]; א הארב.

crup'per *n. and v.* (קראפ'-ער) דאס קרייץ פון א פערד [דער טייל פון א פערד'ס רוקען וואס איז הינטער דעם זאטעל]; א רימען צו בעפעסטיגען א זאטעל [דער רימען וואס געהט דורך אונטער דעם פערד'ס עק]; בעפעסטיגען א זאטעל מיט אזא רימען.

cru'ral *a.* (קרו'-רעל) וואס איז שייך צום שימביין [דער טייל פון פוס צווישען קניע און קנעכעל].

crusade' *n.* (קרו-סייד') 1. א קרייצצוג [איינע פון די מיטעלאלטערליכע עקספעדיציעס פון די קריסטליכע פעלקער צו ראטעווען ארץ ישראל פון טערקיי'ס הענד]; 2 א שטארקע בעוועגונג פאר אן אידעע.
2. The Mayor inaugurated a crusade against gambling in the city.

crusa'der *n.* (קרו-סיי'-דער) א קרייצפאהרער [דער וואס האט גענומען אנטייל אין א קרייצצוג]. ז. *crusade*

crusa'ding *a.* (קרו-סיי'-דינג) וואס איז שייך צו א קרייצצוג; וואס נעהמט אנטייל אין א קרייצצוג.

cruse *n.* (קרוס) א ליימענער טאפ, א קרוג, א פלעשעל.

cru'set *n.* (קרו'-סעט) א גאלדשמיד'ס שמעלץ-טיגעל.

crush *v. and n.* (קראש) צוקוועטשען, צוברעקלען, צומאלען; דריקען, אונטערדריקען, נובר זיין, פערטילינגען, א תל מאכען; צוקנייטשען, צוזאמענגעפרעסט ווערען; א שטויסעניש [פון מענשען], א דריקעניש, א קוועטשעניש.

crush a cup (קראש ע קאפ) אריינגיסען א גלעזעל אין א נוטער, פריינדליכער קאמפאניע.

crushed *a.* (קראשט) צוקוועטשט, צוקנייטשט, צובראכען, צושטויסען, צומאלען; נעדריקט, צודריקט, אונטערדריקט; בעזיעגט.

crush'er *n.* (קראש'-ער) איינער אדער עטוואס וואס צושטויסט, צודריקט, אדער מאכט א תל; איינער וואס איז נובר; א פאליציסט.

crush'-hat *n.* (קראש'-העט) א הוט, וואס קען צוזאמענגעלעגט ווערען; אן אפערא-הוט.

crush'ing *a.* (קראש'-אינג) וואס האט א נייגונג אדער וואס קען צודריקען, צושטויסען, צומאלען, נובר זיין, א תל מאכען.

crush'ing-machine' *n.* (קראש'-אינג-מע שין') א מאשין וואס צושטויסט, צומאלט שטיינער אדער אנדערע עהנליכע זאכען.

crush one's hopes (קראש הוואנז האופז) מאכען צו גארנישט אימעצענס האפנונגען; אימעצען אבהענגיג מאכען.

crush'-room *n.* (קראש'-רוהם) דער בופעט, דער פלאץ אין א טעאטער, וואו דער עולם שפאציערט ארום בעת די אנטראקטען.

crust *n. and v.* (קראסט) קארע, הארטער שאלעכץ; שאלעכץ; א סקארינקע פון ברויט; די אויבערפלעכע פון דער ערד; די אויבערשטע הארטע טיילען [פון א קרעבס, מושעל א. ד. ג.]; בעדעקען מיט א הארטען שאלעכץ; בעדעקט ווערען ווי מיט קארע; פיהרען א יאגד אויף גרויסע חיות [ווי הירשען] איבער פערפרארענעם שנעע.

Crusta'cea *n.* (קראס-טיי'-שיא) דער מין וואסער-טהיערע וואס זיינען בעדעקט מיט א הארטען שאלעכץ [ווי ראקעס].

crusta'cean *n. and a.* (קראס-טיי'-שיען) וואס איז שייך צו די וואסער-טהיערע וואס זיינען בעדעקט מיט א הארטען שאלעכץ; א בעשעפעניש פון דעם מין.

crustaceol'ogy *n.* (קראס-טיי-שי-אל'-א-דזשי) די לעהרע וועגען די וואסער-טהיערע וואס זיינען בעדעקט מיט א הארטען שאלעכץ.

crusta'ceous *a.* (קראס-טיי'-שיאס) וואס איז עהנליך צו הארטען שאלעכץ אדער צו קארע; וואס איז ווי א מושעל; וואס האט א הארטען שאלעכץ [ווי א ראק].

crus'tate *a.* (קראס'-טייט) בעדעקט מיט א הארטען שאלעכץ; פערהארטעוועט פון אויבען.

crus'tated *a.* (קראס'-טיי-טעד) ז. *crustate*

crusta'tion *n.* (קראס-טיי'-שאן) דאס בעדעקט ווערען ווי מיט א קארע; דאס פערהארטעוועט ווערען פון אויבען.

crust'-hunt *v.* (קראסט'-האנט) פיהרען א יאגד [מעהרסטענטייל אויף גרויסע חיות, ווי למשל, הירשען] איבער פערפרארענעם שנעע.

crus'tily *adv.* (קראס'-טי-לי) ערגערליך, שלעכט נעשטימט, אנגעבלאזען.

crus'tiness *n.* (קראס'-טי-נעס) דאס זיין פערהארטעוועט פון אויבען; דאס זיין הארט; דאס זיין ערגערליך; דאס זיין שלעכט נעשטימט; דאס זיין אנגעבלאזען.

crus'ting *n.* (קראס'-טינג) יאגד [מעהרסטענטייל אויף גרויסע חיות, ווי למשל, הירשען] איבער פערפרארענעם שנעע.

crus'ty *a.* (קראס'-טי) ווי קארע; הארט; אנגעבלאזען, אנגעכמורעט, שלעכט געשטימט.

crutch *n. and v.* (קראטש) א קוליע; אלטסקייט; געהן אויף קוליעס; אונטערהאלטען מיט קוליעס; אונטערהאלטען, אונטערשטיצען.

crutched *a.* (קראטשט) אנגעלעהנט אויף קוליעס; בעוואפנט מיט קוליעס; בעצייכענט מיט א צלם; וואס טראגט א צולם.

crux *n.* (קראקס) א קרייץ; דער קרייץ [אלס פייניגונגס-מיטעל]; עטוואס וואס פייניגט אדער ברייננט אין פערלעגענהייט; א רעטעניש; עטוואס וואס איז רעטזעלהאפט.

Crux *n.* (קראקס) דאס זיד-קרייץ [א געוויסע צוזאמענשטעלונג פון שטערען אין הימעל].

cry *v. and n.* (קראי) שרייען; אויסשרייען; אויסרופען; וויינען; קלאגען אויף'ן קול; עפענטליך ערקלערען, עפענטליך בעשולדיגען; א געוויין; א קלאג; א געשריי, אן אויסגעשריי; א רוף, אן אויסרוף; אן עפענטליכע ערקלערונג; אן עפענטליכע בעשולדיגונג; א מחנה הינט; א קאמפאניע [אין פערעכטליכען זין]; א קריעגס-רוף; א שלאג-ווארט; דער גערויש וואס קומט פון בוינען קופער-בלעך.

cry af'ter (קראי עפ'-טער) וויינען פאר בענקעניש נאך עפעס.

cry against' (קראי ע-גענסט') טאדלען אדער דראהען אויף'ן קול.
Arise, go to Nineveh, . . . and cry against it.

cry'-ba'by *n.* (קראי'-ביי'-בי) א צופיעשטשעטער, א צובאלעווטער, איינער וואס וויינט ביי דער קלענסטער געלעגענהייט.

cry back (קראי בעק) געהן נאך די שפורען צוריק אדער זיך צוהערען צו דעם גערויש פון הינטען [אויף יאגד]; ווערען עהנליך צו די אור-עלטערען [וועגען בהמות].

cry before' hurt (קראי בי-פאור' הוירט) שרייען גלאט אין דער וועלט אריין; מיר נישט דיר נישט שרייען.

cry down (קראי דאון) מאכען א שלעכטען נאמען אימעצען; ארויסלאזען א שמרע; פערווערען א זאך.

cry for the moon (קראי פאר טהי מוהן) וועלען דאס טעלערעל פון הימעל.

cry'ing *a.* (קראי'-אינג) 1. וויינענדיג, טרויעריג; 2. אונערטרעגליך; הימעל-שרייענד.
1. She sang a crying song. 2. The conviction of the prisoner was a crying injustice.

cry'ing-drunk *a.* (קראי'-אינג-דראנק) שכור ווי לוט.

cry'ing e'vil (קראי'-אינג איוול) א הימעל-שרייענדער פעהלער אדער איבעל.
The crying evils in our government must be promptly remedied.

cry'olite *n.* (קראי'-א-לאיט) קריאליט [א מינעראל וואס געפינט זיך אין גרענלאנד און אין אוראל. ווערט בענוצט צו פאבריצירען סאדע און אלומיניום].

cryoph'orus *n.* (קראי-אפ'-א-ראס) א וואסער-פריערער [אן אינסטרומענט, וועלכער בעווייזט ווי אזוי וואסער קיהלט זיך אב און פריערט].

cry out (קראי אוט) א געשריי טהאן; שרייען אויף א קול; קלאגען זיך.

crypt *n.* (קריפט) א קעלער אין א הויז; א סקלעפ; דער סקלעפ אין א קירך, וואס ווערט בענוצט פאר קברים און מאנומענטען; אין אנאטאמיע — דריזען אין דער פארם פון זעקעלעך אדער בייטעלעך.

cryp'tic *a.* (קריפ'-טיק) בעהאלטען, פער-

בארנען; מיט א האלבען מויל, ניט דערעדט.

The statement given by the editor seemed a cryptic utterance.

cryp'tical *a.* (קריפ'-טי-קעל) ז. *cryptic*

cryp'tically *adv.* (קריפ'-טי-קעל-אי) בסוד; בעהאלטענערהייט.

cryp'togam *n.* (קריפ'-טא-געם) א פלאנצע פון דעם מין קריפטאגאמען. ז. *Cryptogamia*

Cryptoga'mia *n.* (קריפ-טא-גיי'-מי-א) די קריפטאגאמען [די אלע מינים פון נידעריגע פלאנצען, וועלכע בליהען נים, נאר ווערען בעפרוכטעט דורך ספארען אדער מיקראסקאפישע צעלען].

cryptogam'ic *a.* (קריפ-טא-געמ'-איק) וואס איז שייך צו די קריפטאגאמען. ז. *Cryptogamia*

cryp'togram *n.* (קריפ'-טא-גרעם) א שריפט וואס איז געשריבען מיט געהיימע צייכענס [שיפער], וועלכע זייטיגע מענשען קענען ניט פערשטעהן.

cryp'tograph *n.* (קריפ'-טא-גרעף) א געהיימע שריפט; א שיפער-כתב; די מעטאדע צו שרייבען מיט א שיפער.

cryptograph'ic *a.* (קריפ-טא-גרעפ'-איק) געשריבען אין א געהיימע שריפט; וואס ווערט בענוצט צו שרייבען אין א געהיימע שריפט.

cryptograph'ical *a.* (קריפ-טא-גרעפ'-איק-על) ז. *cryptographic*

cryptog'raphy *n.* (קריפ-טאג'-רע-פי) דאס שרייבען שיפרירט; א געהיימער שיפער.

cryptol'ogy *n.* (קריפ-טאל'-א-דזשי) שיפער-כתב, ציפער-שריפט, געהיימע שפראך.

cryp'tonym *n.* (קריפ'-טא-נים) א נעהיימער נאמען [א נאמען וואס איינער האט אין א געהיימע געזעלשאפט א. ד. ג.].

crys'tal *n. and a.* (קריס'-טעל) קריסטאל, קריסטאל-גלאז; אין כעמיע און מינעראלאגיע — א קריסטאל [א הארטער פיעלקאנטיגער און סימעטריש געבויטער קערפער, וועלכער בילדעט זיך אויס דורך די מאלעקולארע בעוועגונג פון שטאף. די איינפאכסטע טיילעכלעך פון זאלץ, צוקער, גראניט א. ד. ג. זיינען קריסטאלען]; פון קריסטאל; קלאר, דורכזיכטיג.

crys'tal-form *a.* (קריס'-טעל-פארם) קריסטאל-פערמיג, אין דער פארם פון א קריסטאל.

crys'tal-glass *n.* (קריס'-טעל-גלעס) קריסטאל-גלאז.

crystal'lic *a.* (קריס-טעל'-איק) וואס איז שייך צו קריסטאל אדער צו קריסטאליזירונג.

crystallif'erous *a.* (קריס-טע-ליפ'-ע-ראס) וואס ענטהאלט אין זיך קריסטאלען.

crys'tallin *n.* (קריס'-טע-לין) איי-ווייסער שטאף וואס געפינט זיך אין דער קריסטאל-לינז פון אויג; אין כעמיע — אנילין [א פעטליכע זעהר גיפטיגע פליסיגקייט וואס געפינט זיך אין טער (רזעגעכץ) פון שטיין-קויהלען].

crys'talline *n. and a.* (קריס'-טע-לין) וואס בעשטעהט פון קריסטאל; וואס איז שייך צו קריסטאלען אדער צו קריסטאליזירונג; וואס האט זיך אויסגעבילדעט דורך קריסטאליזאציאן; וואס איז עהנליך צו קריסטאל; קלאר, דורכזיכטיג; א פעלז וואס האט זיך אויסגעבילדעט טיילווייז אדער אינגאנצען דורך קריסטאליזאציאן. ז. *crystallization*

crys'tallisable *a.* (קריס'-טע-לאי-זעבל) ז. *crystallizable*

crystallizabil'ity *n.* (קריס-טע-לאי-זע-ביל'-אי-טי) דאס קענען קריסטאליזירט ווערען.

crys'tallizable *a.* (קריס'-טע-לאי-זעבל) וואס קען קריסטאליזירט ווערען. ז. *crystallization*

crystalliza'tion *n.* (קריס-טע-לי-זיי'-שאן) קריסטאליזאציאן [א פראצעס וואס בעשטעהט דערין, וואס די מאלעקולען פון א פליסיגען שטאף אדער גאזען נעהמען אן בעשטימטע, רעגעלמעסיגע קריסטאל-פארמען, ווען זיי פערדיכטען זיך דורך אבקיהלונג אין א פעסטען קערפער]; די קריסטאליזירטע מאסע.

crys'tallize *v.* (קריס'-טע-לאיז) קריסטאליזירען; זיך קריסטאליזירען; אננעהמען רעגעלמעסיגע, בעשטימטע פארמען. ז. *crystallization*

crys'tallizer *n.* (קריס'-טע-לאי-זער) דאס וואס ווירקט אויף דער קריסטאליזירונג פון א זאך.

crystallog'raphy *n.* (קריס-טע-לאג'-רע-פי) קריסטאלאגראפיע [די לעהרע ווענען קריסטאלען, ווענען זייער אויסבילדונג און פארמען].

crys'talloid *n. and a.* (קריס'-טע-לאיד) וואס איז עהנליך צו א קריסטאל; איינע פון די שטאפען [ווי זאלץ, צוקער א. ד. ג.], וועלכע קענען דורכגעהען דורך א דיקע צייג, ווי פארמעט-פאפיער, ווען זיי זיינען פאנאנדערגעלאזען אין א פליסיגקייט; שטאף פון איי-ווייס, אין דער פארם פון א קריסטאל, וואס געפינט זיך אין צעלע פון א פלאנצע.

crystallol'ogy *n.* (קריס-טע-לאל'-א-דזשי) קריסטאלאגיע [די וויסענשאפט וועגען די קערפערס אין דער אונארגאנישער נאטור אויף וויפיעל זיי בילדען זיך אוים אין דער פארם פון קריסטאלען].

crys'tallotype *n.* (קריס'-טע-לא-טאיפ) א מין פאטאגראפיע אויף גלאז.

cry the bans (קראי טהי בענז) אויסרופען אין קירך די נעמען פון פערלאבטע [חתן-כלה], מיט דעם ציעל טאמער וועט זיך ארויסרופען איינער וואס האט א טענה נעגען דעם שידוך; אויסשרייען וויפיעל מען באט אן אויף אן אויקציאן.

daub *n. and v.* (דאהב) שמירען; בע־ שמירען מיט קליי; בעשמירען מיט ליים אדער מיט שמוץ; פלאסטערען מיט וואפ־ נע אדער ליים; מאהלען אהן געשמאק [שמירען]; פערדרעקען, פערשמירען [אימעצענס חטאים]; קליידען זיך אומ־ געלומפערט; אונטער'חנפ'ענען זיך; א בי־ ליגע נים קינסטלערישע געמעלדע [א שמירעכץ]; א ביליגער פראסטער זארט פלאסטער־וואפנע.

dau'ber *n.* (דאה'-בער) א שמירער, איינער וואס שמירט אוים אדער בע־ שמוצט; א פראסטער מאהלער [א שמיע־ רער]; א נידריגער חונף; א בערשטעל פאנאנדערצושמירען דיא שוהוואקס אויף א שוך.

dau'bery *n.* (דאה'-בער-אי) א שמיע־ רעריי.

dau'bing *n.* (דאה'-בינג) עפעס מיט וואס מען שמירט אוים [ווי וואפנע אדער ליים]; דאס בויען ווענד פון פערהאר־ טעוועטע בלאטע; א ביליגע נים קינסט־ ליכע געמעלדע; אן אומגעלומפערטע חניפה.

dau'by *a.* (דאה'-בי) קלעפעדיג; גע־ שמירט; שלעכט געמאהלט [געשמירט].

daugh'ter *n.* (דאה'-טער) א טאכטער.

daugh'ter-in-law *n.* (דאה'-טער-אין-לאה) א שנור, א שווינער־טאכטער.

daugh'terless *a.* (דאה'-טער-לעס) אהן טעכטער.

daugh'terliness *n.* (דאה'-טער-לי-נעס) טאכטערשאפט.

daugh'terly *a.* (דאה'-טער-לי) טעכ־טערליך; ווי א טאכטער.

daunt *v.* (דאהנט) אנשרעקען; אראבשלא־גען פון מוטה.

daun'ter *n.* (דאהנ'-טער) איינער וואס שרעקט אן; איינער וואס מאכט אבהענ־גיג אדער שלאגט אראב פון מוטה.

daunt'less *a.* (דאהנט'-לעס) אהן מורא, אונערשראקען; פורכטלאז.

With dauntless courage he continued the work.

daunt'lessly *adv.* (דאהנט'-לעס-לי) אויף אן אונערשראקענעם אופן; אונער־שראקען, פורכטלאז.

daunt'lessness *n.* (דאהנט'-לעס-נעס) אונערשראקענהייט, פורכטלאזיגקייט.

dau'phin *n.* (דאה'-פין) אן אמאליגער טיטעל פון דעם עלטסטען זוהן פון דעם פראנצויזישען קעניג.

dau'phine *n.* (דאה'-פין) די פרוי פון דעם עלטסטען זוהן פון פראנצויזישען קע־ניג.

dau'phiness *n.* (דאה'-פינ-עס) ז. *dauphine*.

dauw *n.* (דאה) אזא חיה וועלכע איז געשטרייפט ווי א זעברא.

dav'enport *n.* (דעווג'-פאורט) א קליי־נער בעציערטער שרייב־טיש.



Davits

dav'it *n.* (דעוו'-איט) איינער פון די צוויי אייזערנע אדער הילי־צערנע שטאנגען וואס ווערען בעפעסטיגט צו דיביידע ענדען פון א שיפעל מים וועלכע מען הויבט עס אויף אין דער הויך וועו עס איז נויטיג.

da'vy *n.* (דיי'-ווי) אזא זיכערהייטס־לאנ־טערנע, וועלכע ווערט געברויכט אין קויה־לען גרובען [דיזער לאנטערנע איז געמאכט אזוי, אז די גאזען אין קויהלען־גרוב זא־לען ניט קענען קומען אין בעריהרונג מיט דעם פייער פון לעמפעל וואס ברענט אין לאנטערנע און עס זאל ניט קומען צו אן עקספלאזיאן. זי איז ערפונדען געווארען פון אן ענגלענדער מיט דעם נאמען דיי־ווי].

Da'vy Jones (דיי'-ווי דזשאונז) דער ים־טייוועל, דער ים־געשפענסט [אויף דער שפראך פון מאטראזען].

Da'vy Jones' lock'er (דיי'-ווי דזשאונז לאק'-ער) דער אקעאן; דער ים־אבגרונד [אויף דער שפראך פון מאטרא־זען].

Da'vy Jones' nat'ural chil'dren (דיי'-ווי דזשאונז נעטש'-יו-רעל טשיל'-דרען) ים־רויבער; קאנטראבאנדיסטען [אויף דער שפראך פון מאטראזען].

Da'vy lamp (דיי'-ווי לעמפ) ז. *davy*.

da'vyum *n.* (דיי'-ווי-אם) אזא מעטאל וואס געהערט צו דער פלאטיניום־גרופע, ער ווערט אבער ניט געדעכענט אלס איי־נער פון די כעמישע גרונד־עלעמענטען.

daw *n.* (דאה) אזא קליין שווארץ פוי־געלע וואס איז עהנליך צו א קראהע; א דומער יונג.

daw'dle *v.* (דאהדל) צורייבען צייט; שפיעלען זיך [ביי דער ארבייט]; ארומ־דרעהען זיך [אהן ארבייט].

daw'dler *n.* (דאה'-דלער) א צייט־פער־שווענדער, א בטלן, א לעדיג־געהער.

daw'dling *a.* (דאה'-דלינג) פערשווענ־דענדיג צייט; ארומגעהענדיג לעדיג.

daw'ish *a.* (דאה'-איש) דום, נאריש.

dawk *n. and v.* (דאהק) א קארב, אן איינשניט; איינקארבען, איינשניידען.

dawn *n. and v.* (דאהן) די מארגען־רויט, די מארגען־דעמערונג, בעגינען; דער אנהויב, דער אנזאג, די ערשטע טריט [פון א נייער צייט־בעוועגונג א. ד. ג.]; אנפאנגען; טאגען, דעמערען אויף טאג; אנהויבען צו שיינען.

daw'ning *n.* (דאה'-נינג) דאס אנפאנגען טאגען; די ענטשטעהונג, דער אנהויב.

daw'ning of life (דאה'-נינג אוו לאיף) דער פריהמארגען פון לעבען, די יונגע יאהרען.

dawn upon' (דאהן א-פאן') אנפאנגען קלאר צו ווערען.

day *n.* (דיי) א טאג, א מעת־לעת [24 שטונדען].

day about' (דיי ע-באוט') א טאג אום א טאג, א טאג איבער א טאג.

day af'ter (דיי עפ'-טער) קאצען־יא־מער; נאכוועהעניש; דאס שלעכט פיה־לען אויף מארגען נאד'ן שכור'ען.

day af'ter day (דיי עפ'-טער דיי) טאג טעגליך.

day af'ter to-mor'row (דיי עפ'-טער טו-מאר'-או) איבערמארגען.

day'-beam *n.* (דיי'-ביעם) דער טאגעס־שטראהל.

day before' yes'terday (דיי בי-פאור' יעס'-טער-דיי) אייערנעכטען.

day'-book *n.* (דיי'-בוק) דער זשורנאל, דער טאג־בוך [אין בוכהאלטעריע].

day'break *n.* (דיי'-ברייק) בעגינען.

day by day (דיי באי דיי) טאג טעגליך.

Day by day he called at my office.

day'-coal *n.* (דיי'-קאול) די אויבערשטע קויהלען־שיכט אין א קויהלען־גרוב.

day'-dream *n.* (דיי'-דריעם) טרוימע־ריי, שווערמעריי; א לופט־שלאס.

day'-drea'mer *n.* (דיי'-דריע'-מער) א טרוימער, א פאנטאזיאר.

day'-drea'ming *n.* (דיי'-דריע'-מינג) טרוימ־מעריי.

day'-fee'der *n.* (דיי'-פיע'-דער) א חיה וועלכע עסט נור ביי טאג.

day'-fli'er *n.* (דיי'-פלאי'-ער) א פויגעל אדער פליה־אינזעקט וואס פליהט נור ביי טאג.

day'-flow'er *n.* (דיי'-פלאו'-ער) די געל־בע ליליע.

day'-fly *n.* (דיי'-פלאי) די איינטאג־פליעג, די מאי־פליעג [אזא שעהנע פליעג וואס לעבט א גאנץ קורצע צייט].



Day-fly

day in, day out (דיי אין, דיי אוט) טאג איין, טאג אויס.

day'-la'bor *n.* (דיי'-ליי'-באר) טאג־ארבייט [ארבייט וואס צאהלט זיך פון טאג].

day'-la'borer *n.* (דיי'-ליי'-באר-ער) א טאג־ארבייטער [איינער וואס ארבייט פון טאג].

day'light *n.* (דיי'-לאיט) טאג־ליכט; זו־נען־ליכט; טאג; פריהמארגען.

day'lights *n.* (דיי'-לאיטס) די אויגען.

day'-lil'y *n.* (דיי'-ליל'-אי) די טאג־ליליע [אזא שעהנע גארטען־בלום וואס האלט אז איהר שעהנקייט ניט מעהר ווי א טאג].

day'-long *a.* (דיי'-לאהנג) וואס דויערט דעם גאנצען טאג.

day'man *n.* (דיי'-מען) א טאג־ארביי־טער [איינער וואס ארבייט פון טאג].

day'mare *n.* (דיי'-מעהר) א קאשמאר. [אזא דריקענדער צושטאנד ווען מען חלום'ט זייענדיג וואך].

day'-nurse *n.* (דיי'-נוירס) א קינדער־מיידעל וואס גיט אכטונג אויף קינדער ביי טאג.

day'-nur'sery *n.* (דיי'-נויר'-סע-רי) אן אנשטאלט צו האלטען קליינע קינדער דורך'ן טאג אין דער צייט ווען זייערע מוטערס ארבייטען.

day of ab'stinence (דיי אוו עב'-סטי-נענס) א פאסט־טאג [תענית].

day of appear'ance (דיי אוו ע-פיער'-ענס) דער טאג אין וועלכען מען דארף ערשיינען צום געריכט.

Day of Atone'ment (דיי אוו ע-טאונ'-מענט) יום כפור.

day of doom (דיי אוו דוהם) דער גרויסער יום הדין.

ז. *crack of doom*.

day of pay'ment (דיי אוו פיי'-מענט) דער צאהל־טאג [ווען א וועקסעל, ראטע אדער רעכנונג מוז בעצאהלט ווערען].

day of reck'oning (דיי אוו רעק'-נ-אינג) דער יום הדין.

day of resurrec'tion (דיי אוו רעז-א-רעק'-שאן) דער טאג פון תחית המתים.

day'-peep *n.* (דיי'-פיעפ) בעגינען; דאס אנהויבען טאגען.

day'-room *n.* (דיי'-רוהם) א פלאץ אין א נעפענגניס וואו מען האלט די ארעס־טאנטען ביי טאג.

day'-schol'ar *n.* (דיי'-סקאל'-ער) א שילער פון א טאג־שוהל [א שוהל וואו מען לערענט ביי טאג]; א שילער, וואס וואהנט פריוואט און האט ניט קיין קעסט אין דער שוהל.

day'-school *n.* (דיי'-סקוהל) א טאג־שוהל [א שוהל וואו מען לערענט ביי טאג]; א שוהל וואו די שילער וואהנען ניט און האבען דארטען ניט קיין קעסט.

day'sight *n.* (דיי'-סאיט) נאכט־בלינד־קייט [אזא אויגען־קראנקהייט דורך וועל־כער דער קראנקער זעהט כמעט גאר ניט ביי נאכט אדער אין דער פינסטער].

day's jour'ney (דייז דזשויר'-ני) א מהלך פון א טאג־רייזע.

days'man *n.* (דייז'-מען) א שיעדס־ריכ־טער, א פשרה־מאכער.

days of grace (דייז אוו גרייס) די טעג פון גנאד [ביי די קריסטען]; די ווארט־טעג ביים צאהלען א חוב [ווען עס ענדיגט זיך דער טערמין פון א וועקסעל ווערט געווארט איינינע טעג, מייסטענס דריי, און אויב דער בעל חוב צאהלט ניט איין אין משך פון דער צייט, ווערט דאס וועקסעל פראטעסטירט].

days of res'pite (דייז אוו רעס'-פיט) ז. *days of grace*.

days of yore (דייז אוו יאור) אמאל, אמאליגע צייטען.

day'spring *n.* (דיי'-ספרינג) דאס בעגינען; דאס אנפאנגען טאגען.

day'-star *n.* (דיי'-סטאר) דער מארגענשטערן; די זון.

day's work (דייז הוואירק) די ארבייט פון א טאג; די בערעכענונג און בעאבאכטונגען פון דעם וועג פון א שיף אין א משך פון 24 שטונדען, גערעכענט פון מיטאג־צייט ביז מיטאג־צייט.

day'-tale *n.* and *a.* (דיי'-טייל) די ארבייט וואס א טאגלויהנער האט אבגעטהאן אין א טאג; די ארבייט פון א טאגלויהנער; געדונגען אויף'ן טאג.

day'taleman *n.* (דיי'-טייל-מען) א טאג־ארבייטער, א טאג־לויהנער.

day'taler *n.* (דיי'-טיי-לער) א טאג־ארבייטער, א טאג־לויהנער.

day'time *n.* (דיי'-טאים) די טאג־צייט [די צייט פון מעת לעת ווען עס איז טאג].

day'woman *n.* (דיי'-הוואום-ען) א טאג־ארבייטערין [איינע וואס ארבייט פון טאג].

day'-work *n.* (דיי'-הוואירק) טאג־ארבייט [ארבייט פאר וועלכע עס ווערט געצאהלט פון טאג].

daze *n.* and *v.* (דייז) פערבלענדען [ווי מיט א שטארקען העלען שיין]; פערטומלען; פערבלענדעט ווערען; פערטומעלט ווערען; דאס ווערען פערבלענדעט אדער צוטומעלט; א בלישטשענדיגער שטיין.

dazed *a.* (דייזד) צוטומעלט; פערבלענדעט.

da'zedly *adv.* (דיי'-זעד-לי) אויף א צוטומעלטען אופן.

da'zedness *n.* (דיי'-זעד-נעס) צוטומעלטקייט.

daz'zle *n.* and *v.* (דעזל) פערבלענדען [ווי מיט א שטארקען העלען שיין]; פערבלענדעט ווערען; העלקייט, שטארקער ליכט־שיין.

daz'zlement *n.* (דעזל'-מענט) דאס פערבלענדען די אויגען פון א שטארקען שיין; פערבלענדונג; צוטומלונג.

daz'zler *n.* (דעז'-לער) איינער אדער עטוואס וואס פערבלענדעט.

D. C. אבקירצונג פון די ווערטער *District of Columbia* [די שטאדט וואשינגטאן, די הויפט־שטאדט פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא, און אומגעגענד].

D. C. L. ראשי תבות פון *doc'tor civ'ilis leg'is* (דאק'-טאר סיוו'-אי-לים לעג'-איס) דאקטאר יורי [א טיטול פאר א געלעהרטען יוריסט].

D. D. ראשי תבות פון *divinita'tis doc'tor* (די-ווי-ני-טא'-טיס דאק'-טאר) דאקטאר פון טעאלאגיע [א טיטול פאר א געלעהרטען טעאלאג (איינער וואס שטודירט רעליגיאן)].

d|d ראשי תבות פון *day's date* (דייז דייט) די טעג נאך דער דאטע [א קאמערציעלער אויסדרוק ווענען א וועקסעל, וואס דארף געצאהלט ווערען אין א געוויסען טערמין נאך דער אנגעגעבענער דאטע אין וועקסעל].

The bill is payable 30 d|d.

D. D. S. ראשי תבות פון *Doc'tor of Den'tal Sur'gery* (דאק'-טאר אוו דענ'-טעל סויר'-דזשערי) דאקטאר פאר דענטישע כירורגיע [א טיטול פאר א געענדיגטען דענטיסט].

dea'con *n.* and *v.* (דיעקן) א דיאקאן, א קירכען־דיענער; אויסליינען א פסוק פון תהלים אדער פון א תפילה בעפאר עס ווערט געזונגען [ווי דאס ווערט געטהאן פון דיאקאן אין קירך]; איינארדנען אזוי, אז מען זאל זעהן נור די בעסטע טיילען [ווי סחורה, למשל]; שווינדלען, פעלשען.

dea'coned veal (דיעקנד וויעל) פלייש פון א צו יונגען קעלבעל וואס טויג ניט צום עסען.

dea'coness *n.* (דיע'קנ-עס) א פרוי וועלכע איז בעשטימט געווארען פון א קירך צו העלפען אין צדקה און אנדערע גייסטליכע ארבייט.

dea'conhood *n.* (דיע'קנ-הוד) דאס אמט פון א דיאקאן אין א קירך.

dea'conry *n.* (דיע'קנ-רי) דאס אמט פון א דיאקאן אין א קירך.

dea'con-seat *n.* (דיע'קן-סיעט) אזא לאנגע באנק מיט א לעהן, וואס ווערט בענוצט אין א געצעלט.

dea'conship *n.* (דיע'קנ-שיפ) ז. *deaconhood*.

dead *n.*, *a.* and *adv.* (דעד) טויט־שטילקייט; די מתים, די טויטע; טויט; אונטהעטיג; טויט־שטיל; אוננוציג; שטומפף; מאט, אהן גלאנץ; דומפף [ווענען א קלאנג]; אהן בעוועגונג; אהן געשמאק; אהן כח; אהן געפיהל; טויטליך; אין גאנצען; פאלשטענדיג.

dead'-alive' *a.* (דעד'-ע-לאיוו') אונטהעטיג, לאנגווייליג.

dead'-alive'ness *n.* (דעד'-ע-לאיוו'-נעס) טויטקייט; לאנגווייליגקייט.

dead'-and-alive' *a.* (דעד'-ענד-ע-לאיוו') ז. *dead-alive*.

dead and done for (דעד ענד דאן פאר) קאפוט, עובר בטל.

dead an'gle (דעד ענגל) דער טויטער ווינקעל [ווענען פעסטונגען, וואס אהין דערגרייכט נים דער פייער פון די קאנאנען].

dead as a door'-nail (דעד עז ע דאור'-נייל) טויט ווי א שטיין, פאלשטענדיג טויט.

dead asleep' (דעד ע-סליעפ') אין טיעפען שלאף.

dead bar'gain (דעד באר'-גיין) א שפאט־ביליגער פרייז; א זיכערער ריוח.

dead beat (דעד ביעט) א לופט־מענש, א מענש וואס מאכט א לעבען פון קונצען־מאכעריי; א מענש וואס מאכט א לעבען פון ניט צאהלען קיין חובות.

dead'-beat *a.* and *n.* (דעד'-ביעט) וואס שטעלט זיך אב מיט א מאל אהן שווינגונגען; וואס בעוועגט זיך אין איין ריכטונג אהן אבצושפרינגען ריקווערטס [ווי דאס העמונגס־רעדעל אין דעם אנציה־מעכאניזם פון א זייגער]; א בעוועגונג אין איין ריכטונג וואס שפרינגט ניט אב ריקווערטס [ווי דאס העמונגס־רעדעל פון א זייגער אדער אין אנדערע מעכאניזמען]; א פארריכטונג אבצושטעלען די בעוועגונג פון א מעכאניזם מיט איין מאל, אז ער זאל קיין שווינגונגען ניט מאכען.

dead'-beat escape'ment (דעד'-ביעט עס-קייפ'-מענט) א רעדעל אדער אנדער פארריכטונג וואס האלט אב א מעכאניזם פון בעוועגען זיך ריקווערטס, אדער וואס האלט אב די בעוועגונג פון א מעכאניזם מיט איין מאל אהן שווינגונגען.

dead'-beat galvanom'eter (דעד'-ביעט געל-ווע-נאמ'-ע-טער) א נאדייא נאמעטער [אן אינסטרומענט, וואס ווערט בענוצט צו מעסטען עלעקטריציטעט] ביי וועלכען דער ווייזער ווערט אבגעשטעלט מיט איין מאל אהן שווינגונגען.

dead black (דעד בלעק) פעך־שווארץ.

dead'-born *a.* (דעד'-בארן) טויט־געבארען, נים לעבענספעהיג.

dead'-broke *a.* (דעד'-בראוק) אהן א פרוטה אין קעשענע.

dead calm (דעד קאהם) די אבזאלוטע ווינד־שטילקייט [אויפ'ן וואסער]; טויט־שטילקייט.

dead'-cen'ter *n.* (דעד'-סענ'-טער) דער טויטען־פונקט [אן אויסדרוק אין דער מעכאניק פאר דעם צושטאנד פון א בעוועגליכען מאשינען טייל, וועלכער בעשטעהט פון צוויי ארעמס מיט א געלענק, ווען די ביידע ארעמס קומען אין איין צענטער־ליניע, ד. ה. אין איין גלייכע ליניע].

dead cer'tainty (דעד סויר'-טיינ'-טי) זיכער ווי דער טויט.

dead'-clothes *n.* (דעד'-קלאוטהז) תכריכים; די קליידער אין וועלכע מען בעגראבט א טויטען.

dead'-cold *a.* (דעד'-קאולד) טויט־קאלט, מורא'דיג קאלט.

dead'-col'oring *n.* (דעד'-קאל'-אר-אינג) די ערשטע קאנטור־שטריכען פון א בילד וואס א מאלערווארפט אן אויף'ן לייוועגד.

dead cot'ton (דעד קאטן) אונרייפע באוועל וואס נעהמט שלעכט אן פארב.

dead'-door *n.* (דעד'-דאור) א שוץ־טהיר אויף א שיף [נים צו דערלאזען קיין וואסער אין דער זייט־גאלעריע, אין צייט פון שטורם].

dead'-drunk *a.* (דעד'-דראנק) טויט־שכור.

dead'en *v.* (דעדן) פערקלענערען די נע־שווינדיגקייט; אבשוואכען; פערשטיקען, מאכען טעמפ אדער דומפף; אויסשניידען די קארע פון א בוים ארום און ארום אין דער פארם פון א רינג [כדי אבצוטויטען דעם בוים].

dead'ener *n.* (דעד'נ-ער) איינער אדער עטוואס וואס שוואכט אב אדער אונטערדריקט.

dead'ening *n.* (דעד'נ-אינג) א מיטעל צום אבשוואכען, פערשטיקען, טעמפ אדער דומפף צו מאכען; א שטיק לאנד וואו די בוימער זיינען אבגעטויט געווארען דורך אויסשניידען קארע־רינגען פון זיי.

dead'eye *n.* (דעד'-אי) אזא רונדליכער פלאכער קלעצעל מיט דריי לעכער דורך וועלכע מען ציהט דורך שטריק [בענוצט פאר די זעגלען אויף א שיף].

dead fail'ure (דעד פייל'-יור) א פאלשטענדיגער דורכפאל.

dead'fall *n.* (דעד'-פאהל) אזא פאסטקע צו פאנגען חיות [די חיות וואס פאלען אריין אין אזא פאסטקע ווערען צודריקט אויף טויט]; א צוזאמענגעפלאנטערטע מאסע פון איינגעפאלענע בוימער, גראזען א. ד. ג.; א פראסטער שענק.

dead'-file *n.* (דעד'-פאיל) א פייל מיט גאנץ פיינע דינע ציינער.

dead'-flat *n.* (דעד'-פלעט) דער מיטעלסטער טייל פון א שיף.

dead floor (דעד פלאור) א דיל [פאדלאגע] וואס איז אזוי געמאכט, אז עס זאל זיך נים הערען קיין גערויש פון טרים.

dead freight (דעד פרייט) טויטע פראכט [פראכט=געלד, וואס מען צאהלט לויט אבמאך פאר'ן פלאץ אין שיף, וואס איז ניט פערנומען].

dead'-hand *n.* (דעד'-הענד) די טויטע האנד [אינסטיטוטען וואס זייער איינענ=טום קען ניט פערקויפט אדער איבערגע=טראגען ווערען צו אן אנדערען, ווי די גיטער פון דער קאטוילישער קירך אין גע=וויסע לענדער].

dead'-head *n.* (דעד'-העד) דאס איבע=ריגע אויבערשטע שטיקעל מעטאל, וואס בלייבט ביי א גוס=שטיק, ווען מען נעהמט עס ארוים פון פורעם.

dead'head *n. and v.* (דעד'-העד) איי=נער וואס בעקומט די ערלויבנים צו בע=זוכען אומזיסט טעאטער אדער אנדערע פלעצער, פאר וועלכע מען דארף געוועהנ=ליך צאהלען; ערלויבען פרייען, אומזיסטען איינגאנג אדער פרייע רייזע; רייזען מיט באהן אדער שיף אומזיסט, געהן אין טעא=טער אומזיסט.

dead'headism *n.* (דעד'-העד-איזם) דאס רייזען אדער בעזוכען פערגניגונגס=פלעצער אומזיסט.

dead'-hear'ted *a.* (דעד'-האר'-טעד) שרעקעדיג, פחדנות'דיג.

dead'-hear'tedness *n.* (דעד'-האר'-טעד-נעס) פחדנות, פיינהייט.

dead heat (דעד היעט) א וועט=לויף, ביי וועלכען עטליכע פון די וועטער קו=מען צום ציעל אין דעמזעלבען מאמענט.

dead horse (דעד הארס) אן ארבייט פאר וועלכע מען האט בעצאהלט אין פאר=אוים.

dead'-house *n.* (דעד'-האוס) א מתים=שטיבעל, א טויטען=הויז [א קאמער אין א האספיטאל, בית=עולם אדער אנדער פלאץ, וואו עס ווערען געהאלטען די טוי=טע קערפער ביז דער קבורה].

dead'ing *n.* (דעד'-אינג) אזא צודעק פאר א דאמפף=מאשין צו בעדעקען דעם צילינדער און די רעהרען פון דאמפף=קעסעל אז די היץ זאל ניט אויסשטראה=לען.

dead'ish *a.* (דעד'-איש) ווי א טויטער, טויט=בלייך.

His lips had a deadish paleness.

dead lan'guage (דעד לענ'-גהווערזש) א טויטע שפראך [א שפראך וועלכע ווערט מעהר ניט גערעדט, ווי לאטייניש, אלט=גריכיש א. ד. ג.].

dead let'ter (דעד לעט'-ער) א טויטער בוכשטאב [עטוואס אזעלכעס, ווי א געזעץ צ. ב. וואס האט מעהר ניט קיין ווירקונג און קיין בעדייטונג אין לעבען]; א בריעף וואס ליעגט א לאנגע צייט אין דער פאסט און קיינער נעהמט איהם ניט אב.

Some Sunday laws in our state have become dead letters.

dead'-let'ter of'fice (דעד'-לעט'-ער אפ'-איס) די אבטיילונג אין דער פאסט, וואוהין עס ווערען אבגעשיקט די בריעף פון וועלכע מען האט ניט געקענט אויסגע=פינען דעם אדרעסאט.

dead lift (דעד ליפט) א שווערע משא געהויבען אהן דער הילף פון א מעכאניזם אדער אנדער הילף; א פערצווייפעלטע לאגע.

dead'-light *n.* (דעד'-לאיט) אזא לאדען מיט וועלכען עס ווערט פערמאכט א פענ=סטערעל פון א שיף אין דער צייט פון א שטורם אויפ'ן ים.

dead'-line *n.* (דעד'-לאין) א געוויסע ליניע אין א מיליטער=געפענגנים וואס די געפאנגענע טארען ניט איבערטרעטען ניט שטעלענדיג זיך אין געפאהר געשאסען צו ווערען.

dead'liness *n.* (דעד'-לי-נעס) דאס זיין געפעהרליך אדער טויטליך.

dead load (דעד לאוד) א טויטע משא [אן אונבעוועגליכע משא, ווי א הויז א. ד. ג.].

dead'-lock *n.* (דעד'-לאק) 1. א שלאס וואס ווערט פון אינוועניג געעפענט מיט א קליאמקע אדער הענטעל און אויסענוועניג מיט א שליסעל; 2. א טויט=פונקט, א שטיל=שטאנד [ווען צוויי קרעפטען פון קעמפ=פענדע צדדים זיינען גלייך און קיינער קען ניט זיעגען].

2. The legislative dead-lock was finally broken.

dead'ly *a. and adv.* (דעד'-לי) טויטליך; געפעהרליך; אויף א טויטליכען אדער שטערבליכען אופן; אויף א געפעהרליכען אופן; אויסערארדענטליך, עקסטרעם.

dead'ly car'rot (דעד'-לי קער'-אט) די בייזקרויט [אזא גיפטיגע פלאנצע].

dead'ly en'emy (דעד'-לי ענ'-ע-מי) א דם=שונא, א טויט=פיינד.

dead'ly night'shade (דעד'-לי נאיט'-שייד) די בעלאדאנא [אזא גיפטיגע פלאנצע וועלכע ווערט געברויכט אין מע=דיצין].

dead'ly sin (דעד'-לי סין) א טויט=זינד [א זינד פאר וועלכע עס קומט דער טויט. אין דער צייט ווען מען האט פאר געוויסע רעליגיעזע זינד בעשטראפט מיט'ן טויט].

dead'-man *n.* (דעד'-מען) א לעדיגע פלאש [אויף דעם לשון פון טרינקער].

dead'-march *n.* (דעד'-מארטש) א טרויער=מארש [א מארש וואס מען שפיעלט צו א לויה].

dead'-mate *n.* (דעד'-מייט) פאט [א לאגע אין שאך=שפיעל, ווען דער, וואס דארף געהן, האט ניט וואוהין צו געהן, און דעם קעניג האט מען ניט געזאגט: שאך].

dead mat'ter (דעד מעט'-ער) שריפט=זאץ, וואס דארף שוין מעהר ניט גענוצט ווערען.

dead men (דעד מען) אויסגעליידיגטע פלעשער [אויף דעם לשון פון טרינ=קער].

dead'-men's-fin'gers *n.* (דעד'-מענז-פינ'-גערז) די ארכיע [אזא פלאנצע וואס האט דיקע בלייכע פינגער=עהנליכע בלע=טער].

dead'-men's-lines' *n.* (דעד'- מענז-לאינז') אזא ים=גראז וואס האט גאנץ לאנגע פאדים=ארטיגע בלעטער [אפט ביז 12 פוס לאנג].

dead'-neap *n.* (דעד'-ניעפ) דער נידע=ריגסטער וואסער=שטאנד פון דעם ים=אב=פלוס [קומט פאר אנדערטהאלבען טעג נאכ'ן ערשטען און לעצטען לבנה=פערטעל].

dead'ness *n.* (דעד'-נעס) טויטקייט; שטילקייט; שוואכקייט; גלייכגילטיגקייט; טעמפקייט.

dead'ness of trade (דעד'-נעס אוו טרייד) טויטקייט אין געשעפט.

dead'-net'tle *n.* (דעד'-נעטל) בלינדע קראפיווע [אזא קראפיווע וואס שטעכט ניט].

dead of the night (דעד אוו טהי נאיט) די טויט=שטילקייט פון דער נאכט.

In the dead of the night a voice was heard.

dead on end (דעד אן ענד) דאס בלאז=ען פון א ווינד אין דער גענענגעזעצטער ריכטונג פון דעם קורס פון א שיף.

dead'-pledge *n.* (דעד'-פלעדזש) א משכון, א היפאטעקע. ז. *mortgage*

dead'-point *n.* (דעד'-פאינט) ז. *dead-center*

dead'-reck'oning *n.* (דעד'-רעק'נ-אינג) דאס אויסרעכענען אונגעפעהר דעם ארט פון א שיף, וואו זי געפינט זיך אין ים, נאך דעם מהלך וואס זי איז אבגעפאהרען און נאכ'ן קאמפאס, ניט נעהמענדיג צו הילף דעם צושטאנד פון די שטערען אין הימעל, ווי דאס ווערט געטהאן ביי געוויע אויסרעכענונגען.

Dead Sea (דעד סיע) דער ים המלח [אין ארץ ישראל].

dead sea'son (דעד סיעזן) א טויטער סעזאן [א סעזאן אהן געשעפטען].

dead'-set *n. and a.* (דעד'-סעט) 1. א שטארקע אנשטרענגונג; אן ענטשיעדענער אנגריף; 2. געגנערשאפט, פיינדשאפט; 3. שטארק שטרעבענדיג צו עפעס; פעסט ענטשלאסען.

2. The father was dead-set against the marriage.

dead'-shot *n.* (דעד'-שאט) א גוטער שיסער, וואס טרעפט אלע מאל אין ציעל.

dead slee'py (דעד סליע'-פי) טויט=שלע=פעריג, טויט=מיעד.

dead steam (דעד סטיעם) דער דאמפף, וואס געהט ארוים פון דעם צילינדער פון א דאמפף=מאשין און ווערט פערלארען אהן נוצען.

dead stop (דעד סטאפ) א פלעצליך שטעהן בלייבען.

dead'-stroke *a.* (דעד'-סטראוק) וואס קלאפט אהן אבצושפרינגען צוריק [ווענען אזא האמער].

dead sure (דעד שור) פעסט איבערצייגט.

dead'-wall *n.* (דעד'-הוואהל) א בלינדע וואנד [אהן פענסטער]; א שייד=וואנד.

dead'-wa'ter *n.* (דעד'-הוואה'-טער) דער וואסער=ווירבעל הינטער א שיף, וואס האלט אין געהן.

dead'-weight *n.* (דעד'-הווייט) א שווע=רער יאך, א שווערע משא וואס קיינער העלפט ניט טראגען; פראכט פון א שיף פאר וועלכע עס ווערט געצאהלט לויט דעם געוויכט און ניט לויט דעם פלאץ וואס עס פערנעהמט [ווי פראכט פאר אייזען, מא=שינען, קויהלען א. ד. ג.].

dead'-white *a.* (דעד'-הוואיט) טויט=בלייך.

dead wire (דעד הוואיר) א טויטער דראט [א טעלעגראפישער דראט וועלכער איז ניט פערבונדען מיט א טעלעגראפישען אפאראט און ווערט ניט בענוצט].

dead'-wood *n.* (דעד'-הוואוד) אונניצ=ליכעס מאטעריאל.

dead'-wool *n.* (דעד'-הוואול) וואל וואס ווערט אבגעשארען פון א טויטע שעפס.

dead'-work *n.* (דעד'-הוואירק) אן אר=בייט, וועלכע ברייננט אליין ניט קיין פרא=פיט, נאר זי איז נויטיג אלס א פארברייי=טונג צו אן אנדער ארבייט, וואס ברייננט פראפיט; די אנפאנגס=ארבייט וואס ווערט געטהאן אויפצוגראבען א קויהלען גרוב אדער אנדערע מינים שאכטען.

dead'-works *n.* (דעד'-הוואירקס) דער טייל פון א פערלאדענער שיף, וואס שטארצט ארוים פון וואסער.

deaf *a.* (דעף) טויב; אונאויפמערקזאם; פרוכטלאז, לעער.

deaf'-ad'der *n.* (דעף-עד'-ער) די קופער=שלאנג [אזא גיפטיגע שלאנג].

deaf and dumb (דעף ענד דאם) טויב־שטום.

deaf and dumb asy'lum (דעף ענד דאם ע-סאי'-לאם) אן אנשטאלט פאר טויב־שטומע.

deaf as a door'-post (דעף עז ע דאור'-פאוסט) טויב ווי די וואנד.

deaf'-dumb'ness *n.* (דעף'-דאמ'-נעס) טויב־שטומקייט.

deaf'en *v.* (דעפן) טויב מאכען; בעטוי־בען; היִמפף מאכען א קלאנג אדער גערויש.

deaf'ening *n.* and *a.* (דעפ'נ-איננ) דאס אויספילען די סופיטען פון הייזער, אז עס זאל זיך ניט הערען קיין קלאפען אדער גערויש פון איין שטאָק אין צווייטען; בעטויבענדיג, מאכענדיג טויב.

deaf'ly *adv.* (דעפ'-לי) טויב.

deaf'-mute *n.* (דעפ'-מיוט) א טויב־שטומער.

deaf'-mute'ness *n.* (דעפ'-מיוט'-נעס) טויב־שטומקייט.

deaf'-mu'tism *n.* (דעפ'-מיו'-טיזם) דאס זיין טויב־שטום.

deaf'ness *n.* (דעפ'-נעס) טויבקייט; אונאויפמערקזאמקייט.

deal *v.* and *n.* (דיעל) טיילען, אויסטיילען; האנדלען; בעהאנדלען [אן ענין]; אויסטיילען קארטען [אין שפּיעלען]; א קוואנטום, א צאהל; דאס אויסטיילען קארטען; א ברעט; א פלאנקע; טאנען־האלץ, פיכטען־האלץ.

deal a blow (דיעל ע בלאו) דערלאנגען א קלאפּ.

deal'bate *a.* (די-על'-בייט) געווייסט, געבלייכט.

deal'-board *n.* (דיעל'-באורד) א דיקע ברעט פון טאנען אדער פיכטען האלץ.

deal'-box *n.* (דיעל'-באקס) א האלץ־קעסטעל.

deal by one (דיעל באי הוואן) בעהאנדלען איינעם [גוט אדער שלעכט].

deal doub'le (דיעל דאבל) פאלש אדער אונעהרליך האנדלען.

dea'ler *n.* (דיע'-לער) א סוחר, א הענדלער; א קארטען אויסטיילער.

dea'ler in gross (דיע'-לער אין גראוס) אן אגולניק, א הורטאווניק, אן אנגראיסט.

dea'ler in lear'ning (דיע'-לער אין לויר'-נינג) א פראפעסיאנעלער געלעהרטער.

dea'ler in pol'itics (דיע'-לער אין פאל'-אי-טיקס) א פאליטיקאן, איינער וואס פערנעהמט זיך מיט פאליטיק אלס געשעפט.

dea'ler in sun'dries (דיע'-לער אין סאנ'-דריז) א קורצווארען־הענדלער; א גאלאנטעריי־הענדלער; א דיטאיל פערקויפער.

deal for (דיעל פאר) דינגען זיך פאר עפעס.

deal'-frame *n.* (דיעל'-פריים) אזא זעג צו זעגען טאנען אדער פיכטען ברעטער.

deal in (דיעל אין) 1. זיך אבגעבען מיט עפעס; 2. האנדלען מיט אן ארטיקעל.

2. He deals in sugar.

dea'ling *n.* (דיע'-לינג) דאס האנדלען.

deal out (דיעל אוט) פונאנדערטיילען.

deal'-suit *n.* (דיעל'-סיוט) אן ארעמאן'ס טרונע [וואס קאסט נארנישט].

deal'-tree *n.* (דיעל'-טריע) דער טאנען אדער פיכטען בוים.

deal with (דיעל חוויטה) האנדלען מיט איינעם; בעהאנדלען איינעם [גוט צו שלעכט]; קעמפפען.

He will deal fairly with you.

dean *n.* (דיען) א דעקאן, א הויפט־גלח פון א סאבאר אדער קירך, א שטעלפערטרעטער פון'ם בישאף; א דעקאן [עלטסטער] פון א פאקולטעט [אין אוניווערסיטעט]; אן עלטסטער פון א קארפאראציאן.

dea'nery *n.* (דיע'-נע-רי) דאס אמט, רעכט, הכנסה אדער וואהנונג פון א דעקאן. ז. *dean*.

dea'ness *n.* (דיע'-נעס) די פרוי פון א דעקאן. ז. *dean*.

dean of guild (דיען אוו גילד) דער הויפט־בעאמטער אין די פארציייטיגע האנדעלס־גילדען אדער האנד־ווערקער צעכען.

dean'ship *n.* (דיענ'-שיפ) דאס אמט, ראנג אדער טיטעל פון א דעקאן. ז. *dean*.

deanthropomor'phism *n.* (די-ענ-טהרא-פא-מאר'-פיזם) דאס אוועקנעהמען די מענשליכע איינענשאפטען פון גאט ווי ער ווערט אין די מייסטע רעליגיאנען פארגעשטעלט; דאס בעפרייען די רעליגיאן פון דעם פארשטעלען גאט מיט מענשליכע איינענשאפטען און א מענשליך געשטאלט.

deanthropomorphiza'tion *n.* (די-ענ-טהרא-פא-מאר-פי-זיי'-שאן) ז. *deanthropomorphism*.

deanthropomor'phize *v.* (די-ענ-טהרא-פא-מאר'-פאיז) בעפרייען פון דער פארשטעלונג, אז גאט האט מענשליכע איינענשאפטען אדער א מענשליך געשטאלט.

dear *a.* and *n.* (דיער) טייער; ליעב; א ליעבער, א טייערער, א ליעבלינג.

dear'born *n.* (דיער'-בארן) אזא לייכטער אמעריקאנער וואגען אויף פיער רעדער.

dear'-bought *a.* (דיער'-באהט) געקויפט פאר א טייערען פרייז; בעצאהלט טייערעס רבי־געלד.

dear'ly *adv.* (דיער'-לי) פאר א טייערען פרייז; מיט גרויס צערטליכקייט.

dear me! (דיער מיע) אה גאט! [אן אויסדרוק פון שטארקער פערוואונדערונג, מיטלייד, שרעק].

dear'ness *n.* (דיער'-נעס) טייערקייט; ליעבליכקייט; צערטליכקייט.

dearsen'icize *v.* (די-אר-סענ'-אי-סאיז) בעפרייען פון ארזעניק.

dearth *n.* (דוירטה) מאנגעל, יקרות, אונגעראטענקייט [ווי תבואה אויף די פעלדער].

There is a dearth of musicians in our town.

deartic'ulate *v.* (די-אר-טיק'-יו-לייט) פונאנדערנעהמען, פונאנדערגליעדערען.

dear'y *n.* (דיער'-אי) טייערינקער, ליעבינקער, קרוינדעלע, הערצעלע.

dear year (דיער ייר) א יקרות־יאהר.

dea'sil *n.* (דיע'-שיל) א בעוועגונג אין דער ריכטונג פון מזרח צו מערב, ווי די בעוועגונג פון דער זון.

death *n.* (דעטה) דער טויט; דאס שטארבען; א סקעלעט [אלס דער סימבאל פון טויט]; א טויטליכער פערברעכען.

death'-ad'der *n.* (דעטה'-עד'-ער) אזא זעהר גיפטיגער שלאנג אין אויסטראליען.

death'-ag'ony *n.* (דעטה'-עג'-א-ני) די גסיסה פאר'ן טויט.

death'-bed *n.* and *a.* (דעטה'-בעד) דאס טויטען־בעט; א קראנקהייט וואס ענדינט זיך מיט'ן טויט; וואס איז שייך צו א טויטען־בעט.

death'-bell *n.* (דעטה'-בעל) די טויטען־גלאק [די גלאק אין קירך מיט וועלכער מען קלינגט ווען איינער שטארבט].

death'-blow *n.* (דעטה'-בלאו) א טויטליכער קלאפּ.

death'-cord *n.* (דעטה'-קארד) א תליה־שטריק.

death'-dance *n.* (דעטה'-דענס) דער טויטען־טאנץ [א בילד פון א סקעלעט אדער עטוואס אנדערש וואס שטעלט פאר די מאכט פון טויט].

death'-day *n.* (דעטה'-דיי) דער טאג פון איטעצענס טויט.

death'ful *a.* (דעטה'-פול) טויטליך, מערדעריש; שטערבליך.

death'fulness *n.* (דעטה'-פול-נעס) אן ערשיינונג וואס דערמאהנט אן דעם טויט.

death'-hun'ter *n.* (דעטה'-האנ'-טער) איינער וואס געהט נאך אן ארמעע אין קריעג צו בערויבען די געפאלענע אין שלאכט; א קברות־מאן.

death'-knell *n.* (דעטה'-נעל) 1. די טויטען־גלאק, דאס קלינגען פון קירכען־גלאקען ביי א לויה; 2. דער סיגנאל פון טויט.

2. The defeat of President Adams for re-election meant the death-knell of the Federalist Party.

death'less *a.* (דעטה'-לעס) אונשטערבליך; וואס דויערט אייביג.

His work has earned for him a deathless fame.

death'lessness *n.* (דעטה'-לעס-נעס) דאס זיין אונשטערבליך, די אונשטערבליכקייט.

death'-like *a.* (דעטה'-לאיק) ווי דער טויט.

death'liness *n.* (דעטה'-לי-נעס) דאס זיין שטערבליך; די שטערבליכקייט.

death'ly *a.* and *adv.* (דעטה'-לי) וואס זעהט אויס ווי טויט; אזוי ווי א טויטער.

death'-point *n.* (דעטה'-פאינט) דער גרענעץ־פונקט פון א טעמפעראטור אין וועלכער א לעבעדיגער ארגאניזם קען לעבען.

death'-rate *n.* (דעטה'-רייט) די טויטען־ראטע [די צאהל פון טויטען־פעלע אין א משך פון א געוויסער צייט לויט פראצענט פון דער בעפעלקערונג, מייסטענס ווערט עס גערעכענט פון טויזענד פער יאהר].

The death-rate in the City of New York is sixteen per thousand.

death'-rat'tle *n.* (דעטה'-רעטל) דאס גסיסה־כארכלען.

death's door (דעטהס דאור) די שוועל פון טויט [נאהנט צום טויט].

He lay at death's door.

death's'-head *n.* (דעטהס'-העד) דער מענשליכער שארבען [אלס א סימבאל פון טויט].

death's'-head moth (דעטהס'-העד מאטה) אזא זומער־פויגעלע [שמעטערלינג] וואס האט אויפ'ן רוקען א צייכען וואס איז עהנליך צו א טויטען־קאפּ.

deaths'man *n.* (דעטהס'-מען) א תליון, א הענקער.

death'-song *n.* (דעטה'-סאנג) דאס שוואנען־ליעד, דאס לעצטע ליעד.

death'-stroke *n.* (דעטה'-סטראוק) א טויט־קלאפּ.

death'-struck *a.* (דעטה'-סטראק) טויטליך־פערוואונדעט; קראנק מיט א געפעהרליכער קראנקהייט.

death'-strug'gle *n.* (דעטה'-סטראגל)

אגאניע, גסיסה, דאס מאמערען זיך מיט'ן טויט.

death'-test *n.* (דעטה'-טעסט) א פראבע אויסצוגעפינען אויב אימעצער איז טויט אדער ניט.

death'-to'ken *n.* (דעטה'-טאוקען) א צייכען פון טויט.

death'-trance *n.* (דעטה'-טרענס) א צושטאנד וואס זעהט אוים ווי טויט.

death'-trap *n.* (דעטה'-טרעפ) א פלאץ אדער געביידע וואס איז געפעהרליך פאר'ן לעבען [ווי אין דער צייט פון שרפה א. ד. ג.].

death'ward *adv.* (דעטה'-הווארד) צום טויט.

death'-war'rant *n.* (דעטה'-הוואר'-ענט) א טויט=דעקרעט, א טויט=אורטייל.

death'-watch *n.* (דעטה'-הוואטש) טויטען=וואך [די לעצטע וואך ביי א טויטען=בעט]; א וואך געשטעלט איבער א פעראורטיילטען פאר זיין הינריכטונג; דער טויטען=זייגער [אזא פליעג וואס מאכט אזא גערויש, ווי דאס קלאפען פון א זייגער און עס עקזיסטירט אן אבערגלויבען, אז ער זאגט אן טויט].

death'-wound *n.* (דעטה'-הוואונד) א טויטליכע וואונד.

deave *v.* (דיעוו) טויב ווערען.

debac'le *n.* (די-בעק'ל) א פלעצליכע פערפלייצונג; א געלאף אין גרוים אונארדנונג.

debar' *v.* (די-באר') אויסשליסען; נים דערלאזען, הינדערען.

The student was **debarred** from the examinations.

debark' *v.* (די-בארק') לאנדען פון א שיף, פערלאזען א שיף, ארויסגעהן אויף דער יבשה, אויסלאדען א שיף.

debarka'tion *n.* (די-באר-קיי'-שאן) דאס לאנדען פון א שיף; דאס אויסלאדען א שיף.

debar'ment *n.* (דע-באר'-מענט) דאס אויסשליסען; דאס אויסגעשלאסען ווערען; דאס הינדערען, דאס ניט דערלאזען עטוואס צו ערגרייכען.

debase' *v.* (די-בייס') 1. דעגראדירען, ערנידריגען אין ווערטה; שלעכטער מאכען, פעלשען [מעטאלען א. ד. ג.]; 2. פערדארבען.

1. The law **debased** the value of the silver dollar. 2. Their morals were **debased**.

debased' *a.* (די-בייסט') פערמינדערט אדער געזונקען אין ווערטה; געפעלשט.

debased' cur'rency (די-בייסט' קויר'-ענ-סי) א גאלדענע אדער זילבערנע גאנגבארע מטבע וואס האט ניט אין זיך דעם פולען ווערטה אין מעטאל.

The silver dollar is **debased** currency.

debase'ment *n.* (די-בייס'-מענט) ערנידריגונג אין ווערטה; פעלשונג; דאס זיין ערנידערט אדער פערמינדערט אין ווערטה.

deba'ser *n.* (די-ביי'-סער) איינער אדער עפעס וואס ערנידערינגט אין ווערטה אדער פעלשט.

deba'sing *a.* (די-ביי'-סינג) ערנידריגענדיג אין ווערטה, פעלשענדיג.

deba'singly *adv.* (די-ביי'-סינג-לי) ז. *debasing*

deba'table *a.* (די-ביי'-טעבל) שטרייטיג; דעבאטירבאר.

debate' *v. and n.* (די-בייט') דעבאטירען, האבען א ויכוח; זיך עצה'נען; אונטערזוכען, אויספארשען; ארומטראכטען, בעטראכטען; א דעבאטע, א ויכוח, א שטרייט.

deba'ter *n.* (די-ביי'-טער) א דיספוטאנט, איינער וואס האט ליעב פאלעמיק אדער ויכוחים; איינער וואס נעהמט אנטייל אין א דעבאטע.

debate' upon' (די-בייט' א-פאן') פאלעמיזירען, דעבאטירען איבער עטוואס; זיך עטוואס איבערלעגען.

debate' with one's self (די-בייט' הוויטה הוואנז סעלף) זיך מישב זיין, איבערלעגען זיך.

deba'ting-club *n.* (די-ביי'-טינג-קלאב) א קלוב צו דעבאטירען פערשיעדענע פראגען.

deba'tingly *adv.* (די-ביי'-טינג-לי) אויף דעם אופן פון א דעבאטע.

deba'ting-soci'ety *n.* (די-ביי'-טינג-סא-סאי'-ע-טי) א פעראיין צו דעבאטירען פערשיעדענע פראגען.

debauch' *v. and n.* (די-באהטש') פערפיהרען; פערדארבען [די מאראל]; פיהרען אן אויסגעלאסען לעבען; א הוליאנקע; פרעסעריי און זויפעריי; שארלאטאנעריי.

debauched' *a.* (די-באהטשט') פערדארבען [אין מאראל]; אויסגעלאסען, שארלאטאניש.

debau'chedly *adv.* (די-באה'-טשעד-לי) אויף אן אויסגעלאסענעם אופן.

debau'chedness *n.* (די-באה'-טשעד-נעס) אויסגעלאסענהייט, פערדארבענהיים, שארלאטאנעריי.

debauchee' *n.* (דעב-א-שיע') א שארלאטאן, אן אויסגעלאסענער מענש; א שכור.

debau'cher *n.* (די-באה'-טשער) א פערפיהרער, א פערדארבער פון מאראל.

debau'chery *n.* (די-באה'-טשער-אי) שכרות, אן אויסגעלאסען לעבען; פרעסעריי; דאס אראבפיהרען פון'ם גלייכען וועג; פערדארבונג [פון מאראל].

debauch'ment *n.* (די-באהטש'-מענט) דאס פערפיהרען; אויסגעלאסענקייט.

deben'ture *n.* (די-בענ'-טשור) א שטר-חוב, א שולד=צעטעל; אן אבליגאציע פון אן אקציען=געזעלשאפט; א בעשייניגונג וואס דאס צאל=אמט [טאמאזשנע] גיט ארויס צו איינעם וואס האט אריינגעפיהרט אויסלענדישע סחורה, אז ער דארף בעקומען צוריק אויסגעצאהלט דאס געלד, וואס ער האט אבגעצאהלט אלס גרענעץ=אבצאהל, ווען ער וועט די סחורה צוריק ארויספיהרען פון לאנד.

deben'tured *a.* (די-בענ'-טשורד) געזיכערט דורך א שטר=חוב אדער שולד=צעטעל; וואס איז בערעכטיגט צו בעקומען אויסגעצאהלט צוריק די גרענעץ=אבצאהל פאר צוריק ארויסגעפיהרטע אויסלענדישע סחורות.

deben'tured goods (די-בענ'-טשורד גודז) סחורות, פאר וועלכע מען בעצאהלט צוריק די גרענעץ=אבצאהל, ווען זיי ווערען ארויסגעפיהרט צוריק פון'ם לאנד.

deb'ile *a.* (דעב'-איל) שוואך.

debil'itant *a. and n.* (די-ביל'-אי-טענט) וואס שוואכט אב; א מעדיצין צו פערמינדערען אויפרעגונג.

debil'itate *v.* (די-ביל'-אי-טייט) שוואך מאכען.

debilita'tion *n.* (די-ביל-אי-טיי'-שאן) אן אבשוואכונג, דאס שוואך ווערען.

debil'ity *n.* (די-ביל'-אי-טי) שוואכקייט, מאטקייט.

Old people generally suffer from **debility**.

deb'it *v. and n.* (דעב'-איט) דעבעטירען, פערשרייבען אויף דער דעבעט=זייט פון א רעכנונג; שטעלען אויף איינעם'ס רעכנונג: א חוב, דעבעט; די דעבעט=זייט פון א קאנטא [אין האנדעלס=ביכער].

deb'itor *n.* (דעב'-אי-טאר) א בעל חוב, איינער וואס איז שולדיג אימעצען.

debonair' *a.* (דעב-א-נעהר') העפליך, ליעבליך, גוטמוטיג, לוסטיג, פרעהליך.

His manner is very **debonair**.

debonair'ly *adv.* (דעב-א-נעהר'-לי) מיט העפליכקייט, ליעבליך, גוטמוטיג, לוסטיג.

debonair'ness *n.* (דעב-א-נעהר'-נעס) העפליכקייט. לוסטיגקייט, ליעבליכקייט, גוטהערציגקייט.

debouch' *v.* (דע-בוש') ארויסקומען. ארויסטרעטען, ארויסמארשירען [פון אן ענגען ארט].

débouché' *n.* (דע-בו-שיי') אן ערעפנונג [ווי די ערעפנונג פון א געשעפט]; אן אנהויב.

debouch'ment *n.* (דע-בוש'-מענט) דאס ארויסטרעטען אדער ארויסברעכען [פון אן ענגען ארט]; אן ארויסטריט; אן ארויסלאז.

debris' *n.* (דע-ברי') רואינען, חורבות; ברוכשטיקער.

debt *n.* (דעט) א שולד, א חוב; א זינד.

debtee' *n.* (דע-טיע') דער קרעדיטאר, דער מלוה.

debt'less *a.* (דעט'-לעס) פריי פון חובות.

debt of hon'or (דעט אוו אנ'-אר) אן עהרען=שולד [א שולד וואס קען געזעצליך ניט געמאהנט ווערען, נאר איז אבהענגיג פון דעם עהרען=ווארט פון דעם שולדנער. בעזאנדערס זיינען עס שולדען פון קארטען שפיעלען, וועטען א. ד. ג.].

debt'or *n.* (דעט'-אר) א בעל חוב, איינער וואס איז שולדיג געלד.

debts ac'tive and pas'sive (דעטס עק'-טיוו ענד פעס'-איוו) דער אקטיוו און דער פאסיוו פון א פירמע [דאס פערמעגען וואס די פירמע האט און ס'קומט איהר און איהרע חובות, וואס זי איז שולדיג אנדערע].

debts and ow'ing (דעטס ענד או'-אינג) פערמעגען און שולדען, אקטיוו און פאסיוו.

de'buscope *n.* (די'-באס-קאופ) אזא דאפעלטער שפיגעל פאר געאמעטרישע צוועקען, אין וועלכען די ביידע שפיעגעלפלעכען שטעהען אונטער א ווינקעל פון 70 גראד.

début' *n.* (דיי-ביו') דעביוט, אנהויב, דער ערשטער ארויסטריט אין געזעלשאפט אדער אויף דער סצענע.

débutant' *n.* (דיי-ביו-טאן') א דעביוטאנט, איינער וואס מאכט דעם ערשטען אויפטריט. ז. *debut*

débutante' *n.* (דיי-ביו-טאנט') א דעביוטאנטין, א יונג מיידעל וואס טרעט ארויס צום ערשטען מאל אין דער געזעלשאפט; אן אקטריסע וואס טרעט ארויס דאס ערשטע מאל אויף דער סצענע.

decac'erous *a.* (דע-קעס'-ע-ראס) וואס האט צעהן הערנער אדער ארעמס.

dec'achord *n.* (דעק'-ע-קארד) דוד'ס הארף [אזא צעהן=סטרונעגער מוזיק=אינסטרומענט].

dec'ad *n.* (דעק'-עד) ז. *decade*

dec'adal *a.* (דעק'-ע-דעל) וואס בעשטעהט פון צעהן טיילען; וואס האט שייכות צו צעהן=טיילינע זאכען.

dec'ade *n.* (דעק'-אייד) די צאהל צעהן א צעהנדלינג; א פעריאדע פון צעהן יאהר.

The American Republic was established in the eighth **decade** of the eighteenth century.

deca'dence *n.* (די-קיי'-דענס) דאס צופאלען, דאס זינקען, דאס אונטערגעהן, דאס אבשטארבען; דעקאדענץ [א געוויסע ריכטונג אין קונסט און ליטעראטור, וועלכע בעהויפטעט, אז לאנישער זין און רעאליטעט איז ניט דער עיקר פון פאעזיע און קונסט און אז די פארם פון דיכטונג און קונסט קען ניט זיין בעגרענעצט פון בעשטימטע פעסטגעשטעלטע כללים].

deca'dency *n.* (די-קיי'-דענ-סי) ז. *decadence*.

deca'dent *a. and n.* (די-קיי'-דענט) וואס פאלט פונאנדער, וואס זינקט, וואס שטארבט אב; א געפאלענער, א געזונקענער [איינער וואס פאלט אראב פון זיין הויכער שטעלונג אין דער געזעלשאפט]; א דעקאדענט [אן אנהענגער פון דער דעקאדענטישער ריכטונג אין דער ליטעראטור און קונסט. ז. *decadence*.

dec'agon *n.* (דעק'-ע-גאן) א צעהן־עקיגע געאמעטרישע פיגור.

decag'onal *a.* (דע-קעג'-א-נעל) וואס האט די פארם פון א געאמעטרישער צעהן־עקיגער פיגור.

dec'agram *n.* (דעק'-ע-גרעם) א צעהן־גראם געוויכט.

dec'agramme *n.* (דעק'-ע-גרעם) ז. *decagram*.

dec'agyn *n.* (דעק'-ע-דזשין) א פלאנצע וואס האט צעהן פיסטילען [„פיסטיל" איז דער ווייבליכער ארער זוימען־טראגענדער ארגאן פון א בליהענדער פלאנצע].

Decagyn'ia *n.* (דעק-ע-דזשינ'-אי-א) דער מין פלאנצען וואס האבען צעהן פיסטילען. ז. *decagyn*.

decagyn'ian *n.* (דעק-ע-דזשינ'-אי-ען) ז. *decagynous*.

decag'ynous *a.* (דע-קעדזש'-אי-נאס) וואס האט צעהן פיסטילען. ז. *decagyn*.

decahe'dral *a.* (דעק-ע-הי'-דרעל) צעהן־זייטיג [וועגען א געאמעטרישען קערפער].

decahe'dron *n.* (דעק-ע-הי'-דראן) א דעקאעדער [א געאמעטרישער קערפער מיט צעהן זייטען־פלעכען].

decalcifica'tion *n.* (די-קעל-סי-פי-קיי'-שאן) דאס אראבנעהמען דעם גרינשטיין וואס וואקסט אן אויף די צייהנער.

dec'aliter *n.* (דעק'-ע-לי-טער) א דעקאליטער [א פליסיגקייטס־מאס פון צעהן ליטער וואס איז גלייך 2.64 אמעריקאנער גאלאנס].

dec'alitre *n.* (דעק'-ע-לי-טער) ז. *decaliter*.

decal'ogist *n.* (דע-קעל'-א-דזשיסט) איינער וואס ערקלערט די עשרת הדברות אדער מאכט צו זיי א פירוש.

dec'alogue *n.* (דעק'-ע-לאג) די צעהן געבאט, די עשרת הדברות.

Decameron'ic *a.* (דע-קעם-ע-ראנ'-איק) וואס איז שייך אדער איז ענליך צום דעקאמעראן [א בעריהמטע זאמלונג פון ערצעהלונגען פון דעם איטאליענישען שריפטשטעלער באקאטשיא].

dec'ameter *n.* (דעק'-ע-מי-טער) א דעקאמעטער [א לענגען־מאס פון צעהן מעטער, וואס איז גלייך 32.8 פוס].

dec'ametre *n.* (דעק' ע מי טער) ז. *decameter*.

decamp' *v.* (די-קעמפ') 1. פערלאזען דעם לאגער, אוועקמארשירען; 2. זיך אבטראגען, אנטלויפען, מאכען פליטה.

1. The army **decamped** at six o'clock. 2. They had privately **decamped** from my father's house.

decamp'ment *n.* (די-קעמפ'-מענט) דאס פערלאזען דעם לאגער, דאס אוועקמאשירען.

dec'anal *a.* (דעק'-ע-נעל) וואס אנבעלאנגט צו א דעקאן אדער זיין וואהנונגס־פלאץ. ז. *dean*.

decan'der *n.* (דע-קענ'-דער) א פלאנצע וואס האט צעהן שטויבפעדים [דער שטויבפאדים איז דער מענליכער ארגאן פון די בליהונגס־פלאנצען].

Decan'dria *n.* (דע-קענ'-דרי-א) די פלאנצען וואס האבען צעהן שטויבפעדים. ז. *decander*.

decan'drian *a.* (דע-קענ'-דרי-ען) וואס האט צעהן שטויבפעדים [וועגען פלאנצען].

decan'drous *a.* (דע-קענ'-דראס) וואס האט צעהן שטויבפעדים [וועגען פלאנצען].

decan'gular *a.* (דע-קענ'-גיו-לער) צעהן־ווינקלדיג.

decant' *v.* (די-קענט') פילטרירען, ליימערען; איבערגיסען פון איין כלי אין אן אנדערער.

decanta'tion *n.* (די-קענ-טיי'-שאן) פילטרירונג; דאס איבערגיסען פון איין כלי אין אן אנדערער.

decan'ter *n.* (די-קענ'-טער) א פערציערטע קאראפינקע צום האלטען ליקער אדער וויין צום טיש; א כלי צום פילטרירען; איינער וואס פילטרירט ליקער.

decapet'alous *a.* (דעק-ע-פעט'-ע-לאס) וואס האט צעהן בלומען־בלעטער [וועגען געוויסע בלומען].

decaphyl'lous *a.* (דעק-ע-פיל'-אס) צעהן־בלעטערדיג [וועגען פלאנצען].

decap'itate *v.* (די-קעפ'-אי-טייט) אראבהאקען דעם קאפ, קעפען; אראבווארפען פון אמט, מאכען אוים פריץ.

decapita'tion *n.* (די-קעפ-אי-טיי'-שאן) דאס אראבהאקען דעם קאפ, דאס קעפען; דאס אראבווארפען פון אמט, דאס מאכען אוים פריץ.

dec'apod *n. and a.* (דעק'-ע-פאד) א צעהן־פיסיגער [ווי א קרעבס, א ראק]; צעהן־פיסיג.

Decap'oda *n.* (דע-קעפ'-א-דא) דער מין צעהן־פיסיגע קרעבס־טהיערע.

decap'odal *a.* (דע-קעפ'-א-דעל) צעהן־פיסיג.

dec'apode *a. and n.* (דעק'-ע-פאוד) ז. *decapod*.

decapod'iform *a.* (דעק-ע-פאד'-אי-פארם) וואס האט די פארם פון א ראק [קרעבס].

decap'odous *a.* (דע-קעפ'-א-דאס) צעהן־פיסיג.

decar'bonate *v.* (די-קאר'-בא-נייט) בעפרייען פון קויהלען־שטאף.

decarboniza'tion *n.* (די-קאר-בא-ני-זיי'-שאן) דאס בעפרייען פון קויהלען־שטאף [ווי דאס ווערט געטהאן ביים פערוואנדלען גוס־אייזען אין שטאל]; די טיילווייזע בעפרייאונג פון קויהלען־שטאף.

decar'bonize *v.* (די-קאר'-בא-נאיז) בעפרייען פון קויהלען־שטאף.

decar'burise *v.* (די-קאר'-ביו-ראיז) ז. *decarburize*.

decarburiza'tion *n.* (די-קאר-ביו-רי-זיי'-שאן) דאס בעפרייען פון קויהלען־שטאף. ז. *decarbonization*.

decar'burize *v.* (די-קאר'-ביו-ראיז) בעפרייען אין גאנצען, אדער צום טייל, פון קויהלען־שטאף.

decare' *n.* (דע-קעהר') א פלעכען־מאס פון טויזענד קוואדראט־מעטער.

dec'astere *n.* (דעק'-ע-סטיר) צעהן קוביק מעטער.

dec'astich *n.* (דעק'-ע-סטיק) א פאעמא, וואס בעשטעהט פון צעהן שורות.

dec'astyle *a.* (דעק'-ע-סטאיל) וואס האט צעהן זיילען אין פראנט [וועגען געוויסע אלטע טעמפלען].

A **decastyle** temple.

decasyllab'ic *a.* (דעק-ע-סי-לעב'-איק) וואס ענטהאלט צעהן זילבען.

decasyl'lable *n.* (דעק-ע-סיל'-עבל) א שורה וואס ענטהאלט צעהן זילבען.

decau'date *v.* (די-קאה'-דיים) אראבהאקען דעם עק.

decay' *n. and v.* (די-קיי') דאס פערדארבען ווערען; דאס צופוילט ווערען; דאס פונאנדערפאלען; דאס אבשטארבען; צופאלען; זינקען; פוילען, פערדארבען ווערען; שוואך ווערען; אבשטארבען.

decayed'ness *n.* (די-קייד'-נעס) דאס זיין צופוילט, דאס זיין פערדארבען, דאס זיין פונאנדערגעפאלען.

decayed' stores (די-קייד' סטאורז) פערדארבענער פראוויאנט.

decayed' wine (די-קייד' הוואין) אויסגעוועפטער וויין.

decayed' with age (די-קייד' הוויטה איידזש) צופאלען פון עלטער.

decay'er *n.* (די-קיי'-ער) עטוואס וואס פעראורזאכט אז א זאך זאל פוילען אדער פערדארבען ווערען.

decease' *n. and v.* (די-סיעס') די פטירה, דער טויט; נפטר ווערען, שטארבען.

deceased' *a.* (די-סיעסט') געשטארבען; נפטר געווארען.

dece'dent *n.* (די-סי'-דענט) א פערשטארבענער, א נפטר.

deceit' *n.* (די-סיעט') פאלשקייט; בעטרוג; א נארעריי; שווינדעל; גנב'ישע שטיק.

deceit'ful *a.* (די-סיעט'-פול) בעטריגעריש, שווינדלעריש, אבנארעריש.

deceit'fully *adv.* (די-סיעט'-פול-אי) אויף א בעטריגערישען אדער שווינדלערישען אופן; מיט בעטרוג; מיט דער אבזיכט צו בעטריגען אדער בעשווינדלען.

deceit'fulness *n.* (די-סיעט'-פול-נעס) די נייגונג צו זיין בעטריגעריש אדער שווינדלעריש; בעטריגערישקייט.

deceit'less *a.* (די-סיעט'-לעס) אהן פאלשקייט, אהן שווינדעל.

deceiv'able *a.* (די-סיעוו'-עבל) וואס קען בעשווינדעלט אדער אבגענארט ווערען.

deceiv'ableness *n.* (די-סיעוו'-עבל-נעס) דאס קענען בעשווינדעלט אדער אבגענארט ווערען.

deceiv'ably *adv.* (די-סיעוו'-ע-בלי) אויף א בעטריגערישען אדער שווינדלערישען אופן.

deceive' *v.* (די-סיעוו') בעשווינדלען, אבנארען.

deceiv'er *n.* (די-סיעוו'-ער) א שווינדלער, א בעטריגער, אן אבנארער.

Decem'ber *n.* (די-סעמ'-בער) דער מאנאט דעצעמבער.

Decem'berly *a.* (די-סעמ'-בער-לי) ווי אין דעצעמבער; ווינטערדיג; קאלט.

Decem'brist *n.* (די-סעמ'-בריסט) א דעקאבריסט [איינער פון דעם רעוואלוציאנערען פערבאנד אין רוסלאנד, וואס

האט געשטרעבט איינצופיהרען א קאנסטיטוציע אין רוסלאנד. דעם עפענטליכען ארויסטריט האט דיעזער פערבאנד געמאכט דעם 28טען דעצעמבער אין יאהר 1825, ווען די סאלדאטען האבען געדארפט שווערען טרייהייט צו ניקאלאי דעם ערשטען, וועלכער איז דאן ארויף אויף דעם רוסישען טהראן].

decem'fid *a.* (די-סעמ'-פיד) געטיילט אין צעהן טיילען, צעהן-שפאלטיג [ווענען געוויסע פלאנצען].

decemped'al *a.* (די-סעמ-פעד'-על) וואס האט צעהן פיס; צעהן-פיסיג.

decem'vir *n.* (די-סעמ'-וויר) א דעצעמוויר [איינער פון די צעהן פערזאן וואס האבען צונויפגעשטעלט מיט זיך א קאנסטיטוציאנעלע קערפערשאפט אין דעם אלטען רוים. אזעלכע קערפערשאפטען זיינען געוועזן פיער: פאר פערוואלטונג, פאר געריכט, פאר רעליגיאן און פאר לאנדווירטשאפט]; איינער פון א צעהן-גליעדעריגער אפיציעלער קערפערשאפט.

decem'viral *a.* (די-סעמ'-ווי-רעל) וואס איז שייך צו די דעצעמווירען. ז. *decemvir*.

decem'virate *n.* (די-סעמ'-ווי-רייט) אן אפיציעלע קערפערשאפט וואס בעשטעהט פון צעהן מיטגליעדער.

de'cency *n.* (די'-סענ-סי) אנשטענדיגקייט; שטאט; זיטליכקייט.

decen'nary *n. and a.* (די-סענ'-ע-רי) א פעריאדע פון צעהן יאהר; א בעצירק פון צעהן פאמיליעס; וואס איז שייך צו א בעצירק פון צעהן פאמיליעס.

decen'nial *a. and n.* (די-סענ'-אי-על) צעהן-יעהריג; א צעהן-יעהריגער יובילעאום.

decen'noval *a.* (די-סענ'-א-וועל) וואס געהערט צו דער צאהל ניינצעהן; וואס איז שייך צו א פעריאדע פון ניינצעהן יאהר.

decen'novary *a.* (די-סענ'-א-ווע-רי) ז. *decennoval*.

de'cent *a.* (די'-סענט) אנשטענדיג; זיטליך, סטאטעטשנע.

de'cently *adv.* (די'-סענט-לי) אויף אן אנשטענדיגען אופן; מיט שטאט; מיט גוטער בענעהמונג; מיט יושר; מיט טאלעראנץ.

de'centness *n.* (די'-סענט-נעס) ז. *decency*.

decentraliza'tion *n.* (די-סענ-טרעל-אי-זיי'-שאן) דעצענטראליזירונג; דאס זיין דעצענטראליזירט [הויפטזעכליך ווענען דער רעגיערונגס פארם וואס בעצוועקט, אז נים די גאנצע רעגיערונגס-מאכט זאל זיין קאנצענטרירט אין די הענד פון דער צענטראלער רעגיערונג].

decen'tralize *v.* (די-סענ'-טרעל-איז) דעצענטראליזירען, אוועקנעהמען פון צענטער. ז. *decentralization*.

decep'tion *n.* (די-סעפ'-שאן) בעטרוג, אבנארעריי; שווינדעל; אן אילוזיע; דאס זיין בעשווינדעלט אדער בעטראגען.

decep'tive *a.* (די-סעפ'-טיוו) בעטריגעריש, פאלש.

decep'tively *adv.* (די-סעפ'-טיוו-לי) אויף א בעטריגערישען אדער שווינדלערישען אופן.

decep'tiveness *n.* (די-סעפ'-טיוו-נעס) די נייגונג צו שווינדעל, בעטרוג אדער פאלשקייט.

deceptiv'ity *n.* (די-סעפ-טיוו'-אי-טי) דאס זיין בעטריגעריש אדער שווינדלעריש

decep'tory *a.* (די-סעפ'-טא-רי) וואס נארט, וואס בעטריגט.

decern' *v.* (די-סוירן') משפט'ען, ארויסגעבען א פסק-דין אדער אורטייל.

decer'niture *n.* (די-סויר'-ני-טשור) א פסק-דין, אן אורטייל פון א געריכט.

decharm' *v.* (די-טשארם') בעפרייען פון צויבער, אראבנעהמען דעם כשוף.

dechristianiza'tion *n.* (די-קריס-טשיענ-אי-זיי'-שאן) אבווענדונג פון קריסטענטום; אויסווארצלונג פון דעם קריסטליכען גייסט.

dechris'tianize *v.* (די-קריס'-טשיענ-איז) זיך אבווענדען פון'ם קריסטענטום; אבציהען פון'ם קריסטענטום; אויסווארצלען דעם קריסטליכען גייסט.

deciare' *n.* (דעס-יעהר') א פלעכען-מאס פון צעהן קוואדראט-מעטער.

deci'dable *a.* (די-סאי'-דעבל) וואס קען ווערען ענטשיעדען; בעשטימבאר.

decide' *v.* (די-סאיד') בעשטימען, ענטשיידען, ענטשליסען זיך.

deci'ded *a.* (די-סאי'-דעד) בעשטימט; ענטשיעדען; ענטשלאסען.

deci'dedly *adv.* (די-סאי'-דעד-לי) לחלוטין, אהן שום צווייפעל; אויף אן ענטשיידענדען אופן; קלאר און בינדיג.

deci'dedness *n.* (די-סאי'-דעד-נעס) ענטשלאסענהייט, ענטשיעדענהייט, בעשטימטהייט.

deci'der *n.* (די-סאי'-דער) דער וואס ענטשיידעט; דער שיעדס-ריכטער.

deci'dingly *adv.* (די-סאי'-דינג-לי) אויף אן ענטשיידענדען אופן.

decid'uous *a.* (די-סיד'-יו-אס) אראבפאלענדיג; וואס פאלט אראב נאך א בעשטימטער צייט [ווי פרוכט אדער בלעטער]; נים פעסט, נים בעשטענדיג.

decid'uous in'sects (די-סיד'-יו-אס אינ'-סעקטס) די אינזעקטען, ביי וועלכע עס פאלען אראב די פליעגלען נאך דער געשלעכטליכער פארונג [ווי ביי דער "זוי" פון מוראשקעס].

decid'uousness *n.* (די-סיד'-יו-אס-נעס) דאס האבען די אייגענשאפט אראבצופאלען נאך א בעשטימטער צייט [ווי פרוכט אדער בלעטער].

dec'igram *n.* (דעס'-אי-גרעם) א דעציגראם [א געוויכט פון א צעהנטעל גראם]. ז. *gram*.

dec'igramme *n.* (דעס'-אי-גרעם) ז. *decigram*.

dec'iliter *n.* (דעס'-אי-לי-טער) א צעהנטעל פון א ליטער. ז. *liter*.

dec'ilitre *n.* (דעס'-אי-לי-טער) ז. *deciliter*.

decil'lion *n.* (די-סיל'-יאן) א דעציליאן [אין דער ענגלישער ציפער-סיסטעם — 1 מיליאן געדאפעלט 10 מאל מיט זיך אליין, וואס איז גלייך צו אן 1 מיט 60 נולען; אין דער פראנצויזישער און אמעריקאנער ציפער-סיסטעם — 1 טויזענד געדאפעלט 11 מאל מיט זיך אליין, וואס איז גלייך צו אן 1 מיט 33 נולען].

decil'lionth *a. and n.* (דע-סיל'-יאנטה) וואס איז שייך צו א דעציליאן; איין דעציליאנטעל, א דעציליאנטע טייל. ז. *decillion*.

dec'imal *a. and n.* (דעס'-אי-מעל) דעצימאל, געטיילט אין צעהן; געצעהלט אין צעהנדליג; א דעצימאל-ברוך, א צעהנט-חלק.

dec'imal bal'ance (דעס'-אי-מעל בעל'-ענס) א דעצימאל-וואג [אזא וואג, וואס דאס געוויכט אויף איין וואג-שאל באלאנסירט מיט א צעהן מאל שווערערע מאסע אויף דער אנדערער שאל].

dec'imal frac'tion (דעס'-אי-מעל פרעק'-שאן) א דעצימאל-ברוך [א טייל פון א גאנצע, וואס ווערט אויסגעדריקט נור דורך צעהנטעל, הונדערטעל, טויזענדטעל א. ז. וו., ווי .001 ,.01 ,.1 א. ז. וו. אדער .234 ,.023 א. ז. וו.].

dec'imalism *n.* (דעס'-אי-מעל-איזם) דאס דעצימאל-סיסטעם. ז. *decimal system*.

dec'imalist *n.* (דעס'-אי-מעל-איסט) אן אנהעננער פון דעם דעצימאל-סיסטעם אין וואג, אין מאס א. ד. ג.

decimaliza'tion *n.* (דעס-אי-מעל-אי-זיי'-שאן) אומרעכענען אויף דאס דעצימאל-סיסטעם; איינפיהרען דאס דעצימאל-סיסטעם.

dec'imalize *v.* (דעס'-אי-מעל-איז) אומרעכענען אויף דעם יסוד פון דעצימאל-סיסטעם; איבערפיהרען אויף א דעצימאל-סיסטעם.

dec'imally *adv.* (דעס'-אי-מעל-אי) אין צעהנער אדער צעהנטלעך; דורך דעצימאל.

dec'imal meas'ure (דעס'-אי-מעל מעזש'-אור) א מאס וועלכע געהערט צו דעם דעצימאל-סיסטעם, ווי מעטער, ליטער, גראם א. ד. ג.

dec'imal nota'tion (דעס'-אי-מעל נא-טיי'-שאן) די דעצימאלע ציפער-סיסטעם [די געוועהנליכע ציפער-סיסטעם וואס ווערט געברויכט, וואו יעדע ציפער אין דער רייה פון רעכטס צו לינקס ווערט פערגרעסערט 10 מאל].

dec'imal point (דעס'-אי-מעל פאינט) א דעצימאל פונקט [דער פונקט וואס שטעלט זיך פאר א דעצימאל-ברוך ווי .1, .02].

dec'imal sys'tem (דעס'-אי-מעל סיס'-טעם) דאס דעצימאל-סיסטעם [א סיסטעם, וואו מאסען און וואגען זיינען גרעסער אדער קלענער איינע פון דער אנדערער אין צעהן מאל, ווי מעטער, ליטער, גראם א. ד. ג.].

dec'imate *v.* (דעס'-אי-מייט) 1. אויסקלייבען דורך גורל יעדען צעהנטען צום טויטען [א בארבארישער מנהג פון אלטע צייטען ביים בעשטראפען קריעגס-געפאנגענע אדער רעבעלען]; 2. א תל מאכען, טויטען מאסענווייז.

2. The troops were decimated by the enemy's fire.

decima'tion *n.* (דעס-אי-מיי'-שאן) דאס אויסקלייבען יעדען צעהנטען דורך גורל צום טויטען; דאס טויטען מאסענווייז; דאס מאכען א תל.

dec'imator *n.* (דעס'-אי-מיי-טאר) אייינער וואס טויטעט יעדען צעהנטען [פון געפאנגענע]; א פערוויסטער.

decime' *n.* (דע-סים') א פראנצויזישע מטבע, וואס איז א צעהנטעל פון א פראנק [אן ערך צוויי אמעריקאנער סענט].

dec'imeter *n.* (דעס'-אי-מי-טער) א דעצימעטער [א לענגען מאס, וואס איז א צעהנטעל פון א מעטער].

dec'imetre *n.* (דעס'-אי-מי-טער) ז. *decimeter*.

dec'imo-octa'vo *n.* (דעס'-אי-מאו-אק-טיי'-וואו) דאס אכטצעהנטעל-פארמאט [ווענען דרוקשריפטען ווען אכטצעהן זייטלעך געהען אין א דרוק-בויגען].

dec'imo-sex'to *n.* (דעס'-אי-מאו-סעקס-

מאן) דאס זעכצעהנטעל־פארמאט [ווענען דרוק־שריפטען, ווען זעכצעהן זייטלעך געהען אין א דרוק־בויגען].

deci'pher *v.* (די־סאי'־פער) 1. דעשיפרירען, דורכלעזען א שיפרירטען בריעף אדער אנדער שריפט, וואס איז געשריבען פערשטעלט; 2. לעזען וואס איז אונקלאר געשריבען; 3. ערקלערען, ענטדעקען דעם זין פון א פערפלאנטערטען, אונקלארען עניין אדער זאך; 4. בעשרייבען.
1. The manager took the code and proceeded to decipher the massage. 2. We find it hard to decipher this manuscript.

deci'pherable *a.* (די־סאי'־פער־עבל) וואס קען דעשיפרירט ווערען [ווענען א שריפט וואס איז געשריבען פערשטעלט]; וואס קען דורכגעלעזען ווערען, וואס קען ערקלערט ווערען.

deci'pherer *n.* (די־סאי'־פער־ער) איינער וואס דעשיפרירט [לעזט א פערשטעלטע אדער אונקלארע שריפט]; אן ערקלערער; איינער וואס פלאנטערט פונאנדער א שווערען עניין.

deci'pheress *n.* (די־סאי'־פער־עס) איינע וואס דעשיפרירט א שריפט; איינע, וואס פלאנטערט פונאנדער א שווערען עניין; אן ערקלערערין.

deci'pherment *n.* (די־סאי'־פער־מענט) דאס דורכלעזען שיפרירטע שריפטען; דאס פונאנדערפלאנטערען א שווערען עניין; דאס ערקלערען.

deodar' *n.* (די-א-דאר') דער הימא־לאיא־צעדער־בוים, דער דעאדארא־צעדער־בוים.

deo'dorant *n.* (די-או'-דאר-ענט) א מי־טעל וואס פערטרייבט א שלעכטען גערוך.

deodorisa'tion *n.* (די-או-דאר-אי-זיי'-שאן) דאס אוועקנעהמען אדער פער־בעסערען דעם גערוך; דאס פערטרייבען א שלעכטען גערוך.

deo'dorise *v.* (די-או'-דאר-איז) אוועק־נעהמען דעם גערוך; בעפרייען פון א שלעכטען גערוך.

deodoriza'tion *n.* (די-או-דאר-אי-זיי'-שאן) ז. *deodorisation*

deo'dorize *v.* (די-או'-דאר-איז) ז. *deodorise*

deo'dorizer *n.* (די-או'-דאר-אי-זער) א מיטעל צום פערניכטען א שלעכטען גע־רוך; א דעזינפיצירענדער מיטעל.

De'o faven'te (די'-או פע-ווענ'-טי) מיט גאט'ס הילף, בעזרת השם.

deontolog'ical *a.* (די-אנ-טא-לאדזש'-אי-קעל) וואס איז שייך צו דער מאראל־פילאזאפיע [די לעהרע ווענען זיטען און מדות].

deontol'ogist *n.* (די-אנ-טאל'-א-דזשיסט) דער מאראל־פילאזאף, איינער וואס שטודירט די פילאזאפיע פון זיטען און מדות.

deontol'ogy *n.* (די-אנ-טאל'-א-דזשי) די מאראל־פילאזאפיע, עטהיק [די לעה־רע ווענען זיטען און מדות].

deoscula'tion *n.* (די-אס-קיו-ליי'-שאן) דאס קושען א הייליגע זאך.

deossifica'tion *n.* (די-אס-אי-פי-קיי'-שאן) פערקלענערונג פון פערהארטונג אדער פון ביינערדינקייט; דאס ווייכער ווערען [פון פערהארטעוועטע קערפער־טיילען]; די פערשווינדונג פון ביינער.

deos'sify *v.* (די-אס'-אי-פאי) אוועק־נעהמען די ביינער [פון א קערפער]; אב־שוואכען.

De'o volen'te (די'-או ווא-לענ'-טיע) מיט גאט'ס ווילען, אם ירצה השם.

deox'idise *v.* (די-אק'-סי-דאיז) ז. *deoxydate*

deoxidiza'tion *n.* (די-אק-סי-די-זיי'-שאן) ז. *deoxydation*

deox'idizement *n.* (די-אק'-סי-דאיז-מענט) די בעפרייאונג פון זויער־שטאף.

deox'ydate *v.* (די-אק'-סי-דייט) בע־פרייען פון דעם זויער־שטאף.

deoxyda'tion *n.* (די-אק-סי-דיי'-שאן) די בעפרייאונג פון דעם זויער־שטאף, דאס אוועקנעהמען פון עפעס דעם זויער־שטאף.

deox'ydize *v.* (די-אק'-סי-דאיז) ז. *deoxydate*

deox'ygenate *v.* (די-אק'-סי-דזשען-אייט) ז. *deoxydate*

deoxygena'tion *n.* (די-אק-סי-דזשע-ניי'-שאן) ז. *deoxydation*

deo'zonize *v.* (די-או'-זאנ-איז) בע־פרייען פון אזאן [א געוויסער ארט זויער־שטאף].

dep. אבקירצונג פון *deputy*

depaint' *v.* (די-פיינט') מאהלען; שיל־דערען; פארשטעלען.

depart' *v.* (די-פארט') 1. אברייזען, אבגעהן; אבווייכען; שטארבען; פערלא־זען; 2. שיידען.

1. I must depart to-morrow. 2. He departed from the path of virtue.

depar'ted *a.* (די-פאר'-טעד) אוועקגע־גאנגען, פערשוואונדען, געשטארבען.

depar'ted (the) (די-פאר'-טעד) די געשטארבענע.

depar'ter *n.* (די-פאר'-טער) איינער וואס רייניגט מעטאלען, אבטיילענדיג זיי פון די פסולת.

depar'ting *n.* (די-פאר'-טינג) דאס אב־פאהרען, דאס אוועקפאהרען.

depart'ment *n.* (די-פארט'-מענט) אן אבטיילונג, א דעפארטאמענט, א מיניסטע־ריום.

departmen'tal *a.* (די-פארט-מענ'-טעל) וואס איז שייך צו א דעפארטאמענט אדער אבטיילונג פון דער רעגיערונג אדער פון א געשעפט.

Depart'ment of Ag'riculture (די-פארט'-מענט אוו עג'-רי-קאל-טשור) דאס מיניסטעריום פון ערד־ארבייט [א דעפאר־טאמענט פון דער רעגיערונג פון די פער־איינינטע שטאאטען, אויף וועלכען עס ליעגט די אויפגאבע צו קלייבען און פער־שפרייטען ידיעות, וואס זיינען שייך צו די פערשיעדענע פארמען פון ערד־ארבייט און מיטהעלפען צו קולטיווירען פערשיע־דענע נויטיגע פלאנצען].

Depart'ment of Com'merce and La'bor (די-פארט'-מענט אוו קאמ'-אירס ענד ליי'-באר) דאס האנדעלס און ארבייט־מיניסטעריום [א דעפארטאמענט פון דער רעגיערונג פון די פעראייניגטע שטאאטען, וועלכער האט אונטער זיין אויפזיכט צו קלייבען סטאטיסטיקס און געבען ידיעות וועגען דעם צושטאנד פון האנדעל און די בעדינגונגען פון ארבייט אין לאנד].

Depart'ment of Inte'rior (די-פארט'-מענט אוו אינ-טי'-רי-אר) דאס מיניסטעריום פון אינערן [א דעפארטא־מענט פון דער רעגיערונג פון די פעראיי־ניגטע שטאאטען, וועלכער פערוואלטעט מיט די אינערליכע אנגעלעגענהייטען פון דער מלוכה].

Depart'ment of Jus'tice (די-פארט'-מענט אוו דזשאס'-טיס) דאס יוס־טיץ־מיניסטעריום [א דעפארטאמענט פון דער רעגיערונג פון די פעראייניגטע שטאאטען, וועלכער האט אונטער זיין אויפזיכט אלע געריכטס־אנשטאלטען פון לאנד און טרעט ארויס אלס דער פאר־שטעהער פון דער רעגיערונג אין פערשיע־דענע געריכטס־פראצעסען].

Depart'ment of La'bor (די-פארט'-

מענט אוו לייבאר) א דעפארטאמענט אין דער רעגיערונג פון א שטאאט אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא, וועלכער האט אונטער זיין אויפזיכט צו קלייבען סטאטיסטיקס און געבען ידיעות וועגען די בעדינגונגען פון ארבייט און וועגען די בעציהונגען פון ארבייט און קאפיטאל.

Depart'ment of State (די-פארט'-מענט אוו סטייט) דאס מיניסטעריום פון אויסערן [א דעפארטאמענט אין דער רעגיערונג פון די פעראייניגטע שטאאטען, וועלכער האט אונטער זיין אויפזיכט אלע אנגעלעגענהייטען וואס זיינען שייך צו די בעציהונגען מיט די אויסלענדישע מלוכות].

Depart'ment of the Na'vy (די-פארט'-מענט אוו טהי נײי'-ווי) דאס פלאטען־מיניסטעריום [א דעפארטאמענט אין דער רעגיערונג פון די פעראייניגטע שטאאטען, וועלכער פערוואלטעט מיט'ן פלאט און נאוויגאציאן].

Depart'ment of the Treas'ury (די-פארט'-מענט אוו טהי טרעזש'-או-רי) דאס פינאנץ־מיניסטעריום [א דעפארטאמענט אין דער רעגיערונג פון די פעראייניגטע שטאאטען, וועלכער פערוואלטעט מיט די הוצאות און הכנסות פון דער מלוכה].

Depart'ment of War (די-פארט'-מענט אוו וואהר) דאס קריעגס־מיניסטעריום [א דעפארטאמענט פון דער רעגיערונג פון די פעראייניגטע שטאאטען, וועלכער פערוואלטעט מיט אלע אנגעלעגענהייטען וואס זיינען שייך צו מיליטער].

depar'ture *n.* (די-פאר'-טשור) די אבּרייזע; דער טויט; דער אבקעהר פון עפּעס [ווי פון אנגענומענע רעגעלען א. ד. ג.]; דער מהלך וואס א שיף איז אבגעגאנגען צו מזרח־זייט אדער מערב־זייט פון א געוויסען מערידיאן.

depas'ture *v.* (די-פעס'-טשור) פיטערען, פּאשען.

depau'perate *v. and a.* (די-פאה'-פער-אייט) פאופעריזירען, מאכען ארעם, פערוויסטען; פעראַרעמט.

depaupera'tion *n.* (די-פאה-פע-ריי'-שאן) ז. *depauperization*

depauperiza'tion *n.* (די-פאה-פער-אי-זיי'-שאן) פאופעריזירונג, פעראַרימונג; בעפרייאונג פון ארימקייט אדער פון ארימע לייט.

depau'perize *v.* (די-פאה'-פער-איז) ארויסרייסען פון ארעמקייט.

depend' *v.* (די-פענד') זיין אבהענגיג; זיך פערלאזען; בויען אויף עפּעס.

You can depend upon him that he will do as he promised.

depen'dable *a.* (די-פענ'-דעבל) פערטרויענסווערטה; אויף וואס מען קען זיך פערלאזען.

depen'dableness *n.* (די-פענ'-דעבל-נעס) דאס קענען זיך פערלאזען [אויף אימעצען אדער עפּעס].

depen'dance *n.* (די-פענ'-דענס) ז. *dependence*

depen'dancy *n.* (די-פענ'-דענ-סי) ז. *dependency*

depen'dant *n. and a.* (די-פענ'-דענט) ז. *dependent*

depen'dence *n.* (די-פענ'-דענס) די אבּהענגינקייט; דער צוטרויען; די שייכות פון אן אורזאכע צו א פאלגע; די צייט וואס עס דויערט א געריכטס־פּראצעס.

depen'dency *n.* (די-פענ'-דענ-סי) אן אבהענגיגע פראווינץ אדער לאנד; עפּעס וואס איז אבהענגיג פון אן אנדער זאך; א נעבען־געביידע.

depen'dent *n. and a.* (די-פענ'-דענט) אבהענגיג; וואס הענגט אב; וואס שליסט פון איין זאך צו א צווייטער [ווי פון אן אורזאכע צו א פאלגע]; רעלאטיוו, פערהעלטניסמעסיג; אן אבהענגיגער.

depen'dently *adv.* (די-פענ'-דענט-לי) אבהענגיג; אויף אן אבהענגיגען אופן.

depen'der *n.* (די-פענ'-דער) דער, וואס הענגט אב פון אימעצען; דער, וואס האפט אויף אימעצען, פערלאזט זיך אויף אימעצען אדער עפּעס.

depen'dingly *adv.* (די-פענ'-דינג-לי) דורך אבהענגינקייט, מעשה נכנע.

deper'sonalize *v.* (די-פויר'-סאנ-על-איז) אוועקנעהמען פון א זאך די פערזענליכקייט, בעטראכטען זי אלס ניט דאס ווערק פון א בעשטימטער פערזאן [ווי למשל, בעטראכטען די "איליאדען" אדער די פאעמען וועגען דער פערניכטונג פון טראיא אלס ניט דאס ווערק פון גריכישען דיכטער האמער, נאר אלס דאס ווערק פון פיעלע אונבעוואוסטע דיכטער].

dephlegm' *v.* (די-פלעם') ז. *dephlegmate*

dephleg'mate *v.* (די-פלעג'-מייט) בעפרייען פון וואסער [ווי למשל שפּירט] דורך אויסזידען אדער דורך אן אנדער מיטעל.

dephlegma'tion *n.* (די-פלעג-מיי'-שאן) דאס בעפרייען פון וואסער דורך אויסזידען עס אדער דורך אן אנדער מיטעל [ווי מען בעפרייט שפּירט פון וואסער].

dephlogis'ticate *v.* (די-פלא-דזשיס'-טי-קייט) בעפרייען פון ברען־שטאף אדער פלאגיסטאן [די כעמיקער פון די אלטע צייטען, איידער עס איז אויפגעדעקט געווארען די ריכטיגע אורזאכע פון ברענען, האבען געגלויבט, אז אין יעדען ברענענדען קערפּער געפינט זיך ברען־שטאף, וועלכען זיי האבען אנגערופען פלאגיסטאן].

dephosphoriza'tion *n.* (די-פאס-פאר-אי-זיי'-שאן) דאס בעפרייען פון פאספאר.

dephos'phorize *v.* (די-פאס'-פאר-איז) בעפרייען פון פאספאר.

depict' *v.* (די-פיקט') שילדערען, בעשרייבען, אבמאלען.

depic'ter *n.* (די-פיק'-טער) איינער וואס מאלט אב אדער בעשרייבט.

depic'tion *n.* (די-פיק'-שאן) דאס אבמאלען; די שילדערונג, בעשרייבונג.

depic'ture *v.* (די-פיק'-טשור) שילדערען; בעשרייבען; אבמאלען.

dep'ilate *v.* (דעפ'-אי-לייט) ארויסרייסען אדער ארויסציהען די האר.

depila'tion *n.* (דעפ-אי-ליי'-שאן) דאס ארויסרייסען אדער ארויסציהען די האר.

dep'ilator *n.* (דעפ'-אי-ליי-טאר) אן אינסטרומענט ארויסצורייסען אדער ארויסצוציהען די האר.

depil'atory *n. and a.* (די-פיל'-ע-טא-רי) וואס האט די איינענשאפט אוועקצונעהמען די האר פון הויט; א מיטעל [ווי געוויסע זאלבען] אוועקצונעהמען די האר פון הויט.

de pla'no (די פליי'-נאו) אזוי קלאר און פערשטענדליך, אז עס זיינען ניט נויטיג קיינע ראיות.

deplete' *v.* (די-פליט') אויסלעערען, אויסצעהרען, אוועקנעהמען פון א זאך איהרע קרעפטען, איהר קוואל פון חיונה א. ד. ג. [ווי אוועקנעהמען פון א לאנד איהר בעפעלקערונג].

Death depleted the ranks of this organization.

deple'tion *n.* (די-פלי'-שאן) אויסלעערונג; אין מעדיצין — בלוט־לאזונג, פערורזאכונג פון ברעכען, שוויצען א. ז. וו.

deple'tive *a. and n.* (די-פלי'-טיוו) וואס האט א נייגונג אויסצולעערען, אויסצולעדיגען; א מעדיצינישער מיטעל צום ברעכען, שוויצען, מאגען־רייניגונג א. ז. וו.

deple'tory *a.* (די-פלי'-טא-רי) וואס האט א נייגונג אויסצולעדיגען. ז. *depletive*

deplor'able *a.* (די-פלאור'-עבל) יאמערליך, קלעגליך; נידריג, קליין, פעראכטליך.

The condition of the poor in this city is deplorable.

deplor'ableness *n.* (די-פלאור'-עבל-נעס) יאמערליכקייט, קלעגליכקייט, נידריגקייט, עלענדקייט.

deplor'ably *adv.* (די-פלאור'-ע-בלי) אויף א קלעגליכען אדער נידריגען אופן.

deplore' *v.* (די-פלאור') בעקלאגען, בעוויינען.

deplore'ment *n.* (די-פלאור'-מענט) דאס בעוויינען, דאס בעקלאגען; א קלאגליעד.

deplor'er *n.* (די-פלאור'-ער) א בעקלאגער, א בעוויינער.

deploy' *n. and v.* (די-פלאי') אין מיליטער — פאנאנדערוויקלען אדער אויסציהען די רייהען סאלדאטען אין א מארש; די פאנאנדערוויקלונג אדער אויסציהונג פון א רייה סאלדאטען.

deploy'ment *n.* (די-פלאי'-מענט) דאס אויסשטעלען אדער אויסציהען די רייהען פון סאלדאטען אין א מארש.

deplu'mate *a.* (די-פלוה'-מייט) אהן פעדערען, מיט ארויסגעפאלענע אדער אויסגעפליקטע פעדערען.

depluma'tion *n.* (די-פלוה-מיי'-שאן) די בערויבונג פון די פעדערען; דאס אויספאלען פון פעדערען.

deplume' *v.* (די-פלוהם') בערויבען פון די פעדערען; אויספליקען די פעדערען.

depolariza'tion *n.* (די-פא-לע-רי-זיי'-שאן) דאס אבשאפען די ווירקונג פון פאלאריזאציאן [ביי ליכט־שטראהלען, עלעקטריציטעט און מאגנעטיזם]. ז. *polarization*

depo'larize *v.* (די-פאו'-לע-ראיז) אבשאפען די ווירקונג פון פאלאריזאציאן [ביי ליכט־שטראהלען, עלעקטריציטעט און מאגנעטיזם] ז. *polarization*

depo'larizer *n.* (די-פאו'-לע-ראי-זער) עטוואס וואס שאפט אב אדער דערלאזט ניט די ווירקונג פון פאלאריזאציאן אין אן עלעקטרישער באטעריי. ז. *polarization*

depone' *v.* (די-פאון') ציינען, עדות זאגען, בעהויפּטען.

depo'nent *n.* (די-פאו'-נענט) אן עדות; איינער וואס גיט א שריפטליכע געשוואוירענע עדות.

depop'ulate *v.* (די-פאפ'-יו-לייט) בערויבען פון דער בעפעלקערונג; פערקלענערען די בעפעלקערונג [דורך מלחמה אדער א פעסט].

depopula'tion *n.* (די-פאפ-יו-ליי'-שאן) די פערניכטונג אדער פערקלענערונג פון דער בעפעלקערונג.

depop'ulator *n.* (די-פאפ'-יו-ליי-טאר)

דער פערמינדערער אדער פערניכטער פון דער בעפעלקערונג.

deport' *v.* (די-פאורט') ארויסשיקען פון לאנד; אוועקטראגען; פערשיקען [ווי א פערברעכער].

deporta'tion *n.* (די-פאור-טיי'-שאן) דאס ארויסשיקען פון לאנד; דאס פערשיקען [ווי א פערברעכער]; דאס אריבערשיקען אדער אריבערפיהרען פון איין לאנד אין דעם צווייטען.

deport'ment *n.* (די-פאורט'-מענט) אויפפיהרונג, בענעהמונג.

The child's record for deportment in school is good.

deport' oneself' (די-פאורט' הוואנ-סעלף') זיך אויפפיהרען, זיך בענעהמען.

depo'sable *a.* (די-פאו'-זעבל) וואס קען אראבגעזעצט ווערען פון אמט.

depose' *v.* (די-פאוז') אראבזעצען פון טהראן אדער פון אמט; זאגען עדות, בעשטעטיגען; שטעלען צו א שבועה, לאזען שווערען; זאגען עדות שריפטליך אונטער א שבועה.

depose' against' (די-פאוז' ע-גענסט') זאגען עדות נעגען אימעצען [הויפטזעכליך שריפטליך און אונטער א שבועה].

depo'ser *n.* (די-פאו'-זער) איינער וואס ווארפט אראב פון אמט; א געשווארענער עדות [הויפטזעכליך אזעלכער, וואס גיט אב זיינע עדות שריפטליך].

depos'it *n. and v.* (די-פאז'-איט) ניעדערלעגען; איינלעגען, אוועקלעגען [ווי געלד אדער סחורה אין א זיכערען ארט]; איינצאהלען געלד אין א באנק; אוועקלעגען א משכון; אבשטעהן, זיך אבזעצען [ווי הייוועז אין וויין]; אבגעלאגערט ווערען, אנגעטראגען ווערען [וועגען זאמד, שטיינער א. ד. ג.]; דאס אוועקגעלעגטע; דאס אוועקגעלעגטע געלד אין א באנק; האנד־געלד; א משכון; דאס אבגעשטאנענע אויף'ן דעק [ווי הייוועז אין וויין, זאמד אין וואסער א. ד. ג.].

depos'itary *n. and a.* (די-פאז'-אי-טיי-רי) א פערטרויטער; איינער וועמען מען טרויט אן עטוואס צו היטען; איינער ביי וועמען מען לעגט איין געלד אדער אנדערע ווערטה־זאכען; וואס בעקומט איינגעלעגטע געלד [וועגען א באנק].

depos'it in the earth (די-פאז'-איט אין טהי אוירטה) בעגראבען.

deposi'tion *n.* (דעפ-א-זיש'-אן) דאס אוועקלעגען אדער ניעדערלעגען; דאס אבלעגען אדער אבשטעהן זיך אויף'ן דעק; די אבגעלאגערטע אדער אנגעטראגענע זאמד, ערד, שטיינער א. ד. ג. וואס בלייבט ליעגען; די אראבזעצונג פון אן אמט; אן ערקלערונג, א פערזיכערונג, א בעהויפטונג; דאס אויסזאגען פון אן עדות אונטער א שבועה [הויפטזעכליך שריפטליך]; דאס מקבר זיין דעם קערפער פון א הייליגען.

depos'itive *a.* (די-פאז'-אי-טיוו) אוועקלעגענדיג; וואס זעצט זיך אב, וואס שטעהט זיך אב אויף'ן דעק.

depos'itor *n.* (די-פאז'-אי-טאר) איינער וואס לעגט אוועק געלד אין א באנק.

depos'itory *n.* (די-פאז'-אי-טא-רי) א לאגער; א פלאץ וואו זאכען ווערען געהאלטען אין זיכערהייט; א לאגער פון סחורה; א שפייכלער.

A warehouse is a depository for goods.

de'pot *n.* (די'-פאו) א דעפא, א לאגער, א מאגאזין, א שפייכלער; א פראכט־הויז, אן אייזענבאהן־סטאציאן; א וואקזאל; א פערזאמלונגס־פלאץ פאר רעקרוטען; די הייפט קוואַרטיר פון א רעגימענט; א טייל פון א באטאליאן, וואס בלייבט אין דער היים, ווען דער באטאליאן ווערט געשיקט אויף'ן קריעגס־פלאץ [אין ענגלאנד].

deprava'tion *n.* (דעפ רע וויי' שאן) דאס פערדארבען, דאס דעמאראליזירען; דאס זיין פערדארבען.

deprave' *v.* (די-פרייוו') פערדארבען, דעמאראליזירען.

depraved' *a.* (די-פרייווד') פערדארבען, דעמאראליזירט.

depra'vedly *adv.* (די פריי'-ווער-לי) מיט פערדארבענע, שלעכטע אבזיכטען; אויף א פערדארבענעם, שלעכטען שטייגער.

depra'vedness *n.* (די-פריי'-ווער-נעס) פערדארבענהייט, דעמאראליזירונג.

deprave'ment *n.* (די-פרייוו'-מענט) פערדארבענהייט, דעמאראליזירונג.

depra'ver *n.* (די-פריי'-ווער) איינער וואס פערדארבט אדער דעמאראליזירט.

deprav'ity *n.* (די-פרעוו'-אי-טי) פערדארבענהייט, דעמאראליזאציאן; די נייגונג צו זינדיגען, וואס די מענשהייט האט גע'ירשנ'ט פון אדם הראשון [אין טעאלאגיע].

dep'recable *a.* (דעפ'-רי-קעבל) וואס מען דארף בעדויערען; נעגען וואס מען קען מאכען איינווענדונגען; וואס דארף אדער קען אבגעווענדעט ווערען דורך א געבעט.

dep'recate *v.* (דעפ'-רי-קייט) בעדויערען; בעטען, עטוואס זאל אבגעווענדעט אדער פערמידען ווערען; ארגומענטירען נעגען עטוואס; אויסדריקען אונצופרידענהייט מיט עטוואס; בעטען רחמים.

dep'recatingly *adv.* (דעפ'-רי-קיי-טינג-לי) מאכענדיג איינווענדונגען; מיט פראטעסט, מיט אונצופרידענהייט; בעטענדיג רחמים.

depreca'tion *n.* (דעפ-רי-קיי'-שאן) א געבעט, א תפלה אז עפעס זאל אבגעווענדעט אדער פערמידען ווערען; א פערלאנג, א בקשה בעפרייט צו ווערען פון שלעכטס; א נעגען־געבעט, א נעגען־בקשה.

dep'recative *a.* (דעפ'-רי-קיי-טיוו) וואס דריקט אוים א בקשה עפעס זאל אבגעווענדעט ווערען; בעטענדיג רחמים; וואס פראטעסטירט, מאכט איינווענדונגען אדער דריקט אוים אונצופרידענהייט מיט עפעס.

dep'recator *n.* (דעפ'-רי-קיי-טאר) איינער וואס מאכט איינווענדונגען נעגען עפעס, דריקט אוים א פראטעסט אדער אונצופרידענהייט מיט עפעס; איינער וואס בעט, אז עפעס זאל אבגעווענדעט ווערען.

dep'recatory *a.* (דעפ'-רי-קיי-טא-רי) ז. *deprecative*.

depre'ciate *v.* (די-פרי'-שי-אייט) אראבזעצען פון ווערטה; פערקלענערען דעם פרייז; אונטערשעצען; פאלען אין מקח.

The value of these securities is very much depreciated.

deprecia'tion *n.* (די-פרי-שי-איי'-שאן) די אראבזעצונג פון ווערטה; דאס מאכען קלענערווירדיג; דאס פאלען אין פרייז; דאס אונטערשעצען.

depre'ciative *a.* (די-פרי'-שי-איי-טיוו) אראבזעצענדיג פון ווערטה; פערקלענערענדיג דעם פרייז; אונטערשעצענדיג.

depre'ciatively *adv.* (די-פרי'-שי-איי-טיוו-לי) אראבזעצענדיג פון ווערטה; אונטערשעצענדיג; אראבלאזענדיג דעם פרייז.

depre'ciator *n.* (די-פרי'-שי-איי-טאר) איינער וואס זעצט ארונטער אדער פערקלענערט דעם ווערטה פון עפעס; דער וואס לאזט ארונטער דעם פרייז; איינער וואס אונטערשעצט.

depre'ciatory *a.* (די-פרי'-שי-איי-טא-רי) וואס האט די נייגונג אראבצוזעצען פון ווערטה, מאכען קלענערווירדיג אדער אונטערשעצען.

dep'redable *a.* (דעפ'-רי-דעבל) וואס קען גערויבט אדער געפלינדערט ווערען.

dep'redate *v.* (דעפ'-רי-דייט) רויבען, פלינדערען, פערוויסטען.

depreda'tion *n.* (דעפ-רי-דיי'-שאן) דאס רויבען; פלינדערונג, פערוויסטונג.

dep'redator *n.* (דעפ'-רי-דיי-טאר) א רויבער, א פלינדערער.

dep'redatory *a.* (דעפ'-רי-דיי-טא-רי) וואס פלינדערט, וואס רויבט.

depress' *v.* (די-פרעס') דריקען, אראבדריקען; בעשרענקען, פערמינדערען, זינקען; נידערשלאגען; אונטערדריקען.

depressed' *a.* (די-פרעסט') נעדריקט, אראבגעדריקט, נידערגעשלאגען.

He is ill and feels very depressed.

depress'ible *a.* (די-פרעס'-איבל) וואס קען אראבגעדריקט ווערען.

depress'ingly *adv.* (די-פרעס'-אינג-לי) אויף א דריקענדען, אראבדריקענדען אדער נידערשלאגענדען שטייגער.

depres'sion *n.* (די-פרעש'-אן) די אראבדריקונג; נעדריקטקייט, געדריקטער צושטאנד אדער שטימונג; נידערגעשלאגענהייט; נעפאלענקייט; ערנידערונג; דאס זינקען פון פרייזען; אן אויסהוילונג, א פערטיעפונג; קערפערליכע שוואכקייט; אזא אפעראציאן אויף שטאר [אזא אויגען־קראנקהייט וואס פעראורזאכט בלינדקייט. די אפעראציאן בעשטעהט אין דער אראבדריקונג פון דער לינזע].

depres'sion of trade (די-פרעש'-אן אוו טרייד) א שטילשטאנד אין האנדעל.

depress'ive *a.* (די-פרעס'-איוו) אראבדריקענד; דריקענד, נידערשלאגענד.

depress'or *n.* (די-פרעס'-אר) איינער אדער עפעס וואס דריקט אראב; אן אונטערדריקער.

depri'vable *a.* (די-פראי'-וועבל) וואס קען בערויבט אדער אוועקגענומען ווערען; וואס קען אבגעזאגט אדער ארונטערגעזעצט ווערען [פון אמט].

depriva'tion *n.* (דעפ-רי-ווי'-שאן) די בערויבונג, די אוועקנעהמונג; דאס זיין בערויבט; עלענד; דאס אראבגעזעצט ווערען פון אמט.

deprive' *v.* (די-פראיוו') בערויבען, אוועקנעהמען; ארונטערזעצען פון אמט; שטערען, ניט דערלאזען.

In this country a man can not be deprived of his liberty without a warrant issued by a court.

depri'ver *n.* (די-פראי'-ווער) דער אדער דאס וואס בערויבט אדער נעהמט אוועק.

de profun'dis (די פרא-פאנ'-דיס) פון דער טיעפעניש; דער 130טער קאפיטעל פון תהלים ["ממעמקים קראתיך ד'"], וועלכער ווערט געזונגען פון קריסטען ביי תשובה, ביי ודוי און ביי א לויה.

deprovin'cialize *v.* (די-פרא-ווינ'-שעל-איז) מאכען אוים פראווינציאל; אויסברייטען דעם קוק אויף'ן לעבען אדער די אינטערעסען.

depth *n.* (דעפטה) טיעפקייט, טיעפעניש;

די טיעפקייט [פון געדאנק]; די ברייטקייט [פון קענטניסע]; דער סאמע מיטען, די העכסטע שטופע פון עפעס; די טונקעלקייט אדער געדיכטקייט פון קאליר [אין מאלעריי]; די ברייטקייט, דיקקייט, הויכקייט פון עפעס; א טיעפעניש, א תהום; די פערטיעפונג [פון א שיף].

dep'then *v.* (דעפטהן) מאכען טיעפער, פערטיעפען.

depth'less *a.* (דעפטה'-לעס) ניט טיעף, פלאך; אהן א גרונד.

dep'urant *a. and n.* (דעפ'-יו-רענט) ריינינגענד; וואס נעהמט ארויס דאס אונריינע; א ריינינגונגס-מיטעל.

dep'urate *v.* (דעפ'-יו-רייט) ריינינגען; בעפרייען פון אונריינקייטען.

depura'tion *n.* (דעפ-יו-ריי'-שאן) די ריינינגונג; דאס בעפרייען פון אונריינקייטען.

dep'urative *n. and a.* (דעפ'-יו-ריי-טיוו) וואס ריינינגט; וואס איז פערבונדען אדער וואס איז שייך צו דער בעפרייאונג פון אונריינקייטען; דאס וואס ריינינגט; א מעדיצינישער מיטעל צו ריינינגען דאס בלוט.

dep'urator *n.* (דעפ'-יו-ריי-טאר) דאס וואס ריינינגט; אן אבפיהר-מיטעל.

deputa'tion *n.* (דעפ-יו-טיי'-שאן) א דעפוטאציאן; געזאנדטע; א בעפאלמעכטיגונג צו רעדען און צו האנדלען פאר א פערזאן אדער פערזאנען.

depute' *v.* (די-פיוט') שיקען איינעם אלס דעפוטאט, געבען איהם די פאלמאכט צו רעדען און האנדלען אין נאמען פון די וואס האבען איהם געשיקט.

depu'ted *a.* (די-פיו'-טעד) געשיקט; וואס איז געשיקט אימעצען צו פערטרעטען.

dep'utize *v.* (דעפ'-יו-טאיז) בעשטימען אלס דעפוטאט אדער שטעלפערטרעטער.

dep'uty *n.* (דעפ'-יו-טי) א דעפוטאט; א געזאנדטער; א שטעלפערטרעטער, א געהילף.

dep'uty mustache' (דעפ'-יו-טי מאס-טעש') פאלשע וואנצעס.

dep'uty-post'master *n.* (דעפ'-יו-טי-פאוסט'-מעס-טער) דער וויצע-דירעקטאר פון פאסט-דעפארטאמענט; דער געהילף פון פאסט-דירעקטאר.

dep'uty-sher'iff *n.* (דעפ'-יו-טי-שער'-איף) דעם שעריף'ס שטעלפערטרעטער, דעם שעריף'ס געהילף.

derac'inate *v.* (די-רעס'-אי-נייט) אויסווארצלען; אויסראטען.

deracina'tion *n.* (די-רעס-אי-ניי'-שאן) דאס אויסווארצלען, דאס אויסראטען.

derail' *v.* (די-רייל') אראבפיהרען פון די רעלסען; ארונטערלויפען פון די רעלסען.

derail'ment *n.* (די-רייל'-מענט) דאס אראבפיהרען פון די רעלסען.

derange' *v.* (די-ריינדזש') אין אונארדנונג ברייננען; צומישען, צושטערען; משוגע מאכען.

deran'geable *a.* (די-ריינ'-דזשעבל) וואס קען געבראכט ווערען אין אונארדנונג; וואס קען צושטערט ווערען.

deranged' *a.* (די-ריינדזשד') צומישט, משוגע.

derange'ment *n.* (די-ריינדזש'-מענט) דאס צומישען, דאס צופלאנטערען, דאס ברייננען אין אונארדנונג; צומישטקייט, משוגעת.

deray' *n.* (די-ריי') א מיש-מאש, אן אונארדנונג, א טומעל.

der'by *n.* (דויר'-בי) א שטייפער פילץ-הוט; א הילצערנע לאפעטקע מיט צוויי הענטלעך, ביי די מויערער [מולארעס].

Der'by *n.* (דויר'-בי) דערבי, דער וויכטיגסטער יעהרליכער וועט-לויף פון פערד אין ענגלאנד [איינגעפיהרט פון לארד דוירבי אין יאהר 1780].

der'elict *n. and a.* (דער'-ע-ליקט) 1. ניט טריי, ניט איבערגעגעבען צו זיין פפליכט; 2. פערלאזען; א פערלאזענע זאך; א צובראכענע שיף וואס איז פערלאזען אויף'ן ים; 3. די ערד וואס איז פערבליבען טרוקען נאכדעם ווי די וואסער-ליניע פון ים אדער פון טייך האט זיך אומגעביטען.

1. He is a derelict in his duty and will lose his position. 2. The steamer passed a derelict at sea.

derelic'tion *n.* (דער-ע-ליק'-שאן) די פערלאזונג; דאס זיין פערלאזען; דאס בעקומען נייע יבשה פון דעם, וואס די וואסער-ליניע פון ים אדער טייך האט זיך אומגעביטען; די יבשה וואס איז בעקומען געווארען אויף אזא אופן; אונטרייהייט, די ניט איבערגעבענקייט צו דער פפליכט.

der'ic *a.* (דער'-איק) אין עמבריאלאגיע — וואס איז שייך צו דער עקטאדערמא. ז. *ectoderm*.

deride' *v.* (די-ראיד') אויסלאכען, פערשפאטען, מאכען לעכערליך.

deri'der *n.* (די-ראי'-דער) א; אבלאכער, א פערשפאטער.

deri'dingly *adv.* (די-ראי'-דינג-לי) מיט שפאט; מאכענדיג צו געלעכטער.

deris'ible *a.* (די-ריז'-איבל) פון וואס מען קען אבלאכען, וואס איז פערשפאטונגס-ווערטה.

deri'sion *n.* (די-ריזש'-אן) דער שפאט, דאס אבלאכען; דאס וואס מען קען אבלאכען אדער פערשפאטען.

deri'sive *a.* (די-ראי'-סיוו) פערשפאטענד; שפאטיש.

deri'sively *adv.* (די-ראי'-סיוו-לי) אבלאכענדיג; מיט שפאט.

deri'siveness *n.* (די-ראי'-סיוו-נעס) דאס האבען די טבע אבצושפאטען אדער אבצולאכען.

deri'sory *a.* (די-ראי'-סא-רי) שפאטענד, אבלאכענד.

derivabil'ity *n.* (די-ראי-ווע-ביל'-אי-טי) דאס קענען גענומען אדער ערהאלטען ווערען פון א געוויסער קוועלע; דאס קענען ארויסגעדרונגען ווערען.

deri'vable *a.* (די-ראי'-וועבל) וואס קען גענומען אדער ערהאלטען ווערען פון א געוויסער קוועלע; וואס קען ארויסגעדרונגען ווערען.

deri'vably *adv.* (די-ראי'-ווע-בלי) דורך אבשטאמונג פון א געוויסער קוועלע.

deriva'tion *n.* (דער-אי-וויי'-שאן) די אבשטאמונג פון א געוויסער קוועלע; די אבשטאמונג אדער ענטוויקלונג פון א ווארט; די אבשטאמונג פון א ראסע; אין מאטעמאטיק — דאס געפינען דעם דיפערענציאל קאעפיציענט. ז. *differential coefficient*.

deriva'tional *a.* (דער-אי-וויי'-שאנעל) וואס איז שייך צו אבשטאמונג.

deriv'ative *n. and a.* (די-ריוו'-ע-טיוו) וואס שטאמט אדער וואס קומט פון וועלכער עס איז קוועלע; וואס איז שייך צו דער טעאריע וועגען אבשטאמונג און ענטוויקלונג; וואס פערקלענערט אן ענטצינדונג אדער א געשווילעכטס; א ווארט וואס שטאמט אב פון א געוויסען ווארצעל.

deriv'atively *adv.* (די-ריוו'-ע-טיוו-לי) אבשטאמענדיג פון וועלכער עס איז קוועלע; דורך אבשטאמונג.

deriv'ativeness *n.* (די-ריוו'-ע-טיוו-נעס) דאס אבשטאמען פון א געוויסער קוועלע אדער שטאם.

derive' *v.* (די-ראיוו') נעהמען אדער ערהאלטען פון א געוויסען ווארצעל, קוועלע אדער שטאם; אבשטאמען, ארויסקומען; ארויסדרינגען; אויסבילדען א ווארט פון א געוויסען ווארצעל.

derive' from na'ture (די-ראיוו' פראם ניי'-טשור) דער נאטור פערדאנקען.

derive' prof'it from (די-ראיוו' פראפ'-איט פראם) אויסנוצען, ציהען ריוח.

He derives profit from his knowledge of many languages.

derm *n.* (דוירם) די הויט.

der'ma *n.* (דויר'-מא) ז. *derm*.

der'mad *adv.* (דויר'-מעד) צו דער הויט-צו, פון אינווענייג ארויס-צו.

der'mal *a.* (דויר'-מעל) וואס איז שייך צו דער הויט.

dermat'ic *a.* (דויר-מעט'-איק) ז. *dermal*.

der'matine *a.* (דויר'-מע-טין) ז. *dermatic*.

dermati'tis *n.* (דויר-מע-טאי'-טיס) הויט-ענטצינדונג.

dermatog'raphy *n.* (דויר-מע-טאג'-רע-פי) די וויסענשאפטליכע בעשרייבונג פון דער הויט.

der'matoid *a.* (דויר'-מע-טאיד) עהנליך צו הויט.

der'matol *n.* (דויר'-מע-טאול) דערמעטאל [אזא כעמישער שטאף, ווערט בענוצט אין דער מעדיצין].

dermatol'ogist *n.* (דויר-מע-טאל'-א-דזשיסט) איינער וואס גיט זיך אב מיט דעם טייל פון דער וויסענשאפט וואס בעשעפטיגט זיך מיט דער הויט און מיט הויט-קראנקהייטען.

dermatol'ogy *n.* (דויר-מע-טאל'-א-דזשי) דער טייל פון דער וויסענשאפט, וואס בעשעפטיגט זיך מיט דער הויט און מיט הויט-קראנקהייטען.

der'mic *a.* (דויר'-מיק) וואס איז שייך צו דער אויבערשטער הויט; וואס איז שייך צו דער הויט.

der'mic rem'edies (דויר'-מיק רעמ'-ע-דיז) מעדיצינישע מיטלען, וואס ווירקען דורך דער הויט.

der'mis *n.* (דויר'-מיס) ז. *derm*.

dermog'raphy *n.* (דויר-מאג'-רע-פי) ז. *dermatography*.

der'moid *a.* (דויר'-מאיד) ז. *dermatoid*.

dermol'ogy *n.* (דויר-מאל'-א-דזשי) ז. *dermatology*.

dermoskel'eton *n.* (דויר-מאו-סקעל'-ע-טאן) דער הויט-סקעלעט ביי אינזעקטען, פיש, קרעבסען א. ד. ג.

dermot'omy *n.* (דויר-מאט'-א-מי) די אנאטאמיע, דער בוי פון דער הויט.

derm'-skel'eton *n.* (דוירמ'-סקעל'-ע-טאן) ז. *dermoskeleton*.

dern *n.* (דוירן) א ביישטיעל, א שוועל.

dernier' *a.* (דער-ניעי') לעצט.

der'ogate *v.* (דער'-א-גייט) פערמינדערען, אראבנעהמען.

der'ogate from (דער'-א-גייט פראם)

אראבנעהמען א טייל; אראבציהען, פערמינדערען.

der'ogately *adv.* (דער'-א-גייט-לי) אויף א פערמינדערענדען אופן; אראבנעהמענדיג, אראבציהענדיג.

deroga'tion *n.* (דער-א-גיי'-שאן) די שעדיגונג; ערנידריגונג; די איבערטרעטונג; די פערמינדערונג.

derog'ative *a.* (די-ראג'-ע-טיוו) וואס פערמינדערט, וואס ערנידריגט.

derog'aively *adv.* (די-ראג'-ע-טיוו-לי) אויף א פערמינדערענדען אדער ערנידריגענדען אופן; דורך שעדיגונג אדער ערנידריגונג.

derog'atorily *adv.* (די-ראג'-ע-טא-רי-לי) ז. ***derogatively***

derog'atoriness *n.* (די-ראג'-ע-טא-רי-נעס) דאס זיין שעדיגענד, פערמינדערענד אדער ערנידריגענד.

derog'atory *a.* (די-ראג'-ע-טא-רי) ערנידריגענד; שעדיגענד; פערמינדערענדיג.

der'rick *n.* (דער'-איק) א הויב־מאשין, א קראן [א מאשין צום אויפהויבען שווערע משאות].

der'rick-crane *n.* (דער'-איק-קריין) א דרעה־קראן [אזא הויב־מאשין].



Derrick-crane

der'ringer *n.* (דער'-אינ-רזשער) אזא פיסטאלעט מיט א ברייטען און קורצען שים־לאף.

der'vish *n.* (דויר'-וויש) א דערוויש, א מאכמעדאנישער מאנאך.

des'cant *n.* (דעס'-קענט) א געזאנג מיט פערשיעדענע ווארִיאציאנען; א שמועס, א רייה בעמערקונגען אדער פירושים וועגען עפּעס; א בעמערקונג.

descant' *v.* (דעס-קענט') לאנג ריידען אדער שמועסען וועגען עפעס; מאכען בעמערקונגען אדער פירושים.

The orator **descanted** on the natural beauties of our town.

descend' *v.* (די-סענד') ארונטערשטייגען; ארונטערגעהן; ארונטערפאלען, זינקען, קומען צו א נידריגערער שטופע; פערגעהן [וועגען דער זון, דער לבנה און די שטערען]; איבערפאלען; אבשטאמען; איבערגעהן פון דעם אלגעמיינעם צו די איינצעלהייטען.

descen'dable *a.* (די-סענ'-דעבל) ז. ***descendible***

descen'dant *n. and a.* (די-סענ'-דענט) איינער אדער עטוואס וואס שטאמט אב; אבשטאמענדיג; ארונטערגעהענדיג, אראבשטייגענדיג; ארונטערפאלענדיג, זינקענדיג.

descen'dent *a.* (די-סענ'-דענט) ארונטערגעהענדיג, ארונטערשטייגענדיג; ארונטערפאלענדיג, זינקענדיג.

descen'der *n.* (די-סענ'-דער) איינער אדער עטוואס וואס געהט ארונטער, שטייגט ארונטער, פאלט ארונטער אדער זינקט; איינער וואס שטאמט אב.

descendibil'ity *n.* (די-סענ-די-ביל'-אי-טי) די צונעפאסטקייט פון עפעס צום אראבשטייגען; די פעהיגקייט איבערצוגעהן בירושה.

descen'dible *a.* (די-סענ'-דיבל) וואס מען קען אראבשטייגען; וואס קען איבערגעהן בירושה.

descen'ding *a.* (די-סענ'-דינג) אראבשטייגענדיג, געריכטעט נאך אונטען; וואס ווערט פערקלענערט אדער פערמינדערט.

descen'ding se'ries (די-סענ'-דינג סיע'-ריעז) די פאלענדע רייהע [אין מאטעמאטיק — א רייה קוואנטיטעטען אדער גרעסען, פון וועלכע יעדע קומענדע איז קלענער פון דער פריהעריגער].

descen'sion *n.* (די-סענ'-שאן) דאס אראבשטייגען, דאס אראבגעהן נידריגער, דאס פאלען, דאס זינקען, דאס פערקלענערט אדער פערמינדערט ווערען.

descen'sional *a.* (די-סענ'-שאנ-על) וואס איז שייך צום אראבשטייגען, צום אראבזינקען, צום פאלען אדער צום פערמינדערט ווערען; וואס איז שייך צו אבשטאמונג; וואס איז שייך צו דער פעהיגקייט איבערצוגעהן בירושה.

descen'sive *a.* (די-סענ'-סיוו) אראבשטייגענדיג, פאלענדיג.

descent' *n.* (די-סענט') דאס אראבשטייגען; דער ארונטערגאנג; דער בויג, די נייגונג ארונטער־צו; דאס זינקען; דאס ארונטערקומען צו א נידריגערער שטופע; א פיינדליכער איבערפאל; דער איבערגאנג פון אונבעוועגליכען אייגענטום צו יורשים; דער שטאם, די אבשטאמונג.

descri'bable *a.* (דעס-קראי'-בעבל) וואס קען בעשריבען ווערען; וואס קען געצייכענט אדער געשילדערט ווערען.

describe' *v.* (דעס-קראיב') 1. בעשרייבען, שילדערען, צייכענען, בעצייכענען; 2. בעצייכענען א געוויסע פיגור דורך בעוועגונג.

2. With the compass he **described** a circle.

descri'bent *n.* (דעס-קראי'-בענט) אין געאמעטריע — עטוואס וואס בעשרייבט אדער בעצייכענט [ווי למשל, דער פונקט, פון דער בעוועגונג פון וועלכען עס בילדעט זיך א ליניע; די ליניע, פון דער בעוועגונג פון וועלכער עס בילדעט זיך א פלעכע, און די פלעכע, פון דער בעוועגונג פון וועלכער עס בילדעט זיך א מאטעמאטישער קערפער].

descri'ber *n.* (דעס-קראי'-בער) איינער, וואס בעשרייבט, שילדערט, צייכענט אדער מאלט אב.

descri'er *n.* (דעס-קראי'-ער) אן ענטדעקער; איינער וואס געפינט עפעס אויס, דעקט עפעס אויף אדער זוכט עפעס אויס.

descrip'tion *n.* (דעס-קריפ'-שאן) 1. די בעשרייבונג, די צייכענונג, די שילדערונג; 2. כאראקטעריסטיק, כאראקטעריסטישע איינענשאפטען; א זארט, א מין.

1. This passage gives a **description** of a battle. 2. He sells goods of every **description**.

descrip'tive *a.* (דעס-קריפ'-טיוו) בעשרייבענד, שילדערענד, אבמאלענד.

descrip'tive book (דעס-קריפ'-טיוו בוק) דאס בוך פון א מיליטער אבטיילונג, אין וועלכען עס געפינען זיך די פערצייכנונגס־ליסטען פון יעדען סאלדאט און אפיציער פון דיעזער אבטיילונג און אלע נויטיגע ידיעות וועגען זיי.

descrip'tive geom'etry (דעס-קריפ'-טיוו דזשי-אמ'-עט רי) דארישטערענדע געאמעטריע [די טעאריע צו צייכענען פראיעקציאנען פון געאמעטרישע פיגורען אין אויסצוגעפינען וואס פאר א פלאץ און לאגע זיי פערנעהמען אין רוים].

descrip'tive list (דעס-קריפ'-טיוו ליסט) א פערצייכנונגס־ליסט פון מענשען אדער זאכען; א רעפארט, וואס ווערט אויסגעמאכט וועגען א מאטראז פון א קריעגס־שיף אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא, ווען ער פערלאזט דאס דיענסט אדער ווערט איבערגעפיהרט פון איין שיף אויף דער צווייטער; א גענויער בעריכט וועגען איינעם, וואס טרעט אריין אין דער ארמעע פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא.

descrip'tively *adv.* (דעס-קריפ'-טיוו-לי) דורך א בעשרייבונג; דורך אבמאלען אדער צייכנען.

descrip'tiveness *n.* (דעס-קריפ'-טיוו-נעס) דאס האבען דעם כאראקטער פון א בעשרייבונג אדער שילדערונג.

descrip'tive pow'ers (דעס-קריפ'-טיוו פאו'-ערז) די פעהיגקייט, דער טאלענט צו בעשרייבען אדער צו שילדערען.

descry' *v.* (דעס-קראי') ענטדעקען, אויסגעפינען, אויסקוקען, אויסשפיאנירען.

des'ecrate *v.* (דעס'-אי-קרייט) פערשוועכען, מחלל זיין, לעסטערען; צונעהמען ביי אימעצען א הייליגען אמט אדער טיטעל; צונעהמען ביי אימעצען אדער ביי עפעס די הייליגקייט.

des'ecrater *n.* (דעס'-אי-קריי-טער) איינער וואס פערשוועכט אדער לעסטערט.

desecra'tion *n.* (דעס-אי-קריי'-שאן) פערשוועכונג, לעסטערונג; דאס צונעהמען ביי אימעצען א הייליגען אמט אדער טיטעל; דאס אראבנעהמען די הייליגקייט פון עפעס.

des'ecrator *n.* (דעס'-אי-קריי-טאר) ז. ***desecrater***

desert' *n. and v.* (די-זוירט') פערלאזען, אנטלויפען, דעזערטירען, אנטלויפען פון מיליטער־דיענסט; ווערען אבטריניג; פערדיענסט, ווערטה; דעסערט [נאכשפייז].

des'ert *n. and a.* (דעז'-אוירט) א מדבר, א ווילדערניש, א וויסט אדער פערלאזען פלאץ; וויסט, פערלאזען, אונבעוואהנט; וואס איז שייך צו א מדבר.

deser'ter *n.* (די-זויר'-טער) א דעזערטיר, איינער וואס אנטלויפט פון מיליטער־דיענסט; איינער וואס פערלאזט זיין פאסטען, זיין אויפגאבע, זיין אידעאל, זיין פארטיי, זיין ווייב, זיינע פריינד א. ד. ג.

desert'ful *a.* (די-זוירט'-פול) פערדיענסטפול.

deser'tion *n.* (די-זויר'-שאן) דאס דעזערטירען [אנטלויפען פון מיליטער־דיענסט]; דאס פערלאזען אדער אוועקווארפען א מאן אדער א ווייב, א פריינד, א פארטיי, א פאסטען א. ד. ג.

desert'less *a.* (די-זוירט'-לעס) וואס האט ניט קיין פערדיענסטע, וואס פערדיענט נים קיין בעלוינונג אדער קיין טובה.

deser'trice *n.* (די-זויר'-טרים) ז. ***desertrix***

deser'trix *n.* (די-זויר'-טריקס) די אבטריניגע, איינע וואס איז עובר אויף איהרע פפליכטען אלס פרוי.

deserve' *v.* (די-זוירוו') פערדיענען, ווערטה זיין.

deser'vedly *adv.* (די-זויר'-וועד-לי) מיט רעכט, לויט ווערטה.

The child was **deservedly** punished.

deserve' no'tice (די-זורוו' נאו'-טיס) פערדיענען בעמערקט צו ווערען.

deser'ver *n.* (די-זויר'-ווער) איינער וואס האט פערדיענסט, וואס איז ווערטה אדער וואס איז ווירדיג.

deser'ving *n. and a.* (די-זויר'-ווינג) ווירדיג, פערדיענסטפול; דאס פערדיענסט, דער ווערטה.

Your conduct is deserving of praise.

deser'vingly *adv.* (די-זויר'-ווינג-לי) מיט רעכט, לויט ווערטה; ווירדיג.

desex'ualize *v.* (די-סעק'-שו-על-איז) אוועקנעהמען דאס געשלעכטליכע, אוועקנעהמען די כאראקטעריסטישע געשלעכטס-סימנים.

deshabille' *n.* (דעס-ע-ביל') *dishabille* .ז

des'iccant *n. and a.* (דעס'-אי-קענט) וואס טריקענט; א מעדיצין צום טריקענען א וואונד.

des'iccate *v.* (דעס'-אי-קייט) אויסטריקענען; ווערען טרוקען [הויפטזעכליך וועגען קאנזערווירטע שפייזען].

desicca'tion *n.* (דעס-אי-קיי'-שאן) דאס טריקענען, דאס טרוקען ווערען [אי-בערהויפט דורך קינסטליכע מיטעל].

des'iccative *n. and a.* (דעס'-אי-קיי-טיוו) וואס טריקענט; עטוואס וואס טריקענט אויס.

des'iccator *n.* (דעס'-אי-קיי-טאר) איינער וואס טריקענט [קאנזערווירטע שפייזען]; אן אפאראט צום טריקענען.

desid'erate *v.* (די-סיד'-ע-רייט) פער-לאנגען, ווינשען, בעדארפען; בייגקען נאך עפעס.

desidera'tion *n.* (די-סיד-ע-ריי'-שאן) דאס פערלאנגען עפעס; דאס בייגקען נאך עפעס.

desid'erative *n. and a.* (די-סיד'-ע-ריי-טיוו) וואס דריקט אויס פערלאנג, וואס האט אדער רופט ארויס א פערלאנג; דאס וואס עס ווערט פערלאנגט; אין גראמאטיק — א צייט-ווארט, וואס דריקט אויס א פערלאנג.

desidera'tum *n.* (די-סיד-ע-ריי'-טאם) דאס בעדירפניס, דאס וואס ווערט פער-לאנגט אדער וואס איז ווינשענסווערטה; דאס וואס פעהלט אדער פאדערט זיך.

design' *n. and v.* (די-זאין') צייכנען, סקיצירען, אנווארפען א פלאן, מאכען א מוסטער; פלאנעווען, פראיעקטירען, אין זינען האבען, בעאבזיכטיגען, בעשטימען פאר א געוויסען צוועק; מאכען בילדער אדער סקולפטור-ארבייט; ערפינדען; א צייכנונג, א סקיצירונג; אן אנגעווארפענער פלאן; א מוסטער-צייכנונג; א מוסטער; א מאהלעריי אדער סקולפטור-ארבייט; א פלאן, א פראיעקט, א מחשבה, אן אבזיכט, אן ערפינדונג.

desig'nable *a.* (די-זאי'-נעבל) קענטליך, דייטליך, וואס איז גרינג צו אונטערשיי-דען; וואס קען געצייכענט אדער אבגע-מאלט ווערען.

des'ignate *v. and a.* (דעס'-איג-נייט) בעצייכנען, בעשטימען; אויסצייכנען, אנ-צייגען, אונטערשיידען, אנרופען; בע-שטימט; אנגעצייגנט.

designa'tion *n.* (דעס-איג-ניי'-שאן) דאס אנצייגען, דאס אויסצייכנען; בעשטי-מונג, ערנענונג; די בעצייכנונג; דער גע-ברויך, די בעדייטונג פון א ווארט; בע-צייכנונג, שילדערונג; דער כאראקטער פון עטוואס; עטוואס וואס בעשטימט אדער אונטערשיידעט [ווי א נאמען, א טיטעל א. ד. ג.].

des'ignative *a.* (דעס'-איג-ניי-טיוו) בעצייכנענד, אנדייטענד.

des'ignator *n.* (דעס'-איג-ניי-טאר) איינער וואס בעשטימט, בעצייכענט אדער דייטעט אן; אין אלטען רוים — א בע-אמטער וואס פלעגט בעשטימען די פלע-צער פון די וואס האבען אנטייל גענומען אין אן עפענטליכער צערעמאניע; א צע-רעמאניע-מייסטער.

des'ignatory *a.* (דעס'-איג-ניי-טא-רי) *designative* .ז

desig'nedly *adv.* (די-זאי'-נעד-לי) אבזיכטליך.

He designedly neglected to visit me.

desig'ner *n.* (די-זאי'-נער) איינער וואס פלאנעוועט אדער פראיעקטירט; איינער וואס צייכענט אדער טראכט אויס פאסא-נען אדער ארטיסטישע מוסטערען.

desig'ning *a.* (די-זאי'-נינג) קינסט-ליך, פלאנעווענדיג, אינטריגירענדיג, כיט-רע, בעטריגעריש.

design'less *a.* (די-זאינ'-לעס) אהן אב-זיכט, אהן א פלאן, צוועקלאז.

design'lessly *adv.* (די-זאינ'-לעס-לי) אהן אבזיכט, אהן א פלאן, אהן א צוועק.

des'inence *n.* (דעס'-אי-נענס) ענדונג.

des'inent *a.* (דעס'-אי-נענט) ענדליך, שליסליך, וואס שליסט, וואס איז די ענדע.

desip'ient *a.* (די-סיפ'-אי-ענט) שטיפע-ריש; נאריש.

desirabil'ity *n.* (די-זאיר-ע-ביל'-אי-טי) דאס זיין ווינשענסווערטה; דאס זיין אנגענעהם.

desir'able *a.* (די-זאיר'-עבל) ווינשענס-ווערטה; אנגענעהם.

desir'ableness *n.* (די-זאיר'-עבל-נעס) *desirability* .ז

desir'ably *adv.* (די-זאיר'-ע-בלי) אויף א ווינשענסווערטהען אדער אנגענעהמען אופן.

desire' *n. and v.* (די-זאיר') פערלאנגען, ווינשען, בעגעהרען; גלוסטען, פאדערען; בעטען; א וואונש, א בעגעהר, א פער-לאנג; א פאדערונג, א בקשה; דאס גלוס-טען; דאס בייגקען; א צונייגונג; לוסט, תאוה; דאס וואס ווערט פערלאנגט אדער צו וואס מען האט א נייגונג.

desire'ful *a.* (די-זאיר'-פול) פול מיט פערלאנגען, גלוסט אדער בייגקעניש.

desire' in mar'riage (די-זאיר' אין מער'-אידזש) זיך ערקלערען אין ליעבע; בעטען די האנד.

desire'less *a.* (די-זאיר'-לעס) וואס האט ניט קיין פערלאנגען; גלייכגילטיג.

desir'er *n.* (די-זאיר'-ער) איינער וואס פערלאנגט, בעגעהרט, גלוסט, בעט אדער ווינשט.

desir'ous *a.* (די-זאיר'-אס) בעגיעריג.

desir'ously *adv.* (די-זאיר'-אס-לי) מיט בעגעהר, בעגיעריג.

desir'ousness *n.* (די-זאיר'-אס-נעס) דאס זיין געוויגשט; דאס בעגעהרען, דאס גלוסטען.

desist' *v.* (די-סיסט') אויפ-הערען; אבשטעהן.

desis'tance *n.* (די-סיס'-טענס) דאס אבשטעהן, דאס אויפהערען.

desis'tence *n.* (די-סיס'-טענס) *desistance* .ז

desk *n.* (דעסק) א שרייב-טיש.

desk'-work *n.* (דעסק'-הוואירק) קאנ-טארסקע ארבייט [אין געגענזאץ צו דרויי-סען-ארבייט, אויסער דער קאנטאר]; לי-טערארישע ארבייט.

des'man *n.* (דעס'-מען) די שנויץ-מויז [א זא מויז אדער ראץ מיט א לאנגער נאז. האלט זיך ביי די ברעגעס פון די טייכען וואלגא און דאן אין רוסלאנד און אין די זיד-וועסט טיילען פון אייראפא].

Desman

des'mine *n.* (דעס'-מין) דער דעסמין [א זא מינעראל].

desmi'tis *n.* (קעס-מאי'-טיס) אין מע-דיצין — ענטצינדונג פון א ליגאמענט [איינער פון די טיילען פון' מענשליכען קערפער וואס בעפעסטיגט אנדערע טיי-לען אדער פערבינדט צוויי ביינער].

desmog'raphy *n.* (דעס-מאג'-רע-פי) די וויסענשאפטליכע בעשרייבונג וועגען די בענדער אין מענשליכען ארגאניזם [די טיילען וואס בינדען צוזאמען צוויי ביינער אדער בעפעסטיגען אנדערע טיילען פון קערפער].

desmolog'ic *a.* (דעס-מא-לאדזש'-איק) וואס איז שייך צו די בענדער אין דעם מענשליכען ארגאניזם ז. *desmology*

desmol'ogy *n.* (דעס-מאל'-א-דזשי) די לעהרע וועגען די בענדער אין מענשליכען ארגאניזם [די טיילען פון קערפער, וואס האלטען צוזאמען צוויי ביינער אדער בע-פעסטיגען געוויסע אנדערע טיילען פון קערפער].

desocialisa'tion *n.* (די-סאו-שעל-אי-זיי'-שאן) ז. *desocialization*

desocializa'tion *n.* (די-סאו-שעל-אי-זיי'-שאן) דאס מאכען עטוואס ניט-געזעל-שאפטליך; די פערלוסט פון געזעלשאפט-ליכע אינסטינקטען און געוואוהנהייטען.

des'olate *v. and a.* (דעס'-א-לייט) מא-כען איינזאם אדער פערלאזען; פערוויס-טען; בעטריבען; וויסט, איינזאם, עלענד, פערלאזען; בעטריבט, אונגליקליך.

Many portions of Palestine are still desolate.

des'olately *adv.* (דעס'-א-לייט-לי) דורך פערוויסטונג; אויף אן עלענדען, איינזאמען אופן; בעטריבט, אונגליקליך.

des'olateness *n.* (דעס'-א-לייט-נעס) עלענד, איינזאמקייט; פערלאזענקייט; טרויעריגקייט; דאס זיין פערוויסט.

des'olater *n.* (דעס'-א-ליי-טער) ז. *desolator*

desola'tion *n.* (דעס-א-ליי'-שאן) די פערוויסטונג; א פערוויסטע געגענד; אן איינזאם פלאץ; בעטריבטקייט, עלענד, איינזאמקייט.

des'olator *n.* (דעס'-א-ליי-טאר) איינער אדער עטוואס וואס רואינירט אדער פער-וויסט.

des'olatory *a.* (דעס'-א-ליי-טא-רי) פערוויסטענד, בעטריבענד.

despair' *n. and v.* (דעס-פעהר') זיך מיאש זיין, פערצווייפלען, ברייננען צו פערצווייפלונג; פערצווייפלונג, יאוש; עט-וואס וואס ברייגנט צו פערצווייפלונג.

despair'er *n.* (דעס-פעהר'-ער) איינער וואס איז זיך מיאש, וואס איז פערצוויי-פעלט.

despair'ing *a.* (דעס-פעהר'-אינג) פערצווייפעלט, האפנונגסלאז.

despair'ingly *adv.* (דעס-פעהר'-אינג-לי) אין פערצווייפלונג.

despair'ingness *n.* (דעס-פעהר'-אינג-נעס) פערצווייפלונג, יאוש.

despatch' *n.* and *v.* (דעס-פעטש') שיקען, אוועקשיקען, אבשיקען; שנעל איבערגעבען; מאכען א סוף; אריבערפעקלען אויף יענער וועלט, טויטען; זיך צואיילען, שנעל פערענדיגען; דאס וואס ווערט אבגעשיקט; דאס וואס ווערט געטהאן שנעל, אין איילעניש; שנעלקייט; דאס מאכען א סוף צו עפעס; א בריעף, א דעפעשע.

despatch'-boat *n.* (דעס-פעטש'-באוט) א רעגיערונגס־שיף איבערצושיקען אפיציעלע פאפיערען.

despatch'-box *n.* (דעס-פעטש'-באקס) א פארטפעל אדער קעסטעל פאר אפיציעלע פאפיערען.

despatch'er *n.* (דעס-פעטש'-ער) אן עקספעדיטאר, אן אבשיקער; איינער וואס דעפעשירט.

despect' *n.* (די-ספעקט') דאס קוקען פון אויבען אראב; דאס פעראכטען.

despec'tion *n.* (די-ספעק'-שאן) ז. *despect*

despera'do *n.* (דעס-פע-ריי'-דאו) איינער וואס וואגט; איינער וואס האט קיין מורא פאר קיין געפאהר; א געפעהרליכער מענש.

des'perate *a.* (דעס'-פע-רייט) וואס וואגט, וואס ריזיקירט, וואס קוקט ניט אויף קיין געפאהר; ריקזיכטסלאז; האפנונגסלאז; פערצווייפעלט.

des'perately *adv.* (דעס'-פע-רייט-לי) אויף א געוואגטען אדער ריזיקאלישען אופן; ריקזיכטסלאז; ניט מורא האבענדיג פאר קיין געפאהר; געוואלטיג; געפעהרליך; פערצווייפעלט.

des'perateness *n.* (דעס'-פע-רייט-נעס) דאס זיין פערצווייפעלט; א פערצווייפעלטער צושטאנד; געוואלט; העפטיגקייט, וואוט; איבעראיילטקייט.

des'perate terms (דעס'-פע-רייט טוירמז) א פערצווייפעלטע לאגע.

despera'tion *n.* (דעס-פע-ריי'-שאן) פערצווייפלונג; האפנונגסלאזיגקייט; וואוט, העפטיגקייט; איבעראיילטקייט.

des'picable *a.* (דעס'-פי-קעבל) פעראכטליך; געמיין; ווערטהלאז.

des'picableness *n.* (דעס'-פי-קעבל-נעס) דאס זיין פעראכטליך; דאס זיין ווערטהלאז.

des'picably *adv.* (דעס'-פי-קע-בלי) פעראכטליך, נידריג, געמיין.

despir'itualize *v.* (די-ספיר'-אי-טשו-על-איז) אוועקנעהמען פון מענשען דאס גייסטיגע, דאס ערדעלערע.

despi'sable *a.* (דעס-פאי'-זעבל) פעראכטליך; וואס פערדיענט פעראכטונג; געמיין; ווערטהלאז.

despise' *v.* (דעס-פאיז') פעראכטען, קוקען מיט פעראכטונג.

We despise the liar.

despised' *a.* (דעס-פאיזד') פעראכטליך, פעראכטעט, נידריג, געמיין.

despi'sedness *n.* (דעס-פאי'-זעד-נעס) דאס זיין פעראכטעט אדער פערשפאטעט.

despi'ser *n.* (דעס-פאי'-זער) איינער וואס פעראכטעט אדער פערשפאטעט.

despi'sing *a.* (דעס-פאי'-זינג) פעראכטענדיג.

despi'singly *adv.* (דעס-פאי'-זינג-לי) מיט פעראכטונג.

despite' *n.* and *prep.* (דעס-פאיט') א צו־להכעיס־בענעהמונג; בייזוויליגקייט; טראץ; האס; צו להכעיס, צום טראץ, ניט אכטענדיג, ניט קוקענדיג.

despite'fully *adv.* (דעס-פאיט'-פול-אי) אויף להכעיס; מיט בייזוויליגקייט; מיט טראץ.

despite'fulness *n.* (דעס-פאיט'-פול-נעס) בייז־וויליגקייט; האס; דאס געפיהל פון טהאן להכעיס.

despite' of (דעס-פאיט' אוו) ניט קוקענדיג אויף...; ניט נעהמענדיג אין אנבעטראכט; צום טראץ, אויף להכעיס.

despoil' *v.* (דעס-פאיל') פערדארבען, פערניכטען; פלינדערען; בערויבען.

despoi'ler *n.* (דעס-פאי'-לער) א רויבער, א פלינדערער.

despoil'ment *n.* (דעס-פאיל'-מענט) דאס בערויבען, דאס אויספלינדערען.

despolia'tion *n.* (דעס-פאו-לי-איי'-שאן) בערויבונג; פלינדערונג.

despond' *v.* (דעס-פאנד') אראבפאלען פון מוטה; פערלירען די האפנונג.

despon'dency *n.* (דעס-פאנ'-דענ-סי) האפנונגסלאזיגקייט; פערצווייפלונג.

despon'dent *a.* (דעס-פאנ'-דענט) מוטלאז; פערצווייפעלט.

despon'dently *adv.* (דעס-פאנ'-דענט-לי) אויף א פערצווייפעלטען אדער האפנונגסלאזען אופן.

despon'der *n.* (דעס-פאנ'-דער) איינער וואס ווערט מוטלאז אדער פערצווייפעלט.

despon'ding *a.* (דעס-פאנ'-דינג) פערלירענדיג די האפנונג; ווערענדיג מוטלאז.

despon'dingly *adv.* (דעס-פאנ'-דינג-לי) מיט א געפאלענעם מוטה; אין פערצווייפלונג.

des'pot *n.* (דעס'-פאט) א דעספאט, א זעלבסט־הערשער; אן אונבעשרענקטער הערשער, א גוואלד־הערשער; א טיראן; אן אונטערדריקער.

despot'ic *a.* (דעס-פאט'-איק) דעספאטיש, אונבעשרענקט אין הערשאפט, זעלבסט־הערשעריש, וואס איז שייך צו גוואלד־הערשאפט; טיראניש.

despot'ical *a.* (דעס-פאט'-אי-קעל) ז. *despotic*

despot'ically *adv.* (דעס-פאט'-אי-קעל-אי) אויף א דעספאטישען, זעלבסט־הערשערישען אדער טיראנישען שטייגער.

despot'icalness *n.* (דעס-פאט'-אי-קעל-נעס) דעספאטיזם, טיראניי, אונבעשרענקטע הערשאפט, גוואלד־הערשאפט.

despot'ic mon'archy (דעס-פאט'-איק מאנ'-אר-קי) א דעספאטישע מאנארכיע, א רעגיערונג, וואו דער הערשער איז אונבעשרענקט אין זיין מאכט און זיין ווילען איז דאס העכסטע געזעץ.

des'potism *n.* (דעס'-פאט-איזם) דעספאטיזם, זעלבסטהערשאפט, גוואלד־הערשאפט, אונבעשרענקטע רעגיערונגס־מאכט, אבסאלוטיזם, טיראניי.

des'potize *v.* (דעס'-פאט-איז) טיראניזירען, אונטערדריקען, בעהערשען מיט גוואלד.

despu'mate *v.* (די-ספיו'-מייט) שוימען, אבשוימען, ארויסברייננגען שוים.

despuma'tion *n.* (דעס-פיו-מיי'-שאן) שוימונג; אבשוימונג.

desqua'mate *v.* (דעס-קהוויי'-מייט) שיילען, זיך שיילען; זיך בילדען אין דער פארם פון שופען.

desquama'tion *n.* (דעס-קהווע-מיי'-שאן) דאס שיילען, דאס שיילען זיך.

dessert' *n.* (דע-זוירט') דעסערט [א נאכשפייז פון פרוכט, פרוכט־געריכטען און זיסע זאכען].

dessert'-ser'vice *n.* (דע-זוירט'-סויר'-ווים) דעסערט־געשיר.

dessert'-spoon *n.* (דע-זוירט'-ספוהן) א דעסערט־לעפעל [א לעפעל וואס איז קלענער פון א געוועהנליכען עס־לעפעל און גרעסער פון א טהעע־לעפעלע, ווערט געברויכט פאר דעסערט].

des'siatine *n.* (דעס'-יא-טין) א דיעסיאטינע, א רוסישע לאנד־מאס, וואס איז גלייך צו 2.702 אקער.

des'syatine *n.* (דעס'-יא-טין) ז. *dessiatine*

destem'per *n.* and *v.* (דעס-טעמ'-פער) מאלען מיט וואסער־פארבען; וואסער־פארבען. ז. *distemper*

destina'tion *n.* (דעס-טי-ניי'-שאן) בעשטימונג, בעשטימונגס־ארט, ציעל, צוועק.

Though we landed in New York, our destination was Boston.

des'tine *v.* (דעס'-טין) בעשטימען [פאר א געוויסען צוועק, געברויך, ארט, אמט א. ד. ג.]; ווידמענען פאר א געוויסען צוועק; פעראורטיילען; מאכען אן אונפערמיידליכע בעשטימונג.

Des'tinies *n.* (דעס'-טי-ניעז) אין דער מיטאלאגיע — די פארצען, די שיקזאלגעטינען.

des'tinist *n.* (דעס'-טי-ניסט) א פאטאליסט, איינער וואס גלויבט אין א פאראויסבעשטימטען שיקזאל אדער מזל.

des'tiny *n.* (דעס'-טי-ני) דאס פאראויסבעשטימטע און אונפערמיידליכע, דאס שיקזאל, דאס מזל.

des'titute *n.* and *a.* (דעס'-טי-טיוט) וואס ליידט פון מאנגעל אין עפעס; ארים, עלענד, פערלאזען; אן עלענדער, ארימער מענש.

des'tituteness *n.* (דעס'-טי-טיוט-נעס) נויט; עלענד.

des'titute of com'fort (דעס'-טי-טיוט אוו קאמ'-פארט) אהן בעקוועמליכקייטען.

des'titute of hon'or (דעס'-טי-טיוט אוו אנ'-אר) אהן עהרע.

destitu'tion *n.* (דעס-טי-טיו'-שאן) מאנגעל, ארעמקייט, עלענד, נויט.

destroy' *v.* (דעס-טראי') צושטערען, פערניכטען, אויסראטען, פערטיליגען, פערוויסטען, טויטען.

destroy'er *n.* (דעס-טראי'-ער) איינער אדער עטוואס וואס צושטערט, פערניכטעט, פערטיליגט, פערוויסט אדער רואינירט.

destructibil'ity *n.* (די-סטראק-טי-ביל'-אי-טי) צושטערבארקייט.

destruc'tible *a.* (די-סטראק'-טיבל) צושטערבאר.

destruc'tibleness *n.* (די-סטראק'-טיבל-נעס) דאס זיין צושטערבאר.

destruc'tion *n.* (די-סטראק'-שאן) צושטערונג; פערדערבונג; פערניכטונג; פערוויסטונג; אבשאפונג; אונטערגאנג; מארד; די אורזאכע פון צושטערונג אדער פערדארבונג; עטוואס וואס צושטערט, פערניכטעט, רואינירט אדער פערדארבט; א מגפה.

destruc'tionist *n.* (די-סטראק'-שאנ-איסט) א צושטערער; א צושטערער פון געזעלשאפטליכע אינסטיטוציאנען אדער

פון דער גאנצער געזעלשאפטליכער ארדנונג; אין טעאלאגיע — איינער וואס גלויבט אין דער ענדליכער פערניכטונג פון די שלעכטע און זינדיגע.

destruc'tive *n. and a.* (די־סטראק'־טיוו) צושטערענד, פערדערבליך, פערניכטבאר, שעדליך; פערניכטענד; וואס קען צושטערט ווערען; א צושטערער, א פערניכטער.

destruc'tively *adv.* (די־סטראק'־טיוו־לי) דורך צושטערונג, דורך פערניכטונג.

destruc'tiveness *n.* (די־סטראק'־טיוו־נעס) די צושטערליכקייט, די פערדערבליכקייט; די נייגונג צו פערניכטונג.

destruc'tor *n.* (די־סטראק'־טאר) א קרעמאטאריום אדער אויווען צו פערברענען מיסט.

desuda'tion *n.* (דעס־יו־דיי'־שאן) א שטארקע שוויצונג [א געוויסער קרענקליכער צושטאנד].

des'uetude *n.* (דעס'־הווי־טיוד) דאס אויפהערען צו ברויכען, דאס אויפהערען צו האלטען זיך אן א געוויסען מנהג אדער מאדע.

desul'phurate *v.* (די־סאל'־פיו־רייט) בעפרייען פון שוועבעל.

desulphura'tion *n.* (די־סאל־פיו־ריי'־שאן) די בעפרייאונג פון שוועבעל.

desul'phurize *v.* (די־סאל'־פיו־ראיז) ז. ***desulphurate***

desul'tor *n.* (די־סאל'־טאר) א שפרינגער, אן איבערהיפער, א רייטער אין צירק, וועלכער שפרינגט איבער פון איין פערד אויף'ן צווייטען בעת זיי לויפען [אין די אלט־רוימישע צירקען].

des'ultorily *adv.* (דעס'־אל־טא־רי־לי) שפרינגענדיג, איבערהיפענדיג, אהן א סדר.

des'ultoriness *n.* (דעס'־אל־טא־רי־נעס) דאס זיין אהן א סדר; דאס ניט האבען קיין צוזאמענהאנג; צופעליגקייט.

des'ultory *a.* (דעס'־אל־טא־רי) אריבערשפרינגענד פון פונקט צו פונקט; איבערהיפענד, ניט פערבונדען, אהן א צוזאמענהאנג, אהן א סדר; צופעליג; ארויסשפרינגענד; וואס איז פלוצלונג אנגעקומען.

There was **desultory** fighting all along the line of battle.

des'ultory remark' (דעס'־אל־טא־רי רי־מארק') א בעמערקונג וואס איז ניט שייך צום ענין.

His address consisted mostly of **desultory** remarks.

desynon'ymise *v.* (די־סי־נאנ'־אי־מאיז) ז. ***desynonymize***

desynonymiza'tion *n.* (די־סי־נאנ־אי־מי־זיי'־שאן) דעסינאנימיזירונג. ז. ***desynonymize***

desynon'ymize *v.* (די־סי־נאנ'־אי־מאיז) דעסינאנימיזירען, מאכען, אז צוויי אדער עטליכע ווערטער זאלען ניט האבען איינע און דיעזעלבע בעדייטונג [ווי למשל, די ווערטער "עגאאיזם" און "עגאטיזם" זיינען געווען סינאנימען, ווייל ביידע האבען געהאט איינע און דיעזעלבע בעדייטונג — די ליעבע צו זיך אליין. שפעטער האט דאס ווארט "עגאטיזם" בעקומען א בעזונדערע בעדייטונג — די פערגרעסערונג פון דעם איינענעם "איך", און אויף אזא אופן זיינען ביידע ווערטער דעסינאנימיזירט געווארען].

detach' *v.* (די־טעטש') אבזונדערען, אבבינדען; אבטיילען; אוועקשיקען מיט א ספעציעלער שליחות [אין מיליטער].

detachabil'ity *n.* (די־טעטש־ע־ביל'־אי־טי) די איינגעשאפט אדער די מעגליכקייט אבצוטיילען זיך.

detach'able *a.* (די־טעטש'־עבל) וואס קען אבגעבונדען אדער אבגעטיילט ווערען.

detached' *a.* (די־טעטשט') אבגעטיילט, אבגעזונדערט, ניט פערבונדען; וואס איז שייך צו א ספעציעלער שליחות [אין מיליטער].

detach'edly *adv.* (די־טעטש'־עד־לי) אויף אן אבגעטיילטען אדער אבגעזונדערטען אופן.

detach'ment *n.* (די־טעטש'־מענט) די אבזונדערונג, אבטיילונג [פאר א ספעציעלען צוועק]; דאס זיין אבגעטיילט; אן אבטיילונג פון סאלדאטען אדער קריגסשיפען [אן אטריאד]; דאס בעפרייען פון א פאסטען [אין מיליטער].

detail' *n. and v.* (די־טייל') דעטאליזירען, פאנאנדערטיילען אין איינצעלהייטען; אבטיילען פאר א געוויסען צוועק [בעזאנדערס אין מיליטער]; דערצעהלען אין איינצעלהייטען; געבען אלע איינצעלהייטען; א דעטאל, אן איינצעלהייט, א טייל; אן ערצעהלונג מיט אלע איינצעלהייטען; אין מיליטער — אן אבטיילונג; א סאלדאט אדער אפיציער וואס איז אבגעטיילט פאר א בעשטימטען צוועק; אן אטריאד.

detailed' state'ment (די־טיילד' סטייט'־מענט) א פאלשטענדיגע אויספיהרליכער בעריכט.

detai'ler *n.* (די־טיי'־לער) איינער וואס גיט ארויס אין איינצעלהייטען; איינער וואס דערצעהלט עפעס מיט אלע פרטים.

detain' *v.* (די־טיין') אויפהאלטען; צוריקהאלטען; פערהאלטען אין תפיסה, ארעסטירען.

detai'ner *n.* (די־טיי'־נער) אן אבהאלטער, צוריקהאלטער; דאס פערנעהמען א זאך וואס בעלאנגט צו אן אנדערען; א שריפט, וועלכע ערלויבט צו פערהאלטען דעם ארעסטירטען ווייטער אין תפיסה.

detect' *v.* (די־טעקט') ענטדעקען, אויסגעפינען.

detec'table *a.* (די־טעק'־טעבל) וואס קען אויסגעפונען ווערען, וואס קען ענטדעקט ווערען.

detec'ter *n.* (די־טעק'־טער) ז. ***detector***

detec'tible *a.* (די־טעק'־טיבל) ז. ***detectable***

detec'tion *n.* (די־טעק'־שאן) די ענטדעקונג, דאס אויסגעפינען; דאס וואס איז אויסגעפונען געווארען.

detec'tive *n. and a.* (די־טעק'־טיוו) וואס קען אויסגעפינען; וואס איז שייך צו אויסגעפינער אדער געהיים־פאליציסטען; א געהיים־פאליציסט, א שפיאן.

detec'tor *n.* (די־טעק'־טאר) אן ענטדעקער, אן אויסגעפינער; דער אדער דאס וואס געפינט אויס; אן אינסטרומענט וואס ווייזט ארויס א געוויסען צושטאנד פון א זאך, ווי למשל, די פארריכטונג, וועלכע בעווייזט וויפיעל וואסער עס איז דא אין א דאמפף־קעסעל א. ד. ג.

detec'tor-lock *n.* (די־טעק'־טאר־לאק) א שלאס, וועלכער ווייזט אליין אן אויב מען האט פרובירט איהם עפענען.

detent' *n.* (די־טענט') אן אבהאלטער; דער שלאג־אבהאלטער אין א זייגער.

deten'tion *n.* (די־טענ'־שאן) די אבהאלטונג; דאס פערהאלטען עפעס; שטערונג; איינשפארונג.

deten'tive *a.* (די־טענ'־טיוו) וואס האט די מאכט צו פערהאלטען; וואס ווערט בענוצט אין פערכאפען אדער פערהאלטען.

deter' *v.* (די־טויר') אבשרעקען; הינדערען.

We punish criminals to **deter** others from doing wrong.

deterge' *v.* (די־טוירדזש') אבפיהרען, רייניגען [ווי אויסרייניגען א וואונד פון די אנגעקליבענע אייטער].

deter'gent *n. and a.* (די־טויר'־דזשענט) רייניגענד, אבפיהרענד; דאס וואס רייניגט אדער ווירקט אויף דער אבפיהרונג.

dete'riorate *v.* (די־טי'־רי־א־רייט) פערדארבען, פערערגערען; ווערען ערגער; דעגענערירען, אונטערגעהן.

Fresh meat easily **deteriorates.**

deteriora'tion *n.* (די־טי־רי־א־ריי'־שאן) די פערדארבונג, דאס ווערען ערגער.

This novel is a study of the **deterioration** of a noble character.

deteriora'tionist *n.* (די־טי־רי־א־ריי'־שאן־איסט) דער פעסימיסט, דער וואס האלט אז דאס לעבען ווערט אלץ ערגער און ערגער.

deter'ment *n.* (די־טויר'־מענט) די אבשרעקונג; די הינדערונג.

determinabil'ity *n.* (די־טויר־מי־נע־ביל'־אי־טי) די בעשטימבארקייט.

deter'minable *a.* (די־טויר'־מי־נעבל) בעשטימבאר; וואס קען ענטשיעדען ווערען.

deter'minant *n. and a.* (די־טויר'־מי־נענט) בעשטימענד; וואס ברייננט צו א בעשלוס; דאס בעשטימענדע; די דעטערמינאנטע [א מאטעמאטישער אויסדרוק פאר א פונקציאן פון א קווארדאט צאהל, ווי למשל, די צאהלען 4, 9, 16 א. ז. וו. וועלכע זיינען אויסגעשטעלט לויט געוויסע מאטעמאטישע געזעצען].

deter'minantal *a.* (די־טויר'־מי־נענ־טעל) וואס איז שייך צו א דעטערמינאנטע. ז. ***determinant***

deter'minate *a.* (די־טויר'־מי־נייט) בעשטימט; פאזיטיוו; בעשלאסען; ענטשיידענד; בעגרענעצט.

deter'minately *adv.* (די־טויר'־מי־נייט־לי) מיט בעשטימטהייט; מיט בעשלאסענהייט; אויף א בעשטימטען אופן.

deter'minateness *n.* (די־טויר'־מי־נייט־נעס) בעשטימטהייט, געוויסהייט.

deter'minate prob'lem (די־טויר'־מי־נייט פראב'־לעם) א געאמעטרישע אדער אנאליטישע אויפגאבע וואס האט נור איין בעשטימטע לעזונג אדער א בעשטימטע בעשרענקטע צאהל לעזונגען.

determina'tion *n.* (די־טויר־מי־ניי'־שאן) א בעשטימונג; א בעשטימטער בעשלוס; אן ענטשיידונג; דאס ענטשיידען; דאס בעשטימען די גרענעצען; דאס זיין בעשטימט.

deter'minative *n. and a.* (די־טויר'־מי־ניי־טיוו) בעשטימענד, בעשליסענד, ענטשיידענד; אבגרענעצענד, בעגרענעצענד, בעשרענקענד; דאס בעשטימענדע, דאס וואס בעשטימט דעם כאראקטער אדער איינגעשאפט פון עטוואס.

determina'to *adv.* (דיי־טער־מיע־נא'־טא) אין מוזיק — פעסט, זיכער, ענטשלאסען.

deter'minator *n.* (די־טויר'־מי־ניי־טאר) א בעשטימער, אן אורטיילער, אן ענטשיידער; א פערמיטלער, א בורר.

deter'mine *v.* (די־טויר'־מין) בעשטימען, בעשליסען, ענטשיידען; בעגרענעצען, בעשרענקען.

Let us **determine** our course of action.

deter'mined *a.* (די-טויר'-מינד) ענטשלאָסען, ענטשיידענער; בעשטימט; בעגרע־נעצט.

I am determined to master the English language.

deter'minedly *adv.* (די-טויר'-מינד־לי) אויף אן ענטשלאָסענעם אָדער ענט־שיידענעם אופן; מיט בעשטימטהייט.

deter'miner *n.* (די-טויר'-מי-נער) איי־נער וואָס בעשטימט אָדער ענטשיידעט.

deter'mining *a.* (די-טויר'-מי-נינג) בעשטימענדיג; פעסטשטעלענדיג; רעגולי־רענדיג; קאָנטראָלירענדיג; געבענדיג א ריכטונג.

deter'minism *n.* (די-טויר'-מי-ניזם) דעטערמיניזם [די טעאָריע וועלכע בעה־הויפּטעט, אז יעדע ערשיינונג איז א פּראָ־דוקט פון א פריהערדיגער ערשיינונג און זי אליין איז אן אורזאכע פון אן אנדער ערשיינונג, דאָס מיינט, אז קיין ערשיינונג קען ניט פּאַרקומען אהן אן אורזאכע. לויט דיעזער טעאָריע אלזא עקזיסטירט ניט קיין פרייער ווילען, קיינע נסים א. ד. ג.].

deter'minist *n. and a.* (די-טויר'-מי־ניסט) אן אנהענגער פון דעטערמיניזם; וואָס איז שייך צו דער טעאָריע פון דע־טערמיניזם. ז. *determinism*

determinis'tic *a.* (די-טויר-מי-ניס'-טיק) וואָס איז שייך צו דער טעאָריע פון דעטערמיניזם. ז. *determinism*

deterra'tion *n.* (די-טע-ריי'-שאָן) אן אויסגראָבונג פון דער ערד.

deter'rence *n.* (די-טויר'-ענס) אָבשרע־קונג; א הינדערניס.

deter'rent *n. and a.* (די-טויר'-ענט) אָבשרעקענד, הינדערענד; עפּעס וואָס שרעקט אָב אָדער הינדערט.

deter'rent prin'ciple (די-טויר'-ענט פּרינ'-סיפּל) די אָבשרעקונגס־טעאָריע [די טעאָריע, וואָס בעהויפּטעט, אז מען דאַרף א פערברעכער בעשטראָפען אום אָבצושרע־קען אנדערע].

deter'sion *n.* (די-טויר'-שאָן) ריינינונג.

deter'sive *a. and n.* (די-טויר'-סיוו) וואָס קען רייניגען, רייניגענד; א מעדי־ציגישער ריינינגונגס־מיטעל.

deter'sively *adv.* (די-טויר'-סיוו-לי) אויף א רייניגענדען אופן.

deter'siveness *n.* (די-טויר'-סיוו-נעס) ריינינגונגס־קראַפט.

detest' *v.* (די-טעסט') פעראָבשייען, האַ־סען.

I detest liars.

detestabil'ity *n.* (די-טעס-טע-ביל'-אי-טי) אָבשייליכקייט; דאָס זיין פער־האַסט.

detes'table *a.* (די-טעס'-טעבל) אָבשיי־ליך, העסליך; וואָס איז צום פעראָבשייען אָדער צום פערהאַסען.

detes'tableness *n.* (די-טעס'-טעבל-נעס) אָבשייליכקייט.

detes'tably *adv.* (די-טעס'-טע-בלי) אויף אן אָבשייליכען אופן.

detesta'tion *n.* (די-טעס-טיי'-שאָן) די פעראָבשייאונג, דער האַס.

detes'ter *n.* (די-טעס'-טער) א פעראָב־שייער, א פערהאַסער.

dethrone' *v.* (די-טהראָון') אַראָבזעצען פון טהראָן.

dethrone'ment *n.* (די-טהראָון'-מענט) די אַראָבזעצונג פון טהראָן.

dethro'ner *n.* (די-טהראָו'-נער) איינער וואָס זעצט אַראָב פון טהראָן.

det'inue *n.* (דעט'-אי-ניו) א קלאַגע וועגען צוריקקריגען זאכען וועלכע זיינען אונגעזעצליך פון איטמעצען גענומען געוואָ־רען.

det'onable *a.* (דעט'-א-נעבל) וואָס פּלאַצט, וואָס עקספּלאָדירט.

det'onate *v.* (דעט'-א-נייט) אויפרייסען, פּלאַצען אָדער עקספּלאָדירען; מאַכען עס זאָל פּלאַצען אָדער עקספּלאָדירען.

det'onating *a.* (דעט'-א-ניי-טינג) פּלאַצענדיג, אויפרייסענדיג, עקספּלאָדירענ־דיג.

det'onating pow'ders (דעט'-א-ניי-טינג פּאַו'-דערז) אויפרייס־פּולווער, קנאַל־פּולווער.

detona'tion *n.* (דעט-א-ניי'-שאָן) דאָס פּלאַצען, דאָס עקספּלאָדירען, דאָס אויפריי־סען; אן עקספּלאָזיאָן.

det'onative *a.* (דעט'-א-ניי-טיוו) וואָס פּלאַצט, וואָס רייסט אויף, וואָס עקספּלאָ־דירט.

det'onator *n.* (דעט'-א-ניי-טאָר) אן אויפרייסער, אן עקספּלאָדירער; א זאך וואָס רייסט אויף אָדער עקספּלאָדירט.

detoniza'tion *n.* (דעט-א-ני-זיי'-שאָן) דאָס אויפרייסען, פּלאַצען אָדער עקספּלאָ־דירען.

det'onize *v.* (דעט'-א-נאַיז) לאָזען עקס־פּלאָדירען, אויפרייסען; עקספּלאָדירען, קנאַלען.

detour' *n.* (דע-טוהר') אן אומוועג.

On account of an accident on the road, he was compelled to reach home by a long detour.

detract' *v.* (די-טרעקט') אוועקנעהמען, אַראָבנעהמען, פערקלענערען; אָבציהען; פערמינדערען; אוועקנעהמען אָדער פער־מינדערען איטמעצענס רעפּוטאַציע; פער־ליימדען.

Enemies wish to detract from his achievements.

detrac'ter *n.* (די-טרעק'-טער) ז. *detractor*

detrac'tingly *adv.* (די-טרעק'-טינג-לי) אויף א פערלוימדערישען אופן; פערלוימ־דענדיג; שעדיגענדיג.

detrac'tion *n.* (די-טרעק'-שאָן) די אַראָבנידערונג פון איטמעצענס רעפּוטאַציע; דאָס פערלוימדען.

detrac'tive *a.* (די-טרעק'-טיוו) פער־לוימדענד, פערלוימדעריש; שטרעבענדיג אַראָבצוזעצען איטמעצענס ווערטה.

detrac'tor *n.* (די-טרעק'-טאָר) א פער־לוימדער; איינער וואָס שטרעבט צו פער־דאַרבען איטמעצענס רעפּוטאַציע.

detrac'tory *a.* (די-טרעק'-טאָ-רי) ז. *detractive*

detrain' *v.* (די-טריין') אַרויסגעהן פון א באַהן־וואַגאָן; מאַכען, אז איינער זאָל פערלאָזען א באַהן־וואַגאָן; אַרויסוואַרפען פון א באַהן־וואַגאָן.

det'riment *n.* (דעט'-רי-מענט) א שאַ־דען, א פערלוסט; עטוואָס וואָס פעראורזאַכט שאָדען.

Excessive smoking is a detriment to good health.

detrimen'tal *a.* (דעט-רי-מענ'-טעל) שעדליך; וואָס פעראורזאַכט שאָדען.

detrimen'tally *adv.* (דעט-רי-מענ'-טעל-אי) אויף א שעדליכען אופן; מאַכענ־דיג שאָדען.

detri'tal *a.* (די-טראַי'-טעל) וואָס בעי־שטעהט פון צובראָכענע שטיקלעך אָדער אָב־געניצטע זאכען.

detrite' *a.* (די-טראַיט') אָבגעריבען, אָבגעטראָגען.

detri'tic *a.* (די-טראַי'-טיק) ז. *detrital*

detri'tion *n.* (די-טריש'-אָן) די אָב־ניצונג, די אָבטראָגונג.

detri'tus *n.* (די-טראַי'-טאָס) אין געאָ־לאָגיע — אָבגעבראָכענע שטיקלעך פון פעלזען; אָבגעטראָגענע, אָבגעניצטע זא־כען.

de trop (דע טראָו) צופיעל; אונגעווינשט.

detrude' *v.* (די-טרוהד') אַראָבשטויסען, אַרונטערשטויסען.

detrun'cate *v.* (די-טראַנ'-קייט) בעי־שניידען; פערקירצען.

detrunca'tion *n.* (די-טראַנ-קיי'-שאָן) די בעשניידונג; די פערקירצונג [דורך שניידען].

detru'sion *n.* (די-טרוה'-זשאָן) דאָס אַראָבשטויסען אָדער אַרונטערשטויסען.

detru'sor *n.* (די-טרוה'-סאָר) א מוסקעל וואָס שטויסט עפּעס אַרויס.

deuce *n.* (דיוס) א צווייטעל [אין קאַר־טען אָדער אין ווערפעלער]; א טייוועל.

deuce ace (דיוס אייס) צוויי און איינס [אין ווערפעלער].

deu'ced *a.* (דיו'-סעד) טייוועליש, פער־דאַמט; אונגעהייער.

deuce take it! (דיוס טייק איט) כאַפּט דאָס דער טייוועל!

deuterog'amist *n.* (דיו-טע-ראַג'-ע-מיסט) דער וואָס האָט געהייראַט א צווייטען מאָל.

deuterog'amy *n.* (דיו-טע-ראַג'-ע-מי) די צווייטע הייראַט.

deu'tero-Isa'iah *n.* (דיו'-טע-רא-אי-זיי'-יאַ) דער צווייטער ישעיה [לויט איינינע ביבעל־פאָרשער, דער מחבר פון א טייל פון ישעיה פון קאַפּיטעל מ' ביז קאַפּיטעל ס"ו]; דער טייל פון ישעיה וואָס האָט א שייכות צו די פּאַסירונגען נאָך גלות בבל.

Deuteronom'ic *a.* (דיו-טע-רא-נאַמ'-איק) וואָס איז שייך צו משנה תורה [ספר דברים].

Deuteronom'ical *a.* (דיו-טע-רא-נאַמ'-אי-קעל) ז. *Deuteronomic*

Deuteron'omy *n.* (דיו-טע-ראַנ'-א-מי) משנה תורה, דאָס פינפטע בוך פון חומש, ספר דברים.

deuteropath'ia *n.* (דיו-טע-רא-פּעטה'-אי-א) ז. *deuteropathy*

deuterop'athy *n.* (דיו-טע-ראָפּ'-ע-טהי) א קראַנקהייט, וואָס איז ענטשטאַנען אלס רעזולטאַט פון אן אנדער קראַנקהייט.

deu'teroplasm *n.* (דיו'-טער-א-פּלעזם) ז. *deutoplasm*

deu'toplasm *n.* (דיו'-טא-פּלעזם) דער אויסוועניגסטער שיכט פון דעם געלכעל פון אן איי [דער טייל פון דעם געלכעל, וועלכער דיענט אלס נאַהרונג פון דעם עמבריאָ, אבער דיענט ניט אלס עלעמענט פון וועלכען דער עמבריאָ בילדעט זיך אויס].

deutoplas'mic *a.* (דיו-טא-פּלעז'-מיק) וואָס איז שייך צו דער אויסוועניגסטער שיכט פון דעם געלכעל פון אן איי. ז. *deutoplasm*

deutoplas'tic *a.* (דיו-טא-פּלעס'-טיק) ז. *deutoplasmic*

deutox'id *n.* (דיו-טאַק'-סיד) א כעי־מישע פערבינדונג פון צוויי אטאָמען זויער־שטאָף און איין אָדער מעהרערע אטאָמען מעטאַל.

Deut'zia *n.* (דאַיט'-סי-א) א מין בערג־פלאַנצען מיט ווייסע בלומען אין כינא און יאַפּאַן, וועלכע צייכענען זיך אויס מיט זייער בעזונדערע שעהנהייט.

deux'-temps' *n.* (דע'-טאַן) אזא שנעי־לער וואַלס; מוזיק צו אזא וואַלס.

dev *n.* (דעוו) א טייוועל, א שד, א בייזער רוח [אין דער פערזישער מיטאלאגיע].

de'va *n.* (דיי'-ווא) א גאט, א געטליכער גייסט [אין דער אינדישער מיטאלאגיע].

deval'gate *a.* (די-וועל'-גייט) וואס האט אויסגעבויגענע פיס.

De'va-na'gari *n.* (דיי'-ווא-נא'-גע-רי) דער אלף-בית פון דער סאנסקריטישער שפראך.

devapora'tion *n.* (די-וועפ-א-ריי'-שאן) דאס פערוואנדלען זיך פון דאמפף אין וואסער.

dev'astate *v.* (דעוו'-עס-טייט) פערוויסטען.

devasta'tion *n.* (דעוו-עס-טיי'-שאן) א פערוויסטונג.

dev'astator *n.* (דעוו'-עס-טיי-טאר) א פערוויסטער.

devel'op *v.* (די-וועל'-אפ) ענטוויקלען, זיך ענטוויקלען; אבוויקלען, פאנאנדערוויקלען אין א פלעכע; אין פאטאגראפיע — ארויסברייננגען דאס בילד.

devel'opable *a.* (די-וועל'-אפ-עבל) וואס קען זיך ענטוויקלען, וואס קען ענטוויקעלט ווערען; וואס קען אבגעוויקעלט אדער פאנאנדערגעוויקעלט ווערען אין א פלעכע.

devel'ope *v.* (די-וועל'-אפ) ז. *develop*.

devel'oped *a.* (די-וועל'-אפט) ענטוויקעלט; אבגעוויקעלט, פאנאנדערגעוויקעלט.

devel'oper *n.* (די-וועל'-אפ-ער) אן ענטוויקלער; אן אבוויקלער אדער פאנאנדערוויקלער.

devel'opment *n.* (די-וועל'-אפ-מענט) ענטוויקלונג; אבוויקלונג, פאנאנדערוויקלונג; אין פאטאגראפיע — דאס ארויסברייננגען דאס בילד.

devel'opmental *a.* (די-וועל'-אפ-מענ-טעל) וואס איז שייך צו ענטוויקלונג; וואס ענטוויקעלט זיך.

devel'opmentally *adv.* (די-וועל'-אפ-מענ-טעל-אי) דורך ענטוויקלונג; אין בעצוג צו ענטוויקלונג; אין בעצוג צו דער טעאריע וועגען ענטוויקלונג [עוואלוציאן].

devel'opmentist *n.* (די-וועל'-אפ-מענ-טיסט) אן אנהענגער פון דער ענטוויקלונגס-טעאריע, אן עוואלוציאניסט.

devest' *v.* (די-וועסט') אוועקנעהמען די רעכטען; פערלארען גערעכט, אבגעשאפט ווערען [וועגען איינענטומס-רעכטען].

de'viate *v.* (די'-ווי-אייט) אבווייכען, ענדערען די ריכטונג; אבווייכען פון גראדען וועג; זיך פעראירען, פערבלאנדזשען.

devia'tion *n.* (די-ווי-איי'-שאן) אבוויי-כונג; דאס פעראירען זיך, דאס בלאנדזשען; דאס ענדערען די ריכטונג.

de'viator *n.* (די'-ווי-איי-טאר) איינער וואס ווייכט אב; איינער וואס בלאנדזשעט; איינער וואס ענדערט זיין ריכטונג.

de'viatory *a.* (די'-ווי-איי-טא-רי) אבווייכענדיג.

device' *n.* (די-וואיס') אן ענטוואורף, א פלאן, א המצאה, אן איינפאל; א פארריכטונג; אן ערפינדונג; קונסטפאלע ארבייט [אין שטיקעריי, בילדער, פערציערונגען א. ד. ג.]; א פיגור אויף וואפען [א הערב]; א דעוויז, א מאטא.

device'fully *adv.* (די-וואיס'-פול-אי) אויף א קינסטלערישען שטייגער; מיט המצאות; איינפעליג.

dev'il *n.* and *v.* (דעוול) א טייוועל, דער שטן; א יונג, א חברה-מאן; א שיקאינגעל אין א דרוקעריי; שטארק אנפעפערען און צוגעבען פיעל זענעפט [וועגען פלייש-שפייזען]; מאטערען, זיך אנזעצען אויף אימעצען.

dev'il a bit (דעוול ע ביט) א האר נים.

dev'il and his dam (דעוול ענד היז דעם) דער טייוועל און זיין שוויגער.

dev'il a word (דעוול ע הווארד) ניט א זילבע.

dev'il-car'riage *n.* (דעוול'-קער'-ערדזש) א שלעפ-וואגען; א וואגען צו פיהרען שווערע משאות.

dev'il-catch'er *n.* (דעוול'-קעטש'-ער) א באמבאסטישער פרעדיגער [איינער וואס רעדט מיט הויכע, פוסטע פראזען].

dev'il-dodg'er *n.* (דעוול'-דאדזש'-ער) ז. *devil-catcher*.

dev'ildom *n.* (דעוול'-דאם) דאס קעניגרייך אדער די הערשאפט פון שטן; די טייוועלשע מאכט.

dev'il-driv'en *a.* (דעוול'-דריוון) וואס איז אין דעם טייוועל'ס שליטה; וואס א דבוק איז אריין אין איהם

dev'il-dri'ver *n.* (דעוול'-דראי'-ווער) ז. *devil-catcher*.

dev'iless *n.* (דעוול'-עס) א טייוועלטע.

dev'ilet *n.* (דעוול'-עט) א שר'על, א קליינער טייוועל.

dev'il-fish *n.* (דעוול'-פיש) דער ים-טייוועל, דער טראשפיש [א גרויסער פיש, מיט פלאס-פעדערען, וואס קענען זיך ברייט פאנאנדערציהען].

Devil-fish

dev'iling *n.* (דעוול'-אינג) א מויער-שוואלב; אן ארורה.

dev'ilish *a.* (דעוול'-איש) טייוועלש; שלעכט; אונגעהייער, אויסערגעוועהנליך.

dev'ilishly *adv.* (דעוול'-איש-לי) אויף א טייוועלשען אדער שלעכטען אופן; טייוועלש, אונגעהייער, אויסערגעוועהנליך.

dev'ilishness *n.* (דעוול'-איש-נעס) דאס זיין טייוועלש אדער שלעכט.

dev'ilize *v.* (דעוול'-איז) האנדלען טייוועלש; זיין טייוועלש.

dev'ilkin *n.* (דעוול'-קין) א קליינער טייוועל; א שר'על.

dev'il-may-care *a.* (דעוול'-מיי-קעהר) זארגלאז; וואס הערט קיינעם ניט און קימערט זיך ניט וועגען קיין זאך.

dev'ilment *n.* (דעוול'-מענט) שטיפעריי, א טייוועלשער שפיצעל, טייוועלשע שטוקעס.

dev'il of a fel'low (דעוול אוו ע פעל'-או) א יונג א טייוועל.

dev'il of a go (דעוול אוו ע גאו) א פערטייוועלטע געשיכטע, א פערדרעהעניש.

dev'il of a row (דעוול אוו ע ראו) א מורא'דיגער געשלעג.

dev'il on two sticks (דעוול אן טו סטיקס) ז. *diabolo*.

dev'ilry *n.* (דעוול'-רי) טייוואלישקייט; א טייוועלישער כאראקטער, זעהר שלעכטע מדות.

dev'il's ad'vocate (דעוולז עד'-ווא-קייט) איינער וואס ברייננגט געגען אימעצען בעשולדיגונגען פון א פערזענליכען כאראקטער; ביי די קאטאליקען — א גייסטליכער, וואס טרעט ארויס אלס געגנער, ווען עס האנדעלט זיך וועגען קאנאניזירען אימעצען [פעררעכענען פאר א הייליגען].

dev'il's-a'pron *n.* (דעוולז'-איי'-פראן) א מין אמעריקאנישע טונקעל-ברוינע וואסער-פלאנצע מיט זעהר ברייטע בלעטער.

dev'il's-books *n.* (דעוולז'-בוקס) דעם טייוועל'ס ביכעל [א פעשעל קארטען].

dev'il's-claw *n.* (דעוו'לז-קלאה) א שטאר-קער האקען אויף א קייט [אויף שיפען פעסטצוהאלטען קייטען]; א סקארפיאן-מושעל [געפינט זיך אין אינדישען אקעאן].

dev'il's coach'-horse (דעוולז קאוטש'-הארס) אזא גרויסער זשוק [ווערט אזוי גערופען צוליעב זיין בייזקייט, אויפגערעגטקייט און ווילדען אויסזעהן, ווען אויפגערעגט].

dev'il's dam (דעוולז דעם) דעם טייוועל'ס שוויגער, א מכשפה, א מרשעת.

dev'ilship *n.* (דעוול'-שיפ) טייוואלישקיים; דאס זיין א טייוועל.

dev'il take you! (דעוול טייק יו) דער טייוועל זאל דיך נעהמען! צו אל-די שווארצע יאהר!

dev'il to pay (דעוול טו פיי) צרות, שטערונגען, טומעל.

There will be the devil to pay for this mistake.

dev'iltry *n.* (דעוול'-טרי) ז. *devilry*.

dev'il-wor'ship *n.* (דעוול'-הוואיר'-שיפ) טייוואלים-פערגעטערונג [הויפטזעכליך ביי די יעזידען, א פאלק פון מעסאפאטאמיען און קורדיסטאן, וואס האלטען הייליג די אידישע תורה, די קריסטליכע עוואנגעליום און דעם מאכמעדאנישען קאראן און דערצו דיענען זיי נאך אויך דעם טייוועל].

dev'il-wor'shiper *n.* (דעוול'-הוואיר'-שי-פער) איינער וואס דיענט צו שדים אדער בייזע גייסטער; איינער פון די יעזידען [א פאלק פון מעסאפאטאמיען און קורדיסטאן, וועלכעס האלט הייליג די אידישע תורה, די קריסטליכע עוואנגעליום און דעם מאכמעדאנישען קאראן און דערצו דיענען זיי אויך דעם טייוועל].

de'vious *a.* (די'-ווי-אס) אבקעהרענד, אבווייכענד; וואס געהט ניט דירעקט; וואס בייגט זיך אב; וואס געהט אראב פון דרך הישר.

de'viously *adv.* (די'-ווי-אס-לי) אבווייכענדיג; אויף א ניט גלייכען וועג; אראבגעהענדיג פון דרך הישר.

de'viousness *n.* (די'-ווי-אס-נעס) אבווייכונג, אבקעהרונג פון גלייכען וועג.

devir'ilize *v.* (די-וויר'-איל-איז) אוועקנעהמען די קראפט; אבשוואכען.

devi'sable *a.* (די-וואי'-זעבל) וואס קען פארגעלעגט אדער פראיעקטירט ווערען; וואס איז ראטהבאר; וואס קען אבגעזאגט ווערען אין א צוואה.

devi'sal *n.* (די-וואי'-זעל) די פראיעקטירונג, דאס פארלעגען א פלאן; דאס אבזאגען אין א צוואה.

devise' *n.* and *v.* (די-וואיז') פראיעקטירען, אבזאגען בצוואה; דאס אבזאגען בצוואה; א צוואה; א גוט וואס איז אבגעגעבען געווארען בצוואה.

devisee' *n.* (דעוו-אי-זיע') א יורש; א פערזאן וועלכען מען זאגט אב א פערמעגען בצוואה.

devi'ser *n.* (די-וואי'-זער) איינער וועל-

כער פּאַנעוועט אָדער ערפינדעט; אַ ערפינדער.

devi'sor *n.* (די-וואַי'-זאָר) איינער וואָס זאָגט אָב בצוואה.

devitrifica'tion *n.* (די-וויט-רי-פי-קיי'-שאָן) דאָס פערליערען גענצליך אָדער טיילווייז די איינענשאַפטען פון גלאָז [ווי למשל, דאָס מאַכען אַ געוויסען זאָרט פּאָרצעליי פון גלאָז. דאָס גלאָז ווערט געבערענט אין זעהר אַ שטאַרקער היץ און הערט אויף צו ווערען דורכזיכטיג].

devit'rify *v.* (די-וויט'-רי-פאַי) פערניכטען אָדער אויסבייטען גענצליך אָדער טיילווייז די איינענשאַפטען פון גלאָז.
ז. *devitrification*

devoid' *a.* (די-וואָיד') בעראויבט, וואָס האָט ניט, וואָס מאַנגעלט אין עפּעס.

devoir' *n.* (דעוו-אואַר') אַ פפליכט, אַ דיענסט; העפליכקייט.

devolu'tion *n.* (דעוו-אָ-ליו'-שאָן) דאָס איבערגעבען פון איין פערזאָן צו אַ אַנדערער [ווי אַן אַמט אָדער מאַכט].

devolve' *v.* (די-וואָלוו') איבערגעבען פון איין פערזאָן צו אַן אַנדערער; איבערגעהען פון האַנד צו האַנד.

devolve'ment *n.* (די-וואָלוו'-מענט) איבערטראַגונג; איבערגעבונג; איבערגאַנג.

Devo'nian *a.* (דע-וואָ'-ני-ען) וואָס איז שייך צו דעוואָנשיר [אַ פּראָווינץ אין ענגלאַנד]; אין געאָלאָגיע — וואָס איז שייך צו דער דעוואָנישער פעריאָדע אין דער ענטוויקלונג פון דער ערד.
ז. *Devonian age*

Devo'nian age (דע-וואָ'-ני-ען איידזש) די דעוואָנישע פעריאָדע [די פעריאָדע אין דער ענטוויקלונגס־געשיכטע פון דער ערד, ווען עס האָבען זיך אויסגעבילדעט די בערג־שיכטען, אין וועלכע מען געפינט די ערשטע פערשטיינערטע פיש].

devote' *v.* (די-וואָוט') זיך אָבגעבען צו עפּעס; איבערגעבען זיך מיט התמדה; אונטערגעבען זיך; פערפלוכען, פערשעלטען; ווידמען.

He is devoting his leisure hours to literature.

devo'ted *a.* (די-וואָו'-טעד) געווידמעט; אונטערגעגעבען זיך, אונטערגעוואָרפען זיך [צום שיקזאַל]; איבערגעגעבען מיט התמדה.

devo'tedness *n.* (די-וואָו'-טעד-נעס) איבערגעגעבענהייט, טרייע צוגעבונדענקייט צו עפּעס.

devotee' *n.* (דעוו-אָ-טיע') איינער וואָס איז טריי איבערגעגעבען צו עפּעס; אַ פאַנאַטיקער.

devotee'ism *n.* (דעוו-אָ-טיע'-איזם) דאָס זיין פאַנאַטיש איבערגעגעבען צו עפּעס.

devo'ter *n.* (די-וואָו'-טער) דער וואָס ווידמעט זיך [צו עפּעס].

devo'tion *n.* (די-וואָו'-שאָן) איבערגעגעבענהייט; פרומקייט; גרויסע כונה אין גאָט בעטען; ווידמונג.

devo'tional *a.* (די-וואָו'-שאָנ-על) ערגעבען; פרום, מיט כונה.

devo'tional ex'ercises (די-וואָו'-שאָנ-על עק'-סער-סאַיז-עז) דאָס דאַווענען מיט כונה; דאָס פערנעהמען זיך מיט פרומקייט.

devo'tionally *adv.* (די-וואָו'-שאָנ-על-אי) אויף אַ פרומען שטייגער, דורך פרומקייט.

devour' *v.* (די-וואַור') פערצעהרען; פערשלינגען.

devour'able *a.* (די-וואַור'-עבל) וואָס קען פערצעהרט אָדער פערשלונגען ווערען.

devour' dis'tance (די-וואַור' דיס'-טענס) פערשלינגען אַ שטרעקע [שנעל אריבערלויפען אַ שטרעקע].

devour'er *n.* (די-וואַור'-ער) אַ פערשלינגער, אַ פרעסער, אַ זולל וסובא.

devour'ingly *adv.* (די-וואַור'-אינג-לי) אויף אַ פערצעהרענדען אָדער פערשלינגענדען אופן.

devour'ment *n.* (די-וואַור'-מענט) דאָס פערצעהרען, דאָס פערשלינגען.

devout' *a.* (די-וואַוט') פרום, רעליגיעז; ערנסט, אויפריכטיג.

He is a devout Jew.

devout'ly *adv.* (די-וואַוט'-לי) אויף אַ פרומען אָדער רעליגיעזען אופן; מיט פרומע געפיהלען, מיט ערנסט, מיט אויפריכטיגקייט.

devout'ness *n.* (די-וואַוט'-נעס) פרומקייט; אויפריכטיגקייט.

dew *n. and v.* (דיו) טוי; בעטויען, בענעצען מיט טוי.

dewan' *n.* (די-וואַהן') אַ פינאַנס־בעאַמטער פון אַ פּראָווינץ אָדער אַ פינאַנס־מיניסטער אַמאָל אין אינדיען.

dew'-bea'ter *n.* (דיו'-ביע'-טער) איינער וואָס געהט אַרויס זעהר פריה פון זיין הויז [איינער וואָס צוטרעט דעם טוי].

dew'-bea'ters *n.* (דיו'-ביע'-טערז) די פיס; אַ פּאָר שיך אויסגעשמירט מיט אויל.

dew'berry *n.* (דיו'-בער-אי) די טוי־יאַגדע; די בלויע בראָם־יאַגדע; די שוואַרצע יאַגדע.

Dewberry

dew'-besprent' *a.* (דיו'-בי-ספּרענט') בעשפּריצט מיט טוי.

dew'-claw *n.* (דיו'-קלאָה) דער אויבערשטער קליינער פינגער פון דעם הינטערשטען פוס פון אַ הונד.

dew'-clawed *a.* (דיו'-קלאָהד) וואָס האָט אַן אויבערשטען פוס־פינגער אויף דעם הינטערשטען פוס [וועגען הינד].

dew'-cup *n.* (דיו'-קאָפּ) ביער־געלד [וואָס מען גיט אַן אַרבייטער].

dew'-drink *n.* (דיו'-דרינק)
ז. *dew-cup*

dew'drop *n.* (דיו'-דראָפּ) אַ טוי־טראָפּען.

dew'fall *n.* (דיו'-פאָהל) דער טוי־פאַל, די צייט ווען עס פאַנגט אָן צו פאַלען טוי [אנפאַנג אָווענד].

dew'iness *n.* (דיו'-אי-נעס) דאָס זיין בעדעקט מיט טוי.

dew'lap *n.* (דיו'-לעפּ) אַ גוידער [די אַראָבהענגענדע הויט אונטער דעם האַלז פון אַ בהמה אָדער אַן עוף].

dew'lapped *a.* (דיו'-לעפּט) מיט אַן אַראָבהענגענדען גוידער [ביי בהמות אָדער עופות].

dew'lapt *a.* (דיו'-לעפּט)
ז. *dewlapped*

dew'-point *n.* (דיו'-פּאָינט) די טעמפּעראַטור פון דער לופט ווען טוי פאַנגט זיך אָן בילדען [ווען די לופט אין אָווענד אָב פאַנגט זיך קיהלען זיך אין זומער אָן בילדען טוי].

dew'-ret'ted *a.* (דיו'-רעט'-עד) ווייך געמאַכט דורך דער ווירקונג פון טוי.

dew'-ret'ting *n.* (דיו'-רעט'-אינג) דאָס אויסשפּרייטען פלאַקס־שטענגלעך אויף'ן גראָז, כדי זיי זאָלען אונטער דער ווירקונג פון טוי ווייכער ווערען און עס זאָל זיין לייכטער אַרויסצוקלאַפּען די שפּאַלעס [קאַסטרא] פון זיי.

dew'-shoe *n.* (דיו'-שוה) דאָס אייזנערעל אויף דעם ענד פון אַ שייד פון אַ שווערד.

dew'stone *n.* (דיו'-סטאָון) אַ מין קאַלכשטיין, וועלכער זאַמעלט אויף זיך אַ פיעל טוי.

dew'-worm *n.* (דיו'-וואָירם) דער רעגנען־וואָרם.

dew'y *a.* (דיו'-אי) בעדעקט מיט טוי, פייכט פון טוי, וואָס איז שייך צו טוי; ענהליך צו טוי.

dex'ter *a.* (דעקס'-טער) וואָס איז שייך צו דער רעכטער זייט, וואָס געפינט זיך אין דער רעכטער זייט; רעכט [אין געגענזאַץ צו לינק].

dexter'ity *n.* (דעקס-טעיר'-אי-טי) דאָס בענוצען די רעכטע האַנד לייכטער אַלס די לינקע; געשיקטקייט, געניטקייט, פלינקקייט; די פלינקקייט פון דער השגה.

dex'terous *a.* (דעקס'-טע-ראַס) געשיקט, פלינק.

dex'terously *adv.* (דעקס'-טע-ראַס-לי) מיט געשיקטקייט, געניטקייט אָדער פלינקקייט.

dex'terousness *n.* (דעקס'-טע-ראַס-נעס) ז. *dexterity*

dex'trad *adv.* (דעקס'-טרעד) אויף דער רעכטער האַנד אָדער זייט; רעכטס.

dex'tral *a.* (דעקס'-טראַל) רעכט; וואָס איז פון דער רעכטער האַנד.

dextral'ity *n.* (דעקס-טראַל'-אי-טי) דאָס זיין פון דער רעכטער זייט; רעכט־הענדיגקייט; די איבערגעוויכט אין שטאַרקייט פון דער רעכטער זייט פון קערפּער איבער דער לינקער זייט.

dex'trally *adv.* (דעקס'-טראַל-אי) רעכטס, צו דער רעכטער זייט.

dex'trin *n.* (דעקס'-טרין) אַזאַ כעמישער פּראָדוקט וואָס ווערט בענוצט אַנשטאָט גומי־אַראַביק.

dextrocar'dia *n.* (דעקס-טראָ-קאַר'-די-אַ) אַן אומנאַטירליכער צושטאַנד פון האַרץ דערמיט וואָס עס געפינט זיך מעהר צו דער רעכטער זייט אַנשטאָט צו דער לינקער.

dextrogy'rous *a.* (דעקס-טראָ-דזשאַי'-ראָס) דרעהענדיג זיך צו רעכטס.

dextrorse' *a.* (דעקס-טראָהרס') זיך שלענגלענדיג אָדער זיך דרעהענדיג אַרויף פון רעכטס צו לינקס [ווי אַ ספּיראַלע].

dex'trose *n.* (דעקס'-טראָוס) דער צוקער־שטאָף וואָס געפינט זיך אין פלאַנ־

צעז, אין האניג, ווי אויך אין לעבעדיגע ארגאניזמען.

dextrot'ropous *a.* (דעקס-טראט'-רא-פאס) וואס איז געווענדעט צו רעכטס.

dex'trous *a.* (דעקס'-טראס) ז. *dexterous*

dex'trously *adv.* (דעקס'-טראס-לי) ז. *dexterously*

dex'trousness *n.* (דעקס'-טראס-נעס) ז. *dexterity*

dey *n.* (דיי) אן אמאליגער טיטעל פון א גובערנאטאר אין אלזשיר, ווען דאס לאנד האט זיך געפונען אונטער דער טערקישער הערשאפט.

dezincifica'tion *n.* (די-זינק-אי-פי-קיי'-שאן) דאס אבטיילען צינק פון א לעגירונג [א צונויפשמעלצונג פון פערשיעדענע מעטאלען].

dezy'motize *v.* (די-זאי'-מא-טאיז) בעפרייען פון קראנקהייטס-באצילען.

dft. אן אבקירצונג פון *draft* [אלס קאמערציעלער אויסדרוק] אדער פון *defendant*

D. G. *Dei gratia* ראשי תבות פון בעזרת השם [מיט גאטס הילף].

dhole *n.* (דאול) א ווילדער הונד פון אסט אינדיען.

dholl *n.* (דאול) אזא זארט ארבעס וואס וואקסט אין אסט אינדיען.

dhoor'ra *n.* (דוה'-רא) דער אינדישער קארן-גראז; אזא מין קוקורוזע.

dho'tee *n.* (דאו'-טיע) אזא בנד וואס די מאנסבילען אין אינדיען טראגען.

dho'ty *n.* (דאו'-טי) ז. *dhotee*

dhour'ra *n.* (דוה'-רא) ז. *dhoorra*

dhow *n.* (דאו) אזא אראבישע איין-מאסטיגע זעגעל-שיף [ווערט בענוצט ביי די ברעגעס פון אינדישען אקעאן].

dhu *a.* (דו) שווארץ [ווערט בענוצט אלס א ביי-ווארט אין קעלטישע נעמען].

dhur'ra *n.* (דוה'-רא) ז. *dhoorra*

di'abase *n.* (דאי'-ע-בייס) דער דיאבאז, דער גרינשטיין [א מין מינעראל].

diabe'tes *n.* (דאי-ע-בי'-טיז) צוקער-קראנקהייט.

diabet'ic *n. and a.* (דאי-ע-בעט'-איק) וואס איז שייך צו צוקער-קראנקהייט; איינער וואס ליידעט פון צוקער-קראנקהייט.

diabet'ical *a.* (דאי-ע-בעט'-אי-קעל) וואס איז שייך צו צוקער-קראנקהייט.

diabet'ic u'rine (דאי-ע-בעט'-איק יו'-ריין) אורין [השתנה] וואס ענטהאלט צוקער [אורין פון א צוקער-קראנקען].

dia'blerie *n.* (די-א'-בלע-רי) ז. *diablery*

dia'blery *n.* (די-א'-בלע-רי) טייוועלש-קייט, שלעכטקייט, כשוף, צויבער.

diabol'ic *a.* (דאי-ע-באל'-איק) וואס איז שייך צום טייוועל; טייוועלש, שרעקליך, שלעכט.

diabol'ical *a.* (דאי-ע-באל'-אי-קעל) ז. *diabolic*

diabol'ically *adv.* (דאי-ע-באל'-אי-קעל-אי) אויף א טייוועלשען, שלעכטען אדער גרויזאמען שטייגער.

diabol'icalness *n.* (דאי-ע-באל'-אי-קעל-נעס) דאס זיין טייוועלש, שלעכט, שרעקליך אדער גרויזאם; דאס זיין אויסערגעוועהנליך.

diabol'ify *v.* (דאי-ע-באל'-אי-פאי) פארשטעלען איינעם אלס א טייוועל; בעהאנדלען איינעם ווי א טייוועל.

diab'olish *adv.* (דאי-עב'-א-ליש) אויף אן אונגעהייערן אדער אויסערגעוועהנליכען שטייגער; אויף א טייוועלשען אופן.

diab'olism *n.* (דאי-עב'-א-ליזם) דאס זיין אין דעם טייוועל'ס שליטה; צויבער; כשוף; טייוועלשע טהאטען; טייוועלשער איינפלוס; טייוועלשע אויפפיהרונג.

diab'olize *v.* (דאי-עב'-א-לאיז) מאכען טייוועליש; פארשטעלען אלס טייוועל.

diab'olo *n.* (דאי-עב'-א-לאו) א שפיעלצייג, וואס בעשטעהט פון א שפולע און צוויי שטעקלעך צונויפגעבונדען מיט א שטריקעל [ביים אנציהען דאס שטריקעל פליהט די שפולע ארויף און מען כאפט זי דאן ווידער אויף אויפ'ן שטריקעל].

Diabolo

diacathol'icon *n.* (דאי-ע-קע-טהאל'-אי-קאן) א מין אבפיהרונגס-מיטעל.

diacaus'tic *n. and a.* (דאי-ע-קאהס'-טיק) אין מאטעמאטיק — א געבויגענע ליניע אדער א ברען-ליניע, וואס בילדעט זיך דורך געבראכענע שטראהלען; וואס איז שייך צו אזא ליניע; אזא מעדיצינישעס ברען-גלאז, וואס איז אמאל געווען אין געברויך.

diach'ylon *n.* (דאי-עק'-אי-לאן) א פלאסטער פון בליי-זויערע, אליווען-אויל און וואסער; א קלעפיגער פלאסטער פון פלאנצען-זאפט.

diach'ylum *n.* (דאי-עק'-אי-לאם) ז. *diachylon*

diach'yma *n.* (דאי-עק'-אי-מא) דאס גרינגע צעלען-געוועב פון בלעטער.

diaco'dium *n.* (דאי-ע-קאו'-די-אם) מאהן-סיראפ.

diac'onal *a.* (דאי-עק'-א-נעל) וואס געהערט צו א דיאקאן [אונטער-גלח].

diac'onate *n.* (דאי-עק'-א-נייט) דאס אמט פון א דיאקאן [אן אונטער-גלח].

diacous'tic *a.* (דאי-ע-קוהס'-טיק) וואס איז שייך צו דער ברעכונג פון קלאנגען.

diacous'tics *n.* (דאי-ע-קוהס'-טיקס) דיאקוסטיק [די לעהרע וועגען דער ברעכונג פון קלאנגען].

diacrit'ic *n. and a.* (דאי-ע-קריט'-איק) וואס זונדערט אב, וואס אונטערשיידעט, וואס צייכענט אויס; א צייכען, וואס דיענט צום אונטערשיידען, אויסצייכענען אדער צום אבזונדערען. ז. *diacritical mark*

diacrit'ical *a.* (דאי-ע-קריט'-אי-קעל) וואס אונטערשיידעט, וואס צייכענט אויס.

diacrit'ical mark (דאי-ע-קריט'-אי-קעל מארק) א צייכען אויף א בוכשטאב, וואס אונטערשיידעט דעם בוכשטאב פון אן אנדערען, אז ענהליכען צו איהם, כדי צו ענדערען זיין אויסשפראכע אדער איהם צו אונטערשיידען [ווי למשל, די צייכענס — ‿ ˘ • •].

diacrit'ical point (דאי-ע-קריט'-אי-קעל פאינט) ז. *diacritical mark*

diacrit'ical sign (דאי-ע-קריט'-אי-קעל סאין) ז. *diacritical mark*

Diadel'phia *n.* (דאי-ע-דעל'-פי-א) דער מין פלאנצען, וואו די מענליכע ארגאנען [די שטויב-פעדים] זיינען פערוואקסען אין צוויי בינטעלעך.

diadel'phian *a.* (דאי-ע-דעל'-פי-ען) ווי די דיאדעלפיע פלאנצען, וואס געהערט צו די דיאדעלפיע פלאנצען. ז. *Diadelphia*

diadel'phous *a.* (דאי-ע-דעל'-פאס) ז. *diadelphian*

di'adem *n. and v.* (דאי'-ע-דעם) א דיאדעם [א שטערן-באנד אדער א קאפ-באנד, וואס די קעניגע פלעגען אין די אלטע צייטען טראגען אנשטאט א קרוין]; עטוואס וואס ווערט געטראגען אויפ'ן קאפ אלס צייכען פון קעניגליכער מאכט; הערשאפט; אזא מין מאלפע; בעצירען מיט א דיאדעם אדער מיט א קרוין; בעצירען מיט עטוואס ווי מיט א דיאדעם.

Diadem

di'ademed *a.* (דאי'-ע-דעמד) בעצירט מיט א דיאדעם. ז. *diadem*

diaer'esis *n.* (דאי-ער'-ע-סיס) ז. *diæresis*

diær'esis *n.* (דאי-ער'-ע-סיס) די דיערעסיס, די צוויי פינטעלעך אויף איינעם פון צוויי וואקאלען, וואס שטעהען איינער נעבען אנדערען, צו ווייזען דאס זיי דארפען זיך לעזען יעדערער בעזונדער [ז. *dialysis*]; אן אפענע וואונד.

diæret'ic *a.* (דאי-אי-רעט'-איק) וואס רייסט אויף א מכה אדער א וואונד [וועגען א מעדיצינישען מיטעל].

di'aglyph *n.* (דאי'-ע-גליף) א סקולפטור אדער גראוויר-ארבייט, וואו די פיגורען זיינען נים בולט, נאר זיינען איינגעקריצט.

diaglyph'ic *a.* (דאי-ע-גליפ'-איק) וואס איז שייך צו סקולפטור אדער גראווירונג, וואו די פיגורען זיינען נים בולט, נאר זיינען איינגעקריצט.

diagnose' *v.* (דאי-עג-נאוס') אין מעדיצין — שטעלען א דיאגנאז, בעשטימען א קראנקהייט לויט געוויסע סמנים.

diagno'sis *n.* (דאי-עג-נאו'-סיס) דיאגנאז, א וויסענשאפטליכע בעשטימונג פון עפעס; אין מעדיצין — די בעשטימונג פון א געוויסער קראנקהייט לויט געוויסע סמנים; אין זאאלאגיע און באטאניק — די בעשטימונג אדער דעפיניציאן פון א חיה אדער פלאנצע לויט איהרע כאראקטעריסטישע איינגענשאפטען.

diagnos'tic *n. and a.* (דאי-עג-נאס'-טיק) אין מעדיצין — די דיאגנאסטיק, די קונסט צו דערקענען א קראנקהייט לויט די אנגעגעבענע סמנים; אין זאאלאגיע און באטאניק — די דעפיניציאן אדער כאראקטעריסטיק פון א חיה אדער פלאנצע; וואס איז שייך צו א דיאגנאז. ז. *diagnosis*

diagnos'ticate *v.* (דאי-עג-נאס'-טי-קייט) שטעלען א דיאגנאז, דערקענען א קראנקהייט דורך געוויסע סמנים.

diagnosti'cian *n.* (דאי-עג-נאס-טיש'-ען) א דיאגנאסטיקער, איינער וואס קען דערקענען א קראנקהייט לויט געוויסע סמנים.

diagnos'tics *n.* (דאי-עג-נאס'-טיקס) דיאגנאסטיק, דער טהייל פון דער מעדיצינישער וויסענשאפט, וועלכער פערנעהמט

זיך מיט דערהיינטיגע פערשידענע קראנקהייטען לויט געוויסע סמנים.

diag'onal *n. and a.* (דאי-עג'-א-נעל) א דיאגאנאל, א ליניע אין א קוואדראט, אין א פיער-עק אדער פיעל-עק, וועלכע ציהט זיך שרעג צווישען די געגענאיבערליגענדע ווינקלען; דיאגאנאל, שרעג, קאסע.

diag'onally *adv.* (דאי-עג'-א-נעל-אי) אין א דיאגאנאלער אדער שרעגער ריכטונג.

diag'onal scale (דאי-עג'-א-נעל סקייל) א דיאגאנאל-מאסשטאב [א מאסשטאב, וועלכער בעשטעהט פון א רייה פאראלעלע ליניען, וועלכע זיינען געשניטען דורך א רייה שרעגע ליניען. דיעזער מאסשטאב ווערט בענוצט ביים צייכנען געגענשטענדע ניט אין זייער נאטירליכער גרויס].



Diagonal Scale

di'agram *n. and v.* (דאי'-ע-גרעם) אין געאמעטריע — א דיאגראמע, א צייכנונג אדער פיגור צו בעווייזען אדער ערקלערען וועלכען ניט איז מאטעמאטישען כלל; א צייכענונג פון א זאך, וואו עס זיינען פארגעשטעלט נור די אלגעמיינע שטריכען, אבער ניט אלע פרטים; די נאטען-סיסטעם פון דער אלטפרענקישער מוזיק; מאכען אדער צייכענען א דיאגראמע.

diagrammat'ic *a.* (דאי-ע-גרע-מעט'-איק) וואס איז שייך צו א דיאגראמע; פארגעשטעלט אין דער פארם פון א דיאגראמע [ז. *diagram*]; סכעמאטיש; אבסטראקט.

diagrammat'ically *adv.* (דאי-ע-גרע-מעט'-אי-קעל-אי) מיט דער הילף פון א דיאגראמע; סכעמאטיש.

diagram'matize *v.* (דאי-ע-גרעמ'-ע-טאיז) פארשטעלען דורך א דיאגראמע; מאכען אין דער פארם פון א דיאגראמע.

di'agraph *n.* (דאי'-ע-גרעף) דיאגראף, אן אינסטרומענט, מיט וועלכען מענשען וואס האבען זיך ניט געלערענט צייכענען און מאלען, קענען קאפירען א פיגור אדער צייכנונג.

diagraph'ic *a.* (דאי-ע-גרעפ'-איק) בעשרייבענד, צייכענענד.

diagraph'ical *a.* (דאי-ע-גרעפ'-איק-על) ז. *diagraphic*

diagraph'ics *n.* (דאי-ע-גרעפ'-איקס) די קונסט פון צייכענען אדער מאלען.

diagryd'iate *n.* (דאי-ע-גריד'-אי-אייט) א שטארקער אבפיהר-מיטעל, אין וועלכען עס געהט אריין סקאמאניום [די זאפט אדער פעך פון א געוויסער פלאנצע וואס דיענט אלס אן אבפיהר-מיטעל].

di'al *n. and v.* (דאי'-על) א זון-זייגער; א ציפער-בלאט [פון א זייגער אדער פון וועלכען עס איז אנדער אפאראט]; אנציינגען ווי ווייזער אויף א ציפער-בלאט; אזא קאמפאס מיט א ציפער-בלאט וואס ווערט בענוצט אין שאכטען אדער קויהלען-גרובען; ציינגען די צייט אויף א זון-זייגער אדער וון אויף א ציפערבלאט; זיך בענוצען מיט א שאכטען-קאמפאס.

di'alect *n.* (דאי'-ע-לעקט) א דיאלעקט, א שפראך; א בעזונדערע רעדענס-ארט פון א שפראך; דער כאראקטער און די אייגענטימליכקייטען פון א שפראך.

dialec'tal *a.* (דאי-ע-לעק'-טעל) וואס איז שייך צו א דיאלעקט [א בעזונדערע רעדענס-ארט פון א שפראך].

dialec'tally *adv.* (דאי-ע-לעק'-טעל-אי) אין א דיאלעקט; אזוי ווי א דיאלעקט.

dialec'tic *n. and a.* (דאי-ע-לעק'-טיק) וואס איז שייך צו א דיאלעקט פון א שפראך; לאגיש; דיאלעקטיש, וואס איז שייך צו דיאלעקטיק אדער צו דער קונסט פון דיסקוטירען וועגען ווארשיינליכקייטען; די דיאלעקטיק [א געוויסע פארם פון לאגישען דענקען, בעווייזען און דיסקוטירען]; לאגיק; געשיקטקייט אין דיסקוטירען.

dialec'tical *a.* (דאי-ע-לעק'-טי-קעל) וואס איז שייך צו א דיאלעקט פון א שפראך; לאגיש; דיאלעקטיש, וואס איז שייך צו דיאלעקטיק אדער צו דער קונסט פון דיסקוטירען וועגען ווארשיינליכקייטען.

dialec'tically *adv.* (דאי-ע-לעק'-טי-קעל-אי) אויף א דיאלעקטישען אדער לאגישען אופן; אין בעצוג צו דיאלעקטיק.

dialecti'cian *n.* (דאי-ע-לעק-טיש'-ען) א דיאלעקטיקער, א לאגיקער [א קענער אין לאגיק]; א געשיקטער דיסקוטאנט.

dialec'ticism *n.* (דאי-ע-לעק'-טי-סיזם) די כאראקטעריסטיק פון א דיאלעקט; א דיאלעקטישער אויסדרוק; דער איינפלוס פון א דיאלעקט.

dialec'tics *n.* (דאי-ע-לעק'-טיקס) לאגיק, דיאלעקטיק, דאס דיאלעקטישע ארט דענקען אדער דיסקוטירען; די געשיקטקייט אין דיסקוטירען.

dialec'tism *n.* (דאי-ע-לעק'-טיזם) די כאראקטעריסטיק אדער די אייגענשאפט פון א דיאלעקט אין א שפראך; א ווארט אדער אויסדרוק וואס קומט פון א דיאלעקט.

dialectol'oger *n.* (דאי-ע-לעק-טאל'-א-דזשער) איינער וואס בעשעפטיגט זיך מיט אויספארשען די דיאלעקטען פון שפראכען.

dialectolog'ical *a.* (דאי-ע-לעק-טא-לאדזש'-אי-קעל) וואס איז שייך צו דער פארשונג פון די דיאלעקטען אין שפראכען.

dialectol'ogist *n.* (דאי-ע-לעק-טאל'-א-דזשיסט) ז. *dialectologer*

dialectol'ogy *n.* (דאי-ע-לעק-טאל'-א-דזשי) דער טייל פון דער פילאלאגישער וויסענשאפט וואס בעשעפטיגט זיך מיט אויספארשען די דיאלעקטען פון שפראכען.

di'aler *n.* (דאי'-על-ער) איינער וואס געברויכט א קאמפאס פאר אונטערזוכונגען און מעסטונגען אין קויהלען-גרובען [שאכטען].

di'al-hand *n.* (דאי'-על-הענד) דער ווייזער פון א זייגער.

di'aling *n.* (דאי'-על-אינג) דאס מאכען ציפער-בלעטער פאר זייגערס; דאס מאכען זון-זייגערס; דער פרינציפ פון מעסטען צייט דורך א זון-זייגער.

di'alist *n.* (דאי'-על-איסט) איינער וואס מאכט זון-זייגערס; א ציפער-בלאט מאכער.

dial'lage *n.* (דאי-על'-ע-דזשי) א געוויסע פארם אין רעדען, וואו די ארגומענטען ווערען צוערשט בעטראכט פון פערשיעדענע שטאנדפונקטען און נאכהער ווערען זיי אלע געבראכט צו איין פונקט.

dialle'lon *n.* (דאי-ע-לי'-לאן) אן ערקלערונג פון א ווארט, וואו דאס ווארט וואס דארף ערקלערט ווערען, ווערט אליין בענוצט אין דער ערקלערונג; אן ערקלערונג פון איין בעגריף דורך א צווייטען, וואו דער צווייטער בעגריף ווערט ערקלערט דורך דעם ערשטען, צ. ב. "שווערע קערפערס פאלען אראב צוליעב דער גראוויטאציאנס-קראפט, ווייל די גראוויטאציאנס-קראפט איז די אייגענשאפט פון שווערע קערפער אראבצופאלען".

dialle'lous *a.* (דאי-ע-לי'-לאס) וואס איז שייך צו אן ערקלערונג פון איין בעגריף דורך א צווייטען, וואו דער צווייטער בעגריף ווערט ערקלערט דורך דעם ערשטען. ז. *diallelon*

dialle'lus *n.* (דאי-ע-לי'-לאס) א פערזוך צו בעווייזען איין בעהויפטונג דורך א צווייטע, וואו די צווייטע בעהויפטונג דארף ערשט אליין בעוויזען ווערען דורך די ערשטע.

di'aller *n.* (דאי'-על-ער) ז. *dialer*

di'alling *n.* (דאי'-על-אינג) ז. *dialing*

di'al-lock *n.* (דאי'-על-לאק) א שלאס וואס האט א ציפער-בלאט מיט א ווייזער און ווערט נור דאן אויפגעשלאסען, ווען דער ווייזער ווערט אנגעשטעלט אויף א געוויסע ציפער [ווי די שלעסער אויף אן אייזערנעם געלד-שראנק].

dialog'ic *a.* (דאי-ע-לאדזש'-איק) וואס איז שייך צו א דיאלאג; וואס איז ענליך צו א דיאלאג [א געשפרעך פון צוויי].

dialog'ical *a.* (דאי-ע-לאדזש'-אי-קעל) ז. *dialogic*

dialog'ically *adv.* (דאי-ע-לאדזש'-אי-קעל-אי) ווי אין א דיאלאג; דורך א געשפרעך פון צוויי פערזאנען.

dial'ogism *n.* (דאי-על'-א-דזשיזם) א ויכוח מיט א צווייטען אדער מיט זיך זעלבסט; אין לאגיק — א בעהויפטונג, פון וועלכער עס פאלגט נויטווענדיגערווייזע ענטוועדער איין זאך אדער א צווייטע זאך, ווי למשל: "אליהו הנביא איז ניט געשטארבען — פאלגליך: ענטוועדער אליהו הנביא איז ניט געווען קיין מענש [ווייל אלע מענשען זיינען שטערבליך] אדער געוויסע מענשען שטארבען ניט".

dial'ogist *n.* (דאי-על'-א-דזשיסט) איינער וואס פיהרט א געשפרעך אדער א ויכוח מיט א צווייטען; איינער וואס שרייבט דיאלאגען. ז. *dialogue*

dialogis'tic *a.* (דאי-ע-לא-דזשיס'-טיק) וואס האט די פארם פון א דיאלאג; וואס בעשטעהט פון א דיאלאג. ז. *dialogue*

dialogis'tical *a.* (דאי-ע-לא-דזשיס'-טי-קעל) ז. *dialogistic*

dialogis'tically *adv.* (דאי-ע-לא-דזשיס'-טי-קעל-אי) אין דער פארם פון א דיאלאג. ז. *dialogue*

dial'ogize *v.* (דאי-על'-א-דזשאיז) פיהרען א געשפרעך, פארשטעלען עפעס אין דער פארם פון א דיאלאג. ז. *dialogue*

di'alogue *n. and v.* (דאי'-ע-לאג) א דיאלאג, א געשפרעך אדער ויכוח צווישען צוויי אדער עטליכע פערזאנען; א ליטעראריש ווערק אין דער פארם פון א געשפרעך אדער ויכוח צווישען צוויי אדער עטליכע פערזאנען; פיהרען א ויכוח; אויסדריקען געוויסע געדאנקען אין דער פארם פון א געשפרעך אדער ויכוח צווישען צוויי אדער עטליכע פערזאנען.

di'al-plate *n.* (דאי'-על-פלייט) א ציפער=בלאט [איבערהויפט פון א זייגער].

di'al-tel'egraph *n.* (דאי'-על-טעל'-ע-גרעף) א טעלעגראף ביי וועלכען די בוכשטאבען פון א=בע=צע אין די טעלעגראפיר=אפאראטען זיינען אויסגעשטעלט אין א רונדען קרייז.

di'al-wheel *n.* (דאי'-על-הוויעל) איינער פון די רעדלעך וועלכע געפינען זיך אין א זייגער הארט נעבען ציפער=בלאט.

di'al-work *n.* (דאי'-על-הוואירק) דער טייל פון מעכאניזם פון א זייגער, וועלכער געפינט זיך הארט נעבען ציפער=בלאט.

dial'ysis *n.* (דאי-על'-אי-סיס) די פאנאנדערטיילונג פון זאכען, וועלכע זיינען אין נארמאלען צושטאנד פעראייניגט, ווי דאס פאנאנדערטיילען די גליעדער פון א פלאנצע אדער חיה; אין כעמיע — דאס פאנאנדערטיילען צוויי צוזאמענגעמישטע שטאפען, וואו איינער [ווי צוקער א. ד. ג.] צוגעהט שנעל און דער צווייטער [ווי זשעלאטין] צוגעהט ניט; אין גראמאטיק — די דיךעסים, די צוויי פינטעלעך אויף איינעם פון צוויי וואקאלע בוכשטאבען, וואס שטעהען איינער נעבען אנדערען, וואס מאכען זיי פאר צוויי בעזונדערע זילבען [ווי למשל אין דער פראנצויזישער שפראך *ai* לייענט זיך "ע"; aï לייענט זיך "א=אי"]; אין רעטאריק אדער רעדע=קונסט — די פארענטעזע, א פראזע אדער זאץ, וואס ווערט אריינגעשטעלט אין מיטען פון אן אנדער פראזע און האט ניט מיט איהר קיין שום גראמאטיקאלישע פערבינדונג [ווי למשל, "מיין אלטער פריינד — מענשען האבען מיר דערצעהלט — האט זיך שלעכט בעגאנגען מיט זיין ברודער"]; אין מעדיצין — שוואכקייט, אבשוואכונג פון די אברים; אן אפענע וואונד.

dialyt'ic *a.* (דאי-ע-ליט'-איק) וואס איז שייך צו דער פאנאדערטיילונג, ווי אין כעמיע, אנאטאמיע, גראמאטיק א. ד. ג. ז. ***dialysis***

di'alyze *v.* (דאי'-ע-לאיז) פאנאנדערטיילען, ווי אין כעמיע, אנאטאמיע, גראמאטיק א. ד. ג. ז. ***dialysis***

di'amagnet *n.* (דאי'-ע-מעג-נעט) א דיאמאגנעט [א מעטאל אדער אנדער שטאף וואס ווערט אבגעשטויסען פון א מאגנעט].

diamagnet'ic *n. and a.* (דאי-ע-מעג-נעט'-איק) דיאמאגנעטיש, וואס האט די איינגענשאפט פון דיאמאגנעטיזם; א דיאמאגנעטישער שטאף. ז. ***diamagnetism***

diamagnet'ically *adv.* (דאי-ע-מעג-נעט'-אי-קעל-אי) אויף א דיאמאגנעטישען שטייגער; ווי א דיאמאגנעטישער קערפער. ז. ***diamagnetism***

diamag'netism *n.* (דאי-ע-מעג'-נעט-איזם) דיאמאגנעטיזם, די איינגענשאפט פון געוויסע שטאפען, ווי גאלד, זילבער, ביסמוט א. ד. ג. ניט מאגנעטיזירט צו ווערען [ווען זיי טרעפען זיך מיט א מאגנעט, ווערען זיי מעהר אדער ווענינער אבגעשטויסען פון די פאלען].

diamagnetiza'tion *n.* (דאי-ע-מעג-נעט-אי-זיי'-שאן) דאס זיין דיאמאגנעטיש. ז. ***diamagnetism***

diamagnetom'eter *n.* (דאי-ע-מעג-נע-טאמ'-ע-טער) אן אינסטרומענט צו מעסטען די דיאמאגנעטישע קראפט פון געוויסע שטאפען.

diamantif'erous *a.* (דאי-ע-מענ-טיפ'-ע-ראס) וואס גיט ארויס דימענטען.

diam'eter *n.* (דאי-עמ'-ע-טער) א דיאמעטער, די ליניע וואס ווערט געצויגען דורך דעם צענטער פון איין ברעג קרייז צום צווייטען; די דיק פון א רונדען געגענשטאנד.

diam'etral *n. and a.* (דאי-עמ'-ע-טרעל) וואס איז שייך צו א דיאמעטער פון א קרייז אדער אירגענד וועלכער רונדער זאך; א דיאמעטער.

diam'etrally *adv.* (דאי-עמ'-ע-טרעל-אי) אויף דעם אופן פון א דיאמעטער.

diamet'rical *a.* (דאי-ע-מעט'-רי-קעל) 1. דיאמעטראל, פאלשטענדיג ענטגעגענגעזעצט, פונקט להיפוך; 2. וואס איז שייך צי א דיאמעטער.

1. Their characters are **diametrical** opposites.

diamet'rically *adv.* (דאי-ע-מעט'-רי-קעל-אי) אין א דיאמעטראלער ריכטונג, אין א פונקט געגענגעזעצטער ריכטונג; פונקט לחיפוך; אויף דעם אופן פון א דיאמעטער.

di'amond *n., a. and v.* (דאי'-ע-מאנד) א דימענט; א געאמעטרישע פיגור פון פיער גלייכע זייטען מיט צוויי שפיציגע ווינקלען און צוויי שטומפפע [א פיגור וואס האט די פארם פון א קיבעל]; דער פיערעקיגער צייכען קארע אדער שערל אויף שפיעל=קארטען; א קארט קארע אדער שערל; דער פיערקאנטיגער פלאץ וואס איז איינגעשלאסען פון די פיער באזיסען אין בייס=באל=שפיעל; די קלענסטע דרוקשריפט וואס ווערט געברויכט; וואס איז שייך צו דימענט; בעזעצט מיט דימענטען; בעזעצען אדער בעפוצען מיט דימענטען.

di'amond-bee'tle *n.* (דאי'-ע-מאנד-ביעטל) דער דימענט=זשוק [אזא גלאנציגער גרויסער זשוק אין זיד=אמעריקא].

Diamond-beetle

di'amond-brea'ker *n.* (דאי'-ע-מאנד-בריי'-קער) אזא אינסטרומענט וואס ווערט בענוצט צום צושטויסען דימענטען, אז זיי זאלען דערביי ניט צושפריצען.

di'amond cuts di'amond (דאי'-ע-מאנד קאטס דאי'-ע-מאנד) וואס פאר א הונד אזא שטעקען; א גנב כאפט א גנב.

di'amond-cut'ter *n.* (דאי'-ע-מאנד-קאט'-ער) א דימענט=שלייפער.

di'amond-cut'ting *n.* (דאי'-ע-מאנד-קאט'-אינג) דימענט=שלייפעריי.

di'amond drill (דאי'-ע-מאנד דריל) א דריל אדער בויערער וואס זיין שפיץ האט די פארם פון א געשליפענעם דימענט.

di'amond-dust *n.* (דאי'-ע-מאנד-דאסט) דימענט=פולווער.

di'amonded *a.* (דאי'-א-מאנ-דעד) בעפוצט אדער אויסגעזעצט מיט דימענטען.

di'amond-let'ters *n.* (דאי'-ע-מאנד-לעט'-ערז) דימענט=שריפט [זעהר קליינע דרוק=שריפט].

This is an example of **diamond-letters**.

di'amond-mor'tar *n.* (דאי'-ע-מאנד-מאר'-טאר) א הארטער שטאהל צום צושטויסען דימענט אין פולווער.

di'amond-plate *n.* (דאי'-ע-מאנד-פלייט) א שטאהל=פלאטע ביי גראווירער, אויף וועלכער עס ווערט פערמישט דימענט=שטויב מיט אויל אבצורייבען די פלעכע פון אן עדעלשטיין וואס דארף גראווירט ווערען.

di'amond-point *n.* (דאי'-ע-מאנד-פאינט) א האלץ אדער מעטאל=הענטעל, אין וועלכען עס איז איין ענד אריינגעזעצט א שטיקעל דימענט און וועלכער ווערט בענוצט צום שניידען גלאז.

di'amond-set'ter *n.* (דאי'-ע-מאנד-סעט'-ער) א דימענט=איינפאסער [איינער וואס פאסט איין דימענטען אדער אנדערע עדעלשטיינער אין רינגען און אנדערע ציערונג].

di'amond-shaped *a.* (דאי'-ע-מאנד-שייפט) וואס האט די פארם פון א דימענט.

di'amond-snake *n.* (דאי'-ע-מאנד-סנייק) אזא גרויסע שלאנג אין אויסטראליען; אזא גיפטיגע שלאנג אין טאסמאניע.

di'amond wed'ding (דאי'-ע-מאנד הוועד'-אינג) די דימענט=האכצייט [75 יאהר נאך דער חתונה].

Dian'a *n.* (דאי-ענ'-א) דיאנא, די אלט=רוימישע געטין פון דער לבנה, די בעשיצערין פון געיעג און וועלדער; די איי=ביגע בתולה און אין דערזעלבער צייט די בעשיצערין פון קינפעטארינס [ווערט פארגעשטעלט מיט א פייל=און=בויגען אין האנד און מיט א האלבער לבנה אויף'ן קאפ].

dian'a mon'key (דאי-ענ'-א מאנ'-קי) א גרויסע אפריקאנישע אפע מיט ווייסע באקענבארדען אין דער פארם פון האלבע לבנות [רופט זיך נאך דעם נאמען פון דער געטין דיאנא, וועלכער מען שטעלט פאר מיט א האלבער לבנה אויף'ן קאפ].



Diana Monkey

Dian'dria *n.* (דאי-ענ'-דרי-א) דער מין פלאנצען וואס זייערע בליהונגען האבען צוויי שטויב=פעדעם.

dianoet'ic *a. and n.* (דאי-ע-נא-עט'-איק) לאגיש, שכל'דיג, דענקענדיג; דער טייל פון לאגיק וואס בעשעפטיגט זיך מיט די געזעצע פון דענקען.

Dian'thus *n.* (דאי-ענ׳-טהאס) די נעלי סעו-פלאנצע [נעגעלעך-בלומען].

Dianthus

diapa'son *n.* (דאי-ע-פיי׳-זאן) דער אומפאנג [ד. ה. די גאנצע גרוים און הויכ־קייט] פון א שטימע אדער פון דעם טאן פון א מוזיקאלישען אינסטרומענט; די אקטאווע [אין מוזיק]; א קאמער־טאן [א שטים־גאפעל].

diapen'te *n.* (דאי-ע-פענ׳-טי) א קווינטע [די פינפטע נאטע אין דער מוזיק].

di'aper *n. and v.* (דאי׳-ע-פער) א קינ־דער־וויקעלע; א ווינדעל; געבלימטע אדער געמוסטערטע לייווענד; אויסמאלען אדער אויסוועבען מיט בלומען אדער מיט מוס־טערען.

di'apering *n.* (דאי׳-ע-פער-אינג) 1. א געבלימטער, מוסטער; 2. דאס איינוויקלען אין ווינדעלעך.

2. The nurse attended to the **diapering** of the baby.

di'aper-work *n.* (דאי׳-ע-פער-הוואירק) בלומען־ארבייט, געבלימטע אדער געמוס־טערטע ארבייט אויף לייווענד, שטיינער א. ז. וו.



Diaper-work

diaphane'ity *n.* (דאי-ע-פע-ני׳-אי-טי) דורכזיכטיגקייט.

diaphanom'eter *n.* (דאי-ע-פע-נאמ׳-ע-טער) אן אינסטרומענט צו מעסטען די דורכזיכטיגקייט פון דער לופט; אן אינ־סטרומענט צו פראבירען די ריינקייט פון ספיריטוס דורך מעסטען די דורכזיכטיג־קייט.

diaph'anous *a.* (דאי-עפ׳-ע-נאס) דורכזיכטיג.

diaph'anously *adv.* (דאי-עפ׳-ע-נאס-לי) מיט דורכזיכטיגקייט; אויף א דורכ־זיכטיגען אופן; דורכזיכטיג.

diaph'anousness *n.* (דאי-עפ׳-ע-נאס-נעס) דורכזיכטיגקייט.

diaphon'ic *a.* (דאי-ע-פאנ׳-איק) ז. *diacoustic*.

diaphon'ical *a.* (דאי-ע-פאנ׳-אי-קעל) ז. *diacoustic*.

diaphon'ics *n.* (דאי-ע-פאנ׳-איקס) ז. *diacoustics*.

diaphore'sis *n.* (דאי-ע-פא-רי׳-סיס) דאס שוויצען [חויפטזעכליך קינסטליך ארויסגערופען].

diaphoret'ic *n. and a.* (דאי-ע-פא-רעט׳-איק) וואס ברייננט צום שוויצען; א מעדיצין וואס מאכט שוויצען.

diaphoret'ical *a.* (דאי-ע-פא-רעט׳-אי-קעל) וואס ברייננט צום שוויצען, וואס ברייננט ארויס שווייס.

di'aphragm *n.* (דאי׳-ע-פרעם) די צווערכפעל [די דיקע שיידע־הויט צווישען ברוסט־קאסטען און בויך]; א שיידוואנד, א צווישענוואנד; די מעמבראן פון א טע־לעפאן [דאס בלעכעל אין דעם טייל פון טעלעפאן, וועלכען מען האלט ביים אויער].

Diaphragm

diaphrag'mal *a.* (דאי-ע-פרעג׳-מעל) וואס טיילט אב, וואס שיידעט אב איין חלל פון צווייטען [ווי די צווערכפעל טיילט אב דעם ברוסט־קאסטען פון בויך].

diaphragmal'gia *n.* (דאי-ע-פרעג-מעל׳-דזשי-א) א שמערץ אין צווערכפעל [די דיקע הויט וואס טיילט אב דעם ברוסט־קאסטען פון בויך].

diaphragmal'gy *n.* (דאי-ע-פרעג-מעל׳-דזשי) ז. *diaphragmalgia*.

diaphragmat'ic *a.* (דאי-ע-פרעג-מעט׳-איק) וואס איז שייך צו א שיידוואנד אדער צו דער צווערכפעל. ז. *diaphragm*.

diaphragmati'tis *n.* (דאי-ע-פרעג-מע-טאי׳-טיס) אן ענטצינדונג פון צווערכ־פעל [די דיקע הויט וואס טיילט אב דעם ברוסט־קאסטען פון בויך].

diaphragmodyn'ia *n.* (דאי-ע-פרעג-מא-דינ׳-אי-א) ז. *diaphragmalgia*.

diapno'ic *n. and a.* (דאי-עפ-נאו׳-איק) וואס רופט ארויס א לייכטען שווייס; א מעדיצין, וואס רופט ארויס א לייכטען שווייס.

diapnot'ic *a.* (דאי-עפ-נאט׳-איק) וואס רופט ארויס א לייכטען שווייס [ווענען א מעדיצין].

diapore'sis *n.* (דאי-ע-פא-רי׳-סיס) א פארמע אין רעדען, ווען דער רעדנער שטעלט פאר ווי ער וואלט זיין אין צוויי־פעל, וואס פאר א בעהויפטונג ער זאל מאכען, צ. ב.: זאל איך עס רופען א נאַ־רישקייט אדער א פערברעכען? איז דאס אונוויסענהייט אדער רעמאנאניע? א. ד. ג.

di'archy *n.* (דאי׳-אר-קי) א רעגיערונג פון צוויי הערשער.

dia'rial *a.* (דאי-איי׳-רי-על) ז. *diarian*.

dia'rian *a.* (דאי-איי׳-רי-ען) וואס איז שייך צו א טאגעבוך.

di'arist *n.* (דאי׳-ע-ריסט) א טאגעבוך־שרייבער.

di'arize *v.* (דאי׳-ע-ראיז) פערשרייבען אין א טאגעבוך; פיהרען א טאגעבוך.

diarrhe'a *n.* (דאי-ע-רי׳-א) דורכפאל [א לויזער מאגען], רוהר, שלשול.

diarrhe'al *a.* (דאי-ע-רי׳-על) וואס איז שייך צו רוהר [שלשול] אדער צו א לוי־זען מאגען.

diarrhe'ic *a.* (דאי-ע-רי׳-איק) ז. *diarrheal*.

diarrhet'ic *a.* (דאי-ע-רעט׳-איק) ז. *diarrheal*.

diarrhœ'a *n.* (דאי-ע-רי׳-א) ז. *diarrhea*.

diarrhœ'al *a.* (דאי-ע-רי׳-על) ז. *diarrheal*.

diarrhœt'ic *a.* (דאי-ע-רעט׳-איק) ז. *diarrheal*.

diarthro'sis *n.* (דאי-אר-טהראו׳-סיס) א געלענק.

di'ary *n.* (דאי׳-ע-רי) א טאגעבוך.

diascor'dium *n.* (דאי-ע-סקאהר׳-די-אם) אזא סירופ, וואס ווערט געברויכט אין מעדיצין אלס מיטעל צו מאגען־קראנקהיי־טען.

dias'pora *n.* (דאי-עס׳-פא-רא) דער אידישער גלות, די צושפרייטונג פון דעם אידישען פאלק צווישען די איבריגע פעל־קער.

di'astase *n.* (דאי׳-ע-סטיים) א שטאף, וואס בילדעט זיך אין ווייץ, האבער און קארטאפעל בעת זיי לאזען ווארצלען און וואס פערוואנדעלט קראכמאל אין צוקער.

dias'tasis *n.* (דאי-עס׳-טע-סיס) דאס פאנאנדערגייסען צוויי ביינער־גלידער ניט צוברעכענדיג זיי; דאס אויסלינקען.

di'astem *n.* (דאי׳-ע-סטעם) דער אינ־טערוואל [דער צייט־איבערגאנג] אין מו־זיק.

diaste'ma *n.* (דאי-ע-סטי׳-מא) דער צווישענרוים צווישען צוויי צייהנער [אי־בערהויפט צווישען צוויי צייהנער פון פער־שיעדענע מינים]; דער אינטערוואל [צייט־איבערגאנג] אין מוזיק.

dias'tole *n.* (דאי-עס׳-טא-לי) די פאַ־נאנדערציהונג פון דעם הארצען אדער פון די פולס־ארערען; די צווישענצייט צווישען דער פאנאנדערציהונג און דער צוזאמענצי־הונג פון דעם הארצען אדער פון די פולס־ארערען.

di'astyle *a.* (דאי׳-ע-סטאיל) אין דער בוי־קונסט — וואס איז שייך צו דער קלא־סישער אויסשטעלונג פון זיילען אזוי, אז דער שטח צווישען איין זייל און צווייטען איז גלייך צום דרייפאכען דיאמעטער [גרעב] פון א זייל.

di'asyrm *n.* (דאי׳-ע-סירם) א רעדע־פארם, וואס דריקט אויס שפאט.

diather'mal *a.* (דאי-ע-טהויר׳-מעל) וואס לאזט דורך זיך דורך היץ־שטראהלען.

diather'mance *n.* (דאי-ע-טהויר׳-מענס) די פעהיגקייט דורכצולאזען דורך זיך היץ־שטראהלען.

diather'mancy *n.* (דאי-ע-טהויר׳-מענ-סי) ז. *diathermance*.

diathermane'ity *n.* (דאי-ע-טהויר-מע-ני׳-אי-טי) ז. *diathermance*.

diather'manous *a.* (דאי-ע-טהויר׳-מע-נאס) ז. *diathermal*.

diathermom'eter *n.* (דאי-ע-טהויר-מאמ'-ע-טער) אן אינסטרומענט צו מעס־טען די פעהיגקייט פון א שטאף דורכצולא־זען דורך זיך היץ־שטראהלען.

diather'mous *a.* (דאי-ע-טהויר'-מאס) ז. *diathermal*

diath'esis *n.* (דאי-עטה'-ע-סיס) אן אנ־לאגע; אן אנלאגע צו א קראנקהייט; דאס זיין עלול צו ווערען קראנק; דער צו־שטאנד פון קערפער.

diathet'ic *a.* (דאי-ע-טהעט'-איק) וואס שייך צו אדער וואס קומט פון אן אנ־לאגע אדער צושטאנד פון קערפער [ווע־גען קראנקהייטען]; וואס הענגט אב פון דעם צושטאנד פון קערפער.

diathet'ically *adv.* (דאי-ע-טהעט'-אי-קעל-אי) אויף אן אופן וואס איז אבהענ־גיג פון דעם צושטאנד פון קערפער אדער פון זיין אנלאגע [צו קראנקהייטען].

di'atom *n.* (דאי'-ע-טאם) א דיאטאמעע [אזא איין־צעלינע מיקראסקאפישע וואס־סער־פלאנצע]. ז. *Diatomaceæ*

Diat'oma *n.* (דאי-עט'-א-מא) א מין דיאטאמען [איין־צעלינע מיקראסקאפישע וואסער־פלאנצען], וואס זיינען פערבונדען אזוי, אז זיי בילדען זיגזאגען. ז. *Diatomaceæ*

Diatoma'ceæ *n.* (דאי-ע-טא-מיי'-סי-אי) א מין איין־צעלינע מיקראסקאפישע וואסער־פלא צען [זיי געפינען זיך אין אלע וועלט־טיילען אויף'ן גרונד פון די ימים און טייכען. זיי בינדען זיך צוזא־מען אין שנירלעך, וועלכע בילדען פער־שיעדענע פאנטאסטישע פיגורען].

diatom'ic *a.* (דאי-ע-טאמ'-איק) אין כע־מיע — וואס בעשטעהט פון צוויי אטאמען.

diaton'ic *a.* (דאי-ע-טאנ'-איק) דיאטא־ניש, האלטענדיג זיך אן דעם געוועהנלי־כען טאנלייטער, בענוצענדיג בלויז גאנצע טענער [אין מוזיק].

diaton'ically *adv.* (דאי-ע-טאנ'-אי-קעל-אי) דורך דעם געברויך פון גאנצע טענער [פון דעם געוועהנליכען טאנלייטער].

diaton'ic mel'ody (דאי-ע-טאנ'-איק מעל'-א-די) א מאטיוו, וואס בעשטעהט פון די טענער פון דעם געוועהנליכען טאנ־לייטער, אין וועלכע עס קומען ניט אריין קיין האלבע טענער.

diaton'ic scale (דאי-ע-טאנ'-איק סקייל) א געוועהנליכער טאנלייטער [פון גאנצע טענער].

diat'onous *a.* (דאי-עט'-א-נאס) וואס ציהט זיך פון פארענט נאך הינטען; וואס ציהט זיך ארויס פון ביידע זייטען.

di'atribe *n.* (דאי'-ע-טראיב) אן אויס־פיהרליכע אבהאנדלונג; א ביטערע קרי־טיק; שימפפעריי.

di'atribist *n.* (דאי'-ע-טראי-ביסט) איי־נער וואס שרייבט אויספיהרליכע אבהאנד־לונגען; איינער וואס פאלט אן, קריטי־קירט בייז אדער שימפפט.

dib *v.* and *n.* (דיב) לייכט ארייינלא־זען א ווענטקע אין וואסער; אן אויס־הוילונג, א פערטיעפונג אין דער ערד; דאס ארייינלאזען לייכט די ווענטקע אין וואסער.

dib'ber *n.* (דיב'-ער) א פלאנץ־שטאק [אזא נעצייג וואס ווערט געברויכט צו מאכען לעכער אין דער ערד, וואו מען פער־זייהט אדער פערפלאנצט עפעס]; א געצייג וואס ווערט געברויכט אין די שאכ־טען צו מאכען לעכער.

dib'ble *n.* and *v.* (דיבל) א פלאנץ־שטאק [א געצייג וואס ווערט געברויכט צו מאכען לעכער אין דער ערד, וואו מען פערזייהט אדער פערפלאנצט עפעס]; פערפלאנצען אדער פערזייהען מיט דער הילף פון א פלאנץ־שטאק; לייכט אריינ־לאזען די ווענטקע אין וואסער [ביי פיש־פאנגג].

dib'bler *n.* (דיב'-לער) איינער אדער עטוואס וואס מאכט אין דער ערד לעכער צו פערזייהען אדער פערפלאנצען עפעס.

dibs *n.* (דיבז) א שפיעל אין צייכענס, א קינדער־שפיעל, וואס בעשטעהט אין דעם, וואס מען ווארפט קליינע ביינדלעך פון שעפסענע פיסלעך אדער שטיינדלעך און מען כאפט זיי אויף פריהער אויף איין זייט פון דער האנד [אויף דער דלאניע] און נאכדעם אויף דער צווייטער; א סי־רופ פון וויינטרויבען־זאפט אדער פון טייטלען־זאפט.

dib'stone *n.* (דיב'-סטאון) א ביינדעל אדער שטיינדעל אין דעם קינדערשען צייכען־שפיעל; דער צייכען־שפיעל. ז. *dibs*

dica'cious *a.* (די-קיי'-שאס) סאטיריש, בייסענד, פעפערדיג.

di'cast *n.* (דאי'-קעסט) אין אלט־גרי־כענלאנד — איינער פון די 6000 בירגער, וועלכע מען פלעגט לויט'ן גורל אויסקלייי־בען יעדען יאהר אלס פאלקס־ריכטער [אין דער שטאדט אטהען].

dice *n.* and *v.* (דאיס) ווירפלעך אדער די ביינדלעך פון ווירפעל־שפיעל; דאס ווירפעל־שפיעל; שפיעלען אין ווירפלעך; פאנאנדערשניידען אין קוביקעס אדער קוואדראטען; צונעהען געשטריקטע אדער אויסגענעהטע צייג צו די פאלעס פון א קלייד אדער מאנטעל; בעציערען מיט גע־שטריקטע אדער אויסגענעהטע צייג.

dice'-box *n.* (דאיס-באקס) דער וויר־פעל־בעכער [אזא צילינדריש קעסטעלע, פון וועלכען מען ווארפט ארויס די שפיעל־ווירפעל ביים שפיעלען]; דער איזאלאטאר [איינע פון די גלעזערנע אדער פארצעליי־ענע קעפלעך, צו וועלכע מען פעסטיגט צו די טעלעגראפען־דראטען, וואס ציהען זיך איבער די סלופעס].

Dicen'tra *n.* (דאי-סענ'-טרא) א מין ניד־רינע צארטע און לאנג־לעבענדע גראזען. ביי וועלכע די בליהונג הענגט אראב אין דער פארם פון רויטליכע אדער געלבע הערצלעך.

Dicentra

diceph'alous *a.* (דאי-סעפ'-ע-לאס) צוויי־קעפיג, וואס האט צוויי קעפ אויף איין קערפער.

dice'-play'er *n.* (דאיס-פליי'-ער) איי־נער וואס שפיעלט אין ווירפלעך אדער ביינדלעך.

dichlamyd'eous *a.* (דאי-קלע-מיד'-אי-אס) אין באטאניק—וואס האט א צוויי־ענדיג בלומען־שיידעל [א פלאנצע, ביי וועלכער דער געשלעכטס־ארגאן בעשטעהט פון א בלומען־שיידעל, וואס ענטהאלט אין זיך אי דאס גרינע בעכערעל אי דאס רויטע קריינדעל פון דער בלום].

dichlo'rid *n.* (דאי-קלאו'-ריד) דאפעל־כלאר־זאלץ.

dichot'omize *v.* (דאי-קאט'-א-מאיז) צושניידען אדער פאנאנדערטיילען אין צווייען; צוטיילען פארווייז; איינגעטיילט ווערען פארווייז.

dichot'omous *a.* (דאי-קאט'-א-מאס) וואס איז שייך צו א פאר, וואס בעשטעהט פון א פאר; צוטיילט אין צווייען.

dichot'omously *adv.* (דאי-קאט'-א-מאס-לי) דורך צוטיילען פארווייז.

dichot'omy *n.* (דאי-קאט'-א-מי) דאס צושניידען אין צוויי; דאס פאנאנדערטיי־לען פארווייז; אין לאגיק — די צוטיי־לונג פון א קלאס אין צוויי אונטער־קלאסען, וואס איי־נער איז דער היפוך פון צווייטען [ווי למשל, אלע מענשען קענען ווערען צו־טיילט אויף צוויי טיילען: שעהנע און נים שעהנע]; דער צושטאנד פון דער לבנה ווען זי ווייזט זיך ארויס נור א האל־בע; די צווייגונג פון פלאנצען, וועלכע בילדען זיך אויס אין דער פארם פון גאפ־לען [ז. איל.].

Dichotomy

di'chroism *n.* (דאי'-קרא-איזם) דיכרא־איזם [די ערשיינונג פון געוויסע מי־נעראלען ארויסצואווייזען פערשיעדענע קא־לירען, ווען מען האלט זיי פאר'ן אויג אין פערשיעדענע ריכטונגען].

dichromat'ic *a.* (דאי-קרא-מעט'-איק) וואס האט צוויי קאלירען.

dichro'matism *n.* (דאי-קראו'-מע-טיזם) דאס האבען אדער ארויסווייזען זיך אין צוויי בעזונדערע קאלירען.

dichro'mic *a.* (דאי-קראו'-מיק) וואס זעהט נור צוויי קאלירען; וואס איז שייך צו צוויי קאלירען.

di'chroscope *n.* (דאי'-קרא-סקאופ) אן אינסטרומענט צו מעסטען אדער פרובירען דאס דיכראאיזם פון קריסטאלען. ז. *dichroism*

di'cing *n.* (דאי'-סינג) דאס שפיעלען אין ביינדלעך.

di'cing-house *n.* (דאי'-סינג-האוס) דאס שפיעל־הויז [א פלאץ וואו מען שפיעלט אויף געלד אין קארטען, אין ביינדלעך א. ד. ג.].

dick'ens *n.* (דיק'-ענס) טייוועל!

dick'er *n.* (דיק'-ער) קליין־האנדעל דורך אויפקויפען מציאות און בייטען סחורות אויף סחורות.

dick'ey *n.* (דיק'-אי) א לעדערנער פאר־טוך; א קינדערש גאווער־פארטוכעל; א מאנישקע; דער פלאץ אין א קארעטע, וואו עס זיצט דער לאקיי אדער אן אנדער דיענער.

dick'y *n.* (דיק'-אי) א לעדערנער פארטיך; קינדעריש נאַווער פארטיכער; א מאַנישקע; דער פלאַץ אין א קארעטע, וואו עס זיצט דער לאַקיי אדער אן אנדער ריגנער.

dick'y-bird *n.* (דיק'-אי-בוירד) א קליין פויגעלע.

di'clinate *a.* (דאַי' קלי נייט) ז. *diclinic*

diclin'ic *a.* (דאַי-קלינ'-איק) וואס צוויי פון די זיך שניידענדע אקסען זיינען שרעג [ווענען געוויסע קריסטאַלען].

di'clinous *a.* (דאַי'-קלי-נאַס) מיט אבגעטיילטע געשלעכטס־ארגאנען [ווענען פלאַנצען וואס דער מענליכער ארגאן און דער ווייבליכער געפינען זיך ניט אין איין בלום]; וואס צוויי פון די זיך שניידענדע אקסען זיינען שרעג [ווענען געוויסע קריסטאַלען].

dicoc'cous *a.* (דאַי-קאַק'-אַס) צוויי־קערניג [ווענען פרוכט וואס האבען דאפעלטע זאמען־קערענדלעך].

dicotyle'don *n.* (דאַי-קאַט-אי-לי'-דאַן) א פלאַנצע וואס האט צוויי זאמען־הילזען.

dicotyle'donous *a.* (דאַי-קאַט-אי-לי'-דאַנ-אַס) וואס האט צוויי זאמען־הילזען [ווענען געוויסע פלאַנצען].


Dicotyledonous Plant

dicrot'ic *a.* (דאַי-קראַט'-איק) וואס שלאַגט דאפעלט [ווענען דעם פולס, ווען ער שלאַגט צוויי מאל אין דער צייט ווען דאס הארץ שלאַגט איין מאל].

dic'rotism *n.* (דיק'-ראַ-טיזם) דאס שלאַגען דאַפעלט [ווענען פולס]. ז. *dicrotic*

dic'rotous *a.* (דיק'-ראַ-טאַס) ז. *dicrotic*

dic'tate *n. and v.* (דיק'-טייט) 1. דיקטירען, זאגען וואס צו שרייבען; זאגען וואס צו טהאן; 2. בעפעהלען; פארשלאַגען; א פארשלאַג; א בעפעהל.
1. He dictated a letter. 2. Don't dictate to me how to do it.

dicta'tion *n.* (דיק-טיי'-שאַן) דאס דיקטירען. ז. *dictate*

dicta'tor *n.* (דיק-טיי'-טאַר) א דיקטאַטאר, אן אונבעשרענקטער הערשער אדער בעפעהל־האבער.

dictato'rial *a.* (דיק-טיי-טאָו'-רי-על) דיקטאַטאריש, אונבעשרענקט אין מאכט, בעפעהלעריש; וואס איז שייך צו א דיקטאַטאר; דאגמאַטיש, ווי פארגעשריבען, ווי נעהייסען.

dictato'rially *adv.* (דיק-טיי-טאָו'-רי-על-אי) אויף דעם אופן פון א דיקטאַטאר; לויט דער דאגמא, לויט ווי פארגעשריבען; לויט בעפעהל.

dictato'rialness *n.* (דיק-טיי-טאָו'-רי-על-נעס) דאס זיין דיקטאַטאריש.

dicta'torship *n.* (דיק-טיי'-טאַר-שיפּ) דער אמט פון א דיקטאַטאר אדער אונבעשרענקטען בעפעהלס־האבער.

dicta'tress *n.* (דיק-טיי'-טרעס) א דיקטאַטארין, אן אונבעשרענקטע בעפעהלס־האבערין.

dicta'trix *n.* (דיק-טיי'-טריקס) ז. *dictatress*

dic'tion *n.* (דיק'-שאַן) די דיקציע, דער אויסדרוק, דער סטיל פון ריידען.

dictiona'rian *n.* (דיק-שאַ-ניי'-רי-ען) א פערפאסער פון א ווערטערבוך.

dic'tionary *n. and a.* (דיק'-שאַן-איי-רי) א ווערטערבוך; וואס איז שייך צו א ווערטערבוך.

dic'tum *n.* (דיק'-טאַם) אן אויסשפרוך, א מיינונג, א בעהויפּטונג; א שפריכווארט; א מיינונג פון א ריכטער ווענען א פונקט וועלכער איז ניט דער עיקר פון דער פראַגע וואס ווערט פערהאנדעלט און האט ניט צו טהאן מיט דער ענדגילטיגער ענטשיידונג; א מיינונג פון א ריכטער, וואס איז אבער דאך ניט קיין אורטייל.

did (דיד) געטהאן. ז. *do*

didac'tic *n. and a.* (די-דעק'-טיק) בעלעהרענד; אן אבהאנדלונג ווענען בילדונג אדער ערציהונג.

didac'tical *a.* (די-דעק'-טי-קעל) בעלעהרענד.

didac'tically *adv.* (די-דעק'-טי-קעל-אי) אויף א בעלעהרענדען אופן.

didacti'cian *n.* (דיד-עק-טיש'-ען) איינער וואס אונטערריכטעט, איינער וואס בעלעהרט; איינער וועלכער שרייבט בעלעהרענד.

didac'ticism *n.* (די-דעק'-טי-סיזם) דאס זיין בעלעהרענד; דאס בעלעהרען.

didac'tics *n.* (די-דעק'-טיקס) די קונסט פון אונטערריכט און ערציהונג.

didac'tyl *n. and a.* (דאַי-דעק'-טיל) וואס האט צוויי פינגער; וואס האט צוויי פוס־פינגער; א חיה וועלכע האט נור צוויי פינגער אין א פוס.

didac'tyle *n. and a.* (דאַי-דעק'-טיל) ז. *didactyl*

didac'tylous *a.* (דאַי-דעק'-טי-לאַס) וואס האט צוויי פינגער; וואס האט צוויי פוס־פינגער.

did'apper *n.* (דיד'-עפּ-ער) דער טויכער [אזא פויגעל וואס האט די געוואוהנהייט זיך צו טוקען אין וואסער].

didas'calar *a.* (די-דעס'-קע-לאַר) בעלעהרענד.

didascal'ic *a.* (די-דעס-קעל'-איק) ז. *didascalar*

did'der *v.* (דיד'-ער) שוידערען, ציטערען [פון קעלט].

did'dle *v.* (דידל) זיך וואקלען [ווי א קינד געהט]; אבנארען, בעשווינדלען.

did'dler *n.* (דיד'-לער) א שווינדלער.

Didel'phia *n.* (דאַי-דעל'-פי-א) א מין קליינע חיות וואס די נקבות פון זיי האבען צוויי מוטער־לייבער.

didel'phian *a.* (דאַי-דעל'-פי-ען) וואס איז שייך צו די חיות וואס די נקבות פון זיי האבען צוויי מוטער־לייבער.

didel'phic *a.* (דאַי-דעל'-פיק) ז. *didelphian*

didel'phoid *a.* (דאַי-דעל'-פאָיד) דאַפעלט [ווענען די מוטער־לייבער פון געוויסע חיות]. ז. *Didelphia*

didel'phys *n.* (דאַי-דעל'-פיס) א ראַיז מיט צוויי מוטער־לייבער.

didn't (דידנט) אן אבקירצונג פון *did not* [ניט געטהאן].

di'do *n.* (דאַי'-דאָו) א שטיקע, א שפּיצעל.

didst (דידסט) דו האסט געטהאן. ז. *do*

did'ymous *a.* (דיד'-אי-מאַס) וואס וואקסט פּארווייז אדער אין צווילינגס.

Didyna'mia *n.* (דיד-אי-ניי'-מי-א) דער מין פלאַנצען וואס האבען צוויי לענגערע און צוויי קירצערע שטויב־פעדעם.

didyna'mian *a.* (דיד-אי-ניי'-מי-ען) ז. *didynamous*

didynam'ic *a.* (דיד-אי-נעמ'-איק) ז. *didynamous*

didyn'amous *a.* (דאַי-דינ'-ע-מאַס) אין צוויי אונגלייכע פּארען [ווענען פלאַנצען וועלכע האבען צוויי אונגלייכע פאר שטויב־פעדעם].

die *n. and v.* (דאַי) שטאַרבען; פערגעהן; דארען; פערוועלקען; אויסקימען; אויסגעהן; א ווערפעל [צום שפּילען]; דאס גליק, דער מזל; א מינץ־שטעמפּעל; א שטעמפּעל צום אויסדריקען געגענשטענדע, מאַשינען־טיילען, געצייג א. ד. ג. פון מעטאַל; א געצייג צום שניידען גווינטען פאר א שרויב; שטעמפּלען, אויסדריקען מיט א שטעמפּעל.

die away' (דאַי ע-הוויי') אבשטאַרבען; אויסגעהן; זיך שמעלצען פון נחת.

die'-away' *a.* (דאַי'-ע-הוויי') אויסגעהענדיג; זיך שמעלצענדיג [פאר נחת].

dieb *n.* (דיעב) אזא ווילדער הונד [געפינט זיך אין נארד אפריקא].

die'-back *n.* (דאַי'-בעק) אזא קראַנקהייט פון בוימער, פון וועלכער זייערע שפּיצען דארען אב.

die by the sword (דאַי באַי טהי סאָורד) פאַלען אין מלחמה.

die'dral *a.* (דאַי-אי'-דרעל) ז. *dihedral*

die game (דאַי גיים) שטאַרבען ווי א העלד; זיך ניט אונטערגעבען ביז צו לעצט.

diege'sis *n.* (דאַי-אי-דזשיע'-סיס) דער טייל פון א רעדע, וואו עס ווערען איבערגעגעבען די פאַקטען.

die hard (דאַי הארד) שטאַרבען ווי א העלד; זיך נים אונטערגעבען ביז צו לעצט; זיך לאַנג מאַטערען מיט'ן טויט, האבען א לאַנגע גסיסה, האבען א שווערען טויט.

die in har'ness (דאַי אין הא'ר'-נעס) פאַלען אין די האַלאַבלעס [שטאַרבען ביי דער ארבייט].

die in one's shoes (דאַי אין הוואַנז שוּהז) שטאַרבען אויף דער תליה.

die in the last ditch (דאַי אין טהי לעסט דיטש) קעמפפען ביז צום לעצטען אטהעם־צוג.

die is cast (דאַי איז קעסט) דער גורל איז געווארפען, דער שיקזאל איז בעשלאָסען.

dielec'tric *n. and a.* (דאַי-אי-לעק'-טריק) דיעלעקטריש, וואס לאָזט ניט דורך קיין עלעקטריציטעט [ווענען שטאָפען וואס לאָזען ניט דורך קיין עלעקטריציטעט אויסער דורך אינדוקציאן]; א שטאָף וואס לאָזט ניט דורך קיין עלעקטריציטעט אויסער דורך אינדוקציאן [ווי גלאָז, טרוקענע ריינע לופט א. ד. ג.].

Di'el's but'ter pear (דאַי'-עלז באַט-ער פּעהר) אזא מין ווייכע בארנע וועלכע ווערט קולטיווירט אין אמעריקא. ז. איל. *"Cultivated Fruits"*

Dieme'nia *n.* (די-מי'-ני-א) א מין גיפּטיגע שלאַנגען.

die off (דאַי אָף) ניך אויסשטאַרבען.

die out (דאַי אוט) אויסגעהן [פון די כוחות]; אבשטאַרבען.

di'er *n.* (דאַי'-ער) איינער וואס האלט ביים שטאַרבען.

dier'esis *n.* (דאַי-ער'-ע-סיס) ז. *diæresis*

die'-sink'er *n.* (דאַי'-סינק'-ער) איינער וואס גראַווירט מעטאַלענע שטעמפּלען.

di'esis *n.* (דאַי'-ע-סיס) א צייכען אין מוזיק, וואס ווייזט, אז א טאָן דארף געהעכערט ווערען אויף א דריטעל אדער א פיערטעל טאָן; אין דרוקעריי דער צייכען ‡.

die'-stock *n.* (דאַי'-סטאַק) א גווינט־

שניידער, א שניידעזן [א אינסטרומענט צו מאכען שרויבען (גווינטען)].

Die-stock

di'et *n. and v.* (דאי'-עט) נאהרונג; קעסט; דיעטע [בעשטימטע נאהרונג, א בעשטימטע נאהרונגס-סיסטעם]; א זיצונג פון א געזעצגעבענדער, אדמיניסטראטיווער אדער רעליגיעזער קערפערשאפט; בעשטימען א נאהרונגס-סיסטעם; זיך שפייזען לויט א בעשטימטער דיעטע; עסען; זיך שפייזען.

dieta'rian *n. and a.* (דאי-אי-טיי'-רי-ען) איינער וואס האלט זיך אן א געוויסער דיעטע [בעשטימטע נאהרונגס-סיסטעם]; דער דיעטעטיקער [איינער וואס דענקט, אז דאס רעגולירען פון דער נאהרונג איז זעהר וויכטיג פאר'ן געזונד]; וואס איז שייך צו א דיעטע; וואס איז שייך צו א זיצונג פון א געזעצגעבענדער, אדמיניסטראטיווער אדער רעליגיעזער קערפערשאפט.

di'etaries *n.* (דאי'-ע-טע-ריז) כללים פון א דיעטע [בעשטימטע נאהרונגס-סיסטעם]; א נאהרונגס-סיסטעם.

di'etary *a.* (דאי'-ע-טע-רי) 1. וואס איז שייך צו א דיעטע [בעשטימטע נאהרונגס-סיסטעם]; 2. וואס איז שייך צו א זיצונג פון א געזעצגעבענדער, אדמיניסטראטיווער אדער רעליגיעזער קערפערשאפט.

1. The doctor gave detailed **dietary** directions for the patients.

Di'etary Laws (דאי'-ע-טע-רי לאהז) דינים וועגען כשרות.

In our house the **Dietary Laws** are observed strictly.

di'et-bread *n.* (דאי'-עט-ברעד) פיין ברויט וואס מען נעברויכט געוועהנליך פאר קראנקע.

di'et-drink *n.* (דאי'-עט-דרינק) גע-טרענקע, וועלכע ענטהאלטען מעדיצינען.

di'eter *n.* (דאי'-ע-טער) איינער, וואס שפייזט זיך נאך א בעשטימטער דיעטע [נאהרונגס-סיסטעם]; איינער, וואס בע-שטימט א דיעטע אדער גרייט צו שפייז לויט א בעשטימטער דיעטע.

dietet'ic *a.* (דאי-אי-טעט'-איק) וואס איז שייך צו א דיעטע [נאהרונגס-סיס-טעם], הויפטזעכליך צו א דיעטע בע-שטימט פון א דאקטאר.

dietet'ical *a.* (דאי-אי-טעט'-אי-קעל) ז. *dietetic*

dietet'ically *adv.* (דאי-אי-טעט'-אי-קעל-אי) דורך א דיעטע [א בעשטימטע נאהרונגס-סיסטעם].

dietet'ics *n.* (דאי-אי-טעט'-איקס) דער טייל פון דער מעדיצינישער וויסענשאפט, וואס בעשעפטיגט זיך מיט דער רעגולירונג פון נאהרונג.

dietet'ist *n.* (דאי-אי-טעט'-איסט) איי-נער וואס לעגט פיעל געוויכט אויף דער נאהרונגס-סיסטעם [הויפטזעכליך וועגען א מעדיצינער].

die the death (דאי טהי דעטה) שטאר-בען אויף זיכער.

diet'ic *a.* (דאי-עט'-איק) וואס האט א שייכות מיט דער נאהרונגס-סיסטעם [וועגען קראנקהייטען].

diet'ical *a.* (דאי-עט'-אי-קעל) ז. *dietic*

di'etine *n.* (דאי'-ע-טין) א ראיאן-צוזא-מענפאהר. ז. *diet*

di'eting *n.* (דאי'-ע-טינג) דאס שפייזען, דאס נאהרען זיך; דאס שפייזען אדער נאהרען לויט א בעשטימטער דיעטע [נאה-רונגס-סיסטעם].

di'etist *n.* (דאי'-ע-טיסט) איינער וואס גיט זיך אב מיט'ן שטודיום וועגען דער ווירקונג פון נאהרונג.

di'et-kitch'en *n.* (דאי'-עט-קיטש'-ען) אן אנשטאלט [געוועהנליך אונטער דער אויפזיכט פון א האספיטאל] פאר צוגריי-טען און פאנאנדערטיילען פאסיגע שפיי-זען פאר ארימע קראנקע.

die with shame (דאי הוויטה שיים) אויסגעהן פון בושה, שטארבען פאר שאנדע.

dif'fer *v.* (דיפ'-ער) זיך אונטערשיידען; זיין פערשיעדען; ניט איבעראיינשטימען; בעשטרייטען, קומען אין צוזאמענשטויס.

dif'ference *n. and v.* (דיפ'-ע-רענס) פערשיעדענהייט; אונטערשיעד; דאס זיין ניט איבעראיינשטימינג; שטרייט, שטרייטיגקייט, מחלוקה; דער שטרייט-פונקט; די שטרייט-אורזאכע; די צאהל, וואס מען קריעגט, ווען מען נעהמט אראב איין צאהל פון א צווייטער [ביי חסור]; דיפערענץ [אין דיפערענציאל-רעכנונג — דער צוואוואוקס פון א גרעסע, וועלכע איז אבהענ-גיג פון א צווייטער, פערענדערליכער גרע-סע, ווען דיזע צווייטע ווערט פערגרעסערט מיט אן איינהייט. ז. *differential*]; אין לאגיק — דאס כאראקטעריסטישע, דאס איינענטימליכע, וואס אונטערשיידעט די גאטונג פון דעם מין [ז. *differentia*]; אויף דער בערזע — דער אונטערשיעד צווישען דעם פרייז פון ווערטה-פאפיערען, ווען זיי ווערען פערקויפט, און זייער פרייז, ווען זיי ווערען אבגעליפערט; מא-כען פערשיעדען; אונטערשיידען.

dif'ferent *a.* (דיפ'-ע-רענט) פערשיע-דען, בעזונדער, אנדערש; איינינע, פיעלע.

differen'tia *n.* (דיפ-ע-רענ'-שי-א) אין לאגיק — דאס כאראקטעריסטישע אדער דאס איינענטימליכע וואס אונטערשיידעט די גאטונג פון דעם מין [ווי למשל, די שווארצע הויט וואס אונטערשיידעט די גא-טונג "נעגערס" פון דעם מין "מענשען"].

differen'tiable *a.* (דיפ-ע-רענ'-שי-עבל) וואס קען אונטערשיידעט ווערען.

differen'tial *n. and a.* (דיפ-ע-רענ'-שעל) וואס צייגט אדער מאכט אן אונ-טערשיעד; וואס צייכענט אויס; בעזונ-דער, ספעציעל; וואס איז שייך צו דעם אונטערשיעד פון צוויי צאהלען, וועלן איינע ווערט ארונטערגענומען פון דער צווייטער [אין חסור]; אין דיפערענ-ציאל-רעכנונג — וואס איז שייך צו א די-פערענציאל; א דיפערענציאל, אן אונ-ענדליך קליינער אונטערשיעד צווישען צוויי ווערטהען פון א פערענדערליכער [וואריאבלער] גרעסע אדער קוואנטיטעט [ווען צוויי אדער מעהרערע קוואנטיטע-טען אדער גרעסען זיינען אבהענגיג איי-נע פון דער אנדערער און שטעהען אין אזא שייכות, אז ווען עס ענדערט זיך דער ווערטה פון איינער, ענדערט זיך אין א געוויסער פראפארציע אויך דער ווערטה פון דער צווייטער אויף אזא אופן, אז דער אונטערשיעד צווישען זיי ווערט אלץ קלענער און קלענער און דערנעהנטערט זיך צו נול — דאן איז דיזער אונענדליך קליינער אונטערשיעד, וואס איז נאהנט צו נול אבער דאך ניט גלייך נול, א די-פערענציאל].

differen'tial cal'culus (דיפ-ע-רענ'-שעל קעל'-קיו-לאס) דיפערענציאל-רעכנונג [דער טייל אין מאטעמאטיק, וואס פער-נעהמט זיך מיט דיפערענציאל-פונקציע-נען, ד. ה. מיט די בעציהונגען פון פער-ענדערליכע גרעסען אדער קוואנטיטעטען איינע צו דער אנדערער און זייער אב-הענגיגקייט איינע פון דער אנדערער].

differen'tial coeffi'cient (דיפ-ע-רענ'-שעל קאו-ע-פיש'-ענט) דער דיפע-רענציאל קאעפיציענט [אין דיפערענציאל-רעכנונג — דאס פערהעלטניס פון דעם צוואוואוקס פון א גרעסע, וועלכע איז אב-הענגיג פון א צווייטער פערענדערליכער גרעסע, ווען דיזע צווייטע ענדערט זיך אום עפעס].

differen'tial du'ty (דיפ-ע-רענ'-שעל דיו'-טי) ז. *discriminating duty*

differen'tial equa'tion (דיפ-ע-רענ'-שעל אי-קהוויי'-שאן) א דיפערענ-ציאל-גלייכונג [א מאטעמאטישע גלייכונג, וועלכע דריקט אויס א בעציהונג צווישען די אונענדליך קליינע דיפערענצען פון פערענדערליכע גרעסען אדער קוואנטיטע-טען, וועלכע זיינען אבהענגיג איינע פון דער אנדערער].

differen'tial gear (דיפ-ע-רענ'-שעל גיער) א קאמבינאציאן פון צאהן-רעדער פון פערשיעדענער גרויס אדער פון פער-שיעדענער צאהל צייהנער, דורך וועלכע עס ווערען ערהאלטען בעוועגונגען פון פערשיעדענע געשווינדיגקייטען.

differen'tially *adv.* (דיפ-ע-רענ'-שעל-אי) דורך אונטערשיידונגען; אבטיי-לענדיג בעזונדער; דורך דיפערענציאציאן, דורך דיפערענציאל-רעכנונג.

ז. *differentiation*

differen'tial mo'tion (דיפ-ע-רענ'-שעל מאו'-שאן) דיפערענציאלע בעוועגונג [א בעוועגונג, וואו איין טייל פון א מע-כאניזם לויפט מיט א געשווינדקייט, וואס איז גלייך צו דער דיפערענץ צווישען די געשווינדיגקייטען פון אנדערע צוויי בע-וועגליכע טיילען פון'ם מעכאניזם, מיט וועלכע ער (דער טייל) איז פערבונדען].

differen'tial pump (דיפ-ע-רענ'-שעל פאמפ) א דיפערענציאל פומפע [אזא דאמפף-פומפע וואס דער פערברויך פון דאמפף ווערט פון זיך קאנטראלירט לויט דער שווערקייט פון דער ארבייט וואס די פומפע דארף טהאן].

differen'tial quo'tient (דיפ-ע-רענ'-שעל קהואו'-שענט) ז. *differential coefficient*

differen'tial scale (דיפ-ע-רענ'-שעל סקייל) א דיפערענציאל וואג [אזא פינקט-ליכע וואג].

differen'tial thermom'eter (דיפ-ע-רענ'-שעל טהער-מאמ'-ע-טער) א די-פערענציאל טערמאמעטער [א זעהר פינקטליכער טער-מאמעטער].

Differential thermometer

differen'tiate *n. and v.* (דיפ-ע-רענ'-שי-אייט) מא-כען פערשיעדען; מאכען אן אונטערשיעד; ווערען פערשיעדען; געפינען דעם אונטערשיעד; אין ביאלא-גיע — ענטוויקלען פערשיע-דענהייטען אין געבוי פון קערפער; מאכען פערשיע-דען דורך ענדערונגען; אין מאטהעמאטיק — געפינען דעם דיפערענציאל אדער דעם דיפערענציאל קאעפיציענט; א די-פערענציאל קאעפיציענט. ז. *differential coefficient*

differentia'tion *n.* (דיפ-ע-רענ-שי-איי׳-שאן) דאס בילדען זיך פון אונטערשיידע אדער די אונטערשיידע גופא. וואס דיענען אלס גרונד פאר דער צוטיילונג אין גאטונגען; די איינטיילונג אין גאטונגען; אין ביאלאגיע — א שטופענווייזע ענדערונג אין דעם געבוי פון קערפער; אין לאגיק — דאס אונטערשיידען, דאס אבטיילען לויט כאראקטעריסטיישע אייגענשאפטען; אין דיפערענציאל־רעכנונג — דאס אויסגעפינען דאס פערהעלטניס, לויט וועלכען עס ענדערט זיך א גרעסע, וועלכע איז אבהענגיג פון א צווייטער פערענדערליכער גרעסע, ווען דיעזע צווייטע ענדערט זיך אום עפעס.

dif'ferently *adv.* (דיפ׳-ע-רענט-לי) פערשיעדענארטיג; אויף א פערשיעדענעם אופן.

dif'ferentness *n.* (דיפ׳-ע-רענט-נעס) דאס זיין פערשיעדען.

dif'fering *a.* (דיפ׳-ע-רינג) ניט עהנליך, אנדערש, פערשיעדען; ניט איבעראיינשטימענד, שטרייטענד.

dif'feringly *adv.* (דיפ׳-ע-רינג-לי) אויף א פערשיעדענעם אופן.

dif'ficult *a. and v.* (דיפ׳-אי-קאלט) שווער [צו פערשטעהן, צו ערקלערען, צו טהאן, צו בעפרידיגען, צו איבערציינגען, איבערצוריידען א. ד. ג.]; פול מיט שוועריגקייטען; בריינגען אין פערלעגענהייט; מאכען שוועריגקייטען.

dif'ficultly *adv.* (דיפ׳-אי-קאלט-לי) מיט שוועריגקייטען; שווערליך.

dif'ficulty *n.* (דיפ׳-אי-קאל-טי) שוועריגקייט; פערלעגענהייט; שטערונג; ווידערשטאנד, צוזאמענשטויס.

dif'fidence *n.* (דיפ׳-אי-דענס) דאס אונצוטרויען צו זיך, דאס ניט גלויבען אין זיך, די ניט זיכערהייט אין זיך; בעשיידענהייט, שעמעוודיגקייט, צושראקענקייט, פערלארענקייט; דאס מיסטרויען.

dif'fident *a.* (דיפ׳-אי-דענט) אונצוטרויליך צו זיך זעלבסט; ניט זיכער אין זיך; בעשיידען, שעמעוודיג, צושראקען, פערלארען [אין האלטונג]; מיסטרויאיש.

dif'fidently *adv.* (דיפ׳-אי-דענט-לי) אויף א בעשיידענעם אדער צושראקענעם אופן; מיט ניט זיכערהייט אין זיך.

dif'fidentness *n.* (דיפ׳-אי-דענט-נעס) אונצוטרויליכקייט; דאס פערהאלטען זיך מיט פערדראכט.

dif'fluence *n.* (דיפ׳-לוה-ענס) פאנאנדערגיסונג [ווי פון א פליסיגקייט].

dif'fluent *a.* (דיפ׳-לוה-ענט) וואס גיסט זיך פאנאנדער [ווי א פליסיגקייט].

dif'form *a.* (דיפ׳-ארם) אונרעגעלמעסיג, ניט איינהייטליך; אויסערארדענטליך, פערקריפעלט; ניט גלייך, ניט עהנליך, פערשיעדען.

difformed' *a.* (די-פארמד׳) ז. *difform*.

diffor'mity *n.* (די-פאר׳-מי-טי) פערשיעדענהייט אין פארם; דאס זיין ניט איינהייטליך.

diffract' *v.* (די-פרעקט׳) אבזונדערען אין טיילען; זיך ברעכען, זיך בויגען [ווי שטראהלען].

diffrac'ted *a.* (די-פרעק׳-טעד) געבויגען אין ענטגעגענגעזעצטע ריכטונגען.

diffrac'tion *n.* (די-פרעק׳-שאן) די אבלענקונג, די ברעכונג פון ליכט־שטראהלען אדער פון קלאנגען.

diffrac'tive *a.* (די-פרעק׳-טיוו) וואס איז שייך צו דער אבלענקונג אדער צו דער ברעכונג פון ליכט־שטראהלען אדער קלאנגען; וואס פעראורזאכט די אבלענקונג אדער די ברעכונג פון ליכט־שטראהלען אדער קלאנגען.

diffrac'tively *adv.* (די-פרעק׳-טיוו-לי) דורך ברעכונג [ווענען ליכט־שטראהלען אדער קלאנגען].

diffrangibil'ity *n.* (די-פרענ-דושי-ביל׳-אי-טי) דאס ברעכען זיך אדער דאס אבלענקען זיך פון שטראהלען אדער קלאנגען.

diffran'gible *a.* (די-פרענ׳-דושיבל) וואס קען זיך ברעכען אדער אבגעלענקט ווערען [ווי שטראהלען].

diffuse' *v.* (די-פיוז׳) פאנאנדערגיסען, פאנאנדערשפרייטען, פערברייטען, פאנאנדערווארפען; זיך פאנאנדערגיסען, זיך פאנאנדערשפרייטען, זיך פערברייטען.

diffuse' *a.* (די-פיוס׳) זיך אויסברייטענד; פאנאנדערגעשפרייט; פאנאנדערגעווארפען; צעשטרייט; ווייטלויפיג.

diffused' *a.* (די-פיוזד׳) פאנאנדערגעשפרייט, פאנאנדערגעווארפען; פאנאנדערגעגאסען; ניט קלאר בעשטימט, אהן קלארע, בעשטימטע ברעגעס [ווענען פארבען־צייכענס ביי חיות, פויגעל און אינזעקטען].

diffu'sedly *adv.* (די-פיו׳-זעד-לי) אויף א צושפרייטען שטייגער; ברייט פאנאנדערגעשפרייט; ווייט פערברייטעט; פאנאנדערגעגאסען; אויף א ניט קלארען שטייגער, מיט ניט קלאר בעשטימטע ברעגעס [ווענען פארבען־צייכענס ביי חיות, פויגעל און אינזעקטען].

diffu'sedness *n.* (די-פיו׳-זעד-נעס) דאס זיין ווייט פאנאנדערגעשפרייט.

diffuse'ly *adv.* (די-פיוס׳-לי) ווייטלויפיג, ברייט פאנאנדערגעשפרייט; אין פולען, גענוי, מיט איינצעלהייטען; אונרעגעלמעסיג און שיטער [ווענען פלעקען ביי אינזעקטען].

diffuse'ness *n.* (די-פיוס׳-נעס) דאס זיין פאנאנדערגעשפרייט; דאס זיין פיעל אדער ווייטלויפיג; דאס אויסברייטען זיך אין רעדען אדער שרייבען.

diffu'ser *n.* (די-פיו׳-זער) איינער אדער עטוואס וואס פערברייטעט אדער שפרייט פאנאנדער; אין פיזיק — אן אפאראט, וועלכער בעשטעהט פון א רייהע דינע מעטאל־פלאטען אבצוציהען די היץ פון א טערמא־עלעקטרישער באטאריי.

diffusibil'ity *n.* (די-פיו-זי-ביל׳-אי-טי) די נייגונג פון א גאז אדער פליסיגקייט אריינצודרינגען אין אן אנדער גאז אדער פליסיגקייט, די נייגונג זיך אויסצומישען.

diffu'sible *a.* (די-פיו׳-זיבל) וואס קען זיך פאנאנדערשפרייטען אדער אויסברייטען; ווענען פליסיגקייטען און גאזען — וואס קען אריינדרינגען אין אנדערע גאזען אדער פליסיגקייטען, אדער זיך אויסמישען.

diffu'sibleness *n.* (די-פיו׳-זיבל-נעס) ז. *diffusibility*.

diffusim'eter *n.* (דיפ-יו-סימ׳-ע-טער) ז. *diffusiometer*.

diffusiom'eter *n.* (די-פיו-סי-אמ׳-ע-טער) אן אפאראט צו בעשטימען די פעהיגקייט פון פערשיעדענע גאזען אריינצודרינגען איינער אין דעם אנדערען אדער זיך צונויפצומישען.

diffu'sion *n.* (די-פיו׳-זשאן) דאס פאנאנדערשפרייטען; דאס פאנאנדערשפרייטען זיך; דאס אויסברייטען; דאס אויסברייטען זיך; פערשפרייטונג; דאס אריינדרינגען פון איין פליסיגקייט אין דער צווייטער אדער פון איין גאז אין צווייטען, דאס אויסמישען זיך פון גאזען אדער פליסיגקייטען.

diffu'sion of gas'es (די-פיו׳-זשאן אוו געס׳-עז) דאס אריינדרינגען פון איין גאז אין צווייטען, ווען צוויי גאזען קומען אין בעריהרונג, דאס אויסמישען זיך פון גאזען.

diffu'sion of heat (די-פיו׳-זשאן אוו היעט) די אויסשפרייטונג אדער די אויסשטראמונג פון היץ.

diffu'sion of liq'uids (די-פיו׳-זשאן אוו ליק׳-הווידז) דאס אריינדרינגען פון איין פליסיגקייט אין דער צווייטער, ווען זיי קומען אין בעריהרונג, דאס אויסמישען זיך פון פליסיגקייטען.

diffu'sion of tax'es (די-פיו׳-זשאן אוו טעקס׳-עז) די טעאריע, אז די לאסט פון שטייערען זאל פאלען אויף דער גאנצער געזעלשאפט, ווי און אויף וואס די שטייערען זאלען ניט ארויפגעלעגט ווערען.

diffu'sive *a.* (די-פיו׳-סיוו) זיך צוגיסענדיג, זיך צושפרייטענדיג; זיך פערברייטענדיג; ווייטלויפיג, פערברייטעט.

diffu'sively *adv.* (די-פיו׳-סיוו-לי) אויף א ווייטלויפיגען שטייגער; דורך פערשפרייטען זיך; אין אלע ריכטונגען.

diffu'siveness *n.* (די-פיו׳-סיוו-נעס) ז. *diffuseness*.

diffu'sor *n.* (די-פיו׳-זאר) ז. *diffuser*.

dig *n. and v.* (דיג) גראבען, איינגראבען, אויסגראבען, דורכגראבען; פיעל לערנען; א שטויס טהאן אין די ריפען; א שטויס, א קלאפ, א שטורך; איינער וואס לערענט פיעל.

dig a badg'er (דיג ע בעדזש׳-ער) בריינגען אויף זיך אליין צרות.

dig'amist *n.* (דיג׳-ע-מיסט) אן אלמן אדער אלמנה וואס האט חתונה צום צווייטען מאל.

dig'amous *a.* (דיג׳-ע-מאס) וואס איז שייך צו א צווייטער הייראט [פון אן אלמן אדער אלמנה].

dig'amy *n.* (דיג׳-ע-מי) די צווייטע הייראט [פון אן אלמן אדער אלמנה].

digas'tric *n. and a.* (דאי-געס׳-טריק) צוויי־בייכיג, וואס בעשטעהט פון צוויי פליישיגע טיילען מיט א דינעם, הארטען, עלאסטישען שטאף צווישען זיי [ווענען מוסקעלען]; דער מוסקעל פון דעם אונטערשטען קיהנביין.

digas'tricus *a.* (דאי-געס׳-טרי-קאס) דער צוויי־בייכיגער מוסקעל. ז. *digastric*.

dig down (דיג דאון) אונטערגראבען, שטירצען.

dig'enous *a.* (דידזש׳-ע-נאס) וואס איז שייך צו צווייערליי געשלעכטער; וואס שטאמט פון צוויי געשלעכטער [אין געגענזאץ צו בעשעפענישען וואס פערשפרייטען זיך דורך אבשפאלטונג].

Di'gest *n.* (דאי׳-דזשעסט) דער אלט־רוימישער געזעץ־קאדעקס, איינגעארדענט פון דעם אימפעראטאר יוסטיניאן [אין 6טען יאהרהונדערט].

di'gest *n.* (דאי׳-דזשעסט) א זאמלונג, א קאמפילאציע, א בעשרייבונג, א קצור אדער אן איינארדנונג פון ליטערארישע, וויסענשאפטליכע אדער יורידישע מאטעריאלען.

digest' *v.* (די-דזשעסט׳) פערדייען;

פערדייט ווערען [וועגען שפייזען]; איינטיילען אין אבטיילונגען אדער קלאסען; איינארדנען; איבערלעגען, נאכדענקען, דורכדענקען; געדולדיג איבערטראגען [בעליידיגונגען, צרות, ליידען א. ד. ג.]; אין כעמיע — דורכקאכען.

diges'tedly *adv.* (די-דזשעס'-טעד-לי) אויף א גוט=איינגעארדענטען שטייגער.

diges'ter *n.* (די-דזשעס'-טער) איינער וואס פערדייט [שפייז]; עטוואס וואס העלפט צו פערדייען; איינער וואס אנאליזירט אדער ברייננט אין ארדנונג [ליטערארישע, וויסענשאפטליכע און יורידישע מאטעריאלען]; א כעמישער אפאראט צום קאכען.

digestibil'ity *n.* (די-דזשעס-טי-ביל'-אי-טי) פערדייליכקייט, דאס זיין פערדייליך.

diges'tible *a.* (די-דזשעס'-טיבל) פערדייליך, וואס קען פערדייט ווערען.

diges'tibleness *n.* (די-דזשעס'-טיבל-נעס) ז. *digestibility*.

diges'tion *n.* (די-דזשעס'-טשיאן) די פערדייאונג; די איינארדנונג; אין כעמיע — דאס דורכקאכען.

diges'tive *a. and n.* (די-דזשעס'-טיוו) וואס איז שייך צו פערדייאונג; וואס איז שייך צום כעמישען פראצעס פון איבערקאכען זאכען; וואס העלפט פערדייען; וואס איז שייך צום אנאליזירען אדער איינארדנען [ליטערארישע, וויסענשאפטליכע אדער יורידישע מאטעריאלען]; א מעדיצינישער מיטעל וואס העלפט דער פערדייאונג.

diges'tively *adv.* (די-דזשעס'-טיוו-לי) דורך פערדייאונג.

diges'tor *n.* (די-דזשעס'-טאר) ז. *digester*.

dig'gable *a.* (דיג'-עבל) וואס קען געגראבען ווערען.

Dig'ger *n.* (דיג'-ער) איינער פון די אינדיאנער אין קאליפארניא, נעווארא און אין די ארומיגע געגענדען אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא, וואס שפייזען זיך מעהרסטענטיילס מיט פלאנצען=ווארצלען.

dig'ger *n.* (דיג'-ער) איינער אדער עטוואס וואס גראבט; א גראב=געצייג.

dig'gers *n.* (דיג'-ערז) גרעבער=אינזעקטען. ז. *digger-wasp*.

dig'ger-wasp *n.* (דיג'-ער-הוואספּ) די גרעבער=וועספּע [אן אינזעקט, וועלכער לעגט זיינע אייעלעך אין גריבלעך אין דער ערד און בעזארגט יעדעס גריבעלע מיט טויטע אינזעקטען אלס נאהרונג פאר דער לארווא [ווערימעל] וואס דארף ארויסקומען פון די אייעלעך.



Digger-wasp

dig'ging *n.* (דיג'-אינג) דאס גראבען.

dig'ging-machine' *n.* (דיג'-אינג-מע-שין') א גראב=מאשין.

dig'gings *n.* (דיג'-אינגז) א מינען=געגענד; א געגענד, א פלאץ.

dight *v.* (דאיט) צורעכט מאכען, פארטיג מאכען, צוגרייטען, אברייניגען, בעציערען; ריין מאכען, גלאט מאכען.

dight'ly *adv.* (דאיט'-לי) שעהן, פרעכטיג.

dig in (דיג אין) איינגראבען, בעדעקען, איינהילען; זיך פערטיפען, זיך אריינטהאן.

dig'it *n.* (דידזש'-איט) א פינגער, די ברייט פון א פינגער; די פינגער=מאס [א לענגען=מאס פון 0.78 אדער אונגעפעהר ¾ צאל]; די אסטראנאמישע צאל [א צוועלפטעל פון דעם דיאמעטער פון דער זון אדער פון דער לבנה]; איינער פון די ערשטע 9 צאהלען [פון 1 ביז 9 איינשליסליך]; א ציפער.

dig'ital *n. and a.* (דידזש'-אי-טעל) וואס איז שייך צו א פינגער אדער א פינגער=מאס, וואס איז שייך צו אן אסטראנאמישער צאל אדער צו די ערשטע 9 צאהלען [ז. *digit*]; א פינגער; א קלאוויש [פון א פיאנא אדער עהנליכען שפיעל=אינסטרומענט]; דער לעצטער גליעד ביי די גליעדער=שפינען [ווי ביי סקארפיאנען].

Digita'lis *n.* (דידזש-אי-טיי'-ליס) דער פינגערהוט [א מין פלאנצען, ביי וועלכע די בליטהען בילדען זיך ווי א פינגערהוט ארום דעם שטענגעל. איינינע מינים ווערען געברויכט אין מעדיצין].

Digitalis

dig'itate *a.* (דידזש'-אי-טייט) וואס זיינען פינגערארטיג אדער וואס זעהען אויס ווי צושפרייטע פינגער [וועגען בלעטער, ווארצלען און קערפער=טיילען ביי חיות].

dig'itated *a.* (דידזש'-אי-טיי-טעד) ז. *digitate*.

dig'itately *adv.* (דידזש'-אי-טייט-לי) פינגערפערמיג אדער אין דער פארם פון צושפרייטע פינגער [וועגען בלעטער, ווארצלען און קערפער=טיילען ביי חיות].

digita'tion *n.* (דידזש-אי-טיי'-שאן) די צוטיילונג אין פינגערפערמיגע טיילען; דאס אננעהמען א פינגערארטיגע פארם אדער די פארם פון צושפרייטע פינגער.

dig'itiform *a.* (דידזש'-אי-טי-פארם) פינגערפערמיג, ווי צושפרייטע פינגער.

Digitig'rada *n.* (דידזש-אי-טיג'-רע-דא) טהיערע, וועלכע געהען אויף די פינגער, ניט אויף דער גאנצער פוס=זויל [פאדעשווע].

dig'itigrade *a.* (דידזש'-אי-טי-גרייד) וואס געהט אויף די פינגער, ניט אויף דער גאנצער פוס=זויל אדער פוס=פאדעשווע [וועגען חיות].

dig'itigradism *n.* (דידזש'-אי-טי-גריי-דיזם) דאס געהן אויף די פינגער, ניט אויף דער גאנצער פוס=זויל [וועגען חיות].

digito'rium *n.* (דידזש-אי-טאו'-רי-אם) א קליינער אינסטרומענט אין דער פארם פון א פיאנא, אויף וועלכען מען פראקטיצירט כדי צו ענטוויקלען די פינגער פאר פיאנא=שפיעלען.

di'glot *a.* (דאי'-גלאט) געברויכענדיג צוויי שפראכען; שרייבענדיג אדער רעדענדיג אין צוויי שפראכען; געשריבען אין צוויי שפראכען [וועגען א בוך, וואו דער טעקסט און די איבערזעצונג געפינען זיך צוזאמען].

di'glott *a.* (דאי'-גלאט) ז. *diglot*.

diglot'tic *a.* (דאי-גלאט'-איק) ז. *diglot*.

di'glyph *n.* (דאי'-גליף) א צוויי=שליץ [אין ארכיטעקטור — א בעציערונג, וואס בעשטעהט פון א דאפעלטען איינשניט].

dig'nified *a.* (דיג'-ני-פאיד) געעהרט, ערהויבען, פערנעהמענדיג א הויכען אמט, עדעל, ערהאבען, ערנסט, ווירדיג, ארויסרופענדיג אכטונג, עהרענפול, פארנעהם.

dig'nified cler'gy (דיג'-ני-פאיד קלויר'-דזשי) די העכערע גייסטליכע.

dig'nifiedly *adv.* (דיג'-ני-פאיד-לי) אויף א ווירדיגען, פארנעהמען אדער עהרענפולען שטייגער.

dig'nify *v.* (דיג'-ני-פאי) עהרען, מאכען פארנעהם, בעעהרען, פערעדלען, בעשיינען, בעציערען.

dig'nitary *n.* (דיג'-ני-טע-רי) איינער וואס האלט א הויכען אמט.

dig'nity *n.* (דיג'-ני-טי) א הויכער אמט, אן עהרען=שטעלע, א הויכער טיטול אדער ראנג; וויכטיגקייט, ווירדע; ערהאבענהייט, ערהאבענע, ווירדיגע, פארנעהמע אדער שטייפע האלטונג; דאס רעכט אויף אן עהרען=טיטול; איינער וואס האלט א הויכען אמט; אן עהרע, אן ערהויבונג אין אמט אדער ראנג.

dig'onous *a.* (דיג'-א-נאס) צוויי=ווינקעלדיג [וועגען פלאנצען].

dig out (דיג אוט) אויסגראבען, ארויסבעקומען מיט צרות.

dig o'ver (דיג או'-ווער) איבערגראבען, דורכגראבען, אונטערזוכען, זוכען.

di'gram *n.* (דאי'-גרעם) ז. *digraph*.

di'graph *n. and a.* (דאי'-גרעף) צוויי בוכשטאבען וואס בעצייכענען מיט זיך איין קלאנג [ווי די בוכשטאבען ***ea*** אין ***head*** אדער די בוכשטאבען "יע" אין "ליעבע"]; וואס איז שייך צו אדער וואס בעשטעהט פון אזעלכע צוויי בוכשטאבען.

digraph'ic *a.* (דאי-גרעפ'-איק) וואס איז שייך צו אדער וואס בעשטעהט פון צוויי בוכשטאבען, וואס בעצייכענען איין קלאנג. ז. *digraph*.

digress' *v.* (די-גרעס') אבווייכען פון דער בעשטימטער ריכטונג אדער פון דעם ריכטיגען פונקט; אראבגעהן פון דרך הישר; בעגעהן א פערברעכען.

digres'sion *n.* (די-גרעש'-אן) אבווייכונג פון דער בעשטימטער ריכטונג אדער פון ריכטיגען פונקט; דאס אראבגעהן פון דרך הישר; דאס בעגעהן א פערברעכען.

digres'sional *a.* (די-גרעש'-אנ-על) וואס ווייכט אב פון דער בעשטימטער ריכטונג; וואס ווייכט אב פון דעם ריכטיגען פונקט.

digress'ive *a.* (די-גרעס'-איוו) אבווייכענדיג פון דער בעשטימטער ריכטונג; אבווייכענדיג פון דעם ריכטיגען פונקט.

digress'ively *adv.* (די-גרעס'-איוו-לי) דורך אבווייכען פון דער בעשטימטער ריכטונג אדער פון דעם ריכטיגען פונקט.

dig up the hatch'et (דיג אפ טהי העטש'-עט) אויפגראבען אלטע פיינדשאפט; אנהויבען א מלחמה; ערקלערען קריעג [גענומען פון דעם אינדיאנער מנהג אויסצוגראבען דאס סימבאלישע העקעל, ווען מען פלעגט ערקלערען קריעג].

di'gyn *n.* (דאי'-דזשין) א פלאנצע מיט צוויי פעסטילען [שטענגעלעך אין דעם בלום-בעכערל].

digyn'ian *a.* (דאי-דזשינ'-אי-ען) וואס האט צוויי פעסטילען [ווענען פלאנצען]. ז. *digyn*

dihe'dral *a.* (דאי-הי'-דרעל) אין מאטעמאטיק — וואס האט צוויי פלעכען וואס שניידען זיך איבער [ווי א קריסטאל].

dihe'dral an'gle (דאי-הי'-דרעל ענגל) דער פלעכען-ווינקעל, דער ווינקעל וואס בילדעט זיך פון צוויי פלעכען וואס שניידען זיך איבער.

dihe'dron *n.* (דאי-הי'-דראן) אין מאטעמאטיק — א פיגור מיט צוויי פלעכען.

dike *n. and v.* (דאיק) א גראבען; א וואסער-וואנד; א גרעבליע, א דאמבע; א נידריגע שטיינערנע אדער ערדענע וואנד וואס צאמט ארום פעלדער; מאכען א דאמבע אדער א גרעבליע; ארומצאמען, אבהאלטען.

dike'-grave *n.* (דאיק'-גרייוו) אן אויפזעהער איבער די דאמבעס [הויפטזעכליך אין האלאנד].

di'ker *n.* (דאי'-קער) איינער וואס מאכט דאמבעס, גרעבליעס אדער אבצאמונגען.

dike'-reeve *n.* (דאיק'-ריעוו) ז. *dike-grave*

dilac'erate *v.* (די-לעס'-ע-רייט) צורייסען.

dilacera'tion *n.* (די-לעס-ע-ריי'-שאן) דאס צורייסען.

dilap'idate *v.* (די-לעפ'-אי-דייט) צושטערען; צושטערט ווערען; אויסבריינגען; פערשווענדען.

dilapida'tion *n.* (די-לעפ-אי-דיי'-שאן) צושטערונג, פערניכטונג; פערשווענדונג; אויסבריינגעריי.

dilatabil'ity *n.* (דאי-ליי-טע-ביל'-אי-טי) אויסדעהנליכקייט, די אייגענשאפט זיך אויסצוברייטען אדער זיך פאנאנדערצוציהען.

dila'table *a.* (דאי-ליי'-טעבל) וואס קען זיך אויסברייטען אדער פאנאנדערציהען [ווי גומילאסטיק].

dila'tableness *n.* (דאי-ליי'-טעבל-נעס) ז. *dilatability*

dila'tancy *n.* (דאי-ליי'-טענ-סי) די אייגענשאפט פון א מאסע קערנדלעך צו פערשפרייטען זיך אדער ווערען דיקער, ווען די פארם פון דער מאסע ענדערט זיך.

dila'tant *n. and a.* (דאי-ליי'-טענט) וואס קען ווערען ברייטער אדער דיקער [ווענען א געוויסער מאסע פון קערנדלעך]; וואס איז שייך צו אויסברייטונג אדער אויסדעהנונג; א זאך אדער געגענשטאנד וואס האט די אייגענשאפט פון אויסברייטונג אדער אויסדעהנונג; אין כירורגיע — אן אינסטרומענט פאנאנדערצוציהען אדער מאכען ברייטער [ווי למשל, אן אינסטרומענט צו מאכען ברייטער דעם גארגעל א. ד. ג].

dilata'tion *n.* (דאי-ליי-טיי'-שאן) דאס פאנאנדערציהען, דאס אויסברייטען; דאס זיין פאנאנדערגעצויגען אדער אויסגעדעהנט; א פאנאנדערגעצויגענע געשיכטע, דאס דערצעהלען א זאך מיט צופיעל פרטים; אן אומנארמאלע אויסברייטונג פון א גליעד פון קערפער [ווי דער גארגעל אדער א קישקע] צוליעב מעדיצינישע און כירורגישע צוועקען.

dil'atator *n.* (דיל'-ע-טיי-טאר) דער אדער דאס וואס שפרייט זיך פאנאנדער [ווי א מוסקעל]; אן אינסטרומענט פאנאנדערצושפרייטען א וואונד אדער אן עפנונג פון קערפער.

dilate' *v.* (דאי-לייט') אויסדעהנען, פאנאנדערציהען [ווי לופט ציהט פאנאנדער די לונגען אין אטהעמען]; זיך פאנאנדערשפרייטען; זיך פאנאנדערציהען; שייטען מיט צופיעל רייד, דערצעהלען א זאך מיט איבריגע פרטים.

dila'ted *a.* (דאי-ליי'-טעד) פאנאנדערגעצויגען, אויסגעדעהנט, אויסגעברייטעט.

dila'tion *n.* (דאי-ליי'-שאן) דאס פאנאנדערציהען, די אויסברייטונג.

dila'tive *a.* (דאי-ליי'-טיוו) וואס האט די נייגונג זיך פאנאנדערצוציהען; וואס ציהט פאנאנדער.

dila'tor *n.* (דאי-ליי'-טאר) ז. *dilatator*

dil'atorily *adv.* (דיל'-איי-טא-רי-לי) אויף א לאנגזאמען שטייגער; דורך פערשפעטיגונג; דורך אבלעגען א זאך אויף שפעטער.

dil'atoriness *n.* (דיל'-איי-טא-רי-נעס) די געוואהנהייט צו זיין לאנגזאם אדער אבצולעגען אויף שפעטער.

dil'atory *a.* (דיל'-איי-טא-רי) פערצעגערנד, אבלעגענד; לאנגזאם; פויל.

dil'do *n.* (דיל'-דאו) א מין הויכער קאקטוס [אזא פלאנצע וואס וואקסט אין הייסע וויסטע געגענדען] אין יאמאיקא, וועלכען די אינדיאנער פלעגען געברויכען פאר פאקעלען.

dilem'ma *n.* (דאי-לעמ'-א) א דילעמא, א פערלעגענהייט, א צושטאנד וואס איז ניט אהין און ניט אהער; אין לאגיק — אן ארגומענט אדער בעווייז געגען עפעס, וועלכער בעשטעהט פון צוויי געגענזעצליכע בעהויפטונגען און ביידע בעהויפטונגען פיהרען צו איינעם און דעמזעלבען שלוס [ווי למשל: "מיש זיך ניט אין קהל'שע ענינים, ווייל — ווערסט דו טהאן רעכט, וועלען דיך מענשען פערשעלטען, און ווערסט דו טהאן אונרעכט, וועט דיך גאט פערשעלטען"].

dilemmat'ic *a.* (דאי-לע-מעט'-איק) וואס איז שייך צו א דילעמא. ז. *dilemma*

dilettan'te *n.* (דיל-ע-טענ'-טע) א דילעטאנט, א מענש וועלכער אינטערעסירט זיך מיט א געוויסען געגענשטאנד [ווי קונסט, ליטעראטור א. ד. ג.], אבער ער האט ניט קיין גענויע קענטשאפט פון דער זאך און איז בעקאנט מיט איהר נור אויבערפלעכליך.

dilettan'teism *n.* (דיל-ע-טענ'-טע-איזם) ז. *dilettantism*

dilettan'tish *a.* (דיל-ע-טענ'-טיש) דילעטאנטיש. ז. *dilettantism*

dilettan'tism *n.* (דיל-ע-טענ'-טיזם) דילעטאנטיזם, אן אויבערפלעכליכע בעקאנטשאפט מיט א געוויסען געגענשטאנד, ווי קונסט, ליטעראטור א. ד. ג.

dil'igence *n.* (דיל'-אי-דזשענס) פלייסיגקייט, אנשטרענגונג, התמדה; א דיליזשאנס, א קארעט צו פיהרען פאסאזשירען.

dil'igent *a.* (דיל'-אי-דזשענט) פלייסיג, מיט התמדה; מיט אנשטרענגונג אויסצופיהרען עפעס.

The teacher praises the diligent work of the pupil.

dil'igently *adv.* (דיל'-אי-דזשענט-לי) מיט התמדה; מיט פלייסיגקייט; דורך אנשטרענגונג.

dil'igentness *n.* (דיל'-אי-דזשענט-נעס) ז. *diligence*

dill *n. and v.* (דיל) קראפ [א גארטען-פלאנצע וואס וואקסט אין דער פארם פון א שירם, בליהט מיט געלבליכע בלימלעך, האט אן אנגענעהמען גערוך און ווערט געברויכט צו זייערען אוגערקעס]; לאשטשען, גלעטען, איינשטילען, בערוהיגען.

dil'ly *n.* (דיל'-אי) א דיליזשאנס [אבקירצונג פון *diligence*].

dil'ly-dal'ly *v.* (דיל'-אי-דעל'-אי) ניט קומען צו קיין טאלק, פטר'ען צייט אומזיסט, בעשעפטיגען זיך מיט פוסטע זאכען.

dil'uent *n. and a.* (דיל'-יו-ענט) וואס פיהרט פאנאנדער [א פליסיגקייט], וואס מאכט שיטער אדער שוואך; דאס וואס מאכט שיטער אדער שוואך.

dilute' *v. and a.* (די-ליוט') מאכען שיטערער אדער שוואכער, פאנאנדערפיהרען [ווי מען פיהרט פאנאנדער ספיריט אדער עסיג מיט וואסער]; אבשוואכען א פארב [זי מאכען טונקעלער]; ווערען שוואכער; זיין פאנאנדערגעפיהרט; שיטער, פאנאנדערגעפיהרט, אבגעשוואכט.

dilute'ness *n.* (די-ליוט'-נעס) שיטערקייט, שוואכקייט.

dilu'ter *n.* (די-ליו'-טער) דאס מיט וואס מען מאכט שיטער אדער מען שוואכט אב א געוויסע פליסיגקייט.

dilu'tion *n.* (די-ליו'-שאן) דאס מאכען שיטער; דאס אבשוואכען עפעס.

dilu'tionist *n.* (די-ליו'-שאנ-איסט) אין האמעאפאטיע — איינער וואס פאדערט, אז די רפואות, וואס דאקטוירים גיבען ארויס, זאלען זיין וואס שוואכער אדער שיטערער.

dilu'vial *a.* (די-ליו'-ווי-על) וואס איז שייך צו א מבול אדער צום מבול פון נח'ס צייטען; אין געאלאגיע — וואס איז שייך צום דילואוויאום. ז. *diluvium*

dilu'vialist *n.* (די-ליו'-ווי-על-איסט) איינער וואס ערקלערט די געאלאגישע ערשיינונגען דורך דעם מבול וואס איז געוועזען אין נח'ס צייטען.

dilu'vian *a.* (די-ליו'-ווי-ען) ז. *diluvial*

dilu'vianism *n.* (די-ליו'-ווי-ען-איזם) דילואוויאניזם, די געאלאגישע טעאריע, וועלכע אנערקענט, אז אמאל איז געוועזען א גרויסער מבול, וואס האט פערטרונקען גרויסע טיילען פון דער ערד [ווי עס דערצעהלט זיך אין חומש].

dilu'vion *n.* (די-ליו'-ווי-אן) ז. *diluvium*

dilu'vium *n.* (די-ליו'-ווי-אם) א מבול; אין געאלאגיע — דילואוויאום, די שיכטען פון דער ערד, וועלכע האבען זיך אבגעזעצט צום סוף פון דער אייז-פעריאדע און בעשטעהען פון ליים מיט שטיינער [וואלונגען] און זאמד.

dim *a. and v.* (דים) טונקעל, פערפינסטערט, וואס זעהט זיך ניט גוט; וואס האט א שלעכטע ראיה; וואס מען קען ניט בענעהמען; וואס לאזט זיך ניט קלאר בעגרייפען; מאכען טונקעל, פערפינסטערען, [די ראיה, דאס אויג]; ווערען טונקעל, ניט לאזען זיך קלאר ארויסזעהן.

dim. אבקירצונג פון *diminuendo*

dime *n.* (דאים) א צעהנטעל פון א דאלאר; א זילבערנע מטבע פון 10 סענט [אין די פעראייניגטע שטאאטען].

dime nov'el (דאים נאוול) א בילינגער שונד ראמאן.

dimen'sion *n.* (די-מענ'-שאן) די מאס פון א זאך, וואס פערנעהמט א געוויסען ארט אין רוים [א ליניע האט איין מאס — אין דער לענג; א פלעכע האט צוויי מאסען — אין דער לענג און אין דער ברייט; א סאלידער קערפער האט דריי מאסען — אין דער לענג, אין דער ברייט און אין דער הויך]; די אויסדעהנונג; די גרויס.

dimen'sional *a.* (די-מענ'-שאנ-על) וואס איז שייך צו די אויסדעהנונג אין רוים; וואס האט א בעשטימטע גרויס אדער מאס; וואס קען געמאסטען ווערען אין איינער אדער מעהר ריכטונגען.

dimensional'ity *n.* (די-מענ-שאנ-על'-אי-טי) די צאהל פון מאסען, מיט וועלכע א זאך קען געמאסטען ווערען [ווי: א ליניע האט איין מאס, א פלעכע — צוויי מאסען, א סאלידער קערפער — דריי מאסען].

dimen'sionless *a.* (די-מענ'-שאנ-לעס) וואס האט ניט קיין שום מאס, ניט ממשותדיג.

dim'erous *a.* (דימ'-ע-ראס) וואס בעשטעהט פון צוויי טיילען; וואס איז איינגעטיילט פארוויז.

dim'eter *n. and a.* (דימ'-ע-טער) דער דימעטער, א צוויי-מעטרישער פערז; דימעטריש.

dimid'iate *v. and a.* (די-מיד'-אי-אייט) פאנאנדערטיילען אין צוויי גלייכע טיילען; פאנאנדערגעטיילט אויף העלפט; אין ביאלאגיע — האבענדיג איין טייל [ווי א געוויסען ארגאן] אזוי קליין אין פערגלייך מיט'ן צווייטען, דאס ער זעהט זיך כמעט ניט ארויס; צושפאלטען אויף איין זייט; וואס בעשטעהט פון צוויי העלפטען און יעדע העלפט האט איהר בעזונדערע פונקציאן.

dimidia'tion *n.* (די-מיד-אי-איי'-שאן) דאס פאנאנדערטיילען אין צווייען; דאס זיין צוטיילט אין צוויי גלייכע העלפטען.

dimin. אבקירצונג פון *diminuendo*

dimin'ish *v.* (די-מינ'-איש) פערקלענערען, פערמינדערען, זיך פערמינדערען, ארונטערווארפען אין ווערטה, אראבנעהמען.

dimin'ishable *a.* (די-מינ'-איש-עבל) וואס קען פערקלענערט ווערען; וואס ווערט פערמינדערט.

dimin'ished *a.* (די-מינ'-אישט) פערקלענערט, פערמינדערט; ארונטערגעזעצט [פון שטאנד, פון מדרגה].

dimin'isher *n.* (די-מינ'-איש-ער) דער פערמינדערער.

dimin'ishingly *adv.* (די-מינ'-איש-אינג-לי) דורך פערקלענערונג; מיט פעראכטונג.

diminuen'do *n.* (די-מי-נו-ענ'-דא) אין מוזיק — די שטופענווייזע פערקלענערונג פון דעם קלאנג פון הויך ביז נידריג.

diminu'tion *n.* (דימ-אי-ניו'-שאן) פערקלענערונג, פערמינדערונג; דאס פערקלענערען; דאס ארונטערזעצען פון שטאנד אדער ראנג; דאס ווערען קלענער; אין מוזיק — דאס איבערשפיעלען א געוויסעס שטיק, אז עס זאל דויערען ניט מעהר ווי א העלפט אדער א פיערטעל צייט פון דעם פריהעריגען שפיעלען; אין ארכיטעקטור — די פערמינדערטע דיקקייט פון א זייל פון דעם באזים ביז'ן שפיץ [ד. ה., ווען דער זייל איז אונטען דיקער און ווערט ביסלעכוויין אלץ דינער ביז צום שפיץ].

dimin'utive *n. and a.* (די-מינ'-יו-טיוו) פערקלענערענד, פערמינדערענד; קליין; קורץ; א פערקלענערונגס-ווארט [א ווארט וואס בעצייכענט עפעס קליינעס, ווי: "יונגעלע", "מיידעלע" א. ד. ג.]

dimin'utively *adv.* (די-מינ'-יו-טיוו-לי) אין א פערקלענערענדער מאס.

dimin'utiveness *n.* (די-מינ'-יו-טיוו-נעס) די קליינקייט.

dimin'utize *v.* (די-מינ'-יו-טאיז) אויסבילדען פון א ווארט א פערקלענערונגס-ווארט [ווי פון דעם ווארט "שטוב" אויסבילדען "שטיבעלע"].

dim'ish *a.* (דימ'-איש) טיילוויין טונקעל.

dimisso'rial *n.* (דימ-אי-סאו'-רי-על) ז. *dimissory letter*

dim'issory *a.* (דימ'-אי-סא-רי) ענטלאסענדיג, אוועקשיקענדיג; איבערגעבענדיג צו אן אנדער געריכטס-אנשטאלט; וואס איז שייך צו אן אורלויב; געבענדיג ערלויבנים אבצופאהרען אויף א געוויסער צייט.

dim'issory let'ter (דימ'-אי-סא-רי לעט'-ער) א בריעף פון א בישאף אדער פון אן אנדער הויכען גייסטליכען, וואס מאכט מעגליך פאר דעם וואס האט דיעזען בריעף צו ווערען א קאנדידאט אויף א געוויסער קירכליכער שטעלע.

dimit' *n. and v.* (די-מיט') ענטלאסען; געבען אורלויב; דינגען, נעהמען אדער געבען אין ארענדע; ביי דעם מאסאנען-ארדען — אן ענטלאסונגס-בריעף מיט א רעקאמענדאציאן מען זאל דעם ענטלאסענעם מיטגליעד ארייננעהמען אין אן אנדער לאזשע [לאדזש].

dim'ity *n.* (דימ'-אי-טי) א זארט טייערע לייווענט-צייג מיט שטרייפען איבער דער גאנצער לענג [ווערט געברויכט פאר בעט-געוואנד].

dim'ly *adv.* (דימ'-לי) אויף א טונקעלען אדער אונקלארען אופן; טונקעל, אונקלאר.

dim'ly ligh'ted (דימ'-לי לאי'-טעד) טונקעל בעלייכטעט; מאט, בלאס.

dim'mish *a.* (דימ'-איש) עטוואס טונקעל.

dim'ness *n.* (דימ'-נעס) טונקעלהייט; אונקלארהייט.

dim of sight (דים אוו סאיט) א טונקעלע אדער שלעכטע ראיה.

di mol'to (די מאול'-טא) זעהר שנעל [אין מוזיק].

di'morph *n.* (דאי'-מארף) איינער פון די צוויי פארמען פון א דימארפען-שטאף [א שטאף וועלכער געפינט זיך אין דער נאטור אין צוויי פערשיעדענע פארמען].

dimor'phic *a.* (דאי-מאר'-פיק) וואס עקזיסטירט אין צוויי פארמען; וואס קען זיך קריסטאליזירען אין צוויי פארמען [ווענען געוויסע שטאפען]; וואס איז שייך צו א שטאף וואס עקזיסטירט אין צוויי פארמען.

dimor'phism *n.* (דאי-מאר'-פיזם) דאס עקזיסטירען אין צוויי פערשיעדענע פארמען; די איינענשאפט זיך צו קריסטאליזירען אין צוויי פארמען [ווענען געוויסע שטאפען]; דאס וואקסען פון צוויי פערשיעדענע ארטען בלומען אויף איין פלאנצע; דער אונטערשיעד אין פארם, קאליר, גרויס א. ז. וו. ביי חיות פון איין מין; דאס עקזיסטירען פון א ווארט פון דערזעלביגער בעדייטונג אין צוויי פארמען.

dimor'phous *a.* (דאי-מאר'-פאס) ז. *dimorphic*

dim'ple *n. and v.* (דימפל) א חן-גריבעלע [אין די באקען]; דאס גריבעלע אין מארדע; א גריבעלע אדער א רונצעל; מאכען אדער בילדען גריבעלעך; בילדען חן-גריבעלעך.

dim'pled *a.* (דימפלד) וואס האט א חן-גריבעלע.

dim'plement *n.* (דימ'פל-מענט) דאס האבען חן-גריבעלעך.

dim'ply *a.* (דימ'-פלי) פול מיט חן-גריבעלעך; פול מיט גריבעלעך.

dimp'sy *n.* (דימפ'-סי) א געריכט געמאכט פון עפעל און בארען צושניטען אין קליינע שטיקלעך.

dim'-sigh'ted *a.* (דימ'-סאי'-טעד) וואס זעהט ניט קלאר; קורצזיכטיג, בעשרענקט.

dim'-sigh'tedness *n.* (דימ'-סאי'-טעד-נעס) א ניט קלארע ראיה; קורצזיכטיגקייט, בעשרענקטקייט.

din *n. and v.* (דין) א גערויש, א קלאפעריי, א לארם; רוישען, לארמען; איבערשרייען, בעטויבען; מאכען א גערויש.

dinan'derie *n.* (די-נאנ'-דע-רי) קופערנע כלים.

din'dle *n. and v.* (דינ'דל) אזא ווילד שטעכיג גראז וואס וואקסט צווישען קארן; ציטערען; ברעכען, שטעכען [ווי די ביינער פון קעלט].

din'dle-dan'dle *v.* (דינ'דל-דענ'דל) ארומשליידערען, ארומווארפען; שאקלען, האצקען.

dine *n. and v.* (דאין) עסען מיטאג; געבען מיטאג עסען; מיטאג; מיטאג-עסען.

dine off (דאין אף) עפעס אויפעסען.

dine out (דאין אוט) עסען אין דער פרעמד; עסען אויסען הויז.

di'ner *n.* (דאי'-נער) דער מיטאג-עסער.

di'ner-out *n.* (דאי'-נער-אוט) איינער וואס עסט אויסען הויז; איינער וואס נעהמט אפט אן איינלאדונגען צום מיטאג-עסען אין דער פרעמד.

dinette' *n.* (די-נעט') אן איבערבייסען, אן אויפבים.

dine with Duke Hum'phrey (דאין הוויטה דיוק האמ'-פרי) עסען קרחת.

ding *n. and v.* (דינג) העפטיג קלאפען, צוקלאפען, צושטויסען, אוועקשליידערען; קלינגען; ריידען אהן אן אויפהער אין איין טאן [ווי א גלעקעל וואלט קלינגען]; א קלאפ.

ding away' (דינג ע-הוויי') גוט אנגבערעבען די ביינער.

ding'-dong *n.* (דינג'-דאנג) א גלאקען-קלאנג.

dinged *a.* (דינגד) פערפלוכט, פערדאמט.

din'gee *n.* (דינ'-גי) ז. *dingey*

din'gey *n.* (דינ'-גי) א קליין שיפעל; א קליינער וואגאן מיט איינריכטונגען צום שלאפען.

din'gily *adv.* (דינ'-דזשי-לי) אויסזעהענדיג שמוציג אדער ברודנע.

ding in (דינג אין) איינדראלבענען, אריינשלאגען אין מח.

din'giness *n.* (דינ'-דזשי-נעס) מוטנעקייט, ברודנעקייט; א שמוציג אויסזעהן.

din'gle *n. and v.* (דינגל) א שמאלער טהאל; זיך וואקלען, ציטערען.

din'gle-dan'gle *adv.* (דינ'גל-דענ'גל) אויף א וואקלענדיגען אופן; וואקלענדיג זיך.

din'go *n.* (דינ'-גאו) אזא מין ווילדער אויסטראלישער הונד ענליך צו א וואלף.

din'gy *a.* (דינ'-דזשי) מוטנע, ברודנע, שמוציג; מיט א מוטנעם דונקעל־ברוינעם קאליר.

The farmer lived in a dingy house.

di'ning-car *n.* (דאי'-נינג-קאר) א שפייז־וואגאן [א וואגאן אין אן אייזענבאהן־צוג, וואס דיענט אלס עס־צימער].

di'ning-hall *n.* (דאי'-נינג-האהל) א שפייזע־זאל [א גרויס צימער וואס איז איינגעריכטעט צום עסען פאר א גרויסען עולם].

di'ning-room *n.* (דאי'-נינג-רוהם) א שפייזע־צימער, אן עס־צימער.

di'ning-set *n.* (דאי'-נינג-סעט) א טיש־סערוויז [צום מיטאג־עסען].

di'ning-ta'ble *n.* (דאי'-נינג-טייבל) א שפייזע־טיש.

din in one's ears (דין אין הוואנז איערז) אימעצען שרייען אין די אויערען.

dinitrocel'lulose *n.* (דאי-נאי-טראו-סעל'-יו-לאוס) א שטאף וואס איז ענליך צו שיס־בוימוואל.

din'ner *n.* (דינ'-ער) א מיטאג [ווארעמעס]; א מאהלצייט.

din'ner-bell *n.* (דינ'-ער-בעל) דער גלאק וועלכער רופט צום עסען.

din'ner-hour *n.* (דינ'-ער-אור) מיטאגשטונדע [די צייט פון מיטאג־עסען].

din'ner is served (דינ'-ער איז סוירווד) עס איז שוין געגרייט צום טיש.

din'ner is wai'ting (דינ'-ער איז הוויי'-טינג) דער טיש איז געגרייט.

din'nerless *a.* (דינ'-ער-לעס) אהן עסען, פאסטענדיג.

din'nerly *a.* (דינ'-ער-לי) וואס איז שייך צו מיטאג עסען.

din'ner-mat *n.* (דינ'-ער-מעט) א קליין שטרוי־טישטיכעל וואס ווערט אונטערגעשטעלט אונטער הייסע טעלער.

din'ner-par'ty *n.* (דינ'-ער-פאר'-טי) א סעודה, א מאהלצייט פאר געסט.

din'ner-pills *n.* (דינ'-ער-פילז) פילען צו ערוועקען דעם אפעטיט צום עסען.

din'ner-ta'ble *n.* (דינ'-ער-טייבל) אן עס־טיש.

din'ner-time *n.* (דינ'-ער-טאים) מיטאג־שטונדע.

din'ner-wag'on *n.* (דינ'-ער-הוועג'-אן) א לייכטע בעוועגליכע שאפע מיט פאליצעס וואס ווערט געברויכט ביים סערווירען א מאהלצייט.

din'nery *a.* (דינ'-ער-אי) וואס דערמאנט אן א מאהלצייט אדער אן אן אנבייסען, וואס שמעקט מיט א מאהלצייט.

di'nosaur *n.* (דאי'-נא-סאהר) א דינאזויר, אזא ריעזען־גרויסע רעפטיל וואס האט עקזיסטירט אין פארהיסטארישע צייטען.

dinosau'rian *a.* (דאי-נא-סאה'-רי-ען) וואס בעלאנגט אדער איז ענליך צו א דינאזויר. ז. *dinosaur*

Dinothe'rium *n.* (דאי-נא-טהי'-רי-אם) דער דינאטעריום [א שרעקליך גרויסער עלעפאנט ענליך צו א מאמאנט, וואס האט עקזיסטירט אין די פארהיסטארישע צייטען].

Dinotherium

dint *n. and v.* (דינט) 1. א קלאפ, א שלאג; א צייכען וואס בלייבט פון א קלאפ; געבען א קלאפ; מאכען א צייכען דורך א קלאפ; 2. מאכט, קראפט, הילף.

2. He passed the examination by dint of hard work.

dint'less *a.* (דינט'-לעס) אהן א קלאפ; אהן א צייכען פון א קלאפ.

dioc'esan *a. and n.* (דאי-אס'-אי-סען) וואס געהערט צו א בעצירק; וואס ליעגט אונטער דער אויפזיכט פון א בישאף; א בישאף וואס האט די אויפזיכט איבער א בעצירק.

dioc'esan court (דאי-אס'-אי-סען קאורט) א קירכען־געריכט [אין דער אנגליקאנישער קירך].

di'ocese *n.* (דאי'-א-סים) א בעצירק איבער וועלכען א בישאף האט צו זאגען.

dioctahe'dral *a.* (דאי-אק-טע-הי'-דרעל) וואס האט די פארם פון אן אכטקאנטיגען קריסטאל מיט פיער שפיצען.

Diœ'cia *n.* (דאי-אי'-שיא) דער מין פלאנצען וואס די מענליכע און ווייבליכע ארגאנען פון דער בליהונג זיינען ניט אין איין פלאנצע, דער מענליכער ארגאן איז אין איין פלאנצע און דער ווייבליכער — אין א צווייטער.

discrim'inating du'ty (דיס-קרים'-אי-ניי-טינג דיו'-טי) אַ העכערע אָבצאָהלונג אויף אַ געוויסער סחורה, וועז זי ווערט געבראַכט אונדירעקט פון דעם לאַנד וואו מען האָט זי פּראָדוצירט, איידער ווען זי ווערט געבראַכט דירעקט פון דאָרטען [ווען למשל אַן אַמעריקאַנער פּראָדוקט קומט אַן אין רוסלאַנד ניט דירעקט פון אַמעריקאַ נאָר פון ענגלאַנד, דאַן ליגענט אויף דעם פּראָדוקט אַ גרעסערע אָבצאָהלונג]; אַ העכערע אָבצאָהלונג אויף אַ געוויסע סחורה ווען זי ווערט געבראַכט פון איין לאַנד, איידער ווען די זעלבינע סחורה ווערט געבראַכט פון אַן אַנדער לאַנד.

discrim'inatingly *adv.* (דיס-קרים'-אי-ניי-טינג-לי) אויף אַן אונגינסטיגען שטייגער.

discrimina'tion *n.* (דיס-קרים-אי-ניי'-שאַן) אַן אונטערשיידונג אָדער אויסצייכנונג; דאָס מאַכען אַן אויסנאַהם פאַר איינעם צו שאַדען איהם; אַ כאַראַקטעריסטישער אונטערשיעד.

discrim'inative *a.* (דיס-קרים'-אי-ניי-טיוו) אונטערשיידענד, אויסצייכענענד; מאַכענדיג אַן אויסנאַהם פאַר איינעם צו שאַדען איהם.

discrim'inatively *adv.* (דיס-קרים'-אי-ניי-טיוו-לי) מיט אַן אונטערשיעד; אונטערשיידענדיג; מאַכענדיג אַן אויסנאַהם פאַר איינעם צו שאַדען איהם.

discrim'inator *n.* (דיס-קרים'-אי-ניי-טאָר) איינער וואָס אונטערשיידעט אָדער וואָס מאַכט אַן אויסנאַהם פאַר איינעם צו שאַדען איהם.

discrim'inatory *a.* (דיס-קרים'-אי-נע-טאָ-רי) וואָס דיענט אַלס אונטערשיידונגס-צייכען; וואָס מאַכט אַן אויסנאַהם צום שאַדען פון צווייטען.

discrown' *v.* (דיס-קראַון') אָוועקנעהמען די קרוין, מאַכען פאַר אויס געקרוינטער.

discur'sion *n.* (דיס-קויר'-שאַן) דאָס דענקען אין אַ לאָגישער אַרט, דאָס פּיהרען אַ שלוס-פאָלגערונג פון איין זאַך אויף דער צווייטער.

discur'sive *a.* (דיס-קויר'-סיוו) אַריבערלויפענדיג אויבערפלעכליך און גיך פון איין געגענשטאַנד צום צווייטען; שפּרינגענדיג פון איין פּונקט צום צווייטען; וואָס איז שייך צו דער אורטיילונגס-קראַפט אָדער צו דער פעהיגקייט צו פיהרען אַ שלוס-פאָלגערונג פון איין זאַך אויף דער צווייטער.

discur'sive judg'ment (דיס-קויר'-סיוו דזשאַדזש'-מענט) אַן אורטייל וועגען אַ זאַך אַלס אַ רעזולטאַט פון אַ לאָגישען געדאַנקען-פּראָצעס; אַ שלוס-פאָלגערונג.

discur'sively *adv.* (דיס-קויר'-סיוו-לי) אַבווייכענדיג פון איין פּונקט און אַריבערגעהענדיג צום צווייטען; שפּרינגענדיג פון איין געגענשטאַנד צום צווייטען; אַרגומענטירענדיג; דורך אַן אורטייל אַלס רעזולטאַט פון אַ לאָגישען געדאַנקען-גאַנג.

discur'siveness *n.* (דיס-קויר'-סיוו-נעס) דאָס אַבווייכען אָדער אַריבערגעהען פון איין פּונקט צום צווייטען; דאָס אורטיילען וועגען אַ זאַך נאָך אַ געוויסען לאָגישען געדאַנקען-פּראָצעס.

discur'sus *n.* (דיס-קויר'-סאַס) דער פּראָצעס פון לאָגישען דענקען; אַרגומענטאַציאָן.

dis'cus *n.* (דיס'-קאַס) אַ דיסקוס, אַזאַ רונדע שטיינערנע אָדער מעטאַלענע פּלאַטע וואָס פלעגט פון די אַלטע רוימער און גריכען בענוצט ווערען פאַר גימנאַסטישע צוועקען.

discuss' *v.* (דיס-קאַס') דיסקוטירען, האָבען אַ ויכוח; גרינדליך אונטערזוכען.

discuss'able *a.* (דיס-קאַס'-עבל) וואָס קען דיסקוטירט ווערען.

discuss' a bot'tle (דיס-קאַס' ע באָטל) "אונטערזוכען" דעם טעם פון פלעשעל [ד. ה. אויסזופען ביז צום דעק].

discuss'er *n.* (דיס-קאַס'-ער) איינער וואָס דיסקוטירט אָדער מאַכט אַ קריטישע אונטערזוכונג.

discus'sion *n.* (דיס-קאַש'-אַן) אַ דיסקוסיאָן, אַ ויכוח.

discus'sional *a.* (דיס-קאַש'-אַנ-על) וואָס איז שייך צו אַ דיסקוסיאָן; דיסקוטירענדיג.

discuss'ive *n.* (דיס-קאַס'-איוו) אַן אויפרייסונגס-מיטעל פאַר אַ געשווילעכטס.

discu'tient *n. and a.* (דיס-קיו'-שיענט) וואָס רייסט אויף [אַ געשווילעכטס]; אַן אויפרייסונגס-מיטעל פאַר אַ געשוויר אָדער געשווילעכטס.

disdain' *n.* and *v.* (דיס-דיין') פעראכטען, פעראבשייען, האלטען פאר אונווירדיג; פעראכטונג; פעראבשייאונג; גרינגשעצונג.
Men should **disdain** to do a mean act.

disdain'ful *a.* (דיס-דיינ'-פול) פעראכטענד; פעראכטליך; גרינגשעציג.

disdain'fully *adv.* (דיס-דיינ'-פול-אי) מיט פעראכטונג, מיט גרינגשעצונג.

disdain'fulness *n.* (דיס-דיינ'-פול-נעס) פעראכטליכקייט; פעראכטונג; גרינגשעצונג.

disdiapa'son *n.* (דיס-דאי-ע-פיי'-זאן) אין מוזיק — די דאפעלטע אקטאווע.

disease' *n.* and *v.* (די-זיז') א קראנקהייט: קראנקהאפטער, אוננארמאלער צושטאנד; קראנק מאכען; קראנק זיין.

diseased' *a.* (די-זיזד') קראנק, אנגעשטעקט [מיט א קראנקהייט].

diseased' mind (די-זיזד' מאינד) א משוגע'נער; א מישוגע'נער שכל.

disea'sedness *n.* (די-זי'-זעד-נעס) קראנקהייט, קרענקליכקייט.

disedge' *v.* (דיס-עדזש') מאכען שטומפף, אראבנעהמען דעם שארף אדער דעם שפיץ.

disedifica'tion *n.* (דיס-עד-אי-פי-קיי'-שאן) דאס פערקלענערען, דאס פערערגערען, דאס שעדיגען, דאס ערנידעריגען [מאראל, רעליגיאן, גלויבען א. ד. ג.]; א סקאנדאל.

dised'ify *v.* (דיס-עד'-אי-פאי) פערקלענערען, פערערגערען, ערנידריגען, שעדיגען [מאראל, רעליגיאן, גלויבען א. ד. ג.].

disembar'go *v.* (דיס-עם-באר'-גאו) בעפרייען פון א לאדונג, אראבנעהמען א לאדונג.

disembark' *v.* (דיס-עם-בארק') אויסלאדען א שיף; לאנדען.

disembarka'tion *n.* (דיס-עם-באר-קיי'-שאן) דאס אויסלאדען א שיף; די לאנדונג.

disembark'ment *n.* (דיס-עם-בארק'-מענט) ז. *disembarkation*

disembar'rass *v.* (דיס-עם-בער'-עס). פריי מאכען, לויז מאכען [פון א פערלעגענהיים, שווערינקייטען, שטערונג אדער שווערער משא]; קלאר מאכען; ארויספלאנטערען.

disembar'rassment *n.* (דיס-עם-בער'-עס-מענט) דאס בעפרייען [פון א פערלעגענהיים, שטערונגען, שווערינקייטען אדער א שווערער משא]; דאס קלאר מאכען, דאס אויספלאנטערען.

disembat'tled *a.* (דיס-עם-בעט'לד) אהן פעסטונגס-טורעמס, אהן פעסטונגס-ווענט.

disembay' *v.* (דיס-עם-ביי') ארויספאהרען מיט דער שיף פון בוכט [קליינער ים-אויסגוס].

disembel'lish *v.* (דיס-עם-בעל'-איש) אראבנעהמען די בעציערונגען; מיאוס מאכען.

disembit'ter *v.* (דיס-עם-ביט'-ער) בעפרייען פון דער ביטערקייט; מאכען זיס אדער אנגענעהם.

disembod'iment *n.* (דיס-עם-באד'-אי-מענט) דאס בעפרייען פון קערפער, דאס מאכען קערפערלאז; דאס זיין קערפערלאז.

disembod'y *v.* (דיס-עם-באד'-אי) בעפרייען פון קערפער, מאכען קערפערלאז; אויסשליסען פון א מיליטער-פערבאנד, אויפלעזען [מיליטער].

disembogue' *v.* (דיס-עם-באוג') זיך אויסגיסען אדער אריינפליסען [וועגען טייכען, וואס פליסען אריין אין אנדערע טייכען אדער אין ים]; ארויסשטויסען, ארויסווארפען; געפינען אן עפענונג אדער אן אויסגאנג; ארויסגעהן פון א טייך אדער בוכט [וועגען שיפען].

disembogue'ment *n.* (דיס-עם-באוג'-מענט) דער אויסגוס, דער אויספלוס [פון איין טייך אין צווייטען אדער אין ים].

disembos'om *v.* (דיס-עם-בוז'-אם) אבשיידען פון בוזעם, אבשיידען.

disembow'el *v.* (דיס-עם-באו'-על) ארויסנעהמען די געדערים; ארויסנעהמען די אינוועניגסטע טיילען; מאכען א שנים אין בויך אזוי אז די געדערים זאלען ארויספאלען [ווי למשל, ביי דעם יאפאנעזישען "הארא-קירי" — א זעלבסטמארד דורך אויפשניידען זיך דעם בויך]; נעהמען אדער ציהען פון די געדערים [ווי שפינוועב].

disembow'elment *n.* (דיס-עם-באו'-על-מענט) דאס ארויסנעהמען די געדערים; דאס ארויסנעהמען די אינוועניגסטע טיילען.

disembow'er *v.* (דיס-עם-באו'-ער) לאזען אהן א ביידעל, לאזען אהן א וואהנונג.

disembroil' *v.* (דיס-עם-בראיל') קלאר מאכען, אויפפלאנטערען.

disempow'er *v.* (דיס-עם-פאו'-ער) אוועקנעהמען די מאכט.

disena'ble *v.* (דיס-ען-איי'בל) מאכען אונפעהיג, מאכען שוואך.

disenam'ored *a.* (דיס-ען-עמ'-ארד) אויסגעניכטערט, בעפרייט פון א ליעבע.

disenchain' *v.* (דיס-ען-טשיין') בעפרייען פון קייטען, פריי מאכען.

disenchant' *v.* (דיס-ען-טשענט') ענטצויבערען, בעפרייען פון דער מאכט פון כשוף, פון בעצויבערונג אדער פון פערפיהרטקייט; אויסניכטערען פון א בעצויבערונג.

disenchan'ter *n.* (דיס-ען-טשענ'-טער) איינער וואס ענטצויבערט, בעפרייט פון דער מאכט פון כשוף, פון בעצויבערונג אדער פון פערפיהרטקייט.

disenchant'ment *n.* (דיס-ען-טשענט'-מענט) ענטצויבערונג; דאס אויפהערען צו זיין פער'כשוף'ט, בעצויבערט אדער פערפיהרט; דאס בעפרייען פון דער מאכט פון כשוף, פון בעצויבערונג אדער פערפיהרטקייט; דאס אויסניכטערען פון א בעצויבערונג.

disenchan'tress *n.* (דיס-ען-טשענ'-טרעס) איינע וואס ענטצויבערט, בעפרייט פון דער מאכט פון כשוף, פון בעצויבערונג אדער פערפיהרטקייט.

disencour'age *v.* (דיס-ען-קאר'-עדזש) ענטמוטיגען.

disencum'ber *v.* (דיס-ען-קאמ'-בער) בעפרייען פון א לאסט אדער שטערונג.

disencum'berment *n.* (דיס-ען-קאמ'-בער-מענט) דאס בעפרייען פון א לאסט אדער שטערונג.

disencum'brance *n.* (דיס-ען-קאמ'-ברענס) בעפרייאונג פון א לאסט אדער שטערונגען.

disendow' *v.* (דיס-ען-דאו') צונעהמען די פאנדען, וואס דיענען אלס א קוואל פון שטענדיגער הכנסה.

disendowed' *a.* (דיס-ען-דאוד') וואס האט נים קיין שטענדיגען קוואל פון הכנסות; מיטעללאז; אהן פריווילעגיעס; וואס בעלאנגט צו דעם פראלעטאריער-קלאס; וואס בעלאנגט צו די נים פריווילעגירטע [פלעבעער].

disendow'ment *n.* (דיס-ען-דאו'-מענט) דאס צונעהמען די פאנדען, וואס דיענען אלס שטענדיגער קוואל פון הכנסה.

disenfran'chise *v.* (דיס-ען-פרענ'-טשאיז) ז. *disfranchise*

disenfran'chisement *n.* (דיס-ען-פרענ'-טשיז-מענט) ז. *disfranchisement*

disengage' *v.* (דיס-ען-גיידזש') בעפרייען; בעפרייען פון א פערשפרעכען, פערפפליכטונג, בעשעפטיגונג אדער פערבינדונג; אבטיילען, אבשיידען; זיך צוריקציהען, זיך צושיידען.

disengaged' *a.* (דיס-ען-גיידזשד') פריי, נים פערבונדען, נים געבונדען, נים פערנומען; זארגלאז, לייכט.

disenga'gedness *n.* (דיס-ען-גיי'-דזשעד-נעס) דאס זיין פריי, נים געבונדען, נים פערבונדען, נים פערנומען.

disengage'ment *n.* (דיס-ען-גיידזש'-מענט) די בעפרייאונג פון פערבינדונגען, פערפפליכטונגען, זארגען, פערנומענקייט א. ד. ג.; אונבעצוואונגענהיים, לייכטקייט; דאס אבטיילען, דאס אבשיידען.

disenno'ble *v.* (דיס-ע-נאו'בל) אוועקנעהמען אן עהרען-טיטול; מאכען פאר אוים נאבעלמאן; דעגראדירען; ערנידריגען; מאכען שענדליך.

disenroll' *v.* (דיס-ען-ראול') אויסשטרייכען פון א ליסטע.

disenslave' *v.* (דיס-ען-סלייוו') בעפרייען פון קנעכטשאפט.

disentail' *n.* and *v.* (דיס-ען-טייל') אראבנעהמען פון לאנד-אייגענטום די בעשרענקונג, לויט וועלכער דאס אייגענטום טאר נים פערקויפט ווערען און מוז איבערגעהן בירושה אין א געוויסער ארדנונג, צו געוויסע פערזאנען; אבטיילען, אבזונדערען; דאס בעפרייען לאנד-אייגענטום פון א בעשרענקונג; אבשיידונג, אבזונדערונג.

disentan'gle *v.* (דיס-ען-טענ'גל) 1. אויפפלאנטערען, ארויספלאנטערען; 2. בעפרייען.
2. He **disentangled** himself from political affairs.

disentan'glement *n.* (דיס-ען-טענ'גל-מענט) דאס אויפפלאנטערען אדער ארויספלאנטערען; דאס אויפגעפלאנטערט ווערען, דאס ארויספלאנטערען זיך.

disenthrall' *v.* (דיס-ען-טהראהל') בעפרייען; לויז מאכען; בעפרייען פון קנעכטשאפט.

disenthral'ment *n.* (דיס-ען-טהראהל'-מענט) בעפרייאונג; בעפרייאונג פון קנעכטשאפט.

disenthrone' *v.* (דיס-ען-טהראון') אראבזעצען פון טהראן.

disenti'tle *v.* (דיס-ען-טאי'טל) צונעהמען דאס רעכט אדער דעם אנשפרוך אויף עפעס.

disentomb' *v.* (דיס-ען-טוהם') ארויסנעהמען פון קבר.

disentrance' *v.* (דיס-ען-טרענס') אויפוועקען פון א טיעפען שלאף; זיך אויפכאפען פון טיעפען שלאף; זיך בעפרייען פון פערפיהרטקייט.

disentwine' *v.* (דיס-ען-טהוואין') פאנאנדערפלעכטען, פאנאנדערפלאנטערען.

disep'alous *a.* (דאי-סעפ'-ע-לאס) ווע־

גען בלומען — וואס זייערע אויסערע אונטערשטע גרינע בלומען־בעכערלעך בעשטעהן פון צוויי בלעטלעך.

disestab'lish *v.* (דיס-עס-טעב'-ליש) אבשאפען אן אינסטיטוציאן אדער קערפערשאפט; צונעהמען די שטאאטס־אונטערשטיצונג אדער די שטאאטס־אנערקענונג [הויפטזעכליך וועגען א קירך, וואס איז געווען אנערקענט אלס די אפיציעלע שטאאטס־קירך].

disestab'lishment *n.* (דיס-עס-טעב'-ליש-מענט) דאס אבשאפען אן אינסטיטוציאן אדער קערפערשאפט; דאס צונעהמען די שטאאטס־אונטערשטיצונג אדער שטאאטס־אנערקענונג [הויפטזעכליך וועגען א קירך, וואס איז געווען אנערקענט אלס די אפיציעלע שטאאטס־קירך].

disesteem' *n. and v.* (דיס-עס-טים') גרינגשעצען; גרינגשעצונג.

disfame' *n.* (דיס-פיים') א שלעכטע רעפוטאציע, א שלעכטער נאמען.

disfa'vor *v. and n.* (דיס-פיי'-ווער) זיין אונפריינדליך אדער אונגנעדיג; זיין געגען; ניט בעגינסטיגען; אונגנאדע.
The General X is in disfavor because of the failure of his campaign.

disfa'vorer *n.* (דיס-פיי'-ווער-ער) איינער וואס איז אונפריינדליך, אונגנעדיג אדער געגען.

disfea'ture *v.* (דיס-פיט'-טשור) פערקריפלען, צוקאליעטשען, מאכען מיאוס, פערדארבען.

disfigura'tion *n.* (דיס-פיג-יו-ריי'-שאן) פערקריפלונג; פערדארבונג; דאס צוקאליעטשען; דאס זיין פערקריפעלט אדער צוקאליעטשעט; מיאוסקייט, העסליכקייט.

disfig'ure *v.* (דיס-פיג'-יור) פערקריפלען, פערדארבען אדער צוקאליעטשען; מאכען מיאוס, העסליך.

disfig'urement *n.* (דיס-פיג'-יור-מענט) דאס פערקריפלען, צוקאליעטשען, פערדארבען אדער מיאוס מאכען; דאס זיין פערקריפעלט, צוקאליעטשעט אדער פערדארבען; עטוואס וואס פערקריפעלט, צוקאליעטשעט, פערדארבט אדער מאכט מיאוס.

disfig'urer *n.* (דיס-פיג'-יור-ער) איינער וואס צוקאליעטשעט, פערקריפעלט, פערדארבט אדער מאכט מיאוס.

disfo'liage *v.* (דיס-פאו'-לי-איידזש) אראברייסען די בלעטער [פון פלאנצען].

disfor'est *v.* (דיס-פאר'-עסט) אברייניגען פון וואלד; אויסהאקען די ביימער פון א וואלד; אין ענגלאנד — אויסשליסען פון דער ווירקונג פון די ספעציעלע געזעצע וועגען וועלדער.

disfran'chise *v.* (דיס-פרענ'-טשיז) בערויבען פון בירגער־רעכט [איבערהויפט פון שטימרעכט]; בערויבען פון ספעציעלע רעכטע אדער פריווילעגיעס וואס מען קריעגט פון א רעגיערונג.

disfran'chisement *n.* (דיס-פרענ'-טשיז-מענט) דאס בערויבען פון בירגער־רעכט [איבערהויפט פון שטימרעכט]; דאס בערויבען פון ספעציעלע רעכטע און פריווילעגיעס וואס מען קריעגט פון א רעגיערונג.

disfur'nish *v.* (דיס-פויר'-ניש) אויסלעדיגען פון מעבעל, לאזען הוילע ווענד.

disfur'nished walls (דיס-פויר'-נישט הוואלז) ליידיגע ווענד.

disfur'nishment *n.* (דיס-פויר'-ניש-מענט) דאס אויסלעדיגען פון מעבעל, דאס לאזען הוילע ווענד.

disgorge' *v.* (דיס-גאהרדזש') אויסברעכען; אויסשפייען; ארויסווארפען; צוריק אבגעבען.

disgorge'ment *n.* (דיס-גאהרדזש'-מענט) דאס אויסברעכען, דאס ארויסשפייען; דאס ארויסגיסען, דאס ארויסווארפען פון זיך.

disgrace' *n. and v.* (דיס-גרייס') אונ'חן, אונגנאדע; אומ'כבוד, שאנדע; שענדען; וועקנעהמען די גונסט פון אימעצען; ברייננען אין אונגנאדע אדער אין אונ'חן; מאכען צו שאנד; ערנידריגען.

disgraced' *a.* (דיס-גרייסט') קאמפראמעטירט, פערלארען די רעפוטאציע, געשענדעט, ערנידריגט.

disgrace'ful *a.* (דיס-גרייס'-פול) שענדליך, געמיין; שענדענד.
The disorder at the meeting was disgraceful.

disgrace'fully *adv.* (דיס-גרייס'-פול-אי) מיט שאנדע: אויף א שענדליכען אדער געמיינעם אופן.

disgrace'fulness *n.* (דיס-גרייס'-פול-נעס) חרפה, שאנדע, געמיינהייט.

disgra'cer *n.* (דיס-גריי'-סער) איינער וואס מאכט צו שאנדע אדער בעליידיגט.

disgrega'tion *n.* (דיס-גרי-גיי'-שאן) צוטיילונג, די צוטיילונג פון די מאלעקולען פון א שטאף דורך היץ אדער כעמישע ווירקונגען.

disgrun'tle *v.* (דיס-גראנ'טל) ענטוישען, ברייננען אין אונצופרידענהייט.

disgrun'tled *a.* (דיס-גראנ'טלד) ענטוישט, אונצופרידען, פערדריסליך.

disguise' *n. and v.* (דיס-גאיז') פערקליידען, פערשטעלען [אז מען זאל ניט דערקענען]; ענדערען די שטימע אדער בענעהמונג דורך שכרות; דאס פערקליידען, דאס פערשטעלען; דאס פערקליידען זיך אדער פערשטעלען זיך; די ענדערונג פון דער שטימע אדער בענעהמונג דורך שכרות.

disgui'sedly *adv.* (דיס-גאי'-זעד-לי) אויף א פערקליידעטען אופן; פערשטעלטערהייט.

disgui'sedness *n.* (דיס-גאי'-זעד-נעס) פערשטעלטקייט; דאס זיין פערקליידעט אדער פערשטעלט.

disguise'ment *n.* (דיס-גאיז'-מענט) דאס פערשטעלען זיך אדער פערקליידען זיך.

disgui'ser *n.* (דיס-גאי'-זער) איינער וואס פערשטעלט זיך אדער פערקליידעט זיך; איינער וואס פערשטעלט אדער פערקליידעט.

disgui'sing *n.* (דיס-גאי'-זינג) דאס פערשטעלען זיך.

disgust' *n. and v.* (דיס-גאסט') איבערדריסיגקייט, עקעל; אבנייגונג; עקלען; אבנייגען איינעמס הארץ; עקלדיג מאכען, פערעקלען; דערעסען, איבערדריסיג ווערען.

disgus'ted with life (דיס-גאס'-טעד הוויטה לאיף) איבערדריסיג דאס לעבען, דערעסען דאס לעבען, מיאוס דאס לעבען.

disgust'ful *a.* (דיס-גאסט'-פול) עקעלהאפט, איבערדריסיג.

disgust'fulness *n.* (דיס-גאסט'-פול-נעס) איבערדריסיגקייט, עקעלהאפטיגקייט.

disgus'ting *a.* (דיס-גאס'-טינג) עקעלדיג, איבערדריסיג.

disgus'tingly *adv.* (דיס-גאס'-טינג-לי) אויף אן עקעלהאפטען אופן; עקלענדיג.

disgus'tingness *n.* (דיס-גאס'-טינג-נעס) דאס זיין עקעלהאפט; דאס עקלען; דאס זיין איבערדריסיג.

dish *n. and v.* (דיש) א שיסעל; א געריכט; אריינלעגען אין א שיסעל; שטעלען אויף'ן טיש צום עסען; אבנוצען, בעשעדיגען, חרוב מאכען; זיין אויסגעהוילט ווי א שיסעל; אבנארען, בעשווינדלען.

dishabil'itate *v.* (דיס-הע-ביל'-אי-טייט) מאכען פאר אוים יחסן, אראבזעצען פון דער גדולה.

dishabilita'tion *n.* (דיס-הע-ביל-אי-טיי'-שאן) דאס מאכען פאר אוים יחסן; דאס אראבזעצען פון דער גדולה.

dishabille' *n.* (דיס-ע-ביל') א פריי מארגען־קלייד; א הויז־קלייד; נעגליזשע.

dishabit'uate *v.* (דיס-הע-ביט'-יו-אייט) אבגעוועהנען.

dishal'low *v.* (דיס-העל'-או) ענטהייליגען, מאכען אוים הייליג, מאכען וואכעדיג.

disharmon'ic *a.* (דיס-האר-מאנ'-איק) אונהארמאניש, ניט אין איינקלאנג.

disharmo'nious *a.* (דיס-האר-מאו'-ני-אס) אונהארמאניש, ניט אין איינקלאנג.

dishar'monize *v.* (דיס-האר'-מא-נאיז) מאכען אונהארמאניש.

dishar'mony *n.* (דיס-האר'-מא-ני) דיסהארמאניע, דער מאנגעל אין הארמאניע, דאס זיין ניט הארמאניש.

dish'-cloth *n.* (דיש'-קלאטה) א געפעס־טיכעל [א טיכעל צום ווישען געפעס], א סמירקע.

dish'-clout *n.* (דיש'-קלאוט) ז. *dish-cloth*.

dishear'ten *v.* (דיס-האר'טן) אראבשלאגען פון מוטה, מאכען שוואך אויף'ן הארצען; אבשרעקען.

dishear'tenment *n.* (דיס-האר'-טנ-מענט) דאס ענטמוטיגען, דאס אראבשלאגען פון מוטה; דאס מאכען שוואך אויף'ן הארצען; דאס אבשרעקען.

dish'er *n.* (דיש'-ער) איינער וואס מאכט אדער פערקויפט הילצערנע שיסלען.

disher'ison *n.* (דיס-הער'-אי-זאן) דאס אבנעהמען דאס רעכט אויף ירושה; דאס מאכען פאר אוים יורש.

disher'itor *n.* (דיס-הער'-אי-טאר) איינער וואס מאכט פאר אוים יורש.

dishev'el *v.* (די-שעוו'-על) צוזאווארפען, צושויבערען די האר פון קאפ; ברייננען אין אונארדנונג די קליידער.

dishev'eled *a.* (די-שעוו'-עלד) מיט צוזאווארפענע, צושויבערטע האר; מיט קליידער וועלכע זיינען ניט אין ארדנונג.

dishev'elment *n.* (די-שעוו'-על-מענט) דאס זיין מיט צושויבערטע האר; דאס זיין אין אונארדנונג אנגעטהאן.

dish'ful *n.* (דיש'-פול) די קוואנטיטעט אדער די גרויס וויפיעל א שיסעל ענטהאלט.

dish'ing *a.* (דיש'-אינג) וואס האט די פארם פון א שיסעל; קאנקאוו, אויסגעבויגען פון אינעווייניג.

dishon'est *a.* (דיס-אנ'-עסט) אונעהרענהאפט, אונעהרליך; אונאנשטענדיג.

dishon'estly *adv.* (דיס-אנ'-עסט-לי) אויף אן אונעהרענהאפטען שטייגער; אונעהרענהאפטיג.

dishon'estness *n.* (דיס-אנ'-עסט-נעס) אונעהרענהאפטיגקייט, אונעהרליכקייט, בעטריגעריי.

dishon'esty *n.* (דיס-אנ'-עס-טי) דאס

זיין אונגעהרענהאפטיג; די אונעהרליכ־קייט; די שענדליכקייט.

dishon'or *n. and v.* (דיס־אנ'־אר) אונ־עהרענהאפטיגקייט; שאנדע; אונאכטונג; דאס ניט בעצאהלען פאר א וועקסעל; פאר־כען אונגעהרענווירדיג, שענדען; ניט בע־צאהלען פאר א וועקסעל.

dishon'or a bill (דיס־אנ'־אר ע ביל) ניט אויסלייזען א וועקסעל.

dishon'orable *a.* (דיס־אנ'־אר־עבל) אונגעהרענהאפטיג, שענדליך, אונעהרע־ווירדיג.

dishon'orableness *n.* (דיס־אנ'־אר־עבל־נעס) דאס זיין אונעהרענהאפטיג אדער אונעהרענווירדיג.

dishon'orably *adv.* (דיס־אנ'־אר־ע־בלי) שענדליך; אויף אן אונעהרענהאפ־טיגען שטייגער.

dishon'orer *n.* (דיס־אנ'־אר־ער) איי־נער וועלכער שענדעט; איינער וואס האנ־דעלט אונעהרענהאפטיג; איינער וואס בעציהט זיך צום אנדערען מיט פעראכ־טונג.

dishorn' *v.* (דיס־האהרן') אוועקנעהמען אדער אבשניידען די הערנער.

dish out (דיש אוט) אויסשעלבען, אויס־בויגען אין דער פארם פון א שיסעל; אבגארען, בעשווינדלען.

dish up (דיש אפ) ארויפלעגען אויף'ן טעלער; אבטהאן אימעצען א שפיצעל.

dish'-wash'er *n.* (דיש'־וואש'־ער) א געפעס־וואשער.

dish'-wa'ter *n.* (דיש'־וואה'־טער) געפעס־וואסער [דאס וואסער, אין וועל־כען מען האט געוואשען געפעס].

disillu'sion *n. and v.* (דיס־אי־ליו'־זשאן) די בעפרייאונג פון אן אילוזיאן אדער פאלשע פארשטעלונג; דאס ווערען פריי פון א בעצויבערונג; בעפרייען פון אן אילוזיאן אדער בעצויבערונג.

disillu'sionize *v.* (דיס־אי־ליו'־זשאנ־איז) בעפרייען פון אן אילוזיאן אדער פאלשע פארשטעלונג; בעפרייען פון א בע־צויבערונג.

disillu'sionment *n.* (דיס־אי־ליו'־זשאנ־מענט) דאס בעפרייען אדער דאס זיין בעפרייט פון אן אילוזיאן אדער בע־צויבערונג.

disinclina'tion *n.* (דיס־אינ־קלי־ניי'־שאן) דאס ניט האבען קיין נייגונג צו עפעס.

disincline' *v.* (דיס־אינ־קלאין') אב־נייגען, אבווענדען; אבנעהמען דעם חשק צו עפעס.

disincor'porate *v.* (דיס־אינ־קאהר'־פא־רייט) אבשאפען אדער פאנאנדערלא־זען א קארפאראציאן [געזעלשאפט, פער־איין]; אבטיילען אדער אבזונדערען פון א קארפאראציאן.

disincorpora'tion *n.* (דיס־אינ־קאהר־פא־ריי'־שאן) די אויפלעזונג פון א קאר־פאראציאן אדער געזעלשאפט; דאס אב־נעהמען די רעכטע און פריווילעגיען פון א קערפערשאפט אדער געמיינדע.

disinfect' *v.* (דיס־אינ־פעקט') דעזינפי־צירען, רייניגען די לופט אדער זאכען פון שעדליכע גאזען און מיקראבען וואס קע־נען ברייננען קראנקהייטען.

disinfec'tant *n. and a.* (דיס־אינ־פעק'־טענט) וואס דעזינפיצירט; א מי־טעל צו דעזינפיצירען. ז. *disinfect*.

disinfec'tion *n.* (דיס־אינ־פעק'־שאן) דעזינפעקציאן, די רייניגונג פון שעדליכע גאזען אדער מיקראבען.

disinfec'tor *n.* (דיס־אינ־פעק'־טאר) דער אדער דאס וואס דעזינפיצירט. ז. *disinfect*.

disingen'uous *a.* (דיס־אינ־דזשען'־יו־אס) ניט אפענהערציג; אונאויפריכטיג, פאלש, בלב ולב.

disingen'uously *adv.* (דיס־אינ־דזשען'־יו־אס־לי) אויף אן אונאויפריכ־טיגען שטייגער; מיט פאלשקייט.

disingen'uousness *n.* (דיס־אינ־דזשען'־יו־אס־נעס) אונאויפריכטיגקייט, פאלשקייט; דאס זיין ניט אפענהערציג.

disinher'ison *n.* (דיס־אינ־הער'־אי־זאן) דאס בערויבען פון ירושה; דאס פער־לירען דאס רעכט אויף ירושה.

disinher'it *v.* (דיס־אינ־הער'־איט) אוועקנעהמען דאס רעכט אויף ירושה; בערויבען פון ירושה.

disinher'itance *n.* (דיס־אינ־הער'־אי־טענס) דאס ניט געבען אדער דאס פער־לירען דאס רעכט אויף ירושה.

disin'tegrable *a.* (דיס־אינ'־טי־גרעבל) וואס קען פאנאנדערגעטיילט ווערען.

disin'tegrate *v.* (דיס־אינ'־טי־גרייט) פאנאנדערטיילען אויף בעזונדערע שטי־קער; צוברעכען, צופיצלען; פאנאנדער־געהמען א זאך אויף בעזונדערע עלע־מענטען פון וועלכע זי בעשטעהט.

disin'tegrated *a.* (דיס־אינ'־טי־גריי־טעד) צוועצט, פאנאנדערגעטיילט.

disintegra'tion *n.* (דיס־אינ־טי־גריי'־שאן) דאס פאנאנדערטיילען א זאך אויף די בעזונדערע עלעמענטען, פון וועלכע זי בעשטעהט; צוועצען, צופיצלען.

disin'tegrator *n.* (דיס־אינ'־טי־גריי־טאר) דער אדער דאס וואס טיילט פאנאנ־דער; א מאשין צו צוזעצען אדער צו־פיצלען זאכען, ווי ערץ, שטיינער א. ד. ג.

disinter' *v.* (דיס־אינ־טויר') אויסגרא־בען, ארויסנעהמען פון קבר; אויפדעקען.

disin'terested *a.* (דיס־אינ'־טער־עס־טעד) אהן איינענוץ; וואס טהוט עפעס ניט צוליעב די איינענע אינטערעסען; אונפארטייאיש.

disin'terestedly *adv.* (דיס־אינ'־טער־עס־טעד־לי) אויף אן אונפארטייליכען, אונאייגענניצליכען שטייגער.

disin'terestedness *n.* (דיס־אינ'־טער־עס־טעד־נעס) אונאייגעננוציגקייט, אונ־פארטייליכקייט; דאס ניט האבען קיין פערזענליכע אינטערעסע אין א פראגע אדער מהאס.

disinter'ment *n.* (דיס־אינ־טויר'־מענט) די אויסגראבונג [פון א טויטען]; דאס אויסגראבען פון קבר; די אויפדע־קונג.

disin'tricate *v.* (דיס־אינ'־טרי־קייט) פאנאנדערפלאנטערען.

disinves'titure *n.* (דיס־אינ־וועס'־טי־טשור) דאס בערויבען פון אינוועסטיטור [דאס אבנעהמען פון א בישאף זיין אמט מיט די קירכען־ציטער, וועלכע האבען בע־לאנגט צו איהם]; דאס זיין בערויבט פון אינוועסטיטור.

disinvig'orate *v.* (דיס־אינ־וויג'־אר־אייט) אבשוואכען.

disinvolve' *v.* (דיס־אינ־וואלוו') פא־נאנדערוויקלען, פאנאנדערפלאנטערען.

disjoin' *v.* (דיס־דזשאין') פאנאנדערנעה־מען די פעראייניגטע טיילען; צוטרענען.

disjoint' *v.* (דיס־דזשאינט') אויסלינ־קען; פאנאנדערנעהמען די פעראייניגטע טיילען; צושטערען דעם נאטירליכען צו־זאמענהאנג.

disjoint' an estate' (דיס־דזשאינט' ען עס־טייט') צוברעקלען א גוט, פאנאנ־דערטיילען א גוט צווישען פיעלע איינענ־טימער.

disjoin'ted *a.* (דיס־דזשאינ'־טעד) פאנ־נאנדערגענומען, אויסגעלונקען; צוטרענט; ניט איינשטימיג.

disjoin'tedly *adv.* (דיס־דזשאינ'־טעד־לי) אויף א פאנאנדערגענומענעם, צוטרענ־טען שטייגער.

disjoin'tedness *n.* (דיס־דזשאינ'־טעד־נעס) די צוריסענהייט, דאס פעהלען פון א צוזאמענהאנג.

disjoin'ted words (דיס־דזשאינ'־טעד הווארדז) ווערטער סתם אין דער וועלט אריין, אהן א צוזאמענהאנג.

disjunct' *a.* (דיס־דזשאנקט') ניט פער־איינינט, אבגעזונדערט; אבגעטיילט.

disjunc'tion *n.* (דיס־דזשאנק'־שאן) די אבזונדערונג, די טיילונג, די פאנאנדער־טיילונג; אין לאגיק — די שייכות צווי־שען די טיילען פון א דיסיונקטיווען זאץ. ז. *disjunctive proposition*.

disjunc'tive *a.* (דיס־דזשאנק'־טיוו) אב־זונדערענד, וואס טיילט פאנאנדער.

disjunc'tive conjunc'tion (דיס־דזשאנק'־טיוו קאנ־דזשאנק'־שאן) אין גרא־מאטיק — א ווארט וואס פערבינדעט צוויי זעצע אדער טיילען פון א זאץ, וועלכע זיינען ענטגעגענגעזעצט [ווי למשל, דאס ווארט "אבער" אין דער פראזע: "ער איז קלוג, אבער פערדארבען"].

disjunc'tively *adv.* (דיס־דזשאנק־טיוו־לי) אויף א פאנאנדערגעטיילטען, צוגליעדערטען אופן; דורך צוגליעדערונג.

disjunc'tive proposi'tion (דיס־דזשאנק'־טיוו פראפ־א־זיש'־אן) אין לא־גיק אדער גראמאטיק — א דיסיונקטיווער זאץ [א זאץ, וועלכער דריקט אוים צוויי בעזונדערע צושטענדע, וואו עטוועדער דער ערשטער אדער דער צווייטער איז ריכטיג אדער וועט מוזען פארקומען, ווי למשל: "עטוועדער גיב מיר אוועק דיין געלד אדער איך וועל נעהמען דיין לע־בען"].

disk *n.* (דיסק) א דיסק, א פלאכע, רונדע פלאטע; דער דיסקאס [א פלאכער טע־לער וואס ווערט בענוצט אין קירך צו האלטען די שטיקלעך פון הייליגען ברויט אדער פראספארע]; אין באטאניק — די אויבערשטע פלעכע פון א בלאט; אין זא־אלאגיע — איינע פון ביידע זייטען פון אן עוף.

disk'-har'row *n.* (דיסק'־הער'־או) א דריי־עקיגע בראנע וועלכע האט א נעוויסע צאהל פון שארפע רינדע פלאטען [דיס־קען] און בעת די בראנע ווערט געשלעפט איבער'ן פעלד, דרעהען זיך די דיסקען און צורייבען די אויפגעאקערטע ערד.



Disk-harrow

disli'kable *a.* (דיס־לאי'־קעבל) וואס קען ניט געפעלען זיין.

dislike' *n. and v.* (דיס־לאיק') ניט געפעלען; ניט ליעבען; ניט צושטי־

מען; די אבנייגונג; דער עקעל צו עפעס; א ווידערווילען.

dislike'able *a.* (דים-לאיק'-עבל) ז. *dislikable*

disli'ker *n.* (דים-לאי'-קער) איינער וואס איהם געפעלט ניט.

dis'locate *v. and a.* (דים'-לא-קייט) אויסלינקען; צונעהמען פון געוועהנליכען פלאץ; צושטערען דעם סדר; מאכען אן אונארדנונג; אויסגעלונקען; ארוים פון געוועהנליכער ארדנונג.

disloca'tion *n.* (דים-לא-קיי'-שאן) דאס אויסלינקען; דאס אוועקשטעלען א זאך ניט אויף איהר פריהערדיגען ארט.

dislodge' *v.* (דים-לאדזש') ארויסטרייבען פון דירה; איבערציהען [פון א וואהנונג]; ארויסנעהמען פון דער נארמאלער אדער געוועהנליכער לאגע.

dislodge' a camp (דים-לאדזש' ע קעמפ) אבראמען דעם לאגער.

dislodge' the en'emy (דים-לאדזש'-טהי ענ'-ע-מי) פערטרייבען דעם שונא.

dislodg'ment *n.* (דים-לאדזש'-מענט) דאס ארויסטרייבען פון דירה; דאס אבלעדיגען א וואהנונג.

disloy'al *a.* (דים-לאי'-על) ניט לאיאל, ניט געטריי.

disloy'ally *adv.* (דים-לאי'-על-אי) אויף א פאלשען אדער ניט לאיאלען שטייגער.

disloy'alty *n.* (דים-לאי'-על-טי) ניט געטרייקייט; אונלאיאליטעט, פאלשקייט.

dis'mal *a.* (דיז'-מעל) טרויעריג, בעטריבט, קלעגליך, יאמערליך, מעלאנכאליש, פינסטער, שרעקליך, פורכטבאר, שוידערהאפט, אונהיימליך.

dis'mally *adv.* (דיז'-מעל-אי) פינסטער, שרעקליך, טרויעריג.

dis'malness *n.* (דיז'-מעל-נעס) טרויעריגקייט; א שרעק, מעלאנכאליע.

dis'mals *n.* (דיז'-מעלז) פינסטערע רעיונות, טרויעריגע מחשבות; טרויערקליידער.

disman'tle *v.* (דים-מענ'טל) ענטקליידען, אויסטהאן; אראברייסען, לאזען נאקעט.

dismast' *v.* (דים-מעסט') ארויסנעהמען די מאסטען פון א שיף.

dismay' *n. and v.* (דים-מיי') ארויפווארפען א שרעק; ענטמוטיגען; מאכען אבהענגיג; דאס אראבפאלען פון מוטה; פחד, אימה.

dismayed' *a.* (דים-מייד') ענטמוטיגט; אבגעשלאגען [די פליגלען].

dismayed'ness *n.* (דים-מייד'-נעס) מוטלאזיגקייט, פערצווייפלונג.

dismay'ful *a.* (דים-מיי'-פול) פול מיט שרעקעניש; ענטמוטיגענד; ענטמוטיגט, פערצווייפעלט.

dismem'ber *v.* (דים-מעמ'-בער) צוגליידערען, צושניידען אויף גליעדער, אבזונדערען.

dismem'berment *n.* (דים-מעמ'-בער-מענט) די צוגליעדערונג, די צוטיילונג.

dismiss' *v.* (דים-מים') אויפלעזען, אבשאפען; ענטלאסען; ענטזאגען פון א שטעלע, געבען אורלויב, אוועקלעגען אזיף א זייט, אויפגעבען; צוריקווייזען [א קלאגע אין געריכט].

dismiss'al *n.* (דים-מים'-על) אויפלעזונג, אבשאפונג; ענטלאסונג; ענטזאגונג פון א שטעלע; אורלויב; צוריקווייזונג [פון א קלאגע אין געריכט]; בעפרייאונג.

dismissed' offence' (דים-מיסט' א-פענס') א פארלויפיג פערגעבענער פערברעכען.

dismiss' from the mind (דים-מים' פראם טהי מאינד) ארויסשלאגען עפעס פון די געדאנקען.

I dismissed the matter from my mind.

dismis'sion *n.* (דים-מיש'-אן) אבשאפונג, אויפלעזונג, ענטלאסונג, ענטזאגונג פון א שטעלע; אורלויב; צוריקווייזונג [פון א קלאגע אין געריכט]; אויסשליסונג [פון א סטודענט פון אן אוניווערזיטעט אויף אזא אופן, אז ער האט דאס רעכט אריינצוטרעטען אין אן אנדער אוניווערזיטעט אדער זאגאר, אין א צייט ארום, אין דעמזעלבען אוניווערזיטעט].

dismiss'ive *a.* (דים-מים'-איוו) ז. *dismissory*

dismiss'ory *a.* (דים-מים'-א-רי) ענטלאסענד, אוועקשיקענדיג.

dismort'gage *v.* (דים-מאהר'-גיידזש) בעפרייען פון היפאטהעקען-שולדען; אויסלעזען א פער'משכונ'טע זאך.

dismount' *v.* (דים-מאונט') אראבשטייגען פון א וואגען אדער פון א פערד; אראבווארפען פון א פערד אדער פון א וואגען; ארונטערשטייגען; ארונטערווארפען [פון א הויכען פלאץ אדער פון א הויכער שטעלונג]; ארונטערנעהמען קאנאנען פון דעם געשטעל; שעדיגען, מאכען נוצלאז שים-געוועהר; פאנאנדערנעהמען.

disnat'uralize *v.* (דים-נעטש'-או-רעל-איז) מאכען אוים בירגער.

disobe'dience *n.* (דים-א-בי'-די-ענס) אונגעהארכזאמקייט, ווידערשפענסטיגקייט.

disobe'dient *a.* (דים-א-בי'-די-ענט) אונגעהארכזאם, ווידערשפענסטיג; וואס מען קען דארויף ניט ווירקען; ניט עמפפינדליך.

disobe'diently *adv.* (דים-א-בי'-די-ענט-לי) מיט אונגעהארכזאמקייט, מיט ווידערשפענסטיגקייט.

disobey' *v.* (דים-א-ביי') זיין אונגעהארכזאם, ניט פאלגען.

disoblige' *v.* (דים-א-בלאידזש') ניט טהאן קיין געפעליגקייט, זיין אונפריינדליך, האנדלען נעגען יענעמס פערלאנג אדער בעקוועמליכקייט.

disoblige'ment *n.* (דים-א-בלאידזש'-מענט) דאס זיין אונפריינדליך; דאס ניט טהאן קיין געפעלינקייט; דאס האנדלען נעגען יענעמס פערלאנג אדער בעקוועמליכקייט.

disobli'ger *n.* (דים-א-בלאי'-דזשער) איינער וואס איז אונפריינדליך, טהוט ניט קיין געפעלינקייט אדער האנדעלט געגען יענעמס פערלאנג אדער בעקוועמליכקייט.

disobli'ging *a.* (דים-א-בלאי'-דזשינג) אונפריינדליך; וואס טהוט ניט קיין געפעלינקייט, וואס האנדלעט נעגען יענעמס פערלאנג אדער בעקוועמליכקייט.

disobli'gingly *adv.* (דים-א-בלאי'-דזשינג-לי) אויף אן אונפריינדליכען אופן; ניט וועלענדיג טהאן קיין געפעליגקייט; נעגען יענעמס פערלאנג אדער בעקוועמליכקייט.

disobli'gingness *n.* (דים-א-בלאי'-דזשינג-נעס) אונפריינדליכקייט; דאס ניט וועלען טהאן א געפעלינקייט; דאס האנדלען נעגען יענעמס פערלאנג אדער בעקוועמליכקייט.

disor'der *n. and v.* (דים-אהר'-דער) אונארדנונג, אונרעגעלמעסיגקייט; צוטומעלטקייט, טומעל, אונרוה; פערלעצונג פון געזעצע אדער מנהגים, צולאזענקייט; אוננארמאלקייט, קראנקהאפטיגקייט, צורודערטקייט, קראנקהייט, אויפרעגונג; ברייננען אין אונארדנונג, מאכען אונרעגעלמעסיג; ארויסרופען אוננארמאלקייט אין געזונד-צושטאנד; צורודערען, צוטומלען, אויפרעגען.

disor'dered *a.* (דים-אהר'-דערד) וואס איז ניט אין ארדנונג; אונרעגעלמעסיג; צורודערט, צומישט, קראנקהאפט, אוננארמאל.

disor'deredness *n.* (דים-אהר'-דערד-נעס) ז. *disorderliness*

disor'derliness *n.* (דים-אהר'-דער-לי-נעס) דאס זיין אין אונארדנונג, אונרעגעלמעסיג, צולאזען, צומישט, צוטומעלט, צורודערט, קראנקהאפט אדער אוננארמאל.

disor'derly *a. and adv.* (דים-אהר'-דער-לי) וואס איז אויסער ארדנונג; אונרעגעלמעסיג, ניט סיסטעמאטיש; אונגעזעצליך; וואס איז נעגען די אנגענומענע מנהגים; צולאזען, טומעלדיג, אונרוהיג, אונאנשטענדיג; קראנקהאפט, אוננארמאל; צוטומעלט, צודודערט, צומישט; אין אונארדנונג; אויף אן אונרעגעלמעסיגען, אונסיסטעמאטישען שטייגער; מיט צולאזענקייט; מיט טומעל; מיט אונרוה; אויף אן אונגעזעצליכען, רוה-שטערענדען, ארדנונגס-שטערענדען אדער אונאנשטענדיגען אופן; אויף אן אופן וואס איז געגען דער אנגענומענער ארדנונג אדער מנהגים; אויף א קראנקהאפטען אדער אוננארמאלען שטייגער.

disor'derly house (דים-אהר'-דער-לי האוס) אן אונאנשטענדיג הויז, א פראסטיטוציאנס-הויז.

disorganiza'tion *n.* (דים-אהר-גע-ני-זיי'-שאן) דעזארגאניזירונג, צושטערונג אדער אויפלעזונג פון אן ארגאניזאציאן אדער ארגאניזם; צושטערונג פון אן ארדנונג אדער סיסטעם; דאס ניט זיין ארגאניזירט; דאס ניט זיין אין ארדנונג אדער סיסטעמאטיש.

disor'ganize *v.* (דים-אהר'-גע-נאיז) דעזארגאניזירען, צושטערען אן ארגאניזאציאן, א געוויסע ארדנונג אדער סיסטעם; ברייננען אין אונארדנונג, צוטומלען, צומישען.

disor'ganizer *n.* (דים-אהר'-גע-נאי-זער) איינער וואס דעזארגאניזירט; א צושטערער; איינער וואס צושטערט א בעשטימטע ארדנונג אדער סיסטעם; איינער וואס ברייננט אריין אונארדנונג אדער צוטומלעניש.

diso'rient *v.* (דים-או'-רי-ענט) אראבשלאגען פון דער ריכטונג; אראבשלאגען פון וועג; פערווירען, צומישען, צוטומלען.

disorien'tate *v.* (דים-או-רי-ענ'-טייט) ז. *disorient*

disown' *v.* (דים-און') פערלייקענען; ניט אנערקענען; אבזאגען, ניט ערלויבען; ניט צוגעבען; אויסשליסען פון א געזעלשאפט.

disown'ment *n.* (דים-אונ'-מענט) דאס פערלייקענען; דאס אויסשליסען פון א געזעלשאפט.

disox'ydate *v.* (דים-אקס'-אי-דייט) בעפרייען פון זויער-שטאף.

disoxyda'tion *n.* (דים-אקס-אי-דיי'-שאן) דאס בעפרייען פון זויער-שטאף.

disox'ygenate *v.* (דים-אקס'-אי-דזשע-נייט) ז. *disoxydate*

disoxygena'tion *n.* (דים-אקס-אי-דזשע-ניי'-שאן) ז. *disoxydation*

dispar'adise *v.* (דיס-פער'-ע-ראיס) ארויסטרייבען פון גן-עדן.

dispar'age *v.* (דיס-פער'-עדזש) אונטערשעצען: בעליידיגען דורך א פערגלייך מיט א פערזאן פון א נידריגערער שטופע; אונגערעכט קריטיקירען: אוועקמאכען מיט דער האנד, ערנידריגען.
The efforts of an ambitious youth should not be disparaged.

dispar'agement *n.* (דיס-פער'-עדזש-מענט) בעליידיגונג דורך פערגלייכען מיט א פערזאן פון א נידריגערער שטופע; אונטערשעצונג; ערנידריגונג; אונאכטונג, אונ'כבוד.

dispar'ager *n.* (דיס-פער'-עדזש-ער) איינער וואס בעליידיגט, אונטערשעצט אדער ערנידריגט.

dispar'agingly *adv.* (דיס-פער'-עדזש-אינג-לי) בעליידיגענדיג, אונטערשעצענדיג, ערנידרענדיג, ניט אכטענדיג.

dis'parate *n. and a.* (דיס'-פע-רייט) אונגלייך; דורכאויס פערשיעדען; פון פערשיעדענע מינים אדער גאטונגען; ניט עהנליך, ניט פערגלייכבאר; א זאך פון אן אנדער מין אדער גאטונג.

dis'parately *adv.* (דיס'-פע-רייט-לי) אויף אן אונגלייכען אדער דורכאויס פערשיעדענעם אופן.

dis'parateness *n.* (דיס'-פע-רייט-נעס) ז. *disparity*.

dispar'ity *n.* (דיס-פער'-אי-טי) דאס זיין דורכאויס פערשיעדען; דאס זיין גאנץ אונגלייך; דאס זיין פון פערשיעדענע מינים אדער גאטונגען.
We are bosom friends notwithstanding the disparity of our ages.

dispark' *v.* (דיס-פארק') מאכען פאר אויס פארק; פריי מאכען פאר אלעמען; אוועקרייסען דעם צאם.

dispart' *v. and n.* (דיס-פארט') צוטיילען, פאנאנדערטיילען; שפאלטען, צורייסען: אויפרייסען: בעצייכענען דעם ציעלפונקט פון א קאנאנע: דער צייכען ביים ציעלען זיך. ז. *dispart-sight*.

dispart'-sight *n.* (דיס-פארט'-סאיט) דער צייכען פון אן הארמאט אדער ביקס וואו מען קוקט, ווען מען ציעלט זיך ביים שיסען.

dispas'sionate *a.* (דיס-פעש'-אנ-אייט) רוהיג, געלאסען: ניט ליידענשאפטליך; קאלטבלוטיג, מיושב'דיג.

dispas'sionately *adv.* (דיס-פעש'-אנ-אייט-לי) ניט ליידענשאפטליך; רוהיג, געלאסען, מיושב'דיג; קאלטבלוטיג.

dispas'sioned *a.* (דיס-פעש'-אנד) ז. *dispassionate*.

dispatch' *v.* (דיס-פעטש') ז. *despatch*.

dispatch'er *n.* (דיס-פעטש'-ער) ז. *despatcher*.

dis'pathy *n.* (דיס'-פע-טהי) דער מאנגעל אין סימפאטיע.

dispau'per *v.* (דיס-פאה'-פער) אבנעהמען דאס רעכט צו בעקומען צדקה; ערקלערען פאר אויס ארימאן.

dispau'perize *v.* (דיס-פאה'-פער-איז) בעפרייען פון קבצנים אדער בעטלער.

dispeace' *n.* (דיס-פיעס') שטרייטינקייט.

dispel' *v.* (דיס-פעל') פאנאנדערטרייבען, אוועקטרייבען, צושטרייען.

dispel'ler *n.* (דיס-פעל'-ער) א פערטרייבער, א צושטרייער.
The sun is the dispeller of darkness.

dispensabil'ity *n.* (דיס-פענ-סע-ביל'-אי-טי) דאס קענען אויסגעטיילט אדער פאנאנדערגעטיילט ווערען; דאס קענען פערשפרייטען אדער פערטיילען; דאס קענען אנווענדען די מאכט פון געזעץ; דאס קענען בעפרייט ווערען פון א התחיבות; דאס קענען ענטשולדיגט ווערען; דאס קענען אויסגעלאזען ווערען [ווי א זאך אהן וועלכער מען קען זיך בעגעהן].

dispen'sable *a.* (דיס-פענ'-סעבל) וואס קען פערטיילט אדער פאנאנדערגעגעבען ווערען; וואס מען קען אויסלאזען, אהן וואס מען קען זיך בעגעהן; וואס קען ענטשולדיגט ווערען, וואס קען בעפרייט ווערען פון א התחיבות.

dispen'sableness *n.* (דיס-פענ'-סעבל-נעס) ז. *dispensability*.

dispen'sary *n.* (דיס-פענ'-סע-רי) א פרייע אפטייק; א קליניק וואו מען בעהאנדעלט קראנקע אומזיסט.

dispensa'tion *n.* (דיס-פענ-סיי'-שאן) דאס פאנאנדערגעבען, די אויסטיילונג; דאס וואס איז געגעבען געווארען במתנה פון א העכערער מאכט; די פערטיילונג פון ברכות דורך גאט; אין דער קריסטליכער טעאלאגיע — דער אופן ווי אזוי גאט האט זיך אין בעשטימטע צייטען ענטפלעקט צו מענשען און האט ארויסגעוויזען זיין גנאד ווי אויך זיינע ציעלען און פאדערונגען דורך דער תורה וואס ער האט צו יענער צייט געגעבען; דיספענסאציאן; דאס מתיר זיין איבערצוטרעטען א געוויסען דין אין דער רעליגיאן; די ערלויבניש איבערצוטרעטען א געזעץ.

dispensa'tion of Prov'idence (דיס-פענ-סיי'-שאן אוו פראוו'-אי-דענס) גאט'ס וועגען [דרכי ההשגחה].

dispen'sative *a.* (דיס-פענ'-סע-טיוו) וואס ערלויבט איבערצוטרעטען א געזעץ; וואס איז מתיר עובר צו זיין אויף א געוויסען דין פון דער רעליגיאן.

dispen'satively *adv.* (דיס-פענ'-סע-טיוו-לי) דורך ערלויבניש איבערצוטרעטען א געזעץ, דורך מתיר זיין.

dis'pensator *n.* (דיס'-פענ-סע-טאר) אן אויסטיילער, ארויסגעבער.

dispen'satorily *adv.* (דיס-פענ'-סע-טא-רי-לי) דורך פאנאנדערגעבונג; דורך אויסטיילונג.

dispen'satory *n. and a.* (דיס-פענ'-סע-טא-רי) וואס קען געבען ערלויבניס; א פארמאקאפייע אדער רעצעפטען-בוך [א בוך, וואו עס ווערט ערקלערט ווי אזוי צו מאכען פערשיעדענע רפואות].

dispense' *v.* (דיס-פענס') אויסטיילען, פאנאנדערטיילען, פאנאנדערגעבען; אנווענדען [די מאכט פון געזעץ]; בעפרייען פון א התחיבות, געבען אן ערלויבניס איבערצוטרעטען ט געוויסען געזעץ.

dispen'ser *n.* (דיס-פענ'-סער) אן אויסטיילער, א פאנאנדערגעבער.

dispense' with (דיס-פענס' הוויטה) בעזייטיגען, אויפגעבען [א פאדערונג פון געזעץ אדער מנהג]; זיך בעגעהן [אהן עפעס].

dispen'sing *a.* (דיס-פענ'-סינג) וואס איז שייך צו אן ערלויבניס איבערצוטרעטען א געזעץ אדער התחיבות; וואס טיילט אויס, וואס גיט פאנאנדער.

dispeo'ple *v.* (דיס-פיע'פל) אויסראטען די בעפעלקערונג.

dispeo'pler *n.* (דיס-פיע'-פלער) איינער וואס ראטעט אויס די בעפעלקערונג.

disper'matous *a.* (דאי-ספויר'-מע-טאס) ז. *dispermous*.

disper'mous *a.* (דאי-ספויר'-מאס) וואס האט נור צוויי זאמען-קערנער [וועגען געוויסע פרוכטען].

disper'sal *n.* (דיס-פויר'-סעל) די צושפרייטונג, די צושטרייאונג, די צוזייאונג. ז. *dispersion*.

disperse' *v.* (דיס-פוירס') צושטרייען, צוזייען, צושפרייטען: זיך צושטרייען, פאנאנדערגעהן.

dispersed' *a.* (דיס-פוירסט') צוזייט, צושפרייט, צושטרייט.

disper'sedly *adv.* (דיס-פויר'-סעד-לי) צוזייט און צושפרייט; אויף א צושפרייטען אופן.

disper'sedness *n.* (דיס-פויר'-סעד-נעס) דאס זיין צוזייט און צושפרייט.

disper'ser *n.* (דיס-פויר'-סער) איינער אדער עטוואס וואס פערשפרייט.

disper'sing lens (דיס-פויר'-סינג לענז) א לינזענפערמיג גלאז, וואס צושפרייט ליכט-שטראהלען.

disper'sion *n.* (דיס-פויר'-שאן) די צוזייאונג, צושפרייטונג; די צושטרייאונג; דאס זיין צוזייט און צושפרייט [ווי די אידען אין גלות]; די צושטרייאונג פון ליכט-שטראהלען.

disper'sive *a.* (דיס-פויר'-סיוו) צושטרייענד, צוזייענד, צושפרייטענד.

disper'sively *adv.* (דיס-פויר'-סיוו-לי) אויף א צושפרייטענדען אופן; דורך צושטרייאונג אדער צושפרייטונג.

disper'siveness *n.* (דיס-פויר'-סיוו-נעס) דאס צושטרייען, דאס צושפרייטען; דאס זיין צוזייט און צושפרייט.

dispir'it *v.* (דיס-פיר'-איט) ענטמוטיגען, אראבשלאגען פון מוטה.

dispir'ited *a.* (דיס-פיר'-אי-טעד) ענטמוטיגט, אראבגעשלאגען פון מוטה.

dispir'itedly *adv.* (דיס-פיר'-אי-טעד-לי) אויף אן ענטמוטיגטען אופן; אראבגעשלאגען פון מוטה.

dispir'itedness *n.* (דיס-פיר'-אי-טעד-נעס) מוטלאזיגקייט.

dispir'itment *n.* (דיס-פיר'-איט-מענט) ענטמוטיגונג, דאס ענטמוטיגען; מוטלאזיגקייט.

displace' *v.* (דיס-פלייס') אוועקנעהמען פון ארט; איבערלעגען פון פריהערדיגען ארט אויף אן אנדער ארט; אראבזעצען אדער ארויסזעצען פון אן אמט; צושטערען; פערנעהמען דעם פלאץ [פון אימעצען אדער פון עטוואס].

displace'able *a.* (דיס-פלייס'-עבל) וואס קען אוועקגענומען ווערען פון ארט; וואס קען איבערגעלעגט ווערען פון פריהערדיגען ארט אין אן אנדער ארט; וואס קען אראבגעזעצט אדער ארויסגעזעצט ווערען פון אמט.

displaced' *a.* (דיס-פלייסט') איבערגעפיהרט פון פריהערדיגען ארט צו א צווייטען; ענטזאגט פון א רעגימענט מיט דער ערלויבניש אריינצוטרעטען אין אן אנדער מיליטערישע אבטיילונג [וועגען אפיציערען].

displace'ment *n.* (דיס-פלייס'-מענט) דאס אוועקנעהמען פון ארט; דאס איבערלעגען אדער איבערפיהרען פון פריהערדיגען ארט אין אן אנדער ארט; דאס אראבזעצען פון אמט; דאס איבערפיהרען צו אן אנדער אמט; דאס אוועקשטעלען אויף'ן פלאץ פון אן אנדערען אדער פון עפעס אנדערש; די מאס פליסיגקייט וואס ווערט פערדרענגט פון א פעסטען קערפער, ווען ער ווערט אריינגעלעגט אין איהר.

displace'ment of funds (דיס-

פליים'-מענט אוו פאנדז) דאס פערוועגדען א פאנד צו אנדערע צוועקען ווי די, פאר וועלכע ער איז אוועקגעלעגט געוואָרען.

displa'cer *n.* (דים-פליי'-סער) איינער וואס נעהמט אוועק פון ארט, איינער וואס לעגט אדער פיהרט איבער פון פריהערדיגען ארט צו אן אנדערען; איינער וואס זעצט אראב פון אמט.

displant' *v.* (דים-פלענט') אויסווארצלען; איבערזעצען אדער איבערפלאנצען אין אן אנדער ארט.

displanta'tion *n.* (דים-פלען-טיי'-שאן) דאס איבערפלאנצען, דאס איבערזעצען פון איין ארט אויף א צווייטען.

display' *n. and v.* (דים-פליי') אויסשטעלען, אויסלעגען [צום זעהן אדער צו פערקויפען]; ארויסשטעלען, ארויסווייזען; מאכען עס זאל זיך ווארפען אין די אויגען; אן אויסשטעלונג; דאס אויסלעגען אדער פאנאנדערלעגען צום זעהן.

display' cour'age (דים-פליי' קאר'-עדזש) ארויסווייזען מוטה אדער העלדישקייט.

The firemen displayed courage in fighting the flames

displayed' *a.* (דים-פלייד') אויסגעשטעלט, אויסגעלעגט [צום זעהן]; געדרוקט מיט א גרעסערער שריפט, אז עס זאל זיך ווארפען אין די אויגען; מיט פליגלען אויסגעשטרעקט אין דער הויך [וועגען פויגלען וואס ווערען געצייכענט אויף א הערב].

display'er *n.* (דים-פליי'-ער) א! אויסשטעלער, א פאנאנדערלעגער.

display'-let'ter *n.* (דים-פליי-לעט'-ער) ז. *display-type*

display'-stand *n.* (דים-פליי'-סטענד) א פאליצע אדער אנדער פארריכטונג, אויף וועלכער מען מאכט אן אויסשטעלונג פון ווארע אין א פענסטער פון א קראם אדער אין דער קראם גופא.

display' the flag (דים-פליי' טהי פלעג) אויפהענגען, פאנאנדערוויקלען דעם פלאג.

display'-type *n.* (דים-פליי'-טאיפ) א גרעסערע אדער פעטערע שריפט, וואס ווארפט זיך אין די אויגען [וועגען דרוקשריפטען, וואו איינינע זעצע ווערען געדרוקט מיט א גרעסערער אדער פעטערער שריפט כדי צו ציהען די אויפמערקזאמקייט פון לעזער].

displease' *v.* (דים-פליעז') אונצופריעדען מאכען; מאכען אונאנגענעהם.

Children should not displease their parents.

displea'sedly *adv.* (דים-פליע'-זעד-לי) אויף אן אונצופריעדען-מאכענדען אדער אונאנגענעהם-מאכענדען אופן.

displea'sedness *n.* (דים-פליע'-זעד-נעס) אונצופריעדענהייט; אונאנגענעהמליכקייט.

displea'ser *n.* (דים-פליע'-זער) איינער וואס מאכט אונצופריעדען אדער אונאנגענעהם.

displea'sing *a.* (דים-פליע'-זינג) אונאנגענעהם, אונצופריעדען.

displea'singly *adv.* (דים-פליע'-זינג-לי) אויף אן אונאנגענעהמען אופן; אונאנגענעהם אדער אונצופריעדען.

displea'singness *n.* (דים-פליע'-זינג-נעס) אונאנגענעהמליכקייט.

displeas'urable *a.* (דים-פלעזש'-אור-עבל) אונאנגענעהם; וואס רופט ארויס אונצופריעדענהייט, פערדרוס, ערגערניס אדער צארן.

displeas'ure *n.* (דים-פלעזש'-אור) אונצופריעדענהייט; פערדרוס, ערגערניס, צארן.

displume' *v.* (דים-פלום') ארונטערייסען די פעדערען, ארונטעררייסען די עפאלעטען, מאכען פאר אוים פריץ.

dispone' *v.* (דים-פאון') געזעצליך איבערטראגען פערמעגען צו אן אנדערען.

disponee' *n.* (דים-פא-ניע') איינער צו וועמען אייגענטום ווערט געזעצליך איבערגעטראגען.

dispo'ner *n.* (דים-פאו'-נער) א פערזאן וואס טראגט געזעצליך איבער זיין פערמעגען צו אן אנדערען.

disport' *n. and v.* (דים-פאורט') צייט-פערטרייב, שפיעל; פערטרייבען די צייט, שפיעלען.

The children put on their bathing suits and disported themselves on the beach.

dispo'sable *a.* (דים-פאו'-זעבל) וואס מען קען זיך בענוצען דערמיט, וואס מען קען געברויכען, פערוועגדען אדער אנווענדען; וואס מען קען קאנטראלירען, רעגולירען אדער פערוואלטען; וואס מען קען איינארדנען אדער בעשטימען; וואס מען קען האבען א דעה דארויף:

dispo'sal *n.* (דים-פאו'-זעל) א דעה; איינריכטונג; איינארדנונג, אנווענדונג; פערוועגדונג; בעשטימונג; די מאכט אדער דאס רעכט עטוואס צו געברויכען, אנווענדען, קאנטראלירען אדער פערוואלטען.

dispose' *v.* (דים-פאוז') האבען א דעה אדער א מאכט; איינריכטען; איינארדנען, אנווענדען, פערוועגדען, געברויכען; בעשטימען, צופאסען; מאכען גענייגט.

disposed' *a.* (דים-פאוזד') 1. גענייגט, געשטימט; זיך געפינענדיג אין א געוויסען געמיטס-צושטאנד אדער געזונדהייטס-צושטאנד; 2. בעזיצענדיג א בעשטימטע נאטירליכע אנלאגע, נייגונג אדער כאראקטער.

1. He is well disposed towards our plans.

dispo'sedly *adv.* (דים-פאו'-זעד-לי) ריכטיג, אין ארדנונג; אזוי ווי עס פאסט.

dispo'sedness *n.* (דים-פאו'-זעד-נעס) נייגונג, אויפגעלעגטקייט.

dispose' of (דים-פאוז' אוו) ווערען כריי פון עטוואס, פטור ווערען; בעזארגען; געברויכען, פערוועגדען; האבען די מאכט אדער די דעה איבער עטוואס.

dispose' of a daugh'ter (דים-פאוז' אוו ע דאה'-טער) אויסגעבען א טאכטער.

dispose' of a house (דים-פאוז' אוו ע האוס) פטור ווערען פון א הויז; פערדינגען אדער בערקויפען א הויז.

dispo'ser *n.* (דים-פאו'-זער) איינער וואס האט די מאכט אדער די דעה איבער עטוואס; איינער וואס ריכטעט, ארדענט איין, פערוואלטעט, בעשטימט, טיילט אוים אדער בעשענקט.

dispo'sing *n. and a.* (דים-פאו'-זינג) בעשטימונג, בעפעהל, איינארדנונג; בעשטימענדיג, איינארדנענדיג, האבענדיג די מאכט אדער די דעה איבער עטוואס, פערוואלטענדיג, געברויכענדיג, פערוועגדענדיג.

dispo'singly *adv.* (דים-פאו'-זינג-לי) בעשטימענדיג; איינארדנענדיג, האבענדיג די מאכט אדער די דעה; פערוואלטענדיג, געברויכענדיג, פערוועגדענדיג.

disposi'tion *n.* (דים-פא-זיש'-אן) איינארדנונג; איינריכטונג; געברויך; פערוועגדונג; אנווענדונג; בעפעהל; בעשטימונג; פערוואלטונג; קאנטראלירונג; כאראקטער; אנלאגע; נייגונג; שטימונג; אויפגעלעגטקייט; געמיטס-צושטאנד; געזונדהייטס-צושטאנד; אויסשטאטונג; טאשען-געלד, געלד אויף הוצאה.

disposi'tional *a.* (דים-פא-זיש'-אנ-על) וואס איז שייך צו איינארדנונג, איינריכטונג, געברויך, פערוועגדונג אדער פערוואלטונג; וואס איז שייך צו נייגונג, כאראקטער, שטימונג, געמיטס-צושטאנד אדער געזונדהייטס-צושטאנד.

dispossess' *v.* (דים-פא-זעס') בערויבען פון בעזיץ פון עפעס; ארויסטרייבען פון לאנד, צונעהמען לאנד-בעזיץ; פערטרייבען פון א וואהנונגס-ארט; ארויסווארפען פון א וואהנונגס-ארט; בעפרייען פון א דבוק.

dispossessed' *a.* (דים-פא-זעסט') בערויבט פון בעזיץ פון עפעס [הויפטזעכליך פון לאנד-בעזיץ]; פערטריבען פון א וואהנונגס-ארט; ארויסגעווארפען פון א וואהנונג; בעפרייט פון א דבוק.

dispossess'sion *n.* (דים-פא-זעש'-אן) די בערויבונג פון דעם בעזיץ פון עפעס; די ארויסזעצונג פון א וואהנונג; דאס ארויסטרייבען פון א דבוק.

dispossess' of an er'ror (דים-פא-זעס' אוו ען ער'-אר) אויפווייזען א טעות.

dispossess'or *n.* (דים-פא-זעס'-אר) איינער וואס בערויבט פון בעזיץ; איינער וואס ווארפט ארוים פון א וואהנונג.

dispossess' proceed'ings (דים-פא-זעס' פרא-סיעד'-אינגז) געריכטליכע פערהאנדלונגען וועגען ארויסווארפען א שכן פון א וואהנונג.

dispossess' war'rant (דים-פא-זעס' הוואר'-ענט) א געריכטליכע פאלמאכט ארויסצואווארפען א שכן פון א וואהנונג.

dispraise' *n. and v.* (דים-פרייז') טאדלען; טאדעל.

disprai'ser *n.* (דים-פריי'-זער) א טאדלער.

dispread' *v.* (דים-פרעד') פערשפרייטען, פערברייטען; זיך פערשפרייטען.

disprince' *v.* (דים-פרינס') מאכען אוים פירסט [אין טיטעל אדער אויסזעהן].

dispris'on *v.* (דים-פריז'ן) בעפרייען [פון תפיסה].

dispriv'ilege *v.* (דים-פריוו'-אי-לעדזש) צונעהמען די ספעציעלע רעכטע אדער פריווילעגיעס.

disprize' *v.* (דים-פראיז') ארונטערווארפען פון ווערדע, אונטערשעצען.

disprof'it *n.* (דים-פראפ'-אים) שאדען, פערלוסט.

disproof' *n.* (דים-פרוהף') ווידערלעגונג, דאס בעווייזען, אז עטוואס איז ניט ריכטיג.

dispropor'tion *n. and v.* (דים-פרא-פאור'-שאן) דאס זיין ניט פראפארציאנעל, פערהעלטניסמעסיג [לפי ערך] ניט גלייך, ניט סימעטריש אדער ניט צוגעפאסט; מאכען ניט צוגעפאסט, ניט פראפארציאנעל, פערהעלטניסמעסיג ניט גלייך אדער ניט סימעטריש.

dispropor'tionable *a.* (דים-פרא-פאור'-שאן-עבל) ניט פראפארציאנעל, פערהעלטניסמעסיג [לפי ערך] ניט גלייך, ניט סימעטריש, ניט צוגעפאסט.

dispropor'tionableness *n.* (דים-פרא-פאור'-שאן-עבל-נעס) דאס זיין ניט פראפארציאנעל, פערהעלטניסמעסיג ניט גלייך, ניט סימעטריש אדער ניט צוגעפאסט.

dispropor'tionably *adv.* (דים-פרא-פאור'-שאן-ע-בלי) אויף א ניט פראפאר-

ציאנעלען, פערהעלטניסמעסיג ניט גלייכען, ניט סימעטרישען אדער ניט צוגעפאסטען אופן.

dispropor'tional *a.* (דיס-פרא-פאור'-שאנ-על) ז. ***disproportionable***

disproportional'ity *n.* (דיס-פרא-פאור-שאנ-על'-אי-טי) ז. ***disproportionableness***

dispropor'tionally *adv.* (דיס-פרא-פאור'-שאנ-על-אי) ניט פראפארציאנעל, ניט סימעטריש, פערהעלטניסמעסיג ניט גלייך, ניט צוגעפאסט, ניט גלייך, אונבעקוועם.

dispropor'tionate *a.* (דיס-פרא-פאור'-שאנ-אייט) ניט פראפארציאנעל, פערהעלטניסמעסיג ניט גלייך, ניט סימעטריש, פערהעלטניסמעסיג ניט גלייך אין די טיילען אדער בעציהונגען.

dispropor'tionately *adv.* (דיס-פרא-פאור'-שאנ-אייט-לי) אויף א ניט פראפארציאנעלען, ניט סימעטרישען, פערהעלטניסמעסיג ניט גלייכען אדער ניט צוגעפאסטען אופן; צו פיעל אדער צו וועניג.

dispropor'tionateness *n.* (דיס-פרא-פאור'-שאנ-אייט-נעס) ז. ***disproportionableness***

dispropor'tioned *a.* (דיס-פרא-פאור'-שאנד) ז. ***disproportionate***

dispro'vable *a.* (דיס-פרוה'-וועבל) וואס קען ווידערלעגט ווערען, וואס מען קען בעווייזען די ניט ריכטיגקייט דערפון.

dispro'val *n.* (דיס-פרוה'-וועל) ז. ***disproof***

disprove' *v.* (דיס-פרוהוו') ווידערלעגען, בעווייזען, אז עטוואס איז ניט ריכטיג.

disprove'able *a.* (דיס-פרוהוו'-עבל) ז. ***disprovable***

disputabil'ity *n.* (דיס-פיו-טע-ביל'-אי-טי) בעשטרייטבארקייט.

dispu'table *a.* (דיס-פיו'-טעבל) שטרייטיג, בעשטרייטבאר; וואס מען קען וועגען דעם דיספוטירען, דעבאטירען, פאלעמיזירען אדער האבען א ויכוח; וואס מען קען בעשטרייטען אדער אבפרעגען.

dispu'tableness *n.* (דיס-פיו'-טעבל-נעס) ז. ***disputability***

dis'putant *n.* (דיס'-פיו-טענט) א דיספוטאנט, א דעבאטאנט; א פאלעמיקער; איינער וואס שטרייט אב איינעמס בעהויפטונגען; איינער וואס האט א ויכוח, דיספוטירט, דעבאטירט אדער פאלעמיזירט.

disputa'tion *n.* (דיס-פיו-טיי'-שאן) א דיספוט, א דעבאטע, א ויכוח.

disputa'tious *a.* (דיס-פיו-טיי'-שאס) וואס איז שייך צו א דיספוט אדער ויכוח; וואס האט ליעב צו דיספוטירען אדער צו בעשטרייטען א צווייטענס בעהויפטונגען; פאלעמיש, שטרייטיג.

disputa'tiously *adv.* (דיס-פיו-טיי'-שאס-לי) שטרייטיג; אויף א פאלעמישען שטייגער; דורך בעשטרייטען איינעמס בעהויפטונגען.

dispu'tative *a.* (דיס-פיו'-טיי-טיוו) ז. ***disputatious***

dispu'tative sci'ence (דיס-פיו'-טיי-טיוו סאי'-ענס) לאגיק [די וויסענשאפט וועגען די געזעצען פון דענקען].

dispute' *n. and v.* (דיס-פיוט') 1. שטרייטען; בעשטרייטען, האבען א ויכוח; דעבאטירען, פאלעמיזירען, זיך קריגען; אבפרעגען; זיין געגען; 2. צווייפלען; 3. א דיספוט, א ויכוח, א דעבאטע, א פאלעמיק, א שטרייט, א קריעג.

2. His claim for wages was disputed.

dispu'ter *n.* (דיס פיו'-טער) ז. ***disputant***

dispute' the ground (דיס-פיוט' טהי גראונד) קעמפפען אום אנצוהאלטען דאס שלאכטפעלד.

disqualifica'tion *n.* (דיס-קהוואל-אי-פי קיי'-שאן) אונפעהיגקייט; דאס ניט האבען די פערלאנגטע מעלות פאר א געוויסען אמט; דאס מאכען אונפעהיג צו עפעס; דאס וואס מאכט אונפעהיג פאר א געוויסע זאך.

disqual'ify *v.* (דיס-קהוואל'-אי-פאי) מאכען אונפעהיג צו עפעס.

disqui'et *n. and v.* (דיס-קהוואי'-עט) בעאונרוהיגען; אונרוהע, זארג.

disqui'eting *a.* (דיס-קהוואי'-ע-טינג) בעאונרוהיגענד.

Disquieting rumors reach us from home.

disqui'etness *n.* (דיס-קהוואי'-עט-נעס) אונרוהיגקייט.

disqui'etude *n.* (דיס-קהוואי'-ע-טיוד) אונרוהע, זארג.

disquisi'tion *n.* (דיס-קהווי-זיש'-אן) די אונטערזוכונג, די נאכפארשונג.

disquisi'tional *a.* (דיס-קהווי-זיש'-אנ-על) וואס געהערט צו אן אונטערזוכונג אדער נאכפארשונג.

disregard' *n. and v.* (דיס-רי-גארד') ניט אכטען, ניט געבען קיין אכטונג, בעטראכטען אלס ניט ווירדיג; פערנאכלעסיגען; פעראכטונג; גלייכגילטיגקייט.

disregar'der *n.* (דיס-רי-גאר'-דער) דער גרינגשעצער; דער וואס פעראכטעט.

disregard'ful *a.* (דיס-רי-גארד'-פול) פול מיט פעראכטונג; נאכלעסיג; זארגלאז וועגען עפעס.

disregard'fully *adv.* (דיס-רי-גארד'-פול-אי) מיט פולער פעראכטונג; אויף א פעראכטליכען אדער נאכלעסיגען שטייגער.

disrel'ish *n. and v.* (דיס-רעל'-איש) ניט האבען קיין געשמאק פאר עפעס, פיהלען אן עקעל; אן עקעל, א ווידערווילען.

disrel'ishing *a.* (דיס-רעל'-איש-אינג) וואס רופט ארויס אן עקעל אדער ווידערווילען.

disrepair' *n.* (דיס-רי-פעהר') דאס זיין ניט אויסגעבעסערט אדער פערריכט; דער צושטאנד פון א זאך ווען עס פאדערט זיך זי צו פערריכטען.

disrep'utable *a.* (דיס-רעפ'-יו-טייבל) וואס האט ניט קיין גוטען נאמען; וואס מאכט א שלעכטע רעפוטאציע.

disrep'utably *adv.* (דיס-רעפ'-יו-טע-בלי) דורך מאכען א שלעכטען נאמען.

disrepute' *n.* (דיס-רי-פיוט') א שלעכטער נאמען, א מיאוס'ע רעפוטאציע; שאנדע, חרפה.

Among his acquaintances he is held in disrepute.

drop by drop (דראפ באי דראפ) טראפענווייז, לאנגזאם, שטופענווייז.

drop'-curls *n.* (דראפ'-קוירלז) לאקען, וואס הייננען אראב ביי די שלייפען.

drop'-cur'tain *n.* (דראפ'-קויר'-טען) דער טעאטער פארהאנג, וואס לאזט זיך ארונטער אין מיטען דעם אקט, ווען מען דארף ענדערען די סצענע [די פארשטעלונג נעהט דערביי אן].

drop down (דראפ דאון) פאלען; פאלען טויט; פאהרען אויף'ן טייך מיט'ן שטראם.

drop'-down *a.* (דראפ'-דאון) מוטלאז, נידערגעשלאגען.

drop'-drill *n.* (דראפ'-דריל) אן ערד-ארבייט-מאשין, וואס צוווארפט איבער'ן פעלד אין איין און דערזעלבער צייט אי די זאמען אי דעם בעמיסטיגונגס-שטאף.

drop'-dry *a.* (דראפ'-דראי) וואסערדיכט [וואס לאזט נים דורך קיין וואסער].

drop forth (דראפ פאורטה) ארויסבריינגען, פראדוצירען.

drop from the clouds (דראפ פראם טהי קלאודז) אראבפאלען ווי פון הימעל [קומען אונערווארטעט].

drop'-glass *n.* (דראפ'-גלעס) א שפריצער, מיט וועלכען מען לאזט אריין טראפען אין די אויגען.

drop in (דראפ אין) אריינגיסען טראפען אדער טראפענווייז; אריינפאלען, קומען אונערווארטעט אדער צופעליגערווייזע.

drop in'to the port (דראפ אינ'-טו טהי פאורט) אריינקומען אין האפען [וועגען א שיף].

drop'let *n.* (דראפ'-לעט) א טראפענדעל.

drop'-let'ter *n.* (דראפ'-לעט'-ער) א שטאדט-בריעף; א בריעף, וואס ווערט צוגעשטעלט פון דערזעלבער פאסט-סטאנציע, וואו מען גיט איהם אריין.

drop'-light *n.* (דראפ'-לאיט) א טיש-לאמפ [פון גאז אדער עלעקטריציטעט].

drop of com'fort (דראפ אוו קאמ'-פארט) א גלעזעל משקה.

drop off (דראפ אף) זיך שיידען, פערשווינדען; פלוצלונג איינשלאפען.

drop out (דראפ אוט) זיך צוריקציהען, ארויסטרעטען, אונבעמערקט פערשווינדען.

drop'per *n.* (דראפ'-ער) א שפריצער; אזא שנייד-מאשין פאר תבואות.

drop'ping *n.* (דראפ'-אינג) דאס טריפען; דאס פאלען; עטוואס וואס פאלט אדער טריפט; מיסט, צאה [הויפטזעכליך פון פויגעל].

drop'-roll'er *n.* (דראפ'-ראול'-ער) אין דרוקעריי — א וואל, וואס רעגולירט די בעוועגונג פון דעם פאפיער אדער דעם צופלוס פון טינט אויף דער דרוק-מאשין.

drops *n.* (דראפס) טראפענס [אלס הייל מיטעל]; אויערריינגלעך; גלעזערנע קריסטאלכלעך אויף הייגגלייכטער; צוקערקעס.

drop'-scene *n.* (דראפ'-סיען) ז. *drop-curtain*.

drop'-shut'ter *n.* (דראפ'-שאט'-ער) א פארריכטונג אין א פאטאגראפישען אפאראט שנעל צו פערדעקען די עפענונג, דורך וועלכער דאס ליכט ווירקט אויף דער פאטאגראפישער פלאטע.

drop'sical *a.* (דראפ'-סי-קעל) וואס איז שייך אדער וואס איז געניינט צו וואסערזוכט; וואס ליידט פון וואסערזוכט [אזא קראנקהייט וואס בעשטעהט אין דעם, וואס א וואסערדיגע פליסיגקייט זאמעלט זיך אן אין געוויסע טיילען פון קערפער].

drop'sicalness *n.* (דראפ'-סי-קעל-נעס) דאס קראנק זיין אויף וואסערזוכט [א קראנקהייט, וואס בעשטעהט אין דעם וואס א וואסערדיגע פליסיגקייט זאמעלט זיך אן אין געוויסע טיילען פון קערפער].

drop'sied *a.* (דראפ'-סיד) קראנק אויף וואסערזוכט; געשוואלען; ענטצינדעט. ז. *dropsy*.

drop'sy *n.* (דראפ'-סי) די וואסערזוכט [א קראנקהייט וואס בעשטעהט אין דעם, וואס א וואסערדיגע פליסיגקייט זאמעלט זיך אן אין געוויסע טיילען פון קערפער].

drop'-ta'ble *n.* (דראפ'-טייבל) א מאשין, מיט וועלכער מען לאזט ארונטער משאות; א מאשין, מיט וועלכער מען נעהמט אראב די רעדער פון א לאקאמאטיוו.

drop the cur'tain (דראפ טהי קויר'-טען) אראבלאזען דעם פארהאנג [אין טעאטער]; א סוף מאכען.

drop'-the-hand'kerchief *n.* (דראפ'-טהי-הענ'-קויר-טשיף) א קינדער-שפיעל, וועלכע בעשטעהט אין דעם, וואס איינער פון די שפיעלענדע נעהט ארום דעם קרייז פון די שפיעלענדע, ווארפט איינעם אונטער זיין טיכעל און סטארעט זיך אריינצוכאפען זיך אין דעם ריגג איידער יענער בעמערקט דאס טיכעל און לאזט זיך איהם נאכלויפען [אפטמאל לויפען ביידע ארום דעם רינג און יעדער סטארעט זיך פריהער צו קומען צום פלאץ און איהם פערכאפען].

drop through (דראפ טהרוה) פערזינקען אין פערגעסענהייט.

drosch'ka *n.* (דראש'-קע) א דראשקע, א לייכטער רוסישער וועגעל.

drosh'ky *n.* (דראש'-קי) ז. *droschka*

dros'ky *n.* (דראס'-קי) ז. *droschka*

drosom'eter *n.* (דרא-סאמ'-ע-טער) א טהוי-מעסטער [אן אינסטרומענט צום בעשטימען וויפיעל טהוי עס געפינט זיך אויף א בעטהויטער זאך].

dross *n. and v.* (דראס) שוים; אבגעשטאנענעס [אין פליסיגקייטען]; פסולת; אבשוימען, אבטיילען די פסולת.

dross'iness *n.* (דראס'-אי-נעס) דאס זיין פול מיט פסולת; דאס זיין אונריין.

dross'less *a.* (דראס'-לעס) אהן פסולת, ריין.

dross'y *a.* (דראס'-אי) שוימיג; פסולתדיג; אונריין.

drought *n.* (דראוט) טרוקענעס וועטער; טרוקענקייט; דארשט; מאנגעל.

drough'tiness *n.* (דראו'-טי-נעס) טרוקענקייט, אויסדארונג, דארשטיגקייט.

drough'ty *a.* (דראו'-טי) טרוקען, דארשטיג.

drove *n. and v.* (דראוו) א הערדע, א סטאדע [אין בעוועגונג]; א מחנה, א צונויפלויף; א וועג, אויף וועלכען עס געהן סטאדעס; א קליינער וואסער-קאנאל, וואס ווערט בענוצט ביי קינסטליכער בעוואסערונג פון פעלדער; א דלאט; ארומשלאגען מיט א דלאט [וועגען שטיינער]; געטריבען, געיאגט. ז. *drive*

dro'ver *n.* (דראו'-ווער) א פיה-טרייבער, א פיה-הענדלער.

dro'ving *n.* (דראו'-ווינג) דער פיה-האנדעל, דאס האקען שטיינער.

drown *v.* (דראון) דערטרינקען, דערטרונקען ווערען, פערזינקען; פערפלייצען; פערניכטען.

drown care in drink (דראון קעהר אין דרינק) פערטרינקען [פער'שכור'ען] די צרות.

drowned in debts (דראונד אין דעטס) פערטרונקען אין חובות.

drow'ner *n.* (דראו'-נער) איינער אדער עטוואס וואס דערטרינקט אדער פערניכטעט.

drow'ning *n.* (דראו'-נינג) דאס דערטרינקען; דאס דערטרונקען ווערען.

drown out (דראון אוט) ארויסשווייגקען, צווינגען ארויסצוקומען, ארויסטרייבען דורך פערפלייצונג.

drown the mill'er (דראון טהי מיל'-ער) צופיעל וואסער גיסען אין דעם גראג.

drowse *v. and n.* (דראוז) זיין שלעפריג, דרעמלען; זיין אדער אויסזעהן טעמפ, מאט אדער שווער; שלעפריגקייט; א דרעמלענדער צושטאנד.

drowsed *a.* (דראוזד) שלעפריג, שווער, מאט, טעמפ.

drow'sihead *n.* (דראו'-זי-העד) שלעפריגקייט.

drow'sily *adv.* (דראו'-זי-לי) מיט פערשלאפענקייט; מיט שווערקייט; אויף א טעמפען אדער פוילען שטייגער.

drow'siness *n.* (דראו'-זי-נעס) שלעפריגקייט, פוילקייט.

drow'sy *a.* (דראו'-זי) שלעפריג, וואס שלעפערט איין; טעמפ.

drow'syhead *n.* (דראו'-זי-הער) ז. *drowsihead*

drow'sy-head'ed *a.* (דראו' זי העד'-עד) שלעפֿריג, פֿויל.

drub *v. and n.* (דראב) שלאָגען [הויפּט־זעכליך מיט א שטעקען]; א קלאַפּ [מיט א שטעקען].

drub'ber *n.* (דראב'-ער) א שלעגער.

drub'bing *n.* (דראב'-אינג) דאָס אָנשלאָגען, דאָס דורכקלאַפּען די ביינער.

drudge *v. and n.* (דראדזש) טהאָן גראָבע, מיאוס'ע, שווערע אדער לאַנגווײַליגע ארבייט; ארבייטען שווער און אהן אינטערעס; אַן ארבייטער [הויפּטזעכליך אַזעלכער וואָס ארבייט אַלס שקלאַף אדער וואָס ארבייט ביי אַן ארבייט, וואָס אינטערעסירט איהם ניט]; איינער וואָס ארבייט אהן אינטערעס; א נעץ; ניט רעקטיפֿירטער בראַנפֿען.

drudge'-horse *n.* (דראדזש'-האָהרס) אַן ארבייטס־פֿערד.

drudg'er *n.* (דראדזש'-ער) אַן ארבייטער, וואָס ארבייט אַלס שקלאַף אדער ביי א שווערער, אונאַנגענעהמער אדער לאַנגווײַליגער ארבייט; איינער וואָס ארבייט אהן אינטערעס; א שטרייער [א פּושקעלע מיט א נעלעכערטען דעקעל]; א צוקערקעס־קעסטעלע.

drudg'ery *n.* (דראדזש'-ער-אי) שווערע, אונאַנגענעהמע, לאַנגווײַליגע, מיאוס'ע אדער שקלאַפֿישע ארבייט.

drudg'ical *a.* (דראדזש'-אי-קעל) וואָס איז שייך צו גראָבער, מיאוס'ער, שווערער, לאַנגווײַליגער אדער אונאַנגענעהמער ארבייט; וואָס איז שייך צו איינעם, וואָס איז בעשעפֿטיגט ביי אַזאַ ארבייט.

drudg'ingly *adv.* (דראדזש'-אינג-לי) מיט מיה, מיט שווערער ארבייט.

drudg'ism *n.* (דראדזש'-איזם) ז. *drudgery*.

drug *n. and v.* (דראַג) אַפּטייקער־וואַארע; הייל־ארטיקלען; כעמישע פּראָדוקטען: בעטויבענדע אדער גיפֿטיגע שטאָפֿען; א זאַך, וואָס האָט מעהר קיין ווערטה ניט [איבערהויפּט אַזאַ, וואָס מען קען ניט פֿערקויפֿען צוליעב איבער־פּראָדוקציאָן]; אויסמישען מיט בעטויבענדע אדער גיפֿטיגע שטאָפֿען [געטרענקע]; איינגעבען צופֿיעל מעדיצין [רפֿואות]; געבען נאַרקאָטישע מיטלען אדער גיפֿט; בעטויבען; אָבטויטען די עמפּפֿינדליכקייט; ארויסרופֿען א ווידערווילען.

drug'ger *n.* (דראַג'-ער) א דאָקטאָר, וואָס פֿערשרייבט צופֿיעל הייל־מיטלען.

drug'gery *n.* (דראַג'-ער-אי) אַן אַפּטייק [אין א הומאָריסטישען זין]; רפֿואות.

drug'get *n.* (דראַג'-עט) [א דראָגעט מין גראָבע, וואָלענע צייג, אַזאַ מין גראָבער, וואָלענער טעפּיך]; אַזאַ זאַרט געשטרייפֿטער וואָלען אדער באַוועל־שטאָף פֿאַר פֿרויען־קליידער.

drug'gist *n.* (דראַג'-איסט) איינער וואָס האַנדעלט מיט אַפּטייקער־וואַארע; אַן אַפּטייקער.

dru'id *n.* (דרוה'-איד) א דרואיד, א פּאַרצייטיגער גלח ביי די אַלטע קעלטען אין פֿראַנקרייך, ענגלאַנד און אירלאַנד [די דרואידען זיינען געווען אי די רעליגיאָנס־לעהרער אי די מאָראַל־היטער אי די ריכטער. זיי האָבען זיך אויך בעשעפֿטיגט מיט כשוף־מאַכעריי. זייערע רעליגיעזע צערעמאָניעס פֿלעגען פֿאָרקומען אין דעמבען־וועלדלעך. דער דעמב איז געווען ביי זיי הייליג. עס ווערט זאָגאַר בעהויפּטעט, אַז דער דעמב איז ביי זיי געווען די פֿערקערפּערונג פֿון דער העכסטער געטליכער מאַכט].

dru'idess *n.* (דרוה'-איד-עס) א פֿאַרצייטיגע בריטישע אדער קעלטישע גלח'טע; א כשוף־מאַכערין.

druid'ic *a.* (דרוה-איד'-איק) וואָס איז שייך צו די דרואידען. ז. *druid*.

druid'ical *a.* (דרוה-איד'-אי-קעל) וואָס איז שייך צו די דרואידען. ז. *druid*.

druid'ical bead (דרוה-איד'-אי-קעל ביעד) דער שלאַנגען־שטיין [אַזאַ קיילעכיגער שטיין, וועגען וועלכען מען גלויבט, אַז ער קען היילען פֿון א שלאַנגען־ביס]. ז. *adder-gem*.

druid'ical cir'cles (דרוה-איד'-אי-קעל סירקלז) קרייזען געבילדעט פֿון גרויסע שטיינער, אין וועלכע, ווי מען דענקט, די פֿאַרצייטיגע דרואידען [א גלחים־קאַסטע אין ענגלאַנד און פֿראַנקרייך] פֿלעגען אָבהאַלטען זייערע רעליגיעזע צערעמאָניעס און וועלכע מען קען נאָך ביז איצט זעהן אין אייניגע געגענדען אין ענגלאַנד.

dru'idish *a.* (דרוה'-איד-איש) וואָס איז שייך אדער וואָס איז עהנליך צו די דרואידען. ז. *druid*.

dru'idism *n.* (דרוה'-איד-איזם) די רעליגיאָן פֿון דער פֿאַרצייטיגער קעלטישער דרואידען־קאַסטע. ז. *druid*.

dru'id's foot (דרוה'-אידז פֿוט) א קמיע אין דער פֿאָרם פֿון א פֿינף־קאַנטיגער פֿיגור [ווערט געברויכט אין אייניגע טיילען פֿון אייראָפּאַ. ווי עס ווערט בעהויפּטעט, שטאַמט די קמיע פֿון די דרואידען]. ז. *druid*.

drum *n. and v.* (דראַם) א פּויק; עטוואָס וואָס איז עהנליך אין אויסזעהן צו א פּויק; א כלי וואָס איז עהנליך צו א פּויק אדער דאָס וואָס געפֿינט זיך אין אַזאַ כלי; דער טימפּאַנום [די אויער־פּויק, די מיטעלסטע טייל פֿון אויער]; א קאָמפּאַניע סאָלדאַטען וואָס מאַרשירט אונטער די קלאַנגען פֿון א פּויק; א פֿערזאַמלונג פֿון געסט; דער פּייקלער־פֿיש [אַזאַ מין פֿיש, וואָס גיבען ארויס קלאַנגען ווי מען וואָלט געפּויקט מיט די פֿינגער אין עפּעס]; א בערגעל; א רייהע בערגלעך; פּויקען; קלאַפּען [ווי דאָס האַרץ, דער פּולס]; צוזאַמענפּויקען, צונויפֿרופֿען; צונויפֿרופֿען רעקרוטען; פֿערזאַמלען; ארייננקריגען קונדען; ארויסטרייבען מיט עפֿענטליכער שאַנדע [פֿון מיליטער].

drum'-call *n.* (דראַמ'-קאָהל) א פּויק־סיגנאַל [אין מיליטער].

drum'fish *n.* (דראַמ'-פֿיש) א פּייקלער־פֿיש [אַזאַ פֿיש וואָס גיט ארויס אַזעלכע קלאַנגען ווי מען וואָלט געפּויקט מיט די פֿינגער איבער עפּעס].

drum'head *n.* (דראַמ'-העד) די פֿעל פֿון דער פּויק; די אויער־פּויק; אַזאַ קרויט וואָס זעהט אויס ווי א פּייקעל.

drum'head court mar'tial (דראַמ'-העד קאָורט מאַר'-שעל) א מיליטערישעס פֿעלד־געריכט.

drum'head tri'al (דראַמ'-העד טראַי'-על) א פּראָצעס פֿאַר א מיליטערישען פֿעלד־געריכט.

drum'-ma'jor *n.* (דראַמ'-מיי'-רזשאָר) דער הויפּט פּויקער [אין אַן ארמעע].

drum'mer *n.* (דראַמ'-ער) א פּויקער, א פּייקלער; א רייזענדער געשעפֿטס־אַגענט.

drum'ming *n.* (דראַמ'-אינג) דאָס פּייקלען; דאָס פֿאַנגען פּייקלער־פֿיש.

Drum'mond light (דראַמ'-אָנד לאַיט) ז. *calcium light*.

drum of the ear (דראַם אָוו טהי איער) דאָס פּויק־הייטעל אין אויער.

drum'-skin *n.* (דראַמ'-סקין) די פֿעל פֿון דער פּויק.

drum'stick *n.* (דראַמ'-סטיק) א פּויק־שטעקעלע; א פֿאָלקע פֿון א געבראָטענעם עוף; א שטראַנדלייפֿער [אַזאַ פֿייגעל מיט לאַנגע, דינע פֿיס, וואָס האַלט זיך ביי די ברעגעס פֿון ים].

Drum-sticks

drum'sticks *n.* (דראַמ'-סטיקס) פּויק־שטעקעלעך; פֿיס; פֿאָלקעס. Some people prefer the drumsticks of a chicken to any other part.

drunk *a. and n.* (דראַנק) בעטרונקען, שכור; דורכנעצט; א שכור.

drunk'ard *n.* (דראַנק'-אַרד) א טרינקער, א שכור, א פּיאַניצע.

drunk as a pi'per (דראַנק עז ע פּאַי'-פּער) שכור ווי א חזיר.

drunk'en *a.* (דראַנקן) בעטרונקען, שכור; וואָס איז איבערגעגעבען צו שכרות; וואָס איז געטהאָן געוואָרען אין א צושטאַנד פֿון שכרות; וואָס וואַקעלט זיך ווי א שכור.

drunk'enness *n.* (דראַנק'נ-נעס) בעטרונקענהייט, שכרות.

drupa'ceous *a.* (דרוה-פּיי'-שיאָס) וואָס טראָגט פֿרוכט מיט ביינדלעך; וואָס געהערט צו פֿרוכט מיט ביינדלעך [ווי קאַרשען].

drupe *n.* (דרוהפּ) א פֿרוכט מיט א ביינדעל [ווי א קאַרש אדער א פֿלוים].

dru'pel *n.* (דרוה'-פּעל) א קלי[illegible] פֿרוכט מיט [illegible]לע ביינדלעך [ווי א שוואַרצע יאַגדע].

drupe'let *n.* (דרוהפּ'-לעט) ז. *drupel*.

druse *n.* (דרוהז) א שפּאַלט אין א פֿעלזענשטיין, וואָס איז אויסגעלעגט מיט קריסטאַלען.

Druse *n.* (דרוהז) א דרוזיער, איינער פֿוי די דרוזען [א פֿאָלק פֿון מוסולמאַנישען גלויבען אין סיריען].

drux'ey *a.* (דראַק'-סי) האַלב צופֿוילט [וועגען בוימער און האָלץ].

dru'xy *a.* (דראַק'-סי) ז. *druxey*.

dry *a., n. and v.* (דראַי) טרוקען, אָהן וואַסער אדער פֿייכטקייט; וואָס גיט ניט קיין מילך ניט [וועגען א קוה]; דאָרשטיג; ניט אינטערעסאַנט; קאַלט, אָהן העפֿליכקייט; סאַרקאַסטיש, אַבלאַכענד; אין מאַלעריי — אָהן קאָליר, אָהן האַרמאָניע; אין סקולפּטור — גראָב, אָהן איידעלקייט אין דער פֿאָרמע; אָהן זיסקייט און גערוך [וועגען ווײַנען]: וואָס פֿאָדערט ניט צו דערלאָזען אין געוויסע טעג דעם פֿערקויף פֿון שאַרפֿע משקאות [ווי בראַנפֿען, ביער א. ד. ג.]; אַן ארט וואו מען טרינקט פֿערשיעדענע זאַכען; א מיטגליעד פֿון דער פּאַרטיי אין אַמעריקאַ, וועלכע פֿאָדערט דאָס פֿערבאָטען צו פֿערקויפֿען שאַרפֿע משקאות; א שפּאַלט אין א שטיין, וואָס מאַכט איהם שוואַך אונטערצוהאַלטען א געביידע; טריקענען; ארויסנעהמען פֿון עפּעס דאָס וואַסער אדער די פֿייכטקייט; אײַנגעטריקענט ווערען; פֿערוועלקט ווערען.

dry'ad *n.* (דראַי'-עד) — אין מיטאָלאָגיע די דריאַדע אדער וואַלד־נימפֿע [א געמין וואָס געפֿינט זיך אין א בוים און געוועלטיגט איבער'ן וואַלד]: דער ווינטער־שלאָפֿער [א מין קליין חיה'לע וואָס שלאָפֿט דעם גאַנצען ווינטער].

dry'-as-dust' *n. and a.* (דראַי'-עז-דאַסט') זעהר טרוקען, פּראָזאַאיש, ניט

אינטערעסאנט; א טרוקענער, הארטער, פראזאאישער מענש; א פעדאנט.

dry'-boned *a.* (דראי'-באונד) מאגער.

dry'-boots *n.* (דראי'-בוהטס) א טרוקע־נער מענש, אהן וויץ.

dry'-cups *n.* (דראי'-קאפס) טרוקענע באנקעס.

dry'-dock *n.* (דראי'-דאק) אן ארט צום בויען אדער פערריכטען שיפען, אזוי גע־מאכט, אז מען קען ארויסלאזען פון דאר־טען דאס וואסער ביז מען פערריכט די שיף.



Dry-dock

dry'er *n.* (דראי'-ער) ז. *drier*

dry'-eyed *a.* (דראי'-איד) אהן טרערען.

dry'-fish *n.* (דראי'-פיש) א געטרוקנעטער און געזאלצענער פיש; א טרוקענער פיש; א טרוקענער, לאנגווייליגער מענש.

dry'foot *adv.* (דראי'-פוט) מיט טרוקע־נע פיס; אויף דער יבשה: ווי א הונד וואס שפירט נאך די טריט.

dry'-goods *n.* (דראי'-גודז) גאלאנטעריי־וואארען, קורץ־וואארען.

dry'-house *n.* (דראי'-האוס) ז. *drying-house*

dry'ing *a.* (דראי'-אינג) טריקענד; וואס טריקענט; וואס קען שנעל טרוקען ווערען.

dry'ing-house *n.* (דראי'-אינג-האוס) א הויז אדער צימער וואו זאכען ווערען גע־טריקענט.

dry'ing-machine' *n.* (דראי'-אינג-מע-שין') א מאשין צו טריקענען צייג אדער קליידער.

dry'ing-oil *n.* (דראי'-אינג-אויל) לאק צום טריקענען.

dry'ite *n.* (דראי'-איט) פערשטיינערט האלץ.

dry joke (דראי דזשאוק) א טרוקע־נער וויץ, ניט קיין פעפערדיגער וויץ.

dry land (דראי לענד) דאס טריקעניש, די יבשה, דאס טרוקענע לאנד.

dry'ly *adv.* (דראי'-לי) ז. *drily*

dry'-mea'sure *n.* (דראי'-מע'-זשור) א מעסטעל צו מעסטען טרוקענע זאכען.

dry'-meat *n.* (דראי'-מיעט) געטריקענט אדער געדרויכערט פלייש.

dry monsoon' (דראי מאנ-סוהן') דער טרוקענער מוסאן־ווינד [וואס בלאזט פון צפון־מזרח זייט, אין דער לענג פון'ם אזיאטישען ברעג פון דעם פאסיפיק].

dry'-mour'ning *n.* (דראי'-מאור'-נינג) א טרוקענער טרויער [ווען מען וויינט ניט].

dry'-mul'ture *n.* (דראי'-מאל'-טשור) אין שאטלענדישער געזעצגעבונג — די מיהל־צינז [א סומע פון געלד אדער א מאס תבואה וואס ווערט געצאהלט יעדען יאהר צו א מיהל, ניט קוקענדיג אויף דעם, צי די וועלכע דארפען צאהלען מאלען דארטען זייער תבואה אדער ניט].

dry'ness *n.* (דראי'-נעס) טרוקענקייט; דארשט.

dry'-nurse *n. and v.* (דראי'-נוירס) אן אם וואס האדעוועט א קינד ניט מיט דער ברוסט; אן אונטערגעארדנעטער וואס לערענט זיין עלטסטען; אויסהאדעווען א קינד אהן דער ברוסט; אנציינען די פפליכטען א העכער־געשטעלטען.

dry'-point *n.* (דראי'-פאינט) א קריץ־נאדעל וואס ווערט געברויכט פון גראווי־רער פאר גראווירונג אין קופער; די לי־ניע וואס ווערט געמאכט מיט א קריץ־נאדעל.

dry'-rot *n.* (דראי'-ראט) א מין שוואם וואס וואקסט אויף בוימער, ווען דאס האלץ הויבט אן פוילען; אן אינערליכע פויל־קייט אדער פערדארבענהייט.

dry'-rub *v.* (דראי'-ראב) רייניגען דורך א טרוקענע רייבונג, ניט נעצענדיג די זאך.

dry'salter *n.* (דראי'-סאהל-טער) איי־נער וואס האנדעלט מיט געטריקענטע און געזאלצענע זאכען; אין ענגלאנד — איי־נער וואס האנדעלט מיט פארבען און אנ־דערע כעמישע פראדוקטען.

dry sea'son (דראי סיזען) טרוקענע צייט [ווען עס נעהמט קיין רעגען ניט]; ביי פישער — די צייט ווען פיש כאפט זיך זעהר ווייניג.

dry'-shod *a.* (דראי'-שאד) מיט טרוקע־נע פיס אדער שטיוועל.

dry up (דראי אפ) אויסטריקענען, ארויס־נעהמען די פייכטקייט: אויסדעמפפען; ווערען טרוקען; פערוועלקען; ווערען שטיל, אויפהערען רעדען.

d|s *days' sight* (דייז סאיט) אבקירצונג פון דער טאג, ווען עטוואס איז געשריבען.

The bill is payable at 10 d|s.

D. S. אן אבקירצונג פון די ווער־טער *dal segno* [א צייכען אין מוזיק־נאטען, וועלכער בעווייזט, אז דאס שטיק דארף איבערגע'חזר'ט ווערען נאך אמאל ביז א געוויסען פונקט].

D. Sc. אן אבקירצונג פון די ווער־טער *Doctor of Science*, דאקטאר פון נאטור־וויסענשאפט.

D-string *n.* (די'-סטרינג) די דריטע סטרונע פון א פידעל אדער א גיטארע און די צווייטע סטרונע פון אנדערע שטרייך־אינסטרומענטען.

du'ad *n.* (דיו'-עד) א פאר; א פעראייני־גונג פון צוויי; א צוויי־צאהל.

du'al *n. and a.* (דיו'-על) וואס בעי־שטעהט פון צוויי; וואס בעצייכענט די צאהל צוויי; וואס דריקט אויס א צוויי־צאהל; די צאהל צוויי.

du'alin *n.* (דיו'-ע-לין) דואלין [אזא אויפרייסונגס־שטאף וואס בעשטעהט פון א מישונג פון סאלפעטער, ניטרא־גליצערין און זעג־שטויב].

du'alism *n.* (דיו'-ע-ליזם) דואליזם, צווייהייט, צוויי־איינינקייט; די טעאריע אז גייסט און מאטעריע עקזיסטירען אלס זעלבסטשטענדיגע עלעמענטען אונאבהענגיג איינער פון אנדערען; די בעהויפטונג, אז עס עקזיסטירען 2 געטער, א גאט פון גוטס און ליכטיגקייט און א גאט פון שלעכטס און פינסטערניש [ווי דאס גלויבען פון די אלטע פערזיער]; א רעגיערונגס־סיס־טעם וואו צוויי לענדער זיינען פעראייניגט דורך איין הויפט, אבער וועלכע רעגירט פון זעלבסטשטענדיגע פארלאמענטען און רעגיערונגען [ווי עסטרייך־אונגארן].

du'alist *n.* (דיו'-ע-ליסט) א דואליסט, איינער וואס גלויבט אין דער זעלבסט־שטענדיגער, אונאבהענגיגער עקזיסטענץ פון גייסט און מאטעריע; אן אנהענגער פון דואליזם. ז. *dualism*

dualis'tic *a.* (דיו-ע-ליס'-טיק) וואס בעשטעהט פון צוויי; וואס איז שייך צו דואליזם. ז. *dualism*

dual'ity *n.* (דיו-על'-אי-טי) צווייהייט; דאס זיין געטיילט אין צוויי.

du'an *n.* (דיו'-ען) א טייל פון א גע־דיכט אדער פאעמא; א געדיכט, א פאעמא.

dub *n. and v.* (דאב) א טיטול; געבען מאכען פאר א ריטער; שניידען אדער אב־רייבען אום צו מאכען גלאט; מאכען א גערויש ווי דאס שנעלע קלאפען אין א פויק; א קלאפ.

dub'bing *n.* (דאב'-אינג) דאס מאכען פאר א ריטער; דאס קלאפען; דאס שניי־דען אדער רייבען אום צו מאכען גלאט; אזא לעדער־שמירעכץ געמאכט פון פעטס.

dub'bing-tool *n.* (דאב'-אינג-טוהל) א געצייג אבצורייבען א שארפטיגע פלע־כע אום זי גלאט צו מאכען.

dubi'ety *n.* (דיו-באי'-ע-טי) צווייפעל־האפטיגקייט, אונגעוויסהייט; דאס זיין אין ספק.

dubios'ity *n.* (דיו-בי-אס'-אי-טי) צוויי־פעלהאפטיגקייט: דאס זיין אין ספק; עט־וואס וואס איז צווייפעלהאפט.

du'bious *a.* (דיו'-בי-אס) צווייפעלהאפט, אונגעוויס, אונזיכער, אונדייטליך, אונבע־שטימט, אונקלאר.

du'bious debts (דיו'-בי-אס דעטס) אונזיכערע שולדען.

du'biously *adv.* (דיו'-בי-אס-לי) צוויי־פעלהאפט; אונזיכער, פראגליך, אונגעוויס

du'biousness *n.* (דיו'-בי-אס-נעס) דאס זיין אין ספק; צווייפעלהאפטיגקייט; אונ־בעשטימטהייט, אונגעוויסהייט.

du'bitable *a.* (דיו'-בי-טע-בל) וואס דער־וועקט א ספק, וואס איז צום צווייפלען; צווייפעלהאפט, אונגעוויס.

du'bitably *adv.* (דיו'-בי-טע-בלי) אויף א מספק'דיגען אופן; צום צווייפלען.

du'bitatingly *adv.* (דיו'-בי-טיי-טינג-לי) זייענדיג אין ספק; צווייפלענדיג; ניט וויסענדיג ווי זיך צו ענטשליסען.

dubita'tion *n.* (דיו-בי-טיי'-שאן) צוויי־פעל; דאס צווייפלען; אונענטשלאסענ־הייט.

du'bitative *a.* (דיו'-בי-טיי-טיוו) צווייפלענד.

du'bitatively *adv.* (דיו'-בי-טיי-טיוו-לי) אין ספק; צווייפלענדיג.

dubs *n.* (דאבז) קלינגערס [געלד]; א פאר ווירפלען.

du'cal *a.* (דיו'-קעל) וואס איז שייך צו א דוכס אדער הערצאג.

du'cally *adv.* (דיו'-קעל-אי) אויף דעם שטייגער פון א דוכס אדער הערצאג; מיט א הערצאג [פערבונדען].

duc'at *n.* (דאק'-עט) א דוקאט [א געלד־ענע מטבע].

ducatoon' *n.* (דאק-ע-טוהן') אן אלטע איטאליענישע זילבערנע מטבע [פון אונ־געפעהר דעם ווערטה פון אן אמעריקאנער דאלאר].

duc'ats *n.* (דאק'-עטס) מזומן, קלינגערס.

duch'ess *n.* (דאטש'-עס) א דוכסע, א הערצאגין.

duch'y *n.* (דאטש'-אי) א הערצאגטום [א טעריטאריע וואו עס רעגיערט א הער־צאג].

duch'y-court *n.* (דאטש'-אי-קאורט)

דער געריכטס-הויף פון דעם הערצאגטום לאנקאסטער אין ענגלאנד.

duck *n. and v.* (דאק) אן ענטעל, א קאטשקע; א טייערע, א געליעבטע; א פערניינונג מיט'ן קאפ; זענקעל-טוך; זיך אונטערטונקען אין וואסער; א בויג טהאן דעם קאפ; זיך אונטערגעבען; זיך בויגען פאר אימעצען.

duck'bill *n.* (דאק'-ביל) דער ענטעל-שנאבעל [אזא חיה אין אויסטראליען וואס האט א שנאבעל ענליך צו אן ענטעלשען]; עטוואס וואס איז ענליך צו א שנאבעל פון אן ענטעל [קאטשקע].

duck'-billed *a.* (דאק'-בילד) וואס האט א שנאבעל ווי פון אן ענטעל [קאטשקע].

duck'er *n.* (דאק'-ער) א טויכער, איינער וואס טונקט זיך אונטער אין וואסער; א קריכער, אן אונטערלעקער; א פויגעל וואס טונקט זיך אונטער אין וואסער.

duck'-hawk *n.* (דאק'-האהק) דער זומפ-פאלק [אזא גרויסער שטארקער רויב-פויגעל וואס פליהט ארום ביי וואסער-זומפען און פאלט אן אויף די קאטשקעס וואס געפינען זיך דארטען].

duck'ing *n.* (דאק'-אינג) דאס טויכען, דאס אונטערטונקען זיך אין וואסער; דאס שיסען אדער די יאגד אויף ווילדע ענטלעך [קאטשקעס].

duck'ing-gun *n.* (דאק'-אינג-גאן) א ביקס מיט וועלכער מען שיסט פויגלען.

duck'ing-sink *n.* (דאק'-אינג-סינק) א שיפעל אויף וועלכען מען פאהרט אויף יאגד אויף ווילדע ענטלעך [קאטשקעס] אדער אנדערע וואסער-פויגלען.

duck'ing-stool *n.* (דאק'-אינג-סטוהל) אזא שטוהל וועלכער איז בענוצט געוואָרען צו בעשטראפען ווייבער ארורות דורך אונטערטונקען זיי אין וואסער.

Ducking-stool

duck'-legged *a.* (דאק'-לעגד) קורץ-פיסיג [ווי א קאטשקע].

duck'ling *n.* (דאק'-לינג) א יונג ענטעלע [א קאטשקעלע].

duck'-meat *n.* (דאק'-מיעט) די וואסער-לינזע [אזא גראז וואס וואקסט אין וואסער-זומפען און ווערט זעהר גערן געגעסען פון ענטלעך].

duck'-mole *n.* (דאק'-מאול) דער ענטעל-שנאבעל. ז. *duckbill*

duck on rock (דאק אן ראק) אזא שפיעל, וואו איין שפיעלער לעגט ארויף אויף א גרויסען שטיין א קלענערען, וועלכען די איבריגע שפיעלער דארפען לויפען אראבווארפען און זיך ניט לאזען כאפען פון דעם, וואס האט דעם שטיין ארויפגעלעגט.

ducks *n.* (דאקס) דיקע, ווייסע לייוונטענע הויזען.

duck's'-foot *n.* (דאקס'-פוט) א מין פלאנצע וואס איהרע בלעטער זיינען ענליך צו די פיסלעך פון אן ענטעל [קאטשקע].

duck'-shot *n.* (דאק'-שאט) גרויסע שראט צום שיסען ווילדע ענטלעך [קאטשקעס].

duck's'-meat *n.* (דאקס' מיעט) ז. *duck-meat*

duck'weed *n.* (דאק'-הוויעד) ז. *duck-meat*

duck'-weight *n.* (דאק' הווייט) אן ענטעל [קאטשקע] אויסגעמאכט פון שטיין, וועלכע פלעגט אמאל בענוצט ווערען אין אשור און בבל אלס א געוויכט.

duct *n.* (דאקט) א קאנאל [בעזונדערס אין דעם קערפער פון א בעשעפעניש].

duc'tile *a.* (דאק'-טיל) בייגזאם; וואס ציהט זיך; וואס קען אויסגעצויגען ווערען.

duc'tilely *adv.* (דאק'-טיל-לי) אויף א בייגזאמען אדער ציהעדיגען אופן.

duc'tileness *n.* (דאק'-טיל-נעס) ציהעדיגקייט, בייגזאמקייט.

ductilim'eter *n.* (דאק-טי-לימ'-ע-טער) אן אינסטרומענט וואס ציינט אן אויף וויפיעל א מעטאל ציהט זיך אוים.

ductil'ity *n.* (דאק-טיל'-אי-טי) די אייגענשאפט פון מעטאלען זיך צו ציהען אדער אויסגעצויגען צו ווערען; בייגזאמקייט.

duct'less *a.* (דאקט'-לעס) וואס האט ניט קיין קאנאל.

duc'tor *n.* (דאק'-טאר) די וואלצע אין א דרוק-מאשין וועלכע פערטיילט די דרוק-פארב.

duc'tus *n.* (דאק'-טאס) א קאנאל.

dud *n.* (דאד) אן אלטער מלבוש, אן אלטע שמאטע.

dud'der *v.* (דאד'-ער) טרייסלען זיך [פון קעלט אדער פון שרעק].

dude *n.* (דיוד) א פראנט.

dudeen' *n.* (דיו-דיען') א קורצע ליימענע ליולקע.

dudge'on *n.* (דאדזש'-אן) צארן, כעס, רונזה.

du'dishness *n.* (דיו'-דיש-נעס) דאס זיין א פראנט, פראנטישקייט.

due *n., a. and adv.* (דיו) וואס עס קומט, וואס קען געצאהלט ווערען אלס א חוב; געהעריג, ווי עס פאסט; פינקטליך, בעשטימט; ווי עס איז פערשפראכען געוואָרען, ווי מען האט ערווארטעט; צוליעב, א דאנק; דאס וואס עס קומט, א חוב, אן אבליגאציאן; צאהלונג; דאס רעכט אויף עפעס; דירעקט, פינקטליך [בנוגע צו די פונקטען פון א קאמפאס].

due'-bill *n.* (דיו'-ביל) א געשריבענע אנערקענונג אז מען איז עפעס שולדיג; א וועקסעל.

du'el *n. and v.* (דיו'-על) א דועל, א צוויי-קאמפף [א קאמפף פון צוויי פערזאנען מיט גלייכע וואפען, מייסטענס וועגען עהרע-אנגעלעגענהייטען]; דועלירען.

du'eling *n.* (דיו'-על-אינג) דאס דועלירען, דאס שלאגען זיך אויף א דועל.

du'elist *n.* (דיו'-על-איסט) א דועליסט, איינער וואס שלאגט זיך אויף א דועל.

du'elling *n.* (דיו'-על-אינג) ז. *dueling*

du'ellist *n.* (דיו'-על-איסט) ז. *duelist*

duel'lo *n.* (דיו-על'-או) א דועל; די קונסט פון דועלירען; די געזעצען אדער כללים פון דועלען.

duen'na *n.* (דיו-ענ'-א) די ערשטע הויף-דאמע פון דער שפאנישער קעניגין; אן עלטערע דאמע וואס פערנעהמט דעם ארט האלב פון א גובערנאנטין און האלב פון א געזעלשאפטס-לייסטערין [קאמפאניאנקע]; אן עלטערע דאמע אלס גובערנאנטין אדער אויפזעהערין.

due propor'tion (דיו פרא-פאור'-שאן) א ריכטיגע פערהעלטניס; סימעטריש.

dues *n.* (דיוז) שולדען; צינזען, שטייערען: צאהלונגען; אבצאהלונגען; פפליכטען.

duet' *n.* (דיו-עט') א דועט, א מוזיק-שטיק פאר צוויי שטימען אדער צוויי אינסטרומענטען.

duetti'no *n.* (דו-עט-טי'-נא) א קורצער דועט. ז. *duet*

duet'to *n.* (דו-עט'-טא) ז. *duet*

du'e vol'te (דו'-ע וואול'-טע) צוויי מאל [אן אויסדרוק אין מוזיקאלישע קאמפאזיציעס].

duff *n. and v.* (דאף) אזא הארטער מעהל-פודינג געקאכט אין א זעקעל, געגעסען מייסטענס פון מאטראזען אויף שיפען; ביימער-אבפאל [בלעטער, צווייגען א. ד. ג.]; גוטע קויהלען; האנדלען בעטריגעריש.

duf'fel *n.* (דאפל) אזא דיקער הארינגער וואלען-שטאף; באגאזש, אויסשטאטונג.

duf'fer *n.* (דאפ'-ער) א הויזירער [פעדלער], בעזאנדערס וועלכער האנדעלט מיט פרויען-קליידער; א הויזירער וואס האנדעלט מיט כלומר'שט אריינגעשמוגעלטע זאכען כדי מען זאל מיינען אז מען קויפט ביי איהם מציאות; א דומער יונג, א שוטה.

duf'fing *n. and a.* (דאפ'-אינג) א קינסטליכע פליעג וואס ווערט אנגעטישעפעט אן א ווענטקע ביים כאפען פיש; פאלש, נאכגעמאכט, ניט עכט; דום, נאריש.

duf'fing coin (דאפ'-אינג קאין) א פאלשע מטבע.

duf'fle *n.* (דאפל) ז. *duffel*

dug *n.* (דאג) א ציצקע, א ברוסט פון א פרוי; דער אייטער פון א קוה.

dug (דאג) ז. *dig* געגראבען.

du'gong *n.* (דיו'-גאנג) א דיוגאנג [אזא גרויסע ים-חיה פון דעם מין וואַל-טהיערע, וואס געפינט זיך אין דעם אינדישען אקעאן און איז ביי 8 פוס לאנג. דאס פלייש פון דיעזער חיה איז עסבאר; אויסערדעם ווערט געברויכט אין דער פראדוקציאן איהר פעל, איהרע צייהנער און אויל].

Dugong

dug'out *n.* (דאג'-אוט) א שיף געמאכט פון אן אויסגעהוילטען קלאץ; א זעמליאנקע אדער ערד-שטיבעל.

dug'-way *n.* (דאג'-הוויי) א דורכגעשניטענער וועג [אין בערג].

duke *n.* (דיוק) א הערצאג, א דוכס.

duke'dom *n.* (דיוק'-דאם) א הערצאגטום [דאס לאנד וואס געהערט צו אדער ווערט רעגיערט פון א הערצאג אדער דוכס]; דער טיטעל אדער ווירדע פון א הערצאג אדער דוכס.

dul'cet *a.* (דאל'-סעט) זיס; זיס-קלינגענד; מעלאדיש, הארמאניש; אנגענעהם.

dulcifica'tion *n.* (דאל-סי-פי-קיי'-שאן) דאס מאכען זיס; דאס אוועקנעהמען די געזאלצענקיים, ביטערקיים א. ד. ג.

dul'cify *v.* (דאל'-סי-פאי) זיס מאכען; מאכען אנגענעהם.

dul'cimer *n.* (דאל'-סי-מער) א לירע, א ציטרע [א מין מוזיקאלישער אינסטרומענט].

dulcin'ea *n.* (דאל-סינ'-אי-ע) דולצינעא,

א געליעבטע [שטאמט פון דעם נאמען פון דאן קיכאט'ס געליעבטער].

Dul'cinist *n.* (דאל'-סי-ניסט) א דולציניסט, איינער פון דער קריסטליכער סעקטע דולציניסטען [פון 14טען יאהרהונדערט], וועלכע האבען נים אנערקענט דעם פאפסט און קיינע רעליגיעזע און וועלטליכע געזעצען און צערעמאניעס. זיי זיינען געווען נעגען פריוואט־אייגענטום, נעגען הייראט, טויט־שטראף א. ד. ג.

du'ledge *n.* (דיו'-לעדזש) א הילצערנער באלין צו פעראייניגען די זעקס רייפען, וועלכע בילדען אוים די ראד פון א הארמאט־וואגען.

duli'a *n.* (דיו-לאי'-א) די פערעהרונג פון מלאכים און הייליגע [אין דער קאטוילישער קירך].

dull *a. and v.* (דאל) טעמפ, דום, נאריש, אונגעלומפערט; מיט א שוואכען פערשטאנד; שווער, לאנגווייליג, לאנגזאם, שלעפעריג, אהן לעבעדיגקייט; אומעדיג, טרויעריג, מעלאנכאליש, נידערגעשלאגען, כמורנע, מאט, טונקעל; מיט א פערשטיקטען קול, אונווירקזאם, שוואך; אונדייטליך; מיט א שלעכטען געהער; מאכען טעמפ, אבשוואכען [די ראיה]; פערמאטערען, מאכען נידערגעשלאגען; טונקעל מאכען; זיין לאנגווייליג; אנווארפען אן אומעט, מאכען טרויעריג; ווערען טעמפ; זיין נאריש.

dull'ard *n. and a.* (דאל'-ארד) א שוטה; נאריש.

dull away' the time (דאל ע-הוויי' טהי טאים) פערבטל'ען צייט, פטר'ען צייט אויף גארנישט.

dull'-brained *a.* (דאל'-בריינד) דום, מיט א שוואכען קאפ.

dull'-browed *a.* (דאל'-בראוד) מרה־שחורה'דיג, אנגעכמורעט, מיט א כמורנעם, פינסטערען אויסזעהן אדער קוק.

dull'er *n.* (דאל'-ער) איינער וואס מאכט טונקעל, מרה־שחורה'דיג, אומעטיג אדער טעמפ.

dull'-eyed *a.* (דאל'-איד) מיט טונקעלע אויגען; מיט א טרויעריגען בליק.

dull'head *n.* (דאל'-העד) א דומקאפ, א שוטה.

dull'ish *a.* (דאל'-איש) תמ'עוואטע, נאריש.

dull mu'sic (דאל מיו'-זיק) לאנגווייליגע מוזיק; לאנגווייליגקייט.

dull'ness *n.* (דאל'-נעס) נארישקייט, דאס זיין א שוטה.

dull of apprehen'sion (דאל אוו עפ-רי-העג'-שאן) מיט א שווערער השגה.

dull of hear'ing (דאל אוו היער'-אינג) וואס הערט שווער, מיט א שווערען חוש השמיעה.

dull of sight (דאל אוו סאיט) שוואכזיכטיג.

dull sea'son (דאל סיעזן) א שלעכטער סעזאן, די צייט פון שלעכטען וועטער.

dull'-wit'ted *a.* (דאל'-הוויט'-עד) שוואכקעפיג; ניט קלוג.

dul'ly *adv.* (דאל'-אי) מעשה נאר; שטומפיג, אהן גלאנץ, טעמפיג, מאט, אהן ווירקונג, שוואך.

dul'ness *n.* (דאל'-נעס) ז. *dullness*

dulse *n.* (דאלס) אזא רויט ים־גראז [ווערט געברויכט צום עסען אין שאטלאנד און אין אנדערע לענדער].

du'ly *adv.* (דיו'-לי) געהעריג, ווי עס דארף צו זיין; ריכטיג, פינקטליך.
The agreement was duly signed.

Du'ma *n.* (דו'-מא) די דומא, דער רוסישער פארלאמענט.

dumb *a. and v.* (דאם) שטום; שווייגענד; שטיל; אוננארמאל, מיט א פעהלער; נאריש, תמ'עוואטע; מאכען שטום; פערטויבען [א קלאנג].

dumb'-bell *n.* (דאמ'-בעל) איינער פון די צוויי געוויכטען, וועלכע מען האלט אין די הענד פאר גימנאסטישע איבונגען [יעדער פון דיעזע געוויכטען בעשטעהט פון צוויי קוילען, וועלכע זיינען פעראייניגט מיט א הענטעל].

Dumb-bell

dumbfound' *v.* (דאם-פאונד') פערשטומען, מאכען איינעם שווייגען; איבעררא־שען מיט עטוואס אונערווארטעטעס; ברייננען אין א צומישונג, קאנפוזען.

dumb'ness *n.* (דאמ'-נעס) שטומקייט, שטילקייט; דאס שווייגען.

dumb'-show *n.* (דאמ'-שאו) פאנטאמינע, דאס שפיעלען אויף דער ביהנע אהן געשפרעך און אהן ווערטער.

dumb'-wai'ter *n.* (דאמ'-הוויי'-טער) א מין אלמערעל מיט פאליצעס, מיט וועלכען עס ווערען ארונטערגעלאזען און ארויפגעהויבען פערשיעדענע זאכען אין א הויז פון איין עטאזש צום צווייטען.

dum'dum *n.* (דאמ'-דאם) דום־דום קויל [א בלייענע קויל איינגעשלאסען אין א דינעם שטאהלענעם הילז. ווען מען שיסט זי ארוים, ווערט זי אויפגעריסען און ווען זי טרעפט אין קערפער פערשאפט זי געפעהרליכע שמערצען].

du'metose *a.* (דיו'-מע-טאוס) עהנליך צו קוסטעס.

dumfound' *v.* (דאם-פאונד') ז. *dumbfound*

dumfoun'ded *a.* (דאם-פאונ'-דעד) ווי פון דונער געטראפען.

dum'miness *n.* (דאמ'-אי-נעס) נארישקייט.

dum'my *n. and a.* (דאמ'-אי) א שטומער; איינער וואס האלט זיך שטיל; אין טעאטער — א מענש וועלכער פיגורירט אויף דער סצענע, אבער רעדט גארנישט; א זאך וועלכע איז נאכגעמאכט אבער שטעלט ניט פאר די ווירקליכקייט [ווי א הילצערנער קעז, א ליימענער עפעל א. ד. ג.]; א מאדעל אדער א פיגור אין א מאגאזין, אויף וועלכער עס איז אנגעטהאן א קלייד; א מאדעל אדער א פארם פון א זאך וואס דארף געמאכט ווערען [ווי למשל א בוך, וועלכעס בעשטעהט פון ווייסען איינגעבונדענעם פאפיער]; אין מעכאניק — א לאקאמאטיוו, פון וועלכען דער דאמפף נעהט ארוים אהן גערויש [ווערט בענוצט אין די שטאדט־באהנען]; דער שטראם וואסער פון דער הויפט־קישקע [אויף דער שפראך פון די פייער־לעשער]: די פרעס פון די היטעל־מאכער; אין קארטען־שפיעל — איינער פון די שפיעלער, וועלכער נעהמט ניט קיין דירעקטען אנטייל אין דעם קאן [ווען למשל, עס שפיעלען 4 מענשען און דער קאן קען געשפיעלט ווערען נור פון 3, דאן ווערט צו יעדען קאן איינער אויסגעלאזען]; פיקטיוו, פאלש.

du'mose *a.* (דיו'-מאוס) אין באטאניק — וואס האט די פארם פון א קוסט; בעדעקט אדער בעוואקסען מיט קוסטעס.

dump *n. and v.* (דאמפ) אן ארט וואו מען ווארפט מיסט; די כלי, פון וועלכער דאס מיסט ווערט ארויסגעווארפען; דער קלאפ, וועלכער הערט זיך בעת א שווערע זאך פאלט ארונטער; א גראבע שווערע זאך; געלד, "קליינגערס"; א קליינע מטבע אין אויסטראליען; ארויסווארפען מיט איין מאל פון א וואגען דאס וואס ער ענטהאלט; אראבווארפען א שווערע זאך מיט א גערויש.

dum'ping-car *n.* (דאמ'-פינג-קאר) א וואגען, ביי וועלכען דער קאסטען קען זיך אויפהויבען און איבערקעהרען, כדי ארויסצואווארפען מיט אמאל די משא.

dum'ping-cart *n.* (דאמ'-פינג-קארט) ז. *dumping-car*

dum'ping-ground *n.* (דאמ'-פינג-גראונד) אן ארט וואו מיסט ווערט ארויסגעווארפען.

dum'pish *a.* (דאמ'-פיש) טרויעריג, שווערמוטיג, נידערגעשלאגען, מעלאנכאליש, מרה־שחורה'דיג.

dum'pishness *n.* (דאמ'-פיש-נעס) טרויעריגקייט, נידערגעשלאגענקייט, שווערמוטיגקייט; דאס זיין מרה־שחורה'דיג אדער מעלאנכאליש.

dump'ling *n.* (דאמפ'-לינג) אן עפעלטארט; א מין פודינג.

dumps *n.* (דאמפס) טרויעריגקייט, שווערמוטיגקייט, מעלאנכאליע, מרה־שחורה.
He has met with misfortune and feels he is in the dumps.

dum'py *n. and a.* (דאמ'-פי) קורץ און דיק; א מין הוהן מיט זעהר קורצע פיס.

dun *n., v. and a.* (דאן) טונקעל־ברוין, טונקעל, פינסטער; א טונקעל־ברוין פערד; מאכען טונקעל־ברוין; רויכערען און טריקענען פלייש אדער פיש אזוי, אז עס זאל ווערען טונקעל־ברוין; גערויכערטע און געטריקענטע פיש אדער פלייש מיט א טונקעל־ברוינעם קאליר; פאדערען א חוב; צווינגען צו בעצאהלען א חוב; א שטרענגער מאהנער; א בעל־חוב וואס לאזט ניט צו־רוה ביז מען בעצאהלט איהם; א בערגעל.

dun'-bee *n.* (דאנ'-בי) א מין גרויסע פליעג עהנליך צו א ביען.

dunce *n.* (דאנס) א נאר, א שוטה, אן עם־הארץ.

dunce'dom *n.* (דאנס'-דאם) נארענלאנד, די מלוכה פון נארען.

dun'cery *n.* (דאנ'-סער-אי) דומהייט, נארישקייט.

dun'cish *a.* (דאנ'-סיש) דום, נאריש.

dun'cishness *n.* (דאנ'-סיש-נעס) ז. *duncery*

dun'der *n.* (דאנ'-דער) דער דונער, געוויטער; אבזעצונג פון איינגעמאכטס, ווארעניעס אדער סיראפ.

dun'derhead *n.* (דאנ'-דער-העד) א דומקאפ, א נאר.

dun'derpate *n.* (דאנ'-דער-פייט) ז. *dunderhead*

dun'-di'ver *n.* (דאנ'-דאי'-ווער) די "זויער" טויך־ענטעל [א מין ענטעל אדער קאטשקע].

dune *n.* (דיון) א בערגעל אדער א וואל פון אנגעטראטענער זאמד אויף'ן ברעג ים.

dun'fish *n.* (דאנ'-פיש) א געזאלצענער און געטריקענטער שטאק־פיש. ז. *cod*

dun'-fly *n.* (דאנ'-פלאי) ז. *dun-bee*

dung *n. and v.* (דאנג) מיסט פון א בהמה; מיסטינונג [פאר פעלדער]; מיסטיגען.

dung'-ba'sin *n.* (דאנג'-בייסן) א מיסטגרוב.

dung'-bee'tle *n.* (דאַנג'-ביעטל) אַ מיסט־זשוק.

Dung-beetle

dung'-cart *n.* (דאַנג'-קאַרט) אַ מיסט־וואַגען.

dun'geon *n. and v.* (דאַנ'-דזשאַן) אַ גּעפענגניס, אַ פינסטערע טורמע; אַ טורעם פון אַ פעסטונג; אַריינזעצען אין טורמע.

dung'-fork *n.* (דאַנג'-פאָרק) אַ מיסט־גאָפּעל, אַ מיסט־ווידלע.

dung'hill *n. and a.* (דאַנג'-היל) אַ מיסט־בערגעל; אַ שמוציגע וואָהנונג; אַ פּערזאָן פון נידריגען שטאַנד; געמיין, נידריג.

dung'-hole *n.* (דאַנג'-האָול) אַ מיסט־גרוב.

dung'-pit *n.* (דאַנג'-פּיט) ז. *dung-hole*

dung'y *a.* (דאַנג'-אי) קויטיג, שמוציג, געמיין, נידריג.

dung'-yard *n.* (דאַנג'-יאַרד) אַ מיסט־הויף.

Dun'ker *n.* (דאַנ'-קער) איינער פון אַ סעקטע פון דייטש־אַמעריקאַנישע באַפּטיסטען, וועלכע פיהרען זעהר אַן איינפאַכען לעבענס־אַרט, טרעטען אַרויס געגען יעדער מלחמה און געריכטס־פּראָצעסען און האַלטען, אַז טויפען קען מען נור אַ דערוואַקסענעם מענשען און ניט קליינע קינדער.

dun'lin *n.* (דאַנ'-לין) אַ מין פויגעל מיט אַ לאַנגען שנאַבעל [האַלט זיך אויף מייסטענס אויף די ברעגעס פון ים אין איירא־פּאַ און אַמעריקאַ].

Dunlin

dun'ner *n.* (דאַנ'-ער) אַ בריה אין מאַהנען חובות; איינער וואָס בעשעפטיגט זיך מיט אויפקויפען וועקסלען און אויפמאַהנען חובות.

dun'nish *a.* (דאַנ'-איש) ברוינליך, וואָס האָט אַ ברוינליכען קאָליר.

du'o *n.* (דיו'-אָו) אַ דועט. ז. *duet*

duodecen'nial *a.* (דיו-אָ-די-סענ'-אי-על) צוועלפיעהריג; וואָס ענטהאַלט צוועלף יאָהר.

duodec'imal *n. and a.* (דיו-אָ-דעס'-אי-מעל) רעכענענדיג מיט צוועלפען; די סיסטעם פון רעכענען מיט צוועלפען.

duodec'imally *adv.* (דיו-אָ-דעס'-אי-מעל-אי) דורך אָדער מיט צוועלפען; רע־כענענדיג מיט צוועלפען.

duodecim'fid *a.* (דיו-אָ-די-סימ'-פיד) געטיילט אין צוועלף טיילען.

duodec'imo *n. and a.* (דיו-אָ-דעס'-אי-מאָו) אַ בלאַט פון אַ בוך וואָס איז $5\frac{1}{8}$ אינטשעס [צאָל] ברייט און $7\frac{3}{8}$ אינטשעס לאַנג; וואָס בעשטעהט פון בויגענס וועלכע זיינען געקנייטשט אין בלע־טער פון $5\frac{1}{8}$ אינטשעס ברייט און $7\frac{3}{8}$ לאַנג.

duodec'uple *a.* (דיו-אָ-דעק'-יופּל) צוועלף־פאַך; וואָס בעשטעהט פון צוועלף.

duoden'ary *a.* (דיו-אָ-דענ'-ע-רי) וואָס איז שייך צו דער צאָהל צוועלף; צוועלף־פאַך.

duoden'ary scale (דיו-אָ-דענ'-ע-רי סקייל) די צוועלפער רעכנונגס־סיסטעם. ז. *duodenary system*

duoden'ary sys'tem (דיו-אָ-דענ'-ע-רי סיס'-טעם) די צוועלפער רעכנונגס־סיסטעם [די סיסטעם, ביי וועלכער יעדע ציפער, געצעהלט פון רעכטס צו לינקס, פערגרעסערט זיך מיט 12 מאָל אַנשטאַט מיט 10 מאָל ווי אין דער געוועהנליכער אַריטמעטישער סיסטעם].

duodeni'tis *n.* (דיו-אָ-די-נאַי'-טיס) אַן ענטציגדונג אויף דער צוועלף־פינגער קישקע.

duode'num *n.* (דיו-אָ-די'-נאָם) די צוועלף־פינגער קישקע [איינע פון די קליי־נע קישקעס וועלכע איז דירעקט פערבונ־דען מיט'ן מאַגען]. ז. איל. *"Bloodvessels of the Human Body"*

duolit'eral *a.* (דיו-אָ-ליט'-ע-רעל) וואָס בעשטעהט פון צוויי בוכשטאַבען.

du'ologue *n.* (דיו'-אָ-לאָג) אַ דיאַלאָג, אַ צוויי־געשפּרעך [אַ געשפּרעך וואָס ווערט געפיהרט פון צוויי].

duo'mo *n.* (דהוואָו'-מאָו) אַ קאַטעדראַ־לע, אַ דאָם, אַ גרויסע קירך.

dupabil'ity *n.* (דיו-פּע-ביל'-אי-טי) דאָס קענען אָבגענאַרט אָדער בעטראָגען ווערען.

du'pable *a.* (דיו'-פּעבל) וואָס מען קען אָבנאַרען, בעטריגען אָדער איינריידען.

dupe *n. and v.* (דיופּ) איינער וואָס לאָזט זיך נאַרען; אַ נאַר; אָבנאַרען, בע־טריגען.

dupeabil'ity *n.* (דיו-פּע-ביל'-אי-טי) ז. *dupability*

du'peable *a.* (דיו'-פּעבל) ז. *dupable*

du'per *n.* (דיו'-פּער) אַ אָבנאַרער; אַ בעטריגער, אַ שווינדלער.

du'pery *n.* (דיו'-פּער-אי) שווינדעל, בע־טרוג, בעטריגעריי.

du'ple *a. and v.* (דיופּל) צווייפאַך, דאָפּעלט; דאָפּלען.

du'plex *n., a. and v.* (דיו'-פּלעקס) דאָ־פּעלט, צווייפאַך; אַ פערדאָפּלונג, אַ פער־צווייפאַכונג, איינאָרדנען דעם טעלעגראַ־ראַט אַזוי, אַז מען זאָל קענען גלייכצייטיג שיקען צוויי טעלעגראַמען אין געגענ־געזעצטע ריכטונגען; שיקען טעלעגראַמען דורך אַ דאָפּעל־טעלעגראַף.

du'plex tel'egraph (דיו'-פּלעקס טעל'-ע-גרעף) אַ דאָפּעל־טעלעגראַף [אַזאַ טע־לעגראַף דורך וועלכען מען קען גלייכצייטיג שיקען צוויי טעלעגראַמען אין געגענ־געזעצטע ריכטונגען].

du'plicate *n., a. and v.* (דיו'-פּלי-קייט) געדאָפּעלט; געמאַכט אין צווייען; וואָס בעשטעהט פון אַ פּאָר; וואָס איז שייך צו צוויי ענטשפּרעכענדע טיילען; וואָס איז עהנליך צום אָריגינאַל; אַ דופּלי־קאַט, אַ קאָפּיע; פערדאָפּלען, מאַכען אין צווייען; מאַכען אַ קאָפּיע פון עפּעס; אי־בער'חזר'ען אָדער זיין איבערגע'חזר'ט צוויי מאָל.

duplica'tion *n.* (דיו-פּלי-קיי'-שאָן) די פערדאָפּלונג, דאָס מאַכען אָדער איבער־חזר'ען צוויי מאָל איינע און דיעזעלבע זאַך; אין אַריטמעטיק — דאָס כפל'ען אַ צאָהל אויף 2; אין פיזיאָלאָגיע — יעדער פּראָצעס פון פאַנאַנדערטיילען אין צווייען דורך נאַטירליכען וואַקסען; אין מוזיק — דאָס צוגעבען העכערע אָדער נידריגערע אָקטאַווען אָדער ווידערהאָלונגען צו די טע־נער פון אַ מעלאָדיע אָדער האַרמאָניע; אין באָטאַניק — די פאַנאַנדערטיילונג פון אַן אָרגאַן [בעזונדערס פון אַ געשלעכטס־אָרגאַן] ביי אַ פּלאַנצע; דאָס אָבהאַלטען אַ נאַטעס־ריענסט צוויי מאָל אין איין טאָג פון איינעם און דעמזעלבען גלח.

du'plicative *a.* (דיו'-פּלי-קיי-טיוו) וואָס איז שייך צו דאָפּלונג אָדער צו אַ דופּליקאַט; אין פיזיאָלאָגיע — וואָס ווערט פאַנאַנדערגעטיילט אין צווייען דורך נאַטירליכען וואַקסען.

du'plicature *n.* (דיו'-פּלי-קיי-טשור) אַ פערדאָפּלונג; אַ צוזאַמענלעגונג, אַ פאַלד.

duplic'ity *n.* (דיו-פּליס'-אי-טי) די דאָפּעלטקייט, די פאַלשקייט, צוויי־פּנים'דיג־קייט; דאָס פעראייניגען אין געריכט פון צוויי אָדער מעהרערע אַנקלאַגען.

durabil'ity *n.* (דיו-רע-ביל'-אי-טי) דוי־ערהאַפטיגקייט, דויער.

du'rable *a.* (דיו'-רעבל) דויערהאַפט, דויערנד.

du'rableness *n.* (דיו'-רעבל-נעס) ז. *durability*

du'rably *adv.* (דיו'-רע-בלי) מיט דוי־ערהאַפטיגקייט; אויף אַ דויערנדען שטיי־נער.

du'ral *a.* (דיו'-רעל) וואָס בעשטעהט פון אָדער וואָס איז שייך צום הייטעל פון דעם געהירן אָדער פון דעם רוקען־מאַרך.

du'ra ma'ter (דיו'-רא מיי'-טער) דאָס הייטעל פון דעם געהירן און פון דעם רו־קען־מאַרך.

dura'men *n.* (דיו-ריי'-מען) דאָס האַרץ־האָלץ אָדער דאָס מיטעלסטע האָלץ פון אַ בוים.

du'rance *n.* (דיו'-רענס) אַרעסט; דאָס זיין איינגעשפּאַרט; דויערהאַפטיגקייט, דויער.

dura'tion *n.* (דיו-ריי'-שאָן) דויער [אין צייט].

dur'bar *n.* (דויר'-באַר) אַן אוידיענץ־זאַל ביי אַן אינדישען הערשער אָדער ביים ענגלישען וויצע־קעניג פון אינדיען; אַן אָפיציעלע אוידיענץ ביי אַן אינדישען הערשער אָדער ביים אינדישען וויצע־קע־ניג.

du'ress *n.* (דיו'-רעס) שווערינקייטען, צרות; אונטערדריקונג, צוואַנג; אַרעסט, דאָס זיין איינגעשפּאַרט; דויערהאַפ־טיגקייט, דויער.

du'rian *n.* (דיו'-רי-ען) אַזאַ בוים [אויף'ן מאַלאַאישען האַלב־אינזעל און אויף די שכנ'ישע אינזלען], אויף וועלכען עס וואַקסען גרויסע פרוכט, וואָס זיינען עהנליך צו קאַ־ווענעס; די פרוכט פון דיעזען בוים.



Durian

du'ring *prep.* (דיו'-רינג) וועהרענד; אין דער צייט פון...

dur'ra *n.* (דיור'-א) אינדישע הירזש.

durst (דוירסט) געוואגט. ז. ***dare***

dusk *n., v. and a.* (דאסק) האלב⸗פינ⸗
סטערניש, בין⸗השמשות, דעמערונג; טונ⸗
קעלקייט; שאטענדינקייט; מאכען טונקעל
אדער האלב⸗פינסטער, פערטונקלען, ווערען
טונקעל, דעמערען; טונקעל, בין⸗השמשות'⸗
דיג, שאטענדיג.

dus'kily *adv.* (דאס'-קי-לי) טונקעל,
האלב⸗פינסטער, דעמערענד, בין⸗השמשות'⸗
דיג, שאטענדיג.

dus'kiness *n.* (דאס'-קי-נעס) טונקעל⸗
קייט, האלב⸗פינסטערניש, בין⸗השמשות'⸗
דינקייט, שאטענדינקייט.

dus'kish *a.* (דאס'-קיש) עטוואס טונקעל,
עטוואס פינסטערליך.

dus'kishly *adv.* (דאס'-קיש-לי) אויף
א פערוואלקענטען, טונקלען, שווארצליכען
אדער בין⸗השמשות'דיגען שטייגער.

dus'kishness *n.* (דאס'-קיש-נעס) טונ⸗
קעלקייט, בין⸗השמשות'דיגקייט.

dus'ky *a.* (דאס'-קי) טונקעל, פינסטער⸗
ליך, בין⸗השמשות'דיג, שווארצליך; טרויע⸗
ריג, מרה⸗שחורה'דיג.

dust *n. and v.* (דאסט) שטויב; עטוואס
וואס איז צוריבען אין שטויב; טומעל,
פלאנטער, גערודער; א נידריגער צו⸗
שטאנד; גאלד⸗שטויב, געלד, מזומנים;
סאזשע; אבשטויבען; ארויסנעהמען דעם
שטויב; בעשטרייען מיט שטויב אדער ווי
מיט שטויב; שלאגען; אנטלויפען, זיך
אבטראגען.

dust'-bas'ket *n.* (דאסט'-בעס'-קעט) א
שטויב⸗קארב.

dust'-bin *n.* (דאסט'-בין) א שמוץ⸗
קאסטען.

dust'-brand *n.* (דאסט'-ברענד) סאזשע.

dust'-brush *n.* (דאסט'-בראש) א
שטויב⸗בארשט.

dust'-cart *n.* (דאסט'-קארט) א מיסט⸗
וואגען.

dus'ter *n.* (דאס'-טער) איינער וואס
שטויבט אב; א וויש⸗טוך; א בערשטעל
צום אבשטויבען; א פלעדערוויש, א בע⸗
זים; א געדיכטע זיפ; א מאשין צו בע⸗
שפרענקלען פלאנצען מיט ניפטיגע שטאפען
כדי צו פערניכטען אינזעקטען; א שטויב⸗
מאנטעל [א לייכטער אויבערמאנטעל, צו
פערהיטען די קליידער פון שטויב].

dust'-guard *n.* (דאסט'-גארד) א שטיק
בלעך, האלץ אדער שטאף וואס פערהיט
אן אקס⸗לאגער פון שטויב און שמוץ און
לאזט ניט אויסרינען דאס שמירעכץ; א
פארריכטונג ארום די רעדער פון א וואַ⸗
גען אדער אויטאמאביל וואס פערהיט, אז
דער שמוץ פון די רעדער זאל ניט ארייני⸗
שפריצען אין דעם וואגען אדער אויטאמא⸗
ביל.

dust'-hole *n.* (דאסט'-האול) ז. ***bust-bin***

dus'tiness *n.* (דאס'-טי-נעס) שטויביג⸗
קייט.

dust'man *n.* (דאסט'-מען) א גאסען⸗
קעהרער; איינער וואס ראמט אוים שמוץ;
דער שטויב⸗מאן [דער געניוס פון שלאף,
דער שלאף. דער נאמען שטאמט דערפון,
וואס ווען קינדער שטעהן אויף פון שלאף,
רייבען זיי זיך די אויגען פונקט, ווי זיי
וואלטען געוועזן פערשאטען מיט שטויב].

dust'-pan *n.* (דאסט'-פען) א מיסט⸗
שויפעל, א מיסט⸗פאן [אין וועלכער מען
נעהמט צונויף דעם שטויב ביים קעהרען
אדער בערשטען].

dust'-shot *n.* (דאסט'-שאט) פויגעל⸗
שראט [קליינער שראט צו שיסען פוי⸗
געל].

dust the hands (דאסט טהי הענדז) זיך
רייבען די הענד, זיין צופריעדען.

dus'ty *a.* (דאס'-טי) שטויביג; בעדעקט
מיט שטויב; פול מיט שטויב; צוריבען
אין שטויב; וואס איז ווי שטויב.

dus'ty-foot *n.* (דאס'-טי-פוט) א יאריד⸗
געריכט [אין די אמאליגען צייטען אין
ענגלאנד. דאס געריכט האט בלויז פערהאנ⸗
דעלט די קלאגען וואס זיינען ארויסגע⸗
קומען צוליעב און ביים יאריד. ווערט אזוי
גערופען וואהרשיינליך צוליעב דעם שטוי⸗
ביגען אויסזעהן פון די קלעגער און אנגע⸗
קלאגטע].

Dutch *n. and a.* (דאטש) א האלענדער,
א דייטש; די האלענדישע שפראך; די
דייטשע שפראך; האלענדיש, דייטש; וואס
איז שייך צו דער האלענדישער אדער צו
דער דייטשער שפראך.

Dutch auc'tion (דאטש אהק'-שאן)
אן אויקציאן [א ליציטאציע, אן אויספער⸗
קויף], ביי וועלכער דער אויקציאנער
הויבט אן פון א הויכער פרייז, וועלכע ער
לאזט ביסלעכווייז ארונטער, ביז עס גע⸗
פינט זיך א קונה; א שווינדעל⸗אויקציאן.

Dutch build (דאטש בילד) אונגעלומ⸗
פערט, דיק.

Dutch clo'ver (דאטש קלאו'-ווער)
ווייסקלעע [אזא מין פלאנצע].

Dutch com'fort (דאטש קאמ'-פארט)
גם זו לטובה.

Dutch cour'age (דאטש קאר'-עדזש)
געמאכטער מוטה; מוטה אונטער דער וויר⸗
קונג פון שכרות.

Dutch cree'pers (דאטש קריע'-פערז)
צווערג⸗בוימלעך אדער קארליק⸗בוימלעך
[אזעלכע קליינע קלעטער⸗בוימלעך].

Dutch feast (דאטש פיעסט) א קער⸗
מעשעל [הוליאנקע], ביי וועלכען דער
בעל הבית ווערט דער ערשטער שכור.

Dutch gold (דאטש גאולד) ז. ***Dutch metal***

Dutch'man *n.* (דאטש'-מען) א האלענ⸗
דער; א דייטש [געברויכט נור אין אמע⸗
ריקא].

Dutch met'al (דאטש מעט'-על) נאכגע⸗
מאכט בלאט⸗גאלד אדער גאלד⸗פאפיער [א
געמישט מעטאל וואס בעשטעהט פון 11
טיילען קופער און צוויי טיילען צינק און
איז עהנליך אין אויסזעהן צו גאלד. צו⸗
ליעב זיין ווייכקייט ווערט פון דיעזען
מעטאל געמאכט גאלד⸗פאפיער].

Dutch myr'tle (דאטש מוירטל) אזא
מין מירטע [הדסים].

Dutch ov'en (דאטש אוו'ן) א בעווענלי⸗
כער בלעכענער אויווען, א בראט⸗אויווען.

Dutch pink (דאטש פינק) געלער לאק.

Dutch school (דאטש סקוהל) די הא⸗
לענדישע אדער פלאמאנדישע קונסט⸗שולע
[די ריכטונג אין מאלעריי, וועלכע האט
דערגרייכט איהר העכסטע שטופע פון פאל⸗
קאמענהייט אין האלאנד און וועלכע צייי⸗
כענט זיך אוים הויפטזעכליך דערמיט,
וואס די טהעמאס פאר די בילדער ווערען
גענומען פון דעם געוועהנליכען טאג⸗טעג⸗
ליכען לעבען].

Dutch tile (דאטש טאיל) גלאזירטע
ציגעל מיט מאלערייען.

Dutch ware (דאטש הוועהר) פאיאנס,
שטיין⸗גוט.

du'teous *a.* (דיו'-טי-אס) געהארכזאם;
וואס טהוט זיין פפליכט; פפליכטמעסיג.

du'teously *adv.* (דיו'-טי-אס-לי) מיט
געהארכזאמקייט; געוויסענהאפט; לויט
דער פפליכט.

du'tiable *a.* (דיו'-טי-עבל) אויף וואס
עס זיינען ארויפגעלעגט טאריף⸗אבצאהלונ⸗
גען.

du'tied *a.* (דיו'-טיד) ז. ***dutiable***

du'ties on en'try (דיו'-טיז אן ענ'-
טרי) איינפיהר⸗צאל; טאריף⸗שטייערען
אויף אויסלענדישע סחורות.

du'tiful *a.* (דיו'-טי-פול) געהארכזאם;
וואס פערהאלט זיך אונטערטהעניג אדער
מיט רעספעקט; וואס ערפילט זיינע
פפליכטען.

du'tifully *adv.* (דיו'-טי-פול-אי) מיט
געהארכזאמקייט, מיט אונטערטהעניגקייט,
מיט רעספעקט, לויט פפליכט.

du'tifulness *n.* (דיו'-טי-פול-נעס) גע⸗
הארכזאמקייט; אונטערטהעניגקייט, דאס
פערהאלטען זיך מיט רעספעקט, דאס ער⸗
פילען די פפליכט.

du'ty *n.* (דיו'-טי) פפליכט; געהארכזאמ⸗
קייט, אונטערטהעניגקייט; ערפילונג פון
פפליכטען; דיענסט [הויפטזעכליך מילי⸗
טערישע]; שטייער; לייסטונג, ארבייט,
קראפט.

du'ty bound (דיו'-טי באונד) פער⸗
פפליכטעט.

A captain of a ship is in duty bound to safeguard the lives of his passengers.

du'ty-free *a.* (דיו'-טי-פריע) פריי
פון צאל.

du'ty-la'bor *n.* (דיו'-טי-ליי'-באר)
פאנשטשיזנע, ארבייט פון לייב⸗אייגענע
[די געצוואונגענע ארבייט וואס די פויע⸗
רים פלעגען טהאן פאר דעם גוטס⸗בעזי⸗
צער].

duum'vir *n.* (דיו-אמ'-ווער) א דואומ⸗
ויר, איינער פון די צוויי בעאמטע אין
אלטען רוים, וואס פלעגען געמיינשאפט⸗
ליך פערטרעטען איין און דעמזעלבען אמט.

duum'virate *n.* (דיו-אמ'-ווי-רייט)
דער דואומוויראט, די צווילינג⸗הערשאפט
אדער צווילינג⸗פערוואלטונג [אין אלטען
רוים], א פעראייניגונג פון צוויי מענשען
אין איין און דעמזעלבען אמט; דאס אמט,
וועלכען עס האבען פערטראטען צוויי מענ⸗
שען.

D-valve *n.* (די'-וועלוו) א ווענטיל פון
א דאמפף⸗מאשין⸗צילינדער וואס האט דעם
אויסזעהן פון ***D***.

dwarf *n., v. and a.* (דהוואהרף) א קאר⸗
ליק, א צווערג, איינער אדער עטוואס וואס
איז אויסערגעוועהנליך קליין; מאכען פאר
א קארליק, שטערען דעם וואוקס, מאכען
קליין, פערקלענערען, מאכען אזוי, אז איי⸗
נער אדער עטוואס זאל אויסזעהן זעהר
קליין; ווערען קליין; ווערען א קארליק;
קליין⸗געוויקסיג.

dwar'fish *a.* (דהוואהר'-פיש) קליין⸗גע⸗
וויקסיג; קליינליך, פערעכטליך.

dwar'fishly *adv.* (דהוואהר'-פיש-לי)
ווי א קארליק [צווערג]; דורך קליינקייט,
דורך ווענינקייט.

dwarf'ling *n.* (דהוואהרפ'-לינג) א קליין
קארליקעל, א קליין צווערגעל.

dwarf'-tree *n.* (דהוואהרף'-טריע) דער
קארליק⸗בוים, דער צווערג⸗בוים.

dwar'fy *a.* (דהוואהר'-פי) קליין, ווי א
קארליק.

dwell *v.* (דהוועל) וואהנען; בלייבען, זיך
אבשטעלען, פערווילען; פארטזעצען, אנ⸗
האלטען.

To dwell in a palace is not always to be happy.

dwell'er *n.* (דהוועל'-ער) אן איינוואה⸗
נער, א בעוואהנער.

dwell'ing *n.* (דהוועל' אינג) א וואהנונג; א וואהנונגס־ארט; דאס וואהנען, דאס בעוואהנען.

dwell'ing-house *n.* (דהוועל' אינג־האוס) א וואהן־הויז.

dwell'ing-place *n.* (דהוועל'-אינג־פּלייס) א וואהן־ארט.

dwelt (דהוועלט) געוואהנט, פערוויילט. ז. *dwell*

dwin'dle *v.* (דהווינדל) שווינדען, זיך פערמינדערען, ווערען וועניגער; איינגעשרומפּען ווערען; ווערען ערגער, געמיינער.

dwin'dle away' (דהווינדל ע-הוויי) פערשווינדען.

dwin'dle in'to (דהווינדל אינ'-טו) פערשווינדען, ווערען אלץ קלענער און קלענער, ווערען אלץ ערגער און ערגער; אונבעמערקט זיך פערוואנדלען אין עפּעס אדער איבערגעהן אין א אנדער צושטאנד.
Through bad investments his fortune dwindled into insignificance.

dwin'dlement *n.* (דהווינ'דל-מענט) דאס פערמינדערען זיך, דאס קלענער ווערען, דאס ווערען איינגעשרומפּען, דאס אויסצעהרען.

dwine *v.* (דהוואין) אבצעהרען [דורך א קראנקהייט].

dy'ad *n.* (דאי'-עד) א פּאר.

dyad'ic *a.* (דאי-עד'-איק) וואס איז שייך צו דער צאהל 2; וואס בעשטעהט פון צוויי טיילען אדער עלעמענטען.

dy'archy *n.* (דאי'-אר-קי) א רעגיערונג פון צוויי הערשער.

dye *n. and v.* (דאי) פארבען; א קאליר; פארב [צום פארבען].

dyed in the wool (דאיד אין טהי וואול) דורך און דורך, פאלשטענדיג; עכט; איינגעווארצעלט, איינגענעסען.
He is a dyed in the wool Democrat.

dye'-house *n.* (דאי'-האוס) א פארבעריי.

dye'ing *n.* (דאי'-אינג) דאס פארבען.

dye in grain (דאי אין גריין) פארבען מיט עכטער פארב [וואס געהט ניט אב].

dy'er *n.* (דאי'-ער) א פארבער [הויפּטזעכליך פון קליידער].

dy'er's-broom *n.* (דאי'-ערז-ברוהם) אזא פלאנצע וועלכע ווערט בענוצט צו מאכען גרינע פארב.

dy'er's-green'weed *n.* (דאי'-ערז-גריענ'-הוויעד) ז. *dyer's-broom*

dy'er's-weed *n.* (דאי'-ערז-הוויעד) אזא גראז פון וועלכען מען מאכט א געוויסע געלבע פארב.

dye'stone *n.* (דאי'-סטאון) אזא רויטער שטיין וועלכער געפינט זיך אין טענעסי [אמעריקא].

dye'stuff *n.* (דאי'-סטאף) פארב־שטאף, פארב־מאטעריאל.

dye'-tri'al *n.* (דאי'-טראי'-על) א פארב־פּראבע.

dye'-vat *n.* (דאי'-וועט) א פארב־וואנע אדער פארב־קעסעל.

dye'ware *n.* (דאי'-הוועהר) ז. *dyestuff*

dye'weed *n.* (דאי'-הוויעד) ז. *dyer's-broom*

dye'wood *n.* (דאי'-הוואוד) האלץ פון וועלכען עס ווערט געמאכט פארב.

dye'-works *n.* (דאי'-הוואירקס) א פארבעריי.

dy'ing *n. and a.* (דאי'-אינג) דאס שטארבען; שטארבענדיג, אויסהויכענדיג די נשמה; אבשטארבענדיג.

dy'ing breath (דאי'-אינג ברעטה) לעצטער אטעמצוג.

dy'ing clouds (דאי'-אינג קלאודז) פערשווינדענדע וואלקענס.

dy'ing condi'tion (דאי'-אינג קאנ-דיש'-אן) א שטארבענדער צושטאנד.

dy'ing eyes (דאי'-אינג איז) שמאכטענדע אויגען.

dy'ingly *adv.* (דאי'-אינג-לי) אויף א שטארבענדען אופן.

dy'ing song (דאי'-אינג סאהנג) דאס שוואנען־ליעד [דאס לעצטע ליעד].

dy'ing words (דאי'-אינג הווירדז) די לעצטע ווערטער פאר'ן טויט.

dyke *n. and v.* (דאיק) ז. *dike*

dy'nagraph *n.* (דאי'-נע-גרעף) אן אפּאראט וואס ווערט בענוצט ביי אייזענבאהנען אבצופּראבירען דעם צושטאנד פון די רעלסען, צו מעסטען די געשווינדקייט און די קראפט פון לאקאמאטיוו און וויפיעל קויהלען און וואסער ער פערצעהרט.

dy'nam *n.* (דאי'-נעם) א פוס־פונט [אן איינהייט מיט וועלכער עס ווערט געמאסטען ארבייט. זי איז גלייך צו דער ארבייט וואס ווערט געלייסטעט ביים הייבען 1 פונט געוויכט אין דער הויך פון 1 פוס].

dynam'eter *n.* (דאי-נעמ'-ע-טער) א דינאמעטער [אן אינסטרומענט אבצופּראבירען די פערגרעסערונגס־קראפט פון טעלעסקאפּען].

dynamet'ric *a.* (דאי-נע-מעט'-ריק) וואס איז שייך צו א דינאמעטער. ז. *dynameter*

dynamet'rical *a.* (דאי-נע-מעט'-רי-קעל) ז. *dynametric*

dynam'ic *n. and a.* (דאי-נעמ'-איק) דינאמיש; ווירקענד; בעוועגענד; וואס פעראורזאכט אדער ברייגנט ארויס בעוועגונגען אדער ענדערונגען; וואס איז שייך צו מעכאנישע קרעפטע, וואס איז שייך צו בעוועגענדע קרעפטע; דינאמיק, דער טייל פון מעכאניק און פיזיק וועלכער לערענט וויא צו בערעכענען די בעוועגונג פון קערפּער אין צוזאמענהאנג מיט די קרעפטע וועלכע ווירקען אויף זיי.

dynam'ical *a.* (דאי-נעמ'-אי-קעל) דינאמיש; ווירקענד; בעוועגענד; וואס פעראורזאכט אדער ברייגנט ארויס בעוועגונגען אדער ענדערונגען; וואס איז שייך צו מעכאנישע קרעפטע; וואס איז שייך צו בעוועגענדע קרעפטע.

dynam'ically *adv.* (דאי-נעמ'-אי-קעל-אי) אויף א דינאמישען אופן, אין בעצוג צו דינאמיק. ז. *dynamic*

dynam'ic electric'ity (דאי-נעמ'-איק אי-לעק-טריס'-אי-טי) דינאמישע עלעקטריציטעט, שטראם־עלעקטריציטעט [אין געגענזאץ צו סטאטישער עלעקטריציטעט].

dynam'ic geol'ogy (דאי-נעמ'-איק דזשי-אל'-א-דזשי) דינאמישע געאלאגיע [דער טייל פון געאלאגיע וואס בעשעפטיגט זיך מיט אויספארשען די נאטור און דעם כאראקטער פון די קרעפטען, וועלכע פעראורזאכען ענדערונגען אין דעם ערד־קוגעל].

dynam'ics *n.* (דאי-נעמ'-איקס) די דינאמיק, די לעהרע וועגען בעוועגענדע קרעפטע.

dynam'ic the'ory (דאי-נעמ'-איק טהי'-א-רי) די דינאמישע טעאריע פון קאנט [די טעאריע דורך וועלכער דער פילאזאף עמנואל קאנט האט געוואלט ערקלערען די בעשאפונג פון מאטעריע און איהר נאטור. לויט דיעזער טעאריע איז יעדע מאטעריע געשאפען געווארען דורך צוויי געגענגעזעצטע קרעפטען אדער פּרינציפּען, דורך אבשטויסונג און אנציהונג].

dy'namism *n.* (דאי'-נע-מיזם) דינאמיזם, די טעאריע וואס בעהויפּטעט, אז אויסער מאטעריע פאדערט זיך נאך עפּעס — ווי קראפט, ענערגיע א. ד. ג. — צו ערקלערען די ערשיינונגען פון דער נאטור; די טעאריע, אז מעכאנישע ענערגיע איז מאטעריע; די טעאריע, אז אין דער וועלט געפינט זיך קיין זאך ניט וואס זאל ניט קענען ערקלערט ווערען דורך דעם פּרינציפּ פון ענערגיע; דאס זיין דינאמיש.

dy'namist *n.* (דאי'-נע-מיסט) אן אנהענגער פון דינאמיזם. ז. *dynamism*

dynamis'tic *a.* (דאי-נע-מיס'-טיק) וואס איז שייך צו דינאמיק. ז. *dynamic*

dy'namite *n. and v.* (דאי'-נע-מאיט) דינאמיט [א שטארק אויפרייסענדער שטאף, וואס בעשטעהט פון א געמיש פון ניטרא־גליצערין און א געוויסען זארט סיליציום ערד]; אויפרייסען מיט דינאמיט; אונטערמינעווען מיט דינאמיט.

dy'namite-gun *n.* (דאי'-נע-מאיט-גאן) א שיס־געוועהר וואס ווערט געלאדען מיט דינאמיט.

dy'namiter *n.* (דאי'-נע-מאי-טער) איינער וואס בענוצט דינאמיט פאר אונגעזעצליכע צוועקען; איינער וואס בענוצט דינאמיט פאר טעראריסטישע צוועקען.

dynamit'ical *a.* (דאי-נע-מיט'-אי-קעל) וואס איז שייך צו דינאמיט; אויפרייסענד, פערניכטענד.

dynamit'ically *adv.* (דאי-נע-מיט'-אי-קעל-אי) דורך דער הילף פון דינאמיט; מיט אן אויפרייסענדער געוואלט.

dy'namiting *n.* (דאי'-נע-מאי-טינג) דאס פערניכטען אדער צושטערען מיט דינאמיט; דאס טעראריזירען מיט דינאמיט.

dy'namitism *n.* (דאי'-נע-מאי-טיזם) די בענוצונג פון דינאמיט אדער אנדערע אויפרייסענדע שטאפען פאר דעם צוועק פון טעראר.

dynamiza'tion *n.* (דאי-נע-מי-זיי'-שאן) די פערגרעסערונג פון דער קראפט; די פערשטארקונג פון דער קערפּערליכער קראפט אדער פון די נערוועז.

dy'namize *v.* (דאי'-נע-מאיז) פערשטארקען די קראפט פון קערפּער אדער פון די נערוועז.

dy'namo *n.* (דאי'-נע-מאו) א דינאמא־מאשין, אן עלעקטרישע מאשין [א מאשין וואס פערוואנדעלט מעכאנישע ענערגיע אין עלעקטרישע].

dy'namo-elec'tric *a.* (דאי'-נע-מאו-אי-לעק'-טריק) דינאמא־עלעקטריש, וואס איז שייך צו דער בעציהונג צווישען עלעקטרישער ענערגיע און מעכאנישער: וואס פערוואנדעלט מעכאנישע ענערגיע אין עלעקטרישע אדער אומגעקעהרט.

dy'namo-elec'trical *a.* (דאי'-נע-מאו-אי-לעק'-טריק-על) ז. *dynamo-electric*

dy'namo-elec'tric machine' (דאי'-נע-מאו-אי-לעק'-טריק מע-שין') ז. *dynamo*

dynamogen'esis *n.* (דאי-נע-מא-דזשענ'-ע-סיס) ז. *dynamogeny*

dynamogen'ic *a.* (דאי-נע-מא-דזשענ'-איק) וואס איז שייך צו דער פערשטארקונג פון דער טהעטיגקייט פון די נערוועז.

dynamog'eny *n.* (דאי-נע-מאדזש'-ע-ני) דאס פערשטארקען די טהעטיגקייט פון די נערוועז.

dynam'ograph *n.* (דאי-נעמ'-א-גרעף)

א דינאמאגראף [אן אינסטרומענט צו
מעסטען די מוסקעל־קראפט פון דער
האנד].
dynamom'eter *n.* (דאי־נע־מאמ׳־ע־
טער) א דינאמאמעטער, א קראפט־מעס־
טער [א מאשין צו מעסטען די קראפט פון
מענשען, טהיערע, מאשינען א. ד. ג.].



Dynamometer

dynamomet'ric *a.* (דאי־נע־מא־מעט־
ריק) וואס איז שייך צו א דינאמאמעטער.
ז. ***dynamometer***
dynamomet'rical *a.* (דאי־נע־מא־
מעט׳־רי־קעל) ז. ***dynamometric***
dynamom'etry *n.* (דאי־נע־מאמ׳־ע־
טרי) דאס בענוצען א דינאמאמעטער.
ז. ***dynamometer***
dy'nast *n.* (דאי׳־נעסט) א הערשער; א
הערשער, וועלכער גיט איבער זיין הער־
שאפט בירושה.
dynas'tic *a.* (דאי־נעס׳־טיק) וואס איז
שייך צו א רייהע הערשער פון איין אבשטא־
מונג, דינאסטיש.
dynas'tical *a.* (דאי־נעס׳־טי־קעל)
ז. ***dynastic***
dynas'ticism *n.* (דאי־נעס׳־טי־סיזם)
קעניגליכע הערשאפט וואס געהט איבער
בירושה; א רעגיערונג פון הערשער, וועל־
כע גיבען איבער זייער מאכט בירושה.
dy'nasty *n.* (דאי׳־נעס־טי) א דינאסטיע,
א הערשער־שטאם, דורות פון הערשער פון
דעמזעלבען שטאם.
dyne *n.* (דאין) א קראפט־איינהייט [דאס
איז די קראפט וואס קען בעוועגען 1 גראם־
געוויכט אין 1 סעקונדע צייט די שטרעקע
פון 1 סענטימעטער].
dysæsthe'sia *n.* (דיס־עס־טהי׳־סי־א)
אבטעמפונג פון עמפפינדליכקייט.
dys'crase *n.* (דיס׳־קרייס) ז. ***dyscrasia***
dyscra'sia *n.* (דיס־קריי׳־סי־א) א
קרענקליכער צושטאנד.
dyscras'ic *a.* (דיס־קרעס׳־איק) קרענק־
ליך, ניט געזונד; וואס איז שייך צו א
קרענקליכען צושטאנד.
dysenter'ic *a.* (דיס־ען־טער׳־איק) וואס
איז שייך צו דיזענטעריע, רויטע רוהר
אדער בלוט־שלשול. ז. ***dysentery***
dysenter'ical *a.* (דיס־ען־טער׳־אי־
קעל) ז. ***dysenteric***
dys'entery *n.* (דיס׳־ען־טער־אי) דיזענ־
טעריע, רויטע רוהר אדער בלוט־שלשול
[אן אנשטעקיגע קראנקהייט, וועלכע דריקט
זיך אויס אין זעהר א שטארקען שלשול
מיט בלוט, אין א שרעקליכען וועהטאג
אין בויך און אין ווארפען דעם חולה אין
היץ און אין קעלט].
dys'odile *n.* (דיס׳־א־דיל) א מין גרינ־
ליך־גרויע אדער געלבליך־גרויע קויהלען,
וועלכע לאזען ארויס א שטינקענדען גע־
רוך בעת זיי ברענען.
dyspep'sia *n.* (דיס־פעפ׳־סי־א) דיספעפ־
סיע, שלעכטע פערדייאונג צוזאמען מיט
פערלוסט פון אפעטיט.
dyspep'sy *n.* (דיס־פעפ׳־סי) ז. ***dyspepsia***
dyspep'tic *n. and a.* (דיס־פעפ׳־טיק)
וואס ליידט פון שלעכטער פערדייאונג;
וואס איז שייך צו שלעכטער פערדייאונג;
איינער וואס ליידט פון שלעכטער פערדיי־
אונג; קרענקליך; פעסימיסטיש; מיט א
זויערע פנים.
dyspep'tical *a.* (דיס־פעפ׳־טיק־על) ז. ***dyspeptic***
dyspep'tic complaint' (דיס־פעפ׳־
טיק קאמ־פליינט׳) מאגען־שוואכקייט.
dyspha'gia *n.* (דיס־פיי׳־דזשי־א) דיס־
פאגיע אדער דאס שווערע שלינגען.
dys'phagy *n.* (דיס׳־פיי־דזשי) ז. ***dysphagia***
dyspho'nia *n.* (דיס־פאו׳־ני־א) ז. ***dysphony***
dys'phony *n.* (דיס׳־פא־ני) די שווערי־
קייט צו רעדען אויף׳ן קול; דאס כריפען.
dyspnœ'a *n.* (דיספ־ניע׳־ע) דאס שווע־
רע אטעמען, די ענג־ברוסטיגקייט.
dysteleolog'ical *a.* (דיס־טעל־אי־א־
לאדזש׳־אי־קעל) ניט טעלעאלאגיש, אהן
צוועקמעסיגקייט, אהן אן ענד־ציעל.
dysteleol'ogy *n.* (דיס־טעל־אי־אל׳־א־
דזשי) די לעהרע, וועלכע אנערקענט ניט
קיין צוועקמעסיגקייט אין נאטור און לע־
בען.
dzig'getai *n.* (דזיג׳־גע־טאי) דער ווילד־
דער אזיאטישער עזעל.

E

E, e (אי) דער פינפטער בוכשטאב פון
דער ***a-b-c***
E. אבקירצונג פון ***east***
E *n.* (אי) אין מוזיק — די נאטע "ע"
אדער "מי" [דער דריטער טאן פון א
גאמע].
each *a. and pr.* (איטש) יעדער, יעדע,
יעדעס.
each for the oth'er (איטש פאר טהי
אטה׳־ער) איינער פאר׳ן אנדערען, סאלי־
דאריש.
each oth'er (איטש אטה׳־ער) איינער
דעם אנדערען; געגענזייטיג.
ea'ger *a.* (איע׳־גער) אייפריג, בעגיע־
ריג נאך עפעס; מיט א שטארקען חשק צו
עפעס; אויפגערעגט דורך א שטארקער
שטרעבונג צו עפעס.
They were eager to go to Europe.
ea'gerly *adv.* (איע׳־גער־לי) ניעריג, מיט
א שטארקען חשק.
ea'gerly bent (איע׳־גער־לי בענט)
העפטיג געניינט צו עפעס.
ea'gerness *n.* (איע׳־גער־נעס) א שטאר־
קע לוסט, א שטארקע שטרעבונג צו עפעס,
ניערינקייט, העפטינקייט, היציגקייט, אייפ־
ריגקייט.
ea'gle *n.* (איע׳גל) אן אדלער; א מילי־
טער־פאהן; א גאלדענע מטבע פון 10 דא־
לאר אין די פעראייניגטע שטאאטען פון
אמעריקא; א קאפעדרא אדער סטענדער
אין א קירך, פון וועלכער דער גלח האלט
זיין דרשה; אין ארכיטעקטור — דער
פראנטאן פון א געביידע [דער אויבער־
שטער טייל פון פארענט־וואנד וואס איז
ארומגערינגעלט מיט א דריי־עקיגען קאר־
ניז].

Eagle

ea'gle-eyed *a.* (איע׳גל־איד) מיט
אדלער־אויגען, שארפזיכטיג ווי אן אדלער.
ea'gle-owl *n.* (איע׳גל־אול) די אדלער־
סאווע [איינער פון די גרעסטע נאכט־
פויגלען אין אייראפא].
ea'gle-sigh'ted *a.* (איע׳גל־סאי׳־טעד)
וואס האט א שטארקע ראיה, שארפזיכטיג
ווי אן אדלער.
ea'glestone *n.* (איע׳גל־סטאון) דער
אדלער־שטיין. ז. ***aetites***
ea'glet *n.* (איע׳־גלעט) א קליין אדלערל.
ea'gle-winged *a.* (איע׳גל־הווינגד) מיט
אדלער־פליגלען; שנעל ווי אן אדלער.
ea'glewood *n.* (איע׳גל־הוואוד) אדלער־
האלץ [שמעקעדיג האלץ פון אזיען, ווערט
געברויכט צו רויכערען וויירויך].
ea'gre *n.* (איע׳גר) א פלוצליכע אויפ־
הויבונג פון וואסער אין א טייך אדער
אזיערע, א געוויסער.
eal'derman *n.* (על׳־דער־מען)
ז. ***ealdorman***
eal'dorman *n.* (על׳־דאר־מען) דער
עלטסטער פון דער פאלקספערזאמלונג ביי
די אלטע אנגלא־זאקסען; דער פיהרער און
קאמאנדיר אין מלחמה.
E. and O. E. (אבקירצונג פון די ווערטער
errors and omissions excepted)
א קאמערציעלער אויסדרוק אונטער א גע־
שריבענער רעכנונג, אז אין פאל אויב דאר־
טען וועלען זיך געפינען פעהלערען און
גרייזען דארף די רעכנונג ווידער איבער־
געקוקט ווערען.
ear *n. and v.* (איער) דאס אויער; דאס
געהער; דאס צוהערען זיך; אן אויערעל,
א הענטעל; א זאנג; ארויסגעשטארצטע
פעדערען אויף׳ן קאפ [ווי ביי געוויסע
פויגלען]; ארויסשפראצען אין זאנגען.

ear'ache *n.* (איער'-אייק) אויערן־וועהטאג.
ear'-brush *n.* (איער'-בראש) א מין בערשטעל אדער פענזעל צו רייניגען דעם אויער.
ear'-cap *n.* (איער'-קעפ) אן אויער־דעקעל [א מין צודעק צו בעשיצען די אויערן פון קעלט].
ear'-deaf'ening *a.* (איער'-דעפ'נ-אינג) טויב־מאכענד, בעטויבענד.
ear'-drop *n.* (איער'-דראפ) אן אויער־רינגעל מיט א צינגעל וואס הענגט פון איהם אראב.
ear'-drop'per *n.* (איער'-דראפ'-ער) ז. *ear-drop*.
ear'-drum *n.* (איער'-דראם) דאס פויק־הייטעל פון אויער; דער מיטעלסטער טייל פון אויער.
eared *a.* (איערד) מיט אויערן; מיט זאנגען; מיט ארויסגעשטארצטע פעדערן אויף'ן קאפ ווי אויערן [ווי ביי געוויסע נאכט־פויגלען].
ear'-fin'ger *n.* (איער'-פינ'-גער) דער קליינער פינגער.
ear'-flap *n.* (איער'-פלעפ) דער אראבגעהאנגענער אויער פון א הונד.
ear'-hole *n.* (איער'-האול) דאס לעכעל פון אויער.
ea'riness *n.* (איע'-רי-נעס) געפיהל פון געהיימניספאלען שרעק: דאס שרעקען זיך פאר אן אונבעוואוסטע זאך.
ear'-kiss'ing *a.* (איער'-קיס'-אינג) וואס זאגט א סוד אויף'ן אויער.
earl *n.* (אוירל) א גראף [אין ענגלאנד].
ear'-lap *n.* (איער'-לעפ) דאס אויער־לעפעל [דער ווייכער אונטערשטער טייל פון אויער]; אן אויער־דעקעל צו בעדעקען די אויערן צו שיצען זיי פון קעלט.
earl'dom *n.* (אוירל'-דאם) די הערשאפט אדער ווירדע פון א גראף [אין ענגלאנד].
ear'less *a.* (איער'-לעס) אהן אויערן.
ear'liest *adv.* (אויר'-לי-עסט) צום פריהסטען; פריהער איידער אלע.
I shall call at the **earliest** moment possible.
ear'-lif'ter *n.* (איער'-ליפ'-טער) אן ארויסגעשטארצטער טייל פון א שנייד־מאשין, וועלכער הויבט אויף די איינגעבויגענע זאנגען, כדי אבצושניידען זיי.
ear'like *a.* (איער'-לאיק) ווי אן אויער.
ear'liness *n.* (אויר'-לי-נעס) פריהצייטיגקייט; דאס זיין דער ערשטער אדער צום ערשטען.
earl'-mar'shal *n.* (אוירל'-מאר'-שעל) דער לארד־מארשאל פון ענגלאנד, וועלכער איז דער הויפט צערעמאניען־מייסטער פון קעניגליכען הויף.
ear'-lock *n.* (איער'-לאק) א לאק האר וואס גרייזעלט זיך איבער דעם אויער [די מאדע פון ענגלישען אדעל אין די אמאליגע צייטען].
ear'ly *a. and adv.* (אויר'-לי) פריה, פריהצייטיג; דער ערשטער, די ערשטע; באלד, בעצייטענס.
ear'ly an'swer (אויר'-לי ענ'-סער) א גיכער ענטפער.
ear'ly bird (אויר'-לי בוירד) א "פריה־הער פויגעל" [איינער וואס קומט פריה צו דער ארבייט].
The early bird catches the worm.
ear'ly can'dle-light (אויר'-לי קענ'דל-לאיט) די ערשטע אבענד־שטונדען.
ear'ly hab'it (אויר'-לי העב'-איט) די געוואוהנהייט פריה אויפצושטעהן.
ear'ly life (אויר'-לי לאיף) די יוגענד; די יוגענד־צייט.
ear'ly post (אויר'-לי פאוסט) מיט דער נעכסטער פאסט, גיך ווי מעגליך.
ear'ly ri'ser (אויר'-לי ראי'-זער) איינער וואס ליעבט פריה אויפצושטעהן.
ear'mark *n. and v.* (איער'-מארק) א צייכען וואס איינער מאכט אויף זיינע שעפסען א. ד. ג. אויפשניידענדיג ביי זיי אן אויער; א צייכען צו דערקענען; מאכען א צייכען אויף די שעפסען, אויפשניידענדיג ביי זיי אן אויער.
earn *n. and v.* (אוירן) פערדיענען; ערווערבען; אבגעזעצט ווערען [ווי מילך]; אן אדלער.
ear'nest *n. and a.* (אויר'-נעסט) ערנסט; פלייסיג; העפטיג; מיט חשק, מיט כונה; ערנסטקייט; זיכערהייט; האנד־געלד; די ערשטע פרוכט.
ear'nestly *adv.* (אויר'-נעסט-לי) מיט ערנסט, אויפריכטיג.
ear'nest-mon'ey *n.* (אויר'-נעסט-מאנ'-אי) האנד־געלד, אן אויפגאב.
ear'nestness *n.* (אויר'-נעסט-נעס) ערנסטקייט, העפטיגקייט, פלייסיגקייט.
ear'ning *n.* (אויר'-נינג) פערדיענסט; בעלוינונג.
ear'nings *n.* (אויר'-נינגז) פערדיענסטען, שכירות, פרנסה.
ear'-pick *n.* (איער'-פיק) אן אויער־לעפעלע, אן אויער־שטעכער.
ear'-pier'cer *n.* (איער'-פיער'-סער) דאס אויער־פליגעלע [אזא אינזעקט, וועגען וועלכען מען גלויבט, אז ער קריכט אריין אין אויער און זשוזשעט דארט].
ear'-pier'cing *a.* (איער'-פיער'-סינג) גרילצענדיג אין די אויערן, לעכערענדיג די אויערן [וועגען א גרילצענדען הויכען קלאנג].
ear'-reach *n.* (איער'-ריעטש) ז. *ear-shot*.
ear'-ring *n.* (איער'-רינג) אן אויער־רינגעל.
ear'-shell *n.* (איער'-שעל) א מויערקאפ, א ים־מושעל.
ear'-shot *n.* (איער'-שאט) הער־ווייטקייט, דער מרחק, פון וועלכען מען קען הערען.
ear'-split'ting *a.* (איער'-ספליט'-אינג) רייסענדיג די אויערן.
The children are making an **ear-splitting** noise.
earth *n. and v.* (אוירטה) די ערד, די וועלט, די איינוואהנער פון דעם ערד־קוגעל; ערד; שמוץ; עטוואס וואס איז נידריג אדער געמיין; א לאך, א קאנורע [פון חיות]; בעהאלטען, בעגראבען; זיך בעהאלטען, זיך בעגראבען.
earth'-ap'ple *n.* (אוירטה'-עפל) קארטאפעל.
earth'-au'ger *n.* (אוירטה'-אה'-גער) ז. *earth-borer*.
earth'-bags *n.* (אוירטה'-בעגז) שאנצען־זעק [זעק מיט ערד, וועלכע מען שטעלט אויס אין פעסטונגען אלס שוץ־מיטעל געגען די פיינדליכע קאנאנען].
earth'-bank *n.* (אוירטה'-בענק) א דאמבע פון ערד.
earth'-bath *n.* (אוירטה'-בעטה) א בלאטע־וואנע [אלס הייל־מיטעל].
earth'-board *n.* (אוירטה'-באורד) דאס שטרייכברעט ביים אקער־אייזען [דאס ברעטעל, וואס קעהרט אראב די ערד פון אקער־אייזען].
earth'-bob *n.* (אוירטה'-באב) א רעגען־ווארים.
earth'-bor'er *n.* (אוירטה'-באור'-ער) אן ערד־בויערער [אן אינסטרומענט צו בויערען אין דער ערד].
earth'-born *a.* (אוירטה'-בארן) געבארען פון דער ערד; פון אירדישער אבשטאמונג; געמיין, נידריג.
earth'-bound *a.* (אוירטה'-באונד) בעפעסטיגט צו דער ערד אדער דורך דעם דרוק פון דער ערד; האבענדיג אירדישע אינטערעסען.
earth'-bred *a.* (אוירטה'-ברעד) נידריג, געמיין.
ear'then *a.* (אויר'טהן) געמאכט פון ערד, ליים א. ד. ג.
ear'thenware *n.* (אויר'טהנ-הוועהר) ליימענע כלים, טעפער־וואארע.
earth'-fast *a.* (אוירטה'-פעסט) פעסט אין דער ערד.
earth'-flax *n.* (אוירטה'-פלעקס) דער אמיאנט, דער בארג־פלאקס, דער שטיין־פלאקס [א מין אסבעסטאס אדער ווייכער מינעראל].
ear'thiness *n.* (אויר'-טהי-נעס) דאס זיין פון ערד; דאס ענטהאלטען ערד; חומר'דיגקייט; גראבקייט.
earth'liness *n.* (אוירטה'-לי-נעס) אירדישקייט, וועלטליכקייט [אין געגענזאץ צום גייסטיגען אדער הימלישען].
earth'ling *n.* (אוירטה'-לינג) א בעל עולם הזה; איינער וואס איז אירדיש, וועלטליך [אין געגענזאץ צום גייסטיגען אדער הימלישען]; אן ערד־איינוואהנער, א שטערבליכער.
earth'ly *a.* (אוירטה'-לי) אירדיש, וועלטליך, קערפערליך, מאטעריעל [אין געגענזאץ צום גייסטיגען אדער הימלישען]; וואס געפינט זיך אויף אדער וואס שטאמט פון דער ערד; פערשטענדליך, קלאר.
earth'ly-min'ded *a.* (אוירטה'-לי-מאינ'-דעד) וואס האט אין זינען נור עולם הזה זאכען אדער נור דעם חומר; וועלטליך געזאנען.
earth'ly-min'dedness *n.* (אוירטה'-לי-מאינ'-דעד-נעס) דאס האבען אין זינען נור עולם הזה זאכען; תאוות; וועלטליכקייט.
earth'ly use (אוירטה'-לי יוס) מאטעריעלע נוצען, מאטעריעלער ווערטה; נוץ, ווערטה.
The woman's hat of last season is of no earthly use now.
earth'nut *n.* (אוירטה'-נאט) דער ערד־נוס אדער פינאט; דאס קעפעל פון געוויסע אייראפעאישע ברייטע גראזען וואס וואקסען אין פייכטע ערטער.
earth'quake *a.* (אוירטה'-קהווייק) אן ערדציטערניש.
earth'-shine *n.* (אוירטה'-שאין) אין אסטראנאמיע — דער אבשיין פון דער ערד [דער שוואכער שיין וואס זעהט זיך אויף דער זייט פון דער לבנה, וועלכע איז ניט בעלויכטען פון דער זון. דיעזע שיין נעהמט זיך פון דעם, וואס די ערד שיינט זיך אב אויף דער לבנה].
earth'-ta'ble *n.* (אוירטה'-טייבל) אין ארכיטעקטור — דער פיער־עקיגער פונדאמענט, אויף וועלכען עס שטעהט די וואנד פון א געביידע אדער א זייל.
earth'-wall *n.* (אוירטה'-הוואהל) אן ערד־וואנד [ווי פון א פעסטונג].
earth'ward *adv.* (אוירטה'-הווארד) אין דער ריכטונג צו דער ערד.
earth'work *n.* (אוירטה'-הווארק) דער ערד־בוי, יעדע ארט בויען וואס בעשטעהט אין אויסגראבען אדער אנשיטען ערד.
earth'worm *n.* (אוירטה'-הווארם) דער

ערד־ווארים אדער רעגנוי־ווארים; א גע־מיינער מענש.

ear'thy *a.* (אויר'-טהי) וואס געהערט צו דער ערד; געמאכט פון ערד; אזוי ווי ערד; גראב, רויה.

ear'thy frac'ture (אויר'-טהי פרעק'-טשור) אן אבגעבראכענער שטיק מינעראל, וואו די אבגעבראכענע זייט איז ניט גלאט, נאר שארסטקע ווי ערד.

ear'-trum'pet *n.* (איער'-טראמ'-פעט) אן אויערען־רעהר אדער שפרעכרעהר [אן אפאראט צו הערען. ווערט בענוצט פון טויבע].

ear'-wax *n.* (איער'-הוועקס) אויערען־וואקס [די געלבע מאטעריע וואס קלייבט זיך אן אין די אויערען]. ז. ***cerumen***.

ear'wig *n.* and *v.* (איער'-הוויג) דאס אויער־פליעגעלע [אן אינזעקט, וועגען וועלכען מען גלייבט, אז ער קריכט אריין אין אויער און זשוזשעט דארט]; שעפ־טשען אויף'ן אויער, טרייבען רכילות.

Earwig

ear'-wire *n.* (איער'-הוואיר) אן אויער־רינגעל.

ear'-wit'ness *n.* (איער'-הוויט'-נעס) אן עדות וואס האט אליין געהערט; איי־נער וואס קען בעשטעטיגען א זאך דער־מיט, וואס ער האט אליין געהערט.

ease *n.* and *v.* (איעז) רוה; לייכטיג־קייט; בעקוועמליכקייט; בערוהיגען; איינ־שטילען; פערלייכטערען; מילדערען.

ease away' (איעז ע-הוויי') לאנגזאם אומדרעהען אדער קירעווען א שיף.

ease'ful *a.* (איעז'-פול) פריעד־ רוהיג; פריעדליך; בעקוועם.

ease'fully *adv.* (איעז'-פול-אי) מיט רוה, מיט שטילקייט.

ease'fulness *n.* (איעז'-פול-נעס) רוה, בעקוועמליכקייט.

ease her! (איעז הויר) האלט איין! [א בעפעהל צו פער־קלענערען די געשווינ־דיגקייט פון א דאמפף־מאשין].

Easel

ea'sel *n.* (איעזל) א געשטעל אדער שטענ־דער צום האלטען א בילד אדער א צייכען־ברעט א. ד. ג.

ease'less *a.* (איעז'-לעס) אונ־ אונרוהיג; אונ־בעקוועם.

ea'sel-pic'ture *n.* (איע'זל-פיק'-טשור) א בילד וואס שטעהט אויף א געשטעל אדער א שטענדער.

ea'sel-piece *n.* (איע'זל-פיעס) ז. ***easel-picture***.

ease'ment *n.* (איעז'-מענט) לינדערונג, ערלייכטערונג; בעקוועמליכקייט; דאס רעכט אויף געוויסע בעקוועמליכקייטען אויף פרעמדען לאנד [ווי דאס רעכט אויף א דורכגאנג א. ד. ג.].

ease up! (איעז אפ) לאנגזאם!

ea'sily *adv.* (איע'-זי-לי) אויף א לייכ־טען אופן; מיט לייכטקייט; לייכט, גרינג.

ea'sily huffed (איע'-זי-לי האפד) וואס צינדט זיך לייכט אן, וואס ווערט לייכט אין כעס.

ea'siness *n.* (איע'-זי-נעס) לייכטקייט; רוהיגקייט; בעקוועמליכקייט; בערייטווי־ליגקייט, געפעליגקייט.

ea'siness of belief' (איע'-זי-נעס אוו בי-ליעף') לייכטגלויביגקייט.

ea'siness of mind (איע'-זי-נעס אוו מאינד) געמיטס־רוה.

ea'siness of style (איע'-זי-נעס אוו סטאיל) א לייכטער, פליסיגער סטיל.

east *n., a., adv.* and *v.* (איעסט) מזרח־זייט; פון מזרח־זייט; צו מזרח־זייט, אין דער ריכטונג פון מזרח־זייט; בעווענען אדער ווענדען צו מזרח־זייט.

east'-about' *adv.* (איעסט'-ע-באוט') צו מזרח־זייט; אין דער ריכטונג פון מזרח־זייט.

Eas'ter *n.* and *a.* (איעס'-טער) אסטע־רען, פאסכא [דער קריסטליכער פסח]; דער אידישער פסח; וואס איז שייך צו פאסכא אדער פסח.

Eas'ter day (איעס'-טער דיי) אסטער־טאג, דער טאג אין וועלכען פאסכא פאלט אויס.

Eas'ter eggs (איעס'-טער עגז) אסטער־אייער, געפארבטע אייער וועלכע ווערען געשאנקען אום פאסכא.

Eas'ter eve (איעס'-טער איוו) אסטער־אבענד, דער הייליגער אבענד ערב פאסכא.

eas'terling *n.* (איעס'-טער-לינג) איי־נער וואס שטאמט פון די מזרח־לענדער; איינער וואס קומט פון די אריענטאלישע לענדער [ווי פאלעסטינא, אראביען, עגיפ־טען א. ד. ג.]; אן אלטע ענגלישע זיל־בערנע פעני.

eas'terly *adv.* and *a.* (איעס'-טער-לי) צו מזרח־זייט, אין דער ריכטונג צו מזרח־זייט; וואס איז אין מזרח־זייט; וואס איז געריכטעט צו מזרח־זייט.

eas'tern *a.* (איעס'-טערן) וואס איז אין מזרח־זייט; וואס געהט צו מזרח; וואס איז שייך צו מזרח־זייט; אריענטאליש.

Eas'tern *n.* (איעס'-טערן) א מיטגליעד פון דער ארטאדאקסישער גריכישער קירך.

East In'dia (איעסט אינ'-די-א) אסט־אינדיען.

East In'dies (איעסט אינ'-דיז) אסט־אינדיען.

eas'ting *n.* (איעס'-טינג) דאס קומען נעהנטער צו מזרח־זייט; די שטרעקע וואס א שיף איז אבגעגאנגען צו מזרח־זייט.

east'land *n.* (איעסט'-לענד) מזרח־לענ־דער, דער אריענט.

east'ling *a.* (איעסט'-לינג) וואס איז אין מזרח־זייט.

East Side (איעסט סאיד) דער אידישער קווארטאל אין ניו יארק.

The East Side of New York is thickly populated.

east'ward *a.* and *adv.* (איעסט'-הווארד) וואס איז געריכטעט צו מזרח־זייט; וואס איז אין דער ריכטונג פון מזרח־זייט; אין דער ריכטונג צו מזרח־זייט.

east'wardly *adv.* (איעסט'-הווארד-לי) ז. ***eastwards***.

east'wards *adv.* (איעסט'-הווארדז) צו מזרח־זייט.

east'-wind *n.* (איעסט'-הווינד) מזרח־ווינד.

ea'sy *a.* (איע'-זי) לייכט; רוהיג.

ea'sy as shell'ing peas (איע'-זי עז שעל'-אינג פיעז) לייכט ווי א האר פון מילך.

ea'sy-chair *n.* (איע'-זי-טשעהר) דער לעהנשטוהל, א שטוהל געמאכט געווארען צו פיהלען זיך אין איהם בעקוועם.

ea'sy cir'cumstances (איע'-זי סויר'-קאם-סטענ-סעז) גוטע אומשטענדען, פער־מעגליכקייט, וואהלהאבענקייט.

ea'sy-go'ing *a.* (איע'-זי-גאו'-אינג) לייכט, לעבעדיג, וואס נעהמט זיך ניט צום הארצען.

ea'sy-mel'ting *a.* (איע'-זי-מעל'-טינג) וואס שמעלצט זיך לייכט, וואס צוגיסט זיך, ניט זעלבסטשטענדיג.

ea'sy of ac'cess (איע'-זי אוו עק'-סעס) לייכט צוגענגליך.

ea'sy of belief' (איע'-זי אוו בי-ליעף') לייכטגלויביג.

ea'sy to suit (איע'-זי טו סיוט) לייכט צו בעפרידיגען.

ea'sy-yiel'ding *a.* (איע'-זי-ייל'-דינג) נאכגעביג.

eat *v.* (איעט) עסען; ערנעהרען זיך.

ea'table *a.* and *n.* (איע'-טעבל) עס־באר; פארטיג צום עסען; א שפייז־ארטי־קעל.

ea'tage *n.* (איע'-טעדזש) פוטער אדער שפייז פאר בהמות פון די תבואות וואס זיינען געזייהט געווארען דעם צווייטען מאל אין דעמזעלבען יאהר.

eat away' (איעט ע-הוויי') אויפפרעסען, פערניכטען.

eat dirt (איעט דוירט) ערנידריגען זיך; אראבשלינגען די אייגענע ווערטער.

ea'ten (איעטן) ז. ***eat***. געגעסען.

eat hum'ble-pie (איעט האמ'בל-פאי) זיין געצווינגען צו בויגען דעם קאפ; זיין געצווינגען אונטערצוגעבען זיך.

ea'ting *n.* and *a.* (איע'-טינג) דאס עסען, דאס קייען; שפייז, עסענווארג; וואס עסט אויס, וואס עסט פאנאנדער.

ea'ting-house *n.* (איע'-טינג-האוס) א גארקיך; א רעסטאראנט.

eat one's head off (איעט הוואנז העד אף) האבען ווייניגער נוצען פון איינעם ווי עס קאסט דאס אויסהאלטען איהם.

eat one's heart (איעט הוואנז הארט) זיך אויפעסען דאס הארץ; טרויערען.

eat one's words (איעט הוואנז הווארדז) צוריקכאפען די ווערטער, צו־ריקציהען א בעהויפטונג.

eat out of house and home (איעט אוט אוו האוס ענד האום) אבעסען איינעם דעם קאפ, מאכען איינעם ארעם, לעבענדיג און פערשווענדעריש געלד אויף יענעמס רעכנונג.

eat the leek (איעט טהי ליעק) צוריק־ציהען א בעליידיגונג.

eat toads (איעט טאודז) זיך אונטערלע־קען, חנפ'ענען.

eau de Cologne' (או דע קא-לאון') א־דע־קאלאן, א פארפיום געמאכט פון ספירט און עטער־אויל.

eau de Paris' (או דע פא-רי') א מין א־דע־קאלאן. ז. ***eau de Cologne***.

eau'-de-vie' *n.* (או'-דע-ווי') שנאפס, בראנפען [אין פראנקרייך].

eaves *n.* (איעווז) די ברעט־רינג; די ברע־גען פון א דאך; ארויסגעשטארצטע ברע־גען.

eaves'-board *n.* (איעווז'-באורד) א דיק ברעט צוגעשלאגען צום אונטערשטען טייל פון די קראקוועס פון א דאך, אויף וועלכען עס לעגט זיך אויס דער ערשטער צייל פון די שינדלען.

eaves'-catch *n.* (איעווז'-קעטש) ז. ***eaves-board***.

eaves'-drop *n.* (איעווז'-דראפ) דאס וואסער וואס קאפעט פון דאך.

eaves'drop *v.* (איעווז'-דראפ) ליעגען

אונטער א פענסטער און צוקוקען זיך וואס עס טהום זיך אין שטוב; שטעהן הינטער דער טהיר און איינהערען זיך וואס מען רעדט; אונטערהערען א פרעמדען שמועס.

eaves'dropper *n.* (איעווז'-דראפ-ער) איינער וואס הערט זיך איין אין געהיים צו א פרעמדען געשפרעך.

eaves'dropping *n.* (איעווז'-דראפ-אינג) דאס אונטערהערען וואס אנדערע רעדען.

eaves'-swal'low *n.* (איעווז'-סהוואל'-או) א מין שוואלב וואס בויט איהר נעסט אונטער'ן דאך פון א הויז און מאכט איהם פון קויט און ליים אין דער פארם פון א פלאש.

ebb *n. and v.* (עב) די עבע [דער צוריקפאל נאך דעם רעגעלמעסיגען צופלוס פון דעם וואסער אין ים (פלוט), וואס ווידערהאלט זיך צוויי מאל אין מעת-לעת]; א צוריקפלום; א זינקען; דאס שטופענווייזע פאלען אדער פערקלענערען זיך; צוריקפליסען, צוריקקעהרען [ווי דאס וואסער אין ים בעת דער עבע]; אבפאלען, זיך פערקלענערען, זינקען.

ebb and tide (עב ענד טאיד) עבע און פלוט [דאס אבפאלען און דער צופלוס פון דעם וואסער אין ים, וואס ווידערהאלט זיך רעגעלמעסיג צוויי מאל אין מעת-לעת. עבע און פלוט קומט אויך פאר אין די טייכען, ער איז דארט אבער ניט בעמערקבאר].

ebb'-tide *n.* (עב'-טאיד) די עבע. ז. **ebb**

E'bionism *n.* (אי'-בי-אנ-איזם) די לעהרע פון די אביונים. ז. ***Ebionite***

E'bionite *n. and a.* (אי'-בי-אנ-אים) אן אביון, אן עביאניט, א מיטגליעד פון א אידיש-קריסטליכער סעקטע, וואס האט עקזיסטירט צווישען צווייטען און פיערטען יאהרהונדערט פון דער קריסטליכער צייט-רעכנונג [די סעקטע האט אנערקענט יעזוס'ען אלס משיח און האט נעגלויבט אין זיין געטליכער אבשטאמונג; זי האט זיך אבער אין דערזעלבער צייט פעסט געהאלטען אן דער אידישער תורה און האט ניט אנערקענט דעם אפאסטאל פאועל און זיינע שריפטען]; וואס איז שייך צו דער אביונים-סעקטע.

Ebionit'ic *a.* (אי-בי-אנ-איט'-איק) וואס איז שייך צו די אביונים אדער צו זייער סעקטע. ז. ***Ebionite***

E'bionitism *n.* (אי'-בי-אנ-איט-איזם) די לעהרע און דער גלויבען פון די עביאניטען אדער אביונים. ז. ***Ebionite***

eb'on *n. and a.* (עב'-אן) עבען-האלץ [א מין הארט שווארץ האלץ]; וואס איז געמאכט פון עבען-האלץ; עהנליך צו עבען-האלץ; שווארץ; הארט.

eb'onist *n.* (עב'-אנ-איסט) איינער וואס מאכט פערשידענע זאכען פון עבען-האלץ.

eb'onite *n.* (עב'-אנ-אים) אזא הארטע גומי.

eb'onize *v.* (עב'-אנ-איז) מאכען שווארץ [הויפטזעכליך האלץ אום עס צו מאכען עהנליך צו עבען-האלץ]; צוגעבען צו עפעס א קאליר פון עבען-האלץ.

eb'ony *n. and a.* (עב'-אנ-אי) עבען-האלץ [א מין שווארצעס הארטעס האלץ]; געמאכט פון עבען-האלץ; עהנליך צו עבען-האלץ.

ebul'lience *n.* (אי-באל'-יענס) דאס אויסזידען, דאס אויסלויפען, דאס אריבערלויפען; דאס זיין צו היציג אדער צו ענטוזיאסטיש.

ebul'liency *n.* (אי-באל'-יענ-סי) ז. ***ebullience***

ebul'lient *a.* (אי-באל'-יענט) אויסלויפענדיג [ווענען זידענדע פליסיגקייטען]; צו היציג, צופיעל ענטוזיאסטיש.

ebul'lioscope *n.* (אי-באל'-יא-סקאופ) אן אינסטרומענט צו פרובען די שטארקייט פון ספירים דורך דעם וואס עס ווערט בעשטימט דער זידע-פונקט.

ebulli'tion *n.* (עב-א-ליש'-אן) דאס זידען, דאס אויפזידען, דאס אויפקאכען; אן אויסברוך [פון געפיהלען].

ebur'nated *a.* (אי-בויר'-ניי-טעד) הארט ווי עלעפאנטביין [ווענען ביינער].

eburna'tion *n.* (עב-אויר-ניי'-שאן) דאס ווערען הארט ווי עלעפאנטביין [ווענען ביינער]; א קראנקהייט, פון וועלכער די ביינער ווערען הארט ווי עלעפאנטביין.

eb'urnine *a.* (עב'-אויר-נין) געמאכט פון עלעפאנטביין.

ec'ce ho'mo (עק'-סיע האו'-מאו) אט דאס איז דער מענש; א קינסטלערישע פארשטעלונג פון יעזוס'ען, וואס שטעלט איהם פאר מיט א דערנער-קרוין [ווי די לעגענדע דערצעהלט, האט זיך מיט דיעזע ווערטער געווענדעט צו די אידען דער רוימישער פראקאנסול פילאט, אנצייגענדיג זיי אויף יעזוס'ען].

eccen'tric *a. and n.* (עק-סענ'-טריק) עקסצענטריש; וואס געפינט זיך אויסער דעם צענטער אדער מיטעל-פונקט; אין געאמעטריע — וואס האבען ניט קיין געמיינשאפטליכען צענטער [ווענען קרייזען]; איבערשפאנט, פערשיעדען, וואס האבען ניט דיעזעלבע ריכטונג, שטרעבונג אדער ציעל; וואס שטימט ניט מיט דעם אלגעמיין אנגענומענעם; אונרעגעלמעסיג, אוננארמאל, מאדנע, אויסערגעוועהנליך; וואס איז שייך צו אן עקסצענטריקער [א מענש מיט אויסערגעוועהנליכע מאדנע געוואהנהייטען און האנדלונגען]; אן עקסצענטריקער; איינער אדער עטוואס וואס איז אוננארמאל, אונרעגעלמעסיג אדער אויסערגעוועהנליך; אין מעכאניק — אן עקסצענטער, [א פארריכטונג צו פערוואנדלען א רעגעלמעסיגע קרייז-בעוועגונג אין א לינעארע בעוועגונג מיט אונטערברעכונגען]; אין אסטראנאמיע — א קרייז וואס ווערט בעשריבען ארום אן עליפסע [אן איי-פערמיגער קרייז]

eccen'trical *a.* (עק-סענ'-טרי-קעל) עקסצענטריש; וואס געפינט זיך אויסער דעם צענטער אדער וואס האבען ניט קיין געמיינשאפטליכען צענטער; איבערשפאנט, פערשיעדען אין ריכטונג, שטרעבונג אדער ציעל; וואס שטימט ניט מיט דעם אלגעמיין-אנגענומענעם; אונרעגעלמעסיג, אוננארמאל; אויסערגעוועהנליך; וואס איז שייך צו אן עקסצענטרישען מענשען.

eccen'trically *adv.* (עק-סענ'-טרי-קעל-אי) אויף אן עקסצענטרישען אדער איבערשפאנטען אופן; אויף אן אופן וואס איז אויסער דעם צענטער אדער וואס האט ניט דעמזעלבען צענטער.

eccen'tric-gear *n.* (עק-סענ'-טריק-גיער) די מאשינען-טיילען וואס געהערען צו דעם עקסצענטער, [ווי די שייבע, דער שטאנג א. ד. ג.].



Eccentric-gear

eccentric'ity *n.* (עק-סענ-טריס'-אי-טי) עקסצענטריציטעט; דאס אבווייכען פון צענטער; דאס ניט האבען קיין געמיינשאפטליכען צענטער [ווענען קרייזען]; דער אבשטאנד אדער די שטרעקע צווישען צוויי צענטערס פון צוויי קרייזען [בעזאנדערס ווען איין קרייז געפינט זיך אין דעם אנדערען]; דאס זיין איבערשפאנט, דאס זיין שטארק פערשיעדען פון דעם געוועהנליך אלגעמיין אנגענומענעם.

eccen'tric-rod *n.* (עק-סענ'-טריק-ראד) דער פערבינדונגס-שטאנג דורך וועלכען עס ווערט איבערגעגעבען די עקסצענטרישע בעוועגונג פון א מאשין.

eccle'siarch *n.* (ע-קלי'-זי-ארק) דער עקלעזיארך, דער אויפזעהער איבער א קירך.

eccle'siast *n.* (ע-קלי'-זי-עסט) א גייסטליכער; דער פערפאסער פון קהלת.

Ecclesias'tes *n.* (ע-קלי-זי-עס'-טיז) דאס בוך קהלת [ספר קהלת].

ecclesias'tic *a. and n.* (ע-קלי-זי-עס'-טיק) קירכליך, גייסטליך; א גייסטליכער.

ecclesias'tical *a.* (ע-קלי-זי-עס'-טי-קעל) קירכליך, גייסטליך.

ecclesias'tical cal'endar (ע-קלי-זי-עס'-טי-קעל קעל'-ענ-דער) דער קירכען-קאלענדאר.

ecclesias'tical coun'cils (ע-קלי-זי-עס'-טי-קעל קאונ'-סילז) די פערזאמלונגען אדער סינאדען פון גייסטליכע, וועלכע בעשליסען פערשיעדענע פראגען פון רעליגיאן ווי אויך די פראגען. ווענען די בעציהונגען פון דער קירך און מלוכה.

ecclesias'tical his'tory (ע-קלי-זי-עס'-טי-קעל היס'-טא-רי) די קירכען-געשיכטע.

ecclesias'tical law (ע-קלי-זי-עס'-טי-קעל לאה) קירכען-געזעץ.

ecclesias'tically *adv.* (ע-קלי-זי-עס'-טי-קעל-אי) דורך דער קירך; בנוגע צו די קירכליכע ענינים אדער איינריכטונגען.

ecclesias'tical pol'ity (ע-קלי-זי-עס'-טי-קעל פאל'-אי-טי) די פרינציפען און מעטאדען פון קירכליכער רעגיערונג.

ecclesias'ticism *n.* (עק-לי-זי-עס'-טי-סיזם) די איבערגעגעבענהייט צו די פרינציפען פון דער קירך אדער צו איהרע פארמען; די מאכט און אויטאריטעט פון די גייסטליכע.

Ecclesias'ticus *n.* (ע-קלי-זי-עס'-טי-קאס) דאס בוך פון "בן סירא".

ecclesiog'raphy *n.* (ע-קלי-זי-אג'-רע-פי) קירכען-געשיכטע [די געשיכטע פון די קירכען, ווי זיי זיינען געבוים, זייערע דאגמעס, זייערע כללים א. ד. ג.].

ecclesiolog'ic *a.* (ע-קלי-זי-א-לאדזש'-איק) ז. ***ecclesiological***

ecclesiolog'ical *a.* (ע-קלי-זי-א-לאדזש'-אי-קעל) וואס איז שייך צו דער וויסענשאפט וואס פערנעהמט זיך מיט דער אויספארשונג פון דער קריסטליכער קירך אלס ארגאניזירטע געזעלשאפט אדער ארגאנישע קערפערשאפט; וואס איז שייך צו דער ארכיטעקטור-וויסענשאפט פון קירכען-בוי און קירכען-רעקאראציאנען.

ecclesiol'ogist *n.* (ע-קלי-זי-אל'-א-דזשיסט) א קענער אין דער וויסענשאפט וואס בעשעפטיגט זיך מיט דער אויספארשונג פון דער קריסטליכער קירך אלס ארגאניזירטע געזעלשאפט; א קענער אין קירכען-ארכיטעקטור.

ecclesiol'ogy *n.* (ע-קלי-זי-אל'-א-דזשי) די וויסענשאפט וואס בעשעפטיגט זיך מיט דער אויספארשונג פון דער קריסטליכער

קירך אלס ארגאניזירטע געזעלשאפט; די ארכיטעקטור־וויסענשאפט פון קירכען־בוי און קירכען־דעקאראציאנען.

ec'dysis *n.* (עק'-די-סיס) דאס אראבווארפען אדער בייטען די פעדערען [ווי ביי פויגלען]; דאס אראבווארפען אדער בייטען די הויט [ווי ביי שלאנגען].

ech'elon *n. and v.* (עש'-ע-לאן) אן עשעלאן, דאס אויסשטעלען סאלדאטען אין א טרעפען־פערמיגער ארדנונג; אויסשטעלען אין א טרעפען־פערמיגער ארדנונג.

ech'inal *a.* (עק'-אי-נעל) וואס איז שייך צו א ים־אינגעל אדער ים־יאזשיק [אזא חיה'לע בעדעקט מיט דיקע שטעכעדיגע האר].

ech'inate *a.* (עק'-אי-נייט) מיט שטעכעדיגע האר, מיט שטאכלען, ווי א שטעכינע בארשט.

ech'inated *a.* (עק'-אי-ניי-טעד) ז. *echinate*

echi'nid *n.* (ע-קאי'-ניד) איינער פון דעם מין חיה'לעך צו וועלכע עס געהערט דער ים־אינגעל.

Echin'idæ *n.* (ע-קאינ'-אי-דיע) דער מין חיות צו וועלכע עס געהערט דער ים־אינגעל [אזעלכע חיה'לעך וואס זיינען בעדעקט מיט דיקע הארטע שטעכיגע האר].

echi'nidan *n.* (ע-קאי'-ני-דען) ז. *echinid*

echi'niform *a.* (ע-קאי'-ני-פארם) וואס האט די פארם פון א ים־אינגעל אדער ים־יאזשיק.

echi'noderm *a. and n.* (ע-קאי'-נא-דוירם) וואס האט א הויט בעדעקט מיט שטאכלען [וועגען געוויסע חיות]; איינע פון די שטאכעל־הויטיגע חיות.

Echinoder'ma *n.* (ע-קאי-נא-דויר'-מא) ז. *Echinodermata*

echinoder'mal *a.* (ע-קאי-נא-דויר'-מעל) וואס האט א הויט בעדעקט מיט שטאכלען [וועגען געוויסע חיות].

Echinoder'mata *n.* (ע-קאי-נא-דויר'-מע-טא) די שטאכעל־הויט חיות [דער מין חיות וואס זייער הויט איז בעדעקט מיט קורצע דיקע שטעכעדיגע האר. צו דעם מין געהערט אויך דער ים־אינגעל און דער שטערען־פיש].

echinoder'matous *a.* (ע-קאי-נא-דויר'-מע-טאס) וואס האט א הויט בעדעקט מיט שטאכלען [וועגען געוויסע חיות].

echi'noid *a. and n.* (ע-קאי'-נאיד) וואס זעהט אויס ווי א ים־אינגעל אדער ים־יאזשיק; איינע פון די חיות וואס זייער הויט איז בעדעקט מיט שטאכלען.

Echinoi'dea *n.* (עק-אי-נאי'-די-א) דער מין חיות צו וועלכען עס געהערט דער ים־אינגעל אדער ים־יאזשיק.

echinoi'dean *a. and n.* (עק-אי-נאי'-די-ען) וואס איז שייך צו דעם מין ים־אינגעל חיות; א ים־אינגעל, אדער איינער פון דעם מין.

echi'nus *n.* (ע-קאי'-נאס) א ים־אינגעל אדער א ים־יאזשיק; די אויבערשטע רונדע רינגפערמיגע ארויסשטארצונג פון א זייל.

ech'o *n. and v.* (עק'-או) אן עכא, א ווידער־קול; א בת קול; דאס ווידערהאלען דעם צווייטענס געפיהלען אדער געדאנקען; אין מוזיק — א נידריגע ווידערהאלונג פון א קורצער מוזיקאלישער פראזע דורך'ן ארקעסטער אדער ארגאן; אין ארכיטעקטור — א וואנד אדער געוועלב, וואס הילכט אב יעדען קלאנג און בעוועגונג; געבען א ווידער־קול; אבקלינגען צוריק; נאכאהמען, ווידערהאלען.

Ech'o *n.* (עק'-או) אין גריכישער מיטאלאגיע — די עכא, די נימפע אדער יעטין פון בערג, וועגען וועלכער עס דערצעהלט זיך, אז זי איז אזוי אויסגעגאנגען און פערטריקענט געווארען אין ליעבע צו נארציסען, דאס פון איהר איז איבערגעבליבען ניט מעהר ווי א שוואכער קול.

ech'o back (עק'-או בעק) ווידערהאלען, צוריקווארפען, נאכרעדען, נאכטהאן.

echom'eter *n.* (ע-קאמ'-ע-טער) אן אינסטרומענט צו מעסטען די אינטערוואלען און די בעציהונגען פון קלאנגען איינער צום אנדערען.

echom'etry *n.* (ע-קאמ'-ע-טרי) די קונסט צו מעסטען דעם דויער, די אינטערוואלען און די בעציהונגען פון קלאנגען איינער צום אנדערען; אין ארכיטעקטור — די קונסט צו בויען א געביידע לויט די פרינציפען פון אקוסטיק [די לעהרע וועגען קלאנגען].

éclair' *n.* (איי-קלעהר') א קליינער לאנגליכער טארט אנגעפילט מיט שמאנט און בעגאסען מיט שאקאלאד אדער צוקער.

éclaircisse'ment *n.* (איי-קלעהר-סיס'-מאן) ערקלערונג; דאס מאכען קלאר אן עניין.

éclat' *n.* (איי-קלא') גלאנץ; רוהם; אפלאדיסמענטען: צושטימונג.

eclec'tic *a. and n.* (עק-לעק'-טיק) אויסקלייבענד, אויסוועהלענד; אן עקלעקטיקער, איינער וואס נעהמט ניט אן קיין פעסטבעשטימטע סיסטעם אין דער פילאזאפיע אדער וויסענשאפט, נאר ער נעהמט ארויס פערשיעדענע שטיקער פון פערשיעדענע סיסטעמען, אנערקענענדיג זיי פאר ריכטיג; אן אנהענגער פון דער אלטער עקלעקטישער פילאזאפיע, וועלכע האט פארגעשטעלט א צוזאמענמישונג פון פלאטאנישע, סטאאישע און עפיקורעאישע לעהרען; אין אלטען קריסטענטום — א קריסט וואס שטרעבט צו פעראייניגען די פלאטאנישע פילאזאפיע מיט די לעהרען פון עוואנגעליום; אין מעדיצין — א דאקטאר, וועלכער בענוצט בעזונדערע טיילען פון פערשיעדענע הייל־סיסטעמען.

eclec'tical *a.* (עק-לעק'-טי-קעל) אויסוועהלענד, עקלעקטיש.

eclec'tically *adv.* (עק-לעק'-טי-קעל-אי) דורך אויסקלייבונג; אויף אן עקלעקטישען שטייגער.

eclec'ticism *n.* (עק-לעק'-טי-סיזם) עקלעקטיזם, די מעטאדע פון עקלעקטיקער, דאס אננעהמען אדער אנערקענען בעזונדערע טיילען פון פערשיעדענע סיסטעמען פון דער פילאזאפיע, מעדיצין א. ד. ג.

eclipse' *n. and v.* (אי-קליפס') אין אסטראנאמיע — די פערפינסטערונג פון דער זון אדער לבנה [לקוי חמה אדער לקוי לבנה]; דאס אנווערען דעם גלאנץ אדער כבוד; פערפינסטערען; פערטונקלען, בעדעקען מיט א שאטען; אראבנעהמען דעם גלאנץ.

eclip'sis *n.* (אי-קליפ'-סיס) א פערפינסטערונג; דאס ארויספאלען פון א קלאנג אדער בוכשטאב פון א ווארט; דאס פאלען אין חלשות, דאס פלוצליכע פערלירען דאס בעוואוסטזיין.

eclip'tic *a. and n.* (אי-קליפ'-טיק) פערפינסטערענד, פערטונקלענד; וואס איז שייך צו לקוי חמה אדער לקוי לבנה; אין אסטראנאמיע — דער עקליפטיק, דער שיינבארער קרייז, וועלכען די זון מאכט כלומר'שט אין איהר גאנג ארום דער ערד אין דעם משך פון א יאהר.

ec'logue *n.* (עק'-לאג) אן עקלאג, א הירטען־ליעד, א דארף־ליעד.

econom'ic *a.* (אי-קא-נאמ'-איק) עקאנאמיש, שפארזאם; וואס איז שייך צום ווירטשאפטליכען לעבען אדער צו די עקאנאמישע בעציהונגען פון מענשען.

econom'ical *a.* (אי-קא-נאמ'-אי-קעל) ז. *economic*

econom'ically *adv.* (אי-קא-נאמ'-אי-קעל-אי) אויף אן עקאנאמישען, שפארזאמען שטייגער; בנוגע צו די עקאנאמישע בעציהונגען.

econom'ics *n.* (אי-קא-נאמ'-איקס) פאליטישע עקאנאמיע [די וויסענשאפט, וועלכע פארשט די געזעצען פון ווירטשאפטליכער ענטוויקלונג פון א געוויסען לאנד, ווי אויך די בעדינגונגען פון פראדוקציאן און פערטיילונג פון רייכטימער].

econ'omise *v.* (אי-קאנ'-א-מאיז) ז. *economize*

econ'omist *n.* (אי-קאנ'-א-מיסט) איינער וואס לעבט עקאנאמיש אדער שפארזאם; אן עקאנאמיסט, א קענער פון פאליטישער עקאנאמיע.

econ'omize *v.* (אי-קאנ'-א-מאיז) פיהרען אדער פערוואלטען אויף אן עקאנאמישען אופן; עקאנאמיזירען, אבשפארען.

econ'omizer *n.* (אי-קאנ'-א-מאי-זער) א שפארזאמער מענש; אן אפאראט אין א מאשין אויסצונוצען שוין געברויכטע דאמפף אדער היץ.

econ'omy *n.* (אי-קאנ'-א-מי) עקאנאמיע, הויזהאלטונג, פערוואלטונג פון א ווירטשאפט; שפארזאמקייט; ארדנונג, סיסטעם.

ecphrac'tic *a. and n.* (עק-פרעק'-טיק) אין מעדיצין — וואס מאכט שוואך דעם מאגען, וואס פיהרט אב; אן אבפיהר־מיטעל.

ec'stasy *n.* (עק'-סטע-סי) עקסטאז, א צושטאנד פון העכסטער בעגייסטערונג אדער ענטציקונג.

ecstat'ic *a.* (עק-סטעט'-איק) וואס קומט ארוים פון העכסטער ענטציקונג; אין עקסטאז, אין זעהר א הויכער בעגייסטערונג.

ecstat'ical *a.* (עק-סטעט'-אי-קעל) ז. *ecstatic*

ecstat'ically *adv.* (עק-סטעט'-אי-קעל-אי) דורך עקסטאז, דורך העכסטער ענטציקונג.

ec'toblast *n.* (עק'-טא-בלעסט) אין ביאלאגיע — די אויסערליכע זייט פון א צעלע.

ectoblas'tic *a.* (עק-טא-בלעס'-טיק) וואס בעלאנגט צו דער אויסערליכער זייט פון א צעלע.

ec'toderm *n.* (עק'-טא-דוירם) אין עמבריאלאגיע — די עקטאדערמא [פון דעם אייעלע פון וועלכען עס ענטוויקעלט זיך א לעבעדיגע בעשעפעניש, בילדעט זיך אוים צוערשט אין מוטער'ס בויך די "גאסטרולא" אדער א מין זעקעלע, פון וועלכען די ווענטלעך בעשטעהען פון צוויי בעזונדערע שיכטען אדער הייטלעך — אן אויסערליכע און אינערליכע. דאס אויסערליכע הייטעל פון דיעזען זעקעלע רופט זיך "עקטאדערמא" און פון איהר בילדען זיך אוים די אויסערליכע טיילען פון קערפער; דאס אינערליכע הייטעל רופט זיך "ענדאדערמא" און פון איהם בילדען זיך אוים די אינערליכע טיילען פון קערפער].

ectoder'mal *a.* (עק-טא-דויר'-מעל) וואס איז שייך צו דער עקטאדערמא. ז. *ectoderm*

ectoder'mic *a.* (עק-טא-דויר'-מיק) ז. *ectodermal*

ectro'pion *n.* (עק-טראו'-פי-אן) ז. *ectropium*

ectro'pium *n.* (עק-טראו'-פי-אם) אזא קראנקהייט, ווען געוויסע טיילען פון סעריפער [ווי די אויגען-לעדלעך אדער אנדערע עהנליכע טיילען] זיינען איבערגעקעהרט.

ec'type *n.* (עק'-טאיפ) א קאפיע, אן אבדרוק פון אריגינאל.

ectypog'raphy *n.* (עק-טי-פאג'-רע-פי) די מעטאדע צו מאכען אויף'ן כעמישען אופן גראווירונגען אזוי, אז די בוכשטאבען אדער פיגורען זאלען זיין בולט [רעליעף].

ecumen'ic *a.* (עק-יו-מענ'-איק) ז. *ecumenical*

ecumen'ical *a.* (עק-יו-מענ'-אי-קעל) אלגעמיין, אלוועלטליך; וואס בעלאנגט צו דער גאנצער קריסטליכער קירך.

ecumen'ical coun'cil (עק-יו-מענ'-אי-קעל קאונ'-סיל) א בעראטונג, צו וועלכער עס ווערט געלאדען די גאנצע קריסטליכע קירך [אין דער ווירקליכקייט אבער איז עס נור דער פאל ביי דער רוימיש-קאטוילישער קירך].

ec'zema *n.* (עק'-זע-מא) עקזעמא [א הויט-קראנקהייט וואס ווערט כאראקטעריזירט מיט בייסעניש און פייכטע לישאיעס וועלכע שיילען זיך ווען זיי ווערען טרוקען].

eczem'atous *a.* (עק-זעמ'-ע-טאס) וואס איז שייך צו אדער וואס קומט פון עקזעמא. ז. *eczema*

eda'cious *a.* (אי-דיי'-שאס) וואס איז שטארק איבערגעגעבען צו דער אכילה; פרעסעריש, גיעריג.

eda'ciously *adv.* (אי-דיי'-שאס-לי) מיט גיערינקייט; פרעסענד; אויף א פרעסערישען אופן.

eda'ciousness *n.* (אי-דיי'-שאס-נעס) ז. *edacity*

edac'ity *n.* (אי-דעס'-אי-טי) גיערינקייט, פרעסעריי, איבערגעבענהייט צו דער אכילה.

Ed'da *n.* (עד'-א) עדא, א זאמלונג פון סקאנדינאווישע לעגענדען; א זאמלונג פון די אלטע איסלענדישע פאעמען.

Edda'ic *a.* (ע-דיי'-איק) ז. *Eddic*

ed'der *v.* (עד'-ער) פערבינדען אדער פלעכטען מיט פלעכט-הא"לץ; מאכען קערב פון פלעכטהאלץ.

Ed'dic *a.* (עד'-איק) וואס איז שייך צו אדער וואס איז געשריבען אין סטיל פון עדא. ז. *Edda*

ed'dy *n.* and *v.* (עד'-אי) א קרייז-פערמיגע שטרעמונג, א ווירבעל; זיך בעוועגען קרייזפערמיג, ווירבלען; פעראורזאכען א ווירבעל אדער א קרייזפערמיגע בעוועגונג.

ed'dy-wa'ter *n.* (עד'-אי הוואה'-טער) ז. *dead-water*

ed'dy-wind *n.* (עד'-אי-הווינד) א ווינד וואס בעוועגט זיך קרייזפערמיג ארום עפעס.

ed'elforsite *n.* (עד'-על-פאהר-סאיט) דער וואלאסטאניט אדער טאוועל-שטיין [א מין מינעראל מיט א ווייסען, געלבען אדער רויטען קאליר. געפינט זיך ארום ערעלפארס אין שוועדען].

ed'elweiss *n.* (עד'-על-הוואיס) עדעלוויים [א געוויסע פלאנצע מיט צארטער ווייסער בליהונג וואס וואקסט אויף די אלפען-בערג אין דער שווייץ. זי געפינט זיך מייסטענס אין אזעלכע ערטער וואו מען קען זי זעהר שווער דערגרייכען].

Edelweiss

ede'ma *n.* (אי-די'-מא) וואסערזוכט. ז. *dropsy*

edem'atose *a.* (אי-דעמ'-ע-טאוס) ז. *edematous*

edem'atous *a.* (אי-דעמ'-ע-טאס) וואס איז שייך צו וואסערזוכט; וואס ליידט פון וואסערזוכט. ז. *dropsy*

E'den *n.* (אי'דן) דער גן-עדן, פאראדיז; דער ארט עדן אין אשור [ווי עס ווערט אנגעגעבען אין דער ביבעל].

Eden'ic *a.* (אי-דענ'-איק) ווי א גן-עדן.

eden'tal *a.* and *n.* (אי-דענ'-טעל) וואס האט ניט קיין צייהנער; א חיה פון די מינים וואס האבען ניט קיין פאדערשטע צייהנער. ז. *Edentata*

Edenta'ta *n.* (אי-דענ-טיי'-טא) אזעלכע מינים חיות [ווי די ארמאדילא, אמייזען-פרעסער א. ד. ג.], וועלכע האבען ניט קיין שנייד-צייהנער [פאדערשטע צייהנער].

eden'tate *n.* and *a.* (אי-דענ'-טייט) וואס האט ניט קיין צייהנער; וואס איז שייך צו די חיות, וואס האבען ניט קיין שנייד-צייהנער; א חיה פון דעם מין, וואס האט ניט קיין שנייד-צייהנער. ז. *Edentata*

eden'tated *a.* (אי-דענ'-טיי-טער) וואס האט ניט קיין צייהנער.

eden'tulous *a.* (אי-דענ'-טשו-לאס) ז. *edentated*

edge *n.* and *v.* (עדזש) א ברעג, א קאנט, א ראנד, א זוים; א שארף; שארפקייט; דאס זיין שניידיג; שטארקייט, העפטיגקייט, גיערינקייט; צונעפאסטקייט, פעהינקייט; שארפען, ארויפלעגען א שארף; רייצען, העצען; אבזוימען, איינקאנטען, איינפאסען; זיך בעוועגען ביי דער זייט אדער ביים ראנד; שטויסען, שטופען ביי דער זייט אדער ביים ראנד; זיך בעוועגען שווער און לאנגזאם, זיך שלעפען; זיך דורכ'גנב'ענען.

edge'-bolt *n.* (עדזש'-באולט) ביי בוכבינדער — א בוך פון צונויפגעלעגטע און צונויפגענעהטע אבגעדרוקטע בויגענס פאפיער, ביי וועלכע די ברעגעס זיינען נאך ניט ארומגעשניטען.

edge'bone *n.* (עדזש'-באון) דער רומפ-ביין אדער שויס-ביין [אין אקסען-פלייש].

edge'-cut'ting *n.* (עדזש'-קאט'-אינג) אין בוכבינדעריי — דאס ארומשניידען די ניט גלייכע ברעגעס פון די בלעטער.

edged *a.* (עדזשד) וואס האט א שארף; ארומגעזוימט, ארומגעקאנט; שארף, שניידיג, געשליפען.

edge'less *a.* (עדזש'-לעס) שטומפיג, טעמפ.

edge of destruc'tion (עדזש אוו די-סטראק'-שאן) דער אבגרונד פון אונטערגאנג.

edge'-play *n.* (עדזש'-פליי) א קאמפף מיט שווערדען.

edg'er *n.* (עדזש'-ער) אין לעדער-ארבייט — אן אינסטרומענט ארומצושניידען און מאכען גלאט פארעשוועס, רימענס א. ד. ג.; א מין זעג, מיט וועלכער מען שניידט ארום די ברעגעס פון א קלאץ.

edge'-rail *n.* (עדזש'-רייל) קאנטיגע שינעס [רעלסען. די געוועהנליכע שינעס פון באהנען, וועלכע זיינען אין געברויך].

edge'-tool *n.* (עדזש'-טוהל) שארפע, שניידענדע ווערקצייג; אן אינסטרומענט, מיט וועלכען מען שניידט ארום לעדערנע זאכען; א געפעהרליכע זאך, א זאך, מיט וועלכער מען דארף אומגעהן זעהר פארזיכטיג.

edge'ways *adv.* (עדזש'-הוייז) פון דער זייט, ביי דער זייט; אריינ'גנב'ענענדיג.

edge'wise *a.* and *adv.* (עדזש'-הוואיז) געריכטעט מיט'ן ראנד אדער שארפער זייט פאראויס אדער צו א געוויסען פונקט; פון דער זייט, ביי דער זייט, אריינ'גנב'ענענדיג.

edg'ing *n.* (עדזש'-אינג) עטוואס מיט וואס מען בעזוימט א קלייד [ווי טאשמעס, שפיצען א. ד. ג.]; א זוים, אן איינפאסונג; אין בוכבינדעריי — דאס ארומגלייכען די בלעטער איידער מען גילט זיי אדער מען פארבט זיי; דאס גילדען אדער פארבען די ברעגעס פון די בלעטער [פון א בוך].

edg'ing-lace *n.* (עדזש'-אינג-לייס) שמאלע שפיצען [אלס בעציערונג פאר קליידער].

edg'y *a.* (עדזש'-אי) שארף, קאנטיג, ווינקעלדיג; וואס ווערט לייכט אויפגערעגט.

edibil'ity *n.* (עד-אי-ביל'-אי-טי) דאס זיין עסבאר; דאס זיין צונעפאסט צו עסען.

ed'ible *a.* (עד'-איבל) עסבאר; וואס מען קען עסען. Many mushrooms are edible.

ed'ibleness *n.* (עד'-איבל-נעס) ז. *edibility*

e'dict *n.* (אי'-דיקט) אן עדיקט, א פערארדנונג, א בעפעהל [פון א הערשער].

edic'tal *a.* (אי-דיק'-טעל) וואס איז שייך צו אן עדיקט [פעראָרדנונג, בעפעהל].

edifica'tion *n.* (עד-אי-פי-קיי'-שאן) די אויסבילדונג אדער אויסבעסערונג פון גייסט.

ed'ificatory *a.* (עד'-אי-פי-קע-טא-רי) אויסבילדענדיג אדער אויסבעסערענדיג דעם גייסט.

ed'ifice *n.* (עד'-אי-פיס) א געביידע; א גרויסע קונסטפאלע געביידע.

edifi'cial *a.* (עד-אי-פיש'-על) וואס איז שייך צו א געביידע.

ed'ifier *n.* (עד'-אי-פאי-ער) אן אויסבילדער אדער אויסבעסערער פון גייסט [אין בעצוג צו מאראל און רעליגיאן].

ed'ify *v.* (עד'-אי-פאי) אויסבילדען אדער אויסבעסערען דעם גייסט [אין בעצוג צו מאראל און רעליגיאן].

ed'ifyingly *adv.* (עד'-אי-פאי-אינג-לי) אויף אן אויסבילדענדען אדער בע-

לערנענדען אופן [אין בעצוג צו מאראל און רעליגיאן].

e'dile *n.* (אי'-דאיל) דער עדיל, א פארצייטיגער רוימישער מאגיסטראט וועמעס אויפגאבע איז געווען אכטונג צו געבען אויף עפענטליכע געביידען און קהל'שעס לאנד ווי אויך אנדערע פאליציייליכע פערוואלטונגס=פונקציאנען.

e'dileship *n.* (אי'-דאיל-שיפ) דאס אמט פון א מאגיסטראט איבער עפענטליכע נעביידען און קהל'שעס לאנד אין אלטען רוים. ז. *edile*.

edil'ian *a.* (אי-דיל'-אי-ען) וואס איז שייך צו א מאגיסטראט אויף עפענטליכע געביידען און קהל'שעס לאנד אין אלטען רוים. ז. *edile*.

ed'it *v.* (עד'-איט) רעדאגירען, פערפארטיגען אדער צורעכט מאכען א מאנוסקריפט צום דרוק.

edi'tion *n.* (ע-דיש'-אן) אויסגאבע, אויפלאגע [פון א בוך אדער צייטונג].

ed'itor *n.* (עד'-אי-טאר) א רעדאקטאר.

edito'rial *a. and n.* (עד-אי-טאו'-רי-על) וואס געהערט צו א רעדאקטאר; געשריבען פון א רעדאקטאר; א רעדאקציאנעלער ארטיקעל איבער וועלכער עס איז פראגע; א לייט=ארטיקעל.

edito'rially *adv.* (עד-אי-טאו'-רי-על-אי) רעדאקציאנעל; לויט דער מיינונג פון דער רעדאקציאן.

ed'itorship *n.* (עד'-אי-טאר-שיפ) דאס אמט פון א רעדאקטאר.

ed'itress *n.* (עד'-אי-טרעס) א רעדאקטארין.

educabil'ity *n.* (עד-יו-קע-ביל'-אי-טי) דאס זיין פעהיג זיך צו בילדען.

ed'ucable *a.* (עד'-יו-קייבל) פעהיג זיך צו בילדען.

ed'ucate *v.* (עד'-יו-קייט) בילדען; ערציהען.

ed'ucated *a.* (עד'-יו-קיי-טעד) געבילדעט; ערצויגען.

educa'tion *n.* (עד-יו-קיי'-שאן) בילדונג; ערציהונג; דאס בילדען, דאס ערציהען.

educa'tional *a.* (עד-יו-קיי'-שאנ-על) וואס איז שייך צו בילדונג אדער ערציהונג; וואס קומט פון בילדונג.

educa'tionalist *n.* (טד-יו-קיי'-שאנ-על-איסט) ז. *educationist*.

educa'tionist *n.* (עד-יו-קיי'-שאנ-איסט) אן אנהענגער פון בילדונג; אן ערציהער; א בילדונגס=פערשפרייטער.
Horace Mann was a great **educationist**.

ed'ucative *a.* (עד'-יו-קיי-טיוו) וואס שטרעבט צו בילדען; וואס איז צוגעפאסט פאר בילדונג אדער ערציהונג; פערנומען אין בילדונג אדער ערציהונג.

ed'ucator *n.* (עד'-יו-קיי-טאר) אן ערציהער; א לעהרער; א בילדונגס=פערשפרייטער.

educe' *v.* (אי-דיוס') ארויסדרינגען; ארויסבריינגען; פעראורזאכען צו ערשיינען; בריינגען צום שיין.

edu'cible *a.* (אי-דיו'-סיבל) וואס קען ארויסגעדרונגען ווערען; וואס קען געבראכט ווערען צום שיין; וואס קען ארויסגעבראכט ווערען.

e'duct *n.* (אי'-דאקט) דאס וואס איז ארויסגעבראכט געווארען פון עפעס אנדערש; דאס וואס איז געבראכט געווארען צום שיין.

educ'tion *n.* (אי-דאק'-שאן) דאס ארויסבריינגען עטוואס פון עפעס אנדערש; דאס בריינגען צום שיין; דאס דארשטעלען.

educ'tion-pipe *n.* (אי-דאק'-שאן-פאיפ) דער ראהר אין א דאמפף=מאשין דורך וועלכען עס ווערט ארויסגעלאזען דער אבגענוצטער דאמפף.

educ'tion-valve *n.* (אי-דאק'-שאן-וועלוו) אן ארויסלאז=ווענטיל [ווי דאס ארויסלאז=ווענטיל ביי דאמפף=מאשינען ארויסצולאזען דעם איבריגען דאמפף].

edul'corant *a. and n.* (אי=דאל'-קא-רענט) אין מעדיצין — וואס מאכט זיס, וואס פערקלענערט די שארפקייט פון עטוואס זויערעס, געזאלצענעס אדער ביטערעס; א רפואה צו מאכען די פליסיגקייטען פון קערפער וועניגער שארף אדער בייסענד.

edul'corate *v.* (אי-דאל'-קא-רייט) פערטרייבען זויערקייט; מאכען זיס; בעפרייען פון זויערע שטאפען, זאלצען אדער פון אונריינקייטען דורך וואשען.

edulcora'tion *n.* (אי-דאל-קא-ריי'-שאן) דאס זיס מאכען; דאס פערזיסען; דאס אבשוואכען די שארפקייט דורך צוגיסען וואסער.

edul'corative *a.* (אי-דאל'-קא-ריי-טיוו) וואס האט די אייגענשאפט זיס צו מאכען; וואס קען פערקלענערען די שארפקייט פון עטוואס זויערעס, געזאלצענעס אדער ביטערעס.

E. E. *errors excepted* אבקירצונג פון ז. *E. and O. E.*

eel *n.* (איעל) דער אאל=פיש אדער אונאר [א לאנגליכער פיש אהן שופען און פלוספעדערען, האט דעם אויסזעהן פון א שלאנג].

Eel

eel'ing *n.* (איעל'-אינג) דאס כאפען אאל=פיש.

eel'-pie *n.* (איעל'-פאי) א פאשטעט פון אאל=פיש.

eel'skin *n.* (איעל'-סקין) די הויט פון אן אאל=פיש [ווערט צוגעטשעפעט צו א ווענטקע כדי צו צוציהען געוויסע פיש און פאנגען זיי; ווערט אויך בענוצט פון נעגערס אלס א מיטעל געגען רעוומאטיזם].

e'er *adv.* (עהר) א פערקירצונג פון *ever*

ee'rily *adv.* (איע'-רי-לי) מיט א שרעקעדיגער בענעהמונג; מאדנע, אונגעוועהנליך.

ee'ry *a.* (איע'-רי) געהיימניספול, שרעקעדיג, מאדנע, אונגעוועהנליך.

efface' *v.* (ע-פייס') אויסמעקען; אברייבען; מאכען אונמערקבאר.

effa'ceable *a.* (ע-פיי'-סעבל) וואס קען אויסגעמעקט אדער אבגעריבען ווערען.

efface'ment *n.* (ע-פייס'-מענט) אויסמעקונג; דאס אברייבען.

effect' *v. and n.* (ע-פעקט') 1. בעווירקען, זיין די אורזאכע פון א געוויסער ערשיינונג; בריינגען צו א געווינשטען רעזולטאט; אויספיהרען; ערפילען; 2. דער עפעקט, די ווירקונג פון עפעס; דער אלגעמיינער איינדרוק וואס בעקומט זיך פון א זאך; דער צוועק, די אבזיכט, די כונה; 3. ווירקזאמקייט; ווירקליכקייט; דאס וואס איז ווירקליך אדער פאקטיש.
1. The law **effected** a betterment of the business conditions of the country. 2. The operation was without **effect**. 3. He told me in **effect** that he would do me the favor.

effec'tive *a. and n.* (ע-פעק'-טיוו) ווירקענד, ווירקזאם; וואס מאכט אן עפעקט אדער ווירקונג; אין מיליטער — די צאהל סאלדאטען אין ווירקליכער דיענסט; די ווירקליכע קראפט פון א רעגימענט אדער דיוויזיע לויט דער צאהל סאלדאטען.

effec'tively *adv.* (ע-פעק'-טיוו-לי) מיט עפעקט; אויף א ווירקזאמען אופן; פאלשטענדיג; דורך און דורך.
He met the attack **effectively**.

effec'tiveness *n.* (ע-פעק'-טיוו-נעס) די ווירקזאמקייט.

effect'less *a.* (ע-פעקט'-לעס) אהן ווירקונג, אוננוציג.

effec'tor *n.* (ע-פעק'-טאר) א פעראורזאכער; דער אדער דאס וואס ווירקט אויף דער ערשיינונג פון א געוויסער זאך; דער אדער דאס וואס מאכט א ווירקונג אדער איינדרוק.

effects' *n.* (ע-פעקטס') בעוועגליכעס אייגענטום, זאכען, מטלטלין.
He left some of his **effects** in our house.

effec'tual *a.* (ע-פעק'-טשו-על) ווירקענד.

effec'tually *adv.* (ע-פעק'-טשו-על-אי) מיט פולער ווירקונג; דורך און דורך.
Smuggling has been **effectually** stopped in the United States.

effec'tualness *n.* (ע-פעק'-טשו-על-נעס) ווירקזאמקייט.

effec'tuate *v.* (ע-פעק'-טשו-אייט) אויספיהרען, בריינגען אין ווירקליכקייט, בריינגען אין עקזיסטענץ.

effectua'tion *n.* (ע-פעק-טשו-איי'-שאן) דאס אויספיהרען עפעס; דאס בריינגען אין ווירקליכקייט; דאס ארויסרופען א רעזולטאט.

effem'inacy *n.* (ע-פעמ'-אי-נע-סי) ווייבערישקייט, פערעדעלטקייט, ווייכליכקייט, שוואכקייט [בנוגע צו א מאנספערזאן וואס האט אין זיך וועניג מענליכקייט].

effem'inate *a.* (ע-פעמ'-אי-נייט) ווייבעריש, שוואך, ווייך, פערעדעלט [בנוגע צו מאנספערזאנען].

effem'inately *adv.* (ע-פעמ'-אי-נייט-לי) שוואך; ווייבעריש.

ellip'sis *n.* (ע-ליפּ'-סיס) אין גראמאטיק — אן עליפּסע [די ארויסלאזונג פון א ווארט אדער א טייל פון א פראזע, א ניט־פאלשטענדיגער זאץ [ווי למשל; "רוהיג!" אנשטאט: "האלט זיך רוהיג!"]; אין דרוקעריי — צייכענס וואס צייגען, אז געוויסע בוכשטאבען אדער ווערטער זיינען דורכגעלאזען געווארען [—, ***, ...].

ellip'sograph *n.* (ע-ליפּ'-סא-גרעף) אן עליפּסאגראף [אן אינסטרומענט צו צייכענען עליפּסען]. ז. *ellipse*.

ellip'soid *n.* (ע-ליפּ'-סאיד) אין געאמעטריע — אן עליפּסאיד [א געאמעטרישער קערפּער, וואס ווען ער ווערט געשניטען, ניט ער אין שניט די פארם פון אן עליפּסע]. ז. *ellipse*.

ellipsoi'dal *a.* (על-איפּ-סאי'-דעל) וואס איז שייך צו אן עליפּסאיד. ז. *ellipsoid*.

ellip'tic *a.* (ע-ליפּ'-טיק) עליפּטיש, וואס האט די פארם פון אן עליפּסע; וואס איז שייך צו אן עליפּסע [אין געאמעטריע און גראמאטיק]. ז. *ellipse* און *ellipsis*.

ellip'tical *a.* (ע-ליפּ'-טי-קעל) ז. *elliptic*.



Elliptic Arch

ellip'tic arch (ע-ליפּ'-טיק ארטש) אין ארכיטעקטור — א בויגען אדער געוועלב וואס איז עהנליך צו אן עליפּסע [א קרייז צונויפגעדריקט אין דער פארם פון אן איי].

elliptic'ity *n.* (על-איפּ-טיס'-אי-טי) דאס זיין עליפּסענפערמיג. ז. *ellipse*.

ellip'tograph *n.* (ע-ליפּ'-טא-גרעף) אן עליפּטאגראף אדער עליפּסאגראף. ז. *ellipsograph*.

ell'wand *n.* (על'-הוואנד) אן אמאליגע איילען־מאס אין ענגלאנד וואס איז געווען 45 צאל [אינטשעס] לאנג.

elm *n.* (עלם) דער אולם־בוים [א מין גרויסער בוים מיט געצייהנדעלטע בלעטער. זיין האלץ ווערט געברויכט אויף פערשיעדענע טישלער־ארבייט].

el'my *a.* (על'-מי) רייך בעוואקסען מיט אולם־ביימער. ז. *elm*.

elocu'tion *n.* (על-א-קיו'-שאן) רעדע־קונסט; דאס רעדען; די רעדע־קראפט.

elocu'tionary *a.* (על-א-קיו'-שאנ-ע-רי) וואס איז שייך צו דער רעדע־קונסט.

elocu'tionist *n.* (על-א-קיו'-שאנ-איסט) איינער וואס בעזיצט די רעדע־קונסט; איינער וואס בעשעפטיגט זיך מיט דער רעדע־קונסט אדער לערענט אנדערע די קונסט שעהן צו רעדען.

éloge' *n.* (איי-לאוזש') ז. *elogy*.

elo'gium *n.* (אי-לאו'-דזשי-אם) ז. *elogy*.

el'ogy *n.* (על'-א-דזשי) א לויב־רעדע [הויפּטזעכליך נאך א טויטען].

El'ohim *n.* (על'-א-הים) אלהים [גאט].

El'ohism *n.* (על'-א-היזם) דאס דיענען גאט אלס אלהים [לויט דער געשיכטע פון דער אידישער רעליגיאן, האבען די אידען אין פערשיעדענע צייטען און אין פערשיעדענע ערטער אנגערופען גאט מיט פערשיעדענע נעמען, ווי אלהים, יהוה, אל שדי א. ד. ג. אונטער דעם נאמען אלהים האט מען וועגען גאט געהאט אן אנדער פארשטעלונג איידער אונטער איינעם פון זיינע אנדערע נעמען].

El'ohist *n.* (על'-א-היסט) דער אלהיסט, דער אונבעוואוסטער שרייבער, וועגען וועלכען מען מיינט, אז ער האט פערפאסט די אלהיסטישע שטעלען פון חומש. ז. *Elohistic*.

Elohis'tic *a.* (על-א-היס'-טיק) אלהיסטיש, וואס איז שייך צו די אלהיסטישע שטעלען פון חומש [אין חומש, אין די ערשטע קאפּיטלען, קען מען בעמערקען צוויי בעזונדערע ערצעהלונגען וועגען דער בעשאפונג פון דער וועלט און פון מענשען. אין דער ערשטער ערצעהלונג ווערט גאט אומעטום בעצייכענט מיט דעם נאמען "אלהים" און אין דער צווייטער ערצעהלונג ווערט ער אומעטום בעצייכענט מיט דעם נאמען "יהוה־אלהים"].

eloign' *v.* (אי-לאין') ז. *eloin*.

eloin' *v.* (אי-לאין') דערווייטערען, אבווייטערען.

elong'ate *v. and a.* (אי-לאהנג'-אייט) פערלענגערען, אויסציהען, מאכען לענגער; אויסגעצויגען, פערלענגערט.

elonga'tion *n.* (אי-לאהנג-איי'-שאן) די אויסציהונג, די פערלענגערונג, דאס זיין אויסגעצויגען אדער פערלענגערט; אין אסטראנאמיע — דער מהלך אדער די דיסטאנץ פון א פּלאנעט ביז דער זון, אויף וויפיעל מען קוקט אויף דעם פון דער ערד; אין כירורגיע — א טיילווייזע אויסלינקונג פון אן אבר דורך דעם, וואס דער באנדאזש אויף א וואונד איז צו שטארק אנגעצויגען אדער צופיעל פערלענגערט.

elope' *v.* (אי-לאופּ') אנטלויפען פון אייגעם, מיט וועמען מען איז געזעצליך פערבונדען [ווי א פרוי ווען זי אנטלויפט מיט אן אנדער מאן]; אנטלויפען מיט א געליעבטער אדער געליעבטען און חתונה האבען.

elope'ment *n.* (אי-לאופּ'-מענט) דאס אנטלויפען פון איינעם, מיט וועמען מען איז געזעצליך פערבונדען [ווי דאס אנטלויפען פון א פרוי פון איהר מאן]; דאס אנטלויפען מיט א געליעבטער אדער געליעבטען און חתונה האבען.

elo'per *n.* (אי-לאו'-פּער) דער וואס אנטלויפט פון א התחיבות אדער געזעצליכען פערבאנד; איינער וואס אנטלויפט מיט א געליעבטער.

el'oquence *n.* (על'-א-קהוועגס) עלאקווענץ, בערעדזאמקייט, דאס רעדען מיט שעהנע אויסדריקע; דאס וואס ווערט שעהן ארויסגערעדט אדער אויסגעדריקט.

el'oquent *a.* (על'-א-קהוועגט) בערעדזאם, וואס קען אויסדריקען זיינע געפיהלען מיט א שטארקער און שעהנער בערעדזאמקייט; וואס דריקט אויס א שטארקען געפיהל.

el'oquently *adv.* (על-א-קהוועגט-לי) מיט בערעדזאמקייט; דורך רעדען מיט שעהנע און איינדרוקספאלע אויסדריקע.

else *adv.* (עלס) 1. אויף אן אנדער אופן; עטוואס אנדערש; 2. זאנסט, ווען ניט; 3. אנדערשוואו.

1. I shall try something else. 2. You must help me, else I am ruined. 3. I shall go somewhere else.

else'where *adv.* (עלס'-הוועהר) אנדערשוואו.

elu'cidate *v.* (אי-ליו'-סי-דייט) ווארפען א ליכט, קלאר מאכען, ערקלערען.

elucida'tion *n.* (אי-ליו-סי-דיי'-שאן) דאס בעלייכטען, דאס קלאר מאכען, די אויפקלערונג.

elu'cidative *a.* (אי-ליו'-סי-דיי-טיוו) וואס בעלייכטעט, וואס מאכט קלאר, ערקלערענד.

elu'cidator *n.* (אי-ליו'-סי-דיי-טאר) דער וואס בעלייכט אדער מאכט קלאר א זאך; אן ערקלערער.

elude' *v.* (אי-לוד') זיך קינסטליך ארויסדרעהן; פערבלייבען ניט אויפגעדעקט.

elu'dible *a.* (אי-לו'-דיבל) וואס קען זיך ארויסדרעהען [פון פערפאלגונג, פון א קלאפּ א. ד. ג.].

E'lul *n.* (אי'-לאל) [דער חודש אלול [דער צוועלפטער חודש אין דער אידישער צייטרעכנונג].

elu'sion *n.* (אי-לו'-זשאן) דאס ארויסדרעהען זיך פון א פערפאלגונג דורך א שפּיצעל אדער שווינדעל.

elu'sive *a.* (אי-לו'-סיוו) וואס דרעהט זיך ארויס; וואס מען קען ניט כאפּען.

elu'sively *adv.* (אי-לו'-סיוו-לי) ארויסדרעהענדיג זיך מיט א שפּיצעל [פון פערפאלגונג א. ד. ג.]; ניט לאזענדיג זיך כאפּען.

elu'siveness *n.* (אי-לו'-סיוו-נעס) דאס קענען זיך ארויסדרעהען מיט א דרעהדעל אדער שפּיצעל [פון פערפאלגונג]; דאס ניט לאזען זיך כאפּען.

elu'sory *a.* (אי-לו'-סא-רי) וואס דרעהט זיך ארויס; וואס מען קען ניט כאפּען; אבנארענד.

elu'tion *n.* (או-ליו'-שאן) דאס אבשווינקען, דאס אבוואשען; יעדער פּראצעס, דורך וועלכען איין קערפּער טיילט זיך אב פון אנדערען דורך שווינקען אדער וואשען.

elu'triate *v.* (אי-ליו'-טרי-אייט) ריינינען, ארא־בוואשען.

elutria'tion *n.* (אי-ליו-טרי-איי'-שאן) דאס ריינינען עפּעס דורך וואשען און ארומגיסען.

elve *n.* (עלוו) ז. *elf*.

elve'-lock *n.* (עלוו'-לאק) ז. *elf-lock*.

elves *n.* (עלווז) עלפען. ז. *elf*.

el'vet *n.* (על'-וועט) א קליינער עלף [א קארליק, שד]. ז. *elf*.

el'vish *a.* (על'-וויש) ז. *elfish*.

el'vishly *adv.* (על'-וויש-לי) ז. *elfishly*.

el'wand *n.* (על'-הוואנד) ז. *ellwand*.

Elys'ian *a.* (אי-ליזש'-יען) וואס איז שייך צום עליזיאום אדער גן־עדן; פול מיט העכסטער הנאה און פערגניגען. ז. *Elysium*.

Elys'ium *n.* (אי-ליזש'-אי-אם) דער עליזיאום אדער גן־עדן [דער ארט — לויט די פארשטעלונגען פון די אלטע גריכען — וואו די געשטארבענע העלדען און צדיקים פערברייגגען אין אייביגען פערגניגען און גליק].

em *n.* (עם) אין דרוקעריי — דער קוואדראט פון די בלייענע בוכשטאבען.

ema'ciate *v. and a.* (אי-מיי'-שי-איים) מאכען מאגער; ווערען מאגער, אבצעהרען; אויסגעמאגערט, אבגעצעהרט.
His body has become emaciated through sickness.

emacia'tion *n.* (אי-מיי-שי-איי'-שאן) די אויסמאגערונג, די אבצעהרונג.

em'anant *a.* (עמ'-ע-נענט) אויספליסענד, אויסשטראמענד.

em'anate *v.* (עמ'-ע-נייט) ארויסשטאמען, ארויסשטראמען, ארויספליסען.

emana'tion *n.* (עמ-ע-ניי'-שאן) ארויסשטראמונג, ארויספליסונג, ארויסשטראהלונג; השפעה; אין פילאזאפיע — עמאנאציאן, די לעהרע, אז די וועלט איז די השפעה פון גאט, ד. ה. זי איז ניט בעשאפען געווארען אלס חומר, אלס נעגענזאץ צו גאט און גייסט, נאר זי איז א מין אויסשטראהלונג פון געטליכקיים.

em'anative *a.* (עמ'-ע-ניי-טיוו) ארויסשטראמענד, ארויספליסענד; בעקומען דורך עמאנאציאן אדער השפעה.

em'anatively *adv.* (עמ'-ע-ניי-טיוו-לי) דורך עמאנאציאן אדער השפעה.

em'anatory *a.* (עמ'-ע-ניי-טא-רי) ז. *emanative*.

eman'cipate *v.* (אי-מענ'-סי-פייט) עמאנציפירען, בעפרייען.

emancipa'tion *n.* (אי-מענ-סי-פיי'-שאן) עמאנציפאציאן, די בעפרייאונג.

emancipa'tionist *n.* (אי-מענ-סי-פיי'-שאן-איסט) א פערטיידיגער פון שקלאפען-בעפרייאונג.

emancipa'tion proclama'tion (אי-מענ-סי-פיי'-שאן פראק-לע-מיי'-שאן) דער בעפרייאונגס-מאניפעסט [דער מאניפעסט וואס אייבערהעם לינקאלן, דער פרעזידענט פון די פעראייניגטע שטאאטען האט ארויסגעלאזען אין יאהר 1864, לויט וועלכען אלע נעגערס זיינען בעפרייט געווארען פון שקלאפעריי].

eman'cipative *a.* (אי-מענ'-סי-פיי-טיוו) וואס האט א נייגונג צו בעפרייען פון אונטערדריקונג.

eman'cipator *n.* (אי-מענ'-סי-פיי-טאר) אן עמאנציפאטאר, א בעפרייער.
Abraham Lincoln is the emancipator of the negro slaves.

eman'cipatory *a.* (אי-מענ'-סי-פיי-טא-רי) וואס איז שייך צו עמאנציפאציא; אדער בעפרייאונג.

emar'ginate *a. and v.* (אי-מאר'-דזשי-נייט) אהן ראנדען, וואס האט ארומגעשניטענע ראנדען; אוועקנעהמען אדער ארומשניידען די ראנדען.

emar'ginated *a.* (אי-מאר'-דזשי-ניי-טעד) ז. *emarginate*.

emas'culate *v. and a.* (אי-מעס'-קיו-לייט) מאכען אויס זכר, קאסטרירען, מסרס זיין; מאכען פרויען-עהנליך; ווערען אויס זכר; ווערען פרויען-עהנליך; אבשוואכען; אבשוואכען א ליטעראריש ווערק דורך רעדאגירען; געמאכט אויס זכר, קאסטרירט, פרויען-עהנליך, אבגעשוואכט.

emascula'tion *n.* (אי-מעס-קיו-ליי'-שאן) דאס מאכען אויס זכר; דאס ווערען אויס זכר; דאס זיין פרויען-עהנליך; דאס אבשוואכען; זיין אדער ווערען אבגעשוואכט; דאס אבשוואכען א ליטעראריש ווערק דורך רעדאגירען.

emas'culator *n.* (אי-מעס'-קיו-ליי-טאר) איינער וואס קאסטרירט אדער איז מסרס; איינער וואס שוואכט אב אדער מאכט פרויען-עהנליך.

embale' *v.* (עם-בייל') איינפאקען, פערפאקען.

emball' *v.* (עם-באהל') איינפאקען, פערפאקען; ארומרינגלען.

emball'ing *n.* (עם-באהל'-אינג) דאס אויסצייכנען איינעם דערמיט, וואס מען גיט איהם אין האנד דעם באל אדער קוי-געל אלס סמן פון הערשאפט; דאס געבען איינעם קעניגליכע מאכט.

embalm' *v.* (עם-באהם') בעגיסען מיט זאלב-אויל; באלזאמירען, פערהיטען פון פוילען דורך באלזאמירען [הויפטזעכליך א טויטען קערפער]; קאנזערווירען. בעהאלטען אין זכרון; מאכען שמעקעדיג.

embal'mer *n.* (עם-באה'-מער) א באלזאמירער [פון טויטע קערפער].

embalm'ment *n.* (עם-באהמ'-מענט) באלזאמירונג [פון טויטע קערפער].

embank' *v.* (עם-בענק') בעשיצען מיט אנגעשאטענער ערד; מאכען א גרעבליע [ביים ברעג פון ים אדער א טייך].

embank'ment *n.* (עם-בענק'-מענט) א שוץ-וואנד פון אנגעשאטענער ערד; א גרעבליע.

embar'go *n. and v.* (עם-באר'-גאו) א פערבאט פאר האנדעלס-שיפען צו פערלאזען די האפענס; דאס פערכאפען האנדעלס-שיפען; א שטערונג, אן אבהאלט, א פערבאט; פערבאטען שיפען צו פערלאזען די האפענס; פערכאפען; אבהאלטען אדער שטערען די בעוועגונג [הויפטזעכליך פון שיפען].

embark' *v.* (עם-בארק') ארויפזעצען אדער אנלאדען אויף א שיף; זיך זעצען אויף א שיף; אונטערנעהמען, פערווענדען, שטעלען אין קאן, ריזיקירען; ריכטען; זיך לאזען אין א געוויסער ריכטונג אדער צו א געוויסען ציעל.

embarka'tion *n.* (עם-באר-קיי'-שאן) דאס ארויפזעצען אדער אנלאדען אויף א שיף; דאס זעצען זיך אויף א שיף; דאס אבשיקען עפעס דורך א שיף; די מענשען אדער זאכען וואס ווערען געשיקט דורך א שיף; די שיף, אויף וועלכער מען שיקט מענשען אדער זאכען.

embark'ment *n.* (עם-בארק'-מענט) ז. *embarkation*.

embar'rass *v.* (עם-בער'-עס) פערפלאנטערען, פערווירען, מאכען שוועריגקייטען אדער שטערונגען, ברייגגען אין פערלעגענהייט, צומישען, צוטומלען.

embar'rassing *a.* (עם-בער'-עס-אינג) מאכענדיג שוועריגקייטען, שטערענדיג, פערפלאנטערענדיג, פערווירענדיג, צוטומלענדיג, צומישענדיג, ברייגגענדיג אין פערלעגענהייט.

embar'rassingly *adv.* (עם-בער'-עס-אינג-לי) אויף אן אופן וואס ברייגגט אין פערלעגענהייט, פערווירט, פערפלאנטערט, צומישט אדער מאכט שטערונגען און שוועריגקייטען.

embar'rassment *n.* (עם-בער'-עס-מענט) פערוויקלונג, פערפלאנטערונג, פערלעגענהייט, שטערונג, שוועריגקייט, שווערע לאגע, צוטומלעניש, צומישונג.

embase' *v.* (עם-בייס') ערנידריגען, דעגראדירען; איינדריקען, אויסהוילען; שעדיגען, קלענער מאכען דעם ווערטה, פרייז, ראנג א. ד. ג.; פערפעלשען.

embase'ment *n.* (עם-בייס'-מענט) ערנידריגונג, שעדיגונג, פעלשונג, פערקלענערונג פון ווערטה. פרייז, ראנג א. ד. ג.; א וואגע.

embas'sador *n.* (עם-בעס'-ע-דאר) א געזאנדטער. ז. *ambassador*.

em'bassy *n.* (עמ'-בע-סי) דאס אמט, די אייפגאבע אדער שליחות פון א געזאנדטען [פערטרעטער פון איין רעגירונג ביי א צווייטער]; א וויכטיגע אויפגאבע אדער שליחות; די אפיציעלע וואהנונג פון א געזאנדטען; איינער אדער איינינע וואס האבען א וויכטיגע שליחות אדער מיסיאן.

embat'tle *v. and n.* (עם-בעטל') אויפשטעלען אין שלאכט-ארדנונג; בעזארגען מיט פעסטונגס-טורעמס; מאכען אין דער פארם פון פעסטונגס-טורעמס אדער פעסטונגס-ווענד; געקארבטע געלענדערס; א קארב [ווי אין א טורם פון פעסטונגס-וואנד וואס האט די פארם פון ⊔].

embat'tlement *n.* (עם-בעטל'-מענט) פעסטונגס-טורעמס; א געקארבטער געלענדער. ז. *embattle*.

embay' *v.* (עם-ביי') אריינטרייבען אדער איינשליסען אין א בוכט אדער צווישען קאפען [שפיציגע טיילען פון לאנד וואס שניידען זיך אריין אין ים]; באדען, איינטונקען.

embay'ment *n.* (עם-ביי'-מענט) א טייל פון ים וואס איז ארומגערינגעלט און בעשיצט פון קאפען. ז. *embay*.

embed' *v.* (עם-בעד') פערגראבען; ארייגלעגען [ווי אין א בעט].

embed'ment *n.* (עם-בעד'-מענט) דאס פערגראבען, דאס ארומלעגען אדער ארייגלעגען [ווי אין א בעט]; דאס מיט וואס מען לעגט ארום אדער אין וואס מען בעגראבט.

embel'lish *v.* (עם-בעל'-איש) בעציערען, בעפוצען, בעשעהנען.

embel'lishment *n.* (עם-בעל'-איש-מענט) בעציערונג, בעפוצונג, פערשעהנערונג.

em'ber *n.* (עמ'-בער) א ברענענדיגע קויהל; א פונק; א תקופה [פון צייט], א סעזאן, א יאהרעס-צייט [ווי פריהלינג, זומער א. ד. ג.].

em'ber-days *n.* (עמ'-בער-דייז) די קאטוילישע פאסט-טעג צו דריי טעג [מיטוואך, פרייטאג און שבת] אין אנפאנג פון יעדער יאהרעס-צייט.

em'bered *a.* (עמ'-בערד) בעשטרייט מיט פונקען אדער ברענענדען אש.

em'ber-fast *n.* (עמ'-בער-פעסט) דער קאטוילישער פאסט-טאג אין אנפאנג פון א יאהרעס-צייט.

em'ber-goose *n.* (עמ'-בער-גוהס) דער אייזפויכער [אזא גרויסער וואסער-פויגעל].

em'ber-week *n.* (עמ'-בער-הוויעק) די וואך אין אנפאנג פון א יאהרעס-צייט ווען ביי די קאטויליקען זייגען איינגעפיהרט די פאסט-טעג.

embez'zle *v.* (עם-בעזל') אראבלאזען אנגעטרויטעס געלד צו זיך אין קעשענע [וועגען א געשעפטס-אנגעשטעלטען אדער אנדערער אנפערטרויטער פערזאן].

embez'zlement *n.* (עם-בעזל'-מענט) דאס אראבלאזען אנגעטרויטעס געלד צו זיך אין קעשענע [וועגען א געשעפטס-אנגעשטעלטען אדער אן אנדערער אנפערטרויטער פערזאן].

embez'zler *n.* (עם-בעז'-לער) איינער וואס לאזט אראב צו זיך אין קעשענע אנפערטרויטעס געלד.

embit'ter *v.* (עם-ביט'-ער) מאכען ביטער; פערביטערען דאס לעבען.

embit'terer *n.* (עם-ביט'-ער-ער) איינער אדער עטוואס וואס מאכט ביטער אדער פערביטערט.

embit'terment *n.* (עם-ביט'-ער-מענט) דאס ביטער מאכען; דאס פערביטערען.

emblaze' *v.* (עם-בלייז') אנצינדען אין פלאמען; מאכען עס זאל העל שיינען אדער גלענצען; בעמאלען מיט וואפען=בילדער אדער מיט הערבען; אויסציערען; זינגען שבחים, הויבען אין הימעל אריין.

embla'zer *n.* (עם-בליי'-זער) איינער וואס מאכט העל=שיינענד אדער גלענצענד; איינער וואס בעציערט.

embla'zon *v.* (עם-בליי'-זאן) בעציערען; אילוסטרירען; שטארק לויבען.

embla'zoner *n.* (עם-בליי'-זאן-ער) א דעקאראטאר, א פערציערער; אן אילומינאטאר, א פייערווערק=מאכער; אן אויסשרייער, א בעקאנטמאכער, אן אויספויקער, א העראלד.

embla'zonment *n.* (עם-בליי'-זאן-מענט) דאס בעקאנט מאכען מיט פויקען און טרומייטען [ווי אין די אלטע צייטען א העראלד]; דאס דעקארירען; דאס אילומינירען.

embla'zonry *n.* (עם-בליי'-זאן-רי) די געמעלדען פון הערבען אויף שילדען; די קונסט פון מאלען הערבען, פון דעקארירען אדער אילוסטרירען.

em'blem *n.* (עם'-בלעם) אן עמבלעם, א בילד אדער א פיגור וואס בעצייכענט עפעס; א סימבאלישער צייכען פון א געוויסער אידעע אדער פארשטעלונג, ווי א קרוין אלס דאס עמבלעם פון מלוכה א. ד. ג.

emblemat'ic *a.* (עם-בלע-מעט'-איק) עמבלעמאטיש, סימבאליש; וואס איז שייך צו אן עמבלעם. ז. *emblem*

emblemat'ical *a.* (עם-בלע-מעט'-אי-קעל) ז. *emblematic*

emblemat'ically *adv.* (עם-בלע-מעט'-אי-קעל-אי) אויף אן עמבלעמאטישען שטייגער; דורך א בילד אדער פיגור, וועלכע בעצייכענט א געוויסע אידעע אדער פארשטעלונג.

em'blematist *n.* (עם'-בלעם-ע-טיסט) איינער וועלכער שרייבט אדער צייכענט עמבלעמען. ז. *emblem*

em'blematize *v.* (עם'-בלעם-ע-טאיז) אויסדריקען א געדאנק אדער אידעע דורך עמבלעמען אדער סימבאלען [דורך אנגעצייכענטע פיגורען אדער סמנים].

em'blements *n.* (עם'-בלע-מענטס) אין יוריספרודענץ — די פראדוקטען פון ערדארבייט, וועלכע מען פערזייהט יעדען יאהר [ווי קארן, קארטאפעל א. ד. ג.] צום אונטערשיעד פון די פראדוקטען, וועלכע מען פערזייהט ניט יעדען יאהר [ווי גראז, פרוכטען א. ד. ג.]; דאס רעכט אויף דיעזען סארט פראדוקטען.

em'blemize *v.* (עם'-בלע-מאיז) ז. *emblematize*

emblos'som *v.* (עם-בלאס'-אם) בעדעקען מיט בלומען.

embod'iment *n.* (עם-באד'-אי-מענט) 1. דאס פעראייניגען בעזונדערע טיילען אין איין גאנצע קערפערשאפט; 2. די פערקערפערונג פון אן אידעע אדער געדאנק, דאס אויסדריקען עס אין א בעשטימטער פארם; 3. די פארמולירונג פון א זאך.

2. Abraham Lincoln is the embodiment of the American spirit.

embod'y *v.* (עם-באד'-אי) פערקערפערען, אויסדריקען אין א בעשטימטער קערפערליכער פארם; פארמולירען; פעראייניגען בעזונדערע טיילען אין איין גאנצע קערפערשאפט; זיך פעראייניגען, פעראייניגט ווערען.

embol'den *v.* (עם-באול'דן) צונעבען מוטה.

embol'dener *n.* (עם-באול'דנ-ער) איינער אדער עפעס וואס ערמוטיגט, גיט צו קוראזש.

em'bolism *n.* (עם'-בא-ליזם) דאס צוגעבען טעג אדער מאנאטען צו א געוויסער צייט=רעכנונג; דאס מאכען אן עבור [ווי למשל, דאס יאהר לויט דער אידישער צייט=רעכנונג האט 354 טעג. כדי אויסצוגלייכען די צייט=רעכנונג פון די אידען מיט דער צייט=רעכנונג פון די אנדערע פעלקער, - וועלכע צעהלען אין יאהר 365 טעג, גיט זיך צו אין דער אידישער צייט=רעכנונג צו יעדען 3טען אדער 4טען יאהר אן איבריגער חודש אדער עבור].

embolis'mal *a.* (עם-בא-ליז'-מעל) וואס איז שייך צו אן עבור.

embolismat'ic *a.* (עם-בא-ליז-מעט'-איק) ז. *embolismal*

embolismat'ical *a.* (עם-בא-ליז-מעט'-אי-קעל) וואס האט אן עבור.

embolis'mic *a.* (עם-בא-ליז'-מיק) ז. *embolismal*

embolis'mical *a.* (עם-בא-ליז'-מי-קעל) ז. *embolismatical*

em'bolite *n.* (עם'-בא-לאיט) דער עמבאליט [א מין געלבער אדער גרינער מינעראל, געפינט זיך אין טשילי און מעקסיקא].

em'bolus *n.* (עם'-בא-לאס) דאס וואס איז אריינגעשטעלט אדער בעוועגט זיך אין אן אנדער זאך; דער קאלבען פון א פומפ.

embonpoint' *n.* (אנ-באהנ-פואן') גראבקייט, אונגעלומפערטקייט.

embor'der *v.* (עם-באהר'-דער) בעזוימען; בעפוצען ווי מיט א זוים.

embos'om *v.* (עם-בוז'-אם) צודריקען צום הארצען; צערטלען, לאשטשען; איינשליסען, בעהאלטען.

emboss' *v.* (עם-באס') אויסקלאפען אדער אויסדריקען בולט'ע פיגורען אין פערשיעדענע מאטעריאלען, ווי אין לעדער, בלעך, פאפיער א. ד. ג.].

embossed' *a.* (עם-באסט') אויסגעארבייט מיט בולט'ע פיגורען; אנגעבלאזען; מיט א הויקער; רעליעף.

embossed' map (עם-באסט' מעפ) א לאנדקארטע וואס איז אויסגעארבייט געווארען מיט בולט'ע צייכנונגען.

emboss'er *n.* (עם-באס'-ער) איינער אדער עטוואס וואס דריקט אויס בולט'ע פיגורען.

emboss'ing *n.* (עם-באס'-אינג) דאס אויסקריצען בולט'ע פיגורען.

emboss'ment *n.* (עם-באס'-מענט) בולט'קייט, בולט'ע פיגורען.

embouchure' *n.* (אנ-בו-שיער') די עפענונג אדער דער ארט וואו א טייך פאלט אריין אין ים אדער אין אן אזיערע; א מונד=שטיק פון א מוזיקאלישען בלאז=אינסטרומענט; די שטעלונג פון דעם מויל ביים שפיעלען מיט א בלאז=אינסטרומענט.

embow' *v.* (עם-באו') אויסבויגען ווי א דוהע.

embowed' *a.* (עם-באוד') אויסגעבויגען ווי א דוהע.

embow'el *v.* (עם-באו'-על) איינשליסען אדער בעהאלטען אין עטוואס; בעגראבען; ארויסנעהמען די געדערים אדער דעם איינגעווייד.

embow'eler *n.* (עם-באו'-על-ער) איינער וואס נעהמט ארויס דעם איינגעווייד אדער די געדערים.

embow'eller *n.* (עם-באו'-על-ער) ז. *emboweler*

embow'elment *n.* (עם-באו'-על-מענט) דאס ארויסנעהמען דעם איינגעווייד אדער די געדערים.

embow'elments *n.* (עם-באו'-על-מענטס) דער איינגעווייד; די געדערים.

embow'er *v.* (עם-באו'-ער) וואהנען אין א שאטען=ביידעל אדער צווייגען=ביידעל; בעשיצען מיט א שאטען=ביידעל.

embox' *v.* (עם-באקס') איינפאקען אין א שאכטעל; אוועקזעצען אין לאזשע אין א טעאטער.

embrace' *v. and n.* (עם-בריים') אומארמען, ארומנעהמען און צודריקען צום הארצען; ארומכאפען; אנכאפען; איינשליסען; אננעהמען; נעהמען מיט חשק; פראבירען בעאיינפלוסען געריכטס=געשווארענע אדער א ריכטער דורך כאבאר, איינשרעקונג א. ד. ג.; אן אומארמונג; דאס ארומנעהמען און צודריקען צום הארצען.

embrace' an of'fer (עם-בריים' ען אפ'-ער) אננעהמען א פארשלאג; זיך אנכאפען אן א פארשלאג.

embrace' an opportu'nity (עם-בריים' ען א-פאר-טיו'-ני-טי) בענוצען א געלעגענהייט.

embraced' *a.* (עם-בריימט') צונויפגעשלאסען אדער צונויפגעבונדען צוזאמען.

embrace'ment *n.* (עם-בריים'-מענט) אן אומארמונג; א בערייטוויליגע אננאהמע.

embra'cer *n.* (עם-בריי'-סער) איינער וואס אומארמט אדער נעהמט ארום; איינער וואס פראבירט בעאיינפלוסען געריכטס=געשווארענע אדער א ריכטער דורך כאבאר, איינשרעקונג א. ד. ג.

embra'cery *n.* (עם-בריי'-סער-אי) דאס פראבירען בעאיינפלוסען געריכטס=געשווארענע אדער א ריכטער דורך כאבאר, איינשרעקונג א. ד. ג.

embrace' the occa'sion (עם-בריים' טהי א-קיי'-זשאן) זיך נעהמען די געלעגענהייט.

embranche'ment *n.* (עם-ברענטש'-מענט) ז. *embranchment*

embranch'ment *n.* (עם-ברענטש'-מענט) א פערצווייגונג [פון בוימער, פון מינים, פון א געשעפט א. ד. ג.].

embran'gle *v.* (עם-ברענ'גל) שטארק פערפלאנטערען.

embran'glement *n.* (עם-ברענ'גל-מענט) א פלאנטער, א פערווירונג, א פערדרעהעניש.

em'brasure *n.* (עם'-בריי-זשור) אן עמבראזור, א לאך אין א פעסטונגס=וואנד צום שיסען פון דארט מיט א קאנאן.

embra'sure *n.* (עם-בריי'-זשור) דער פערגרעסערטער חלל וואס ווערט געמאכט אין א וואנד פאר א פענסטער אדער טהיר דורך דעם, וואס די אינוועניגסטע זייטען פון חלל ווערען געמאכט אבגעשרעגט.

em'brocate *v.* (עם'-ברא-קייט) איינרייבען מיט א פליסיגקייט אדער זאלב [ווי מען טהוט עס מיט א געשווילעכטס].

embroca'tion *n.* (עם-ברא-קיי'-שאן) די איינרייבונג פון א געשווילעכטס מיט א זאלב אדער פליסיגקייט.

embro'glio *n.* (עם-בראו'-ליאו) א פערפלאנטערונג, א פערווירונג, א פערוויקלונג.

embroi'der *v.* (עם-בראי'-דער) 1. שטיקען, העפטען, אויסנעהען; 2. אויספוצען

מיט שעהנע ווערטער; צופוצען, שעהנער מאכען ווי עס איז אין דער ווירקליכקייט.
2. The story has been considerably embroidered.

embroi'derer *n.* (עמ-בראי'-דער-ער) א שטיקער, א שטיקערין, א העפטער, א העפטערין, אן אויסנעהער, אן אויסנעהע־רין; איינער וואס פוצט אויס אדער פער־ציערט מיט שעהנע ווערטער.

embroi'dery *n.* (עמ-בראי'-דער-אי) שטיקעריי ארבייט; פערציערונג, בעפו־צונג.

embroi'dery-frame *n.* (עמ-בראי'-דער-אי-פריים) א ראהם וואס ווערט גע־ברויכט ביים אויסנעהען אדער שטיקען.

embroi'dery-nee'dle *n.* (עמ-בראי'-דער-אי-ניעדל) א שטיקעריי־נאדעל, א העפט־נאדעל.

embroi'dery-paste *n.* (עמ-בראי'-דער-אי-פייסט) אזא קליי וואס ווערט בע־נוצט ביי שטיקעריי ארבייט.

embroil' *v.* (עמ-בראיל') אריינפלאנטע־רען, אריינשלעפען אין א צרה; פערפלאנ־טערען; ברייננען אין אן אונארדנונג.

embroil'ment *n.* (עמ-בראיל'-מענט) פערפלאנטערונג, פערווירונג; אונארדנונג; דאס זיין פערפלאנטערט.

embrown' *v.* (עמ-בראון') מאכען ברוין אדער טונקעל; ווערען ברוין אדער טונ־קעל.

embrute' *v.* (עמ-ברוט') מאכען ברו־טאל; ווערען ברוטאל.

em'bryo *n.* and *a.* (עמ'-ברי-או) דער עמבריא, די זאמען אין מוטער־לייב פון וועלכע עס ענטוויקעלט זיך דאס קינד, די פרוכט אין מוטער־לייב אין סאמע אנפאנג פון דער ענטוויקלונג; דער פלאנצען־קיים, די פלאנצע וואס איז ענטהאלטען אין דעם זאמען בעפאר זי איז ארויסגעוואקסען; דער גאנץ ערשטער אנפאנג פון עטוואס, איידער עס האט זיך נאך אנגעפאנגען ענט־וויקלען; דאס וואס האלט אין ווערען; וואס האלט אין ארויסוואקסען, וואס האלט אין ווערען.

embryoc'tony *n.* (עמ-ברי-אק'-טא-ני) דאס צושטערען דאס קינד אין מוטערס בויך, ווען עס איז געבורט איז אונמעגליך.

embryogen'ic *a.* (עמ-ברי-א-דזשענ'-איק) וואס איז שייך צו דער וויסענשאפט וואס בעשעפטיגט זיך מיט דער ענטשטע־הונג און ענטוויקלונג פון דעם עמבריא; וואס איז שייך צו דער ענטשטעהונג פון אן ארגאניזם.

embryog'eny *n.* (עמ-ברי-אדזש'-ע-ני) די וויסענשאפט וואס בעשעפטיגט זיך מיט דער ענטשטעהונג און ענטוויקלונג פון דעם עמבריא; די ענטשטעהונג און די ענט־וויקלונג פון דעם עמבריא. ז. *embryo*.

embryog'ony *n.* (עמ-ברי-אג'-א-ני) ז. *embryogeny*.

em'bryograph *n.* (עמ'-ברי-א-גרעף) אזא אינסטרומענט וואס בעשטעהט פון א פאטאגראפישען אפאראט און א מיקרא־סקאפ פאר דעם צוועק ארויסצונעהמען בילדער פון אן עמבריא.

embryog'raphy *n.* (עמ-ברי-אג'-רע-פי) די בעשרייבונג פון דעם עמבריא און זיין ענטוויקלונג. ז. *embryo*.

embryolog'ic *a.* (עמ-ברי-א-לאדזש'-איק) וואס איז שייך צו עמבריאלאגיע [די וויסענשאפט וואס בעשעפטיגט זיך מיט דער ענטשטעהונג און ענטוויקלונג פון דעם עמבריא. ז. *embryo*].

embryolog'ical *a.* (עמ-ברי-א-לאדזש'-אי-קעל) ז. *embryologic*.

embryolog'ically *adv.* (עמ-ברי-א-לאדזש'-אי-קעל-אי) אין בעצוג צו די פרינציפען פון עמבריאלאגיע [די וויסענ־שאפט וואס בעשעפטיגט זיך מיט דער ענטשטעהונג און ענטוויקלונג פון דעם עמ־בריא. ז. *embryo*].

embryol'ogist *n.* (עמ-ברי-אל'-א-דזשיסט) א קענער אין עמבריאלאגיע [די וויסענשאפט וואס בעשעפטיגט זיך מיט דער ענטשטעהונג און ענטוויקלונג פון דעם עמבריא. ז. *embryo*].

embryol'ogy *n.* (עמ-ברי-אל'-א-דזשי) עמבריאלאגיע, די וויסענשאפט וואס בע־שעפטיגט זיך מיט דער ענטשטעהונג און ענטוויקלונג פון דעם עמבריא. ז. *embryo*.

em'bryon *n.* (עמ'-ברי-אן) ז. *embryo*.

em'bryonal *a.* (עמ'-ברי-אן-על) וואס איז שייך צו אן עמבריא אדער צו דעם עמבריאנישען צושטאנד פון אן ארגאניזם.

em'bryonate *a.* (עמ'-ברי-אנ-אייט) וואס איז אין דעם צושטאנד פון אן עמ־בריא; וואס איז שייך צו אן עמבריא.

em'bryonated *a.* (עמ'-ברי-אנ-איי-טעד) ז. *embryonate*.

embryon'ic *a.* (עמ-ברי-אנ'-איק) וואס איז שייך צו אן עמבריא; וואס איז אין דעם עמבריאנישען צושטאנד.

embryon'ically *adv.* (עמ-ברי-אנ'-אי-קעל-אי) אין בעצוג צו אן עמבריא; אין אן עמבריאנישען צושטאנד.

embryoplas'tic *a.* (עמ-ברי-א-פלעס'-טיק) וואס איז שייך צו דער בילדונג פון אן עמבריא.

em'bryoscope *n.* (עמ'-ברי-א-סקאופ) אזא שפעקטיוו צו בעאבאכטען די ענט־וויקלונג פון אן עמבריא.

embryot'ic *a.* (עמ-ברי-אט'-איק) ז. *embryonic*.

embryoto'cia *n.* (עמ-ברי-א-טאו'-סי-א) א מפיל; דאס מפיל זיין.

embryot'omy *n.* (עמ-ברי-אט'-א-מי) די אנאטאמירונג, צושניידונג אדער צוגלי־דערונג פון דעם עמבריא; דאס צושניידען דאס קינד אין מוטער־לייב.

emeer' *n.* (ע-מיער') ז. *emir*. אן עמיר.

emend' *v.* (אי-מענד') צורעכטמאכען, פערבעסערען, אויסבעסערען.

emen'dable *a.* (אי-מענ'-דעבל) וואס מען קען פערבעסערען אדער צורעכטמא־כען.

emen'date *v.* (אי-מענ'-דייט) ז. *emend*.

emenda'tion *n.* (עמ-ענ-דיי'-שאן) די אויסבעסערונג פון פעהלער, די פערריכ־טונג פון גרייזען אין א שריפט אדער בוך.
The manuscript was printed with many emendations.

em'endator *n.* (עמ'-ענ-דיי-טאר) א פערבעסערער, אן אויסבעסערער; איינער וואס פערריכט גרייזען אין א שריפט אדער בוך.

emen'datory *a.* (אי-מענ'-דא-טא-רי) וואס איז שייך צו אויסבעסערונגס אר־בייט.

emen'der *n.* (אי-מענ'-דער) ז. *emendator*.

em'erald *n.* and *a.* (עמ'-ע-רעלד) דער סמאראגד [אזא טייערער גרינער עדעל־שטיין]; גרין ווי א סמאראגד. ז. איל. *"Gems"*.

em'eralder *n.* (עמ'-ע-רעל-דער) אן אירלענדער [הומאריסטיש].

em'erald green (עמ'-ע-רעלד גריען) סמאראגד־גרין. ז. איל. *"Colors"*.

em'eraldine *n.* (עמ'-ע-רעל-דין) דאס סמאראגד־גרין [א דונקעל־גרינע אנאלין־פארב].

Em'erald Isle (עמ'-ע-רעלד איל) דער סמאראגדען אינזעל, דער גרינער אינזעל [אירלאנד].

emerge' *v.* (אי-מוירדזש') ארויסקומען, ערשיינען, זיך בעווייזען; ענטשטעהן, אנ־פאנגען עקזיסטירען.

emer'gence *n.* (אי-מויר'-דזשענס) דאס ארויסקומען; דאס ערשיינען; דאס בעוויי־זען זיך; דאס ענטשטעהן.

emer'gency *n.* (אי-מויר'-דזשענ-סי) א נויט־פאל; אן אונערווארטעטער צופאל אדער נויט־פאל.

emer'gent *a.* (אי-מויר'-דזשענט) וואס ערשיינט, וואס בעווייזט זיך; ענטשטע־הענד; אונפאראויסגעזעהן, אונערווארט־עט; וויכטיג, דרינגענד.

emer'gently *adv.* (אי-מויר'-דזשענט-לי) דורך אן אונערווארטעטען צופאל; לויט דער פאדערונג פון די אומשטענדען.

em'eril *n.* (עמ'-ע-ריל) א דימענט פון א גלעזער [צו שניידען גלאז].

emer'itus *a.* and *n.* (אי-מער'-אי-טאס) וואס האט זיך צוריקגעצויגען מיט עהרע פון דיענסט אדער אמט [צוליעב קראנק־הייט אדער עלטער א. ד. ג.] און איז געבליבען ביים פולען טיטעל אדער ראנג; אין דער רוימישער געשיכטע — אן אויס־געדיענטער סאלדאט.
He is president emeritus of the university.

emer'sion *n.* (אי-מויר'-שאן) דאס ארויסקומען, דאס ערשיינען, דאס בעוויי־זען זיך.

Emerso'nian *a.* and *n.* (עמ-איר-סאו'-ני-ען) וואס איז שייך צו דעם אמע־ריקאנער פילאזאף און פאעט ראלף וואל־דא עמערסאן אדער צו זיינע שריפטען; אן אנהענגער פון עמערסאן [געבארען אין 1803, געשטארבען אין 1882].

em'ery *n.* (עמ'-ע-רי) [א שמירגעל] מין הארטער מינעראל וועלכען מען בע־נוצט צום שלייפען און פאלירען גלאז, שטיין, מעטאל א. ד. ג.].

em'ery-pa'per *n.* (עמ'-ע-רי-פיי'-פער) שמירגעל־פאפיער, זאמד־פאפיער וואס ווערט בענוצט צו שלייפען אדער פאלירען.

em'ery-wheel *n.* (עמ'-ע-רי-הוויעל) א ראד וואס איז בעדעקט מיט שמירגעל־פאפיער [זאמד־פאפיער], וועלכער ווערט בענוצט צום שלייפען און פאלירען.

emet'ic *a.* and *n.* (אי-מעט'-איק) וואס רופט ארויס ברעכען; א ברעך־מיטעל.

emet'ical *a.* (אי-מעט'-אי-קעל) וואס רופט ארויס ברעכען.

emet'ically *adv.* (אי-מעט'-אי-קעל-אי) אויף א שטייגער, וואס רופט ארויס ברע־כען.

emetocathar'tic *a.* and *n.* (עמ-ע-טאו-קע-טהאר'-טיק) וואס רופט ארויס ברעכען און אבפיהרונג צוגלייך; א מע־דיצין וואס רופט ארויס ברעכען און אב־פיהרונג צוגלייך.

emetol'ogy *n.* (עמ-ע-טאל'-א-דזשי) די מעדיצינישע פארשונג וועגען ברעכען און ברעך־מיטעל.

e'meu *n.* (אי'-מיו) א גרויסער שטרויס־עהנליכער פויגעל אין אויסטראליען, וועל־כער האט נור דריי פוס־פינגער. ז. *emu*.

émeute' *n.* (איי-מויט') א בונט; א טו־מעל.

e'mew *n.* (אי'-מיו) ז. *emu*.

emica'tion *n.* (ע-מי-קיי'-שאן) דאס

שפריצן פונקטן [ווי ביים שמיערן אייזען].

emic'tion *n.* (אי-מיק'-שאן) אורין, השתנה; דאס משתין זיין, דאס לאזען אורין.

emic'tory *a. and n.* (אי-מיק'-טא-רי) וואס טרייבט אב אורין [השתנה]; א מעדיצין צום אבטרייבען אורין.

em'igrant *n. and a.* (עמ'-אי-גרענט) אן עמיגראנט, אן אויסוואנדערער; וואס איז שייך צו עמיגראציאן אדער עמיגראנטען; עמיגרירענד, אויסוואנדערענד.

em'igrant aid soci'ety (עמ'-אי-גרענט אייד סא-סאי'-ע-טי) א געזעלשאפט צו שטיצען עמיגראנטען [אין דער געשיכטע פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא — א געזעלשאפט וואס האט געהאט די אויפגאבע, הויפטזעכליך אין יאהר 1854, צו העלפען קאלאניזירען קאנזאס מיט עמיגראנטען פון די נארד שטאאטען, אום צו שטערען די איינוואנדערער פון דער שקלאפען־טרייבערישער זיד איינצופיהרען שקלאפעריי אין יענער טעריטאריע].

em'igrate *v.* (עמ'-אי-גרייט) עמיגרירען, אויסוואנדערען.

emigra'tion *n.* (עמ-אי-גריי'-שאן) עמיגראציאן, אויסוואנדערונג.

emigra'tional *a.* (עמ-אי-גריי'-שאנ-על) וואס איז שייך צו עמיגראציאן [אויסוואנדערונג].

emigra'tionist *n.* (עמ-אי-גריי'-שאנ-איסט) איינער וואס בעשעפטיגט זיך מיט דער עמיגראציאנס־פראגע.

em'inence *n.* (עמ'-אי-נענס) א דערהויבונג, אן ארויסשטארצונג; אן אנגעזעהענער פלאץ אדער לאגע, א הויכער פלאץ; הויכע שטעלונג, ווירדע, ראנג א. ד. ג.; וויכטיגקייט, אנגעזעהענקייט; ערהאבענהייט; הויכע שטופע; עמינענץ [דער טיטול פון א קארדינאל].

em'inency *n.* (עמ'-אי-נענ-סי) ז. *eminence*

em'inent *a.* (עמ'-אי-נענט) עמינענט, הויך; ארויסשטארצענד; ערהאבען; וויכטיג, פראמינענט, בעריהמט, אנגעזעהן, אויסגעצייכענט; וואס האט די העכסטע מאכט.

Eminent authors were present at the banquet.

em'inently *adv.* (עמ'-אי-נענט-לי) אויף א הויכער שטופע; אויף אן אנגעזעהענעם שטייגער; מיט אויסצייכנונג, מיט פארנעהמקייט; אין העכסטען גראד; פאלקאמען; אבסאלוט.

emir' *n.* (ע-מיר') אן עמיר [ביי די אראבער און אנדערע מחמר'אנישע פעלקער — דער עלטסטער פון א פאמיליע אדער שבט, א הערשער; אין טערקיי — א הויכער בעאמטער].

em'issary *n. and a.* (עמ'-אי-סע-רי) אן עמיסאר, א שליח, אן אגענט [הויפטזעכליך א געהיים־אגענט, א שפיאן]; אן אויספלוס פאר וואסער, אן אבפיהרונגס־קאנאל; אן אבפיהרונגס־קאנאל אין קערפער: ארויסלאזענדיג; וואס מאכט אן אויספלוס אדער אויסגאנג; וואס איז שייך צו אן עמיסאר; פארשענד; שפיאנירענד.

em'issaryship *n.* (עמ'-אי-סע-רי-שיפ) דאס אמט פון אן עמיסאר. ז. *emissary*

emis'sion *n.* (אי-מיש'-אן) דאס ארויסלאזען, דאס ארויסווארפען; אויסשטרעמונג, אויספלוס; א געוויסע צאהל געלד, באנקנאטען א. ד. ג., וואס ווערט איינציטיג ארויסגעלאזט אין אומגאנג; אין פיזיאלאגיע — אן אויספלוס, הויפטזעכליך אן אונפרייוויליגער אויספלוס פון זרע.

emis'sive *a.* (אי-מיס'-איוו) ארויסלאזענדיג, אויספליסענדיג, אויסשטרעמענדיג, אויסשטראהלענדיג [ווי ליכט]; וואס איז שייך צו ניוטאן'ס לעהרע וועגען ליכט [די בעהויפטונג, אז דאס ליכט קומט דערפון, וואס קליינע טיילעכלעך פון דעם לייכטענדען שטאף אדער קערפער טיילען זיך אב פון איהם].

emis'sive pow'er (אי-מיס'-איוו פאו'-ער) די פעהיגקייט אויסצושטרעמען אדער ארויסצולאזען פון זיך ליכט אדער היץ. ז. *radiating power*

em'issory *a.* (עמ'-אי-סא-רי) ארויסלאזענדיג, אויסשטרעמענדיג. אויספליסענדיג.

emit' *v.* (אי-מיט') ארויסלאזען, ארויסווארפען; אויספליסען, אויסשטרעמען, ברייננגען אין אומגאנג [געלד, באנקנאטען א ד. ג.]; ארויסגעבען א בעפעהל אדער בעשטימונג.

Emman'uel *n.* (ע-מענ'-יו-על) ז. *Immanuel*

emmenagog'ic *a.* (ע-מענ-ע-גאדזש'-איק) וואס איז שייך צו א מעדיצינישען מיטעל ארויסצורופען מענסטרואציע [רעגעל, פעריאדע, מאנאטליכע — ביי פרויען]; וואס רופט ארויס מענסטרואציע.

emmen'agogue *n.* (ע-מענ'-ע-גאג) א מעדיצינישער מיטעל ארויסצורופען מענסטרואציע [רעגעל, פעריאדע, מאנאטליכע — ביי פרויען].

emmenolog'ical *a.* (ע-מענ-א-לאדזש'-אי-קעל) וואס איז שייך צו דעם טייל פון דער מעדיצינישער וויסענשאפט וואס בעשעפטיגט זיך מיט מענסטרואציע [רעגעל, פעריאדע, מאנאטליכע — ביי פרויען].

emmenol'ogy *n.* (עמ-ע-נאל'-א-דזשי) דער טייל פון דער מעדיצינישער וויסענשאפט וואס בעשעפטיגט זיך מיט מענסטרואציע [רעגעל, פעריאדע, מאנאטליכע — ביי פרויען].

em'met *n.* (עמ'-עט) א מוראשקע.

emmew' *v.* (ע-מיו') איינשפארען; בעהאלטען.

emolles'cence *n.* (עמ-א-לעס'-ענס) דאס ווייך ווערען, דאס צוקראכען ווערען [ווען עטוואס האלט ביים צושמאלצען ווערען].

emol'liate *v.* (אי-מאל'-יעיט) מאכען ווייך, שוואך אדער פרויען־עהנליך.

emol'lient *n. and a.* (אי-מאל'-יענט) וואס מאכט ווייך; עטוואס מיט וואס מען מאכט ווייך.

emol'ument *n.* (אי-מאל'-יו-מענט) נוצען; נוצען אדער איינקונפט [פון אן אמט]; בעלוינונג; פראפיט; פארטייל; נעבען־איינקונפט; געווינס.

emolumen'tal *a.* (אי-מאל-יו-מענ'-טעל) ניצליך, איינטרעגליך.

emo'tion *n.* (אי-מאו'-שאן) אויפרעגונג פון געמיטה; אויפרעגונג פון געפיהלען; ריהרונג.

emo'tional *a.* (אי-מאו'-שאנ-על) וואס ריהרט, וואס וועקט די געפיהלען; וואס ווירקט אויף די געפיהלען; וואס איז שייך צו אויפרעגונג פון געמיטה; וואס דריקט אוים ריהרונג אדער געמיטהס־אויפרעגונג.

emo'tionalism *n.* (אי-מאו'-שאנ-על-איזם) דאס זיין גענייגט צו געמיטהס־אויפרעגונג אדער געריהרט צו ווערען; דאס ווירקען אויף די מאמענטאנע געפיהלען.

emo'tionalist *n.* (אי-מאו'-שאנ-על-איסט) איינער אין וועמען מען קען לייכט ארויסרופען אן אויפרעגונג פון געמיטה אדער פון געפיהלען; איינער וואס ווערט געפיהרט פון זיינע לייכט אויפרעגבארע געפיהלען; איינער וואס שטרעבט נור צו ווירקען דורך דער אויפרעגונג פון געפיהלען.

emotional'ity *n.* (אי-מאו-שאנ-על'-אי-טי) דאס זיין גענייגט צו געמיטהס־אויפרעגונג אדער געריהרט צו ווערען; דאס אויסדריקען געמיטהס־אויפרעגונג אדער אויפרעגונג פון געפיהלען.

emo'tive *a.* (אי-מאו'-טיוו) ריהרענד, וואס רעגט אויף דעם געמיטה, וואס צייגט ארויס געמיטהס־אויפרעגונג.

emo'tively *adv.* (אי-מאו'-טיוו-לי) אויף א ריהרענדען אופן; דורך געמיטהס־אויפרעגונג.

empale' *v.* (עמ-פייל') ארומצאמען אדער פערצאמען מיט פלעקער, בעפעסטיגען מיט פלעקער; שטעלען זייט ביי זייט; הינריכטען דורך אוועקזעצען אויף א שפיצינגען פלאקען; טויטען דורך דורכשטעכען מיט א שפיצינגער זאך.

empaled' *a.* (עמ-פיילד') פערצאמט אדער בעפעסטיגט מיט פלעקער; געשטעלט זייט ביי זייט; הינגעריכטעט דורך ארויפזעצען אויף א שפיצינגען פלאקען.

empale'ment *n.* (עמ-פייל'-מענט) דאס ארומצאמען מיט פלעקער; דער פלאץ וועלכער איז ארומגעצאמט מיט פלעקער; דאס הינריכטען דורך אוועקזעצען אויף א שפיצינגען פלאקען.

empan'el *v.* (עמ-פענ'-על) פערשרייבען אין ליסט פון געריכטס־געשווארענע; פארופען נאך דער ליסט און איינשווערען [וועגען געריכטס־געשווארענע].

empan'elment *n.* (עמ-פענ'-על-מענט) דאס פערשרייבען אין דער ליסט פון געריכטס־געשווארענע; דאס פאררופען נאך דער ליסט און איינשווערען [וועגען געריכטס־געשווארענע].

emparch'ment *v.* (עמ-פארטש'-מענט) שרייבען אויף פארמעט.

empasm' *n.* (עמ-פעזם') א פולווער צו בעזייטיגען א שלעכטען גערוך.

em'peror *n.* (עמ'-פויר-אר) א קייזער; א נאמען פון געוויסע שמעטערלינגע, פויגלען און אויך שלאנגען.

em'peror-moth *n.* (עמ'-פויר-אר-מאטה) א מין שמעטערלינג אדער זומערפויגעלע, וואס פליהט אום נור ביי נאכט.

em'perorship *n.* (עמ'-פויר-אר-שיפ) דאס קייזערטום, די מאכט פון א קייזער.

em'pery *n.* (עמ'-פויר-אי) די אימפעריע, די מלוכה; די ממשלה; די הערשאפט פון א קייזער.

em'phasis *n.* (עמ'-פע-סיס) די שטארקע בעטאנונג אדער אונטערשטרייכונג פון ווערטער; דער מעכטיגער אויסדרוק.

em'phasize *v.* (עמ'-פע-סאיז) 1. ארויסזאגען אדער אויסדריקען מיט קראפט; 2. שטארק בעטאנען אדער אונטערשטרייכען די ווערטער.

1. The speaker emphasizes his remarks with gestures. 2. To emphasize a thought we underline the important words.

emphat'ic *a.* (עמ-פעט'-איק) נאכדריקליך, אויסגעדריקט מיט קראפט; איינדרוקספאל, קרעפטיג.

emphat'ical *a.* (עמ-פעט'-אי-קעל) ז. *emphatic*

emphat'ically *adv.* (עמ-פעט'-אי-קעל-אי) מיט נאכדרוק, מיט אן איינדרוקספאלער שטימע; אויף א קרעפטיגן אויסדרוקס אופן.

emphyse'ma *n.* (עמ-פי-סי'-מא) א ווינדגעשווילעכץ.

emphysem'atose *a.* (עמ-פי-סעמ'-ע-טאוס) ז. *emphysematous*

emphysem'atous *a.* (עמ-פי-סעמ'-ע-טאס) ווי א ווינדגעשווילעכץ; וואס איז שייך צו א ווינדגעשווילעכץ.

em'pire *n.* (עמ'-פאיר) אן אימפעריע, א קייזער-רייך, א קייזערטום; די אלערהעכסטע מאכט.

Em'pire Cit'y (עמ'-פאיר סיט'-אי) די שטאדט ניו יארק.

em'pireship *n.* (עמ'-פאיר-שיפ) דאס קייזערטום; די קייזערליכע מאכט.

Em'pire State (עמ'-פאיר סטייט) דער שטאאט ניו יארק.

Empir'ic *n.* (עמ-פיר'-איק) איינער פון דער עמפירישער מעדיצינישער סעקטע אין אלטען גריכענלאנד, וועלכע האט בעהויפטעט, אז דער פונדאמענט פון דער וויסענשאפטליכער מעדיצין איז די ערפאהרונג און נים די טעאריע.

empir'ic *a.* and *n.* (עמ-פיר'-איק) עמפיריש, בעגרינדעט אויף ערפאהרונג: ערפאהרונגסמעסיג: וואס איז שייך צו מעדיצינישער ערפאהרונג; איינער וואס פראקטיצירט מעדיצין פון ערפאהרונג, נים האבענדיג געלערענט; א שארלאטאנישער מעדיקער; איינער וואס האט נים געלערענט און מיינט אז ער קען אלעס פון ערפאהרונג.

empir'ical *a.* (עמ-פיר'-אי-קעל) עמפיריש, בעגרינדעט אויף ערפאהרונג; ערפאהרונגסמעסיג; וואס איז שייך צו מעדיצינישער ערפאהרונג; מארק-שרייעריש, שארלאטאניש [אין בעצוג צו מעדיצין].

empir'ically *adv.* (עמ-פיר'-אי-קעל-אי) אויף אן עמפירישען אופן; ערפאהרונגסמעסיג; נים וויסענשאפטליך; מארק-שרייעריש, שארלאטאניש [אין בעצוג צו מעדיצין].

empir'icism *n.* (עמ-פיר'-אי-סיזם) עמפיריציזם, דאס גלויבען אין ערפאהרונג מעהר אלס אין טעאריע; דער פרינציפ, אז נור דאס וואס איז בעוואוסט פון ערפאהרונג איז ריכטיג; די עמפירישע מעטאדע [די מעטאדע וואס בויט אויף ערפאהרונג און נים אויף טעאריע]; דאס פראקטיצירען מעדיצין נים האבענדיג געלערענט; די פרעטענזיעס פון אן עם-הארץ אויף מעדיצינישע קענטשאפט; אין פילאזאפיע — די בעהויפטונג, אז אלע אידעען שטאמען אב נור פון ערפאהרונגען.

empir'icist *n.* (עמ-פיר'-אי-סיסט) אן עמפיריקער, איינער וואס גלויבט, אז אלע אידעען שטאמען ארויס נור פון ערפאהרונג; א דאקטאר פון ערפאהרונג אבער נים פון שטודיום.

empir'ic rem'edy (עמ-פיר'-איק רעמ'-ע-די) א הויזמיטעל; א באבסקע רפואה.

emplas'tic *a.* and *n.* (עמ-פלעס'-טיק) קלעפעדיג; א קלעפעדיגער שטאף; א מעדיצין געגען א לויזען מאגען.

employ' *v.* and *n.* (עמ-פלאי') בעשעפטיגען; געברויכען; פערווענדען; דער געברויך; די אנווענדונג; די בעשעפטיגונג; די אנשטעלונג.

employ'able *a.* (עמ-פלאי'-עבל) ברויכבאר, אנווענדבאר.

employé' *n.* (אנ-פלוא-יעי') ז. *employee*

employee' *n.* (עמ-פלאי-אי') אן אנגעשטעלטער; איינער וואס איז בעשעפטיגט ביי א צווייטען.

employ'er *n.* (עמ-פלאי'-ער) אן ארבייטגעבער; איינער וואס גיט בעשעפטיגונג.

employ' funds (עמ-פלאי' פאנדז) אנווענדען אדער פערברויכען געלד אין עפּעס.

employ'ment *n.* (עמ-פלאי'-מענט) בעשעפטיגונג.

emplume' *v.* (עמ-פלוחם') בעפוצען מיט פעדערען.

empo'rium *n.* (עמ-פאו'-רי-אם) א מארק-פלאץ; א האנדעלס פלאץ; א באזאר; א האנדעלס-שטאדט.

empow'er *v.* (עמ-פאו'-ער) בעפאלמעכטיגען, געבען א כח.

empresa'rio *n.* (עמ-פרע-סא'-רי-או) א געשעפטס-אונטערנעהמער; אן אונטערנעהמער וואס האט א קאנצעסיאן פון א רעגיערונג אדער פון א שטאדט פערוואלטונג.

em'press *n.* (עמ'-פרעס) א קייזערין.

empresse'ment *n.* (אנ-פרעס'-מאן) הערצליכקייט; לעבהאפטער פערלאנג: שטארקער חשק.

emprise' *n.* (עמ-פראיז') אן אונטערנעהמונג.

emp'tier *n.* (עמפ'-טי-ער) אן אויסלעדיגער, עטוואס וואס לעדיגט אויס.

emp'tiness *n.* (עמפ'-טי-נעס) פוסטקייט, לעדיגקייט; זינלאזיגקייט; אונוויסענהייט.

emp'tins *n.* (עמפ'-טינז) ז. *emptyings*

emp'tion *n.* (עמפ'-שאן) דער קויף, דער איינקויף.

emp'ty *a.*, *n.* and *v.* (עמפ'-טי) פוסט, לעער, לעדיג; אונוויסענד; זינלאז; ווירקונגסלאז; ניכטסווירדיג; ניכטער; הונגעריג, פאסטענד; אונפרודוקטיוו [?] אונפרוכטבאר; מאגער; א לעדיגע כלי; אויסלעדיגען, מאכען פוסט; אויסגיסען; ווערען לעדיג אדער פוסט; זיך אויסגיסען.

emp'ty-han'ded *a.* (עמפ'-טי-הענ'-דעד) מיט לעדיגע הענד.

emp'ty-head'ed *a.* (עמפ'-טי-הער'-עד) מיט א פוסטען קאפ.

emp'ty-hear'ted *a.* (עמפ'-טי-האר'-טעד) הארצלאז.

emp'tying *n.* (עמפ'-טי-אינג) דאס מאכען לעדיג אדער פוסט; דאס וואס ווערט אויסגעלעדיגט.

emp'tyings *n.* (עמפ'-טי-אינגז) הייוועז וואס שטעהט זיך אב פון ביער.

emp'ty purse (עמפ'-טי פוירס) א לעדיגער בייטעל.

empur'ple *v.* (עמ-פויר'פל) פארבען פורפור-רויט.

empye'ma *n.* (עמ-פי-אי'-מא) די אנזאמלונג פון אייטער [פלאגמא] אין ברוסט-פעל.

empyem'ic *a.* (עמ-פי-עמ'-איק) וואס ליידעט פון אן אנזאמלונג פון אייטער [פלאגמא] אין ברוסט-פעל.

empyre'al *a.* (עמ-פי-רי'-על) פון רייגעם ליכט; קלאר, ריין; הימליש קלאר אדער ריין.

empyre'an *a.* and *n.* (עמ-פי-רי'-ען) פון רייגעם ליכט; קלאר, ריין; הימליש קלאר אדער ריין; די הויכע הימלישע געגענדען פון רייגעם פייער און ליכטיגקייט; דער העכסטער הימעל פון רייגעם פייער און ליכט [לויט דעם גלויבען אין די אלטע צייטען איז דאס דער פטער הימעל].

empyreu'ma *n.* (עמ-פי-רו'-מא) דער אונאנגענעהמער ריח וואס ווערט ארויסגעגעבען פון ארגאנישע קערפער [ווי פלאנצען און חיות] ווען מען פערברענט זיי אין א פערמאכטער כלי.

empyreumat'ic *a.* (עמ-פי-רו-מעט'-איק) וואס שמעקט מיט צוגעברענטעז, וואס האט דעם ריח פון צוגעברענטען פלייש אדער צוגעברענטע גריכסען.

empyreumat'ical *a.* (עמ-פי-רו-מעט'-אי-קעל) ז. *empyreumatic*

e'mu *n.* (אי'-מיו) א גרויסער שטרויס-ענליכער פויגעל אין אויסטראליען מיט דריי פוס-פינגער; אזא זארט אויסטראלישעס האלץ.

Emu

em'ulate *v.* (עמ'-יו-לייט) שטרעבען מיט אימעצען זיך צו פערגלייכען אדער איהם אריבערצושטייגען.

The pupils should emulate the brightest boys in the class.

emula'tion *n.* (עמ-יו-ליי'-שאן) דאס בעשטרעבען זיך צו פערגלייכען מיט אימעצען אדער איהם אריבערצושטייגען.

em'ulative *a.* (עמ'-יו-ליי-טיוו) קאנקורירענד, וואס שטרעבט זיך צו פערגלייכען מיט אימעצען אדער איהם אריבערצושטייגען.

em'ulatively *adv.* (עמ'-יו-ליי-טיוו-לי) אויף א קאנקורירענדען אופן, שטרעבענדיג זיך צו פערגלייכען מיט אימעצען אדער איהם אריבערצושטייגען.

em'ulator *n.* (עמ'-יו-ליי-טאר) א קאנקורענט; איינער וואס שטרעבט זיך צו פערגלייכען מיט אימעצען אדער איהם אריבערצושטייגען.

em'ulatory *a.* (עמ'-יו-ליי-טא-רי) ז. *emulative*

emul'gent *a.* and *n.* (אי-מאל'-דזשענט) אין אנאטאמיע — וואס ציהט ארויס [בנוגע צו די אדערען און די ניערען, וועלכע ציהען ארויס די אורין (השתנה) פון דעם בלוט]; א מעדיצינישעס מיטעל וואס מאכט שנעלער די פליסונג פון גאל.

emul'gent ves'sels (אי-מאל'-דזשענט וועס'-עלז) די אדערען וואס געפינען זיך אין די ניערען.

em'ulous *a.* (עמ'-יו-לאס) ז. *emulative*

em'ulously *adv.* (עמ'-יו-לאס-לי) אויף א קאנקורירענדען אופן, סטארענדיג זיך אריבערצושטייגען דעם אנדערען.

em'ulousness *n.* (עמ'-יו-לאס-נעס) דאס זיין אייפערזיכטיג; דאס סטארען

זיך צו זיין גלייך אדער אריבערצושטייגען דעם אנדערען.

emul'sifier *n.* (אי-מאל'-סי-פאי-ער) איינער וואס בוימשעט אויף אדער קלאפט פאנאנדער א פעטע זאך [ווי פוטער, שמאלץ א. ד. ג.] אין א פליסינקייט.

emul'sify *v.* (אי-מאל'-סי-פאי) אויפבוימשען אדער פאנאנדערקלאפען א פעטע זאך אין א פליסינקייט.

emul'sion *n.* (אי-מאל'-שאן) עמולסיאן אדער זאמען־מילך [א מין מילך וואס בעקומט זיך פון אויפבוימשען אדער פאנאנדערקלאפען א פעטע זאך, ווי אויל, שמאלץ א. ד. ג., אדער קלייניגקע קערנדלעך אין א פליסיגקייט].

emul'sionize *v.* (אי-מאל'-שאנ-איז) ז. *emulsify*

emul'sive *a.* (אי-מאל'-סיוו) ווייך מאכענד; אויפבוימשענד אדער פאנאנדערקלאפענד א פעטע זאך אין א פליסיגקייט.

ena'ble *v.* (ע-ניי'בל) מאכען פעהיג, מאכען אין שטאנד.

Education **enables** one to improve his material condition.

ena'blement *n.* (ע-ניי'בל-מענט) דאס פעהיג מאכען.

enact' *v.* (ע-נעקט') בעשליסען, פארשרייבען אדער בעפעהלען [לויט געזעץ]; מאכען פאר א געזעץ [א געזעץ־פארשלאג]; טהאן, מאכען; שפיעלען א ראלע [אויף דער ביהנע], פארשטעלען, פערזאניפיצירען.

enact'ing clause (ע-נעקט'-אינג קלאהז) דער אנפאנג־פאראגראף פון א געזעץ וואס פאנגט זיך אן מיט די ווערטער:

"Be it enacted by ..."

enac'tive *a.* (ע-נעק'-טיוו) וואס האט די מאכט געזעצליך פארצושרייבען אדער מאכען א געזעץ.

enact'ment *n.* (ע-נעקט'-מענט) דאס פארשרייבען אדער בעפעהלען געזעצליך; דאס מאכען פאר א געזעץ [א געזעץ־פארשלאג]; א געזעץ, א געזעצליכע פארשריפט; דאס שפיעלען א ראלע [אויף דער ביהנע].

enac'tor *n.* (ע-נעק'-טאר) איינער וואס מאכט א געזעץ.

enal'lage *n.* (ע-נעל'-איי-דזשי) אין גראמאטיק — די אנאלאגע, די פערבייטונג פון איין גראמאטישער פארם פון א ווארט אויף אן אנדערער אדער פון איין ווארט אויף אן אנדערען [למשל: דער געברויך אין ליטעראריש ווערק פון "מיר" אנשטאט "איך"].

enam'bush *v.* (ענ-עמ'-בוש) בעהאלטען [אין א לויערונגס־ארט].

enam'el *n.* and *v.* (ע-נעמ'-על) עמאל; גלאזור; עטוואס וואס איז גלאט און גלאנציג ווי גלאזור; צייהנער־עמאל [די אויבערשטע שיכט פון די צייהנער]; גלאנץ, פאליר; שמירעכץ פאר'ן געזיכט צו מאכען די הויט פריש און שעהן; גלאזירען, ארויפלעגען גלאזור [אויף געשיר]; בעציערען מיט גלאזור אדער עמאל; מאכען גלאנציג און גלאט [ווי גלאזור].

enam'eled pa'per (ע-נעמ'-על פיי'-פער) גלאזור־פאפיער, קרייד־פאפיער, וויזיט־קארטען־פאפיער.

enam'eler *n.* (ע-נעמ'-על-ער) ז. *enameller*

enam'eller *n.* (ע-נעמ'-על-ער) איינער וואס גלאזירט אדער בעציערט מיט עמאל.

enam'or *v.* (ע-נעמ'-אר) מאכען פערליעבט; אנצינדען מיט ליעבע, בעצויבערען; שטארק צובינדען.

He is enamored in his own ideas.

enanthe'sis *n.* (ענ-ענ-טהי'-סיס) אן אויסשלאג אדער אויסשיטונג אויף דער הויט פון אן אינערליכער קראנקהייט, ווי פון טיפוס־פיבער, מאזלען א. ד. ג.

enantio'sis *n.* (ע-נענ-טי-או'-סיס) אן ארט אויסדרוק וואו א זאך ווערט בעהויפטעט ניט דירעקט, נאר דורך דער פערניינונג פון איהר געגענזאץ [ווי למשל: "ער איז ניט קיין נאר" אנשטאט "ער איז א קלוגער"].

e'nate *a.* (אי'-נייט) ארויסוואקסענד, וואס וואקסט ארוים; וואס איז א קרוב פון דער מוטער'ס צד.

encage' *v.* (ענ-קיידזש') איינשפארען אין א שטייג; איינשפארען.

encalm' *v.* (ענ-קאהם') אוועקלעגען רוהיג, שטיל.

encamp' *v.* (ענ-קעמפ') לאגערען, מאכען א לאגער.

encamp'ment *n.* (ענ-קעמפ'-מענט) דאס לאגערען; א לאגער.

encar'pus *n.* (ענ-קאר'-פאס) אין ארכיטעקטור — א סקולפטור־ארבייט אויף א וואנד פון א געביידע אין דער פארם פון א גירלאנדע מיט פרוכטען, בלעטער אדער בלומען.



Encarpus

encase' *v.* (ענ-קייס') איינשליסען.

encase'ment *n.* (ענ-קייס'-מענט) איינשליסונג.

encash' *v.* (ענ-קעש') איינקאסירען, איינמאהנען שולדען [אויף וועקסלען].

encash'ment *n.* (ענ-קעש'-מענט) איינקאסירונג פון שולדען [אויף וועקסלען].

encaus'tic *a.* and *n.* (ענ-קאהס'-טיק) ענקוסטיש, וואס איז שייך צו דער מאהלעריי מיט וואקס אדער מיט וואקספארבען; די מאהלעריי אין וואקס, דאס איינברענען פיגורען אין וואקס.

encaus'tic pain'ting (ענ-קאהס'-טיק פיינ'-טינג) וואקס־מאהלעריי.

encaus'tic tile (ענ-קאהס'-טיק טאיל) ענקוסטישע ציגעל [גלאזירטע ציגעל מיט בולט'ע פיגורען].

encave' *v.* (ענ-קייוו') בעהאלטען [אין א הייל אדער ווי אין א הייל].

enceinte' *a.* and *n.* (אנ-סענט') שוואנגער, מעוברת; א פעסטונגס־וואנד וואס רינגעלט ארום א פלאץ.

encephal'ic *a.* (ענ-סע-פעל'-איק) וואס איז שייך צום מארך; וואס געפינט זיך אין קאפ אדער אין שארבען.

encephalit'ic *a.* (ענ-סעפ-ע-ליט'-איק) וואס איז שייך צו, אדער וואס ליידט פון מארך־ענטצינדונג.

encephali'tis *n.* (ענ-סעפ-ע-לאי'-טיס) מארך־ענטצינדונג.

enceph'aloid *a.* (ענ-סעפ'-ע-לאיד) וואס איז עהנליך צום מארך־שטאף.

enceph'aloid can'cer (ענ-סעפ'-ע-לאיד קענ'-סער) אזא מין ראק אדער קרעבס־קראנקהייט.

encephalol'ogy *n.* (ענ-סעפ-ע-לאל'-א-דזשי) דער טייל פון דער וויסענשאפט וואס בעשעפטיגט זיך מיט'ן געהירן.

encephalo'ma *n.* (ענ-סעפ-ע-לאו'-מא) ז. *encephaloid cancer*

encephalomala'cia *n.* (ענ-סעפ-ע-לא-מע-ליי'-סי-א) געהירן־ערווייכונג [אזא קראנקהייט].

enceph'alon *n.* (ענ-סעפ'-ע-לאן) דער מארך, די געהירן.

enceph'alous *a.* (ענ-סעפ'-ע-לאס) וואס האט א קאפ [ווענען געוויסע מאלוסקען].

enchafe' *v.* (ענ-טשייף') דערווארימען, דערהיצען; זיך דערהיצען; רייצען, אויפרעגען.

enchain' *v.* (ענ-טשיין') איינקייטען, שמידען אין קייטען; פערשקלאפען; שטארק צוהאלטען; צוריקהאלטען; איינשרענקען, ארומצאמען; צונויפקייטען, פערבינדען.

enchain'ment *n.* (ענ-טשיינ'-מענט) דאס שמידען אין קייטען; דאס זיין געשמידט אין קייטען; צוזאמענבינדונג, צוזאמענהאלטונג, צוזאמענקייטונג; שקלאפעריי.

enchant' *v.* (ענ-טשענט') טהאן כשוף; כשוף'ען, בעצויבערען; ענטציקען.

enchan'ter *n.* (ענ-טשענ'-טער) א כשוף־מאכער, א צויבערער; איינער וואס בעצויבערט אדער ענטציקט.

enchan'ting *a.* (ענ-טשענ'-טינג) בעצויבערענד; צויבערליך; ענטציקענד.

enchan'tingly *adv.* (ענ-טשענ'-טינג-לי) אויף א בעצויבערענדען אדער ענטציקענדען אופן.

enchant'ment *n.* (ענ-טשענט'-מענט) כשוף, בעצויבערונג; צויבער, ענטציקונג.

enchan'tress *n.* (ענ-טשענ'-טרעס) א כשוף־מאכערין, א צויבערין; א פרוי וואס בעצויבערט אדער ענטציקט.

enchase' *v.* (ענ-טשייס') איינפאסען [דימאנטען]; בעפוצען, בעציערען א זאך; איינגראווירען.

encha'sing *n.* (ענ-טשיי'-סינג) איינפאסונג; דאס בעפוצען אדער בעציערען א זאך.

encho'rial *a.* (ענ-קאו'-רי-על) וואס בעלאנגט צו אדער וואס ווערט בענוצט אין א בעשטימטען לאנד; ארטיג, לאקאל; פאלקסטימליך.

encho'ric *a.* (ענ-קאו'-ריק) ז. *enchorial*

encho'rious *a.* (ענ-קאו'-רי-אס) ז. *enchorial*

enchoris'tic *a.* (ענ-קא-ריס'-טיק) ז. *enchorial*

en'chyma *n.* (ענ'-קי-מא) די זאפט וואס בילדעט זיך אויס פון כימאס [די איבערגעקאכטע שפייז וואס געהט אריבער פון מאגען אין די געדערים] און וועלכע ווירקט מיט אין דער אויסבילדונג פון נייע צעלען אין ארגאניזם.

encir'cle *v.* (ענ-סויר'קל) ארומרינגלען; מאכען א קרייז ארום און ארום; בעוועגען זיך ארום עפעס אין א קרייז־ריכטונג; ארומגארטלען; ארומנעהמען.

enclave' *v.* and *n.* (אנ-קלעוו') איינשליסען אדער ארומרינגלען א געוויסעס לאנד מיט די טעריטאריען פון אן אנדער מלוכה; א לאנד וואס איז ארומגערינגעלט מיט די טעריטאריען פון אן אנדער מלוכה [ווי למשל, דאס קליינע לאנד "מאנאקא"

איז ארומגערינגעלט מיט טעריטאריען וואס בעלאנגען צו פראנקרייך, ד. ה. ריעזע קליינע מלוכה איז איינגעשלאסען אין דער פראנצויזישער מלוכה].

enclave'ment *n.* (אן-קלעוו'-מאן) דאס זיין איינגעשלאסען אין די גרענעצען פון אן אנדער מלוכה.

enclit'ic *n. and a.* (ען-קליט'-איק) די ענקליטיקא, א ווארט וואס האט אנגעווארען זיין אקצענט און איז צוגעגעבען געווארען אלס אן איינפאכע זילבע צום ווארט וועלכעס שטעהט פריהער [ווי דאס ווארט *not* אין *can't*]; ענקליטיש, וואס איז שייך צו אן ענקליטיקא.

enclois'ter *v.* (ען-קלאיס'-טער) איינשפארען אין א מאנאסטיר.

enclose' *v.* (ען-קלאוז') איינשליסען; ארומצאמען; ענטהאלטען.

enclosed' *a.* (ען-קלאוזד') איינגעשלאסען, צוגעלעגט.

enclo'ser *n.* (ען-קלאו'-זער) דער וואס שליסט איין; דער וואס לעגט צו.

enclo'sure *n.* (ען-קלאו'-זשור) 1. אן איינגעשלאסענער אדער פערצאמטער ארט; 2. די איינשליסונג.

1. The baby is playing in an enclosure.

encloud' *v.* (ען-קלאוד') בעדעקען מיט וואלקענס; ארויפווארפען א שאטען.

encof'fin *v.* (ען-קאפ'-אין) אריינלעגען אין א טרונע.

enco'miast *n.* (ען-קאו'-מי-עסט) א פאנעגיריסט, א לויב-רעדנער; איינער וואס לויבט און זאגט שבחים אויף אן אנדערען.

encomias'tic *a.* (ען-קאו-מי-עס'-טיק) וואס ענטהאלט לויב אדער שבחים.

encomias'tical *a.* (ען-קאו-מי-עס'-טי-קעל) ז. ***encomiastic***

encomias'tically *adv.* (ען-קאו-מי-עס'-טי-קעל-אי) אויף א פאנעגירישען שטייגער; דורך לויבען און זאגען שבחים.

enco'mium *n.* (ען-קאו'-מי-אם) פאנעגיריק, לויב; א לויב-שריפט אדער לויב-רעדע.

encom'pass *v.* (ען-קאמ'-פעס) ארומרינגלען; ארומקרייזען, איינשליסען.

encom'pass the world (ען-קאמ'-פעס טהי הוואירלד) מאכען א רייזע ארום דער ערד.

encore' *adv., n. and v.* (אנ-קאור') נאך אמאל; דאס שרייען "נאך אמאל!" אדער "בים" [אין טעאטער]; די איבער'חזר'ונג פון א געוויסער פארשטעלונג אין א טעאטער; ארויסרופען נאך אמאל די אקטיארען.

encoun'ter *n. and v.* (ען-קאונ'-טער) א פלוצליכע צוזאמענטרעפונג, א בעגעגעניש; א קאנפליקט, א געפעכט; בעגעגענען; אנגרייפען; זיך שטעלען נעגען; קעמפפען, פעכטען; אויסהאלטען.

encoun'terer *n.* (ען-קאונ'-טער-ער) אן אפאנענט, א נעגנער, א פיינד.

encour'age *v.* (ען-קאר'-עדזש) ערמוטיגען, אויפמונטערען, צוגעבען קוראזש.

encour'agement *n.* (ען-קאר'-עדזש-מענט) די אויפמונטערונג, ערמוטיגונג, דאס צוגעבען קוראזש.

encour'ager *n.* (ען-קאר'-עדזש-ער) אן אויפמונטערער; דער וואס גיט צו מוטה; איינער וואס שטיצט אן אונטערנעהמונג.

encour'aging *a.* (ען-קאר'-עדזש-אינג) אויפמונטערענד, צוגעבענד מוטה.

encour'agingly *adv.* (ען-קאר'-עדזש-אינג-לי) צוגעבענדיג קוראזש, דורך ערמוטיגונג.

En'cratism *n.* (ענ'-קרע-טיזם) ענקראטיזם, די לעהרע פון געוויסע אמאליגע קריסטליכע סעקטען, אז די געשלעכטליכע פעראייניגונג פון א מאנספערזאן און פרויענצימער, אין וועלכער פארם דאס זאל נים זיין, איז א אונרייניגקייט און א גרויסע זינד.

en'craty *n.* (ענ'-קרע-טי) זעלבסט-בעהערשונג, זעלבסט-קאנטראל; דאס אבזאגען זיך פון עולם-הזה-זאכען; דאס פייניגען דעם גוף דורך תעניתים און סגופים.

encrim'son *v.* (ען-קרים'זן) פארבען אויף רויט.

encrim'soned *a.* (ען-קרים'זנד) שטארק רויט געפארבט.

en'crinite *n.* (ענ'-קרי-נאיט) ענקריניט, ליליענשטיין, פערשטיינערטע קרינאאידען. ז. ***Crinoidea***

Encrinite

encroach' *v.* (ען-קראוטש') 1. פערכאפען, פערנעהמען עפעס; 2. מאכען אן אנגריף.

1. The building encroaches upon the neighbor's lot. 2. I shall resist any one who encroaches upon my rights.

encroa'cher *n.* (ען-קראו'-טשער) אן אנגרייפער; איינער וואס פערכאפט דעם אנדערענס רעכט אויף עפעס.

encroa'chingly *adv.* (ען-קראו'-טשינג-לי) דורך אן אנגריף.

encroach'ment *n.* (ען-קראוטש'-מענט) די אנגרייפונג, אן אנגריף; דאס פערכאפען איינעמס רעכט אויף עפעס; דאס וואס איז פערכאפט געווארען.

encroach' upon' one's kind'ness (ען-קראוטש' א-פאן' הוואנז קאינד'-נעס) אויסנוצען איינעמס גוטסקייט; נעהמען איבער דער מאס אין אויסנוצען אימעצען.

encrust' *v.* (ען-קראסט') ארומלעגען, בעדעקען מיט עפעס; פערזשאווערט ווערען, בעדעקען זיך מיט שימעל.

en cuer'po (ען קהווער'-פאו) אהן א מאנטעל; אהן קליידער; נאקעט.

encum'ber *v.* (ען-קאמ'-בער) אנווארפען; שטערונגען; הינדערען; שטעלען מניעות; בעלעסטיגען מיט איבעריגע אוננוציגע זאכען.

I am encumbered with too much baggage.

encum'bered *a.* (ען-קאמ'-בערד) פול מיט שולדען, בעלאסטעט.

encum'beringly *adv.* (ען-קאמ'-בער-אינג-לי) דורך שטעלען מניעות, בעלאסטענדיג.

encum'berment *n.* (ען-קאמ'-בער-מענט) הינדערונג; לאסט.

encum'brance *n.* (ען-קאמ'-ברענס) א שוועריגקייט, א מניעה, א הינדערניס; א לאסט; אבצאהל, פאראטקעס; זאכען, וועלכע זיינען איבריג, אבער מען האלט זיי.

Travelers often make a mistake in taking on their journeys things that prove an encumbrance.

encum'brancer *n.* (ען-קאמ'-ברענ-סער) איינער וואס לייהט געלד אויף אונבעוועגליכעס איינענטום.

encyc'lic *a. and n.* (ען-סיק'-ליק) וואס איז געמאכט געווארען מיט דעם ציעל שטארק צו פערשפרייטען צווישען פובליקום; אן ענציקליק, א בריעף וואס דער פאפסט שיקט פאנאנדער צו אלע בישאפען.

encyc'lical *a. and n.* (ען-סיק'-לי-קעל) ז. ***encyclic***

encyclopæ'dia *n.* (ען-סאי-קלא-פי'-די-א) ז. ***encyclopedia***

encyclopæ'dic *a.* (ען-סאי-קלא-פי'-דיק) ז. ***encyclopedic***

encyclopæ'dical *a.* (ען-סאי-קלא-פי'-די-קעל) ז. ***encyclopedic***

encyclopæ'dism *n.* (ען-סאי-קלא-פי'-דיזם) ז. ***encyclopedism***

encyclopæ'dist *n.* (ען-סאי-קלא-פי'-דיסט) ז. ***encyclopedist***

encyclope'dia *n.* (ען-סאי-קלא-פי'-די-א) ענציקלאפעדיע, א ווערק וואו עס ווערען געגעבען אין א געוויסער ארדנונג [מייסטענס אין אלפאבעטישער ארדנונג] ידיעות און ערקלערונגען איבער אלע צווייגען פון קענטניס און וויסענשאפט אדער איבער איין בעשטימטער וויסענשאפט.

encyclope'dic *a.* (ען-סאי-קלא-פי'-דיק) ענציקלאפעדיש; וואס איז שייך צו אלע צווייגען פון וויסענשאפט.

encyclope'dical *a.* (ען-סאי-קלא-פי'-די-קעל) ז. ***encyclopedic***

encyclope'dism *n.* (ען-סאי-קלא-פי'-דיזם) די מעטאדע פון קלייבען און געבען ידיעות און ערקלערונגען אין דער פארם פון אן ענציקלאפעדיע.

encyclope'dist *n.* (ען-סאי-קלא-פי'-דיסט) אן ענציקלאפעדיסט, א פערפאסער אדער צוזאמענשטעלער פון א ווערק, וואס גים ידיעות און ערקלערונגען אין אלע וויסענשאפטען.

encyst' *v.* (ען-סיסט') אין ביאלאגיע — איינשליסען אדער ווערען איינגעשלאסען אין א פענכער אדער בלאז.

encysta'tion *n.* (ען-סיס-טיי'-שאן) ז. ***encystment***

encyst'ment *n.* (ען-סיסט'-מענט) אין ביאלאגיע — דאס איינשליסען אדער דאס זיין איינגעשלאסען אין א פענכער אדער בלאז.

end *n. and v.* (ענד) ענד, עק, סוף; טוים, פערניכטונג; א רעשט; ציעל, צוועק; אונפערמיידליכער שלוס, נויטווענדיגע פאלגע; ענדיגען, זיך ענדיגען; אויפהערען; טויטען, פערניכטען, אומברייננען; שמארבען; אוועקשטעלען אויפ'ן עק אדער שפיץ; צומאכען אדער בעציערען אן עק אדער שפיץ [ווי פון א שטעקען].

end'-all *n.* (ענד'-אהל) פאלשטענדיגער ענד, שלוס.

endam'age *v.* (ען-דעמ'-עדזש) שאדען טהאן, שעדיגען.

endam'agement *n.* (ען-דעמ'-עדזש-מענט) שעדיגונג, שאדען, פערלוסט.

end and aim (ענד ענד איים) צוועק און ציעל.

endan'ger *v.* (ען-דיינ'-דזשער) בריינגען אין געפאהר, שטעלען אין געפאהר.

endan'germent *n.* (ען-דיינ'-דזשער-מענט) געפאהר; דאס שטעלען אין געפאהר; דאס זיין אין געפאהר.

endear' *v.* (ען-דיער') מאכען טייער אדער ליעב.

endeared' *a.* (ען-דיערד') בעליעבט, טייער.
endear'edly *adv.* (ען-דיער'-עד-לי) מיט ליעבע.
endear'ing *a.* (ען-דיער'-אינג) מאכענדיג בעליעבט און טייער; ערוועקענדיג ליעבע.
endear'ingly *adv.* (ען-דיער'-אינג-לי) אויף א אופן וואס רופט ארוים ליעבע אדער וואס מאכט ליעב און טייער.
endear'ment *n.* (ען-דיער'-מענט) ליעבע; דאס זיין ליעב און טייער.
endeav'or *v. and n.* (ען-דעוו'-אר) שטרעבען, בעשטרעבען, זיך בעמיהען; שטרעבונג, בעשטרעבונג, בעמיהונג.
endec'agon *n.* (ען-דעק'-ע-גאן) ז. *hendecagon*.
ende'mial *a.* (ען-די'-מי-על) ז. *endemic*.
endem'ic *a. and n.* (ען-דעמ'-איק) ענדעמיש, לאקאל; וואס איז כאראקטעריסטיש פאר א געוויסען פאלק אדער פאר איינוואהנער פון א געוויסער געגענד [הויפטזעכליך וועגען קראנקהייטען]; וואס מען געפינט בלויז אין געוויסע געגענדען [וועגען פלאנצען און חיות]; דאס בושעווען פון א מגפה.
endem'ical *a.* (ען-דעמ'-אי-קעל) ז. *endemic*.
endem'ically *adv.* (ען-דעמ'-אי-קעל-אי) אויף א אופן וואס איז כאראקטעריסטיש בלויז פאר א געוויסען פאלק אדער פאר א געוויסער געגענד; ענדעמיש. ז. *endemic*.
endemiol'ogy *n.* (ען-די-מי-אל'-א-דזשי) א וויסענשאפטליכע פארשונג וועגען קראנקהייטען וואס זיינען בעקאנט בלויז ביי געוויסע פעלקער אדער אין געוויסע געגענדען.
endeniza'tion *n.* (ען-דענ-אי-זיי'-שאן) דאס מאכען אדער אנערקענען פאר א בירגער.
enden'ize *v.* (ען-דענ'-איז) ז. *endenizen*.
enden'izen *v.* (ען-דענ'-איזן) נאטוראליזירען; מאכען פאר א בירגער.
en'der *n.* (ענ'-דער) איינער אדער עטוואס וואס פערענדיגט אדער ברייננט צו א שלוס.
endermat'ic *a.* (ען-דויר-מעט'-איק) ז. *endermic*.
ender'mic *a.* (ען-דויר'-מיק) וואס ווירקט אדער ווערט אנגעווענדעט דירעקט אויף דער אונטערשטער הויט [וועגען מעדיצינען].
en'deron *n.* (ענ'-דע-ראן) די אונטערשטע הויט.
end for end (ענד פאר ענד) איבערגעקעהרט, פערקעהרט.
en'ding *n.* (ענ'-דינג) דאס ענדיגען; דאס ענדיגען פון לעבען; שלוס; אין גראמאטיק — די ענדונג, דער לעצטער אות אדער די לעצטע זילבע פון א ווארט [וועלכע ענדערען זיך אין פערשיעדענע פארמען פון דעם ווארט].
end in smoke (ענד אין סמאוק) ווערען צו נארניט; פערגעהן אין רויך.
en'dive *n.* (ענ'-דיוו) ענדיוויע [א מין ציקאריע-פלאנצע, וועלכע ווערט געברויכט אלס סאלאט].
end'less *a.* (ענד'-לעס) אוננענדליך, אהן א סוף, אונאויפהערליך.
Let us not be engaged in an endless discussion.
end'less band (ענד'-לעס בענד) ז. *endless belt*.
end'less belt (ענד'-לעס בעלט) א ענדלאזער ריעמען [א מאשין-ריעמען, די עקען פון וועלכען זיינען פעראייניגט].
end'less chain (ענד'-לעס טשיין) א אונענדליכע קייט [א קייט וואס איז געשלאסען אין זיך, ד. ה. איהרע ענדען זייען פערבונדען מיט אן אנדער].
end'lessness *n.* (ענד'-לעס-נעס) אונענדליכקייט, אונאויפהערליכקייט.
end'less saw (ענד'-לעס סאה) א ענדלאזע זעג אדער א באנד-זעג [א זעג וואס איז אין זיך געשלאסען ווי א רינג].
end'less screw (ענד'-לעס סקרוה) אן ענדלאזע שרויף [א שרויף וואס איהרע גווינטען פאסען זיך אריין אין די צייהנער פון א ראד, פון וועלכען זי ווערט געטריבען].


Endless Screw

end'long *prep. and adv.* (ענד'-לאהנג) אין דער לענג [פון עפעס]; פון ענד צו ענד; אונאויפהערליך; אין א גלייכער ריכטונג.
end man (ענד מען) ז. *end-man*.
end-man *n.* (ענד'-מען) א מענש וואס שטעהט ביי דעם ענד פון א רייה אדער צייל; אן עקסטרעמער, א ראדיקאל; ביי טרופען פון וואנדערענדע אקטיארען — איינער פון די אקטיארען אדער זינגער, וועלכע שטעהען ביי ביידע ענדען פון דער אויסגעשטעלטער טרופע און האבען צו ערפילען ספעציעלע אויפגאבען בנוגע צו דעם שוישפיעל.
end'most *a.* (ענד'-מאוסט) וואס איז אין דעם ווייטסטען עק; וואס שטעהט אב אם ווייטסטען.
endocar'diac *a.* (ען-דא-קאר'-די-עק) וואס געפינט זיך אינעווענינ אין הארצען; וואס איז שייך צו דער אינערליכער זייט פון הארץ; וואס איז שייך צו דעם טייל פון מאגען, דורך וועלכען עס געהט אין איהם אריין דאס עסען.
endocar'dial *a.* (ען-דא-קאר'-די-על) ז. *endocardiac*.
endocardi'tis *n.* (ען-דא-קאר-דאי'-טיס) אן ענטצינדונג פון דער אינערליכער זייט פון הארצען.
endocar'dium *n.* (ען-דא-קאר'-די-אם) די אינערליכע זייט פון הארצען.
en'docarp *n.* (ענ'-דא-קארפ) אין באטאניק — די אינערליכע זייט פון דער שאלעכץ אדער הויט פון א פרוכט.
en'doderm *n.* (ענ'-דא-דוירם) אין עמבריאלאגיע — די ענדאדערמא. ז. *ectoderm*.
endoder'mal *a.* (ען-דא-דויר'-מעל) וואס איז שייך צו דער ענדאדערמא. ז. *ectoderma*.
endoder'mic *a.* (ען-דא-דויר'-מיק) ז. *endodermal*.
endog'amic *a.* (ען-דאג'-ע-מיק) וואס איז שייך צו ענדאגאמיע. ז. *endogamy*.
endog'amous *a.* (ען-דאג'-ע-מאס) ז. *endogamic*.
endog'amy *n.* (ען-דאג'-ע-מי) ענדאגאמיע, דער מנהג פון אייניגע ווילדע שבטים צו הייראטען נור מיט מיטגליעדער פון זייער אייגענעם שבט.
endogastri'tis *n.* (ען-דא-געס-טראי'-טים) אן ענטצינדונג פון דער מאגען-שליים-הויט.
en'dogen *n.* (ענ'-דא-דזשען) אין באטאניק — אן ענדאגען [איינע פון דעם מין פלאנצען, ביי וועלכע דער שטאם בעשטעהט ניט פון בעזונדערע שיכטען אדער רינגען ארום דעם הערצעל, און וועגען וועלכען מען האט אמאל געמיינט, אז זייער וואוקס בעשטעהט ניט אין דעם, וואס ארום דעם הערצעל קומט צו יעדעס יאהר א נייער שיכט אדער רינג, נאר דאס הערצעל אליין וואקסט זיך פאנאנדער].
endog'enous *a.* (ען-דאדזש'-ע-נאס) אין באטאניק — וואס איז שייך צו די ענדאגענען-פלאנצען [ז. *endogen*]; וואס וואקסט זיך פאנאנדער פון אינעווייניג.
end on (ענד אן) וואס דער שפיץ אדער די נאז איז געריכטעט דירעקט צו א געוויסען געגענשטאנד [בנוגע צו א שיף אין ים]; אין א פערפענדיקולארער ריכטונג [בנוגע צו די אונטערשטיצונג-באלקענס פון א שאכטע].
endopar'asite *n.* (ען-דאו-פער'-ע-סאיט) א פאראזיט [א בעשעפעניש וואס ציהט זיין יניקה פון אן אנדער בעשעפעניש], וועלכער געפינט זיך אין די אינערליכע טיילען פון ארגאניזם.
endoparasit'ic *a.* (ען-דאו-פער-ע-סיט'-איק) וואס איז שייך צו דעם מין פאראזיטען וואס לעבען אינעווייניג אין קערפער.
endoph'agy *n.* (ען-דאפ'-ע-דזשי) קאניבאליזם אדער מענשען-פרעסעריי אין דעם אייגענעם שבט; דאס אויפעסען א קרוב פון דער אייגענער משפחה.
endophyl'lous *a.* (ען-דא-פיל'-אס) אין באטאניק — וואס וואקסט ארוים פון בלומען-שייד.
en'dophytal *a.* (ענ'-דא-פאי-טעל) ז. *endophytic*.
en'dophyte *n.* (ענ'-דא-פאיט) אן ענדאפיט, א פאראזיטען-פלאנצע [א פלאנצע וואס לעבט אין אן אנדער ארגאניזם אלס א פאראזיט].
endophyt'ic *a.* (ען-דא-פיט'-איק) ענדאפיטיש, וואס האט דעם כאראקטער פון א פאראזיטען-פלאנצע [א פלאנצע וואס וואקסט און ערנעהרט זיך פון אן אנדער ארגאניזם].
endophyt'ically *adv.* (ען-דא-פיט'-אי-קעל-אי) מעשה ענדאפיט, ווי א פאראזיטען-פלאנצע.
endoph'ytous *a.* (ען-דאפ'-אי-טאס) וואס לעבט אין האלץ, וואס האלט זיך אויף אינעווייניג אין פלאנצען און ביימער [וועגען געוויסע אינזעקטען].
endors'able *a.* (ען-דארס'-עבל) ז. *indorsable*.
endorse' *v.* (ען-דארס') אויפשרייבען אויף דער אנדערער זייט פון עפעס [ווי אויף א וועקסעל אדער א באנק-אנווייזונג]; בעשטעטיגען מיט אן אונטערשריפט; צושטימען. ז. *indorse*.
endorse'ment *n.* (ען-דארס'-מענט) ז. *indorsement*.
endor'ser *n.* (ען-דאר'-סער) איינער וואס שרייבט אונטער א נאטע אדער וועקסעל אלס ערב. ז. *indorser*.
en'dosmose *n.* (ענ'-דאס-מאוס) ז. *endosmosis*.
endosmo'sis *n.* (ען-דאס-מאו'-סים) אין פיזיק — דער ענדאסמאס, דאס דורכדרינגען פון אן אויסערליכער פליסיגקייט

אין אן אינערליכער דורך א הויט וואס טיילט זיי פאנאנדער. ז. *exosmosis*

endosmot'ic *a.* (ען-דאס-מאט'-איק) וואס איז שייך צו דער אייגענשאפט פון א פליסיגקייט איינצודרינגען אין א צווייטער דורך א הייטעל וואס טיילט זיי אב.

endosmot'ically *adv.* (ען-דאס-מאט'-אי-קעל-אי) אויף דעם אופן ווי א פליסיגקייט דרינגט דורך אין אן אנדער פליסיגקייט דורך א הייטעל, וואס טיילט זיי אב.

en'dosomal *a.* (ענ'-דא-סאו-מעל) וואס איז שייך צו דעם אינעווייניגסטען טייל פון א שוואם.

en'dosome *n.* (ענ'-דא-סאום) דאס אינעווייניגסטע פון א שוואם.

en'dosperm *n.* (ענ'-דא-ספוירם) דאס איי־ווייס פון זאמען [קערנער].

endosper'mic *a.* (ען-דא-ספויר'-מיק) וואס ענטהאלט איי־ווייס [וועגען זאמען].

endothe'lial *a.* (ען-דא-טהי'-לי-על) וואס איז שייך צו דעם אינערליכען הייטעל פון אן אדער, אדער פון אן אנדער בלוט־געפעס.

endothe'lioid *a.* (ען-דא-טהי'-לי-איד) וואס איז ענליך צו דעם אינערליכען הייטעל פון א בלוט־געפעס.

endothelio'ma *n.* (ען-דא-טהי-לי-או'-מא) א קרעבס־געוויקס אויף דעם אינערליכען הייטעל פון א בלוט־געפעס.

endothe'lium *n.* (ען-דא-טהי'-לי-אם) דאס אינערליכע הייטעל פון א בלוט־געפעס [ווי פון אן אדער א. ד. ג.].

endother'mic *a.* (ען-דא-טהויר'-מיק) וואס איז שייך צום אריינציהען אין זיך ווארעמקייט.

endother'mous *a.* (ען-דא-טהויר'-מאס) ז. *endothermic*

endow' *v.* (ען-דאו') אויסשטאטען; בעזארגען מיט א בעשטענדיגען פאנד פון איינקינפטע; בעגאבען אדער בעשענקען.
The philanthropist endowed the university with $5,000,000.

endow'er *n.* (ען-דאו'-ער) איינער וואס בעשענקט אדער בעזארגט מיט א פאנד פון א בעשטענדיגען איינקונפט.

endow'ment *n.* (ען-דאו'-מענט) א פאנד אדער אייגענטומס־בעזיץ וואס ווערט פאר איינעם בעשטימט פאר א שטענדיגער איינקונפט; א בעגאבונג פון דער נאטור; טאלענט; דאס בעזארגען מיט א פאנד פאר א שטענדיגער איינקונפט.

endow'ment pol'icy (ען-דאו'-מענט פאל'-אי-סי) א לעבענס־פערזיכערונגס פאליסי, לויט וועלכער עס ווערט אויסגעצאהלט א געוויסע געלד־סומע אין א בעשטימטער צייט נאך דער פערזיכערונג און צו יעדער צייט פון א טויט־פאל.

end'-pa'per *n.* (ענד'-פיי'-פער) דאס לעדיגע בלאט פאפיער וואס ווערט ביים איינבינדען א בוך אריינגעשטעלט פון אנפאנג און פון ענד.

end'-play *n.* (ענד'-פליי) די בעוועגונג ביים ענד אדער ביי דער זייט פון עפעס [ווי ביי אן אקס].

endue' *v.* (ען-דיו') בעשענקען אדער בעגאבען מיט א געוויסער אייגענשאפט אדער פעהיגקייט.

endur'able *a.* (ען-דיור'-עבל) ערטרעגליך, וואס מען קען אריבערטראגען; צו דערליידען.

endur'ableness *n.* (ען-דיור'-עבל-נעס) דולדבארקייט, ערטרעגליכקייט; דאס זיין צו דערליידען.

endur'ably *adv.* (ען-דיור'-ע-בלי) אויף א דולדבארען אדער ערטרעגליכען אופן.

endur'ance *n.* (ען-דיור'-ענס) דאס פערטראגען, דאס אויסהאלטען, געדולד; די פעהיגקייט אויסצוהאלטען אדער איבערטראגען [יסורים, צער].

endure' *v.* (ען-דיור') אויסהאלטען, פערטראגען; ליידען מיט געדולד; פארטזעצען; דויערען.
Pain may be endured more easily than disgrace.

endur'er *n.* (ען-דיור'-ער) א דולדער, דער וואס קען אויסהאלטען אדער פערטראגען.

endur'ing *a.* (ען-דיור'-אינג) וואס דויערט, וואס ווערט פארטגעזעצט; וואס ליידעט א לאנגע צייט.

endur'ingly *adv.* (ען-דיור'-אינג-לי) לעולם ועד; פאר א לאנגער צייט.

end'ways *adv.* (ענד'-הווייז) אין דער ריכטונג פון דעם ענד; מיט דעם ענד ארויף אדער אראב.

end'wise *adv.* (ענד'-הוואיז) ז. *endways*

E. N. E. *east-northeast* אבקירצונג פון אין דער ריכטונג פון מערב צו צפון־מערב.

en'ema *n.* (ענ'-ע-מא) א קליסטיר, א קאנע.

en'emy *n.* (ענ'-ע-מי) א פיינד, א שונא, א געגנער.

enepider'mic *a.* (ען-עפ-אי-דויר'-מיק) וואס איז אויף דער הויט; וואס ווערט ארויפגעלעגט אויף דער הויט [ווי א פלאסטער א. ד. ג.].

energet'ic *a.* (ען-אויר-דזשעט'-איק) ענערגיש, קראפטפאל; מיט ווילענס־קראפט; ווירקזאם.

energet'ical *a.* (ען-אויר-דזשעט'-אי-קעל) ז. *energetic*

energet'ically *adv.* (ען-אויר-דזשעט'-אי-קעל-אי) מיט ענערגיע, מיט קראפט.

energet'icalness *n.* (ען-אויר-דזשעט'-אי-קעל-נעס) דאס זיין ענערגיש; ווירקזאמקייט; ווילענס־קראפט.

energet'ics *n.* (ען-אויר-דזשעט'-איקס) די וויסענשאפט וועגען די געזעצען און ערשיינונגען פון מעכאנישע און פיזישע קרעפטען.

en'ergize *v.* (ענ'-אויר-דזשאיז) מאכען ענערגיש, מאכען קרעפטיג; האנדלען ענערגיש.

en'ergizer *n.* (ענ'-אויר-דזשאי-זער) איינער וואס מאכט ענערגיש; עטוואס וואס איז ווירקזאם.

energu'men *n.* (ען-אויר-גיו'-מען) איינער וואס האט אין זיך א דבוק; א פאנאטישער ענטוזיאסט.

en'ergy *n.* (ענ'-אויר-דזשי) ענערגיע; קראפט; ווילענסקראפט; ווירקזאמקייט; טהעטיגקייט; ווירקונג.

ener'vate *a.* *and* *v.* (אי-נויר'-וועיט) שוואך; אבגעשוואכט; מאכען שוואך; מאכען אבהענגיג.

enerva'tion *n.* (ען-אויר-וויי'-שאן) דאס מאכען שוואך; דאס זיין שוואך; שוואכקייט.

ener'vose *a.* (אי-נויר'-וואוס) אהן נערווען, אהן אדערען [וועגען בלעטער פון פלאנצען].

en famille' (אן פא-מי') אין דער היים; מיט דער פאמיליע; צווישען זיך ריידענדיג.

enfee'ble *v.* (ען-פיע'בל) מאכען שוואך.

enfee'blement *n.* (ען פיע'בל-מענט) דאס מאכען שוואך; דאס זיין אבגעשוואכט; שוואכקייט.

enfee'bler *n.* (ען-פיע'-בלער) איינער אדער עטוואס וואס מאכט שוואך.

enfeoff' *v.* (ען-פעף') אימעצען געבען אדער פערקויפען א גוט אין פעאדאלען בעזיץ.

enfeoff'ment *n.* (ען-פעפ'-מענט) דאס געבען אדער פערקויפען א גוט אין פעאדאלען בעזיץ; דאס גוט וואס איז אויף אזא אופן געגעבען אדער פערקויפט געווארען.

enfet'ter *v.* (ען-פעט'-ער) שמידען אין קייטען; פעסעלען.

enfilade' *n.* *and* *v.* (ען-פי-לייד') א גלייכע ליניע, א גלייכער שטח אדער א גלייכע רייה, וואס קען אין א גראדער ליניע בעשאסען ווערען; שיסען אין דער לענג אין א גלייכער ליניע.

enfold' *v.* (ען-פאולד') איינוויקלען; ארומנעהמען.

enforce' *v.* (ען-פאורס') אויסדריקען מיט ענערגיע; קלאר מאכען אדער בעווייזען מיט ענערגיע; צווינגען; בעפעסטיגען, פערשטארקען.

enfor'ceable *a.* (ען-פאור'-סעבל) וואס קען געצוואונגען ווערען; וואס קען געצוואונגענערהייט דורכגעפיהרט ווערען.

enforce'ment *n.* (ען-פאורס'-מענט) צוואנג, געוואלט; די בעקרעפטיגונג פון א בעווייז.

enfor'cer *n.* (ען-פאור'-סער) איינער וואס צווינגט.

enfor'cible *a.* (ען-פאור'-סיבל) ז. *enforceable*

enfor'est *v.* (ען-פאר'-עסט) פערוואנדלען אין וואלד, לאזען בעוואקסען מיט וואלד.

enfran'chise *v.* (ען-פרענ'-טשיז) בעפרייען; בעפרייען פון שקלאפעריי; אויפנעהמען פאר א בירגער; געבען בירגער־רעכט; געבען שטים־רעכט.
Women desire to be enfranchised.

enfran'chisement *n.* (ען-פרענ'-טשיז-מענט) בעפרייאונג; בעפרייאונג פון שקלאפעריי; דאס געבען בירגער־רעכט אדער שטים־רעכט.

enfran'chiser *n.* (ען-פרענ'-טשי-זער) א בעפרייער.

engage' *v.* (ען-גיידזש') 1. פערפפליכטען, פערבינדען; 2. דינגען, בעשעפטיגען; 3. פאנגען, געווינען; 4. אנפאלען; אנגרייפען; זיך פעכטען, זיך שלאגען; 5. זיך אריינלאזען; זיך פערבינדען.
1. I engaged to supply him with coal. 2. The factory engages 1,000 men. 4. The army engaged the enemy. 5. We engaged in a lengthy conversation.

engaged' *a.* (ען-גיידזשד') פערלאבט; בעשעפטיגט, פערנומען; אין ארכיטעקטור — טיילווייז איינגעבויט אדער איינגעזונקען אין אן אנדער טייל פון א געביידע [ווי א קאלאנע אדער זייל, וואס איז ווי אויף העלפט איינגעמויערט אין וואנד]; אין מעכאניק — איינגעפאסט איינע אין די אנדערע.

engaged' in a house (ען-גיידזשד' אין ע האוס) אנגעשטעלט אין א געשעפט.

enga'gedly *adv.* (ען-גיי'-דזשעד-לי) לויט דער פערפפליכטונג, לויט די התחיבות פון ביידע צדדים.

engage'ment *n.* (ען-גיידזש'-מענט) די פערפפליכטונג; די פערבינדונג; תנאים; די בעשעפטיגונג; א געפעכט; א שלאכט.

engage'ment ring (ען-גיידזש'-מענט רינג) א פערלאבונגס־רינג.

enga'ger *n.* (ענ-גיי'-דזשער) איינער וואס פערנעהמט זיך מיט עפּעס אדער בעשעפטיגט דעם אנדערען; איינער וואס פערבינדט זיך מיט א פערפּפליכטונג אדער קאנטראקט; אן ערב.

engage' the atten'tion (ענ-גיידזש' טהי ע-טענ'-שאן) צוציהען די אויפמערקזאמקייט.

enga'ging *a.* (ענ-גיי'-דזשינג) צוציהענד, רייצענד, איינגעהמענד.
He has an engaging personality.

enga'gingly *adv.* (ענ-גיי'-דזשינג-לי) אויף א צוציהענדען אדער רייצענדען אופן.

enga'gingness *n.* (ענ-גיי'-דזשינג-נעס) דאס זיין אנציהענד אדער אנגענעהם.

engar'rison *v.* (ענ-גער'-איסן) אויסשטעלען א גארניזאן סאלדאטען; שטעלען זיך אין פערטיידיגונגס-צושטאנד.

engen'der *v.* (ענ-דזשענ'-דער) געבעהרען, ארויסברייגגען; געבארען ווערען, ארויסגעבראכט ווערען; ארויסקומען.

engen'derer *n.* (ענ-דזשענ'-דער-ער) דער געבעהרער, דער ארויסברייגגער, דער שעפּפער.

engild' *v.* (ענ-גילד') אבגילדען, בעגילדען.

en'gine *n. and v.* (ענ'-דזשין) א מאשין; א לאקאמאטיוו, א פייער-לעש-מאשין; א ווערקצייג; בעזארגען מיט א מאשין, ארייגשטעלען א מאשין.

en'gine-dri'ver *n.* (ענ'-דזשין-דראי'-ווער) א לאקאמאטיוו-פיהרער, א מאשיניסט פון א לאקאמאטיוו.

engineer' *n. and v.* (ענ-דזשי-ניער') אן אינזשינער; א מאשיניסט; איינער וואס מאכט א פלאן אדער סכעמע פון עפּעס; דורכפיהרען; בויען.

engineer'ing *n.* (ענ-דזשי-ניער'-אינג) אינזשינער-קונסט, די קונסט פון בויען מאשינען אדער פערשיעדענע סארטען געביידען, ווי הייזער, פעסטונגען, באהנען, בריקען א. ד. ג.; דאס מאכען א געניטען פלאן פון עפּעס.

en'gine-gov'ernor *n.* (ענ'-דזשין-גאוו'-ער-נאר) דער רעגולאטאר פון א דאמפף אדער גאז-מאשין.



Engine-governor

en'gine-house *n.* (ענ'-דזשין-האוס) א מאשינען-הויז; א הויז פאר פייער-לעש-מאשינען.

en'gine-man *n.* (ענ'-דזשין-מען) א מאשיניסט; א לאקאמאטיוו-פיהרער.

en'gine-room *n.* (ענ'-דזשין-רוהם) דאס צימער, וואו די מאשינען שטעהען.

en'ginery *n.* (ענ'-דזשינ-רי) דאס קענען ארומגעהן ארום ארטילערישע מאשינען אדער הארמאטען; מאשינעריי; א פלאן, א המצאה.

engird' *v.* (ענ-גוירד') ארומגארטלען; ארומרינגלען.

engir'dle *v.* (ענ-גוירדל') ארומרינגלען, איינשליסען.

Eng'lified *a.* (אינ'-גלי-פאיד) פערענגלישט.

Eng'lish *a., n. and v.* (אינ'-גליש) ענגליש; ענגלענדער; דאס ענגלישע פאלק; די ענגלישע שפראך; אין דרוקעריי — א געוויסע פארם פון שריפט; מאכען פאר ענגליש, איבערזעצען אין דער ענגלישער שפראך.

Eng'lishable *a.* (אינ'-גליש-עבל) וואס מען קען פערענגלישען, וואס מען קען איבערזעצען אין ענגליש.

Eng'lishman *n.* (אינ'-גליש-מען) אן ענגלענדער; אן ענגלישע שיף.

Eng'lish pale (אינ'-גליש פייל) דער בעצירק אין דובלין וואו ענגלענדער וואהנען [אין נעגענזאץ צום בעצירק וואו די אירלענדער וואהנען].

Eng'lishwoman *n.* (אינ'-גליש-הוואומ-ען) אן ענגלענדערין.

engorge' *v.* (ענ-גאהרדזש') אנפילען; אנזאמלען; אנשטאפען, אנפרעסען.

engorge'ment *n.* (ענ-גאהרדזש'-מענט) דאס אנפילען; דאס אנזאמלען; דאס אנשטאפען, דאס אנפרעסען.

engrail' *v.* (ענ-גרייל') מאכען קארבען; מאכען די ברעגעס מיט צייהנדלעך אדער שפיצלעך.

engrain' *v.* (ענ-גריין') ז. *ingrain*

engrave' *v.* (ענ-גרייוו') איינגראווירען, גראווירען; איינדריקען.

engra'ver *n.* (ענ-גריי'-ווער) א גראווירער, א קופער-שטעכער.

engra'ver of mu'sic (ענ-גריי'-ווער אוו מיו'-זיק) איינער וואס גראווירט אויס מוזיק-נאטען.

engra'ving *n.* (ענ-גריי'-ווינג) די גראוויר-קונסט; א געגראווירטע פיגור, א גראוויור.

engross' *v.* (ענ-גראוס') אין גאנצען פערנעהמען, נעהמען פאלשטענדיג אין גאנצען אין בעזיץ; מאנאפאליזירען; פערכאפען די גאנצע קאנטראלע אויף עטוואס; שרייבען אדער איבערשרייבען אין א שעהנער און דייטליכער האנדשריפט מיט גרויסע בוכשטאבען.

engross'er *n.* (ענ-גראוס'-ער) איינער וואס שרייבט איבער א שריפט אין א שעהנער און דייטליכער האנדשריפט מיט גרויסע בוכשטאבען; איינער וואס מאנאפאליזירט אדער פערכאפט די גאנצע קאנטראלע איבער א געשעפט אדער אינדוסטריע.

engross'ing-hand *n.* (ענ-גראוס'-אינג-הענד) א שעהנע און דייטליכע האנדשריפט מיט גרויסע בוכשטאבען צום איבערשרייבען פאפּיערען.

engross'ment *n.* (ענ-גראוס'-מענט) דאס מאנאפאליזירען; דאס פערנעהמען אדער פערכאפען זאכען אין א גרויסער צאהל; דאס איבערשרייבען א פאפּיער אין א שעהנער און דייטליכער האנדשריפט מיט גרויסע בוכשטאבען; אן אבשריפט פון א פאפּיער אין א שעהנער און דייטליכער האנדשריפט מיט גרויסע בוכשטאבען; דאס זיין פאלשטענדיג פערנומען אין עטוואס.

engross' the conversa'tion (ענ-גראוס' טהי קאנ-וואיר-סיי'-שאן) קיינעם ניט לאזען קומען צוווארט.

engros'sure *n.* (ענ-גראוס'-אור) דאס זיין פאלשטענדיג פערנומען אין עטוואס.

engulf' *v.* (ענ-גאלף') איינשלינגען [ווי דער אבגרונד]; ווארפען אין אבגרונד.

engulf'ment *n.* (ענ-גאלפ'-מענט) דאס ווארפען אין אבגרונד; דאס זיין פערשלונגען פון אבגרונד.

enhance' *v.* (ענ-הענס') דערהויבען צו א העכערער מדרגה אדער צו א העכערען פונקט; פערגרעסערען אדער העכערען דעם פרייז.

enhance'ment *n.* (ענ-הענס'-מענט) די הויבונג, די שטייגערונג, די פערגרעסערונג; די העכערונג פון פרייז.

enhan'cer *n.* (ענ-הענ'-סער) א דערהויבער, א שטייגערער; איינער וואס העכערט דעם פרייז.

enharmon'ic *a.* (ענ-האר-מאנ'-איק) אין מוזיק — ענהארמאניש; וואס האט אינטערוואלען קלענער אלס א האלבער טאן; וואס איז שייך צו דעם איבערגאנג פון איין הארמאנישען טאן-ארט צו אן אנדערען אהן צו בייטען דעם גרונד-טאן-שליסעל.

enharmon'ical *a.* (ענ-האר-מאנ'-אי-קעל) ז. *enharmonic*

enharmon'ically *adv.* (ענ-האר-מאנ'-אי-קעל-אי) אויף אן ענהארמאנישען אופן. ז. *enharmonic*

enhear'ten *v.* (ענ-הארט'ן) מאכען הארץ, ערמוטיגען, געבען קוראזש.

enhy'dric *a.* (ענ-האי'-דריק) וואס ענטהאלט אין זיך וואסער.

enhy'drite *n.* (ענ-האי'-דראיט) א מינעראל וואס ענטהאלט אין זיך וואסער.

enhy'drous *a.* (ענ-האי'-דראס) וואס ענטהאלט אין זיך וואסער.

enig'ma *n.* (אי-ניג'-מא) א רעטעניש; אן אונפערשטענדליכע זאך.

enigmat'ic *a.* (אי-ניג-מעט'-איק) ווי א רעטעניש, רעטזעלהאפט; אונדייטליך, אונפערשטענדליך.

enigmat'ical *a.* (אי-ניג-מעט'-אי-קעל) ז. *enigmatic*

enigmat'ically *adv.* (אי-ניג-מעט'-אי-קעל-אי) אויף א פערשטעלטען אופן; אויף דעם אופן פון א רעטעניש.

enig'matise *v.* (אי-ניג'-מע-טאיז) ז. *enigmatize*

enig'matist *n.* (אי-ניג'-מע-טיסט) א פערפאסער פון רעטענישען.

enig'matize *v.* (אי-ניג'-מע-טאיז) פערפאסען רעטענישען; ריידען מיט רעטענישען, ריידען פערשטעלט אדער אונפערשטענדליך.

enigmatog'raphy *n.* (אי-ניג-מע-טאג'-רע-פי) די קונסט פון שרייבען רעטענישען.

enigmatol'ogy *n.* (אי-ניג-מע-טאל'-א-דזשי) די קונסט פון פערפאסען רעטענישען און זיי צו לעזען.

enjail' *v.* (ענ-דזשייל') פערשפארען אין געפענגנים.

enjoin' *v.* (ענ-דזשאין') בעפעהלען, הייסען; פערוועהרען; צווינגען צו עפּעס.
The judge enjoined the merchant from infringing on the patent.

enjoy' *v.* (ענ-דשאי') געניסען; זיך פרעהען מיט עפּעס; האבען פערגניגען; בעזיצען.

enjoy'able *a.* (ענ-דזשאי'-עבל) וואס מען קען געניסען אדער בעזיצען; וואס פערשאפט פערגניגען.
The vacation was very enjoyable.

enjoy'er *n.* (ענ-דזשאי'-ער) איינער וואס געניסט, בעזיצט אדער פערשאפט פערגניגען.

enjoy'ment *n.* (ענ-דזשאי'-מענט) א גענוס, א פערגניגען; דאס בעזיצען עפּעס מיט געפיהל פון צופריעדענהייט.

enkin'dle *v.* (ענ-קינ'דל) אנצינדען, אויפפלאקערען, פאנאדערברענען; אויפרעגען.

enlace' *v.* (ענ-לייס') איינשליסען, ארומנעהמען אדער בעלעגען מיט שנור-באנד

אדער ווי מיט שנור־באנד; ארומרינגלען, ארומוויקלען, דורכפלעכטען.

enlace'ment *n.* (ען-לייס'-מענט) דאס בעהענגען אדער ארומנעהמען מיט שנור־באנד אדער ווי מיט שנור־באנד; דאס ארומרינגלען.

enlard' *v.* (ען-לארד') בעדעקען מיט פעטס; פרעגלען אויף פעטס; מאכען נרעסער [שטאלץ א. ד. ג.].

enlarge' *v.* (ען-לארדזש') פערגרעסערען, אויסברייטען, אויסדעהנען; פערגרעסערען א פאטאגראפיש בילד; בעפרייען, לויז מאכען, בעפרייען פון בעגרענצונגען; זיך פערגרעסערען, אויסברייטען אדער אויסדעהנען; ברייטליך און גענוי בעשפרעכען עטוואס; איבערטרייבען; אנהאלטען אויף ווייטער, אבלעגען.

enlarged' *a.* (ען-לארדזשד') פערגרעסערט; ברייט; ניט ענג, ניט בעשרענקט, פרייזיניג, ליבעראל.

enlar'gedly *adv.* (ען-לאר'-דזשעד-לי) דורך פערגרעסערונג, אויסברייטונג אדער אויסדעהנונג; דורך בעפרייאונג: מיט אונבעשרענקטקייט; אויף אן אויספיהרליכען אופן [וועגען עפעס רעדען].

enlarged' scale (ען-לארדזשד' סקייל) א פערגרעסערטער מאסשטאב.

enlarged' views (ען-לארדזשד' וויוז) א ברייטער שטאנדפונקט, א ברייטער קוק.
Travel and reading have enlarged his views of the world.

enlarge'ment *n.* (ען-לארדזש'-מענט) פערגרעסערונג, אויסברייטונג, אויסדעהנונג; בעפרייאונג: אונבעשרענקטקייט; אויספיהרליכקייט [אין בעשפרעכען עפעס]; א פערגרעסערטעס פאטאגראפישעס בילד.

enlarge' the mind (ען-לארדזש' טהי מאינד) בערייכערען דעם פערשטאנד, העלפען אויסארבייטען א ברייטערען בליק אויף זאכען.

enlau'rel *v.* (ען-לאה'-רעל) בעקרוינען מיט לארבער־קראנצען.

enlight' *v.* (ען-לאיט') ז. *enlighten*.

enligh'ten *v.* (ען-לאי'טן) בעלייכטען, העל מאכען; אויפקלערען, בילדען.

enligh'tened *a.* (ען-לאי'טנד) אויפגעקלערט, ציוויליזירט, געבילדעט.
The most enlightened portion of mankind is found in Europe and America.

enligh'tener *n.* (ען-לאי'טנ-ער) איינער וואס בעלייכט; אן אויפקלערער: איינער וואס בעלערענט אדער בילדעט.

enligh'tenment *n.* (ען-לאי'טנ-מענט) די אויפקלערונג, די בילדונג.

enlink' *v.* (ען-לינק') פערבינדען, צונויפקייטלען.

enlist' *v.* (ען-ליסט') רעגיסטרירען, אריינטראגען אין א ליסטע אדער רייסטער: איינשרייבען אלס סאלדאט אדער מאטראז [הויפטזעכליך אלס פרייוויליגער]; ערווערבען אימעצענס סימפאטיע אדער מיט־טהעטיגקייט פאר א קהל'שער טהעטיגקייט, פאר א בעוועגונג אדער אידעע; פרייוויליג אריינטרעטען אין מיליטער־דיענסט; זיך אנשליסען אן א קהל'שער טהעטיגקייט אדער בעוועגונג; ווערען אן אנהענגער פון אן אידעע.

enlist'ment *n.* (ען-ליסט'-מענט) רעגיסטרירונג, דאס איינשרייבען אדער ווערען איינגעשריבען אין א ליסטע אדער רייסטער: דאס אריינגעהמען אדער דאס פרייע אריינטרעטען אין מיליטער־דיענסט.

enli'ven *v.* (ען-לאי'וון) בעלעבען, אויפמונטערען.

enli'vener *n.* (ען-לאי'ונ-ער) איינער אדער עטוואס וואס בעלעבט אדער מונטערט אויף.

enli'vening *n.* (ען-לאי'וונ-אינג) בעלעבענדעס, אויפמונטערנדעס.

enli'venment *n.* (ען-לאי'וונ-מענט) בעלעבונג, אויפמונטערונג.

en masse (אן מאס) די אלע צוזאמען; נאנצע מאסע.

enmesh' *v.* (ען-מעש') פערוויקלען, פערפלאנטערען, אריינכאפען אין א נעץ.

enmesh'ment *n.* (ען-מעש'-מענט) דאס אריינכאפען אדער זיין אריינגעכאפט אין א נעץ אדער פאסטקע; א נעץ, א שטריקנעץ, א געפלאכטענע נעץ.

en'mity *n.* (ען'-מי-טי) פיינדליכקייט.

en'nead *n.* (ען'-אי-עד) די צאהל ניין; יעדע סיסטעם אדער גרופע פון ניין בעזונדערע עלעמענטען; אין מאטעמאטיק— א גרופע פון ניין פונקטען אדער ליניען; איינע פון די זעקס אבטיילונגען פון די לעהרען פון אלעקסאנדרישען פילאזאף פלאטין [יעדע אבטיילונג בעשטעהט פון ניין ביכער].

en'neagon *n.* (ען'-אי-ע-גאן) א נייןקאנטיגע געאמעטרישע פיגור.

enneag'onal *a.* (ען-אי-ענ'-א-נעל) אין געאמעטריע — נייןקאנטיג; וואס איז שייך צו א נייןקאנטיגער געאמעטרישער פיגור.

enneahe'dral *a.* (ען-אי-ע-הי'-דרעל) אין געאמעטריע — נייןקאנטיג [וועגען א קערפער].

enneahe'dria *n.* (ען-אי-ע-הי'-דרי-א) א נייןקאנטינער געאמעטרישער קערפער.

enneahe'dron *n.* (ען-אי-ע-הי'-דראן) ז. *enneahedria*.

Ennean'dria *n.* (ען-אי-ען'-דרי-א) די מינים פלאנצען, די בליטהען פון וועלכע עס האבען ניין שטויב־פעדים.

enno'ble *v.* (ע-נאו'בל) בעפערדלען, בעערען, דערהויבען; מאכען פאר אן אדעלינגען.
Culture ennobles the heart.

enno'blement *n.* (ע-נאו'בל-מענט) פערעדלונג; דערהויבונג; דאס מאכען פאר אן אדעלינגען.

enno'bler *n.* (ע-נאו'-בלער) איינער אדער עטוואס וואס פערעדעלט אדער דערהויבט.

ennui' *n.* (אנ-הוויע') לאנגווייליגקייט, אומעטיגקייט.

ennuyé' *a. and n.* (אנ-הווי-יעי') נעלאנגווייליגט, אומעטיג, איבערזעטיגט [פון פערגניגענס]; איינער וואס לאנגווייליגט זיך, ליידט פון אומעטיגקייט אדער איז איבערזעטיגט [פון פערגניגענס].

enol'ogy *n.* (אי-נאל'-א-דזשי) די קונסט פון מאכען וויין.

enop'tomancy *n.* (ע-נאפ'-טא-מענ-סי) דאס וואהרזאגען אדער דאס טרעפען דורך א שפיגעל.

enor'mity *n.* (אי-נאהר'-מי-טי) אונגעהייערע גרויס; דאס זיין אויסערגעוועהנליך; אבשייליכקייט; שרעקליכקייט; גרויזאמקייט.

enor'mous *a.* (אי-נאהר'-מאס) אונגעהייער, אויסערגעוועהנליך, אבשייליך; שרעקליך; גרויזאם.

enor'mously *adv.* (אי-נאהר'-מאס-לי) אונגעהייער.

enor'mousness *n.* (אי-נאהר'-מאס-נעס) דאס זיין אונגעהייער גרויס.

enough' *n., a., adv. and int.* (אי-נאף') גענוג, גענוגענד, גיש'קשה'דיג, גענוגהייט.

enough' and enough' (אי-נאף' ענד אי-נאף') מעהר ווי גענוג.

enough' and to spare (אי-נאף' ענד טו ספעהר) מעהר ווי גענוג.

enounce' *v.* (אי-נאונס') אויסדריקען, ערקלערען, מאכען אן ערקלערונג; קאנסטאטירען, מאכען א בעהויפטונג.

enounce'ment *n.* (אי-נאונס'-מענט) דאס אויסדריקען [אין ווערטער]: אן ערקלערונג; דאס מאכען אן ערקלערונג; קאנסטאטירונג, בעהויפטונג.

en passant' (אן פא-סאן') פערבייגעהענדיג, מאכענדיג א זייטיגע בעמערקונג.

enrage' *v.* (ען-ריידזש') אויפרייצען, אויפברייגגען, אריינברייגגען אין צארן.

enraged' *a.* (ען-ריידזשד') אויפגערייצט, אין צארן, אויפגעבראכט.

enrapt' *a.* (ען-רעפט') ענטציקט, בעגייסטערט; אין א צושטאנד פון עקסטאז.

enrap'ture *v.* (ען-רעפ'-משור) ענטציקען, בעגייסטערען; ברייגגען אין א צושטאנד פון עקסטאז.

enrich' *v.* (ען-ריטש') בערייכערען; אויסציערען; בעפוצען; מאכען פרוכטבאר.

enrich'er *n.* (ען-ריטש'-ער) איינער וואס בערייכערט, בעציערט אדער מאכט פרוכטבאר.

enrich'ment *n.* (ען-ריטש'-מענט) די בערייכערונג, די אויסציערונג; דאס מאכען פרוכטבאר.

enring' *v.* (ען-רינג') ארומרינגלען, ארומקרייזען; איינשליסען.

enrobe' *v.* (ען-ראוב') בעקליידען, אויסציערען.

enrol' *v.* (ען-ראול') ז. *enroll*.

enroll' *v.* (ען-ראול') איינשרייבען; פעררעגיסטרירען; ארויפברייגגען אויף דער ליסטע; פערשרייבען אין מיליטער־דיענסט.

enroll'er *n.* (ען-ראול'-ער) אן איינשרייבער: איינער וואס רעגיסטרירט אדער וואס ברייגגט ארויף אויף דער ליסטע.

enroll'ment *n.* (ען-ראול'-מענט) ז. *enrolment*.

enrol'ment *n.* (ען-ראול'-מענט) דאס איינשרייבען; דאס פעררעגיסטרירען; א רייסטער, א פערצייכניס.

enroot' *v.* (ען-רוהט') איינווארצלען; איינוועבען.

en route (אן רוהט) אויף דעם וועג.

ens *n.* (ענז) א זאך, א וועזען; דאס וואס עקזיסטירט; דאס וואס מען קען אנרופען מיט א נאמען און מען קען וועגען דעם דענקען אדער רעדען.

ensacked' *a.* (ען-סעקט') איינגעפאקט אין א זאק.

ensan'guine *v.* (ען-סענ'-גהווין) פערבלוטיגען, בעפלעקען מיט בלוט; אויספארבען מיט א בלוט־קאליר.

en'sate *a.* (ענ'-סייט) וואס האט בלעטער אין דער פארם פון שווערדען [וועגען געוויסע פלאנצען].

ensched'ule *v.* (ען-סקעד'-יול) איינשרייבען אין ליסטע אדער טאבעלע; אויפצייכענען.

ensconce' *v.* (ען-סקאנס') בעשירמען, בעשיצען.

ensem'ble *n.* (אנ-סאמ'בל) דער אנסאמבל, די הארמאנישע פעראייניגונג פון בעזונדערע טיילען אין איין גאנצעס; דער איינדרוק, וועלכען עס מאכט אזא הארמאנישע פעראייניגונג [ווי דאס שפיעלען פון א גאנצען ארקעסטער מוזיקאנטען אדער א גאנצע טרופע פון אקטיארען].

enshield' *a.* (ענ-שיעלד') בעפאנצערט, בעשירמט, בעשיצט.

enshrine' *v.* (ענ-שראין') ארײנלעגען אין א קאסטען אדער ארון [וואו מען האלט הייליגע זאכען]; אבהיטען מיט ליעבע אדער מיט פערהייליגונג.

enshroud' *v.* (ענ-שראוד') פערשטעקען אין א געדיכט=בעוואקסענעם פלאץ; פערדעקען; ארומהילען.

en'siform *a.* (ענ'-סי-פארם) שווערדפערמיג, ווי א שווערד [וועגען געוויסע פלאנצען=טײלען אדער קערפער=טײלען בײ חיות].

en'sign *n. and v.* (ענ'-סאין) א פאהן, א שטאנדארט, א פלאג; א צייכען, א סימבאל, אן אויסצייכנונגס=צייכען; א פאהנען=טרעגער; א יונקער; א צווייטער לייטענאנט [אין מיליטער אדער פלאטע]; אויסצייכענען אדער אונטערשיידען דורך א בעזונדערען צייכען [אויף וואפען].

en'sign-bear'er *n.* (ענ'-סאינ-בעהר'-ער) א פאהנען=טרעגער.

en'signcy *n.* (ענ'-סאינ-סי) ז. *ensignship*

en'signship *n.* (ענ'-סאינ-שיפ) פאהנען=טרעגעריי; דאס אמט פון א פאהנען=טרעגער.

en'silage *n. and v.* (ענ'-סי-לעדזש) א מיטעל צו האלטען פוטער און גרינסען פריש און גרין אין גריבער אדער ספעציעלע געביידעס וואו עס קען צו זיי קיין לופט ניט צוקומען; די זאכען וואס ווערען אזוי געהאלטען; האלטען פוטער אדער גרינסען אין גריבער אדער אין ספעציעלע געביידעס, וואו עס קען צו זיי קיין לופט ניט צוקומען, כדי זיי זאלען בלייבען פריש און גרין. ז. *silo*

en'sile *v.* (ענ'-סאיל) האלטען פוטער אדער גרינסען אין גריבער אדער אין ספעציעלע געביידעס, וואו עס קען צו זיי קיין לופט ניט צוקומען, כדי זיי זאלען בלייבען פריש און גרין.

ensky' *v.* (ענ-סקאי') ארײנזעצען אין הימעל, מאכען אונשטערבליך.

enslave' *v.* (ענ-סלייוו') פערשקלאפען, פערקנעכטען.

ensla'vedness *n.* (ענ-סליי'-ווער-נעס) פערשקלאפטקייט, שקלאפעריי.

enslave'ment *n.* (ענ-סלייוו'-מענט) פערשקלאפונג, שקלאפעריי.

ensla'ver *n.* (ענ-סליי'-ווער) א פערשקלאפער; אן אונטערדריקער, א טיראן.

ensnare' *v.* (ענ-סנעהר') ארײנכאפען אין א נעץ; פערנארען דורך כיטרעקייט; פערפיהרען.

ens of rea'son (ענז אוו ריעזן) א זאך וואס ווערט ארויסגעבראכט דורך'ן שכל [ווי די פארשטעלונג וועגען גאט].

ensphere' *v.* (ענ-ספיער') ארומקרייזען, מאכען קרייזפערמיג, איינשליסען אין א ספערע אדער רונדער זאך.

enstamp' *v.* (ענ-סטעמפ') שטעמפלען, איינדריקען ווי מיט א שטעמפעל; טיעף איינדריקען.

ensue' *v.* (ענ-סיו') פאלגען; נאכפאלגען, קומען שפעטער, קומען אלס פאלגע.

en suite (אן סהוויט) וואס נעהט צוזאמען, אין א גאנג [ווי צימערען אדער מעבעל]; וואס בילדעט א גאנג, וואס נעהט צוזאמען [ווי צימערען אדער מעבעל].
There are apartments to be let en suite or singly.

ensure' *v.* (ענ-שוהר') ז. *insure*

enswathe' *v.* (ענ-סהווייטה') איינוויקלען, איינהילען.

ensweep' *v.* (ענ-סהוויעפ') דורכפליהען, שנעל פאריבערלויפען.

entab'lature *n.* (ענ-טעב'-לע-טשור) אין ארכיטעקטור — דער טייל פון א געביידע וואס געפינט זיך צווישען די זיילען און דעם דאך.

entail' *v. and n.* (ענ-טייל') בעשרענקען דאס ירושה=רעכט אויף לאנד=איינענטום אזוי, אז דאס איינענטום זאל קיין מאל ניט קענען פערקויפט ווערען און זאל איבערגעהן בירושה אין א געוויסער ארדנונג; בעשענקען אדער איבערגעבען אויף אייביג, פאר קינדער און קינדס=קינדער; ארויסברייננען אדער ארויסרופען אלס אונפערמיידליכע פאלגע; מיטברייננען; פעראורזאכען; דאס בעשרענקען ירושה=רעכט אויף לאנד=איינענטום אזוי, אז דאס איינענטום זאל ניט קענען פערקויפט ווערען און זאל איבערגעהן בירושה אין א געוויסער ארדנונג; לאנד=איינענטום אזוי בעשרענקט; לאנד איינענטום וואס ווערט אוועקגעשענקט צו איינעם און צו זיינע יורשים נאך זיין טויט.

entai'ler *n.* (ענ-טיי'-לער) איינער וואס גיט איבער בירושה אדער שענקט אוועק לאנד=איינענטום מיט דער בעדינגונג, אז דאס איינענטום זאל איבערגעהן בירושה אין א געוויסער ארדנונג און זאל קיין מאל ניט קענען פערקויפט ווערען.

entail' expense' (ענ-טייל' עקס-פענס') פעראורזאכען קאסטען אדער אויסגאבען.

entail'ment *n.* (ענ-טייל'-מענט) דאס בעשרענקען דאס ירושה=רעכט אויף לאנד=איינענטום אזוי, אז עס זאל ניט קענען פערקויפט ווערען און זאל איבערגעהן בירושה אין א געוויסער ארדנונג; דאס איבערגעבען בירושה אדער דאס שענקען מיט אזא בעדינגונג.

entan'gle *v.* (ען-טענ'גל) פערוויקלען, פערפלאנטערען; צומישען, צוטומלען; ברייננען אין פערלעגענהייט; מאכען שוועריגקייטען.
While walking in the woods we became entangled in the bushes.

entan'glement *n.* (ענ-טענ'גל-מענט) פערוויקלונג, פערפלאנטערונג, פלאנטער; פערלעגענהייט; פעראירונג; צומישונג, צוטומעלניש.

entan'gler *n.* (ענ-טענ'-גלער) איינער וואס פערפלאנטערט, צומישט, צוטומעלט אדער ברייננט אין פערלעגענהייט.

enta'sia *n.* (ענ-טיי'-סי-א) א קראנקהייט וואס דריקט זיך אויס אין קאנוואולסיע און ספאזמען פון די מוסקולען.

en'tasis *n.* (ענ'-טע-סיס) אין ארכיטעקטור — די שטופענווייזע פערדיקונג און אויפשוועלונג פון א זייל; אין פאטאלאגיע — קאנוואולסיע און ספאזמען פון די מוסקולען.

entas'tic *a.* (ענ-טעס'-טיק) וואס געהערט צו ספאזמען=קראנקהייטען.

entel'lus *n.* (ענ-טעל'-אס) א מין אפע פון אסט=אינדיען פון מיטלען וואוקס, בעוואקסען מיט געלבליכע האר און מיט שווארצע הענד און פיס [די דארטיגע איינוואהנער בעציהען זיך צו איהר מיט פיעל אכטונג און אין איניגע ערטער איז זי פערגעטערט].

entente' cordiale' (אנ-טאנט' קאהר-די-אל') פריינדליכע בעציהונגען צווישען צוויי רעגיערונגען.

en'ter *v.* (ענ'-טויר) ארײנגעהן אינוועניג; ארײנטרעטען, ארײנקומען; ארײנדרינגען; אויפטרעטען אויף דער ביהנע; אנפאנגען; איינשרייבען, ארײנטראגען אין די ביכער; זיך פערשרייבען; אבגעבען א רעפארט אין צאל=אמט [וועגען א שיף וואס איז אנגעקומען אין האפען]; ארײנגעהן און צונעהמען אין בעזיץ [ווי לאנד]; אנרייצען הינד אויף חיות אויף וועלכע מען געהט אויף געיעג.

en'terable *a.* (ענ'-טויר-עבל) אײנפיהרבאר; וואס קען ארײנגעהן, וואס איז ניט פערבאטען [וועגען געוויסע סחורות, וועלכע מען ערלויבט ארײנצופיהרען אין לאנד].

en'ter a law'suit (ענ'-טויר ע לאה'-סוט) אנהויבען א געריכטס=פראצעס.

en'ter an ac'tion (ענ'-טויר ען עק'-שאן) אנהויבען א פראצעס.

en'ter a profes'sion (ענ'-טויר ע פרא-פעש'-אן) ארײנטרעטען אין א געוויסער בעשעפטיגונג אדער פאך.

en'ter a pro'test (ענ'-טויר ע פראו'-טעסט) פראטעסטירען.

en'ter a provi'so (ענ'-טויר ע פרא-וואי'-זאו) מאכען א תנאי, שטעלען א בעדינגונג.

en'terclose *n.* (ענ'-טויר-קלאוס) א קארידאר צווישען צוויי צימערען.

en'terer *n.* (ענ'-טויר-ער) איינער וואס געהט ארײן; איינער וואס פערשרייבט זיך; איינער וואס שרייבט איין.

enter'ic *a.* (ענ-טער'-איק) וואס איז שייך צום אינגעווייד.

en'tering *n.* (ענ'-טויר-אינג) דאס ארײנקומען, דאס ארײנגעהן.

en'ter in'to (ענ'-טויר אינ'-טו) ארײנגעהן אינוועניג, ארײנדרינגען; אנהויבען זיך בעשעפטיגען מיט עפעס; זיך פערטיעפען אין א געוויסען ענין; זיין א טייל פון עפעס.

en'ter in'to bond (ענ'-טויר אינ'-טו באנד) פערפפליכטען זיך.

en'ter in'to partic'ulars (ענ'-טויר אינ'-טו פאר-טיק'-יו-לערז) זיך ארײנלאזען אין איינצעלהייטען.

en'ter in'to recog'nizance (ענ'-טויר אינ'-טו רי-קאג'-ני-זענס) זיך שריפטליך פערפפליכטען פאר א געריכט צו טהאן א געוויסע זאך [ווי ערשיינען פאר'ן געריכט, צאהלען א חוב, ניט שטערען די ארדנונג א. ד. ג.].

enterit'ic *a.* (ענ-טע-ריט'-איק) וואס איז שייך צו אן ענטצינדונג פון די געדערים.

enteri'tis *n.* (ענ-טע-ראי'-טיס) אן ענטצינדונג פון די געדערים.

en'terocele *n.* (ענ'-טע-רא-סיל) א קילע, א ברוך.

enteroce'lic *a.* (ענ-טע-רא-סי'-ליק) וואס איז שייך צו א ברוך; וואס ליידט פון א ברוך אדער קילע.

enterodyn'ia *n.* (ענ-טע-רא-דינ'-אי-א) א וועהטאג אין בויך.

enterogastri'tis *n.* (ענ-טע-רא-געס-טראי'-טיס) אן ענטצינדונג פון מאגען און פון די געדערים.

enterog'raphy *n.* (ענ-טע-ראג'-רע-פי) די בעשרייבונג פון די געדערים.

enterol'ogy *n.* (ענ-טע-ראל'-א-דזשי) די לעהרע וועגען די געדערים.

enterom'phalos *n.* (ענ-טע-ראמ'-פע-לאס) ז. *enteromphalus*

enterom'phalus *n.* (ענ-טע-ראמ'-פע-לאס) א קילע, א געדערים=ברוך.

en'teron *n.* (ענ'-טע-ראן) די געדערים אדער די קישקעס.

en'ter on a founda'tion (ענ'-טויר

אן א פאונ-דיי'-שאן) אריינגעטראגען ווערען אין דער ליסטע פון סטיפענדיעס [ווענען א סטודענט וואס בעקומט שטיצע].

en'ter one's name (ענ'-טויר הוואנז ניים) איינשרייבען אימעצענס נאמען.

enterop'athy *n.* (ענ-טע-ראפ'-ע-טהי) די קראנקהייט פון די געדערים אדער קישקעס.

enterot'omy *n.* (ענ-טע-ראט'-א-מי) אין כירורגיע — דאס אויפשניידען אדער אויפרעקען די קישקעס.

Enterozo'a *n.* (ענ-טע-רא-זאו'-א) די ענטעראזאען [אלע מינים לעבעדיגע בעשעפענישען, וועלכע האבען געדערים אדער קישקעס].

enterozo'an *n.* (ענ-טע-רא-זאו'-ען) איינער פון די ענטעראזאען. ז. *Enterozoa*.

enterozo'ic *a.* (ענ-טע-רא-זאו'-איק) וואס געהערט צו ענטעראזאען. ז. *Enterozoa*.

en'terprise *n.* (ענ'-טויר-פראיז) 1. אן אונטערנעהמונג; 2. אונטערנעהמונגס-גייסט.
1. His money is invested in many enterprises. 2. The preparation of this dictionary is an evidence of the publisher's enterprise.

en'terprising *a.* (ענ'-טויר-פראי-זינג) אונטערנעהמענד; וואס האט אן אונטערנעהמונגס-פעהיגקייט.

en'terprisingly *adv.* (ענ'-טויר-פראי-זינג-לי) מיט אונטערנעהמונגס-פעהיגקייטען; דורך איינפאלען אדער המצאות.

en'ter short (ענ'-טויר שארט) דעקלארירען די סחורות אונטער זייער ווערטה ביים צאהלען גרענעץ-צאל [פאשלינע].

entertain' *v.* (ענ-טויר-טיין') 1. אמוזירען, אונטערהאלטען; מכבד זיין, אויפנעהמען; 2. בעטראכטען א זאך; אננעהמען; האלטען אין זינען.
1. He entertained his guests. 2. He entertains peculiar views about politics.

entertain'able *a.* (ענ-טויר-טיינ'-עבל) וואס מען קען אונטערהאלטען אדער אויפנעהמען.

entertain' a correspon'dence (ענ-טויר-טיין' ע קא-רעס-פאנ'-דענס) פיהרען א קארעספאנדענץ, אונטערהאלטען בריעף-וועקסעל מיט איינעם.

entertain' an applica'tion (ענ-טויר-טיין' ען ע-פלי-קיי'-שאן) נעהמען אין אנבעטראכט א בקשה.

entertain' an ide'a (ענ-טויר-טיין' ען אי-די'-ע) האבען א געדאנק אין קאפ.

entertain' doubts (ענ-טויר-טיין' דאוטס) אריינפאלען אין צווייפעל, צווייפלען.

entertai'ner *n.* (ענ-טויר-טיי'-נער) אן אמוזירער, אן אונטערהאלטער; א ווירטה, איינער וואס איז מכבד.

entertai'ning *a.* (ענ-טויר-טיי'-נינג) אמוזירענד, אונטערהאלטענד, אנגענעהם.

entertai'ningly *adv.* (ענ-טויר-טיי'-נינג-לי) אויף אן אנגענעהמען אופן.

entertain'ment *n.* (ענ-טויר-טיינ'-מענט) אן אונטערהאלטונג, א בעלוסטיגונג; די אויפנאהמע פון א גאסט, כבוד.

en'ter the ar'my (ענ'-טויר טהי אר'-מי) ווערען א סאלדאט.

en'ter the lists (ענ'-טויר טהי ליסטס) זיך איינשרייבען; זיך אריינלאזען אין א צאנקעריי.

en'ter upon' (ענ'-טויר א-פאן') אנהויבען, צוטרעטען צו עפעס; אנהויבען צו פערהאנדלען.
After the Civil War this country entered upon an era of industrial expansion.

enthelmin'tha *n.* (ענ-טהעל-מינ'-טהא) א ווארים וואר האלט זיך אויף אין די געדערים.

enthelmin'thes *n.* (ענ-טהעל-מינ'-טהעז) ז. *enthelmintha*.

enthelmin'thic *a.* (ענ-טהעל-מינ'-טהיק) וואס איז שייך צום ווארים אין די געדערים

enthral' *v.* (ענ-טהראהל') ז. *enthrall*.

enthrall' *v.* (ענ-טהראהל') פערשקלאפען; אונטערווארפען אונטער דעם איינפלוס פון עפעס.

enthrall'ment *n.* (ענ-טהראהל'-מענט) דאס פערשקלאפען; דאס זיין אונטערגעווארפען אונטער דער ווירקונג און איינפלוס פון עפעס.

enthral'ment *n.* (ענ-טהראהל'-מענט) ז. *enthrallment*.

enthrone' *v.* (ענ-טהראון') זעצען אויף'ן טהראן אדער אויף דער כסא המלוכה; איבערגעבען די קעניגליכע מאכט; זיין דערהויבען; האלטען זיך פאר זעהר א גרויסען מענשען; ארויפזעצען א בישאף אויף זיין קאפעדרע [איינפיהרען איהם אין זיין בישאפליכען אמט].

enthrone'ment *n.* (ענ-טהראונ'-מענט) די ארויפזעצונג אויף א טהראן; די איינזעצונג פון א בישאף; דאס האלטען זיך זעהר דערהויבען.

enthroniza'tion *n.* (ענ-טהראו-ני-זיי'-שאן) דאס ארויפזעצען אויף'ן טהראן, דאס איבערגעבען די קעניגליכע מאכט; דאס ארויפזעצען א בישאף אויף זיין שטוהל אדער קאפעדרע [דאס איינפיהרען איהם אין זיין בישאפליכען אמט].

enthro'nize *v.* (ענ-טהראו'-נאיז) ז. *enthrone*.

enthuse' *v.* (ענ-טהיוז') בעגייסטערען, ארויסרופען ענטציקונג.

enthu'siasm *n.* (ענ-טהיו'-זי-עזם) ענטוזיאזם, בעגייסטערונג; די שטארקע פערעהרונג.

enthu'siast *n.* (ענ-טהיו'-זי-עסט) אן ענטוזיאסט, א בעגייסטערטער מענש; א שטארקער פערעהרער פון עפעס.

enthusias'tic *a.* (ענ-טהיו-זי-עס'-טיק) ענטוזיאסטיש, בעגייסטערט; פול מיט ענטציקונג; זעהר איבערגעגעבען צו עפעס.

enthusias'tical *a.* (ענ-טהיו-זי-עס'-טי-קעל) ז. *enthusiastic*.

enthusias'tically *adv.* (ענ-טהיו-זי-עס'-טי-קעל-אי) דורך בעגייסטערונג; מיט ענטוזיאזם.

en'thymeme *n.* (ענ'-טהי-מים) אין לאגיק — דאס ענטימעמא אדער א פערקירצטער סילאגיזם [א געוועהנליכער סילאגיזם אדער שלוס-פאלגערונג בעשטעהט פון דריי זעצע, ווי למשל: 1) אלע מענשען זיינען שטערבליך; 2) איך בין א מענש; 3) דאריבער וועל איך מוזען שטארבען. ווען דער סילאגיזם איז פערקירצט און בעשטעהט נור פון 2 זעצע, ווי למשל: 1) אלע מענשען זיינען שטערבליך; 2) דאריבער וועל איך מוזען שטארבען — איז דאס אן ענטימעמא].

entice' *v.* (ען-טאיס') צוציהען, פערנארען; פערפיהרען [דורך פאלשע האפנונגען].

enti'ceable *a.* (ען-טאי'-סעבל) וואס קען פערפיהרט ווערען, וואס לאזט זיך פערפיהרען [דורך פאלשע האפנונגען].

entice'ment *n.* (ען-טאיס'-מענט) די צוציהונג, די רייצונג; די פערפיהרונג.

enti'cer *n.* (ען-טאי'-סער) דער אדער דאס וואס פערפיהרט מיט הבטחות אדער האפנונגען.

enti'cing *a.* (ען-טאי'-סינג) צוציהענד; פערפיהרענד.

enti'cingly *adv.* (ען-טאי'-סינג-לי) אויף א רייצענדען, פערפיהרענדען שטייגער.

entire' *a. and n.* (ען-טאיר') גאנץ, פול, פאלשטענדיג, פאלקאם; ניט געמישט; ניט געטיילט, אהן איינשניטע [ווענען פלאנצען און פלאנצען-טיילען]; ניט בעשניטען, ניט קאסטרירט, ניט געמאכט פאר אויס זכר [ווענען פערד]; דאס גאנצע, די גאנצקייט; פארטער-ביער.

entire'ly *adv.* (ען-טאיר'-לי) דורכאויס; אהן אויסנאהמע; פאלשטענדיג; אין גאנצען; ניט געמישט; מיט הארציגקייט, מיט אויפריכטיגקייט, מיט איבערגעבענהייט, מיט טרייהייט.
I do not entirely agree with you.

entire'ness *n.* (ען-טאיר'-נעס) גאנצקייט, פולקייט, פאלשטענדיגקייט, אויפריכטיגקייט, איבערגעבענהייט, טרייהייט.

entire' ten'ancy (ען-טאיר' טענ'-ען-סי) אין יוריספרודענץ — דאס בעלאנגען פון אייגענטום צו איין פערזאן.

entire'ty *n.* (ען-טאיר'-טי) דאס גאנצע, גאנצקייט, פאלשטענדיגקייט.

enti'tle *v.* (ען-טאי'טל) 1. בעטיטלען; א נאמען געבען; 2. בערעכטיגען, געבען א רעכט אויף עפעס.
2. The ticket entitled me to a seat on the platform.

en'tity *n.* (ענ'-טי-טי) א וועזען, וועזענהייט.

en'toblast *n.* (ענ'-טא-בלעסט) דער אינערליכער טייל אדער די יאדרע פון א צעלע.

entobli'quus *n.* (ען-טאב-לאי'-קהוואס) אין אנאטאמיע — דער אינערליכער שרעגער מוסקול פון בויך.

en'tocele *n.* (ענ'-טא-סיל) דאס זיין אויסער'ן פלאץ [ווענען קערפער-טיילען].

en'toderm *n.* (ענ'-טא-דוירם) ענדאדערמא. ז. *endoderm*.

entomb' *v.* (ען-טוהם') בעערדיגען, בעגראבען, מקבר זיין.

entomb'ment *n.* (ען-טוהמ'-מענט) בעערדיגונג, בעגראבונג, קבורה.

entom'ic *a.* (ען-טאמ'-איק) וואס איז שייך צו אינזעקטען.

entom'ical *a.* (ען-טאמ'-אי-קעל) ז. *entomic*.

entomograph'ic *a.* (ען-טא-מא-גרעפ'-איק) וואס איז שייך צו ענטאמאגראפיע אדער די בעשרייבונג פון אינזעקטען.

entomog'raphy *n.* (ען-טא-מאג'-רע-פי) ענטאמאגראפיע, א בעשרייבונג פון אינזעקטען.

en'tomoid *n. and a.* (ענ'-טא-מאיד) עבוואס וואס איז עהנליך צו אן אינזעקט; עהנליך צו אן אינזעקט.

entomolog'ic *a.* (ען-טא-מא-לאדזש'-איק) ענטאמאלאגיש, וואס איז שייך צו ענטאמאלאגיע [די וויסענשאפט ווענען אינזעקטען].

entomolog'ical *a.* (ען-טא-מא-לאדזש'-אי-קעל) ז. *entomologic*.

entomolog'ically *adv.* (ען-טא-מא-לאדזש'-אי-קעל-אי) אין איינקלאנג מיט אדער לויט דער ענטאמאלאגיע [די וויסענשאפט ווענען אינזעקטען].

entomol'ogise *v.* (ען-טא-מאל'-א-דזשאיז) ז. *entomologize*.

entomol'ogist *n.* (ען-טא-מאל'-א-

דזשיסט) אן ענטאמאלאגיסט, א קענער פון ענטאמאלאגיע, איינער וואס שטודירט ענטאמאלאגיע [די וויסענשאפט וועגען אינזעקטען].

entomol'ogize *v.* (ענ-טא-מאל'-א-דזשאיז) שטודירען ענטאמאלאגיע [די וויסענשאפט וועגען אינזעקטען]; זאמלען אינזעקטען פאר וויסענשאפטליכע צוועקען.

entomol'ogy *n.* (ענ-טא-מאל'-א-דזשי) ענטאמאלאגיע [די וויסענשאפט וועגען אינזעקטען].

entomom'eter *n.* (ענ-טא-מאמ'-ע-טער) אן אינסטרומענט צו מעסטען די קערפער-טיילען ביי אינזעקטען.

entomoph'agous *a.* (ענ-טא-מאפ'-ע-גאס) אינזעקטען-פרעסענד, וואס נעהרט זיך מיט אינזעקטען.

entomoph'ilous *a.* (ענ-טא-מאפ'-אי-לאס) וועגען בלומען — וואס ווערען בעפרוכטעט דורך דער הילף פון אינזעקטען.

entomo'sis *n.* (ענ-טא-מאו'-סיס) א קראנקהייט וואס ווערט פעראורזאכט פון געוויסע אינזעקטען.

entomot'omy *n.* (ענ-טא-מאט'-א-מי) די אנאטאמיע פון אינזעקטען.

enton'ic *a.* (ענ-טאנ'-איק) אין מעדיצין — וואס איז צו שטארק אנגעשטרענגט.

en'tophyte *n.* (ענ'-טא-פאיט) א פלאנצע וואס וואקסט ווי א פאראזיט אין קערפער פון א חיה אדער פון אן אנדער פלאנצע.

entop'tic *a.* (ענ-טאפ'-טיק) ענטאפטיש, וואס איז שייך צו די אינוועניגסטע טיילען פון אויג, וואס שטאמט ניט פון איינדריקע וואס קומען פון דרויסען נאר וואס קומט פון אויג גופא [וועגען זעהונגס-ערשיינונגען, ווי למשל, דאס שווינדלען פאר די אויגען, וואס קומט פון א געוויסער אויגען-קראנקהייט].

entop'tically *adv.* (ענ-טאפ'-טי-קעל-אי) אויף אן ענטאפטישען שטייגער. ז. *entoptic*.

entop'tics *n.* (ענ-טאפ'-טיקס) די וויסענשאפט וועגען די אינערליכע טיילען פון אויג און די זעהונגס-ערשיינונגען וואס קומען דארטען פאר.

entot'ic *a.* (ענ-טאט'-איק) וואס איז שייך צום אינערליכען טייל פון אויער; וואס ענטשטעהט אינעווייניג אין אויער [ווי א גערויש אין קאפ אהן אן אויסערליכער אורזאכע].

entourage' *n.* (אנ-טוה-ראזש') 1. די סביבה [הויפטזעכליך די געזעלשאפטס-סביבה]; 2. די סוויטע, די נאכפאלגער.
2. The prince traveled with a large entourage.

Entozo'a *n.* (ענ-טא-זאו'-א) די ענטאזאען, דער מין פאראזיטען-בעשעפענישען וועלכע לעבען אין די קערפער פון אנדערע חיות.

entozo'al *a.* (ענ-טא-זאו'-על) ז. *entozoic*.

entozo'an *a. and n.* (ענ-טא-זאו'-ען) ענטאזאאיש, וואס לעבט אדער וואקסט אין דעם קערפער פון חיות, וואס איז שייך צו די פאראזיטען-בעשעפענישען וואס לעבען אין די קערפער פון אנדערע חיות; אן ענטאזאע, א פאראזיטען-בעשעפעניש.

entozoa'rian *a. and n.* (ענ-טא-זא-איי'-רי-ען) ז. *entozoan*.

entozo'ic *a.* (ענ-טא-זאו'-איק) ענטאזאאיש, וואס לעבט אדער וואקסט אין דעם קערפער פון חיות; וואס איז שייך צו די פאראזיטען-בעשעפענישען וואס לעבען אין די קערפער פון אנדערע חיות.

entozo'ical *a.* (ענ-טא-זאו'-אי-קעל) ז. *entozoic*.

entozool'ogy *n.* (ענ-טא-זא-אל'-א-דזשי) דער טייל פון דער וויסענשאפט וואס בעשעפטיגט זיך מיט די ענטאזאען [פאראזיטען-בעשעפענישען וואס לעבען אין די קערפער פון אנדערע חיות].

entozo'on *n.* (ענ-טא-זאו'-אן) אן ענטאזאע, א פאראזיטען-בעשעפעניש וואס לעבט אין די קערפער פון אנדערע חיות.

entozoot'ic *a.* (ענ-טא-זא-אט'-איק) וואס איז שייך צו אן ענטאזאע [א פאראזיטען-בעשעפעניש וואס לעבט אין די קערפער פון אנדערע חיות].

en'trail *n.* (ענ'-טרייל) ז. *entrails*.

entrail' *v.* (ענ-טרייל') איינוועבען, איינפלעכטען.

en'trails *n.* (ענ'-טריילז) די אינגעווייד; דאס אינערע.

en'trance *n.* (ענ'-טרענס) איינטריט, איינגאנג, אריינגאנג, דער איינטריט, איינלאס, צוגאנג, צוטריט; אנפאנג, איינלייטונג; א בעריכט וואס א שיפס-קאפיטאן שטעלט צו דעם צאל-בעאמטען, ווען די שיף קומט אריין אין האפען; דער אונטערוואסערדיגער טייל פון דעם פאדערטייל פון א שיף.

entrance' *v.* (ען-טרענס') מאכען בעוואוסטלאז, ברייננען צו א טיעפען שלאף; ברייננען אין עקסטאז, ארויסרופען שטארקע בעגייסטערונג.

en'trance examina'tion (ענ'-טרענס עג-זעמ-אי-ניי'-שאן) איינטריטס-עקזאמען [אן עקזאמען וואס ווערט אבגעגעבען בעת'ן אריינטרעטען אין א לעהר-אנשטאלט].

evaporom'eter *n.* (אי-וועפ-א-ראמ'-ע-טער) אן אפאראט אויסצומעסטען די מאסע פון וואסער וואס ווערט פערוואנדעלט אין דאמפף אין א געגעבענער צייט.

eva'sion *n.* (אי-וויי'-זשאן) די פערמיידונג, די אויסווייכונג; דאס ארויסמאכען זיך מיט חכמות אדער תירוצים.

eva'sive *a.* (אי-וויי'-סיוו) אויסווייכענד, זיך ארויסדרעהענד מיט חכמות אדער תירוצים.

eva'sively *adv.* (אי-וויי'-סיוו-לי) דורך אויסדרעהען זיך מיט חכמות אדער תירוצים.

eva'siveness *n.* (אי-וויי'-סיוו-נעס) דאס קענען זיך אויסדרעהען מיט חכמות אדער תירוצים.

eve *n.* (איוו) אבענד; דער אבענד פאר א יום־טוב אדער פאר א געוויסער געשעהעניש; ערב.

evec'tion *n.* (אי-וועק'-שאן) אין אסטראנאמיע — די אונגלייכהייט פון דער קרייז־בעוועגונג, וועלכע די לבנה מאכט ארום דער ערד, צוליעב דער צוציהונגס־קראפט פון דער זון.

e'ven *a., adv. and v.* (איוון) גלייך, גלאט; עהנליך; קלאר, פערשטענדליך; גראד [זוגות]; גראדע, עבען; זאגאר; פערגלייכען; מאכען גלאט; צופאסען; גלייך איין זאך צו אן אנדערער.

e'ven al'most (איוון אהל'-מאוסט) כמעט.

e'ven as (איוון עז) גלייך ווי.

e'ven as if (איוון עז איף) גראד ווי ווען...

e'ven as much (איוון עז מאטש) גראד אזוי פיעל; ניט ווענינער ווי...

e'ven bet (איוון בעט) א גלייכער געוועט [וועןביידע צדדים לעגען איין צו גלייכע סומען].

e'ven chance (איוון טשענס) א גלייכע מעגליכקייט, אז א געוויסע זאך וועט געשעהן אדער וועט ניט געשעהן; א גלייכער שאנס צו געווינען א געוועט אדער ניט.

e'vener *n.* (אי'ווג-ער) דער אויסגלייכער.

e'ven ground (איוון גראונד) פלאכע ערד; גלייכע שאנסען צו געווינען אדער פערשפיעלען.

e'ven-han'ded *a.* (אי'ווג-הענ'-דעד) אינפארטייאיש; וואס בענעהמט זיך מיט אלעמען גלייך.

e'ven-han'dedness *n.* (אי'ווג-הענ'-דעד-נעס) אונפארטייליכקייט; גלייכע בעציהונג צו אלעמען.

e'ven-hands *n.* (איווג'-הענדז) קווים.

eve'ning *n. and a.* (איוו'-נינג) אבענד, אבענד־צייט; די צייט פון אונטערגאנג; וואס פאסירט אין אבענד.

eve'ning dress (איוו'-נינג דרעס) באל־אנצוג, פאראדנע קליידער.

eve'ning par'ty (איוו'-נינג פאר'-טי) אן אבענד־געזעלשאפט, א וועטשערינקע.

eve'ning pray'er (איוו'-נינג פרעהר) אבענד־געבעט, תפלת מעריב.

eve'ning prim'rose (איוו'-נינג פרימ'-ראוז) די נאכט־קערצע [א הויכע פלאנצע מיט ברייטע געלע בלומען, וואס עפענען זיך פאנאנדער ביי נאכט].

eve'ning star (איוו'-נינג סטאר) דער אבענד־שטערן, ווענוס.

e'ven keel (איוון קיעל) א גלייכע אדער האריזאנטאלע לאגע פון א שיף.

e'ven lay (איוון ליי) א וועט אויף גלייך.

e'venly *adv.* (אי'ווג-לי) גלייך, גלאט; אונפארטייאיש.

e'venness *n.* (אי'ווג-נעס) גלייכהייט, גלאטקייט; גייסטעסרוהיגקייט, געלאסענקייט; אונפארטייליכקייט.

e'venness of tem'per (אי'ווג-נעס אוו טעמ'-פער) געלאסענקייט, רוהיגקייט.

e'ven now (איוון נאו) אפילו איצט.

Even now, after many years of study, he is not able to speak English correctly.

e'ven num'ber (איוון נאמ'-בער) א גראד־צאהל [ווי 2, 4, 6 א. ז. וו.].

e'ven or odd (איוון אר אד) גראד צי אום [אן אלטע שפיעל].

e'ven page (איוון פיידזש) די זייט פון א בלאט אין א בוך, אויף וועלכער עס איז אנגעצייכענט א גראד־נומער [ווי 32, 34, 36 א. ד. ג.].

e'ven-pleached *a.* (אי'ווג-פליעטשט) גלאט געפלאכטען.

e'ven-song *n.* (אי'ווג-סאנג) תפלת מעריב; אן אבענד־ליעד.

event' *n.* (אי-וועגט') א בעגעבענהייט, א פארפאל, א פאסירונג, א געשעהעניש.

e'ven-tem'pered *a.* (אי'ווג-טעמ'-פערד) גלייכמוטיג, געלאסען, רוהיג.

event'ful *a.* (אי-וועגט'-פול) פול מיט פארפעלע אדער פאסירונגען.

event'less *a.* (אי-וועגט'-לעס) אהן פאסירונגען, מאנאטאנע.

eventra'tion *n.* (אי-וועג-טריי'-שאן) אין מעדיצין — דער צושטאנד פון א פערזעהעניש אדער אונגארמאלע בעשעפעניש, ביי וועלכער די געדערים ענטהאלטען זיך אין א מין זעקעל, וואס הענגט אראב פון בויך; א ברוך אדער קילע, וואו די געדערים געהען ארויס פון בויך.

even'tual *a.* (אי-וועג'-טשו-על) מעגליך; וואס הענגט אב פון א מעגליכען פאל; וואס בעקומט זיך פון א מעגליכען פאל; וואס פאסירט אונטער דעם דרוק פון די אומשטענדען; סוף כל סוף; ענטשיידענד; ענדליך, שליסליך.

eventual'ity *n.* (אי-וועג-טשו-על'-אי-טי) דאס וואס פאסירט אונטער דעם דרוק פון אומשטענדען; דאס געפיהל פאר פאסירונגען און די איינגעשאפט זיי צו געדענקען.

even'tually *adv.* (אי-זועג'-טשו-על-אי) ענדליך, שליסליך; לויט דעם אויסגאנג; לויט דעם פארקומענדען פאל.

even'tuate *v.* (אי-וועג'-טשו-אייט) 1. זיך אויסלאזען מיט..., זיך ענדיגען מיט...; 2. פאסירען, אויספאלען, פארקומען.

1. The agitation against slavery eventuated in a civil war.

eventua'tion *n.* (אי-וועג-טשו-איי'-שאן) דאס פאסירען אונטער דעם דרוק פון די אומשטענדען.

ev'er *adv.* (עוו'-ער) אימער, צו יעדער צייט; אין יעדען פאל.

ev'er and anon' (עוו'-ער ענד ע-נאן') אפטמאל; פון צייט צו צייט.

ev'er-dur'ing *a.* (עוו'-ער־דיור'-אינג) אימער־דויערענד, אייביג.

ev'erglade *n.* (עוו'-ער-גלייד) א שטרעקע זומפיג לאנד וואס איז מעהר אדער ווענינער בעוואקסען מיט הויכען גראז.

ev'ergreen *a. and n.* (עוו'-ער-גריען) אימער גרין; א פלאנצע וועלכע בלייבט גרין דעם גאנצען יאהר.

The pine is an evergreen tree.

everlas'ting *a. and n.* (עוו-ער-לעס'-טינג) אונאויפהערליך; אונענדליך; אימער־דויערענד; אייביג; וואס ציהט זיך אונענדליך לאנג; אונגעהייער גרויס אדער מעכטיג; די אייביגקייט; דער אייביגער [גאט]; אזא שטארקער וואלען־שטאף; א נאמען פון געוויסע פלאנצען, וואס זייערע בלומען האלטען אן זייער פארם, קאליר און גלאנץ נאכדעם ווי זיי זיינען פערטריקענט געווארען.

everlas'ting flow'ers (עוו-ער-לעס'-טינג פלאו'-ערז) בלומען, ביי וועלכע די פארם און דער קאליר פון די בלעטער בייטען זיך ניט נאכדעם ווי זיי זיינען פערטריקענט געווארען.

everlas'tingly *adv.* (עוו-ער-לעס'-טינג-לי) פאר אלע צייטען; פאר אימער; פאר אן אונבעשטימטער לאנגער צייט; אהן א גרענעץ; אונגעהייער.

everlas'tingness *n.* (עוו-ער-לעס'-טינג-נעס) אייבינקייט; אונענדליכקייט, אונאויפהערליכקייט.

everlas'ting pea (עוו-ער-לעס'-טינג פיע) אזא ארבעס־עהנליכע פלאנצע.

everlas'ting tor'ment (עוו-ער-לעס'-טינג טאהר'-מענט) די יסורים פון גיהנום.

ev'er-liv'ing *a.* (עוו'-ער-ליוו'-אינג) אונשטערבליך; וואס לעבט אייביג; וואס עקזיסטירט אימער.

ev'ermore *adv.* (עוו'-ער-מאור) פאר אימער, פאר אלע צייטען; פאר אייביג.

ever'sible *a.* (אי-וואיר'-סיבל) וואס קען איבערגעקעהרט אדער אויסגעקעהרט ווערען.

ever'sion *n.* (אי-וואיר'-שאן) דאס איבערקעהרען אדער אויסקעהרען.

ev'er so lit'tle (עוו'-ער סאו ליטל) נאך אזוי ווענינ.

evert' *v.* (אי-וואירט') אויסקעהרען, איבערקעהרען.

eve'ry *a.* (עוו'-רי) יעדער, יעדע, יעדעס.

eve'ry bit (עוו'-רי ביט) אין יעדער הינזיכט; אין אלע פונקטען.

eve'rybody *n.* (עוו'-רי-באד-אי) איטליכער; יעדער איינער.

eve'ry-day *a.* (עוו'-רי-דיי) אלטעגליך, פאר יעדען טאג.

eve'ry-day man (עוו'-רי-דיי מען) א געוועהנליכער מענש, א מענש פון א גאנץ יאהר.

eve'ryhow *adv.* (עוו'-רי-האו) אויף יעדען אופן.

eve'ry jot of it (עוו'-רי דזשאט אוו איט) אינגאנצען, יעדעס פינטעלע.

eve'ry kind of (עוו'-רי קאינד אוו) יעדערליי, יעדער מין.

eve'ry moth'er's child (עוו'-רי מאטה'-ערז טשאילד) יעדער איינער; די גאנצע חברה.

eve'ry moth'er's son (עוו'-רי מאטה'-ערז סאן) יעדער איינער; די גאנצע חברה.

eve'ry now and then (עוו'-רי נאו ענד טהען) אלע וויילע.

eve'ry once in a while (עוו'-רי הוואנס איז ע הוואיל) יעדען אויגענבליק; אלע וויילע.

eve'ry one (עוו'-רי הוואן) יעדער איינער, איטליכער.

eve'ry oth'er (עוו'-רי אטה'-ער) איינער איבער דעם אנדערען [ווי א טאג איבער א טאג].

eve'ry oth'er day (עוו'-רי אטה'-ער דיי) א טאג איבער א טאג.

eve'ry soul (עוו'-רי סאול) יעדער איינער, איטליכער.

eve'rything *n.* (עוו'-רי-טהינג) יעדע זאך, דאס וויכטיגסטע; אלעס; א פולע, א סך.

eve'rywhen *adv.* (עוו'-רי-הווען) אין אלע צייטען.

eve'rywhere *adv.* (עוו'-רי-הוועהר) איבעראל, אומעדום.

evict' *v.* (אי-וויקט') ארויסווארפען [פון א דירה]; אוועקנעהמען געריכטליך אייגענעמס בעזיץ; דערווייטערען אדער ארויסטרייבען מיט גוואלט.

The widow could not pay rent and was evicted by the landlord.

evic'tion *n.* (אי-וויק'-שאן) דאס ארויסווארפען [פון א דירה]; דאס אוועקנעהמען געריכטליך איינעמס בעזיץ; דאס דערווייטערען אדער פערטרייבען מיט גוואלט.

evic'tor *n.* (אי-וויק'-טאר) איינער וואס ווארפט ארויס איממעצען פון א דירה; איינער וואס נעהמט געריכטליך צו איממעצענס בעזיץ.

ev'idence *n. and v.* (עוו'-אי-דענס) אויגענשיינליכקייט; א בעוויז, א צייגניס; אן עדות; בעווייזען.

ev'idence aliun'de (עוו'-אי-דענס איי-לי-אנ'-די) בעווייזע פון אן אנדער קוואל [ווי למשל, פאקטען בנוגע צו א ירושה, וועלכע ווערען ניט דערמאנט אין דער צוואה].

ev'ident *a.* (עוו'-אי-דענט) אויגענשיינליך, אפענבאר; וואס זעהט זיך קלאר ארויס.

eviden'tial *a.* (עוו-אי-דענ'-שעל) צייגענד, בעווייזענד.

eviden'tially *adv.* (עוו-אי-דענ'-שעל-אי) אויף א בעווייזענדען שטייגער.

ev'identness *n.* (עוו'-אי-דענט-נעס) אויגענשיינליכקייט, קלארקייט.

e'vil *a. and n.* (איוול) שלעכט, בייז, פערדארבען, זינדיג; שלעכטס, בייזקייט; אונגליק; א צרה; א שלאק, א פרעניות.

e'vil-affec'ted *a.* (אי'וול-ע-פעק'-טעד) מיט בייזע מחשבות; אונפריינדליך.

e'vil an'gel (אי'וול איינ'-דזשעל) א בייזער מלאך.

e'vil-bo'ding *a.* (אי'וול-באו'-דינג) וואס טראגט עפעס בייזעס; וואס זאגט אן אויף שלעכטס.

e'vil-disposed' *a.* (אי'וול-דיס-פאוזד') שלעכט=געזינט; בייזהאפט; געניינט צו טהאן שלעכטס.

e'vil disposi'tion (איוול דיס-פא-זיש'-אן) א נייגונג צו טהאן שלעכטס.

e'vil-do'er *n.* (אי'וול-דוה'-ער) איינער וואס טהוט שלעכטס; א מחבל; א פערברעכער געגען מאראל און זיטליכקייט.

e'vil-eye *n.* (אי'וול-אי) א בייז=אויג, אן עין=הרע.

e'vil-eyed *a.* (אי'וול-איד) מיט א שלעכט=אויג; מיט קנאה.

e'vil ge'nius (איוול דזשי'-ני-אס) א בייזער גייסט.

e'villy *adv.* (אי'וול-אי) אויף א שלעכטען אדער בייזען שטייגער.

e'vil-min'ded *a.* (אי'וול-מאינ'-דעד) ז. *evil-disposed*.

e'vilness *n.* (אי'וול-נעס) בייזהייט, בייזארטיגקייט; שלעכטס.

e'vil-o'mened *a.* (אי'וול-או'-מענד) וואס ציינט אן אויף שלעכטס; אנווייזענד אויף עטוואס בייזעס.

e'vil-spea'king *n.* (אי'וול-ספיע'-קינג) פערליימדונג, לשון הרע, רכילות.

e'vil-wor'ker *n.* (אי'וול-הוואיר'-קער) ז. *evil-doer*.

evince' *v.* (אי-ווינס') אויפציינען, אויפווייזען; איבערציינען, בעווייזען.

evince'ment *n.* (אי-ווינס'-מענט) דאס אויפציינען, דאס בעווייזען.

evin'cingly *adv.* (אי-ווינ'-סינג-לי) דורך אויפווייזונג; אויף אן איבערציינענדען שטייגער.

evis'cerate *v.* (אי-וויס'-ע-רייט) ארויסנעהמען די געדערים; בערויבען פון די וויכטיגסטע טיילען; אויפדעקען; אויסלעדיגען.

evis'cerated *a.* (אי-וויס'-ע-ריי-טעד) אויסגעלעדיגט, אהן אינהאלט, אונבעדייטענד.

eviscera'tion *n.* (אי-וויס-ע-ריי'-שאן) דאס ארויסנעהמען די איינגעווייד; דאס אויסלעדיגען.

eviter'nal *a.* (עוו-אי-טויר'-נעל) וואס דויערט אונענדליך לאנג; אייביג.

eviter'nally *adv.* (עוו-אי-טויר'-נעל-אי) דורך אייביגקייט; לעולם ועד.

eviter'nity *n.* (עוו-אי-טויר'-ני-טי) אייביגקייט.

evoca'tion *n.* (עוו-א-קיי'-שאן) דאס ארויסרופען רוחות אדער געטער [ווי די אלטע רוימער פלעגען ארויסרופען דורך רעליגיעזע צערעמאניעס די געטער פון א בעלאגערטער שטאדט זיי זאלען צושטעהן צו די בעלאגערער]; דאס איבערטראגען א פראצעס פון איין געריכט צו אן אנדערען.

evoke' *v.* (אי-וואוק') ארויסרופען [גייסטער אדער געטער]; אריבערטראגען א פראצעס פון איין געריכט צו אן אנדערען.

ev'olute *n.* (עוו'-א-ליוט) אן עוואלוטע [א מאטעמאטישע קרומע ליניע וועלכע איז דער קרימונגס=מיטעלפונקט פון אן אנדער קרומער ליניע].

evolu'tion *n.* (עוו-א-ליו'-שאן) עוואלוציאן, ענטוויקלונג; די ענטוויקלונג פון דעם עמבריא אדער פון קיים אין אן ארגאניזם; די ענטוויקלונג פון חיות אדער פלאנצען פון נידריגע מינים צו העכערע; די ענטוויקלונג פון דער וועלט; אין מאטעמאטיק — דאס ווארצעל=אויסציהען פון א קוואדראטישער אדער קובישער צאהל א. ז. וו., צ. ב. 4 איז דער קוואדראטישער ווארצעל פון 16, 3 איז דער קובישער ווארצעל פון 27; א מאנעווורע [ווי פון סאלדאטען, שיפען א. ד. ג.]; א פראדוקט [וואס האט זיך ענטוויקעלט אדער איז אויסגעוואקסען].

evolu'tionary *a.* (עוו-א-ליו'-שאנ-ע-רי) וואס איז שייך צו עוואלוציאן; וואס געהערט צו ענטוויקלונג; וואס איז שייך צו א מאנעווורע פון אן ארמעע אדער פלאטע א. ד. ג.

evolu'tionism *n.* (עוו-א-ליו'-שאנ-איזם) די עוואלוציאנס אדער ענטוויקלונגס=לעהרע [וועגען דער ענטוויקלונג פון חיות אדער וועגען דער ענטוויקלונג פון דער וועלט].

evolu'tionist *n. and a.* (עוו-א-ליו'-שאנ-איסט) אן אנהענגער פון דער עוואלוציאנס אדער ענטוויקלונגס=לעהרע; וואס איז געגרינדעט אויף דער עוואלוציאנס=טעאריע.

evolutionis'tic *a.* (עוו-א-ליו-שאנ-איס'-טיק) וואס איז געגרינדעט אויף דער עוואלוציאנס=טעאריע.

ev'olutive *a.* (עוו'-א-ליו-טיוו) ז. *evolutionary*.

evol'vable *a.* (אי-וואל'-וועבל) וואס קען זיך ענטוויקלען.

evolve' *v.* (אי-וואלוו') ענטוויקלען, פאנאנדערוויקלען; זיך פאנאנדערוויקלען; זיך ענטוויקלען.

evolve'ment *n.* (אי-וואלוו'-מענט) די ענטוויקלונג.

evol'vent *n.* (אי-וואל'-ווענט) אן עוואלווענטע [א מאטעמאטישע קרומע ליניע, וועלכע ווערט בעשריבען פון דעם ענד פון א גראדער ליניע וואס בעוועגט זיך ארום א קרייז].

evol'ver *n.* (אי-וואל'-ווער) איינער וואס וויקעלט פאנאנדער אדער וויקעלט אב.

evul'sion *n.* (אי-וואל'-שאן) דאס ארויסרייסען, דאס ארויסציהען מיט גוואלט.

ewe *n.* (יו) א שאף, א שעפס [א "זי" פון שאף].

ewe'-lamb *n.* (יו'-לעם) א לעמעלע, א קליין שעפעלע.

ewe'-neck *n.* (יו'-נעק) א האלז ווי פון א שעפס, דין און געבויגען אויף הינטען [וועגען פערד].

ewe'-necked *a.* (יו'-נעקט) וואס האט א דינעם געבויגענעם האלז.

ew'er *n.* (יו'-ער) א וואסער=קאן; א קרוג.

ew'ery *n.* (יו'-ער-אי) דאס צימער אין א [קעניגליכען] פאלאץ, וואו עס ווערט געהאלטען די טיש=געשיר.

ex *prep.* (עקס) אויסען; געוועזענעם.

He is an ex-Congressman.

exac'erbate *v.* (עג-זעס'-ער-בייט) ערביטערען, מאכען מעהר אויפגערעגט.

exacerba'tion *n.* (עג-זעס-ער-ביי'-שאן) די ערביטערונג, צורייצטקייט; דאס מאכען מעהר אויפגערעגט; די פערשטארקונג פון א קראנקהייט.

exacerbes'cence *n.* (ענ-זעס-ער-בעס'-ענס) א פערגרעסערטע אויפרעגונג; די פערשטארקונג פון פיבער [קדחת].

exact' *a. and v.* (ענ-זעקט') 1. פינקטליך, ריכטיג, אקוראט; 2. צווינגען צו צאהלען, ארויספרעסען געלד; 3. פאדערען רעכט, צווינגען צו אנערקענען דאס רעכט.
1. I do not know the exact time of my departure. 2. He exacted payment for his services. 3. The allies exacted severe terms from Turkey.

exac'ter *n.* (ענ-זעק'-טער) ז. *exactor*.

exac'ting *a.* (ענ-זעק'-טינג) וואס פאדערט זעהר פיעל; וואס פרעסט ארויס; פינקטליך, אקוראט.

exac'tingness *n.* (ענ-זעק'-טינג-נעס) פינקטליכקייט; ריכטיגקייט; דאס ארויספרעסען; דאס פאדערען; דאס צווינגען.

exac'tion *n.* (ענ-זעק'-שאן) די פאדערונג; דאס צווינגען צו בעצאהלען; די געלד-ארויספרעסונג; דאס וואס ווערט ארויסגעפרעסט; דאס וואס ווערט בעצאהלט מיט גוואלט; דאס נעהמען כאבאר, שוחד.

exac'titude *n.* (ענ-זעק'-טי-טיוד) פינקטליכקייט, נעגויאיגקייט.

exact'ly *adv.* (ענ-זעקט'-לי) פינקטליך, נעגוי.

exact'ness *n.* (ענ-זעקט'-נעס) ז. *exactitude*.

exac'tor *n.* (ענ-זעק'-טאר) איינער וואס צווינגט צו בעצאהלען; א סבארשטשיק; איינער וואס צווינגט צו בעצאהלען מעהר וויפיעל עס קומט; א הויט-שינדער, א בערויבער.

exact' sci'ences (ענ-זעקט' סאי'-ענס-ען) די פינקטליכע וויסענשאפטען [די וויסענשאפטען וועלכע האבען צו טהאן מיט מאטעמאטישע קוואנטיטעטען, ווי פיזיק, כעמיע א. ד. ג.].

exag'gerate *v.* (ענ-זערזש'-ע-רייט) איבערטרייבען, פערגרעסערען, מגזם זיין.

exag'gerated *a.* (ענ-זערזש'-ע-ריי-טעד) איבערטריבען, גוזמא'דיג.

exag'geratedly *adv.* (ענ-זערזש'-ע-ריי-טעד-לי) איבערטרייבענדיג, איבערבאפענדיג די מאס, בלשון גוזמא.

exag'geratingly *adv.* (ענ-זערזש'-ע-ריי-טינג-לי) ז. *exaggeratedly*.

exaggera'tion *n.* (ענ זערזש-ע-ריי'-שאן) די איבערטרייבונג, די פערגרעסערונג; דאס אריבערכאפען די מאס.

exag'gerative *a.* (ענ-זערזש'-ע-ריי-טיוו) וואס איבערטרייבט, וואס כאפט אריבער די מאס.

exag'geratively *adv.* (ענ-זערזש'-ע-ריי-טיוו-לי) מיט איבערטרייבונג; בלשון גוזמא.

exag'gerator *n.* (ענ-זערזש'-ע-ריי-טאר) אן איבערטרייבער; א בעל-מגזם.

exag'geratory *a.* (ענ-זערזש'-ע-ריי-טא-רי) איבערטרייבענד, פערגרעסערענד, וואס איז אריבער דער מאס.

exalt' *v.* (ענ-זאהלט') אויפהויבען; ערהויבען צו א הויכער מדרגה; לויבען, געבען א שבח.

exalta'do *n.* (עק-סאל-טא'-דאו) אן עקזאלטאדא, א מיטגליעד פון א שפאנישער פאליטישער פארטיי אין דער ערשטער העלפט פון 19טען יאהרהונדערט, וועלכע איז געוועזן זעהר עקסטרעם אין איהר ראדיקאל-דעמאקראטישער פראגראם.

exalta'tion *n.* (עקס-אהל-טיי'-שאן) די אויפהויבונג, די ערהויבונג; עקזאלטאציאן, הויכע בעגייסטערונג.

exal'ted *a.* (ענ זאהל'-טער) ערהויבען, הויך; מיט א הויכער בעגייסטערונג.

exal'tedness *n.* (ענ-זאהל'-טער-נעס) ערהאבענהייט, הויכקייט; דאס ווערען דערהויכט.

exal'ter *n.* (ענ-זאהל'-טער) דער אדער דאס וואס לויבט אדער ערהויבט.

exam' *n.* (ענ-זעם') א; אבקירצונג פון *examination*.

exa'men *n.* (ענ-זיי'-מען) אן עקזאמען, א פערהער; אן אונטערזוכונג.

examina'tion *n.* (ענ-זעם-אי-ניי'-שאן) דאס עקזאמינירען, דאס פערהערען; דאס ווערען עקזאמינירט אדער פערהערט; דאס אונטערזוכען, א נאכפארשונג.

examina'tionism *n.* (ענ-זעם-אי-ניי'-שאנ-איזם) דאס אורטיילען וועגען איינעמס קענטניסע אדער פעהיגקייטען דורך צופיעל עקזאמינירען אדער שטעלען פראגען.

examina'tion-pa'per *n.* (ענ-זעם-אי-ניי'-שאן-פיי'-פער) דאס פאפיער אויף וועלכען עס זיינען אבגעדרוקט די עקזאמינאציאנס-פראגען; א סעריע פון געשריבענע ענטפערען אויף די עקזאמינאציאנס-פראגען.

exam'ine *v.* (ענ-זעמ'-אין) עקזאמעניערען; אונטערזוכען, פערהערען.

examinee' *n.* (ענ-זעמ-אי-ניע') איינער וועמען מען עקזאמינירט.

exam'iner *n.* (ענ-זעמ'-אי-נער) אן עקזאמינירער; אן אונטערזוכונגס-ריכטער; א פערהערער.

exam'inership *n.* (ענ-זעמ'-אי-נער-שיפ) דאס אמט פון אן עקזאמענירער.

exam'ining-commit'tee *n.* (ענ-זעמ'-אי-נינג-קאמ-אי'-טי) דער עקזאמינאציאנס-קאמיטעט.

exam'ple *n. and v.* (ענ-זעמ'פל) א ביישפיעל; א מוסטער; אן עקזעמפלאר; געבען א ביישפיעל אדער מוסטער.

exan'imate *a.* (ענ-זענ'-אי-מייט) לעבענסלאז, טויט; מוטלאז, נידערגעשלאגען.

exanima'tion *n.* (ענ-זענ-אי-מיי'-שאן) לעבענסלאזינקייט, פער'חלש'טקייט; מוטלאזינקייט, נידערגעשלאגענקייט.

ex an'imo (עקס ענ'-אי-מאו) פון גאנצען הארצען.

exan'them *n.* (ענ-זענ'-טהעם) אן אויסשלאג אויף דער הויט, א הויט-קראנקהייט [מעהרסטענטייל פערבונדען מיט פיבער אדער ענטצינדונג, ווי ביי סקארלאטין, מאזלען א. ד. ג.]; א קראנקהייט, איינער פון די סימפטאמען פון וועלכער איז אן אויסשלאג אויף דער הויט [ווי סקארלאטין, מאזלען א. ד. ג.]; אן אנוואוקס אויף פלאנצען-בלעטער.

exanthe'ma *n.* (עק-סענ-טהי'-מא) אן אייסשלאג אויף דער הויט [מעהרסטענטייל פערבונדען מיט פיבער אדער ענטצינדונג, ווי ביי סקארלאטין, מאזלען א. ד. ג.]; א קראנקהייט, איינער פון די סימפטאמען פון וועלכער איז אן אויסשלאג אויף דער הויט [ווי סקארלאטין, מאזלען א. ד. ג.].

exanthemat'ic *a.* (ענ-זענ-טהי-מעט'-איק) וואס איז עהנליך אדער וואס איז שייך צו א הויט-אויסשלאג. ז. *exanthema*.

exanthem'atous *a.* (עק-סענ-טהעמ'-ע-טאס) וואס איז עהנליך אדער שייך צו א הויט-אויסשלאג. ז. *exanthema*.

exanthe'sis *n.* (עק-סענ-טהי'-סיס) א הויט-אויסשלאג. ז. *exanthema*.

ex'arch *n.* (עקס'-ארק) אן עקזארך, א וויצע-קעניג פון א פראווינץ אין דער אמאליגער ביזאנטישער אימפעריע, א הויכער קריסטליכער גייסטליכער.

ex'archate *n.* (עקס'-אר-קיים) עקזארכאט, דאס אמט אדער דער ראנג פון אן עקזארך [וויצע-קעניג פון א פראווינץ אין דער אמאליגער ביזאנטישער אימפעריע]; די פראווינץ אונטער דער הערשאפט פון אן עקזארך.

exarteri'tis *n.* (עקס-אר-טע-ראי'-טיס) אן ענטצינדונג פון דער אויסערליכער שיכט פון אן ארטעריע אדער שלאג-אדער.

exarthro'sis *n.* (עקס-אר-טהראו'-סיס) אן אויסלינקונג; דאס ארויסגעהן פון אן אבר פון זיין געלענק.

exartic'ulate *v. and a.* (עקס-אר-טיק'-יו-ליים) ארויסציהען פון געלענק, אויסלינקען, אבשניידען א גליעד ביים געלענק; אין זאלאגיע — וואס האט ניט קיין געלענקען.

exarticula'tion *n.* (עקס-אר-טיק-יו-ליי'-שאן) דאס אויסלינקען [פון אן אבר]; דאס אבשניידען א גליעד ביים געלענק; דאס ניט האבען קיין געלענקען.

exas'perate *n. and a.* (ענ-זעס'-פע-רייט) דערצארנען, אויפרעגען, אויפרייצען; ערביטערען; פערשטארקערען [צארן אדער אויפגערעגטקייט]; פערשלימערען [א קראנקהייט]; אויפגעבראכט, דערצארענט; אין באטאניק — ניט גלאט, שארסטקע.

exas'perated *a.* (ענ-זעס'-פע-ריי-טעד) פערביטערט, אויפגעבראכט, דערצארענט.

exas'perater *n.* (ענ-זעס'-פע-ריי-טער) איינער וואס ברייננט אריין אין כעס אדער רייצט אויף.

exaspera'tion *n.* (ענ-זעס-פע-ריי'-שאן) די ערביטערונג; גרויסער צארן; פערשטארקערונג [פון צארן, אויפגעבראכטקייט]; פערערגערונג [פון א קראנקהייט].

excandes'cence *n.* (עקס-קענ-דעס'-ענס) ווייס-גלוט: גלות, צארן.

excandes'cency *n.* (עקס-קענ-דעס'-ענ-סי) ז. *excandescence*.

excandes'cent *a.* (עקס-קענ-דעס'-ענט) ווייס-גליהענד.

excar'nate *v. and a.* (עקס-קאר'-נייט) אראבנעהמען דאס פלייש, ארויסנעהמען אדער אבטיילען פון די פלייש-טיילען; בעפרייט פון פלייש, געמאכט אונקערפערליך.

excarna'tion *n.* (עקס-קאר-ניי'-שאן) דאס אראבנעהמען דאס פלייש; דאס זיין בעפרייט פון פלייש; דאס זיין אונקערפערליך; בעפרייאונג פון קערפער.

excar'nificate *v.* (עקס-קאר'-ני-פי-קיים) אראבנעהמען דאס פלייש.

excarnifica'tion *n.* (עקס-קאר-ני-פי-קיי'-שאן) דאס אראבנעהמען דאס פלייש.

ex cath'edra (עקס קעטה'-אי-דרא) מיט אויטאריטעט, בעפעהליעריש, וואס געהט אפיציעל ארויס פון פאפסט אדער בייזאף.

excau'date *a.* (עקס-קאה'-דייט) וואס האבען ניט קיין עק [וועגען חיות].

ex'cavate *v. and a.* (עקס'-קע-ווייט) אויסגראבען, ארויסגראבען, ארויסנעהמען פון אינוועניג, אויסהוילען; אין זאאלאגיע — אויסגעהוילט, איינגעקארבט.

ex'cavated *a.* (עקס'-קע-וויי-טעד) אויסגעגראבען, אויסגעהוילט; אין זאאלאגיע — איינגעקארבט.

excava'tion *n.* (עקס-קע-וויי'-שאן) אויסהוילונג, אויסגראבונג.

ex'cavator *n.* (עקס'-קע-וויי-טאר) איינער אדער עטוואס וואס גראבט אויס אדער הוילט אויס; אן אויסגראבונגס=מאשין; אן אינסטרומענט מיט וועלכען א דענטיסט רייניגט אויס די פוילע טיילען פון דעם צאהן איידער ער פלאמבירט איהם.



Excavator

exceed' *v.* (עק-סיעד') איבערטרעטען, געהן צו ווייט; איבערשטייגען, איבערטרעפען.

Goods are cheap when the supply exceeds the demand.

excee'der *n.* (עק-סיע'-דער) איינער וואס טרעט איבער, געהט צו ווייט אדער שטייגט איבער.

excee'ding *a.* (עק-סיע'-דינג) אונגעהייער, אויסערגעוועהנליך; איבערטרעפענד; מערקווירדיג.

excee'dingly *adv.* (עק-סיע'-דינג-לי) אין א זעהר גרויסער מאס; זעהר פיעל; אויסערגעוועהנליך, אונגעהייער.

excel' *v.* (עק-סעל') איבערטרעפען, איבערשטייגען, זיך אויסצייכענען.

The Cossacks excel in horsemanship.

ex'cellence *n.* (עק'-סע-לענס) פארציגליכקייט, איבערטרעפליכקייט, אויסגעצייכענטקייט; דאס געפינען זיך אין א העכערען צושטאנד איידער אנדערע.

ex'cellency *n.* (עק'-סע-לענ-סי) עקסעלענץ [א הויכער עהרען=טיטעל].

ex'cellent *a.* (עק'-סע-לענט) פארטרעפליך, אויסגעצייכענט.

ex'cellently *adv.* (עק'-סע-לענט-לי) אויף א פארטרעפליכען אופן.

excel'ling *a.* (עק-סעל'-אינג) אויסגעצייכענט.

excel'sior *a. and n.* (עק-סעל'-סי-אהר) העכער, אימער שטייגענדיג; א געוויסער זארט דינע האלץ=שפענער מיט וועלכע מען פאלסטערט שטוהלען און דיוואנעס.

excen'tric *a.* (עק-סענ'-טריק) ז. *eccentric*.

excen'trically *adv.* (עק-סענ'-טרי-קעל-אי) ז. *eccentrically*.

excentric'ity *n.* (עק-סענ-טריס'-אי-טי) ז. *eccentricity*.

except' *v., prep. and c.* (עק-סעפט') 1. אויסנעהמען, אויסשליסען; איינווענדען; 2. אויסגענומען, אויסער; סיידען, א חוץ.

1. The United States excepts none in its guarantees for liberty. 2. Except for the accident, we should have arrived in time.

excep'ting *prep. and c.* (עק-סעפ'-טינג) אויסגענומען, אויסער; סיידען.

excep'tion *n.* (עק-סעפ'-שאן) אן אויסנאהמע, אן אויסשליסונג; א טאדעל, א פארוואורף, אן ערווידערונג; דאס ניט אנערקענען; אין געריכטס=פראצעסען — אן עקסעפציאן, אן ערקלערונג פון איינעם פון די שטרייטענדע צדדים, אז דורך געוויסע טעמים איז דער פראצעס אונגעזעצליך, אדער א פאדערונג פון איינעם אדער פון ביידע צדדים מען זאל אויסשליסען א ריכטער, אן עדות א. ד. ג.

excep'tionable *a.* (עק-סעפ'-שאנ-עבל) געגען וואס מען קען ערווידערען אדער איינווענדען; וואס מען קען אויסשליסען.

excep'tionableness *n.* (עק-סעפ'-שאנ-עבל-נעס) דאס קענען זיין אויסגעשלאסען; דאס קענען ארויסרופען א טאדעל אדער פארוואורף.

excep'tionably *adv.* (עק-סעפ'-שאנ-ע-בלי) אויף אזא שטייגער, דאס מען קען טאדלען אדער מאכען א פארוואורף.

excep'tional *a.* (עק-סעפ'-שאנ-על) אויסשליסליך; וואס מאכט אן אויסנאהמע.

exceptional'ity *n.* (עק-סעפ-שא-נעל'-אי-טי) אויסשליסליכקייט.

excep'tionally *adv.* (עק-סעפ'-שאנ-על-אי) אויף אן אויסשליסליכען אדער אונגעוועהנליכען שטייגער.

excep'tionalness *n.* (עק-סעפ'-שאנ-על-נעס) אויסשליסליכקייט; אן אונגעוועהנליכער כאראקטער אדער איינענשאפט.

excep'tive *a.* (עק-סעפ'-טיוו) וואס מאכט אן אויסנאהמע; אויסשליסליך; וואס רופט ארויס טאדעל אדער פארוואורף.

except'less *a.* (עק-סעפט'-לעס) אהן אויסנאהמע; וואס מאכט ניט קיין אויסנאהמע.

excep'tor *n.* (עק-סעפ'-טאר) אן איינווענדער, אן ענטגעגנער.

excerpt' *v. and n.* (עק-סוירפט') אויסוועהלען, זאמלען; אן אויסוואהל, א זאמלונג; אן אויסצוג פון א ווערק.

excerp'tive *a.* (עק-סוירפ'-טיוו) וואס קלייבט אויס; וועהלענד.

excerp'tor *n.* (עק-סוירפ'-טאר) אן אויסוועהלער, א זאמלער.

excess' *n.* (עק-סעס') אן איבער=מאס, איבערפליסיגקייט; איבריגקייט, עפעס וואס בלייבט איבער.

exces'sive *a.* (עק-סעס'-איוו) איבערמעסיג.

exces'sively *adv.* (עק-סעס'-איוו-לי) איבער דער מאס.

exces'siveness *n.* (עק-סעס'-איוו-נעס) איבער=מעסיגקייט.

exchange' *v. and n.* (עקס-טשיינדזש') טוישען, אויסבייטען; א טויש, א בייט; דאס בייטען; דער געלד=פרייז, דער קורס, דער וועקסעל=פרייז; א בערזע.

exchangeabil'ity *n.* (עקס-טשיינ-דזשע-ביל'-אי-טי) די מעגליכקייט צו ווערען אויסגעביטען.

exchan'geable *a.* (עקס-טשיינ'-דזשעבל) וואס קען אויסגעטוישט אדער אויסגעביטען ווערען.

exchange' blows (עקס-טשיינדזש' בלאוז) שלאגען זיך.

exchange'-bro'ker *n.* (עקס-טשיינדזש'-בראו'-קער) א מעקלער אויף דער בערזע; איינער וואס קויפט אויף און פערקויפט ווערטה=פאפיערען; א חלפן; איינער וואס בייט אויס גרויס אדער וועניג גאנגבאר געלד.

exchange' in read'y mon'ey (עקס-טשיינדזש' אין רעד'-אי מאנ'-אי) האנדלען אויף מזומן.

exchange' kiss'es (עקס-טשיינדזש' קיס'-עז) קושען זיך.

exchange' let'ters (עקס-טשיינדזש' לעט'-ערז) קארעספאנדירען, דורכשרייבען זיך מיט בריעף.

exchange'-of'fice *n.* (עקס'-טשיינדזש-אפ'-איס) א באנק אדער קאנטאר פון א חלפן.

exchan'ger *n.* (עקס-טשיינ'-דזשער) א וועקסלער, א חלפן.

exchange' shots (עקס-טשיינדזש' שאטס) שיסען איינער געגען דעם אנדערען.

exchequ'er *n.* (עקס-טשעק'-ער) די שאץ=קאמער, די קאזנאטשייסטווע; דאס פינאנץ=מיניסטעריום אין ענגלאנד.

exchequ'er bill (עקס-טשעק'-ער ביל) א קרעדיט=בילעט פון דער ענגלישער קאזנאטשייסטווע, וועלכע צאהלט דארויף א געוויסען פראצענט.

exchequ'er loan (עקס-טשעק'-ער לאון) א רעגיערונגס=הלואה.

exci'sable *a.* (עק-סאי'-זעבל) וואס מען מוז צאהלען אקציז פאר.

excise' *n. and v.* (עק-סאיז') אקציז=שטייער; די אקציז=פערוואלטונג; ארויפלעגען שטייער, בעשטייערען; אבשניידען.

excise'man *n.* (עק-סאיז'-מען) אן אקציז=אייננעהמער, אן אקציזניק.

excise'-of'fice *n.* (עק-סאיז'-אפ'-איס) אן אקציז קאנטאר; דאס אמט פון אן אקציזניק.

excise'-of'ficer *n.* (עק-סאיז'-אפ'-איס-ער) אן אקציזניק.

exci'sion *n.* (עק-סיזש'-אן) אויסשניידונג, פערשניידונג; דאס אבהאקען די פערבינדונגען.

excitabil'ity *n.* (עק-סאי-טע-ביל'-אי-טי) דאס אויפגערעגט ווערען; נערוועזיטעט, דאס זיין נערוועז.

exci'table *a.* (עק-סאי'-טעבל) וואס ווערט אויפגערעגט.

exci'tableness *n.* (עק-סאי'-טעבל-נעס) ז. *excitability*.

excita'tion *n.* (עק-סי-טיי'-שאן) אויפרעגונג.

exci'tative *a.* (עק-סאי'-טע-טיוו) אויפרעגענד; וואס קען זיך אויפרעגען.

exci'tatory *a.* (עק-סאי'-טע-טא-רי) ז. *excitative*.

excite' *v.* (עק-סאיט') אויפרעגען; ערוועקען; רייצען.

exci'tedly *adv.* (עק-סאי'-טעד-לי) אויף אן אויפגערעגטען אדער גערייצטען אופן; אויף אן ערוועקענדען אופן.

excite'ment *n.* (עק-סאיט'-מענט) אויפרעגונג, אויפרייצונג, ערוועקונג; אויפגערייצטקייט; דאס זיין אויפגערעגט; עטוואס וואס רעגט אויף אדער רייצט אויף.

exci'ter *n.* (עק-סאי'-טער) אן אויפרעגער; אן אויפרייצער; א מעדיציניש מיטעל וואס רעגט אויף.

exci'ting *a.* (עק-סאי'-טינג) אויפרעגענד, רייצענד, ערוועקענד.

exci'tingly *adv.* (עק-סאי'-טינג-לי) אויפרעגענדיג, אויפרייצענדיג, ערוועקענדיג.

exci'tomotor *a.* (עק-סאי'-טאו-מאו-טאר) וואס פעראורזאכט אונווילקירליכע אדער אונבעוואוסטזיניגע מוסקעל=בעוועגונגען.

exci'tomotory *a.* (עק-סאי'-טאו-מאו-טא-רי) ז. *excitomotor*.

exclaim' *v.* (עקס-קליים') אויסרופען, אויסשרייען.

exclai'mer *n.* (עקס-קליי'-מער) א

שרייער, איינער וואס רעדט מיט היץ און אויף א הויכען קול.

exclama'tion *n.* (עקס-קליי-מיי'-שאן) אן אויסרוף, אן אויסגעשריי; דאס אויסרופען אדער אויסשרייען.

exclama'tion-mark *n.* (עקס-קליי-מיי'-שאן-מארק) אן אויסרופונגס-צייכען [!].

exclama'tion-point *n.* (עקס-קליי-מיי'-שאן-פאינט) ז. *exclamation-mark*.

exclam'ative *a.* (עקס-קלעמ'-ע-טיוו) וואס ענטהאלט אן אויסגעשריי אדער אן אויסרוף; אויסשרייענד, אויסרופענד.

exclam'atively *adv.* (עקס-קלעמ'-ע-טיוו-לי) אויף אן אויסשרייענדען אדער אויסרופענדען אופן.

exclam'atorily *adv.* (עקס-קלעמ'-ע-טא-רי-לי) ז. *exclamatively*.

exclam'atory *a.* (עקס-קלעמ'-ע-טא-רי) אויסרופענד, אויסשרייענד; וואס געהערט צו אן אויסרוף; וואס ענטהאלט אן אויסרוף.

ex'clave *n.* (עקס'-קלעוו) א טייל פון א לאנד אדער פון א פראווינץ וועלכע איז אבגעטיילט פאר זיך.

exclude' *v.* (עקס-קלוד') אויסנעהמען, אויסשליסען.

exclu'der *n.* (עקס-קלו'-דער) איינער אדער עטוואס וואס שליסט אויס.

exclu'sion *n.* (עקס-קלו'-זשאן) אן אויסנאהמע, די אויסשליסונג; אין לאגיק — די בעציהונג פון צוויי בעגריפען וועלכע שליסען איינער דעם אנדערען אויס.

exclu'sionary *a.* (עקס-קלו'-זשאנ-איי-רי) אויסשליסענד, וואס קען אויסשליסען.

Exclu'sion Bill (עקס-קלו'-זשאן ביל) דער געזעץ-פארשלאג אין ענגלאנד פון יאהר 1679 אויסצושליסען דעם דוכס פון יארק [יאקאב דעם צווייטען] פון דעם רעכט אויף דעם ענגלישען טהראן דערפאר ווייל ער איז געווען א קאטוילים.

exclu'sioner *n.* (עקס-קלו'-זשאנ-ער) ז. *exclusionist*.

exclu'sionism *n.* (עקס-קלו'-זשאנ-איזם) דאס זיין פאר אויסשליסונג אדער אויסנאהמען.

exclu'sionist *n.* (עקס-קלו'-זשאנ-איסט) איינער וואס איז אדער שטימט פאר אויסשליסונג פון געוויסע רעכטען; איינער פון דער פארטיי אין ענגלאנד אין די צייטען פון קארל דעם צווייטען, וועלכע איז געווען דאפיר, אז מען זאל קארל'ס קאטוילישע יורשים אויסשליסען פון טהראן-רעכט.

exclu'sive *a.* and *n.* (עקס-קלו'-סיוו) אויסנעהמענד; אויסשליסענד; אויסשליסליך; עטוואס וואס שליסט אויס; איינער וואס בעגרענעצט זיין בעקאנטשאפט מיט איינינע אויסגעוועהלטע.

exclu'sively *adv.* (עקס-קלו'-סיוו-לי) אויסשליסליך, הויפטזעכליך; דורכאויס; מיט דער אויסשליסונג פון אלע אנדערע; מים דער אויסנאהמע פון געוויסע טיילען.
He sells diamonds exclusively.

exclu'siveness *n.* (עקס-קלו'-סיוו-נעס) אויסשליסליכקייט; אויסגעשלאסענהייט.

exclu'sivism *n.* (עקס-קלו'-סיוו-איזם) ז. *exclusiveness*.

exclu'sivist *n.* (עקס-קלו'-סיוו-איסט) איינער וואס איז פאר אויסשליסונג.

exclu'sory *a.* (עקס-קלו'-סא-רי) אויסשליסענד, וואס שליסט אויס.

excoct' *v.* (עקס-קאקט') אויסקאכען, אויסזידען.

excog'itate *v.* (עקס-קאדזש'-אי-טייט) אויסטראכטען, ערפינדען.

excogita'tion *n.* (עקס-קאדזש-אי-טיי'-שאן) אויסטראכטונג, ערפינדונג.

ex com'modo (עקס קאמ'-א-דאו) אין פרייער צייט; ניט איילענדיג זיך; געמיטליך.

excommu'nicable *a.* (עקס-קא-מיו'-ני-קעבל) וואס איז אונטערווארפען אונטער א פלוך אדער חרם פון קירך.

excommu'nicant *n.* (עקס-קא-מיו'-ני-קענט) איינער וואס איז געלעגט געווארען אין חרם פון דער קירך.

excommu'nicate *v.*, *a.* and *n.* (עקס-קא-מיו'-ני-קייט) אויסשליסען פון קירך; אריינלעגען אין חרם; אויסשליסען פון א פעראיין; אויסגעשלאסען פון דער קירך; איינער וואס איז אויסגעשלאסען פון קירך.

excommunica'tion *n.* (עקס-קא-מיו-ני-קיי'-שאן) די אויסשליסונג פון קירך; א חרם.

excommu'nicator *n.* (עקס-קא-מיו'-ני-קיי-טאר) דער וואס לעגט אריין איטעצען אין חרם אדער שליסט איהם אויס פון קירך.

excommu'nicatory *a.* (עקס-קא-מיו'-ני-קיי-טא-רי) וואס איז שייך צו אדער פעראורזאכט די אויסשליסונג פון קירך.

ex conces'so (עקס קאנ-סעס'-או) לויט ווי עס איז צוגעגעבען געווארען.

exco'riable *a.* (עקס-קאו'-רי-עבל) וואס קען אבגעשיילט אדער אבגעשונדען ווערען.

exco'riate *v.* (עקס-קאו'-רי-אייט) 1. אבשינדען אדער אבשיילען די הויט; 2. ייבען א זייט, רייבען א מארדע [שטארק קריטיקירען].
2. The candidate issued an address excoriating his opponents.

excoria'tion *n.* (עקס-קאו-רי-איי'-שאן) דאס אבשינדען; דאס אבשיילען; דאס שינדען די הויט [שטארק קריטיקירען]; א צושפאלטענע הויט.

excor'ticate *v* (עקס-קאהר'-טי-קייט) אבשיילען די קארע פון א בוים.

excortica'tion *n.* (עקס-קאהר-טי-קיי'-שאן) די אבשיילונג פון דער קארע פון א בוים.

ex'crement *n.* (עקס'-קרי-מענט) עקסקרעמענטען, דרעק, טנוף, צאה.

excremen'tal *a.* (עקס-קרי-מענ'-טעל) וואס איז שייך אדער איז עהנליך צו עקסקרעמענטען. ז. *excrement*.

excremen'tary *a.* (עקס-קרי-מענ'-טע-רי) וואס איז שייך צו עקסקרעמענטען. ז. *excrement*.

excrementi'tial *a.* (עקס-קרי-מענ-טיש'-על) וואס איז שייך צו עקסקרעמענטען. ז. *excrement*.

excrementi'tious *a.* (עקס-קרי-מענ-טיש'-אס) וואס געהערט צו אדער וואס בעשטעהט פון עקסקרעמענטען [צאה].

excres'cence *n.* (עקס-קרעס'-ענס) אן אויסוואוקס, אן אנוואוקס; אן איבערמאס, איבעריגקייט.

excres'cency *n.* (עקס-קרעס'-ענ-סי) ז. *excrescence*.

excres'cent *a.* (עקס-קרעס'-ענט) אויסוואקסענד אלס א צוואוואוקס.

excrescen'tial *a.* (עקס-קרע-סענ'-שעל) וואס איז שייך אדער איז עהנליך צו א ציאוואוקס.

excre'ta *n.* (עקס-קרי'-טא) עקסקרעמענטען, אבפאל פון קערפער, ווי שוויס און אורין.

excre'tal *a.* (עקס-קרי'-טעל) וואס איז שייך אדער איז עהנליך צו עקסקרעמענטען, ווי שוויס און אורין.

excrete' *v.* (עקס-קריט') אברייניגען, אבפיהרען, אויסלעדיגען.

ex'crete *n.* (עקס'-קרים) ז. *excretion*.

excre'tion *n.* (עקס-קרי'-שאן) די אבפיהרונג אדער אברייניגונג; דער אבפאל אדער אויסוואורף.

excre'tive *a.* (עקס-קרי'-טיוו) אברייניגענד, אבלעגענדיג, אבפיהרענד [ווי אן אבפיהרונגס-מיטעל]

ex'cretory *a.* and *n.* (עקס'-קרי-טא-רי) אבלעגענד, אבפיהרענד; דער אבפיהרונגס-ארגאן.

excru'ciable *a.* (עקס-קרוה'-שי-עבל) וועלכען מען קען פייניגען.

excru'ciate *v.* (עקס-קרוה'-שי-אייט) מאטערען, פייניגען.

excru'ciating *a.* (עקס-קרוה'-שי-איי-טינג) פייניגענד, שמערצפאל, פול יסורים; מיט אן עקסטרעמער אנגעצויגענהייט; עקסטרעם.

excru'ciatingly *adv.* (עקס-קרוה'-שי-איי-טינג-לי) דורך שטארקע יסורים אדער פיין; דורך צופיעל אנגעצויגענהייט; דורך עקסטרעמיטעט.

excrucia'tion *n.* (עקס-קרוה-שי-איי'-שאן) מאטערניס, קוואל, פיין, יסורים.

excul'pable *a.* (עקס-קאל'-פעבל) וואס קען רעכטגעפערטיגט אדער ענטשולדיגט ווערען.

excul'pate *v.* (עקס-קאל'-פייט) ענטשולדיגען, רעכטפערטיגען; דיענען אלס רעכטפערטיגונג אדער ענטשולדיגונג.

exculpa'tion *n.* (עקס-קאל-פיי'-שאן) ענטשולדיגונג, רעכטפערטיגונג.

excul'patory *a.* (עקס-קאל'-פע-טא-רי) ענטשולדיגענד, רעכטפערטיגענד.

excur'rent *a.* (עקס-קאר'-ענט) וואס לויפט ארויס; וואס שטארצט ארויס; וואס שלאגט זיך דורך.

excur'sion *n.* (עקס-קויר'-שאן) אן עקסקורסיאן, אן אויספאהר, א שפאציער-פאהר, א לוסט-רייזע; א קאמפאניע וואס פאהרט ארויס אויף א לוסט-רייזע; אן אבווייכונג, אן ענטפערנונג; א וואנדערונג.

excur'sional *a.* (עקס-קויר'-שאנ-על) וואס איז שייך צו א שפאציער-פאהר אדער לוסט-רייזע; וואס איז שייך צו א וואנדערונג אדער דערווייטערונג.

excur'sionist *n.* (עקס-קויר'-שאנ-איסט) איינער פון א קאמפאניע וואס פאהרט ארויס אויף א לוסט-רייזע.

excur'sion-train *n.* (עקס-קויר'-שאן-טריין) א ספעציעלער צוג וואס ווערט בעשטימט פאר א לוסט-רייזע פון איין ארט צום צווייטען.

excur'sive *a.* (עקס-קויר'-סיוו) וואנדערענד; אבווייכענד; אונבעשטענדיג.

excur'sively *adv.* (עקס-קויר'-סיוו-לי) אויף א וואנדערענדען אדער אונבעשטענדיגען שטייגער.

excur'siveness *n.* (עקס-קויר'-סיוו-נעס) אומוואנדערונג, אבווייכונג, אונבעשטענדיגקייט.

excur'sus *n.* (עקס-קויר'-סאס) דער עקסקורס, א פירוש אדער קאמענטאר וואס איז אריינגעשטעלט אין מיטען טעקסט פון א בוך צו ערקלערען געוויסע שטעלען פון דארטען; א דערווייטערונג פון פונקט, אן אבטרעטונג פון ענין.

excu'sable *a.* (עקס-קיו'-זעבל) פערציהליך, וואס קען פערגעבען ווערען; וואס קען ענטשולדיגט ווערען.

excu'sableness *n.* (עקס-קיו'-זעבל-נעס) פערצייהליכקייט, פערגעבליכקייט, מחילה.

excu'sably *adv.* (עקס-קיו'-זע-בלי) אויף א פערצייהענדען שטייגער; אזוי, דאס מען קען מוחל זיין.

excu'satory *a.* (עקס-קיו'-זע-טא-רי) ענטשולדיגענד, רעכטפערטיגענד; וואס ענטהאלט אן ענטשולדיגונג.

excuse' *v.* (עקס-קיוז') ענטשולדיגען, מוחל זיין, שענקען, רעכטפערטיגען; בעפרייען פון א התחיבות.

excuse' *n.* (עקס-קיוס') ענטשולדיגונג, פערענטפערונג; רעכטפערטיגונג.

excuse'less *a.* (עקס-קיוס'-לעס) אונפערצייהליך, אהן ענטשולדיגונג.

excu'ser *n.* (עקס-קיו'-זער) אן ענטשולדיגער.

excuss' *v.* (עקס-קאס') פערנעזעצליך כאפען און פערהאלטען עפעס.

ex div. *ex dividendo* אבקירצונג פון אהן דיווידענד [וועגען געוויסע ווערטה־פאפיערען וואס ווערען געקויפט און פערקויפט אהן די דיווידענדען, וואס עס קומט אויף זיי].

ex'eat *n.* (עקס'-אי-עט) דער אורלויב אדער קאניקולעס אין די ענגלישע אוניווערזיטעטען; דער אורלויב וואס א גלח בעקומט אויף א בעשטימטער צייט פון בישאף.

ex'ecrable *a.* (עק'-סי-קרעבל) אבשייליך; פאסקודנע.

ex'ecrably *adv.* (עק'-סי-קרעב-לי) אויף אן אבשייליכען אדער פערעכטליכען שטייגער.

ex'ecrate *v.* (עק'-סי-קרייט) פערפאכטען; פיהלען אן עקעל אדער אבשייליכקייט צו עפעס.

execra'tion *n.* (עק-סי-קריי'-שאן) דאס שילטען, דאס פערפלוכען; א פערפלוכטע זאך.

ex'ecrative *a.* (עק'-סי-קריי-טיוו) שילטענד, פלוכענד.

ex'ecratively *adv.* (עק'-סי-קריי-טיוו-לי) אויף א שילטענדען אדער פלוכענדען שטייגער.

ex'ecratory *n.* and *a.* (עק'-סי-קריי-טא-רי) דער נוסח פון א פערפלוכונג; פערפלוכענד, פערראבשייענד.

ex'ecutable *a.* (עק'-סי-קיו-טעבל) אויספיהרבאר, וואס קען אויסגעפיהרט ווערען.

exec'utant *n.* (ענ-זעק'-יו-טענט) דער וואס פיהרט אויס א געוויסע ארבייט; א מוזיק־שפיעלער אדער זינגער.

ex'ecute *v.* (עק'-סי-קיוט) אויספיהרען, פערוואלטען; טהאן; הינריכטען, טויטען; שפיעלען מוזיק אדער זינגען.

ex'ecuter *n.* (עק'-סי-קיו-טער) איינער וואס פיהרט דורך א זאך.

execu'tion *n.* (עק-סי-קיו'-שאן) 1. די פערפערטיגונג, די אויספיהרונג, די פערריכטונג; די ווירקונג; 2. די הינריכטונג, דאס טויטען.

1. The execution of the plans was left to the manager. 2. The execution of the murderer will take place next week.

execu'tioner *n.* (עק-סי-קיו'-שאנ-ער) א שארפריכטער, א הענקער, א תליון.

exec'utive *a.* and *n.* (ענ-זעק'-יו-טיוו) אויספיהרענד, ערפילענד; די בעאמטע וועלכע פיהרען אויס אדער ערפילען די געזעצע.

exec'utively *adv.* (ענ-זעק'-יו-טיוו-לי) דורך אן אויספיהרענדער קראפט.

exec'utor *n.* (ענ-זעק'-יו-טאר) איינער וואס טהוט אויף אדער פיהרט דורך אן אונטערנעהמונג; אן אפטרופוס, א פערזאן וואס ווערט ערנאנט פון איינעם פאר'ן טויט צו ערפילען זיין צואה.

executo'rial *a.* (ענ-זעק-יו-טאו'-רי-על) וואס איז שייך צו אן אפטרופוס אדער דעם מענשען וואס איז בעשטימט אויסצופיהרען די צואה פון א געשטארבענעם.

exec'utorship *n.* (ענ-זעק'-יו-טאר-שיפ) דאס אמט פון אן אפטרופוס אדער א פערזאן וואס ווערט געוועהלט פון איינעם פאר'ן טויט צו ערפילען זיין צואה.

exec'utory *a.* (ענ-זעק'-יו-טא-רי) וואס דארף ערפילט אדער אויסגעפיהרט ווערען; וואס ערפילט.

exec'utress *n.* (ענ זעק'-יו-טרעס) ז. *executrix*

exec'utrix *n.* (ענ-זעק'-יו-טריקס) א פרויענצימער וואס ווערט ערנאנט צו ערפילען איינעמס פערלאנג אין א צואה.

exe'dra *n.* (עק-סי'-דרא) אין דער אלטער גריכיש־רוימישער ארכיטעקטור — די עקסעדרא, א מין פלאטפארמע אויף דער פרייער לופט מיט איינע אדער עטליכע טרעפ, אויף וועלכע עס שטעהען שטוהלען אנן בענקלעך צום אברוהען און אונטערהאלטען זיך.

exege'sis *n.* (עק-סי-דזשי'-סיס) אן ערקלערונג, א ביאור אדער קריטישעס שטודיום פון א ליטערארישען ווערק, איבערהויפט פון תנ"ך.

exege'sist *n.* (עק-סי-דזשי'-סיסט) ז. *exegetist*

ex'egete *n.* (עק'-סי-דזשיט) אן ערקלערער פון ליטערארישע ווערק, איבערהויפט פון דער ביבעל.

exeget'ic *a.* and *n.* (עק-סי-דזשעט'-איק) ערקלערענד; אן ערקלערונג אדער קריטישעס שטודיום פון דער ביבעל; עקזעגעטיק, ביבעל־שטודיום.

exeget'ical *a.* (עק-סי-דזשעט'-אי-קעל) ערקלערענד, וואס מאכט א וויסענשאפטליכען פירוש אויף א ליטערארישען ווערק, איבערהויפט אויף דער ביבעל.

exeget'ically *adv.* (עק-סי-דזשעט'-אי-קעל-אי) ערקלערענדיג, מאכענדיג א וויסענשאפטליכען פירוש אויף א ליטערארישען ווערק, איבערהויפט אויף דער ביבעל.

exeget'ics *n.* (עק-סי-דזשעט'-איקס) עקזעגעטיק, ביבעל־פארשונג, ביבעל־שטודיום.

exege'tist *n.* (עק-סי-דזשי'-טיסט) איינער וואס פערנעהמט זיך מיט ביבעל־פארשונג אדער ביבעל־שטודיום.

exem'plar *n.* and *a.* (ענ-זעמ'-פלער) א ביישפיעל, א מוסטער; אן אריגינאל; אן עקזעמפלאר [איינער פון א מין אדער פון אן אויסגאבע, ווי איין בוך א. ד. ג.]; וואס איז שייך צו א מוסטער אדער ביישפיעל.

ex'emplarily *adv.* (ענ'-זעמ-פליי-רי-לי) אויף א מוסטערהאפטען אופן; אויף אן אופן וואס קען דיענען פאר א ביישפיעל.

ex'emplariness *n.* (ענ'-זעמ-פליי-רי-נעס) מוסטערהאפטיגקייט, עטוואס וואס קען דיענען אלס מוסטער אדער ביישפיעל.

exemplar'ity *n.* (ענ-זעמ-פלער'-אי-טי) ז. *examplariness*

ex'emplary *a.* (ענ'-זעמ-פלע-רי) מוסטערהאפט; וואס איז ווערטה נאכצוטהאן.

exem'plifiable *a.* (ענ-זעמ'-פלי-פאי-עבל) וואס קען ערקלערט ווערען דורך ביישפיעלען.

exemplifica'tion *n.* (ענ-זעמ-פלי-פי-קיי'-שאן) די ערקלערונג דורך ביישפיעלען; עטוואס וואס דיענט אלס ביישפיעל אדער אילוסטראציאן; אן אבשריפט פון א דאקומענט וואס איז בעשטעטיגט מיט א זיעגעל.

exem'plified cop'y (ענ-זעמ'-פלי-פאיד קאפ'-אי) א קאפיע פון א דאקומענט, וועלכע איז בעשטעטיגט מיט א זיעגעל.

exem'plifier *n.* (ענ-זעמ'-פלי-פאי-ער) איינער וואס ערקלערט דורך א ביישפיעל.

exem'plify *v.* (ענ-זעמ'-פלי-פאי) ערקלערען דורך ביישפיעלען; איבערשרייבען, קאפירען מיט דער בעשטעטיגונג פון א זיעגעל; איבערצייגען מיט א בעשטעטיגטער קאפיע.

exem'pli gra'tia (ענ-זעמ'-פלאי גריי'-שי-א) צום ביישפיעל; דורך א ביישפיעל; אלס א ביישפיעל.

exempt' *v., a.* and *n.* (ענ-זעמפט') בעפרייען; ענטלאסען; אויסנעהמען; בעפרייט; פטור; איינער וואס איז בעפרייט פון א פפליכט.

exemp'tible *a.* (ענ-זעמפ'-טיבל) וואס קען בעפרייט ווערען [פון א פפליכט].

exemp'tion *n.* (ענ-זעמפ'-שאן) די בעפרייאונג [פון א פפליכט]; פרייהייט.

exentera'tion *n.* (עקס-ענ-טע-ריי'-שאן) דאס ארויסנעהמען דעם אינגעווייד; דאס אויסקעהרען פון אינוועניג צום דרויסען; דאס אויפדעקען א סוד פון עפעס.

exequa'tur *n.* (עק-סי-קהוויי'-טויר) אן אפיציעלע בעשטעטיגונג פון א דאקומענט אדער פון וועלכען עס איז רעכט; א שריפטליך צייגניס פון א קאנסול.

exe'quial *a.* (עק-סי'-קהווי-על) וואס איז שייך צו א טויטען־בעגרעבנים.

ex'ercisable *a.* (עק'-סער-סאי-זעבל) וואס קען איינגעאיבט אדער איינגעלערענט ווערען; וואס קען בענוצט ווערען.

ex'ercise *n.* and *v.* (עק'-סער-סאיז) איבונג, איינלערנונג; דאס געוועהנען זיך אין עפעס; קערפערליכע איבונג אדער בעוועגונג; אן אויפגאבע, א לעקציאן [עפעס צום איינלערנען]; דאס דאווענען, גאטעס־דיענסט; מושטירונג פון סאלדאטען; דאס בעשעפטיגען זיך; דאס ערפילען אדער פערוואלטען אן אמט; איבען, איינלערנען, איינ'חזר'ען; מושטירען סאלדאטען; בעשעפטיגען; פערוואלטען אן אמט; אנווענדען, געברויכען; מאכען קערפערליכע איבונגען.

ex'erciser *n.* (עק'-סער-סאי-זער) איינער וואס איבט אדער לערענט איין.

ex'ercisible *a.* (עק'-סער-סאי-זיבל) ז. *exercisable*

ex'ercising ground (עק'-סער-סאי-זינג גראונד) א מושטיר־פלאץ פאר סאלדאטען.

exercita'tion *n.* (ענ-זויר-סי-טיי'-שאן) דאס איבען, איבונג. ז. *exercise*

exergue' *n.* (ענ-זוירג') דאס לעדיגע שטיקעל פלאץ וואס בלייבט פון דער צייכנונג און די ווערטער אויף דער לינקער זייט פון א מטבע אדער מעדאל.

exert' *v.* (ענ-זוירט') אנשטרענגען; אנ־

ווענדען; מאכען, ערפילען, ארויסברייננען [דורך אנשטרענגונג אדער בעמיהונג].
The prisoner's friends exerted themselves to secure for him a pardon.

exer'tion *n.* (ענ-זויר'-שאן) אנשטרענגונג, בעשטרעבונג, בעמיהונג; אנווענדונג; דאס טהאן, דאס ערפילען אדער דאס ארויסברייננען עפעס [דורך אנשטרענגונג אדער בעמיהונג].

ex'eunt *v.* (עקס'-אי-אנט) אב, געהן ארוים [א ווארט וואס ווערט געברויכט אין א טעאטער-שטיק אום צו בעצייכנען, אז די אקטיארען פערלאזען די ביהנע].

ex'eunt om'nes (עקס'-אי-אנט אמ'-נעס) אלע געהען ארוים [אין טעאטער-שפראך]. ז. *exeunt*.

exflec'ted *a.* (עקס-פלעק'-טעד) אויסגעבויגען אדער אויסגעקעהרט ארויס-צו.

exfo'liate *v.* (עקס פאו'-לי-אייט) זיך אבשפליטערען, זיך אבשיילען, זיך אבשפאלטען; אבשיילען, אבבלעטערען אדער אבשפאלטען.

exfolia'tion *n.* (עקס-פאו-לי-איי'-שאן) אבשיילונג, אבשפאלטונג.

exfo'liative *a. and n.* (עקס-פאו'-לי-איי-טיוו) וואס שיילט זיך אב, וואס שפאלט זיך אב; עטוואס וואס פעראורזאכט אדער פערשנעלערט אבשיילונג אדער אבשפאלטונג.

ex. gr. צום ביישפיעל, אלס ביישפיעל, דורך א ביישפיעל [אבקירצונג פון *exempli gratia*].

exha'lable *a.* (עקס-היי'-לעבל) וואס ווערט לייכט אויסגעדונסט אדער פערוואנדעלט אין פארע.

exha'lant *n. and a.* (עקס-היי'-לענט) אויסדונסטענד, וואס פערוואנדעלט זיך אין פארע; וואס ווערט אויסגעדונסט אדער קען אויסגעדונסט ווערען.

exhala'tion *n.* (עקס-היי-ליי'-שאן) אויסדונסטונג, דונסט, פארע.

exhale' *v.* (עקס-הייל') אויסדונסטען, זיך פערוואנדלען אין פארע.

exha'lent *n. and a.* (עקס-היי'-לענט) ז. *exhalant*.

exhaust' *v. and n.* (ענ-זאהסט') ערשעפפען, אויסמאטערען; אויסשעפען, אויסלעדיגען; אין גאנצען פערברויכען; ארויסלאזונג, ארויסציהונג [ווי דאמפף פון א מאשין].

exhaust'-cham'ber *n.* (ענ-זאהסט'-טשיימ'-בער) דער דאמפף-רוים אין א לאקאמאטיוו-קעסעל.

exhaus'ter *n.* (ענ-זאהס'-טער) איינער אדער עטוואס וואס שעפט אוים; א לופט-ציהער, א ווענטילאטאר [אין שאכטען].

exhaust'-fan *n.* (ענ-זאהסט'-פען) א ווענטילאטאר.

exhaustibil'ity *n.* (ענ-זאהס-טי-ביל'-אי-טי) ערשעפליכקייט, אויסגעמאטערטקייט; דאס קענען אויסגעלעדיגט ווערען.

exhaus'tible *a.* (ענ-זאהס'-טיבל) וואס קען אויסגעשעפט, אויסגעלעדיגט אדער אין גאנצען פערברויכט ווערען.

exhaus'ting *a.* (ענ-זאהס'-טינג) ערשעפפענד, אויסמאטערענד.

exhaus'ting machine' (ענ-זאהס'-טינג מע-שין') ז. *exhauster*.

exhaus'tion *n.* (ענ-זאהס'-טשיאן) ערשעפפונג, אויסלעדיגונג; ארויסציהונג אדער ארויספומפונג [פון לופט]; אויסגעמאטערטקייט; אין כעמיע — ארויסציהונג פון א געוויסען שטאף פון א לעזונג; אין לאגיק — א מעטאדע צו בעווייזען עט- וואס דורך דעם, וואס מען ווידערלעגט אלעס וואס קען פיהרען צו א פערקעהרטען שלום.

exhaus'tive *a.* (ענ-זאהס'-טיוו) ערשעפפענד; פאלשטענדיג, אויספיהרליך, אלעס אומפאסענד [ווענען אבהאנדלונגען, פארשונגען, קריטיקען א. ד. ג.].
He is the author of an exhaustive treatise on electricity.

exhaus'tively *adv.* (ענ-זאהס'-טיוו-לי) ערשעפפענדיג; אויספיהרליך, דורך און דורך; אויף אן אלעס-אומפאסענדען אופן [ווענען אבהאנדלונגען, פארשונגען א. ד. ג.].

exhaus'tiveness *n.* (ענ-זאהס'-טיוו-נעס) ערשעפליכקייט, אויספיהרליכקייט, דאס ארומנעהמען אלעס [ווענען אבהאנדלונגען, פארשונגען א. ד. ג.].

exhaust'less *a.* (ענ-זאהסט'-לעס) אונערשעפליך.

exhaust'-pipe *n.* (ענ-זאהסט'-פאיפ) אן אויסלאס-ראהר [די ראהר אין א דאמפף-מאשין ארויסצולאזען דעם דאמפף].

exhaust'-steam *n.* (ענ-זאהסט'-סטיעם) דער אויספוף-דאמפף [דער אויסגענוצטער דאמפף וואס מען לאזט ארוים פון א דאמפף-מאשין].

exhaust'-valve *n.* (ענ-זאהסט'-וועלוו) א ווענטיל אין א דאמפף-מאשין צו רעגולירען דעם ארויסלאז פון דעם אויסגענוצטען דאמפף.

exher'edate *v.* (עקס-הער'-אי-דייט) ענטערבען, מאכען אוים יורש.

exhereda'tion *n.* (עקס-הער-אי-דיי'-שאן) ענטערבונג, בערויבונג פון ערברעכט, דאס מאכען אוים יורש.

exhib'it *v. and n.* (ענ-זיב'-איט) צייגען, אויסשטעלען, מאכען אן אויסשטעלונג אדער פאראד פון עפעס; פארלעגען [צום פערהאנדלען]; אנווענדען א מעדיצין; אין די ענגלישע אוניווערזיטעטען — ארויסשטעלען א וועט-פרייז [צו קריגען א סטיפענדיע]; האלטען אן עפענטליכע אבהאנדלונג אדער רעדע; עטוואס וואס ווערט אויסגעשטעלט; אן עפענטליכע ערקלערונג, אבהאנדלונג א. ד. ג.; אין יוריספרודענץ — אן עקזיביטום, א בעווייז-דאקומענט.

exhib'it a charge (ענ-זיב'-איט ע טשארדזש) אנקלאגען אין געריכט.

exhib'itant *n.* (ענ-זיב'-אי-טענט) איינער וואס ברייננט אריין א געריכטליכע קלאגע; איינער וואס ברייננט דאקומענטאלע בעווייזע אין געריכט.

exhib'iter *n.* (ענ-זיב'-אי-טער) ז. *exhibitor*.

exhibi'tion *n.* (עק-סי-ביש'-אן) צייגונג, אן ארויסווייזונג, דאס אויסשטעלען, אויסשטעלונג; א סטיפענדיע [אין די ענגלישע אוניווערזיטעטען]; דאס אנווענדען א מעדיצין; דאס ברייננען דאקומענטאלע בעווייזע אין געריכט; א געריכטליכער בעפעהל צוצושטעלען דאקומענטען.

exhibi'tional *a.* (עק-סי-ביש'-אנ-על) וואס איז שייך צו אן אויסשטעלונג.

exhibi'tion-buil'ding *n.* (עק-סי-ביש'-אן-ביל'-דינג) אויסשטעלונגס-געביידע.

exhibi'tion-case *n.* (עק-סי-ביש'-אן-קייס) שוי-קאסטען, אויסשטעלונגס-קאסטען.

exhibi'tioner *n.* (עק-סי-ביש'-אנ-ער) א סטודענט וואס ערהאלט שטיצע פון אוניווערזיטעט [אין די ענגלישע אוניווערזיטעטען].

exhibi'tionist *n.* (עק-סי-ביש'-אנ-איסט) דער אויסשטעלער.

exhib'itive *a.* (ענ-זיב'-אי-טיוו) צייגענד, ארויסווייזענד; פארשטעלענד.

exhib'itively *adv.* (ענ-זיב'-אי-טיוו-לי) דורך ארויסצייגען, דורך פארשטעלען.

exhib'itor *n.* (ענ-זיב'-אי-טאר) איינער וואס צייגט, שטעלט אוים אדער מאכט אן אויסשטעלונג; אין יוריספרודענץ — איינער וואס ברייננט דאקומענטאלע בעווייזע אין געריכט.

exhib'itory *a.* (ענ-זיב'-אי-טא-רי) צייגענד, ארויסווייזענד, אויסשטעלענדיג, מאכענדיג אן אויסשטעלונג.

exhil'arant *a. and n.* (ענ-זיל'-ע-רענט) ערפרעהענד; עפעס וואס ערפרעהט, וואס מאכט לעבעדיג, פרעהליך.

exhil'arate *v.* (ענ-זיל'-ע-רייט) ערפרעהען; מאכען מונטער, לעבעדיג.

exhil'arating *a.* (ענ-זיל'-ע-ריי-טינג) ערפרעהענד, מאכענדיג לעבעדיג, פרעהליך.

exhil'aratingly *adv.* (ענ-זיל'-ע-ריי-טינג-לי) מאכענדיג לעבעדיג, לוסטיג.

exhilara'tion *n.* (ענ-זיל-ע-ריי'-שאן) דאס פרעהליך מאכען, די ערמונטערונג; דאס זיין לעבעדיג, לוסטיג.

exhil'arator *n.* (ענ-זיל'-ע-ריי-טאר) איינער וואס מאכט לעבעדיג, לוסטיג.

exhort' *v.* (ענ-זארט') ערמונטערען, בעוועגען צו עפעס.
The preacher exhorted the congregation to repentence.

exhorta'tion *n.* (עק-סאר-טיי'-שאן) אן אויפמונטערונג, דאס בעוועגען צו עפעס.

exhor'tative *a.* (ענ-זאר'-טיי-טיוו) וואס בעוועגט אדער מונטערט אויף צו עפעס [ווי אן אויפרוף א. ד. ג.].

exhor'tatory *a.* (ענ-זאר'-טיי-טא-רי) ז. *exhortative*.

exhor'ter *n.* (ענ-זאר'-טער) אן ערמונטערער, איינער וואס בעוועגט צו עפעס; אין דער מעטאדיסטישער קירך — א וועלטליכער מענש, ניט קיין גלח, וועמען דער פאסטאר גיט אן ערלויבניש אבצוהאלטען די גאטעס-דיענסט אין קירך.

exhu'mate *v.* (עקס-היו'-מייט) ז. *exhume*.

exhuma'tion *n.* (עקס-היו-מיי'-שאן) דאס אויסגראבען צוריק א טויטען פון קבר.

exhume' *v.* (עקס-היום') אויסגראבען א טויטען פון קבר.

exigeant' *a.* (ענ-זי-זשאן') וועלכער איז מקפיד; וועלכער פאדערט פינקטליכקייט.

exigeante' *a.* (ענ-זי-זשאנט') וועלכע איז מקפיד; וועלכע פאדערט פינקטליכקייט.

ex'igence *n.* (עק'-סי-דזשענס) א נויטפאל; נויט; דאס זיין אין נויט.

ex'igency *n.* (עק'-סי-דזשענ-סי) ז. *exigence*.

exigen'dary *n.* (עק-סי-דזשענ'-דע-רי) ז. *exigenter*.

ex'igent *a. and n.* (עק'-סי-דזשענט) דרינגענד; נויט-דרינגענד; אין דער אלטער ענגלישער געזעצגעבונג — א צושריפט פון געריכט, וואס פאדערט אויף א בעשולדיגטען, וועלכען מען קען ניט אויסגעפינען, צו ערשיינען פאר'ן געריכט, איידער מען נעהמט פון איהם אוועק אלע רעכטען און מען שליסט איהם אוים פון דער געזעלשאפט.

ex'igenter *n.* (עק'-סי-דזשענ-טער) אן אמאליגער בעאמטער פון ענגלישען געריכט וועלכער פלעגט אויספילען די צושריפט פון געריכט, ארויספאדערענדיג א בעשולדיגטען, וועלכען מען האט ניט געקענט

אויסגעפינען, צו ערשיינען פאר'ן געריכט, איידער מען נעהמט פון איהם אוועק אלע רעכטען און מען שליסט איהם אויס פון דער געזעלשאפט. ז. *exigent*

ex'igible *a.* (עק'-סי-דזשיבל) וואס קען פערלאנגט אדער געפאדערט ווערען.

exig'uous *a.* (עג-זיג'-יו-אס) ווענינ; קארג; קליין.

ex'ile *n. and v.* (עק'-סאיל) די פערווייזונג; פערשיקונג; דאס ארויסטרייבען; גלות; אן ארויסגעוויזענער; א פערשיקטער; פערווייזען; פערשיקען; פערטרייבען אין גלות.

exil'ian *a.* (עג-זיל'-אי-ען) וואס איז שייך צו גלות.

exil'ic *a.* (עג-זיל'-איק) ז. *exilian*

exin'anite *v.* (עג-זינ'-ע-נאיט) מאכען פוסט; אבשוואכען; ערנידרינען.

exinani'tion *n.* (עג-זינ-ע-ניש'-אן) אויסלעערונג; ערשעפפונג; ערנידרינונג.

exist' *v.* (עג-זיסט') עקזיסטירען; זיין; לעבען.

existabil'ity *n.* (עג-זיס-טע-ביל'-אי-טי) ז. *existibility*

exis'tence *n.* (עג-זיס'-טענס) דאס עקזיסטירען, דאס דאזיין; דאס לעבען; די עקזיסטענץ; דאס וואס עקזיסטירט, א וועזען.

exis'tency *n.* (עג-זיס'-טענ-סי) ז. *existence*

exis'tent *a. and n.* (עג-זיס'-טענט) עקזיסטירענד, פארהאנדען; דאס וואס עקזיסטירט, א וועזען.

existibil'ity *n.* (עג-זיס-טי-ביל'-אי-טי) עקזיסטענץ; די מעגליכקייט צו עקזיסטירען.

exis'ting *a.* (עג-זיס'-טינג) וואס עקזיסטירט, וואס לעבט, וואס איז דא.

ex'it *n.* (עק'-סיט) אן ארויסגאנג; דאס אוועקגעהן פון אן אקטיאר ווען ער האט אבגעשפיעלט זיין ראלע; דאס אראבגעהן פון לעבענס-סצענע, דער טויט.

exi'tial *a.* (עג-זיש'-על) וואס ברייננט מיט זיך טויט; פערדערבליך, געפעהרליך.

exi'tious *a.* (עג-זיש'-אס) ז. *exitial*

ex li'bris (עקס לאי'-ברים) פון די ביכער; א צייכנונג אדער אויפשריפט אויף א בוך מיט'ן נאמען פון אייגענטימער.

ex'-may'or *n.* (עקס'-מיי'-אר) דער געוועזענער בירגערמייסטער, א געוועזענער גאלאווא.

ex'-min'ister *n.* (עקס'-מינ'-אים-טער) א געוועזענער מיניסטער; א געוועזענער גייסטליכער.

ex necessita'te (עקס ני-סעס-אי-טיי'-טי) נויטווענדיגערווייזע.

ex'ode *n.* (עק'-סאוד) אין אלט-גריכישער דראמא — דער שלום אדער דער לעצטער טייל פון שוישפיעל.

ex'oderm *n.* (עקס'-א-דוירם) ז. *ectoderm*

exod'ic *a.* (עק-סאד'-איק) וואס איז שייך צום אויסגאנג; וואס פיהרט ארויס.

ex'odus *n.* (עק'-סא-דאס) דער ארויסגאנג [ווי פון די אידען פון מצרים]; דער ארויסצוג.

Ex'odus *n.* (עק'-סא-דאס) דאס צווייטע בוך פון חומש, ספר שמות.

extraterrito'rial *a.* (עקס-טרא-טער-אי-טאו'-רי-על) ז. *exterritorial*

extraterritorial'ity *n.* (עקס-טרא-טער-אי-טאו'-רי-על אי טי) ז. *exterritoriality*

extraterrito'rially *adv.* (עקס-טרא-טער-אי-טאו'-רי-על-אי) ז. *exterritorially*

extratrop'ical *a.* (עקס-טרא-טראפ'-אי-קעל) וואס געפינט זיך אויסער די טראפישע לענדער [צו נארד אדער צו זיד].

ex'tra-u'terine *a.* (עקס'-טרא-יו'-טע-רין) וואס געפינט זיך אויסער דעם מוטער־לייב.

extrav'agance *n.* (עקס-טרעוו'-ע-גענס) פערשווענדונג; איבערמאס; איבערטריבענהייט; איבערטריבענע העפטיגקייט; איבערטריבענהייט אין אויסדריקע; אונזיניגקייט, נארישקייט.

extrav'agant *a. and n.* (עקס-טרעוו'-ע-גענט) פערשווענדעריש; עקסטראוואגאנט, איבערטריבען; איבער דער מאס; אונזיניג, נאריש; אן עקסצענטרישער מענש, איינער וואס ווייסט ניט קיין גרענעצען און קיין כללים אין זיינע האנדלונגען.

extrav'agantly *adv.* (עקס-טרעוו'-ע-גענט-לי) אויף אן אונגעוועהנליכען אדער איבערטריבענעם אופן; אויף אן אונזיניגען אופן.

extrav'agantness *n.* (עקס-טרעוו'-ע-גענט-נעס) ז. *extravagance*

extrav'agants *n.* (עקס-טרעוו'-ע-גענטס) אין קירכליכער געזעצגעבונג — א צוגעגעבענער טייל פון פאפסטליכע פערארדנונגען; א בעזונדערע זאמלונג פון אידישע דינים און תקנות וואס איז צוזאמענגעשטעלט געווארען צום סוף פון 2טען יאהרהונדערט.

extravagan'za *n.* (עקס-טרעוו-ע-גענ'-זא) עטוואס שטארק איבערטריבענעס; א ווילד, איבערטריבען מוזיק־שטיק, פאעמא, דראמא א ד. ג.; א בורלעסק.

extravagan'zist *n.* (עקס-טרעוו-ע-גענ'-זיסט) א פערפאסער פון ווילדע איבערטריבענע זאכען, א בורלעסקען־שרייבער.

extrav'agate *v.* (עקס-טרעוו'-ע-גייט) זיין איבערטריבען, איבערשרייטען אלע גרענעצען.

extravaga'tion *n.* (עקס-טרעוו-ע-גיי'-שאן) דאס זיין איבערטריבען, דאס איבערשרייטען אלע גרענעצען.

extrav'asate *v.* (עקס-טרעוו'-ע-סייט) זיך ארויסגיסען, אויסלויפען, אויספליסען [ווי דאס בלוט פון די אדערען אדער אנדערע פליסיגקייטען פון קערפער].

extravasa'tion *n.* (עקס-טרעוו-ע-סיי'-שאן) די ארויסגיסונג אדער אויספליסונג [ווי דאס בלוט פון די אדערען אדער אנדערע פליסיגקייטען פון קערפער].

ex'tra-work *n.* (עקס'-טרא-הוואירק) עקסטרא־ארבייט.

extreme' *a. and n.* (עקס-טרים') עקסטרעם, אויסערסט, העכסט, לעצט, אויסערארדענטליך, אונגעוועהנליך; דאס אויסערסטע; דאס לעצטע; דאס וואס געפינט זיך אויף'ן ווייטסטען אדער העכסטען פונקט; דאס וואס קען ניט אריבערגעשטיגען ווערען; אין מאטעמאטיק — די ערשטע אדער די לעצטע צאהל פון א פראפארציאן, ווי למשל, די צאהלען 6 און 12 פון דער פראפארציאן 12:4=18:6.

extreme' degree' (עקס-טרים' די-גריע') דער העכסטער גראד.

extreme'ly *adv.* (עקס-טרים'-לי) ביז'ן העכסטען גראד.

extreme' neces'sity (עקס-טרים' נע-סעס'-אי-טי) די דרינגענדע נויט.

extremes' meet (עקס-טרימז' מיעט) עקסטרעמען בעריהרען זיך.

extreme' unc'tion (עקס-טרים' אנק'-שאן) די לעצטע אוילונג [א געוויסע רעליגיעזע צערעמאניע אין דער קאטוילישער קירך].

extre'mism *n.* (עקס-טרי'-מיזם) די נייגונג צו עקסטרעמען אדער צו דערגעהן ביז'ן לעצטען פונקט; דאס אננעהמען די לעצטע מיטלען; דאס האלטען זיך אן עקסטרעמע מיינונגען.

extre'mist *n.* (עקס-טרי'-מיסט) איינער וואס איז גענייגט צו עקסטרעמען.

extrem'ity *n.* (עקס-טרעמ'-אי-טי) אן ענדע, א גרענעץ; די העכסטע שטופע אדער ווייטסטער פונקט.

ex'tricable *a.* (עקס'-טרי-קעבל) וואס מען קען אבפלאנטערן אדער פריי מאכען.

ex'tricably *adv.* (עקס'-טרי-קע-בלי) אויספלאנטערענדיג.

ex'tricate *v.* (עקס'-טרי-קייט) אבפלאנטערען, פריי מאכען.

extrica'tion *n.* (עקס-טרי-קיי'-שאן) די אבפלאנטערונג אדער פריי־מאכונג.

extrin'sic *a.* (עקס-טרינ'-סיק) אויסערליך, אויסווערטיג, פרעמד.

extrinsical'ity *n.* (עקס-טרינ-סי-קעל'-אי-טי) די אויסערליכקייט; דאס זיין ניט שייך אדער ניט צוגעפאסט צו דער זאך.

extrin'sically *adv.* (עקס-טרינ'-סי-קעל-אי) אויף אן אויסווערטיגען שטייגער; לויט דעם אויסערליכען אויסזעהן.

extrin'sicalness *n.* (עקס-טרינ'-סי-קעל-נעס) אויסווערטיגקייט.

extrin'sicate *v.* (עקס-טרינ'-סי-קייט) מאכען אויסווערטיג; צוגעבען אן אויסערליכען אויסזעהן.

extrinsica'tion *n.* (עקס-טרינ-סי-קיי'-שאן) דאס מאכען אויסווערטיג; דאס צוגעבען אן אויסערליכע געשטאלט.

extror'sal *a.* (עקס-טראהר'-סעל) ז. *extrorse*

extrorse' *a.* (עקס-טראהרס') אין באטאניק — אויסגעקעהרט ארויס־צו [ביי א בלום, ווען דאס שטויבבייטעל קעהרט זיך איבער צו דער זייט פון די בלעטלעך].



Extrorse Stamens

extrude' *v.* (עקס-טרוהד') ארויסשטויסען, אוועקטרייבען.

extru'sion *n.* (עקס-טרוה'-זשאן) די ארויסשטויסונג, די אוועקטרייבונג.

extru'sory *a.* (עקס-טרוה'-סא-רי) וואס ווערט ארויסגעשטויסען, ארויסגעשטופט אדער ארויסגעטריבען.

exu'berance *n.* (עק-סיו'-בע-רענס) פולקייט, איבערפליסיגקייט.

exu'berancy *n.* (עק-סיו'-בע-רענ-סי) ז. *exuberance*

exu'berant *a.* (עק-סיו'-בע-רענט) איבערפול, רייך; איבערפליסיג.

exu'berantly *adv.* (עק-סיו'-בע-רענט-לי) דורך איבערפליסיגקייט.

exu'berate *v.* (עק-סיו'-בע-רייט) זיין איבערפול אדער איבערפליסיג.

exu'date *n.* (עק-סיו'-דייט) ז. *exudation*

exuda'tion *n.* (עק-סיו-דיי'-שאן) דאס אויסשוויצען; שוויים.

exu'dative *a.* (עק-סיו'-דיי-טיוו) וואס איז שייך צו שוויצען אדער שוויים.

exude' *v.* (עק-סיוד') שוויצען, אויסשוויצען.

exul'cerate *v.* (עג-זאל'-סע-רייט) מאכען א געשוויר; אנרייסען [ווי א געשוויר]; ערביטערען, דערצארענען.

exulcera'tion *n.* (עג-זאל-סע-ריי'-שאן) די אנרייסונג [פון א געשוויר]; די ערביטערונג, די דערצארנונג.

exul'cerative *a.* (עג-זאל'-סע-ריי-טיוו) ז. ***exulceratory***

exul'ceratory *a.* (עג-זאל'-סע-ריי-טא-רי) וואס מאכט אן געשווירען.

exult' *v.* (עג-זאלט') זיך שטארק פרעהען, שטראהלען פאר פרייד, טריאומפירען.

exul'tance *n.* (עק-זאל'-טענס) ז. ***exultation***

exul'tancy *n.* (עק-זאל'-טענ-סי) ז. ***exultation***

exul'tant *a.* (עג-זאל'-טענט) זיך פרעהענד, שטראהלענד פאר פרייד, טריאומפירענד.

exulta'tion *n.* (עק-סאל-טיי'-שאן) א גרויסע פרייד, א טריאומף.

exul'tingly *adv.* (עג-זאל'-טינג-לי) אויף א טריאומפירענדען אופן; מיט גרויס פרייד.

exun'gulate *v.* (עג-זאנ'-גיו-לייט) אבשניידען די נעגעל.

exungula'tion *n.* (עג-זאנ-גיו-ליי'-שאן) דאס ארומשניידען די נעגעל.

exus'tion *n.* (עג-זאס'-טשאן) די פערברענונג.

exuviabil'ity *n.* (עקס-יו-ווי-ע-ביל'-אי-טי) דאס קענען אראבווארפען געוויסע טיילען פון קערפער, ווי די הויט ביי שלאנגען, די פעדערען ביי פויגעל א. ד. ג.

exu'viable *a.* (עקס-יו'-ווי-עבל) וואס קען אראבגעווארפען ווערען [ווי די הויט פון שלאנגען, די פעדערען פון פויגעל א. ד. ג.].

exu'viæ *n.* (עקס-יו'-ווי-אי) די הויט, שאלאכץ, פעדערען א. ד. ג. וואס ווערען אראבגעווארפען פון געוויסע טהיערע [ווי די הויט פון א שלאנג, די פעדערען פון פויגעל, די שאלעכץ פון א ראק א. ד. ג.]; די הויט פון חיות, וועלכע ווערט אויף א קינסטליכען אופן פון זיי אראבגעשונדען.

exu'viate *v.* (עקס-יו'-ווי-אייט) אבשיילען אדער אראבווארפען, ווי הויט, פעדערען, האר, שאלאכץ א. ד. ג.

exuvia'tion *n.* (עקס-יו-ווי-איי'-שאן) דאס אראבווארפען געוויסע טיילען פון קערפער, ווי די הויט ביי שלאנגען, די פעדערען ביי פויגעל א. ד. ג.

ey'as *n.* (אי'-עס) א יונגער האביכט אדער קארשון [אזא רויב-פויגעל] וואס איז ארויסגענומען געווארען פון נעסט און אויפגעצויגען געווארען אין א הויז.

eye *n. and v.* (אי) אן אויג; א קוק; בעאבאכטונג; אויפמערקזאמקייט; די זעהונגס-קראפט; אנזיכט; אנבליק; עטוואס וואס איז עהנליך צו אן אויג, ווי א לאך, אן אויערעל פון א נאדעל, א קנאספע אדער א שפראץ-אויגעלע פון א פלאנצע א. ז. וו.; עטוואס וואס איז עהנליך צום אויג אלס א קוועלע פון ליכט און איינפלוס; קוקען; בעאבאכטען; בעטראכטען; מאכען א לעכעל אין א נאדעל אדער אין אן אנדער געגענשטאנד.

eye'ball *n.* (אי'-באהל) דער אויג-עפעל.

eye'beam *n.* (אי'-ביעם) דער בליק, דער שטראהל פון אויג.

eye'-bolt *n.* (אי'-באולט) א מין פעררוקער אדער שטאנג וואס האט א לאך אדער רינג אין איין ענד.

eye'bright *n.* (אי'-בראיט) די אויגען-טרויסט [א מין גראז, וואס מען פלעגט אמאל בענוצען אלס רפואה צו אויגען-וועהטאג].

eye'-brighte'ning *a.* (אי'-בראיט'-נינג) וואס מאכט קלאר אדער דייטליך.

eye'brow *n.* (אי'-בראו) די אויגען-ברעם [די ברעם איבער'ן אויג].

eyed *a.* (איד) אויגיג; מיט אויגען.

eye'-doc'tor *n.* (אי'-דאק'-טאר) אן אויגען-דאקטאר, אן אקוליסט.

eye'-drop *n.* (אי'-דראפ) א טרעהר.

eye'-end *n.* (אי'-ענד) דער ענד אדער עק פון א טעלעסקאפ, צו וועלכען עס לעגט זיך צו דאס אויג.

eye'-flap *n.* (אי'-פלעפ) איינער פון די לעדערנע קלאפען וואס שטארצען ארויס פון צוים ביי די זייטען פון א פערד'ס אויגען.

eye for eye (אי פאר אי) אן אויג פאר אן אויג [עין תחת עין].

eye'-glance *n.* (אי'-גלענס) א בליק.

eye'-glass *n.* (אי'-גלעס) א בריל, אן אויגען-גלאז.

eye'hole *n.* (אי'-האול) א לאך פאר דעם אויג [ווי אין א מאסקע, אין א טהיר א. ד. ג.]; א רונדע לאך.

eye'ing *n.* (אי'-אינג) דאס מאכען דאס לעכעל אין א נאדעל.

eye'lash *n.* (אי'-לעש) א וויהע, א ברעם [די האר וואס וואקסען אויף די ענדען פון די אויגען-לעדלעך]; א האר פון א וויהע.

eye'-lens *n.* (אי'-לענז) די גלאז-לינזע פון א שפאקטיוו.

eye'less *a.* (אי'-לעס) אהן אויגען, בלינד.

eye'let *n.* (אי'-לעט) א קליין רונד לעכעל; א רונדער קנאפ-לאך; א שלייפעל צום פערקנעפלען.

eyeleteer' *n.* (אי-לע-טיער') א קליינער שארפער אינסטרומענט צו מאכען רונדע קנאפ-לעכער.

eye'let-hole *n.* (אי'-לעט-האול) ז. ***eyelet***

eye'leting-machine' *n.* (אי'-לעט-אינג-מע-שין') א מאשין צו מאכען קנאפ-לעכער אין שיך.

eye'let-machine' *n.* (אי'-לעט-מע-שין') א מאשין וואס זוימט ארום קנאפ-לעכער אין צייג.

eye'let-rai'ser *n.* (אי'-לעט-ריי'-זער) אין וועשערייען אדער פראטשעשנעס — א האנד-אינסטרומענט מיט וועלכען מען הויבט אונטער און מען גלייכט אויס די קנאפ-לעכער פון א העמד אדער קלייד.

eye'let-set *n.* (אי'-לעט-סעט) א מין צווייגנעל, מיט וועלכען מען האקט אויס קנאפ-לעכער אין א העמד אדער מאנטעל.

eye'lid *n.* (אי'-ליד) דאס אויגען-לעדעל.

eye offen'ding (אי א-פענ'-דינג) מפני מראית העין [וואס איז מיאוס פאר'ן אויג].

eye of heav'en (אי אוו העווען) דאס הימעל-אויג [די זון, די לבנה].

eye'-o'pener *n.* (אי'-או'פ-נער) עטוואס וואס רייסט אויף די אויגען; עטוואס וואס מאכט שטוינען; א שטארקער טרונק בראנפען אדער ליקער.

eye'piece *n.* (אי'-פיעס) די גלאז-לינזע פון א שפאקטיוו, וועלכע איז נאהנט צום אויג.

eye'-pit *n.* (אי'-פיט) דער ארביט פון אויג, דאס אויגען-לאך.

ey'er *n.* (אי'-ער) א בעקוקער, א בעאבאכטער.

eye'-salve *n.* (אי'-סאוו) אן אויגען-זאלב.

eye'-ser'vant *n.* (אי'-סויר'-וועגט) א דינער וואס טהוט זיין פפליכט נאר ווען מען גיט אויף איהם אכטונג.

eye'-ser'ver *n.* (אי'-סויר'-ווער) ז. ***eye-servant***

eye'-ser'vice *n.* (אי'-סויר'-וויס) דיענסט-ארבייט וועלכע איינער טהוט נאר ווען מען גיט אויף איהם אכטונג.

eye'-shade *n.* (אי'-שייד) אן אויגען-שירם [א שירם וואס ווערט געטראגען איבער די אויגען צו שיצען זיי פון העלער ליכט].

eye'shot *n.* (אי'-שאט) א בליק, א קוק מיט'ן אויג.

eye'sight *n.* (אי'-סאיט) דאס זעהען פון אויג; די ראיה; דער חוש הראיה.

eyes of a ship (איז אוו ע שיפ) די פאדערשטע פענסטער [לוקען] פון א שיף.

eye'sore *n.* (אי'-סאור) א געשוויר אויף'ן אויג; א דארן אין אויג [עפעס וואס מען האסט צו זעהן].

eye'-splice *n.* (אי'-ספלאיס) א מין שלייף וואס מאטראזען מאכען אין א שטריק דורך צוזאמענקניפונג.

eye'-string *n.* (אי'-סטרינג) דער אויג-מוסקעל [דער מוסקעל וואס בעוועגט דאס אויג].

eye'-tooth *n.* (אי'-טוטה) אן אויגען-צאהן [דער שפיציגער צאהן וואס געפינט זיך אין דער ריכטונג פון אויג, הינטער וועלכען עס פאנגען זיך אן די באק-צייהנער].

eye'-wai'ter *n.* (אי'-הוויי'-טער) ז. ***eye-servant***

eye'-wash *n.* (אי'-הוואש) אויגען-וואסער [א מעדיצינישע פליסיגקייט צו וואשען די אויגען].

eye'-wa'ter *n.* (אי'-הוואה'-טער) אויגען-וואסער [אזא מעדיצינישע פליסיגקייט צום וואשען די אויגען]; די פליסיגקייט וואס פילט אן דאס אויג.

eye'-wink *n.* (אי'-הווינק) א וואונק מיט'ן אויג.

eye'-win'ker *n.* (אי'-הווינ'-קער) ז. ***eyelash***

eye'-wit'ness *n.* (אי'-הוויט'-נעס) אן אויגען-צייגע, אן עדות וואס האט עפעס געזעהען מיט זיינע אויגען.

ey'ot *n.* (אי'-אט) א גאנץ קליינער אינזעל.

ey'ra *n.* (אי'-רא) אזא זארט ווילדע קאץ וואס געפינט זיך אין זיד-אמעריקא [זי איז פון רויטליכען קאליר, האט א לאנגען קערפער, א לאנגען עק און קורצע פאדערשטע פיס].



Eyra

eyre *n.* (עהר) א רייזע, א רונד-רייזע; א רונד-רייזע פון א געריכט אין אמאלינע צייטען.

F

F, f (עף) דער זעקסטער בוכשטאב פון דער *a-b-c*

f. *forte* אין מוזיק — אן אבקירצונג פון

fa *n.* (פא) די מוזיקאלישע נאטע "פא".

F. A. A. אן אבקירצונג פון די ווערטער *free of all average* אן אויסדרוק, וואס ווערט געברויכט אין פערזיכערונג אויף שיפען און סחורות געשיקט דורך שיפען. ז. *average*

faba'ceous *a.* (פע-ביי'-שיאס) אין באטאניק — עהנליך צו בעבלעך; אויף וואס עס וואקסען בעבלעך אדער באב־ארטיגע פרוכטען.

Fa'bian *a. and n.* (פיי'-בי-ען) פאביאניש, אבלעגענדיג, אויסמיידענדיג אן אפענעם קאמפף, אויסמאטערענד דעם נעגנער דורך פערשיעדענע מאנעווערען [ווי די טאקטיק פון דעם אלט־רוימישען קריעגספיהרער קווינטוס פאביוס מאקסימוס אין זיין קאמפף נעגען דעם קארטהאגענישען קריעגס־פיהרער האניבאל]; א פאביאנער, אן אנהענגער פון דער פאביאנער געזעלשאפט. ז. *Fabian Society*

Fa'bianism *n.* (פיי'-בי-ען-איזם) פאביאניזם, די פרינציפען פון דער פאביאנער געזעלשאפט. ז. *Fabian Society*

Fa'bianist *n.* (פיי'-בי-ען-איסט) א פאביאנער, א מיטגליעד פון דער פאביאנער געזעלשאפט. ז. *Fabian Society*

Fa'bian Soci'ety (פיי'-בי-ען סא-סאי'-ע-טי) די פאביאנישע געזעלשאפט [א סאציאליסטישער פעראיין, ארגאניזירט אין ענגלאנד אין יאהר 1884, וועלכער האט זיך געשטעלט די אויפגאבע צו פערשפרייטען די סאציאליסטישע פרינציפען דורך פריעדליכער פראפאגאנדא].

fa'ble *n. and v.* (פיי'בל) א פאבעל [א מעשה'לע מיט א מוסר השכל], א משל, אן אלעגאריע, א מעשה'לע; א לעגענדע; אן אויסגעטראכטע זאך; א ליגען; א פאבולא [די פאסירונג אדער פאסירונגען, וועגען וועלכע עס האנדעלט זיך אין א פאעטישען אדער דראמאטישען ווערק]; איינער אדער עטוואס וועמען אדער וואס יעדער האלט אין מויל; שרייבען אדער דערצעהלען אויסגעטראכטע אדער פאנטאסטישע זאכען; דערצעהלען ליגענס; אויסטראכטען, אויספאנטאזירען.

fa'bled *a.* (פייבלד) געריהמט אדער פארנעשטעלט אין פאבעלען, אין פאלקס־מעשה'לעך אדער פאלקס־לעגענדען; פאנטאסטיש [ווי אין א פאבעל אדער לעגענדע], לעגענדאריש.

fa'blemonger *n.* (פיי'בל-מאנ-נער) איינער וואס טראכט אוים אדער דערצעהלט נאך פאנטאסטישע אדער ניט־געשטויגענע זאכען.

fa'bler *n.* (פיי'-בלער) א שרייבער אדער דערצעהלער פון פאבעלען אדער פון פאנטאסטישע געשיכטען; א הענדלער מיט פאנטאסטישע געשיכטען; א ליגנער, א פעלישער.

fa'bling *n.* (פיי'-בלינג) דאס מאכען פאבעלען; א פאבעלהאפטע אדער פאנטאסטישע דיכטונג; פאבעלען [בכלל].

fab'ric *n.* (פעב'-ריק) געבוי, נעביידע, געוועב, פאבריקאט [עטוואס וואס ווערט פראדוציִרט, הויפטזיכליך פון געוועבטע שטאפען].

fab'ricant *n.* (פעב'-רי-קענט) א פאבריקאנט; איינער וואס פאבריצירט אדער פראדוצירט.

fab'ricate *v.* (פעב'-רי-קייט) פאבריצירען; פארמירען, פערפערטיגען, פראדוצירען; בויען; אויסטראכטען; אויסטראכטען א ליגען; פעלשען.

fabrica'tion *n.* (פעב-רי-קיי'-שאן) פאבריצירונג; פארמירונג, פערפערטיגונג; דאס בויען אדער מאכען; דאס אויסטראכטען; דאס פעלשען אדער אבנארען; עטוואס וואס ווערט פאבריצירט, אויסגעטראכט אדער געפעלשט.

fab'ricator *n.* (פעב'-רי-קיי-טאר) א פאבריקאנט; א בויער; א פראדוצירער; אן אויסטראכטער; איינער וואס טראכט אוים ליגענס.

fab'ricatress *n.* (פעב'-רי-קיי-טרעס) א פאבריקאנטין; איינע וואס פאבריצירט, פראדוצירט, בויט אויף אדער טראכט אוים; איינע וואס טראכט אוים ליגענס.

fab'ricature *n.* (פעב'-רי-קע-טשור) פאבריקאציאן.

fab'ric lands (פעב'-ריק לענדז) לאנד־איינענטום וואס ווערט אוועקגעשענקט מיט דעם צוועק, אז די הכנסה דערפון זאל געהן פאר'ן איבערבויען אדער פערריכטען קלויסטערס.

fab'ulise *v.* (פעב'-יו-לאיז) ז. *fabulize*

fab'ulist *n.* (פעב'-יו-ליסט) א שרייבער פון פאבעלען; א שרייבער פון אויסגעטראכטע אדער פאנטאסטישע געשיכטען.

fab'ulize *v.* (פעב'-יו-לאיז) פערפאסען אדער דערצעהלען פאבעלען אדער אויסגעטראכטע, פאנטאסטישע געשיכטען.

fab'ulous *a.* (פעב'-יו-לאס) פאבעלהאפט, אונגעהייער, ערשטוינענד, אונגלויבליך, לעגענדאריש, אויסגעטראכט, פאנטאסטיש; דערצעהלענדיג פאבעלען אדער ניט־געשטויגענע געשיכטעס; פערקאכט אין דערצעהלען פאנטאסטישע אדער ניט־געשטויגענע געשיכטעס.

fab'ulous age (פעב'-יו-לאס איידזש) די לעגענדארישע צייט.

fab'ulously *adv.* (פעב'-יו-לאס-לי) אויף א פאבעלהאפטען, ערשטוינענדען, אויסגעטראכטען, אונגלויבליכען אדער פאנטאסטישען שטייגער; אין א פאבעל אדער אויסגעטראכטער פאנטאסטישער געשיכטע.

fab'ulousness *n.* (פעב'-יו-לאס-נעס) פאבעלהאפטינקייט; דאס זיין פאנטאסטיש אדער אויסגעטראכט.

façade' *n.* (פע-סאד') א פאסאדע, א פאדער־זייט [פון א געביידע].

face *n. and v.* (פיים) געזיכט; אנבליק, אויסזעהן, געזיכטס־אויסדרוק, מיענע; פעראלטונג; מוטה, נעוואנטקייט, אנגעזיכט; פאדערזייט, אויסערליכע זייט; ציפערבלאט; דער קאפ [פון א מטבע]; פלעכע, אויבערפלעכע; די פלאכע זייט פון א געאמעטרישען קערפער; די ווערטער פון א געזעצליכען דאקומענט גענומען אין זייער בוכשטעבליכען זין [הויכטזעכליך די ספעציעלע בעדינגונגען און די סומע געלד אין דיעזע דאקומענטען]; דער פאדערשטער ראנד פון א בוך; שטעהן פנים אל פנים, שטעהן מיט'ן געזיכט אדער מיט דער פאדערשטער זייט צו...; מוטיג בעגעגענען אדער זיך ענטגעגענשטעלען; בעדעקען מיט עפעס פון אויבען אדער פון פארענט, ארומלעגען, ארומנעהמען; זיך אומקעהרען מיט'ן געזיכט, זיך אומדרעהען [אין מיליטער]; שערינען, אברייבען די אויבערפלעכע.

face about' (פיים ע-באוט') זיך אומדרעהען; זיך איבערקוליען.

face a card (פיים ע קארד) איבערקעהרען א קארט [אין קארטען־שפיעל].

face'-ache *n.* (פיים'-אייק) געזיכטס־נויראלגיע [נערווען־שמערץ אין געזיכט].

face'-a'gue *n.* (פיים'-איי'-גיו) ז. *face-ache*

face'-card *n.* (פיים'-קארד) א שפיעל־קארט מיט א פיגור [ווי קעניג, דאמע, אונטער].

face'-cloth *n.* (פיים'-קלאהטה) דער טוך, מיט וועלכען מען דעקט איבער דאס געזיכט פון א טויטען.

faced *a.* (פייסט) בעדעקט מיט עפעס פון אויבען, אבגעפאלירט, גלאט; בעדעקט פון פארענט [מיט אנדערע מאטעריאלען, ווי קליידער]; וואס האט א פיגור אויף זיך [ווענען שפיעל־קארטען]; אויסזעהענדיג.

face down (פיים דאון) ברייננען אין פערלעגענהייט, פערשעמען אדער צונעהמען דעם מוטה דורך א שטרענגען אדער אנגעשטרענגטען בליק; מוטיג זיך ענטגעגענשטעלען; בעזיעגען אדער בעזייטיגען דורך מוטה און ווידערשטאנד.

face'-en'try *n.* (פיים'-ען'-טרי) פרייער איינטריט [אין טעאטער].

face'-guard *n.* (פיים'-גארד) א צורעק אדער א מאסקע צו בעשיצען דאס פנים [ביים פעכטען, ביים אומנעהן ארום עקספלאדירענדע שטאפען א. ד. ג.].

face'less *a.* (פיים'-לעס) אהן א פנים; אונפערשעמט.

face'-ma'king *n.* (פיים'-מיי'-קינג) פריה ורביה.

face of affairs' (פיים אוו ע-פעהרז') די זאכלאגע; די סיטואציאן ווי זי זעהט אוים.

face of brass (פיים אוו ברעס) א קופערנער שטערן; פערשטאכענע אוינען.

face'-pain'ter *n.* (פיים'-פיינ'-טער) א פארטרעט־מאלער.

face'-pain'ting *n.* (פיים'-פיינ'-טינג) פארטרעט־מאלעריי; דאס פארבען דאס געזיכט.

face'-plan *n.* (פיים'-פלען) א פלאן אדער א צייכנונג פון דעם פאדערשטען טייל אדער הויפט־טייל פון א געביידע.

fa'cer *n.* (פיי'-סער) א קלאפ אין פנים, אן איבערראשענדער צוריקשטויס; א פולע גלאז ווייז.

fac'et *n. and v.* (פעס'-עט) א קליינע פלעכע; פאצעטען [געשליפענע קליינע פלעכען ביי דימענטען, וועלכע ווערען געמאכט, אום צו פערגרעסערען זייער גלאנץ]; אויסשניידען פאצעטען [אויף דימענטען].

fac'eted *a.* (פעס'-עט-עד) פאצעטירט,

בעדעקט מיט געשליפענע קליינע פלעכען [וועגען דימענטען] ז. *facet*

face the mu'sic (פיים טהי מיו'-זיק) מוטיג זיך האלטען אין אן עת צרה; זיין גרייט פאר דעם ערנסטען.

face'tiæ *n.* (פע-סי'-שי-אי) וויצען, גלייכווערטלעך; ביכער מיט גראבע אדער אונאנשטענדיגע וויצען.

fac'eting *n.* (פעס'-עט-אינג) דאס פאצעטירען [דימענטען]. ז. *facet*

face'tious *a.* (פע-סי'-שאס) לוסטיג, מונטער, וויציג, שפאסיג.

face'tiously *adv.* (פע-סי'-שאס-לי) אויף א מונטערען, לוסטיגען, וויצינגען אדער שפאסיגען אופן.

face'tiousness *n.* (פע-סי'-שאס-נעס) לוסטיגקייט, מונטערקייט, וויצינקייט, שפאסיגקייט.

face to face (פיים טו פיים) פנים אל פנים; אונטער פיער אויגען.

fac'etted *a.* (פעס'-עט-עד) ז. *faceted*

fac'etting *n.* (פעס'-עט-אינג) דאס פאצעטירען [דימענטען]. ז. *facet*

face'-val'ue *n.* (פיים'-וועל'-יו) די ווערטה פון ווערטה=פאפיערען, וועלכע איז אויף די פאפיערען אנגעגעבען.

The face-value of the bond is $50.

face'-wheel *n.* (פיים'-הוויעל) א קרוינראד. ז. *crown-wheel*

fa'cial *a.* (פיי'-שעל) וואס געהערט אדער וואס איז שייך צום געזיכט.

fa'cially *adv.* (פיי'-שעל-אי) אין בעצוג צום געזיכט; ווי א געזיכט; פנים אל פנים.

fa'cial vein (פיי'-שעל וויין) דער געזיכטס=אדער, וועלכער ציהט זיך פון דעם ווינקעל צווישען די אויגען און גיסט זיך צונויף מיט דעם אדער ביים קיהנביין. ז. איל. *"Bloodvessels of the Human Body"*

fa'cies *n.* (פיי'-שי-איז) דאס געזיכט, דער פאדערשטער טייל, דער פאדערשטער טייל פון שארבען אדער פון קאפ; דאס אויסערליכע אויסזעהן, דער אויסערליכער געבוי; דאס אויסערליכע, אויבערפלעכליכע אדער אלגעמיינע אויסזעהן.

fac'ile *a.* (פעס'-איל) לייכט; בויגזאם, נאכגעביג; שנעל, געשיקט.

fac'ile prin'ceps (פעס'-אי-לי פרינ'-סעפס) נעווים דער ערשטער; אהן צווייפעל אנערקענט אלס דער ערשטער אדער בעסטער.

facil'itate *v.* (פע-סיל'-אי-טייט) פערלייכטערען, גרינג מאכען.

facilita'tion *n.* (פע-סיל-אי-טיי'-שאן) די פערלייכטערונג, דאס גרינגער מאכען.

facil'ities *n.* (פע-סיל'-אי-טיז) בעקוועמליכקייטען; פערלייכטערונגען; אין קאמערץ — דאס אבצאהלען פאר עפעס ניט מיט איין מאל, נאר אין עטליכע טערמינען.

facil'ity *n.* (פע-סיל'-אי-טי) לייכטיגקייט; בויגזאמקייט; נאכגעבינקייט; מעגליכקייט.

fa'cing *n.* (פיי'-סינג) דאס וואס בעדעקט דעם פארענט אדער די אויבערשטע זייט צוליעב בעפוצונג אדער בעשיצונג; דער אויבערשלאג; די אבשלאגען אדער טאשמעס וואס ווערען אויפגענעהט אויף א קלייד; די אויסגעשניצטע שטיינערנע אדער הילצערנע פלאטען, וועלכע בעדעקען דעם פראנט פון א וואנד; דער אויבערשטער שיכט פון ערד, טארף אדער שטיינער מיט וועלכע מען לעגט אוים דעם דעק פון א קאנאל אדער דעם וואל, איבער וועלכען עס געהט אן אייזענבאהן, צו פערשטארקערען דעם גרונט; דאס צופאסען די עקען פון צוויי קלעצער, אז זיי זאלען זיך בעהעפטען איינער מיט'ן אנדערען; אין מושטירען סאלדאטען — דאס קעהרען זיך אויף'ן פוס לינקס און רעכטס; דאס ארומהאקען די אויבערשטע זייט פון א מיהל=שטיין.

fa'cingly *adv.* (פיי'-סינג-לי) מיט'ן פארענט געווענדעט צו...

facsim'ile *n. and a.* (פעק-סימ'-אי-לי) די פאקסימילע, א ריכטיגע קאפיע פון א האנדשריפט, א נאכבילדונג פון א שריפט; דאס נאכמאכען א האנדשריפט; וואס האט דעם כאראקטער פון א פאקסימילע, וואס איז א ריכטיגע קאפיע פון עפעס.

facsim'ilist *n.* (פעק-סימ'-אי-ליסט) איינער וואס מאכט א פאקסימילע אדער ריכטיגע קאפיע פון עפעס.

fact *n.* (פעקט) א פאקט, א טהאטזאך; דאס וואס איזווירקליך נעוועזן אדער וואס האט ווירקליך עקזיסטירט.

fac'tion *n.* (פעק'-שאן) צוויסטינקייטען, מחלוקות אין א פארטיי; א פארטיי אין א פארטיי; א פארטיי וועלכע זוכט צו דערגרייכען איהרע אייגענע צוועקען, ניט רעכענענדיג זיך מיט דעם, צי וועט דאס ברייגגען אלעמען גוטעס אדער שאדען; א פארטיי אדער פערבאנד וואס שטעהט אין דער העפטיגסטער אפאזיציאן צו דער רעגיערונג אדער צו דער עקזיסטירענדער ארדנונג.

fac'tional *a.* (פעק'-שאנ-על) וואס איז שייך צו צוויסטיגקייטען אדער מחלוקות אין א פארטיי.

fac'tionist *n.* (פעק'-שאנ-איסט) איינער וואס בילדעט א פארטיי אין א פארטיי.

fac'tious *a.* (פעק'-שאס) וואס רופט ארוים אן אפאזיציאן אין א פארטיי.

fac'tiously *adv.* (פעק'-שאס-לי) מאכענדיג מחלוקות און צוויסטינקייטען אין א פארטיי.

fac'tiousness *n.* (פעק'-שאס-נעס) דאס אויסבילדען א פארטיי אין א פארטיי.

facti'tious *a.* (פעק-טיש'-אס) קינסטליך, נאכגעמאכט.

facti'tiously *adv.* (פעק-טיש'-אס-לי) אויף א קינסטליכען, נאכגעמאכטען שטייגער.

facti'tiousness *n.* (פעק-טיש'-אס-נעס) דאס זיין קינסטליך אדער נאכגעמאכט.

fac'tor *n.* (פעק'-טאר) א פאקטאר, א געשעפטס=פיהרער; אן אגענט; אין מאטעמאטיק — איינע פון די צוויי אדער עטליכע צאהלען פון א כפל [ווי למשל, די צאהלען 3 און 6 פון כפל 3×6=18].

fac'torage *n.* (פעק'-טאר-איידזש) קורטאזש, אן אגענט'ס געצאהלט, פאקטארגעלד.

facto'rial *a.* (פעק-טאו'-רי-על) וואס איז שייך צו א פאבריק; אין מאטעמאטיק — וואס איז שייך צו די פאקטארען אדער צאהלען, וועלכע כפל'ען זיך איינע אויף די אנדערע.

fac'torship *n.* (פעק'-טאר-שיפ) פאקטארשאפט, א שטעלע פון א געשעפטס=פיהרער.

fac'tory *n.* (פעק'-טא-רי) א פאבריק; מאנופאקטור; פאקטאריי.

fac'tory bill (פעק'-טא-רי ביל) דאס געזעץ [אין ענגלאנד] וואס פערבאט די איבערשטונדען=ארבייט פון קינדער אין די פאבריקען.

fac'tory price (פעק'-טא-רי פראיס) דער פאבריק=פרייז.

facto'tum *n.* (פעק-טאו'-טאם) איינער וואס איז אנגעשטעלט צו טהאן אלע ארבייטען.

fac'ture *n.* (פעק'-טשור) א פאקטורע, דער חשבון וואס איין סוחר שיקט דעם אנדערען ביים אבשיקען איהם סחורות.

fac'ulæ *n.* (פעק'-יו-לי) העלע פלעקען אויף דער זון.

fac'ultative *a.* (פעק'-אל-טע-טיוו) פאקולטאטיוו, פרייוויליג; וואס איז ניט קיין מוז; וואס מען קען טהאן ווי מען וויל.

fac'ultatively *adv.* (פעק'-אל-טע-טיוו-לי) אויף א פאקולטאטיווען אופן; לויט'ן ווילען; לויט דער אייגענער בחירה.

fac'ulty *n.* (פעק'-אל-טי) די פעהינקייט, די קראפט, די גאבע, טאלאנט; דאס וואס איז געשאנקען געווארען; א פריווילעגיע, א לגאטע; א פאקולטעט [אין אוניווערזיטעט]; א פאך פון א וויסענשאפט.

fac'ulty of arts (פעק'-אל-טי אוו ארטז) דער פילאזאפישער פאקולטעט אין די אלטע אוניווערזיטעטען, וואו די סטודענטען פלעגען דורכגעהן די פאלגענדע וויסענשאפטען: גראמאטיק, לאגיק, רעטאריק, אריטמעטיק, געאמעטריע, אסטראנאמיע און מוזיק.

fac'ulty of law (פעק'-אל-טי אוו לאה) דער יורידישער פאקולטעט.

fac'ulty the'ory (פעק'-אל-טי טהי'-א-רי) אין פאליטישער עקאנאמיע — די טעאריע, אז שטייערען און צאהלונגען דארפען ארויפגעלעגט ווערען אויף יעדען איינעם לויט זיינע פעהינקייטען און פערמעגליכקייט.

fad *n. and v.* (פעד) א קאפריז, א טירוף, א משוגעת; א מאדע; א קאפריזנער מענש; איינער, וועלכען מען קען ניט צופריעדען שטעלען; בעשעפטיגען זיך מיט קליינינקייטען; טהאן ניט דאס וואס איז וויכטיג.

fade *v. and a.* (פייד) וועלקען, וויאנען; אונטערגעהן; אנווערען ביסלעכווייז דעם גלאנץ, קראפט אדער פרישקייט; מאט, שוואך, ניט אינטערעסאנט.

fa'ded *a.* (פיי'-דעד) אנגעווארען די העלקייט; אבגעבלייכט; געווארען מאט [וועגען פארבען אדער קאלירען].

fade'less *a.* (פייד'-לעס) וואס ווערט ניט פערוועלקט אדער פערוויאנעט.

fade'lessly *adv.* (פייד'-לעס-לי) אזוי, דאס עס זאל ניט פערוועלקט אדער אבבלאקירט ווערען.

fa'ding *n. and a.* (פיי'-דינג) דאס פערוויאנען, דאס אנווערען דעם קאליר אדער פרישקייט; דער אונטערגאנג; וואס פערוויאנעט; וואס בלאקירט אב.

fa'dingness *n.* (פיי'-דינג-נעס) דאס אונטערגעהן, דאס פערוויאנען.

fæ'cal *a.* (פיע'-קעל) וואס איז שייך צו עקסקרעמענטען [צאה].

fæ'ces *n.* (פיע'-סיז) עקסקרעמענטען, צאה.

fag *v. and n.* (פעג) הארעוועז איבער די כחות; טהאן שווערע הויז=ארבייט; פערמאטערט ווערען פון הארעוואניע; צווינגען איינעם צו טהאן שווערע ארבייט פאר אן אנדערען; פאנאנדערדרעהען, אבפלעכטען [ווי דעם עק פון א שטריק]; איינער וואס טהוט שווערע הויז=ארבייט; שווערע הארעוואניע; דאס פאנאנדערפלעכטען אן עק פון א שטריק; א פאנאנדערגעפלאכטענער עק פון א שטריק אדער קאנאט; אין זאאלאגיע — דער מינק [א מין

ביבער, וואס לעבט ביים ברעג פון ים אדער פון א טייך].

fag at one's books (פעג עט הוואנז בוקס) שוויצען איבער די ביכער.

fag'-end *n.* (פעג'-ענד) א קראמקע, א קראיקע [פון טוך]; בראק, אויסשוס; א פאנאנדערגעפלאכטענער עק פון א שטריק.

fagged out (פעגד אוט) אויף'ן העכסטען אופן אויסגעמאטערט.

fag'ging-sys'tem *n.* (פעג'-אינג-סיס'-טעם) די סיסטעם אין געוויסע ענגלישע שוהלען, אז א תלמיד פון די נידריגע קלאסען דארף בעדיענען אן עלטערען און דיעזער דארף איהם דערפאר פערטיידיגען אין פאל, ווען זיינע חברים פאלען אויף איהם אן און שלאגען איהם.

fag'got *v. and n.* (פעג'-אט) ז. *fagot*.

fag'ot *n. and v.* (פעג'-אט) א בינטעל ריטער אדער שטעקענס; טויט-שטראף דורך פערברענען לעבעדיגערהייט [דורך דעם בינטעל ריטער וואס מען פלעגט אונטערצינדען אונטער דעם פעראורטיילטען]; א צייכען פון א בינטעל ריטער, וואס אין מיטעלאלטער פלעגט א מענש, וועלכער האט בעלאנגט צו אן אפיקורס'ישער סעקטע און דערנאך חרטה געהאט און תשובה געטהאן, דארפען טראגען, כדי צו בעווייזען וואס פאר א שטראף דער מענש וואלט בעקומען ווען ער וואלט נים חרטה געהאט אויף זיינע זינד; א בינטעל אייזערנע שטעקלעך; א בינטעל צוזאמענגעבונדענע פיש, וועלכע מען העננט אויף צו טריקענען; א מענש וועלכען מען פלעגט אמאל אין ענגלאנד אריינגעהמען אין דער ארמעע נים אלס סאלדאט, נאר כדי די ארמעע זאל אויסווייזען גרעסער; צוזאמענבינדען אין איינעם.

fag'ot i'ron (פעג'-אט אי'-ערן) שטאבאייזען [אייזען געצויגען אין שטאנגען].

fagot'to *n.* (פע-גאט'-או) א פאגאט [אזא מוזיקאלישער בלאז-אינסטרומענט].

fag'ot-vote *n.* (פעג'-אט-וואוט) א שטרויענע וואהל-שטימע [די וואהל-שטימע פון מענשען, וועלכע מען פלעגט אמאל אין ענגלאנד ארויסשטעלען אלס כלומרשטיגע בעזיצער פון אייגענטום, וואס דאס פלעגט זיי געבען א רעכט צו שטימען פאר א געוויסען קאנדידאט אין פארלאמענט].

fag'ot-vo'ter *n.* (פעג'-אט-וואו'-טער) א שטרויענער וועהלער. ז. *fagot-vote*.

fag out (פעג אוט) — אין קריקעט-שפיעל כאפען דעם באל אדער אבשטעלען זיין לויף.

fahl'erz *n.* (פאל'-ערטס) דאס פאהלערץ [גרויער, רויהער קופער].

Fahr'enheit *a.* (פאר'-ען-האיט) פארענהייט'ס; וואס איז שייך צו פארענהייט'ס טערמאמעטער, וועלכער ווערט געברויכט אין ענגלאנד און אמעריקא [דיעזער טערמאמעטער צייכענט זיך אויס פון אנדערע דערמיט, וואס דער פרירונגס-פונקט פון וואסער איז אין איהם בעצייכענט נים מיט 0, נאר מיט 32, און די צאהל פון גראדען פון דעם פרירונגס-פונקט ביז'ן זידע-פונקט איז 180, ד. ה. פון 32-טען ביז 212-טען גראד].

faience' *n.* (פא-יאנס') פאיאנס, פארצעליי.

faik *v. and n.* (פייק) ז. *fake*.

fail *v. and n.* (פייל) פעהלען; פערפעהלען; אויסבלייבען; זיך אירען; דורכפאלען; ניט דערגרייכען; ניט ערפילען [א התחיבות]; ניט טרעפען; ניט האלטען [ווארט]; פערזאמען; נים געלינגען; מאכען באנקראט, אנזעצען; פערלאזען; שוואך ווערען; דאס פעהלען, דאס אויסענבלייבען; א מאנגעל; א דורכפאל; נים-געלינגענהיים.

fai'ling *n.* (פיי'-לינג) דאס פעהלען; דאס דורכפאלען; אונפאלקאמענהייט; שוואכקיים.

fail in health (פייל אין העלטה) זיין שוואך אין געזונד.

fail'ure *n.* (פייל'-יור) דאס פעהלען; דאס אויסענבלייבען; דאס אויסלאזען; דאס נים טרעפען, א דורכפאל; דאס נים געלינגען, דאס נים האבען קיין ערפאלג; דאס נים ערפילען; שוואכקיים, דאס שוואך ווערען; א פעהלער, א מאנגעל; באנקראט.

fail'ure of crops (פייל'-יור אוו קראפס) אן אונגערעטעניש.

fain *a. and v.* (פיין) מיט פרייד; גערן; מיט צופריעדענהייט; זיין צופריעדען, זיין דערפרעהט; וועלען, פערלאנגען; איינוויליגען געצוואונגענערהייט.

fai'neance *n.* (פיי'-נע-ענס) פוילקייט.

fainéant' *a. and n.* (פיי-ניי-אן') פויל, אונטהעטיג, אונטויגליך; א פוילענצער, א שטיק נארנישט.

fain'ness *n.* (פיין'-נעס) צופריעדענהייט.

faint *a. and v.* (פיינט) שוואך, מאט; קראפטלאז; פויל; מוטלאז; שרעקעדיג; בלאס; פערליערען דעם מוטה; שוואך ווערען; פאלען אין אונמאכט אדער אין חלשות.

faint'-draw *v.* (פיינט'-דראה) שוואך צייכענען, אנדייטען.

faint'-hear'ted *a.* (פיינט'-הארט'-טעד) קליינמוטיג, שרעקעדיג.

faint'-hear'tedly *adv.* (פיינט'-הארט'-טעד-לי) אויף א קליינמוטיגען אדער שרעקעדיגען אופן.

faint'-hear'tedness *n.* (פיינט'-הארט'-טעד-נעס) קליינמוטיגקייט, שרעקעדיגקייט.

fain'ting *n.* (פיינ'-טינג) אונמאכט, חלשות.

fain'tish *a.* (פיינ'-טיש) עטוואס שוואך, מאט.

fain'tishness *n.* (פיינ'-טיש-נעס) שוואכקייט, מאטקייט; איבעלקייט, נים-גוטקייט.

faint'ly *adv.* (פיינט'-לי) שוואכליך, שרעקעדיג; אהן ענערגיע, אהן מוטה.

faint'ness *n.* (פיינט'-נעס) שוואכקייט, מאטקייט; קליינמוטיגקייט, שרעקעדיגקייט.

faints *n.* (פיינטס) דער שוואכער און אונריינער ספירט, וואס טייגט זיך אב ביים דיסטילירען בראנפען.

fair *a., adv., n. and v.* (פעהר) אפען, אויפריכטיג, עהרליך; גערעכט; ריכטיג; אונפארטייאיש; פאסענד, אנגעהמבאר; שעהן; העל, קלאר, אהן וואלקענס; דייטליך, זויבער, ריין גוט, גינסטיג; זאנפט; אנגענעהם; א שעהנהייט; א יאהרמארק, א יריד; א באזאר [אן אויסשטעלונג פון ארטיקלען צו פערקויפען פאר א געזעלשאפטליכען צוועק]; מאכען שעהן; צורעכט מאכען; אויפהערען רעגענען, זיך אויסלייטערען.

fair and soft'ly (פעהר ענד סאפט'-לי) שטיל און געלאסען.

fair and square (פעיר ענד סקהוועהר) פאלקאמען עהרליך; גאנץ אפען און אהן פערשטעלטקייט.

fair befall' you (פעהר בי-פאהל' יו) נאט זאל אייך מצליח זיין.

fair chance (פעהר טשענס) א גינסטיגע געלעגענהייט; א גינסטיגע אויסזיכט אויף עפעס.

fair'-condi'tioned *a.* (פעהר'-קאנ-דיש'-אנד) וואס איז אין גוטע בעדינגונגען.

fair cop'y (פעהר קאפ'-אי) א ריין-איבערגעשריבענע שריפט.

fair'-dea'ler *n.* (פעהר'-דיע'-לער) א סוחר וואס האנדעלט אויף א יריד.

fair field (פעהר פיעלד) א גוטע געלעגענהייט פאר טהעטיגקייט.

fair'-ground *n.* (פעהר'-גראונד) א פלאץ וואו עס ווערט געמאכט א באזאר [אן אויסשטעלונג, הויפטזעכליך פון אגריקולטור-ארטיקלען].

fair'-haired *a.* (פעהר'-העהרד) וואס האט בלאנדע האר.

fair'-hand *a.* (פעהר'-הענד) אימפאזאנט, וואס זעהט אויס ערהאבען.

fair'ily *adv.* (פעהר'-אי-לי) אויף א צויבערהאפטען, פאנטאסטישען אופן.

fair'ing *n.* (פעהר'-אינג) א מתנת פון יריד; א נאסטיגעץ.

fair'ish *a.* (פעהר'-איש) גאנץ פיין, גאנץ גוט.

fair'ly *adv.* (פעהר'-לי) אויף אן אנשטענדיגען, פיינעם אופן; פיין, ערעל, עהרליך, בכבוד'יג; פול, גאנץ, קלאר; אויסגעצייכענט; קלוג; אבסאלוט, זיכער, געווים, ריכטיג, פינקטליך, אקוראט.

fair'-min'ded *a.* (פעהר'-מאינ'-דעד) מיט אן עהרליכער אורטיילונג; קארעקט; אויפריכטיג.

fair'-min'dedness *n.* (פעהר'-מאינ'-דעד-נעס) דאס זיין אויפריכטיג, עהרליך; דאס אורטיילען עהרליך, אהן נשיאות פנים.

fair'ness *n.* (פעהר'-נעס) שעהנקייט, ריינקייט, עהרליכקייט, אפענהערציגקייט, פריינדליכקייט, אנשטענדיגקייט, אונפארטייליכקייט.

fair play (פעהר פליי) אן עהרליכע בעהאנדלונג געגענאיבער א געגנער; אונפארטייאישקייט, עהרליכקייט, דאס געבען א גלייכע געלעגענהייט [א געגנער].

fair pro ra'ta (פעהר פראו ריי'-טא) א גלייכמעסיגע פערטיילונג.

fair rea'der! (פעהר ריע'-דער) ליעבע לעזערין!

fair'-see'ming *a.* (פעהר'-סיע'-מינג) וואס ווייזט אויס עהרליך, פיין, קארעקט.

fair sex (פעהר סעקס) דאס שעהנע געשלעכט, דאס פרויען-געשלעכט.

fair'-spo'ken *a.* (פעהר'-ספאו'-קן) ריכטיג גערעדט; מיט א שעהנעם אויסדרוק; שמייכלענד.

fair'-time *n.* (פעהר'-טאים) יריד-צייט.

fair to mid'dling (פעהר טו מיד'-לינג) מיטעלמעסיג; נים גאר שלעכט, אבער אויך נים זעהר גוט.

fair'-tongue *n.* (פעהר'-טאנג) א חונף.

fair'-town *n.* (פעהר'-טאון) א מארקשטאדט; א שטאדט, וואו דארטען איז א יריד אדער א מארק.

fair'way *n.* (פעהר'-הוויי) דער טייל פון א טייך אדער קאנאל, וואו שיפען קענען געהען.

fair'-weath'er *a.* (פעהר'-הוועטה'-ער) וואס איז צוגעפאסט אדער וואס קען עקזיסטירען נור אין א שעהנעם אדער גוטען וועטער; וואס קען עקזיסטירען נור ביי גוטע אומשטענדען; וואס קען נים איבערטראגען קיין שלעכטע לאגע.

fair'-weath'er friends (פעהר'-

הוועטה'-ער פרענדז) גוטע פריינד כל זמן דאס רעדעלע דרעהט זיך.

fair'-weath'er sai'lors (פעהר'-הוועטה'-ער סיי'-לארז) מאטראזען וואס ארבייטען שלעכט.

fair wind (פעהר הווינד) א גינסטינער ווינד [פאר א זעגעל-שיף].

fair'y *n. and a.* (פעהר'-אי) א פעע [אין די לעגענדען פון פערשיעדענע פעלקער — א פאנטאסטישע שעהנע פרוי, וועלכע בעווייזט זיך צו מענשען אין געוויסע מאמענטען, אנגעהמענדיג פערשיעדענע געשטאלטען]; וואס איז שייך צו די פעען; עהנליך צו א פעע; שעהן, גראציעז.

fair'y cir'cles (פעהר'-אי סוירקלז) ז. *fairy rings*.

fair'y dance (פעהר'-אי דענס) פעען-טאנץ. ז. *fairy rings*.

fair'yism *n.* (פעהר'-אי-איזם) פעען-עהנליכקייט; דער גלויבען אין פעען; א פעען-געשיכטע, א פאנטאסטישע געשיכטע; לעגענדען וועגען פעען.

fair'y-land *n.* (פעהר'-אי-לענד) דאס פעענלאנד, דאס צויבערלאנד.

fair'ylike *a.* (פעהר'-אי-לאיק) ווי א פעע.

fair'y-queen *n.* (פעהר'-אי-קהוויען) די פעען-קעניגין.

fair'y rings (פעהר'-אי רינגז) פעען-רינגען אדער פעען-טאנץ [דאס ארויס-שפראצען פון געוויסע שוועמלעך אויף די פעלדער און לאנקעס. זיי שפראצען ארויס אפט אין איין נאכט אין דער פארם פון רינגען אדער קרייזלעך און ווייל זיי ערשיינען גאנץ אונערווארטעט, הערשט אין פאלק א גלויבען, אז זיי קומען ארויס דארטען, וואו פעען און רוסאלקעס האבען געטאנצט].

fair'y sparks (פעהר'-אי ספארקס) פעען-פונקען [די פאספארישע שיין וואס קומט פון פוילענדע שטאפען].

fair'y-tale *n.* (פעהר'-אי-טייל) א צויבער-מעשה.

fait accompli' (פייט ע-קאהנ-פלי') אן אבגעטהאנענע זאך.

faith *n.* (פייטה) א גלויבען; אמונה; נאמנות; טרייהייט; עהרליכקייט.

faith'-cure *n.* (פייטה'-קיור) דאס היילען קראנקהייטען דורך תפילות.

faith'-cur'er *n.* (פייטה'-קיור'-ער) איינער וואס היילט קראנקהייטען אדער וואס גלויבט אז מען קען היילען קראנקהייטען דורך תפילות.

faith'ful *a. and n.* (פייטה'-פול) טריי, געטריי; גלויבענסווערטה; עהרליך; לאיאל; א טרייער, איבערגעגעבענער מענש.

faith'fully *adv.* (פייטה'-פול-אי) 1. אויף א טרויענסווערטהען, געטרייען שטייגער; 2. מיט טרייהייט, מיט איבערגעבענהייט.

1. I shall carry out your order faithfully.
2. Faithfully yours, John Alden.

faith'ful mem'ory (פייטה'-פול מעמ'-א-רי) א טרייע געדעכניס.

faith'fulness *n.* (פייטה'-פול-נעס) טרייהייט, געטרייהייט; עהרליכקייט; לאיאליטעט; בעשטענדיגקייט.

faith'ful transla'tion (פייטה'-פול טרענס-ליי'-שאן) א גענויע, ריכטיגע איבערזעצונג.

faith'-hea'ler *n.* (פייטה'-היע'-לער) ז. *faith-curer*.

faith'-hea'ling *n.* (פייטה'-היע'-לינג) ז. *faith-cure*.

faith'less *a.* (פייטה'-לעס) אהן אמונה, אונגלויביג; טריילאז, אונטריי.

faith'lessly *adv.* (פייטה'-לעס-לי) דורך אונטרייהייט; אויף אן אונלאיאלען שטייגער.

faith'lessness *n.* (פייטה'-לעס-נעס) אונטרייהייט, טריילאזינקייט.

faix *int.* (פייקס) אויף מיינע נאמנות!

fake *n. and v.* (פייק) איינע פון די רינגען פון א רונד-צונויפגעוויקעלטען שטריק; א שווינדעל, א פאלשקייט; א נישט געשטוינענע און נישט געפלוינענע זאך; אויסטראכטען עפעס; גנב'ענען; פעלשען נייעס.



Fake

fakeer' *n.* (פע-קיער') ז. *fakir*.

fake'ment *n.* (פייק'-מענט) שווינדעל, פעלשונג.

fa'ker *n.* (פיי'-קער) א שווינדלער, א פעלשער.

fake up (פייק אפ) צושטוקעווען.

fakir' *n.* (פע-קיר') דער פאקיר [א בעטלער-מאנאך אין אינדיען]; א בודיסטישער פרוש אדער אסקעט.

fakir'ism *n.* (פע-קיר'-איזם) די פרינציפען און האנדלונגען פון די מחמד'אנישע פאקירען אדער בעטלער-מאנאכען; די אסקעטישע לעהרען פון די אינדישע אדער בודיסטישע פאקירען.

falcade' *n.* (פעל-קייד') דאס פאלען פון א פערד אויף די הינטערשטע פיס.

fal'cate *a. and n.* (פעל'-קייט) געבויגען ווי א סערפ; עטוואס וואס איז אויסגעבויגען ווי א סערפ.

fal'cated *a.* (פעל'-קיי-טעד) ז. *falcate*.

falca'tion *n.* (פעל-קיי'-שאן) דאס אויסבויגען ווי א סערפ.

fal'chion *n.* (פאהל'-טשאן) א פאלאש, א קורצע, ברייטע און אויסגעבויגענע שווערד.

fal'ciform *a.* (פעל'-סי-פארם) ז. *falcate*.

fal'con *n.* (פעל'-קאן) א פאלק-פויגעל, א פאלק, א סאקאל; אזא קאנאנע.

Falcon

fal'coner *n.* (פעל'-קא-נער) איינער וואס ערציהט פאלקען [סאקאלען] פאר יאגד אויף פויגלען; איינער וואס פיהרט א יאגד מיט דער הילף פון געלערענטע פאלקען.

fal'conet *n.* (פעל'-קא-נעט) א קליינער פאלק [סאקאל].

fal'con-eyed *a.* (פעל'-קאנ-איד) וואס האט פאלקען-אויגען; וואס האט שארפע, ליכטיגע אויגען.

fal'con-gen'tle *n.* (פעל'-קאנ-דזשענטל) דער עדעל-פאלק [א געוויהנער מין פאלק]; די "זיי"-טויבענפאלק אדער א יונגער טויבענפאלק.

fal'conine *a. and n.* (פעל'-קא-נין) וואס איז שייך צו א פאלק אדער סאקאל; א פאלק.

fal'conry *n.* (פעל'-קאנ-רי) די קונסט אויסצולערנען געפאנגענע פאלק-פויגלען צו כאפען אנדערע פויגלען; דאס פיהרען יאגד אויף פויגלען דורך געלערענטע פאלק-פויגלען.

fal'con-shaped *a.* (פעל'-קאנ-שייפט) עהנליך צו א רויב-פויגעל [וועגען פערציערונגען].

fal'dage *n.* (פעל'-דיידזש) הערדען-רעכט [דאס רעכט פון די פריצים אין מיטעלאלטער צו צווינגען די פויערים, זיי זאלען פיטערען זייערע בהמות אויף דעם פריץ'ס ערד, כדי זי צו בעמיסטיגען]; א שטייער. ארויפגעלעגט אויף די פויערים אלס בעלוינונג פאר דער בעפרייאונג פון דיעזער פפליכט.

fald'stool *n.* (פאהלד'-סטוהל) א צונויפ-לעג-שטוהל, א שטוהל וואס קען זיך צוזאמענלעגען; אזא שטוהל מיט א קישעלע, צו קניען אין א קלויסטער; אזא מין סטענדער אין א קלויסטער.

fall *v., n. and a.* (פאהל) פאלען, אבפאלען, פערמינדערט ווערען, זינקען, אראבשטירצען, אריינפאלען, זיך אריינגיסען [וועגען טייכען]; אומקומען, רואינירט ווערען; אויסקומען, פאסירען, אויספאלען, געבארען ווערען [הויפטזעכליך וועגען שעפסען און עהנליכע בעשעפענישען]; הענגען, אראבהענגען [ווי די פאלדען פון א קלייד. אדער פארהאנג]; ווערען..., אנהויבען, איבערגעהן אין א נייעם צושטאנד; א פאל, דאס פאלען, דאס זינקען, דאס אבפאלען, דאס פערמינדערט ווערען; וואסערפאל; הערבסט; דאס אויסהאקען בוימער; דאס וואס ווערט אויסגעהאקט [וועגען בוימער]; דאס אומווארפען [ביים ראנגלען זיך]; דער בעוועגליכער טייל פון א פיאנא וואס דעקט צו די קלאווישען; נידערונג פון א שטימע; הערבסטליך.

falla'cious *a.* (פע-ליי'-שאס) בעטריגליך, טריגעריש, פאלש, וואס נארט אב, פערפיהרט אדער ברייגנט צו א טעות; סאפיסטיש; וואס ציהט אדער ברייגנט ארויס פאלשע שליסע.

falla'ciously *adv.* (פע-ליי'-שאס-לי) אויף א פאלשען אדער בעטריגערישען שטייגער; דורך א טעות; סאפיסטיש, ציהענדיג פאלשע שליסע.

falla'ciousness *n.* (פע-ליי'-שאס-נעס) בעטריגליכקייט, פאלשקייט.

fal'lacy *n.* (פעל'-ע-סי) בעטריגליכקייט, פאלשקייט, א טעות; עטוואס וואס נארט אב, וואס פערפיהרט אדער וואס ברייגנט צו א טעות; א פאלשער געדאנקען-גאנג אדער ארגומענטאציאן; א סאפיזם.

fal'lal *n. and a.* (פעל'-על) פליטערלעך, קליינינקייטען, נארישקייטען [וועגען בעפוצונגען]; שטיקלעך פלאטערענדע סטענ-

נעם וואס מען פלעגט טראגען אלס בעציערונג אין 17טען יאהרהונדערט; קינדיש, נאריש, קליינליך.

fall a prey (פאהל ע פריי) פאלען אלס אפפער.

fall asleep' (פאהל ע-סליעפ') איינשלאפען.

fall at odds (פאהל עט ארדז) קומען אין צוזאמענשטויס, זיך צוקריגען.

fall away' (פאהל ע-הוויי') אבגעצעהרט ווערען, איינדארען; ביסלעכווייז פערשווינדען; אומקומען; אבפאלען [פון א גלויבען, בעוועגונג א. ד. ג.]; אבטריניג ווערען.

fall back (פאהל בעק) צוריקטרעטען, אויפגעבען; ניט ערפילען א פערשפרעכען, ניט דערגרייכען א ציעל.

fall back upon' (פאהל בעק א-פאן') זיך שטיצען [אויף עמעס], זיך אנהאלטען [אן עמעס], זיך שיצען [דורך עמעס].

fall behind' (פאהל בי-האינד') בלייבען אהינטער, בלייבען הינטערשטעליג; זיין איבערטראפען.

fall calm (פאהל קאהם) אנהויבען זיך איינצושטילען [וועגען ווינד אויף'ן ים].

fall down (פאהל דאון) אנידערפאלען; פאלען כורעים; פאהרען מיט'ן שטראם.

fall down from fa'vor (פאהל דאון פראם פיי'-ווּאר) פערליערען דעם חן אין איינעם'ס אויגען, ארײנפאלען אין אונגנאדע.

fall'en *a.* (פאהלן) געפאלען, געזונקען, רואינירט.

fall'en one (פאהלן הוואן) א געפאלענע, א פראסטיטוטקע.

fall'en wood (פאה'לן הוואוד) אויסגעהאקטע ביימער, פערדארט האלץ.

fall'er *n.* (פאהל'-ער) איינער ארער עטוואס וואס פאלט ארער ברייננט איינעם ארער עפעס צום פאלען; טיילען פון מאשינען, וואס הויבען זיך און פאלען.

fall flat (פאהל פלעט) נים האבען קיין ערפאלג [אין דער אנשטרענגונג צו ציהען אויפמערקזאמקייט, ארויסרופען סימפאטיע א. ד. ג.].

fall foul (פאהל פאול) זיך אנשטויסען [וועגען שיפען]; אנגרייפען, אטאקירען.

fall from grace (פאהל פראם גרייס) ווערען דורך און דורך זינדיג [ארײנפאלען אין נ' שערי טומאה].

fallibil'ity *n.* (פעל-אי-ביל'-אי-טי) דער טעות, די פעהלבארקייט, אירטימליכקייט.

fal'lible *a.* (פעל'-איבל) פעהלבאר; וואס קען מאכען ארער האבען א טעות; וואס איז פאלש ארער אירענד.

fal'libleness *n.* (פעל'-איבל-נעס) ז. *fallibility*.

fal'libly *adv.* (פעל'-אי-בלי) על פי טעות.

fall ill (פאהל איל) קראנק ווערען.

fall in (פאהל אין) ארײנפאלען; צוזאמענפאלען; צוזאמענטרעפען; צונויפנעהמען זיך.

fall'ing *n.* (פאהל'-אינג) דאס פאלען; דאס וואס פאלט; דאס זינקען; דאס וואס זינקט.

fall'ing-band *n.* (פאהל'-אינג-בענד) א ברייטער קאלנער וואס לעגט זיך אויס אויף די אקסלען, וועלכען מען האט געטראגען אין 16־טען און 17־טען יאהרהונדערט.

fall'ing-down *n.* (פאהל' אינג-דאון) דאס אנידערפאלען.

fall'ing in (פאהל'-אינג אין) דאס ארײנפאלען.

fall'ing-latch *n.* (פאהל'-אינג-לעטש) א קליאמקע וואס פערמאכט זיך אליין.

fall'ing-out *n.* (פאהל'-אינג-אוט) א מחלוקה, א קריעג, א דיספוט.

fall'ing-sick'ness *n.* (פאהל'-אינג-סיק'-נעס) די פאלינע, עפילעפסיע, חולי נופלים.

fall'ing-star *n.* (פאהל'-אינג-סטאר) דער פאלענדער שטערען, א מעטעאר.

fall'ing stone (פאהל'-אינג סטאון) א מעטעאר, א שטיין וואס פאלט פון הימעל.

fall'ing weath'er (פאהל'-אינג הוועטה'-ער) א רעגענדיג ארער שנעעדיג וועטער.

fall in love (פאהל אין לאוו) זיך פערליעבען.

fall in tears (פאהל אין טיערז) אויסברעכען מיט א געוויין.

fall in'to (פאהל אינ'-טו) ארײנפאלען אין...

fall in'to abey'ance (פאהל אינ'-טו ע-ביי'-ענס) ארויס פון קראפט, ניט מעהר גילטיג.

fall in'to a cus'tom (פאהל אינ'-טו ע קאס'-טאם) אונטערווארפען זיך דעם מנהג, נאכפאלגען א געוויסע מאדע.

fall in'to a pas'sion (פאהל אינ'-טו ע פעש'-אן) ווערען אויפגעבראכט; ארײן אין כעס.

fall in'to decay' (פאהל אינ'-טו די-קיי') פאנאנדערפאלען, אונטערגעהן, צושטערט ווערען.

fall in'to disuse' (פאהל אינ'-טו דיס-יוס') ווערען אונגעברויכליך.

fall in'to er'ror (פאהל אינ'-טו ער'-אר) ארײנפאלען אין א טעות.

fall in'to tempta'tion (פאהל אינ'-טו טעמפ-טיי'-שאן) ארײנפאלען אין א נסיון.

fall off from (פאהל אף פראם) פערלאזען, אויפגעבען, אבשטעהן פון עפעס.

fall of the leaf (פאהל אוו טהי ליעף) הערבסט; דאס פערוועלקען [פערוויאנען].

fall on one's feet (פאהל אן הוואנז פיעט) אראבפאלען און בלייבען שטעהן אויף די פיס; גליקליך ארויסדרעהען זיך פון עפעס; ארויסקומען גאנץ מיט די ביינער; ניט ליידען קיין היזק.

Fallo'pian tubes (פע-לאו'-פי-ען טיובז) די פאלאפישע רעהרען [אין געשלעכטס־ארגאן פון פרויען. זיינען ענטדעקט געווארען פון אנאטאמיסט פאלאפוס אין 16טען יאהרהונדערט].

fall out (פאהל אוט) זיך קריגען, אנפאנגען א קרינערייי; ארויספאלען, פאסירען.

fall out ill (פאהל אוט איל) זיך ענדיגען שלעכט, נים האבען קיין ערפאלג.

fall o'ver (פאהל או'-ווער) אנידערפאלען; אריבערפאלען; ארויפווארפען זיך אויף עפעס ארער דורך עפעס; אוועקגעהן; אנטלויפען; אריבערגעהן אויף אימעצענס זיים.

fall o'verboard (פאהל או'-ווער-באורד) ארונטערפאלען פון שיף; אראבפאלען.

fal'low *v., n. and a.* (פעל'-או) אויסאקערען לאנד, אבער לאזען דאס א לאנגע צייט אונפערזייהט, כדי די ערד זאל ווערען ווייך; דאס איבערלאזען א פעלד אויף א געוויסער צייט אונבעארבייט, כדי צו פערשטארקען די זאפטיגקייט פון דער ערד; דאס אויפאקערען א פעלד אבער ניט פערזייהען עס; דאס איבערלאזען א פעלד אונבעארבייט; געאקערט אבער ניט פערזייהט; ניט בעארבייט, ניט קולטיווירט; פערלאזען; געלבליך, בלייך, רויטליך־געלב.

fal'low-chat *n.* (פעל'-או-טשעט) ז. *fallow-finch*.

fal'low-deer *n.* (פעל'-או-דיער) דער ראמהירש [אזא הירש פון א געלבליכען קאליר מים ווייסע פלעקען].

Fallow-deer

fal'low-finch *n.* (פעל'-או-פינטש) דאס ווייסקעלכען [אזא קליין פויגעלע פון דעם שפערלינג מין].

fal'lowness *n.* (פעל'-או-נעס) דאס זיין אויפגעאקערט אבער ניט פערזייהט; אונפרוכטבארקייט.

fall plump in (פאהל פלאמפ אין) גלייך ארײנפאלען אין...

fall short (פאהל שארט) צו קורץ קומען; ניט דערגרייכען, ניט דערכאפען די מאס.

This year's crop **falls short** of all expectation.

fall short in du'ty (פאהל שארט אין דיו'-טי) ניט נאכקומען א פפליכט.

fall sick (פאהל סיק) קראנק ווערען.

fall through (פאהל טהרוה) דורכפאלען; נארנישט עררייכען.

fall to (פאהל טו) פעסט פערמאכען; זיך א נעהם טהאן מיט ענערגיע ארער חשק.

fall to decay' (פאהל טו די-קיי') פאנאנדערפאלען, זיך צופאלען; פערוועלקט [פערוויאנעט] ווערען.

fall to ea'ting (פאהל טו איע'-טינג) זיך צוכאפען צום עסען.

fall to pie'ces (פאהל טו פיע'-סעז) צוברעקלען זיך, פאנאנדערפאלען.

fall to ru'in (פאהל טו רו'-אין) חרוב ווערען, איינפאלען.

fall to the ground (פאהל טו טהי גראונד) צו נישט ווערען, זיך אויסלאזען מיט נארנישט.

fall to the lee'ward (פאהל טו טהי ליע'-הווארד) אבטרעטען פון דער ווינדריכטונג, נים קענען אויסנוצען דעם ווינד.

fall to work (פאהל טו הווארק) נעהמען זיך מים התמדה צו דער ארביים.

fall'trank *n.* (פאהל'-טרענק) שווייצער טהעע [א מעדיצין פאר וואונדען, וועלכע ווערט געמאכט פון פערשידענע אראמאטישע גראזען וואס וואקסען אויף די אלפען־בערג אין דער שווייץ].

fall un'der (פאהל אנ'-דער) ארונטערפאלען [אונטער אימעצענס מאכט, איינפלוס א. ד. ג.].

fall un'der displeas'ure (פאהל אנ'-דער דיס-פלעזש'-אור) ארייגפאלען אין אן אונ'חן.

fall upon' (פאהל א-פאן') אנפאלען, אטאקירען; מאכען א פראבע; זיך א נעהם טהאן; ענטדעקען.

false *a.* (פאהלס) פאלש; פעהלערהאפט; בעטריגעריש; טריילאז.

false'-at'tic *n.* (פאהלס'-עט'-איק) די פאלשע אטיקא [אין ארכיטעקטור — א צובוי איבער'ן דאך פון א בנין אין דער פארם פון א מאנסארדע, נאר אהן וואנד=זיילען און אהן פענסטער, דיענט אלס פלאץ פאר ארכיטעקטור=פערציערונגען און אויפשריפטען].

false bo'ding (פאהלס באו'-דינג) פאלשע נביאות.

false bot'tom (פאהלס באט'-אם) א דאפעלטער [פערבארגענער] דעק.

false'-coi'ner *n.* (פאהלס'-קאי'-נער) איינער וואס מאכט פאלש געלד.

false concep'tion (פאהלס קאנ-סעפ'-שאן) 1. פאלשע שוואנגערשאפט [א געוויקס אין מוטער=לייב ביי א פרוי וואס מאכט דעם איינדרוק פון שוואנגערשאפט]; 2. א פאלשער בעגריף, א פאלשע פארשטעלונג.

2. He has a false conception of the spirit of our government.

false dea'ler (פאהלס דיע'-לער) א שוילער [א קארטען=שווינדלער]; א שווינדלער.

false edge (פאהלס עדזש) די טעמפע זייט פון א שווערד; די זייט פון שווערד, וועלכע איז געווענדעט צו דעם געזיכט פון דעם, וואס האלט די שווערד שטעהענדיג אויף דער וואך.

false'-faced *a.* (פאהלס'-פייסט) צביעות'דיג, פערשטעלט, היפאקריטיש.

false fire (פאהלס פאיר) א פערפיהרעריש פייער [א לייכט=פייער וואס פערפיהרט א שיף].

false front (פאהלס פראנט) א האר=באנד אדער שמאלער פארוק מיט א טשעפטשיק וואס פרויען טראגען און וועלכער בעדעקט נור דעם פאדערשטען טייל פון קאפ.

false'-hear'ted *a.* (פאהלס'-האר'-טעד) פאליש=הערציג, טריילאז; נידערטרעכטיג.

false'-hear'tedness *n.* (פאהלס'-האר'-טעד-נעס) פאלשקייט, בעטרוג; נידערטרעכטיגקייט.

false'hood *n.* (פאהלס'-הוד) פאלשקייט; ליגען; בעטרוג.

false impris'onment (פאהלס אימ-פריז'נ-מענט) אן אונגעזעצליכע פערהאפטונג.

false'ness *n.* (פאהלס'-נעס) פאלשקייט.

false note (פאהלס נאוט) א פאלשער טאן אדער נאטע [אין מוזיק].

false persona'tion (פאהלס פויר-סא-ניי'-שאן) דאס ארויסטרעטען אונטער דעם נאמען פון אן אנדער פערזאן פאר שווינדלערישע צוועקען.

false ribs (פאהלס ריבז) די לעצטע פינף קורצע ריפען.

false roof (פאהלס רוהף) די סטעליע פון א דאך=צימער וואס איז געמאכט אין דער פארם פון א דאך.

false step (פאהלס סטעפ) א פעהלער, א פערזעהן.

falset'tist *n.* (פאהל-סעט'-איסט) איינער וואס זינגט פאלצעט [קאפ=שטימע].

falset'to *n. and a.* (פאהל-סעט'-או) א פאלצעט=שטימע [א קאפ=שטימע]; וואס האט די איינענשאפטען פון א פאלצעט=שטימע.

fal'sifiable *a.* (פאהל'-סי-פאי-עבל) וואס מען קען פעלשען אדער נאכמאכען; פעלשבאר.

falsifica'tion *n.* (פאהל-סי-פי-קיי'-שאן) פעלשונג; נאכמאכונג.

fal'sificator *n.* (פאהל'-סי-פי-קיי-טאר) א פעלשער, א נאכמאכער; א ליגנער; איינער וואס מאכט פאלש געלד.

fal'sifier *n.* (פאהל'-סי-פאי-ער) ז. *falsificator*.

fal'sify *v.* (פאהל'-סי-פאי) פעלשען, פערפעלשען; נאכמאכען; בעווייזען אלס פאלש; פאלש פארשטעלען; זאגען ליגען.

fal'sity *n.* (פאהל'-סי-טי) פאלשקייט; א ליגען.

fal'ter *v. and n.* (פאהל'-טער) זיך שטרויכלען, שוואנקען, וואקלען; שטאמלען; דאס שטרויכלען, דאס שוואנקען, דאס וואקלען; דאס שטאמלען.

fal'teringly *adv.* (פאהל'-טער-אינג-לי) שטרויכלענדיג זיך, שוואנקענדיג, וואקלענדיג; שטאמלענדיג.

fal'tranck *n.* (פעל'-טרענק) ז. *falltrank*.

fame *n. and v.* (פיים) רוהם; בעריהמטקייט; בעריהמט מאכען.

famed *a.* (פיימד) בעריהמט.

fame'less *a.* (פיימ'-לעס) אהן רוהם, ניט בעריהמט.

famil'iar *a. and n.* (פע-מיל'-יער) פאמיליאר, אינטים, פערטרויליך, פערטרויט; גוט בעקאנט; אונגעצוואונגען, ניט אנגעצויגען, ווי ביי זיך אין דער היים; וואס בעלאנגט צו דער אומגאנגס=שפראך; פשוט, געוועהנליך; א פערטרויטער אדער אינטימער פריינד; א הויז=גייסט, א שד; א הויז=מיטגליעד פון פאפסט אדער פון א בישאף; א בעאמטער פון דער אינקוויזיציע וואס פלעגט אויספיהרען די פערהאפטונגען אויף די אנגעקלאגטע פערזאנען.

familiar'ity *n.* (פע-מיל-אי-ער'-אי-טי) פערטרויליכקייט, אינטימקייט; אונגעצוואונגענהייט; א גענויע בעקאנטשאפט.

familiariza'tion *n.* (פע-מיל-יע-רי-זיי'-שאן) דאס ווערען פאמיליאר, דאס זיין אינטים אדער פערטרויליך.

famil'iarize *v.* (פע-מיל'-יע-ראיז) גוט בעקאנט אדער פערטרויט מאכען מיט עפעס; זיך געוועהנען מיט עפעס.

famil'iarly *adv.* (פע-מיל'-יער-לי) אויף אן אינטימען אופן; ניט געצוואונגענערהייט; אהן צערעמאניעס, אהן פארמאליטעטען.

famil'iarness *n.* (פע-מיל'-יער-נעס) ז. *familiarity*.

famil'iar spir'it (פע-מיל'-יער ספיר'-איט) א גייסט, וועלכען מכשפים, ווי מען האט געגלויבט, פלעגען ארויפברייגנען פאר זייערע צוועקען.

fam'ilism *n.* (פעמ'-אי-ליזם) די לעהרען פון די פאמיליסטען [א קריסטליכע סעקטע, וואס האט עקזיסטירט אין 16=טען יאהרהונדערט, וועלכע האט זיך גערופען "*Family of Love*" דער גרונד=פרינציפ פון דיעזער סעקטע איז געווען, אז ליעבע פון מענשען צום מענשען איז דער איינציגער יסוד פון רעליגיאן].

Fam'ilist *n.* (פעמ'-אי-ליסט) א פאמיליסט, אן אנהענגער פון דער פאמיליסטישער סעקטע. ז. *familism*.

familis'tic *a.* (פעמ-אי-ליס'-טיק) וואס איז שייך צו די פאמיליסטען אדער צו זייערע לעהרען. ז. *familism*.

familis'tical *a.* (פעמ-אי-ליס'-טי-קעל) ז. *familistic*.

fam'ily *n. and a.* (פעמ'-אי-לי) א פאמיליע, א הויז=געזינד; א משפחה; א נאטונג, א גרופע, א שטאם; וואס איז שייך צו א פאמיליע.

fam'ily cir'cle (פעמ'-אי-לי סויר'קל) דער פאמיליען=קרייז; די גאליארקע אין טעאטער.

fam'ily doc'tor (פעמ'-אי-לי דאק'-טאר) א פאמיליען=דאקטאר.

fam'ily en'trance (פעמ'-אי-לי ענ'-טרענס) א בעזונדערער ארייננאנג אין פריוואטע צימער פון א ביער=הויז אדער רעסטאראן.

fam'ily horse (פעמ'-אי-לי הארס) א צוגעוועהנטער געלאסענער פערד מיט וועלכען עס קענען פאהרען פרויען און קינדער.

fam'ily man (פעמ'-אי-לי מען) א פאמיליען=פאטער, איינער וואס פיהרט א פאמיליען=לעבען.

fam'ily med'icine (פעמ'-אי-לי מעד'-אי-סין) א הויז=מיטעל.

fam'ily state (פעמ'-אי-לי סטייט) ז. *family way*.

fam'ily tie (פעמ'-אי-לי טאי) פאמיליען=באנד.

fish'-ket'tle *n.* (פיש'-קעטל) א פיש-קעסעל [א קעסעל צו קאכען פיש].

fish'-knife *n.* (פיש'-נאיף) ז. *fish-carver*

fish'like *a.* (פיש'-לאיק) ווי א פיש; עהנליך צו א פיש.

fish'-mar'ket *n.* (פיש'-מאר'-קעט) א פיש-מארק.

fish'-maw *n.* (פיש'-מאה) דער בלאז אדער פענכער פון א פיש.

fish'-meal *n.* (פיש'-מיעל) פיש-שפייז, א פיש-געריכט.

fish'monger *n.* (פיש'-מאנ-גער) א פיש-הענדלער.

fish out (פיש אוט) אויספארשען, אויסזוכען; אויסלעדיגען פון פיש [א טייך]; ארויסשלעפען, ארויסקריעגען.

fish'-owl *n.* (פיש'-אול) א נאכט-איילע [סאווא] וואס עסט פיש.

fish'-pack'ing *n.* (פיש'-פעק'-אינג) דאס קאנזערווירען פיש [דאס רייניגען זיי, אויפשניידען, אבוועגען און אויסלעגען אין בלעכענע קעסטלעך און פערחתמ'ענען די קעסטלעך אזוי, אז קיין לופט זאל צו זיי נים צוקומען].

fish'-pond *n.* (פיש'-פאנד) א טייכעל אדער סאזשעלקע, וואו פיש האלטען זיך.

fish'-skin *n.* (פיש'-סקין) פיש-הויט; די פעל פון א היי-פיש [אקולע].

fish'-skin disease' (פיש'-סקין די-זיעז') אזא הויט-קראנקהייט וואס די הויט זעהט אוים ווי שופען.

fish'-slice *n.* (פיש'-סלאיס) א פיש-מעסער. ז. *fish-carver*

fish'-spear *n.* (פיש'-ספיער) א פיקע אדער שפיז צו שטעכען און ארויסציהען פיש פון אונטער'ן אייז.

fish'-sto'ry *n.* (פיש'-סטאו'-רי) א פאנטאסטישע אדער ליגנערישע געשיכטע.

fish'-tack'le *n.* (פיש'-טעקל) אזא אייזערנער בלאק אדער הויב-מאשין מיט וועלכער מען הויבט אויף או אנקער אויף א שיף.

fish'-tail *a. and n.* (פיש'-טייל) וואס איז עהנליך צום עק פון א פיש; דער עק פון א פיש; א מין אינזעקט.

fish'-tail bur'ner (פיש'-טייל בויר'-נער) א גאז-ברענער, פון וועלכען דער פלאם נעהט ארוים אין דער פארם פון או עק פון א פיש.

fish'-torpe'do *n.* (פיש'-טאר-פי'-דאו) א טארפעדא אדער א מינע וואס שווימט אליין אונטער'ן וואסער דורך א געוויסען מעכאניזם; א באמבע וואס מען רייסט אויף אונטער'ן וואסער צו טויטען פיש.

fish'-trap *n.* (פיש'-טרעפ) א פאסטקע צו כאפען פיש.

fish'-trow'el *n.* (פיש'-טראו'-על) ז. *fish-carver*

fish'-ward *n.* (פיש'-הוואהרד) ז. *fish-warden*

fish'-war'den *n.* (פיש'-הוואהר'דן) א בעאמטער וועלכער גיט אכטונג מען זאל נים איבערטרעטען די געזעצע בנוגע צו פיש-פאנג.

fish'wife *n.* (פיש'-הוואיף) ז. *fishwoman*

fish'woman *n.* (פיש'-הוואומ-ען) א פיש-הענדלערקע, א פישערקע; א מארק-פרוי.

fish'y *a.* (פיש'-אי) פיש-ארטיג; רייך אין פיש; איבערטריבען, אונגלויבליך [ווי די מעשיות פון די פישער]; טונקעל, אהן אויסדרוק [ווי דאס אויג פון א פיש]; נים בעשטענדיג.

fis'sate *a.* (פיס'-אייט) געשפאלטען, צושפאלטען; אין ענטאמאלאגיע — צוטיילט אדער צושפאלטען אין צוויי טיילען.

fis'sile *a.* (פיס'-איל) וואס קען צוטיילט אדער צושפאלטען ווערען, וואס קען צוטיילט ווערען אין שיכטען [וועגען בוימער אדער מינעראלען]; אין ענטאמאלאגיע — וואס בעשטעהט פון שופען, וועלכע מען קען פאנאנדערשפרייטען.

fissilin'gual *a.* (פיס-אי-לינ'-גהוועל) וואס האט א צושפאלטענעם אדער געטיילטען צונג [וועגען עקדישען].

fissil'ity *n.* (פי-סיל'-אי-טי) טיילבארקייט, שפאלטבארקייט, וואס בעשטעהט פון שיכטען.

fis'sion *n.* (פיש'-אן) טיילונג, שפאלטונג; אין ביאלאגיע — די אויטאמאטישע שפאלטונג אדער טיילונג פון צעלען אדער ארגאניזמען אין נייע צעלען אדער ארגאניזמען [געוויסע נידריגע בעשעפענישען פערמעהרען זיך און פרוכפערען זיך דורך דעם וואס זיי שפאלטען זיך].

fissip'ara *n.* (פי-סיפ'-ע-רא) בעשעפענישען, וועלכע פערמעהרען זיך דורך שפאלטען זיך אדער זעלבסט-פאנאנדערטיילונג.

fissip'arism *n.* (פי-סיפ'-ע-ריזם) אין ביאלאגיע — דאס פערמעהרען זיך דורך זעלבסט-פאנאנדערטיילונג אדער אבשפאלטונג.

fissipar'ity *n.* (פיס-אי-פער'-אי-טי) ז. *fissiparism*

fissip'arous *a.* (פי-סיפ'-ע-ראס) אין ביאלאגיע — וואס פערמעהרט זיך דורך אבשפאלטונג אדער זעלבסט-פאנאנדערטיילונג.

fissip'arously *adv.* (פי-סיפ'-ע-ראס-לי) דורך אבשפאלטונג אדער זעלבסט-פאנאנדערטיילונג [וועגען דעם אופן ווי אזוי געוויסע בעשעפענישען פערמעהרען זיך].

fis'siped *n. and a.* (פיס'-אי-פעד) וואס האט געשפאלטענע קלויען; א בהמה מיט צושפאלטענע קלויען [מפרים פרסה].

fis'sipedal *a.* (פיס'-אי-פעד-על) וואס האט צושפאלטענע קלויען.

fis'sipede *a. and n.* (פיס'-אי-פיד) וואס האט צושפאלטענע קלויען; א חיה מיט צושפאלטענע קלויען.

fissiros'tral *a.* (פיס-אי-ראס'-טרעל) וואס האט א טיעף און ברייט פאנאנדערגעשפאלטענעם שנאבעל [ווי א שוואלב].

fis'sive *a.* (פיס'-איוו) וואס איז שייך צו אדער וואס קומט פון פאנאנדערטיילען זיך [וועגען צעלען אדער ארגאניזמען].

fis'sural *a.* (פיש'-יור-על) אין אנאטאמיע — וואס איז שייך צו א שפאלט, א קארב, א פערטיעפונג [ווי למשל, די פערטיעפונגען אין מארך].

fissura'tion *n.* (פיש-יו-ריי'-שאן) טיילונג, שפאלטונג, קארבונג, פערטיעפונג; אין ביאלאגיע — די אויטאמאטישע פאנאנדערטיילונג פון צעלען און ארגאניזמען [פערמעהרונג דורך שפאלטען זיך אדער פאנאנדערטיילען זיך].

fis'sure *n. and v.* (פיש'-יור) א שפאלט [ווי אין א פעלז]; אין אנאטאמיע — א פערטיעפונג, א פאנאנדערטיילונג, א קארב [ווי למשל, אין מארך]; צושפאלטען; פאנאנדערטיילען.

fis'sured *a.* (פיש'-יורד) צושפאלטען, פאנאנדערגעטיילט.

fis'sureless *a.* (פיש'-יור-לעס) אהן שפאלטען, אהן פערטיעפונגען; אהן פאנאנדערטיילונגען.

fis'sure-nee'dle *n.* (פיש'-יור-ניעדל) או אינסטרומענט צו פערנעהען וואונדען.

fist *n. and v.* (פיסט) א פויסט, א קולאק; אזא רענען-שווערמעל; א טפח [א לענגען-מאס פון אונגעפעהר פיער צאל]; שלאגען מיט די פויסטען; פערקוועטשען אין פויסט.

fist'-ball *n.* (פיסט'-באהל) א רענען-שווערמעל.

fis'ted *a.* (פיס'-טעד) וואס פערמאגט געזונדע פויסטען.

fist'ful *n.* (פיסט'-פול) א זשמעניע, א הויפען.

fis'tic *a.* (פיס'-טיק) וואס איז שייך צום פויסטען-קאמפף.

fis'ticuffer *n.* (פיס'-טי-קאפ-ער) א פויסטען-קעמפפער [באקסער].

fis'ticuffing *n.* (פיס'-טי-קאפ-אינג) פויסטען-קאמפף [באקס].

fis'ticuffs *n.* (פיס'-טי-קאפס) א פויסטען-קאמפף; פויסטען-קלעפ.

fis'tinut *n.* (פיס'-טי-נאט) פיסטאשקעס [אזא זארט ניסלעך].

fistu'ca *n.* (פיס-טיו'-קא) א באבא [א שטיק אייזען, מיט וועלכען מען שלאגט אריין קלעצער אין דער ערד].

fis'tula *n.* (פיס'-טשו-לא) א פיסטעל [א קאנאל-פערמיגע עפענונג פון א געשוויר].

fis'tular *a.* (פיס'-טשו-לאר) ז. *fistulous*

fis'tulate *v. and a.* (פיס'-טשו-לייט) אננעהמען די פארם פון א פיסטעל; אויסגעהוילט ווי א רעהר. ז. *fistula*

fis'tulose *a.* (פיס'-טשו-לאוס) ז. *fistulous*

fis'tulous *a.* (פיס'-טשו-לאס) אויסגעהוילט ווי א רעהר; עהנליך צו א פיסטעל. ז. *fistula*

fist'wise *a.* (פיסט'-הוואיז) פויסט-פערמיג.

fit *n., v. and a.* (פיט) דאס צופאסונג; פאסען; אויסשטאטונג; או אנפאל פון עפילעפסיע; ספאזמען; א פלעצליכער צייטווייליגער אנפאל פון א קראנקהייט; א פאראקסיזם; א פלעצליכער, שנעל-איבערגעהענדער אויסברוך פון א געפיהל אדער שטימונג [מעהרסטענטייל א זעהר שטארקער אויסברוך]; א קאפריז; א

קאפריזנע, אונטערבראכענע אדער ניט רעגעלמעסיגע טהעטיגקייט אדער בעוועגונג; דער טייל פון דער אקס, אויף וועלכער עס דרעהט זיך די ראד; זייף אין א פליסיגען צושטאנד [איידער זי ווערט אבגעקיהלט]; א ליעד, א באלאדע, א געשיכטע; א טייל פון א ליעד, באלאדע אדער געשיכטע; א שריט; צופאסען; מאכען עס זאל פאסען; אויסשטאטען, צוגרייטען, בעזארגען מיט אלעם נויטיגען [ווי למשל, פאר א רייזע]; זיין צוגעפאסט; פאסען; זיין ווי אנגעמאסטען; צוגעפאסט, פאסיג; צוגעגרייט, פארטיג; וואס געפינט זיך אין א גוטען צושטאנד, גוט פארבערייטעט [וועגען וועט-לויף-פערד]; אין א גוטען געזונדס-צושטאנד.

fitch *n. and v.* (פיטש) וויקע [א מין ארבעס געברויכט צו האדעווען בהמות]; טכוירען-פוטער; א בערשטעל אדער פינזעל געמאכט פון טכוירען-האר; צופעסטינגען.

fitch'-brush *n.* (פיטש'-בראש) א בערשטעל אדער פינזעל געמאכט פון טכוירען-האר.

fitch'et *n.* (פיטש'-עט) ז. *fitchew*

fitch'ew *n.* (פיטש'-או) א טכויר, א שעשקע.

fitch'y *a.* (פיטש'-אי) שפיציג; בעדעקט מיט וויקע [אזא ארבעס].

fit for (פיט פאר) 1. זיך פאסען; 2. טויגען.

1. The dinner is fit for a king. 2. He is not fit for the work.

fit for ac'tion (פיט פאר עק'-שאן) פאסיג אדער פעהיג צו דער ארבייט; פארטיג אדער אויסגעשטאטעט פאר א טהעטיגקייט.

fit for ser'vice (פיט פאר סויר'-וויס) דיענסט-פעהיג.

fit for the dust'-hole (פיט פאר טהי דאסט'-האול) טויג צו גארניט; שמוציג.

fit'ful *a.* (פיט'-פול) אונרעגעלמעסיג, וואס קומט פאר מיט אונטערברעכונגען, אונבעשטענדיג, קאפריזנע.

fit'fully *adv.* (פיט'-פול-אי) מיט אונטערברעכונגען; אויף אן אונרעגעלמעסיגען, אונבעשטענדיגען אדער קאפריזנעם שטייגער.

fit'fulness *n.* (פיט'-פול-נעס) אונרעגעלמעסיגקייט, אונבעשטענדיגקייט, קאפריזנעקייט.

fit in'to (פיט אינ'-טו) זיך צופאסען, זיך אריינפאסען, הארמאנירען.

fit'ly *a.* (פיט'-לי) פאסענד, צוגעפאסט; ווי עס פאסט; בעקוועם.

fit'ment *n.* (פיט'-מענט) אויסשטאטונג, דאס בעזארגען מיט אלעם נויטיגען [ווי למשל, צו א רייזע]; דאס וואס עס פאסט זיך אדער וואס איז נויטיג פאר א געוויסען צוועק.

fit'ness *n.* (פיט'-נעס) פאסינקייט, צוגעפאסטקייט, אנגעמאסטענקייט, צוזאמענפאסיגקייט.

fit of the face (פיט אוו טהי פייס) א גרימאסע.

fit one's self (פיט הוואנז סעלף) זיך צוגרייטען, זיך פארטיג מאכען.

fit out (פיט אוט) אויסשטאטען, פארטיג מאכען, בעזארגען מיט אלעם נויטיגען [ווי למשל, צו א רייזע].

fits and starts (פיטס ענד סטארטס) אונרעגעלמעסיגקייט, אונבעשטענדיגקייט, קאפריזנעקייט; דאס אבשטעלען זיך אלע מאל, דאס ווערען אונטערבראכען יעדע ווילע.

fits of laugh'ter (פיטס אוו לאפ'-טער) שטארקער געלעכטער.

fits of the sea'son (פיטס אוו טהי סיע'זן) פלעצליכע ענדערונגען פון וועטער.

fit'ted *a.* (פיט'-עד) פאסענד, צוגעפאסט, וואס טויג.

fit'tedness *n.* (פיט'-עד-נעס) טויגליכקייט, צוגעפאסטקייט.

fit'ter *n.* (פיט'-ער) איינער וואס פאסט צו, פארטיגט צו אדער שטאטעט אוים; איינער וואס שטעלט צוזאמען די טיילען פון א מאשין; איינער וואס מאכט אדער פעררירכט פערשיעדענע אויסשטאטונגען אדער אויסריכטונגען; אן אנפאסער.

fit'ting *n. and a.* (פיט'-אינג) אויכשטאטונג אדער אויסריכטונג; פאסיג, פאסענד, טויגליך.

fit'tingly *adv.* (פיט'-אינג-לי) אויף א פאסיגען, צוגעפאסטען אדער טויגליכען שטייגער.

fit'tingness *n.* (פיט'-אינג-נעס) פאסינקייט, צוגעפאסטקייט, טויגליכקייט.

fit'tings *n.* (פיט'-אינגז) אויסריכטונגען, אויסשטאטונגען.

fit'ting-shop *n.* (פיט'-אינג-שאפ) א ווערקשטאט, וואו מען שטעלט צוזאמען מאשינען.

fit up (פיט אפ) אויסריכטען, אויסשטאטען מיט אלעם נויטיגען; בעזארגען א שיף מיט דער נויטיגער צאהל מאטראזען און דיענער.

fit'weed *n.* (פיט'-הוויעד) א מין גראז-פלאנצע אויף די וועסט-אינדישע אינזלען [ווערט געברויכט אלס מיטעל צו היסטעריקע].

five *a. and n.* (פאיוו) פינף; א פינפערעל, א פינפטעל [אין קארטען].

five'finger *n.* (פאיוו'-פינ-גער) די פינגער-קרויט [א מין פלאנצע מיט פינף-עקיגע בלעטער].

five'fingers *n.* (פאיוו'-פינ-גערז) אזא שטערען-פיש; פינף קאזירען אין געוויסע קארטען-שפיעלען.

five'-fin'ger-tied *a.* (פאיוו'-פינ'-גער-טאיד) פערכאפט מיט דער גאנצער לאפע, מיט אלע פינף פינגער.

five'fold *a.* (פאיוו'-פאולד) פינפפאך, פינף מאל אזוי פיעל.

five'pence *n.* (פאיוו'-פענס) פינף ענגלישע פענים [אונגעפעהר 10 אמעריקאנישע סענט].

fives *n.* (פאיווז) אן ארט שפיעל אין פילקעס; ווערטה-פאפיערען, וועלכע בריינגען פינף פראצענט; די פינף פינגער; די האנד; דער קולאק; פינפטלעך [אין קארטען].

five sen'ses (פאיוו סענ'-סעז) די פינף חושים [דאס זעהן, דאס הערען, דאס שמעקען, דאס טאפען און דער געשמאק].

five'-square *a.* (פאיוו'-סקהווערר) וואס האט פינף ווינקלען.

five wits (פאיוו הוויטס) ז. *five senses*

fix *v. and n.* (פיקס) בעפעסטיגען, פעסטזעצען, פערשטארקען; לעגען אויף עפעס די אויפמערקזאמקייט, אנשטעלען די אויגען; אבשטעלען זיך אויף עפעס; פעסטשטעלען א זאך; מאכען הארט, פערוואנדלען א פליסיגקייט אין א סאלידען קערפער; פערקערפערען, צוגעבען א קאנקרעטע פארם; בעשליסען; מאכען פאר געוויס; בעגרענעצען, בעצייכנען מיט נעוויסע גרענעצען; רעגולירען, שטעלען אין א געוויסער ארדנונג; צופאסען, מאכען גינסטיג; זיך אבשטעלען; ווערען פעסט אדער סאליד; א קריטישע לאגע; א שוועריגקייט, א דילעמא.

fix'able *a.* (פיקס'-עבל) וואס קען פעסטגעזעצט אדער בעפעסטיגט ווערען.

fixa'tion *n.* (פיק-סיי'-שאן) די פעסטזעצונג; דאס געדיכט מאכען; דאס ווערען הארט אדער סאליד; בעשטענדיגקייט, שטייפקייט.

fix'ative *a.* (פיקס'-ע-טיוו) וואס דיענט צו מאכען פעסט, געזעצט אדער סאליד.

fix'ature *n.* (פיקס'-ע-טשור) פיקסאטואר, א פאמאדע, מיט וועלכער מען בעשמירט די האר, אז זיי זאלען זיך האלטען אין דעם צושטאנד ווי מען האט זיי פערקעמט.

fixed *a.* (פיקסט) פעסט; בעשטימט; געזעצט; פעסטגעשטעלט; בעשטענדיג; וואס געפינט זיך אין א פעסט-בעשטימטער לאגע; אין זאאלאגיע — וואס קען זיך ניט פרייוויליג בעוועגען, וואס איז איינגעווארצעלט אדער צוגעקלעפט צו א בעשטימטען ארט; אין קאמערץ — וואס דארף בעצאהלט ווערען אין א בעשטימטען טערמין אהן הנחות [וועגען וועקסלען].

fixed air (פיקסט עהר) א גאז וואס בעשטעהט פון קויהלען-זויערע.

fixed fact (פיקסט פעקט) א פאזיטיווער אדער פעסטגעשטעלטער פאקט.

fixed ide'a (פיקסט אי-די'-א) מאנאמאניע אדער אידעע-פיקס [א מין גייסטיגע קראנקהייט, וועלכע בעשטעהט אין דעם, וואס א געוויסע אידעע אדער פארשטעלונג בעהערשט אין גאנצען דעם מענשען, אזוי, אז וועגען קיין אנדער זאך קען ער ניט דענקען און קיין אנדער זאך קען ער זיך ניט פארשטעלען].

fix'edly *adv.* (פיק'-סעד-לי) אויף א בעשטימטען אדער פעסטגעשטעלטען שטייגער; שטייף, פעסט.

fix'edness *n.* (פיק'-סעד-נעס) פעסטקייט, בעשטענדיגקייט; פעסטגעזעצטקייט.

fixed oils (פיקסט אילז) פעטע אוילען [יעדער אויל וואס לאזט איבער נאך זיך א פלעק, צום אונטערשייד פון עטהער-אוילען].

fixed pe'riods (פיקסט פי'-רי-ארז) בעשטימטע צייטען, עפאכען.

fixed pric'es (פיקסט פראיס'-עז) בעשטימטע מקחים.

fixed star *n.* (פיקסט סטאר) אן אונבעוועגליכער שטערען [איינע פון די לייכטענדע הימלישע קערפער, וועלכע זיינען ניט קיין פלאנעטען און ניט קיין קאמעטען].

fix'ing *n.* (פיק'-סינג) דאס פעסטשטעלען; דאס בעשטימען; דאס מאכען שטייף אדער סאליד; דאס בעפעסטיגען, דאס פערשטארקען; דאס שטעלען אין ארדנונג; אין פאטאגראפיע — דאס שטעלען א בילד אזוי, אז אויף איהם זאלען די ליכט-שטראהלען מעהר ניט ווירקען.

fix'ings *n.* (פיק'-סינגז) זאכען, וועלכע מען דארף פאנאנדערשטעלען אדער צוזאמענלעגען אין א געוויסער ארדנונג.

fix'ity *n.* (פיק'-סי-טי) בעשטענדיגקייט; געדיכטקייט; פעסטגעזעצטקייט, די שטארקייט פון כאראקטער; אין פיזיק — די לאגע אדער די אייגענשאפט פון א קערפער, צוליעב וועלכער ער קען זיך ניט אומבייטען אונטער דער ווירקונג פון היץ אדער אנדערע אורזאכען.

fix on (פיקס אן) לעגען די אויפמערקזאמקייט אויף עפעס; אבשטעלען זיך אויף

NATIONAL FLAGS

נאציאָנאַלע פלאַגען

עפעס; בעשטימען אדער זיך בעשליסען אויף עפעס.

fix one's eyes on (פיקס הוואנז איז און) אנשטעלען די אויגען אויף עפעס; שארף אנקוקען.

fix out (פיקס אוט) אויסריכטען; אויסשטאטען; צורעכט מאכען; בעפוצען; פערציערען.

fix'ture *n.* (פיקס'-טשור) פעסטע אויסשטאטונגען אדער איינריכטונגען [ווי פאליצעס און א פערקויף־טיש אין א קראם]; א פערזאן אדער זאך וואס שטיהט פעסט אין א בעשטימטער לאגע; איינער אדער עפעס וואס ווייזט אויס אונבעוועגליך.

fix up (פיקס אפ) צורעכט מאכען; בעציערען; בעפוצען.

fix upon' (פיקס א-פאן') ז. *fix on*.

fiz *v. and n.* (פיז) ז. *fizz*.

fiz'gig *n.* (פיז'-גיג) א מין קנאקעדיג פייערווערק; א לייכטזיניג, ארומטרייבענד מיידעל אדער פרויענצימער.

fizz *v. and n.* (פיז) שיפען, צישען, מאכען ששש...; ברויזען; דאס שיפען, דאס צישען; א ברויזענדער אדער שוימענדער געטראנק, ווי סאדא־וואסער, לימאנאד, שאמפאניער א. ד. ג.

fiz'zle *v. and n.* (פיזל) שיפען, צישען; ברויזען [ווי סאדא־וואסער, לימאנאד א. ד. ג.]; פלוצים שטעהן בלייבען נאך אן אויסגעצייכענטען אנפאנג [ווענען א שילער ביים ענטפערען די שול־אויפגאבען אדער ביים עקזאמען]; דורכפאלען ביים עקזאמען אדער ביים ענטפערען די שול־אויפגאבען; גרעפסען; דורכווארפען ביים עקזאמען; א ברויזענדער אדער שוימענדער געטראנק, ווי סאדא־וואסער, לימאנאד, שאמפאניער א. ד. ג.; אן אונרוהיגער צושטאנד, אויפרעגונג; א גרעפס; א דורכפאל ביים עקזאמען אדער ביים ענטפערען די שול־אויפגאבען.

fjord *n.* (פיארד) ז. *fiord*.

flab'bergast *v.* (פלעב'-ער-געסט) ערשטוינען; צוטומלען דורך איבערראשונג; צומישען.

flabbergasta'tion *n.* (פלעב-ער-געס-טיי'-שאן) איבערראשונג, ערשטוינונג; דאס מבולבל ווערען.

flab'bily *adv.* (פלעב'-אי-לי) אויף א שלאפען, לויזען אדער שוואכען אופן; אויף א צוקראכענעם אופן.

flab'biness *n.* (פלעב'-אי-נעס) שלאפקייט, שוואכקייט; לויזקייט, ווייכקייט; צוקראכענהייט.

flab'by *a.* (פלעב'-אי) שלאף, שוואך, ווייך, לויז; צוקראכען.

flabel'late *a.* (פלע-בעל'-אייט) פעכערארטיג, וואס האט די פארם פון א פעכער [ווענען געוויסע פלאנצען].

flabel'lum *n.* (פלע-בעל'-אם) אזא פעכער אין די גריכישע און ארמענישע קירכען אוועקצוטרייבען פליגען פון דעם הייליגען ברויט און וויין אין דער צייט פון הייליגען אבענדמאהל.

flac'cid *a.* (פלעק'-סיד) שלאף, ווייך, לויז, צוקראכען.

flaccid'ity *n.* (פלעק-סיד'-אי-טי) שלאפקייט, ווייכקייט, לויזקייט, צוקראכענהייט; אזא קראנקהייט פון זייד־ווערים.

flac'cidly *adv.* (פלעק'-סיד-לי) אויף א שלאפען, ווייכען, לויזען אדער צוקראכענעם אופן.

flac'cidness *n.* (פלעק'-סיד-נעס) שלאפקייט, ווייכקייט, לויזקייט, צוקראכענהייט.

flag *n. and v.* (פלעג) א פאהן, א פלאג; א פלאכער שטיין וואס ווערט בענוצט צום ברוקירען; די שווערד־ליליע [אזא פלאנצע מיט שווערד־פערמיגע בלעטער]; אויסהענגען א פאהן, בעפוצען מיט א פאהן; געבען א סיגנאל מיט א פאהן; שלאף ארונטערהענגען; ווערען שלאף אדער שוואך; ווערען מוטלאז; ווערען אבגעלאזען; אויסברוקירען מיט פלאכע שטיינער.

flag'-bear'er *n.* (פלעג'-בעהר'-ער) א פאהנען־טרעגער.

flag'-cap'tain *n.* (פלעג'-קעפ'-טיין) דער קאפיטאן פון אן אדמיראל־שיף אדער קאמאנדא־שיף.

flag'ellant *a. and n.* (פלעדזש'-ע-לענט) וואס בענוצט א בייטש; וואס איז צוגעפאסט צום שמייסען; איינער וואס פייניגט זיך צוליעב פרומקייט; א מיטגליעד פון א געוויסער רעליגיעזער סעקטע אין איטאליען, וועלכע האט זיך געגרינדעט אונגעפעהר אין יאהר 1260. די מיטגליעדער פון דיעזער סעקטע פלעגען זיך לאזען עפענטליך שמייסען אויף'ן נאקעטען קערפער ביז בלוט פלעגט רינען [דיעזע סעקטע האט זיך שפעטער געהאט פערשפרייט אין מעהרערע אייראפעאישע לענדער].

flagel'lar *a.* (פלע-דזשעל'-אר) וואס איז שייך צו די בייטשען־פערמיגע פיהל־הערנער פון געוויסע אינזעקטען.

flag'ellate *v. and a.* (פלעדזש'-ע-לייט) שמייסען; עהנליך צו א בייטש, בייטש־פערמיג [ווי די פיהל־הערנער פון געוויסע אינזעקטען אדער אינפוזאריען]; וואס האט א בייטש־פערמיגען אנוואוקס [ווי געוויסע אינזעקטען].

flagella'tion *n.* (פלעדזש-ע-ליי'-שאן) דאס שמייסען.

flag'ellator *n.* (פלעדזש'-ע-ליי-טאר) איינער וואס שמייסט, א שמייסער.

flagellif'erous *a.* (פלעדזש-ע-ליפ'-ע-ראס) וואס האט אן אויסוואוקס ווי א בייטש [ווענען אינפוזאריען, באקטעריען אדער פלאנצען].

flagel'liform *a.* (פלע-דזשעל'-אי-פארם) וואס איז עהנליך צו א בייטש; וואס איז לאנג, דין און בויגזאם [ווי א בייטש].

flagel'lum *n.* (פלע-דזשעל'-אם) א בייטש; אן אויסוואוקס פון א פלאנצע וואס איז עהנליך צו א בייטש; א בייטשעהנליכער צוואוקס ביי אינפוזאריען אדער באקטעריען; א בייטש־פערמיגער פיהל־הארן פון אן אינזעקט.

flage'olet *n.* (פלעדזש'-א-לעט) אזא פלייט.

flag'-feath'er *n.* (פלעג'-פעטה'-ער) די פעדער פון א פויגעל'ס פליגעל, וועלכע איז נאהענט צום עק.

flag'giness *n.* (פלעג'-אי-נעס) שלאפקייט, שוואכקייט, צוקראכענהייט.

flag'ging *a. and n.* (פלעג'-אינג) שוואך, שלאף, צוקראכען; דאס ברוקירען מיט פלאכע שטיינער; פלאכע ברוקיר־שטיינער.

flag'gingly *adv.* (פלעג'-אינג-לי) אויף א שלאפען, אבגעלאזענעם אדער צוקראכענעם אופן.

flag'gy *a.* (פלעג'-אי) ווי א פאהן; אויסגעשפרייט; פול מיט שווערד־ליליען [אזא פלאנצע מיט שווערד־עהנליכע בלעטער]; וואס איז עהנליך צו פלאכע ברוקיר־שטיינער.

flagi'tious *a.* (פלע-דזשיש'-אס) שענדליך, סקאנדאלעז, פערברעכעריש, נידערטרעכטיג; שולדיג אין א סקאנדאלעזען פערברעכען.

flagi'tiously *adv.* (פלע-דזשיש'-אס-לי) אויף א שענדליכען, סקאנדאלעזען אופן.

flagi'tiousness *n.* (פלע-דזשיש'-אס-נעס) שענדליכקייט, נידערטרעכטיגקייט.

flag'-lieuten'ant *n.* (פלעג'-ליו-טענ'-ענט) דער פליגעל־אדיוטאנט פון אן אדמיראל.

flag'man *n.* (פלעג'-מען) דער סיגנאליסט אויף אן אייזענבאהן־וועג [דער וואס גיט די סיגנאלען מיט א פאהן].

flag of defi'ance (פלעג אוו די-פאי'-ענס) די רויטע פאהן ארויסצורופען צום קאמפף.

flag of distress' (פלעג אוו דיס-טרעס') א פאהן וואס ווערט ארויסגעשטעלט אלס צייכען פון געפאהר, אונגליק אדער טרויער.

flag'-of'ficer *n.* (פלעג'-אפ'-אי-סער) א העכערער אפיציער אויף א שיף, ווי אן אדמיראל, וויצע־אדמיראל א. ד. ג.

flag of protec'tion (פלעג אוו פרא-טעק'-שאן) א שוץ־פאהן [א ווייסע פאהן אין דער צייט פון קריעג, אלס א צייכען פון פריעדען, אדער א געלבע פאהן אויף א שיף אלס א צייכען אז עס געפינען זיך אויף איהר פאסאזשירען מיט אנשטעקענדע קראנקהייטען].

flag of truce (פלעג אוו טרוהס) די פארלאמענטער אדער פריעדענס־פאהן [א ווייסע פאהן, וואס עס טראגט מיט זיך א געשיקטער פון איין קריעגס־פיהרענדער ארמעע צו דער אנדערער, אלס א צייכען, דאס ער קומט ווענען א פריעדענס־פערהאנדלונג].

flag'on *n.* (פלעג'-אן) א פלאש; א קאראפין.

fla'grancy *n.* (פליי'-גרענ-סי) שענדליכקייט; א שרייענדע נידערטרעכטיגקייט אדער פערברעכען.

fla'grant *a.* (פליי'-גרענט) סקאנדאלעז, הימעל־שרייענד [ווענען א פערברעכען]; אייפריג, העפטיג; וויטהענד, אין רעכטען פייער.

flagran'te delic'to (פליי-גרענ'-טי די-ליק'-טאו) אין דעם מאמענט ווען דאס פערברעכען איז בעגאנגען געווארען [געכאפט ביי דער האנד].

fla'grantly *adv.* (פליי'-גרענט-לי) אויף א סקאנדאלעזען, הימעל־שרייענדען אופן.

fla'grantness *n.* (פליי'-גרענט-נעס) ז. *flagrancy*.

flag'-ship *n.* (פלעג'-שיפ) פלאג־שיף, אדמיראל־שיף, קאמאנדא־שיף.

flag'staff *n.* (פלעג'-סטעף) דער פלאג־שטאק [דער שטאק אדער שטאנג צו וועלכען די פאהן איז בעפעסטיגט].

flag'-sta'tion *n.* (פלעג'-סטיי'-שאן) אן אייזענבאהן־סטאציאן, וואו די באהן שטעלט זיך אב נור ווען עס ווערט געגעבען א סיגנאל פון דער סטאציאן.

flag'stone *n.* (פלעג'-סטאון) א פלאכער, ארומגעהאקטער שטיין צום ברוקירען.

flag'worm *n.* (פלעג'-הווארם) אזא ערד־ווארים.

flail *n.* (פלייל) א דרעש־שלעגעל [אן אינסטרומענט אויסצודרעשען די קערנער פון די זאנגען]; דרעשען מיט א שלעגעל.

flair *n.* (פלעהר) א חוש הריח.

flake *n. and v.* (פלייק) א שטיקעלע; א שנעעלע [א שטיקעלע שנעע וואס פאלט]; אן איבערשפרייטונג, א שיכט; א פלאטפארמע, אויף וועלכער מען טריקענט געזאלצענע פיש; די צוויי־פארבינע נעגעלע [אזא פלאנצע]; איינע פון די רינגען פון א צונויפגעלעגטען שטריק אדער

קאנאט אויף א שיף; אבשיילען; אבבלעטערען; זיך בעדעקען מיט דינע שיכטען איינע אויף די אנדערע; זיך אויסלעגען אין רינגען [ווי אן אויסגעלעגטער שטריק אויף א שיף].

flake off (פלייק אף) זיך אבבלעטערען.

flake'-white *n.* (פלייק'-הוואיט) בליי=ווייס [די ריינסטע ווייסע בליי אין דער פארם פון דינע פלאטען].

fla'king *n.* (פליי'-קינג) דאס אבקלאפען פון קרעמענעס [אזא הארטער שטיין] דינע שיכטען.

fla'king-ham'mer *n.* (פליי'-קינג-העמ'-ער) א האמער, מיט וועלכען מען קלאפט אב פון א קרעמען דינע שיכטען.

fla'ky *a.* (פליי'-קי) וואס בעשטעהט פון שטיקלעך; וואס בעשטעהט פון בלעטער אדער שיכטען; וואס איז אויסגעלעגט שיכטענווייז.

flam *n. and v.* (פלעם) א בבא=מעשה; א פוסטע זאך; א ליגען; אבנארען מיט נארישע מעשיות; אמוזירען מיט בבא=מעשיות.

flam'beau *n.* (פלעמ'-באו) א פאקעל; א לייכטער פון בראנזע אדער אנדערע מעטאלען געמאכט זעהר ארטיסטיש; איינע פון א רייהע קעסלען אין א צוקער=פאבריק.

flamboy'ant *a. and n.* (פלעמ-באי'-ענט) באמבאסטיש; אויפגעבלאזען; מליצה'דיג; מיט קלינגענדע פראזען; אויפגעפלאמט; ברענענדיג אין פלאמען; וועלענארטיג, אין דער פארם פון וועלען אדער כוואליעס; אין ארכיטעקטור — פלאמארטיג [וועגען פערציערונגען אויף געביידען פון גאטישען סטיל]; געוויסע וועסט=אינדישע פלאנצען מיט העל=רויטע בלומען.

Flamboyant

flame *n. and v.* (פליים) א פלאם, פייער גלוטה; הייסע ליעבע; היציגקייט; כעס, צארן; פלאמען, ברענען, פלאקערען; גליהען; צוהיצען זיך.

flame'-col'or *n.* (פליים'-קאל'-אר) פלאמען=קאליר [א העלער, רויטליך=אראנזשען=קאליר]. ז. איל. *"Colors"*

flame'-col'ored *a.* (פליים'-קאל'-ארד) מיט א פלאמען=קאליר [פון א העלען רויטליך=אראנזשען=קאליר].

flame'less *a.* (פליימ'-לעס) אהן א פלאם.

flame'let *n.* (פליימ'-לעט) א קליין פלעמעלע.

fla'men *n.* (פליי'-מען) א פלאמין, איינער פון די פריסטער אדער כהנים אין אלטען רוים, וועלכע פלעגען בעדיענען נור איין גאט [די וויכטיגסטע פון די פלאמינען זיינען געוועזען די כהנים פון יופיטער און פון מארס].

fla'menship *n.* (פליי'-מען-שיפ) דאס אמט אדער טיטעל פון א פלאמין.

ז. *flamen*

fla'mers *n.* (פליי'-מערז) א מין שוועבעלעך, צינדרהעלצלעך.

flame up (פליים אפ) אויפפלאמען, אויפפלאקערען; אנצינדען זיך מיט א געוויסער תאוה אדער ליידענשאפט.

fla'ming *a.* (פליי'-מינג) פון א פלאמען=קאליר; פלאמען=ארטיג אדער וועלען=ארטיג; וואס האט די נייגונג אויפצופלאקערען אדער אויפצורעגען זיך.

fla'mingly *adv.* (פליי'-מינג-לי) אויף א ברענענדען, פלאמענדען אדער גלענצענדען אופן.

flamin'go *n.* (פליי-מינ'-גאו) די פלאמינגא [א רויטליכער וואסער=פויגעל מיט לאנגע פיס, מיט א לאנגען האלז און מיט א גרויסען אויסגעבויגענעם שנאבעל].

Flamingo

fla'my *a.* (פליי'-מי) פלאמיג, גליהענד.

flanch *n.* (פלענטש) ז. *flange*

flâneur' *n.* (פלע-נויר') א פוילענצער, א פוסטעפאסניק.

flange *n. and v.* (פלענדזש) אן ארויסגעשטארצטער אדער אבגעבויגענער ראנד [ווי די ראנדען פון צוויי גוס=אייזערנע רעהרען, וועלכע שליסען זיך צוזאמען]; אן אייזערנער רינג, וועלכער שטעלט זיך אריין אין אן אויסגעבויערטען לאך, כדי די ווענטלעך פון דעם לאך זאלען זיך ניט אויסרייבען; א דעקעל אויף א רעהר אדער צילינדער צו פערדעקען איהם; ארויסשטארצען; אננעהמען די פארם פון אן אויסגעבויגענעם ראנד; אריינשטעלען א רינג אין אן אויסגעבויערטען לאך.

flank *n. and v.* (פלענק) א זייט, די פלאנקען; אין מיליטער — דער פלאנג אדער די אטריאדען פון אן ארמעע, וואס שטעהען ביי די זייטען; אין בעפעסטיגונגס=ווערק — די פלאנגען אדער זייט=וואלען פון א באסטיאן; בעשיצען אדער פערדעקען פון פלאנג אדער פון דער זייט; אנפאלען פון פלאנג; שטעהן אן א זייט.

flank'-attack' *n.* (פלענק'-ע-טעק') אן אטאקע אדער אנפאל אויף'ן שונא פון דער זייט.

flan'ker *n.* (פלענ'-קער) א פלאנג; די פלאנג=אטריאדען פון אן ארמעע; א זייט=פעסטונג.

flan'nel *n. and a.* (פלענ'-על) פלאנעל [אזא ווייכער, וואלענער שטאף]; געמאכט פון פלאנעל.

flan'ning *n.* (פלענ'-אינג) אין ארכיטעקטור — די אויסשרעגונג פון פענסטער [דאס בויען די פענסטער אזוי, אז די ביישטידלעך זאלען זיין שרעג, כדי דער חלל פון פענסטער זאל פון אינעווייניג זיין ברייטער איידער פון דרויסען].

flap *n. and v.* (פלעפ) א לייכטער קלאפ; א פאלע [פון א בגד]; דאס אויער=לעפעל [תנוך האוזן]; א לאץ; א פאט [פון א קעשענע]; דאס אויערעל פון א שוך; א קלאפע וואס ווערט בענוצט צו פערהאלטען א שטראם וואסער אום ניט אריינצולאזען עס אין רינע; אין כירורגיע — א שטיקעל אבגעשונדענע הויט אדער פלייש, וואס הענגט אראב; קלאפען; פאטשען; פלאטערען; בעוועגען זיך הין און צוריק; אראבהענגען; בעוועגען אדער פאטשען מיט די פליגלען; צומאכען א פאלע צו עפעס.

flap'doodle *n.* (פלעפ'-דוהדל) נארען=שפייז, די שפייז מיט וועלכער נאראנים ערנעהרען זיך; דומהייטען, שטות, נארישקייטען.

flap'-door *n.* (פלעפ'-דאור) א טהיר וואס עפענט זיך פון אינוועניג און פון דרויסען.

flap down (פלעפ דאון) אומווארפען, שמירצען.

flap'dragon *n. and v.* (פלעפ'-דרעג-אן) א שפיעל, אין וועלכען מען כאפט ארויס פון ברענענדען שנאפס אדער ספיריטוס פלוימען, ראזשינקעס א. ד. ג. און מען שלינגט זיי איין; ראזשינקעס, פלוימען א. ד. ג. וואס ליעגען אין ברענענדען ספיריטוס; פערשלינגען מיט איין מאל.

flap'-eared *a.* (פלעפ'-איערד) וואס האט הענגענדע אויערען.

flap'jack *n.* (פלעפ'-דזשעק) א פאן=קוכען; א לאטקע.

flap'-mouthed *a.* (פלעפ'-מאוטהם) מיט אראבהענגענדע ליפען [ווי א הונד].

flap'per *n.* (פלעפ'-ער) א קלאפע; א יונג ווילד ענטעל; א דערמאהנער [איינער אדער עפעס וואס איז בעשטימט צוצוציהען די אויפמערקזאמקייט אדער צו דערמאהנען].

flap the mem'ory (פלעפ טהי מעמ'-א-רי) זיך געבען א קלאפ אין שטערען עטוואס זיך צו דערמאהנען.

flare *v. and n.* (פלעהר) אויפשימערען; פלאקערען; פערבלענדען מיט א פלוצליכען שיין; בלישטשען; גלימערען; פערברייטערען זיך ביי דער עפענונג [ווי דאס לאך פון א טרובע]; אויסברייטען זיך נאך אויסוועניג [ווי די זייטען פון א שיף]; שימערען פאר איינעמס אויגען, ארויסטרעטען מיט גדלות; די שימערונג, דאס בלישטשען; גדלות.

flare'-up *n.* (פלעהר'-אפ) א פלוצליכער פערבלענדענדער שיין; א פלוצליכער קריעג.

flar'ing *a.* (פלעהר'-אינג) שימערענד, פלאמענד, גלימערענד; וואס שטעלט זיך ארויס; וואס טרעט ארויס מיט גדלות.

flar'ingly *adv.* (פלעהר'-אינג-לי) אויף א שימערענדען שטייגער; דורך בעריהמעריי אדער גדל'ענען זיך.

flash *v., n. and a.* (פלעש) א בליאסק טהאן; פלוצלונג אויפבליצען, אויפפלאקערען, אויפשיינען, אבגלאנצען אדער אויפגליהען; מאכען עפעס שנעל אויפפלאקערען, אויפגלאנצען, אויפבליצען אדער אויפגליהען; בליץ=שנעל ערשיינען, זיך נעהמען צו עפעס אדער דורכלויפען; שנעל עפעס שיקען; מאכען עפעס זאל אויסזעהן גלענצענד און אנציהענד; צוגעבען א פאלשען גלאנץ; שטרעבען זיך ארויסצוציינען בעסער אדער שעהנער ווי מען איז; איבערברענען גלאז צום צווייטען מאל כדי עס צו מאכען פארביג; פערוואנדלען א נאך

ניט פערהארטעוועטען גלעזערנעם קוגעל אין א דיסק; שפריצען [ווי כוואליעס]; קינסטליך אויפהויבען די הויך פון וואסער; קינסטליך פערפלייצען; א בליאסק; א פלוצלונגע אויפשטראהלונג, אויפבליצונג אדער אויפגליהונג; א קורצער, שטארקער, בליץ־ארטיגער אויסברוך [פון שארפזין, קאלירען־עפעקטען א. ד. ג.]; א קורצע ווײלע, א מאמענט; א געמיש פון געברענטען צוקער מיט אנדערע שטאפען צו פארבען בראנפען; א סאזשעלקע, א שליוזע, א שטארקער וואסער־שטראם; אהן טעם, אבגעשמאקט, אויסגעוועפט, וואולגאר־גלענצענד, וואולגאר־אויסשטעלעריש; בלענדענד, שרייענד [ווענען פארבען]; ערפאהרען, כיטרע, דורכגעטריבען; וואס איז שייך צו אדער וואס איז פערבונדען מיט גנבים, אויסוואורפען, גאסען־פרויען א. ד. ג.

flash'er *n.* (פלעש'-ער) איינער אדער עטוואס וואס בליצט פלוצלונג אויף, גליהט אויף אדער פלאקערט אויף; איינער אדער עטוואס וואס מאכט עפעס שנעל און שטארק אויפגליהען, אויפבליצען, ערשיינען אדער אבגלאנצען; איינער וואס וויל ארויסצייגען מעהר שארפזין וויפיעל ער פערמאגט אין אמת'ען; א הייס קעסעל, אין וועלכען מען שפריצט ביסלעכווייז אריין וואסער וואס ווערט מאמענטאן פערוואנדעלט אין דאמפף.

flash'-house *n.* (פלעש'-האוס) א גנבים־הויז, א הויז וואו עס פערזאמלען זיך גנבים און גאסען־פרויען און וואו מען האלט גע'גנב'עטע זאכען.

flash'ily *adv.* (פלעש'-אי-לי) אויף א פינקלענדען, גלענצענדען שטיינער; מיט א פלעצליכער שטארקער אויפשטראהלונג אדער אויפבליהונג; אויבערפלעכליך [אין שארפזיניגקייט און דענקען]; מאכענדיג אן אנשטעל; שטרעבענדיג אויסצוזעהן בעסער אדער שעהנער ווי עס איז אין דער ווירקליכקייט.

flash'iness *n.* (פלעש'-אי-נעס) דאס זיין גלענצענד אדער אויפבליצענד; דאס מאכען אן אנשטעל; דאס אויסזעהן אדער שטרעבען אויסצוזעהן שעהנער און בעסער ווי אין אמת'ען; וואולגארער גלאנץ; בילינע בעפוצונג.

flash'ing *n.* (פלעש'-אינג) ביי גלאז־ארבייט — דאס דערהיצען צום צווייטען מאל נאך ניט אין גאנצען פארטיגע גלעזערנע זאכען אום זיי צו מאכען גלאט; דאס פערוואנדלען אן אויסגעהוילטען גלעזערנעם קוגעל אין א דיסק; דאס מאכען גלאז פארביג; אין ארכיטעקטור — דאס בעפעסטיגען געוויסע טיילען פון דער געביידע [דארט וואו א וואנד קומט זיך צונויף מיט'ן דאך] מיט שטיקער ציין, בליי אדער אנדערע מעטאלען; קינסטליכע מיטלען אבצופיהרען דאס וואסער פון א טייך.

flash'ing-board *n.* (פלעש'-אינג-באורד) א ברעט אדער א פארריכטונג צו פערגרעסערען די טיעפקייט אדער שטארקייט פון א שטראם דורך פערקלענערען זיין ברייט.

flash'ing-fur'nace *n.* (פלעש'-אינג-פויר'-נייס) אן אויוועז אין גלאז־פאבריקען, אין וועלכען מען דערהיצט די גלעזערנע זאכען צום צווייטען מאל, אום זיי אויסצובעסערען אדער אום זיי צו פארבען.

flash'ing-point *n.* (פלעש'-אינג-פאינט) די טעמפעראטור, ביי וועלכער די פארע [פון דערהיצטע אוילען] פלאמט פלוצלונג אויף.

flash in the pan (פלעש אין טהי פען) אן עקספלאזיאן פון דעם פולווער אין א שיס־געוועהר, ביי וועלכער די קויל פליהט ניט ארויס; א ניט געלונגענער פערזוך; א גרויסארטיגער, רעש'דיגער פערזוך וואס ענדיגט זיך מיט גארנים.

flash lan'guage (פלעש לענ'-גהווערדוש) א גנבים־שפראך.

flash'-light *n.* (פלעש'-לאיט) בליץ־שיין; קורצע, העלע ליכט־אויפבליצונגען וואס דיענען אלס מיליטערישע סיגנאלען אדער וועלכע מען לאזט ארויס אויף לייכט־טורעמס; א קורצע העלע בליץ־ליכטיגקייט, וועלכע ווערט געמאכט צו פאטאגראפיען ביינאכט.

flash'man *n.* (פלעש'-מען) א לומפ [הויפטזעכליך אזעלכער וואס פערשטעלט זיך פאר אן אנשטענדיגען מענשען].

flash notes (פלעש נאוטס) געפעלשטע וועקסלען.

flash of light'ning (פלעש אוו לאיט'-נינג) א בליץ־שטראהל.

flash on (פלעש אן) קומען פלוצלונג אין זינען, פלוצלונג איינפאלען.

flash'-pipe *n.* (פלעש'-פאיפ) א גאז־רעהר מיט קליינע לעכלעך, מיט דער הילף פון וועלכער מען צינדט אן גאז־ברענערס.

flash'-point *n.* (פלעש'-פאינט) ז. *flashing-point*.

flash song (פלעש סאנג) א גאסען־ליעד.

flash'-test *n.* (פלעש'-טעסט) א פראבע צו בעשטימען די טעמפעראטור, ביי וועלכער קעראסין [פעטראלעאום] אדער אנדערע עהנליכע שטאפען פלאקערען אויף.

flash through (פלעש טהרוה) דורכבליצען, דורכפליהען.

flash'-torch *n.* (פלעש'-טאהרטש) א בליץ־פאקעל [א פארריכטונג צו מאכען א קינסטליכען בליץ אין די טעאטערע].

flash'-wheel *n.* (פלעש'-הוויעל) א ראד, מיט דער הילף פון וועלכער מען הויבט אויף די פלעכע פון דעם וואסער אין א טייך.

flash'y *a.* (פלעש'-אי) וואס פערבלענדעט בלויז אויף א ווײלע; שרייעריש־בלענדענד; ווי א בליץ, אונרעגעלמעסיג, קאפריזנע, אימפולסיוו, פייעריג, היציג.

flask *n.* (פלעסק) א פלעשעל [בעזאנדערס אזוינס, וואס האט א ספעציעלע פארם, ווי א פלאך קעשענע־פלעשעל, אן אייזערען פלעשעל, א קאראפין א. ד. ג.]; א פולווער־הארן.

flask'-shaped *a.* (פלעסק'-שייפט) וואס האט די פארם פון א רונדען פלעשעל.

flat *a., adv., n. and v.* (פלעט) פלאך, פלאטשיג; פראסט, שוואך [ווענען דעם צושטאנד פון אקציעס אויף דער בערזע]; מאט; שטיל, זאנפט, ווייך [ווענען א שטימע אדער קלאנג]; אין מוזיק — אונטערן טאן; אהן גלאנץ [ווענען פארב]; ניט אנציהענד, ניט אינטערעסאנט; געמיין; טעמפ; אהן געשמאק; ענטשיעדען, געווים, קלאר ווי אויף דער האנד; לעבלאז; מוטלאז; אויף א פלאכען אופן; פלאכקייט, פלאטשיגקייט; אן עבענע, א פלאך לאנד; עטוואס פלאכעס אדער פלאטשיגעס; א דומער מענש, א דומקאפ, א שוטה; דער בעמאל [א צייכען אין מוזיק וועלכער דריקט ארונטער א האלבען טאן]; א פאמיליען־וואהנונג פון איינינע צימערען אויף איין עטאזש; א הויז וואס ענטהאלט אזעלכע וואהנונגען; מאכען געשמאקלאז; אראבנעהמען דעם גלאנץ פון א פארב; ארבדריקען דעם טאן, מאכען נידריגער דעם טאן מיט א האלבער נאטע; ארבדריקען; מאכען פלאך; זינגען אויף א נידריגען טאן; ווערען פלאך; ווערען דום.

flat and plain (פלעט ענד פליין) גאנץ איינפאך.

flat'bill *n.* (פלעט'-ביל) דער פלאך־שנאבעל [אזא פויגעל מיט א פלאכען שנאבעל]; א פלאך־שנאבעלדיגער פויגעל.

flat'boat *n.* (פלעט'-באוט) א שיף אדער בארזשע מיט א פלאכען דעק צו פיהרען פראכט.

flat calm (פלעט קאהם) א טויט־שטיל וועטער.

flat chest (פלעט טשעסט) אן איינגעפאלענע ברוסט.

flat deni'al (פלעט די-נאי'-על) א פאלשטענדיגע אבלייקענונג.

flat fifth (פלעט פיפטה) אין מוזיק — די קווינטא מינאר.

flat'fish *n.* (פלעט'-פיש) דער פלאך־פיש [פלאטשיגער פיש, ווי א פלאנדערקע א. ד. ג.].

flat'foot *n.* (פלעט'-פוט) א פלאכער פוס [א פוס מיט א נידריגען זויל־געלענק].

flat'-foot'ed *a.* (פלעט'-פוט'-עד) וואס האט א פלאכען פוס [מיט א נידריגען געלענק]; פעסט, ענטשלאסען.

flat'head *a. and n.* (פלעט'-העד) וואס האט א פלאכען אדער פלאטשיגען קאפ [בעזאנדערס ווענען געוויסע אינדיאנער אין אמעריקא]; אזא שלאנג מיט א פלאכען קאפ.

flat'-head'ed *a.* (פלעט'-העד'-עד) וואס האט א פלאכען אדער פלאטשיגען קאפ.

flat'-house *n.* (פלעט'-האוס) א הויז וואו אויף יעדען עטאזש זיינען פאראן גאנצע פאמיליען־וואהנונגען.

flat'-i'ron *n.* (פלעט'-אי'-ערן) א פלעט־אייזען, א בינעל־אייזען, א פרעס־אייזען.

flat lie (פלעט לאי) א פשוט'ער ליגען.

flat'lings *adv.* (פלעט'-לינגז) ענטשיעדען, פאזיטיוו.

flat'long *adv.* (פלעט'-לאנג) מיט דער פלאכער זייט.

flat'ly *adv.* (פלעט'-לי) אויף א פלאכען אדער פלאטשיגען אופן; אין א פלאכער לאגע, האריזאנטאל; ענטשיעדען, פאזיטיוו; נים נייסטרייך, דום.

flat'ness *n.* (פלעט'-נעס) געשמאקלאזיגקייט; לעבענסלאזיגקייט; פלאכקייט, פלאטשיגקייט; טעמפקייט; טיעפקייט [פון א טאן].

flat'nose *a. and n.* (פלעט'-נאוז) וואס האט א פלאטשיגע נאז; איינער וואס האט א פלאטשיגע נאז.

flat'-nosed *a.* (פלעט'-נאוזד) מיט א פלאטשיגער נאז.

flat'ten *v.* (פלעטן) פלאך אדער פלאטשיג מאכען; פלעטען, גלאט מאכען; טעמפ מאכען, אוועקנעהמען דעם געשמאק; נידערשלאגען, אומעדיג מאכען: ארבדריקען דעם טאן; ווערען מאט [ווענען פארבען]; פלאך ווערען; ווערען געשמאקלאז אדער גייסטלאז; ווערען מוטלאז אדער בעטריבט.

flat'tened *a.* (פלעט'נד) וואס איז געמאכט פלאך אדער פלאטשיג.

flat'tening-mill *n.* (פלעט'-נינג-מיל) א וואלץ־פאבריק, א פאבריק, וואו מעטאל ווערט געוואלצט אין פלאטען.

flat'ter *n. and v.* (פלעט'-ער) איינער אדער עטוואס וואס מאכט פלאך אדער פלאטשיג; א פלעטער [אזא ברייטער האמער פון א שמיעד צום שמיעדען פלאטשיג]; שמייכלען, חנפ'ענען.

flat'terable *a.* (פלעט'-ער-עבל) שמייכעלהאפט.

flat'terer *n.* (פלעט'-ער-ער) א שמייכלער, א חונף.

flat'tering *a.* (פלעט'-ער-אינג) שמייכלעריש, שמייכעלהאפט

flat'teringly *adv.* (פלעט'-ער-אינג-לי) אויף א שמייכלערישען אדער חניפה'דיגען אופן.

flat'tery *n.* (פלעט'-ע-רי) חניפה, שמייכעליי.

flat third (פלעט טהירד) — אין מוזיק — די טערצא מינאר.

flat'ting *n.* (פלעט'-אינג) דאס פארבען מאט, אהן א גלאנץ; דאס וואלצען מעטאל אין פלאטען; דאס אראבדריקען דעם טאן אין זינגען אדער שפיעלען.

flat'ting-mill *n.* (פלעט'-אינג-מיל) ז. *flattening-mill*

flat'tish *a.* (פלעט'-איש) פלאכליך אדער פלאטשיגליך.

flat'ulence *n.* (פלעט'-יו-לענס) דאס ליידען פון ווינד אין מאגען; פוסטקייט, לעערקייט, נישטיגקייט.

flat'ulency *n.* (פלעט'-יו-לענ-סי) ז. *flatulence*

flat'ulent *a.* (פלעט'-יו-לענט) וואס ליידט פון ווינד אין מאגען; ווינדיג; פוסט, נישטיג; אנגעבלאזען.

flat'ulently *adv.* (פלעט'-יו-לענט-לי) אויפגעבלאזען, פוסט, ווינדיג.

flat'uous *a.* (פלעט'-יו-אס) ז. *flatulent*

fla'tus *n.* (פליי'-טאס) א בלאז, א הויך; ווינד אין די געדערים; דונסט; אנגעשוואלענקייט, אנגעבלאזענקייט.

flat'ways *adv.* (פלעט'-הוועיז) מיט דער פלאטשיגער זייט אראב אדער צו עפעס.

flat'wise *adv.* (פלעט'-הוואיז) ז. *flatways*

flat'worm *n.* (פלעט'-הוואירם) א פלאכער ווארים.

flaunt *v.* and *n.* (פלאהנט) פלאטערען, וועהען; פראנטעווען, זיך ציערען; שטאלצירען, זיך אויפבלאזען; נארישער פוץ; פרעכער שטאלץ; בעריהמעריי; דאס בלאזען זיך.

Uncultured people love to flaunt their wealth.

flaun'ter *n.* (פלאהנ'-טער) איינער וואס בלאזט פון זיך; א נארישער בעריהמער.

flaun'ting *a.* (פלאהנ'-טינג) מיט נארישען פוץ, מיט פוסטער בעריהמעריי.

flaun'tingly *adv.* (פלאהנ'-טינג-לי) דורך נארישען פוץ אדער בעריהמעריי.

flaun'ty *a.* (פלאהנ'-טי) ז. *flaunting*

flauti'no *n.* (פלאו-טי'-נאו) א קליינע פלייט.

flau'tist *n.* (פלאה'-טיסט) א פלייטשפיעלער.

flau'to *n.* (פלאו'-טאו) א פלייט.

flaves'cent *a.* (פלע-וועס'-ענט) געלבליך, וואס ווערט געלב.

flav'in *n.* (פלעוו'-אין) פלאווין, א מין געלבער פארב-שטאף.

fla'vor *n.* and *v.* (פליי'-ווער) א נעשמאקער ריח; אראמאט; א גוטער נעשמאק; אנגענעהמליכקייט; זאפט, סאק; מאכען געשמאק; צוגעבען אראמאט.

fla'vored *a.* (פליי'-ווארד) געווירצט; מיט א נעשמאקען זאפט אדער ריח.

fla'vorless *a.* (פליי'-ווער-לעס) אהן געשמאק, אהן א טעם.

fla'vorous *a.* (פליי'-ווער-אס) שמעקענד; געשמאק.

flaw *n.* and *v.* (פלאה) א ברוך, א ריס; א פלעק [אין אן ערעלשטיין]; א חסרון, א פעהלער; נישטיגקייט, אונגילטיגקייט [אין געזעץ]; א ווינד-שטורם; אין וועטעריי — א פלאנטער, א קניפעל; א קראנקהייט, ביי וועלכער די הויט שטעהט אב פון די נעגעל; ברעכען, מאכען ריצען אדער ריסען.

flaw'less *a.* (פלאה'-לעס) אהן ריסען אדער ריצען; אהן פעהלער.

flaw'lessly *adv.* (פלאה'-לעס-לי) אהן חסרונות אדער פעהלערען.

flaw'y *a.* (פלאה'-אי) מיט ריסען אדער ריצען; פעהלערהאפט; מיט חסרונות; אויף וועלכען דער ווינד טהוט פלוצלונג א בלאז.

flax *n.* (פלעקס) פלאקס, די פלאקס-פלאנצע.

Flax

flax'-comb *n.* (פלעקס'-קאום) א פלאקס-קאם [א קאם צו בערשטען פלאקס].

flax'-cot'ton *n.* (פלעקס'-קאטן) פלאקס געמאכט ווי באוועל.

flax'-dress'er *n.* (פלעקס'-דרעס'-ער) א פלאקס-קעמער, דער וואס גרייט צו פלאקס צום שפינען.

flax'-dress'ing *n.* (פלעקס'-דרעס'-אינג) דאס בערשטען פלאקס; דאס פערפערטיגען פלאקס צום שפינען.

flax'en *a.* (פלעקסן) עהנליך צו פלאקס; געמאכט פון פלאקס; בלאנד, העל-געלב; וואס איז שייך צו פלאקס.

flax'en hair (פלעקסן העהר) גאנץ העלבלאנדע האר [ווי פלאקס].

flax'-plant *n.* (פלעקס'-פלענט) דער נייזעלאנדישער פלאקס [א פלאנצע אהן א שטאם מיט לאנגע אוןברייטע בלעטער און מיט שטארקע אדערען, פון וועלכע מען מאכט שטריק און קאנאטען].

flax'-pull'er *n.* (פלעקס'-פול'-ער) א מאשין אראבצונעהמען פלאקס פון פעלד.

flax'seed *n.* and *a.* (פלעקס'-סיעד) ליינזוימען [די זאט פון פלאקס]; וואס איז עהנליך צו ליינזוימען.

flax'weed *n.* (פלעקס'-הוויעד) פלאקס-גראז [א מין גראז מיט רויטע אדער ווייסע בליטהען].

flax'-wench *n.* (פלעקס'-הוועכטש) א פלאקס-שפינערין; א פראסטע פרוי.

flax'wort *n.* (פלעקס'-הוואירט) א פלאקס-פלאנצע [יעדע פלאנצע אדער גראז פון דעם מין פלאקסען].

flax'y *a.* (פלעק'-סי) ווי פלאקס; מיט א העלען קאליר; בלאנד.

flay *v.* (פליי) שינדען, אראבציהען די הויט.

flay'er *n.* (פליי'-ער) א שינדער.

flea *n.* (פליע) א פלוי.

flea'bane *n.* (פליע'-ביין) פליי-פעפער [א מין פלאנצע, וועלכע ווירקט אויף דער פערניכטונג פון פליי].

flea'bite *n.* (פליע'-באיט) א ביס פון א פלוי; א קליינער שמערץ; א קלייניגקייט.

flea'bitten *a.* (פליע'-ביטן) געביסען פון פליי; ווייס מיט רויטע פינטעלעך [וועגען א געוויסען קאליר פון פערד].

fleck *n.* and *v.* (פלעק) א פלעק: מאכען א פלעק.

flecked *a.* (פלעקט) געפלעקט.

fleck'er *v.* (פלעק'-ער) מאכען פלעקען.

fleck'less *a.* (פלעק'-לעס) אהן א פלעק; וואס מען קען ניט בלאמירען אדער מאכען א פארוואורף.

flec'tion *n.* (פלעק'-שאן) דאס בויגען; א בויגונג; אין גראמאטיק — די פלעקסיאן. די ענדערונג פון ווערטער דורך דעקלינאציאן אדער קאניוגאציאן.

flec'tional *a.* (פלעק'-שאנ-על) אין גראמאטיק — וואס איז שייך צו פלעקסיאן. ז. *flection*

fled (פלעד) געפלויגען. אוועקגעפלויגען. ז. *flee*

fledge *v.* (פלעדזש) בעקומען גענוג גרויסע פעדערען אין די פליגלען צו קענען פליהען.

fledged *a.* (פלעדזשד) וואס איז בעוואקסען מיט פעדערען; וואס קען פליהען; וואס האט פליגלען צום פליהען; וואס די פליגלען זיינען ענטוויקעלט צום פליהען.

fledge'ling *n.* and *a.* (פלעדזש'-לינג) א יונג פייגעלע וואס איז נור-וואס בעוואקסען געווארען מיט פעדערען; א פריץ, א נאך אונערפאהרענער; נאר וואס בעוואקסען מיט פעדערען; אונערפאהרען.

fledg'ling *n.* and *a.* (פלעדזש'-לינג) ז. *fledgeling*

flee *v.* (פליע) פליהען; אוועקפליהען; פערשווינדען.

fleece *n.* and *v.* (פליעס) שאף-וואל; די וואל וואס ווערט אבגעשארען פון א שעפס מיט איין מאל; שערען שאף; פלינדערען. רויבען, שינדען; בערויבען, אוועקנעהמען.

fleeced *a.* (פליעסט) וואס האט וואל; וואליג.

flee'cer *n.* (פליע'-סער) א הויט-שינדער, א בערויבער.

fleece'-wool *n.* (פליעס'-הוואול) די וואל וואס ווערט אבגעשארען פון א שעפס מיט איין מאל.

flee'cy *a.* and *n.* (פליע'-סי) בעדעקט מיט וואל; וואליג; וואס איז עהנליך צו וואל; בעדעקט מיט לייכטע וואלקען; וואס איז שייך צו וואל; אזא ווייכער זארט פאדעם וואס ווערט בענוצט צום שטריקען.

flee'cy clouds (פליע'-סי קלאודז) לייכטע קנוילינע וואלקען.

fleer *v.* and *n.* (פליער) מאכען העויות, פערקרימען דאס פנים; פערשפאטען, אבלאכען פון...; א העויה; אן אבלאכער, אן אבשפאטער.

fle'er *n.* (פליע'-ער) איינער וואס אנטלויפט.

fleer'er *n.* (פליער'-ער) אן אבלאכער, אן אבשפאטער.

fleer'ing *n.* (פליער'-אינג) דאס אבלאכען, דאס אבשפאטען.

fleer'ingly *adv.* (פליער'-אינג-לי) אויף אן אבלאכענדען אדער אבשפאטענדען אופן.

fleet *n.*, *a.* and *v.* (פליעט) א פלאטע; א קריעגס-פלאטע; א בוכטע; שנעל; לייכט; מאגער; דין; ניט טיעף [וועגען בארען]; ענדערען דעם פלאץ [אויף א שיף]; שנעל אוועקפליהען.

fleet'-foot *a.* (פליעט'-פוט) ז. *fleet-footed*.

fleet'-foot'ed *a.* (פליעט'-פוט'-עד) שנעל־פיסיג, גרינג־פיסיג, וואס לויפט שנעל.

flee'ting *a.* (פליע'-טינג) וואס לויפט שנעל פאריבער; וואס דויערט נים לאנג.

flee'tingly *adv.* (פליע'-טינג-לי) אויף א שנעל פאריבערלויפענדען שטייגער; נים דויערענדיג לאנג.

flee'tingness *n.* (פליע'-טינג-נעס) דאס זיין פון נים לאנגען דויער; דאס שנעל פאריבערלויפען; שנעלקייט.

fleet'ly *adv.* (פליעט'-לי) אויף א שנעלען, געשווינדען אופן.

fleet'ness *n.* (פליעט'-נעס) שנעלקייט; לייכטקייט, געשווינדיגקייט.

Fleet pris'on (פליעט פריזן) א בעריהמט געפענגניס אמאל אין לאנדאן, וואו עס פלעגען איינגעשפארט ווערען אזעלכע, וואס האבען נים בעצאהלט זייערע שולדען.

Flem'ing *n.* (פלעמ'-אינג) א פלאמאנדער [א בעלגיער פון פלאמאנדישער אבשטאמונג און פלאמאנדישער שפראך. די פלאמאנדישע שפראך איז זעהר נאהענט צו דער האלענדישער].

Flem'ish *a. and n.* (פלעמ'-איש) פלאמאנדיש, וואס איז שייך צו די פלאמאנדערן, זייער שפראך, ליטעראטור א. ז. וו.; דאס פלאמאנדערטום; די פלאמאנדישע שפראך.

flesh *n., a. and v.* (פלעש) פלייש, מוסקעלען, דאס לייב, דער קערפער [אין געגענזאץ צו דער נשמה]; דער מענש, די מענשהייט; די קערפערליכע נאטור, קערפערליכקייט; גשמיות; א קרוב, איינער פון דערזעלבער פאמיליע; דער אינעווייניגסטער ווייכער [פליישיגער] טייל פון פרוכטען און גרינסען; פליישיג; אנשטאפען מיט פלייש; אנפרעסען; געבען גראבע, קערפערליכע פערגניגענס; צוגעבען חשק הינד, פאלקען א. ז. וו. צו יאגד דורך דעם וואס מען גיט זיי פרעסען פלייש; צוגעבען חשק, בעוועגען צו מלחמה און מארד; אברייניגען די פעל פון דעם פלייש; גוט אויסהאדעווען, בעדעקען מיט פלייש; בעדעקען [ווי מיט פלייש].

flesh and fell (פלעש ענד פעל) הויט און האר; אלעס.

flesh'-ax *n.* (פלעש'-עקס) א קצב'ס האק.

flesh'-broth *n.* (פלעש'-בראהטה) געווירצטער פליישזופ.

flesh'-brush *n.* (פלעש'-בראש) א רייב־בארשט.

flesh'-clogged *a.* (פלעש'-קלאגד) וואס האט אויף זיך צופיעל פלייש, בעלאדען מיט פלייש, צו שטארק בעלייבט.

flesh'-col'or *n.* (פלעש'-קאל'-אר) דער נאטירליכער הויט־קאליר פון א געזונדען מענשען פון דער ווייסער ראסע.

flesh'-col'ored *a.* (פלעש'-קאל'-ארד) הויט־פארביג [וואס האט דעם נאטירליכען הויט־קאליר פון א געזונדען מענשען פון דער ווייסער ראסע].

flesh'-cree'per *n.* (פלעש'-קריע'-פער) א סענזאציאנעלער ראמאן [מיט שוידערליכע פאסירונגען, פון וועלכע עס גרוילט].

flesh'-day *n.* (פלעש'-דיי) דער פלייש־טאג, ניט קיין פאסט־טאג [ביי קריסטען].

fleshed *a.* (פלעשט) פליישיג, דיק.

flesh'er *n.* (פלעש'-ער) איינער וואס רייניגט אב פעל פון פלייש; א געצייג אבצורייניגען פעל פון פלייש.

flesh'-fly *n.* (פלעש'-פלאי) די פלייש־פליעג [אן אינזעקט וואס נעהרט זיך פון טויטע קערפער און לעגט איהרע אייער אין דעם פלייש פון לעבעדיגע און, הויפטזעכליך, פון טויטע חיות].

Flesh-fly

flesh'-fork *n.* (פלעש'-פאהרק) א פלייש־גאפעל [א גרויסער גאפעל ארויסצונעהמען פלייש פון טאפ].

flesh'ful *a.* (פלעש'-פול) פעט, דיק, בעלייבט.

flesh'-hook *n.* (פלעש'-הוק) א האקען צום אויפהענגען פלייש אדער צום אריבערטראגען גרויסע שטיקער פלייש פון איין ארט אויף'ן צווייטען.

flesh'-hoop *n.* (פלעש'-הופ) די רייף פון א פויק, אויף וועלכער עס איז אנגעצויגען די פעל.

flesh'iness *n.* (פלעש'-אי-נעס) בעלייבטקייט, דיקקייט.

flesh'ing-knife *n.* (פלעש'-אינג-נאיף) ז. *flesh-knife*.

flesh'ings *n.* (פלעש'-אינגז) לייב־קאליר־קליידער; דאס פלייש וואס ווערט אבגעשאבען ביים רייניגען פעל.

flesh'-knife *n.* (פלעש'-נאיף) א מעסער צום אברייניגען פעל פון פלייש, האר א. ד. ג.

flesh'less *a.* (פלעש'-לעס) אהן פלייש, מאגער.

flesh'liness *n.* (פלעש'-לי-נעס) קערפערליכקייט, גשמיות; קערפערליכע תאוות.

flesh'ly *a. and adv.* (פלעש'-לי) קערפערליך; גשמיות'דיג; פליישיג; ווייכהארציג; אויף א תאוה'דיגען שטייגער.

flesh'-meat *n.* (פלעש'-מיעט) פלייש־שפייז [אין געגענזאץ צו פיש־שפייז].

flesh'monger *n.* (פלעש'-מאן-גער) א פלייש־הענדלער, א קצב; א פרויען־הענדלער.

flesh'pot *n.* (פלעש'-פאט) א טאפ, אין וועלכען מען קאכט פלייש; שפייז; דאס זיין איבערגעגעבען צו קערפערליכע תאוות.

flesh'-tint *n.* (פלעש'-טינט) פלייש־פארב, פלייש־קאליר.

flesh'-tooth *n.* (פלעש'-טוהטה) אן אויגען־צאהן [א קליק] ביי די פלייש־פרעסענדע חיות.

flesh'-wound *n.* (פלעש'-וואונד) א פלייש־וואונד, א וואונד וואס געהט נים טיעפער פון פלייש, א לייכטע וואונד.

flesh'y *a.* (פלעש'-אי) פליישיג, וואס בעשטעהט פון פלייש אדער מוסקעלען; קערפערליך, גשמיות'דיג; בעלייבט, דיק, פעט; פליישארטיג, ווייך.

fleur-de-lis' *n.* (פלויר-דע-ליע') א ליליען־עהנליכע צייכנונג אויף וואפען אדער הערבען [געוועהן אין געברויך ביי דער אמאליגער פראנצויזישער קעניגליכער פאמיליע].

Fleur-de-lis

fleur-de-lys' *n.* (פלויר-דע-ליע') ז. *fleur-de-lis*.

fleuron' *n.* (פלוי-ראן') א בלומען־עהנליכער טייל פון ציערונג.

flew (פלוה) געפלויגען. ז. *fly*.

flewed *a.* (פלוהד) וואס האט א גרויסע ארבעהענגענדע אייבערשטע ליפ [וועגען א הינד].

flews *n.* (פלוהז) די גרויסע ארבהענגענדע אויבערשטע ליפ ביי געוויסע מינים הינד.

flex *v.* (פלעקס) בויגען, לענקען [הויפטזעכליך וועגען לענק־מוסקעלען].

flexibil'ity *n.* (פלעק-סי-ביל'-אי-טי) בויגזאמקייט, לענקבארקייט, ווייכקייט, נאכגיביגקייט; דאס קענען איינגעצוימט ווערען; קאנטראלירבארקייט; דאס האבען די פעהיגקייט אנצונעהמען פערשיעדענע פארמען אדער אנגעווענדעט ווערען אויף פערשיעדענע אופנים; די פעהיגקייט שנעל צו ערפילען א מוזיקאלישע אויפגאבע [הויפטזעכליך וועגען א שטימע].

flex'ible *a.* (פלעק'-סיבל) בויגזאם, לענקבאר; ווייך, נאכגעביג; וואס מען קען צוימען אדער קאנטראלירען; וואס קען צוגעפאסט ווערען, וואס קען אנגעווענדעט ווערען אויף פערשיעדענע אופנים, וואס קען אננעהמען פערשיעדענע פארמען; וואס קען שנעל ערפילען א מוזיקאלישע אויפגאבע [הויפטזעכליך וועגען א שטימע].

flex'ibleness *n.* (פלעק'-סיבל-נעס) בייגזאמקייט, לענקבארקייט, נאכגעביגקייט; דאס קענען איינגעצוימט ווערען; קאנטראלירבארקייט, אנווענדבארקייט אויף פערשיעדענע אופנים; די פעהיגקייט אנצונעהמען פערשיעדענע פארמען.

flex'ibly *adv.* (פלעק'-סי-בלי) אויף א בויגזאמען, לענקבארען, נאכגעביגען, קאנטראלירבארען אופן.

flex'ile *a.* (פלעק'-סיל) בויגזאם, לענקבאר, נאכגעביג; וואס קען איינגעצוימט ווערען; קאנטראלירבאר, אנווענדבאר אויף פערשיעדענע אופנים; פעהיג אנצונעהמען פערשיעדענע פארמען.

flex'ion *n.* (פלעק'-שאן) ז. *flection*.

flex'ional *a.* (פלעק'-שאנ-על) ז. *flectional*.

flex'or *n.* (פלעק'-סאר) א בויג־מוסקעל, א לענק־מוסקעל.

flex'uose *a.* (פלעק'-שיו-אוס) אין באטאניק — געבויגען, אויסגעקרימט אדער געדרעהט אין פערשיעדענע ריכטונגען [וועגען פלאנצען־שטאמען און צווייגען].

flex'uous *a.* (פלעק'-שיו-אס) געבויגען, געקרימט, געדרעהט; וואנקענד, וואקלענדיג זיך, פערענדערליך, אונבעשטענדיג; אין באטאניק — געבויגען, געקרימט אדער געדרעהט אין פערשיעדענע ריכטונגען [וועגען שטאמען און צווייגען]; אין זאאלאגיע — וואס האט די פארם פון זיגזאגען מיט אבגערונדעטע ווינקלען.

flex'uously *adv.* (פלעק'-שיו-אס-לי) אויף א געבויגענעם אדער געדרעהטען אופן; מיט זיגזאגען.

flex'ure *n.* (פלעק'-שיור) בויגונג, קרימונג, אויסבויג, בויג, פאלד, קנייטש.

flich'ter *v.* (פליכ'-טער) לויפען מיט אויסגעשפרייטע ארעמס; פלאטערען.

flick *v. and n.* (פליק) געבען א שנעלען, לייכטען קלאפ ווי א שמיץ מיט א בייטש אדער שנעל מיט'ן פינגער; ארשנעלען; א לייכטער פלעצליכער קלאפ, א שנעל.

flick'er *v. and n.* (פליק'-ער) פלאטערען אדער פאטשען מיט די פליגלען; פלאטערען [ווי א פלאם אין ווינד]; פינקלען; דאס פלאטערען; דאס פינקלען; דער אמעריקאנישער האלז־פיקער אדער דיאטעל [א קליינער פויגעל פון א געלב־גאלדענעם קאליר אונטער די פליגלען און אונ־

טער'ן עק. און מיט שווארצע רונדע פינטעלעך אויף'ן קערפער].

Flicker

fli'er *n.* (פלאי'-ער) א פליהער ; איינער אדער עפעס וואס פליהט אדער לויפט מיט א גרויסער שנעלקייט ; אן אנטלאפענער ; איינער פון די טיילען פון א מאשין אדער מעכאניזם, וועלכע בעוועגען זיך זעהר שנעל ; א טרעפ ; א שפעקולאציאן אויף דער בערזע [דאס קויפען ווערטה־פאפיערען פון איינעם וואס פראבירט מזל אריינצוכאפען א גרויסען ריוח] ; א קליינע אפישע [רעקלאמע].

flight *n. and a.* (פלאיט) דאס פליהען ; דאס אוועקפליהען ; דאס וואס עס פליהט ; א מחנה פליהענדע פויגלען ; אן אויסשוס אדער אויסברוך פון כעס אדער פון אן אנדער געפיהל ; דער אויסשוס מיט א פייל פון בויגען ; א רייה טרעפ וואס פיהרען פון איין עטאזש צום צווייטען ; די מעקענע פון האבער ; דאס דינע הייטעל פון א קאווע־נוס ; דער פליגעל פון א ווענטילאטאר ; די אבבויגונג פון דעם הענטעל פון א קראן ; וואס איז שייך צו א מחנה פליהענדע פויגלען.

fligh'tily *adv.* (פלאי'-טי-לי) אויף א קאפריזנעם, ווילדען אדער משונה'דיגען אופן.

fligh'tiness *n.* (פלאי'-טי-נעס) קאפריזנעקייט, לייכטזין, אונבעזאנענהייט, ווילדקייט.

flight'less *a.* (פלאיט'-לעס) וואס קען ניט פליהען.

flight of stairs (פלאיט אוו סטעהרז) שטיגען אדער א רייה טרעפ וואס פיהרען פון איין עטאזש צום צווייטען.

flight'-shot *n.* (פלאיט'-שאט) א שאס פון א בויגען ; דער מרחק וואס א פייל פון א בויגען פליהט.

fligh'ty *a.* (פלאי'-טי) קאפריזנע ; לייכטזיניג, אונבעזאנען ; ווילד ; וואהנזיניג.

flim'flam *n. and v.* (פלים'-פלעם) א נארישקייט, שטות, א בבא־מעשה, א ליגען, א שטוקע, א שפיצעל ; האקען ליגענס ; דערצעהלען בבא־מעשות.

flim'sily *adv.* (פלים'-זי-לי) אויף א לייכטען אדער שוואכען אופן ; גרינג, דין, דאר, פוסט, ארים.

flim'siness *n.* (פלים'-זי-נעס) דינקייט ; שוואכקייט ; ארימקייט.

flim'sy *a. and n.* (פלים'-זי) גרינג, לייכט, שיטער, דין, דאר ; שוואך ; ארים, פוסט ; זעהר דין פאפיער ; א באנק־בילעט.

flinch *v.* (פלינטש) זיך צוריקציהען ; אויסווייכען [אויס מורא פאר עפעס] ; אראבנעהמען און צוזאמענקלייבען די פעטקייט אדער טראן פון א וואל־פיש.

fling *v. and n.* (פלינג) ווארפען, שלייערען ; אבווארפען, ארונטערווארפען ; אבשפרינגען ; אבווארפען זיך ; ווארפען זיך אין אלע זייטען ; בריקען מיט די פיס ; זידלען זיך ; א ווארף, א שליידער ; פאלשטענדיגע פרייהייט אין אויפפיהרונג ; דאס טהאן וואס דאס הארץ געלוסט ; א געוויסער שאטלענדישער דארף־טאנץ ; א שטאך־ווארט, א סארקאזם.

fling at (פלינג עט) ווארפען אויף..., שיסען אויף...

fling away' (פלינג ע-הוויי') אוועקשליידערען ; אבווארפען.

fling down (פלינג דאון) אנידערווארפען ; צושטערען.

fling'er *n.* (פלינג'-ער) א ווארפער ; א שליידערער ; איינער וואס רעדט מיט שטעכווערטלעך אדער סארקאסטיש.

fling in (פלינג אין) צוואווארפען, ניט צורעכענען.

fling off (פלינג אף) פערפעהלען דעם ציעל, ניט טרעפען ; אין געיעג — פערליערען די שפור [אין נאכיאגען זיך נאך א חיה].

fling out (פלינג אוט) אויסברעכען, אויסשיסען [מיט א זידלעריי].

flint *n. and a.* (פלינט) א קרעמען [זעהר א הארטער שטיין] ; עפעס וואס איז הארט און לאזט זיך ניט בויגען ; געמאכט אדער בעשטעהט פון קרעמען ; הארט, שטייף.

flint'-glass *n.* (פלינט'-גלעס) קריסטאל־גלאז, קרעמען־גלאז.

flint'-hear'ted *a.* (פלינט'-האר'-טעד) מיט א שטיינערנעם הארץ ; בייז, אכזריות'דיג.

flin'tiness *n.* (פלינ'-טי-נעס) הארטקייט ; הארטהערציגקייט ; אכזריות.

flint'-lock *n.* (פלינט'-לאק) דער שלאס אדער הענטעל פון אן אלטמאדישער ביקס, וואו דער פולווער צינדט זיך אן דורך'ן קלאפ פון א קרעמען ; א ביקס מיט אזא שלאס אדער הענטעל.

flint'stone *n.* (פלינט'-סטאון) דער פייער־שטיין, א קרעמען.

flint'ware *n.* (פלינט'-הוועהר) געשיער אדער כלים פון ענגלישען פאיאנס.

flin'ty *a.* (פלינ'-טי) פון קרעמען ; הארט ; הארטהערציג.

flip *v. and n.* (פליפ) געבען א שנעל ; לייכט אויפטרייסלען אדער שאקלען ; שמייסען ; געבען א זעץ ; א שנעל ; א קלאפ ; א שמיץ ; א געטראנק פון ביער מיט צוקער.

flip'flap *n. and adv.* (פליפ'-פלעפ) א קלאפעריי, א פאטשעריי ; דאס איבערקויליען זיך ; א געפעהרליכער שפרונג ; מיט א קלאפעריי.

flip'pancy *n.* (פליפ'-ענ-סי) פלינקקייט, שנעלקייט ; געלויפיגקייט ; איבערפלעכליכקייט ; לייכטזיניגקייט ; דאס זיין א פלוידערזאק ; עזות, חוצפה.

flip'pant *a.* (פליפ'-ענט) פלינק, שנעל ; געלויפיג ; אויבערפלעכליך ; לייכטזיניג ; פלוידעריש ; עזות'דיג, חוצפה'דיג.

flip'pantly *adv.* (פליפ'-ענט-לי) אויף א לייכטזיניגען, אויבערפלעכליכען אדער פלוידערישען שטייגער.

flip'pantness *n.* (פליפ'-ענט-נעס) ז. *flippancy*.

flip'per *n.* (פליפ'-ער) דער גליעד וואס דיענט צו שווימען [ווי די פלוס־פעדערען פון א פיש, די לאפעס פון א ים־הונד, די פליגלען פון א פינגווין א. ד. ג.] ; די האנד ; אזא קוניץ־דעקאראציע אין א טעאטער ; א מין עפעל־טארט.

flirt *v. and n.* (פלוירט) פלירטעווען, זיך שפיעלען אין ליעבע ; קאקעטירען ; שפאסען ; אבלאכען ; חוזק מאכען ; ווארפען, שליידערען, שטויסען ; שאקלען, טרייסלען ; איינער וואס פלירטעוועט אדער שפיעלט זיך אין ליעבע ; א לייכטזיניג פרויענצימער ; א קאקעטקע ; א שפאס ; א סארקאזם ; א מאך ; א שטויס.

flirta'tion *n.* (פלויר-טיי'-שאן) דאס פלירטעווען, דאס שפיעלען אין ליעבע ; דאס קאקעטירען.

flirta'tious *a.* (פלויר-טיי'-שאס) וואס פלירטעוועט, וואס שפיעלט זיך אין ליעבע.

flirta'tiousness *n.* (פלויר-טיי'-שאס-נעס) דאס אבגעבען זיך מיט פלירט, דאס שפיעלען זיך אין ליעבע.

flir'ter *n.* (פלויר'-טער) א פלירט, א קאקעט, איינער וואס שפיעלט זיך אין ליעבע.

flir'tigig *n.* (פלויר'-טי-גיג) א לייכטזיניג, קאקעט מיידעל.

flir'ting *a.* (פלויר'-טינג) וואס פלירטעוועט, וואס שפיעלט זיך אין ליעבע ; לייכטזיניג, קאקעטיש ; שאקלענד, טרייסלענד.

flir'tingly *adv.* (פלויר'-טינג-לי) אויף א פלירטענדען, קאקעטישען אופן.

flit *v.* (פליט) אוועקפליהען ; פליהען.

flitch *n.* (פליטש) א געזאלצענע זייט פלייש פון א שוויין ; אין טישלעריי — א פלאנקע.

flit'ter *n. and v.* (פליט'-ער) א טראנטע ; א קוואדראט בלעכעל צו בעפוצען עפעס ; דאס וואס פליהט ; פלאטערען, שנעל בעוועגען זיך היין און צוריק.

flit'ting *n.* (פליט'-אינג) דאס פלאטערען ; דאס פליהען.

flit'tingly *adv.* (פליט'-אינג-לי) אויף א פליהענדען אדער פלאטערענדען אופן.

flix'weed *n.* (פליקס'-הוויעד) סאפיען־קרויט [א מין גראז וואס ווערט בענוצט אין מעדיצין].

float *v. and n.* (פלאוט) שווימען ; שווימען מיט'ן שטראם ; שוועבען ; פלאטערען ; ברייגגען דערצו, אז עטוואס זאל זיך האלטען אדער שווימען אויף דער אויבערפלעכע פון א פליסיגקייט בלויז מיט דער קראפט פון דעם שטראם ; בעוואסערען ; פערפלייצען ; גלאט מאכען, פיילען ; בעדעקען מיט פלאסטער ; ארויסלאזען אין אומגאנג, ברייגגען אין אומגאנג [וועגען פינאנציעלע אפעראציאנען און ווערטה־פאפיערען] ; ביי יאגד — דערנעהענטערען זיך צו די חיות אויף א שיפעל אדער פלים ; עטוואס וואס ליעגט אדער שוועבט אויף דער אויבערפלעכע פון א פליסיגקייט ; א פלים ; שווים־האלץ ; א קארק אדער עהנליכע זאך ביי א ווענטקע וואס זינקט ניט אין וואסער ; דאס שוועבען, פלאטערען אדער שווימען [בלויז מיט דער הילף פון שטראם] ; א פארריכטונג אויפצוהאלטען א מענשען אין וואסער ; א שווים־יאק ; א פענכער אדער אנדער עהנליכער טייל פון קערפער וואס איז אויסגעהוילט און אנגעפילט מיט לופט [ביי פיש א. ד. ג.] וואס האלט זיי אויף'ן וואסער ; א קויהלען־וואגען.

float a com'pany (פלאוט ע קאמ'-פע-ני) גרינדען אן אקציען־געזעלשאפט.

floa'tage *n.* (פלאו'-טידזש) די פעהיגקייט זיך צו האלטען אדער צו שוועבען אויף דער אויבערפלעכע פון א פליסיגקייט [ווי למשל, פון האלץ] ; עטוואס וואס האט אזא פעהיגקייט ; עטוואס וואס קען זיך האלטען אויף'ן וואסער.

float'-board *n.* (פלאוט'-באורד) די שווימפעל פון א מיהל־ראד אדער רודערער.

float'-cop'per *n.* (פלאוט'-קאפ'-ער) קופער־שטויב וואס ווערט אוועקגעטראגען פון שטראמענדען וואסער.

floa'ter *n.* (פלאו'-טער) איינער אדער עטוואס וואס שווימט אדער פלאטערט אויף'ן וואסער; איינער וואס געהט אויף יאגד אויף א שיפעל אדער אויף א פליט; א פליט צו פערצייכענען די הויך פון דער וואסער־פלעכע; א וועהלער וואס בעלאנגט ניט צו קיין פאליטישער פארטיי [הויפטזעכליך אזעלכער וועמענס שטימע מען קען קויפען]; א שווימענדער טויטער קערפער.

float'-gold *n.* (פלאוט'-גאולד) גאלד־שטויב וואס ווערט אוועקגעטראגען פון שטראמענדען וואסער.

floa'ting *n. and a.* (פלאו'-טינג) דאס שווימען; דאס האלטען זיך אויף דער אויבערפלעכע פון א פליסיגקייט; פערפלייצונג; דאס בעדעקען מיט פלאסטער; דאס אבטיילען דורך וואסער קליינע טיילעכלעך פון עפעס [די גרעסערע טיילען זינקען און די קלענערע בלייבען פון אויבען]; דאס פיהרען יאגד אויף א שיפעל אדער פליט; שווימענד, האלטענדיג זיך אויף דער אויבערפלעכע פון פליסיגקייט אדער אין דער לופט, פלאטערענד, שוועבענד; וואקלענדיג, ניט בעשטימט; פריי, ניט פעראייניגט, אבגעזונדערט; וואס בעשטעהט פון פערשיעדענע סומען וואס דארפען איינגעצאהלט ווערען אין פערשיעדענע טערמינען [ווי א חוב, א פערמעגען]; ניט בעזארגט מיט א גרייטען קאפיטאל; ניט בעשטימט פאר געוויסע צוועקען [וועגען א קאפיטאל]; וואס צירקולירט, וואס איז אין געברויך [וועגען קאפיטאל].

floa'ting bridge (פלאו'-טינג ברידזש) א שווימענדע בריק.

floa'ting debt (פלאו'-טינג דעט) א חוב וואס בעשטעהט פון פערשיעדענע סומען, וועלכע דארפען איינגעצאהלט ווערען אין פערשיעדענע טערמינען.

floa'ting kid'ney (פלאו'-טינג קיד'-ני) א ניר וועלכע איז לויז געווארען און ליעגט ניט אויף איהר ריכטיגען ארט אין בויך.

floa'ting light (פלאו'-טינג לאיט) א לייכט־שיף [אויף'ן ים].

floa'ting mead'ows (פלאו'-טינג מעד'-אוז) פעלדער וואס ווערען אפט פערפלייצט.

floa'ting pol'icy (פלאו'-טינג פאל'-אי-סי) א פייער־פערזיכערונגס־שיין [פאליסי] אויף סחורות אהן דער אנגעבונג פון זייער ווערטה.

floa'ting popula'tion (פלאו'-טינג פאפ-יו-ליי'-שאן) די זיך־וואקלענדע בעפעלקערונג, די ניט תושבים, די צייטווייליגע בעפעלקערונג, די בעפעלקערונג וואס וואנדערט פון איין פלאץ אין צווייטען.

floa'ting screed (פלאו'-טינג סקריעד) א לאנגער אבגעריסענער שטרייף אדער פאס.

floa'ting vote (פלאו'-טינג וואוט) וועהלער וואס בעלאנגען ניט צו קיין פאליטישער פארטיי און וועמענס שטימען מען קען קויפען.

float'stone *n.* (פלאוט'-סטאון) א שווים־שטיין [א מין לעכערדיגער גרויער קווארץ מיט א געלער שאטירונג, וואס שווימט אויף'ן וואסער]; א שטיין מיט וועלכען מען רייבט אב און מען מאכט גלייך די ברעגעס פון אנדערע שטיינער.

floccilla'tion *n.* (פלאק-סי-ליי'-שאן) דאס צופּען פון היץ דאס בעטגעוואנד דורך א קראנקען וואס ליעגט אין פיעבער. ז. *carphology*

floc'cose *a.* (פלאק'-אוס) וואליג; פוכיג; בעדעקט מיט וואליגע קנוילעכלעך אדער בינטלעך.

floc'culence *n.* (פלאק'-יו-לענס) דאס זיין וואליג; דאס בעשטעהן פון פוכיגע אדער וואליגע קנוילעכלעך אדער בינטלעך; א וויכער, ווייסער וואקס־שטאף וואס עס טיילען פון זיך אויס איינינגע מינים אינזעקטען.

floc'culent *a.* (פלאק'-יו-לענט) וואליג; וואס זעהט אויס ווי א שטיקעל וואל; וואס בעשטעהט ווי פון וואליגע קנוילעכלעך אדער בינטלעך; פוכיג, בעדעקט מיט פוך [וועגען פויגלען]; בעדעקט מיט שטיקלעך ווייסען, ווייכען, וואקס־פערמיגען שטאף [וועגען אינזעקטען].

floc'culus *n.* (פלאק'-יו-לאס) א קליין שטיקעל וואל; עטוואס וואס זעהט אויס ווי א שטיקעל וואל אדער ווי א שנעעלע; א קליין בינטעל האר [ביי אינזעקטען].

floc'cus *n.* (פלאק'-אס) א שטיקעל וואל, א קנוילכעל אדער עטוואס וואס איז עהנליך דערצו; אין זאאלאגיע — דאס לאנגע בינטעל האר אויף'ן עק ביי איינינגע חיות; פוך [ביי פויגלען].

flock *n. and v.* (פלאק) א סטאדע, א הורטע, א מחנה [חיות און פויגעל, הויפטזעכליך ציעגען און שעפסען]; א קאמפאניע, א מחנה מענשען; אן עדה; א בינטעל וואל אדער האר; דין צושטויסענע וואל אדער וואל־שטאף, מיט וועלכע מען בעדעקט א געוויסען זארט טאפעטען אדער אביטשעס; קליינע שטיקלעך וואל, וואלשטאף, אבפאל פון וואלענע זאכען א. ד. ג., מיט וועלכע מען שטאפּט אן מאטראצען, דיוואנען א. ז. וו.; אבפאל, דאס וואס זעצט זיך אב, אבשוים; זיך פערזאמלען אין א סטאדע, הורטע אדער מחנה.

flock'-bed *n.* (פלאק'-בעד) א געלעגער געמאכט פון אבפאל פון וואל, וואלענע שטאפען און עהנליכע זאכען.

flock'ing-machine' *n.* (פלאק'-אינג-מע-שין') א מאשין צו בעדעקען א געוויסען זארט טאפעטען אדער אביטשעס מיט קליינע טיילעכלעך וואל אדער וואל־שטאפען.

flock'-pa'per *n.* (פלאק'-פיי'-פער) טאפעטען אדער אביטשעס פון שעהר־וואל.

flock'y *a.* (פלאק'-אי) וואליג; עהנליך צו בינטלעך וואל, האר אדער פוך.

floe *n.* (פלאו) א קריהע, א שטיק אייז וואס שווימט אויף'ן ים.

The ship was struck by an ice floe.

flog *v.* (פלאג) שמייסען; שלאגען [אין זינען פון אריבערשטייגען דעם קאנקורענט]; אין פיש־כאפען — האקען דאס וואסער מיט דעם פאדים פון דער ווענטקע.

flog'ger *n.* (פלאג'-ער) א שמייסער, א שמיין־געבער; א הילצערנער האמער וואס ווערט בענוצט ארומצוקלאפען א שפונט, כדי צו מאכען איהם שוואכער אין דעם לאך וואו ער שטעקט.

flog'ging *n.* (פלאג'-אינג) דאס שמייסען; א בעשטראפונג מיט שמיץ; דאס האקען דאס וואסער מיט דעם פאדים פון דער ווענטקע ביים כאפען פיש.

flood *n. and v.* (פלאד) א וואסער־שטרעמונג, א טייך; דער מבול; אן איבערשוועמונג, א פערפלייצונג; די ארויסגיסונג; פלוס אדער וואסער־צופלוס אין א טייך אדער ים; מענסטרואציע אדער די מאגאטליכע בלוט־גיסונג ביי פרויען [ווען דער פלוס איז צו שטארק]; פערפלייצען, איבערשווענקען; גיסען אדער שטרעמען אין אן איינגעהייערער מאס; האבען זעהר א שטארקע מענסטרואציע.

flood'-gate *n.* (פלאד'-גייט) א שלוזע אדער א טויער וואס הויבט זיך אויף און לאזט זיך אראב, כדי אריינצולאזען אדער ארויסצולאזען דאס וואסער אין א טייך אדער קאנאל.

flood'ing *n.* (פלאד'-אינג) מענסטרואציע [מאנאטליכע בלוט־גיסונג ביי פרויען]; דאס איבערפליסען; דאס איבערשטרעמען.

flood'-mark *n.* (פלאד'-מארק) א צייכען אדער ליניע וואס בעווייזט די הויכקייט פון וואסער אין טייך אדער ים.

flood'-tide *n.* (פלאד'-טאיד) דער פלוס אדער די הויבונג פון וואסער אין ים.

floor *n. and v.* (פלאור) א פוסבאדען, א פאדלאגע, דילען; א טאק [א גלאטער באדען]; אן עטאזש, א שטאק; דער אונטערשטער דעק פון א שיף; אין פארלאמענט אדער אין די געזעצגעבענדע פערזאמלונגען — דער טייל פון הויז, וועלכער איז בעשטימט פאר די מיטגליעדער און פון וועלכען זיי קענען רעדען; דאס רעכט פון איינעם צו רעדען אדער זיין געהערט; בעדעקען מיט א פאדלאגע אדער דילען; שטעלען אויף'ן באדען;ווארפען צו דער ערד; בעזיעגען; שטיל מאכען; ענדיגען עפעס; מאכען א סוף.

floor'age *n.* (פלאור'-עדזש) דער שטח אדער פלאץ פון א פאדלאגע.

floor'-cloth *n.* (פלאור'-קלאהטה) וואקס־טוך אדער דיקע צעראטע, וועלכען מען לעגט אויס אויף דער פאדלאגע.

floor'er *n.* (פלאור'-ער) איינער וואס מאכט פאדלאגעס אדער דילען; איינער אדער עפעס וואס ווארפט צו דער ערד; דאס וואס פיהרט צו איינעמס מפלה.

floor'-head *n.* (פלאור'-העד) די אויבערשטע זייט פון די קלעצער פון א שיף, אויף וועלכער די פאדלאגע ווערט געלעגט.

floor'ing *n.* (פלאור'-אינג) דילען, פאדלאגעס; מאטעריאל פון וואס מען מאכט פאדלאגעס.

floor'less *a.* (פלאור'-לעס) אהן א פאדלאגע.

floor'-tim'ber *n.* (פלאור'-טימ'-בער) איינער פון די קלעצער אדער באלקענס, אויף וועלכע די פאדלאגע ליעגט.

flop *v. and n.* (פלאפ) פלאטערען, פאטשען מיט די פליגלען; לייכט פאלען; אראבפאלען ווי א פלאכטע; צוגויפברעכען; זיך אויסציהען אין דער גאנצער לענג [פאלענדיג]; א פלאכטע; דאס צוגויפברעכען.

flop'per *n.* (פלאפ'-ער) א יונג ענטעל.

flop'py *a.* (פלאפ'-אי) אראבהענגענד; וואס די ראנדען הענגען אראב.

Flo'ra *n.* (פלאו'-רא) פלארא, די אלט־רוימישע געטין פון בלומען.

flo'ra *n.* (פלאו'-רא) דאס פלאנצען־רייך פון א לאנד אדער געגענד; דאס פלאנצען־רייך פון א געגענד אין א געוויסער געאלאגישער פעריאדע; אן אבהאנדלונג וועגען די פלאנצען פון א לאנד, געגענד אדער פון א געוויסער געאלאגישער פעריאדע.

flo'ral *a.* (פלאו'-רעל) וואס איז שייך צו בלימען, וואס ענטהאלט בלומען.

Flo'ral *a.* (פלאו'-רעל) וואס איז שייך צו דער אלט־רוימישער געטין פלארא [די געטין פון בלומען].

flo'rally *adv.* (פלאָו'-רעל-אי) מיט בלוי־מען.

Flor'ence *n.* (פלאָר'-ענס) א זאָרט רויי־טער פלאָרענטינער וויין.

Flor'entine *a. and n.* (פלאָר'-ענ-טין) פון פלאָרענץ; וואָס געהערט צו פלאָרענץ [א נעוויסע שטאָדט אין איטאַליען]; אַן איינוואוינער אָדער געבאָרענער פון פלאָ־רענטין.

flor'entine *n.* (פלאָר'-ענ-טין) אַזאַ זאָרט פעסטער זיידען־שטאָף.

flores'cence *n.* (פלאָ-רעס'-ענס) דאָס בליהען פון בלומען.

flores'cent *a.* (פלאָ-רעס'-ענט) בליהענד, וואָס בליהט זיך פאַנאַנדער.

flo'ret *n.* (פלאָו'-רעט) א בלימעל; א שטויס־ראַפּיער [א קליינע פערציערטע שווערד מיט א קנאָפּ ביים ענד, כדי זי זאָל ניט שטעכען].

floricul'tural *a.* (פלאָו-רי-קאַל'-טשור-על) וואָס איז שייך צו דער קולטיווירונג פון בלומען אָדער צו בלומען־גערטנעריי.

flo'riculture *n.* (פלאָו'-רי-קאַל-טשור) די קולטיווירונג פון בלומען; בלומען־גערטנעריי.

floricul'turist *n.* (פלאָו-רי-קאַל'-טשור-איסט) איינער וואָס קולטיווירט בלומען; א בלומען־גערטנער.

flor'id *a.* (פלאָר'-איד) העל אין קאָליר; העל־רויט; פריש־רויט; בליהענד; געפּוצט מיט בלומען; דעקאָרירט; בלומיג, בעפּוצט מיט שעהנע מליצות.

florid'ity *n.* (פלאָ-ריד'-אי-טי) דאָס זיין בליהענד, דאָס זיין העל־רויט, דאָס זיין פריש־רויט; דאָס זיין בעפּוצט מיט בלומען; דאָס זיין דעקאָרירט; דאָס זיין בלומיג אָדער שעהן מליצה'דיג.

flor'idly *adv.* (פלאָר'-איד-לי) ז. *florid*

flor'idness *n.* (פלאָר'-איד-נעס) ז. *floridity*

florif'erous *a.* (פלאָ-ריפ'-ע-ראָס) וואָס גיט ארויס בלומען.

florifica'tion *n.* (פלאָו-רי-פי-קיי'-שאָן) דאָס בליהען, דאָס פאַנאַנדערבליהען אין בלומען.

flo'riform *a.* (פלאָו'-רי-פאָרם) ווי א בלום, וואָס האָט די פאָרם פון א בלום.

flor'in *n.* (פלאָר'-אין) א פלאָרין [אַן עסטרייכישער גולדען; אַן אַלטע ענגלישע מטבע].

flor'ist *n.* (פלאָר'-איסט) איינער וואָס קולטיווירט בלומען; א בלומען־גערטנער; א בלומען־הענדלער; איינער וואָס שרייבט אבהאַנדלונגען וועגען בלומען אָדער פלאַנ־צען.

flos'cular *a.* (פלאָס'-קיו-לער) וואָס בע־שטעהט אָדער וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט פון בלימלעך אָדער בליהונג.

flos'cule *n.* (פלאָס'-קיול) א בלימעל.

flos'culous *a.* (פלאָס'-קיו-לאָס) ז. *floscular*

flosh'-silk *n.* (פלאָש'-סילק) ז. *floss-silk*

floss *n.* (פלאָס) א קליין וואַסער־טייכעל; דער גלאַז־שטאָף וואָס נעפינט זיך אויף אייזען אין דעם טיגעל־אויווען ביים שמעלצען; פלאַקס־זייד [דער זייד־פערמינער אָדער פוכיגער שטאָף אין דער שאָלעכץ פון געוויסע פלאַנצען].

floss'-silk *n.* (פלאָס'-סילק) א פיינער, ווייכער, ניט געדרעהטער זייד וואָס ווערט בענוצט צום אויסנעהען.

floss'y *a.* (פלאָס'-אי) פוכיג, זייד־אַרטיג; ווייך.

flo'tage *n.* (פלאָו'-טיידזש) ז. *floatage*

flo'tant *a.* (פלאָו'-טענט) פלאַטערענד [וועגען א פאָהן].

flota'tion *n.* (פלאָ-טיי'-שאָן) דאָס שווי־מען; די וויסענשאַפט, וועלכע בעשעפטיגט זיך מיט שווימענדע קערפּער.

flo'tative *a.* (פלאָו'-טיי-טיוו) שווימענד, וואָס שווימט.

flotil'la *n.* (פלאָ-טיל'-א) א פלאָטיליע, א קליינע פלאָטע; א פלאָטע פון קליינע שיפלעך.

flots *n.* (פלאָטס) באַנד אויסנעלענט איינס איבער דאָס אַנדערע אין דער פאָרם פון פאַלדען.

flot'sam *n.* (פלאָט'-סעם) די טיילען און די משא פון א צושטערטער שיף, וואָס מען געפינט שווימענדיג.

flounce *v. and n.* (פלאַונס) אַרומשליי־דערען זיך; וואַרפען זיך מיט אַלע אברים; אַרומנעהען א קלייד מיט פאַלדען אָדער קרויזלעך; דאָס צאַפּלען זיך; דאָס וואַר־פען זיך אין אַלע זייטען; א קרויזעל אָדער פאַלד, מיט וועלכע מען נעהט אַרום א קלייד.

floun'der *v. and n.* (פלאַונ'-דער) צאַפּ־לען זיך; בעוועגען זיך אונגעשיקט [ווי איינער וואָס סטאַרעט זיך אַרויסצוקריכען פון א זומפּ]; געהן ניט מיט זיכערע טריט; רעדען אָדער טהאָן עפּעס, ניט ווי־סענדיג גענוי די זאַך; דאָס צאַפּלען זיך; דאָס בעוועגען זיך אונגעשיקט; אַן אינ־סטרומענט, מיט וועלכען מען ציהט אויס די לעדער פון א שוך־אויף א קאַפּול; א פלאַנדערקע [אַזאַ פלאַטשיגער פיש].



Flounder

flour *n. and v.* (פלאַור) מעהל; זעהר א דינע זאַלץ וואָס ווערט געברויכט אין דער פאַבריקאַציאָן פון שיס־פּולווער; צו־מאַהלען אויף מעהל; בעשפּרענקלען מיט מעהל.

flour'-box *n.* (פלאַור'-באָקס) ז. *dredging-box*

flour'ing-mill *n.* (פלאַור'-אינג-מיל) א מיהל.

flour'ish *v. and n.* (פלאָר'-איש) בלוי־הען, געדייהען; וואַקסען אונטער גינסטי־גע אומשטענדען; זיין אין א צושטאַנד פון גוטער ענטוויקלונג; האָבען ערפאָלג; עקזיסטירען אין דער ווירקליכקייט; רע־דען מיט מליצות אָדער קלינגענדע פראַ־זען; שרייבען מיט א געצוקטע כתב; בע־וועגען זיך אין ליניעס, וועלכע בילדען אויס אויסנעדרעהטע פאַנטאַסטישע פיגו־רען; אין מוזיק — שפּיעלען א געדרעהט, געקינצעלט שטיק; פערשעהנערען אָדער בעפּוצען א זאַך; פעכטען אָדער פאַכען [ווי מיט א שווערד אין האַנד]; אַרויס־טרעטען מיט גדלות; בעריהמען זיך; ציערונג, גלאַנץ, בעפּוצונג; דאָס רעדען מיט מליצות; דאָס אויסדרעהען פיגורען מיט דער פעדער; דאָס שרייבען געצוקט; דאָס פאַכען מיט עפּעס אין האַנד; א גע־דרעהט, געקינצעלט מוזיקאַליש שטיק; דאָס שאַלען פון א טרומייט.

flour'ishing *a.* (פלאָר'-איש-אינג) בלוי־הענד, וואַקסענד, זייענדיג אין צושטאַנד פון ענטוויקלונג.

flour'ishingly *adv.* (פלאָר'-איש-אינג-לי) אויף א בליהענדען שטייגער.

flour'ishing-thread *n.* (פלאָר-איש-אינג-טהרעד) פלאַקס־פאָדים צום פערציערע־ווען לייוונט, נעצען א. ד. ג.

flour'-mill *n.* (פלאַור'-מיל) ז. *flouring-mill*

flour'-mite *n.* (פלאַור'-מאַיט) א מעהל־באַבעלע [אַזאַ באַבעלקע אָדער אינזעקט וואָס מען געפינט אין מעהל].

flour'-pack'er *n.* (פלאַור'-פּעק'-ער) א מאַשין צום פּאַקען מעהל אין זעק אָדער פעסער.

flour'y *a.* (פלאַור'-אי) מעהליג; וואָס בעשטעהט פון מעהל; בעדעקט מיט מעהל; עהנליך צו מעהל.

flout *v. and n.* (פלאַוט) שפּאַטען, אָבלאַ־כען; חוזק מאַכען; שפּאַטעריי.

flou'ter *n.* (פלאַו'-טער) א שפּאַטער, אַן אָבלאַכער; א חוזק־מאַכער.

flou'tingly *adv.* (פלאַו'-טינג-לי) אויף א בעליידיגענדער אַרט.

flow *v. and n.* (פלאָו) פליסען, שטראָמען; אַרויספליסען, אַרויספאַלגען; איבערפליי־סען, זיין איבערפולט; פלאַטערען; צו־פליסען, צוקומען [ווי דער פלוס פון וואַ־סער אין א טייך אָדער אין ים]; פער־פלייצט ווערען; בעגיסען אָדער בעדעקט ווערען מיט א פליסיגקייט; דאָס פליסען; דאָס וואָס פליסט; א שטראָם; דער פלוס אָדער צופלוס פון וואַסער אין א טייך אָדער ים; איבערפלוס; א רעזערוואואַר, פון וועלכען א פליסיגקייט שטראָמט אַרויס.

flow'age *n.* (פלאָו'-עדזש) דאָס פליסען; דאָס זיין פערפלייצט אָדער פאַנאַנדערגע־גאָסען.

flow'er *n. and v.* (פלאַו'-ער) א בלום; א בליטה; דאָס בעסטע אָדער דאָס שעהנ־סטע פון עפּעס; א שעהנע מליצה; א פיי־נער בעמישער פּולווער וואָס ווערט גע־מאַכט דורך ברענען; א פערציערונגס־בוכשטאַב, אַן אָרנאַמענט; בליהען; אַרויס־געבען; בעדעקען מיט בלומען; שוימען [ווי ביער].

flow'erage *n.* (פלאַו'-ער-איידזש) בלוי־מען.

flow'er-bed *n.* (פלאַו'-ער-בעד) א בלוי־מען־בייט; א בלומען־פּלאַץ.

flow'er-de-luce' *n.* (פלאַו'-ער-דע-ליוס') די ליליענבלום.

flow'ered *a.* (פלאַו'-ערד) מיט בלומען, געבלימט; בעדעקט מיט בלומען.

flow'erer *n.* (פלאַו'-ער-ער) א פלאַנצע, וועלכע בליהט.

flow'eret *n.* (פלאַו'-ער-עט) א קליינע בלום.

flow'erful *a.* (פלאַו'-ער-פול) בלומענ־רייך.

flow'er-gen'tle *n.* (פלאַו'-ער-דזשענטל) די סאַמעט־בלום.

flow'er-head *n.* (פלאַו'-ער-העד) דער בליטהען־קאָפּ [בליהונגען וואָס וואַקסען אין בינטלעך].

flow'eriness *n.* (פלאַו'-ער-אי-נעס) דאָס זיין בלומען־רייך, דאָס זיין פול מיט בלוי־מען; דאָס זיין געפּוצט מיט שעהנע מליצות [וועגען א סטיל אין רעדען אָדער אין שרייבען].

flow'ering *n.* (פלאַו'-ער-אינג) דאָס בליהען.

flow'ering spurge (פלאַו'-ער-אינג ספּוירדזש) די מילך־פלאַנצע אָדער וואָלפס־

מילך-פלאנצע [א נארד-אמעריקאנישע פלאנצע, וועלכע גיט ארויס א ניסטינען מילך-עהנליכען זאפט]. ז. *Euphorbia*.

Flowering Spurge

flow'er-leaf *n.* (פלאו'-ער-ליעף) א בלומען-בלעטעל.

flow'erless *a.* (פלאו'-ער-לעס) אהן בלומען; אהן בליהונג.

flow'erlessness *n.* (פלאו'-ער-לעס-נעס) דאס ניט האבען קיין בלומען אדער בליהונג.

flow'er-of-an-hour' *n.* (פלאו'-ער-אוו-ען-אור') אזא בלום וועלכע עפענט זיך נור אויף א קורצער ווייליע אין מיטאג-צייט.

flow'er-piece *n.* (פלאו'-ער-פיעס) א בלומען-בילד.

flow'er-pot *n.* (פלאו'-ער-פאט) א בלומען-טאפ, א וואזאנע.

flow'er-wa'ter *n.* (פלאו'-ער-הוואה'-טער) בלומען-וואסער [דיסטילירט וואסער, וואס ענטהאלט דעם עקסטראקט פון בלומען].

flow'er-work *n.* (פלאו'-ער-הוואירק) א קינסטליכע בלומען-פערציערונג.

flow'ery *a.* (פלאו'-ער-אי) רייך אין בלומען; בלומיג, מליצה'דיג.

flow free'ly (פלאו פריע'-לי) לייכט פליסען.

The ink flows freely from the fountain pen.

flow'ing *n. and a.* (פלאו'-אינג) דאס פליסען; פליסיג; פליסענד; כסדר פארטזעצענד.

flow'ingly *adv.* (פלאו'-אינג-לי) אויף א פליסענדען אופן; פליסיג.

flow'ingness *n.* (פלאו'-אינג-נעס) דאס זיין פליסיג אדער פליסענד.

flown (פלאון) געפלויגען. ז. *fly*

flow of spir'its (פלאו אוו ספיר'-איטס) פרעהליכקייט; א פרעהליכע שטימונג.

flow of words (פלאו אוו הוואירדז) אן אויסגוס פון ווערטער; א מענה לשון.

The speaker is noted for his flow of words.

flow with the tide (פלאו חוויטה טהי טאיד) שווימען מיט דעם שטראם.

flox'-silk *n.* (פלאקס'-סילק) ז. *floss-silk*

flu'ate *n.* (פלו'-אייט) אין כעמיע—פלוס-זויער-זאלץ.

fluctuabil'ity *n.* (פלאק-טשו-ע-ביל'-אי-טי) דאס בעוועגען זיך הין און צוריק; דאס בעוועגען זיך ווי כוואליעס [וועלען]; דאס שאקלען זיך; דאס שלאגען זיך מיט דער דעה.

fluc'tuable *a.* (פלאק'-טשו-עבל) וואס שאקעלט זיך, וואס בעוועגט זיך הין און הער.

fluc'tuant *a.* (פלאק'-טשו-ענט) שאקלענדיג זיך; בעוועגענדיג זיך היין און הער; שלאגענדיג זיך מיט דער דעה.

fluc'tuate *v.* (פלאק'-טשו-אייט) זיך שאקלען; זיך בעוועגען היין און הער; זיך שלאגען מיט דער דעה; זיך בעוועגען ווי כוואליעס [וועלען].

fluctua'tion *n.* (פלאק-טשו-איי'-שאן) דאס שאקלען זיך, דאס שוואנקען; דאס בעוועגען זיך היין און הער ווי כוואליעס [וועלען]; דאס שלאגען זיך מיט דער דעה.

flue *n.* (פלוה) א קוימען; א קאמין-רעהר; א רעהר דורכצופיהרען היץ; די געדרעהטע אויסהוילונג אין א מויער-קאפ; קליינע בינטלעך אדער קנוילעכלעך פוך, האר, וואל א. ד. ג.

flue'-boi'ler *n.* (פלוה'-באי'-לער) א דאמפף-קעסעל וואס ווערט געהייצט דורך רעהרען אנגעפילט מיט הייסער לופט אדער מיט דאמפף.

flue'-brush *n.* (פלוה'-בראש) א קוימען-בארשט [געמאכט פון שטאהל אדער דראט].

flu'ency *n.* (פלוה'-ענ-סי) דאס זיין פליסענד, פליסינקייט; לייכטקייט, געלויפינקייט [אין ריידען אדער שרייבען]; פערענדערליכקייט.

flu'ent *a.* (פלוה'-ענט) פליסענד; פערענדערליך; לייכט, געלויפיג [אין ריידען אדער שרייבען].

flu'ently *adv.* (פלוה'-ענט-לי) אויף א פליסענדען שטיינער; מיט לייכטקייט אדעה געלויפינקייט [אין ריידען אדער שרייבען].

flu'entness *n.* (פלוה'-ענט-נעס) דאס זיין פליסענד, פליסיג אדער געלויפיג.

flu'ey *a.* (פלוה'-אי) ווי פוך אדער ווי קליינע בינכלעך אדער בעדעקט מיט קליינע בינטלעך האר, פוך, וואל א. ד. ג.

fluff *n. and v.* (פלאף) בינטלעך אדער קנוילעכלעך [פון וואלענע, פוכיגע אדער האריגע שטאפען]; א לייכטע עקספלאזיאן פון פולווער; בעדעקען מיט פוכיגע אדער האריגע טיילען; מאכען א לייכטע עקספלאזיאן פון פולווער.

fluff'iness *n.* (פלאפ'-אי-נעס) דאס זיין פוכיג אדער וואליג, דאס זיין בעדעקט מיט אדער דאס בעשטעהן פון שטיקלעך וואל, פוך, האר א. ד. ג.

fluff'y *a.* (פלאפ'-אי) פוכיג, ווי שטיקלעך אדער קנוילכלעך פון פוכיגע און וואלענע שטאפען; אויסטיילענדיג פון זיך אזעלכע טיילכלעך.

flu'gelman *n.* (פלו'גל-מען) ז. *fugleman*

flu'id *a. and n.* (פלו'-איד) פליסיג; פליסענד; גאז-פערמיג; פערענדערליך; א פליסינקייט; א גאז.

flu'idal *a.* (פלו'-אי-דעל) וואס איז שייך אדער וואס איז עהנליך צו פליסינקייטען אדער גאזען.

fluid'ic *a.* (פלו-איד'-איק) ז. *fluidal*

fluid'ic bod'y (פלו-איד'-איק באד'-אי) אין ספיריטואליזם — א פליסענדער קערפער [לוים דער בעהויפטונג פון די ספיריטואליסטען, האט יעדער מענש אויסער זיין געוועהנליכען קערפער נאך איינעם, וועלכען מען קען ניט זעהן, וועלכער איז ניט בעשרענקט אין פלאץ און דורך וועלכען עס קומען פאר די פערשיעדענע ספיריטואליסטישע וואונדער].

fluidifica'tion *n.* (פלו-איד-אי-פי-קיי'-שאן) פערוואנדלונג אין פליסינקייט אדער גאז.

fluid'ify *v.* (פלו-איד'-אי-פאי) פערוואנדלען אין א פליסינקייט אדער גאז.

flu'idism *n.* (פלו'-אי-דיזם) דער גלויבען פון די ספיריטואליסטען אין א פליסענדען קערפער ביי מענשען. ז. *fluidic body*

flu'idist *n.* (פלו'-אי-דיסט) אן אנהענגער פון דעם ספיריטואליסטישען גלויבען אין פליסענדע קערפער ביי מענשען. ז. *fluidic body*

fluid'ity *n.* (פלו-איד'-אי-טי) דאס זיין פליסענד, פליסינקייט, גאז-פערמינקייט; געלויפינקייט, לייכטקייט [אין ריידען אדער שרייבען].

flu'idize *v.* (פלו'-איד-איז) פערוואנדלען אין פליסינקייט אדער גאז.

flu'id mer'cury (פלו'-איד מויר'-קיו-רי) ריינער קוועקזילבער; שטארקע לעבהאפטינקייט.

flu'idness *n.* (פלו'-איד-נעס) ז. *fluidity*

fluke *n. and v.* (פלוהק) די לאפע אדער איינער פון די ברייטע שפיצען פון אן אנקער; איינער פון די צייהנער פון א הארפון אדער שטעך-אייזען, מיט וועלכען מען כאפט גרויסע פיש; א העלפט פון עק פון א וואל-פיש; א פלאנדערקע [אזא פלאטשיגער פיש]; א ווארים וואס לעבט אין די קישקעס [בעזאנדערס ביי שעפסען]; אבגענוצטע באוועל; אין בערגארבייט — אן אינסטרומענט מיט וועלכען מען רייניגט אוים אן אויסגעבויערטען לאך איידער מען פילט איהם אן מיט פולווער צום אויפרייסען; אין ביליארד-שפיעל — אן אונערווארטעטער געלונגענער קלאפ מיט דער קויל; אן אונערווארטעטער ערפאלג; מאכען שוואך און אונטהעטיג דעם עק פון א וואל-פיש; פערבינדען א וואל-פיש מיט א קייט אדער שטריק; ווארפען מיט'ן עק ווי א וואל-פיש; גובר זיין דעם געגנער אדער געווינען דורך אן אונערווארטעטען צופאל.

flume *n. and v.* (פלוהם) א שמאלע אבצאמונג פאר א וואסער-שטראם; אבפיהרען דאס וואסער דורך אזא אבצאמונג.

flu'minous *a.* (פלוה'-מי-נאס) רייך אין טייכען; וואס איז שייך צו טייכען.

flum'mery *n.* (פלאמ'-ער-אי) פלאמערי [א מין זשעלע געמאכט פון מאנע-גרייפלעך אדער מעהל]; א לייכטע קאשע פון מעהל, מילך, ווייסלעך פון אייער און צוקער; פסלת פון קראכמאל; פלאפלעריי, דברים בטלים; א פוסטער קאמפלימענט.

flump *v.* (פלאמפ) א שליידער טהאן; זיך א ווארף טהאן, זיך אנידערווארפען.

flung (פלאנג) געווארפען, געשליידערט. ז. *fling*

flunk *v. and n.* (פלאנק) דורכפאלען ביי אן עקזאמען; אבטרעטען אדער זיך צוריקציהען פון שרעק; פעראורזאכען, אז איינער זאל דורכפאלען ביים עקזאמען; דער דורכפאל ביים עקזאמען.

flun'key *n.* (פלאנ'-קי) א לאקיי אין א ליווריע; א חונף, אן אונטערלעקער; אין די פעראייניגטע שטאאטען — א מענש וואס איז אונערפאהרען אין באנק-געשעפט און קויפט ווערטה-פאפיערען, פערליערענדיג דערביי זיין געלד.

flu'or *n.* (פלו'-אר) ז. *fluor-spar*

flu'or al'bus (פלו'-אר על'-באס) דער ווייסער פלוס [א פרויען-קראנקהייט, וועלכע דריקט זיך אוים אין א שטארקען ווייסען אויספלוס פון די געשלעכטליכע ארגאנען].

fluores'cence *n.* (פלו-א-רעס'-ענס)

אין פיזיק — די פלוארעסענץ [די איינגענשאפט פון געוויסע דורכזיכטיגע קערפערס, ווען זיי ווערען בעלויכטען פון א געוויסען שיין, ארויסצולאזען פון זיך איינגענע ליכט-שטראהלען, וועלכע האבען א גאנץ בעזונדערען קאליר].

fluores'cent *a.* (פלו-א-רעס'-ענט) וואס האט די איינגענשאפט פון פלוארעסענץ.
ז. *fluorescence*.

fluor'ic ac'id (פלו-אר'-איק עס'-איד) אין כעמיע — פלואר-זויערע [א זויערשטאף וואס בעקומט זיך פון דער אויפלעזונג פון פלואר-מעטאלען דורך שוועבעלזויערע. דיעזער שטאף לאזט פאנאנדער אלע מעטאלען אויסער גאלד, פלאטין און בליי].

flu'orid *n.* (פלו'-א-ריד) ז. *fluoride*.

flu'oride *n.* (פלו'-א-ריד) דאס פלואריד, א כעמישע פערבינדונג פון פלוארין מיט אן אנדער עלעמענט. ז. *fluorine*.

flu'orin *n.* (פלו'-א-רין) ז. *fluorine*.

flu'orine *n.* (פלו'-א-רין) [א פלוארין כעמישער גרונד-עלעמענט. ער איז א גרינגעלבליכער גאז מיט א שטארקען ריח און געפינט זיך אין כעמישער פערבינדונג כמעט מיט אלע מעטאלען].

flu'orite *n.* (פלו'-א-ראיט) ז. *fluor-spar*.

flu'oroscope *n.* (פלו'-אר-א-סקאופ) אן אינסטרומענט דורך וועלכען מען קען זעהן דעם אבשיין אדער שאטען פון א זאך, וואס געפינט זיך איינגעשלאסען אין אן אונדורכזיכטבארען קערפער [ווי למשל, זעהן די ביינער פון קערפער דורך די רענטגען-שטראהלען].

flu'or-spar *n.* (פלו'-אר-ספאר) דער פלואר-שפאט [א מין מינעראל וואס ווערט געברויכט ביים אויסשמעלצען פערשיעדענע מעטאלען פון ערץ, ווי אויך צו מאכען וואזען, שיסלען און פערשיעדענע ארנאמענטען].

flur'ry *n. and v.* (פלויר'-אי) א טומעל, א געפילדער, אן אויפהעגונג, א ליארם; א פלוצליכע שטורעמדיגע בעוועגונג פון לופט, א שטארקער בלאז פון ווינד; כוואליעם פון שנעע, וועלכע עס טראגט דער ווינד; מאכען א טומעל אדער גערויש; אויפרעגען, צורודערען.

flush *v., n. and a.* (פלאש) זיך פלוצלונג בעדעקען מיט א רויטליכער פארב; רויט ווערען; פערשעהמען זיך; מאכען איינעם ער זאל פלוצלונג רויט ווערען; שווייִנקען; וואשען אין א שטראם פון וואסער; ווערען פליסיג, פאנאנדערגיסען זיך; אויפרעגען; ווערען אויפגעהיצט; בעגייסטערען; ערמוטיגען; פלוצלונג ארויספליהען; מאכען פלאך אדער גלאט; די רויטקייט פון פנים ווען עס ניט א שפאר אין איהם דאס בלוט; די רויטקייט פון הימעל ביי זון-אויפגאנג; א פלוצליכע אדער שטארקע אויפרעגונג פון א געפיהל; די בליהונג, א פרישע רויטקייט; דאס אבשרעקען א פויגעל, דאס ארויסטרייבען איהם פון נעסט; א פויגעל אדער א מחנה פויגלען וואס פליהען פלוצלונג אוועק; איבערפליסיגקייט, פולקייט, אן איבערמאס; אין קארטען-שפיעל — א האנד, אין וועלכער אלע קארטען זיינען פון איין מאסט; אין פולער בליהונג; בעדעקט מיט א פרישער רויטקייט; פול, מיט א פולער מאס; איבערפילט; גוט בעזארגט מיט עפעס; אין קארטען-שפיעל — וועלכער האט אלע קארטען פון איין מאסט.

flush'-box *n.* (פלאש'-באקס) דאס קעסטעל מיט וואסער, פון וועלכען עס ווערט דורכגעשווייִנקט א וואטערקלאזעט.


Flush-box

flushed with pride (פלאשט הוויטה פראיד) פול מיט שטאלץ.

flush'ing *n.* (פלאש'-אינג) דאס פלוצליכע רויט ווערען; דאס שווייִנקען אין א שטראם וואסער; א מין דיק-געוועבטער וואל.

flus'ter *v. and n.* (פלאס'-טער) פערטומלען, אויפרעגען; דערהיצען דורך שכרות; זיין אויף א הולאנקע, ווערען דערהיצט דורך טרינקען; בערוישונג, ערהיצונג דורך טרינקען.

flus'tered *a.* (פלאס'-טערד) פערטרונקען, פערווירט.

flus'trate *v.* (פלאס'-טרייט) אויפרעגען, ערהיצען, מאכען ווילד.

flute *n. and v.* (פלוהט) [א פלייט [א מוזיקאלישער אינסטרומענט]; אין ארכיטעקטור — איינער פון די האלב-רונדע ווערטיקאלע פערטיעפונגען אדער קנייטשען אלס א געוויסע פערציערונג פון זיילען; א קנייטש, פערטיעפונג אדער פאלד; א מין פראנצויזישע בולקע; א לאנגער און שמאלער קעלישאק צו טרינקען וויין; א לאנגע פלאטשיגע שיף; שפיעלען אויף א פלייט; ארויסברייגגען אדער ארויסדריקען א דינעם, ווייכען טאן ווי פון א פלייט; מאכען רינעם אדער פערטיעפונגען [ווי אויף א זייל]

Fluted Column

flu'ted *a.* (פלוה'-טעד) מיט ווערטיקאלע פערטיעפונגען אדער קנייטשען אלס א געוויסע פערציערונג פון זיילען; מיט א דינעם איידעלען טאן ווי פון א פלייט.

flu'ted col'umn (פלוה'-טעד קאל'-אם) א זייל מיט ווערטיקאלע פערטיעפונגען אדער קנייטשען.

flu'ting *n.* (פלוה'-טינג) דאס שפיעלען אויף א פלייט; דאס אויסמאכען א פערטיעפונג אדער רינע [ווי אויף א זייל].

flu'ting-i'ron *n.* (פלוה'-טינג-אי'-ערן) אזא פרעס-אייזען צו מאכען קנייטשען אדער פאלדען אויף א קלייד.

Fluting-iron

flu'ting-machine' *n.* (פלוה'-טינג-מע-שין') א מאשין צו מאכען געקנייטשטע אויסשניצונגען אין האלץ.

flu'ting-scis'sors *n.* (פלוה'-טינג-סיז'-ארז) אן אינסטרומענט אין דער פארם פון א שערעל צו מאכען קנייטשען אדער קרויזלעך.

Fluting-scissors

flu'tist *n.* (פלוה'-טיסט) א פלייטיסט, איינער וואס שפיעלט אויף א פלייט.

flut'ter *v. and n.* (פלאט'-ער) פלאטערען, וועהען, זיך בעוועגען; ציטערען, זיין אונרוהיג; בעאונרוהיגען; דאס פלאטערען, דאס בעוועגען; אונרוה, פערלעגענהייט.

flut'terer *n.* (פלאט'-ער-ער) איינער וועלכער פלאטערט מיט עפעס [ווי מיט א נאז-טיכעל אין האנד]; איינער וועלכער ווירקט אויף עפעס, אז עס זאל ציטערען אדער פלאטערען.

flut'tering *n.* (פלאט'-ער-אינג) דאס פלאטערען, דאס בעוועגען.

flut'teringly *adv.* (פלאט'-ער-אינג-לי) אויף א פלאטערענדען אדער ציטערענדען אופן.

flu'vial *a.* (פלו'-ווי-על) וואס געהערט צו טייכען.

flu'viatile *a.* (פלו'-ווי-ע-טיל) וואס וואקסט נעבען וואסער; וואס איז שייך צו טייכען; וואס איז ענטשטאנען א דאנק דער ווירקונג פון טייכען.

flux *n. and v.* (פלאקס) דאס פליסען; א פערענדערליכער צושטאנד; דאס בעשטענדיגע ענדערען זיך; אין מעדיצין — אן אויספלוס פון בלוט, פלאגמא א. ד. ג.; א צוזאמענפלוס; דאס צופלאסען ווערען, דאס פערוואנדלען זיך אין א פליסיגקייט; שמעלצען, פערוואנדלען אין א פליסיגקייט; אין מעדיצין — אבריינינגען, אבפיהרען.

flux and re'flux (פלאקס ענד רי'-פלאקס) עבע און פלוט [דאס טעגליכע אבפאלען און שטייגען פון וואסער ביי די ברעגעס פון ים].

fluxa'tion *n.* (פלאקס-איי'-שאן) דאס אויספליסען, דאס אויסרינען.

fluxibil'ity *n.* (פלאק-סי-ביל'-אי-טי) שמעלצבארקייט.

flux'ible *a.* (פלאק'-סיבל) שמעלצבאר.

flux'ion *n.* (פלאק'-שאן) דאס פליסען; דאס שמעלצען; דאס בעשטענדיגע ענדערען זיך; אין מעדיצין — אן אויספלוס; פלוס [דער שטאף וואס פליסט]; אין מאטעמאטיק — אן אונענדליך קליינע פערענדערליכע צאהל.

flux'ionary *a.* (פלאק'-שאנ-איי-רי) וואס ענדערט זיך, וואס איז ניט בעשטענדיג; וואס איז שייך צו דיפערענציאל-רעכנונג [דאס רעכענען מיט אונענדליך קליינע פערענדערליכע גרעסען].

flux'ionist *n.* (פלאק'-שאנ-איסט) א קענער אין דיפערענציאל-רעכנונג [דאס רעכענען מיט אונענדליך קליינע פערענדערליכען גרעסען].

flux'ive *a.* (פלאק'-סיוו) וואס פליסט.

flux'ure *n.* (פלאק'-שור) דאס זיין פליסיג; א פליסיגקייט.

fly *v., n. and a.* (פלאי) פליהען; אוועקפליהען; פערשווינדען; פליהען אין דער לופט, עקספלאדירען, אויפרייסען, פלאצען; פלאטערען אין דער לופט; אבגעהן, בלאקירען [וועגען פארבען]; לאזען פליהען,

מאכען פליהען; א פליג; א פליהענדער צושטאנד; די טהיר פון א הייזענט-נעצעלט; דאס אבפאל פון באוועל ביים שפינען; עטוואס וואס פליהט: דער שוואונגראד פון א מאשין; דער אומרוהה פון א זייגער; א ווינד-צייגער; א פלאג [דאס שטיק צייג]; א זאך, וואס האט קיין ווערטה; ספריטגע, כיטרע, אויסגעריבען.

fly about' (פלאי ע-באוט') ארומפליהען; ענדערען כסדר די ריכטונג [וועגען ווינד].

fly'-agar'ic *n.* (פלאי'-ע-גער'-איק) אזא זארט שוועמלעך, וואס זייער זאפט ווערט בענוצט אלס גיפט פאר פליגען.

fly a kite (פלאי ע קאיט) ארויפלאזען אין דער הויך א פאפיער-שלאנג; קריגען געלד אויף וועקסלען.

fly around' (פלאי ע-ראונד') ארומפליהען פערשמאיעט; זיין שטארק ריהרעוודיג.

fly asun'der (פלאי ע-סאנ'-דער) צופלויגען ווערען אויף שטיקלעך.

fly at (פלאי עט) אנפאלען, בעפאלען.

flyaway' *a.* (פלאי-ע-הוויי') אונרוהיג; ארומפליהענד; פלאטערענדיג.

fly'bane *n.* (פלאי'-ביין) ז. *fly-agaric*.

fly'-bit'ten *a.* (פלאי'-ביטן) נעביסען פון פליגען.

fly'blow *n.* *and* *v.* (פלאי'-בלאו) פליגען-אייעלעך, פליגען-שמוץ; בעשמוצען ווי פון פליגען.

fly'blown *a.* (פלאי'-בלאון) בעשמוצט מיט פליגען-דרעק; שמוציג, אונריין.

fly'boat *n.* (פלאי'-באוט) אזא גרויסע, פלאכע, האלענדישע בארזשע אדער שיף; א קליין, שנעל זעגעל-שיפעל.

fly'-book *n.* (פלאי'-בוק) אזא פארטמאנע אין דער פארם פון א בוך צו האלטען קינסטליכע פליגען צום פאנגען פיש.

fly'-boy *n.* (פלאי'-באי) איינער וואס נעהמט אויף די געדרוקטע בויגענס פון דער דרוק-מאשין און לעגט זיי צונויף.

fly'-brush *n.* (פלאי'-בראש) אזא בארשט אדער פעכער, מייסטענס פון פעדערען, אוועקצוטרייבען פליגען.

fly'-cap *n.* (פלאי'-קעפ) אזא הוט אדער קאפ-בעפוצונג וואס עלטערע פרויען טראגען.

fly'-case *n.* (פלאי'-קייס) די הארטע אויבערשטע פליגלען-רעקלעך ביי געוויסע אינזעקטען.

fly'-cas'ter *n.* (פלאי'-קעס'-טער) איינער וואס פאנגט פיש, ארויפשטעכענדיג אויף דער ווענטקע פליגען [בעזאנדערס קינסטליכע].

fly'catcher *n.* (פלאי'-קעטש-ער) א פליגען-כאפער; דער פליגען-פויגעל [א מין פויגעל וואס כאפט פליגען].

fly'-catch'ing *a.* (פלאי'-קעטש'-אינג) וואס כאפט פליגען.

fly'-dress'ing *n.* (פלאי'-דרעס'-אינג) דאס פאבריצירען קינסטליכע פליגען פאר דעם צוועק צו פאנגען פיש.


Fly-drill

fly'-drill *n.* (פלאי'-דריל) א דריל מיט א שוואונג-ראד.

fly'er *n.* (פלאי'-ער) ז. *flier*.

fly'-fin'isher *n.* (פלאי'-פינ'-אי-שער) איינער וואס פאסט אריין די בעוועגליכע טיילען אין א פיאנא.

fly'-fin'ishing *n.* (פלאי'-פינ'-איש-אינג) דאס אריינפאסען די בעוועגליכע טיילען פון א פיאנא.

fly'-fish *n.* (פלאי'-פיש) דאס פאנגען פיש מיט דער הילף פון פליגען [בעזאנדערס קינסטליכע].

fly'-fish'er *n.* (פלאי'-פיש'-ער) איינער וואס פאנגט פיש מיט דער הילף פון פליגען [בעזאנדערס קינסטליכע].

fly'-fish'ing *n.* (פלאי'-פיש'-אינג) דאס פאנגען פיש מיט דער הילף פון פליגען [בעזאנדערס קינסטליכע].

fly'-flap *n.* (פלאי'-פלעפ) ז. *fly-brush*.

fly'-flap'per *n.* (פלאי'-פלעפ'-ער) איינער וואס טרייבט אוועק פליגען מיט א פעדערען-פעכער; א פעדערען-פעכער אוועקצוטרייבען פליגען.

fly'-fringe *n.* (פלאי'-פרינדזש) אזא בעפוצונג פון פרויען-קליידער אין דעם ענד פון 18טען יאהרהונדערט.

fly'-hon'eysuckle *n.* (פלאי'-האנ'-אי-סאקל) דאס ביין-האלץ [אזא קליין בוימעל אויף וועלכען עס וואקסט געלבע בליהונג און אזא זארט רויטע יאגדעס].

fly'-hook *n.* (פלאי'-הוק) דער האמשיק פון א ווענטקע אויף וועלכען עס איז ארויפגעשטעקט א קינסטליכע פליג.

fly'ing *n.* *and* *a.* (פלאי'-אינג) דאס פליהען; פליהענד; שנעל.

fly'ing ar'my (פלאי'-אינג אר'-מי) א פליהענדע ארמעע [אן ארמעע וואס איז אימער אין בעוועגונג צו לייסטען הילף אדער צו בעאונרוהיגען דעם פיינד].

fly'ing artil'lery (פלאי'-אינג אר-טיל'-ע-רי) פליהענדע ארטילעריע [לייכטע רייטענדע ארטילעריע וואס קען זיך לייכט בעוועגען פון איין ארט צום צווייטען].

fly'ing but'tress (פלאי'-אינג באט'-רעס) א געוועלבטער שטיץ-באלקען.

fly'ing camp (פלאי'-אינג קעמפ) א פליהענדער לאגער [ארמעע-אבטיילונגען וואס זיינען אימער אין בעוועגונג].

fly'ing-cat *n.* (פלאי'-אינג-קעט) דער פליהענדער לעמור [ז. *flying-lemur*]; די פליהענדע וועווערקע [ז. *flying-squirrel*].

fly'ing-drag'on *n.* (פלאי'-אינג-דרעג'-אן) דער פליהענדער דראכען [אזא עקדיש-עהנליך חיה'לע וואס האט א פליה-הויט מיט דער הילף פון וועלכער עס קען זיך האלטען א קורצע צייט אין דער לופט].

Fly'ing Dutch'man (פלאי'-אינג דאטש'-מען) דער פליהענדער האלענדער [א געוויסע האלענדישע לעגענדע וועגען האלענדישען שיפסמאן, וועלכער איז פערארטיילט געווארען צו וואנדערען איבער די ימים ביז דעם לעצטען יום הדין. אויף דיזער לעגענדע האט דער בעריהמטער קאמפאזיטאר ריכארד וואגנער פערפאסט אן אפערא מיט דעם נאמען דער "פליהענדער האלענדער"].

fly'ing-fish *n.* (פלאי'-אינג-פיש) דער פליהענדער פיש [אזא פיש מיט גרויסע פלוס-פעדערען, מיט וועלכע ער קען פליהען אין דער לופט].

Flying-fish

fly'ing-fox *n.* (פלאי'-אינג-פאקס) דער פליה-פוקס [אזא פלעדער-מויז וואס איהר קאפ איז ווי פון א פוקס].

fly'ing-frog *n.* (פלאי'-אינג-פראג) דער פליה-פראש [אזא פראש וואס די פינגער-הויט גיט איהם די מעגליכקייט צו מאכען גרויסע פליה-שפרינגען].

Flying-frog

fly'ing-geck'o *n.* (פלאי'-אינג-געק'-או) א מין פליהענדער עקדיש מיט א הויט ארום קערפער, וואס גיט איהם די מעגליכקייט צו האלטען זיך אין דער לופט ביים שפרינגען.

fly'ing-gur'nard *n.* (פלאי'-אינג-גויר'-נארד) דער פלאטער-פיש [אזא פליה-פיש].

fly'ing-jib *n.* (פלאי'-אינג-דזשיב) א פלאטערענדער דריי-עקיגער זעגעל הינטער דעם פעסט-אנגעצויגענעם דריי-עקיגען זעגעל.

fly'ing-le'mur *n.* (פלאי'-אינג-לי'-מויר) דער פליהענדער לעמור [אזא חיה'לע, וואס האט א פליה-הויט מיט דער הילף פון וועלכער עס פליהט פון איין בוים צום אנדערען].

Flying-lemur

fly'ing-liz'ard *n.* (פלאי'-אינג-ליז'-ארד) דער פליהענדער עקדיש [אזא עקדיש-עהנליך חיה'לע, וואס האט א פליה-הויט מיט דער הילף פון וועלכער עס קען זיך האלטען א קורצע צייט אין דער לופט].

Flying-lizard

fly'ing-machine' *n.* (פלאי'-אינג-מע-שין') א פליה-מאשין.

fly'ing mouse (פלאי'-אינג מאוס) אזא זארט פלעדער-מויז.

fly'ing par'ty (פלאי'-אינג פאר'-טי) א קליינע סאלדאטען-אבטיילונג אין דער צייט פון קריעג, וואס מאכט שנעלע בעוועגונגען צו בעאונרוהיגען דעם פיינד.

fly'ing-phalan'ger *n.* (פלאי'-אינג-פע-לענ'-רזשער) אזא חיה'לע וואס האט הויט=פאלטען פון די זייטען, וועלכע געבען איהם די מעגליכקייט צו פליהען אין דער לופט.

fly'ing ru'mor (פלאי'-אינג רו'-מאר) א קלאנג וואס טראגט זיך ארום אין דער לופט, א פערברייטעטער קלאנג.

fly'ing-shot *n.* (פלאי'-אינג-שאט) א שאס אויף א זיך בעוועגענדער זאך [ווי אויף א פליהענדען פויגעל, א שווימענדער שיף א. ד. ג.]; א שאס וואס טרעפט אין ווען מען ציעלט זיך ניט.

fly'ing-squir'rel *n.* (פלאי'-אינג-סקהוואר'-על) די פליה=וועווערקע [אזא וועווערקע, וועלכע האט הויט=פאלטען פון די זייטען, צוליעב וועלכע זי קען מאכען לאנגע פליה=שפרונגען אין דער לופט].



Flying-squirrel

fly'ing vis'it (פלאי'-אינג וויז'-אים) א וויזיט אויף איין פוס, א קורצער וויזיט [בעזוך].
He paid a flying visit to the city.

fly in piec'es (פלאי אין פיעס'-עז) צושפרונגען ווערען אויף שטיקער.

fly in the face of (פלאי אין טהי פיים אוו) בעליידיגען; געבען א ווידערשטאנד, שטעלען זיך אנטקעגען.

fly in'to a pas'sion (פלאי אינ'-טו ע פעש'-אן) ווערען אין כעס.

fly'-leaf *n.* (פלאי'-ליעף) דאס ליידיגע פארדער=בלאט אין אנהויב אדער ענדע פון א בוך.

fly light (פלאי לאיט) אבזעגלען מיט וועניג משא [וועגען א שיף].

fly'-line *n.* (פלאי'-לאין) די פליה=ליניע [די לופט=ליניע לויט וועלכער א וואנדער=פויגעל פליהט]; דער פאדים פון א ווענטקע מיט וועלכער מען פאנגט פיש מיט דער הילף פון פליגען.

fly'-ma'ker *n.* (פלאי'-מיי'-קער) א פליעגען=מאכער [איינער וואס מאכט קינסטליכע פליעגען וועלכע ווערען געברויכט צום פאנגען פיש].

fly'man *n.* (פלאי'-מען) א קוטשער פון א לייכטער דראזשקע.

fly'-net *n.* (פלאי'-נעט) אזא דינע נעץ צו בעשיצען פון פליגען.

fly of a flag (פלאי אוו ע פלעג) די לענג [פון שטאף] פון א פלאג.

fly off (פלאי אף) אוועקלויפען, פערשווינדען; פערדאמפפען.

fly off the han'dle (פלאי אף טהי הענדל) ארויסגעהן פון די כלים, ארויסשפרינגען פון די האלאבלעס.

fly on (פלאי אן) די שנעל אוועקרוקען זייטען=דעקאראציאן אין טעאטער, ווען די דעקאראציאן אין אן אקט דארף געענדערט ווערען פאר די אויגען פון פובליקום, ניט ארבאבלאזענדיג דעם פארהאנג.

fly o'pen (פלאי או'פן) פלוצים ברייט עפענען.

fly'-or'chis *n.* (פלאי'-אר'-קים) דאס פליגענקרויט [אזא פלאנצע וואס איהרע בלומען זיינען ענליך צו פליגען].

fly out (פלאי אוט) אויסברעכען אין צארן, ארויסשפרינגען פון די האלאבלעס, ארויס פון די כלים.

fly'-pa'per *n.* (פלאי'-פיי'-פער) פליגען=פאפיער [א גיפטיג אדער קלעפיג פאפיער צו פערניכטען פליגען].

fly'-poi'son *n.* (פלאי'-פאי'זן) פליגען=גיפט.

fly'-pow'der *n.* (פלאי'-פאו'-דער) א פולווער וואס ווערט בענוצט אלס פליגען=גיפט.

fly'-press *n.* (פלאי'-פרעס) א פרעס וואס ווערט צוגעשרויפט מיט דער הילף פון א שוואונג=ראד.

fly'-rail *n.* (פלאי'-רייל) א בעוועגליכע לייסט וואס האלט אונטער די פליגעל פון אן אויסציה=טיש.

fly round (פלאי ראונד) ז. *fly around*

flys *n.* (פלאיז) א לייכטע שנעלע דראזשקע.

fly'-sheet *n.* (פלאי'-שיעט) א פלוג=בלאט [א געדרוקט בלעטעל צום פערשפרייטען].

fly'-shut'tle *n.* (פלאי'-שאטל) א וועבער=שיפעלע.

fly'snapper *n.* (פלאי'-סנעפ-ער) דער פליגען=כאפער [אזא פויגעל].

fly'-speck *n.* (פלאי'-ספעק) פליגען=דרעק.

fly'-specked *a.* (פלאי'-ספעקט) בעשמוצט מיט פליגען=דרעק.

fly the pit (פלאי טהי פיט) אנטלויפען פון פעלד [אויפגעבען דעם קאמפף].

fly the red flag (פלאי טהי רעד פלעג) שפריצען בלוט.

fly to arms (פלאי טו ארמז) זיך כאפען צום געוועהר.

fly'-trap *n.* (פלאי'-טרעפ) א פליגען=נעץ; א פלאנצע וואס כאפט פליגען.

fly upon' (פלאי א-פאן') אנפאלען, בעפאלען; בעליידיגען.

fly'-wa'ter *n.* (פלאי'-הוואה'-טער) א לעזונג פון ארסעניק און וואסער אלס פליגען=גיפט.

fly'-wheel *n.* (פלאי'-הוויעל) א שוואונג=ראד פון א מאשין.

fly'wort *n.* (פלאי'-הווארם) ז. *fly-agaric*

foal *n. and v.* (פאול) א לאשעק, א זשערעבטשיק [א יונג פערדעל]; א יונג אייזעלע; געבעהרען א זשערעבטשיק אדער אן אייזעלע.

foal'foot *n.* (פאול'-פוט) אזא פלאנצע וואס איהרע בלעטער האבען די פארם פון א יונגען פערד'ס אדער אייזעל'ס קאפיטע.

foal'-teeth *n.* (פאול'-טיעטה) די מילך=צייהנער [ערשטע צייהנער] ביי א פערד.

foam *n. and v.* (פאום) שוים, צארן; שוימען; זיין אין צארן.

foa'my *a.* (פאו'-מי) שוימיג; בעדעקט מיט שוים; אויפברויזענד [פון צארן].

F. O. B. די ראשי תבות פון די ווערטער *free on board* אן אויסדרוק געברויכט אין א פערקויפס=קאנטראקט צו בעצייכענען, אז די סחורה דארף צוגעשטעלט ווערען צו דער שיף אדער באהן פריי, אויף דעם חשבון פון פערקויפער.

fob *n. and v.* (פאב) א קליינע, פאדערשטע הויזען=קעשענע פאר א זייגער; א זייגער=קייטעל מיט א ברעלאק; אריינלעגען אין קעשענע; צונעהמען פאר זיך; אבנארען.

fob'-chain *n.* (פאב'-טשיין) א קייטעל פון א זייגער מיט א ברעלאק.

fo'cal *a.* (פאו'-קעל) וואס געהערט צום ברען=פונקט. ז. *focus*

fo'cal dis'tance (פאו'-קעל דיס'-טענס) אין פיזיק—דער מרחק פון דעם אפטישען צענטער [ברען=פונקט] פון א שפיגעל אדער ברען=גלאז ביז דעם פונקט, וואו די ליכט=שטראהלען לויפען זיך צוזאמען.

focaliza'tion *n.* (פאו-קעל-אי-זיי'-שאן) דאס בריינגען די ליכט=שטראהלען אין ברען=פונקט פון א ברען=גלאז אדער שפיגעל.

fo'calize *v.* (פאו'-קעל-איז) קאנצענטרירען אין ברען=פונקט.

fo'cal length (פאו'-קעל לענגטה) ז. *focal distance*

fo'ci *n.* (פאו'-סאי) פאקוסען, ברען=פונקטען. ז. *focus*

focim'eter *n.* (פא-סימ'-ע-טער) אן אפטישער אינסטרומענט צום אויסגעפינען דעם ברען=פונקט פון א ברען=גלאז.

fo'cus *n. and v.* (פאו'-קאס) דער פאקום, דער ברען=פונקט; אין פיזיק — דער פונקט אין וועלכען עס טרעפען זיך צונויף די ליכט=שטראהלען, וועלכע זיינען דורכגעגאנגען א ברען=גלאז אדער זיינען צוריקגעווארפען געווארען פון א שפיגעל; אין געאמעטריע — א פונקט אין דעם שטח פון אן עליפסע, היפערבעל אדער פון אן אנדער קרומער ליניע, פון וועלכער די דיסטאנצען [שטרעקען] צו יעדען אנדערען פונקט פון דער ליניע שטעהען אלע מאל אין איין און דערזעלבער בעציהונג; א צענטראלער פונקט, א זאמלונגס=פונקט; אנשטעלען ריכטיג אין ברען=פונקט; פערזאמלען אדער קאנצענטרירען אין איין פונקט.

fod'der *n. and v.* (פאד'-ער) קארמע, פוטער [שפייז פאר פיה]; קארמענען אדער פיטערען מיט היי, שטרוי א. ד. ג.

foe *n.* (פאו) א שונא, א פיינד; א געגנער.

foe'man *n.* (פאו'-מען) א פיינד, א שונא.

fœ'tal *a.* (פיע'-טעל) ז. *fetal*

fœ'tus *n.* (פיע'-טאס) ז. *fetus*

fog *n. and v.* (פאג) א נעבעל, א טומאן; אונקלארהייט, מטושטש'קייט; דאס גראז וואס וואקסט אויף א לאנקע נאך דעם ערשטען היי=שנים; זיך בעדעקען מיט א טומאן, איינגעהילט ווערען אין א נעבעל; אבפיטערען, אבעסען דאס גראז וואס וואקסט אויף א לאנקע נאך דעם ערשטען היי=שנים.

fog'-bank *n.* (פאג'-בענק) א געדיכטער טומאן וואס מען זעהט פון ווייטען; א געדיכטער טומאן [נעבעל] אויף'ן ים וואס זעהט אוים פון ווייטען ווי לאנד.

fog'-bell *n.* (פאג'-בעל) א גלאק בעפעסטיגט צו א פעראנקערטער שיף, צו א פעלז א. ד. ג. וואס ווערט בעוועגט פון די כוואליעס אדער פון ווינד און דיענט אלס א ווארנונג פאר שיפסלייט אין א טומאן [נעבעל].

fog'-bound *a.* (פאג'-באונד) פערהאלטען פון א טומאן [נעבעל].
The steamer was delayed two days. It was fog-bound.

fo'gey *n.* (פאו'-גי) ז. *fogy*

fog'gage *n.* (פאג'-איידזש) דאס פערטריקענטע אדער פערפוילטע גראז אויף א לאנקע אין ווינטער=צייט; דאס גראז וואס וואקסט אב נאך'ן ערשטען היי=שניט.

fog'ged *a.* (פאגד) בעדעקט מיט א נעבעל; פערדונקעלט.

fog'ger *n.* (פאג'-ער) א לאנד=ארבייטער, וועלכער גיט קארמע [פוטער] די בהמות.

fog'gily *adv.* (פאג'-אי-לי) נעבעלדיג, טומאנע; אונקלאר; דונקעל.

fog'giness *n.* (פאג'-אי-נעס) דאס זיין

טומאנע, דאס זיין נעבעלדיג; אונקלארהייט, דונקעלהייט.

fog'gy *a.* (פאג'-אי) נעבעלדיג, טומאנע; אונקלאר, דונקעל; מטושטש; דום, נאריש.

fog'-horn *n.* (פאג'-הארן) א סיגנאל-הארן אויף א שיף צו געבען סיגנאלען צו אנדערע שיפען אין א נעבעלדיגען וועטער.

fo'gie *a.* (פאו'-גיע) ז. *fogy*.

fo'gle *n.* (פאוגל) א טאשען-טוך [אויף גנבים לשון].

fog'less *a.* (פאג'-לעס) אהן א טומאן, ניט נעבעלדיג; ריין, קלאר.

fog'-sig'nal *n.* (פאג'-סיג'-נעל) א סיגנאל וואס ווערט געגעבען פון א שיף אלס ווארנונג פאר אנדערע שיפען אין א טומאן [נעבעל].

fog'-smoke *n.* (פאג'-סמאוק) א טומאן, א נעבעל.

fo'gy *n.* (פאו'-גי) אן אלט-מאדישער אדער שטארק קאנזערוואטיווער מענש; אן אויסגעדיענטער סאלדאט.

fo'gydom *n.* (פאו'-גי-דאם) אלט-מאדישקייט, קאנזערוואטיזם.

fo'gyish *a.* (פאו'-גי-איש) אלט-מאדיש; וואס האט אלט-מאדישע אדער קאנזערוואטיווע אידעען.

fo'gyism *n.* (פאו'-גי-איזם) אלט-מאדישקייט, קאנזערוואטיזם.

foh *int.* (פא) פו, פוי!

foi'ble *n.* (פאיבל) א שוואכער פונקט, א שוואכע זייט; א כאראקטער-שוואכקייט; א ניט שטארק ערנסטער פעהלער.

foil *v. and n.* (פאיל) איבערוועלטיגען, גובר זיין; פערניכטען, צו נארנישט מאכען; אראבפיהרען פון דער ריכטיגער שפור; צומישען, צוטומלען; גאנץ דינע בלעטער פון מעטאל, ווי גאלד-בלאט, צין-פאליע א. ד. ג.; פליטער-גאלד; א געמיש פון צין און קוועקזילבער מיט וואס מען בעדעקט א שפיגעל-גלאז; א ראפיר [א קליינע פעכט-שווערד]; א מעטאל-בלעטעל וואס ווערט אונטערגעלעגט אונטער אן עדעלשטיין צו פערגרעסערען זיין גלאנץ; א בלעטער-ענליכע פערציערונג [אין ארכיטעקטור].

foi'lable *a.* (פאי'-לעבל) וואס קען איבערוועלטיגט ווערען; וואס קען געמאכט ווערען צו נארנישט.

foiled *a.* (פאילד) וואס האט א בלעטער-ענליכע פערציערונג [אין ארכיטעקטור].

foiled arch (פאילד ארטש) א געוועלב אדער בויגען מיט בלעטער-ענליכע פערציערונגען.

foi'ler *n.* (פאי'-לער) איינער וואס צומישט אדער צוטומעלט; איינער וואס צושטערט אדער מאכט צו נארנישט.

foi'ling *n.* (פאי'-לינג) א לייכטע שפור פון א הירש וואס איז געגאנגען אויף א פלאץ בעוואקסען מיט גראז; א פערציערונגס-בלאט [אין ארכיטעקטור].

foil one's plans (פאיל הוואנז פלענז) צושטערען אימעצענס פלענער.
I will foil his plans.

foil'-stone *n.* (פאיל'-סטאון) א פאלשער, נאכגעמאכטער עדעלשטיין.

foin *v.* (פאין) דורכשטעכען מיט א שווערד, מעסער אדער שפיז.

foist *v.* (פאיסט) עטוואס אריינשטעלען אדער אריינשרייבען דורך א פאלשקייט אדער שווינדעל; שטינקען, האבען א שלעכטען ריח.

fois'ter *n.* (פאיס'-טער) איינער וואס שטעלט אריין אדער שרייבט אריין עטוואס דורך א שווינדעל אדער פאלשקייט; א פעלשער.

fold *v. and n.* (פאולד) צוזאמענלעגען; צונויפקנייטשען; ארומנעהמען; זיך צונויפקנייטשען; איינהילען, איינוויקלען; צונויפפרעסען, צונויפשפארען [ווי שעפסען אין א סטארע]; א פאלב; אן אבצאמונג פאר שעפסען; א שאף-הערדע, א סטאדע.

fol'dage *n.* (פאול'-דיידזש) ז. *faldage*.

fold arms (פאולד ארמז) צונויפלעגען די הענד.

fold down (פאולד דאון) פערבויגען, פערקנייטשען [א בלאט].

fol'der *n.* (פאול'-דער) א קנייטשער, א פאלצער, א צוזאמענלעגער; אזא פלאך ביינדעל ענליך צו א מעסער וואס ווערט בענוצט צום קנייטשען פאפיער; עטוואס געדרוקטעס אין איין בויגען פאפיער וואס לעגט זיך צונויף [ווי א געאגראפישע מאפע, א פלוג-בלאט א. ד. ג.].

fold in (פאולד אין) איינשליסען.

fol'ding *n.* (פאול'-דינג) דאס מאכען פאלטען; דאס קנייטשען; א פאלט; א קנייטש.

fol'ding bed (פאול'-דינג בעד) א בעט וואס לעגט זיך צוזאמען.

fol'ding chair (פאול'-דינג טשעהר) א שטוהל וואס לעגט זיך צוזאמען.

fol'ding door (פאול'-דינג דאור) א פליגעל-טהיר.

fol'ding-machine' *n.* (פאול'-דינג-מע-שין') א פאלץ-מאשין [א מאשין אין א דרוקעריי אדער בוכבינדעריי וואס קנייטשט די געדרוקטע בויגענס; א מאשין וואס מאכט כלים פון בלעך].

fold'less *a.* (פאולד'-לעס) אהן פאלטען.

fold'-net *n.* (פאולד'-נעט) אזא נעץ פאר קליינע פויגעלעך.

fold'-yard *n.* (פאולד'-יארד) אן אבגעצאמטער פיה-הויף.

fo'lia *n.* (פאו'-לי-א) בלעטער; שיכטען. ז. *folium*.

folia'ceous *a.* (פאו-לי-איי'-שיאס) בלעטערדיג; וואס בעשטעהט פון דינע שיכטען; וואס האט די פארם פון א בלאט.

fo'liage *n.* (פאו'-לי-איידזש) בעבלעטערונג; די בלעטער פון א בוים צוזאמען ווי זיי וואקסען; א בינטעל בלעטער; אין ארכיטעקטור — א בעציערונג וואס שטעלט פאר בלעטער, בלומען אדער צווייגען.



Foliage

fo'liaged *a.* (פאו'-לי-איידזשד) בעוואקסען מיט בלעטער; בעציערט מיט בלעטער. ז. *foliage*.

fo'liage-plant *n.* (פאו'-לי-איידזש-פלענט) א פלאנצע וואס צייכענט זיך בעזאנדערס אוים מיט איהרע שעהנע בלעטער.

fo'liage-tree *n.* (פאו'-לי-איידזש-טריע) א בלעטערדיגער בוים [צום אונטערשיעד פון די נאדעל-ביימער].

fo'liar *a.* (פאו'-לי-אר) וואס איז שייך אדער איז ענליך צו א בלאט.

fo'liate *v. and a.* (פאו'-לי-אייט) אויסקלאפען אין א דינעם בלאט, אויסהאמערען דין; בעלעגען מיט שפיגעל-זילבער אדער מיט צין-פאליע; אויסגעהאמערט אין דער פארם פון א דינעם בלאט אדער פלאטע; בלעטערענדיג; וואס האט בלעטער.

fo'liated *a.* (פאו'-לי-איי-טעד) אויסגעהאמערט אדער אויסגעצויגען אין דער פארם פון א בלאט; בעדעקט מיט א דינער מעטאל-פלאטע אדער מיט פאליע; בלעטערדיג; וואס בעשטעהט פון דינע שיכטען; פערציערט מיט בלעטער; אין מוזיק — וואס האט צוגעלעגטע נאטען [ווענען א מעלאדיע פון א ליעד].

folia'tion *n.* (פאו-לי-איי'-שאן) די בעבלעטערונג פון פלאנצען; דאס אויסהאמערען אדער אויסציהען מעטאל אין דינע בלעטער; דאס בעלעגען מיט שפיגעל-זילבער אדער צין-פאליע [ביים פאבריצירען שפיגלען]; דאס זיין בלעטערדיג; אין געאלאגיע — דאס זיין צונויפגעשטעלט פון דינע שיכטען; אין ארכיטעקטור — א בלעטער-פערציערונג; די נומערירונג פון א בוך לויט די בלעטער און ניט לויט די זייטען.

fo'liature *n.* (פאו'-לי-איי-טשור) ז. *foliation*.

fo'lier *n.* (פאו'-לי-ער) א בלאט [פון א בוים, פון פאפיער א. ד. ג.].

foliic'olous *a.* (פאו-לי-איק'-א-לאס) וואס וואקסט אדער געפינט זיך אויף בלעטער [ווענען פאראזיטען-פלאנצען און פאראזיטען-בעשעפענישען].

foliif'erous *a.* (פאו-לי-איף'-ע-ראס) וואס האט בלעטער, וואס האט בלעטער-ענליכע טיילען.

fo'liiform *a.* (פאו'-לי-אי-פארם) בלעטער-פערמיג.

fo'lio *n., a. and v.* (פאו'-ליאו) פאליא, א בויגען פאפיער צונויפגעלעגט אין צווייען; א פאליאנט, א בוך מיט האלב-בויגענדיגע בלעטער; די גרויס פון אזא בוך; א פאפיער-מאס; א בלאט אדער א זייט פון א בוך; אן איינוויקלונג אדער ראהם פאר פאפירען, מוזיק-נאטען, צייכנונגען א. ז. וו.; א געוויסע צאהל ווערטער וואס ווערט אנגענומען אלס איינהייט ביים בערעכענען די לענג פון אן אפיציעלען דאקומענט; וואס איז שייך צו אדער וואס איז ענליך צו א פאליא; בעצייכענען א בלאט מיט א צאהל; בעצייכענען די צאהל ווערטער וואס ווערען אנגענומען אלס פאליא-איינהייט אין אפיציעלע דאקומענטען.

fo'liole *n.* (פאו'-לי-אול) א קליין בלעטעל; א טייל פון א צוטיילטען בלאט.

fo'liomort *a.* (פאו'-לי-א-מאהרט) פון דעם קאליר פון הערבסט-בלעטער; העל-ברוין. ז. *feuillemorte*.

fo'liose *a.* (פאו'-לי-אוס) וואס האט קליינע בלעטלעך אדער טיילען וואס זיינען ענליך צו אזעלכע בלעטלעך.

folios'ity *n.* (פאו-לי-אס'-אי-טי) דאס האבען אדער בעשטעהן פון בלעטלעך אדער בלעטלעך-ענליכע טיילען; דאס האבען דעם כאראקטער פון א גרויסען בוך, פון א פאליאנט; מאסיוויטעט, דאס בעשטעהן פון פיעל ביכער-בענדער; אויסברייטונג [אין שרייבען].

fo'lious *a.* (פאו'-לי-אס) בלעטערדיג; דין; וואס האט קליינע בלעטלעך אדער בלעטלעך-ענליכע טיילען.

fo'lium *n.* (פאו'-לי-אם) א בלאט; א שיכט.

folk *n.* (פאוק) פאלק, מענשען, לייט, דער עולם, דער פשוט'ער עולם.

Fol'kething *n.* (פאול'-קע-טינג) דאס אונטער-הויז פון דעם דענישען פארלאמענט [ריגסדאג].

folk'-free *a.* (פאוק'-פריע) פריי, ניט פערקנעכטעט.

folk'land *n.* (פאוק'-לענד) אין דער אל-

טער ענגלישער געזעצגעבונג — דאס לאנד וואס איז ניט געווען דאס אייגענטום פון איינצעלנע מענשען אדער קהלות, נאר האט בעלאנגט צום גאנצען פאלק.

folk'-lore *n.* (פאוק'-לאור) פאלקלאר, די לעגענדען, טראדיציעס, מנהגים, גלויבענס א. ז. וו. פון דעם פאלק; דער טייל פון דער וויסענשאפט וואס בעשעפטיגט זיך מיט דיעזע לעגענדען, טראדיציעס, מנהגים און גלויבענס.

folk'loric *a.* (פאוק'-לאור-איק) וואס איז שייך צו פאלקלאר. ז. *folk-lore*

folk'lorist *n.* (פאוק'-לאור-איסט) איינער וואס שטודירט פאלקלאר. ז. *folk-lore*

folk'moot *n.* (פאוק'-מוטה) אין אמאליגען ענגלאנד — א פאלקס-פערזאמלונג; א לאקאל געריכט.

folk'-right *n.* (פאוק'-ראיט) דאס פאלקס-רעכט; די געזעצע וועגען די רעכטען פון'ם פשוט'ען פאלק [אין געגענזאץ צו די פריווילעגירטע קלאסען].

folk'-song *n.* (פאוק'-סאנג) א פאלקס-ליעד.

folk'-speech *n.* (פאוק'-ספיעטש) פאלקס-שפראך [אין געגענזאץ צו דער שפראך פון די געבילדעטע קלאסען אדער צו דער ליטעראַרישער שפראך].

folk'-sto'ry *n.* (פאוק'-סטאו'-רי) א פאלקס-לעגענדע.

fol'licle *n.* (פאל'-איקל) א זוימען-זעקעל, א שויט, א סטרוקטשקע [ביי פלאנצען]; א קליינע עפענונג, א דין רעהרעל, א קליינע פערטיעפונג, א דריזע [ביי חיות]; ביי אינזעקטען—דער קאקאן [די איינהילונג, אין וועלכער עס ענטוויקעלט זיך אן אינזעקט פון דער לארווע].

follic'ular *a.* (פא-ליק'-יו-לאר) וואס בעשטעהט פון אדער וואס פערמאגט זוימען-זעקעלעך [ביי פלאנצען] אדער קליינע עפענונגען אדער רעהרעלעך [ביי חיות]; וואס געפינט זיך אין אזעלכע זעקעלעך, עפענונגען אדער רעהרעלעך. ז. *follicle*

follic'ulate *a.* (פא-ליק'-יו-לייט) ז. *follicular*

follic'ulated *a.* (פא-ליק'-יו-ליי-טעד) ז. *follicular*

fol'low *v.* (פאל'-או) פאלגען; נאכפאלגען; פערפאלגען; נאכטהאן; נאכגעהן, בעגלייטען; שטרעבען; נאכקומען; ארויסקומען [אלס פאלגע פון אורזאכע]; אנגעהן, אנהאלטען, ערפילען די אויפגאבען, זיין בעשעפטיגט [ביי א געשעפט, מלאכה, פראפעסיאן].

fol'low direc'tions (פאל'-או די-רעק'-שאנז) זיך האלטען אן די פארשריפטען; פאלגען די בעפעהלע.

fol'lower *n.* (פאל'-א-ער) אן אנהענגער; א נאכפאלגער; א בעגלייטער; א געליעבטער; יעדער טייל פון א מאשין, וועלכער בעוועגט זיך, נאכפאלגענדיג די בעוועגונגען פון אן אנדער טייל; אין א דאמפף-מאשין — דאס דעקעל פון דער קאלבע אדער פארשען.

fol'lowers *n.* (פאל'-א-ערז) 1. א סוויטע, א בעגלייטונג; 2. אנהענגער.
2. His followers are loyal to him.

fol'lowing *a.* and *n.* (פאל'-א-אינג) פאלגענד, נעכסט, וואס דארף אנקומען; א סוויטע; א קאמפאניע פון נאכפאלגער.

fol'low my lea'der (פאל'-או מאי ליע'-דער) א קינדערישע שפיעל וואו איינער נאך'ן אנדערען ווערט א פיהרער, וועמען אלע מוזען פאלגען און נאכטהאן.

fol'low one's nose (פאל'-או הוואנז נאוז) געהן נאך דער נאז נאך [געהן גראד, פארווערטס].

fol'low one's steps (פאל'-או הוואנז סטעפס) געהן אין יענעמס וועגען, נאכטהאן אימעצען.

fol'low out (פאל'-או אוט) עפעס דורכפיהרען, אויספיהרען.

fol'low prec'edents (פאל'-או פרעס'-אי-דענטס) טהאן אדער פסק'ענען ווי אמאל איז אן ענליכען פאל.

fol'low suit (פאל'-או סיוט) שפיעלען מיט א קארט וואס איז פון איין פארב אדער מאסט מיט דער, וואס איז פריהער געשפיעלט געווארען; פאלגען א ביישפיעל.

fol'low up (פאל'-או אפ) עפעס פערפאלגען, ווייטער אנגעהן מיט עפעס.

fol'ly *n.* (פאל'-אי) נארישקייט; שטות; א נארישע אויפפיהרונג; אן אונטערנעהמונג, וועלכע מען האט פריהער שלעכט אויסגערעכענט און וועלכע מען פערלאזט אונפערענדיגט.

foment' *v.* (פא-מענט') ערווארעמען; ערוועקען, ערמוטיגען, צוגעבען קוראזש.

fomenta'tion *n.* (פאו-מען-טיי'-שאן) ערווארמונג; ערוועקונג; ערהיצונג; ערמונטערונג.

fomen'ter *n.* (פא-מענ'-טער) אן ערוועקער, אן אויפרייצער [צו זינד]; א זאך אדער א מיטעל וואס דערווארעמט דעם קערפער.

fond *a.* (פאנד) נאריש, דום; אהן א זינען; פערריקט, משוגע; וואהנזיניג פערליעבט; ליעבליך, צערטליך; פראסט, אונווירדיג, טריוויאל; איבערגעשעצט.

fon'dle *v.* (פאנדל) לאשטשען, צערטלען; ארויסצייגען צערטליכקייט.

fond'ler *n.* (פאנד'-לער) א פערצערטלער; דער וואס צערטעלט אדער לאשטשעט.

fond'ling *n.* (פאנד'-לינג) א ליעבלינג, א שוים-קינד.

fond'ly *adv.* (פאנד'-לי) אויף א ליעבענדער, צערטליכער ארט; משוגע'נערווייז.

fond'ness *n.* (פאנד'-נעס) צערטליכקייט; ליידענשאפט, אנהענגליכקייט; משוגעת; שוואכקייט.

fond of a drop (פאנד אוו ע דראפ) ליעב האבען דעם ביטערען טראפען.

font *n.* (פאנט) דער טויף-בעקען [א מין רעזערוואואר, אין וועלכען מען האלט דאס טויף-וואסער אין א קירך]; די גיסונג אדער שמעלצונג פון מעטאלען; א פאלשטענדיגע זארטירונג פון דרוק-שריפט.

fon'tal *a.* (פאנ'-טעל) וואס געהערט צו א קוואל אדער פאנטאן.

fon'tinel *n.* (פאנ'-טי-נעל) א קליינער קוואל אדער פאנטאן.

food *n.* (פוהד) שפייז, נאהרונג, עסענווארג.

food'-fish *n.* (פוהד'-פיש) פיש, וועלכע מען קען עסען.

food for the mind (פוהד פאר טהי מאינד) גייסטיגע שפייז.

food'ful *a.* (פוהד'-פול) נעהרענד; פרוכטבאר.

food'less *a.* (פוהד'-לעס) וואס האט ניט קיין נאהרונג; אונפרוכטבאר.

food'-plant *n.* (פוהד'-פלענט) א שפייז-פלאנצע [א פלאנצע וואס ווערט געברויכט צום עסען].

food'-stuff *n.* (פוהד'-סטאף) נאהרונגס-שטאף.

fool *n.* and *v.* (פוהל) א נאר, אן אידיאט; איינער וואס מאכט א נארישען אנשטעל אדער נארישע העויות; א בדחן, א מארשאליק, א חכמות-זאגער; דאס, מיט וואס מען שפיעלט זיך; מאכען נארישע אנשטעלען; שפאסען; טרייבען קאטאוועס; שפיעלען זיך מיט עפעס; מאכען איינעם צום נארען; אבנארען, בעטריגען; א געריכט פון געקאכטע פרוכט מיט שמאנט און צוקער.

fool away' (פוהל ע-הוויי') פטר'ען אומזיסט; אויסברייינגען אדער פערשווענדען עפעס אהן שום נוצען.

fool'-born *a.* (פוהל'-באהרן) נאריש פון געבורט אן.

foo'lery *n.* (פוה'-לער-אי) דומהייט, נארישקייט; א שפאס; א נארישער אנשטעל, א פארס.

fool'hardily *adv.* (פוהל'-האר-די-לי) נאריש העזה'דיג; מיט א היציגער, אונבערעכענטער דרייסטקייט.

fool'hardiness *n.* (פוהל'-האר-די-נעס) היציגע, אונבערעכענטע דרייסטקייט.

fool'hardy *a.* (פוהל'-האר-די) דרייסט אהן א וועלכער ניט איז אויסגערעכענטקייט.

foo'ling *n.* (פוה'-לינג) נארישקייטען, שטות'עריי, שפאס; נארישע אויפפיהרונג; שטיפעריי.

foo'lish *a.* (פוה'-ליש) נאריש, ווי א נאר; דום; לעכערליך, שפאסהאפט, שטיפעריש.

foo'lish bod'y (פוה'-ליש באד'-אי) א נארישער קאפ; א נאר.

foo'lishly *adv.* (פוה'-ליש-לי) מעשה נאר.

foo'lishness *n.* (פוה'-ליש-נעס) נארישקייט, דומהייט; שטיפעריי.

fools'cap *n.* (פוהלז'-קעפ) דאס נארען-היטעל, א שפיציג היטעל מיט גלעקלעך, וואס די הויף-נארען פון די אמאליגע פריצים פלעגען טראגען; א זארט גרויסע בויגענס שרייב-פאפיער [נאך דעם צייכען וואס אויף זיי איז געווען געדרוקט אין דער פארם פון א נארען-היטעל]; א מין מאלוסקעל.

fool's cor'ner (פוהלז קאר'-נער) די קוגע, דער ווינקעל, אין וועלכען מען שטעלט אריין קינדער פון א שוהלע צו בעשטראפען זיי.
The pupil was put in the fool's corner.

fool's er'rand (פוהלז ער'-ענד) א משוגענע אונטערנעהמונג, דאס יאגען זיך נאך עפעס וואס קען ניט דערגרייכט ווערען.

fool's par'adise (פוהלז פער'-ע-דאיס) דער גן-עדן פון א נאר, גליק און צופריעדענהייט וואס בויט זיך אויף פאלשע האפנונגען; אוטאפיען.

fool's pars'ley (פוהלז פארס'-לי) די הונד-פעטרושקע [אזא שטינקענדיג, גיפטיג גראז].

fool'-trap *n.* (פוהל'-טרעפ) א נעץ אדער פאסטקע צו פערכאפען נארען; א גראבער איינפאל.

fool with (פוהל הוויטה) שטיפען מיט עפעס; אריינמישען זיך מיט נארעריי אדער משוגעת'ען.

foot *n.* and *v.* (פוט) א פוס; עטוואס וואס איז ענליך צו א פוס אין אויסזעהן אדער אין די פונקציאנען; דער אונטערשטער טייל פון עפעס; דער אונטערשטער טייל פון א בארג; פוס-סאלדאטען, אינפאנטעריע, א שטאנד, א לאגע; א פערז-פוס אין פאעזיע [משקל

תחרוזים]; אן איינהייט פון א לענגע־מאס [אין פערשיעדענע לענדער איז די מאס פון א פוס פערשידען. אין אמעריקא און ענגלאנד איז א פוס 12 צאל׳ אדער אינטשעס]; געהן, טרעטען; געהן צופוס; שטעלען פעסט אויף די פיס; טרעטען מיט׳ן פוס; בריקען; אונטערשטריקען א זאק; לענגען פארעשוועס אויף שיך; צונויפרעכענען א חבור און אונטערשטעלען דעם סך־הכל; בעצאהלען, קווימירען; צונויפרעכענען.

foot a bill (פוט ע ביל) בעצאהלען א חוב.

foot'-artil'lery *n.* (פוט׳-אר-טיל׳-ע-רי) פוס־ארטילעריע.

foot asleep' (פוט ע-סליעפ׳) אבגעזעסען א פוס.

foot'back *adv.* (פוט׳-בעק) פאהרענדיג מיט די אייגענע פערד, ד. ה. געהענדיג צופוס.

foot'-ball *n.* (פוט׳-באהל) א פוס־באל [אזא גרויסע לערערנע פילקע וואס ווערט געשטויסען מיט׳ן פוס]; פוס־באל־שפיעל.

foot'-band *n.* (פוט׳-בענד) א ראטע פוס־סאלדאטען [אינפאנטעריע].

foot'-bath *n.* (פוט׳-בעטה) א פוס־וואנע; דאס באדען די פיס אין א פוס־וואנע.

foot'-board *n.* (פוט׳-באורד) א פוס־ברעט [א ברעט אין א וואגען, א שיפעל א. ד. ג. אלס א שטיצע פאר די פיס]; א פלאטפארם אויף א לאקאמאטיוו וואו דער הייצער און דער מאשיניסט שטעהען.

foot'boy *n.* (פוט׳-באי) א לויף־איינגעל, א איינגעל אויף שליחות.

foot'-breadth *n.* (פוט׳-ברעדטה) די ברייט פון א פוס [אלס מאס].

foot'-bridge *n.* (פוט׳-ברידזש) א שטעג, א בריק פאר פוס־געהער, א קלאדקע.

foot'-cloth *n.* (פוט׳-קלאטה) א פוס־דעקע; א פערד־דעקע; א פוס־טעפיך.

foot'ed *a.* (פוט׳-עד) פיסיג; מיט פיס.

foot'er *n.* (פוט׳-ער) א פוס־געהער.

foot'fall *n.* (פוט׳-פאהל) א שריט, א טריט.

foot'-fight *n.* (פוט׳-פאיט) אן אינפאנטעריע־קריעג [א מלחמה צווישען פוס־סאלדאטען].

foot'-folk *n.* (פוט׳-פאוק) אינפאנטעריע, פוס־סאלדאטען.

foot'-gear *n.* (פוט׳-גיער) פוס־בעקליידונג [ווי זאקען, שטיוועל, שיך].

foot'-grease *n.* (פוט׳-גריעס) דער אבּפאל פון באוועל־זאמען [נאכדעם ווי מען האט אויסגעקוועטשט דעם אויל].

foot'-guard *n.* (פוט׳-גארד) א פוס־שוץ פאר פערד [אזא מין שיך פאר פערד].

foot'-guards *n.* (פוט׳-גארדז) פוס־גווארדיע.

foot'-halt *n.* (פוט׳-האהלט) אזא שאף־קראנקהייט [די קראנקהייט פאנגט זיך אן, ווי עס ווערט אנגענומען, פון די פיס].

foot'-haw'ker *n.* (פוט׳-האה׳-קער) א קאראבעלניק [פעדלער], וואס געהט ארום צופוס פערקויפען זיין סחורה.

foot'-hill *n.* (פוט׳-היל) א נידריג בערגעל ביי דעם פוס פון א בארג.

foot'hold *n.* (פוט׳-האולד) א פוס־שטיצע, אן ארט וואו די פיס אוועקצושטעלען.

foot'ing *n.* (פוט׳-אינג) דער גאנג, דער טריט; דער פוס־שטאנד; דער פוס־באדען; א שפור פון פוס; א טאנץ; אן איינגעפונדעוועטער פלאץ; א פונדאמענט; א באזיס; א גרונדלאגע; א שטאנד, א לאגע; א געגענזייטיגע בעציהונג; דאס צושטעלען א פוס; דאס צונויפרעכענען א רייה ציפער ווי אין א חבור; א שטויס־קאנט [פון א פרויען־קלייד]; א הערמיישעל [הוליאנקע] וואס ווערט געמאכט ווען איינער טרעט אריין אין אן אמט, אין א שוהל א. ד. ג.

foot'ing-beam *n.* (פוט׳-אינג-ביעם) א בינד־באלקען פון א דאך.

foot'-joint *n.* (פוט׳-דזשאינט) א געלענק פון דעם פוס פון אן אינזעקט.

foot'-key *n.* (פוט׳-קיע) דער פעדאל פון אן ארגעל אדער פיאנא.

foot'less *a.* (פוט׳-לעס) אהן פיס; אהן א באדען, אהן א באזיס.

foot'-lick'er *n.* (פוט׳-ליק׳-ער) א געמיינער אונטערלעקער.

foot'lights *n.* (פוט׳-לאיטס) פוס־ליכט [די לעמפלעך אויף דעם ראנד פון דער ביהנע אין טעאטער].

foot'-line *n.* (פוט׳-לאין) די לעצטע שורה פון זאץ אויף א בלאט, וואו עס ווערט מייסטענס געשטעלט נור דער נומער פון בויגען אדער דער נומער פון זייט.

foot'ling *n.* (פוט׳-לינג) א פיסעל.

foot'-loose *a.* (פוט׳-לוהס) פראנק און פריי.

foot'man *n.* (פוט׳-מען) א דיענער; א לאקיי; א פוס־סאלדאט.

foot'manship *n.* (פוט׳-מען-שיפ) די בעשעפטיגונג פון א לאקיי; דאס זיין א פוס־סאלדאט.

foot'mark *n.* (פוט׳-מארק) א שפור פון א פוס.

foot match (פוט מעטש) א לויף־וועט.

foot'-muff *n.* (פוט׳-מאף) א פוס־זאק [אזא זאק פון פעל צו האלטען אין איהם די פיס ווינטער־צייט, ווען מען פאהרט].

foot'-note *n.* (פוט׳-נאוט) א פוס־נאטע, א בעמערקונג אין א בוך, וואס ווערט געשטעלט אונטען צום ענד פון בלאט.

foot'pace *n.* (פוט׳-פייס) א לאנגזאמער טריט; א פלאץ זיך אבצורוהען אויף א טרעפ.

foot'pad *n.* (פוט׳-פעד) א גאסען־רויבער.

foot'-pad *n.* (פוט׳-פעד) אזא שוך־שטיוועל פאר די פיס פון פערד.

foot'-pas'senger *n.* (פוט׳-פעס׳-ענ-דזשער) א פוס־רייזענדער.

foot'-path *n.* (פוט׳-פעטה) א פוס־וועג, א פוס־שטעג [א שמאלער וועג וואס איז נאר פאר פוס־געהער].

foot'-post *n.* (פוט׳-פאוסט) פאסט וואס ווערט געפיהרט צופוס; א שליח וואס געהט צופוס.

foot'-pound *n.* (פוט׳-פאונד) פוס־פונט, אן איינהייט צו מעסטען ענערגיע אדער ארבייט [די ענערגיע, וועלכע פאדערט זיך אויפצוהייבען א פונט משא א פוס אין דער הויך].

foot'print *n.* (פוט׳-פרינט) דער אבּדרוק פון א פוס; די שפור פון א פוס.

foot'-race *n.* (פוט׳-רייס) א וועט אין לויפען.

foot'-rest *n.* (פוט׳-רעסט) א פוס־בייגקעל.

foot'-rope *n.* (פוט׳-ראופ) א שטריק אונטער די זעגעל־שטאנגען, אויף וועלכען מאטראזען שטעהען, ווען זיי מאכען דעם זעגעל פעסט אדער לויז.

foot'-rot *n.* (פוט׳-ראט) דאס פוס־פוילען [אזא פיס־קראנקהייט ביי בהמות].

foot'-rule *n.* (פוט׳-רוהל) א מאסשטאב פון א פוס [12 צאל] די לענג.

foots *n.* (פוטס) דאס אבגעשטאנענע אדער אבגעזעצטע אויף׳ן דעק.

foot'-sol'dier *n.* (פוט׳-סאול׳-דזשער) אן אינפאנטעריע־סאלדאט, א פוס־סאלדאט.

foot'-sore *a.* (פוט׳-סאור) וואס האט פוס־שמערצען [פון פיעל געהן].

foot'stalk *n.* (פוט׳-סטאהק) דאס שטענגעל פון א בלום.

foot'stall *n.* (פוט׳-סטאהל) דער פוס רינג פון א פרויען־זאטעל [דער רינג אין וועלכען מען שטעקט אריין דעם פוס ביים ארויפשטייגען אויף׳ן פערד].

foot'step *n.* (פוט׳-סטעפ) א פוס־טריט; א שפור פון א פוס.

foot'stool *n.* (פוט׳-סטוהל) א פוס־בייגקעלע; א נכנע, אן אונטערטהעניגער; די ערד [אלס גאט׳ס פוס־בייגקעלע].

foot'-stove *n.* (פוט׳-סטאוו) א פוס־אויוועלע, א פוס־ווארימער.

foot'-ton *n.* (פוט׳-טאן) אן איינהייט צו מעסטען ענערגיע אדער ארבייט [די ענערגיע וועלכע איז נויטיג צו הויבען א משא פון 2,240 פונט א פוס הויך].

foot up (פוט אפ) צוזאמענצעהלען, צוזאמענרעכענען.

foot'-valve *n.* (פוט׳-וועלוו) דער גרונד־ווענטיל [אן עפענונגס־דעקעל ביי דאמפף־מאשינען מיט קאנדענזאטארען וואס געפינט זיך צווישען דער לופט־פומפע און קאנדענזאטאר].

foot'walk *n.* (פוט׳-וואהק) א טראטואר.

foot'-war'mer *n.* (פוט׳-וואהר׳-מער) א פיס־ווארמער; א פוס־אויוועלע [צום ווארימען די פיס].

foot'way *n.* (פוט׳-וויי) ז. *foot-path*.

foot'-worn *a.* (פוט׳-וואורן) וואס איז מיעד געהענדיג; וואס האט פוס־שמערצען פון פיעל געהן.

foot'y *a.* (פוט׳-אי) וואס איז אבגעשטאנען אדער אבגעזעצט אויף׳ן דעק; ארעם; געמיין; ווערטהלאז.

foo'zle *n.* (פוהזל) א נודנע פערזאן, אן אלטער נודניק.

fop *v. and n.* (פאפ) אבּ־חוזק מאכען; שפאסען, אבנארען; א נאר; א פראנט.

fop'doodle *n.* (פאפ׳-דוהדל) א ניכטס־ווירדיגער אדער געמיינער קערל.

fop'ling *n.* (פאפ׳-לינג) א פראנטעל.

fop'pery *n.* (פאפ׳-ער-אי) נארישקייט; פראנטעריי; פוצעריי; בעפוצונג.

fop'pish *a.* (פאפ׳-איש) פראנטיש, אויסגעפוצט.

fop'pishly *adv.* (פאפ׳-איש-לי) אויף א פראנטיישען שטייגער.

fop'pishness *n.* (פאפ׳-איש-נעס) פראנטעריי, אייטעלקייט.

for *prep. and c.* (פאר) פאר; פיר; וועגען; אום; אויף; צו; צוליעב; אדאנק; פון וועגען; אין משך; אין פערלויף; נים קוקענדיג אויף; כאטש; ביי אלעם דעם; ווייל; דען.

for'age *n. and v.* (פאר׳-עדזש) פוראזש, עסענווארג, שפייז; פאראט; פריפאסען; צוגרייטען פוראזש אדער עסענווארג פאר מענשען און בעזאנדערס פאר בהמות; פלינדערען, רויבען.

for'age-cap *n.* (פאר׳-עדזש-קעפ) א פוראזשקע, א קליין היטעל, וואס סאל־

ראטען טראגען בעת זיי זיינען אנגעטהאן ניט אין פולער פארם.

for'ager *n.* (פאר'-ע-דזשער) איינער וואס גרייט אן פוראזש אדער עסענווארג פאר פערד און בהמות.

for'aging *n.* (פאר'-ע-דזשינג) דאס אנגרייטען פוראזש אדער עסענווארג פאר פערד און בהמות.

for'aging-cap *n.* (פאר'-ע-דזשינג-קעפ) ז. ***forage-cap***

for'aging-par'ty *n.* (פאר'-ע-דזשינג-פאר'-טי) א קאמאנדע סאלדאטען וואס זאמעלט צונויף שפייז און פוטער פאר דער ארמעע אין די ארומיגע געגענדען.

for a joke (פאר ע דזשאוק) אויף שפאס, אויף קאטאוועס.

for all (פאר אהל) ניט קוקענדיג אויף; כאטש.

for all I care (פאר אהל אי קעהר) פון מיינעטוועגען.

for all I know (פאר אהל אי נאו) ווי מיר איז בעוואוסט.
For all I know, he is a good man.

for all that (פאר אהל טהעט) דאך.
For all that, I don't agree with you.

for all the world (פאר אהל טהי הוואירלד) פון יעדען שטאנדפונקט; פינקטליך; פאלקאם, ריכטיג.

fora'men *n.* (פא-ריי'-מען) אין אנאטאמיע און זאאלאגיע — אן עפענונג, א לאך, א דורכגאנג.

for an age (פאר ען איידזש) פאר א לאנגע צייט, פון א שאק מיט יאהרען.
I have not seen you for an age.

for appear'ances sake (פאר ע-פיער'-ענ-סעז סייק) לפנים, צום שיין.

for a sea'son (פאר ע סיע'זן) אויף א געוויסער צייט.
The house was rented for a season.

for as much (פאר עז מאטש) נעהמענדיג אין אנבעטראכט אז; ווייל.

for a song (פאר ע סאנג) פאר א שיבעש, פאר א קליינינקייט, זעהר ביליג.
The house was sold for a song.

for a spell (פאר ע ספעל) פאר א לאנגע צייט.

for a while (פאר ע הוואיל) אויף א ווײלע.

for ay (פאר איי) אויף אייביג, לעולם ועד.

for'ay *v. and n.* (פאר'-איי) ראבעווען, פלינדערען; דאס ראבירען, דאס פלינדערען.

for'ayer *n.* (פאר'-איי-ער) איינער וואס ראבירט אדער פלינדערט.

forbear' *v.* (פאר-בעהר') זיך איינהאלטען; איבערטראגען; אויסהאלטען; זיך אבהאלטען פון עפעס.

forbear'ance *n.* (פאר-בעהר'-ענס) דאס איינהאלטען זיך; דאס אויסהאלטען מיט געדולד; דאס אבהאלטען זיך פון צו פאדערען א געוויסען רעכט אויף עפעס.

forbear'ance is no acquit'tance (פאר-בעהר'-ענס איז נאו ע-קהוויט'-ענס) אבגעלעגט איז ניט אבגעזאגט [אבהאלטען זיך מיינט ניט אבזאגען זיך].

forbear'er *n.* (פאר-בעהר'-ער) איינער וואס האלט זיך איין.

forbear'ing *a.* (פאר-בעהר'-אינג) גענייגט צו איבערטראגען.

forbear' obser'ving (פאר-בעהר' אב-זויר'-ווינג) זיך איינהאלטען פון א בעמערקונג.

forbid' *v.* (פאר-ביד') פערביעטען; פערהינדערען, פערהיטען.

forbid'den (פאר-ביד'ן) פערבאטען, פערהינדערט, פערהיט. ז. ***forbid***

forbid'denly *adv.* (פאר-ביד'נ-לי) אויף א פערבאטענעם, ניט ערלויבטען שטייגער.

forbid'der *n.* (פאר-ביד'-ער) א פערבאטער; דער אדער דאס וואס ערלויבט ניט.

forbid'ding *a.* (פאר-ביד'-אינג) אונצופריעדען, אונאנגענעהם, בעליידיגענד; צוריקשטויסענד, צוריקווייזענד.

forbid'dingly *adv.* (פאר-ביד'-אינג-לי) אויף א צוריקשטויסענדען, אונאנגענעהמען אדער אונצופריעדענעם שטייגער.

forbid' the banns (פאר-ביד' טהי בענז) ארויסטרעטען אפיציעל מיט אן אויסזעצונג אדער מיט טענות נעגען איינעם הייראט וואס דארף פארקומען. ז. ***banns***

forbore' (פאר-באור') ערטראגען, נעדולדעט; איינגעהאלטען. ז. ***forbear***

for cause (פאר קאהז) דורך אן אורזאכע וואס איז בעשטימט דורך'ן געזעץ.
Some public officials are removable only for cause.

force *n. and v.* (פאורס) קראפט, שטארקייט, מאכט; גוואלט; ווערטה, בעדייטונג, וויכטיגקייט; אן ארגאניזאציאן, א קערפערשאפט, א קאמפאניע [הויפטזעכליך מיליטערישע]; מיליטערישע קראפט; ים-מאכט; ווירקונג; צווינגען, נויטען, איבערוועלטיגען; מיט גוואלט עפעס דורכפיהרען אדער אויפטהאן; ארויפדרינגען; ארויפצווינגען; אויסווירקען עפעס דורך בעזונדערע מיטלען [ווי למשל, דאס וואקסען פון פלאנצען דורך קינסטליכער ווארעמקייט]; זיין פון וויכטיגקייט; זיך קימערען; זיין אונענטשלאסען, ניט וואגען; אנשטאפען [שפייזען]; ארומשערען, ארומהאקען [די האר אדער וואל]; אין קארטען-שפיעל — צווינגען איינעם צו שפיעלען אזוי, אז מען זאל מעהר אדער ווענינער האבען א בעגריף וועגען זיינע קארטען.

for'ceable *a.* (פאור'-סעבל) וואס מען קען צווינגען, וואס מען קען ארויסרופען מיט גוואלט אדער מיט קינסטליכע מיטלען.

force along' (פאורס ע-לאנג') טרייבען פארווערטס, פארטרייסען, מיטרייסען.

force a trade (פאורס ע טרייד) שטרעבען צו פערשאפען זיך א גרויסע קונדשאפט.

force away' (פאורס ע'הוויי') אוועקטרייבען, אבשטויסען.

force a way through (פאורס ע הוויי טהרוה) דורכברעכען, זיך דורכברעכען א וועג.

forced *a.* (פאורסט) געצוואונגען; ארויסגערופען דורך אנשטרענגונג; אוננאטירליך, קינסטליך.

forced abor'tion (פאורסט ע-באר'-שאן) א געצוואונגענע פריה-געבורט [דאס מפיל זיין דורך קינסטליכע מיטלען].

forced march (פאורסט מארטש) א שנעלער מארש.

for'cedness *n.* (פאור'-סעד-נעס) געצוואונגענהייט, געקינסטעלטקייט, אוננאטירליכקייט.

force down (פאורס דאון) ארונטערשטויסען, ארונטערטרייבען.

forced put (פאורסט פוט) א נויטפאל.

forced sale (פאורסט סייל) א געצוואונגענער אויספערקויף פון די סחורות [ווען למשל, די בעלי-חובות צווינגען דערצו].

force for'ward (פאורס פאר'-הווארד) שטויסען פארווערטס, טרייבען פארווערטס.

force from (פאורס פראם) ארויסטרייבען; ארויסרייסען.

force'ful *a.* (פאורס'-פול) שטארק, קרעפטיג, גוואלטיג; וואס ווערט געטריבען מיט קראפט אדער גוואלט.

force'fully *adv.* (פאורס'-פול-אי) מיט קראפט; אויף א קרעפטיגען אדער גוואלטיגען אופן.

force'fulness *n.* (פאורס'-פול-נעס) קרעפטיגקייט, גוואלטזאמקייט.

force in'to (פאורס אינ'-טו) ארייננטרייבען, ארייניאגען, ארייננשלאגען.

force'less *a.* (פאורס'-לעס) קראפטלאז, מאכטלאז.

force'meat *n.* (פאורס'-מיעט) געהאקט פלייש; געהאקט פלייש אלס פילעכץ; געפילט פלייש.

force of arms (פאורס אוו ארמז) וואפען-גוואלט.

force on (פאורס אן) טרייבען ווייטער; ארויפצווינגען, ארויפדרינגען.

force one's hand (פאורס הוואנז הענד) אין קארטען-שפיעל — צווינגען איינעם צו שפיעלען אזוי אז מען זאל האבען מעהר אדער ווענינער א בעגריף וועגען זיינע קארטען; צווינגען איינעם ער זאל אויפדעקען זיין כונה אדער זיינע פלענער.

force o'pen (פאורס או'פן) אויפברעכען.
The house was forced open by burglars.

for'ceps *n.* (פאר'-סעפס) א צוואנג; קערפער-טיילען [ביי מענשען און אינזעקטען] וואס זיינען עהנליך צו אדער ווירקען ווי צוואנגען.

force'-pump *n.* (פאורס'-פאמפ) א דרוק-פומפ [א פומפ וואו דאס וואסער ווערט ארויפגעבראכט דורך דרוק].

for'cer *n.* (פאור'-סער) איינער אדער עטוואס וואס צווינגט צו עפעס מיט גוואלט, וואס טרייבט אדער האלט צוריק; דער קאלבען פון א דרוק-פומפ.

for cer'tain (פאר סויר'-טען) אויף געוויס, אויף בעשטימט.

forc'es *n.* (פאורס'-עז) מיליטערישע מאכט; חיל.

force upon' (פאורס א-פאן') ארויפדרינגען, ארויפצווינגען.
The action I took was forced upon me by the circumstances.

force wine (פאורס הוואין) דורך קינסטליכע מיטלען מאכען וויין אויסקוקען אלט.

for'cible *a.* (פאור'-סיבל) שטארק, קרעפטיג, ענערגיש, ווירקענד, גוואלטיג, געצוואונגען.

for'cible-fee'ble *a. and n.* (פאור'-סיבל-פיע'בל) וואס שטרעבט אויסצוזעהן כלומר'שט שטארק; איינער וואס שטרעבט אויסצוזעהן שטארק, אבוואהל ער איז שוואך.

for'cibleness *n.* (פאור'-סיבל-נעס) גוואלטזאמקייט, קרעפטיגקייט; ווירקזאמקייט, געצוואונגענהייט.

for'cibly *adv.* (פאור'-סי-בלי) מיט קראפט, מיט ענערגיע, מיט גוואלט; אויף א געצוואונגענעם אופן.

for'cing *a. and n.* (פאור'-סינג) צווינגענד, ווירקענד מיט קראפט אדער גוואלט; דאס ארויסברייננגען פלאנצען דורך קינסטליכער ווארעמקייט.

for'cing-house *n.* (פאור'-סינג-האוס) א טרייב-הויז [א פלאץ, וואו מען האלט

קינסטליך אויף א געוויסע טעמפעראטור, כדי פלאנצען זאלען וואקסען שנעלער און בעסער].

for'cing-pump *n.* (פאור'-סינג-פאמפ) ז. ***force-pump.***

for'cipate *a.* (פאר'-סי-פייט) צוואנגען-עהנליך.

for'cipated *a.* (פאר'-סי-פיי-טער) ז. ***forcipate.***

forcipa'tion *n.* (פאר-סי-פיי'-שאן) דאס מאטערען, דאס רייסען דאס פלייש מיט צוואנגען; דאס זיין צוואנגען-עהנליך [וועגען געוויסע קערפער-טיילען ביי חיות און אינזעקטען].

ford *n. and v.* (פאורד) א פלאכער פלאץ אין א וואסער-שטראם, וואו מען קען איבערגעהן צופוס; א וואסער-שטראם, וועלכען מען דארף איבערגעהן; דורכגעהן צופוס א וואסער-שטראם, דורכבראדיען.

for'dable *a.* (פאור'-דעבל) פלאך, ניט טיעף, וואס מען קען אריבערגעהן צופוס [וועגען א וואסער].

The stream is fordable at all seasons of the year.

for'dableness *n.* (פאור'-דעבל-נעס) דאס זיין פלאך, ניט טיעף [וועגען וואסער] אזוי, אז מען קען עס איבערגעהן צופוס.

for days (פאר דייז) פאר פיעלע טעג.

for days togeth'er (פאר דייז טו-געטה'-ער) ז. ***for days.***

fordo' *v.* (פאר-דו') פערניכטען, צושטערען, רואינירען; אויסמאטערען, איבערוועלטיגען [ווי דורך מיעדקייט].

fore *prep., adv., a. and n.* (פאור) פון פארענט; אין דער אנוועזענהייט, פאר'ן אנגעזיכט; וואס געהט פארויס, וואס געפינט זיך פון פארענט, וואס קומט פריהער [אין צייט אדער אין פלאץ]; דער פראנט, דער פאדערשטער טייל; די פאדערשטע מאסט [ביי א שיף].

fore'-and-aft' *a. and n.* (פאור'-ענד-עפט') ביי שיפען — וואס געהט פון פארענט נאך הינטען, וואס געהט דורך דער גאנצער לענג פון שיף; וואס שטעהט אין מיטען שיף מיט די ברעגעס צו דער מאסט [וועגען זעגלען]; א שיפעל מיט אזעלכע זעגלען; א היטעל, א קאפ מיט צוויי דאשקעס [פון פארענט און פון הינטען].

fore'arm *n.* (פאור'-ארם) דער פאדער-ארם [דער טייל פון דער האנד צווישען עלענבויגען און געלענק].

forearm' *v.* (פאור-ארם') זיך פארויס בעוואפענען אדער צוגרייטען צום קאמפף.

forebear' *n.* (פאור-ביער') איינער פון די עלטערען; א זיידע, אן אור-פאטער.

fore'belief *n.* (פאור'-בי-ליעף) דער פריהערדיגער גלויבען.

forebode' *v.* (פאור-באוד') פארויסזאגען [שלעכטס, אונגליק]; פראפעצייהען, נביאות זאגען [בעזונדערס וועגען אונגליק]; האבען א פארגעפיהל.

forebode'ment *n.* (פאור-באוד'-מענט) פארויסזאגונג, פראפעצייהונג [בעזונדערס וועגען שלעכטס].

forebo'der *n.* (פאור-באו'-דער) א פארויסזאגער, א נביאות-זאגער [בעזונדערס וועגען שלעכטס].

forebo'ding *n.* (פאור-באו'-דינג) א פארויסזאגונג, א פראפעצייהונג [בעזונדערס וועגען א קומענדען אונגליק].

forebo'dingly *adv.* (פאור-באו'-דינג-לי) אויף א פראפעצייהענדען אדער ווארנענדען אופן.

fore'body *n.* (פאור'-באד-אי) דער פאדערשטער קערפער-טייל פון א שיף.

forecast' *v.* (פאור-קעסט') פארויס אורטיילען; פריהער איבערלעגען, פריהער בעדענקען; פארויסזעהען.

Politicians often forecast the result of an election.

fore'cast *n.* (פאור'-קעסט) א פארויס-אורטיילונג; א פארויסזעהונג; פארבעדענקונג, פאראיבערלעגונג.

forecas'ter *n.* (פאור-קעס'-טער) איינער וואס איבערלעגט זיך פריהער; א פארזיכטיגער; איינער וואס מאכט פלענער אין פארויס; איינער וואס אורטיילט אין פארויס.

forecas'ting *n. and a.* (פאור-קעס'-טינג) פאראיבערלעגונג, פארבעדענקונג, פארויסאורטיילונג; וואס איבערלעגט זיך פריהער; וואס אורטיילט אין פארויס.

forecas'tingly *adv.* (פאור-קעס'-טינג-לי) מיט פאראיבערלעגונג, מיט פארבעדענקונג; מיט פארויסאורטיילונג.

fore'castle *n.* (פאור'-קעסל) דער פאדערשטער טייל פון א שיף; דער טייל פון א שיף וואו די שיפס-מאנשאפט וואהנט.

fore'castleman *n.* (פאור'-קעסל-מען) איינער פון די מאטראזען וואס ווערען געשטעלט אין דעם פאדערשטען טייל פון שיף.

foreclose' *v.* (פאור-קלאוז') אויסשליסען; אויסשליסען פון דעם רעכט צוריק אויסצוקויפען פער'משכונ'טע גיטער.

foreclo'sure *n.* (פאור-קלאו'-זשור) אויסשליסונג; דאס אויסשליסען פון דעם רעכט אויסצוקויפען צוריק פער'משכונ'טע גיטער.

fore'court *n.* (פאור'-קאורט) דער פאדער-הויף פון א הויז.

foredate' *v.* (פאור-דייט') שטעלען א פריהערדיגען דאטום.

fore'-deck *n.* (פאור'-דעק) דער פאדער-דעק פון א שיף.

foredesign' *v.* (פאור-די-זאין') פריהער בעדענקען; מאכען א פלאן אין פארויס.

foredo' *v.* (פאור-דו') צוגרייטען פון פריהער; פריהער טהאן.

foredoom' *v.* (פאור-דוהם') פריהער בעשטימען; אין פארויס פעראורטיילען.

fore'-door *n.* (פאור'-דאור) א פאדער-טהיר.

fore'-end *n.* (פאור'-ענד) א פאדער-טייל.

fore'father *n.* (פאור'-פא-טהער) אן אור-פאטער.

fore'fathers' day (פאור'-פא-טהערז דיי) דער 21טער דעצעמבער, וואס ווערט געפייערט אין די ניי-ענגלאנד שטאאטען פון אמעריקא אלס אנדענקונגס-טאג, ווען די ערשטע אימיגראנטען האבען זיך אין יאהר 1620 בעזעצט אין פלימוטה, מאסאטשוזעטס.

forefeel' *v.* (פאור-פיעל') פיהלען אין פארויס, האבען א פארגעפיהל.

fore'feeling *n.* (פאור'-פיעל-אינג) א פארגעפיהל.

forefend' *v.* (פאור-פענד') פערביעטען; פערהיטען.

fore'finger *n.* (פאור'-פינ-גער) דער ציינג-פינגער [דער צווייטער פינגער].

foreflow' *v.* (פאור-פלאו') פארויס פליסען.

fore'foot *n.* (פאור'-פוט) א פאדער-פוס [פון א חיה].

fore'front *n.* (פאור'-פראנט) די פאדער-רייהע; די פאדער-זייט.

foregath'er *v.* (פאור-געטה'-ער) ווערען גוט בעפריינדעט; זיך פערזאמלען, זיך טרעפען.

fore'-gift *n.* (פאור'-גיפט) א צאהלונג אין פארויס.

forego' *v.* (פאור-גאו') געהן אין פארויס; אויפגעבען, פערלאזען.

forego'er *n.* (פאור-גאו'-ער) איינער וואס געהט פארויס; א פארגענגער; איינער פון וואס עפעס שטאמט אב; עלטערען.

forego'ing *n. and a.* (פאור-גאו'-אינג) דאס געהן פארויס; פריהערגעהענד.

foregone' *a.* (פאור-גאן') וואס איז פאר-איבער; פארויס בעשטימט.

fore'ground *n.* (פאור'-גראונד) א פאר-גרונד [דער טייל פון א לאנדשאפט אדער סצענע אויף א בילד, וואס ערשיינט נעהנטער צום אויג].

fore'hammer *n.* (פאור'-העמ-ער) דער גרויסער האמער פון א שמיעד וואס האמערט צוערשט און נאכדעם קומט דער קלייענער האמער.

fore'hand *n. and a.* (פאור'-הענד) דער פאדערשטער טייל פון פערד וואס איז אין פראנט ביי דעם רייטער; זייענדיג אין פארויס, האבענדיג די פארהאנד.

fore'handed *a.* (פאור'-הענ-דעד) פריה-צייטיג; וואס איז אין פאדער-טייל; וואס איז אין גוטע אומשטענדען.

fore'head *n.* (פאר'-עד) דער שטערן; דרייסטקייט; זיכערהייט, איינגעגלייבטקייט.

fore'hold *n.* (פאור'-האולד) דער פאדער-רוים פון א שיף.

for'eign *a.* (פאר'-איין) פרעמד, אויס-לענדיש; פרעמד-ארטיג.

for'eign attach'ment (פאר'-איין עטעטש'-מענט) דאס ארויפלעגען אן ארעסט אויף אן אויסלענדער'ס איינגענטום.

for'eign coun'try (פאר'-איין קאנ'-טרי) אויסלאנד.

for'eigner *n.* (פאר'-איינ-ער) א פרעמדער, אן אויסלענדער.

for'eignism *n.* (פאר'-איינ-איזם) דאס זיין פרעמד אדער אויסלענדיש; א פרעמדער אויסדרוק אדער מנהג.

for'eignize *v.* (פאר'-איינ-איז) ווערען אן אויסלענדער; זיך אננעהמען מיט אויסלענדישע אידעען אדער געוועהנהייטען.

for'eign let'ter-pa'per (פאר'-איין לעט'-ער-פיי'-פער) דין פאסט-פאפיער.

for'eignness *n.* (פאר'-איינ-נעס) פרעמדקייט.

for'eign of'fice (פאר'-איין אפ'-איס) דאס מיניסטעריום פאר אויסלענדישע אנגעלעגענהייטען.

for'eign sec'retary (פאר'-איין סעק'-רי-טער-אי) דער מיניסטער פון אויסערען [פאר אויסלענדישע אנגעלעגענהייטען].

forejudge' *v.* (פאור-דזשאדזש') אורטיילען פארויס, אורטיילען ניט אויסהערענדיג די פאקטען און בעווייזע.

forejudg'ment *n.* (פאור-דזשאדזש'-מענט) דאס אורטיילען איידער מען בעקענט זיך מיט די פאקטען און בעווייזע; א פאראורטייל.

foreknew' (פאור-ניו') פריהער גע-וואוסט. ז. ***foreknow.***

foreknow' *v.* (פאור-נאו') פאהרערוויסען; וויסען אין פארויס.

foreknow'able *a.* (פאור-נאו'-עבל) וואס מען קען וויסען פון פריהער.

foreknow'er *n.* (פאור-נאו'-ער) דער וואס ווייסט פון פריהער.

God is the foreknower of all things.

foreknow'ingly *adv.* (פאור-נאו'-אינג-לי) וויסענדיג פריהער אדער פאר-אויס.

foreknowl'edge *n.* (פאור-נאל'-עדזש) דאס וויסען אין פארויס, דאס וויסען פון פריהער.

foreknown' *a.* (פאור-נאון') פון פריהער געוואוסט. ז. *foreknow*

for'el *n. and v.* (פאר'-על) פארמעט [צום איינבינדען ביכער]; איינבינדען אין פארמעט.

fore'lady *n.* (פאור'-ליי-די) די הויפט-מייסטערין אין א פאבריק; אן אויפזעהערין אין אן אבטיילונג פון א געשעפט.

fore'land *n.* (פאור'-לענד) דאס פאר-לאנד [א שטיק לאנד וואס רוקט זיך ארויס אין ים].

fore'lock *n.* (פאור'-לאק) די פאדער-האר פון קאפ [טשופרינע]; א שטיקעל אייזען וואס ווערט דורכגעשטעקט דורך א לאך ביים ענד פון א באלצען, כדי מען זאל איהם ניט קענען ארויסציהען.

fore'man *n.* (פאור'-מען) א פארמאן, דער הויפט-מייסטער אין א פאבריק; דער הויפט-מאן פון געריכטס-געשווארענע.

fore'manship *n.* (פאור'-מען-שיפ) דאס אמט, די שטעלע אדער די ארבייט פון דעם הויפט-מייסטער אין א פאבריק אדער פון דעם הויפט-מאן פון געריכטס-געשווארענע.

fore'mast *n.* (פאור'-מעסט) די פאדער-מאסט פון א שיף.

fore'mastman *n.* (פאור'-מעסט-מען) דער מאטראז אויף דער פאדער-מאסט; א געוועהנליכער מאטראז.

fore'-men'tioned *a.* (פאור'-מענ'-שאנד) אויבען-דערמאנט; אויבען-געשריבען.

fore'most *a.* (פאור'-מאוסט) וואס איז דער ערשטער, דער וויכטיגסטער אדער בע-ריהמטסטער.

Abraham Lincoln is the foremost character in American history.

fore'name *n.* (פאור'-ניים) דער פאר-נאמען, דער ערשטער אדער פערזענליכער נאמען פון א מענשען אויסער זיין פאמי-ליען-נאמען.

fore'named *a.* (פאור'-ניימד) וואס איז אויבען-דערמאהנט, הנ"ל.

fore'noon *n. and a.* (פאור'-נוהן) פארמיטאג-צייט; פון פארמיטאג-צייט; וואס איז שייך צו פארמיטאג-צייט.

forenoon' *n.* (פאור-נוהן') פארמיטאג-צייט.

fore'notice *n.* (פאור'-נאו-טיס) א פאר-לויפיגע מיטטיילונג; א פארבעדייטונג, א פאר-צייכען.

foren'sic *a. and n.* (פא-רענ'-סיק) וואס איז שייך צו אן עפענטליכער דיסקו-סיאן אדער דעבאטע; יורידיש, געריכט-ליך; וואס איז שייך צום געריכט; א גע-שריבענער אדער ארויסגעשפראכענער אר-גומענט.

foren'sic abil'ity (פא-רענ'-סיק ע-ביל'-אי-טי) די פעהיגקייט צו ארגומענטי-רען אדער דעבאטירען.

Not all lawyers must possess forensic ability.

foren'sical *a.* (פא-רענ'-סי-קעל) ז. *forensic*

foren'sic med'icine (פא-רענ'-סיק מעד'-אי-סין) די געריכטליכע מעדיצין [די וויסענשאפט, וועלכע בעהאנדעלט פערשיעדענע מעדיצינישע פראגען בנוגע צו יורידישער און געריכטליכער פראקטיק, ווי למשל, ווען און צוליעב וועלכע אור-

זאכען איז געשעהען דער טויט פון א דער-הרג'עטען ביי א מארד-פּראצעס א. ד. ג.].

foreordain' *v.* (פאור-אר-דיין') פאר-הער אדער פון פארויס בעשטימען.

foreordina'tion *n.* (פאור-אר-די-ניי'-שאן) פארהער-בעשטימונג; פרעדעס-טינאציאן [די לעהרע, אז גאט, איידער ער האט בעשאפען די וועלט, האט פארויס בעשטימט יעדע זאך וואס וועט פאסירען אין לעבען].

fore'part *n.* (פאור'-פארט) א פאדער-טייל; דער פראנט.

fore'payment *n.* (פאור'-פיי-מענט) פארויסבעצאהלונג.

foreplan' *v.* (פאור-פלען') פארויס פלא-נעווען, פארויס בעשטימען.

forerun' *v.* (פאור-ראן') פארגעהן, פאר-לויפען; קומען פריהער; אנזאגען.

forerun'ner *n.* (פאור-ראנ'-ער) א פאר-לויפער; א שליח וואס לויפט פארויס; א פאר-צייכען.

fore'sail *n.* (פאור'-סייל) א פאדער-זעגעל פון א שיף.

foresaw' (פאור-סאה') פארגעזעהן. ז. *foresee*

foresay' *v.* (פאור-סיי') פארויסזאגען, בעשטימען פארויס; נביאות זאגען.

foresee' *v.* (פאור-סיע') פארהערזעהן, פארויסזעהן.

foresee'ing *a.* (פאור-סיע'-אינג) פאר-אויסזעהענד; וואס זעהט וואס שפעטער וועט זיין.

foresee'ingly *adv.* (פאור-סיע'-אינג-לי) דורך פארויסזעהן פריהער וואס עס וועט פארקומען; מיט א בליק פון א נביא.

foreseen' *a.* (פאור-סיען') פארויסגע-זעהן. ז. *foresee*

forese'er *n.* (פאור-סיע'-ער) א פארויס-זעהער, איינער וואס ווייסט וואס עס וועט שפעטער פאסירען.

fore'shadow *n.* (פאור'-שעד-או) דאס פארויס אנווייזען אויף עפעס וואס דארף פאסירען אדער אנקומען.

foreshad'ow *v.* (פאור-שעד'-או) פאר-אויס אנדייטען.

foreshad'ower *n.* (פאור-שעד'-א-ער) איינער וואס דייטעט אן פארויס אויף א זאך, וועלכע דארף פאסירען.

foreshad'owing *n.* (פאור-שעד'-א-אינג) די בילדליכע פארשטעלונג, דאס פארשטעלען אין בילדער.

fore'shaft *n.* (פאור'-שעפט) א שטיקעל האלץ אדער ביין וואס ווערט צוגעזעצט צום אויבערשטען טייל פון א פייל פון בויגען, כדי צוצוגעבען איהר מעהר גע-וויכט.

fore'-sheet *n.* (פאור'-שיעט) א שטריק מיט וואס מען האלט צו די פאדערשטע זעגעל אין א שיף.

fore'ship *n.* (פאור'-שיפ) דער פאדער-שטער אויסגעבויגענער טייל פון א שיף.

fore'shore *n.* (פאור'-שאור) דער פלא-כער ברעג פון ים, וועלכער בלייבט טרו-קען אין דער צייט פון וואסער-אבפאל אדער עבע.

foreshor'ten *v.* (פאור-שאהר'-טען) אין צייכנען — פערקירצען [פארשטעלען א פיגור אין פערספעקטיוו אזוי, אז עס זאל זיך בעקומען א פארשטעלונג פון איהר גאנצער לענג, כאטש עס איז בעוויזען גע-ווארען נור א טייל פון דיעזער לענג].

foreshort'ening *n.* (פאור-שאהרט'-נינג) אין צייכנען — די פערקירצונג. ז. *foreshorten*

foreshow' *v.* (פאור-שאו') פארהער אנ-צייגען, פארויס אנווייזען.

foreshown' *a.* (פאור-שאון') פארהער אנגעצייגט. ז. *foreshow*

fore'side *n.* (פאור'-סאיד) די פאדערשטע זייט, די אויסען-זייט, דער פראנט.

fore'sight *n.* (פאור'-סאיט) דאס פארויס-זעהן; דאס פארהער-וויסען; די פארזיכט.

fore'skin *n.* (פאור'-סקין) די פארהויט, די ערלה.

fore'sleeve *n.* (פאור'-סליעוו) דער פא-דערשטער טייל פון אן ארבעל [פון גע-לענק ביז'ן עלענבויגען].

forespur'rer *n.* (פאור-ספיר'-ער) איינער וואס רייט פארויס.

for'est *n., a. and v.* (פאר'-עסט) א וואלד; וואס איז שייך צו וואלד; בעדע-קען מיט וואלד.

fore'-staff *n.* (פאור'-סטעף) אן אינ-סטרומענט וואס מען פלעגט אמאל געברוי-כען אויסצוגעפינען די הויך פון דער זון אדער פון די שטערען.

for'estage *n.* (פאר'-עס-טיידזש) אן אבצאהל פאר די אויפזעהער פון די קע-ניגליכע וועלדער [אין ענגלאנד]; די דיענסטע פון אן אויפזעהער פון קעניגלי-כע וועלדער.

for'estal *a.* (פאר'-עס-טעל) וואס איז שייך צו וואלד.

forestall' *v.* (פאור-סטאהל') פערכאפען פריהער, פערלויפען דעם וועג, אויסקויפען עפעס אויף'ן וועג צום מארק אדער פאר דער עפענונג פון מארק, כדי צו קענען נאכדעם העכערען דעם פרייז; פערשטע-לען דעם וועג, איבערנעהמען אויף'ן וועג.

forestall'er *n.* (פאור-סטאהל'-ער) איי-נער וואס פערכאפט פריהער, וואס פער-לויפט דעם וועג אדער וואס קויפט אויס די גאנצע וואארע אויף'ן וועג צום מארק אדער פאר דער עפענונג פון מארק, כדי צו קענען העכערען דעם פרייז.

forestall'ing *n.* (פאור-סטאהל'-אינג) דאס פערלויפען דעם וועג ביים אויפקויפען וואארען, דאס אויסקויפען די גאנצע וואארע, כדי צו קענען העכערען דעם פרייז; דאס אויסקויפען די וואארע אויף'ן וועג צום מארק אדער פאר דער עפענונג פון מארק; דאס איינריידען די יעניגע וואס פיהרען סחורה צום מארק, אז זיי זאלען די סחורה אהין ניט פיהרען, אדער אז זיי זאלען דארט העכערען דעם פרייז.

fore'stay *n.* (פאור'-סטיי) א דיקער שטריק וואס האלט אונטער די פאדער-מאסט [אויף א שיף].

for'ester *n.* (פאר'-עס-טער) א וואלד-אויפזעהער; א וואלד-וועכטער; א וואלד-איינוואהנער, אן איינוואהנער פון א וויל-דערניש; דער גיגאנט-קענגורו [אזא חיה]; אזא שמעטערלינג.

For'esters *n.* (פאר'-עס-טערז) א געווי-סער ברידערליכער ארדען אין ענגלאנד און אמעריקא.

for'estership *n.* (פאר'-עס-טער-שיפ) דאס אמט פון א וואלד-אויפזעהער.

for'est-folk *n.* (פאר'-עסט-פאוק) וואלד-איינוואהנער [וועגען מענשען, חיות אדער וועגען די פערשיעדענע גייסטער וואס האל-טען זיך, לויט דעם פאלק'ס גלויבען, אין די וועלדער].

fore'stick *n.* (פאור'-סטיק) די פאדער-שטע האלץ-שייט וואס ברענט אין אן אויוועז.

for'estine *a.* (פאר'-עס-טין) וואס איז שייך צו וואלד; וואס לעבט אדער וואקסט אין וואלד.

for'est-laws *n.* (פאר'-עסט-לאהז) געזעצע וועגען וועלדער, רעגולירונגען וועגען האקען וועלדער און וועגען יאגד אין די וועלדער.

for'estry *n.* (פאר'-עס-טרי) וואלד־וויסענשאפט; די אבצאהלונגען צו די אויפזעהער פון די קעניגליכע וועלדער [אין ענגלאנד].

for'est-tree *n.* (פאר'-עסט-טריע) א וואלד־בוים [אין נעגענזאץ צו די קולטיווירטע פרוכט־בוימער].

fore'summer *n.* (פאור'-סאמ-ער) א פריהער זומער.

fore'taste *n.* (פאור'-טייסט) א פארגעשמאק; א פארגעפיהל.

foretaste' *v.* (פאור-טייסט') האבען א פארגעשמאק אדער פארגעפיהל; פערזוכען עפעס פריהער פון אן אנדערען.

foretas'ter *n.* (פאור-טייס'-טער) איינער וואס האט א פארגעשמאק אדער פארגעפיהל.

foretell' *v.* (פאור-טעל') פארויסזאגען, פראפעצייהען.

foretell'er *n.* (פאור-טעל'-ער) א פארויסזאגער, א פראפעצייהער, א נביא.

forethink' *v.* (פאור-טהינק') פארבעדענקען; פארבעטראכטען.

fore'thought *n.* (פאור'-טהאהט) פארבעדאכט, פארזיכטיגקייט, איבערלעגונג.

fore'time *n.* (פאור'-טאים) פריהערינע צייט, אמאלינע צייט.

foreto'ken *v.* (פאור-טאו'קן) ז. *foreshadow*.

fore'token *n.* (פאור'-טאוקן) ז. *foreshadow*.

foretoke'ning *n.* (פאור-טאוק'-נינג) ז. *foreshadowing*.

foretold' (פאור-טאולד') פארויסגעזאגט. ז. *foretell*.

fore'-tooth *n.* (פאור'-טוהטה) א פארדערשטער־צאהן, א שנייד־צאהן.

fore'top *n.* (פאור'-טאפ) די האר אדער די לאקען וואס הענגען אריבער איבער'ן שטערען; די פלאטפארם אויף דעם פארדערשטען מאסט [אויף א שיף].

fore'topman *n.* (פאור'-טאפ-מען) א וועכטער אויף דעם פארדערשטען מאסט [אויף א קריעגס־שיף].

fore'topmast *n.* (פאור'-טאפ-מעסט) דער שפיץ פון דעם פארדערשטען מאסט איבער דער וואך־פלאטפארם.

forev'er *adv.* (פאר-עוו'-ער) אויף תמיד, אויף אימער, אימער און אייביג.

for ev'er (פאר עוו'-ער) אויף אלע מאל.

for ev'er and a day (פאר עוו'-ער ענד ע דיי) אימער און אייביג.

forev'ermore *adv.* (פאר-עוו'-ער-מאור) פון היינט אן אויף אייביג; לעולם ועד.

forevouch' *v.* (פאור-וואוטש') פארויס פערזיכערען, פארויס בעשטעטיגען.

forewarn' *v.* (פאור-הוואהרן') פארויס ווארנען, פארויס מזהיר זיין.

forewar'ning *n.* (פאור-הוואהר'-נינג) א ווארנונג, אן אזהרה.

foreweigh' *v.* (פאור-הוויי') פארויס אבשאצען, פארויס בעשטימען די אויסגאבען.

fore'wind *n.* (פאור'-הווינד) א גינסטיגער ווינד, א ווינד וואס בלאזט אין דער ריכטונג וואהין די שיף דארף געהן.

forewish' *v.* (פאור-הוויש') פארויס ווינשען, וועלען אדער פערלאנגען.

fore'woman *n.* (פאור'-הוואומ-ען) די הויפט־מייסטערין אין א פאבריק; אן אויפזעהערין אין אן אבטיילונג פון א געשעפט.

fore'word *n.* (פאור'-הוואירד) א פאר־ווארט [צו א ליטערארישען ווערק].

fore'world *n.* (פאור'-הוואירלד) די פריהערינע וועלט; די וועלט אין איהר פריהערינען צושטאנד; די וועלט פאר'ן מבול.

for exam'ple (פאר עג-זעמ'פל) למשל, צום ביישפיעל.

for fear (פאר פיער) אויס מורא.

for'feit *v., n. and a.* (פאר'-פיט) פערלירען [אלס שטראף פאר א פערברעכען, פעהלער אדער פערנאכלעסיגונג]; בריינגען צו א פערלוסט [אלס שטראף]; עפעס וואס מען פערלירט אלס שטראף; א שטראף; א קאנפיסקירונג; א פאנד [א זאך געגעבען אלס משכון אין שפיעלען]; פערלארען [אלס שטראף].

for'feitable *a.* (פאר'-פי-טעבל) וואס מען קען צונעהמען, וואס מען קען קאנפיסקירען אדער וואס מען קען פערלירען אלס שטראף פאר א פערברעכען אדער פערנאכלעסיגונג.

for'feit cred'it (פאר'-פיט קרעד'-איט) פערלירען דעם קרעדיט, פערלירען דעם נאמען.

for'feiter *n.* (פאר'-פיט-ער) איינער וואס פערלירט עפעס [אלס שטראף פאר א פערברעכען, פעהלער אדער פערנאכלעסיגונג]; איינער, ביי וועמען מען קאנפיסקירט עפעס.

for'feit of the law (פאר'-פיט אוו טהי לאה) א פערברעכען געגען געזעץ.

for'feits *n.* (פאר'-פיטס) א פאנדען־שפיעל.

for'feiture *n.* (פאר'-פי-טשור) דאס פערלירען עטוואס [אלס שטראף פאר א פערברעכען, פעהלער אדער פערנאכלעסיגונג]; קאנפיסקירונג; דאס וואס ווערט קאנפיסקירט אדער וואס ווערט פערלארען [אלס שטראף]; א שטראף.

for'fex *n.* (פאר'-פעקס) א שער.

for'ficate *a.* (פאר'-פי-קייט) וואס זעהט אויס ווי א צועפענטע שער [וועגען דעם עק ביי פויגלען].

forfica'tion *n.* (פאר-פי-קיי'-שאן) דאס זיין ענליך צו א פאנאנדערגעעפענטער שער [ווי למשל, דער עק פון געוויסע פויגלען].

forgave' (פאר-גייוו') מוחל געווען. ז. *forgive*.

forge *n. and v.* (פאורדזש) א שמיעדע־הויז, א קוזניע; א ווערקשטאט; א טיגעל, א שמעלץ־אויווען; אן אייזען־פאבריק; שמיעדען; מאכען עפעס; ערפינדען; פעלשען, מאכען א פעלשונג; זיך שלעפען, לאנגזאם זיך בעוועגען [הויפטזעכליך וועגען א שיף].

forgeabil'ity *n.* (פאור-דזשע-ביל'-אי-טי) שמיעדבארקייט, די פעהיגקייט צו ווערען געשמיעדט.

for'geable *a.* (פאור'-דזשעבל) שמיעדבאר, וואס מען קען שמיעדען; וואס מען קען פארמירען, מאכען, אויסטראכטען אדער ערפינדען; וואס מען קען פעלשען.

forge'-bel'lows *n.* (פאורדזש'-בעל'-אוז) א בלאז־זאק [פון א שמיעד].

forge'-ham'mer *n.* (פאורדזש'-העמ'-ער) א שמיעד־האמער.

for'ger *n.* (פאור'-דזשער) איינער וואס שמיעדעט, מאכט אדער פארמירט עפעס; א שמיעד; איינער וואס פעלשט.

for'gery *n.* (פאור'-דזשער-אי) פעלשונג [פון פאפיערען אדער אונטערשריפטען]. The bank clerk was found guilty of forgery.

forge'-scale *n.* (פאורדזש'-סקייל) שמיעד־שופען [די דינע שופען וואס פאלען אב ביים שמיעדען געגליהטע אייזען].

forget' *v.* (פאר-געט') פערגעסען, ארויסלאזען פון זינען, פערזעהן.

forget'able *a.* (פאר-געט'-עבל) פערגעסבאר, וואס מען קען פערגעסען, וואס קען ארויס פון זכרון.

forget'ableness *n.* (פאר-געט'-עבל-נעס) פערגעסבארקייט.

forget'ful *a.* (פאר-געט'-פול) פערגעסליך, פערגעסענד; אונאויפמערקזאם, צוטראגען, נאכלעסיג; וואס בריינגט דערצו, מען זאל פערגעסען.

forget'fully *adv.* (פאר-געט'-פול-אי) פערגעסענד; מיט אונאויפמערקזאמקייט; מיט נאכלעסיגקייט, מיט צוטראגענקייט.

forget'fulness *n.* (פאר-געט'-פול-נעס) פערגעסליכקייט; אונאויפמערקזאמקייט, נאכלעסיגקייט, צוטראגענקייט.

forget'-me-not *n.* (פאר-נעט'-מי-נאט) פערגעס־מיך־ניט [א בלימעל מיט הימעל־בלויע בלעטלעך און אין מיטען געלב. ווערט בעטראכט אלס סימבאל פון פריינדשאפט. וואקסט מעהרסטענטייל אין פייכטע געגענדען].



Forget-me-not

forget' one's self (פאר-געט' הוואנז סעלף) זיך פערגעסען, פערלירען די קאנטראלע איבער זיך; זיין ניט איינגענוציג.

forge'-tongs *n.* (פאורדזש'-טאהנגז) א שמיעד'ס פייער־צוואנג.

forget'table *a.* (פאר-געט'-עבל) ז. *forgetable*.

forget'tableness *n.* (פאר-געט'-עבל-נעס) ז. *forgetableness*.

forget'ter *n.* (פאר-געט'-ער) א פערגעסער, א בעל־שכחה; אן אונאויפמערקזאמער, נאכלעסיגער, צוטראגענער מענש.

forget'tingly *adv.* (פאר-געט'-אינג-לי) פערגעסענדיג; מיט צוטראגענקייט.

forge'-wa'ter *n.* (פאורדזש'-הוואה'-טער) וואסער, אין וועלכען א שמיעד האט איינגעטונקען זיין אנגעגליהטע צוואנג [ווערט געברויכט פון אבערגלויבישע מענשען אלס מיטעל געגען איינינע קראנקהייטען].

for'ging *n. and a.* (פאור'-דזשינג) אן אויסגעשמיעדעט שטיק מעטאל; דאס שמיעדען; דאס מאכען אדער פארמירען; פעלשונג; שמיעדענדיג, מאכענדיג, פארמירענדיג; פעלשענדיג.

forgiv'able *a.* (פאר-גיוו'-עבל) וואס מען קען פערצייהען, מוחל זיין אדער פערגעבען.

forgive' *v.* (פאר-גיוו') פערגעבען, פערצייהען, ענטשולדיגען, מוחל זיין.

forgive' free'ly (פאר-גיוו' פריע'-לי) גערן אדער פאלשטענדיג מוחל זיין.

forgive'ness *n.* (פאר-גיוו'-נעס) פערגעבונג, פערצייהונג, מחילה.

forgiv'er *n.* (פאר-גיוו'-ער) איינער וואס איז מוחל.

forgiv'ing *a.* (פאר-גיוו'-אינג) פערגעבענד; מילד, גוטמוטיג, גוטהערציג, מיטפיהלענד.

forgiv'ingly *adv.* (פאר-גיוו'-אינג-לי) אויף א פערגעבענדע, מיטפיהלענדע, מילדע אדער גוטהערציגע אופן.

forgiv'ingness *n.* (פאר-גיוו'-אינג-נעס) דאס זיין געניינט מוחל צו זיין; מילדקייט; גוטהערציגקייט.

forgo' *v.* (פאר-גאו') אויסגעבען; פערלאזען.

for God's sake! (פאר גאדז סייק) אום גאטעס ווילען!

forgo'er *n.* (פאר-גאו'-ער) ז. *foregoer*

for good (פאר גוד) אויף אימער; גענצליך; ענדגילטיג.

He left his position for good.

for good'ness' sake (פאר גוד'-נעס סייק) אום גאטעס ווילען!

forgot' (פאר-גאט') פערגעסען. ז. *forget*

forgot'ten *a.* (פאר-גאט'ן) פערגעסען. ז. *forget*

for heav'en's sake (פאר העוו'נז סייק) אום הימעל'ס ווילען! אום גאטעס ווילען!

for in'stance (פאר אינ'-סטענס) צום ביישפיעל, למשל.

forisfamil'iate *v.* (פאו-ריס-פע-מיל'-אי-אייט) אויסשליסען פון דער פאמיליע; בעפרייען פון דעם פאטער'ס מאכט [ווענן א זוהן, וועמען מען גיט אוועק זיין טייל פון פאטער'ס ירושה נאך ביים פאטער'ס לעבען].

forisfamilia'tion *n.* (פאו-ריס-פע-מיל-אי-איי'-שאן) אויסשליסונג פון דער פאמיליע; בעפרייאונג פון דעם פאטער'ס מאכט [ווענן א זוהן וואס קריעגט זיין טייל ירושה נאך ביים פאטער'ס לעבען]; דאס פארמעלע אבזאגען זיך פון אזא זוהן פון זיין רעכט אויף ירושה נאך'ן פאטער'ס טויט.

forjudge' *v.* (פאר-דזשארדזש') צונעהמען דורך א געריכטס-אורטייל; אוועקנעהמען דאס רעכט צו ערשיינען אין געריכט [ביי אן אדוואקאט].

fork *n. and v.* (פאהרק) א גאפּעל, א גראבליע; א ווידלע [א היי-גאפּעל אדער מיסט-גאפּעל]; עטוואס וואס איז ענהליך צו א גאפּעל אדער צו א ווידלע; א טייל, אן אבצווייגונג פון עפּעס וואס צוטיילט זיך אדער צושפּאלט זיך ווי די צייהן ביי א גאפּעל; די פיס; א געשטעל אוועקצולעגען די ביקס ביים צילעווען זיך; אננעהמען עפּעס מיט א גאפּעל, ווידלע אדער גראבליע; אויסשעפּען וואסער פון א שאכט; ווערען צוטיילט ווי די צייהן פון א גאפּעל, אננעהמען די פארם פון א גאפּעל.

forked *a.* (פאהרקט) גאפּעל-ענהליך; צוטיילט [ווי א גאפּעל]; שפּיציג; צווייי-דייטיג.

forked light'ning (פאהרקט לאיט'-נינג) א זיגזאג-בליץ.

for'kedly *adv.* (פאהר'-קעד-לי) אין דער פארם פון א גאפּעל.

for'kedness *n.* (פאהר'-קעד-נעס) דאס זיין געטיילט ווי א גאפּעל.

forked road (פאהרקט ראוד) א שיידע-וועג, א פּלאץ וואו וועגען שניידען זיך איבער.

forked way (פאהרקט וויי) ז. *forked road*

for keeps (פאר קיפּס) אויף בעשטענדיג, אויף אימער, אלס א געשענק.

He gave me the book for keeps.

fork'-head *n.* (פאהרק'-העד) א שיס-פייל מיט צוויי שפּיצען.

fork out (פאהרק אוט) זיך צוטיילען, זיך צושפּאלטען, ווערען גאפּעלפערמיג; אבצאהלען; ארויסשלעפּען פון די קעשענעס.

fork o'ver (פאהרק או'-ווער) אבצאהלען.

fork'-rest *n.* (פאהרק'-רעסט) א געשטעל אוועקצולעגען די ביקס ביים צילעווען זיך.

for'ky *a.* (פאהר'-קי) ז. *forked*

for less (פאר לעס) וועניגער, בילינגער.

for life (פאר לאיף) אויף'ן גאנצען לעבען.

forlorn' *a. and n.* (פאר-לאהרן') הילפלאז, אונגליקליך; איינזאם, עלענד, פערלאזען; בערויבט פון עפּעס; קליין, פערעכטליך; א פערלאזענער, אונגליקליכער, עלענדער מענש.

forlorn' hope (פאר-לאהרן' האופּ) אן אבטיילונג סאלדאטען וואס איז בעשטימט צו געהן פארויס ביי אן אטאקע אדער וואס איז בכלל בעשטימט פאר געפעהרליכע קריעגס-אונטערנעהמונגען; אן אונטערנעהמונג וואס האט ווייניג אויסזיכטען אויף ערפאלג.

forlorn'ly *adv.* (פאר-לאהרן'-לי) איינזאם, עלענד, הילפלאז, אונגליקליך, פערלאזען.

forlorn'ness *n.* (פאר-לאהרנ'-נעס) פערלאזענהייט, עלענד, הילפלאזיגקייט, אונגליקליכע לאגע.

form *n. and v.* (פארם) פארם, געשטאלט, געשטאלטונג, געבוי; שעהנע געשטאלט; א מאדעל; אין דרוקעריי — דרוק-זאץ געשלאסען אין א ראהם; רעגעלמעסיגקייט, איינארדנונג, ארדנונג, מעטאדע, סיסטעם; א פארמולע; אויסערליכקייט; סטיל [אין שרייבען]; פארמאליטעט, צערעמאניע; איינקלאנג מיט דעם קאנווענציאנעלען אדער אלגעמיין-אנגענומענעם; אויסזעהן, עהנליכקייט; פאלקאמענהייט, פאלשטענדיגע צוגעפּאסטקייט [צו מעסטען זיך אין כחות]; א בלאנק, א דאקומענט וואס דיענט אלס פארם אדער וועלכען מען דארף ערשט אויספילען; די טעאריע פון מוזיקאלישער קאמפּאזיציאן; א לאנגע באנק; תלמידים וואס זיצען אויף איין באנק; א קלאס [אין לעהר-אנשטאלטען אדער אין א געזעלשאפט]; די נעסט פון א האז; א ספּעציעלער מין; א גאטונג [הויפּטזעכליך וועגען חיות]; פארמירען, געשטאלטען, בילדען, שאפען, מאכען, אויסארבייטען; צוזאמענשטעלען, זיין א טייל פון עפּעס; אננעהמען א געוויסע פארם; לויפען צו א בעהעלטעניש אדער צו א נעסט [וועגען א האז].

for'mable *a.* (פאר'-מעבל) וואס מען קען פארמירען.

for'mal *a.* (פאר'-מעל) פארמעל; וואס איז לויט די אנגענומענע פארמען; סיסטעמאטיש, רעגעלמעסיג; אפיציעל; קאנווענציאנעל [נאך דעם אלגעמיין-אנגענומענעם]; פארמאליסטיש, מעטאדיש; וואס האלט זיך אן אלעם וואס איז קאנווענציאנעל; צערעמאניש; פּינקטליך; וואס איז שייך נור צו דער פארם, אויסערליך.

formal'dehyde *n.* (פאר-מעל'-די-האיד) אזא גאז וואס ווערט בענוצט פאר אנטיסעפּטישע צוועקען [צו פערניכטען מיקראבען].

for'malism *n.* (פאר'-מעל-איזם) פארמאליזם, פעדאנטיזם, דאס זיין פארמעל; איבערטריבענע פּינקטליכקייט; שטרענגע האלטונג אן בעשטימטע כללים און פארמען; אין פילאזאפיע — פענאמענאלער אידעאליזם, די סיסטעם וואס לייקענט אב די עקזיסטענץ פון שטאף און אנערקענט נור די פארם.

for'malist *n.* (פאר'-מעל-איסט) א פארמאליסט, א פעדאנט, איינער וואס איז איבערטריבען פּינקטליך, איינער וואס האלט זיך צו שטרענג אן בעשטימטע כללים אדער אן דעם אלגעמיין-אנגענומענעם; אין פילאזאפיע — אן אידעאליסט, איינער וואס לייקענט אין דער עקזיסטענץ פון שטאף און אנערקענט נור די עקזיסטענץ פון דער פארם.

formalis'tic *a.* (פאר-מע-ליס'-טיק) פארמאליסטיש, פעדאנטיש. ז. *formalism*

formal'ity *n.* (פאר-מעל'-אי-טי) פארמאליטעט, אנגענומענע כללים אדער ארדנונג, דאס זיין פארמאליסטיש אדער פעדאנטיש, דאס זיין איבערטריבען פּינקטליך; דאס האלטען זיך צו שטרענג אן בעשטימטע כללים אדער אן דעם אלגעמיין-אנגענומענעם.

for'malize *v.* (פאר'-מעל-איז) מאכען פארמאליסטיש, מאכען צערעמאניעל; בעשרענקען מיט גענויע כללים; מאכען פעדאנטיש. ז. *formalism*

for'mal log'ic (פאר'-מעל לאדזש'-איק) פארמעלע לאגיק [די לעהרע וועגען די אלגעמיינע כללים פון דענקען].

for'mally *adv.* (פאר'-מעל-אי) אפיציעל, פארמעל; אין פארם.

The candidate was formally notified of his election.

form an ide'a (פארם ען אי-די'-ע) זיך עפּעס פארשטעלען.

form a resolu'tion (פארם ע רעז-א-ליו'-שאן) אננעהמען א בעשלוס.

for'mate *n.* (פאר'-מייט) אמייזען-זויערזאלץ [אזא כעמישער שטאף]. ז. *formic acid*

forma'tion *n.* (פאר-מיי'-שאן) פארמירונג, געשטאלטונג; דאס ברייינגען אין א געוויסער ארדנונג; אויסארבייטונג; צוזאמענשטעלונג; געבוי; אין געאלאגיע — א פארמאציאן, א שיכט.

forma'tional *a.* (פאר-מיי'-שאנ-על) אין געאלאגיע — וואס איז שייך צו א פארמאציאן, געשטאלטונג אדער שיכט.

for'mative *a. and n.* (פאר'-מע-טיוו) פארמירענד, מאכענד, בעשטימענד; וואס איז שייך צו פארמירונג אדער ענטוויקלונג; אין גראמאטיק — וואס ענדערט די פארם פון א ווארט; אן ענדערונג אין א ווארט וואס גיט דעם צו א נייע גראמאטישע פארם.

free'will *n. and a.* (פריע'-הוויל) אַ פרייער ווילען; אַ גוטער ווילען; וואָס איז געטהאָן מיט'ן פרייען ווילען.

He did this of his own free will.

free'-willed *a.* (פריע'-הווילד) וואָס האָט אַ פרייען ווילען.

free'woman *n.* (פריע'-הוואום-ען) אַ בעפרייטע שקלאַפין.

freeze *v. and n.* (פריעז) פריהרען; פערפריהרען; פערפראָרען ווערען; שטעהן אויף'ן פריהרונגס-פּונקט [וועגען טעמפּעראַטור]; פערקיהלט ווערען; אַ פראָסט.

freeze in (פריעז אין) איינגעפראָרען ווערען; בעדעקען זיך מיט אייז.

freeze out (פריעז אוט) אויספריהרען, ארויסשטויסען, ארויסטרייבען.
The partners desire to freeze him out of the business.

free′zer *n.* (פריע׳-זער) דער אדער דאס וואס פערפריהרט אדער פערקיהלט.

freeze to (פריעז טו) צופריהרען, שטארק צובינדען איינעם אדער עפעס צו א זאך.

free′zing *n. and a.* (פריע׳-זינג) דאס פערפריהרען; דאס פערגליווערען דורך קעלט; א קאלטע אויפנאהמע; פערפריהרענד; פערגליווערענד דורך קעלט; זעהר קאלט; קאלט, פערפריהרענד [אין די בעציהונגען צו אנדערע מענשען].

free′zing-box *n.* (פריע׳-זינג-באקס) א קאסטען, אין וועלכען מען פערפריהרט פיש.

free′zingly *adv.* (פריע׳-זינג-לי) אויף א פריהרענדען, קאלטען שטייגער; מיט א קאלטער אויפנאהמע.

free′zing-mix′ture *n.* (פריע׳-זינג-מיקס׳-טשור) א געוויסע מיקסטור אדער כעמישע צוזאמענמישונג פון שטאפען, מיט וועלכער מען קען פערפריהרען אדער פערגליווערען פליסיגקייטען.

free′zing-point *n.* (פריע׳-זינג-פאינט) דער פריהרונגס־פונקט [דער פונקט פון טערמאמעטער, וועלכער בעצייכענט די טעמפעראטור ביי וועלכער וואסער ווערט פערפרארען, ווי דער פונקט 32 פון פארענהייט׳ס טערמאמעטער אדער דער פונקט 0 פון צעלזיום].

freight *n. and v.* (פרייט) פראכט, לאדונג, משא [אויף א שיף אדער וואגאן]; פראכט־געלד אדער דאס געצאהלט פאר טראנספארטירען סחורות פון איין ארט צום צווייטען; דער פרייז וואס מען צאהלט פאר פיהרען פראכט; אנלאדען א שיף אדער וואגען מיט סחורה; דינגען א שיף אדער וואגען צו טראנספארטירען משא; טראנספארטירען סחורות.

freigh′tage *n.* (פריי׳-טעדזש) פראכט־געלד; פראכט־אנלאדונג; דאס טראנספארטירען סחורות.

freight′-car *n.* (פרייט׳-קאר) א פראכט־וואגאן [א וואגאן פון אייזענבאהנען פאר משא].

freigh′ter *n.* (פריי׳-טער) א בעפראכטער [איינער וואס לאדעט אן א שיף]; איינער וואס דינגט א שיף אדער וואגאן צו טראנספארטירען סחורות; די שיף אדער דער וואגאן וואס איז געדונגען געווארען פאר פראכט.

freight′-house *n.* (פרייט׳-האוס) א שפייכלער וואו מען לעגט אב פראכט.

freigh′ting *n.* (פריי׳-טינג) די בעפראכטונג; די בעלאדונג; דאס טראנספארטירען סחורות.

freight′less *a.* (פרייט׳-לעס) וואס איז אונבעפראכטעט; וואס האט ניט אויף זיך קיין משא.

fremd *a.* (פרעמד) פרעמד; אויסלענדיש; וואס איז ניט קיין קרוב; מאדנע; ניט געוועהנליך.

French *a. and n.* (פרענטש) פראנצויזיש; וואס איז שייך צו פראנקרייך; די פראנצויזישע שפראך; דאס פראנצויזישע פאלק.

French and Eng′lish (פרענטש ענד אינ׳-גליש) א קינדערשע מלחמה־שפיעל.

French ber′ry (פרענטש בער׳-אי) א מין יאגדע וואס ווערט בענוצט אין געלבע פארבען.

French chalk (פרענטש טשאהק) א ווייסער ריינער קרייד וואס ווערט בענוצט פון שניידער צו צייכענען אויף׳ן שטאף.

French crown (פרענטש קראון) א געוויסע פראנצויזישע מטבע [א קראנע].

French grass (פרענטש גרעס) א מין קלעווער אדער זיסליך גראז, וואס דיענט אלס פוטער פאר בהמות.

French hon′eysuckle (פרענטש האנ׳-אי-סאקל) ז. ***French grass***.

French horn (פרענטש הארן) א מין מוזיקאלישער בלאז־אינסטרומענט.

Fren′chify *v.* (פרענ׳-טשי-פאי) פערפראנצויזעווען, מאכען פראנצויזיש; אנשטעקען מיט פראנצויזישע זיטען און געשמאק.

Fren′chiness *n.* (פרענ׳-טשי-נעס) דאס זיין פערפראנצויזעוועט; דאס נאכטאנצען נאך די פראנצויזישע זיטען און מאניערען.

French leave (פרענטש ליעוו) א פראנצויזיש געזעגענען־זיך [אוועקגעהן אהן א זיי־געזונד].

french lock (פרענטש לאק) א נעקרויזטער לאנגער לאק [ווי עס פלעגען אמאל טראגען מענער].

French′man *n.* (פרענטש׳-מען) א פראנצויז; א פראנצויזישע שיף.

French pie (פרענטש פאי) דער גרויסער האלץ־פיקער [א מין פויגעל].

French pol′ish (פרענטש פאל׳-איש) פראנצויזישע פאליטור אדער שעללאק־פאליטור.

French pox (פרענטש פאקס) פראנצען, סיפיליס.

French red (פרענטש רעד) רויטע שעהנהייטס־פארב, רויטע פוץ־פארב.

French roof (פרענטש רוהף) א מין מאנסארדען־דאך [א געוויסע פארם פון א דאך].

French white (פרענטש הוואיט) צומאלענער טאלק־שטיין; א מין ווייסע בליי.

French wil′low (פרענטש הוויל׳-או) א מין בוימעל מיט ווייסע בלעטער, וואס וואקסט אין די נאסע געגענדען פון צפון־אייראפא און אזיען. ווערט פיעל בענוצט צו מאכען קאשיקעס און קערב.

Fren′chy *a. and n.* (פרענ׳-טשי) פערפראנצויזעוועט; וואס טאנצט נאך נאך די פראנצויזישע זיטען און מאניערען; א פראנצויז.

frenet′ic *a.* (פרי-נעט׳-איק) ז. ***frantic***.

frenet′ical *a.* (פרי-נעט׳-אי-קעל) ז. ***frantic***.

fren′zical *a.* (פרענ׳-זי-קעל) וואס איז גענייגט צו משוגעת.

fren′ziedly *adv.* (פרענ׳-זיד-לי) אויף אן אויפגעבראכטען שטייגער; אויפגעקאכטערהייד; מיט גרימצארן; ווי א משוגענער.

fren′zy *n. and v.* (פרענ׳-זי) וואהנזין, משוגעת; א ווילדע צוקאכטקייט; צוהיצען, אויפברייננען, מאכען משוגע.

fre′quency *n.* (פרי׳-קהווענ-סי) דאס טרעפען זיך אפט; אן אפטע פאסירונג; דאס פערהעלטניס פון דער צאהל וויפיעל מאל א געוויסע פאסירונג איז געשעהן צו דער צאהל וויפיעל מאל דיעזע פאסירונג האט געקענט געשעהן.

fre′quent *a.* (פרי׳-קהווענט) וואס ערשיינט אפט; וואס עס קומט פאר אדער עס חזר׳ט זיך איבער אפט; וועלכער טהוט אפט איינע און דיעזעלבע זאך.

frequent′ *v.* (פרי-קהווענט׳) אפט בעזוכען אימעצען אדער עפעס.

frequen′table *a.* (פרי-קהווענ׳-טעבל) וואס לאזט זיך אפט בעזוכען.

frequenta′tion *n.* (פרי-קהווענ-טיי׳-שאן) די אפטע בעזוכונג; דאס קומען אפט צו גאסט.

frequen′tative *a. and n.* (פרי-קהווענ׳-טע-טיוו) וואס בעצייכענט ווידערהאלונג; אין גראמאטיק — דער פרעקווענטאטיוו [א צייטווארט וואס בעצייכענט א טהעטיגקייט, וואס ווערט ווידערהאלט פיעל מאל, ווי ארומפאדען, ארומטאנצען א. ד. ג.].

frequen′ter *n.* (פרי-קהווענ׳-טער) אן אפטער בעזוכער.
I am a frequenter at his house.

fre′quently *adv.* (פרי׳-קהווענט-לי) אפט; פיעל מאל; ווידערהאלענדיג זיך.

fre′quentness *n.* (פרי׳-קהווענט-נעס) אפטקייט; דאס ווידערהאלען זיך אפט.

fres′co *n. and v.* (פרעס׳-קאו) פרעסקא אדער וואנד־מאלעריי מיט וואסער־פארבען; א וואנד־בילד געמאלט מיט וואסער־פארבען; מאלען אויף א וואנד מיט וואסער־פארבען.

fres′coing *n.* (פרעס׳-קא-אינג) דאס מאלען אין פרעסקא. ז. ***fresco***.

fres′co-pain′ter *n.* (פרעס׳-קאו-פיינ׳-טער) א פרעסקא־מאלער, איינער וועלכער מאלט בילדער אויף א וואנד מיט וואסער־פארבען.

fresh *a., n. and adv.* (פרעש) פריש; יונג, שטארק, פול מיט לעבען; מיט אבגעפרישטע קרעפטען; ניי, ערשט געמאכט, ערשט פון נאדעל; אונפראקטיש, אהן ערפאהרונג, נאאיוו; קיהל, דערפרישענד; ניט געזאלצען אדער זויער [ווי פריש וואסער, פרישע פיש]; שכור, בעזויפען; נאריש שטאלץ, מיט נארישער גדלות; פרעך, חוצפה׳דיג, מיט העזה; א שטראם, א פערפלייצונג; די צוזאמענמישונג פון פרישען וואסער מיט געזאלצענעם אין א טייך; די ארײנשטרעמונג פון א טייך אין ים; א פריץ, א סטודענט דעם ערשטען יאהר אין אוניווערזיטעט; אויף א פרישען אופן; מיט פרישקייט.

fresh blood (פרעש בלאד) פריש בלוט, פרישע קרעפטען.
Fresh blood is needed in the management of this business.

fresh′-blown *a.* (פרעש׳-בלאון) ערשט אויפגעבליהט.

fresh breeze (פרעש בריעז) א קיהל ווינטעל אויף׳ן ים.

fresh′-col′ored *a.* (פרעש׳-קאל׳-ארד) מיט פרישע, לעבעדיגע פארבען.

fresh′en *v.* (פרעשן) ערפרישען, מחיה זיין; פריש ווערען; קיהלען; אבפרישען, מאכען ניט געזאלצען [וואסער].

fresh′et *n.* (פרעש׳-עט) אן אנלויף פון וואסער; א געוויסער; א פערפלייצונג.

fresh′ly *adv.* (פרעש׳-לי) פריש; ניט לאנג; ערשט געמאכט.

fresh′man *n. and a.* (פרעש׳-מען) א פריץ, א נייער מענש; א נייער שילער וואס איז ערשט אנגעקומען אין קלאס; וואס איז שייך צו א ניי־אנגעקומענעם שילער אדער צום קלאס, וואו עס זיצען די שילער פון ערשטען יאהר.

fresh′manhood *n.* (פרעש׳-מענ-הוד) דאס זיין א פריץ; די צייט פון זיין א פריץ [דאס ערשטע יאהר אין שוהל אדער אוניווערזיטעט].

fresh′manship *n.* (פרעש׳-מענ-שיפ) דאס זיין א שילער דעם ערשטען יאהר אין שוהל אדער אוניווערזיטעט.

fresh′ness *n.* (פרעש׳-נעס) פרישקייט; קיהלקייט; נייקייט.

fresh news (פרעש ניוז) די לעצטע נייעס.

fresh'-shot *n.* (פרעש'-שאט) דער שטראם פון פרישען טייך־וואסער ביים אריינפאל פון טייך אין ים.

fresh up (פרעש אפ) ערפרישען.

fresh'-wa'ter *a.* (פרעש'-הוואה'-טער) וואס איז שייך צו פריש [נים געזאלצען] וואסער; וואס לעבט אין פרישען וואסער; אונערפאהרען, נים געלערענט.

fresh'-wa'ter sai'lor (פרעש'-הוואה'-טער סיי'-לאר) א מאטראז אויף א שיף, וואס שווימט ארום איבער טייכען און נים איבער'ן ים.

fret *v. and n.* (פרעט) נאגען, טאטשען, אויספרעסען; אבטראגען, אברייבען, קראצען; אויפברויזען; אויפרעגען, ערגערען; זיך אבנוצען; זיין אבגעטראגען; זיך ערגערען, זיך בעאונרוהיגען; זיין אויפגעברויזט; זיך ריהרען, געהרען [ווי א געטראנק בעת עס זייערט]; בעציערען א זאך מיט שטרייפען, מאכען פאסיקעס; דאס אבנוצען, דאס אבטראגען; אן אבגעריבען אדער אויסגעניצעוועט שטיק אין א בגר; דאס פריען [ווי די הוים פון א קינד אין געוויסע טיילען פון קערפער]; א לישאיע; אונרוהיגקיים, אויפגעבראכטקייט, אויפרעגונג; דאס אויפברויזען פון וואסער; גלאזור אדער גלייז מיט וועלכע די טעפער בעגיסען לייםענע כלים; אן ארנאמענט אדער פערציערונג פון א זאך מיט שטרייפען אדער ליניען, וועלכע זיינען רעכט־ווינקעליג געצויגען הין און הער [ז. אילוסטראציאן]; אין א גיטארע און אנדערע אזעלכע מוזיקאלישע אינסטרומענטען — די ווייסע פאסיקעס וואס ליעגען אין דערברייט פון גריף אדער פון דעם סטרונע־ברעטעל צו בעצייכענען וואו אבצושטעלען זיך מיט די פינגער אויף די סטרונעס.

Fret

fret'ful *a.* (פרעט'-פול) טאטשענד, נאגענד; אבטראגענד, אבניצענד; אויפגעברויזט; אויפגערעגט, צארענדיג, ערגערליך.

fret'fully *adv.* (פרעט'-פול-אי) צארענדיג; מיט ערגערניס.

fret'fulness *n.* (פרעט'-פול-נעס) צארענדיגקייט; רוגזה; ערגערניס.

fret in'to (פרעט אינ'-טו) זיך איינפרעסען אין...

fret'-saw *n.* (פרעט'-סאה) א שמאלע זעג מיט צייהנער.

fret'ted *a.* (פרעט'-עד) אין ארכיטעקטור — מיט פערציערונגען פון שטרייפען אדער ליניען, וועלכע זיינען רעכט־ווינקעליג געצויגען הין און הער.

fret'ter *n.* (פרעט'-ער) דער וואס ערגערט זיך; דאס וואס רעגט אויף אדער נאגט.

fret'ty *a.* (פרעט'-אי) בעציערט מיט אבשטעהענדע פיגורען [אין ארכיטעקטור].

fret'work *n.* (פרעט'-הוואירק) פערציערונגס־ארבייט וואס בעשטעהט פון שטרייפען אדער ליניען, וועלכע זיינען רעכטווינקעליג געצויגען הין און הער.

friabil'ity *n.* (פראי-ע-ביל'-אי-טי) צוברעקעלדינקייט, דאס קענען צוברעקעלט אדער צוריבען ווערען.

fri'able *a.* (פראי' עבל) ברעקעלדיג, וואס קען צוברעקעלט אדער צוריבען ווערען.

fri'ableness *n.* (פראי'-עבל-נעס) ז. *friability*.

fri'ar *n.* (פראי'-אר) א מאנאך; אין דרוקעריי — נים קיין קלאר ארויסגעגאנגענער אבדרוק אויף א געדרוקטען בויגען פאפיער; איינער וואס כאפט פיש מיט א ווענטקע; א מין פיש; דער לערער־קאפ [ז. *friar-bird*].

fri'ar-bird *n.* (פראי'-אר-בוירד) דער לערער־קאפ, א מין אויסטראלישער פויגעל וואס עסט האניג [זיין קאפ און האלז זיינען ווייניג בעוואקסען מיט פעדערען].

Friar-bird

fri'ar's-cowl *n.* (פראי'-ארז-קאול) א מין פלאנצע. ז. *Arum*.

fri'ar's-lan'tern *n.* (פראי'-ארז-לענ'-טערן) דאס איר־ליכט אדער בלאנדזשענדע פייערלעך, וואס בעווייזען זיך אין לופט איבער זומפיגע ערטער און איבער א בית־הקברות [דיעזע ערשיינונג קומט פאר צוליעב דעם, וואס פערשיעדענע גאזען און בעזאנדערס דער פאספאר־וואסער־שטאף, וואס געהען ארוים פון די פוילענדע ארגאנישע קערפערס, צינדען זיך אן פון צייט צו צייט אין דער לופט].

fri'ary *n. and a.* (פראי'-אר-אי) א מענער־מאנאסטיר, א מאנאכען־קלויסטער; וואס איז שייך צו א מאנאך.

frib'ble *a., n. and v.* (פריבל) קליינליך, נאריש, נידריג, געמיין, לייכטזיניג; א קליינליכער, לייכטזיניגער אדער געמיינער מענש; לייכטזיניגקייט, נארישקייט, פוסטע זאכען; זיין פערנומען מיט קליינליכקייטען אדער פוסטע זאכען; שפאסען, מאכען חוזק; פיהרען איינעם פאר דער נאז.

frib'bler *n.* (פריב'-לער) א לייכטזיניגער מענש; איינער וואס בעשעפטיגט זיך מיט קליינליכקייטען אדער פוסטע זאכען; א פוסטער פראנט.

fricassee' *n. and v.* (פריק-ע-סיע') פריקאסע [א געריכט וואס בעשטעהט פון צושניטענע שטיקלעך הוהן געבראטען אין סאוס מיט פערשיעדענע פאטראוועס]; מאכען אדער צוגרייטען א פריקאסע.

frica'tion *n.* (פרי-קיי'-שאן) דאס רייבען, די רייבונג.

fric'tion *n.* (פריק'-שאן) דאס רייבען, די רייבונג; נים איינשטימיגקייט, אונצופרידענהייט, שווערינקייט.

fric'tional *a.* (פריק'-שאנ-על) וואס געהערט צו רייבונג; וואס קומט ארוים פון רייבען.

fric'tional electric'ity (פריק'-שאנ-על אי-לעק-טריס'-אי-טי) עלעקטריציטעט וואס בעקומט זיך פון רייבונג.

fric'tion-clutch *n.* (פריק'-שאנ-קלאטש) ז. *friction-coupling*.

fric'tion-coup'ling *n.* (פריק'-שאנ-קאפ'-לינג) פריקציאנס־קופעלונג, די פערבינדונג פון צוויי וואלצען וואס די בעוועגונג פון איינעם גים זיך איבער צום אנדערען דורך רייבונג.

fric'tion-gear'ing *n.* (פריק'-שאנ-גיער'-אינג) דאס איבערטראגען די בעוועגונג פון איין בעוועגליכען ראד צו א צווייטען דורך רייבונג; בעטריבס־רעדער וואס דרעהען איינער דעם אנדערען דורך רייבונג.

Friction-gearing

fric'tionless *a.* (פריק'-שאנ-לעס) וואס איז אהן רייבונג.

fric'tion-wheel *n.* (פריק'-שאנ-הוויעל) א פריקציאנס־ראד, א ראד וואס בעוועגט אן אנדערען אדער ווערט בעוועגט פון אן אנדערען דורך רייבונג.

Friction-wheels

Fri'day *n.* (פראי'-דיי) פרייטאג.

fried eggs (פראיד עגז) אקסען־אויגען [א פען־קוכען אין וועלכען די געלכלעך קומען ארויס אין גאנצען, נים צוקלאפט].

friend *n.* (פרענד) א פריינד, א פריינדין, א חבר, א חבר'טע; א געליעבטער, א געליעבטע.

Friend *n.* (פרענד) א קוואקער. ז. *Quaker*.

friend'less *a.* (פרענד'-לעס) פריינדלאז, הילפלאז, פערלאזען, עלענד.

friend'lessness *n.* (פרענד'-לעס-נעס) פריינדלאזינקייט, פערלאזענהייט, הילפלאזינקייט, עלענד.

friend'like *a.* (פרענד'-לאיק) פריינדליך, פריינדשאפטליך.

friend'lily *adv.* (פרענד'-לי-לי) פריינדליך, פריינדשאפטליך.

friend'liness *n.* (פרענד'-לי-נעס) פריינדליכקייט, פריינדשאפטליכקייט.

friend'ly *a. and adv.* (פרענד'-לי) פריינדליך, פריינדשאפטליך; גינסטיג; אויף א פריינדליכען אדער גינסטיגען אופן.

Friend'ly *a.* (פרענד'-לי) וואס איז שייך צו די קוואקערס. ז. *Quaker*.

friend'ly soci'ety (פרענד'-לי סא-סאי'-ע-טי) א פעראיין פאר געגענזייטיגער אונטערשטיצונג. ז. *benevolent society*.

friend of old (פרענד אוו אולד) אן אלטער פריינד.

friend'ship *n.* (פרענד'-שיפ) פריינדשאפט; פריינדליכקייט.

fri'er *n.* (פראי'-ער) איינער וואס בראט אדער פרעגעלט.

Friese *n. and a.* (פריעז) א פריעז, אן איינוואהנער פון פריעזלאנד [דער צפון־טייל פון האלאנד]; די פריזישע שפראך [פלאט־דייטש]; פריזיש, פריזלענדיש; וואס איז שייך צו פריזלאנד, צו די פריזען אדער צו דער פריזישער שפראך.

Frie'sian *n. and a.* (פריע'-זיען) ז. *Friese*.

Frie'sish *n. and a.* (פריע'-זיש) ז. *Friese*.

fros'ted sil'ver (פראס'-טעד סיל'-ווער) אייז-זילבער [מאט, שארסטקע זילבער, וואס זעהט אויס ווי בעצויגען מיט פראסט-טהוי].

fros'ted work (פראס'-טעד הווארק) אין ארכיטעקטור — בעציערונגען וואס זעהען אויס ווי זיי וואלטען געווען בעדעקט מיט פראסט-טהוי.

frost'fish *n.* (פראסט'-פיש) דער פראסט-פיש.

frost'-flow'er *n.* (פראסט'-פלאו'-ער) א פראסט-בלום [אויף די שויבען].

fros'tily *adv.* (פראס'-טי-לי) אויף א פראסטיגען שטייגער; מיט פראסטיגקייט; קאלט.

fros'tiness *n.* (פראס'-טי-נעס) פראסטיגקייט, קעלט; פערפרארענהייט; קאלטקייט; דאס זיין עהנליך צו פערפרארענעם טהוי.

fros'ting *n.* (פראס'-טינג) צוקער-גלאזור [ווי עס ווערט געמאכט אויף געבעקס, פון צוקער און אייער]; מאטע גלאזור [אויף מעטאלען]; אזא שטאף געמאכט פון גלאז-שטויב [ווערט געברויכט פאר פערציערונגען].

frost'less *a.* (פראסט'-לעס) אהן פרעסט, ניט קאלט.

frost'-mist *n.* (פראסט'-מיסט) דער פראסט-נעבעל [דער נעבעל פון פערפרארענעם טהוי].

frost'-nail *n.* (פראסט'-נייל) א פראסט-נאגעל [א משוואק אין דער פאדקאווע פון א פערד איהם צו פערהיטען פון אויסגליטשען זיך].

frost'-nailed *a.* (פראסט'-ניילד) געשיצט דורך פראסט-נעגעל [וועגען פערד]. ז. *frost-nail*.

frost'-nipped *a.* (פראסט'-ניפט) ז. *frost-bitten*.

frost'-numbed *a.* (פראסט'-נאמד) פערשטארט, פערגליווערט פון קעלט.

frost'-smoke *n.* (פראסט'-סמאוק) ז. *frost-mist*.

frost'-valve *n.* (פראסט'-וועלוו) א פארריכטונג צו פערהיטען, אז דאס וואסער זאל ניט פערפרארען ווערען אין וואסער-רעהרען.

frost'work *n.* (פראסט'-הווארק) פראסט-בלומען [אויף פענסטער, פלאנצען א. ז. וו.].

fros'ty *a.* (פראס'-טי) פראסטיג, אייז-קאלט; קאלט; וואס זעהט אויס ווי פראסט-טהוי.

froth *n. and v.* (פראטה) שוים [פיענע]; עטוואס וואס איז לייכט, פוסט, ניט וויכטיג ווי שוים; שוימען; ארויסגעבען שוים, ארויסברייגנען שוים, בעדעקען מיט שוים.

froth'ily *adv.* (פראטה'-אי-לי) מיט שוים; אויף א שוימיגען שטייגער; ניט וויכטיג, פוסט, לייכט [וועגען רייד].

froth'iness *n.* (פראטה'-אי-נעס) שוימיגקייט; פוסטקייט, ניט וויכטיגקייט, לייכטקייט [אין ריידען].

froth'ing *n.* (פראטה'-אינג) דאס שוימען; שוימיגקייט; ניט וויכטינקייט, פוסטקייט, לייכטקייט [אין ריידען].

froth'y *a.* (פראטה'-אי) שוימיג; פוסט, ניט וויכטיג, לייכט [אין ריידען].

frounce *n.* (פראונס) א מין קראנקהייט ביי א פאלק אדער סאקאל, ביי וועלכער ווייסע שפייעכץ קלייבט זיך אן ארום שנאבעל; א קראנקהייט ביי א פערד, ביי וועלכער פרישטשעס זעצען זיך אויס אויף'ן גומען.

frou'zy *a.* (פראו'-זי) ז. *frowzy*.

frow *n.* (פראו) א דאמע, א פערהייראטע פרוי; א מין קארטאפעל-מעהל, וואס מען מישט אריין אין טייג, כדי דאס ברויט זאל האבען א בעסערען אויסזעהן [ווערט בענוצט ביי די לאנדאנער בעקערס]; א שפאלטמעסער, א קלין [א געצייג צו שפאלטען ברעטער א. ד. ג.].

Frow

fro'ward *a.* (פראו'-הווארד) פערדריסליך; בייז; ווידערשפעניג; אונגעהארכזאם.

fro'wardly *adv.* (פראו'-הווארד-לי) מיט פערדרוס; דורך אונגעהארכזאמקייט.

fro'wardness *n.* (פראו'-הווארד-נעס) פערדריסליכקייט, בייזקייט; ווידערשפענסטיגקייט, אונגעהארכזאמקייט.

frow'er *n.* (פראו'-ער) א שפאלט-מעסער, א קלין. ז. *frow*.

frown *v. and n.* (פראון) כמורען דאס פנים; קנייטשען דעם שטערן; קוקען אויף עפעס מיט אונצופריעדענהייט; אבשטויסען מיט א בייזען בליק; אן אנגעכמורעט פנים; קנייטשען אויף'ן שטערן וואס דריקען אויס אונצופריעדענהייט; א פינסטערער בליק.

frown down (פראון דאון) אבשטויסען מיט אונצופריעדענהייט.

His parents frowned down his plans of adventure.

frow'ner *n.* (פראו'-נער) איינער וואס קוקט מיט א בייזען אונצופריעדענעם בליק; דער וואס שטויסט אב מיט א מינע פון אונצופריעדענהייט אדער בייזקייט.

frow'ning *n.* (פראו'-נינג) א מינע פון אונצופריעדענהייט אדער בייזקייט.

frow'ningly *adv.* (פראו'-נינג-לי) אבשטויסענדיג מיט א מינע פון אונצופריעדענהייט אדער בייזקייט.

frown in'to si'lence (פראון אינ'-טו סאי'-לענס) מאכען איינעם שווייגען דורך א: אבשטויסונג מיט א מינע פון אונצופריעדענהייט אדער בייזקייט.

frowns of for'tune (פראונז אוו פאר'-טשון) די סטירדעס פון שיקזאל.

frow'zy *a.* (פראו'-זי) שמוציג, פערפאטשקעט, פאסקודנע; ניט ריין, ניט פערקאמט.

froze (פראוז) פערפרארען. ז. *freeze*

fro'zen *a.* (פראוזן) פערפרארען; פערגליווערט פון קעלט; איינגעפרארען אדער בעדעקט מיט אייז; קאלט, פראסטיג, אייז-קאלט; קאלט אין די בענעהמונגען; מיט א קאלטען טעמפעראמענט.

fro'zenness *n.* (פראו'זנ-נעס) דאס זיין נעפרארען; נעפרארענקייט.

fro'zen o'cean (פראוזן או'-שען) דער אייז-ים, דער ים הקרח.

fro'zen o'ver (פראוזן או'-ווער) איבער-נעפרארען.

fro'zen sea (פראוזן סיע) ז. *frozen ocean*.

fructes'cence *n.* (פראק-טעס'-ענס) די פרוכטונג; די צייט ווען פרות ווערען רייף.

fructic'ulose *a.* (פראק-טיק'-יו-לאוס) אין באטאניק — וואס ניט פיעל פרוכט; בעלאדען מיט פרוכט.

fructif'erous *a.* (פראק-טיפ'-ע-ראס) פרוכט-טראגענד; אויף וועלכען עס וואקסט פרוכט.

fructifica'tion *n.* (פראק-טי-פי-קיי'-שאן) בעפרוכטונג; פרוכטבארקייט.

fruc'tificative *a.* (פראק'-טי-פי-קע-טיוו) וואס קען זיך בעפרוכטען.

fruc'tiform *a.* (פראק'-טי-פארם) וואס איז עהנליך צו פרוכט.

fruc'tify *v.* (פראק'-טי-פאי) בעפרוכטען, פרוכטבאר מאכען; ווערען פרוכטבאר; טראגען פרוכט, ברייגנען נוצען.

fruc'tuary *n.* (פראק'-טשו-ע-רי) איינער וואס בעקומט די פרוכט אדער דעם ריוח פון עפעס.

fru'gal *a.* (פרו'-געל) מעסיג, שפארזאם, עקאנאמיש; ארים, קוים גענוג.

The laborer enjoyed his frugal meal.

frugal'ity *n.* (פרו-געל'-אי-טי) מעסיגקייט, שפארזאמקייט; עקאנאמיע.

fru'gally *adv.* (פרו'-געל-אי) אויף א מעסיגען אדער שפארזאמען שטייגער.

fru'galness *n.* (פרו'-געל-נעס) ז. *frugality*.

frugiv'orous *a.* (פרו-דזשיוו'-א-ראס) וואס ערנעהרט זיך מיט פרוכטען.

fruit *n. and v.* (פרוהט) פרוכט, א פרי, אויבס; דער פראדוקט פון א לעבעדיגער בעשעפעניש; א קינד; א פראדוקט, אן אויסגעארבייטע זאך; טראגען פרוכט, ברייגנען פרות.

frui'tage *n.* (פרוה'-טעדזש) אויבס, פרוכטען; דאס טראגען אדער ארויסגעבען פרוכט; אויסגעמאלטע אדער אויסגעשניצטע פרוכטען.

fruit'-bas'ket *n.* (פרוהט'-בעס'-קעט) א פרוכט-קארב.

fruit'-bat *n.* (פרוהט'-בעט) א פלעדער-מויז וואס ערנעהרט זיך מיט פרוכטען; דער פליהענדער פוקס.

Fruit-bat

fruit'-bear'er *n.* (פרוהט'-בעהר'-ער) א פרוכטבוים; דאס וואס גיט ארוים פרוכט.

fruit'-bear'ing *a.* (פרוהט'-בעהר'-אינג) וואס טראגט אדער גיט פרוכט.

fruit'-bud *n.* (פרוהט'-באד) דער קנאספ אדער בוטאן פון א בלום, פון וועלכען עס ענטוויקעלט זיך שפעטער די פרוכט.

frui'terer *n.* (פרוה'-טער-ער) א פרוכט-הענדלער.

frui'teress *n.* (פרוה'-טער-עס) א פרוי וואס האנדעלט מיט פרוכט.

fruit'ful *a.* (פרוהט'-פול) פרוכטבאר; וואס טראגט פרוכט; וואס ברייגנט א גוטען רעזולטאט.

fruit'fully *adv.* (פרוהט'-פול-אי) מיט פיעל פרוכט; מיט א גוטען רעזולטאט.

fruit'fulness *n.* (פרוהט'-פול-נעס) פרוכטבארקייט; דאס זיין פול מיט פרוכט; דאס ברייגנען א גוטען רעזולטאט.

fruit'-gar'den *n.* (פרוהט'-גאר'דן) א פרוכט-גארטען, א סאד.

קולטיווירטע פרוכט

York Imperial Apple

Akin Apple

Terry Apple

McIntosh Apple

Diel's Butter Pear

Welch Peach

Willett Peach

Splendor Prune

Robert's Field Apricot

fruit'-gath'erer *n.* (פרוהט'-געטה'-ער-ער) א פרוכט-קלייבער; א געצייג, מיט וועלכען מען קלייבט פרוכט פון די בוימער.

fruit'ing *a.* (פרוהט'-אינג) וואס גיט ארויס פרוכטען.

frui'tion *n.* (פרוה'-איש-אן) דאס בריינגען פרוכט; דאס געבען גוטע רעזולטאטען; די ערפילונג פון עפעס; דאס רעאליזירען אדער פערווירקליכען א זאך.

fruit'less *a.* (פרוהט'-לעס) אונפרוכטבאר; וואס בריינגט ניט קיין גוטע רעזולטאטען; נוצלאז, אוננוציג.

fruit'less er'rand (פרוהט'-לעס ער'-ענד) דאס נאכיאגען זיך נאך א חלום; אן אומזיסטער גאנג.

fruit'lessly *adv.* (פרוהט'-לעס-לי) אויף אן אוננוציגער ארט; מיט פרוכטלאזע רעזולטאטען.

fruit'lessness *n.* (פרוהט'-לעס-נעס) אונפרוכטבארקייט; אוננוציגקייט.

fruit'-loft *n.* (פרוהט'-לאפט) אן אויבס-קאמער, א פרוכט-שפייכלער.

fruit'-mar'ket *n.* (פרוהט'-מאר'-קעט) א פרוכט-מארק.

fruit'-pie *n.* (פרוהט'-פאי) א פרוכט-קוכען.

fruit'-pig'eon *n.* (פרוהט'-פידזש'-אן) די פרוכט-טויב [איינע פון די מינים טויבען אין אינדיען, אויסטראליען און אויף די פאסיפישע אינזלען, וועלכע נעהרען זיך מיט בוימער-פרוכט און צייכנען זיך אויס מיט זייערע שעהנע קאלירען].

fruit'-sell'er *n.* (פרוהט'-סעל'-ער) א פרוכט-הענדלער.

fruit'-shop *n.* (פרוהט'-שאפ) א פרוכט-האנדלונג.

fruit'-show *n.* (פרוהט'-שאו) א פרוכט-אויסשטעלונג.

fruit'-stones *n.* (פרוהט'-סטאונז) פרוכטקערנער;ביינדלעך פון פרוכט.

fruit'-sug'ar *n.* (פרוהט'-שוג'-אר) א מין צוקער וואס ווערט געמאכט פון פרוכט.

fruit'-trade *n.* (פרוהט'-טרייד) דער אויבס-האנדעל.

fruit'-tree *n.* (פרוהט'-טריע) א פרוכט-בוים.

fruit'-tren'cher *n.* (פרוהט'-טרענ'-טשער) א קליינע הילצערנע טאץ, אויף וועלכער מען דערלאנגט צום טיש פרוכט.

frump *v. and n.* (פראמפ) אויסטראכטען א מעשה, דערצעהלען א ליגען; א שלומפער; א פרוי, וועלכע איז נעשמאקלאז געקליידעט; אן ארורה.

frum'pish *a.* (פראמ'-פיש) בייז; וואס בעציהט זיך מיט האס אדער פעראכטונג; אלטמאדיש געקליידעט; פערשלומפערט.

frum'py *a.* (פראמ'-פי) ז. *frumpish*.

frus'trate *v. and a.* (פראס'-טרייט) צו נישט מאכען; פערניכטען; ענטטוישען; אומזיסט; ניכטיג, פערגענגליך.

frustra'tion *n.* (פראס-טריי'-שאן) ניכטיגקייט; דאס ניט-געלינגען; ענטטוישונג [אין האפנונג].

frus'trative *a.* (פראס'-טרע-טיוו) וואס פיהרט צו קיינע רעזולטאטען; ענטטוישענד.

frus'tum *n.* (פראס'-טאם) א שטיק; אן איבערגעבליבען שטיק: אין געאמעטריע — דער אונטערשטער טייל פון א קערפער, ביי וועלכען דער אויבערשטער טייל איז גראד אבגעשניטען [ווי א קאנוס, פיראמידע א. ד. ג., ביי וועלכער דער שפיץ איז אבגעשניטען].

frus'tum of a cone (פראס'-טאם אוו ע קאון) א שטומפינער קאנוס [א קאנוס, ביי וועלכען דער אויבערשטער טייל איז גראד אבגעשניטען].

Frustum of a cone

frutes'cent *a.* (פרו-טעס'-ענט) שטרויך-ארטיג [ווי א קוסט].

fru'tex *n.* (פרו'-טעקס) א שטרויך, א קוסט.

fru'ticose *a.* (פרו'-טי-קאוס) וואס איז שייך אדער עהנליך צו א שטרויך [קוסט].

fru'ticous *a.* (פרו'-טי-קאס) ז. *fruticose*.

frutic'ulose *a.* (פרו-טיק'-יו-לאוס) עהנליך צו א קליינעם שטרויך [קוסט].

fry *v. and n.* (פראי) בראטען, פרעגלען; זיך בראטען, זיך פרעגלען; אויפרעגען, אויפרייצען; געבראטענס, געפרעגעלטס; אויפרעגונג, אויפרייצונג; א מחנה, א מענגע [הויפטזעכליך וועגען פיש]; א הויפען [פון קליינע זאכען, הויפטזעכליך פון קליינע פישעלעך].

fry'er *n.* (פראי'-ער) איינער אדער עטוואס וואס בראט אדער פרעגעלט; עטוואס וואס מען קען בראטען אדער פרעגלען [וועגען שפייז].

fry'ing *n.* (פראי'-אינג) דאס פרעגלען, דאס בראטען.

fry'ing-pan *n.* (פראי'-אינג-פען) א בראט-פאן, א סקאווראדע.

He fell from the frying-pan into the fire.

fry in one's own grease (פראי אין וואנז און גריעס) זיך פרעגלען אין דער איינענער שמאלץ; ליידען צוליעב דער איינענער שולד; זיך באדען אין שוויים, אבגעהן מיט שוויים.

ft. אן אבקירצונג פון *feet* אדער *foot* [פאר דער בעצייכנונג פון א פוס אלס לענגען-מאס].

fub *v.* (פאב) אבנארען, אבשווינדלען, אוועק'לקח'נען.

fub'by *a.* (פאב'-אי) מיט דיקע באקען, דיק.

fub'sy *a.* (פאב'-זי) ז. *fubby*.

fuch'sia *n.* (פוק'-סי-א) דער פוקס [אזא גארטען אדער הויז-פלאנצע מיט זעהר שעהנע בלומען].

Fuchsia

fuciph'agous *a.* (פיו-סיפ'-ע-גאס) ז. *fucivorous*.

fuciv'orous *a.* (פיו-סיוו'-א-ראס) וואס שפייזט זיך מיט ים-גראזען [וועגען געוויסע ים-חיות].

fu'coid *a. and n.* (פיו'-קאיד) וואס איז שייך אדער עהנליך צו ים-גראזען; א מין ים-גראז.

fu'cus *n.* (פיו'-קאס) א מין ים-גראז.

fud'dle *v.* (פאדל) בערוישען [דורך שכרות]; פער'שכור'ען; טרינקען צופיעל, טרינקען ביז פאלשטענדיגער בערוישונג.

fud'dler *n.* (פאד'-לער) א שכור.

fudge *v.* (פאדזש) אבנארען, פעלשען; מאכען עפעס אומגעלומפערט; פושען, פארטאטשעווען.

fudge'-wheel *n.* (פאדזש'-הוויעל) אן אינסטרומענט מיט דער הילף פון וועלכען מען בעפוצט די ראנדען פון די שיך-זוילען.

fu'el *n.* (פיו'-על) הייץ-מאטעריאל, ברען-מאטעריאל.

fu'el-econ'omizer *n.* (פיו'-על-אי-קאנ'-א-מאי-זער) א פארריכטונג אין א דאמפף-מאשין צו שפארען הייץ-מאטעריאל [דורך דעם וואס דער אויסגענוצטער דאמפף ווערט אריינגעפיהרט אין רעהרען צו דערווארימען דאס וואסער וואס דארף פערוואנדעלט ווערען אין דאמפף].

fu'el-fee'der *n.* (פיו'-על-פיע'-דער) א פארריכטונג אויטאמאטיש און רעגעלמעסיג צו בעזארגען אן אויווען מיט הייץ-מאטעריאל.

fu'el-gas *n.* (פיו'-על-געס) הייץ-גאז, גאז וואס ווערט געברויכט צום הייצען.

fuff *n.* (פאף) אן אויסברוך, אן אויסברוך פון ליידענשאפט.

fuff'y *a.* (פאפ'-אי) לייכט; שוואמיג.

fuga'cious *a.* (פיו-גיי'-שאס) פליכטיג, אונבעשטענדיג, פערגענגליך; וואס וועפט זיך אוים, בלאקירט אב אדער פאלט אב זעהר פריה [וועגען קערפער-טיילען ביי חיות און וועגען טיילען פון פלאנצען].

fuga'ciousness *n.* (פיו-גיי'-שאס-נעס) ז. *fugacity*.

fugac'ity *n.* (פיו-געס'-אי-טי) פליכטיגקייט, פערגענגליכקייט, אונבעשטענדיגקייט. ז. *fugacious*.

fu'gal *a.* (פיו'-געל) וואס איז שייך אדער עהנליך צו א פוגע [אין מוזיק]. ז. *fugue*.

fuga'to *n.* (פו-גא'-טא) א מוזיק-שטיק פערפאסט אין א סטיל וואס איז עטוואס עהנליך צו א פוגע. ז. *fugue*.

fugh *int.* (פיו) פוי! טפו!

fughet'to *n.* (פו-געט'-טא) א קורצע פוגע. ז. *fugue*.

fu'gile *n.* (פיו'-דזשיל) אויער-וואקס; א געשווילעכץ [הויפטזעכליך ביים אויער]; א מוטנער שטאף אין אורין [השתנה].

fu'gitive *a. and n.* (פיו'-דזשי-טיוו) פליהענד; ניט דויערהאפט, פליכטיג, פערגענגליך; שעפעליג, וואס האט א צייטווייליגען אינטערעס אדער ווערטה [וועגען ליטערארישע ווערק]; אין זאאלאגיע און באטאניק — וואס פערשווינדט אדער פאלט אראב זעהר פריה; א פליכטלינג, אן אנטלאפענער, א דעזערטיר; עטוואס וואס עס איז שווער צו כאפען אדער צו פערהאלטען.

fu'gitive col'ors (פיו'-דזשי-טיוו קאל'-ארז) אבבלאקירענדע פארבען.

fu'gitively *adv.* (פיו'-דזשי-טיוו-לי) אויף א פליכטיגען, פערענדערליכען, צייט-

וויילינגען אדער שווינדענדען אופן; ווי אן אנטלאפענער.

fu'gitiveness *n.* (פיו'-דזשי-טיוו-נעס) דאס אנטלויפען, דאס שווינדען; פליכטיגקייט, פערגענגליכקייט, צייטווייליגקייט.

fu'gitive-slave laws (פיו'-דזשי-טיוו-סלייוו לאהז) אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא — די געזעצע [פון 1793 און 1850], לויט וועלכע א פרייער שטאאט האט געמוזט ארויסגעבען אנטלאפענע נעגער־שקלאפען צו די שקלאפען־האלטערישע שטאאטען.

fu'gitivism *n.* (פיו'-דזשי-טיוו-איזם) דאס זיין אן אנטלאפענער.

fu'gleman *n.* (פיו'גל-מען) א פלינעל־מאן [א גוט אויסגעלערענטער סאלדאט, וועלכער שטעהט אין פראנט פון זיין ראטע און דיענט אלס מוסטער פאר די אנדערע סאלדאטען]; אן אנפיהרער פון א בעוועגונג; א רעדעל־פיהרער.

fugue *n.* (פיוג) אין מוזיק — א פוגע, א מוזיקאליש שטיק וואס ווערט איבערגעזונגען פון עטליכע שטימען איינע נאך די אנדערע.

fu'guist *n.* (פיו'-גיסט) א פערפאסער פון פוגען. ז. *fugue*

ful'crate *a.* (פאל'-קרייט) געשטיצט, אונטערגעשפארט.

ful'crum *n. and v.* (פאל'-קראם) א שפארע, אן אונטערשפארונג, אונטערשטיצונג אדער אונטערהאלטונג; אין מעכאניק — דער שטיץ־פונקט פון א הייבעל אדער ריטשאג; אונטערשטעלען א שפארע אדער אן אונטערשטיצונג.



Fulcrum

fulfil' *v.* (פול-פיל') ערפילען; אויספיהרען עפעס; דערפיהרען ביז'ן סוף, פערענדיגען.

fulfill' *v.* (פול-פיל') ז. *fulfil*

fulfil'ler *n.* (פול-פיל'-ער) איינער וואס ערפילט.

fulfil'ling *n.* (פול-פיל'-אינג) די ערפילונג; דאס ברייגגען צו אן ענד.

fulfil'ment *n.* (פול-פיל'-מענט) די אויספיהרונג; דאס דערפיהרען עפעס ביז'ן סוף.

ful'gency *n.* (פאל'-דזשענ-סי) א גלאנץ, א בליאסק.

ful'gent *a.* (פאל'-דזשענט) גלענצענד, בלישטשענד, בלאנקענד, שיינענד.

ful'gently *adv.* (פאל'-דזשענט-לי) אויף א שיינענדען, בלישטשענדען אופן.

ful'gid *a.* (פאל'-דזשיד) בלישטשענד, גלענצענד, שיינענד; מיט א ברוין־רויטליכען קאליר.

ful'gurate *v.* (פאל'-גיו-רייט) גלענצען, אויפבליצען.

fulgura'tion *n.* (פאל-גיו-ריי'-שאן) דאס בלישטשען, דער בלאנק אדער גלאנץ ווי פון געשמאלצענעם גאלד אדער זילבער.

ful'gurite *n.* (פאל'-גיו-ראיט) א לאך אדער רעהר וואס ווערט געמאכט אין זאמד אדער אין שטיין דורך א בליץ.

fuliginos'ity *n.* (פיו-לידזש-אי-נאס'-אי-טי) די אנקלייבונג פון סאזשע אדער רוס; דאס בעדעקען זיך מיט סאזשע; א פעררויכערטע זאך; סאזשע.

fulig'inous *a.* (פיו-לידזש'-אי-נאס) וואס איז שייך צו סאזשע אדער רוס; וואס האט א קאליר פון סאזשע; וואס איז שייך אדער וואס איז עהנליך צו רויך; פעררויכערט.

fulig'inously *adv.* (פיו-לידזש'-אי-נאס-לי) אזוי ווי בעדעקט מיט סאזשע אדער רוס.

full *a., adv., n. and v.* (פול) פול, אנגעפילט; זאט, געניגענד; אנגעזעטיגט; פעליג; פאלשטענדיג, פאלקאמען; ווייט, גרויס, דיק; אויספיהרליך, פינקטליך, גענוי; גאנץ, גענצליך; זעהר; דאס זיין פול אדער פאלשטענדיג; די ערפילונג; פולקייט; זעטיגקייט; דאס גאנצע; דער העכסטער גראד; אין נעהען — פאלדעווען אדער קרויזען דאס טוך ביים זוימען; מאכען פעלדעלעך; וואלען וואלענעם שטאף אין א וואלק־מאשין.

full'-a'corned *a.* (פול'-איי'-קארנד) אבגעקארמעט מיט אייכלען אדער חזיר'שע גים.

full'age *n.* (פול'-ערדזש) דאס געלד וואס מען בעצאהלט פאר וואלען וואלען־שטאף.

full and by (פול ענד באי) אויף אלע זעגלען און דירעקט מיט'ן ווינד [וועגען א שיף].

full'-armed *a.* (פול'-ארמד) מיט פולער בעוואפנונג.

full'-bin'ding *n.* (פול'-באינ'-דינג) אין בוכבינדעריי — א פולער בונד [ווען די טאוולען און רוקען פון בוך זיינען בעצויגען מיט איין לעדער אדער פארמעט].

full'-blood *n.* (פול'-בלאד) א מענש פון ריינעם בלוט [ווען ער שטאמט ניט ארויס פון געמישטע ראסען]; בלוט־פערוואנדשאפט [לייבליכע ברידער, שוועסטער, קוזינען א. ד. ג.]; חיות פון ריינעם בלוט [פון ניט געמישטע מינים].

full'-blood'ed *a.* (פול'-בלאד'-עד) פול־בלוטיג, וואס האט אין זיך פיעל בלוט; פון ריינעם בלוט, וואס שטאמט ניט ארויס פון געמישטע ראסען אדער מינים.

full'-blown *a.* (פול'-בלאון) אין פולער בליהונג, אין פולער ענטוויקלונג; פאנאנדערגעבלאזען.

full broth'ers (פול בראטה'-ערז) ברידער פון איין פאטער און מוטער.

full dress (פול דרעס) פאראדנע קליידער; א פראק־אנצוג, א באל־אנצוג.

full'-dress *a.* (פול'-דרעס) אין פראק־אנצוג; פארמאל; מיט צערעמאניע; וואס פאדערט פאראדנע קליידער.

full'-eared *a.* (פול'-איערד) מיט פולע אנגעגאסענע זאנגען.

full'er *n. and v.* (פול'-ער) איינער וועלכער וואלעט וואלען־צייג; די וואלק־מאשין צו וואלען וואלען־צייג; א מין האלב־רונדער האמער פון א שמיעד; אויסשמיעדען א פערטיעפונג אדער גריבעל אין אייזען מיט'ן האלב־רונדען האמער.

full'er's earth (פול'-ערז אוירטה) א מין ליים פאר דער בעארבייטונג פון טוך

full'ery *n.* (פול'-ער-אי) דער ארט אדער די פאבריק וואו מען בעארבייט געוואנט.

full'-eyed *a.* (פול'-איד) מיט גרויסע ארויסגעשטארצטע אויגען.

full'-face *n.* (פול'-פיים) ז. *full-faced type*

full'-faced *a.* (פול'-פייסט) מיט א פולע רונדען פנים; מיט'ן פנים צו אימעצען

full'-faced type (פול'-פייסט טאיפ) אין דרוקעריי — א דיקע אדער פעטע שריפט.

full'-fed *a.* (פול'-פעד) אבגעקארמעט.

full'-fla'vored *a.* (פול'-פליי'-ווארד) מיט א גוטען געשמאק.

full'-fledged *a.* (פול'-פלעדזשד) גאנץ ענטוויקעלט; אין פולען גאנג.

full'-for'tuned *a.* (פול'-פאר'-טשונד) אויף'ן שפיץ פון הצלחה.

full front with (פול פראנט הוויטה) גראדע געגענאיבער.

full'-gorged *a.* (פול'-גארדזשד) איבערגעקארמעט, צופיעל אנגעזעטיגט.

full'-grown *a.* (פול'-גראון) אויסגעוואקסען.

full hand (פול הענד) אין קארטען־שפיעל — ז. *full house*

full'-han'ded *a.* (פול'-הענ'-דעד) מיט א פולער האנד, ניט לעדיג.

full'-hear'ted *a.* (פול'-האר'-טעד) פול מיט מוטה; מיט גרויס קוראזש.

full house (פול האוס) אין פארלאמענט — א פערזאמלונג פון אלע דעפוטאטען; אין קארטען־שפיעל [פאוקער] — 5 קארטען אין האנד, וועלכע בעשטעהען פון 3 מיט איין נאמען און א פאר מיט אן אנדערען, ווי למשל, 3 קעניגע און א פאר צעהנטלעך.

full'ing *n.* (פול'-אינג) די בעארבייטונג פון טוך; דאס פול ווערען.

full'ing-mill *n.* (פול'-אינג-מיל) א וואלק־מאשין צו וואלען וואלען־צייג; א טוך־פאבריק.

full'-length *a.* (פול'-לענגטה) מיט דער גאנצער לענג; מיט דער לענג פון דער גאנצער פיגור.

full line (פול לאין) א פאלשטענדיגער זאפאס אדער אויסוואהל פון סחורה.
The store carries a **full line** of gloves.

full moon (פול מוהן) גאנץ חודש [ווען די לבנה שיינט אין איהר פולער גרויס].

full'-mouth *n.* (פול'-מאוטה) א פלוידערזאק; א פלאפלער.

full'-mouthed *a.* (פול'-מאוטהט) וואס האט א שטארקע שטימע; וואס איז שייך צו א פלוידערזאק אדער פלאפלער.

full'ness *n.* (פול'-נעס) פולקייט; דאס זיין אנגעפילט.

full of ac'tion (פול אוו עק'-שאן) טהעטיג, פול מיט בעוועגונג.

full of devi'ces (פול אוו די-וואי'-סעז) פול מיט המצאות.

full of mea'ning (פול אוו מיע'-נינג) בעדייטונגספול.

full of play (פול אוו פליי) לעבעדיג, מונטער.

full oft (פול אפט) זעהר אפט.

full of words (פול אוו הווארדז) ריידעוודיג, א בעל דברן.

full of years (פול אוו יירז) בעיאהרענט.

full'-orbed *a.* (פול'-ארבד) ווי א פולע לבנה.

full pitch (פול פיטש) אין קריקעט — א באל, וואס איז אזוי געווארפען, אז ער דערגרייכט דעם אנקלאפער איידער ער ריהרט אן די ערד.

full pow'er (פול פאו'-ער) אונבעשרענקטע פאלמאכט.

full rehear'sal (פול רי-הויר'-סעל) א גענעראל־רעפעטיציע [אין טעאטער].

full'-rigged *a.* (פול'-רינד) אנגעצויי־

גען מיט אלע שטריק [וועגען א זעגעלשיף].

full'-speed *a.* (פול'-ספיעד) אין פולען גאלאפ; מיט פולער שנעלקייט.

full'-summed *a.* (פול'-סאמד) פאלשטענדיג.

full'-tide *a.* (פול'-טאיד) אין פולען צופלוס; מיט דער פולער האנד.

full'-toned *a.* (פול'-טאונד) מיט א פולען טאן [אין מוזיק].

full to the brim (פול טו טהי ברים) פול ווי אן אויג.

full'-tuned *a.* (פול'-טיונד) הארמאניש; אין איינקלאנג.

full'-winged *a.* (פול'-הווינגד) מיט שטארקע פליגלען.

full'y *adv.* (פול'-אי) גענצליך, גאנץ, אין גאנצען.

ful'minant *a.* (פאל'-מי-נענט) דונערענד און בליצענד; קראכענד; וואס ענטוויקעלט זיך פלעצליך [וועגען א קראנקהייט].

ful'minate *n. and v.* (פאל'-מי-נייט) קנאל־פולווער; בליצען און דונערען; עקספלאדירען מיט א שטארקען גערויש; ארויסדונערען א סטראשונאק אדער א טאדעל; ווערען פלעצליך בלאנק [וועגען געשמאלצענעם גאלד וואס איז געמישט מיט אנטימאניום]; פעראורזאכען אן עקספלאזיאן.

ful'minating *a.* (פאל'-מי-ניי-טינג) דונערענד, קראכענד, עקספלאדירענד; סטראשענד, טאדלענד.

fulmina'tion *n.* (פאל-מי-ניי'-שאן) דאס דונערען; דאס קראכען, דאס עקספלאדירען; דאס ארויסדונערען א סטראשונאק אדער א טאדעל.

ful'minatory *a.* (פאל'-מי-ניי-טא-רי) דונערענד, קראכענד.

ful'mine *v.* (פאל'-מין) דונערען, קראכען; ריידען מיט ברייטקייט און אויטאריטעט; ארויסדונערען.

fulmin'eous *a.* (פאל-מינ'-אי-אס) וואס איז שייך צו א דונער און בליץ.

fulmin'ic *a.* (פאל-מינ'-איק) וואס קען עקספלאדירען, וואס קען אויפרייסען.

fulmin'ic ac'id (פאל-מינ'-איק עס'-איד) קנאל־זויערע [א געוויסע כעמישע ארגאנישע פערבינדונג].

ful'ness *n.* (פול'-נעס) ז. ***fullness***

ful'some *a.* (פאל'-סאם) פריקרע פון צופיעל שבחים; פריקרע, עקעלהאפט, ווידערליך; שמוציג, שענדליך.

Fulsome praise is offensive to a man of character.

ful'somely *adv.* (פאל'-סאם-לי) אויף א פריקרען אופן [וועגען לויבען צופיעל]; אויף א שמוציגען, שענדליכען אופן.

ful'someness *n.* (פאל'-סאם-נעס) פריקרקייט [וועגען צו גרויסע שבחים]; עקעלהאפטיגקייט; שענדליכקייט, שמוציגקייט.

ful'vid *a.* (פאל'-וויד) ז. ***fulvous***

ful'vous *a.* (פאל'-וואס) רויט־געלב; דונקעל־ברוין, שווארץ־ברוין.

fuma'ceous *a.* (פיו-מיי'-שיאס) רויכערדיג; וואס איז שייך צום רויכערען אדער רויך.

fuma'do *n.* (פיו-מיי'-דאו) א גערויכערטער פיש.

fu'mage *n.* (פיו'-מעדזש) קוימען אבצאהלונג [אן אבצאהלונג פון יעדען קוימען וואס איז געווען אין הויז, ווי אמאל אין ענגלאנד און אין פראנקרייך].

fu'marole *n.* (פיו'-מע-ראול) אן עפנונג פון א פייער־שפייענדען בארג, פון וועלכער עס שטייגט א רויך.

fum'ble *v.* (פאמבל) טאפען, ריען, שטערען; אנטאפען בלינדערהייד; אין בייסבאל־שפיעל — כאפען דעם באל אונגעשיקט און אונגעלומפערט.

fum'bler *n.* (פאמ'-בלער) אן אונגעשיקטער, אונגעלומפערטער מענש; איינער וואס ריעט אדער טאפט אונגעלומפערט.

fum'blingly *adv.* (פאמ'-בלינג-לי) אונגעשיקטערהייד, אונגעלומפערטערהייד.

fume *n. and v.* (פיום) א רויך; א דונסט, א פארע; א פוסטע איינבילדונג; אויפרעגונג, צארן; זיך אויפרעגען; צארנען; דונסטען; רויכערען; דורכרויכערען [מיט א שמעקעדיגער זאך]; רויכערען אימעצען ווייררויך [חנפ'ענען, שמייכלען]; פערדאמפפען, אוועקגעהן מיט'ן רויך.

fu'met *n.* (פיו'-מעט) די צאה פון הירשען.

fumette' *n.* (פיו-מעט') דער גערוך פון אלטען פלייש.

fu'mid *a.* (פיו'-מיד) רויכיג; דונסטיג.

fumif'erous *a.* (פיו-מיפ'-ע-ראס) וואס גיט ארויס רויך אדער דונסט.

fu'migate *v.* (פיו'-מי-גייט) אויסרויכערען; בעניסען מיט פארפיום.

fumiga'tion *n.* (פיו-מי-גיי'-שאן) די אויסרויכערונג; די רויכערונג.

fu'migator *n.* (פיו'-מי-גיי-טאר) אן אויסרויכערער.

fu'migatory *a.* (פיו'-מי-גיי-טא-רי) וואס רויכערט אויס, וואס רייניגט דורך אויסרויכערען.

fu'mily *adv.* (פיו'-מי-לי) מיט רויך; רויכערדיג.

fu'ming *n.* (פיו'-מינג) אויפרעגונג, צארן, כעס.

fu'mingly *adv.* (פיו'-מינג-לי) אין צארן, אין כעס, אויפגערעגט.

fu'mitory *n.* (פיו'-מי-טא-רי) דער ערדרויך [אזא מין פלאנצע].

fu'mous *a.* (פיו'-מאס) פון רויך־קאליר [וועגען געוויסע בלומען].

fu'my *a.* (פיו'-מי) וואס גיט ארויס א רויך; רויכיג; פול מיט דאמפף אדער דונסט.

fun *n. and v.* (פאן) צייטפערטרייב, בעלוסטיגונג; שפאס; מאכען שפאס; שפאסען.

funam'bulate *v.* (פיו-נעמ'-ביו-לייט) טאנצען אדער געהן אויף א שטריק.

funam'bulatory *a.* (פיו-נעמ'-ביו-ליי-טא-רי) ווי א שטריק־טענצער, וואס טאנצט אויף א שטריק.

funam'bulist *n.* (פיו-נעמ'-ביו-ליסט) א שטריק־טענצער.

func'tion *n. and v.* (פאנק'-שאן) א פונקציאן, א טהעטיגקייט; פעהיגקייט; אן אמט, א בעשעפטיגונג, אן ארבייטס־אויפגאבע; אן אפיציעלע צערעמאניע; אין מאטעמאטיק — א מאטעמאטישע גרעסע וואס איהר ווערטה איז אבהענגיג פון דעם ווערטה פון אן אנדער גרעסע [צ. ב. דער אומפאנג פון א קרייז איז א פונקציאן פון דעם דיאמעטער, ווייל די גרויס פון דעם אומפאנג הענגט אב פון דער גרויס פון דעם דיאמעטער]; עטוואס וואס הענגט אב מיט זיין ווערטה פון עפעס אנדערעס; אויספיהרען א פונקציאן אדער טהעטיגקייט; ארבייטען, ווירקען, פונקציאנירען.

func'tional *a.* (פאנק'-שאנ-על) אמטליך; וואס איז שייך צו א פונקציאן אדער טהעטיגקייט; וואס פיהרט אוים זיינע געוועהנליכע פונקציאנען [וועגען א גליעדער פון קערפער].

functional'ity *n.* (פאנק-שאנ-על'-אי-טי) דאס האבען א פונקציאן, אן אמט אדער טהעטיגקייט.

func'tionally *adv.* (פאנק'-שאנ-על-אי) אין בעצוג צו די פונקציאנען; דורך פונקציאנען.

func'tionary *n.* (פאנק'-שאנ-ע-רי) א בעאמטער; איינער וואס האט א פערטרויטען אמט.

func'tionate *v.* (פאנק'-שאנ-אייט) פונקציאנירען; ווירקען.

func'tionless *a.* (פאנק'-שאנ-לעס) אהן א פונקציאן; אהן אן אמט.

func'tus offi'cio (פאנק'-טאס א-פיש'-אי-או) וואס האט ערפילט זיין אמטליכע פפליכט, וואס האט אויסגעפיהרט זיין פונקציאן.

fund *n. and v.* (פאנד) א פאנד; א קאפיטאל; א רעגיערונגס־אנלייהע [געלד וואס ווערט געליהען צו א רעגיערונג אדער צו א שטאדט־פערוואלטונג]; אבלעגען געלד צו א געוויסען צוועק; אריינלעגען געלד אין פאנדס.

fund'able *a.* (פאנד'-עבל) וואס קען פערוואנדעלט ווערען אין א פאנד.

fun'dal *a.* (פאנ'-דעל) וואס איז שייך צו א פאנד.

fun'dament *n.* (פאנ'-דע-מענט) דאס געזעס, דער אחור.

fundamen'tal *a. and n.* (פאנ-דע-מענ'-טעל) פונדאמענטאל; וואס דיענט אלס גרונדלאגע; וואס איז שייך צו א גרונדלאגע; וועזענטליך; עלעמענטאר; א גרונדלאגע; אן עיקר.

fundamen'tal bass (פאנ-דע-מענ'-טעל ביים) דער גרונד־טאן.

fundamen'tal col'or (פאנ-דע-מענ'-טעל קאל'-אר) א גרונד־פארב [איינע פון די דריי פארבען פון וועלכע מען קען דורך מישונג צונויפשטעלען אלע אנדערע פערשיעדענע פארבען. דיעזע דריי גרונד־פארבען זיינען: העל־רויט, בלוי און גרין אדער געלב].

fundamental'ity *n.* (פאנ-דע-מענ-טעל'-אי-טי) דאס זיין פונדאמענטאל; וועזענטליכקייט, הויפטזעכליכקייט.

fundamen'tally *adv.* (פאנ-דע-מענ'-טעל-אי) וועזענטליך, הויפטזעכליך; אין גרונד, לויט דעם עיקר.

fundamen'talness *n.* (פאנ-דע-מענ'-טעל-נעס) ז. ***fundamentality***

fundamen'tal tone (פאנ-דע-מענ'-טעל טאון) ז. ***fundamental bass***

fundamen'tal truths (פאנ-דע-מענ'-טעל טרוטהס) פונדאמענטאלע ווארהייטען, אנגענומענע ווארהייטען וועלכע דיענען אלס דער פונדאמענט פון א וויסענשאפט אדער א געדאנק.

fun'ded *a.* (פאנ'-דעד) וואס עקזיסטירט אין דער פארם פון אבליגאציאנען [ווערטה־פאפיערען], וועלכע טראגען א בעשטימטען רעגולערען פראצענט; וואס עקזיסטירט אלס א בעשטענדיגער חוב פון דער רעגיערונג אדער קארפאראציאן מיט א בעשטימטען פראצענט.

fun'ded debt (פאנ'-דעד דעט) אן אנלייהע אויף א לענגערען טערמין פון א רעגיערונג אדער פריוואטער געזעלשאפט אויף וועלכער עס ווערען ארויסגעגעבען אקציען אדער ווערטה־פאפיערען [די אנלייהע ווערט געדעקט דורך דעם, וואס עס ווערט יעדעס יאהר אבגעלעגט א געוויסע סומע פאר דעם צוועק].

fun'der *n.* (פאנ'-דער) אן אנהענגער פון *funded debt* .ז פאנדירטע אנלייהען.

fund'-hol'der *n.* (פאנד'-האול'-דער) איינענטימער פון רעגיערונגס-אנלייהען אדער רעגיערונגס-ווערטה-פאפיערען.

fun'ding *n.* (פאנ'-דינג) דאס מאכען אן אנלייהע דורך ארויסגעבען אבליגאציא-נען [ווערטה-פאפיערען] מיט א בעשטימ-טען טערמין ביז וועלכען די שולד דארף אבגעצאהלט ווערען [ווי דאס ווערט גע-טהאן פון רעגיערונגען, שטאדט-פערוואל-טונגען אדער פריוואטע געזעלשאפטען].

fun'ding sys'tem (פאנ'-דינג סיס'-טעם) די פונדאציאנס-סיסטעם, די סיסטעם פון מאכען אנלייהען דורך ארויסגעבען אב-ליגאציאנס-פאפיערען אויף א געוויסען טערמין, ווי דאס ווערט געטהאן פון רע-גיערונגען אדער פון פריוואטע געזעלשאפ-טען [די אנלייהע ווערט געדעקט דורך אבלעגען יעהרליך א געוויסע סומע פאר דיעזען צוועק].

fund'less *a.* (פאנד'-לעס) ; אהן געלד ; אהן פאנדען.

funds *n.* (פאנדז) געלד, מזומן; שטאאטס-פאפיערען, שטאאטס-שולדען ; אקציען.

fun'dus *n.* (פאנ'-דאס) דער גרונד ; דער פונדאמענט ; דער דעק.

fu'neral *n. and a.* (פיו'-נע-רעל) א בעערדיגונג, קבורה ; א לויה ; א רעדע ביי א בעערדיגונג ; וואס איז שייך צו א בעערדיגונג.

fu'neral fur'nisher (פיו'-נע-רעל פויר'-ניש-ער) איינער וואס בעזארגט אלעס ביי א לויה.

fu'neral ora'tion (פיו'-נע-רעל א-ריי'-שאן) א בעערדיגונגס-רעדע; א הספד.

fu'neral pace (פיו'-נע-רעל פיים) לויה-שריט, לאנגזאמער גאנג.

fu'neral pile (פיו'-נע-רעל פאיל) א שייטער-הויפען אויף וועלכען א טויטער קערפער ווערט פערברענט.

fu'neral rites (פיו'-נע-רעל ראיטס) לויה-צערעמאניעס.

fu'neral ser'mon (פיו'-נע-רעל סויר'-מאן) א בעערדיגונגס-דרשה, א לויה-רעדע, א הספד.

fu'nerary *a.* (פיו'-נע-רע-רי) וואס איז שייך צו א בעערדיגונג.

fune'real *a.* (פיו-ני'-רי-על) וואס פאסט פאר א בעערדיגונג ; טרויעריג, מרה-שחורה'דיג.

fune'really *adv.* (פיו-ני'-רי-על-אי) ווי ביי א לויה, ווי ביי א בעערדיגונג ; מיט טרויער, מיט מרה-שחורה.

fun'gal *a. and n.* (פאנ'-געל) וואס איז שייך צו שוועמלעך ; א שוועמעל.

Fun'gi *n.* (פאנ'-דזשאי) דער מין שוועמ-לעך.

Fun'gia *n.* (פאנ'-דזשי-א) שוועמלעך-קאראלען.

fun'gible *a. and n.* (פאנ'-דזשיבל) וואס מען קען פערבייטען מיט עפעס אנ-דערש; אין יוריספרודענץ — עטוואס וואס קען פערביטען ווערען מיט אן אנדער זאך פון דעמזעלבען ווערטה אדער אין דער-זעלבער צאהל ; א זאך וואס מען קען וועג-נען, צעהלען אדער מעסטען [ווי געלד, תבואה א. ז. וו.].

fun'gic *a.* (פאנ'-דזשיק) וואס איז שייך צו אדער וואס קומט פון שוועמלעך.

fun'gicide *n.* (פאנ'-דזשי-סאיד) עט-וואס וואס פערניכטעט שוועמלעך [הויפט-זעכליך וועגען א כעמישען שטאף].

fungic'olous *a.* (פאנ-דזשיק'-א-לאס) וואס לעבט אויף שוועמלעך.

fun'giform *a.* (פאנ'-דזשי-פארם) עהנ-ליך צו שוועמלעך.

fungil'liform *a.* (פאנ-דזשיל'-אי-פארם) .ז *fungiform*

fun'gite *n.* (פאנ'-דזשאיט) א פונגיט [א פערשטיינערטער קאראל].

fungiv'orous *a.* (פאנ-דזשיוו'-א-ראס) וואס שפייזט זיך מיט שוועמלעך [הויפט-זעכליך וועגען אינזעקטען].

fun'goid *a.* (פאנ'-גאיד) ; שוואמארטיג וואס וואקסט פלוצלונג אויס, וואס ער-שיינט פלוצלונג ; אין מעדיצין — וואס האט א קראנקהאפטע, שוואמארטיגען אנ-וואוקס.

fungol'ogist *n.* (פאנ-גאל'-א-דזשיסט) איינער וואס שטודירט די אייגענשאפטען און די נאטור פון שוועמלעך.

fungol'ogy *n.* (פאנ-גאל'-א-דזשי) דער טייל פון באטאניק וואס בעשעפטיגט זיך מיט שוועמלעך.

fungos'ity *n.* (פאנ-גאס'-אי-טי) שוואמ-ארטיגקייט ; דאס האבען א שייכות צו שוואמען אדער שוועמלעך ; א קראנקהאפ-טער שוואמארטיגער אנוואוקס ; דאס ער-שיינען פלוצלונג [אבער אהן ממשות, אהן דויערהאפטיגקייט].

fun'gous *a.* (פאנ'-גאס) ; שוואמיג ; וואס האט א קראנקהאפטען שוואמיגען אנ-וואוקס ; וואס וואקסט אויס אדער ערשיינט פלוצלונג, ניט האבענדיג קיין ממשות און קיין דויערהאפטיגקייט.

fun'gus *n.* (פאנ'-גאס) א שוועמעל, א שוואם ; א קראנקהאפטער שוואמארטי-גער אנוואוקס.

fu'nicle *n.* (פיו'-ניקל) א שטריקעל, א פאדעם, א פיבר [אן אדערעל ביי פלאנ-צען]; די ערשטע אויסשפראצונג, דאס ווארצעלע ביי זאמען ; א נאפעל-שנור [ווי ביי קינדער גלייך נאך זייער געבורט].

funic'ular *a. and n.* (פיו-ניק'-יו-לאר) פעדימדיג, פיברדיג ; וואס איז שייך צו א נאפעל-שנור ; א שטריק-פאליגאן. .ז *funicular polygon*

funic'ular machine' (פיו-ניק'-יו-לאר מע-שין') א פאררייכטונג וואס בע-שטעהט פון שטריק און געוויכטען, וואס זיינען אויף זיי אנגעהאנגען [ווערט גע-ברויכט צו אילוסטרירען געוויסע מעכאני-שע געזעצען].

funic'ular pol'ygon (פיו-ניק'-יו-לאר פאל'-אי-גאן) א געאמעטרישע פיגור וואס בילדעט זיך, ווען א שטריק ווערט געצויגען אדער אונטערגעשפארט אין פער-שיעדענע פונקטען.

funic'ulus *n.* (פיו-ניק'-יו-לאס) א שטריקעל ; א פאדעם ; א נאפעל-שנור.

fu'niform *a.* (פיו'-ני-פארם) .ז *funiliform*

funil'iform *a.* (פיו-ניל'-אי-פארם) עהנליך צו א שטריק.

funk *n. and v.* (פאנק) א שטארקער אונאנגענעהמער גערוך ; פורכט, שרעק, פא-ניק ; ארויסגעבען א שטיקענדען, אונאנ-גענעהמען גערוך ; זיך שטארק דערשרע-קען.

fun'ky *a.* (פאנ'-קי) ; ברוי-שרעקעדיג [וועגען א פערד] ; וואס רעגט זיך שנעל אויף.

fun'nel *n.* (פאנ'-על) א לייקע ; אן אב-צוג פאר רויך אדער פארע.

fun'neled *a.* (פאנ'-עלד) וואס האט א לייקע אדער אן אבצוג פאר רויך אדער פארע ; עהנליך צו א לייקע.

fun'nelform *a.* (פאנ'-על-פארם) עהנ-ליך צו א לייקע.

fun'nelled *a.* (פאנ'-עלד) .ז *funneled*

fun'nel-like *a.* (פאנ'-על-לאיק) .ז *funnelform*

fun'nel-shaped *a.* (פאנ'-על-שייפט) .ז *funnelform*

fun'nily *adv.* (פאנ'-אי-לי) אויף א שפאסהאפטען אדער קאמישען שטייגער.

fun'niment *n.* (פאנ'-אי-מענט) א שפאסהאפטע אדער קאמישע זאך אדער אויסדרוק.

fun'niness *n.* (פאנ'-אי-נעס) שפאס-האפטיגקייט, קאמישקייט.

fun'ning *n.* (פאנ'-אינג) ; דאס שפאסען דאס מאכען קאמישע אדער שפאסהאפטע שטיק.

fun'ny *a. and n.* (פאנ'-אי) שפאסהאפט, לעכערליך, קאמיש, מאדנע, איבערראשענד; א לאנג, שמאל שיפעל [ווערט געברויכט ביי וועט-קעמפפע].

fun'ny-bone *n.* (פאנ'-אי-באון) דער ביין ביים עלענבויגען.

fun'ny-man *n.* (פאנ'-אי-מען) א קלאון, א פאיאץ.

fu'or *n.* (פיו'-אר) א שטיקעל האלץ צוי-געשלאגען צו א פערפוילטען באלקען [אדער שפארע], אום איהם צו בעפעס-טיגען.

fur *n., a. and v.* (פויר) רויכווארג, פוטער, פעלץ-ווארען; די פעל אדער פעלץ פון געוויסע ווילדע חיות ; א הויט, א קא-רע ; די ווייכע הארינגע הויט פון א פער-סיק ; דער ווייסער שיכט וואס לעגט זיך אוים אויף דער צונג ביי א מענשען, וועל-כער ליידעט פון פיבער אדער מאגען-קראנק-הייט ; א דינער שיכט פון אבגעזעצטען שטאף וועלכער בילדעט זיך אוים אויף די ווענטלעך פון א כלי, וואו עס איז א לאנגע צייט געווען א פליסיגקייט און בעזונדערס וויין ; דער שיכט פון קעסעל-שטיין וואס בילדעט זיך אוים אויף די ווענטלעך פון א קעסעל ; חיות ביי וועלכע דער פעלץ בעשטעהט פון ווייכען פוטער ; א שרינט אדער אקער-שניט איבער'ן פעלד וואס ווערט אויסגעאקערט מיט א פלוג ; וואס איז שייך צו רויכווארג ; געמאכט פון פו-טער ; בעציהען, ארומנעהמען אדער בעדע-קען מיט פעלץ אדער פוטער ; בעדעקען מיט א קראנקליכען שיכט [ווי דער ווייסער שיכט אויף דער צונג ביי א קראנקען מענשען] ; בעציהען מיט א הויט אדער קארע ; ביי סטאליארעס — בעשלאגען מיט לייסטלעך אדער ברעטלעך ; רייניגען א קע-סעל פון קעסעל-שטיין.

fur'below *n. and v.* (פויר'-בי-לאו) א פאלבעל [א קרויזעל ארום א פרויען-קלייד] ; א שעהן-אויסגעארבייטע פערציע-רונג ; א מין ים-גראז, וואס געפינט זיך ביים ים אין ענגלאנד ; ארומנעהמען מיט א קרויזעל.

fur'bish *v.* (פויר'-ביש) פאלירען, פו-צען, פיילען ; אראבנעהמען דעם שאנד-פלעק ; אומקעהרען צוריק דעם כבוד.

fur'bisher *n.* (פויר'-ביש-ער) א פא-לירער.

fur'-boot *n.* (פויר'-בוהט) פעלץ-שטי-וועל.

fur'-cap *n.* (פויר'-קעפ) א פעלץ-היטעל.

fur'cate *a. and v.* (פויר'-קייט) גאפעל-דיג, אין דער פארם פון א גאפעל ; פא-נאנדערצווייגען זיך ווי א גאפעל.

furca'tion *n.* (פויר-קיי'-שאן) דאס פא-

נאנדערצווייגען זיך ווי א גאפעל; א פאנאנדערטיילונג.

fur'fur *n.* (פויר'-פויר) קאפּ־שופּען [די ווייסע פלעוקעלעך וואס שיטען זיך פון די האָר].

furfura'ceous *a.* (פויר-פיו-ריי'-שיאס) ווי מעקענע; געמאכט פון מעקענע; שויפענארטיג; אין באטאניק — בעדעקט מיט שופּען.

furfura'ceously *adv.* (פויר-פיו-ריי'-שיאס-לי) מיט שופּען בעדעקט; ווי מעקענע.

fur'furous *a.* (פויר'-פיו-ראס) ז. *furfuraceous*.

furio'so *a. and n.* (פוה-רי-או'-סאו) אין מוזיק — צארענדיג, וויטענד; אן אויפגעבראכטער, צארענדיגער מענש.

fu'rious *a.* (פיו'-רי-אס) וויטענד; שרעקליך אויפגעבראכט; מיט א ווילדען גרימצארן; אין א ווילדען כעס.

fu'riously *adv.* (פיו'-רי-אס-לי) ז. *furious*.

fu'riousness *n.* (פיו'-רי-אס-נעס) שרעקליכע אויפגעבראכטקייט, גרימצארן, א ווילדער כעס.

furl *v.* (פוירל) אויפראלען, אויפציהען [ווי א זעגעל פון א שיף].

fur'long *n.* (פויר'-לאנג) אן ענגלישע לענגען־מאס [א ⅛ פון אן ענגלישער מייל].

fur'lough *n. and v.* (פויר'-לאו) אן אורלויב; אן ערלויבניש וואס ווערט געגעבען א סאלדאט אוועקצוגעהן פון דיענסט אויף א געוויסער צייט; געבען אן אורלויב־צעטעל.

fur'nace *n. and v.* (פויר'-נעס) א שמעלץ־אויווען [א מין אויווען וואו מען שמעלצט מעטאלען]; דער ארט אדער די צייט פון שרעקליכע יסורים; שמעלצען [מעטאלען] אין א שמעלץ־אויווען; אנהייצען אדער מאכען א היץ ווי אין א קאלך־אויווען.

fur'nace-bur'ning *a.* (פויר'-נעס-בויר'-נינג) וואס ברענט ווי א קאלך־אויווען.

fur'nace-steel *n.* (פויר'-נעס'-סטיעל) שטאהל וואס איז געשמאלצען אין א שמעלץ־אויווען.

fur'nish *v.* (פויר'-ניש) פערזארגען; מעבלירען; פערציערען; אויסשטאטען.

fur'nish a han'dle (פויר'-ניש ע הענדל) געבען א געלעגענהייט.

Your mistakes have **furnished a handle** to his arguments.

fur'nish aid (פויר'-ניש אייד) געבען הילף.

fur'nished *a.* (פויר'-נישט) מעבלירט; אויסגעשטאטעט; פערזארגט.

fur'nisher *n.* (פויר'-ניש-ער) איינער וואס בעזארגט עפעס; איינער וואס שטעלט צו פראדוקטען; אן אויסשטאטער; א מעבלירער.

fur'nishing *n.* (פויר'-ניש-אינג) דאס בעזארגען עפעס אדער דאס צושטעלען פון פראדוקטען; די אויסשטאטונג; מעבלירונג.

fur'niture *n.* (פויר'-ני-טשור) מעבעל; פערציערונג; אויסשטאטונג; אין דרוקעריי — שטעגען [די הילצערנע און מעטאלענע קלעצעלעך, וועלכע לעגען זיך אריין אין ראהם ארום דער דרוק־שריפט, כדי זי זאל זיך האלטען אויף איין ארט ביים דרוקען].

fu'ror *n.* (פיו'-ראר) א צארן, וואוט; א מאניע, א שטארקע ליידענשאפט צו עפעס.

furo're *n.* (פוה-ראו'-רע) ז. *furor*.

fur'rier *n.* (פויר'-אי-ער) א רויכווארג־הענדלער; איינער וואס ארבייט אויס אדער פערקויפט פוטער־ווארע.

fur'riery *n.* (פויר'-אי-ער-אי) רויכווארג; דער האנדעל מיט פוטער אדער פעלץ.

fur'ring *n.* (פויר'-אינג) רויכווארג; פעלץ־ווארע; דאס ארומנעהען מיט פוטער; קעסעל־שטיין אויף די ווענטלעך פון א קעסעל; דער ווייסער שיכט אויף דער צונג פון א מענשען, וועלכער ליידעט פון א קראנקען מאגען; דאס שילעווען אדער בעשלאגען מיט לייסטלעך אדער ברעטלעך; אנגעשלאגענע לייסטלעך אויף א וואנד.

fur'row *n. and v.* (פאר'-או) א שרינט, א וואגע אדער אקער־שניט [דער אקערשניט וואס אן אקער־אייזען מאכט ציהענדיג זיך איבער'ן פעלד]; א רינווע אדער פערטיעפונג אין מעטאל אדער שטיין; א קנייטש; מאכען א שרינט אדער אקערשניט; מאכען רינוועס אדער פערטיעפונגען אין מעטאל אדער שטיין; מאכען קנייטשען.

fur'row-faced *a.* (פאר'-או-פייסט) מיט א געקנייטשטען שטערען.

fur'row-weed *n.* (פאר'-או-הוויעד) אונקרויט [ווילדע גראזען וואס וואקסען ארויס אויף געאקערטע פעלדער].

fur'ry *a.* (פויר'-אי) פון פוטער, פון פעלץ; בעדעקט מיט פעלץ אדער פוטער; וואס איז ענליך צו פוטער.

fur'ther *a., adv. and v.* (פויר'-טהער) 1. ווייטער, אין א ווייטערער דיסטאנץ; אלס צוגאב צו; אויסער דעם; נאך עפעס; וואס שטעהט אב ווייטער איידער אן אנדער זאך; וואס ציהט זיך ווייטער; 2. פערדערען; טרייבען פארווערטס.

2. His writings aim to **further** the cause of universal peace.

fur'therance *n.* (פויר'-טהער-ענס) די פערדערונג, דאס ברייננען אדער טרייבען ווייטער צום פארשריט.

fur'ther end (פויר'-טהער ענד) דער ווייטערער צוועק.

fur'therer *n.* (פויר'-טהער-ער) א פערדערער, איינער וואס ברייננט אדער טרייבט ווייטער צום פארשריט.

fur'thermore *adv.* (פויר'-טהער-מאור) אויסער דעם, חוץ וואס איז שוין געזאגט אדער געטהאן געווארען; נאך מעהר; ווייטער.

fur'thermost *a.* (פויר'-טהער-מאוסט) וואס איז נאך ווייטער.

fur'ther partic'ulars (פויר'-טהער פאר-טיק'-יו-לערז) גענויערע פרטים.

fur'thersome *a.* (פויר'-טהער-סאם) וואס האט די נייגונג אדער קראפט צו פערדערען אדער טרייבען פארווערטס; וואס קען העלפען אדער אונטערשטיצען.

fur'thest *adv. and a.* (פויר'-טהעסט) וואס איז דער ווייטעסטער; אם ווייטעסטען.

fur'tive *a.* (פויר'-טיוו) גע'גנב'עט; ערווארבען דורך גניבה; ווי א גנב.

fur'tively *adv.* (פויר'-טיוו-לי) גנבה'שערהייד; מעשה גנב.

fu'runcle *n.* (פיו'-ראנקל) א בלוט־געשוויר, א בייל.

furun'cular *a.* (פיו-ראנ'-קיו-לאר) וואס איז שייך צו א בלוט־געשוויר אדער בייל.

fu'ry *n.* (פיו'-רי) א שטארקע אויפרעגונג; וואוט; א ווילדער כעס.

Fu'ry *n.* (פיו'-רי) אין דער גריכיש־רוימישער מיטאלאגיע — איינע פון די פוריען אדער עריניען, די דריי געטינען פון ראכע, וועלכע זיינען געווען פארגעשטעלט מיט שלאנגען אויף'ן קאפ, מיט א בייטש אין איין האנד און מיט א פאקעל אין דער צווייטער.

furze *n.* (פוירז) גונסטער [א מין ווילדע דארן־פלאנצע].

Furze

fur'zy *a.* (פויר'-זי) בעוואקסען מיט גינסטער [א מין ווילדער דארן].

fu'sarol *n.* (פיו'-סע-ראול) אין ארכיטעקטור — אן אסטראגאל [א רייפעל אדער שטרייף וואס דיענט אלס פערציערונג ארום א זייל].

fu'sarole *n.* (פיו'-סע-ראול) ז. *fusarol*.

fus'cous *a.* (פאס'-קאס) ברוין, טונקעל.

fuse *v. and n.* (פיוז) שמעלצען; מאכען פליסיג; צונויפשמעלצען, פעראייניגען, צונויפגיסען; זיין צונויפגעגאסען אדער צונויפגעשמאלצען; דער צונד־רעהר אדער טרייבעל פון א באמבע אדער גראנאט.

fusee' *n.* (פיו-זיע') דאס קאנישע רעדעל אין א וואנד־זייגער מיט געוויכטער, אויף וועלכען עס ווערט אנגעצויגען די קייט אדער שנור, אויף וועלכען די געוויכטער הענגען; אזא זארט שוועבעלע צו פעררויכערען א ציגאר אדער א ליולקע.



Fusee

fusibil'ity *n.* (פיו-זי-ביל'-אי-טי) שמעלצבארקייט, פליסיגקייט.

fu'sible *a.* (פיו'-זיבל) שמעלצבאר, פליסיג; וואס קען צושמאלצען אדער פאנאנדערגעלאזען ווערען.

fu'siform *a.* (פיו'-זי-פארם) שפינדעלפערמיג, ווי א שפינדעל [וועגען געוויסע פלאנצען און חיות].

fu'sil *n.* (פיו'-זיל) א מין ביקס; א געוויסע פארם פון א שילד מיט א ראמב אין מיטען.

Fusil

fusileer' *n.* (פיו-זי-ליער') א סאלדאט פון א געוויסען מין אינפאנטעריע [פעכאטע].

fusilier' *n.* (פיו-זי-ליער') ז. *fusileer*.

fusillade' *n. and v.* (פיו-זי-לייד') א זאלפ, א שיסעריי פון פיעל ביקסען מיט אמאל; שיסען מיט א זאלפ.

fu'sing-point *n.* (פיו'-זינג-פאינט) דער שמעלצונגס־פונקט [דער טעמפעראטור־גראד, ביי וועלכען פערשיעדענע מעטאלען אדער אנדערע הארטע זאכען הויבען אן זיך צו שמעלצען].

fu'sion *n.* (פיו'-זשאן) די שמעלצונג;

די צונויפשמעלצונג, די פעראייניגונג פון בעזונדערע זאכען; אין פאליטיק — די פעראייניגונג פון פארטייען אדער פראקציאנען.

fu'sionism *n.* (פיו'-זשאנ-איזם) די פעראייניגונג פון צוויי אדער עטליכע פאליטישע פארטייען געגען אן אנדער פארטיי.

fu'sionist *n.* (פיו'-זשאנ-איסט) איינער וואס אונטערשטיצט די פעראייניגונג פון צוויי אדער עטליכע פאליטישע פארטייען מיט דעם ציעל צו בעקעמפפען אן אנדער פארטיי.

fuss *n. and v.* (פאס) א ליארעם וועגען קלייניגקייטען; א טומעל וועגען זאכען וואס זיינען גארנישט ווערטה; טומלען וועגען קלייניגקייטען; מאכען א וועזען פון גארנישט.

fuss'ify *v.* (פאס'-אי-פאי) מאכען א טומעל אומזיסט און אומנישט.

fuss'ily *adv.* (פאס'-אי-לי) אויף א טומעלדיגען, ליארעמדיגען שטייגער.

fuss'iness *n.* (פאס'-אי-נעס) טומעלדיגקייט, ליארעמדיגקייט [אומזיסט און אומנישט].

fuss'y *a.* (פאס'-אי) טומעלדיג, ליארעמדיג; וואס מאכט אן א טומעל וועגען א קלייניגקייט.

fust *n.* (פאסט) — אין ארכיטעקטור א רונדער זייל [אהן דעם פוס און אהן דעם קאפ].

fus'tian *n. and a.* (פאס'-טשען) מאשעסטער אדער באוועלנער סאמעט [א מין דיקער באוועלנער צייג]; אן אוננאטירליכער, אויפגעבלאזענער ארט פון שרייבען און רעדען; פוסטע מליצות; געמאכט פון מאשעסטער אדער באוועלנעם סאמעט; אויפגעבלאזען, באמבאסטיש [אין שרייבען און רעדען].

fus'tianist *n.* (פאס'-טשענ-איסט) א שרייבער וואס האט אן אויפגעבלאזענעם סטיל [וואס געברויכט פיעלע אונגויטיגע ווערטער און פוסטע מליצות].

fus'tic *n.* (פאס'-טיק) א געלער פארבשטאף וואס בעקומט זיך פון א געוויסען זארט בוימער, וועלכע וואקסען אין וועסט-אינדיען און אין די הייסע לענדער פון דרום-אמעריקא.

fus'tigate *v.* (פאס'-טי-גייט) שלאגען מיט א שטעקען.

fustiga'tion *n.* (פאס-טי-גיי'-שאן) דאס שמייסען, דאס שלאגען מיט א שטעקען.

fus'tiness *n.* (פאס'-טי-נעס) שימעל-גערוך; שימעל.

fus'toc *n.* (פאס'-טאק) ז. *fustic*

fus'ty *a.* (פאס'-טי) וואס שמעקט מיט שימעל; שימעלדיג.

fu'tile *a.* (פיו'-טיל) נוצלאז, פוסט, לעער, אונגוויכטיג.

He made a futile attempt to reach the President.

futilita'rian *n.* (פיו-טיל-אי-טיי'-רי-ען) איינער וואס איז איבערגעגעבען צו פוסטע, אונוויכטיגע, נוצלאזע זאכען.

futil'ity *n.* (פיו-טיל'-אי-טי) אונוויכטיגקייט, לעערהייט, הבלים, פוסטע זאכען, נוצלאזיגקייט.

fut'tock *n.* (פאט'-אק) איינע פון די אויסגעבויגענע מיטעלסטע באלקענס פון א שיף.

fu'ture *a. and n.* (פיו'-טשור) קינפטיג, צוקינפטיג, אין א צייט ארום; די צוקינפטיגע צייט, די צוקונפט; א מין ספעקולאציאן אויף דער בערזע, וואו ווערטהפאפיערען אדער אנדערע זאכען ווערען פערקויפט אויף שפעטער, להבא; אין גראמאטיק — דער פוטורום, דער עתיד, די צוקונפט-צייט.

fu'ture a'ges (פיו'-טשור איי'-דזשעז) די צוקינפטיגע דורות.

futu'rity *n.* (פיו-טשו'-רי-טי) די צוקינפטיגע צייט; לעתיד לבוא; א צוקינפטיגע זאך.

fuze *n. and v.* (פיוז) א צינדער [א פאר-ריכטונג צום אנצינדען עקספלאזיאנס-מאטעריאלען אום זיי צו ברייננען צום עקספלאדירען, ווי ביי באמבען, דינאמיט א. ד. ג.]; א זיכערונגס-דרעטעל וואס ווערט אריינגעשטעלט אין אן עלעקטרישען שטראם-קרייז [דאס דרעטעל איז בערעכענט אויף אויסצוהאלטען א געוויסע שטארקייט פון עלעקטרישען שטראם, ווען דער שטראם ווערט צו שטארק ווערט דאס דרעטעל צושמאלצען און דער שטראם-קרייז ווערט דערמיט אונטערבראכען]; אריינשטעלען א פערזיכערונגס-דרעטעל אין אן עלעקטרישען שטראם-קרייז; אריינשטעלען א צינדער אין עקספלאזיאנס-מאטעריאלען צום עקספלאדירען.

fuzz *n. and v.* (פאז) קליינע פוכינע טיילעכלעך אדער שטיקעלעך וואס רייבען זיך אב און ווערען צובלאזען אויף'ן ווינד; צופליהען אין קליינע פוכינע שטיקעלעך וואס רייבען זיך אב.

fuzz'ball *n.* (פאז'-באהל) דער רעגען-שוועמעל [א מין שוואם, פון וועלכען עס פליהען ארוים קליינע פוכינע שטיקעלעך ווען ער פלאצט].

fuzz'iness *n.* (פאז'-אי-נעס) פוכיגקייט; דאס קענען זיך פאנאנדערפליהען.

fuzz'y *a.* (פאז'-אי) גרינג, פוכקע; בעדעקט מיט לייכטע, פוכקע טיילעכלעך אדער שטיקעלעך.

fy *int.* (פאי) ז. *fie*

fyke *n.* (פאיק) א מין נעץ פאר פיש.

fyke'-net *n.* (פאיק'-נעט) ז. *fyke*

G

G, g (דזשי) דער 7טער בוכשטאב פון דער *a-b-c*

Ga. אבקירצונג פון *Georgia* [איינער פון די פעראייניגטע שטאאטען פון נארד-אמעריקא].

g. a. ראשי תבות פון די ווערטער *general average*

G. A. ראשי תבות פון די ווערטער *General Assembly*

gab *n. and v.* (געב) א האקען; פלוידעריי; פלוידערען.

gabardine' *n.* (געב-ער-דין') א קאפאטע; א לאנגער, ברייטער מאנטעל; אן אויבערמאנטעל.

gab'bard *n.* (געב'-ארד) אזא שווערע בארזשע אדער משא-שיף.

gab'ber *n.* (געב'-ער) א פלוידערזאק; א ליגנער.

gab'ble *v. and n.* (געבל) ריידען הויך אויף'ן קול און גיך; פלאפלען, פלוידערען; גאגאטשען [שנאטערען, שרייען] ווי א גאנז; פלוידעריי, פלאפלעריי.

gab'bler *n.* (געב'-לער) א פלוידערער, א פלאפלער.

gab'bling *n.* (געב'-לינג) פלוידעריי, פלאפלעריי.

gab'by *a.* (געב'-אי) פלוידערדיג, פלאפלערדיג.

ga'bel *n.* (גיי'-בעל) זאלץ-שטייער; שטייער, אבגאבע [אין אייראפא].

gabelle' *n.* (גע-בעל') ז. **gabel**

ga'beller *n.* (גיי'-בעל-ער) א שטייער-קאלעקטאר.

gaberdine' *n.* (געב-ער-דין') ז. *gabardine*

ga'bion *n.* (גיי'-בי-אן) א שאנץ-קארב [אזא רונדע קארב אהן א דעק וועלכע ווערט אנגעפילט מיט ערד און ווערט בענוצט אין פעסטונגס-ווערק].

Gabion

gabionade' *n.* (גיי-בי-א-נייד') א פעסטונגס-ווערק וואס איז געמאכט פון שאנץ-קערב. ז. *gabion*

ga'bioned *a.* (גיי'-בי-אנד) ארומגעלעגט מיט שאנץ-קערב. ז. *gabion*

gabionnade' *n.* (גיי-בי-א-נייד') ז. *gabionade*

ga'ble *n.* (גייבל) א גיבעל [דער אויבערשטער טייל פון א שארפען משופע'דיגען דאך]; א דרייעקיגע פערציערונג פון געביידען אין דער פארם פון א שפיציגען דאך, ווי דאס ווערט געמאכט איבער פענסטער און טהירען.

ga'ble-bel'fry *n.* (גיי'בל-בעל'-פרי) א קליינער גלאקען-טהורם מיט א שפיציגען דאך.

ga'bled *a.* (גייבלד) וואס האט א גיבעל. ז. *gable*

ga'ble-end *n.* (גיי'בל-ענד) דער שפיץ פון א וואנד פון א הויז וואס האט א שארפען משופע'דיגען דאך.

ga'ble-en'ded *a.* (גיי'בל-ענ'-דעד) וואס האט א גיבעל. ז. *gable*

ga'ble-roof *n.* (גיי'בל-רוהף) א גיבעל-דאך, א שארפער משופע'דיגער דאך.

ga'ble-roofed *a.* (גיי'בל-רוהפט) וואס האט א גיבעל-דאך [א שארפער משופע'דיגער דאך].

ga'blet *n.* (גיי'-בלעט) א פערציערונגס-גיבעל [א קליין שפיציג דעכעל וואס דיענט אלס פערציערונג איבער פענסטער אדער טהירען א. ד. ג.].

ga'ble-wall *n.* (גיי'בל-הוואהל) די וואנד, וועלכע בילדעט אוים דעם גיבעל פון א הויז. ז. *gable*

ga'ble-win'dow *n.* (גיי'בל-הווינ'-דאו)

א פענסטער וואס האט איבער זיך א שפיצינג דעכעל.

ga'by *n.* (גיי'-בי) א שוטה, א דומער יונג.

gad *n. and v.* (גער) א שפיץ; א שפיצינער אינסטרומענט; א קלין; א שפיצינע אייזען-שטאנג; א שפיצינער שטאק; א רוט; דאס ארומלויפען, דאס ארומטרייבען זיך; צושלאגען מיט א שפיצינגען טשוואק; זיך ארומטרייבען גארנישט טהוענדיג; ארומלויפען היז און צוריק.

gad'about *n.* (גער'-ע-באוט) א פוסט און פאסניק; אן ארומלויפערקע [א פרוי וואס זיצט ניט איין אין דער היים].

gad'ded *a.* (גער'-ער) שפיציג; מיט א שפיץ.

gad'der *n.* (גער'-ער) אן ארומטרייבער, אן ארומשלעפער.

gad'ding *n.* (גער'-אינג) דאס ארומטרייבען זיך; דאס ארומשלעפען זיך.

gad'dingly *adv.* (גער'-אינג-לי) אויף אן ארומטרייבערישען אופן; ארומשלעפענדיג זיך.

gad'dish *a.* (גער'-איש) וואס טרייבט זיך ארום.

gad'dishness *n.* (גער'-איש-נעס) ארומטרייבעריי, ארומשלעפעריי.

gad'fly *n.* (גער'-פלאי) די פערד-פליעג [אזא פליעג וואס פאלט נערן אן אויף פערד און אנדערע הויז-טהיערע]; אן ארומטרייבער; איינער וואס דאקוטשעט.

Gadfly

gad'wall *n.* (גער'-הוואהל) א מין ענטעל.

Gael *n.* (גייל) א קעלטישער שאטלענדער פון די הויך-לאנד בעוואהנער.

Gae'lic *a. and n.* (גיי'-ליק) וואס איז שייך צו די קעלטישע שאטלענדער [די הויך-לאנד-בעוואהנער אין שאטלאנד]; די געלישע שפראך [די שפראך פון די הויך-לאנד בעוואהנער אין שאטלאנד].

Gae'licist *n.* (גיי'-לי-סיסט) איינער וואס שטודירט די געלישע שפראך.

ז. *Gaelic*

gaff *n. and v.* (געף) א הארפון-שטאנג [אזא שטארקער, שארפער אייזערנער האטשעק (קרוק) בעפעסטיגט צו א שטאנג וואס פישער בענוצען ארויסצוציהען גרויסע פיש פון וואסער]; א קווער-שטאנג פון א שיף; א קליינער שטאנג; א ביליגער אמוזירונגס-פלאץ אדער טעאטער אין ענגלאנד; ארויסציהען פיש מיט א הארפון-שטאנג.

gaf'fer *n.* (געפ'-ער) אן אלטער מאן, אן אלטער לאנדסמאן; אן אויפזעהער איבער ארבייטער; איינער וואס ציהט ארויס פיש פון וואסער מיט א הארפון-שטאנג.

gaff'-hook *n.* (געפ'-הוק) א הארפון-שטאנג. ז. *gaff*

gaf'fle *n.* (געפל) א גאפעל-פערמיגער נעשטעל וועלכער פלעגט אמאל געברויכט ווערען אונטערצושטיצען די ביקס ביים שיסען; א שטאלענער שפארען וואס ווערט אנגעטהאן אויף דעם פוס פון א קאמפף-האהן.

gag *n. and v.* (געג) א שפאר-העלצעל, א שפרייז-העלצעל [א העלצעל אויפצושפארען דאס מויל]; עטוואס מיט וואס מען פערשטאפט דאס מויל, אז מען זאל ניט קענען ריידען אדער שרייען; די פערגוואלטיגונג פון רעדע-פרייהייט; א ביסען וואס קעהרט צו ברעכען; א מין גרויסער פיש וואס געפינט זיך ביי די אטלאנטישע ברעגען פון דרום-אמעריקא; פערשטאפען דאס מויל; ניט לאזען ריידען; אויפשפארען דאס מויל מיט א שפאר-העלצעל; ברייגגען צום ברעכען; ברעכען; פערשטאפען; שפאסען, חוזק מאכען; אריינשטעלען ווערטער פון דער אייגענער ראלע אין א צווייטענס [ווענען אקטיארען].

gage *n. and v.* (גיידזש) א משכון, א פפאנד; דאס געבען א משכון, דאס לעגען ערבות; דאס וואס ווערט איינגעלעגט אין א וועט; דאס ארויסרופען צום קאמפף; א מאסשטאב, א קאליבער, אן אינסטרומענט, מיט וועלכען מען מעסט די גרויס, ברייט אדער אומפאנג פון א זאך; א בעשטימטע פעסטגעשטעלטע מאס פון עפעס [ווי למשל די ברייט צווישען די שינען אדער רעלסען פון אן אייזענבאהן]; דער טיעף-גאנג פון א שיף, די מאס וויפיעל א שיף קען זיצען טיעף אין וואסער; די פאזיציאן אדער די לאגע פון א שיף בנוגע צום ווינד אדער צו אן אנדער שיף; מעסטען די גרויס, אומפאנג אדער אינהאלט פון עפעס [ווי פון א שיף]; אבשאצען עפעס; מאכען פעלדעלעך אויף א קלייד.

ga'geable *a.* (גיי'-דזשעבל) וואס קען געמאסטען ווערען.

gaged *a.* (גיידזשד) פינקטליך צוגעפאסט.

gage'-plate *n.* (גיידזש'-פלייט) א פאר-ריכטונג, וועלכע ווערט אריינגעשטעלט אין א מאשין צו שניידען, האקען לעכלעך א. ד. ג., אום דאס וואס ווערט געשניטען אדער געהאקט זאל זיין אין איין מאס.

ga'ger *n.* (גיי'-דזשער) א מעסטער, אן אויסמעסטער; איינער וואס מעסט דעם אינהאלט פון כלים.

gag'ger *n.* (געג'-ער) א קנעבלער, א מויל-פערשטאפער; א שפאר-אייזענדעל, וואס ווערט אריינגעשטעלט אין א פורם צי האלטען פעסט דעם קערן אויף אן ארט.

gag'gle *v. and n.* (געגל) גאגאטשען ווי גענז; א הורטע געגז; א פלאפלער-געזעלשאפט.

gag'gler *n.* (געג'-לער) א גאנז.

ga'ging *n.* (גיי'-דזשינג) די מעטאדע פון מעסטען דעם אינהאלט פון א כלי.

ga'ging-rod *n.* (גיי'-דזשינג-ראד) אן אינסטרומענט צו מעסטען דעם אינהאלט פון כלים.

gag'-law *n.* (געג'-לאה) דאס געזעץ ווענען רעגולירען די צייט פון דעבאטען אין דעם קאנגרעס [פארלאמענט] פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא.

gag rule (געג רוהל) דאס געזעץ אין א פערזאמלונג אדער פארלאמענט וואס אונטערדריקט מיט פערשיעדענע קונצען די רעדע-פרייהייט.

gai'ety *n.* (גיי'-ע-טי) פרעהליכקייט, לוסטינקייט; פוץ, גלאנץ.

gai'ly *adv.* (גיי'-לי) אויף א פרעהליכען, לוסטיגען שטייגער; לעבעדיג, שמחה'דיג; מיט פוץ, מיט גלאנץ.

gain *n. and v.* (גיין) געווין, פראפיט, פערדיענסט; פרנסה; דאס בעקומען פראפיט; דאס וואס עס קומט צו; אן אויסגעבויערטער לאך אין א באלקען אדער קלאץ, וואו עס שטעלט זיך אריין אן אנדער באלקען אדער קלאץ; א צאפען-לאך; אן אויסגעשניצטע רינווע אדער פערטיעפונג אין א ברעט, וואו עס שטעלט זיך אריין אן אנדער ברעט; געווינען; עררייכען; דערגרייכען; זיעגען; פראפיטירען; פערדיענען; פראגרעסירען; וואקסען; אויסבויערען א לאך אין א ברעט אדער באלקען, כדי אריינצושטעלען אן אנדער ברעט אדער באלקען.

gai'nable *a.* (גיי'-נעבל) וואס מען קען געווינען; וואס קען דערגרייכט ווערען.

gain a point (גיין ע פאינט) עפעס עררייכען.

gain'-devo'ted *a.* (גיינ'-די-וואו'-טעד) וואס זוכט לייכטע פראפיטען.

gai'ner *n.* (גיי'-נער) א געווינער; א זיעגער.

gain'ful *a.* (גיינ'-פול) איינטרעגליך; וואס ברייננט פראפיט.

gain'fully *adv.* (גיינ'-פול-אי) מיט גוטען פראפיט; מיט נצחון.

gain'fulness *n.* (גיינ'-פול-נעס) איינטרעגליכקייט; דאס זיין מיט פראפיט.

gain ground (גיין גראונד) 1. קריגען איינפלוס; 2. פערשפרייטען זיך; ווערען מעהר פאפולער.

2. The religions of the East are gaining ground in America.

gai'nings *n.* (גיי'-נינגז) פראפיטען, פערדיענסטען.

gain'less *a.* (גיינ'-לעס) ניט איינטרעגליך; וואס ברייננט ניט קיין פראפיט.

gain'lessness *n.* (גיינ'-לעס-נעס) דאס זיין ניט איינטרעגליך; דאס ניט ברייננען קיין פראפיט.

gain on (גיין אן) 1. צוקומען אדער ארויפקומען ביסלעכווייז; דערנעהנטערען זיך צו עפעס; 2. בעקומען די איבערהאנד; בעקומען אן איינפלוס אויף עפעס אדער אימעצען.

1. The river gains on the land.

gain one's point (גיין הוואנז פאינט) דערגרייכען דעם ציעל.

gain o'ver (גיין או'-ווער) אריבערנעווינען, אריבערציהען; גובר זיין; בעקומען די איבערהאנד.

gainsay' *v.* (גיינ-סיי') רעדען דאגעגען, ווידערשפרעכען; פערניינען, אבלייקענען.

gainsay'er *n.* (גיינ-סיי'-ער) א ווידערשפרעכער, א געגנער; איינער וואס לייקענט אב אדער רעדט דאגעגען.

gainsay'ing *n.* (גיינ-סיי'-אינג) א פערניינונג, א הכחשה; א טענה דאגעגען.

'gainst *prep.* (גיינסט) ז. *against*

gain subsist'ence (גיין סאב-סיסט'-ענס) זיך ערווערבען א לעבענסמיטעל; האבען חיונה; מאכען א לעבען.

gain upon' (גיין א-פאן') ז. *gain on*

gair'ish *a.* (געהר'-איש) בלישטשענד, גלענצענד; וואס ווארפט זיך אין די אויגען; בלענדענד העל; לייכט, לעבעדיג, לוסטיג.

gair'ishly *adv.* (געהר'-איש-לי) אויף א בלישטשענדען, גלענצענדען שטייגער; דורך ווארפען זיך אין די אויגען; מיט לייכטקייט, לעבעדינקייט.

gait *n.* (גייט) דער גאנג [די האלטונג פון קערפער בעת'ן געהן].

gai'ter *n. and v.* (גיי'-טער) א קאמאש, א שטיפלעט [פון טוך, וואס בעדעקט דעם אויבערשטען טייל פון שוך]; אנטהאן א קאמאש אדער שטיפלעט.

gal. *gallon* אן אבקירצונג פון דעםווארט

gal *n.* (געל) א מיידעל [פערוואולגאריזירט פון *girl*].

ga'la *n.* (גא'־לא) אזא שאטלענדישער ציינ.

ga'la *n.* (גיי'־לא) א גאלא, יום־טוב'דיגקייט, פייערליכקייט, פאראד; יום־טוב'דיגע קליידער.

galac'tagogue *n.* (גע־לעק'־טע־גאג) א מעדיצינישער מיטעל ארויסצורופען מילך [אין די ברוסטען].

galac'tia *n.* (גע־לעק'־טי־א) א ברוסט־קראנקהייט, ביי וועלכער עס פליסט די מילך אדער, פערקעהרט, עס פעהלט אויס מילך.

Galac'tia *n.* (גע־לעק'־טי־א) א געוויסער מין קוסטען־בוימלעך מיט פעדער־פערמיגע בלעטלעך און טרויבען־ארטיגע פורפור־בלומען. וואקסט אין ווארימע געגענדען.

galac'tic *a.* (גע־לעק'־טיק) וואס איז שייך צו מילך, וואס קומט פון מילך; אין אסטראנאמיע — וואס איז שייך צום מילך־וועג [א ליכטיגער פאס אויף'ן הימעל וואס בעשטעהט פון פיעלע אונזיכטבארע שטערען].

galac'tite *n.* (גע־לעק'־טאיט) דער גאלאקטיט [אזא מינעראל].

galac'tocele *n.* (גע־לעק'־טא־סיעל) א קראנקהאפטע אנזאמלונג פון מילך אין די ברוסטען.

galactoden'dron *n.* (גע־לעק־טא־דענ'־דראן) דער מילך־בוים אדער קוה־בוים. ז. *cow-tree*

galac'toid *a.* (גע־לעק'־טאיד) ענליך צו מילך.

galactom'eter *n.* (געל־עק־טאמ'־ע־טער) א מילך־מעסטער [א פארריכטונג צו מעסטען די געדיכטקייט, די פעטקייט פון מילך].

galactoph'agist *n.* (געל־עק־טאפ'־ע־דזשיסט) איינער וואס שפייזט זיך מיט מילך.

galactoph'agous *a.* (געל־עק־טאפ'־ע־גאס) וואס שפייזט זיך מיט מילך.

galactophori'tis *n.* (געל־עק־טאפ־א־ראי'־טיס) אן ענטצינדונג פון די מילך־דריזען [אין די ברוסטען].

Galactometer

galactoph'orous *a.* (געל־עק־טאפ'־א־ראס) וואס ברייננט ארויס אדער פראדוצירט מילך.

galactopoet'ic *a.* and *n.* (גע־לעק־טא־פא־עט'־איק) ז. *galactopoietic*

galactopoiet'ic *a.* and *n.* (גע־לעק־טא־פאי־עט'־איק) וואס העלפט פערמעהרען די מילך אין די ברוסטען; א שטאף וואס פערמעהרט די מילך אין די ברוסטען.

galactorrhe'a *n.* (גע־לעק־טא־ריע'־א) א קראנקהאפטעס פליסען פון מילך [פון די ברוסטען].

galac'tozyme *n.* (גע־לעק'־טא־זאים) קומיס [מילך צוגעריכט מיט הייוועז, ווערט געברויכט אין רוסלאנד אלס מיטעל געגען שווינדזוכט].

ga'la-day *n.* (גיי'־לא־דיי) א גאלא־טאג, א יום־טוב, א פייערליכער טאג.

ga'la-dress *n.* (גיי'־לא־דרעס) א יום־טוב־קלייד, א פאראדנער מלבוש.

Gala'go *n.* (גע־ליי'־גאו) דער אפריקאנישער לעמור [אזא חיה'לע וואס האט ענליכקייט צו א וועווערקע].

Galago

galan'ga *n.* (גע־לענ'־גא) ז. *galangal*

galan'gal *n.* (גע־לענ'־געל) גאלגאנט [אזא שמעקעדיגער ווארצעל אין כינא, ווערט געברויכט אין מעדיצין]; סיפער־גראז.

gal'antine *n.* (געל'־ען־טין) א מין קאלטע פריקאסע [עס ווערט געמאכט פון אנגעשטאפטען היהנער אדער ציגען־פלייש אהן די ביינער, ווערט געקאכט צוזאמען מיט פערשיעדענע גרינסען און ווערט געגעסען קאלטערהייד].

Gal'axy *n.* (געל'־עק־סי) אין אסטראנאמיע — דער מילך־וועג [א ליכטיגער פאס אויף'ן הימעל וואס בעשטעהט פון פיעלע אונזיכטבארע שטערען]. ז. *Milky Way*

gal'axy *n.* (געל'־עק־סי) א גלענצענדע פערזאמלונג [פון פראמינענטע מענשען]; א גלענצענדע זאמלונג [פון שעהנע זאכען].

gal'ban *n.* (געל'־בען) ז. *galbanum*

gal'banum *n.* (געל'־בע־נאם) גאלבאן אדער מוטער־הארץ [א מין גומי וואס ווערט געברויכט אין מעדיצין].

gale *n.* (גייל) א שטארקער לופט־שטראם; א ווינד; א לופט־צוג אנגעפילט מיט ריחות; א שטארקע, רעש'יגע אויפרעגונג; דער גאגעל, די וואקסבעערע [אזא קוסט]; א פעריאדישע אבצאהלונג, א ראטע [אין ענגלאנד].

ga'lea *n.* (גיי'־לי־א) א העלם, א קאפ־פאנצער; עטוואס וואס איז ענליך צו א קאפ־פאנצער; א קאפ־וועהטאג [וואס מען פיהלט אין גאנצען קאפ]; א קאפ־באנדאזש.

gal'eas *n.* (געל'־אי־עס) ז. *galleass*

ga'leate *a.* (גיי'־לי־אייט) בעדעקט מיט א העלם אדער א קאפ־פאנצער אדער מיט עטוואס וואס איז ענליך צו א קאפ־פאנצער; ענליך צו א קאפ־פאנצער.

ga'leated *a.* (גיי'־לי־איי־טעד) ז. *galeate*

gale'na *n.* (גע־לי'־נא) בליי־גלאנץ [אזא מינעראל]; א געגענגיפט.

galen'ic *a.* (גע־לענ'־איק) וואס איז שייך צו בליי־גלאנץ [אזא מינעראל]; וואס איז שייך צו א געגענגיפט; וואס ענטהאלט בליי־גלאנץ אדער א געגענגיפט.

galen'ical *a.* (גע־לענ'־אי־קעל) ז. *galenic*

gale'nite *n.* (גע־לי'־נאיט) בליי־גלאנץ. ז. *galena*

gale'ra *n.* (גע־לי'־רא) א טאאירא [אזא חיה. ז. *taira*]; ביי די אלטע רוימער — אזעלכע פארוקען אדער אזעלכע לעדערנע היטלען.

galeric'ulate *a.* (געל־אי־ריק'־יו־לייט) בעדעקט ווי מיט א העלם אדער ווי מיט א קאפ־פאנצער.

galeric'ulum *n.* (געל־אי־ריק'־יו־לאם) אין אלטען רוים — א פארוק.

gale'rum *n.* (גע־לי'־ראם) אין אלטען רוים — א פארוק אדער א לעדערן היטעל.

gale'rus *n.* (גע־לי'־ראס) ז. *galerum*

Gali'cian *a.* and *n.* (גע־ליש'־יען) וואס איז שייך צו גאליציא [א שפאנישע פראווינץ, וועלכע איז אמאל געווען א זעלבסטשטענדיג קעניגרייך] אדער צו גאליציען [אין עסטרייך־אונגארן]; א גאליציאנער [פון גאליציען].

Galile'an *a.* and *n.* (געל־אי־לי'־ען) וואס איז שייך צו גליל [אין צפון פון ארץ ישראל]; וואס איז שייך צום איטאליענישען מאטעמאטיקער און נאטור־פילאזאף גאלילייא [געבוירען אין 1564, געשטארבען אין 1642]; אן איינוואוהנער פון גליל; אין דער אידישער געשיכטע — איינער וואס איז געווען געגען דעם, מען זאל צאהלען מס דעם רוימישען קיסר אויגוסטוס; א גאלילעער, א קריסט, אן אנהענגער פון קריסטוס'ען [אזוי פלעגען די אמאליגע אידען מיט פעראכטונג רופען די קריסטען].

gal'ilee *n.* (געל'־אי־ליע) אזא פאדער־צימער אין איינינגע קלויסטערס אין מיטעלאלטער.

galima'tias *n.* (געל־אי־מיי'־שיעס) א גאלימאטיע, אן אונזיניגע פלוידעריי, א פלוידעריי וואו עס קלעפט זיך ניט א ווארט צו א ווארט; אן אונזיניגער מיש־מאש.

gal'ingale *n.* (געל'־אינ־גייל) ז. *galangal*

gal'iot *n.* (געל'־אי־אט) א גאליאט [אזא שיף וואס איז געווען אין געברויך אין די אלטע צייטען].

gal'ipot *n.* (געל'־אי־פאט) די ווייסע טערפענטין־גומי אויף דער קארע פון סאסנע־בוימער [פיכטען־בוימער].

gall *n.* and *v.* (גאהל) גאל; דער גאל־בייטעל; ביטערקייט, ערגערניש, צארן, האס; א קראץ, א ריץ, א וואונד [אויף דער הויט]; א פלאץ, אויף וועלכען עס קען גאר ניט וואקסען [הויפטזעכליך א נידריגער, צושווינקטער פלאץ]; אן אנוואוקס אויף פלאנצען און אויף'ן קערפער פון חיות וואס קומט דערפון וואס אן אינזעקט האט דארט געלעגט אן איי; אבּרייבען, אבקראצען, אויפרייצען, ערגערען, פערביטערען, פערגאלען; מאכען פערביטערטע בעמערקונגען; ווערען געערגערט; ווערען אבגעריבען; ארייננגיסען גאל.

gal'lant *a.*, *n.* and *v.* (געל'־ענט) גאלאנט; גלענצענד, שעהן, פראנטיש; מוטיג, העלדיש, בראוו; עהרענהאפט, גרויסמוטיג; ריטערליך; העפליך [הויפטזעכליך צו פרויען]; ליידענשאפטליך, וואס יאגט זיך נאך פרויען; א גאלאנטער מענש; א פראנט; א העפליכער מענש [הויפטזעכליך צו פרויען]; איינער וואס לויפט נאך פרויען; מאכען גאלאנט; זיך ליעבען, זיך ערקלערען אין ליעבע.

gallant' *a.*, *n.* and *v.* (גע־לענט') גאלאנט, העפליך [הויפטזעכליך צו פרויען]; ליידענשאפטליך, וואס יאגט זיך נאך פרויען; א פרויען־נאכלויפער; בעהאנדלען גאלאנט [הויפטזעכליך פרויען]; זיך ליעבען, זיך ערקלערען אין ליעבע.

gal'lantly *adv.* (געל'־ענט־לי) מיט העלדישקייט; מיט מוטה; מיט נאבעלקייט.

gal'lantness *n.* (געל'־ענט־נעס) דאס זיין גאלאנט; העלדישקייט; עדעלמוטה.

gal'lantry *n.* (געל'־ענט־רי) גאלאנטקייט; העלדישקייט; מוטה; דאמען־העפליכקייט.

gall'-blad'der *n.* (גאהל׳-בלעד׳-ער) דער גאל־בלאז.
ז. איל. *"Bloodvessels of the Human Body"*

gall'-duct *n.* (גאהל׳-דאקט) דער גאל־קאנאל [דער קאנאל וואס פיהרט פון לע־בער צום גאל־בלאז].
ז. איל. *"Bloodvessels of the Human Body"*

gal'leass *n.* (געל׳-אי-עס) א גרויסע רודער־שיף מיט דריי מאסטען בעוואפענט מיט הארמאטען, וועלכע פלעגט אמאל בע־נוצט ווערען פאר רייזען אין דעם מיטעל־לענדישען ים.

galled *a.* (גאהלד) אבגעריבען, אויסגע־ריבען; אנגעריבען [וואונדען].

galled horse (גאהלד הארס) אן אנגע־ריבען פערד [א פערד וואס האט אנגערי־בענע וואונדען].

gal'leon *n.* (געל׳-אי-אן) א מין גרויסע בעוואפענטע שיף, וועלכע די שפאניער פלעגען אמאל בענוצען אין זייער האנ־דעלס־פערקעהר מיט זיד־אמעריקא.

gal'leried *a.* (געל׳-ע-ריד) וואס האט א גאלעריע.

gal'lery *n.* (געל׳-ע-רי) א גאלעריע; א דורכגאנג, א קארידאר; אן אונטערא־רדישער דורכגאנג; א צימער אדער געביי־דע וואו עס זיינען אויסגעשטעלט קונסט־ווערק [ווי בילדער, סטאטועז א. ד. ג.]; די טעאטער־בעזוכער וואס זיצען אויף דער גאלעריע [די גאליארקע].

gal'lery-pic'ture *n.* (געל׳-ע-רי-פיק׳-טשור) א בילד וואס איז צו גרויס צו שטעלען אין א געוועהנליכען צימער און דארף געשטעלט ווערען אין א בילדער־גאלעריע.

gal'ley *n.* (געל׳-אי) א ים־שיף וואס ווערט געטריבען מיט רודערס אדער מיט זעגעל און רודערס; א גרויסע אפענע בארושע; א שיפסקיף; א שופלע [אזא לאנג, פלאך און שמאל קעסטעל אפען פון איין זייט, וואס שריפטזעצער בענוצען ארויפצושטעלען די אויפגעזעצטע דרוק־שריפט].


Galley


Printers' Galley

gal'ley-bird *n.* (געל׳-אי-בוירד) דער האלץ־פיקער [אזא פויגעל וואס פיקט אויס לעכער אין ביימער].

gal'ley-press *n.* (געל׳-אי-פרעס) ז. *proof-press*

gal'ley-slave *n.* (געל׳-אי-סלייוו) א צוואנגס־ארבייטער, א קאטארזשניק.

gal'ley-work *n.* (געל׳-אי-הוואירק) טע־פעריי.

gall'-fly *n.* (גאהל׳-פלאי) די גאל־פליגע [אזא פליגע וועלכע פעראורזאכט אזעלכע געשוואולכצען אויף פלאנצען].

Gal'lic *a.* (געל׳-איק) גאליש, אלט־פראנ־צויזיש; וואס איז שייך צו די גאלען אדער פראנצויזען.

gal'lic *a.* (געל׳-איק) וואס איז גענומען פון גאלעפעס־נים [אזא זארט ניס פון וועל־כע מען מאכט שווארצע טינט].

gal'lic ac'id (געל׳-איק עס׳-איד) גאל־זויערע [אזא ארגאנישע כעמישע זויערע וואס ווערט בענוצט אין מעדיצין און אין דער פאבריקאציאן פון טינט].

Gal'lican *a.* (געל׳-אי-קען) גאליקא־ניש, פראנצויזיש.

Gal'lican Church (געל׳-אי-קען טשוירטש) די גאלישע קירך [די רוימיש־קאטוילישע קירך אין פראנקרייך, וועלכע האט מעהר פרייוויליגקייטען און מעהר אונ־אבהענגיגקייט פון פאפסט׳ס מאכט ווי די קאטוילישע קירך פון אנדערע לענדער].

Gal'licanism *n.* (געל׳-אי-קען-איזם) די פרינציפען פון דער נאציאנאלער פאר־טיי אין פראנקרייך אין 17טען יאהרהונ־דערט, וועלכע האבען בעשרענקט די אבזא־לוטע מאכט פון פאפסט אין דער קאטוי־לישער קירך פון פראנקרייך.

Gal'licè *adv.* (געל׳-אי-סי) אויף א פראנצויזישען אופן.

Gal'licism *n.* (געל׳-אי-סיזם) גאליציזם, דער געברויך פון פראנצויזישע אויסדרי־קע און רעדע־ווענדונגען.

Gal'licize *v.* (געל׳-אי-סאיז) פראנצוי־זיש מאכען, פערוואנדלען אין פראנצוי־זיש.

galligas'kins *n.* (געל-אי-געס׳-קינז) אזא פאסאן הויזען, וועלכע מען פלעגט טראגען אין זעכצעהנטען יאהרהונדערט; פלודערען, ברייטע הויזען; יאגד אדער רייט־קאמאשען [אזעלכע שטיוועלעטען אדער כאלעוועס].

Gallina'ceæ *n.* (געל-אי-ניי׳-סי-אי) דער מין פויגלען צו וועלכען עס געהערען די הויז־געפליגעל [הויז־עופות], ווי הינ־נער, גענז, קאטשקעס, אינדיקעס א. ד. ג.

gallina'cean *a.* and *n.* (געל-אי-ניי׳-שען) וואס איז שייך צו הויז־געפליגעל; אן עוף.

gallina'ceous *a.* (געל-אי-ניי׳-שיאס) וואס האט דעם כאראקטער פון הויז־עופות.

Galli'næ *n.* (גע-לאי׳-ניע) ז. *Gallinaceæ*

Gallina'go *n.* (געל-אי-ניי׳-גאו) דער מין פויגלען צו וועלכע עס געהערען די וואלדשנעפען [דיעזע פויגלען צייכנען זיך אויס מיט זייער לאנגען, דינעם און גרא־דען שנאבעל].

gall'ing *a.* (גאהל׳-אינג) פערגאלענדע, פערביטערענדע, ערגערענדע, אויפרייצענדע, דערצארנענדע.

gall'ingly *adv.* (גאהל׳-אינג-לי) אויף א גאלינגען, פערביטערענדען אופן; אויפריי־צענדיג, ערגערענדיג, דערצארנענדיג.

gall'ingness *n.* (גאהל׳-אינג-נעס) דאס זיין גאליג אדער ערביטערענד; דאס זיין אויפרייצענד אדער דערצארנענד.

gal'linipper *n.* (געל׳-אי-ניפ-ער) אזא גרויסער קאמאר [מוק].

gall'-in'sect *n.* (גאהל׳-אינ׳-סעקט) אזא אינזעקט וואס פעראורזאכט קליינע געשוואולכצען אויף פלאנצען אדער טהיע־רע.

gal'linule *n.* (געל׳-אי-ניול) די וואסער־הוהו [אזא הוהן וואס לעבט אין די זומ־פיגע ערטער ביים ברעג ים].


Gallinule

Gal'lio *n.* (געל׳-אי-או) איינער וואס איז גלייכגילטיג אין רעליגיעזע זאכען.

gal'liot *n.* (געל׳-אי-אט) ז. *galiot*

gal'lipot *n.* (געל׳-אי-פאט) א קליי־נער אפטעקארסקער געפעס צו האלטען מעדיצין; דער טערפענטין־גומי אויף פאס־געס [פיכטען־ביימער].

gal'lium *n.* (געל׳-אי-אם) גאליום [א כעמישער גרונד־עלעמענט פון די מעטא־לען].

gallivant' *v.* (געל-אי-וועגט׳) פער־ברייגגען אדער זוכען צו פערברייגגען לוס־טיג די צייט אין דאמען־געזעלשאפט; זיך יאגען נאך דאמען־געזעלשאפט.

gal'livat *n.* (געל׳-אי-וועט) א גרויס צוויי־מאסטיג רודער־שיפעל וואס פלעגט בענוצט ווערען אין אסט־אינדיען.

gall'nut *n.* (גאהל׳-נאט) א גאלעפעס־נוס [אזא נוס פון וועלכען מען מאכט שווארצע טינט].

Gal'lo-Amer'ican *a.* and *n.* (געל׳-א-ע-מער׳-אי-קען) פראנצויזיש־אמעריקאניש; א פראנצויז וואס האט זיך בעזעצט אין אמעריקא אדער איז געווארען אן אמערי־קאנער בירגער.

Gal'lo-Ger'man *a.* and *n.* (געל׳-א-דזשויר׳-מען) פראנצויזיש־דייטש; א פראנצויז וואס איז געבארען אין דייטש־לאנד; איינער וואס שטאמט אב פון דויי־טשע און פראנצויזישע עלטערען.

Galloma'nia *n.* (גע-לא-מיי׳-ני-א) גאל־לאמאניע, א בלינדע איבערגעבענהייט צו אלעס וואס איז פראנצויזיש.

Galloma'niac *n.* (געל-א-מיי׳-ני-עק) איינער וואס איז א שטארקער פאנאטי־שער אנהענגער פון פראנקרייך און פון דער פראנצויזישער שפראך און זיטען.

gal'lon *n.* (געל׳-אן) אן ענגלישע און אמעריקאנער מאס פאר פליסיגקייטען, וועלכע ענטהאלט 4 קווארט.

galloon' *n.* (גע-לוהן׳) א גאלון; א טאשמע, א בעזאץ, א בארט.

gallooned' *a.* (גע-לוהנד׳) בעפוצט מיט גאלונען.

gal'lop *v.* and *n.* (געל׳-אפ) גאלאפירען, שפרינגען, לויפען; לאזען לויפען גאלאפ; א גאלאפ; א גאלאפ־רייטען; א שפרונג; א גאלאפ־טאנץ.

gallopade' *n.* and *v.* (געל-א-פייד׳) א גאלאפ אין דער רונד פון א פערד אין א צירקוס; א גאלאפ; גאלאפירען; לוי־פען; טאנצען א גאלאפ־טאנץ.

gal'loper *n.* (געל׳-אפ-ער) א גאלאפי־רענד פערד; איינער וואס גאלאפירט, וואס לויפט אדער שפרינגט; א קליינער האר־מאט; א לייכטער הארמאט־וואגען.

gal'loper-gun *n.* (געל׳-אפ-ער-גאן) א קליינער הארמאט.

Gal'lophile *n.* (געל׳-א-פיל) א פריינד פון פראנקרייך; איינער וואס איז פריינד־ליך צו די פראנצויזען.

Gal'lophobe *n.* (געל'-א-פאוב) א שונא פון פראנקרייך און פון די פראנצויזען.

Gallopho'bia *n.* (געל-א-פאו'-בי-א) די שנאה צו פראנקרייך און צו די פראנצויזען.

gal'loping *n. and a.* (געל'-אפ-אינג) דאס גאלאפירען, דאס לויפען גאלאפ; גאלאפירענד; וואס לויפט שנעל, וואס פראגרעסירט שנעל.

gal'loping consump'tion (געל'-אפ-אינג קאנ-סאמפ'-שאן) גאלאפירענדע שווינדזוכט [שווינדזוכט וואס ענטוויקעלט זיך זעהר שנעל].

gal'loway *n.* (געל'-א-הוויי) א מין קליין פערד.

gal'lows *n. and adv.* (געל'-אז) א גאלגאן, א תליה; א געשטעל פאר ארבייטער ביים בויען אדער רעפארירען א געביידע; אונגעהייער; זעהר.

gal'lows-bird *n.* (געל'-אז-בוירד) א חברה-מאן וואס פערדיענט געהאנגען צו ווערען; איינער וועלכען מען האט געהאנגען.

gal'lows-bitts *n.* (געל'-אז-ביטס) א פאר שטארקע דעמבענע ראהמען געמאכט אין דער פארם פון א תליה, צווישען וועלכע עס ווערט פערפעסטיגט דער מאסט אויף א שיף.



Gallows-bitts

gal'lows-free *a.* (געל'-אז-פריע) פריי פון גאלגאן, פריי פון הענגען.

gal'lows-tree *n.* (געל'-אז-טריע) א תליה.

gall'-pipe *n.* (גאהל'-פאיפ) ז. *gall-duct*

gall'-sick'ness *n.* (גאהל'-סיק'-נעס) געלזוכט-פיעבער [א מין שוואכער פיעבער וועלכער קומט מייסטענס פאר אין האלאנד].

gall'-stone *n.* (גאהל'-סטאון) גאל-שטיין.

Gal'lus *n.* (געל'-אס) אזא מין פויגלען וועלכע זיינען עהנליך צו הויז-היהנער; א פריסטער פון דער געטין סיבעלע [די געטין פון דער נאטור אדער די מוטער פון די געטינס] אין אלטען רוים.

gall'y *a.* (גאהל'-אי) גאליג, ביטער ווי גאל; מיט פלעצער אויף וועלכע קיין זאך וואקסט ניט.

galoche' *n.* (גע-לאש') א קאלאש; אן אויבערשוך.

gal'op *n.* (געל'-אפ) א גאלאפ [א מין טאנץ]; מוזיק פאר אזא טאנץ, גאלאפ-מוזיק.

galopade' *n.* (געל-א-פייד') ז. *galop*

galore' *adv.* (גע-לאור') פיעל, אין איבערפלוס, אהן א שיעור.

galosh' *n. and v.* (גע-לאש') א קאלאש; אן אויבערשוך; בעזארגען מיט אן אויבערשוך.

galt *n.* (גאהלט) לוים-ערד [לוים פון וועלכען מען מאכט ציעגעל].

Galto'nian *a.* (גאהל-טאו'-ני-ען) וואס איז שייך צום ענגלישען געלעהרטען פראנסיס גאלטאן אדער צו זיינע אנטראפאלאגישע לעהרען איבער די אייגענשאפטען פון מענשליכען כאראקטער, וואס גיבען זיך איבער בירושה פון די עלטערען צו די קינדער.

gal'ty *a.* (גאהל'-טי) ליימיג.

galvan'ic *a.* (געל-וועג'-איק) גאלוואניש, וואס געהערט צו גאלוואניזם אדער צו אן עלעקטרישען שטראם וואס קומט פון א כעמישער באטעריי. ז. *galvanism*

galvan'ical *a.* (געל-וועג'-אי-קעל) ז. *galvanic*

galvan'ic bat'tery (געל-וועג'-איק בעט'-ע-רי) א גאלוואנישע באטעריי [אן עלעקטרישע באטעריי וואס בעשטעהט פון א זייל צונויפגעשטעלט פון קופערנע און צינקענע פלאטען וועלכע ווערען געלעגט אבוועקסלענד איינע איבער די אנדערע מיט שטיקלעך פאפיער איינגענעצט אין וועלכער-עס-איז זויערע צווישען זיי].

galvan'ic cur'rent (געל-וועג'-איק קאר'-ענט) א גאלוואנישער שטראם [אן עלעקטרישער שטראם וואס ווערט ערהאלטען פון א גאלוואנישער באטעריי].

galvan'ic pile (געל-וועג'-איק פאיל) א גאלוואנישע זייל. ז. *galvanic battery*

galvanisa'tion *n.* (געל-ווע-ני-זיי'-שאן) ז. *galvanization*

gal'vanise *v.* (געל'-ווע-נאיז) ז. *galvanize*

gal'vanism *n.* (געל'-ווע-ניזם) גאלוואניזם, דער טייל פון עלעקטריציטעט וואס בעשעפטיגט זיך מיט דעם עלעקטרישען שטראם, וועלכער קומט פון כעמישע ווירקונגען, ווי פון דער בעריהרונג פון מעטאלען מיט זויערע א. ד. ג.; אן עלעקטרישער שטראם וואס קומט פון א כעמישער ווירקונג.

gal'vanist *n.* (געל'-ווע-ניסט) א קענער פון גאלוואניזם. ז. *galvanism*

galvaniza'tion *n.* (געל-ווע-ני-זיי'-שאן) דאס גאלוואניזירען, דאס שטעלען אונטער דער ווירקונג פון אן עלעקטרישען גאלוואנישען שטראם; דאס זיין גאלוואניזירט.

gal'vanize *v.* (געל'-ווע-נאיז) גאלוואניזירען; שטעלען אונטער דער ווירקונג פון אן עלעקטרישען גאלוואנישען שטראם; קינסטליך אדער מעכאניש בעלעבען, צוגעבען קינסטליכע ענערגיע; בעדעקען מיט א מעטאל-שיכט דורך דער הילף פון א גאלוואנישען שטראם [ווי בעדעקען מיט גאלד, זילבער א. ד. ג.].

gal'vanized i'ron (געל'-ווע-נאיזד אי'-ערן) צינק-בלעך, אייזען-בלעך בעדעקט מיט צין דורך דער הילף פון גאלוואנישער עלעקטריציטעט און נאכהער איינגעטונקט אין א וואנע פון געשמאלצענעם צינק.

gal'vanizer *n.* (געל'-ווע-נאי-זער) איינער אדער עטוואס וואס גאלוואניזירט.

galvanocaus'tic *a.* (געל-ווע-נאו-קאהס'-טיק) וואס איז שייך צום אויסברענען א וואונד דורך אן עלעקטרישען שטראם.

galvanocauteriza'tion *n.* (געל-ווע-נאו-קאה-טע-רי-זיי'-שאן) דאס אויסברענען א וואונד מיט דער הילף פון אן עלעקטרישען שטראם.

galvanochem'ical *a.* (געל-ווע-נא-קעמ'-אי-קעל) גאלוואנא-כעמיש, וואס איז שייך צו דער כעמישער ווירקונג פון א גאלוואנישען [עלעקטרישען] שטראם.

galvanol'ogist *n.* (געל-ווע-נאל'-א-דזשיסט) איינער וואס פערנעהמט זיך מיט דעם שטודיום פון גאלוואנישער עלעקטריציטעט.

galvanol'ogy *n.* (געל-ווע-נאל'-א-דזשי) די לעהרע פון גאלוואניזם. ז. *galvanism*

galvanom'eter *n.* (געל-ווע-נאמ'-ע-טער) א גאלוואנאמעטער, אן אינסטרומענט צו בעשטימען די שטארקייט און די ריכטונג פון אן עלעקטרישען שטראם.



Galvanometer

galvanomet'ric *a.* (געל-ווע-נא-מעט'-ריק) וואס איז שייך צו א גאלוואנאמעטער, וואס איז שייך צו דער מעסטונג פון אן עלעקטרישען שטראם דורך א גאלוואנאמעטער. ז. *galvanometer*

galvanomet'rical *a.* (געל-ווע-נא-מעט'-רי-קעל) ז. *galvanometric*

galvanom'etry *n.* (געל-ווע-נאמ'-ע-טרי) גאלוואנאמעטריע, דאס מעסטען די שטארקייט און די ריכטונג פון עלעקטרישע שטראמען.

galvanoplas'tic *a.* (געל-ווע-נא-פלעס'-טיק) גאלוואנאפלאסטיש, וואס איז שייך צו דער רעפראדוצירונג פון פיגורען דורך גאלוואניזם. ז. *galvanoplasty*

galvanoplas'tic proc'ess (געל-ווע-נא-פלעס'-טיק פראס'-עס) דער גאלוואנאפלאסטישער פראצעס, דער פראצעס ווי עס ווערען אראבגענומען קאפיעס פון פיגורען דורך א גאלוואנישען שטראם [דאס מאדעל פון דער פיגור ווערט געמאכט פון גיפס אדער פון אן אנדער מאטעריאל און נאכדעם ווען עס ווערט דורך א גאלוואנישען שטראם בעדעקט מיט מעטאל, ווי בראנז א. ד. ג. ווערט דאס מאדעל ארויסגענומען און עס בלייבט א פיגור וואס איז אינווענינג פוסט].

galvanoplas'tics *n.* (געל-ווע-נא-פלעס'-טיקס) ז. *galvanoplasty*

galvanoplas'ty *n.* (געל-ווע-נא-פלעס'-טי) גאלוואנאפלאסטיק, די קונסט צו רעפראדוצירען אדער אראבצונעהמען קאפיעס פון פיגורען אין מעטאל דורך גאלוואנישער עלעקטריציטעט [ווי דאס ווערט געמאכט ביי בראנז-פיגורען].

galvanopla'ter *n.* (געל-ווע-נא-פליי'-טער) איינער וואס מאכט סטערעאטיפישע אדער עלעקטראטיפישע פלאטען דורך דער הילף פון גאלוואנא-פלאסטיק. ז. *galvanoplastic*

galvan'oscope *n.* (געל-וועג'-א-סקאופ) א גאלוואנאסקאפ, אן אינסטרומענט אויסצוגעפינען די עקזיסטענץ פון אן עלעקטרישען שטראם און זיין ריכטונג [אן

American Golden Plover (Charadrius Domi

Mallard Duck (Anas Boschas)

Green-winged Teal (Anas Carolinensis)

Woodcock (Philohela Minor)

Greate

Spruce Grouse (Derdragapus Canadensis



Blue-winged Teal (Anas Discors)

Canvasback Duck (Aythya Vallisne

Ring-necked Pheasant (Phasianus Torquatus)

Wood Duck (Aix Sponsa)

Wilson's Snipe (Gallinago Media)

(Totanus Melanoleucus)

Ruffed Grouse (Bonasa Umbellus)

Quail (Colinus Virginianus)

King Rail (Rallus Elegans)

איינפאכע שוועבענדע עלעקטרישע נאדעל קען בענוצט ווערען אלס א גאלוואנאסקאפ].

galvanoscop'ic *a.* (געל-ווע-נא-סקאפ'-איק) וואס איז שייך צו א גאלוואנאסקאפ. ז. *galvanoscope*.

gal'vano-thermom'eter *n.* (געל'-ווע-נאו-טהער-מאמ'-ע טער) אן אפאראט וואס ווערט בענוצט צו מעסטען די ווארימקייט וואס אן עלעקטרישער שטראם פראדוצירט.

gamb *n.* (געמב) דער פוס; די פאלקע.

gambade' *n.* (געמ-בייד') א מין שטיוולעט אדער כאלעווע אויף'ן פוס, וואס ווערט בענוצט ביים רייטען.

gamba'do *n.* (געמ-ביי'-דאו) ז. *gambade*.

gam'bit *n.* (געמ'-ביט) אין שאך־שפיעל — א גאמביט [דאס אבגעבען א סאלדאט (א פעשקע) אדער אן אנדער פיגור ביים אנהויב שפיעל, מיט דעם ציעל צו מאכען שפעטער א שטארקערע אטאקע אויף דעם געגנער].

gam'ble *v.* (געמבל) שפיעלען אין געלד; שפיעלען אזארט אין קארטען; ריזיקירען פיעל אין שפיעל; שפעקולירען אויף דער בערזע; פערשווענדען פיעל געלד אין קארטען־שפיעל א. ד. ג.; אן אזארט־שפיעל; דאס ריזיקירען פיעל אין שפיעל.

gam'bler *n.* (געמ'-בלער) איינער וואס שפיעלט אזארט אין געלד; איינער וואס ריזיקירט פיעל אדער שטעלט פיעל אויף דער קארט ביים שפיעלען.

gam'bling *n.* (געמ'-בלינג) דאס שפיעלען אזארט; דאס איינשטעלען פיעל אין קאן; דאס ריזיקירען פיעל אין שפיעלען.

gam'bling-hell *n.* (געמ'-בלינג-העל) ז. *gambling-house*.

gam'bling-house *n.* (געמ'-בלינג-האוס) א שפיעלהויז, א הויז וואו מען שפיעלט אין געלד [ווי אין קארטען־שפיעל א. ד. ג.].

gam'bling-tray *n.* (געמ'-בלינג-טריי) א גרויסע טאץ פון געפלאכטענע ריטלעך, אויף וועלכער די אינדיאנער פון צפון־אמעריקא ווארפען די ביינדלעך אין ביינדעל־שפיעל.

gam'bol *v.* and *n.* (געמ'-באל) שפרינגען; שפיעלען; שפאסען; א לוסטיגער שפרונג; א שפאס.

gam'brel *n.* and *v.* (געמ'-ברעל) דאס געלענק פון דעם הינטערשטען פוס פון א פערד און אנדערע חיות; ביי קצבים — א שפער־האלץ [א שטיק האלץ אויסגעבויגען ווי א פערד'ס פוס, אויף וועלכען מען הענגט אויף א געקוילעטע בהמה, בעת מען בעארבייט זי]; א געבראכענער דאך [ז. *curb-roof*]; אויפהענגען א געקוילעטע בהמה אויף א שפער־האלץ; מאכען א געבראכענעם דאך.

gam'brel-roof *n.* (געמ'-ברעל-רוהף) א געבראכענער דאך. ז. *curb-roof*.

game *n.*, *a.* and *v.* (גיים) דאס שפיעל; לוסטיגקייט; צייט־פערטרייב; שפאס; א שפיעל, א שפיעל־פארטיי; דער געווין [אין שפיעל]; אן אינטריגע, א פראיעקט, א פלאן; די יאגד; דאס ווילד [ווילדע חיות אדער עופות וואס זיינען געשאסען געווארען אין יאגד]; א קאמפף־האהן וואס ווערט געברויכט אין א וועט־קאמפף; וואס איז שייך צו ווילדע חיות, וועלכע מען שיסט אין יאגד; מוטיג, העלדיש; וואס האט א פערלאנג אדער ווילען צו טהאן עפעס; קרום; ווי א קאליעקע; שפיעלען אין געלד; ריזיקירען אדער שטעלען פיעל אין קאן.

game'-bag *n.* (גיים'-בעג) א יאגד־טאש, א יאגד־זאק [אין וועלכען א יעגער טראגט די חיות אדער עופות וואס ער האט געטויטעט].

game'-bird *n.* (גיים'-בוירד) א געיעג־פויגעל [איינע פון די מינים פויגלען, אויף וועלכע מען געהט אויף געיעג].

game'-cart *n.* (גיים'-קארט) א לייכט וועגעל, אין וועלכען מען פלעגט אמאל פיהרען די הינד צום יאגד־פלאץ. איצט ווערט עס געברויכט צום פאהרען.

game'-cock *n.* (גיים'-קאק) א קאמפף־האהן [אין צירק, וואו מען שטעלט ארויס העהנער צו שלאגען זיך און מען וועט זיך אויף זיי].

game'ful *a.* (גיים'-פול) לוסטיג, לעבעדיג, ריהרעוודיג; פול מיט חיות אדער עופות אויף וועלכע מען געהט אין געיעג.

game is up (גיים איז אפ) די יאגד האט זיך אנגעפאנגען; דער פלאן איז דורכגעפאלען.

game'keeper *n.* (גיים'-קיע-פער) א היטער פון חיות און עופות, אויף וועלכע מען געהט אויף יאגד.

game'-laws *n.* (גיים'-לאהז) געזעצען וועגען יאגד.

game'-leg *n.* (גיים'-לעג) א הינקעדיגער פוס.

game'ness *n.* (גיים'-נעס) ענטשלאסענהייט; מוטיגקייט; דרייסטקייט.

game of chance (גיים אוו טשענס) א שפיעל וואס איז אבהענגיג פון גליק אדער מזל [ווי ווערפעל־שפיעל אדער קארטען־שפיעל].

game'-pie *n.* (גיים'-פאי) א פיראג אדער פאשטעטע געפילט מיט פלייש פון חיות וואס זיינען דערשאסען געווארען אויף געיעג.

game'-preserve' *n.* (גיים'-פרי-זוירוו') א וואלד אדער פארק פול מיט געיעג־טהיערע, וועלכע מען האלט פאר ספארט.

game'-preser'ver *n.* (גיים'-פרי-זויר'-ווער) אין ענגלאנד — איינער וועלכער האט אן אייגענעם אדער געדונגענעם וואלד, וואו קיינעם איז ניט ערלויבט צו שיסען פויגלען אדער חיות און נור ער אליין געהט דארט אויף געיעג.

game'some *a.* (גיים'-סאם) שפיעלעריש, לוסטיג, שערצהאפט.

game'somely *adv.* (גיים'-סאם-לי) אויף א לוסטיגער, שערצהאפטער ארט.

game'someness *n.* (גיים'-סאם-נעס) לוסטיגקייט; שערצהאפטיגקייט, שפיעלעריי.

game'ster *n.* (גיים'-סטער) א קארטען־שפיעלער, א קארטיאזשניק.

game'stress *n.* (גיים'-סטרעס) א קארטען־שפיעלערין.

gam'ete *n.* (געמ'-איט) אין ביאלאגיע — א גאמעט אדער אן איינפאכע צעלע וואס פעראייניגט זיך מיט א צווייטער צעלע, כדי אויסצובילדען א זיגאספארע [איינע פון די קלענסטע און איינפאכסטע בעשעפענישען].

game to the last (גיים טו טהי לעסט) אויסגעהאלטען ביז צו לעצט.

ga'ming *n.* (גיי'-מינג) דאס שפיעלען אזארט [אין געלד].

ga'ming-debt *n.* (גיי'-מינג-דעט) א קארטען־שולד, א חוב וואס מען איז געבליבען שולדיג ביים שפיעלען אין קארטען.

ga'ming-house *n.* (גיי'-מינג-האוס) א שפיעל־הויז [דאס הויז וואו מען שפיעלט אין קארטען און אנדערע אזארטע שפיעלען].

ga'ming-room *n.* (גיי'-מינג-רוהם) א שפיעל־צימער, א צימער וואו מען שפיעלט אין קארטען און אנדערע אזארטע שפיעלען.

ga'ming-ta'ble *n.* (גיי'-מינג-טיי'בל) א טיש וואס ווערט בענוצט צו שפיעלען אין קארטען א. ד. ג.

gam'ma *n.* (געמ'-א) די גאמא, די סקאלע. ז. *gamut*.

gam'mer *n.* (געמ'-ער) אן אלטע פרוי; א באבע.

gam'mon *n.* and *v.* (געמ'-אן) שינקען, גערויכערטע שווייגען־פאלקע; דאס געווינען דעם קאן אין טריקטראק־שפיעל; א שווינדלעריש שפיעל, אן אבנארעריי; שפיעלען א ראלע, מאכען אן אנשטעל; חוזק מאכען, זיך וויצלען; אריינגנארען; געווינען דעם קאן אין טריקטראק־שפיעל; רויכערען שווייגען־פלייש אדער שינקען; בעפעסטיגען צום פאר־מאסט [פון א שיף].

gam'moning *n.* (געמ'-אנ-אינג) דאס בעפעסטיגען צום פאר־מאסט [פון א שיף].

gamogen'esis *n.* (געמ-א-דזשענ'-ע-סיס) האמאגענעזיס [די פערמעהרונג אדער פרוכפערונג פון ארגאניזמען דורך דער פארונג אדער צוזאמענקלעבען פון ביידע געשלעכטער].

gamopet'alous *a.* (געמ-א-פעט'-ע-לאס) אין באטאניק — ביי וועלכע דאס בלומען־קריינדעל בעשטעהט פון צונויפגעוואקסענע בלעטלעך.

gamophyl'lous *a.* (געמ-א-פיל'-אס) אין באטאניק — ביי וועלכע די בלעטעלעך ארום דער בלום זיינען צונויפגעוואקסען.

gamosep'alous *a.* (געמ-א-סעפ'-ע-לאס) אין באטאניק — ביי וועלכע דאס בלומען־בעכערעל בעשטעהט פון פעראייניגטע צונויפגעוואקסענע בלעטלעך.

gam'ut *n.* (געמ'-אט) אין מוזיק — דער טאן־לייטער, די סקאלא, די גאמא; די גאנצע נאטען־סיסטעם; א זאך אין גאנצען, ארום און ארום.

ga'my *a.* (גיי'-מי) וואס האט א ריח פון געשאסענע פויגלען אדער חיות; שפיעלענד; פול מיט לעבעדיגקייט, מיט ריהרעוודיגקייט.

ganch *v.* and *n.* (גענטש) הינריכטען אדער בעשטראפען איינעם מיט'ן טויט דורך אראבווארפען איהם פון א הויכען ארט אויף האקענס אדער אויף שפיזען אדער דורך אויפהענגען איהם אויף א האקען וואס איז אריינגעשטאכען ביי איהם אין זייט; די הינריכטונג אויף אזא אופן.

gan'der *n.* and *v.* (גענ'-דער) א גאנער, א גאנשער [א זכר פון גענז]; געהן לאנגזאם, זיך שלעפען [ווי א גאנז אדער ווי א גאנער].

gan'der-faced *a.* (גענ'-דער-פייסט) מיט א גענזענעם פנים, מיט א נארישען פנים.

gan'der-month *n.* (גענ'-דער-מאנטה) דער קימפעט פון א פרוי [אלס יום־טוב פאר'ן מאן].

gan'der-par'ty *n.* (גענ'-דער-פאר'-טי) א מענער־אונטערהאלטונג [אן אונטערהאלטונג בלויז פון מענער].

gan'der-pull *n.* (גענ'-דער-פול) גאנער־ספארט [אזא ספארט אין די זיד־וועסט טיילען פון די פעראייניגטע שטאאטען פון

אמעריקא. דער ספארט בעשטעהט אין דעם וואס א שנעל־לויפענדער רייטער דארף אראבררייסען דעם קאפ פון א גאנער וואס איז אויפגעהאנגען פאר די פיס, מים'ן קאפ אראב].

gan'der-pull'ing *n.* (גענ'-דער-פול'-אינג) ז. *gander-pull*

gang *n.* (גענג) א באנדע, א חברה, א קאמפאניע; א מחנה; א קאמפאניע ארבייטער; א גאנג פון מאשינעריע אדער אינסטרומענטען וואס ווערען געבראכט אין בעוועגונג דורך איין און דערזעלבער קראפט.

gang'-board *n.* (גענג'-באורד) א גאנג־ברעט [א קלאדקע צום ארויפגעהן אויף א שיף אדער צווישען פערשיעדענע טיילען אין א שיף].

gang'-cask *n.* (גענג'-קעסק) א וואסער־פעסעל [אויף שיפען].

gan'gliac *a.* (גענ'-גלי-עק) ז. *ganglial*

gan'glial *a.* (גענ'-גלי-על) וואס איז שייך צו אדער וואס בעשטעהט פון גאנגליען [נערוועןֿקניפלעך אדער נערוועןֿפערדיקונגען].

gan'gliate *a.* (גענ'-גלי-אייט) וואס האט גאנגליען [נערוועןֿקניפלעך אדער נערוועןֿפערדיקונגען]; געקניפט [ווי גאנגליען].

gan'gliated *a.* (גענ'-גלי-איי-טער) ז. *gangliate*

gan'gliform *a.* (גענ'-גלי-פארם) וואס איז עהנליך צו גאנגליען [נערוועןֿקניפלעך אדער נערוועןֿפערדיקונגען].

gan'gling *a.* (גענ'-גלינג) אומגעלומפערט, שווער, ניט ריהרעוודיג [אין געהן].

gan'glioform *a.* (גענ'-גלי-א-פארם) ז. *gangliform*

gan'glion *n.* (גענ'-גלי-אן) א גאנגליע [א נערוועןֿקניפעל אדער א נערוועןֿפערדיקונג]; אן אנוואוקס פון קאסע אדער קאסקע [אזא ווייס עלאסטיש, הארט פלייש].

gan'glionary *a.* (גענ'-גלי-אן-ע-רי) וואס בעשטעהט פון גאנגליען [נערוועןֿקניפלעך אדער נערוועןֿפערדיקונגען].

gan'glionated *a.* (גענ'-גלי-אן-איי-טער) ז. *gangliate*

gang'-mas'ter *n.* (גענג'-מעס'-טער) איינער וואס בעשעפטיגט א קאמפאניע ארבייטער; אן אויפזעהער איבער א קאמפאניע ארבייטער.

gang'-plank *n.* (גענג'-פלענק) א גאנג־ברעט [א קלאדקע ארויפצוגעהן אויף א שיף]. ז. *gang-board*

gan'grel *n.* and *a.* (גענ'-גרעל) א הויכער, אומגעלומפערטער, ניט ריהרעוודיגער מענש; וואנדערענדיג, זיך ארומשלעפענדיג.

gan'grenate *v.* (גענ'-גרי-נייט) פעראורזאכען אדער קריגען גאנגרענע; אבטויטען, פערניכטען; ווערען אבגעטויט. ז. *gangrene*

gan'grene *n.* and *v.* (גענ'-גריען) גאנגרענע [אן ענטצינדונג וואס פעראורזאכט פוילונג אדער אבטויטונג]; פעראורזאכען אדער קריגען גאנגרענע; אבטויטען; ווערען אבגעטויט.

gangrenes'cent *a.* (גענ-גרי-נעס'-ענט) אנגעגריפען פון גאנגרענע, ווערענדיג אבגעטויט.

gan'grenous *a.* (גענ'-גרי-נאס) אנגעגריפען פון גאנגרענע; אבגעטויט; צייגענדיג סמנים פון פוילען אדער אבטויטונג.

gangs'man *n.* (גענגז'-מען) אן אויפזעהער איבער א קאמפאניע ארבייטער.

gang'ster *n.* (גענג'-סטער) א מיטגליעד פון א שאיקע [גנבים, רויבער, יונגאטשעס א. ד. ג.].

gangue *n.* (גענג) די מינעראלען אין א ערץ־אדער ערץ־לאגער וועלכע ענטהאלטען ניט קיין מעטאל אין זיך; פרעמדע שטאפען אין א מינעראל, די אונריינקייט פון א מינעראל.

gang'way *n.* (גענג'-הוויי) א דורכגאנג; א צייטווייליגער דורכגאנג אדער וועג [ווי למשל, ביי געביידען וואס האלטען זיך ערשט אין בויען; קלאדקעס צום ארויפגעהן אויף א שיף און צום איבערגעהן פון איין פלאץ צום אנדערען אויף א שיף א. ד. ג.]; א דורכגאנג צווישען רייהען שטוהלען.

gang'way-lad'der *n.* (גענג'-הוויי-לעד'-ער) א לייטער פון א קלאדקע אויף א שיף ביז צום וואסער.

gan'net *n.* (גענ'-עט) דער טעלפעל, די טעלפעלגאנז אדער באקלאן [א פויגעל וואס געפינט זיך אין אייראפא און נארד־אמעריקא ביי די ברעגען פון דעם אטלאנטישען אקעאן. ערנעהרט זיך מיט פיש].

Gannet
